י. ג. פאָגט.

וועלטגעשיכטע

פון אוראַלטע צייטען ביז היינטיגען טאָג.

בעאַרבייט אין אידיש פון

א. ח. ראָזענבערג.

אונטער דער רעדאַקציאָן פון

אלכסנדר האַרקאַווי.

—

אילוסטרירט.

ניינטער באנד: די נייע צייט.

ניו יאָרק:
היברו פאבלישינג קאמפאני.
.1918

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/worldhistoryfrom0009jgvo

אינהאַלט־פערצייכניס

פון ניינטען באנד.

זייט

איינלייטונג 3

דאָס קולטור־לעבען זינט דעם אָנפאנג פון דעם 19טען יאָהרהונדערט.

די ליטעראַטור 12
ענגלאַנד ז. 12. דייטשלאַנד ז. 13. וויעלאַנד ז. 15. לעססינג ז. 16. הערדער ז. 19. געטהע ז. 20. שיללער ז. 25. איטאַליען ז. 30. שפּאַניען ז. 31. ענגלישע אויפקלערונגס־ליטעראַטור ז. 33. מאָנטעס־קיע ז. 35. וואָלטעיר ז. 36. רוססאָ ז. 37.

די מוזיק 42

אַרכיטעקטור, סקולפּטור און מאַלעריי 46

די געשיכטע פון פראַנקרייך ביז צו די נאפּאָלעאָנישע קריגען.

לודוויג דער 15טער 50
לאַאָ ז. 51. די פיזיאָקראַטען ז. 56. מאַדאַם פּאָמפּאַדור ז. 58. טעררעי ז. 59. די פערוואַלטונג ז. 61.

די רעגירונג פון לודוויג דעם 16טען ביז צום אויסברוך פון דער רעוואָלוציאָן 63
טורגאָט ז. 64. נעקקער ז. 66. קאַלאָננע ז. 68. בריענגע ז. 70. פּראָ־טעסט פון פּאַרלאַמענט ז. 72.

די קלאַססען פון דער אַלטער פראַנקרייך 74
די גייסטליכע ז. 75. די פּריווילעגיעס פון אַדעל ז. 77. די בירגער ז. 81. די האַנטווערקער ז. 83. די בויערן ז. 85.

Copyright 1918 by the Hebrew Publishing Company, New York.

זייט

דער קאָנסולאַט 252

די נייע פערפאַסונג ז. 253. אַלגעמיינער פרידען ז. 259. דער קאָנקאָר־דאַט ז. 263. דאָס נייע געזעצבוך ז. 265. נאַפּאָלעאָן׳ס פּאָליטיק ז. 271.

דאָס קייזעררייך 277

די שלאַכט ביי אַוסטערליטץ ז. 280. פרידען פון טילזיט ז. 284. שפּאַנישער פאָלקס־קריג געגען פראַנקרייך ז. 287. קריג מיט רוסלאַנד ז. 293. פּרייסען ערהייבט זיך ז. 299. נאַפּאָלעאָן ענטזאַגט זיך פון טראָן ז. 306. נאַפּאָלעאָן אויף סט. העלענא ז. 311. דער צווייטער פּאַריזער פרידען ז. 313.

די געשיכטע פון ענגלאַנד.

די ערפינדונג און די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג פון 19טען יאָהרהונדערט 315

די דזשעני־מאַשין ז. 317. וואַטט ז. 321. לאָקאָמאָטיוועז ז. 323. פאַבריקאַציאָן פון וואָל ז. 325. די ענטוויקלונג פון פּראָדוקציאָן ז. 327. לאַגע פון די אַרבייטער ז. 331.

די פּאָליטישע געשיכטע פון ענגלאַנד 334

וועללינגטאָן׳ס מיניסטעריום ז. 337. די רעפאָרמע פון פּאַרלאַמענט ז. 339. די פאַבריק־געזעצען ז. 341. די פאָלקס־כאַרטע ז. 342. דער סאָציאַלער כאַראַקטער פון כאַרטיזם ז. 351.

די געשיכטע פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל.

פּיליפּ דער 5טער ז. 360. אויפשטאַנד פון די שפּאַניער ז. 364. דאָן קאַרלאָס, די קאַרליסטען ז. 369, 370. פּאָרטוגאַל׳ס האַנדעל ז. 375.

די געשיכטע פון איטאַליען.

אין 16טען יאָהרהונדערט ז. 377. אין 18טען יאָהרהונדערט ז. 379. דער פּאַפּסט פּיאוס דער 7טער ז. 382, 383. דער אויפשטאַנד ז. 388. דזשוסעפּפּע מאַצציני ז. 390.

זייט

די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און איהר פערפאַסונג 87
ערעפנונג פון דער פערזאַמלונג ז. 89. די שבועה אין באַל־הויז ז. 91. דער שטורם אויף די באַסטיליע ז. 99. אויפשטאַנד פון די בויערן ז. 201. די מענשען־רעכטען ז. 103. דער צוג נאָך ווערסאַיל ז. 107. די פרעסע ז. 109. די קלובען ז. 110. די נייע קאָנסטיטוציאָן ז. 111. דער פעסט (יום טוב) אויף דעם מאַרס־פעלד ז. 113. די ענטלויפונג פון דעם קעניג ז. 119.

די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג 121
ראָבעספיערר ז. 122. דאַנטאָן ז. 123. דער אויפשטאַנד פון סאַן דאָמינגאָ ז. 124. מיטלען געגען רעאַקציאָן ז. 125. דער 10טער אויגוסט 1792 ז. 132. די הערשאַפט פון פראָלעטאַריאַט ז. 139. די הריגות פון סעפטעמבער ז. 145.

דער נאַציאָנאַל־קאָנוועגט 146
דער משפט פון קעניג ז. 151. דער טויט־אורטייל פון לודוויג דעם 16טען ז. 153. ראַדיקאַלע פאָדערונגען ז. 159. דער שטורץ פון די זשיראָנדיסטען ז. 162. די קאָנסטיטוציאָן פון 1793 ז. 167. מאַראַט׳ס ערמאָרדונג ז. 173. דער קריג אין ווענדעע ז. 175. די שרעקענס־הערשאַפט ז. 177. דער נייער קאַלענדער ז. 179. ראָבעספיערר׳ס שטורץ ז. 187. זיין טויט ז. 189. דער שטורץ פון דער פראָלעטאַרישער הערשאַפט ז. 191. די שווינדעל־הערשאַפט ז. 195. די אַסיגנאַציעס ז. 195. די אויפשטאַנדען אין פריהלינג פון 1795 ז. 199. די פערפאַסונג פון 1795 ז. 201.

דאָס דירעקטאָריום 204
דער רויב פון די נאַציאָנאַל־גיטער ז. 207. באַבעף ז. 208. דער מאַניפעסט פון די גלייכע ז. 211. באַבעף׳ס לעהרע ז. 217.

די געשיכטע פון פראַנקרייך ביז צום וויענער קאָנגרעס.

די אויסערע פאָליטיק אונטער דעם דירעקטאָריום 219
דער עסטרייכישער פעלד־צוג ז. 220. דער איטאַליענישער פעלד־צוג ז. 223. די איבערקעהרענים פון דירעקטאָריום ז. 229. מלחמה אין עגיפטען ז. 235. קריג מיט דער שווייץ ז. 237. אויפלעזונג פון דעם דירעקטאָריום ז. 247.

די נייעסטע צייט.

פון דער

פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן

ביז צו דער

יעצטיגער צייט

(1913—1789).

זייט

גריכענלאנד'ס קאמף פיר בעפרייאונג.

איפסילאנטי ז. 393. די שלאכט ביי נאווארין ז. 399.

די שפאנישע קאלאניעס אין צענטראל־ און זיד־אמעריקא.

מעקסיקא ז. 405. מאקסימיליאן ז. 411. פערו ז. 415. טשילע ז. 417. אורוגואי, פאראגואי ז. 421, 423. בראזיליען ז. 425.

די געשיכטע פון פראנקרייך.

די פאליטישע בעגעבענהייטען פון פראנקרייך ביז דער רעוואלוציאן פון מאנאט יולי 428
ראיאליסטישע רעאקציאן ז. 429. קארל דער 10טער ז. 437. די בורזשואזיע געגען דער רעגירונג ז. 440. אפשאפונג פון דער קאנסטיטוציאן ז. 445. די יולי־רעוואלוציאן ז. 447. קארל דער 10טער ענטלויפט נאך ענגלאנד ז. 460. די טראן־בעשטייגונג פון לואיס פיליפ ז. 461.

די ווירקונג פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאן אויף די נידערלאנדען (האללאנד) און פוילען 466
די ערהייבונג פון בעלגיען ז. 469. פוילען ז. 471. כלאפיצקי ז. 474. ענדע פון פוילען ז. 477.

די רעגירונג פון לואיס פיליפ און די ארבייטער־בעוועגונג . 478
פאריזער אונרוהען ז. 481. ארבייטער־אויפשטאנד אין ליאן ז. 481. סענט סימאן ז. 483. סענט־סימאניסטען ז. 487. שארלעס פוריער און די „פאלאנגעס" ז. 488, 489. פרודהאן ז. 493. דער ספעקולאציאנס־פיבער ז. 499. די קארופציאן ז. 501. לואיס בלאנקי ז. 503. די פעברואר־רעוואלוציאן ז. 509. פאדערונג פון די ארבייטער ז. 517. דעמאנסטראציאנען פון 16טען מערץ ז. 521. שלאכט פון 23טען יוני ז. 523. לואיס נאפאלעאן ז. 526.

אַיינלייטונג.

מען בעצייכענט געוועהנליך די נייעסטע פעריאָדע פון דער וועלט־געשיכטע, וועלכע הייבט זיך אָן מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, אַלס די רעוואָלוציאָנס־צייט. דערביי נעהמט מען אין בעטראַכט נאָר דאָס פּאָליטישע לעבען, וועלכעס ווירקט אויף דער זיכטבאַרער אויבער־פלעך. אָבער די עקאָנאָמישע ענדערונגען אין דעם לעבען פון נאַציאָנען, וועלכע זיינען די הויפּט־אורזאַכען פון וויכטיגע היסטאָרישע ענדערונגען, האָט מען אין גאַנצען איגנאָרירט, אַזוי ווי זיי וואָלטען גאָרניט עקסיסטירט. די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן מיט איהר בלוטיגער ראַכע פון דער הערשענדער מאַכט, מוז ווירקליך האָבען אַ שטאַרקען אַיינפלוס אויף די דענקונגס־אַרט פון פיעלע מענשען. אָבער ווען מיר זאָלען זאָגאַר ווירקליך אָננעהמען, דאָס די הויפּט־אורזאַך פון דער גרויסער ענדערונג אין דעם לעבען פון די פעלקער אין דער לעצטער צייט זיינען געווען פּאָליטישע מאָמענטען, דאַרפען מיר זיי בעטראַכטען ניט אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, נאָר אין די קאַמפען פון דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט מיט דער רעגירונג, וועלכע האָבען זיך אָנגעפאַנגען פיעל פריהער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. די פראַנצויזען האָבען אָנגעהויבען נאָכהינקען די ענגלענדער ערסט מיט 100 יאָהר שפּעטער. דער גאַנצער פייער מיט דער גאַנצער ענערגיע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן האָט ניט אויף איין הונדערטעל דעם ווערט געגען דעם שטאַנדהאַפטען לאַנגען שטרייט, וואָס די ענגלענדער האָבען גע־פיהרט סיסטעמאַטיש יאָהרהונדערטער פיר זייער פרייהייט. די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט געקענט ערוועקען צו זיך רעספּעקט נאָר ביי די פערקנעכטעטע דייטשען.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן ווערט ניט נאָר צופיעל איבערשעצט, נאָר זי ווערט אויך פאַלש פערשטאַנען און בעגרינדעט. מען נעהמט געוועהנליך אָן, דאָס די הויפּט־אורזאַך, וואָס האָט אַרויסגערופען די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, איז געוועזן די אויפקלערונגס־ליטעראַטור פון פראַנקרייך; דערצו,

ווי פריהער. די ענדערונג איז נאָר פאָרגעקומען אין דער הערשענדער קלאַס. צום קעניגטום און צום פעאָדאַל־אַדעל איז צוגעקומען נאָך אַ הערשענדע קלאַס, די בורזשואַזיע, דאָס בירגערטום. דאָס איז די הויפּט־ענדערונג, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט אַרײנגעבראַכט אין לעבען פון די אײראָפּעאישע פעלקער. אין פראַנקרײך האָט מען דעם אַדעל אויסגעשלאַכטעט און ער איז דאָרט פערשוואונדען אויף אַ געוויסע צײט, אום צו מאַכען פּלאַץ פיר דאָס בירגערטום, וואָס האָט דאַמאָלס טריאומפירט. אין אַנדערע לענדער איז דער אַדעל געבליבען, נאָר דאָס בירגערטום האָט צוזאַמען מיט איהם אויך בעקומען מאַכט, אָבער אַ ווײט שוואַכערע מאַכט פון דעם אַדעל. אין דײטשלאַנד איז עס נאָר געבליבען בײם גוטען ווילען, אָבער צו אַ קאַמף האָט דאָס בירגערטום ניט געפיהלט זיך שטאַרק גענוג, ווײל דאָס דײטשע פאָלק איז צו פיעל דורכגעדרונגען מיט דעם גײסט פון קנעכטישקײט.

אָבער פון דער מאַכט, וואָס די בירגער האָבען זיך ערוואָרבען, האָבען די אַרבײטער גאָרניט געגאָסען. דיזע זײנען געבליבען אין די קײטען פון קנעכטשאַפט ווי פריהער. נאָר די פאָרמע פון דער אַרבײטער־קנעכטשאַפט איז געענדערט געוואָרען: אַנשטאָט דעם, וואָס אונטער די פעאָדאַלען, אָדער גוטס־בעזיצער, איז דער קנעכט געווען צוגעבונדען צום גרונד, וועלכען ער האָט בעאַרבײט, איז דער קנעכט בײם בורזשואַ, בײם פאַבריקאַנט, געווען בעוועגליך, ער האָט איהם פערקויפט זײן אַרבײטס־קראַפט. די צוגעבונדענע לײבאײגענשאַפט האָט פיר דעם בורזשואַ ניט געטויגט. אָבער די לוין־שקלאַפערײ איז דער ערגסטער סאָרט שקלאַפערײ, ווײל די אונטערדריקונג פון לוין־שקלאַף אונטער זײן הערר איז די קלעגליכסטע, שמוציגסטע אונטערדריקונג. דער הערר אַרבײטגעבער איז פרײ פון אַלע פליכטען און דערצו האָט ער אין זײן האַנט דעם ערגסטען, געפעהרליכסטען פון אַלע בײטשען — דעם בײטש פון הונגער. דער שקלאַף פון אַלטערטום האָט געפאָדערט קאַפּיטאַל, מען האָט דאָך דעם שקלאַף געמוזט קויפען; ער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל איהם אונטערהאַלטען מיט שפּײז, וואוינונג און קלײדער, פערשאַפען איהם מעדיצינישע הילף, ווען ער איז געוואָרען קראַנק; דער לײבאײגענער פון מיטעלאַלטער האָט אויך געפאָדערט, אַז מען זאָל אויף איהם אויסגעבען וועלכע עס איז הוצאות. דער לוין־שקלאַף אָבער קאָסט גאָרניט; קײן קאַפּיטאַל לעגט דער הערר אין איהם ניט אַרײן; אונטערהאַלטען איהם מיט שפּײז, וואוינונג און קלײדער איז דער הערר ניט מחויב. דיזער שקלאַף איז צוגעבונדען צו זײן הערר נאָר מיט די באַנדען

מײנט מען, האָט אַלס נעבען־זאַך געהאָלפען דאָס שװענדערישע לעבען פון די הערשענדע קלאַסען. אָבער אין גרונד גענומען איז די גאַנצע אױפקלע־רונגס־פעריאָדע ניט מעהר װי דער קריגס־געשרײ פון דער זײט פון די בירגער געגען די אונגערעכטיגקײטען פון די פעאָדאַלען. דאָס, װאָס די ענגלישע בירגער האָבען שױן דורכגעפיהרט מיט 100 יאָהר פריהער, האָבען די פראַנצױזען ערסט שפּעטער אָנגעהױבען צו פאָדערן. די פראַנצױזישע בירגער, װי די ענגלישע, האָבען זיך געפיהלט שטאַרק גענוג אָנצופאַנגען אַ קאַמף געגען די אונגערעכטיגקײטען פון די פעאָדאַלען און װערען אַלײן אַ הערשענדע מאַכט. דער אבסאָלוטיזם פון לודװיג דעם 14טען איז געװען װי אַ מין פאָרבערײטונג צו דער מאַכט פון די בירגער, װײל ער האָט נאָך פריהער געבראָכען די קראַפט פון די פעאָדאַלען. דיזער אבסאָלוטיזם האָט דורכגעפיהרט די צענטראַליזאַציאָן פון דער פערװאַלטונג, האָט פאָרבערײטעט דעם װעג פון האַנדעל און אינדוסטריע. די פראַנצױזישע בורזשואַזיע (בירגערטום) האָט דערגרײכט איהרע עקאָנאָמישע מאַכט־מיטלען פיעל לײכטער פון דער ענגלישער. לודװיג דער 14טער איז געװען מיט זײן לוקסוס און זײן פערשװענדערישען הױף־לעבען דער מוסטער פיר די דאָמאָלסדיגע קולטור־װעלט. פראַנצױזישער געשמאַק און פראַנצױזישע מאָדעס זײנען געװען הערשענד אין גאַנץ אײראָפּאַ. די פראַנצױזישע פּראָדוקטען זײנען זעהר לײכט פערקױפט געװאָרען אױף אַלע אײראָפּעאישע מערק מיט גוטע פּרײזען. נאָך מעהר און געשװינטער האָבען די פראַנצױזישע בירגער און סוחרים אָנגעפילט זײערע טאַשען אונטער לודװיג דעם 15טען דורך די אונגעהײערע פערשװענדונג פון פראַנצױזישען הױף און פראַנצױזישען אַדעל. דער בעסערער צושטאַנד פון די בירגער האָט זײ פערשאַפט מאַכט אום צו קענען אַרױס אין שטרײט מיט דעם אַדעל, און דאָס איז געװען די הױפּט־אורזאַך פון דער פראַנצױזישער רעװאָלוציאָן. ניט די אױפקלערונגס־ליטעראַטור האָט בעשאַפען די רעװאָלוציאָן, ניט דער פרײער דענקער זשאַן זשאַק רוססאָ האָט זי בעשאַפען. װען דער זעלבער רוססאָ װאָלט אַרױס מיט זײנע װערק 100 יאָהר פריהער, װאָלט ער מיט זײ ניט געהאַט קײן װירקונג אױף די גײסטער. די פרײע ליטעראַטור האָט ערסט שפּעטער געפונען אַ גוטען באָדען, אױף װעלכען צו װירקען.

צופיעל קרעדיט גיט מען אױך דער פראַנצױזישער רעװאָלוציאָן דערמיט, װאָס מען רעכענט, דאָס זי האָט אָנגעמאַכט אַ גרױסע װיכטיגע ענדערונג אין דעם לעבען פון די פעלקער. דאָס איז אַ טעות, דאָס איז איבערטריבען. די פעלקער װערען אין עקאָנאָמישער הינזיכט פערשװאַרצט יעצט

אויס א פיינד פון קולטור. ווער עס צווייפעלט אין דיזער וואהרהייט זאָל בעטראַכטען דעם וואונדערבאַרען פּאָרטשריט, וואָס די מענשהייט האָט געמאכט זינט דעם ערסטען טריאומף פון דער אַרבייט. אונטער דער הערשאַפט פון בירגערטום, וואָס דאָס איז איינס און דאָס זעלבע וואָס די הערשאַפט פון אַרבייט, האָט די מענשהייט געמאַכט אין איינע צעהן יאָהר פיעלע גרעסערע און גליקליכערע פּאָרטשריטען, ווי אונטער דער הערשאַפט פון שווערד־מענשען אין א גאַנצען יאָהר־טויזענד. היינט וואָס פיר א גליקליכע צייט וועט עס זיין פיר די מענשהייט ווען די גוואַלט־מענשען וועלען אין גאַנצען אָפּגעשאַפט ווערען?

ווען מיר ווילען גוט פערשטעהן און וויסען ניט נאָר די פערגאַנגענע געשיכטע פון דער מענשהייט, נאָר אויך איהר צוקונפטיגע, צו וועלכער שטופע די מענשהייט מוז קומען אין דער צוקונפט, דאַרפען מיר זיך האַלטען פעסט אָן דעם געשיכטליך־פילאָזאָפישען פּרינציפּ: די אומוואַנדלונג פון דער קלאַסען־קולטור אין אַן אַלגעמיינע קולטור. מיט אויסנאַהמע פון די בינעזער זיינען אַלע קולטור־פעלקער, פון וועלכע די געשיכטע בעריכטעט, בעשטאַנען פון צוויי הויפּט־קלאַסען: דאָס אַרבייטענדע פאָלק און די פּאַראַזיטען, די הערען. דאָס אַרבייטענדע פאָלק זיינען די יעניגע, וואָס האָבען בעשאַפען די אַלע קולטור־גיטער; די פּאַראַזיטען, די הערען, זיינען די, וועלכע האָבען מיט גוואַלד אָדער מיט בעטרוג צוגענומען פון די אַרבייטער זייערע קולטור־זאַכען און האָבען געלעבט אויף זייער רעכנונג. דיזע בערויבונג איז אין אָנפאַנג פאָרגעקומען מיט גוואַלד, מיט דער מאַכט פון שווערד; שפּעטער איז זי געוואָרען אַ מנהג און נאָכדעם אַ געזעץ. און וויייל די זיכערונג פון דער מעגליכקייט צו בערויבען די אַרבייטער פון די פּרוכט פון זייער אַרבייט איז געווען געגרינדעט נאָר אויף מאַכט, דעריבער האָבען זיי געלעגט אַזוי פיעל געוויכט אויף צו בעקומען מאַכט־טיטלען.

די פּאַראַזיטען, די הערען, פלעגען זיך אָפט ניט צופרידען שטעלען מיט דער עקספּלואַטאַציאָן, מיט דער בערויבונג פון זייער אייגענעם פאָלק, זיי פלעגען זוכען צו אונטערדריקען אויך גאַנצע אַנדערע פעלקער. אַזעלכע רויבערייען ווערען אין דער וועלט־געשיכטע בעריכטעט זעהר פיעל. עס איז געווען אַנצוצייגען אויף די בערויבונג פון די ראָמאַנישע פעלקער דורך די גערמאַנישע. מיר געפינען אָבער ניט, דאָס פעלקער זאָלען וועלען אָפּנעהמען לענדער, וועלכע קענען ניט ארויסברייגען קיין קולטור־גיטער. קיין איין פאָלק האָט זיך ניט געגעבען די מיה צו ערוועבען דעם נאָרד־פּאָל אָדער דעם זיד־פּאָל. אַלזאָ, דאָס וואָס מען רופט פּאָליטישעס לעבען

פון הונגער, און װען ער װיל זיך בעפרײען פון אײן הערר, מוז ער זיך צו־בינדען מיט די זעלבע באַנדען, מיט די באַנדען פון הונגער, צו אַן אַנדער הערר, װעלכער איז ניט בעסער פון דעם פריהערדיגען.

די פּאָליטישע רעװאָלוציאָנען האָבען דער אַרבײטער־קלאַס ניט גע־בראַכט קײן פרײהײטען, אין געגענטײל, זײ האָבען זי געשטויסען אין פורכטבאַרע שקלאַפערײ. עס איז אַ קנאַפּער טרויסט, װאָס פיעלע רײכע בורזשואַ זײנען פון דיזער אַרבײטער־קלאַס אַרויסגעקומען און קומען נאָך אויך הײנט פון זײ אַרויס. בעזונדערס האָט די פראַנצויזישע רעװאָלוציאָן קײן גוטעס ניט געטאָן דעם אַרבײטער. די אַרבײטער האָבען געגעבען פיר די בורזשואַ זײער לעבען און האָבען דערפאַר גאָרניט בעקומען. מיר דאַר־פען אָבער ניט פערגעסען, דאָס די מענשהײט אין איהר ענטװיקלונג מאַכט ניט קײן שפּרונגען, נאָר זי געהט לאַנגזאַם שטופּע נאָך שטופּע אויף דעם לײטער פון פרײהײט. די מאַכט, װאָס די בורזשואַזיע האָט ערװאָרבען, איז נאָר אַ פאָר־שטופּע צו דער מאַכט, װאָס די אַרבײטער־קלאַס װעט נאָך געװינען. מיר האָבען שױן פריהער ערקלערט, דאָס די בירגערליכע רעװאָ־לוציאָנען האָבען געװאונען און פערזיגעלט דעם ערסטען זיג, דעם ערסטען טריאומף פון דער אַרבײט איבער דעם ברוטאַלען שװערד פון די פעאָדאַלען. די אַרבײט האָט צום ערסטען מאָל ענטװיקעלט איהר מאַכט, און דערמיט האָט זי בעשאַפען דעם באָדען פיר די בעפרײאונג פון דער גאַנצער אַרבײ־טער־קלאַס. אויך בלויז די אויסזיכט צו זײן װען עס איז אין שטאַנד צו פערװירקליכען דיזע בעפרײאונג פון דער אַרבײטענדער מענשהײט איז אַ גרױסער טריאומף פיר די מענשהײט. די גאַנצע ביזהעריגע װעלט־געשיכטע איז אַזױ פול מיט שרעקליכען עלענד, מיט הערצרײסענדען יאָמער, דאָס אָהן דיזער האָפנונג װאָלט אויסגעקומען אין גאַנצען צו פערצװײפלען אין דעם מאָראַלישען געפיהל פון דער מענשהײט. פון דיזען מענשען־יאָמער דערמאָהנט די געשיכטע זעהר װעניג; די געשיכטע־שרײבער האָבען זיך קײנמאָל ניט געקימערט װעגען די לײדען פון פאָלק. דעריבער, װען די מאַכט פון אַרבײט האָט געלעגט דעם ערסטען גרונד־שטײן צו בעזיגען די װעלט פון שװערד־מענשען, דאַרפען מיר עס בעגעגנען מיט גרױס פרײד, װײל דאָס גיט אונז זיכערע האָפנונגען, דאָס די מאַכט פון אַרבײט װעט נאָך שטײגען העכער און העכער. דעריבער זײנען פיר אונז זעהר װיכטיג די יעניגע פעריאָדען פון דער געשיכטע, װעלכע דערצעהלען אונז פון דיזער מאַכט־ענטװיקלונג. דיזע פעריאָדען זײנען די אײנציגע אָנצײגער פון קול־טור, װײל נאָר די אַרבײט איז קולטור, די מאַכט פון שװערד איז דורכ־

עס איז וואהר, אז דאָס בירגערטום איז יעצט פעראײניגט מיט דער הערשענ־דער קלאַס און דריקט דאָס ארבײטער־פאָלק, אָבער מיר דארפען ניט פער־געסען, דאָס דער קאפיטאַל איז געוועזן די מאַכט, וועלכע האָט דערשטיקט דעם פעאָדאַליזם און האָט געשטעלט אויף זײן פּלאַץ די מאַכט פון אַרבײט, וועלכע שטײגט אימער העכער און העכער און וועט געוויס פריהער אָדער שפּעטער קומען צו דער שטופע, דאָס זי אַלײן וועט הערשען און רעגולירען דעם שיקזאַל פון אײנצעלנע מענשען ווי פון גאַנצע פעלקער. דערצו מוז מען אָבער האָבען אַן עכטען דעמאָקראַטישען גײסט, און דערצו איז נאָר מסוגל אַמעריקאַ. אין דיזען לאַנד וועט די אַרבײט קומען צו איהר ריכ־טיגער מאַכט, און פון דאַנען וועלען איהרע פּרינציפּען רעגירען די ציוויליזירטע וועלט.

אײניגע געלעהרטע זײנען איבערצײגט, דאָס די בעדינגונגען פון דער צוקינפטיגער ענטוויקלונג געהען פיר אײראָפּאַ מעהר און מעהר פערלאָרען. די מאָנאָפּאָל פון אינדוסטריע געהט איבער פון אײראָפּאַ צו אַמעריקאַ. אײראָפּאַ איז צו ענג, אז זי זאָל זײן אין שטאַנד צו טרײבען די גרויס־פּראָדוקציאָן ווי די נײעסטע צײט פאָדערט עס. פיעל שאַדט און הינדערט דיזער ריכטונג דאָס, וואָס די אײראָפּעאישע פעלקער האַלטען זיך נאָך שטאַרק אָן די אַלטע פּאָליטישע אָרדנונגען און פּרינציפּען, וועלכע זײ־נען פיר קײן פאַל ניט צוגעפּאַסט צו גרויס־פּראָדוקציאָן, וועהרענד אַמעריקאַ האָט דיזען אַלטען שימעל פון זיך אין גאַנצען אַראָפּגעוואָרפען. דערצו זײנען די נאַטירליכע רײכטימער פון אַמעריקאַ אַ גרויסער און וויכטיגער פונדאַמענט אום צו בויען און ענטוויקלען אויף איהם די גרויס־פּראָדוקציאָן. אין דיזער הינזיכט שטעהט אײראָפּאַ פיעל נידריגער און ווײט הינטער פון אַמעריקאַ. די רײכסטע לענדער וועלען צוציהען צו זיך די גרעסטע מענ־שען־מאַסען. אַמעריקאַ קען ערנעהרען די מענשען פיעל ביליגער און בעסער אַלס די אָרימע אויסגעזויגענע אײראָפּאַ. עס וועט נאָך געוויס לאַנג נעה־מען ביז דיזע ענדערונג וועט ווערען אַ פאַקט, אָבער זי מוז קומען. דער שווער־פּונקט פון דער קולטור מוז און וועט זיך אַריבערטראָגען פון אײראָפּאַ נאָך אַמעריקאַ, און דער האַנדעל אין דער צוקונפט וועט פאָרקומען ניט צווישען אײראָפּאַ און אַמעריקאַ, נאָר צווישען אַזיען און אַמעריקאַ, ווייל אַזיען איז דער נעכסטער רײכסטער וועלט־טײל צו אַמעריקאַ. דער אינ־דישער אָקעאַן וועט איבערשטײגען אין בעדייטונג דעם אַטלאַנטישען.

דיזע אַלע עקאָנאָמישע ענדערונגען אין דער מענשהײט וועלען געוויס קומען מיט דער הילף פון קאָנקורענץ, מיט דער הילף פון קאַפּיטאַל. דאַ־

איז נאָר מעגליך דאָרט, וואו עס איז דאָ אַן ארבייטענדעס פאָלק, וועלכעס שאפט קולטור־גיטער פון דעם באָדען, וועלכען עס בעזיצט, וואו עס איז פאראַן וואָס צו רויבען.

ווי מיר האָבען שוין איינינע מאָל פריהער ערקלערט, איז די מאכט אימער בעשטאַנען אין בעזיצען פיעלע גיטער. די ארבייט פון יעדען איינ-צעלנעם מענשען איז געווען אונבעדייטענד; די הילף, וואָס דער מענש האָט בעקומען ביי זיין ארבייט פון די נאטור־קרעפטען, ווי פון וואַסער, ווינט און לאַסט־טיערען, איז געווען אונבעדייטענד. דעריבער איז די גאַנצע מאכט געלעגען נאָר אין ערד, אין גרונד; וואָס מעהר גרונד איינער האָט געהאָט, אַלץ מעהר איז געווען זיין מעגליכקייט זאַגאר דורך וועניגע מענש-ליכע הילף צו פערגרעסערן זיין בעזיצטום און צוזאַמען מיט דעם זיין מאכט. דאָס איז די אורזאַך, פארוואָס אין אַלטערטום און אין מיטעלאַלטער זיינען די הויפט־רייסערייען צווישען קליינע און גרויסע פירסטען געווען צוליב ערד. ענגלאַנד איז די ערסטע, וואָס האָט אָנגעהויבען געברויכען אַ נייע ריזען־קראַפט צו פּראָדוצירען גרויסע ארבייט, דאָס איז די דאַמף־קראַפט. דאָס האָט מיט אַמאָל אויפגעהויבען די מאכט פון ארבייט און האָט זי גע-שטעלט העכער פון דער אַגראַר־מאַכט, פון גרונד־בעזיץ. און אזוי ווי די גרויס־פּראָדוקציאָן האָט זיך אָנגעהויבען אין ענגלאַנד נאָך דעם פּאַריזער פרידען, אין יאָהר 1763, ווי מיר וועלען עס שפּעטער זעהן, דעריבער איז דיזע פּעריאָדע דער אייגענטליכער אָנפאַנג פון אַ נייער ווענדונג אין דער געשיכטע פון די פעלקער, אַ פּעריאָדע, אין וועלכער די אַרבייט האָט אָנגע-הויבען צו ווערען אַ וועלט־מאַכט, וואָס האָט אָנגעהויבען איבערצושטייגען די מאַכט פון שווערד. דיזע צייט פּערדינט דעריבער בעצייכענט צו ווערען אַלס דער ווענדע־פּונקט פון דער נייעסטער געשיכטע.

די פּראָדוקציאָנס־מאַכט פון די ענגלישע בירגער האָט שנעל איבער-געשטיגען די פעאָדאַל־מאַכט, אָדער די מאַכט פון די גוטס־בעזיצער, וועלכע איז געווען געגרינדעט אויף דער מאַכט פון שווערד. דער קאַמף האָט בע-קומען אַן אַנדער כאַראַקטער און געקראָגען אַן אַנדערען נאָמען — קאָנקו-רענץ. דער שיקזאַל פון פעלקער ווערט יעצט ענטשידען ניט דורך דעם שווערד, ניט אויף'ן שלאַכטפעלד, נאָר אין קאָנקורענץ־קאַמף. די ברוטאַלע קראַפט פון שווערד ווערט שוואַכער און שוואַכער, זיין קראַפט איז אי-בערגעגאַנגען צו דער פּראָדוקציאָנס־קראַפט פון פאָלק, צו זיין פליים, צו זיין אינטעליגענץ, צו זיין ערפינדונגס־גייסט, צו זיין בילדונג. די שטונ-דע פון דעם אונטערגאַנג פון די געוואַלט־מענשען האָט שוין געשלאָגען.

ריאָדע אין דער געשיכטע. דעם פּונדאַמענט האָבען זיי אַפּילו געלעגט אין אייראָפּאַ, אָבער אייראָפּאַ איז געווען אַ גוטער טעאַטער פיר די פּאָליטישע רייסעריען אין אַלטען סטיל. אָבער פיר דעם עקאָנאָמישען קאַמף פון ברייטע מענשען־מאַסען איז אַמעריקאַ דער איינציגער פּלאַץ. דער בעסטער אינטעליגענטסטער מענשען־מאַטעריאַל ווערט טראַנספּאָרטירט פון אייראָ־פּאַ נאָך אַמעריקאַ. די מאַסען מיט זייערע בעסטע קרעפטען ציהען זיך נאָך דעם זונען־ליכט פון דער פרייהייט, און אייראָפּאַ מיט איהרע שקלאַ־פען־קייטען זיינען אַריינגעוואָרפען געוואָרען צווישען אַלטע אַייזען.

מאָלס וועט דער קאַפּיטאַל זיין די זעלבע רעוואָלטירענדע מאַכט, וועלכע האָט בעזיגט די פעאָדאַלען. די עקאָנאָמישע לאַגע וועט אויך העלפען דער אַרבייט צו בעפרייען זיך פון די קייטען פון דער בורזשואַזיע (בירגערטום).

די הויפּט־בעדינגונג פון דער בעפרייאונג פון אַרבייטער־פאָלק איז די פערבעסערונג פון דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד, וועלכען מען קען ערוואַרטען נאָר פון דער גרויס־פּראָדוקציאָן. די אַלע פּראָבעס, וואָס זיינען ביז יעצט געמאַכט געוואָרען צו בעפרייען דאָס אַרבייטער־פאָלק דורך אונרוהען און אויפשטאַנדען, האָבען ניט געהאַט קיין ערפאָלג, ווייל אין דער קלאַסען־געזעלשאַפט פון די אייראָפּעאישע פעלקער האָט געפעהלט די נעטיגע עקאָנאָמישע לאַגע צו דער בעפרייאונג פון דער געקנעכטעטער מאַסע. אייראָפּאַ איז געווען צו אָרים, דער האַנדעל איז געווען צו קליין און אונבעדייטענד צו ברייגנען די מאַסען אויף אַ העכערע שטופע פון קולטור. אין דער לעצטער צייט אָבער האָט די גרויס־פּראָדוקציאָן אָנגעהויבען צו שאַפען וועגען און מיטלען ווי די גיטער פון דער קולטור זאָלען ווערען צוגענגליך פיר אַלע מענשען, ווען נאָר עס וועלען געבראָכען ווערען די שראַנקען פון דער קלאַסען־געזעלשאַפט. די מאַסען פיהלען שוין דאָס, און דיזעס בעוואוסטזיין פערשאַפט דער היינטיגער פּראָלעטאַרישער בעוועגונג האָפנונג צו ערווערבען פרישע קראַפט צו דעם קאַמף, וועלכער וועט זיי פיהרען צום זיג. אָבער דיזער קאַמף קען אויפגענומען ווערען נאָר אין אַזאַ לאַנד, אין וועלכען דער עקאָנאָמישער צושטאַנד אין אַלגעמיין געפינט זיך אויף אַ העכערען שטאַנד. דיזעס לאַנד איז אַמעריקאַ. דאָ איז ניטאָ קיין גרענעץ צו דער ענטוויקלונג פון דער מאַכט פון קאַפּיטאַל. נאָר אין עקאָנאָמישען קאַמף קען דער אַרבייטער ענטוויקלען זיין מאַכט, זיינע פאָדערונגען און זיינע רעכטען. אין אייראָפּאַ דאַגעגען וועט די עקאָנאָמישע לאַגע ערגער און געדריקטער. דער אַרבייטער ווערט מעהר און מעהר פערהונגערט, אָפּגעשוואַכט און ענטמוטיגט; עס פעהלען איהם צום קאַמף אַלע מיטלען. מיר וועלען נאָך רעדען וועגען דעם אויספיהרליכער ביי אַן אַנדער געלעגענהייט און די זאַך גענויער ערקלערען.

מיט איין וואָרט, די נייע צייט מיט איהר גרויס־פּראָדוקציאָן פערשאַפט דער מענשהייט אַ נייע ענטוויקלונגס־ריכטונג; זי ערעפענט די אויסזיכט אויף די גרעסטע אומענדערונג, אויף די בעפרייאונג פון דעם אַרבייטער־פאָלק, אויף די אויפלעזונג פון דער קלאַסען־געזעלשאַפט, אויף די אומוואַנדלונג פון דער קלאַסען־קולטור אין אַן אַלגעמיינע קולטיר. די אַנגלאָזאַקסען (ענגלענדער) האָבען געלעגט דעם גרונד־שטיין צו דיזער נייער פּיז

לאַנד א בעגייסטערטע אויפנאַהמע. עדוארד יאָנג'ס „נאַכט־גע־דאַנקען" (1765—1681) זיינען קלאַגען איבער לעבען און טויט אין א זעהר אומעטיגען טאָן פון פאָלקס־דיכטונג.

אָבער דער שאָטלענדער ראָבערט בוירנס (1795—1759) איז דער גרעסטער בריטישער ליריקער פון אַלע צייטען. אין זיינע פּאָעטישע ווערק איז ער געוועזן ווייט פון יעדער אונגעזונדער סענטימענטאַליטעט. ער שילדערט וואהרע געפיהלען פון הארצען ניט געפארבט, לעבעדיג און

ראָבערט בוירנס.

ערגרייפענד. אונשטערבליך איז זיין ליד „מיין הערץ איז אין הויך־לאַנד, מיין הערץ איז ניט היר".

זעהר אונבעדייטענד איז די ליטעראַטור פון דייטשלאַנד אין יענער צייט. דער נידריגער צושטאַנד פון לאַנד שפּיגעלט זיך אָפּ אין זיין ליטע־ראַטור. די שפראַך איז בארבאריש; זי איז פול מיט לאַטיינישע און פראַנ־צויזישע אויסדריקען. וואָס פרעמד איז געוועזן פיר די ליטעראַטען פון יע־נער צייט גוט און שען, און וואָס אייגענס איז געוועזן פערהאַסט און פעראַכ־טעט. דער בעסטער דיכטער פון יענער צייט איז געוועזן אלברעכט

דאָס קולטור-לעבען זינט דעם אָנפאַנג פון 18טען יאַהרהונדערט.

א. די ליטעראטור.

אין ענגלאנד האָט אין 18טען יאָהרהונדערט די געבילדעטע קלאַס זיך בעשעפטיגט מעהר מיט פילאָזאָפיע ווי מיט פאָעזיע. עס זיינען דאָ צו דערמאָהנען זעהר װעניגע, וועלכע האָבען זיך דאָרט בעשעפ־טיגט מיט פאָעזיע. קוים איין פאָעט איז דאָ צו דערמאָהנען, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אין דער וועלט־ליטעראטור. צו די בעסטע שריפט־שטעלער פון יענער צייט, וועלכע האָבען איבערהויפּט געשריבען ראָמאַ־נען און דראַמאַס, געהערען: סאַמועל ריטשארדסאָן (1713—1768), פערפאַסער פון מאָראַליזירענדע פאַמיליען־ראָמאַנען; הענרי פיעלדינג (1707—1754) און בעזונדערס לאָרענס סטערנע (1713—1768). דער לעצטער שילדערט אין זיין ווערק „די סענטימענ־טאַלע רייזע" די איינדריקען פון דעם מענשען אין פערשיידענע לאַגעס אין לעבען אין אַ זעהר פיהלענדער אַרט. אויך אין זיין „טריסטראַם שאַנדי" איז די הויפּט־אייגענשאַפט דער גוטמוטיגער הומאָר.

דער „פּרעדיגער פון וועקעפיעלד" פון אָליווער גאָלדסמיטה (1728—1774) געהערט צו די ביכער, וואָס ווערען געלעזען אין אַלע צייט־טען. עס איז אַ ריהרענדער פאַמיליען־ראָמאַן, אין וועלכען עס ווערען גע־שילדערט ליבליכע פערהעלטניסען און דאָס הייזליכע לעבען פון אַ פּרעדי־גער מיט זעהר נאַטירליכע פאַרבען. דאַגעגען זיינען די ערצעהלונגען פון דזשאָנאַטהאַן סוויפט סאַטיריש (1667—1745). אין זיין „גולליווער'ס רייזען אין ליליפּוט" און אין „דער געשיכטע פון אַ טון" ווע־רען געטאַדעלט אַלע ווידערשפּרוכען און פערקעהרטהייטען פון זיין צייט. „די פיער יאָהרעסצייטען" פון דזשעמס טהאָמסאָן (1700—1748) דריקט אויס דעם געדאַנק, דאָס מיר זעהען אין דער נאַטור דעם אויס־דרוק פון אונזער אייגענער שטימונג. דיזעס ווערק האָט געהאַט אין דייטש־

דייטשלאַנד ניט געהאַט קיין קלאַסישע פּעריאָדע, ווען אויך די סאָציאַלע לאַגע וואָלט געוועזן גינסטיגער ווי זי איז געוועזן.

די קלאַסישע פּעריאָדע פון דער דייטשער ליטעראַטור הויבט זיך אָן מיט קלאָפּשטאָק, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין קוועדלינבורג אין 1724 און איז געשטאָרבען אין 1803. דער דענישער קעניג פריעדריך דער 5טער האָט איהם געגעבען אַ יעהרליכען געהאַלט און ער האָט זיך גע־קענט איבערגעבען אין גאַנצען צו דער דיכט־קונסט. זיין הויפּט־ווערק איז דער „מעססיאַס" (משיח). די ערסטע דריי געזאַנגען האָבען געמאַכט אַ גרויסען אויפרוהר, און דאָס פאָלק האָט מיט אונגעדולד ערוואַרטעט די איב־ריגע געזאַנגען, וועלכע אָבער זיינען ערסט ערשינען מיט 25 יאָהר שפּעטער. 30 יאָהר האָט דיזעס ווערק בעהערשט די דייטשע ליטעראַטור. פיר אונז אָבער איז דאָס ווערק ניט צום לעזען. עס איז צו לאַנג און די בילדער צו

וויעלאַנד.

ערמידענד. דאָס ווערק איז פול מיט רעליגיעזע געפיהלען און געדאַנקען, מיט די זעלבע געפיהלען זיינען אויך פול זיינע אָדען (לויב־פּאָעזיע) און זיינע ביבלישע דראַמאַס.

אַ פּאָעט פון אַ גאַנץ אַנדערען סאָרט איז געוועזן מאַרטין וויע־לאַנד (1733—1813). ער האָט אין הויז פון גראַף שטאַדיאָן זיך בע־קאַנט געמאַכט מיט דעם עלעגאַנטען הויף־לעבען פון זיין צייט. דאָס האָט געווירקט, אַז איהם זאָל געפעלען ווערען דאָס פראַנצויזישע לע־בען, און ער האָט דעריבער געשריבען ראָמאַנען, אין וועלכע ער האָט געפּרע־דיגט די נייע עפּיקורעאישע לעבענס־אַרט פון די פראַנצויזען. זיינע אָנשוי־אונגען אויף דאָס לעבען זיינען געוועזן איינזייטיג, נאָר פון דעם קרייז מענ־שען, מיט וועלכע ער האָט געהאַט אומגאַנג. דיזער כאַראַקטער דריקט זיך קלאָר אויס אין זיינע שריפטען. די שפּראַך איז זעהר לעבעדיג און אָטעמט

פ אָ ן ה א ל ל ע ר (1707—1777). ער האָט געגלענצט אלס וויסענשאַפט־ליכער שריפטשטעלער. זיין בעריהמטעסטע פּאָעזיע איז געווען „די אלפּען", א מאָלערישע שילדערונג פון די אַלפּען־בערג.

קלאָר און שען זיינען די פאַבלען און די פּאָעטישע ערצעהלונגען פון פ ר י ע ד ר י ך פ אָ ן ה א ג ע ד אָ ר ן (1708—1754). דאַגעגען ג אָ ט ט ש ע ד מיט זיין וועלט־געשיכטע (1700—1766), ר א ב ע נ ע ר (1714—1770) און ג ע ל ל ע ר ט (1715—1769) זיינען ניט ווערט דעם פּלאַץ, וואָס זיי פערנעהמען אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור אין דייטש־לאַנד.

אין דער צווייטער העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט איז פאָרגעקומען אין דער דייטשער ליטעראַטור א גאַנצע רעוואָלוציאָן, וואָס האָט בעשאַפען קלאַסישע ווערק, וועלכע קענען שטעהן אין איין ליניע מיט די בעסטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור. עס הערשט יעצט די אַלגעמיינע מיי־נונג פון גאָטהע, דאָס די דייטשע ליטעראַטור האָט אָנגעהויבען שטייגען זעהר הויך זינט פריעדריך דעם גרויסען מיט זיינע וויכטיגע קריגס־טאַטען און זיינע אַנדערע בעריהמטע מעשים. אָבער עס לאָזט זיך ניט גלויבען, דאָס די רעאַקציאָנערע ריכטונג פון דיזען מאָנאַרך, וועלכער איז פיר זיך אַליין געווען א מאַן מיט הויכע נייע אידעען, אָבער אין זיינע בעציהונגען צום פאָלק אַ וואהרער דעספּאָט און רעאַקציאָנער, מיט מיליטער־פּאָליטישע אַנזיכטען — דאָס אַזאַ מענש זאָל האָבען אַ גוטע ווירקונג צו בעשאַפען אַ פרייע ליטעראַטור. עס איז זעהר פאַלש די בעהויפּטונג, דאָס גראַדע דער האַס און די פעראַכטונג, וואָס פריעדריך דער גרויסער האָט געהאַט צו דער דייטשער ליטעראַטור, זיינען געווען די אורזאַכען, וואָס זי האָט דאַמאָלס אַזוי הויך אָנגעהויבען צו שטייגען.

עס איז גיכער צו גלויבען, דאָס די פראַנצויזישע אויפקלערונגס־ליטע־ראַטור מיט איהרע הויכע אידעען האָט געווירקט אויף די דייטשע קעפּ און האָט געגעבען אַן אַנדער ווענדונג זייערע געדאַנקען, זייערע געפיהלען און צוזאַמען מיט דעם אויך זייער ליטעראַטור. דערצו איז דאַמאָלס פאָרגעקומען אַ גאַנצע פערענדערונג אין דער סאָציאַלער אַטמאָספערע. עס האָט דאַ־מאָלס אויך אין דייטשלאַנד, ווי אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, דער פּעאָדאַ־לער גייסט אָנגעהויבען ווערען שוואַכער און האָט אָנגעהייבען מאַכען פּלאַץ דעם בירגערטום. אָבער וואָס וואָלט דאָס אַלעס געהאָלפען, ווען עס זאָלען ניט ערשיינען די ריכטיגע גייסטער? עס איז זיכער, דאָס צו וויכטיגע זאַכען מוז מען האָבען וויכטיגע גייסטער. אָהן גאָטהע און שיללער וואָלט

בעמערקט אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען. זיין פאטער האט געוואלט, אז ער זאל שטודירען אין אוניווערזיטעט טהעאלאגיע. אבער ער האט צו דיזען געגענשטאנד ניט געהאט קיין חשק; ער האט זיך בעססער איבערגעגעבען צו פילאזאפיע און צו שענער ליטעראטור. זיין אומגאנג איז געווען מיט שוישפילער און פרייגעזאנענע. עס האט ניט לאנג גענומען און ער האט זיך אין גאנצען ענטזאגט פון דער טהעאלאגיע און האט אויפגעגעבען די אידעע צו זיין א גייסטליכער. ער האט זיך געווידמעט צום שריפטשטעלער־פאך. ער האט געוואנדערט פון איין ארט אין אנדערען און האט אין דיזען סארט לעבען ניט געהאט קיין רוה. ענדליך האט ער אין וואלפענביטטעל בעקומען א שטעלע אלס א ביבליאטהעקאר. דארט האט ער געהייראט און האט בעשלאסען צו גרינדען א פאמיליע. אבער צום אונגליק איז איהם אפגעשטארבען זיין געליבטע פרוי און זיין איינציגעס קינד, און דאס האט איהם ווידער געטריבען צו אן אונרוהיגען לעבען. אום צו דערשטיקען דעם שמערץ האט ער זיך איבערגעגעבען צו נייער ארבייט און צו נייע פלענער. אבער זיינע אינערליכע קאמפען און שמערצען האבען איהם פריה געבראכט דעם טויט. ער איז געשטארבען אין ברוינשווייג דעם 15טען פעברואר 1781, אין אלטער פון 52 יאהר.

לעססינג איז געווען אן אונערמידליכער פארשער און האט געזוכט די וואהרהייט. ער האט זיך אמאל אויסגעדריקט: „ווען גאט זאל האלטען פערשלאסען אין זיין רעכטער האנט אלע וואהרהייטען און אין דער לינקער נאר דאס שטרעבען צו וואהרהייט, הגם ער זאל דערביי בעמערקען, דאס אין שטרעבען קען מען זיך זעהר אפט אירען, און ער זאל מיר זאגען: קלייב זיך אויס וואס דו ווילסט בעסער — די וואהרהייט אדער דאס שטרעבען נאך וואהרהייט, וואלט איך איהם געזאגט: פאטער, גיב מיר דאס שטרעבען נאך וואהרהייט; די ריינע וואהרהייט איז דיינע אליין״. פערשטאנד און אורטיילס־קראפט איז ביי לעססינג׳ן געשטאנען העכער פון אלע אנדערע פעהיגקייטען. ער האט וועניג געהאלטען פון דער פאנטאזיע. ער אליין האט געזאגט, דאס ער קען עטוואס שאפען נאר דורך קריטיק. ער האט קיינמאל ניט געבעטען פון די גרויסע לייט וועלכע עס איז שטיצע, הגם ער האט זיך פיעלע מאל געפונען אין א זעהר קריטישען צושטאנד. ער איז געווען געגען יעדער אפהענגיגקייט. ער האט אויך פערהאסט יעדע פאלשע עהרע.

ווי מיר האבען שוין בעמערקט, איז לעססינג געווען פון זיין נאטור געניינט צו קריטיק און צו געלעהרזאמקייט איידער צו דיכט־קונסט. ער

מיט'ן פראַנצויזישען גייסט. פון זיינע ווערק, וואָס מען קען נאָך אין אונזערע טעג אַמאָל לעזען, זיינען „אבדעריטען" און „אָבעראָן". די איבריגע האָבען ניט פיר אונז קיין ווערט און קיין אינטערעס. זייער פערדינסט אין דער ליטעראַטור בעשטעהט דערין, דאָס זיי האָבען געגעבען דער דייטשער שפּראַך שענקייט און לייכטקייט. וויכטיג איז אויך זיין דייטשע איבערזעצונג פון שעקספּיר, ווייל דערמיט האָט ער בעקאַנט געמאַכט דאָס דייטשע לעזע-פּובליקום מיט די שאַפונגען פון דיזען וועלט-פּאָעט.

מען האָט אָנגעגריפען וויעלאַנד'ס שריפטען צוליב זייער זיטליכער אַנשויאונג. ער זעלבסט אָבער אין זיין לעבען איז געווען אַ מוסטערהאַפט געזיטעטער מענש. אין זיין ווערק „די געטער-געשפּרעכען" און אייניגע אַנדערע צייגט ער אַרויס, דאָס ער איז געווען אַ פריי-גייסט, וועלכער האָט חוזק געמאַכט פון דער קירכע מיט איהר אָבערגלויבען. אָבער זיינע געדאַנקען וועגען זיטען, וועגען אַ לעבען אין לוקסוס און אין שווענדעריי האָבען פיעלע געפונען פיר געפעהרליך פיר דעם מאָראַל-צושטאַנד פון דער יוגענד. דיזע מורא איז ניט אין גאַנצען גרונדלאָז.

אין יענער צייט האָט זיך געבילדעט אַ געזעלשאַפט פון יונגע מענשען, וועלכע זיינען געווען ביטערע געגנער פון וויעלאַנד און פייערדיגע אָנהענגער פון קלאָפּשטאָק. די וויכטיגסטע צווישען זיי זיינען געווען: יאָהאַן היינריך פאָסס, האָלטיע און די גראַפען שטאָלבערג. דיזע געזעלשאַפט איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „האינבונד". זייער אָרגאַן איז שפּעטער געוואָרען דער זעהר בעריהמטער „מוזענאַלמאַנאַך". פאָסס (1751—1826) האָט בערייכערט די דייטשע ליטעראַטור מיט דעם מין פּאָעזיע, וואָס איז בעוואוסט מיט'ן נאָמען אידיליע, און האָט געשילדערט מיט עכטער נאַאיוויטעט, וואַהרהייט און נאַטור דאָס לאַנד-לעבען פון נידער-דייטשלאַנד. האָלטיע (1748—1776) איז געווען אַן אויסגעצייכענטער ליריקער. נאָהענט צום האינבונד איז אויך געשטאַנען גאָטטפריעד אויגוסט בירגער (1748—1794), וועלכער איז געווען דער שעפּער פון דער דייטשער באַלאַדע; דיזער סאָרט פּאָעזיע האָט אונטער גאָטהע און שיללער דערגרייכט אַ זעהר הויכע שטופע.

פיעל העכער פון די אַלע, וואָס מיר האָבען דאָ אויסגערעכענט, שטעהט גאָטטהאָלד אפרים לעססינג. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע איינפלוסרייכע שריפטשטעלער פון 18טען יאָהרהונדערט. ער איז געווען אַ זוהן פון אַ פּרעדיגער און איז געבאָרען געוואָרען אין קאַמענץ אין יאָהר 1729. שוין אין דער שולע האָבען די לעהרער אין איהם

זענדער יאָהרען, און האָבען רעוואָלטירט געגען די אָרדנונגען פון דער אַל-טער צייט, און מען האָט זיך גענומען בויען נייע. דאָס פעאָדאַל-סיסטעם איז אומגעוואָרפען געוואָרען, און אָנשטאָט איהם האָט מען אויפגעבויט אַ בירגערטום, אַ בורזשואַזיע. דער אינדיווידועלער גייסט איז אַרויסגעלאָזען געוואָרען פון זיינע שראַנקען אום צו הערשען אָהן אַ שום בעשרענקונג אי-בעראַל: אין ליטעראַטור, פּאָליטיק און סאָציאַלען לעבען.

די מעהרסטע רעוואָלוציאָנערע גייסטער פון דיזער „שטורם און דראַנג פעריאָדע", ווי ר י י נ ה אָ ל ד ל ע נ ץ, מ אַ ק ס י מ י ל י אַ ן ק ל י נ ג ע ר, פ ר י ע ד ר י ך מ י ל ל ע ר און ד אַ נ י ע ל ש ו-ב אַ ר ט, זיינען אונטערגעגאַנגען, אָבער די וואהרע קרעפטיגע געניאַלע קעמפּפער זיינען אַרויס זיגער פון דיזען שטרייט. דיזע זיינען געווען די דריי ריזען פון דער דייטשער ליטעראַטור: הערדער, גאָטהע און שיללער.

הערדער.

י אָ ה אַ ן ג אָ ט ט פ ר י ע ד ה ע ר ד ע ר איז געבאָרען געוואָ-רען אין יאָהר 1744 און איז געשטאָרבען אין 1803. ער האָט איבערגע-לעבט אַ זעהר האַרטע און שטרענגע יוגענד, און דאָס האָט איהם פערביטערט זיין גאַנצעס לעבען און האָט איהם געמאַכט זעהר אויפגערעגט און עמפינד-ליך. ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט אויפגעהאַלטען אין פראַנקרייך, נאָכדעם האָט ער זיך צוריקגעקעהרט נאָך דייטשלאַנד און האָט בעקומען אַ שטעלע פון אַ הויף-פּרעדיגער, און ענדליך איז ער געוואָרען אויבער-קאָנסיסטאָריאַל-ראַט און סופּעראינטענדענט אין ווייסאַר. ער איז אויך געווען, ווי לעססינג, אַ זעהר פיעלזייטיגער זשעני און געלעהרטער און האָט אויף פערשיידענע געביטען געשאַפען ווערק, וועלכע האָבען געבראַכט נייע וועגען אין דער לי-טעראַטור. זיינע געדיכטען ענטהאַלטען אין זיך אַ צו לעהרהאַפטען כאַראַק-טער. דעריבער איז זיין גרויסען זשעני מעהר צו בעמערקען אין זיינע ווי-

האָט פיעל געשריבען איבער קונסט, טהעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע. ער האָט געשריבען זעהר וויכטיגע ווערק איבער עסטהעטיק.

הגם ער איז געווען מעהר דענקער ווי דיכטער, דאָך פערנעהמען זיינע דיכטערישע ווערק א זעהר וויכטיגען אָרט אין דער דייטשער ליטעראַטור. אין זיין פיעסע „מיסס סארא סאמפסאָן" האָט ער געשאפען די ערסטע דייטשע פאמיליען־טראגעדיע. זיין „מיננא פון בארנהעלם" איז דאָס ערסטע נאציאָנאַלע לוסט־שפיל אין דער דייטשער ליטעראטור. די פיעסע האָט געמאַכט א ווירקונג מיט איהרע סימפאטישע כאראקטערען און מיט דער דראמאטישער בעהאנדלונג. קורץ פאר זיין טויט האָט ער געשריבען די טראגעדיע „עמיליא גאַלאָטטי" און „נאטהאַן דער ווייזע". אין דיזער מערקווירדיגער דראמא צייגט לעססינג דעם גרויסען אונטערשייד צווישען וואהרער רעליגיאזיטעט פון הארצען און לעבען, און צווישען קירכליכער,

לעססינג.

מעכאנישער רעליגיאָזיטעט. דיזע דראמאַ איז די שענסטע פרוכט פון לעס־סינג'ס טהעאָלאָגישע שטרייטיגקייטען, אויסער זיין וויכטיגען ווערק אין דיזער פראגע „די ערציהונג פון דעם מענשען־געשלעכט".

לעססינג איז געווען א גרויסער מייסטער פון דער אַלטער פאָרמע פון קונסט און איהרע רעגלען. נאָך איהם איז אָבער אויפגעשטאנען א גאנצע רייהע פון שריפטשטעלער, וועלכע האָבען געלייקענט אין וועלכע עס איז רעגלען אין דיזער הינזיכט און האָבען רעוואָלטירט געגען צווינגען א שרייבער צו האַלטען זיך אין געוויסע פאָרמעס. דער וואהרער פאָעטישער טאַ־לאַנט און גייסט דאַרף ניט בעאָבאַכטען קיין פאָרמעס, האָבען זיי געלעהרט. דיזע צייט אין דער ליטעראַטור איז בעוואוסט אַלס „די פעריאָדע פון שטורם און דראַנג". אויך אין דער פאָליטיק האָט זיך בעוועגט. דאָס פאָלק האָט גענומען צו צושטערען די אַלטע געביידעס, וועלכע האָבען עקסיסטירט טוי־

האָט זיך אויך אויסגעצייכענט מיט זיין מוטיגקייט, וואהרהייטס־ליבע און א שטאַרקער ליבע צו בילדונג. אין הויז האָט ער ליב געהאַט גרויס אָרד־נונג און איז געווען שטרענג בעפעהלעריש. ער איז געווען א קאָנטראַסט פון זיין פרוי, וועלכע איז אימער געווען מונטער מיט אַ וואַרימען הארצען. דיזעביידע כאַראַקטערען פון זיינע עלטערן האָט גאָטהע איבערגענומען, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיינעם אַ געדיכט:

„פאָם פאַטער האָב' איך די שטאַטור,
דעס לעבענס ערנסטעס פיהרען;
פאָם מיטטערכען די פראָה־נאַטור
אונד לוסט צום פאַבוליערען".

די אויסגעצייכענטע ערציהונג, וועלכע גאָטהע האָט ערהאַלטען אין דעם הויז פון זיינע עלטערן, איז געווען אַ גוטער פונדאַמענט צו זיין ווייטערען שטודיום אין די אוניווערזיטעטען פון לייפּציג און שטראַססבורג. זיין פאָטער האָט איהם בעשטימט צו זיין אַ יוריסט. אָבער איהם איז עס געווען ניט זעהר געפעלען. ער האָט געפיהלט אַ בעזונדערע אָפּנייגונג פון לאָגיק און פילאָזאָפיע. די יוריסטען האָבען זיך איהם אויסגעוויזען לאַנג־ווייליג און אונפרוכטבאַר. אָבער דערפאַר האָט אויך איהם געמאַכט אַ טי־פען איינדרוק און ווירקונג זיין בעקאַנטשאַפט מיט הויך־געבילדעטע מענ־שען פון דער ליטעראַרישער וועלט. פון זיי האָט ער זיך דערוואוסט ווי ווייניג ווערט עס האָבען אַלע זיינע ביזהעריגע פּאָעטישע פּראָדוקטען. ער האָט זיך דאַן גענומען צו דער רעאַליסטישער ליריק און האָט פון זיך אַליין, פון זיינע אייגענע געפיהלען פון פרייד און לייד, געשאַפען אַן ערהאַבענע לירישע פּאָעזיע.

איבערהויפּט האָט הערדער אין שטראַססבורג געוויזען גאָטהע'ן דעם ריכטיגען וועג ווי צו פערשטעהן פּאָעזיע און ליטעראַטור. ער האָט איהם קלאָר געמאַכט וואָס עס איז אַזוינס פאָלקס־פּאָעזיע, ער האָט איהם געעפענט די אויגען ווי צו פערשטעהן האָמער'ס גרויסקייט, ער האָט איהם בעקאַנט געמאַכט מיט דעם קעלטישען דיכטער אָססיאַן'ס לידער. דעריבער האָט גאָטהע שוין אין 1770 דערגרייכט אַ בעדייטענדע ענטוויקלונגס־שטופע. ער האָט זיך גענומען צו שטודירען שעקספּיר און די דייטשע פערגאַנגענהייט, און דאָס האָט אין איהם ענטוויקעלט די אידעע צו דראַמאַטיזירען דאָס לע־בען פון גאָטץ פון בערליכינגען, און פון דעם זיינען ביי איהם אין די גע־דאַנקען פערטיג געוואָרען די ערסטע שפּראָצונגען צו דער בעריהמטער דיכ־טונג „פאַוסט".

סענשאַפטליכע פאָרשונגיזן. זיין שפּראַך פעראייניגט אַ דיכטער מיט אַ פי-
לאָזאָף.

אין זיינע קריטישע שריפטען, ווי: „פראַגמענטען צור דייטשען ליט-
טעראַטור", „קריטישע וועלדער" און „בלעטטער פאָן דייטשער אַרט אונד
קונסט", מאַכט ער אויפמערקזאַם זיינע צייט־גענאָסען אויף די וויכטיגקייט
פון דער דייטשער פאָלקס־דיכטונג. ער רעכענט די פאָלקס־דיכטונג פיר אַן
אַלגעמיינעס גוט פיר אַלע נאַציאָנען, וועלכעס איז ניט אָפּהענגיג פון דער
שטופע פון קולטור, אויף וועלכער דיזע אָדער יענע נאַציאָן שטעהט. הער-
דער'ס אידעאַל איז געווען די פאָלקס־פּאָעזיע, מיט די נאַטירליכע זיגליכע
געפיהלען, מיט די וואַהרע ליידען פון פאָלק, וואָס זיינען פאָרגעשטעלט אָהן
קונצען און געזוגגען אָהן רעגלען. ער איז געווען אַ פיינד פון יעדער פאָרמע,
פון יעדער רעגעל. מיט וואונדערבאַרער פערשטענדנים פון די צייטען און
די פעלקער האָט ער בעגריפען די עכט פּאָעטישע שענקייט פון פרעמדע
נאַציאָנען. אַלס בעוויז דערפון איז זיין בוך „שטימען דער פעלקער אין
ליעדערן", ווי אויך די שפּאַנישע ראָמאַנצען פון „ציד".

דאָס גרעסטע און בעריהמטעסטע ווערק פון הערדער'ן איז „אידעען
צור פילאָזאָפיע דער געשיכטע דער מענשהייט". זיינע שריפטען „איבער
די אורגעשיכטע דער מענשהייט" קען מען בעטראַכטען נאָר אַלס פאָרשטו-
דיום צו דיזען ווערק. אין דיזען ווערק צייגט ער ארוים, דאָס זיין הערץ
האָט געפיהלט פיעל מעהר ווי פּאַטריאָטיזם און נאַציאָנאַליטעט. אין איהם
הערשט דער אידעאַל פון הומאַניטעט (מענשען־ליבע), וועלכער איז דער
העכסטער צוועק פון דער מענשליכער נאַטור. מיט גרויס ענטהוזיאַזם און
אין ריין פּאָעטישע בילדער און גרויסאַרטיגער שפּראַך שטעלט הערדער דאָס
ריין מענשליכע פיעל העכער פון קריסטענטום און נאַציאָנאַליטעט. די הו-
מאַניטעט איז דער העכסטער צוועק פון אַלע רעליגיאָנען. אַלע גלויבענס
דאַרפען מאַכען פּלאַץ פיר די הומאַניטעט און אַליין צוריקטרעטען.

הערדער'ס גייסט האָט פיעל געווירקט אויף גאָטהע'ן, הגם זיין פער-
זענליכקייט איז גאָטהע'ן געווען אָפּשטויסענד. יאָהאַן וואָלפ-
גאַנג גאָטהע איז איינער פון די גרעסטע דיכטער פון אַלע צייטען
און פון אַלע נאַציאָנען. ער איז געבאָרען געוואָרען דעם 28טען אויגוסט
1749 אין פראַנקפורט אַם מיין. די לעבענס־אַרט פון זיינע עלטערן איז
געווען דער גליקליכער מיטעל־וועג צווישען בירגערליכער איינפאַכקייט און
אַריסטאָקראַטישען וואוילשטאַנד. גאָטהע'ס פאָטער איז געווען אַ פּריוואַט
יוריספּרודענט. ער איז געווען קאַלט, ערנסט און פּעדאַגאָגיש; אָבער ער

שענהייט פון דער אַלטער קונסט האָט געגעבען זיין גייסט אַ העללעניישען (אַלט־גריכישען) גלאַנץ. דער ריינסטער אויסדרוק פון דיזער נייער קונסט־אַנשויאונג איז זיין „איפגעניע", וועלכע איז ניט נאָר איינע פון זיינע בעסטע ווערק, נאָר אויך די עדעלסטע צירונג פון דער וועלט־ליטעראַטור. כמעט דאָס זעלבע קען מען זאָגען וועגען „טאָרקוואַטאָ טאַססאָ". אין דיזען ווערק

דענקמאַל פון גאָטהע און שיללער אין ווייםאַר.

איז דער גלאַנץ פון דער שפּראַך גאָרניט נאָכצואַהמען. אין דיזער דראַמאַ דריקט אויס דער פּאָעט אונגעוועהנליכע לעבענס־קלוגהייט. אין דיזען ווערק האָט גאָטהע אַריינגעטראָגען זיינע אינערסטע ערפאַהרונגען און זיינע געהיימע געפיהלען. אויך די „רוימישע עלעגיען" איז די פרוכט פון זיין

נאָך דעם, ווי גאָטהע האָט בעקומען זיין טיטעל „דאָקטאָר דער יוריס-פּרודענץ", איז ער אַוועק צו דעם רייכסקאַמער־גערכט אין וועטצלאַר און איז דאָרט אַריינגעטרעטען אַלס פּראַקטיקאַנט. אין יענער צייט האָט גאָטהע פערעפענטליכט צוויי ווערק, וועלכע האָבען געלעגט דעם גרונדשטיין צו זיין גרויסקייט. דיזע ווערק זיינען די דראַמאַ „גאָטץ פון בערליכינגען" און „די לײדען פון דעם יונגען ווערטהער". די ווירקונג פון דיזע ביידע ווערק איז געוועזען אונגעוועהנליך. זיי האָבען איהם באַלד געגעבען דעם ערסטען פּלאַץ צווישען די דייטשע פּאָעטען און שריפטשטעלער. אין „גאָטץ פון בערלי-כינגען" שטעלט ער פאָר דעם שטאַרקען דראַנג פון דער נייער צייט צו געהן פאָרווערטס, און אין „ווערטהער'ס ליידען" שילדערט ער דעם קאַמף צווישען דעם האַרצען און די ליידענשאַפטען, די געפיהלען פון האַרצען מיט דעם געזעלשאַפטס־צושטאַנד פון דער רעאַלער וועלט. מיט דיזע ווערק האָט גאָטהע מיט אַ גליקליכער האַנט געפּאַסט די שטימונג פון דער צייט. ער האָט אויסגעדריקט אין אַ לעבעדיגער פאָרמע וואָס עס האָט געפיינינגט זיינע צייט־גענאָסען און וואָס עס האָט זיי געפרעהט, וואָס זיי האָבען גע-ליטען און וואָס זיי האָבען ערוואַרטעט. דער סטיל, אין וועלכען „ווערט-הער'ס ליידען" איז געשריבען, האָט איבערגעטראָפען אַלעס, וואָס איז ביז איהם געשריבען געוואָרען אין דייטשער

דער הערצאָג קאַרל אַוגוסט האָט איינגעלאַדען גאָטהע'ן צו זיין הויף אין ווייִמאַר, און ער האָט איהם אַרויסגעצייגט זיין אמת'ע הייסע פריינד-שאַפט ביז'ן סוף פון זיין לעבען. דאָרט, אין ווייִמאַר, האָט גאָטהע געפיהרט אַ גליקליכעס רוהיגעס לעבען, אין טאַנץ, יאַגד, קאָמעדיען־שפּיל און ליבע. פון ערנסטער אַרבייט איז דאַמאָלס קיין רייד ניט געוועזען, אויסער איינינגע גוטע לירישע געדיכטען.

אָבער דיזער סאָרט לעבען האָט זיך איהם באַלד צוגעגעסען. ער האָט אָנגעהויבען פיהלען אַ בעדערפניס אומצוקעהרען זיך צו זיך זעלבסט, צו זיין זשעניע. גאָטהע האָט געקענט וואָס פיעלע אַנדערע געשיכטליכע פּער-זענליכקייטען האָבען ניט געקענט. ער האָט געקענט לעבען פרעהליך אין דעם געדרענג פון דער געזעלשאַפט און אין דער זעלבער צייט שאַפען אַרום זיך אַ טיפע שטילקייט און איבערגעבען זיך צו זיין אינערער וועלט.

אָבער דאָך האָט גאָטהע געפונען פיר נעטיג אַרויסצורייסען זיך פון דעם ראַשיגען לעבען און האָט אונטערגענומען אַ רייזע נאָך איטאַליען (1786). דיזע רייזע האָט פערשאַפט זיין גייסט נייע קרעפטען. דאָ, אין איטאַליען, האָט ער געענדיגט זיין „עגמאָנט". די קלאָרע, האַרמאָנישע

קייט. די טראַגעדיע „פֿאוסט״ בעהאַנדעלט ניט אַ געוויסע טרויעריגע ער-שיינונג אין מענשען'ס לעבען, נאָר זי שטעלט פֿאָר דעם טראַגישען אונלעז-באַרען ווידערשפּרוך, וואָס עקסיסטירט צווישען די אידעאַלע שטרעבונגען פֿון דעם מענשען און די בעגרענצונגען, וואָס די רעאַלע ווירקליכע וועלט שטעלט דעם מענשען אויף יעדען טריט און שריט, וואָס שטערען איהם צו דערגרייכען זיינע אידעאַלע שטרעבונגען. דיזע טיפֿע און ברייטע אידעע איז אויסגעדריקט אין אַ וואונדערבאַר שענער שפּראַך מיט אַן ערהאַבענער פֿאַנטאַזיע און מיט אַזאַ צויבער, דאָס קיין פֿיהלענדעס הערץ קען זיך ניט גענוג אָנזעטיגען מיט דיזען ווערק. זיין מייסטער־ווערק „פֿאוסט״ האָט איהם פֿערשאַפֿט זעהר פֿיעלע פֿיינד. איבערהויפּט זיינען די גייסטליכע אַרויס געגען איהם מיט גרויס פֿייער און האָבען געפּרעדיגט אַ קרייץ־צוג געגען דעם היידע (אונגלויביגען), וועלכער האָט זיך ערלויבט אַזוי פֿרעך אַרויסצו-זאָגען זיין פֿאַלשע גלויבענס־לעהרע פֿון פֿאַנטהעאיזם (דאָס די גאַנצע נאַטור מיט דער גאָטהייט זיינען ענג צוזאַמענגעבונדען) און צו פֿערשפּאָטען דעם קריסטליכען קולטוס (געטליכען דינסט).

פֿון דיזער צייט אָן האָט זיך גאָטהע צוריקגעצויגען פֿון דער וועלט און האָט זיך איבערגעגעבן צו נאַטור־פֿאָרשונג און ליטעראַרישען שטודיום. אין יענער צייט זיינען פֿערפֿאַסט געוואָרען זיין „וועסט־אָסטליכער דיוואַן״, „די וואהל־פֿערוואַנדטשאַפֿט״, „ווילהעלם מייסטערס וואַנדעריאַהרע״, „אויס מיינעם לעבען, וואהרהייט אונד דיכטונג״ און פֿיעלע אַנדערע ווערק. דעם 30טען יולי 1830 האָט גאָטהע געענדיגט דעם צווייטען טייל „פֿאוסט״. וועגען דיזען טייל זיינען אויסגעשפּראָכען געוואָרען זעהר ווידערשטרייטענדע מיינונגען. עס ענטהאַלט אין זיך טיפֿע געדאַנקען וועגען דער וועלט, וועלכע זיינען אָפֿטמאָל זעהר שווער צו פֿאַסען און צו פֿערשטעהן גרינדליך. צוויי יאָהר שפּעטער איז ער געשטאָרבען. דאָס איז געוועזן דעם 22טען מערץ פֿון יאָהר 1832.

אַ גאַנץ אַנדערער סאָרט פּאָעט איז געוועזן שיללער. ער איז געוועזן דער היפּוך פֿון גאָטהע'ן. יאָהאַן כריסטאָף פֿריעדריך שיללער איז געבאָרען געוואָרען דעם 10טען נאָוועמבער 1759 אין מאַרבאַך. ער איז ניט געבאָרען געוואָרען אין אַזאַ גליקליכען צושטאַנד ווי גאָטהע. אין זיין יוגענד האָט ער געליטען פֿון דעם דרוק פֿון פֿערהעלטניסען, וועלכע האָבען איהם ניט אָפּגעלאָזען זיין גאַנצען לעבען. אַ גרויסען טייל פֿון זיינע יאָהרען האָט ער געליטען פֿון פֿערשיידענע קראַנקהייטען. אין יאָהר 1773, ווען ער איז אַלט געוואָרען 14 יאָהר, איז ער אַריינגעטרעטען, אַלס אַ זוהן

רייזע דורך איטאליען, ווי אויך די גייסטרייכע און זיננפולע „עפיגראממע אויס וועגעדיג".

די פערבינדונג, וואס גאטהע האט געשלאסען מיט שיללער'ן, האט געהאט א בעדייטענדע ווירקונג אויף דעם ערסטען. מען דערצעהלט, דאס צווישען דיזע צוויי גרויסע פאעטען איז געשלאסען געווארען א הערצליכע פריינדשאפט. עס איז שווער צו גלויבען, דאס צווישען אזעלכע צוויי פער־שיידענע נאטורען זאל קענען עקסיסטירען א הערצליכע פריינדשאפט. גאטהע איז געווען א וועלט־קלוגער מענש, העכער אין פערשטאנד כמעט פון דער גאנצער מענשהייט, און דאך האט ער געוואוסט צו הארמאנירען מיט אלעמען, צו פרעהען זיך צוזאמען מיט אלעמען, אבער ווען נעטיג זיך צוריקציהען אין זיין אינערע גרויסקייט. שיללער דאגעגען איז געווען אן אידעאליסט, אונפראקטיש און א מאראליסט. אבער ווי די זאך זאל ניט זיין, דורך זיין פערבינדונג מיט שיללער'ן, ווי גאטהע זעלבסט האט געזאגט, האט ער דערפיהלט אין זיין גייסט א נייעם פריהלינג, עס האט אין איהם אלעס איבער־א־ניים אנגעהויבען צו שפראצען און צו בליהען און ארויסצו־ברייגען נייע צווייגען.

אין זיין נייער שאפונגס־קראפט, וועלכע האט זיך אין א ערוועקט נאך זיין פערבינדונג מיט שיללער'ן, האט ער ארויסגעגעבען זיין בעריהמטען ראמאן „ווילהעלם מייסטערס לעהריאהרע". דיזעס ווערק האט געלעזט אין דער דייטשער ליטעראטור צום ערסטען מאל און אויף א קלאסישער ארט די אויפגאבע פון א ראמאן אלס עפאס פון דער מאדערנער צייט. צוזאמען מיט שיללער'ן האט גאטהע געשליידערט די „קסעניען" (גאסט־געשענקען) געגען אלע פלאכע קעפ פון דער טעגליכער ליטעראטור און האט בעשאפען א גאנצע רייהע פון אויסגעצייכענטע באלאדען און ראמאנצען. אין דער זעלבער צייט האט ער אויך פערפאסט „הערמאנן און דאראטהעא". דאס איז א שילדערונג פון קליין־בירגערליכען לעבען פול מיט וואהרער מאראל אין אלע האנדלונגען פון די העלדען פון דעם ראמאן. דאס ווערק איז אזוי קונציג און אזוי אינטערעסאנט, דאס מען האט עס געשטעלט אין איין רייהע מיט האמער'ס ווערק. אבער די גאנצע צייט פון זיין טעטיגקייט האט ער פון זינען ניט ארויסגעלאזען זיין ליבלינגס־ווערק „פאוסט". בעזונדערס האט ער זיך צו איהם צוריקגעקעהרט אין דער לעצטער צייט. אין יאהר 1808 איז ענדליך ערשינען דער ערסטער טייל פון דיזען בעריהמטען וועלט־ווערק. דאס איז די גרעסטע פאעטישע שאפונג פון דער דייטשער וועלט. אין דיזען ווערק האט גאטהע דערגרייכט זיין העכסטען פונקט פון גרויס־

באַלד אויפגעגעבען און איז אוועק נאָך זאַקסען, וואוהין מען האָט איהם איינגעלאַדען.

אין דיזען אָרט האָט ער געלעבט גליקליכע טעג. די זאָרגען פון אָרים־קייט האָט ער דאָ אַראָפּגעוואָרפען פון זיך, און דאָס האָט זיך געלאָזט הערען אין די מילדערע טענער פון זיין פּאָעזיע. דאָ האָט ער געענדיגט „דאָן קאַר־לאָס", אין וועלכען עס זייגט די הומאַניטעט, אין וועלכען דער עכט־שיללע־רישער טיפּ, מאַרקיז פּאָזא, רעדט אָפען, מיט גרויס פייער פיר פריי־הייט און וועלט־בירגערטום געגען דעם הערשענדען דעספּאָטיזם.

נאָכדעם האָט זיך שיללער גענומען צו שטודירען געשיכטע און פילאָ־זאָפיע, און האָט דאַן ענטוויקעלט אין זיך אַ פילאָזאָפיש־עסטהעטישע וועלט־אַנשויאונג. די פרוכט פון דיזען שטודיום איז געווען „די געשיכטע דעם אַבבפאַללס דער ניעדערלאַנדע". אין דיזען ווערק זעהען זיך אַרויס זיינע הויכע געזינונגען און זיין בעגייסטערונג פיר דעם קאַמף פיר פרייהייט און רעכט געגען דעספּאָטיזם. דיזעס ווערק האָט געהאַט אויף זיין צייט אַן אונגעהייערע ווירקונג און איז געוואָרען אַזוי אָנערקענט, דאָס מען האָט איהם איינגעלאַדען אַלס פּראָפעסאָר פון געשיכטע אין דעם אוניווערזיטעט פון יענאַ. באַלד נאָכדעם איז אויך ערשינען זיין „געשיכטע דעם דרייססיג־יעה־ריגען קריעגעס", וועלכע איז אויך אָנגענומען געוואָרען מיט גרויס בייפאַל פיר די וואַרימע און קונסטפולע פאָרשטעלונג, מיט וועלכער זי צייכענט זיך אויס.

אויסער געשיכטע האָט זיך שיללער ערנסט בעשעפטיגט מיט פילאָ־זאָפיע. ער איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון קאַנט'ן, און ער האָט ענטוויקעלט פון זיין פילאָזאָפיע אַ גאַנצע רייהע פון עסטהעטישע בעטראַכ־טונגען, וועלכע האָבען איבערטראָפען זאָגאַר קאַנט'ן זעלבסט. אָבער וויכ־טיגער פון זיינע עסטהעטישע אַרטיקלען זיינען זיינע פילאָזאָפישע געדיכטען, אין וועלכע ער איז דער גרעסטער מייסטער. דיזע געדיכטען צייכנען זיך אויס מיט דער לעבעדיגקייט פון זייער דאַרשטעלונג, מיט דעם קלאַנג און גלאַנץ פון דער שפּראַך, מיט דער שטאַרקקייט און טיפקייט פון געפיהל און מיט דער הויכקייט פון די געדאַנקען. אין יעדען פערז פון דיזע פילאָזאָפישע געדיכטען שיינט אַרויס שיללער'ס זעלע, וועלכע שטרעבט צו געהן פאָר־ווערטס אין דער אונבעקאַנטער ווייטקייט, אָבער זי בעגעגענט אין איהר שטרעבען איבעראַל הינדערנים דורך קליינליכע פערהעלטניסען, וועלכע מאַ־כען איהר ענג דעם וועג.

פון אַן אָפיצער, אין די הערצאָגליכע קאַרלסשולע אין שטוטטגאַרט. דאָרט האָט ער פריהער געשטודירט יוריספּרודענץ און נאָכדעם מעדיצין. אָבער דיזע וויסענשאַפטען האָבען ניט צופרידען געשטעלט זיין גייסט און ער האָט זיך מיט דעם גאַנצען פייער פון זיין זעעלע איבערגעגעבען צום שטודיום פון ליטעראַטור, הגם זי איז דאַמאָלס געווען פערוועהרט. דאָס איז געווען א צייט, ווען די מאַכט האָט געדריקט יעדע וואהרהייט, יעדען פרייען געדאַנק. דאַמאָלס האָט שיללער אויפגעשריבען זיין בעריהמטע דראַמאַ „די רויבער". דאָס איז געווען אַ פּראָטעסט געגען די הערשענדע מיינונגען אין שטאַאט און אין דער געזעלשאַפט.

שיללער איז דאַמאָלס, ווען ער האָט דיזע דראַמאַ געשריבען, אַלט געווען 19 יאָהר. דיזע דראַמאַ איז געשטעלט געוואָרען צום ערסטען מאָל אויף דער ביהנע אין מאַנהיים, וואו זי האָט געהאַט א גרויסען בייפאַל. שיללער איז דאַמאָלס געווען אַ דאָקטאָר אין דער אַרמעע. ווען ער האָט געזעהען, ווי זיין דראַמאַ האָט אויסגענומען ביים פּובּליקום, האָט ער זיך ענטזאַגט פון זיין שטעלע אַלס דאָקטאָר און האָט זיך איבערגעגעבען צו ליטעראַטור. ער איז ענטלאָפען פון רעגימענט ביי נאַכט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, דאָס דער הערצאָג זאָל איהם ניט בעשטראָפען פיר זיין פערלאָזען דעם מיליטער־דינסט, און האָט לאַנג געבלאָנדזעט אין דער רהיין־געגענד, ביז ענדליך אַ פרוי פון וואָלצאָגען אין בויערבאַך האָט איהם אויפגענומען גאַסטפריינדליך ביי זיך אין הויז. אין דיזער צייט האָט ער פערפאַסט זיין טראַגעדיע „פיעסקאָ". דיזע טראַגעדיע איז אָבער ניט גוט אויפגענומען געוואָרען פון פּובּליקום, און זיין האָפנונג צו ערנעהרען זיך עהרליך פון ליטעראַטור איז צושטערט געוואָרען. אין דיזער טראַגעדיע הערשט איבערהויפּט דער גייסט פון פּאָליטישער פרייהייט, וועלכען דער אַמעריקאַנישער בירגער־קריג האָט פערברייטעט אין דער וועלט, און דער דיכטער האָט דיזע געדאַנקען פון אונאָפּהענגיגקייט אויפגענומען מיט גרויס ענטהוזיאַזם און פייער.

אין דער צייט, וואָס ער האָט געלעבט אין בויערבאַך, האָט ער פערפאַסט זיין דראַמאַ „קאַבאַלע (אינטריגע) אונד ליעבע". הגם דאָס לעזע־פּובּליקום האָט אָנערקענט זיין דראַמאַטישען טאַלאַנט, דאָך האָט דיזע דראַמאַ ניט געהאַט קיין ערפאָלג צוליב די איבערטרייבונגען, וואָס זי ענטהאַלט אין זיך.

באַלד נאָכדעם איז שיללער גערופען געוואָרען אין ווייזמאַר אַלס טהעאַטער־דיכטער פיר אַ געהאַלט פון 200 טהאַלער. ער האָט אָבער דיזע שטעלע

נער האָבען קיינמאָל ניט ציטירט שיללער׳ן, וועהרענד אַלע ציטירען גאָטהע׳ן. שיללער׳ן ציטירען נאָר מענשען מיט ווייניג לעבענס־ערפאַהרונג, אָהן ריכטיגער מענשען־קענטניס.

אָבער עס זיינען אויך פאַראַן זעהר טיכטיגע קריטיקער און דענקער, וועלכע שטעלען שיללער׳ן זעהר הויך, ווי צום ביישפּיל פ. א. לאַנגע. און באמת, ווען מיר זאָלען בעטראַכטען דעם מענשען ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט, וועלען מיר באַלד קומען צו דער איבערצייגונג, דאָס עס פעהלט איהם זעהר פיעל צו זיין פאָלקאָמען, ער מוז זיך צופוצען, פערפיינערן זיך, אום ער זאָל זיין אַן ערהאַבענעס וועזען; ער מוז זיך שאַפען אַן אידעאַל, צו וועלכען ער זאָל שטרעבען. אין שיללער׳ס ווערק צייגט ער דעם מענשען דעם אידעאַל, צו וועלכען ער זאָל זיך ערהייבען. זיינע דיכטונגען ערהייבען דעם מענשען צו די ריינע קוועלען, פון וועלכע עס שטראָמען די אַלע זאַכען, וואָס דער מענש האָט אימער גערעכענט פיר הייליג און ערהאַבען. אין דיזער הינזיכט האָבען שיללער׳ס ווערק אַן אונענדליך גרויסען ווערט. און באמת זעהען מיר, דאָס שיללער האָט געהאַט מיט זיינע ליטעראַרישע שריפטען אַן אונגעהייערען איינפלוס אויף זיינע לעזער. שערר בעהויפּטעט, דאָס זינט האָמער׳ן האָט נאָך קיין דיכטער ניט געהאַט אַזאַ גרויסען איינפלוס אויף די מענשליכע געזעלשאַפט ווי שיללער האָט געהאַט. זיין הונדערט־יעהריגער געדענק־טאָג איז געפייערט געוואָרען אין דייטשלאַנד, ווי אויך אין אַנדערע ציוויליזירטע לענדער, מיט אַזאַ ענטהוזיאַזם און אַזוי גרויסאַרטיג, ווי קיין אַנדערער יום־טוב צום אָנדענקען פון אַ דיכטער.

שיללער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען אַ דראַמאַ „דעמעטריוס", אָבער דער טויט האָט איהם פערכאַפּט איידער ער האָט דיזע ווערק געענדיגט.
דער טויט האָט איהם פערכאַפּט איידער ער האָט דיזעם ווערק געענדיגט.
ער איז געשטאָרבען דעם 9טען מאַי 1805. דער דרוק פון אויסערע אומשטענדען און דער פייער פון זיינע אינערליכע אידעאַלען האָבען פערצעהרט זיינע קרעפטען און ער איז אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט.

אַ צייט־גענאָסע פון גאָטהע און שיללער איז געוועזען יאָהאַן פּאַול פריעדריך ריכטער, וועלכער איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען זשאַן פּאַול. דיזער האָט געלעבט פון 1763 ביז 1825. הגם ער האָט געהאַט אַ זעהר טרויעריגע יוגענד־צייט, דאָך האָט ער געהאַט אַ זעהר רוהיגען כאַראַקטער און האָט ניט געפיהלט די ביטערע שמערצען פון דער וועלט. זיינע ווערק זיינען פול מיט הומאָר, און זיי האָבען געהאַט אַן אויסערגעוועהנליכען בייפאַל פון דעם לעזענדען פובליקום, און דאָס האָט איהם פער-

צו ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט האָט זיך שיללער ווידער גענומען צו דער דראַמאַ, אין וועלכער ער האָט אימער געפונען זיין גרעסטען אינטערעס, צו וועלכער זיין זעעלע איז געווען הויפטזעכליך גענייגט. זיין היסטאָרישע ארבייט האָט איהם געגעבען דעם וואהרען בעגריף פון דעם כאַראַקטער און גייסט פון וואַללענשטיין, און דאָס האָט ארויסגעבראַכט זיין בעריהמטע טרילאָגיע (ד. ה., דראַמאַ, וואָס בעשטעהט פון דריי שטיקער). די דראַמאַ „וואַללענשטיין“ איז די הויפט-שאַפונג פון שיללער'ס קונסט. מיט גרויס ערפאָלג שטעלט דער דיכטער פאָר אין דיזער דראַמאַ אַ נאַציאָנאַלען העלד פון דער נייער געשיכטע, וועלכער קעמפט געגען יחוס און געגען הערשער, וואָס האָבען ניט קיין רעכט און קיין פעהיגקייט צו הערשען, און הערשען נאָר צוליב דעם זכות פון זייערע אבות, און ווי דיזער נאַציאָנאַלער העלד איז טראַגיש געפאַלען. נאָך דער דראַמאַ „וואַללענשטיין“ האָט שיללער ארויסגעגעבען זיינע ראָמאַנטישע טראַגעדיעס „מאַריאַ סטואַרט“, „די יונגפרוי פון אָרלעאַנס“, „די ברויט פון מעססינאַ“ און „ווילהעלם טעלל“. די לעצטע טראַגעדיע זיינע איז געווען „ווילהעלם טעלל“. ווי שיללער האָט אָנגעהויבען זיין דיכטערישע קאַריערע אַלס בעגייסטערטער אָנזאָגער פון פרייהייט און מענשען-רעכט, אזוי האָט ער זי געענדיגט אין זיין „ווילהעלם טעלל“. „ווילהעלם טעלל“ וועט פערבלייבען אויף אימער דער ליבלינג פון דער נאַאיווער און ענטהוזיאַסטישער יוגענד. פון דיזער דראַמאַ וועלען די יונגע דורות נאָך לאַנג, לאַנג שעפּען די עדעלסטע בעגייסטערונג פיר די העכסטע גיטער פון דער מענשהייט.

אין עסטהעטישער הינזיכט זיינען די מיינונגען איבער שיללער'ס ווערק זעהר פערשיידען. שיללער האָט געהאַט זעהר פיעלע פיינד, וועלכע האָבען שטאַרק געטאַדעלט זיינע ווערק. אָבער זאָגאַר זיינע פריינד און פערעהרער גיבען צו, דאָס אין זיינע דראַמאַס פעהלט די אינערע לעבענס-וואַהרהייט. אַלע פערזאָנען זיינען אידעאַליסטישע בילדער, וועלכע שטעלען פאָר דיזע אָדער יענע אידעע. איבערהויפט איז עס צו בעמערקען אין זיינע פרויען-געשטאַלטען. מען האָט בעהויפטעט, און מיט רעכט, דאָס שיללער האָט נאָך ניט געשאַפען קיין איין איינציגע וואַהרע פרויען-געשטאַלט. זיי זיינען נאָר שאָטענהאַפטע פיגורען. עס איז אויך ריכטיג וואָס די קריטיקער זאָגען, דאָס זעהר אָפט טרעפט מען אין שיללער'ס ווערק געדאַנקען, וועלכע זיינען אין גאַנצען פאַלש אָדער זיינען נאָר האַלב אמת, וועהרענד גאֶטהע'ס געדאַנקען זיינען אַ רייכער אוצר פון ערפאַהרונג און פון ווירקליכען לעבען. דיזעס איז די אורזאַך, וואָרום נאַטור-וויסענשאַפטליכע הויך-געבילדעטע מע-

לאַנד, איטאַליען. זעהר אָפט טרעט אין זיינע ווערק דאָס דיכטעריישע אין הינטערגרונד און אין פאָרדערגרונד טרעט אַרויס דער פּאַטריאָטישער גע-פיהל. ער האָט ניט געהאַלטען פון צופּוצען זיינע ווערק מיט בילדער, און די כאַראַקטערען זיינען בעצייכענט מיט זעהר גראָבע שטריכען. ער מאָלט ניט קיין ווייכע געפיהלען. אין אַלגעמיין הערשט אין אַלע זיינע ווערק א פינסטערער גייסט פון אונצופרידענהייט.

כמעט דאָס זעלבע קען מען זאָגען וועגען דער שפּאַנישער ליטעראַטור פון יענער צייט. די שטאַאטען פון דער פּירענעאָאישער האַלב-אינזעל זיינען געווען אַזוי געפאַלען און געזונקען גייסטיג, דאָס עס איז געווען אונמעג-ליך צו ערוואַרטען פון זיי עטוואָס וויכטיגעס און ערהאַבענעס אין דער פּאָ-עזיע. לויט דעם וואונש פון קאַרל דעם 2טען איז אין יאָהר 1680 איינגע-פיהרט געוואָרען אין מאַדריד אַן „אוטאָ-דאַ-פע", דאָס הייסט, די פערברע-נונג פון אונגלויביגע אויף שייטער-הויפענס, — אַן איינריכטונג, וואָס בלייבט אַן אייביגער שאַנד-פלעק אויף דעם שפּאַנישען פאָלק. די שייטער-הויפענס האָבען געברענט פון 7 אוהר אין דער פריה ביז 9 אוהר מאָרגענס פון דעם נעכסטען טאָג. דאָס פאָלק איז געוואָרען אַזוי וויט ווילד און אַזוי וויט פערבלענדעט, דאָס די אַרבייטער פון מאַדריד פלעגען מיט גרויס ענ-טהוזיאַזם אויפשטעלען די שייטער-הויפענס און זינגען דערביי פרומע היי-ליגע הימנעס. ניט ווייניגער פון 14 שטונדען איז קאַרל דער 2טער געזעסען מיט זיין פרוי אויף א הויכען באַלקאָן און האָט צוגעזעהען דעם שוישפּיל און האָט אַליין מיט זיין אייגענער האַנט אונטערגעצונדען דעם שייטער-הוי-פען. צוזאַמען מיט איהם האָבען זיך פיעלע פון די גרעסטע מענער אין שפּאַניען איבערגעגעבען צו דינען דער הייליגער אינקוויזיציאָן. צו דיזער ווילדער שטופע איז געקומען די רעליגיאָן פון ליבע אין שפּאַניען.

די זעלבשטענדיגקייט פון דעם אַלטען קאַסטיליאַנישען גייסט איז גע-בראָכען געוואָרען אונטער דער קנוטע פון דער הערשאַפט פון די גייסטליכע און אונטער דער דעספּאָטיע פון די שפּאַנישע וועלטליכע הערשער. קיין פונק פון אייגענעם, אָריגינעלען גייסט איז ניט צו בעמערקען אין דער שפּאַ-נישער ליטעראַטור פון יענער צייט. אַלעס, וואָס עס איז דאָרט געשאַפען געוואָרען אויף דעם געביט פון ליטעראַטור, איז געווען אונטער דעם איינ-פלוס פון פראַנקרייך. מיר קענען ניט אָנצייגען אויף איין בעריהמטען דיכ-טער אין שפּאַניען צו יענער צייט. נאָר איין סאַטירישער ראָמאַן מיט'ן נאָ-מען „די געשיכטע פון דעם בעריהמטען פּרעדיגער קאַמפּאַצאַס", פערפאַסט פון דעם יעזואיט ח אָ ס ע פ ר אַ נ צ י ס ק אָ ד ע א י ס ל א

ליכטערט די זאָרגען פון זיין עקסיסטענץ. איבעראַל איז צו בעמערקען אין זיינע ווערק אַ שטרעבונג צו ברײנגען די שמערצען פון דער וועלט אין הינטערגרונד. דאָך האָט ער געהאַט לעזער נאָר אין זיין צייט. יעצט לעזט איהם קיינער ניט און ער איז נאָר בעקאַנט מיט'ן נאָמען.

וועגען דער פּאָעטישער ליטעראַטור פון אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער אין יענער צייט איז ווענ̇יג פאַראַן צו זאָגען. אין איטאַליען האָבען די גרויסע קלאַסיקער שוין לאַנג געבראַכט די פאָרמע פון פערזען און די שפּראַך צו אַ זעהר הויכער שטופע. אָבער דער איטאַליענישער פאָלקס-גייסט איז שטאַרק געזונקען. די איטאַליענישע נאַציאָן האָט זיך דאַמאָלס געפונען אונטער אַ זעהר שטאַרקען דרוק. דאָס לאַנד איז געווען צוריסען, און די שפּאַנישע הערשאַפט האָט פערניכטעט יעדען וואונש פון פרייהייט. אויך דאָס פּאַפּסטטום, וועלכעס האָט יאָהרענלאַנג בעשיצט קונסט, ליטעראַטור און וויסענשאַפט, האָט זיך דאַמאָלס גענומען צו די גרויסע גייסטער און האָט זיי בעהאַנדעלט זעהר האַרט. מען האָט זיי אונטערגעוואָרפען אונטער'ן חרם, פיעלע זיינען פערפאַלען געוואָרען אין די געפענגניסען און נאָך מעהר האָט פערניכטעט די אינקוויזיציאָן, ווייל דאַן איז עס געווען פיר דאָס פּאַפּסטטום אַ קאַמף פיר זיין עקסיסטענץ, פיר ערהאַלטען זיין הערשאַפט.

פון די שריפטשטעלער פון יענער צייט אין איטאַליען, וועלכע האָבען וועלכען עס איז ליטעראַרישען ווערט, קענען זעהר וועניג דערמאָהנט ווערען. אַלס טיפּ פון דיזער פּעריאָדע קען פערצייכענט ווערען מאַריני (1569—1625). זיינע לידער זיינען געווען זעהר בעליבט ביים פּובליקום פון יענער צייט, הגם זיי האָבען ניש געהאַט דעם ווערט פון עכטער פּאָעזיע. זיי זיינען אָבער געווען צוגעפּאַסט צום געשמאַק פון יענער צייט, מיט זייער אויסדריקען די ווינשען פון דער נידריגער מענשליכער נאַטור. פון די דיכטער פון דער פאָלגענדער צייט איז נאָר בעקאַנט קאַרלאָ גאָלדאָני (1707—1793). דיזער שריפטשטעלער האָט געשריבען אונטער דעם אַיינפלוס פון דעם בעריהמטען פראַנצויזישען שרייבער מאָליער. ער האָט אויך געמאַכט פיר דעם מיטעלפּונקט פון זיינע לוסט-שפּילען דעם כאַראַקטער. און הגם ער איז געווען פיעל אונטער מאָליער אין גייסט און וויסען, איז איהם דאָך געלונגען צו שאַפען אין איטאַליעניש אַ פאָלקסטימליכען כאַראַקטער-לוסטשפּיל. זיינע ווערק זיינען געוואָרען איבערגעזעצט כמעט אין אַלע שפּראַכען. דער גרינדער פון דער מאָדערנער איטאַליענישער טראַגעדיע איז וויטטאָריאָ גראַף פון אַלפיערי (1749—1813). דער הויפּט-עלעמענט פון זיינע ווערק איז די פרייהייט און איינהייט פון זיין פאָטער-

דעם הויפט־פונדאמענט צו דיזער אויפקלערונגס־פעריאָדע האָט געלעגט
דזשאָהן לאָקקע. ער זעלבסט איז געווען א גלויביגער קריסט. זיין
פילאָזאָפיע אָבער איז אנטי־קירכליך. לויט זיין פילאָזאָפיע איז אַלעס,
וואָס דער מענש וויים און ערקענט, נאָר דער רעזולטאַט פון די איינדריקען,
וואָס די אויסערליכע וועלט מאַכט אויף זיינע חושים. דיזע אויסערליכע
און אינערליכע ערפאהרונגען זיינען דער פונדאמענט פון מענשליכען דענקען
און וויסען. מיט דיזער אידעע האָט ער צוגענומען דעם באָדען פון אונטער
די פיס פון דער טהעאָלאָגיע און זי איז געבליבען הענגען אין דער לופט.

די בעוועגונג, וועלכע לאָקקע האָט ארויסגערופען, איז געווען אונטער-
שטיצט פון א גאַנצער רייהע וויכטיגע שריפטשטעלער, וועלכע האָבען גע-
האָלפען צו פערברייטען זיינע פריידענקערישע אזוי־גענאַנטע דעאיסטישע
אידעען. דער קירכען־גלויבען איז שטארק אָנגעגריפען געוואָרען; איבער-
הויפט איז געוואָרען שטאַרק אָנגעגריפען די לעהרע פון דער דריי־איינינקייט
פון גאָט (אמונת השלוש). די הויפט־פיהרער פון דיזע ליטעראַטען זיינען
געווען גראַף פון שאַפּטעסבורי (1670—1713) און לאָרד
באָלינגבראָקע (1672—1751). וועגען דיזען לאָרד זאָגט וואָלטעיר,
דאָס ער האָט אין זיך פעראייניגט די קענטניס פון אן ענגלענדער מיט דער
פרייהייט און דעם וויץ פון א פראַנצויז. ער האָט געזעהען אין דער רעליגיאָן
ניט מעהר ווי א בעטרוג פון פריסטער אום צו דערגרייכען דורך איהר פּאָ-
ליטישע צוועקען פיר די רעגירונג און היעראַרכישע (פריסטערליכע) צוועקען
פיר די קירכע.

אויף די שולטערן פון באָלינגבראָקע שטעהען די פראַנצויזיש־געביל-
דעטע געלעהרטע גיבבאָן און היומע (יום), וועלכע זיינען געווען
איניג פערבונדען מיט וואָלטעיר און די גייסטרייכע קרייזען אין פּאַריז.
ביידע זיינען געווען געשיכטע־שרייבער. גיבבאָן האָט געשריבען איבער
דעם אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפעריע, און היומע האָט געשריבען
איבער ענגלאַנד. ביידע זיינען געווען גרויסע אָנהענגער פון פרייהייט און
אויסגעשפּראָכענע געגנער פון דעם היסטאָרישען קריסטענטום. היומע׳ס
פּרינציפּען זיינען ערסט שפּעטער אָנערקענט געוואָרען. ער האָט געלעהרט,
דאָס דער מענש האָט ניט קיין פרייען ווילען, און דאָס, וואָס ער טוט, טוט
ער ניט ווייל ער וויל עס טאָן, נאָר ער איז געצוואונגען פון דער אַבסאָלוטער
נויטווענדיגקייט עס צו טאָן. היומע האָט אויך בעשטריטען די בעווייזען
וועגען דער עקסיסטענץ פון גאָט און וועגען דער אונשטערבליכקייט פון דער

(1703—1781), איז ווערט דערמאָהנט צו ווערען. דיזער ראָמאַן האָט גע-האַט אַ גרויסען ערפאָלג, און צוליב זיין אויסגעצייכענטען וויץ איז ער נאָך אין אונזער צייט אָנערקענט אַלס דאָס בעסטע פאָלקסטימליכע ליטעראַרישע ווערק פון דעם 18טען יאָהרהונדערט.

נאָך לודוויג דעם 14טען האָט די שענע ליטעראַטור אין פראַנקרייך קיין וויכטיגעס ניט אַרויסגעבראַכט. אָבער דערפאַר איז דאַן אין פראַנק-רייך געשאַפען געוואָרען אַ ליטעראַטור מיט יענער רעוואָלוציאָנערער שטי-מונג, וועלכע איז אין 1789 געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנערע טאַט. אָבער איי-דער מיר וועלען אויספיהרליך בעהאַנדלען דיזע אַרט ליטעראַטור מוזען מיר פריהער בעקאַנט מאַכען דעם לעזער מיט דער ענגלישער אויפקלערונגס־לי-טעראַטור, ווייל זי האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די פראַנצויזישע שריפטשטעלער פון יענער שטירמישער צייט.

די פוריטאַנישע רעוואָלוציאָן אין ענגלאַנד האָט געמאַכט אַ וועג פיר דאָס בירגערטום דערמיט, וואָס זי האָט אונטערגעגראָבען דעם אַבסאָלוטיזם, די אַליינהערשאַפט פון די קעניגען. פון דאַמאָלס אָן האָט זיך ענטוויקעלט אין ענגלאַנד די ראַדיקאַלע אידעע, דאָס די אַלע גיטער, וואָס די קירכע און דער אַדעל האָבען זיך ערוואָרבען, זיינען איינפאַך רויב און אונגעזעצליך, און דאָס עס איז ניט קיין פערברעכען צו געברויכען געוואַלט אום דיזע אָפּ-צונעהמען פון זיי. די פּרעטענזיע פון די פוריטאַנער צו דער קירכע איז געוועזען איבערהויפּט, וואָס זי האָט געהאָלפען דעם אַבסאָלוטיזם צו דריקען דאָס פאָלק. אָבער בעזיגען די קירכע האָט מען לויט די בעגריפען פון יע-נער צייט נאָר געקענט מיט טהעאָלאָגישע וואַפען, און דעריבער האָט דער קאַמף מיט דער קירכע געמוזט געפיהרט ווערען נאָר אויף דעם באָדען פון טהעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע.

די רעליגיאָן פון אָפענבאַרונג (גלוי שכינה) האָט געמוזט אָפּטרעטען און מאַכען פּלאַץ פיר דעם גלויבען פון פערנונפט. די זיטען־לעהרע האָט פער-לאָרען איהר רעליגיעזען פונדאַמענט, און איז בעגרינדעט געוואָרען אויף די פּרינציפּען פון גערעכטיגקייט און מענשליכקייט. עס איז דאַמאָלס ענט-שטאַנען אַ גרויסער קאַמף געגען הערשאַפט און קנעכטשאַפט, געגען אונגע-רעכטיגקייטען, וועלכע זיינען מיט דער צייט פערהייליגט געוואָרען צוליב זייער אַלטקייט. אַלעס האָט געמוזט אונטערגעוואָרפען ווערען אונטער דער פייער־פּראָבע פון דער קריטיק און פערשטאַנד, און דאָס, וואָס האָט ניט אויסגעהאַלטען דעם אורטייל פון געזונדען פערשטאַנד, איז שטאַרק בעקעמפט געוואָרען.

געגען דער פערפוילטער געזעלשאַפט איז געוואָרען מעהר און מעהר העפטיג און ערביטערט. איבערהויפט איז דאָס פאָלק געוואָרען שרעקליך אויפגערייצט אויף דעם אַדעל, ווען דיזער האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך יעדען שאָטען פון בושה, יעדע שפור פון אַנשטענדיגקייט. דער קעניגליכער הויף האָט ניט געוואוסט פון קיין שאַנדע, מעטרעסעס (קעבס־פרויען) זיינען געווען די פיהרערינס און האָבען געדריקט דאָס אויסגעזויגטע פאָלק. יעדער ווידערשטאַנד געגען דער רעגירונג האָט ערוועקט נאָר אַן אַלגעמיינע פרייד. קורץ, די רעגירונג איז געשטאַנען אויף אַ וואולקאַן, די רעוואָלוציאָנערע אידעען האָבען איבערשווועמט די געזעלשאַפט.

איינער פון די ערסטע רופער צום שטרייט איז געווען דער **באראָן דע מאָנטעסקיע** (1755—1689). זיינע „פערסישע בריף" האָבען



מאָנטעסקיע.

געהאַט אַ ריזיגען אַיינפלוס אויף זיין צייט. דיזע בריף זיינען אַ גלענצענדע סאַטירע אויף די פערהעלטניסען פון דער קירכע און פון דעם שטאַאט אין פראַנקרייך. מיט וואונדערבאַרען מוט איז מאָנטעסקיע אַרויס געגען דער קירכע און דעם שטאַאט און האָט רעקאָמענדירט אַ רעפּובליקאַנישע פאָרמע פון רעגירונג. אָבער נאָך מעהר און גרעסער איז געווען דער ערפאָלג פון זיין ווערק „איבער די אורזאַכען פון דער גרויסקייט פון רוים און פון זיין פאַל". דאָ רעקאָמענדירט ער זעהר געשיקט קאָנסטיטוציאָנעלע אידעען, וועלכע ער האָט אָנגעזאַמעלט אין ענגלאַנד אין די צוויי יאָהר, וואָס ער איז דאָרט געזעסען. די זעלבע אידעען פילען אָן זיין בעריהמטעס ווערק „דער גייסט פון די געזעצען".

זעעלע. דאָס האָט איבערהויפּט ארויסגערופען א גרויסען שטורם צווישען די טהעאָלאָגען.

איבערהויפּט איז היומע נעווען אן אונערשעפּליכער שאַץ פון וויסען און דענקען. ער איז דער פאָטער פון קאַנט׳ס ענטדעקונג, דאָס צייט, רוים און אורזאַך זיינען נאָר פאָרמעס פון אונזער ערקענטניס־פעהיגקייט אָדער געהירן־טעטיגקייט. היומע האָט אויך געלעהרט פיעלע וויכטיגע זאַכען אין דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע. ער האָט געלעהרט, דאָס רענט פון באָדען, ארבייטס־לוין און קאַפּיטאַל־געווין קאָנטראָלירען ניט די פרייזען, ווי אדאַם סמיטה בעווייזט, און דיזע זיינע געדאַנקען וועגען דיזען געגענשטאַנד האָבען געפיהרט צו דער נייער טהעאָריע פון רענט, וועלכע ריקאַרדאָ האָט גע־גרינדעט.

די רעזולטאַטען, צו וועלכע די ענגלישע דענקער זיינען געקומען, זיינען נאָך עד היום פּרינציפּען, וועלכע די גרויסע דענקער פון דער נייער צייט האַלטען זיך אָן זיי. אָבער ליידער, דאָס וואָס זיי האָבען נאָך דאַמאָלס ער־פאָרשט, איז נאָך עד היום ניט געוואָרען אָנערקענט פון אַלע דענקער און פאָרשער. מעהר פון פיער דורות זיינען צושטאָרבען זינט היומע האָט גע־לעהרט זיינע פּרינציפּען; עס איז געווען א צייט פון געוואַלטיגען קאַמף, פון וואונדערבאַרען פאָרטשריט אין די נאַטור־וויסענשאַפטען, אין דער טעכ־ניק. אָבער, ניט אַכטענדיג אויף אַלע פאָרטשריטען, עקסיסטירען נאָך יעצט די אַלע פאָראורטיילען, מיט וועלכע די אויפקלערונג האָט דאַמאָלס גע־קעמפּט. עס איז קלאָר, דאָס דער אַבערגלויבען וועט נאָך עקסיסטירען יאָהר־הונדערטער. אין ענגלאַנד און אין פיעלע אַנדערע לענדער האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען די הערשאַפט פון דער דעמאָקראַטיע (פון פאָלק), און עס שיינט, דאָס קיין זאַך וועט ניט שטערען איהר ענטוויקלונג, און דאָך לעבט נאָך אַלעס ווי פריהער, אַלעס, וואָס די אויפקלערונג האָט שוין לאַנג בעדאַרפט ארויס־וואַרפען.

די פראַנצויזישע ליטעראַטור שטעהט אין א זעהר ענגער פערבינדונג מיט דער ענגלישער. מען זאָל אָבער ניט האָבען א טעות צו דענקען, דאָס די פראַנצויזישע האָט צוריק געווירקט אויף די ענגלישע. די פראַנצויזישע ליטעראַטור פון 18טען יאָהרהונדערט איז איבערהויפּט אן אָפּאָזיציאָן געגען די דאָגמאַס (די עקרי הדת) פון דער קירכע און איהרע צושטענדען, און אויך געגען די צושטענדען פון שטאַאַט. די שטרעבונג פון די שריפטשטע־לער פון יענער צייט איז געווען — אַלגעמיינע פאָלקס־בילדונג און די ענ־דערונג פון פּאָליטישע, קירכליכע און סאָציאַלע פערהעלטניסען. דער קאַמף

אויף זיינע געדיכטען זיינען דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון סאַטירע; אויף דאָרט ערשיינט ער אַלס אַ קעמפּער פיר אַ נייע וועלט. אין עסטהע-טישער הינזיכט איז דער ווערט פון זיינע געדיכטען ניט זעהר הויך, ווייל זיי זיינען אינערליך ניט וואַהר. עס געפינען זיך אין זיי אפילו זעהר פיעלע שענע און עדעלע געדאַנקען, אָבער עס פעהלען זיי וואַהרער געפיהל און עמ-פינדונג. נאָר ווענינע פון וואָלטעיר'ס ווערק קענען נאָך היינט געלעזען ווערען. זיין געניאַלסטעס ווערק איז דאָס קאָמישע העלדענגעדיכט „די יונגפרוי פון אָרלעאַנס". דיזעס ווערק איז דער בעסטער שפּיגעל פון די פראַנצויזישע זיטען פון יענער צייט. אין דיזען ווערק איז פערקערפּערט דער גייסט פון יענער פּעריאָדע פון אויפלעזונג און צושטערונג.

צוזאַמען מיט וואָלטעיר'ן האָט געאַרבייט אויף דעם זעלבען געביט זשאַן זשאַק רוססאָ (1712—1778). דיזער שריפטשטעלער איז אין פיעלע בעציהונגען אַ געראַדער געגענזאַץ צו וואָלטעיר'ס נאַטור. זיין ענטהוזיאַזם שטראָמט ניט פון אַ געניאַלען גייסט, נאָר פון אַ הייסען האַר-צען, וועלכעס האָט געגליהט פיר דאָס גליק פון דער מענשהייט. רוססאָ איז ניט געווען צופרידען מיט צושטערען אַליין; ער האָט געוואָלט אָפּראַמען דעם אַלטען פּאָליטישען, סאָציאַלען און מאָראַלישען שמוץ, אום צו מאַכען פּלאַץ פיר אַ נייע בעסערע אָרדנונג. וואָלטעיר האָט געשטרעבט צו רייכ-טום און האָט אין דיזער הינזיכט געהאַט גרויס ערפאָלג. אָבער רוססאָ האָט ניט געזוכט קיין גליקען אויף דיזען געביט. ער האָט געלעבט ווי אַן עכטער דעמאָקראַט, האָט שטאַרק געהאַלטען פון דער ספּאַרטאַנישער איינפאַכקייט, און איז געשטאָרבען אָרים. ער האָט אפילו פיעל געפּרעדיגט פיר אַ גוטע ערציהונג פון קינדער און האָט פיעל געווירקט אין דיזער בעציהונג, אָבער זיינע אייגענע קינדער האָט ער איבערגעגעבען אין אַ פינדעלהויז. פיעלייכט האָט איהם דערצו געבראַכט זיין אָרימקייט.

באַלד מיט זיין ערסטער אַרבייט האָט רוססאָ ערוואָרבען גרויס כבוד און אַ גרויסען נאָמען. די אַקאַדעמיע אין דיזשאָן האָט אויפגעגעבען אַ פראַגע: איבּ די ווידערהערשטעלונג פון וויסענשאַפט און קונסט האָט גע-האָלפען צו רייניגען די זיטליכקייט? אויף דיזע פראַגע האָט רוססאָ גע-ענטפערט „ניין", און ער האָט אויך גלענצענד בעוויזען זיין בעהויפּטונג, און האָט בעקומען דעם פּרייז פיר זיין צופרידענשטעלענדען ענטפער אויף דיזע פראַגע. ער בעשולדיגט אין דער אונזיטליכקייט פון דער צייט די גע-זעלשאַפט. ער לויבט דעם נאַטירליכען צושטאַנד און פערפלוכט דעם טאָג, ווען דער מענש האָט זיך גענומען אין זיין לעבען צו וויסענשאַפט און קונסט.

דער הויפּט פון די אויפקלערונגס־ליטעראַטען אין יענער צייט איז גע־וועזען פראַנסואַ מאַריע אַרועט, וועלכער איז בעוואוסט אונ־טער'ן נאָמען וואָלטעיר (געב. 21טען נאָוועמבער 1694, געשט. 30טען מאַי 1778). קיין שריפטשטעלער האָט ניט געהאַט אַזאַ גרויסען איינפלוס אין זיין צייט ווי וואָלטעיר. זיין גלענצענדע פעדער האָט ניט געהאַט צו זיך קיין גלייכען. וואָלטעיר איז געוועזען זעהר פיעלזייטיג געבילדעט, און האָט מיט גרויס גייסט און ליידענשאַפטליכער ענערגיע פערפאָלגט זיינע פלענער. געגען זיינע אָנגרייפער האָט ער זיך פערטיידיגט מיט ערנסט און קראַפט, מיט וויץ, שפּאַס און בייסענדער סאַטירע און גיפטיגער איראָניע. אָבער זיין מאָראַל איז געוועזען זעהר אָפּשטויסענד. ער איז ניט געוועזען פריי פון די נידריגסטע און געמיינסטע שוואַכקייטען, ער האָט ניט געהאַט קיין עהרענגעפיהל, און דערצו איז ער געוועזען אַ שרעקליכער געלט־גייץ און אַ ליג־נער. ער איז געוועזען אַ ליפעראַנט (אַ פּאָדראַדטשיק) פיר די אַרמעע און אַ ספּעקולאַנט אין גיטער, און האָט דערביי געמאַכט אַ גרויסען רייכטום, אַזוי דאָס ער איז געוועזען אין שטאַנד צו פיהרען אין פּאַריז אַ זעהר רייכעס הויז, וועלכעס איז געוואָרען דער מיטעלפּונקט פון דער פאָרנעהמער וועלט.

אַלס דענקער און פילאָזאָף איז וואָלטעיר ניט אָריגינעל. ער איז ניט העכער מיט זיינע אָנשויאונגען פון די ענגלישע דעאיסטען, און האָט אויך ניט אויפגעשטעלט קיין דורכגעפיהרטעס סיסטעם. אָבער דערפאַר איז ער אַ גלענצענדער געגנער פון דער קירכע און אַלע אַנדערע פערעלטערטע אינ־סטיטוציאָנען. קיינמאָל האָט אַ גרויסער גייסט ניט געפייערט אַזעלכע טרי־אומפען ווי וואָלטעיר, ווען ער האָט צוגעצויגען די פערשיידענע אינסטיטוציאָ־נען צום ריכטער־שטוהל פון זיין קריטיק. פון זיין פייערדיגער קריטיק זיי־נען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַש אַלע גרעסטע געביידעס פון די אַלטע אינסטיטוציאָנען; זיין שפּאָטענדער געלעכטער, וואָס ער האָט אויסגעשאָסען אויף די רואינען (חורבות) פון די טעמפּלען פון דומהייט און אַבערגלויבען, האָט אויך ערוועקט שפּאָט און פעראַכטונג אין דער געזעלשאַפט. זאָגאַר אין זאַכען, וואו דער סענטימענט איז געוועזען געגען וואָלטעיר, האָט ער מיט זיין וויץ אַזוי פערבלענדעט די לעזער און צוהערער, דאָס זיי האָבען איהם געמוזט געבען דעם לאָרבער־קראַנץ פון זיג. זיינע פיינד בעשולדיגען איהם, דאָס ער איז אין זיין קריטיק ניט געוועזען ערנסט. אָבער דאָס איז פאַלש. וואָלטעיר האָט בעוויזען אין זעהר פיעלע שטעלען, דאָס ער האָט געמיינט ערנסט אויסצוראָטען דאָס קריסטענטום און פערניכטען די קירכע.

זיין אָפּהאַנדלונג איבער דעם אורשפּרונג פון דער אונגלייכהייט צווישען מענשען.

„דער ערסטער", זאָגט ער, „וועלכער האָט אַרומגעצאַמט אַ געוויסעס שטיק גרונד און האָט געזאָגט: „דיזעס איז מיין", און האָט געפונען נאַרען, וואָס האָבען איהם דאָס געגלויבט, דיזער איז געוועזן דער וואַהרער גרינדער פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט. וויפיעל פערברעכענס, וויפיעל קריג און מערדערייען, וויפיעל עלענד עס וואָלט פערהיט דער מענשהייט ווען אַ מאַן וואָלט דאַמאָלס צובראָכען דעם צאַם, פערשאָטען דעם גראָבען, וואָס צאַמען אַרום דעם פּלאַץ פון ערסטען רויבער און וואָלט צוגערופען זיינע מיטמענשען און זאָגען צו זיי: גלויבט ניט דיזען רויבער, דיזען בעטריגער, איהר זייט אַלע פערלאָרען, ווען איהר וועט איהם גלויבען, ווען איהר וועט פערגעסען, דאָס די פרוכט געהערט צו אַלעמען און די ערד צו קיינעם ניט".

אין דיזע עטליכע ווערטער האָט רוססאָ אַרויסגעזאָגט קלאָר זיין מיינונג וועגען די בעציהונגען צווישען אייגענטום און דער געזעלשאַפט. ער ווייזט גאַנץ קלאָר, ווי דורך דעם בעגריף פון אייגענטום איז געוואָרען פערניכטעט און צושטערט די אורשפּרינגליכע גלייכהייט פון מענשען, ווי דאָס האָט געפיהרט צו אַ שרעקליכען קאַמף צווישען דעם רעכט פון פויסט (ברוטאַלע קראַפט) און דעם רעכט פון בעזיץ (אייגענטום), און ווי די אַלע רייסעריען האָבען געפיהרט דערצו, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערען אַ שטאַאַט מיט בעשטימטע געזעצען וועגען מיין און דיין, אָדער וועגען דעם רעכט פון אייגענטום.

הגם דיזע אידעען זיינען געשיכטליך פאַלש, האָבען זיי דאָך געהאַט אַ געוואַלדיגען איינפלוס אויף די גייסטער פון יענער צייט. דיזע אידעען האָבען צוגענומען פון דער הערשענדער קלאַס איהר גאַנצע אויטאָריטעט, ווייל מען האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף רויבער, וועלכע האָבען געמאַכט געזעצען אום גערעכט צו מאַכען זייערע רויבערייען און אונגערעכטיגקייטען.

דיזע געדאַנקען ציהען זיך ווי אַ רויטער פאָדים דורך אַלע זיינע ווערק. אין זיין בוך „דער קאָנטראַקט פון דער געזעלשאַפט", וועלכעס איז בעקאַנט אַלס די ביבעל פון דער נייער דעמאָקראַטיע (פאָלקס־הערשאַפט), גיט איבער רוססאָ די הויפּט־הערשאַפט דעם פאָלק זעלבסט. דאָס פאָלק אַליין האָט דאָס רעכט צו פערפאַסען געזעצען, וועלכע עס געפינט פיר גוט און ניצליך, און די מאַכט, וואָס גיט אַכטונג, דאָס די געזעצען זאָלען פּינקטליך אויסגעאיבט ווערען, ווירקט נאָר אין נאָמען פון פאָלק. אָבער ניט פאָלקס־פערטרעטער זאָלען מאַכען געזעצען, נאָר דאָס פאָלק זעלבסט, אין זיינע

דער בוים פון וויסענשאַפט (עץ הדעת), זאָגט רוססאָ, האָט געבראַכט דעם מענשען טויט און פערדערבען (כי ביום אכלך ממנו מות תמות).

„וואָס זאָל מען יעצט טאָן?" פרעגט רוססאָ, „זאָל מען צושטערען די געזעלשאַפט, פערניכטען די פּרינציפּען פון מיין און דיין און צוריקקעהרען זיך אין די וועלדער אום צו לעבען מיט די בערען?" ער ווענדט זיך צו די יעניגע, צו וועלכע די הימלישע שטימע איז ניט דערגאַנגען, צו די פּערדאָר-בענע הערצער, וועלכע זוכען צו לעבען אַ גוטען טאָג אין דער קורצער צייט



וואָלטעיר.

פון זייער עקסיסטענץ, און זאָגט צו זיי: „קעהרט זיך צוריק צו דער אַל-טער אונשולד; דאָס ליגט אין אייער מאַכט צו טאָן. געהט אין די וועל-דער, אום איהר זאָלט פערגעסען אָן די פערברעכענס פון דער נייער צייט, און האָט קיין מורא ניט, דאָס איהר וועט ערנידריגען די מענשהייט, ווען איהר וועט זיך ענטזאַגען פון אייער הולטייסקען לעבען".

דיזע קריטיק פון רוססאָ איז דער געשריי פון אַ טיף פערוואונדעטער זעעלע; בעזונדערס גירט רוססאָ אויס זיין צאָרן אויף די געזעלשאַפט אין

אין זיין ראָמאַן „עמילע“ קריטיקירט ער שאַרף די ערציהונגס־פאָרמע און די אַרט פון אונטערריכט אין זיין צייט. אויך די רעליגיאָן, ווי זי איז דאַמאָלס געוואָרען געלעהרט און פערשטאַנען, ווערט פון איהם אין דיזען ראָמאַן שטאַרק אָנגעגריפען. זיין אָנגריף האָט אויפגערייצט געגען איהם אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט. די קאַטאָליקען, פּראָטעסטאַנטען און זאָגאַר פרייגייסטיגע סאָפיסטען האָבען אויפגעהויבען געגען איהם אַ געוואַלד. דער פראַנצויזישער פּאַרלאַמענט האָט געאָרדענט, אַז מען זאָל דאָס ווערק פערברענען; רוססאָ זעלבסט האָט געמוזט ענטלויפען פון פּאַריז אין זשע-נעוואַ (שווייץ), אָבער נאָך איניגע וואַנדערונגען האָט ער זיך דאָך צוריקגע-קעהרט נאָך פראַנקרייך. מען האָט איהם ערלויבט צוריקצוקומען מיט דער בעדינגונג, אַז ער זאָל מעהר ניט שרייבען געגען דער רעליגיאָן און דער רע-גירונג. די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער געמוזט פערברייננגען אין טרויעריגער איינזאַמקייט און אונטעטיגקייט.

אָבער נאָך פיעל מעהר ראַדיקאַל זיינען געווען די ע נ צ י ק ל אָ פּ ע-ד י ס ט ע ן. דאָס זיינען געווען אַ גאַנצע קלאַס שריפטשטעלער, וועלכע האָבען גענומען אָנטייל אין דער פערפאַסונג און צוזאַמענשטעלונג פון דער בעריהמטער פראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע פון פרייזיניגע אַרטיקלען פול מיט רעוואָלוציאָנערע טענדענצען. די הויפּט־מיטאַרבייטער פון דיזער ענ-ציקלאָפּעדיע זיינען געווען ד י ד ע ר אָ (1713—1784) און ד׳אַ ל ע מ-ב ע ר ט (1717—1783). דידעראָ איז געווען אַן ענערגישער פּאָרקעמפּפער פון דעם מאָדערנעם מאַטעריאַליזם. נאָך זיין טהעאָריע זיינען זעעלע און גייסט אויך נאָר פּראָדוקטען פון שטאָף, און די בעגריפען פון ווילענס־פריי-הייט (בחירה חפשית), אונשטערבליכקייט און גאָט — זיינען נאָר בילדער, וועלכע די פאַנטאַזיע האָט בעשאַפען.

מעהר מאַטעריאַליסטיש פון אַלע אַנדערע זיינען די ווערק פון ז ש ו-ל י ע ן אָ פ פ ר ע י ד ע ל אַ מ ע ט ט ר י ע (1709—1751) און ד י ע ט ר י ך פ אָ ן ה אָ ל ב אַ ך (1723—1784). דער ערסטער האָט גע-שריבען די בעריהמטע ווערק „דער מענש איז אַ מאַשין“ און „די נאַטור־געשיכטע פון דער זעעלע“. אין דיזעביידע ווערק דריקט ער אויס יענעם נאַאיווען מאַטעריאַליזם, וועלכער בעטראַכט דאָס גייסטיגע אַלס רעזולטאַט פון בעוועגונג. דער איינציגער צוועק פון דאַזיין (עקסיסטענץ) איז די זינ-ליכע לוסט (דער פערגניגען פון די חושים) — דאָס איז די זיטען־לעהרע פון דיזער פילאָזאָפיע. האָלבאַך האָט געשריבען דאָס בעקאַנטע בוך „דאָס סיסטעם פון דער נאַטור“. דיזעס בוך איז געווען דאָס הויפּט־ווערק פיר די

פעריאָדישע פערזאַמלונגען פון אַלע בירגער. דעריבער איז רוססאָ געווען אזוי פייערדיג בעגייסטערט פיר די פריי־שטאַאטען און רעפובליקען פון דעם אַלטערטום. אָבער אין דעם ליגט דער געשיכטליכער פעהלער פון רוססאָ. ער האָט ניט בעטראַכט, דאָס די דעמאָקראַטיע פון דער אַלטער וועלט (ביי די גריכען) איז נאָר געווען אַ דעמאָקראַטיע פון אַ הייפעל, אַ קליינע צאָהל פון פרייע בירגער, וועלכע האָט געהאַט אונטער איהר הערשאַפט די גרויסע צאָהל שקלאַפען און אַנדערע רעכטלאָזע מענשען, וועלכע האָבען אויסגע-מאַכט די מעהרהייט.

רוססאָ גיט דעם פאָלק, ווען די הערשאַפט זאָל איבערגעהן אין זיינע הענט, דאָס רעכט איבער די גיטער פון די בירגער, די מיטגלידער פון פאָלק.

זשאַן זשאַק רוססאָ.

ער האָט גע׳חלום׳ט וועגען אַ גלייכהייט פון פערמעגען, און דעריבער האָט ער פאָרגעשלאָגען צו פערפאַסען געזעצען, וועלכע זאָלען מאַכען אונמעגליך דעם געברויך פון לוקסוס־זאַכען, און וועלכע זאָלען מאַכען אונמעגליך פיר איין פערזאָן אָנצוזאַמלען גרויסע רייכטימער. זיין סיסטעם איז אַלזאָ גע-ווען אַ קאָמפּראָמיס צווישען צוויי פערשיידענע געגענזייטיגע סיסטעמען: צווישען קאָמוניזם און אייגענטום. ווי עס שיינט האָט ער געגלויבט, דאָס עס איז מעגליך, ניט אָפּשאַפענדיג דאָס אייגענטום, צו ברייננגען אַלע זאַכען אויף דער שטופע פון גלייכהייט דורך געוויסע געזעצען, איבערהויפּט דורך אגראַר־געזעצען (וועגען גרונד־אייגענטום).

סעבאסטיאַן באַך די לוטהעראַנישע קירכען־מוזיק. באַך איז גע-באָרען געוואָרען אין 1685 אין אייזנאַך, און איז געשטאָרבען אין 1750 אין לייפּציג. באַך איז געוועזן דער גרעסטער פערטרעטער פון אַן ערהאַבענעם עדעלען קירכען־סטיל. זיינע ווערק האָבען נאָך היינטיגען טאָג אַ גרויסען ווערט. זיי צייכנען זיך אויס מיט דער טיפקייט פון סענטימענט, מיט דער פיינהייט פון כאַראַקטעריסטיק און מיט זיינע מוזיק־שטיקער פיר אָרגעל און קלאַוויר. די לעצטע זיינען אונאיבערטרעפליך. באַך'ס ווערק זיינען פיעל מעהר ווי היסטאָרישע דאָקומענטען. זיי האָבען ערסט אין אונזערע צייטען אָנגעפאַנגען צו גילטען. מיר קענען מיט רעכט בעהויפּטען, דאָס אין 18טען יאָהרהונדערט האָבען איהם פערשטאַנען און געעהרט נאָר די קענער, און אין 19טען יאָהרהונדערט איז ער געבאָרען געוואָרען פיר דאָס פאָלק און איז געוואָרען זיין ליבלינג.

אַ צייט־גענאָסע פון באַך איז געאָרג פריעדריך האֶנדעל (1685—1759). דיזער איז אויף דעם געביט פון אָראַטאָריאָס דורך די אָריגינאַליטעט פון זיין קראַפט און זיין ערהאַבענהייט געבליבען אַ מוסטער, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכען. זעהר בעריהמט זיינען זיינע אָפּעראָס דורך די פולהייט פון די שענסטע געזענג. איבערהויפּט האָט איהם פער-שאַפט בעריהמטהייט זיין ווערק „מעססיאַס" (משיח). אין דיזען ווערק שטעלט ער פאָר מיט מוזיקאַלישע טענער דאָס לעבען און ליידען פון קרים-טוס אין אַ זעהר רוהיגער ערהאַבענהייט. אין זיינע אַנדערע ווערק איז ער דער בעגייסטערטער אָנזאָגער פון דער פ יהייט, בעלעבט פון דעם גייסט, וואָס האָט געוועהט אין זיין צווייטער היימאַט, אין דער שטאָלצער און פרייער ענגלאַנד. ריין קירכליכ:ס האָט ער ווייניג געשאַפען. דאָך איז עס אימער אַזוי בעדייטענד, דאָס ער מוז בעטראַכט ווערען אַלס דער לעצטער פערטרעטער פון קירכליכער מוזיק. נאָך איהם און באַך'ן איז דיזער סאָרט מוזיק געוואָרען פלאַכער און פלאַכער.

נאָך באַך'ס טויט איז די דייטשע טאָנקונסט געוואָרען מעהר און מעהר בעהערשענד און איז אַרויס אין פאָרדערגרונד. איבערהויפּט האָבען זיך די דייטשע מוזיקער אויסגעצייכענט מיט זייער אינסטרומענטאַלער מוזיק, אָבער אין קונסט־געזאַנג זיינען זיי געשטאַנען צוריק. כריסטאָף ריטטער פאָן גלוק (1714—1787), וועלכער האָט געלעבט אין פּאַריז, איז געוועזן דער ערסטער דייטש, וואָס האָט געגרינדעט די קלאַסישע אָפּעראַ־מוזיק. קינסטלערישע וואָהרהייט, גרויסקייט און עדעלקייט פון געזינונג, ריינע און ערנסטע זעעלען־שענהייט זיינען גלוק'ס מעלות. זיינע מוזיק־דראַמאַס האָ-

רעוואָלוציאָנערען. אין דיזען בוך ווערט די מאַטעריע בעטראַכט אַלס דאָס איינציגעווירקליכע, וועלכע ברייננגט ארוים אַלע פאָרמעס און אייגענשאַפטען פון די זאַכען. די אורזאַכען פון אַלע ערשיינונגען זיינען די אָנציהונגס-קראַפט און די אָפּשויסונגס-קראַפט, וועלכע זיינען אויסגעדריקט אין מענשען אין ליבע און האַס. די טוגענד (גוטע מדות) איז נאָר אַ בעפרידיגונג פון זעלבסט-ליבע.

זעהר שטאַרק רעוואָלוציאָנער איז דער דראַמאַטיקער קאַראָן דע באָמאַרשעי (1732—1799). ער איז דער דיכטער פון דער בעריהמ-טער „האָכצייט פון פיגאַראָ". אין דיזען ווערק פערשפּאָטעט דער פערפאַ-סער מיט גלענצענדען גייסט און שאַרפען וויץ די גרויסע הערען פון זיין צייט, וועלכע האָבען אין זייער גאַנצען לעבען נאָר געגעבען זיך די מיה גע-באָרען צו ווערען. אין אַ שפּאַסהאַפטען טאָן פאָדערן די פערזאָנען פון די-זער דראַמאַ פיר מענשען מיט גרויסע גייסטער גלייכע רעכטען מיט יחסנים און רייכע לייט. דאָך איז די געזעלשאַפט געווען אַזוי פערבלענדט, דאָס זיי האָבען אויפגענומען דיזע פאָרשטעלונג מיט גרויס בייפאַל און הילכענדע אַפּלאָדיסמענטען, נאָר ווייל דער וויץ האָט זיי געקיצעלט. זאָגאַר אין הויף איז דיזע דראַמאַ פאָרגעשטעלט געוואָרען און די קעניגין מאַריאַ אַנטואַנעט-טע זעלבסט האָט געשפּילט אַ ראָלע אין דיזער פאָרשטעלונג. דאָס איז גע-ווען אין יאָהר 1785 — און עטליכע יאָהר שפּעטער?

די געזעלשאַפט האָט געטאַנצט אויף אַ וואולקאַן. די געזעלשאַפט געלאַכט און האָט ניט געזעהען, ווי פראַנקרייך פאָדערט טיפשניידענדע רע-פאָרמעס, ווי דער גייסט פון די בירגער ווערט מעהר און מעהר עמפּערט, ווי די בירגער הויבען זייער קאָפּ העכער און העכער. די העכערע געזעל-שאַפט איז געווען צו קורצזיכטיג און האָט ניט געזעהען, וואָס אַלע האָבען דאַמאַלס געזעהען קלאָר, דאָס עס האַלט ביים אויסבּרעכען אַ שרעקליכער געוויטער און אַ שטורם. די אַריסטאָקראַטיע האָט זיך נאָכגעגעבען אַלערליי פערגניגענס אין דער צייט, ווען די מאַסען אין דרויסען געהען כמעט אונ-טער פון עלענד. אָבער דער טאָג פון ראַכע איז געקומען, און דאָס פּאַראַזי-טישע אַדעל-געזינדעל האָט פערבלוטעט אונטער דעם מעסער פון דער גי-ליאָטינע.

ב. די מוזיק.

די קאַטאָלישע קירכען-מוזיק האָט דערלאַנגט איהר העכסטען פּונקט אין פּאַלעסטרינאַ (איטאַליען). אָבער פיעל העכער האָט געשטעלט יאָהאַן

איבערהויפט איז גרויס די צאָהל פון זיינע ווערק אין פערגלייך מיט זיין קור-
צען לעבען. ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס ער האָט געלעבט אין דחקות, איז
זיין הויכער גייסט און גרויסער זשעני געבליבען אימער קראַפטפול און ליב-
ליך. אַלעס איז אינערליך און אויסערליך האַרמאָניש, איבעראַל זיינען די
געדאַנקען דורכגעפיהרט קלאָר און בעשטימט, דער טאָנזאַץ איז קונסטרייך,
די פאָרמע עדעל און שעֶן. די בעסטע פון זיינע ווערק זיינען: „די ענטפיה-
רונג אויס דעם סעראַיל", „פיגאַראָ", „דאָן זשואַן" און „די צויבער־פלאָטע".
אין דיזער לעצטער האָט די רוה פון זיין קינסטלערישען בעוואוסטזיין דער-
גרייכט די העכסטע שטופע פון פאָלקאָמענהייט. זעהר בעדייטענד זיינען
אויך זיינע אָרקעסטער־ווערק. די דריי גרעסטע סימפאָניען זיינען געשרי-
בען געוואָרען אין אָנדערטהאַלבען מאָנאַטען.

אָבער העכער פון דיזע אַלע קינסטלער שטעהט לודוויג וואַן
בעטהאָווען (1770—1827). ער איז איינער פון די גרעסטע זשע-
ניען פון אַלע צייטען און אַלע פעלקער. „בעטהאָווען האָט ערפילט די אינ-
סטרומענטאַלע מוזיק נאָך איהר אידעאַלער און פאָרמאַלער זייט", זאָגט
דאָממער, „מען האָט נאָך איהם געפּרובּט מאַכען שריט נאָך אַנדערע ריכטונ-
גען, אָבער קיינער האָט זיין הויכקייט ניט דערגרייכט". אין זיינע טאָנדיכ-
טונגען ערשיינט דער גאַנצער אינהאַלט פון לעבען אַלס אַ כאַראַקטער־גע-
מעלדע פון אַן אינדיווידיאום, ווייל ער איז דורכגעגאַנגען דורך זיין אייגענע
ליידענשאַפטליכע זעעלע. קיינער פאַר איהם און נאָך איהם האָט ניט אַרויס-
געגעבען אַזוי קלאָר וואָס ער האָט געדאַכט, געפיהלט, געליטען, וואָס ער האָט
געשטרעבט און וואָס ער האָט דערגרייכט. זיין מוזיקאַלישע שפּראַך איז ער-
הויבענד און רייניגענד. און דיזער זשעניע, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלײי-
כען, האָט געהאַט דעם אונגליקליכען שיקזאַל צו פערלירען זיין געהער (ער
איז געוואָרען טויב). עס איז געוועזען אַ שרעקליכע טראַגעדיע, אַ טראַגעדיע,
צו וועלכער עס איז ניטאָ קיין גלייכען אין די טראַגישע געשיכטעס פון דער
מענשהייט. דאָך ניט אַכטענדיג אויף זיין טויבקייט האָט ער דאַמאָלס גע-
שאַפען זיינע וואונדערבאַרסטע ווערק, איבערהויפט זיינע סימפאָניען, וועלכע
האָבען פאָרגעשטעלט דאָס העכסטע, וואָס די מענשהייט האָט ביז יעצט
אַרויסגעבראַכט אין דער טאָנקונסט. אין דיזע זיינע שאַפונגען איז אַלעס
גרויסאַרטיג: זיי דריקען אויס דעם קאַמף מיט דער מאַכט פון שיקזאַל, דעם
זיג איבער דונקעלע געוואַלטען, די פרייהייט פון קנעכטשאַפט, דעם איבער-
גאַנג פון נאַכט צו ליכט.

בען געהאַט אין פאַריז אויסצושטעהן א האַרטען קאַמף מיט די איטאַליע-נישע אָפּעראַס, וועלכע האָבען דאָרט דאַמאָלס געהערשט, און וועלכע האָבען פערלאָרען מעהר און מעהר אין אינערליכען ווערט. דער וועט־שטרייט האָט זיך געענדיגט מיט א פולען זיג פיר גלוק.

דער אייגענטליכער גרינדער פון דער דייטשער אינסטרומענטאַל־מוזיק איז יאָזעף האַידן (1732—1809). זיינע גרעסטע און וויכטיגסטע ווערק זיינען „די שאָפּפונג" און „די יאַהרעסצייטען". דיזע ווערק האָט ער

מאָצאַרט.

פערפאַסט ווען ער איז שוין געווען אין הויכען עלטער. פיר דיזע ווערק איז ער בעשאָטען געוואָרען אין ענגלאַנד מיט גאָלד און כבוד. דער גרונד־כאַראַקטער פון זיין מוזיק איז די הערצליכסטע קינדליכע לעבענס־פרייד. האַידן האָט געהאַט א זעהר גרויסען און הויערהאַפטען איינפלוס אויף די דייטשע מוזיק.

א זעהר גרויסען רייכטום פון מוזיקאַלישע שאַפּונגען האָט איבערגעלאָ-זען וואָלפגאַנג אַמאַדעאוס מאָצאַרט (1756—1791).

ציאָן און דער הויף זיינען שוין געוואָרען מיד פון דער איינפערמיגקייט פון דעם גלאַנץ, וואָס האָט געהערשט אין הויף. שוין פאַר לודוויג דעם 14טען האָט זיך געבילדעט אַן אָפּאָזיציאָן, און דער הערצאָג פון אָרלעאַנס האָט געבילדעט אין סענט־קלוד אַ פעריין פון פרייע גייסטער, וועלכע זיינען געווען געגנער פון דער שטרענגער עטיקעטע, וואָס איז געווען איינגעפיהרט אין הויף אין ווערסאַיל, און האָבען איינגעפיהרט פרייהייט, אונגעבונדענקייט פון דער שפּראַך און זיטען, און איבערהויפּט זיינען זיי געוואָרען גרויסע געגנער פון דער פערדאָרבענהייט פון די זיטען, וועלכע האָט געהערשט אין הויף אין ווערסאַיל. דער געשמאַק האָט זיך פיעל געענדערט אין ווערסאַיל. די גרויסע צימערן האָבען אָפּגעטראָטען דעם פּלאַץ פיר פערפּוצטע בודואַרען, און דאָס האָט געשטימט מיט די קליינליכערע אידעען און כאַראַקטערען פון די הויפלייט. איבעראַל האָט דאָס אַנגענעהמע פערטרעטען דעם פּלאַץ פון גרויסער און ערנסטער שענהייט.

וואָס אַנבעטרעפט די אַרכיטעקטור ספּעציעל, זיינען די גרויסעווירדיגע פערצירונגען אָפּגעשאַפט געוואָרען, און אָנשטאָט זיי זיינען אַריין אין געברויך אַלערהאַנט האַלז־זאַכען פון לייכטער און געשמאַקפולער אַרט, אין טויזענדער פערשיידענע פאָרמעס. די צימערן זיינען געוואָרען קלענער, דערפאַר איז די דעקאָראַציאָן געוואָרען פיעלפאַכער. פערשיידענע געמעלדעס האָבען געגעבען די צימערן אַ גרויסאַרטיגען שיין. די גראַדע ליניען זיינען פערשוואונדען, און אָנשטאָט זיי זיינען אַריין אין מאָדע אַלערליי געדרעהטע צאַצקעלאַך און פערצירונגען. דיזער סטיל, וועלכער איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען ר אָ ק ק אָ ק אָ, האָט געהערשט אין דער גאַנצער צייט פון דער רעגירונג פון לודוויג דעם 15טען. דער הויפּט־פערטרעטער פון דיזער ריכטונג איז געווען ז ש ע ר מ ע ן ב אָ פּ פ ר אַ נ ד. ל ע ר ו איז געווען איינער פון די געשיקטעסטע דעקאָראַטאָרען פון זיין צייט.

אין דער צווייטער העלפט פון דיזען יאָהרהונדערט איז געוואָרען אַ רעאַקציאָן געגען דעם ראָקאָקאָ־סטיל. מען האָט אָנגעהויבען צוריקגעהן צום אַלטען, אַנטיקען געשמאַק. איבערהויפּט האָט זיך דיזע ריכטונג בעוויזען ביי דער בויאונג פון עפענטליכע געביידעס. דער פּאַנטהעאָן פון ס ו פּ פ ל אָ ט, די מיליטערישע שולע און די ביידע קאָלאָנאַדעס פון קאָנקאָרדיאַ־פּלאַץ פון גאַבריעל, ווי אויך די גאַלערעען פון קעניגליכען פּאַלאַץ פון ל ו ד ו ו י ג, זיינען די מערקווירדיגסטע בנינים פון דיזער עפּאָכע. די קאָלאָנאַדעס פון קאָנקאָרדיאַ־פּלאַץ געהערען צו די שענסטע אַרכיטעקטור־דענקמעלער פון פראַנקרייך. אָבער דער ראָקאָקאָ־סטיל האָט דאָך גע-

בעעטהאָווען האָט גוט געוואוסט זיין ווערט, און דעריבער איז ער גע-וועזן שטאָלץ מיט זיין אידעאַלער גרויסקייט. ער האָט פון קיינעם ניט גע-זוכט קיין כבוד, דאָס האָט ביי איהם קיין ווערט ניט געהאַט. זיין פּערזענ-ליכער פרייהייטס-געפיהל האָט זיך ניט געדעמיטיגט פאַר דעם גרעסטען מעכטיגסטען הערשער.

בעעטהאָווען.

ג. ארכיטעקטור, סקולפּטור און מאַלעריי.

איבער די בילדענדע קונסטען פון יענער צייט איז דאָ וועניג צו זאָגען. דער גרויסער סטיל פון 17טען יאָהרהונדערט איז פערשוואונדען געוואָרען מיט דער מאַיעסטעטישער פּראַכט פון לודוויג דעם 14טען. אָבער די נאַ-

נאָכאַהמונג פון דער כינעזישער אַרבייט. דיזער געשמאַק האָט געהערשט אין פראַנקרייך אין דער גאַנצער צייט פון 18טען יאָהרהונדערט, אונטער לודוויג דעם 15טען און נאָכדעם אונטער לודוויג דעם 16טען, איבערהויפּט צווישען דער רייכער קלאַס. אַ צימער פון אַ רייכען מאַן האָט נאָר דאַן געהייסען רייך פּערפּוצט און פּאָלקאָמען, ווען עס האָט זיך אין איהם געפּונען די כינעזישע לאַק-אַרבייט, דער גלאַנץ פון די עמאַליען, די פּראַכט און האַרמאָניע פון די פאַרבען פון ווייטען אָריענט. די רייכע פלעגען אויסגעבען גרויסע סומעס געלט אום זיי זאָלען קענען שטאָלצירען, דאָס זייערע צימערן זיינען פּערפּוצט אין געשמאַק פון דעם הימלישען רייך (כינאַ). די טייערע געשיר, אין וועלכע מען האָט דערלאַנגט שפּייז צום טיש פון דער קעניגין מאַריאַ אַנטואַנעטטע און קאַרדינאַל ראָהאַן, זיינען פאַבריצירט געוואָרען אין כינאַ, און דיזע האָבען זיך גערעכענט פון די גרעסטע רייכטימער און אייראָפּעאישע אַנטיקען. און דאָך האָט מען גערעכענט די שעפער פון דיזע קונסטווערק אַלס לעכערליכע בעשעפעניסען, וועלכע האָבען ניט קיין רעכט צוגערעכענט צו ווערען צו דער מענשליכער פאַמיליע. דער זעלבער אַ:רטייל הערשט נאָך עד היום אין אייראָפּאַ אין בעצוג אויף די כינעזער.

הערשט אין די אינערע דעקאָראַציאָנען די גאַנצע צייט, וואָס לודוויג דער 15טער און זיינע מעטרעסעס האָבען רעגירט.

אויך אין דער סקולפּטור זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען. זי איז געווען שען, אָבער ניט קרעפטיג. דאָס זעלבע איז געשעהען מיט דער מאַלער־קונסט. לעמואן, דער בעריהמטער שעפער פון דעם הערקולעס־פּלאַפאָנד אין ווערסאיל, איז געווען אַ זעהר פיינער היסטאָריע־מאַלער, און וואַטטאָ האָט בעוויזען אין זשאַנר פיעל גייסט און גרויסע שוואונג־קראַפט. אָבער דער ריכטיגער טיפּ פון 18טען יאָהרהונדערט איז פראַנסואַ בושער, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין לייכטקייט, גראַציע און ציערעריי. אורטיילענדיג נאָך די פאַנטאַסטישע פאַרבען פון זיין הימעל, פון זיינע בוימער און זיין וואַסער קען מען איהם רעכנען נאָר פיר אַ מאַלער פון ציער־געגענשטאַנדען. אָבער וואָס פיר אַ לעבהאַפטיגקייט, וואָס פיר אַ חן עס צייגען אַרויס זיינע פּאַסטוכשע סצענעס.

עס איז דאַמאָלס געווען די עפּאָכע, ווען די קליין־מאַלעריי מיט די קליינע צימערן האָבען טריאומפירט. עס איז כמעט ניט געווען קיין געלעגענהייט צו שאַפען גרויסע געמעלדעס. דער לוקסוס און די שלעכטע זיטען, וועלכע האָבען צוטיילט די פּאַלאַצען אין קליינע ווינקעלאַך, האָבען פערניכטעט די שענע קונסטען. נאָר ווייניגע האָבען זיך געקענט ענטציקען פון דעם הערשענדען איינפלוס אום צו רופען אין לעבען אַן אַנדער ריכטונג. די איבריגע אייראָפּאַ האָט נאָכגעטאָן דעם פראַנצויזישען געשמאַק. איבערהויפּט האָבען דערצו געהאָלפען די אויסשטעלונגען, וואָס פלעגען געמאַכט ווערען זעהר אָפט.

מערקווירדיג איז, דאָס אין יענער צייט האָבען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אַלע דעקאָראַציאָנען די פּראָדוקטען פון דער כינעזישער קונסט־אינדוסטריע. אין 17טען יאָהרהונדערט זיינען צום ערסטען מאָל אָנגעקומען אין פּאַריז כינעזישע לאַק־אַרבייט. דיזע אַרבייט איז געווען איינגעפּאַסט אין קופּער און אין בראָנז, און איז געווען אַריינגעפּאַסט אין די מערקווירדיגע מעבעל פון יענער צייט, און האָבען אַרויסגערופען גרויס בעוואונדערונג. די רייכע וואַזעס פון יענעם אונבעקאַנטען, כמעט פאַבעלהאַפטען לאַנד, זיינען געווען שטאַרק געזוכט און מען האָט פיר זיי געצאָהלט זעהר הויכע פּרייזען. מען איז געווען איבערצייגט, דאָס מען האָט דאָ אַ געשעפט מיט אַרבייט פון קונסט־אינדוסטריע, וועלכע אייראָפּאַ איז ניט אין שטאַנד נאָכצומאַכען. צו ענדע פון יענעם יאָהרהונדערט האָט זיך ענטוויקעלט אין פראַנקרייך אַ געשמאַק פיר די געגענשטענדען, וועלכע זיינען געווען אַ מין

פון שטאַאט, וועהרענד דער צושטאַנד פון די פינאַנצען איז שוין אָהן דעם אויך געווען שלעכט.

נאָך דעם, ווי דער קריג פיר די שפּאַנישע טראָן־ירושה איז געענדיגט געוואָרען, האָט פראַנקרייך געהאַט אַ לענגערע צייט רוה און פרידען. וואָלט די רעגירונג געווען ערטרעגליך, וואָלטען די נאָכוועהען פון דעם לאַנגען קאַמף לייכט בעזייטיגט געוואָרען. אָנפאַנג האָט זיך די רעגירונג ווירקליך גענומען עטוואָס צו טאָן אום צו פערבעסערן דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון פאָלק. זי האָט אָנגעהויבען צו פערמינדערן אַ ביסעל די אויסגאַבען, פערקלענערן די שטייערן און צו פערברייטערן מעהר דעם האַנדעל. אָבער דיזע ריכטונג האָט אָנגעהאַלטען נאָר איינעגע מאָנאַטען. די רעגירונג האָט זיך גענומען צו פערערגערן די מינצען, האַנדלען מיט'ן פערקויף פון

פיליפּ פון אָרלעאַנס.

עמטער, צו פערקויפען די שטאַאטס־גיטער, צו בעשולדיגען רייכע אייגענטימער אום צו קאָנפיסקירען זייערע רייכטימער. די רעגירונג האָט געברויכט אַלע אונגערעכטע מיטלען אום צו שאַפען געלט און ניט דערלאָזען, דאָס די רעגירונג זאָל באַנקראָטירען. עס האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפען. די רעגירונג האָט געפּרובּט צו רעטען זיך דורך ספּעקולאַציאָנען. איבערהויפּט האָט געהאַט אַ שלעכטען סוף איהר פערבינדונג מיט דעם שאָטלענדער ל אָ אַ.

דיזער האָט זיך אונטערגענומען צו גרינדען אַ באַנק מיט דער הילף פון דער רעגירונג, מיט דער בעדינגונג, דאָס אַלע איינקונפטען פון דעם לאַנד זאָלען אַריינקומען אין די קאַסע פון דיזער באַנק, און ער האָט זיך פער-

די געשיכטע פֿון פֿראַנקרייך ביז צו די נאַפּאָלעאָנישע קריגען.

א. לודוויג דער 15טער.

ווען לודוויג דער 14טער איז געשטאָרבען איז זיין מדינה ניט געוואָרען קלענער, אָבער עקאָנאָמיש און מאָראַליש איז זי אַרונטערגעזונקען זעהר טיף. דעם דעפֿיציט איז ניט געווען מיט וואָס צו דעקען, די וואונדען, וואָס דער לאַנגער קריג האָט אָנגעמאַכט, זיינען געווען שרעקליך. דאָס פֿאָלק איז געווען פֿעראָרימט, די בעפֿעלקערונג וועניגער, דאָס מיליטער איז נאָר געווען אַ שאָטען קעגען דעם, וואָס עס איז געווען פֿריהער. אין דער געזעלשאַפֿט האָט געהערשט אַ גייסט פֿון אונצופֿרידענהייט, פֿון רעוואָלוציאָן, אויף די עקסיסטירענדע אָרדנונגען האָט מען געקוקט מיט פֿעראַכטונג, די בעאַמטע זיינען געווען פֿעראַכטעט פֿון פֿאָלק. דערצו איז די גאַנצע פֿאַמיליע פֿון לודוויג דעם 14טען אויסגעשטאָרבען, און דער טראָן איז געבליבען פֿיר זיינעם אַן אור־עניקעל, וועלכער איז דאַמאָלס אַלט געווען נאָר 5 יאָהר.

נאָך איידער מען האָט בעערדיגט דעם אַלטען הערשער לודוויג דעם 14טען האָט מען שוין מבטל געווען זיין צוואה און מען האָט איבערגעגעבען די רעגענטשאַפֿט צו זיין פּלעמעניק פֿ י ל י פּ פֿ ו ן אָ ר ל ע אַ נ ס, וועלכען ער האָט שרעקליך געהאַסט. הגם פֿיליפּ איז געווען אַ מאַן מיט אַ הויכען גייסט, האָט ער אָבער בעקומען אַ זעהר שלעכטע ערציהונג אונטער דעם גייסטליכען אַבבע דיובואַ, און ער איז געווען גלייכגילטיג צו אַלע זיטליכע פּרינציפּען. הגם ער האָט ניט געגלויבט אין קיין זאַך, האָט ער זיך געוויזען ווי ער פֿערהייליגט אַלעס, זאָגאַר וואָס עס איז ווערט צו פֿעראַכטען און פֿערדאַמען. ער און זיינע הויפֿלייט האָבען געפֿיהרט אַן אויסגעלאַסענעם לעבען. עס פֿערשטעהט זיך, דאָס אַזאַ סאָרט לעבען האָט געפֿאָדערט גרויסע סומעס געלט און דאָס האָט אויסגעשעפּט אַלע איינקונפֿטען

האָבען געגאָסען פון דיזען גליק און רייכטום, איינער מעהר, איינער וועניגער. עס פערשטעהט זיך, דאָס מיט אַזעלכע לייכטע פערדינסטען איז דער לוקסוס געוואַקסען העכער און העכער. די אָפּערא איז אימער געווען גוט בעזוכט. איהר איינגאַהמע, וועלכע איז געוועהנליך געוועזען נאָר 60,000 ליווערס, איז געשטיגען אין יאָהר 1720 ביז 740,188 ליווערס. דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויך אויסגעגעבען זעהר פיעל געלט אויף צירונג.

שטאָלץ מיט דיזען ערפאָלג האָט לאָא געוואָלט אויפטאָן פיר דאָט לאַנד א נייעס. ער האָט געוואָלט אויפהייבען דעם האַנדעל דורך צאָל־פרייהייט. מיט זיין ראַט האָט דער רעגענט אָרונטערגענומען דעם אָפּצאָהל פון אויל, חלב און קאָרטען און האָט געעפענט די גרענצען פיר געוויסע פרעמדע פּראָדוקטען. עס האָט געשיינט, דאָס פראַנקרייך האָט ערהאַלטען א נייעס לעבען. אָבער עס האָט זיך באַלד בעוויזען, דאָס דיזעס איז נאָר געווען א חלום פון דריי יאָהר.

אין מיטען פון דיזע גליקען האָט זיך לאָא געלאָזט פערפיהרען איבערצונעהמען אויף זיך די פליכט צו בעצאָהלען די שטאַאַטס־שולדען. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס ער האָט זיך פערשווינדעלט מיט נייע אַקציעס, מיט אַן אונגעהייער גרויסער צאָהל קרעדיט־בילעטען, וועלכע האָט דערגרייכט די סומע פון 2,696,400,000 פראַנקס. דערצו האָט דער הויף געשאָטען יעדען טאָג מיט מיליאָנען אויף פּוסטע זאַכען, אַזוי דאָס קיין געלט איז ניט געווען אין שטאַנד אויסצוהאַלטען דעם פינאַנציעלען קריזיס, וואָס איז פאָרגעשטאַנען. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען מורא צו האָבען, דאָס זיינע שטיקלאַך פּאַפּיר האָבען ניט קיין ווערט. מען האָט אָנגעהויבען לויפען אין באַנק אומצובייטען די אַסיגנאַציעס אויף גאָלד אָדער זילבער. עס איז גיך לעדיג געוואָרען אין קאַסע, ווייל אין צירקולאַציאָן זיינען געווען אַסיגנאַציעס אויף מעהר פון 3½ מיליאַרדען פראַנקס. עס איז געוואָרען א שרעקליכע פּאַניק.

די באַנק איז געווען געצוואונגען צו פערקלענערן דעם ווערט פון די אַסיגנאַציעס אויף די העלפט. דאָס האָט אָנגעמאַכט אין לאַנד א שרעקליכען אויפרוהר, און מען האָט געמוזט דיזע פעראָרדנונג צוריקרופען. אין מאָאַנט יולי אָבער האָט די באַנק אין גאַנצען אויפגעהערט צו צאָהלען. דער ווערט פון פּאַפּיר־געלט איז אַזוי אָרונטערגעפאַלען, דאָס מען האָט דערפאַר געקענט בעקומען נאָר א צעהנטעל פון דער נאָמינאַל־סומע, און פיר די אַקציעס, וועלכע די באַנק האָט אַרויסגעגעבען אויף די סומע פון 20,000 ליווערס, האָט מען ניט בעצאָהלט זאָגאר קיין 20 ליווערס. לאָא

פליכטעט צו בעצאָהלען אַלע שטאַאטס־שולדען און פערשאַפען דעם הויף אַלע זיינע אויסגאַבען. אין יאָהר 1716 האָט לאַא ערהאַלטען די ערלויבנים צו עפנען אַ באַנק מיט אַ קאַפּיטאַל פון 6 מיליאָנען. זיין הויפּט־געדאַנק איז געווען, דאָס ווען די רעגירונג וועט אריינשיקען אין דיזע באַנק אַלע איהרע איינקונפטען אין באַארעס געלט, ד. ה. אין גאָלד און זילבער, וועט דיזע באַנק זיין אין שטאַנד ארויסצולאָזען קרעדיט־בילעטען (אסיגנאַציעס) אויף אַ סומע צעהן מאָל מעהר ווי איהר קאַפּיטאַל, ווי עס איז דער פאַל מיט אַ פּריוואַט־באַנק, דאָס זי האָט געוועהנליך אַ קרעדיט ביים פּובלי־קום אויף צעהן מאָל מעהר ווי עס בעטרעפט איהר גרונד־קאַפּיטאַל. ער האָט אָבער פערזעהן איין זאַך — דאָס די גרויסע מאַסע פון די קרעדיט־בילעטען וועלען דאָך אַלע מוזען קומען צוריק אין באַנק מיט דער פאָדע־רונג אויסצוצאָהלען זיי אין מזומן מיט גאָלד אָדער זילבער. ער האָט גע־רעכענט, דאָס מיט דעם פּאַפּיר־געלט וועט ער רייכער מאַכען דאָס לאַנד.

אָנפאַנגס האָט לאַא ווירקליך געהאַט אַן ערפאָלג. דאָס פאָלק האָט בעקומען גרויס צוטרויען צו זיין באַנק און זי איז באַלד פערוואַנדעלט גע־וואָרען אין אַ שטאַאטס־באַנק. דאַן אָבער האָט די רעגירונג אָנגעהויבען ארויסצוגעבען נאָך מעהר פּאַפּיר־געלט. די שטאַאטס־באַנק האָט אָנגע־הויבען צו העלפען דעם האַנדעל און דער אינדוסטריע. עס האָט זיך דאַ־מאָלס געגרינדעט אַן אַקציע־געזעלשאַפט מיט דעם צוועק צו העלפען פער־גרעסערן די קאָלאָניזאַציאָן אין די מיססיססיפּפּי־לענדער אין אַמעריקאַ, וועלכע האָבען דאַמאָלס געהערט צו פראַנקרייך. דיזעס האָט איבערגע־שוועמט דאָס לאַנד מיט אַקציע־פּאַפּירען. אין יאָהר 1719 האָט דיזער שאָטלענדישער באַנקיר איינגעפיהרט אין פראַנקרייך דאָס בערזען־שפּיל, די ספּעקולאַציאָן.

דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו ספּעקולירען. מען האָט זיך געשעצט גליקליך, ווען מען האָט געקראָגען אויף דער בערזע וועלכע עס איז אַקציעס, פיר וועלכע מען האָט געצאָהלט מיט גאָלד אָדער זילבער, הגם דיזע האָבען אין גרונד ניט געהאַט קיין זיכערהייט. צו ענדע פון יאָהר 1719 האָבען די אַקציעס געשטיגען אזוי הויך, דאָס אַן אַקציע, פון וועלכער דער נאָמינאַלער פּרייז איז געווען 500 ליוורעס, איז פערקויפט געוואָרען פיר 20,000 ליוורעס, ווייל די אַקציעס האָבען פערשפּראָכען צו געבען 12 פּראָ־צענט ריווח (דיווידענד). די אַקציעס האָבען געהאַלטען אין איין שטייגען, און יעדער, וואָס האָט געהאַנדעלט דערמיט, האָט געמאַכט גרינגע פערדינס־טען. אַלע האָבען זיך געשעצט איבערגליקליך. אַלע קלאַססען פון פאָלק

מיט אייגענע קרעפטען. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס קאָל־בערט'ס ריזיגע אָנשטרענגונג האָט ניט געבראַכט קיין פרוכט.

אָבער קאָלבערט'ס פּאָליטיק האָט ניט נאָר ניט געבראַכט קיין נוצען, נאָר זי האָט אויך פערשאַפט פיעל שאַדען און אונגליק. די רעגירונג האָט זיך צופיעל געמישט אין אַלע קליינע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען, האָט געמאַכט איבעראַל נייע בעשרענקונגען און געזעצען, וועלכע האָבען גע־שטערט דעם פרייען גאַנג און די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, און דערמיט האָט זי פּאַראַליזירט דעם גאַנצען עסק און האָט איהם געשטערט צו וואַקסען מיט'ן נאַטירליכען וועג.

עס זיינען אַרויס וויכטיגע שריפטשטעלער מיט פּראָטעסטען און בעזאָנדער קריטיק געגען דעם גאַנצען סיסטעם פון קאָלבערטיזם. איינער

לודוויג דער 15טער.

פון די בעדייטענדסטע שריפטשטעלער, וואָס זיינען אַרויס שאַרף געגען די רעגירונג פיר איהר צופיעל מישען זיך אין די געשעפטס־אַנגעלעגענהייטען פון פאָלק, איז געווען פּ י ע ר ר ב ו אַ ג י ל ל ע ב ע ר ט (געשט. 1714). דיזער שריפטשטעלער האָט געווידמעט זיין גאַנצעס לעבען דעם איינציגען צוועק, פאַרצושטעלען די שלעכטע זייט פון לודוויג דעם 14טען'ס רעגירונג און ער האָט זי געשילדערט מיט זעהר שוואַרצע פאַרבען. ער האָט דער ערסטער אַרויסגעצייגט סימפּאַטיע פיר דאָס פאָלק, וועלכע האָט אין 18טען יאָהרהונדערט אָנגעפילט די גאַנצע אַטמאָספערע. בעזונדערס בעריהרט ער די לאַנד־ווירטשאַפט, וועלכע איז געווען אין פראַנקרייך אין אַ זעהר טרויע־

זעלבסט האָט געמוזט ענטלויפען נאָך בריססעל אום צו רעטען זיין לעבען פון דעם אויפגערעגטען פאָלק, און זיין גרויסעס פערמעגען האָט ער איבער-געלאָזען אין פראַנקרייך. ער איז נאָכדעם געשטאָרבען אין ווענעציא אין גרויס אָרימקייט (1729). דאָס זיינע אבזיכטען זיינען געווען עהרליכע, פיר קיין פאַל ניט קיין שווינדלערישע, איז אָהן צווייפעל. עס איז אויך קיין צווייפעל ניט, דאָס ער האָט פריהער פון פיעלע אַנדערע געוואוסט און פערשטאַנען די וויכטיגקייט פון קרעדיט. אָבער די מיליאַרדען, וואָס ער האָט געשאַפען, זיינען נאָר געשטאַנען אויף׳ן פּאַפּיר, אָבער אין דער ווירק-ליכקייט האָבען זיי ניט עקסיסטירט, און דעריבער איז אַלעס געגאַנגען צו גרונד. דער איינציגער רעזולטאַט פון דיזער גרויסער אונטערנעהמונג און דעם פאַלשען רייכטום איז געווען, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך דערוויי׳ל צו-געוועהנט צו לוקסוס און גענוס.

דאָס אויסגעלאַסענע לעבען, וואָס דער רעגענט האָט געפיהרט, האָט איהם געבראַכט פריה אין קבר. איינינע מאָנאַטען שפּעטער, נאָך דעם, ווי זיין ערסטער מיניסטער דיובואַ, זיין פריהערדיגער ערציהער, איז געשטאָר-בען, האָט איהם געטראָפען די אַפּאָפּלעקציע אין דעם צימער פון זיין גע-ליבטער (1723). דאַמאָלס האָט לודוויג דער 15טער אַליין איבערגענומען די רעגירונג. אָן דער שפּיץ פון מיניסטעריום האָט ער געשטעלט דעם הער-צאָג פון בורבאָן־קאָנדע און מיט דריי יאָהר שפּעטער — זיין אַל-טען לעהרער פלאֶרי, א זעהר פערשטענדיגער פּרעלאַט (גייסטליכער).

די רעגירונג פון לודוויג דעם 15טען איז נאָר אַ פּאָרטזעצונג פון לוד-וויג דעם 14טען. פון די געזעצען, וועלכע ער האָט ארויסגעגעבען, איז ווערט צו דערמאָהנען דאָס געזעץ פון יאָהר 1762, וועלכעס האָט ערלויבט אַלעמען צו פּראָדוצירען לייוועַנט, זאַגאַר אזעלכע, וועלכע זיינען ניט געווען אין דער קאָרפּאָראַציאָן פון וועבער. דאָס איז געווען זעהר וויכטיג פיר די בויערן, וועלכע האָבען בעקומען דורך דעם אַ נייע בעשעפטיגונג, צו וועלכער די שטאָדטישע צעכען האָבען זיי פריהער ניט צוגעלאָזען. די איבריגע געזע-צען זיינען אַלע געווען פון איין כאַראַקטער — צו אונטערדריקען די פריי-הייט. זיי זיינען געווען פיעל טיראַנישער פון קאָלבערט׳ס געזעצען.

אין אַלגעמיין איז דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון לאַנד געווען ניט גלענצענד. הגם די רעגירונג האָט געמאַכט ריזיגע אָפּפער צו העלפען ענט-וויקלען די אינדוסטריע, דאָך זיינען די רעזולטאַטען געווען זעהר שוואַכע, ווייל די פאַבריקאַנטען האָבען זיך אַלץ פערלאָזען אויף די הילף און שטיצע פון דער רעגירונג, און האָבען ניט געהאַט די ענערגיע ארויפצוארבייטען זיך

בען זיי פיעל געהאָלפען צו ענטוויקלען דעם געדאַנק, דאָס די עקסיסטירענדע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג מוז פערניכטעט ווערען אום צו מאַכען פּלאַץ פיר אַ נייע אָרגאַניזאַציאָן מיט מעהר גערעכטיגקייט.

די הויפּט־פאָרשטעהער פון דער פיזיאָקראַטישער שולע זיינען געווען: פ ר א נ ס ו א ק וו ע ס נ ע י (קענע) (1694—1774) און ז ש א ן ק ל אָ ד וו י נ ס ע נ ט ה ע ר ר פ ו ן ג ו ר נ ע י (1712—1759). דער ערסטער איז געווען דער פערפאַסער פון דעם ווערק „ווירטשאַפטס־גע־מעלדע" מיט דעם בעריהמטען מאָטטאָ: „אָרימע בויערן, אָרימעס רייך, אָרימער קעניג". דאָס איז געווען דער עיקר, וואָס די פיזיאָקראַטען האָבען געוואָלט בעקאַנט מאַכען דער וועלט; די וועלט אָבער האָט עס ניט גוט פערשטאַנען און איז געווען דערצו גלייכגילטיג. זיי האָבען געזוכט צו בע־ווייזען, דאָס די לאַנד־ווירטשאַפט איז די איינציגע קוועלע פון נאַציאָנאַל־רייכטום, און דערביי האָבען זיי געוויזען די וועגען און די מיטלען, ווי דיזער רייכטום זאָל פערטיילט ווערען גלייך צווישען די פערשיידענע קלאַסען פון פאָלק. איינע פון די בעדינגונגען איז, דאָס די רעגירונג זאָל געבען דעם פאָלק פאָלשטענדיגע פרייהייט אין זיינע עקאָנאָמישע שאַפונגען. זיי ווייזען אויף וואָס פיר אַ שלעכטע פאָלגען עס קומען פון די שטערונגען פון דער נאַטירליכער אָרדנונג.

נאָך אין דער צייט, ווען דער פרידליכער פלאָרי איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון מיניסטעריום, האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען אין הויף די רעגירונג פון די מעטרעסעס. פראַנקרייך האָט אַזאַ אָרדנונג ניט געזעהען ביי זיך אין דער גאַנצער צייט פון איהר געשיכטליכען לעבען. עס האָבען זיך גע־פונען אין הויף מענער ווי בעללעיל, סוביז, דער הערצאָג פון רישעליע און אַנדערע, וועלכע האָבען אָנגעווענדט זייערע קרעפטען צו דערוויטערן דעם קעניג פון זיין פרוי, דער קעניגין, און פערשאַפען איהם פערשיידענע מעט־רעסעס אום צו האָבען דורך זיי אויף איהם און אויף די רעגירונג דעם גע־ווינשטען איינפלוס. אַזוי האָבען זיך אַלע מאָל געביטען די מעטרעסעס ביז ענדליך לענאָרמאַנד ד'עטיאָלעס, שפּעטער בעקאַנט אַלס „מאַרקיזע פון פּאָמ־פּאַדור", האָט געוואוסט ווי צו דערוויטערן אַלע אַנדערע מעטרעסעס, וואָס זיינען איהר געשטאַנען אין וועג, און האָט אַליין בעהערשט דעם קעניג אויף אַ לאַנגע צייט. זי האָט געוואונען דעם גרעסטען איינפלוס איבער'ן קעניג, ווייל זי האָט געוואוסט דורך פערשיידענע אונצעהליגע קליינינקייטען צו מאַכען זיך נעטיג פיר דעם קעניג, און האָט איהם אימער פערשאַפט מיטלען צום צייט־פערטרייב, ווען ער האָט געלאַנגווײַלט. ווען זי איז שוין געוואָרען

ריגען צושטאַנד. נאָך שאַרפער זיינען די אַנשויאונגען פון דעם מאַרשאַל וואָבאַן אין זיינע אָפּהאַנדלונגען איבער פאָלקס־עקאָנאָמיע. ער זעהט אין דער פרייהייט דעם בעסטען ערפאָלג פון עקאָנאָמישער טעטיגקייט. עס מוזען פערשווינדען אַלע בעשרענקונגען אין האַנדעל און אינדוסטריע. איהם האָט זעהר טיף גערירט די טרויעריגע לאַגע פון דער ארבייטער־קלאַס. „דער ציל פון דער רעגירונג דאַרף זיין", זאָגט ער, „צו פערשאַפען וואויל־שטאַנד פיר אַלע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג. מען מוז ניט פערגע־סען, דאָס די נידערע קלאַס, וועלכע ווערט אַזוי פעראַכטעט און שלעכט בע־האַנדעלט, בילדעט דעם פונדאַמענט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט".

א היבשע צייט שפּעטער איז אויפגעשטאַנען אַ גרופּע דענקער, וועלכע זיינען געווען זעהר פיינדליך צום האַנדעל־סיסטעם אין אַלגעמיין; זיי האָ־בען שאַרף קריטיקירט די פריהערדיגע פּאָליטישע עקאָנאָמיע. דיזע דענ־קער זיינען געווען די אַזוי־גענאַנטע „פיזיאָקראַטען", וועלכע מיר האָבען שוין פריהער דערמאָהנט. זיי האָבען בעטראַכט די רעגירונג אַלס אַ צרה, אָהן וועלכער מען קען ניט אויסקומען. דער פּאַרלאַמענט, אָדער די מאַכט, וואָס דאָס פאָלק זעצט, זאָל איבערהויפּט אַכטונג געבען, דאָס די רעגירונג זאָל ניט אָפּנעהמען אָדער פערשמעלערן די רעכטען פון די אינדיווידואומס, פון די איינצעלנע מענשען. די אַרבייט מוז געהיט ווערען פון שטערונגען אָדער בעשרענקונגען, און דער אַרבייטער זאָל אַליין און אין גאַנצען גע־ניסען די פרוכט פון זיין אַרבייט. יעדער בירגער זאָל האָבען פולעס רעכט אויסצונוצען זיין אַרבייטס־קראַפט וויפיעל ער וויל און קען. קיין מאָנאָ־פּאָל, קיין פּריווילעגיע טאָר ניט געגעבען ווערען צו ווער עס איז, ווייל דורך דעם ווערט גערויבט די פרייהייט פון פיעלע אַנדערע. די רעגירונגען מוזען געבען יעדען בירגער פולע, אונבעשרענקטע פרייהייט אין האַנדעל און פולע אונבעשרענקטע פרייהייט צו בעוועגען זיך.

וועגען דעם איינזייטיגען ווערט, וואָס די פיזיאָקראַטען האָבען צוגע־שריבען צו דער לאַנד־ווירטשאַפט, האָבען מיר שוין פריהער גערעדט. אָבער דיזע אידעען האָבען יעדענפאַלס קיין בעזונדערען איינפלוס ניט געהאַט. דער פערדינסט פון דיזער שולע בעשטעהט הויפּטזעכליך דערין, וואָס זי האָט געווירקט צו שאַפען פרייהייט פיר די עקאָנאָמישע טעטיגקייט, און אין דעם, וואָס זי האָט אָנגעצייגט אויף די פעהלערן פון דער עקסיסטירענדער רעגירונג. די הויפּט־שטרעבונג פון די פיזיאָקראַטען איז געווען צו בעווייזען, דאָס יעדער אינדיווידיאום האָט אַ פולעס רעכט צו שטעלען זיך געגען דער רעגירונג, ווען זי וויל שמעלערן זיינע רעכטען. מיט דיזע אידעען האָ־

די מאדאם פאמפאדור און דער מיניסטער בערניס, א קארדי-נאל, האבען געהאט א גרויסען איינפלוס אויף די אויסלענדישע פאליטיק פון פראנקרייך. זיי האבען דורכגעפיהרט דעם בונד צווישען פראנקרייך און עסטרייך; צוליב דעם האט פראנקרייך געמוזט העלפען עסטרייך צו אונטערדריקען פרייסען, און דאס האט געפיהרט דערצו, דאס פראנקרייך האט פערלארען איהר איינפלוס אויף די קאלאניעס, וואס זי האט געהאט אין אמעריקא.

דאס אויסגעלאסענע לעבען פון הויף האט געפיהרט צו פערגרעסערן מעהר און מעהר די שטייערן און די אפגאבען פון פאלק. עס האבען זיך זעהר אפט געביטען די פינאנץ־מיניסטארען; מען האט אלץ געזוכט א מאן, וואס זאל קענען געפינען מיטלען, ווי צו שאפען די אונגעהייערע סומעס, וואס דער הויף האט געהאט נעטיג אויף זיינע פערשווענדערישע אויסגאבען. דער שטאאט האט געהאלטען ביים באנקראטירען. דער עסטרייכישער קריג פיר די ירושה פון טראן האט פערגרעסערט די שולדען פון פראנקרייך אויף 1,192 מיליאנען ליווערעס מעהר ווי פריהער. מען האט ניט געקענט געפי-נען קיין מיטלען צו דעקען די אונגעהייערע סומעס, וואס דער 7־יעהריגער קריג האט געקאסט. די קלאגען איבער דעם טרויעריגען צושטאנד פון די פינאנצען זיינען געווען אזוי אלגעמיין, דאס דער קעניג האט פערבא-טען זאגאר צו שרייבען וועגען דעם. עס איז געווען געפעהרליך פיר וועל-כען עס איז בעאמטען צו וועלען וויסען דעם צושטאנד פון די פינאנצען. האט א בעאמטער געפרובט מאכען א פארשלאג צו פערקלענערן די אויס-גאבען, האט ער ארויפגעצויגען אויף זיך דעם צארן פון הויף. האט איינער געראטען איינצופיהרען גלייכע שטייערן פיר אלע קלאסען, זיינען געגען איהם ארויס דער פארלאמענט, די גייסטליכקייט און דער אדעל.

אין דיזען צושטאנד האט זיך געפונען פראנקרייך ווען טעררעי איז אין יאהר 1770 געווארען גענעראל־קאנטראליער איבער די פינאנצען אין לאנד. ער האט זיך גענומען צו גוואלדטעטיגע מיטלען, ניט אכטענדיג אויף וועלכע עס איז געזעצען. ער האט אויפגעהערט צו צאהלען די שולדען פון דער שולדען־קאסע, ער האט פערקלענערט די פענסיאנען, און האט גע-שאפען א שטייער פון געהאלטען. אבער די, וואס האבען גענומען גרויסע געהאלטען, זיינען געווען פריי פון דיזער שטייער, די גאנצע לאסט איז גע-פאלען אויף די בעאמטע, וואס האבען גענומען קליינע געהאלטען. אלע קאפיטאלען, וועלכע האבען בעדארפט אין צייט פון פיער יאהר איינגע-צאהלט ווערען צו וועלכען עס איז שטאנד, קערפערשאפט, שטאדט, גע-

עלטער און איהר שענהייט איז אַרונטער האָט זי געפונען אַן אַנדער וועג ווי צו בעהערשען דעם קעניג: זי האָט איהם פערשאַפט אַנדערע מעטרעסעס און האָט דורך זיי פאָרטגעזעצט אויף איהם איהר איינפלוס.

הגם דער הויף האָט איהר אימער געשטערט אין איהרע פּלענער, האָט די מארקיזע פון פּאָמפּאַדור דאָך געוואוסט ווי צו שפּילען איהר ראָלע, אַזוי דאָס די קעניגין האָט זי עמפּאַנגען און האָט זי שפּעטער אויפגענומען צווישען איהרע הויף-דאַמען. דער גאַנצער הויף, וואָס האָט זיך געפיהלט בעליידיגט צו מוזען זיין אונטערטעניג צו פּאָמפּאַדור, איז געווען געצוואונגען צו קריכען אויף אַלע פיער, אום צו ערווערבען איהר גונסט. פּרינצען זיינען געווען צופרידען ווען זי האָט זיי אויפגענומען זיצענדיג און זיך ניט אויפגעשטעלט פאַר זיי. נאָר דער פּרינץ פון קאָנטי האָט זי בעהאַנדעלט קאַלט, און דער דאָפין (קרוין-פּרינץ) האָט אַמאָל אַרויסגעשטעקט דעם צונג בשעת ער האָט זי געקוסט אין באַק. אָבער ניט אַכטענדיג אויף איהר גאַנצע מאַכט, אויף איהר רייכטום, אויף אַלע שמייכלערייען, וואָס זי האָט איבעראַל בעגעגענט, איז זי דאָך געווען אַזוי וועניג גליקליך, ווי די פערשטויסענע קעניגין. זי איז אימער געווען אין שרעק אַריינצופאַלען אין די נעצען, וואָס מען האָט איהר אונטערגעשטעלט פון אַלע זייטען. נאָך מעהר פערצווייפעלט איז זי געוואָרען ווען זי האָט בעמערקט, דאָס עס קומט אָן אויף איהר די אַלטקייט; עס איז איהר זאָגאַר געוואָרען איבערדריסיג די קעניגליכע גונסט. זי האָט אַמאָל געשריבען: „מיין טרויעריגקייט ווערט אימער שטאַרקער. איך האָב מאָמענטען, ווען אַלץ איז מיר גלייכגילטיג. מיט דער מאַדאַם דע מענטענאָן (די קעניגין) פיהל איך, דאָס אין יעדער לאַגע פון לעבען געפינט זיך אַ פירכטערליכע לעערקייט. מיינע ליידען ווערען נאָך גרעסער דערפון, וואָס איך מוז אָפט זיין פרעהליך ווען מיין הארץ איז פול מיט טרויער. איך האָב גלענצענדע פּאַלאַצען, די טייערסטע קליידער, די שענסטע צירונג אין גאַנץ אייראָפּאַ, אָבער דאָס אַלעס האָט מיך ניט געמאַכט גליקליך אויף אַ האָאָר. איך מוז אָנווענדען אַלעס, וואָס די קליגסטע קונסט קען געבען, אום צו צושטרייען דעם קעניג'ס שווערמוט. ענדליך אָבער ניצט זיך אַלעס אָפּ".

די מאַדאַם פּאָמפּאַדור איז געשטאָרבען אין יאָהר 1764. איהר מאַן, פון וועלכען זי איז ניט געווען געשידען, האָט ניט געוואָלט געניסען פון איהר אונגעהייערען רייכטום, וועלכער האָט איהם געקאָסט אַזוי פיעל שמערץ און טרערען. אַ גאַנצען יאָהר האָט געדויערט דער פערקויף פון איהרע רייכטימער פער אויקציאָן.

דאָס גאַנצע לעבען און שאַפען אין פראַנקרייך פון יענער צייט איז געווען אונטער דער קאָנטראָל פון דער רעגירונג. עס איז אין ערגעץ ניט געווען צו בעמערקען קיין שיין פון זעלבשטענדיגקייט. פון די וויכטיגסטע פראַגען פון אויסלענדישער פּאָליטיק ביז די קלענסטע אַנגעלעגענהייט פון דעם דאָרפישען בירגערמייסטער — אַלעם האָט קאָנטראָלירט די רעגירונג. די גאַנצע פערוואַלטונג פון די פּראָווינצען האָט זיך געפונען אין די הענט פון די *אינטענדאַנטען*. זיי זיינען געווען וויצע-קעניגען אין פולען זין פון וואָרט. די *גובערנאַטאָרען*, וועלכע זיינען געווען איבער זיי, האָבען געהאַט אין זייערע הענט נאָר די מיליטערישע מאַכט, אָבער אין פערוואַלטונג האָבען זיי זיך ניט געטאָרט מישען. די גובערנאַטאָרען זיינען געווען פון דעם אַדעל, די אינטענדאַנטען אָבער זיינען גענומען געוואָרען פון דער מיטעלער קלאַס, פון בעאַמטע, וועלכע האָבען זיך אַרויפגעאַרבייט אויף הויכע שטעלעס דורך פלייס, געשיקטליכקייט און בלינדע געהאָרזאַמקייט. דיזע האָבען פערוואַלטעט דאָס לאַנד; אין זייערע הענט זיינען געווען די יוסטיץ, די פּאָליציי, די פינאַנצען א. אַז. וו.

פון בירגערליכער זעלבסט-הילף און פרייהייט פון דער געמיינדע איז ניט געווען צו בעמערקען קיין שפּור. איבעראַל האָבען זיך געמישט די אינטענדאַנטען און געגעבען בעפעהלען. איז אַ קירכע איינגעפאַלען, איז אַ וועג שלעכט געוואָרען, איז אַ בריק צובראָכען געוואָרען, האָט די געמיינדע ניט געהאַט קיין רעכט דיזע גוט צו מאַכען אָהן דער ערלויבניס פון דעם אינטענדאַנט, וועלכער פלעגט זיך אָבער ניט אײַלען צו געבען דערצו זיין ערלויבניס, וועלכע ער פלעגט מאַנכמאָל אָפּציהען יאָהרען. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די אינטענדאַנטען זיינען געווען ביים פאָלק אַזוי פערהאַסט. ווען עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציאָן אין יאָהר 1789 איז דער ערסטער אויסגעשריי געווען: „טויט צו די אינטענדאַנטען!"

דיזער דרוק פון דער רעגירונג האָט צושטערט אין פאָלק יעדען געדאַנק פון זעלבסט-הילף און זעלבסט-רעגירונג. דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז דאָס פאָלק האָט געמאַכט די רעגירונג פעראַנטוואָרטליך פיר אַלע אונגליקען, וואָס האָבען פּאַסירט. איז געווען שלעכט די ערנטע, איז שולדיג געווען די רעגירונג; זי האָט בעדאַרפט זאָרגען, דאָס דער אַקערבוי און די פיהצוכט זאָלען שטעהן אויף אַ בעסערער שטופע. איז געפאַלען אַ בהמה, אַן אָקס, אָדער אַ פערד, האָבען די בויערן געפאָדערט פון דעם אינטענדאַנט, אַז ער זאָל זיי אומקעהרען דעם היזק. דאָס זעלבע איז געווען ווען עס האָט אָפּגעברענט אַ הויז. די גאַנצע געזעלשאַפט האָט געקוקט אויף די רעגירונג אַלס

מיינדע, צעך א. אז. וו., זאָלען געליפערט ווערען צו דער רעגירונג. טאָג־טעגליך זיינען געשאַפען געוואָרען נייע שטייערן מיט נייע געזעצען וועגען שטייער. דערמיט האָט ער פערגרעסערט די יעהרליכע איינקונפטען פון לאַנד אויף 45 מיליאָנען ליוורעס. אָבער דאָס אַלעס האָט ניט געהאָלפען צו דעקען די געוועהנליכע בעדערפניסען פון הויף און פון שטאַאט.

אום צו העלפען זיך האָט טעררעי געזוכט צו מאַכען אַן אַנלייהע אין האָללאַנד. ער האָט צוגעזאַגט צו צאָהלען הויכע צינזען, אָבער ער האָט ניט געקענט אָפּנאַרען די אויסלענדישע קויפליים, וועלכע זיינען געווען גוט בע־קאַנט מיט דעם טרויעריגען צושטאַנד פון די פינאַנצען אין פראַנקרייך, וואו זאָגאַר איינפאַכע אַרבייטער, ווי גלעזער און מויערער, האָבען ניט געוואָלט אַרבייטען אין הויף אין ווערסאַיל ביז מען האָט זיי בעצאָהלט פאָרויס פיר די אַרבייט. ענדליך האָט ער בעשלאָסען צו מאַכען אַ שטיקעל באַנקראָט. ער האָט ענטזאַגט די בעלי חובות פון דער רעגירונג צו צאָהלען פּראָצענט פיר זייער קאַפּיטאַל און האָט אויך אַרונטערגענומען אַ טייל פון זייער קאַ־פּיטאַל. דיזעס האָט בעטראָפען 13 מיליאָנען צינזען און 26 מיליאָנען פון קאַפּיטאַל. צוזאַמען מיט דעם פריהערדיגען באַנקראָט, וואָס לאַא האָט גע־מאַכט, האָבען די בירגער פערלאָרען 57 מיליאָנען ליוורעס צינזען און מעהר פון 1,000 מיליאָנען פון זייער קאַפּיטאַל. נאָך דעם חשבון, וועלכען טעררעי האָט פאָרגעלעגט לודוויג דעם 15טען אין יאָהר 1774, האָבען בעטראָפען די אויסגאַבען 400 מיליאָנען ליוורעס און די איינאַהמען 375 מיליאָנען, ד. ה. עס איז געווען אַ דעפיציט פון 25 מיליאָנען ליוורעס. דאָס איז גע־ווען דער רעזולטאַט פון אַלע שווערע שטייערן און באַנקראָטען.

עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזע אָרדנונג האָט אַרויסגערופען אין פאָלק שרעקליכע ערביטערונג און דעם גרעסטען צאָרן. אָבער דיזע אָרדנונג איז נאָך ניט געווען אַ טייל אַזוי פערהאַסט ווי דאָס גאַנצע סיסטעם פון דער רע־גירונג. אין קיין לאַנד פון איירָאָפּאַ האָט ניט געהערשט אַזוי פיעל גוואַלד־טאַט און אונגעזעצליכקייט ווי אין פראַנקרייך. די פירסטען האָבען ניט געקוקט אויף קיינע געזעצען.

עס האָט געהערשט אין פראַנקרייך דער פּאָלשטענדיגער קאַפּריז פון טראָן. דער פּאַרלאַמענט האָט געהאַט דאָס רעכט צו מאַכען געזעצען, אָבער די קרוין האָט זיך ניט בעטראַכט אַלס געבונדען דורך וועלכע עס איז געזע־צען און האָט געטאָן וואָס זי האָט געוואָלט. דאָס איז געווען אַ סיסטעם פון אַן אַבסאָלוטען הערשער פעראייניגט מיט אַ דורך און דורך פערפוילטען פּעאָדאַל־אָרדעל.

צוזאמען מיט די פערשווענדערייען און הולטייסקע אויפפיהרונגען אין הירשען־גארטען זיינען אין דער אנשטאלט אויך געווען איינגעפיהרט רעלי-גיעזע איבונגען. דער קעניג זעלבסט האט געלערנט מיט די שילערינס די פרינציפען פון רעליגיאן. עס איז שווער צו בעגרייפען, ווי אזוי רעליגיא-זיטעט האט געקענט הארמאנירען מיט אזא צולאזענקייט. דער קעניג האט אבער געקענט פעראייניגען אין זיך צוויי עקסטרעמען: הולטייסטווא מיט רעליגיאזיטעט, הייליגקייט מיט א שמוציגען לעבען, חרטה אויף זיין שלעכטע רעגירונג און גלייכגילטיגקייט צו אלעם בייזען, וואס טוט זיך אין זיין לאנד.

דעם ביישפיל פון קעניג האבען נאכגעטאן דער גאנצער הויף און די גרעסטע פון לאנד. די פערדארבענהייט פון זיטען האט זיך פערשפרייט פון אויבען אראפ און האט מאראליש פערפעסטעט דאס גאנצע לאנד. די פרויען האבען זעלטען געזעהען זייערע מענער צו הויז, זעלטען האט מען זיי געזעהען אין געזעלשאפט. דאס הייראטען איז נאר געווען א געשעפט, ניט א פאמיליען־פערבאנד. די מענער האבען נאר געוואלט געניסען, און די וייבער — ערדבערן. מען האט די הייראט לייכט געפונען און לייכט פערלאזען. אייפערזוכט איז אין גאנצען ארויס פון דער מאדע.

אין יאהר 1774 איז לודוויג דער 15טער ענדליך געשטארבען פון פאקען. ער האט זיך אנגענומען מיט דיזער קרענק פון א מיידעל, וואס די דיובאררי האט איהם געבראכט. דאס גאנצע לאנד האט זיך געפרייט מיט זיין טויט. דאס פאלק האט פערפאסט וועגען איהם שפאט־לידער.

דעם 11טען מאי 1774 האט בעשטיגען דעם טראן לודוויג דער 16טער. דאס פאלק האט איהם גערופען „דער געוויינשטער". ער זעלבסט אבער האט געזאגט: „איך פיהל אזוי ווי די גאנצע וועלט איז מיר איינגעפאלען". יע, זיין הארץ האט איהם פארויסגעזאגט זיין פינסטערען סוף. לודוויג דער 15טער האט געזאגט: „apres moi le deluge" (נאך מיר מעג זיין א מבול), און דאס איז ווירקליך מקוים געווארען אויף לודוויג דעם 16טען. ער איז ווירקליך דערטרונקען געווארען אין א מבול פון פאליטישער און מאראלי-שער פערדארבענהייט פון לאנד.

ב. די רעגירונג פון לודוויג דעם 16טען ביז צום אויסברוך פון דער רעוואלוציאן (1774—1789).

עס איז בעוואוסט, דאס יעדער רעגירונגס־וועקסעל ערוועקט אין פאלק האפנונגען און ווינשען. אבער עס איז קוים צו געפינען אין דער געשיכטע א טראן־בעשטייגונג, וואס זאל בעגריסט ווערען פון פאלק מיט אזא פרייד

אויף א קראַפט, וואָס קען פערשאַפען אַלעס, זאָגאַר רעגען און זון. די רע-גירונג האָט זיי געקענט פערשאַפען גליק און אונגליק. גראַדע ווי הילפלאָזע קינדער ערוואַרטען יעדע שטיצע פון די עלטערן, ווייל זיי זיינען ניט פעהיג צו זאָרגען פיר זיך.

דער צושטאַנד פון די געריכטס־הייזער און פון רעכט אין אַלגעמיין איז געוועזען שרעקליך פערפלאָנטערט. דער פּאַרלאַמענט האָט אַליין געהאַט דאָס רעכט צו מאַכען געזעצען. אָבער די קעניגליכע ווילקיר (קאַפּריז) האָט זיך וועניג אָדער גאָרניט געקימערט וועגען זייערע געזעצען. בעזונ-דערס איז געוועזען פערהאַסט ביים פאָלק דער „האַפט־בריף״ (אַ פּאַפּיר, וואָס גיט די מאַכט צו אַרעסטירען). יעדער, וואָס האָט געהאַט אין הויף אַ בע-קאַנטען, וועלכער האָט דאָרט געהאַט אַ שטיקעל איינפלוס, האָט געקענט בעקומען אַ האַפט־בריף, מיט וועלכען ער האָט געקענט אַרעסטירען וועמען ער האָט געוואָלט, הגם מען האָט איהם ניט געבראַכט אין קיין געריכט און מען האָט ניט געוואוסט אין וואָס ער ווערט בעשולדיגט, און אויב די בע-שולדיגונג האָט וועלכען עס איז גרונד.

הגם לודוויג דעם 15טען׳ס רעגירונג האָט געדויערט זעהר לאַנג, דאָך קען מען ניט אָנצייגען אויף וועלכע עס איז וויכטיגע ענדערונג און רעפאָרמע, אויסער קליינע, זעהר אונבעדייטענדע ענדערונגען. צבוע׳טצטוואָ אין גלוי-בען, שטרעבונג צו עראָבערונגען און אונערזעטליכע ליידענשאַפט צו פרוי-ען — דיזעס אַלעס איז געוועזען זיין ציל אין לעבען ביז עס האָט געשלאָגען זיין לעצטע שטונדע. די הערשאַפט פון די מעטרעסעס אין הויף האָט ניט אויפגעהערט אויך נאָך דעם טויט פון דער מאַרקיזע דע פּאָמפּאַדור. אין נעגענטייל, זי איז געוואָרען נאָך ערגער. די גרעפין דיובאַררי איז געוועזען אַ מיידעל פון נידריגען שטאַנד, און איז געוואָרען גרעפין אום צו קענען זיין דעם קעניג׳ס מעטרעסע, און זי האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין הויף נאָך דע פּאָמפּאַדור. פּרינצען און מיניסטאָרען האָבען אַלעס אָנגע-וועגדעט אום נושא חן צו זיין ביי איהר. זי איז געוואָרען דער מיטעלפּונקט פון הויף. איהר האָט מען געהאַט צו פערדאַנקען פיר דעם שענדליכען נאָ-מען, וואָס עס האָט געקראָגען דער אַנשטאַלט אין דעם הירשען־גאָרטען. אהין האָט מען געבראַכט פיעלע מיידלאַך, וואָס האָבען זיך איבערגעגעבען פריי-וויליג צו ערפילען די שענדליכע לוסט פון קעניג. אָבער אויסער דעם האָט מען נאָך אין גאַנצען לאַנד געזוכט צו פערפיהרען און צוצונעהמען מיידלאַך מיט געוואַלד און בריינגען זיי צום קעניג, אום צו רייצען די עקעלהאַפטע ליידענשאַפטען פון דיזען אָפּגעלעבטען בעל תאוה.

הערשאַפט פון די צעכען און אַלע פּריווילעגיעס. די צילען און פּלענער פון מאַלעסהערבעס זיינען געווען פון אַ פיעל מילדערער נאַטור. ער האָט גע- שטרעבט אויסצורייניגען דעם שמוץ פון דער יוסטיץ, ער האָט געהאַט זיין ציל אָפּצושאַפען די האַפט־בריף און די פּאָלטער (פּייניגונג). ער איז געווען געגען צענזור און האָט געוואָלט איינפיהרען פּרעס־פרייהייט. זיי האָבען געוואָלט דורכפיהרען אָהן גוואַלדטאַטען דאָס, וואָס די רעוואָלוציאָן האָט שפּעטער דורכגעפיהרט. אָבער די פּריווילעגירטע קלאַסען האָבען זיי געשטערט דורכ- צופיהרען זייערע רעפאָרמעס. עס איז געווען נעטיג צו פערניכטען פריהער זייער הערשאַפט און צו מאַכען פּלאַץ דעם דריטען שטאַנד, דעם בירגערטום.

פריהער פון אַלעס האָט טורגאָט געמאַכט פריי דעם געטריידע־האַנדעל. ער האָט אָפּגעשאַפט דאָס געזעץ, לויט וועלכען געטריידע האָט געקענט ווערען אַריינגעפיהרט פון איין פּראָווינץ אין די אַנדערע נאָר מיט דער ערלויבניס פון די בעאמטע. ער האָט פערבאָטען אויפצוקויפען געטריידע און פערקויפען עס מיט העכערע פּרייזען אין אַנדערע פּראָווינצען. דאָס האָט בעזונדערס ערביטערט דעם אַדעל געגען טורגאָט'ן און זיי האָבען אין פריהלינג פון יאָהר 1775 אָרגאַניזירט געגען איהם אין פּאַרלאַמענט אַ „מעהל־קריג". זיי האָבען געדונגען באַנדעס, וועלכע האָבען פערניכטעט אַלעס אין געטריידע־געשעפט: דיזע זיינען בעפאַלען געטריידע־טראַנספּאָר- טען, בעקערייען, קאָרן־מאַגאַזינען א. אַז. וו. און האָבען זיי פערניכטעט. דערמיט האָבען זיי געוואָלט אויסהונגערן פּאַריז. אָבער טורגאָט האָט אָנ- גענומען ענערגישע מיטלען און האָט דורכגעפיהרט זיין פּלאַן, צו מאַכען דעם געטריידע־האַנדעל פריי, און האָט פערניכטעט אַלע בעשרענקונגען אין דעם.

נאָך אַ רייהע פון קליינע רעפאָרמעס האָט טורגאָט פערלאַנגט פון קע- ניג, אַז ער זאָל אונטערשרייבען 6 עדיקטען, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען דער עדיקט וועגען צעכען. דאָס האָט אָנגעמאַכט צווישען זיינע פיינד אַ שרעקליכען שטורם, איבערהויפּט דער עדיקט וועגען אָפּשאַפען צעכען. אין דיזען עדיקט שרייבט דער קעניג פאָלגענדע זעהר וויכטיגע ווערטער: „מיר זיינען שולדיג צו פערשאַפען אַלע אונזערע אונטערטאַנען פולע זיכערהייט צו געניסען זייערע רעכטען. איבערהויפּט זיינען מיר עס שולדיג צו דער קלאַס מענשען, וועלכע האָבען ניט קיין אַנדער אייגענטום אויסער זייער אַרבייט און זייער פליים, און דעריבער האָבען זיי דאָס רעכט צו שעפּען פון דיזער איינציגער קוועלע אַלעס, וואָס זיי קענען בעקומען. מיט גרויס שמערץ האָבען מיר געזעהען, ווי דיזעס נאַטירליכע רעכט ווערט

און ענטהוזיאַזם ווי די טראָן־בעשטייגונג פון לודוויג דעם 16טען. און ער איז ווירקליך געווען אַ מענש מיט שטרעבונגען צו טאָן גוטעס, און האָט געהאַט אַ נאַטירליכע אָפּנייגונג פון צו טאָן שלעכטעס און צו זיין אויס-געלאַסען. די שלעכטע, וואָס האָבען אָנגעפילט דעם הויף, זיינען פון דאָרט פעריאָגט געוואָרען; ביים רודער פון דער רעגירונג האָבען זיך געפונען אָרענטליכע מיניסטאָרען. דאָס פאָלק האָט ערוואַרטעט אונבעשרענקטע פרייהייט אין האַנדעל, די אָפּשאַפונג פון די שווערע שטייערן, גלייכע פער-טיילונג פון די אָפּגאַבען, די פערניכטונג פון אַלע בעשרענקונגען אין דער אינדוסטריע און אַנדערע ענדערונגען, און די רעגירונג האָט ביז אַ געוויסען גראַד געזעהען דיזע האָפנונגען צו פערווירקליכען, הגם ניט מיט אמאָל און ניט אין דעם גראַד, ווי דאָס פאָלק האָט ערוואַרט.

די גאַנצע רעגירונג פון לודוויג דעם 16טען איז אין גרונד גענומען ניט מעהר ווי אַ גאַנצע רייהע פון פראָבעס צו מאַכען רעפאָרמעס. די רעגירונג האָט ווירקליך מיט'ן גאַנצען הארצען געזוכט אָפּצושאַפען דאָס שלעכטעס, פון וועלכען דאָס לאַנד האָט געליטען. זי איז אָבער ניט געווען גליקליך אויסצוגעפינען די ריכטיגע מיטלען ווי דאָס צו טאָן. איהר האָט אויך גע-פעהלט די פעסטקייט דורכצופיהרען די געפּלאַנטע רעפאָרמעס.

באַלד ווי לודוויג דער 16טער האָט בעשטיגען דעם טראָן האָט ער אָפּ-געשאַפט די צוויי מיניסטאָרען, טעררעי און מאָפּעאָן, וועלכע זיינען געווען ביים פאָלק שרעקליך פערהאַסט פיר זייער שלעכטע רעגירונג, און האָט ער-וועהלט די בעסטע מענער פון די פיזיאָקראַטען, נעמליך: טורגאָט (טורגאָ) און מאַלעסהערבעס (מאַלזערב). טורגאָט האָט זיך שוין ערוואָרבען אַ גרויסען נאָמען אין דער שולע פון די פיזיאָקראַטען מיט זיינע אידעען און פאָרשונגען אין דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע. ער איז שוין אויך געווען גוט פראַקטיצירט אין זיין פאַך. מאַלעסהערבעס איז אויך געווען אַ מאַן מיט אַן עהרענהאַפטען כאַראַקטער און אַ שענעם אונבעפלעקטען נאָמען.

טורגאָט איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פינאַנץ־מיניסטער. ער האָט מיט זיך געבראַכט אַ נייעם פּלאַן פון רעפאָרמע. ער האָט פערשפּראָכען: „קיין באַנקראָט, קיין נייע שטייער, קיין אַנלייהען". דאָס גאַנצע שטייער־וועזען האָט געזאָלט רעפאָרמירט ווערען פון גרונד. די פערוואַלטונג אין לאַנד האָט געזאָלט ווערען איבערגעגעבען צום פאָלק זעלבסט, צו די פּראָווינצען, קרייזען און געמיינדעס. ער האָט אין זיין פּראָגראַם געפאָדערט אָפּצושאַפען אַלע פאָרמעס פון פעאָדאַליטעט, די צאָל־טאַריפען אין לאַנד זעלבסט, די

הייזער געטרויט גרויסע סומעס, וועהרענד זיין פאָרגעננגער, קלוני׳ן, האָבען זיי קיין פעניג ניט געוואָלט טרויען.

אָבער די אנלייהען האָבען ניט געקענט ברייננגען אמת׳ע הילף דעם טרויעריגען צושטאַנד פון די פינאַנצען. זיי האָבען נאָר אָפּגעלעגט דעם באַנקראָט אויף אַ לענגערע צייט. אין צייט פון דריי יאָהר, פון 1777 ביז 1780, האָבען זיך די שולדען פון לאַנד פערמעהרט אויף 500 מיליאָנען ליווי-רעס, אָבער נעקקער האָט ניט געשאַפען קיין נייע איינקונפטען. דאַמאָלס האָט ער שוין אויפגעהערט צו געברויכען דעם געפעהרליכען מיטעל צו שאַ-פען נייע הלוואות. ער איז געקומען צום בעשלוס, דאָס טורגאָט׳ס רעפאָר-

לודוויג דער 16טער.

מעס זיינען זעהר נעטיג און וויכטיג. אום דיזע רעפאָרמעס איינצופיהרען האָט ער געפונען פיר נעטיג צו מאַכען בעקאַנט דאָס פאָלק מיט דעם וואהרען צושטאַנד פון די פינאַנצען אין לאַנד. צו דיזען צוועק האָט ער פערעפענט-ליכט אַ פינאַנץ־רעפּאָרט, אין וועלכען עס איז ערקלערט געוואָרען די לאַגע מיט אַלע איינצעלהייטען. די וועלט האָט דאַמאָלס צום ערסטען מאָל זיך דערוואוסט פון דעם שרעקליכען טרויעריגען צושטאַנד פון פראַנקרייך׳ס פינאַנצען און אויך פון דער הויפּט־אורזאַך פון דיזער לאַגע — דאָס דער הויף פערשווענדט אַזעלכע ריזיגע סומעס, וואָס קיינע איינקונפטען זיינען ניט אין שטאַנד צו דעקען. דערמיט האָט נעקקער אָנגעצייגט אויף די

פון זיי צוגענומען דורך געוויסע איינאָרדנונגען און איינריכטונגען, וועלכע זיינען אפילו זעהר אַלט, אָבער ניט די צייט, ניט די הערשענדע מיינונג פערענטפערן דאָס אונרעכט, וואָס ווערט געטאָן צו דיזער קלאַס מענשען".

דיזע ווערטער אויסגעשפּראָכען פון טראָן האָבען געהאַט אַן אונגע-הייערע ווירקונג, און האָבען געמאַכט אַ שטאַרקע אויפרעגונג צווישען די פּריווילעגירטע קלאַסען. זיי האָבען אפילו צוגעגעבען, דאָס די צעכען מוזען אָפּגעשאַפט ווערען, אָבער די אַנדערע עדיקטען האָבען זיי בשום אופן ניט געקענט און ניט געוואָלט דערלאָזען. דער הויף און דער אַדעל זיינען גע-ווען געגען די עדיקטען. מען האָט זיי אפילו פערמאַכט די מיילער און זיי האָבען געמוזט שווייגען, אָבער ווען טורגאָט איז אַרויס מיט זיין פּראָ-יעקט, אז מען זאָל שאַפען אַ פאָלקס-פערטרעטונג אָהן אַן אונטערשייד פון קלאַסען, האָט זיך אויפגעהויבען געגען איהם אַזאַ שרעקליכער שטורם, דאָס דער קעניג האָט איהם געמוזט ענטזאַגען פון זיין שטעלע, הגם ער האָט עס געטאָן מיט אַ שווערען געמיט, געגען זיין ווילען. דער הויף, דער אַדעל, די גייסטליכע און דער פּאַרלאַמענט זיינען אַלע געווען אויסער זיך פון פרייד פון זייער זיג. נאָר ווענינע האָבען פערשטאַנען, דאָס דיזער זיג איז זייער אונטערגאַנג.

צוזאַמען מיט טורגאָט'ן איז אויך געפאַלען מאַלעסהערבעס. זייער פּלאַץ האָט פערנומען קלוני. ער האָט זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס ער האָט אָפּגעשאַפט אַלע רעפאָרמעס פון טורגאָט. ער האָט אָבער גאָר קיין נייעס ניט געקענט אויפטאָן אום צו שאַפען וועניגסטענס די נעטיגע טעגליכע אויסגאַבען, און מען האָט איהם ענטזאַגט. דער הויף האָט בע-שטימט אַלס פינאַנץ-מיניסטער דעם בעריהמטען באַנקיר פון יענער צייט, נעקקער. מען האָט געברויכט אַ מאַן מיט גרויסען קרעדיט, און דאָס איז געווען נעקקער. זיין באַנק-הויז איז געווען דאָס גרעסטע און זיכערסטע אין פּאַריז, און ער האָט געהאַט גרויסען קרעדיט אין גאַנצען לאַנד. ער האָט מיט זיין קליינעם פערשטאַנד ניט געוואָלט וויסען פון די רעפאָרמעס, וואָס טורגאָט האָט איינגעפיהרט. טורגאָט האָט גוט פערשטאַנען, דאָס נאָר ראַ-דיקאַלע ענדערונגען קענען רעטען דאָס לאַנד. נעקקער אָבער האָט דערפון ניט געוואָלט וויסען און האָט געזוכט צו פערבעסערן דעם צושטאַנד פון די פינאַנצען דורך נייע אַנלייהען. ער האָט עס אויך געקענט דורכפיהרען, ווייל ער האָט געהאַט אין לאַנד גרויסען צוטרויען און ווייל ער איז געווען אַ געניטער ספּעקולאַנט אויף דער בערזע. איהם האָבען די גרעסטע באַנק-

די גונסט פון דער קעניגין, האָט איהר געקויפט אַ האַלזבאַנד, פיר װעלכען ער האָט בעצאָהלט 1,400,000 ליװרעס. דורך אַ הויף־אינטריגע איז די זאַך אַרויס אין די עפּענטליכקייט. עס איז ענטשטאַנען אַ פּראָצעס. עס פערשטעהט זיך, דאָס ראַהאַן איז געװאָרען פרײגעשפּראָכען. אָבער דאָס פאָלק האָט גוט פערשטאַנען װאָס דאָ טוט זיך.

אַ גרויסען אײנפלוס אויף דעם גייסט פון די מאַסען אין פראַנקרייך האָט געהאַט דער ערפאָלג פון די אַמעריקאַנישע קאָלאָניסטען אין דעם קאַמף מיט ענגלאַנד פיר זייער פרייהייט און אונאָפּהענגיגקייט. פערדינט דען ניט דאָס פראַנצויזישע פאָלק, װעלכעס שטעהט אָן דער שפּיץ פון ציװיליזאַציאָן,

מאַריאַ אַנטואַנעטטע.

צו זיין אַזוי פריי און אונאָפּהענגיג װי די קאָלאָניסטען, װאָס זיינען צו־זעעט און צושפּרייט אין די אור־װעלדער פון אַמעריקאַ? — דאָס פאָלק איז געװען איבערצייגט, דאָס עס איז געקומען די צייט, אַז דער פערפּױלטער דעספּאָטיזם זאָל מאַכען פּלאַץ דער רעפּובליקאַנישער אָרדנונג. דאָס גאַנצע פראַנצויזישע פאָלק איז געװען בעגייסטערט מיט דעם פרייהייטס־קאַמף פון די אַמעריקאַנער, און האָט גענומען אַ גרויסען אָנטייל אין דעם שטרייט צװישען אַמעריקאַ און ענגלאַנד. דאָס איז ניט געװען דער רעזולטאַט פון דעם עהרגייץ פון אייניגע אָפיצערען, װעלכע האָבען געזוכט אַ צופאַל אויס־צוצייכנען זיך, אָדער אַן אינטריגע פון אַ מעטרעסע, װאָס האָט געהעצט

הויפּט־וואונד, וועלכע פאָדערט פריהער פון אַלעם צו ווערען אויסקורירט. דער הויף איז געוואָרען שרעקליך אויפגעבראַכט אויף נעקקער'ן פיר דיזע טאַט, און ער האָט געמוזט רעזיגנירען. אָבער די גאַנצע וועלט האָט איהם דערפאַר זעהר געאַכטעט, ווייל מען האָט זיך פון זיין רעפּאָרט דערוואוסט די וואהרע אורזאַך פון דער טרויעריגער לאַגע פון די פינאַנצען, און מען איז געקומען צום בעשלוס, דאָס כל זמן דיזער הויף וועט עקסיסטירען קען מען ניט ערוואַרטען קיין גוטעס.

עס זיינען אוועק צוויי יאָהר אָהן וויכטיגע ענדערונגען אין די פינאַנ־צען פון פראַנקרייך. צו ענדע פון יאָהר 1783 איז געשטעלט געוואָרען ביים רודער דאָס מיניסטעריום פון קאַלאָננע. דיזער מאַן איז געווען נאָך דעם וואונש פון הויף. ער האָט ניט פערלאַנגט קיין רעפאָרמעס ווי טורגאָט, ער האָט אויך ניט געפאָדערט קיין פערקלענערונג אין די אויסגאַבען פון הויף ווי נעקקער; ער איז געווען פון דער מיינונג, דאָס דער לוקסוס פון הויף איז גאָר אַ טובה פיר דאָס לאַנד, ווייל עס העלפט צו פערברייטערן און פערגרעסערן אין לאַנד דעם האַנדעל און די אינדוסטריע.

דער הויף האָט וויעדער דערלעבט גלענצענדע טעג. די רעגירונג האָט פערקויפט דעם אדעל גיטער פיר 20 מיליאָנען ליוורעס. דיזע סומע איז אָבער ניט אַריינגעקומען אין די שטאַאטס־קאַסע. אַלע שטייערן זיינען איינגעקאַסירט געוואָרען פיר איניגע יאָהר פאָרויס, אום מען זאָל דערמיט אָפּצאָהלען די צינזען פון די שטאַאט־שולדען. דיזעס האָט פערשאַפט דעם מיניסטער נייעם קרעדיט און ער האָט געקענט מאַכען נייע אנלייהען. עס האָבען אָנגעהויבען אַריינקומען פרישע גרויסע סומעס. אָבער נאָך אַלעם איז עס געווען נאָר אַ געפעהרליכער שווינדעל. די קאַסעס זיינען פּלוצלינג געוואָרען לעער ווי פריהער. דער גרויסער בריה, דער מיניסטער, האָט שוין מעהר ניט געפינען קיין מיטעל ווי אָנצופילען צוריק די קאַסעס. זינט נעק־קער איז אַרויס פון מיניסטעריום זיינען די שטאַאט־שולדען פערגרעסערט געוואָרען אויף 1,200 מיליאָנען ליוורעס. דער יעהרליכער דעפיציט האָט בעטראָפען 30 מיליאָנען ליוורעס. דער שטאַאט האָט פערלאָרען דעם גאַנ־צען קרעדיט.

צו אַלעם דעם איז די עפענטליכע מיינונג געווען זעהר אויפגעבראַכט געגען דעם הויף זינט עס זיינען בעוואוסט געוואָרען די שרעקליכע פער־שווענדונגען און דער לוקסוס דאָרט. צו פערגרעסערן די אויפרעגונג פון פאָלק האָט זיך גראַדע דאַמאָלס געמאַכט דער פּראָצעס וועגען דעם האַלז־באַנד. דער קאַרדינאַל לודוויג פין ראָהאַן, וועלכער האָט געוואָלט ערווערבען

אײנצושטימען אויף אײניגע רעפֿאָרמעס, אָבער נאָר דאַן, װען דער מיניסטער װעט זײן אַ שטאַאַטסמאַן, װאָס האָט פערדינט זײער פֿולען צוטרויען. דאָס איז אײגענטליך געװען נאָר אַ מיטעל צו שיטען דעם פֿאָלק זאַמד אין די אויגען, און צו צײגען, דאָס זײ זײנען ניט אויסען צו בעהאַלטען זײערע פּריװילעגיעס, דאָס זײ זײנען אין גרונד אמת'ע פרײנד פון פֿאָלק, אָבער זײ װילען האָבען אַ מאַן, װאָס זײ זאָלען איהם קענען אָנפערטרויען די הערשאַפט און לײטונג איבער די פינאַנצען פון לאַנד. די הויכע אַדעליגע האָבען אפילו אַײנגעשטימט צו אײניגע קלײנע רעפֿאָרמעס, אָבער װען אויך בריעננע איז אַרויס מיט דער פֿאָדערונג צו בעלאַסטען מיט שטײערן די גיטער פון די אַדעליגע און די גײסטליכע, האָבען זײ מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט זײן פּלאַן פערװאָרפען. די פערזאַמלונג איז ענטלאַסען געװאָרען דעם 25טען מאַי 1787. די הויכע אַדעליגע זײנען געװען שטאָלץ מיט זײער ערפֿאָלג. זײ האָבען ניט נאָר פערטײדיגט זײערע פּריװילעגיעס געגען דעם הויף, נאָר זײ האָבען אויך געװאונען אויף זײער זײט די פֿאָלקס־מײנונג. די מאַסען איז געפעלען געװאָרען, װאָס די אַדעליגע זײנען אָפען אַרויס געגען דעם הויף; זײ זײנען אָבער געװען צו קורצזיכטיג צו זעהן, דאָס מיט דיזען װידערשטאַנד װעט די גאַנצע לאַסט פון די אויסגאַבען פון לאַנד פאַלען נאָר אויף זײ, װי עס איז געװען דער פאַל ביז יעצט.

בריעננע האָט אָבער זײן פּלאַן נאָך ניט אויפגעגעבען. ער האָט איהם אויך ניט געקענט אויפגעבען, װײל דיזער פּלאַן איז געװען דער אײנציגער, װאָס האָט געקענט העלפען דעם לאַנד אַרויסצורײסען זיך פון דער טרויעריגער לאַגע, אין װעלכער עס האָט זיך געפונען צוליב דער שרעקליכער אונאָרדנונג, װאָס האָט געהערשט אין די פינאַנצען. אום ער זאָל זיך קענען װענדען מיט זײן פּלאַן צום פּאַרלאַמענט האָט ער צוגעטראַכט אַ שלויען מיטעל. ער האָט נעמליך צוגעטראַכט נאָך אַ נײע שטײער, װאָס זאָל פאַלען נאָר אויף די דריטע קלאַס (בירגער און בויערן), װעלכע דער פּאַרלאַמענט רעפּרעזענטירט, און צוזאַמען מיט דיזער שטײער װעלען זײ שוין קענען פערהאַנדלען די אַנדערע שטײער, װאָס ער האָט געװאָלט אַרויפלעגען אויף די גיטער פון די אַדעליגע און גײסטליכע. דיזע נײע שטײער איז געװען די „שטעמפעל־שטײער″, אַ שטײער אויף יעדען דאָקומענט, װאָס די דריטע קלאַס בעקומט פון דער רעגירונג אין געשעפט, אינדוסטריע או. אַז. װ. די אַדעליגע אין פּאַרלאַמענט האָבען אויפגענומען צו דיסקוטירען נאָר די אײן העלפט פון דעם פּלאַן, װעגען שטעמפעל־שטײער, און האָבען איהם פערװאָרפען מיט דעם אויסרײד, דאָס עס איז פיר דאָס פֿאָלק אַ צו גרויסע

פראַנקרייך געגען ענגלאַנד, ווי איינִיגע ווילען עס בעהויפּטען. אויך די אַרמעע און די אָפיצערען, וועלכע האָבען געהאָלפען אַמעריקאַ אין איהר שטרייט, זיינען צוריקגעקומען אַהיים מיט גרויס בעגייסטערונג פיר פריי- הייט, און דיזע בעגייסטערונג איז געווען די הויפּט־אורזאַך פון דער האַלטונג פון דער אַרמעע אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן.

דערווייל זיינען די שולדען אין פראַנקרייך געוואַקסען מעהר און מעהר. דער אַמעריקאַנישער קריג אַליין האָט געקאָסט פראַנקרייך ניט וועניגער פון 1,052 מיליאָנען ליוורעס. עס איז פיר אַלעמען געוואָרען קלאָר, דאָס פראַנקרייך שטעהט ביים ברעג פון אָפּגרונד. בייינאַהע 111 מיליאָנען ליוו- רעס האָט די רעגירונג געהאַט צו צאָהלען יעדען יאָהר נאָר פּראָצענט פיר די שולדען, וואָס זי האָט אָנגעמאַכט. דער פינאַנץ־מיניסטער קאַלאָננע האָט אַליין געזאָגט: „די שולדען, דער דעפיציט פון יעדען יאָהר זיינען אַזוי גרויס, דאָס עס איז אונמעגליך צו עקסיסטירען ווייטער אין דיזען צושטאַנד. עס מוז געשעהען נאָר עטוואָס אונגעוועהנליכעס אום מען זאָל זיך קענען אויסדרעהען פון דיזער טרויעריגער לאַגע".

קאַלאָננע האָט זיך געוואָרפען אויף אַלע זייטען ווי אַ פערצווייפעלטער. אַרויפצולעגען נייע אָפּגאַבען אויף דעם פאָלק איז ניט געווען זאָגאַר צו דענקען, ווייל דאָס פאָלק איז שוין אַזוי אויך געווען שרעקליך אויסגעזויגט. דאָס איינציגע, וואָס איז געבליבען צו טאָן, איז געווען, אַרויפצולעגען אַן אָפּצאָהל אויף די גיטער פון דעם אַדעל און פון די גייסטליכע. דעם 22טען פעברואַר 1787 איז בערופען געוואָרען אַ פערזאַמלונג פון די גרויסע אַדעל- לייט אין ווערסאַיל אום צו פערהאַנדלען דאָרט די זאַך. אַזאַ פערזאַמלונג האָט ווערסאַיל ניט געזעהען זינט 150 יאָהר. אָבער די פערזאַמעלטע האָבען ניט געוואָלט הערען פון אַזאַ בעשטייערונג. זיי האָבען ניט געוואָלט ענטזאַ- גען זיך אַליין פריווילִיג פון זייערע פּריווילעגיעס, וועלכע האָבען זיי בע- פרייט פון אַלע אָפּצאָהלונגען. זיי האָבען זיך אפילו שטאַרק דערשראָקען ווען זיי האָבען דערהערט אין וואָס פיר אַן אונגליקליכען צושטאַנד עס געפינען זיך די פינאַנצען פון לאַנד, אָבער אָנשטאָט איינצושטימען צום מיניסטער'ס פאָרשלאַג וועגען אַרויפלעגען אַ שטייער אויף די גיטער פון די רייכע, האָבען זיי בעשולדיגט דעם מיניסטער אין אונפעהיגקייט און האָבען געפאָדערט פון קעניג, אַז ער זאָל איהם ענטלאַסען. דער קעניג האָט דיזע פאָדערונג נאָכ- געגעבען און אָנשטאָט קאַלאָננע איז ערוועהלט געוואָרען אַלס מיניסטער איינער פון דער פערזאַמלונג, ב ר י ע נ נ ע, דער ערץ־בישאָף פון סענס און טולוזע. די פערזאַמעלטע האָבען ערקלערט, דאָס זיי זיינען בערייט

4) די ניט־אָראָפּזועצבאַרקייט פון ריכטער, דאָס רעכט פון די הויפּען אין יעדער פּראָווינץ צו בעקלערען די בעפעהלען פון קעניג און גוטהייסען זיי אין אַזוי וועיט, ווי זיי זיי שטימען איין מיט די פערפאַסונגען פון דער פּראָווינץ און מיט די גרונד־געזעצען פון דעם שטאַאַט.

5) דאָס רעכט פון יעדען בירגער קיינמאָל און אויף קיין אַרט אוועקגענומען צו ווערען פון זיין נאַטירליכען ריכטער.

6) דאָס וויכטיגסטע רעכט, אָהן וועלכען אַלע אַנדערע זיינען נוּצלאָז: דאָס רעכט קיינמאָל און אויף קיינערליי בעפעהל אַרעסטירט צו ווערען אויסער אוֹם איבערצוגעבען איהם צום גערינכט.

דער פּאַרלאַמענט פּראָטעסטירט געגען יעדען אָנגריף אויף דיזע אויסגעשפּראָכענע גרונד־געזעצען, ער ערקלערט איינשטימיג, דאָס ער וועט זיי אימער אָפּהיטען, און אין פאַל ווען מען זאָל זיי מיט געוואַלד זוכען אָפּצושאַפען, וועט ער זיי איבערגעבען פיר זיכערע אויפּפּאַסונג אין די הענט פון קעניג, פון זיין ערהאַבענער פאַמיליע, פון דעם רייך, פון די שטאַנדען פון רייך און פון יעדען פון די פערזאַמעלטע אָדער ניט פערזאַמעלטע שטאַנדען, פון וועלכע עס בעשטעהט די נאַציאָן".

די שפּראַך פון דיזער ערקלערונג דערמאָהנט אָן דעם ענגלישען „בילל פון רעכטען" פון יאָהר 1628. דער פראַנצויזישער פּאַרלאַמענט האָט אויך פּלוצלינג געפונען אָן אונערשראָקענעם מוט, ווייל ער האָט געזעהען הינטער זיך דאָס גאַנצע פאָלק. און אויסער דעם האָט מען געהערט, דאָס דער הויף איז בערייט צו טאָן עטוואָס אונגעוועהנליכעס.

דער קעניג איז בעגאַנגען אַ פערגוואַלטיגונגס־אַקט. ער האָט מיט דריי עדיקטען אָפּגענומען פון פּאַרלאַמענט אַלע פּאָליטישע רעכטען. אָנשטאָט דעם פּאַרלאַמענט האָט דער קעניג בעשטימט אייניגע בעפאָלמעכטיגטע פערזאָנען, וועלכע זיינען אונטערוואָרפען און פעראַנטוואָרטליך נאָר דעם קעניג. אויך די רעכטען פון די ריכטער זיינען פערשמעלערט געוואָרען און זייער צאָהל איז פערקלענערט געוואָרען. אָבער דאָס האָט אויפגעהויבען אין לאַנד אַ שרעקליכען שטורם. די פּאַרלאַמענטען פון אַלע פּראָווינצען האָבען איינשטימיג פּראָטעסטירט געגען דער פערלעצונג פון די גרונד־געזעצען פון לאַנד, און האָבען ערקלערט, דאָס זיי אָנערקענען ניט די מאַכט און די רעכטען פון די לייט, וואָס דער קעניג האָט ערוועהלט אָנשטאָט דעם פּאַרלאַמענט. די פּראָווינץ ברעטאַני' האָט געשיקט צום קעניג אַ פּראָטעסט־דעפּוטאַציאָן, אָבער ער האָט געהייסען זי אַריינזעצען אין דער באַסטיליע (פעסטונג אין פּאַריז). דאָס פאָלק האָט געשיקט נאָך מעהר פּראָ-

נייע בעלעסטיגונג, און זיי, אַלס גרויסע פאָלקס־פריינד, ווילען דאָס ניט דער־לאָזען. מיט דיזען אופן איז פערוואָרפען געוואָרען דער גאַנצער פּלאַן, און בריעננע איז וויעדער געבליבען אין אַ פערלעגענהייט.

די רעגירונג האָט דעם פּאַרלאַמענט צולאָזען, אָבער זי האָט איהם צו־ריקגערופען מיט דער בעדינגונג, אז ער זאָל אָננעהמען די עדיקטען. זי האָט געפאָדערט פון פּאַרלאַמענט צו מאַכען נייע אנלייהען, צו פערגרעסערן די שולדען ביז דער סומע פון 440 מיליאָנען ליוורעס, אום מען זאָל קענען דעקען די נעטיגע אויסגאַבען. דעם 20טען סעפּטעמבער 1787 האָט שטאַט־געפונען די זיצונג פון פּאַרלאַמענט אום צו פערהאַנדלען דעם פּאָרשלאַג. דיזען מאָל איז דער הערצאָג פון אָרלעאַנס ארויס אָפען געגען דעם הויף און האָט דעם גאַנצען פּלאַן מיט די פאָדערונגען פון בריעננע פערוואָרפען. דאָס האָט דעם קעניג זעהר שטאַרק אויפגערעגט און ער האָט פערלאָזען די זיצונג.

אום צו נעהמען ראַכע פון פּאַרלאַמענט פיר דיזע האַנדלונג, האָט דער קעניג פערשיקט דעם הערצאָג אויף זיינע גיטער, אזוי דאָס ער האָט ניט גע־טאָרט אָפּפאָהרען פון זיינע שלעסער, און די וויכטיגסטע מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט האָט ער אריינגעוואָרפען אין געפענגניס. דיזע האַנדלונג פון קעניג האָט אויפגערעגט די עפענטליכע מיינונג. דער פּאַרלאַמענט האָט פּראָטעסטירט און האָט געפאָדערט די בעפרייאונג פון די מיטגלידער. דער פּאַרלאַמענט איז ארויס אָפען געגען דער רעגירונג, און דעם 27טען אַפּריל 1788 איז ער ארויס צום פאָלק מיט אַן ערקלערונג איבער די גרונד־געזעצען פון דער פראַנצויזישער מאָנאַרכיע. מיר ווען הער ברייננען אייניגע אויס־צוגען פון דיזער ערקלערונג:

„פראַנקרייך איז אַ מאָנאַרכיע, וועלכע ווערט רעגירט פון קעניג לויט געוויסע פעסטגעשטעלטע געזעצען. אייניגע פון דיזע געזעצען זיינען גרונד־געזעצען, און שליסען איין:

1) דאָס רעכט פון דער מענליכער אָפּשטאַמונג פון דער קעניגליכער פאַמיליע אויף'ן טראָן.

2) דאָס רעכט פון דער נאַציאָן צו בעוויליגען די שטייערן דורך'ן פּאַר־לאַמענט, וואָס ווערט ערוועהלט פון די פערשיידענע שטאַנדען.

3) דאָס געוואוינהייטס־רעכט (געזעצען, וואָס זיינען ענטשטאַנען פון לאַנגע מנהגים) און די בעדינגונגען, אויף וועלכע די פּראָווינצען זיינען גע־וואָרען אַ טייל פון פראַנקרייך.

וואוינער, נעמליך: ליאָן, מארסעיל און פאריז. פון דיזע שטעדט האָט פאריז געשפּילט די וויכטיגסטע ראָלע.

מיר געפינען פיר נעטיג צו בעטראכטען נעהענטער די פערשיידענע קלאסען פון דיזער בעפעלקערונג.

צווישען דער גאנצער בעפעלקערונג האָבען זיך געפונען פון די צוויי פּריווילעגירטע קלאסען, פון דעם אדעל און פון די גייסטליכע, נאָר 270,000 פערזאָן, די איבריגע זיינען אַלע געווען פון דער דריטער קלאַס. די ערסטע קלאַס איז בעשטאנען פון גייסטליכע, וועלכע האָבען געצעהלט עטוואָס מעהר פון 71,000 פערזאָן; אונטער זיי זיינען געווען 23,000 מאָנאכען און 37,000 נאָנעס (מאָנאשקעס). די גיטער פון די גייסטליכע זיינען געווען זעהר גרויס און האָבען געהאט גרויסע איינקונפטען. די גייסטליכע האָבען געהאט אין זייערע הענט אַ פינפטעל פון דער גאנצער ערד אין פראנקרייך. די יעהרליכע רענט פון דיזען אייגענטום האָט בעטראָפען 100 מיליאָנען פראנק. דערצו קומט נאָך דער מעשר פון די גייסטליכע, וואָס האָט בע-טראָפען יעהרליך איבער 123 מיליאָנען. פון אָפּגאבען זיינען זיי געווען פריי, זיי פלעגען נאָר געבען דער רעגירונג אַלס פּרייווילעגיעס געשענק איין מאָל אין 5 יאָהר 16 מיליאָנען פראנק.

דער הויפּט־רייכטום איז געווען נאָר אין די הענט פון העכערע גייסט-ליכע, ערץ־בישאָפען און בישאָפען. די איבריגע זיינען געווען זעהר אָרים און האָבען געפיהרט אַ זעהר נויטבעדערפטיגעס לעבען. אזוי, צום ביי-שפּיל, האָט אַ פּרעדיגער געהאט איינקונפט קוים 500 ליווערס אַ יאָהר, ווער-רענד די 131 בישאָפען און ערץ־בישאָפען פון פראנקרייך האָבען צוזאמען געהאט פון זייערע שטעלעס אַ יעהרליכע הכנסה פון מעהר ווי 14,000,000 ליווערס, ד. ה. דורכשניטליך איבער 100,000 ליווערס יעדערער. די הויכע גייסטליכע האָבען זעלטען פערבראכט אויף זייערע שטעלעס, מעהרסטענס פלעגען זיי לעבען אין הויף אָדער אין אריסטאָקראטישע קרייזען. דער קאר-דינאל פירסט פון ראָהאן, דער בישאָף פון שטראסבורג און איינער פון די גלענצענדסטע פּרעלאטען (הויכע קירכען־בעאמטע) פון פראנקרייך, האָט געפיהרט אויף זיין פאמיליען־שלאָס אין צאבערן אַ קעניגליכען הויף. ער האָט געהאט אַ שטאל מיט 180 פערד און אַן אָפענעס הויז פיר די גאנצע פּראָווינץ. אָפטמאָל פלעגט ער האָבען ניט ווועניגער ווי 200 געסט, דארונ-טער אויך דאמען פון קעניגליכען הויף. זיין הכנסה איז געווען איבער אַ מיליאָן ליווערס. די הויכע גייסטליכע זיינען גאָרניט געווען קריסטליך גע-

טעסט־דעפּוטאַציאָנען און שטאַרקערע. אין פיעלע פּראָווינצען האָבען אויס־געבראָכען אונרוהען, וועלכע זיינען געוואָרען נאָך מעהר געפעהרליך צוליב דעם הונגער, וואָס האָט דאַמאָלס אויסגעבראָכען אין לאַנד. דאָס מיליטער איז געווען אויף דער זייט פון פאָלק. די אָפיציערען זעלבסט האָבען אָנגע־רעדט די אַרמעע צו זיין אונגעהאָרזאַם.

בריעננע האָט זיך געפונען אין אַ זעהר קריטישער לאַגע. ער האָט בע־שלאָסען צו מאַכען אַ פאָלקס־פערזאַמלונג. אָבער ער האָט נעטיג געהאַט געלט ביז דער פאָלקס־פערזאַמלונג, ווייל די געפאַהר פון באַנקראָט איז שוין געווען אונטער'ן נאָז. ער האָט געוואָלט אויסצאָהלען די צינזען פון די שטאַאַט־שולדען מיט 2 פינפטעל אין פּאַפּיר־געלט. עס האָט זיך אָנגעהוי־בען אַ נייער שטורם. בריעננע האָט געמוזט רעזיגנירען (24טען אויגוסט 1788). דאָס פאָלק איז פון זיין פאַל געווען העכסט צופרידען און האָט געברענט זיין בילד אין עפענטליכע פּלעצער אַלס אַ צייכען פון האַס און פעראַכטונג.

ג. די קלאַסען פון דער אַלטער פראַנקרייך.

די בעפעלקערונג פון פראַנקרייך האָט זינט דעם מיטען פון 18טען יאָהרהונדערט געשטיגען אין צאָהל העכער און העכער. זי איז אָפּגעשאַצט געוואָרען אין יאָהר

1754 פון דעם עלטערען מיראַבאָ אויף	18,000,000
1772 פון ביפפאָן	21,627,000
1772 פון עקספּיללי	22,014,000
1785 פון נעקקער	24,000,000
1791 פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג	26,363,000

אויף איין קוואַדראַט־מייל זיינען געזעסען דורכשניטליך

אין יאָהר 1789	916	מענשען
אין יאָהר 1791	996	„
נאָך שפּעטערע בערעכנונגען	1,100—1,020	„
אין קאָרסיקא אויף אַ קוואַדראַט־מייל	375	„
אין אַנגומעי	743	„
אין איל דע פראַנס און ליאָננעי	1,500	„
אין פלאַנדערן	2,000	„

אויף'ן לאַנד האָבען זיך געפונען 3½ מאָל מעהר מענשען ווי אין די שטעדט. דריי גרויסע שטעדט האָבען יעדע געהאַט איבער 100,000 איינ־

פאַטקעס), אויף וועלכע דער אדעל האָט געמאַכט זיין יאגד. די פיעלע פליכטען, וואָס די בויערן האָבען געהאַט געגען דעם אַדעל, זיינען פיר דיזע אָרימע קלאַס געווען זעהר דריקענד. דער בויער האָט געמוזט צאָהלען פיר דאָס שטיקעל ערד, וואָס ער האָט בעאַרבייט, פערשיידענע שטייערן: לעהן-צינז, גרונד-צינז, פרוכט-אָפּגאַבען, געלט-אָפּגאַבען או. אנד. אויסער דעם האָבען די לאַנד-בעזיצער געמוזט צאָהלען צו די גוטס-הערען פערשיידענע שוץ-שטייערן, סטאַדע-שטייער, אָפּצאָהל פיר פערקויפען עטוואָס פון זייערע פראָדוקטען. דעם גוטס-הערר האָט געהערט די אָפּצאָהל פון מערק און ירידים, ער אליין האָט געהאַט דאָס רעכט אויף יאגד אין די וועלדער און צו האָבען טויבען-הייזער. די בויערן האָבען ניט געטאָרט האָבען קיין אייגענע באַק-אויווענס, אָדער באַקען אין פרעמדע אויווענס, אויסער די, וואָס דער גוטס-בעזיצער האָט איינגעריכטעט פיר דעם גאַנצען דאָרף; דאָס זעלבע איז גע-ווען מיט מיהלען און וויין-קעלטערן. האָט אַן אנדערער געוואָלט אויסבויען אַן אייגענע מיהל, מאַכען אַן אייגענעם אויווען אָדער אַ קעלטער, האָט עס דער גוטס-בעזיצער אונטערדריקט מיט געוואַלד.

דער גוטס-בעזיצער האָט נאָר געהאַט רעכטען, אָבער קיין פליכטען; אַלע זיינען איהם געווען שולדיג, ער אָבער איז קיינעם ניט געווען שולדיג. דיזער צושטאַנד האָט ערוועקט אין פראַנקרייך אַ שרעקליכען האַס צו די גוטס-הערען. די לאַגע פון דעם בויער, צוליב די אויסזויגער די גוטס-בעזיצער, איז געווען אַזוי טרויעריג, דאָס ער האָט גאָרניט געהאַט וואָס צו פערלירען אין גרעסטען אונגליק; און דעריבער, ווען עס האָט זיך געטראָפען, דאָס אַ בליץ האָט פערברענט זיין האָב און גוטס, אָדער ווען אַ פעסט האָט פערניכטעט זיינע פיה, איז ער געווען האַלב-פרעהליך, ווייל דער גוטס-הערר, זיין בלוט-זויגער, וועט דערפון ליידען מעהר שאָדען ווי ער, דער אָרימער בויער. אַזוי איז געווען אין פראַנקרייך די לאַגע פון דעם בויער.

נאָר אין נאָרד-וועסט פון פראַנקרייך, נעמליך: אין דער זידליכער נאָר-מאַנדיע, אין ברעטאַני׳ און ווענדעע, איז די שטעלונג פון דעם אדעל געווען אַ ביסעל אַנדערס. היר איז דער גוטס-בעזיצער ניט געווען דורכאויס אַן אויסזויגער; היר האָט ער אָפט געצייגט פיר זיין בויער פאַטערליכע זאָרג. דער פעאָדאַל-הערר האָט היר געלעבט אין זיין שלאָס ווי אין מיטעלאַלטער, און זיין אַרט לעבען האָט זיך ווייניג אונטערשיידט פון דעם בויער׳ס לעבען. דער פעאָדאַל-הערר האָט נאָר בעסער געגעסען און געטרונקען פון דעם בויער. ער האָט ניט פערשווענדט קיין געלט אויף הולטייסטוואָ, ער האָט ניט גע-מאַכט קיין שולדען, ווייל ער האָט ניט געדאַרפט צופיעל. צווישען בויער

זאָגען. זיי זיינען בעקאַנט געווען מיט די ווערק פון וואָלטעיר, רוססאָ או. ד. גל. זיי זיינען געווען מעהר פילאָזאָפען ווי קריסטען.

וואָס פיר אַ גרויסער אונטערשייד עס איז געווען צווישען די צוויי קלאַ-סען גייסטליכע! די קלענערע גייסטליכע האָבען מעהרסטענס געליטען הונ-גער, זיי פלעגען זיך זעהר אָפּט שפּייזען נאָר מיט לינזען און ארבעס, זייערע הייזלאַך האָבען זיי קוים געשיצט פון רעגען און קעלט, די טירען און די פענסטער זיינען זעלטען געווען אין אַ צושטאנד, אַז מען זאָל זיי קענען צושליסען; די צימערן זיינען געווען אזוי נידריג, דאָס אַ מאַן האָט אין זיי קוים געקענט שטעלען זיך גלייך; און דאָך האָט דער אָרימער פּאַרער (אונ-טערער גייסטליכער) געמוזט אָפּגעבען פון זיינע 500 פראַנק, וואָס ער האָט בעקומען געהאַלט פיר אַ גאַנצעס יאָהר, גאַנצע 100 פראַנק אלס פּריווילי-געס געשענק פיר די רעגירונג, און דער נאָך מעהר אָרימער וויקאַר, וועלכער האָט אין גאַנצען ערהאַלטען 250 פראַנק אַ יאָהר, האָט געמוזט אָפּגעבען 22 פראַנק פיר דעם זעלבען צוועק. דער פאַרער האָט גאָרניט געהאַט קיין געשעפּטען מיט'ן בישאָף, וועלכער פלעגט איין מאָל אין עטליכע יאָהר בע-זוכען דעם אָרימען דאָרף מיט'ן אָרימען פאַרער. דער בישאָף פלעגט קומען צו פאָהרען אין דאָרף מיט זיין בעגולדעטער קאַרעטע געשפּאַנט מיט פיער טייערע פערד, און האָט זיך גאָרניט אינטערעסירט מיט דעם צושטאַנד פון די בויערן מיט זייער אָרימען פאַרער. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן זיינען די פאַרער צוגעשטאַנען צו דער דריטער קלאַס און געשאַפען מיט זייערע שטימען אַ מעהרהייט און אַ זיג פיר דיזע קלאַס.

די צאָהל פון די מיטגלידער פון אדעל איז געווען לערך 130,000, אָדער לערך 26,000 פאַמיליעס. אַ טייל פון זיי האָבען געפיהרט זייער יחוס פון די אַלטע אריסטאָקראַטישע פאַמיליעס, און אַ טייל האָבען געשטאַמט פון בעאַמטע אָדער רייכע לייט, וואָס דער קעניג האָט זיי דערהויבען צום אדעל־שטאַנד. דיזע לעצטע האָבען זיך גערעכענט צום ריכטיגען אדעל נאָר דאַן, ווען זיי האָבען געקענט בעווייזען, דאָס וועניגסטענס פיער דורות פון זיי זיינען שוין געווען אין אדעל־שטאַנד.

דער אדעל האָט בעזעסען דעם גרעסטען פערמעגען אין לאַנד. דיזער שטאַנד האָט געהאַט פיעלע פּריווילעגיעס, וועלכע זיינען געווען דעם פאָלק אונערטרעגליך. אזוי צ. ב. איז דאָס יאַגד־רעכט פון דעם אדעל אין פיעלע ערטער געגאַנגען אזוי ווייט, דאָס די בויערן האָבען אין געוויסע צייטען גע-מוזט אויפגעבען אַלע פעלד־אַרבייטען, ניט אַקערן, ניט זעען, ניט יעטען, זאָגאַר ניט קומען אין פעלד, אום ניט צו פערטרייבען די רעבהיהנער (קוראָ-

געמאַכט דאָס אָרימע פאָלק צו געבען. אין פערלויף פון 15 יאָהר, פון 1774 ביז 1789, האָט דער שטאַאט אויסגעצאָהלט מתנות צו די אריסטאָקראַטישע לעדיג־געהער 288 מיליאָנען ליוורעס. די קעניגליכע פאַמיליע אַליין האָט צוגענומען 80 מיליאָנען ליוורעס, יעדער פון דעם קעניג'ס ביידע ברידער האָט ערהאַלטען צו 14 מיליאָנען ליוורעס. די פאַמיליע פּאָליניאַק, וועלכע איז געווען בעזונדערס בעליבט ביי דער קעניגין מאריע אַנטואַנעטטע, האָט צוגענומען מתנות אויף 700,000 ליוורעס. דער הערצאָג פון פּאָליניאַק האָט נאָך דערצו בעקומען אַ יעהרליכע רענט אויף דאָס גאַנצע לעבען פון 120,000 ליוורעס און אַ מתנה פון צעהן מאָל אַזוי פיעל אום צו קויפען אַ רייכעס גוט. דאָס האָט מען אַלץ געשונדען די הויט פון אָרימען פאָלק, אום די אַריסטאָקראַטיע זאָל האָבען מיט וואָס צו הולטייעווען.

איבערהויפּט האָט געהערשט אין קעניגליכען הויף די פערדאָרבענהייט פון די זיטען. דער אַדעל, וועלכער האָט פּרעטענדירט צו זיין „אויפגע-קלערט", האָט געשפּאָטעט איבער אַלעם הייליגע. פיר דעם אַדעל איז די הייראַט, די ריינהייט פון דער פאַמיליע, געווען נאָר אַ נאַרישע צערעמאָניע.

פיעל עהרליכער און געזיטעטער איז געווען דער אַדעל, וואָס איז גע-ווען ווייט פון הויף, דער אַדעל, וועלכער האָט געלעבט נאָך דער אַרט און ווייזע ווי עס האָבען געלעבט די גוטס־בעזיצער אין די פריהערדיגע יאָהרען. דיזער אַדעל האָט געקוקט מיט פעראַכטונג אויף די זיטענלאָזיגקייט פון דעם הויף. עס איז צווישען די ביידע סאָרטען אַדעל געווען אַ טיפער ריס און אַ פיינדשאַפט, און ווען עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציאָן זיינען דיזע געווען אויף דער זייט פון די רעוואָלטירענדע.

אָבער עס איז געווען נאָך אַ גרעסערע אורזאַך צום האַס צווישען די ביידע סאָרטען אַדעל. פיר די הויפלייט און די בעאַמטע איז געווען נעטיג די אַבסאָלוטע מאַכט פון קעניג. דיזע האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט אויסצוזוייגען דעם לעצטען טראָפּען בלוט פון אָרימען בויער, און דעריבער האָט דער בויער ניט געהאַט די מעגליכקייט צו זיין פּינקטליך אין זיינע פליכטען און אָפּגאַבען צו זיין גוטס־בעזיצער; די רעכטען, וואָס דער אַדעל האָט געהאַט אין דער פעאָדאַל־צייט, האָט דער קעניגליכער אַבסאָלוטיזם פון זיי צוגענומען. אָבער דיזע הערען האָבען זיך ניט געקענט אַרונטער-לאָזען צו דער שטופע פון לאַקייען, אויף וועלכער די הויף־בעאַמטע זיינען געשטאַנען. זיי האָבען זיך געפיהלט, ווי אין דער צייט פון מיטעלאַלטער, אַלס גלייכע יחסנים מיט'ן קעניג. דער אונטערשייד צווישען זיי און דעם קעניג איז נאָר געווען, דאָס דער קעניג איז געווען דער גרעסטער גוטס־בע-

און גוטס־בעזיצער האָט זיך געמערקט א פאַמיליען־פריינדשאַפט. זעהר אָפט פלעגט דער גוטס־בעזיצער פערברייננגען מיט זיין בויער, רעדען מיט איהם וועגען זיינע געשעפטען און זיין צושטאַנד און איבער זיינע פּיה. ער פלעגט נעהמען אַנטייל אין זיין גליק און אונגליק און פלעגט אַנטייל נעהמען אין זיינע שמחות. דאַ פלעגט זיך דער בויער זעהר אָפט מוטיג שלאָגען פיר זיין הערר, אויף וועלכען ער האָט געקוקט ווי אויף א פאַטריאַרך, וועל־כער זאָרגט זיך וועגען דעם וואוילשטאַנד פון זיינע לייט.

אויסער דיזע אויסנאַהמען זיינען אין פראַנקרייך איבעראַל געווען די פערהעלטניסען צווישען דעם הערר און זיינע בויערן שרעקליך פיינדליך. דער אַדעל איז געווען ווי א היישעריק, וועלכער האָט אַלעס אויפגעפרעסען און פערניכטעט. ער, דער אַדעל, האָט בוכשטעבליך גאָרניט געטאָן, ער האָט נאָר פערשלונגען אונגעהייערע סומעס, וועלכע ער האָט געקראַגען פון דער אַרבייט און דעם שוויים פון זיינע אונטערטאַנען. פריהער פון אַלעס פלעגען די הערען פערשאַפען זיך אין דער רעגירונג שטעלעס, וועלכע האָ־בען זיי געגעבען די מעגליכקייט אויסצופרעסען דאָס פאָלק. מען האָט גע־שאַפען נייע עמטער, אָפט זעהר לעכערליכע, נאָר מיט דעם צוועק צו פער־זאָרגען אַן אַדעלמאַן מיט א גוטען געהאַלט. בעזונדערס איז עס געווען דער פאַל מיט די עמטער אין הויף. דיזע שטעלעס האָבען ניט געפאָדערט קיין בעזונדער וויסען, פעהיגקייט, אַרבייט, און די בעאַמטע פלעגען גוט בעצאָהלט ווערען. עס זיינען געווען איבער 15,000 הויף־בעאַמטע, און זייער יעהרליכער געהאַלט האָט בעטראָפען איבער 40 מיליאָנען ליווערעס, אָדער אויף היינטיגעס געלט הונדערט מיליאָנען פראַנק. א צעהנטעל פון דער גאַנצער הכנסה פון דעם לאַנד האָבען פערשלונגען דיזע לעדיג־געהער.

אויך אין גאַנצען לאַנד איז געווען א מאַסע שטעלעס, וועלכע זיינען איבערהויפּט געווען בעשטימט פיר דעם אַדעל, וועלכער האָט אויפגעפרעסען כמעט די גאַנצע איינקונפטען פון לאַנד. אום ניט צו זיין לאַנגווייליג וועלען מיר געבען נאָר א ביישפּיל פון דער אַרמעע. די בעאַמטע אין דער אַר־מעע האָבען צוגענומען 46 מיליאָנען ליווערעס א יאָהר, וועהרענד פיר די גאַנצע אַרמעע צו איהר אונטערהאַלטונג איז געווען בעשטימט נאָר 44 מי־ליאָנען ליווערעס.

אָבער דיזע אַלע גרויסע איינקונפטען פון דער גרויסער אַריסטאָקראַטיע זיינען זיי געווען ווייניג דורכצוקומען אין זייער פערשווענדערישען, הול־טייסקען לעבען. זיי האָבען נאָך געזוכט צו בעקומען פון קעניג געשענקען, און דיזער האָט געגעבען; דאָס הייסט ניט ער האָט געגעבען, נאָר ער האָט

געהאסט. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען עלעמענטען, וועלכע זיינען געווען שרעקליך אויפגעבראַכט אויף די אויסגעלאַסענהייטען און פערשווענדערייען פון הויף־אדעל, און האָבען באמת בעדויערט די טרויעריגע לאַגע פון פאָלק. צו דיזע לעצטע עלעמענטען האָבען געהערט נאָר די אינטעליגענטעסטע מיט־גלידער פון דער אַריסטאָקראַטיע, די כאַראַקטער־פעסטע און אונערשראָקענע פון זיי, וועלכע האָבען זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער דריטער קלאַס.

צו דער דריטער קלאַס האָבען געהערט די יעניגע, וועלכע האָבען ניט געהערט צו דיביידע פריווילעגירטע קלאַסען (אדעל און קלערוס). צו דיזער קלאַס האָבען נעמליך געהערט: קאַפּיטאַליסטען, האַנטווערקער, בויערן און פּראָלעטאַריער. אָבער אויך אין דיזער קלאַס איז געווען אַ שפּאַלטונג, ווייל ניט אַלע פון זיי האָבען געהאַט די זעלבע צילען און די זעלבע אינטערעסען.

מיט דעם אדעל איז געווען ענג פערקניפּט די הויכע פינאַנץ־וועלט. ערסטענס האָט דער אדעל געהאַט אין זיינע הענט אַ גרויסע מאַסע פעאָדאַל־גיטער, צווישען וועלכע עס זיינען געווען פיעלע, וואָס זיינען געווען ביי זיי פער'משכון'ט פון די רואינירטע אדעללייט. ווען מען זאָל אָפּשאַפען דאָס פעאָ־דאַל־סיסטעם וואָלטען זיי מוזען באַנקראָטירען. די רעפאָרמע אויף'ן פינאַנץ־געביט וואָלט אָפּגענומען פון די פּאַכטער, וואָס קויפען אָפּ די רעגירונגס־איינקונפטען, זייערע גרויסע פערדינסטען, ווייל דיזע פּאַכטער פלעגען איינ־נעהמען פון פאָלק צוויי מאָל מעהר ווי פיעל זיי האָבען איינגעצאָהלט דער רעגירונג פיר די שטייער. מען דאַרף ניט פערגעסען, דאָס דיזע פּאַכטער זיינען אויך געווען די קאַפּיטאַליסטען, וואָס האָבען אימער געבאָרגט געלט דער רעגירונג, און אַ נייע רעפאָרמע אין די פינאַנצען וואָלט זיי געוויס גע־פיהרט צו אַ באַנקראָט.

אָבער די מיטעלע און קליינע בירגער זיינען געווען די שטאַרקסטע געגנער פון אַבסאָלוטיזם און דעספּאָטיזם. די פראַנצויזישע האַנדעלס־אינ־טערעסען מיט אויסלאַנד זיינען געווען זעהר אונגליקליך. כמעט אַלע מלחמות פון 18טען יאָהרהונדערט האָבען זיך געענדיגט זעהר שלעכט פיר די האַנדעלס־בעדינגונגען און מיט פערלוסט פון זעהר טייערע קאָלאָניעס. מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, וואָס פיר שוועריגקייטען די רעגירונג האָט געמאַכט דעם האַנדעל אין לאַנד גופא. די פיעלע אָפּצאָהלונגען פון די סחורות, וואָס מען האָט געפיהרט פון איין שטאָדט אין די אַנדערע אין לאַנד זעלבסט, האָט דעם האַנדעל פּאַראַליזירט. עס וועט זיין גענוג צו ברייננגען איין ביישפּיל פון דעם ווין־האַנדעל. דער פּרייז פון ווין, וואָס מען האָט געפיהרט פון אָרלעאַננעס, איז געוואָרען 20 מאָל טייערער ווען ער איז אָנ־

זיצער, ער איז געווען דער ערסטער אונטער גלייכע; ער האָט ניט געקענט מאַכען אין שטאאט קיין ענדערונגען, ווען ער האָט ניט געהאט דערויף זייער צושטימונג. יעצט אָבער האָט מען זיי אין גאנצען איגנאָרירט, זאָגאר ווען מען האָט אָנגעהויבען פון זיי פאָדערן אָפּגאבען, האָט מען ביי זיי אויך ניט געפרעגט אויף וואָס מען זאָל געברויכען דיזע נייע סומעס. זיי האָבען אָנגעהויבען צו פאָדערן, אַז דער הויף זאָל פערקלענערן זיינע אויסגאבען, מען זאָל מאכען אָרדנונג אין דער פינאַנץ־פערוואַלטונג, עס זאָל זיין פון פאָלק א קאָנטראָלירענדע מאכט איבער אַלעם, וואָס די רעגירונג טוט.

מיר זעהען קלאָר, דאָס דער אדעל איז דאמאָלס געווען צושפּאָלטען אויף צוויי לאַגערן, אָדער פּאַרטייען. די איינע, דער הויף־אדעל און די העכערע בעאַמטע, האָט געשטיצט דעם אבסאָלוטיזם, די קעניגליכע מאכט, און די אַנדערע, דער קלענערער אדעל, איבערהויפּט אין די פּראָווינצען, וואָס זיינען ניט געווען ענטוויקעלט אין האנדעל און אינדוסטריע, האָט געשטרעבט צו א פאָלקס־רעגירונג, אָדער ווענינגסטענס צו אַ רעגירונג, וואָס זאָל זיין רעפּרעזענטירט און ווערען קאָנטראָלירט פון פאָרשטעהער פון פאָלק.

אָבער אין איין זאך האָבען די ביידע קלאַסען פון אדעל געשטימט, און דאָס איז — אין דעם האס צו דער דריטער קלאַס, צום פאָלק אין אַלגעמיין. ביידע פּאַרטייען האָבען שרעקליך געהאסט דעם דריטען שטאַנד פיר זיין חוצפּה צו וועלען זאָגען אַ דעה און מישען זיך אין רעגירונגס־אַנגעלעגענהייטען, פיר זייערע פּראָטעסטען געגען די פּריווילעגיעס פון דעם אדעל, און אין אַלגעמיין געגען רעכטען, וואָס דער אדעל האָט בירושה פון זיינע עלטערן. יע, דיזעס איז געווען דאָס איינציגע, אין וואָס ביידע פּאַרטייען האָבען געשטימט. אָבער אין אַלע אַנדערע הינזיכטען איז דער אַדעל, ווי אויך דער קלערוס (די גייסטליכע), געווען צושפּאָלטען ביים אויסברוך פון דער רעוואָלוציאָן. די לאַנד־יונקערס זיינען געווען געגען אַן אבסאָלוטער הערשאַפט פון דעם קעניג און האָבען געפאָדערט פינאַנץ־רעפאָרמעס. דער אַנדערער טייל פון אַדעל, דער הויף־אדעל מיט דער ביוראָקראַטיע, זיינען געווען געגען רעפאָרמע אין פינאַנץ־אַנגעלעגענהייטען, ווייל אין דעם האָבען זיי געזעהען פיר זיך אַ נידערלאַגע. די אומשטענדען אָבער האָבען אַרויסגערופען נאָך אַ קלאַס אָדער פּאַרטיי, וואָס איז געווען געגען דער עקסיסטירענדער אָרדנונג אין דער רעגירונג. דאָס זיינען געווען מענשען, וואָס האָבען ניט געהאט קיין מיטלען אַרויפצואַרבייטען זיך אויף וועלכען עס איז געביט; דאָס איז געווען דער טייל פון אַדעל, וועלכער איז געווען פינאַנציעל רואינירט. דער קירכען־דינסט איז זיי געווען פערשטעלט, דער הויף האָט זיי

ווייט מיט איהר אַריינמישען זיך אין די פּריוואַט־געשעפטען פון די פאַברי־קאַנטען און האָבען זיי נאָכדעם צו פיעל געדריקט. די פאַבריקאַנטען האָבען אַזוי שטאַרק געפיהלט דעם דרוק און דעם שאָדען פון אַזעלכע געזעצען, דאָס זיי האָבען אָנגעהויבען שרייען צוזאַמען מיט די איבריגע אונצופרידענע רעוואָלוציאָנערען: „פרייהייט און גלייכהייט!" דיזע צוויי ווערטער האָבען אויסער זייער אידעאַלען זין אויך געהאַט אַ פּראַקטישען, זיי זיינען געווען אַ לעבענס־פראַגע פיר דעם האַנדעל און בעזונדערס פיר די ענטוויק־לונג פון דער אינדוסטריע.

אין די שטעדט זיינען די האַנטווערקער נאָך געווען אונטער דעם שטרענגען צוואַנג פון די צעכען. דיזע האָבען מאָנאָפּאָליזירט די אַרבייט און האָבען זי צענטראַליזירט אין איינינגע הענט. דאָס רעכט צו אַרבייטען איז אויך געוואָרען אַ ירושה־זאַך, ווי דאָס רעכט פון אַדעל. מען האָט קיין נייע אַרבייטער ניט צוגעלאָזען. דער אַרבייטער האָט גע'ירש'ענט דאָס רעכט צו זיין אַן אַרבייטער פון זיין פאָטער, און קיין נייעם האָט מען פיר קיין פאַל ניט געוואָלט אַריינגעהמען. נאָר די דערפער אָדער שטעדטלאַך, וואָס האָבען זיך געבילדעט פון דערפער, זיינען געווען פריי פון דער מכה פון צעך־רעכט.

אין דיזע פרייערע פּראָווינצען האָבען די קאַפּיטאַליסטען געגרינדעט זייערע פאַבריקען, ווייל היר האָבען זיי געפונען גענוג הענט, וואָס האָבען זיי געוואָלט העלפען אין זייערע אונטערנעהמונגען צו ענטוויקלען אַ געוויסען צווייג פון אינדוסטריע, וואָס זיי האָבען אין קיין פאַל ניט געקענט דערגרייכען אין די ערטער, וואו עס האָבען געהערשט די צעכען. אין דיזע ערטער האָט זיך באַלד ענטוויקעלט די קלאַס פון לוין־אַרבייטער. די פאָר־שטעדט פון פאַריז, סט. אַנטואַן און דיו־טעמפּעל, האָבען געהערט צו די פרייע פּראָווינצען, וואו די צעכען האָבען ניט געהאַט קיין שליטה. אונטער די לוין־אַרבייטער האָט זיך אויך געפונען אַ גרויסער לומפּען־פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט אָנגעפילט די גרויסע שטעדט און בעזונדערס פאַריז. אין יענער צייט איז געווען אין פראַנקרייך אַ צוואַנציגסטעל פון גאַנצען פאָלק בעטלער; אין פאַריז זיינען זיי געווען אַזוי פיעל, דאָס זיי האָבען דאָרט אויסגעמאַכט אַ זעקסטעל פון דער בעפעלקערונג. עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזע גרויסע מאַסע בעטלער זיינען געווען פול מיט ביטערען האַס צו יעדען, וואָס האָט מיטלען צום לעבען: צום בירגער, צום בעאַמטען און צום גייסט־ליכען. אָט דיזע אַלע האָבען גאָרניט געהאַט וואָס אָנצואַווערען, זיי זיינען געווען די הויפּט־טרעגער פון דער רעוואָלוציאָן, זיי האָבען זיך ניט געשראָ־

געקומען אין נאָרמאַנדיע, צוליב די פערשיידענע אָפּצאָהלונגען, וועלכע ער איז געווען אונטערוואָרפען אויף זיין רייזע דורך פערשיידענע שטעדט. אי־בערהויפט איז דער ווײַן־האַנדעל געווען בעלאַסטעט מיט אָפּצאָהלונגען, הגם דאָס איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע צווייגען פון האַנדעל אין פראַנק־רייך. די וויין־הענדלער אין באָרדאָ האָבען געהאַט דאָס רעכט צו פערוועה־רען פערקויפען אין זייער געגענד יעדען ווײַן פון טרויבען, וואָס זיינען ניט געוואַקסען אויף זייער געביט. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס די ווײַנען פון די פרוכטבאַרע לאַנדשאַפטען: לאַנגעדאָק, פּעריגאָרד, אַזשענוא און קערסי האָבען ניט געהאַט קיין אָפּזאַץ, ווייל די סחורה האָט געמוזט דורכגעהן דורך באָרדאָ.

אָבער דאָס איז ניט דער איינציגער ביישפּיל. דאָס זעלבע איז געווען אין טויזענד אַנדערע פעלען, און ניט נאָר אין האַנדעל נאָר אויך אין אינ־דוסטריע. אויך די אינדוסטריע איז געווען געבונדען, אַזוי דאָס זי האָט זיך ניט געקענט פריי בעוועגען און ענטוויקלען. מיר האָבען שוין פריהער גע־זעהען, ווי יעדע קלענסטע פאַבריקאַציאָנס־אַרבייט איז געווען בעשרענקט מיט פיעלע קליינע, מאַנכמאָל זעהר נאַרישע, אָבער אימער שטערענדע גע־זעצען און פאָרשריפטען. פון דער צייט אָן, וואָס קאָלבערט האָט זיך גע־נומען, לויט דעם וואונש פון קעניג, צו ברייגגען די אינדוסטריע אין אַ בלי־הענדען צושטאַנד, איז פראַנקרייך געוואָרען אַ לאַנד פון געזעצען וועגען פאַבריקאַציאָן. מיר וועלען אויך אין דעם ברייגגען נאָר איין ביישפּיל פון טויזענד. דאָס געזעץ האָט פאָרגעשריבען ווי לאַנג, ווי דיק און ווי ברייט יעדעס שטיק טוך מוז זיין, און ווען דער פאַבריקאַנט האָט געמאַכט לענגער פון דער מאָס, ווי עס איז פאָרגעשריבען פון געזעץ, האָט דער רעגירונגס־אינספּעקטאָר בעדאַרפט אָפּשניידען די איבריגע לענג און עס אָפּגעבען צו אַן אָרימאַן. דער פאַבריקאַנט האָט נאָך אויסער דעם געקענט בעשטראָפט ווערען מיט אַרויפזעצען איהם אויף אַ שאַנד־קלאָץ. אַזעלכע טיכער, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען ניט לויט געזעץ, האָט מען אָפטמאָל זאָגאַר פער־ברענט. אונז קומט היינט פאָר אונפערשטענדליך אַזאַ סאָרט אַריינמישען זיך פון דער רעגירונג אין אַזעלכע קלייניגקייטען פון פאַבריק־אַרבייט. דיזע קלייניגקייטען האָבען דערשטיקט, האָבען פערניכטעט יעדען פונק פון ענט־וויקלונג אין פאַבריקאַציאָן.

אין דער ערסטער צייט, ווען מען האָט אָנגעהויבען אַיינפיהרען אין פראַנקרייך די אינדוסטריע, זיינען געווען נעטיג געוויסע געזעצען, און זיי האָבען דאַן ווירקליך געבראַכט נוצען. אָבער די רעגירונג איז געגאַנגען צו

פענסטער האָבען זייערע וואוינונגען ניט געהאַט. אַנשטאַט פענסטער איז געווען אין דאַך אַ לאָך, פון וועלכער עס פלעגט אַרויסגעהן דער רויך. קיין פּאָרלאָגע (דילען) האָבען זיי ניט געהאַט, די נאַקעטע ערד איז געווען די פּאָדלאָגע. די קליידונג איז בעשטאַנען פון אַלטע לייווענטענע שמאַטעס סיי ווינטער סיי זומער. זייערע שיך זיינען געווען הילצערנע. פלייש פלעגען זיי עסען זעהר זעלטען, זיי פלעגען זיך נעהרען מיט האָבער, רעטשקע, קאַשטאַנעס און זויער־מילך. זייער פּיה איז בעשטאַנען פון אַ קוה מיט אַן עלענדען פערד. דער רעזולטאַט פון אַזאַ עלענדען צושטאַנד איז געווען, דאָס דער אַקערבוי איז געשטאַנען אויף אַ זעהר נידריגער שטופע. די פעלדער פלעגען בעזעעט ווערען נאָר איין מאָל אין צוויי יאָהר. פון אַן איי־זערנעם פלוג (סאָכע) האָבען זיי ניט געוואוסט, זיי פלעגען מיט העלצער אָדער בלויז מיט די הענט אויפגראָבען די ערד פון פעלד, וועלכע פלעגט זעהר ווייניג געמיסטיגט ווערען, און דעריבער פלעגען זעהר אָפט זיין ניט קיין גערעטענע יאָהרען, אין וועלכע דאָס פאָלק האָט געליטען הונגער, און די שוואַכע בויערן פלעגען דאַמאָלס פאַלען טויט ווי פליגען. די פּאַקען־עפּידעמיע האָט דאָרט קיינמאָל ניט אויפגעהערט און פלעגט אויך אַוועק־לעגען אַ גרויסע צאָהל בויערן.

פיעלע בויערן האָבען פערלאָזען זייערע פעלדער, וועלכע האָבען זיי כמעט גאָרניט געגעבען, און זיינען געוואָרען בעטלער אָדער רויבער. עס פערשטעהט זיך, דאָס די רעגירונג האָט דיזע עלענדע שטאַרק בעשטראָפט, אָבער דאָס האָט זיי ניט אָפּגעהאַלטען פון פאָרטצוזעצען זייערע רויבערייען אָדער צו בעטלען. אין יאָהר 1750 איז אַ פערטעל פון דעם גאַנצען אַקער־באָדען געשטאַנען ניט בעאַרבייט. פאַר דער רעוואָלוציאָן איז געשטאַנען אַ דריטעל ניט בעאַרבייט.

עס פערשטעהט זיך, דאָס דער שיקזאַל פון די לייבאייגענע איז געווען נאָך פיעל ערגער. זיי זיינען דאַמאָלס געווען אין פראַנקרייך איבער אַנ־דערטהאַלבען מיליאָנען. זייער גאַנצעס לעבען איז געווען אַ סומע פון עלענד, פערצווייפלונג און ערביטערונג. וואָלטעיר האָט איבערגעגעבען זיי־ערע קלאַגען, ווי ער האָט זיי געהערט פון די לייבאייגענע זעלבסט, מיט פאָל־גענדע ווערטער: „מיר זיינען שקלאַפען צוזאַמען מיט אונזערע גיטער. שטאַרבט איינער פון אונז, נעהמען צו וואָס עס בלייבט פון איהם ניט די פערוואַנדטע, די קרובים, נאָר די מאַנאַכען נעהמען עס צו. מיר מוזען זעהר אָפט בעטלען ביי דער טיר פון דעם הויז, וואָס מיר האָבען אַליין אויס־געבויט מיט אונזערע אייגענע הענט, מיט אונזער שוויים און בלוט. קיין

קען זאָגאר אַיינצוטרעטען אין אַ שטרייט מיט דער אַרמעע. אויסער דיזער מאַסע פּראָלעטאַריער האָט די רעוואָלוציאָן געהאַט סימפּאַטיזירער אויך אין די בויערן און די קליינע בירגער, וועלכע זיינען אויך געווען גרייט צו שטי־צען זי מיט אַלע מעגליכקייטען.

אָבער דיזע פערשיידענע עלעמענטען: בויערן, פּראָלעטאַריער און קליין־בירגער, זיינען אין די פּראָווינצען געווען צו פיעל פערשפּרייט, ווייט איינער פון אַנדערען, ניט פעראייניגט און צו ווייט פון פּאַריז, פון צענטער פון פּאָליטישע בעוועגונגען. זיי האָבען זיך ניט געקענט פעראייניגען אין דעם נעטיגען מאָמענט צו אַרבייטען צוזאַמען אום צו געבען אַ שטאַרקען פּלוצלינגען שטויס דער פערהאַסטער רעגירונג און דער הערשענדער קלאַס, איבערהויפּט דעם הויף.

דער צענטער פון דער רעוואָלוציאָן זיינען דעריבער געווען, ווי מיר האָבען עס פריהער בעמערקט, די פּאָרשטעדט פון פּאַריז מיט דער גרויסער מאַסע לוין־אַרבייטער און פּראָלעטאַריער. צו דיזער גרויסער מאַסע האָבען זיך אויך אָנגעבונדען די בויערן, וועלכע זיינען דאַמאָלס געווען אַ גרויסע צאָהל. דיזע זיינען ניט געווען קיין פּראָלעטאַריער, ווייל זיי האָבען דאָך גע־האַט גענוג מיטלען אום ניט צו שטאַרבען פון הונגער, אָבער זיי האָבען ניט געהאַט גענוג פיר אַלעס נעטיגע צום לעבען. שוין פריהער איז נעקקער געווען אונצופרידען און איז געווען געגען דעם, וואָס דאָס לאַנד ווערט צו־ברעקעלט אויף צו קליינע שטיקלאַך, אַזוי דאָס קיינער פון די בויערן קען ניט אויסאַרבייטען גענוג אויף חיונה. טורגאָט האָט פּראָטעסטירט געגען דער אָרדנונג, דאָס ווען אַ בויער שטאַרבט, ווערט זיין שטיקעל גרונד צו־טיילט צווישען אַלע זיינע יורשים, אַזוי דאָס קיין איינער פון זיי האָט ניט גענוג אום צו קענען עקסיסטירען פון זיין ערד־אַרבייט.

פיעלע בויערן האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פּאַכטען אַנדערע פעלדער זיי צו בעאַרבייטען. אָבער די בעדינגונגען פון פּאַכט זיינען געווען זעהר דריקענדע. דער בויער האָט געמוזט געבען דעם גוטס־בעזיצער די העלפט פון דער תבואה, וואָס ער האָט בעקומען פון דער ערד. פון דיזער העלפט האָט ער געמוזט געבען דער רעגירונג אַלע שווערע אָפּצאָהלונגען, אַזוי דאָס עס איז איהם ניט געבליבען גענוג אום צו קענען עקסיסטירען, און דער גוטס־בעזיצער איז זעהר אָפט געווען געצוואונגען אויסצוהעלפען איהם, דעם פּאַכטער, אום ער זאָל ניט אויפגעבען דעם פּאַכט.

די לאַגע פון די בויערן איז געווען יאָמערליך. זייערע הייזלאַך זיינען געווען געמאַכט פון געקנעטענעם לעהם און בעדעקט מיט שטרוי. קיין

די אָרימע מאַסען זיינען אַרויס מיט גרויס ערביטערונג און שרעקליכען האַס געגען דעם הערשענדען סיסטעם. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ בלוטיגער שטרייט צווישען צוויי פערשיידענע מעכטען, צווישען צוויי געזעלשאַפטען — אַ שטרייט, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט דעם זיג פון קאַפּיטאַל, פון דער בורזשואַזיע, איבער דעם אַדעל און דעם פעאָדאַל־סיסטעם.

ד. די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און איהר פערפאַסונג.

די ערקלערונג, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט אַרויסגעגעבען וועגען די רעכטען פון פאָלק, איז אָנגענומען געוואָרען מיט גרויס פרייד און ענטהוזיאַזם. און דאָך איז עס אין גרונד געוועזען ניט מעהר ווי אַ פאַלשער שיין, וואָרים פון דיזער ערקלערונג זיינען נאָר די פּריווילעגירטע קלאַסען, דער אַדעל און די גייסטליכע, געצוואונגען געוואָרען צו צאָהלען שטייערן. ווען די רעגירונג האָט זיך אַרומגעזעהען און זיך איבערצייגט, דאָס פון אָרימען פאָלק קען מען שוין מעהר ניט זויגען, האָט זי זיך גענומען צום אַדעל און צו דער קירכע. פון וואָהרע רעכטען פיר דאָס פאָלק איז אין דיזער ערקלערונג פון פּאַרלאַמענט גאָר קיין רייד ניט געוועזען. נאָך דיזער ערקלערונג האָבען זיך דיזעביידע הערשענדע קלאַסען, דער אַדעל און דער קלערוס, פעראייניגט אום צו שטרייטען געגען דעם קעניגטום. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַן אויפשטאַנד פון דיזע צוויי פּריווילעגירטע קלאַסען, וועלכע זיינען דאַמאָלס געוועזען אַזוי קורצזיכטיג, דאָס זיי האָבען ניט געזעהען, אַז זיי גרייטען זעלבסט פאָר זייער אונטערגאַנג, ווייל די רעגירונג איז אימער געוועזען זייער שטיצע.

דער טראָן איז געוועזען צו שוואַך צו שטרייטען מיט די פעראייניגטע קרעפטען פון אַלע דריי שטאַנדען: אַדעל, קלערוס און בירגערטום. דער קעניג האָט נאָך בריעננע'ס פאַל וויעדער איינגעלאַדען נעקקער'ן צו שטעהן אָן דער שפּיץ פון די מיניסטאָרען. דאָס פאָלק איז געוועזען מיט נעקקער'ס איינטריט אין מיניסטעריום העכסט צופרידען. נעקקער אָבער האָט אַנדערש ניט געוואָלט אָננעהמען די שטעלע ביז דער קעניג וועט איהם ניט געבען די מאַכט איינצוברופען אַ גענעראַל־פערזאַמלונג פון אַלע שטאַנדען. ער איז געוועזען אין דער פעסטער איבערצייגונג, דאָס דורך דיזע גענעראַל־פערזאַמלונג פון גאַנצען פאָלק וועט איהם געלינגען ברייגען אין לאַנד די געווינשטע אָרדנונג. ער האָט ניט געזעהען, דאָס די בערופונג פון דער פערזאַמלונג אין דיזען מאָמענט בעדייטעט אַרויסצורופען אַ רעוואָלוציאָן. ער האָט זיך זאָגאָר ניט פאָרבערייטעט מיט געוויסע מאַסרעגלען ווי צו האַלטען דיזע קער-

הילף אין צייט פון נויט, אין צייט פון קראַנקהייט; קיין מעדיצין, קיין דאָקטאָר גיט מען אונז ניט ווען מיר ברויכען איהם זעהר נעטיג. דע־ריבער ווען מיר זיינען קראַנק וויל קיין קויפמאַן אונז ניט באָרגען עטליכע עלען לייוועגט, קיין פליישער (קצב) וויל אונז ניט באָרגען אַ פונט פלייש. מיר שטאַרבען פערלאָזען פון אַלע מענשען, ווי אַ ווילדעס טיער אין וואַלד; מיר נעהמען מיט זיך אין קבר נאָר דאָס בעוואוסטזיין, דאָס מיר האָבען געלאָזען אונזערע קינדער אין שקלאַפעריי און אין גרעסטען עלענד. ווען אַ פרעמדער, וועלכער איז ניט בעקאַנט מיט די היגע צושטענדען, קומט און בעזעצט זיך היר און פערבלייבט איין יאָהר מיט איין טאָג ווערט ער פער־וואַנדעלט אין אַ לייבאייגענעם און אַ שקלאַף פון די מאָנאַכען פון סט. קלאָד, און פון יעצט אָן, ווען דיזער אונגליקליכער האָט ערוואָרבען וועלכעס עס איז אייגענטום אין אַן אַנדערען לאַנד, געהערט עס ניט צו איהם, נאָר צו זיינע הערען, די מאָנאַכען. ווען אַ מיידעל, וואָס האָט געהייראַט איהר חתן, האָט די ערסטע נאַכט נאָך דער הייראַט ניט געשלאָפען אין הויז פון איהר פאָטער, נאָר אין דעם הויז פון איהר מאַן, פערלירט זי דאָס רעכט צו ירש׳ענען איהר פאָטער, און די ירושה פאַלט אַריין אין די הענט פון די מאָנאַכען, וועלכע זויגען אויס אונזער בלוט ביי אונזער לעבען און ציהען אַראָפּ פון אונז די הויט נאָך אונזער טויט״.

ביי דיזער קלעגליכער לאַגע האָבען די בויערן גאָרניט געהאַט וואָס צו פערלירען, און דעריבער זיינען זיי שטענדיג געווען דורכגעדרונגען מיט׳ן גייסט פון רעוואָלוציאָן און עמפּערונג. אין זייער פערצווייפלונג האָבען זיי אָנגעהויבען צו שטעלען זיך ענטקעגען יעדען בעאַמטען, וואָס איז צו זיי גע־קומען עטוואָס פאָדערן. זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו פעראייניגען זיך אין בע־וואַפענטע באַנדעס און צו נעהמען מיט גוואַלד וואָס זיי האָבען בעדאַרפט און געוואָלט. אָבער דאָס זיינען נאָר געווען איינצעלנע פעלען. דער שטורם, וואָס די מאַסען האָבען געמאַכט אויף דער באַסטיליע, האָט געדינט אַלס פונק, וואָס האָט אויפגעפלאַקערט אין די גרויסע מאַסען פון פאָלק ווי אַ העלישער פייער. די אומשטענדען האָבען דערצו פיעל געהאָלפען. דיזען יאָהר איז געווען אין לאַנד אַ שרעקליכער הונגער, דער ווינטער איז געווען אַן אונגעוועהנליך קאַלטער, דערצו זיינען גראַדע דאַמאָלס אויסגעקומען די אַלגעמיינע וואַהלען — דאָס אַלעס האָט אויפגערעגט די געמיטער אויף׳ן העכסטען גראַד. די בויערן, איבערהויפּט די לייבאייגענע, האָבען זיך גע־נומען מיט פייער און מאָרד צו פערניכטען די אַלטע אָרדנונג פון דעם פער־פלוכטען פעאָדאַל־סיסטעם.

קלערוס, צוזאַמען; דאָס הייסט, פון די 1,000 רעפּוטאַטען, וואָס האָבען בע־דאַרפט ערוועהלט ווערען אין דער פערזאַמלונג, האָבען דיביידע ערסטע קלאַסען געהאַט דאָס רעכט צו ערוועהלען צוזאַמען נאָר 500 און די דריטע קלאַס אַליין 500.

די ערעפנונג פון דער פערזאַמלונג איז געווען דעם 4טען מאַי. זי איז ערעפענט געוואָרען מיט אַ קירכליכער צערעמאָניע. די רעגירונג האָט געהאַנדעלט זעהר ניט טאַקטיש, וואָס זי האָט זיך געהאַלטען אָן דער אַלטער פערשימעלטער מאָדע צו בעזעצען די דעפּוטירטע פון דער דריטער קלאַס הינטער די דעפּוטירטע פון די צוויי פריווילעגירטע קלאַסען. צום גליק האָט דער בישאָף פון נאַנסי געהאַלטען אַ פעסט־רעדע, וועלכע איז אייגענט־ליך געווען אַ מין פּראָגראַם פיר די פערזאַמלונג, און אין דיזער רעדע האָט ער ערנסט גערעדט וועגען פרייהייט, גלייכהייט און מענשען־רעכטען, און זי האָט געמאַכט אויף די דעפּוטאַטען אַ גוטען איינדרוק, און האָט אָפּגע־שוואַכט דעם שלעכטען איינדרוק, וואָס די רעגירונג האָט געמאַכט מיט איהר אונטאַקטישער צוטיילונג פון די זיצען פיר די דעפּוטאַטען.

דעם 5טען מאַי האָבען געהאַלטען רעדעס: דער קעניג, דער מיניסטער פון קעניגליכען זיגעל און דער פינאַנץ־מיניסטער. אין זייערע רעדעס הא־בען זיי אויסגעזאָגט ווי ווייט די רעגירונג איז הילפלאָז און ראַטלאָז. די אַלע רעדנער האָבען זיך בעקלאָגט אויף דעם אונרוהיגען צושטאַנד פון דעם גייסט פון פאָלק. „אַלע מוחות זיינען צוהיצט", האָבען די רעדנער אויס־געשריען, „אַלע ווילען אויפשטעלען עפּעס נייעס, די עפענטליכע מיינונג איז ניט אין אָרדנונג, מען מוז זוכען קלוגע מיטלען און פעראייניגען זיך אום ניט לאָזען אַזוי ווייטער געהן". אָבער קיינער פון די רעדנער האָט ניט פאָרגעשלאָגען אַ פּראָגראַם, ווי צו פערבעסערן די לאַגע פון פאָלק און צו בערוהיגען די געמיטער. די רעגירונג האָט איבערגעלאָזען דאָס צוקע־נפטיגע שטאַאַט־שיף צו דער פערזאַמלונג, און די דעפּוטאַטען האָבען גע־פאַסט מוט און האָבען אַריינגעכאַפּט דעם רודער אין זייערע הענט, און גאַנץ פראַנקרייך, ווי אויך גאַנץ אייראָפּאַ, האָט יעצט געקוקט אויף זיי מיט דער גרעסטער שפּאַנונג.

פון די רעדעס, וואָס די רעגירונג האָט געהאַלטען, האָט זיך דער דרי־טער שטאַנד איבערצייגט, דאָס די רעגירונג דענקט גאָרניט און וויל גאָרניט וויסען פון די אַלע גערעכטע פאָדערונגען פון פאָלק, נאָר זי האָט אין זינען איין זאַך — ווי צו בעפרייען זיך פון דער געלט־ענגשאַפט. די דעפּוטאַטען פון דריטען שטאַנד האָבען בעשלאָסען צו האַלטען זיך פעסט ביי דער פאָ־

פערשאַפט אין דיזען מאָמענט אין אָרדנונג. ער האָט צופיעל געהאָפט און גערעכענט אויף זיין מאכט און זיין פּאָפּולאַריטעט ביים פאָלק.

נעקקער האָט גערעכענט, דאָס דיזע גענעראַל-פערזאַמלונג וועט זיך אויפפיהרען ווי די גענעראַל-פערזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1614, ווען דאָס פאָלק האָט שטעהענדיג אויף די קני געבעטען, אז מען זאָל אָננעהמען פון איהם ביטשריפטען וועגען איינגע פערלייכטערונגען. יעצט איז די פרעסע אַרויס מיט אַ ליידענשאַפטליכען מוט פיר די רעכטען פון פאָלק. אַ מבול פון בראָשורען האָבען פערפלייצט דאָס לאַנד, אַלע פערזאַמלונגס-פלעצער זיינען געווען פול מיט מענשען פון דער מאַסע און מען האָט דעבאַטירט און זיך געהיצט מיט פרייע פּאָליטישע דיסקוסיאָנען. די רעגירונג האָט געשוויגען. נעקקער איז זאָגאַר געווען צופרידען פון דעם, וואָס די פרעסע האָט געהעצט די מאַסען געגען די פריווילעגירטע קלאַסען, וועלכע זיינען אימער געווען די שטיצע פון דעם מאָנאַרכישען סיסטעם.

עס זיינען דאַמאָלס ערשינען קרוב צו 3,000 פערשיידענע בראָשורען וועגען דעם פּאָליטישען צושטאַנד פון פאָלק און וועגען דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט יעצט צו פאָדערן. די בעסטע פון די אַלע בראָשורען איז געווען די בראָשורע פון סיעיעס וועגען דעם דריטען שטאַנד. אין דיזער בראָשורע האָט ער מיט אַן אונגעוועהנליכער קלאָרהייט אויסגעדריקט די אידעען, וועלכע האָבען דאַמאָלס בעוועגט דאָס פאָלק; ער האָט אַלעס אויסגעשפּראָכען מיט אַ זעלטענער שאַרפקייט און בעשטימטהייט. דער פערפאַסער פון דיזער בראָשורע האָט דערלעבט דעם טריאומף, דאָס די פּראָגראַם, וואָס ער האָט פאָרגעשלאָגען, איז אָנגענומען געוואָרען פון דער רעגירונג און פון די פערשיידענע שטאַנדען. סיעיעס איז געווען פון דעם קלערוס, ער איז אָבער געווען אַ פיעלפאַכער געלעהרטער און איז געווען אַ בעגייסטערטער אָנהענגער פון דער פרייזיניגער פּאָליטישער שולע. אין בילדונג און קענטניסען האָט מען איהם געשטעלט גלייך מיט מאָנטעסקיע, אויסער דעם איז ער געווען אַ זעלטענער רעדנער. ער איז געווען אַ קינסטלער צו גרופּירען אין זיינע רעדעס די פּאָליטישע געדאַנקען און אויסצודריקען זיי מיט זעלטענע איבערציינגענדע זאַצען. ער איז געווען אַ בעגייסטערטער מיטאַרבייטער אין אַלע פערפאַסונגען (קאָנסטיטוציאָנען), וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אין פראַנקרייך פון 1789 ביז 1799.

דער ערסטער ערפאָלג פון סיעיעס'עס בראָשורע איז געווען, וואָס דאָס פאָלק האָט בעקומען דאָס רעכט צו שיקען אין דער פערזאַמלונג אַזוי פיעל דעפּוטאַטען ווי פיעל די ביידע פריווילעגירטע קלאַסען, דער אַדעל און דער

זאַמלונג טראָגען דעם נאָמען „נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג". ביי דיזער געלע־גענהייט האָט מיראַבאָ געהאַלטען איינע פון זיינע גלענצענדע רעדעס. נאָך דעם, ווי ער האָט שאַרף קריטיקירט די האַלטונג פון דעם אַדעל צום פאָלק, האָט ער ערקלערט, ווי עס בעדאַרף צו זיין די אויפפיהרונג פון די אַדעליגע, וועלכע ווילען פערדינען דעם טיטעל „פערטרעטער פון פראַנצויזישען פאָלק", און ווי אַזוי זיי קענען זיך מאַכען אַ נאָמען אַלס וואהרע בעשיצער פון פראַנקרייך.

דיזער בעשלוס פון דער דריטער קלאַס, צו פערוואַנדלען די גענעראַל־פערזאַמלונג אין אַ נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, האָט אַ וועלט־געשיכטליכע בע־דייטונג, ווייל דאָס איז געוועזען דער אייגענטליכער אָנפאַנג פון דער רעוואָ־לוציאָן. באַלד נאָך דעם האָט די פערזאַמלונג אַרויסגעגעבען נאָך אַן ער־קלערונג, לויט וועלכער די בעוויליגונג פון אַרויפלעגען שטייערן אויף דאָס פאָלק געהערט צו דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און קיינער אויסער איהר האָט ניט דאָס רעכט עס צו טאָן. זי האָט ווייטער פראָקלאַמירט, דאָס די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג זאָל ווייטער אַרבייטען אונגעשטערט ביז איהר וועט געלינגען צו רעפאָרמירען פראַנקרייך און שטעלען זי אויף אַ נייעם פונ־דאַמענט.

גאַנץ פראַנקרייך איז געוועזען בעגייסטערט מיט דער פראָקלאַמאַציאָן פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. דער ענטהוזיאַזם פון פאָלק איז ניט געוועזען צו בעשרייבען. די רעגירונג האָט ניט געוואוסט, וואָס פיר אַ זייט זי זאָל אָננעהמען: די זייט פון די פריווילעגירטע קלאַסען, אָדער די זייט פון דער דריטער קלאַס. מיט דריי טעג שפּעטער האָט דער קעניג בעשלאָסען צו שטעלען זיך אויף דער זייט פון די פריווילעגירטע — פון אַדעל און פון די גייסטליכע.

דעם 20טען יוני האָט מען ערוואַרטעט דעם אָפיציעלען איבערגאַנג פון די אונטערע גייסטליכע צו דעם דריטען שטאַנד. דער הויף אָבער האָט אָנ־געווענדט אַלע מיטלען דיזעס ניט צו דערלאָזען. 9 אוהר אין דער פריה, ווען די דעפּוטירטע זיינען געקומען צום פערזאַמלונגס־פּלאַץ, האָבען זיי איהם געפונען פערשלאָסען און אַרומגערינגעלט מיט סאָלדאַטען. דער פּרע־זידענט פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, דער בעריהמטער אַסטראָנאָם באַיללי, האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען אַזאַ שענדליכער טאַט פון דעס־פּאָטיזם. די אויפרעגונג און דער לאַרם זיינען געוואַקסען פון מינוט צו מינוט. אַלע דעפּוטירטע האָבען בעשלאָסען צו טאָן דאָס אויסערסטע, וואָס מען קען טאָן. זיי האָבען געמאַכט אַ פּלאַן, דאָס זיי זאָלען זיך צוזאַמענ־

דערונג פון זייערע רעכטען. זייער ערסטע פאָדערונג איז געווען, דאָס די אָפּשטימונג וועגען די פראַגען, וואָס וועלען פערהאַנדעלט ווערען אין דער גענעראַל־פערזאַמלונג, זאָל זיין לויט דער מעהרצאָהל פון די דעפּוטאַטען. די רעגירונג מיט די צוויי פּריווילעגירטע שטאַנדען האָבען געפאָדערט, דאָס די אָפּשטימונג זאָל זיין לויט דער צאָהל פון די שטאַנדען, און האָבען מיט שטאָלץ אָפּגעזאָגט די פאָדערונג פון דעם דריטען שטאַנד. דאָס וואָלט גע-הייסען, אַז די זאַך פון פאָלק איז פערלאָרען, ווייל די פּריווילעגירטע זיינען צוויי שטאַנדען און די ניט־פּריווילעגירטע נאָר איין שטאַנד. עס פער-שטעהט זיך, דאָס די ביידע פּריווילעגירטע וואָלטען געשטימט צוזאַמען געגען די פאָדערונגען פון דעם דריטען שטאַנד. דיזע אָבער האָבען גע'-טענה'ט, דאָס אַזוי ווי אַלע דעפּוטאַטען זיצען אין איין זאַל און זיינען ניט צוטיילט אין דריי זאַלען, יעדער שטאַנד אין אַ בעזונדערען זאַל, זיינען זיי אַלע גלייך און דאַרפען שטימען צוזאַמען. און אויסער דעם, וואָס האָבען זיי געוואונען מיט דעם, וואָס זייער צאָהל איז אַזוי ווי די צאָהל פון די ביידע אַנדערע שטאַנדען, ווען מען רעכענט זיך ניט מיט דער מעהרהייט פון די שטימען. „דאָ, אין דיזען זאַל", האָבען די דעפּוטאַטען פון דריטען שטאַנד גע'טענה'ט, „זיינען מיר ניט פאָרשטעהער פון שטאַנדען, נאָר פאָר-שטעהער פון פאָלק".

זעקס וואָכען זיינען אַוועקגעגאַנגען אין דעבאַטירען וועגען דיזער פראַגע. זעקס טייערע וואָכען זיינען אַוועקגעגאַנגען אין נוצלאָזע דיספּו-טען, וועהרענד דאָס פאָלק האָט מיט אונגעדולד ערוואַרט און געהאָפט צו הערען פון דער גענעראַל־פערזאַמלונג גוטע רעזולטאַטען. דער צושטאַנד איז געוואָרען אונערטרעגליך. די דעפּוטאַטען פון דריטען שטאַנד האָבען בעשלאָסען צו טאָן אַ געוואַלדטאַט אום צו מאַכען אַ סוף צו דיזער לאַגע. זיי זיינען געווען זיכער, אַז דאָס פאָלק וועט שטעהן אויף זייער זייט, ווען זיי וועלען צייגען מוט צו טאָן עטוואָס וויכטיגעס.

אין דיזער שווערער צייט איז דער קלערוס (די גייסטליכע קלאַס) אַרי-בער צו דער דריטער קלאַס און האָט זיך ענטזאָגט צו שטימען צוזאַמען מיט דעם אַדעל. איבערהויפּט איז עס געווען די אונטערע קלאַס פון די גייסט-ליכע, וועלכע זיינען איבערגעגאַנגען צום פאָלק. און באמת, וואָס פיר גע-מיינזאַמע אינטערעסען האָט געהאַט דער אונטערער גייסטליכער מיט דעם בישאָף, וואָס האָט געלעבט ווי אַ פירסט? יעצט, דעם 17טען יוני 1789, האָט דער דריטער שטאַנד געוואָגט צו מאַכען אַ וויכטיגען ענטשיידענ-דען שריט. ער האָט ערקלערט, דאָס פון יעצט אָן וועט די גענעראַל־פער-

מיט א דעספּאָטישען טאָן האָט ער קאַסירט אַלע בעשלוסען פון דער פערזאַמלונג, האָט פערשטאַרקט די פריהערדיגע אָרדנונג, ד. ה. די צוטיילונג פון פאָלק אויף דריי שטאַנדען: צוויי העכערע, פּריווילעגירטע — אַדעל און גייסטליכע — און א דריטען, נידריגען שטאַנד, מיט קיין רעכטען, און האָט נאָר ערלויבט אייניגע רעפאָרמעס מיט געוויסע בעגרענצונגען. נאָך דיזער רעדע האָט ער געהייסען די דעפּוטאַטען, אַז זיי זאָלען זיך פערנאַנדערגעהן.

דער אַדעל און די גייסטליכע, ד. ה. די הויכע גייסטליכע, האָבען געפאָלגט און זיינען זיך צוגאַנגען. די דעפּוטאַטען פון דריטען שטאַנד האָבען זיך ניט געריהרט פון אָרט. דער צערעמאָניען-מייסטער, מאַרקיז פון דראָ-

מיראַבאָ.

ברעזע, איז צוגעגאַנגען צום פּרעזידענט פון דער פערזאַמלונג און האָט איהם געפרעגט, אויב ער האָט געהערט דעם בעפעהל פון קעניג. באַיללי האָט געענטפערט, דאָס ער קען ניט אויפגעבען די זיצונג, איידער ער האָט זיך בעראַטען מיט די דעפּוטאַטען פון פאָלק. און ער האָט זיך באַלד געווענדט צו זיי מיט די ווערטער: „איך גלויב, דאָס די נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג ברויכט ניט אָנצונעהמען קיין בעפעהלען". דאַמאָלס האָט מיראַבאָ זיך אויפגעשטעלט און מיט גרויס פייער געזאָגט:

„מיינע הערען! איך גלויב, אַז דאָס, וואָס איהר האָט יעצט געהערט, וועט פיהרען דאָס פאָטערלאַנד צום גליק. וואָס פיר א בעליידיגענדער בעפעהל דאָס איז! מיט וואַפען, מיט בעליידיגונגען וויל מען אונז

קלייבען אונטער די פענסטער פון דעם קעניגליכען שלאָס מארלי און דאָרט אָפּהאַלטען זייער זיצונג. איינער האָט אויפגעגעבען א פּלאַן, אז מען זאָל אָפּהאַלטען די זיצונג אין באַל־הויז. דער פּלאַן איז געפעלען געוואָרען, און אַלע דעפּוטאַטען זיינען אוועק אהין צו האַלטען זייער פערזאַמלונג און די בעראַטונגען.

דער פּרעזידענט באיללי איז געגאַנגען אָן דער שפּיץ און די אַנדערע דעפּוטאַטען זיינען געגאַנגען נאָך איהם. א גרויסע מאַסע מענשען האָט זיי בעגלייט צו דעם אָרט, וואוהין זיי זיינען געגאַנגען, מיט גרויס ענטהוזיאַזם. זאָגאר סאָלדאַטען זיינען צוגעשטאַנען צו דער פּראָצעסיאָן אום צו דינען אַלס וואַך. נאָך א קורצער בעראַטונג האָבען זיי געפּאַסט א בעשלוס, וועל־כען זיי האָבען געשוואָרען הייליג צו ערפילען, דאָס זיי זאָלען זייער ארבייט ניט אויפגעבען און אָפּהאַלטען פערזאַמלונגען ווען עס וועט נאָר זיין נעטיג, ביז זיי וועלען ענדיגען די פערפאַסונג (קאָנסטיטוציאָן) פון לאַנד, ביז זיי וועלען מאַכען אין דער פערוואַלטונג פון לאַנד נייע אָרדנונגען, ביז זיי וועלען אוועקשטעלען אַלעס אויף א זיכערען גרונד. נאָר איין איינציגער דעפּוטאַט איז געווען אַ פייגלינג און האָט מורא געהאַט צו געבען די שבועה. א מבול פון בעשולדיגונגען האָט מען אויסגעגאָסען אויף דיזען דעפּוטאַט, אָבער דאָס האָט אויף איהם ניט געווירקט. ער איז געבליבען ביי זיינס און האָט ניט אָנגענומען די שבועה, וואָס די איבריגע דעפּוטאַטען האָבען אָנגענומען. אין דער צייט, וואָס די דעפּוטאַטען האָבען אָפּגעהאַלטען זייער פערזאַמלונג אין באַל־הויז, האָט גראַדע שרעקליך געדונערט און געבליצט, אזוי ווי עס וואָלט אָנגעזאָגט, דאָס די אַלטע געזעלשאַפט איז יעצט אין געפאַהר אונ־טערצוגעהן.

צוויי טעג נאָך דעם האָט דאָס פאָלק געהאַט א צווייטען טריאומף. אין דער קירכע פון לודוויג דעם הייליגען האָט זיך די מעהרצאָהל פון די גייסט־ליכע פעראייניגט מיט די בירגער מיט גרויס פאַטריאָטישער בעגייסטערונג. דאָס איז געווען א פאָרשפּיל צו דער זיצונג, וואָס דער קעניג האָט בעשטימט אויף דעם 23טען יוני. א שטאַרקע וואַך האָט אַרומגערינגעלט דעם זאַל, אין וועלכען די שטאַנדען האָבען זיך פערזאַמעלט. דער אַיינטריט אין זאַל איז געווען ערלויבט נאָר פיר די דעפּוטאַטען. דער קעניג לודוויג דער 16טער איז ערשינען אין דער פערזאַמלונג מיט גרויס גלאַנץ, אָבער דאָס פאָלק, ד. ה. די דעפּוטאַטען, האָבען איהם בעגריסט זעהר קאַלט. זיין רעדע האָט נאָר פערגרעסערט די אונצופרידענהייט פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמ־לונג.

די דעפּוטאַטען האָבען איינשטימיג ערקלערט און האָבען בעשלאָסען פעסטצוהאַלטען זיך אָן די בעשלוסען, וועלכע זיי האָבען געפאַסט ביז יעצט. מיראַבאָ האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, דאָס די פערזאַמלונג זאָל אָנערקענען דאָס געזעץ, לויט וועלכען יעדע פּערזאָן פון די דעפּוטאַטען זאָל זיין געזי-כערט פון וועלכען עס איז אָנגריף, און ווער עס וועט זיך ערלויבען צו טאָן זיי עטוואָס בעזעס וועט גערעכענט ווערען אַלס אַ פעררעטהער פון דער גאַנצער נאַציאָן, און ער וועט בעשולדיגט ווערען אין אַ פערברעכען, פיר וועלכען ער וועט בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט. אין פערלויף פון איינינע טעג נאָך דיזער ערקלערונג זיינען בעגאַנגען געוואָרען איינינע איבערטרעטונ-גען פון דיזען געזעץ פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. דער הויף איז ניט גע-ווען זיכער מיט'ן אַדעל, דאָס ער איז אויף זיין זייט. די דעפּוטאַטען האָ-בען געזעהען אויף זייער זייט פיעלע פון גרויסען און אַלטען אַדעל, איבער-הויפּט האָט זיך געמעהרט די צאָהל פון אַדעל צווישען דעם דריטען שטאַנד נאָך דעם קריג פון די אַמעריקאַנער פיר זייער אונאָפּהענגיגקייט. די מאָ-נאַרכיע האָט אָנגעוואָרען איהר גאַנצע אויטאָריטעט. דורך גאַנץ פראַנק-רייך איז געגאַנגען אַ שטורמדיגע בעוועגונג, וועלכע די נאַציאָנאַל־פערזאַמ-לונג האָט מעהר ניט געקענט קאָנטראָלירען, און וועלכע האָט געצוואונגען די דעפּוטאַטען פאָרטצוזעצען דעם וועג, וואָס זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו געהן אויף איהם. עס זיינען אָנגעקומען צו דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג פיעלע הונדערטער אַדרעסען, אין וועלכע מען האָט אָנגעפרעגט, אויב עס איז נעטיג פיר דאָס פאָלק צו קומען אין ווערסאַיל (וואו עס זיינען געווען די פערזאַמ-לונגען), אום צו בעשיצען זיי געגען וועלכען עס איז אָנגריף. דער הויף האָט יעצט געהאַט נאָר איין מיטעל און איין שטיצע, און דאָס איז געווען די אַרמעע. אָבער באַלד האָט זיך דער הויף איבערצייגט, דאָס דיזע שטיצע איז ניט זיכער. דער סאָלדאַט האָט געהאַסט דעם אָפיצער ווי אַ מאַן פון פאָלק האָט געהאַסט יעדען פּריווילעגירטען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען אין דער אַרמעע זעהר אָפטע ווידערשטאַנדען, און דאָס האָט געצייגט, ווי ניט זיכער מען איז מיט דער אַרמעע. ווען עס זיינען אַרעסטירט געוואָרען איינינע בונטאָווטשיקעס אין דער אַרמעע איז דאָס גאַנצע פאָלק געקומען בעוואַפענט צום געפענגניס און האָט זיי בעפרייט.

די רעגירונג האָט דאַמאָלס בעשלאָסען צו טאָן אַ זעהר געפעהרליכען שריט, נעמליך: זי האָט פערשאַפט טרופען פון דייטשלאַנד, שווייץ און אַנ-דערע לענדער אום צו בעשיצען פּאַריז אין פאַל פון אַן אויפשטאַנד. מען

מאַכען גליקליך? און ווער האָט דיזען געבאָט געגעבען? דער, וועמען איהר, איהר האָט געגעבען די פולמאַכט! ווער שרייבט אייך פאָר געזעצען ווי אַן אונבעשרענקטער הערשער? דער, וועמען איהר, איהר האָט געגעבען פולמאַכט; דער, וועלכער דאַרף פון אונז אָננעהמען געזעצען, ניט אונז געבען געזעצען! 25 מיליאָנען פראַנצויזען ערוואַרטען גליק פון אונזערע געזעצען, וועלכע מיר זיינען בעפולמעכטיגט פון דער גאַנצער נאַציאָן ארויס-צוגעבען; נאָר דיזע געזעצען וועלען פון אַלעמען אָנגענומען ווערען! אָבער מען נעהמט פון אונז צו זאָגאַר די פרייהייט צו בעראַטען זיך וואָס צו טאָן אום צו פערבעסערן אונזער לאַגע. מיט סאָלדאַטען האָט מען ארומגערינ-געלט דאָס הויז, וואו די ערוועהלטע פון פאָלק, וועלכע רעפּרעזענטירען דאָס גאַנצע פאָלק, האָבען זיך פערזאַמעלט. ווער איז דער פיינד פון פאָלק? איך פאָדער פון אייך, אַז איהר זאָלט געדענקען אייער שבועה: איהר זאָלט פון דאַנען ניט אוועקגעהן ביז איהר וועט ענדיגען די נייע געזעצען, די קאָנ-סטיטוציאָן פיר דאָס פאָלק, וועלכעס האָט אייך בעקליידט מיט דער גע-זעצגעבענדער מאַכט! איך פאָדער, אַז איהר זאָלט ציינען, דאָס איהר זייט ווירדיגע פאָרשטעהער פון פאָלק און איהר טוט זיין ווילען, ווי עס האָט פון אייך פערלאַנגט!"

ווען דער צערעמאָניען-מייסטער האָט געזעהען, דאָס די פערזאַמלונג וויל ניט פערנאַנדערגעהן, האָט ער זיי דערמאָהנט, אַז דאָס איז דער בעפעהל פון דעם קעניג. דאַן האָט איהם מיראַבאָ געענטפערט מיט אַ דונערנדער שטימע: „זאָגט אייער הערר (דעם קעניג), דאָס מיר זיינען דאָ פערזאַמעלט אויף דעם בעפעהל פון פאָלק, און איהר קענט אונז פון דיזען אָרט ניט פער-טרייבען, סיידען מיט דער מאַכט פון אייערע באַיאָנעטען". דערצו האָט סיעיעס צוגעגעבען: „איהר זייט היינט דאָס זעלבע, וואָס איהר זייט געווען נעכטען, לאָזט אונז פאָרטזעצען אונזערע בעראַטונגען".

מיט גרויסער ווירדע און שטאַרקער ענטשלאָסענהייט האָט די פער-זאַמלונג גענומען פאָרטזעצען איהרע פערהאַנדלונגען. דער טאָג האָט בע-וויזען קלאָר, דאָס דער קעניגליכער טראָן איז אין גרויס געפאַהר. די נאַ-ציאָנאַל-פערזאַמלונג האָט שוין פריהער געהאַט אין איהרע הענט די מאָראַ-לישע מאַכט, יעצט האָט זי אריינגעכאַפּט אויך די געזעצגעבענדע מאַכט. אויף'ן הויף האָט דאָס פאָלק יעצט געקוקט ווי אויף זיין שרעקליכען געגנער, און דעריבער איז יעצט געוועזן די איינציגע אויפגאַבע פון פאָלק ווי צו מאַכען דעם הויף אונשעדליך.

האָט אָבער געזעהען קלאָר, דאָס דיזע אויסלענדישע טרופּען זיינען בערופען געוואָרען ניט נאָר צו בעשיצען די פּערזאָן פון קעניג, נאָר אויך צו אונטער-דריקען די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. מיראבאָ האָט געמאַכט אין דער פערזאַמ-לונג אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל שרייבען צום קעניג אַן אדרעס און בעטען איהם, דאָס ער זאָל די טרופען צוריקשיקען. דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען. מען האָט געשיקט דעם אדרעס צום קעניג, אָבער ער האָט זיך ענטזאַגט צו ערפילען דעם וואונש פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג.

די רעאַקציאָנערען אין הויף האָבען אויפגעגעבען אַ פּלאַן, אַז מען זאָל אָפּשאַפען נעקקער'ס רעגירונג און מען זאָל בעשטימען אַ דיקטאַטאָר (אונבעשרענקטען הערשער), אום צו בעמעכטיגען זיך איבער די מאַסע אין פּאַריז און אין ווערסאַיל און נידערשלאָגען די געגנער פון דער רעגי-רונג. דיזער פּלאַן האָט געזאָלט ווערען דורכגעפיהרט דעם 11טען יולי, אָבער די גרויסע מאַסע פון די פּראָלעטאַריער, וואָס האָבען דאַמאָלס בע-הערשט פּאַריז, האָט זיך גלייך דערוואוסט פון דיזען געהיימען פּלאָן. די גאַסען פון פּאַריז זיינען פּלוצלינג פול געוואָרען מיט טרופען פון די פּראָ-לעטאַריער און פון דער דריטער קלאַס. אין פערשיידענע ערטער זיינען אין איין אויגענבליק אויפגעשטעלט געוואָרען פּלאַטפאָרמעס, פון וועלכע פאָלקס־רעדנער האָבען ערקלערט דעם פאָלק, וואָס עס שטעהט פאָר און וואָס עס איז דאָ צו טאָן. איבערהויפּט זיינען געהאַלטען געוואָרען זעהר פייערדיגע רעדעס אין פּאַלעי־ראָיאַל.

ארום 3 אוהר נאָכמיטטאָג איז אין פּאַלעי־ראָיאַל ארויף אויף אַ טיש אַ יונגער מאַן מיט אַ פּיסטאָלעט אין האַנט און האָט אויסגעשריען: „ברי-דער! מען האָט נעכטען נעקקער'ן פעריאָגט פון הויף, מען גרייט זיך היינט צו מאַכען פיר די בירגער, די פריינד פון פאָטערלאַנד, אַ נייע באַרטהאָלאָ-מאָאוס־נאַכט. נעהמט זיך צו די וואַפען, בירגער! מאַכט אייך גרינע קאָקאַרדעס, אַלס קאָליר פון האָפנונג; נעהמט זיך צו די וואַפען!" דיזער איז געוועזען קאַמיללע דעסמולינס (דעמולען), אַ מאַן מיט גייסט, וועלכער האָט בעזעסען אַ שטאַרקע רעדנער־קראַפט. יעדער האָט גענומען פון זיין האַנט אַ גרינע קאָקאַרדע, און ווער עס האָט ניט געהאַט קיין באַנד האָט אַריינגעשטעקט אין זיין הוט גרינע בלעטער. דאָס פאָלק האָט זיך שטאַרק פאָרבערייטעט צום שטרייט דעם 11טען יולי. דעם 12טען יולי זיינען אָנגעקומען די טרופען אום צו בערוהיגען די שטאָדט. עס זיינען אפילו פאָרגעקומען אָפטע צוזאַמענשטויסען צווישען די טרופען און דעם פאָלק, צוזאַמענשטויסען מיט שוואַכע בלוט־פערגיסונגען, אָבער צו קיין



דעסמולינס׳ רעדע ביים פּאַלעי־ראָיאַל.

וואָלט. דרייסיג טויזענד לייט פון דער מאַסע האָבען זיך בעוואָפענט און האָבען דערצו אויך פערכאַפּט איינינגע קאַנאָנען. יעצט איז דאָס פאָלק גע-וועזן פערטיג צום שטרייט. אויך די אַרבייטער פון די פאָרשטעדט סט. אַנ-טואַן און סט. מאַרסאָ האָבען זיך פעראייניגט מיט'ן פאָלק און זיינען אַלע געוועזן פערטיג צו מאַכען אַן אָנגריף. אָבער וואוהין זאָל מען געהן, און וואָס זאָל מען אָנגרייפען פריהער? איינינגע האָבען געראַטען צו געהן אויף ווערסאַיל, אַנדערע מען זאָל אָנגרייפען די פרעמדע טרופּען. פּלוצלינג האָט איינער אויסגעשריען: „צו דער באַסטיליע!” דיזעס וואָרט האָט אָנגע-צונדען אַלע הערצער. פון אַלע גאַסען האָט זיך געהערט איין קול: „צו דער

שטורם אויף די באַסטיליע.

באַסטיליע!” און די גאַנצע מאַסע האָט זיך ווי איין מענש געלאָזען צו דיזער פערהאַסטער פעסטונג.

דיזע קליינע פעסטונג מיט 8 געוואַלטיגע טורמס איז געוועזן ארומגע-רינגעלט מיט אַ טיפען גראָבען און בעוואַכט פון 82 אינוואַלידען און 33 שווייצער. עס איז געוועזן פון פאָלק אַ זעהר געוואַגטע אונטערנעהמונג צו וועלען נעהמען דיזע פעסטונג. עס האָט אָנפאַנגס אויסגעוויזען אַן אונמעג-ליכקייט זי איינצונעהמען. איבערהויפּט האָבען זיך פיעלע געשראָקען פאַר

ערנסטען שטרייט איז עס ניט געקומען. עס האָט זיך בעוויזען, דאָס די רעאַקציאָנערען האָבען מורא געהאַט צו טרייבען די זאַך צו ווייט. דאָס פאָלק האָט געמאַכט גרויסע דעמאָנסטראַציאָנען צו עהרע פון נעקקער׳ן און דעם הערצאָג פון אָרלעאַנס. אין אָבענד איז די אויפרעגונג געוואַקסען שטאַרקער. עס זיינען אַרויס גרויסע אַרבייטער־מאַסען, וועלכע זיינען גע־קומען אָנצוגרייפען די קעניגליכע צאָל־הייזער, און האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען אין שטאָדט שרפות.

דעם 13טען יולי אין דער פריה האָבען אַלע גלאָקען אָנגעהויבען צו שטורמען און דאָס פאָלק איז געשווינד אַרויס פון די וואוינונגען און האָט זיך פערזאַמעלט אין די גאַסען. איינינע דעפּוטאַטען האָבען געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל באַלד אָרגאַניזירען אַ בעוואָפענטען זעלבסט־שוץ פון די בירגער, און דיזער זעלבסט־שוץ זאָל בעשטעהן פון 50,000 מאַן. ווייל עס זיינען אָבער ניט געווען קיין פערטיגע געוועהר פיר אַזוי פיעלע מענשען, האָט די פערזאַמלונג געאָרדענט, אַז מען זאָל פאָרלויפיג צוגרייטען 50,000 פּיקעס. דיזעס האָט ניט גענומען פיעל צייט. די נאַציאָנאַל־פער־זאַמלונג האָט ערקלערט, דאָס זי וועט בלייבען אין איהר אַמט אויף אַן אונ־בעשטימטע צייט, און האָט געפאָדערט, דאָס די פרעמדע סאָלדאַטען זאָלען אַוועק צוריק צו זייערע לענדער. אין פערלויף פון טאָג האָבען זיך די ביר־גער גוט אָרגאַניזירט, אַזוי דאָס זיי זיינען שוין ניט געווען שוצלאָז. זיי האָבען שוין געהאַט אַ וואָפען־מאַכט, מיט וועלכער די רעגירונג האָט זיך געדאַרפט רעכנען. עס האָט זיך צווישען זיי אויך אָנגעהויבען אַ קלאַסען־פראַגע. איין טייל פון די בירגער האָט געוואָלט לאָזען די פּראָלעטאַריער אונבעוואָפענט, אָבער די אַרבייטער זיינען געווען קלוג גענוג און פאָרזיכטיג און האָבען זיך אַליין בעזאָרגט מיט וואָפען אין די פאָרשטעדט. דאָרט זיינען זיי בעפאַלען די אַרסענאַלען און האָבען גענומען פיר זיך געוועהר ווי פיעל זיי האָבען געהאַט נעטיג. זיי האָבען געשאַפען אַ נאַציאָנאַל־גוואַרדיע מיט אייגענער מאַכט.

דער בעריהמטער היסטאָרישער 14טער יולי 1789 האָט זיך אָנגעהויבען דערמיט, וואָס מאַסען פון פאָלק האָבען זיך געלאָזען צום אינוואַלידען־הויז אום צו בעזאָרגען זיך פון דאָרט מיט וואָפען. די עטליכע אינוואַלידען, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען אויף דער וואַך, האָבען באַלד איינגעזעהען, דאָס זייער ווידערשטאַנד וועט נאָר פערשאַפען אומזיסטע בלוט־פערגיסונג, ווייל די מאַסע איז געווען זעהר גרויס, האָבען זיי זיך ניט געשטעלט געגען די אָנגרייפער און דיזע האָבען אונגעשטערט גענומען וואָס זיי האָבען גע-

מענטען, וועלכע האָבען געגעבען דער אַריסטאָקראַטיע דאָס רעכט צו פער־שקלאַפען דאָס פאָלק און צו בערויבען עס, זיינען דורך די בויערן פערברענט געוואָרען. אין אַלע שטעדט פון לאַנד האָבען זיך די בירגער אָרגאַניזירט נאָך דעם מוסטער פון דער הויפטשטאָדט, פּאַריז. זיי האָבען אויך געשאַ־פען נאַציאָנאַל־גוואַרדיעס צו זייער פערטיידיגונג.

עס איז יעצט געבליבען צו נעהמען זיך אָפּצושאַפען די פּריווילעגיעס און צו פערפאַסען נייע געזעצען, וועלכע זאָלען שטימען מיט דעם נייעם גייסט וועגען די רעכטען פון פאָלק. אָנפאַנגס האָט עס אויסגעוויזען, דאָס די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג איז דערצו ניט פעהיג. אָבער ענדליך, נאָך אַ 14־טעגיגער פערהאַנדלונג, איז אָנגענומען געוואָרען די אידעע פון לאַ־פאַיעטט — מען זאָל אָנפאַנגען די נייע געזעצגעבונג מיט דער איינלייטונג איבער די ערקלערונג פון אַלגעמיינע מענשליכע רעכטען.

אין אַ קלאָרער און שענער פאָרמע האָט די פערזאַמלונג געפאַסט אַלע נייע דעמאָקראַטישע און ליבעראַלע אידעען, לויט וועלכע די הערשאַפט גע־הערט צום פאָלק זעלבסט און אַלע זיינען גלייך בערעכטיגט צו אַלעס, און דערמיט האָבען זיי פערניכטעט אַלע פאָררעכטען פון איין קלאַס איבער אַן אַנדערער. דיזער בעריהמטער היסטאָרישער דאָקומענט לויטעט ווי פאָלגט:

1) אַלע מענשען ווערען געבאָרען גלייך מיט אַלע רעכטען און פריי, און אַזוי בלייבען זיי זייער גאַנצען לעבען.

2) דער צוועק פון יעדער בירגערליכער פערבינדונג איז צו ערהאַלטען די נאַטירליכע רעכטען פון מענשען, וועלכע זיינען: פרייהייט, אייגענטום, זיכערהייט און ווידערשטאַנד געגען אונטערדריקונג.

3) די אויבערהערשאַפט געהערט צום פאָלק זעלבסט. קיין קערפּער־שאַפט און קיין איינציגער מענש קען ניט האָבען אַן אייגענע ספּעציעלע מאַכט, וואָס איז איהם ניט געגעבען געוואָרען פון פאָלק, וועלכעס קען עס צו יעדער צייט ווען נעטיג צוריקנעהמען פון איהם.

4) די פרייהייט בעשטעהט דערין, דאָס מען מעג טאָן אַלעס, וואָס עס בריינגט ניט קיין שאָדען אַן אַנדערען. די איינצעלהייטען פון דיזען פּונקט מוזען בעשטימט ווערען דורך דאָס געזעץ.

5) דאָס געזעץ קען נאָר פערבאָטען צו טאָן דאָס, וואָס קען שאַדען דער געזעלשאַפט. וואָס דאָס געזעץ האָט ניט פערבאָטען, מעג יעדער טאָן, און קיינער מוז ניט טאָן דאָס, וואָס דאָס געזעץ פאָדערט ניט פון איהם.

6) דאָס געזעץ דריקט אויס דעם ווילען פון פאָלק. אַלע בירגער אין שטאַאט האָבען דאָס רעכט צו נעהמען אָנטייל אין דער פערפאַסונג פון די

די קאַנאָנען. אָבער דער האַס צו דיזער פעסטונג פון דעספּאָטיזם איז גע-וועזען אַזוי גרויס, דאָס קיין זאַך האָט זיי ניט אָפּגעשראָקען, און אַלע האָבען מיט איין קול אויסגעשריען: „מיר מוזען נעהמען די באַסטיליע!” דאָס פאָלק האָט מיט גרויס שטורם גענומען די ערסטע צוג־בריק און איז צוגע-קומען צום טויער. דאַן האָט דער גובערנאַטאָר פון דער פעסטונג דעלאָ-נעי געהייסען שיסען פון די האַרמאַטען. דאָס פאָלק האָט דערביי פער-לאָרען פיעלע מענשען און האָט אויף אַ קורצע ווײַלע צוריקגעטראָטען. אָבער דאָס פאָלק האָט זיך גענומען מיט גרויס היץ צו שטורמען די פעס-טונג, ניט קוקענדיג אויף קיין געפאַהר. פיער שטונדען נאָכאַנאַנד האָט דאָס פאָלק געשטורמט אָהן אויפהער. באַלד איז געקומען די גוואַרדיע, די טרייע פערבינדעטע פון פאָלק, און האָט געבראַכט מיט זיך קאַנאָנען, און האָט אָנגעפאַנגען צו שטורמען די פעסטונג. דער קאָמאַנדאַנט האָט זיך באַלד אונטערגעגעבען.

אום 5 אוהר נאָכמיטטאָג איז שוין די באַסטיליע געוועזען גענומען. די מאַסען זיינען אַריין אין די פעסטונג. זיי האָבען אָבער די איינוואוינער פון דער פעסטונג ניט געטאָן קיין שלעכטעס. זיי האָבען נאָר ערמאָרדעט דעם גובערנאַטאָר און דעם קאָמאַנדאַנט, אַלס ראַכע פיר די אָפּפער, וואָס זיינען געפאַלען צוליב זיי פון פאָלק. מיט איינעגע טעג שפּעטער האָט מען דעם גאַנצען שלאָס צושטערט, און אויף זיין אָרט האָט מען אויפגעשטעלט אַ פערגניגונגס־אָרט. דאַן האָט דאָס פאָלק ערוועהלט אַ נייעם גרויסען ראַט פון פערטרעטער פון 60 סעקציאָנען, און אַ נייעם געמיינדע־ראַט פון 30 מיטגלידער. באַיללי איז ערוועהלט געוואָרען אַלס בירגערמייסטער פון פאַריז, און לאַפאַיעטט איז ערוועהלט געוואָרען אַלס קאָמאַנדאַנט פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע.

דער ערפאָלג, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט דעם 14טען יולי אין פּאַ-ריז, איז באַלד בעקאַנט געוואָרען אין גאַנצען לאַנד און האָט געמאַכט אי-בעראַל אַ גרויסע ווירקונג. דאָס פעאָדאַל־סיסטעם איז מיט איין קלאַפּ נידערגעשלאָגען געוואָרען. די גוטס־בעזיצער האָבען אָנגעהויבען צו לויפען פון לאַנד אין גרויסע מאַסען. די בויערן האָבען גיך ערוואָרבען וואַפען, האָבען מיט שטורם גענומען די שלעסער און האָבען געברענט די מאַנאַס-טירען. יעדע נאַכט האָט מען געזעהען ברענענדיג אַן אנדער שלאָס, וואָס האָט געצייגט, דאָס עס איז אָנגעקומען אַ נייע צייט. דאָס לאַנד־פאָלק האָט זיך גענומען אָפּרעכנען מיט זיינע בעדריקער, וועלכע האָבען עס ערנידריגט און געזויגען זיין בלוט אין פערלויף פון פיעלע יאָהרהונדערטער. די דאָקו-

14) די בירגער האָבען דאָס רעכט זעלבסט אָדער דורך זייערע פער-טרעטער צו נעהמען אָנטייל אין דער בעשטימונג, ווי פיעל געלט דאָס לאַנד פאָדערט פיר אויסגאַבען אום אויפצוהאַלטען די נעטיגע אָרדנונג, ווי אויך אַכטונג צו געבען אויב די געלטען ווערען ריכטיג פערברויכט אויף וואָס זיי זיינען בעשטימט געוואָרען, און פעסטצוזעצען די פערטיילונג און די זאַמ-לונג פון די שטייערן.

15) די געזעלשאַפט האָט דאָס רעכט צו פאָדערן פון יעדען עפענטליכען בעאַמטען רעכענשאַפט פון זיין טעטיגקייט.

16) אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער די רעכטען זיינען ניט געזיכערט, און עס איז ניט פעסטגעזעצט ווען די געזעלשאַפט האָט דאָס רעכט אָפּצו-נעהמען די פולמאַכט פון די בעפולמעכטיגטע, האָט ניט קיין קאָנסטיטוציאָן.

17) דאָס אייגענטום איז אַ הייליגעס רעכט. קיינער טאָר ניט פון דיזען רעכט בערויבט ווערען, אויסער אין פאַל ווען די עפענטליכע נויט פאָדערט עס.

אין אָבענד פון דעם זעלבען טאָג האָט אויך דער הערצאָג פון נאָאַיללעס גערעדט וועגען אָפּשאַפען די לאַסטען פון דער מיטעלאַלטערליכער פעאָדאַל-אָרדנונג. דער אַדעל איז געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס עס איז שוין געקומען די צייט, ווען זיי זאָלען מיט'ן גוטען ווילען אַליין ענטזאַגען זיך פון זייערע פּריווילעגיעס, ווייל זיי האָבען זיי שוין ניט געקענט האַלטען. דעריבער מאַכען אַנדערע אַ פאָרוואורף דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, דאָס זי איז אָנגעגאַנגען מיט איהרע רעפאָרמעס צו לאַנגזאַם. ווען זי וואָלט גלייך אָפּגעשאַפט די פּריווילעגיעס־דאָקומענטען פון די לאַנדס־הערען (גוטס־בעזיצער), וואָלט דאָס פאָלק ניט געברענט זייערע שלעסער. האָט דען די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג געוואָלט געבען איהרע נייע געזעצען פיר אַ פערוויסטעטע פראַנקרייך?

דיזער מאָמענט איז געוועזען זעהר גינסטיג פיר אַלערליי פּריווילעגיע אָפּפער. די אויפרעגונג האָט געוואַקסען פון שטונדע צו שטונדע. די שטאַנדען האָבען אַליין פרייוויליג זיך ענטזאַגט פון די פאָררעכטען און פּריווילעגיעס, וואָס זיי האָבען געהאַט פון פריהער. דער גייסט פון מענ-שען־רעכטען, פון גלייכהייט, האָט דורכגעדרונגען אַלע הערצער און אַלע גייסטער. עס זיינען לייכט אָפּגעשאַפט געוואָרען די גוטס־געריכטבארקייט, די פערקויפונג פון עמטער, די שטייער־פרייהייט און אונגלייכע בעשטייע-רונג; עס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרען די אָפּצאָהלונגען פיר כאָר־קליידער ביי גייסטליכע, די אַננאַטען פון רוימישען הויף (דאָס רעכט פון פּאַפּסט

געזעצען, אַליין אָדער דורך זייערע פערטרעטער. דער שוץ אָדער די שטראָף, וואָס דאָס געזעץ גיט, מוז זיין גלייך פיר אַלעמען. אַלע בירגער האָבען גלייכע רעכטען צו בעקליידען עמטער, אָהן קיין שום אונטערשייד אויסער אין טאַלענט און עהרליכקייט.

7) קיינער טאָר ניט ארעסטירט ווערען, אויסער אין פאַל ווען דאָס געזעץ פאָדערט עס. ווער עס פערלאַנגט, אַז מען זאָל ארעסטירען אימיצען אונגעזעצליך, ווער עס ארעסטירט אָדער הייסט איינעם ארעסטירען אונגעזעצליך, זאָל דערפאַר בעשטראָפט ווערען. אָבער ווען אַ בירגער דאַרף ארעסטירט ווערען געזעצליך, מוז ער זיין געהאָרזאם און ניט צייגען קיין ווידערשטאַנד, ווען ניט וועט ער דאַפיר בעשטראָפט ווערען.

8) מען קען בעשטראָפט ווערען פיר אַ פערברעכען נאָר דאַן, ווען די שטראָף איז בעשטימט געוואָרען פון דעם געזעץ איידער דאָס פערברעכען איז בעגאַנגען געוואָרען.

9) יעדער מוז בעטראַכט ווערען אונשולדיג כל זמן זיין שולד איז ניט בעוויזען געוואָרען. און דעריבער, ווען עס איז אַמאָל נעטיג צו ארעסטירען איינעם איידער זיין שולד איז בעוויזען געוואָרען, אום צו פערזיכערן זיך, דאָס ער וועט ניט ענטלויפען פון גערעכטיגקייט, איז פערבאָטען צו בענוצען אוננעטיגע שטרענגקייט.

10) קיינער טאָר ניט בעאונרוהיגט ווערען צוליב זיינע מיינונגען אָדער צוליב זיין רעליגיאָן, סיידען זיינע מיינונגען אָדער זיין רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע שטערען די געזעצען פון לאַנד.

11) די פרייע מיטטיילונג פון געדאַנקען און מיינונגען איז איינס פון די וויכטיגסטע רעכטען פון דעם מענשען. דעריבער קען יעדער שטאַאַטס-בירגער פריי רעדען, שרייבען, דרוקען, נאָר ער טאָר ניט מיסברויכען דיזע פרייהייט צו טאָן אַזעלכעס, וואָס איז געגען דעם געזעץ און קען שאַדען אַן אַנדערען.

12) אום צו בעשיצען די רעכטען פון מענשען און שטאַאַטס-בירגער מוז זיין איינגעריכטעט אַן עפענטליכע מאַכט. דיזע מאַכט ווערט איינגעפיהרט לטובת הכלל, ניט פיר בעזונדערע נוצען פון די, וועלכע זיינען אָנפערטרויט מיט דיזער מאַכט.

13) אום אויפצוהאַלטען דיזע עפענטליכע מאַכט מוז מען האָבען געוויסע מיטלען, געוויסע סומעם געלט. דיזע מיטלען דאַרפען שאַפען די בירגער, יעדער לויט זיין פערמעגען און זיינע מאַטעריעלע איינקונפטען.

האָבען אָנגעווענדט אַלע מעגליכקייטען צו געווינען די נאַציאָנאַל־פערזאַמ־לונג אויף זייער זייט. דער הויף און די נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האָבעןביידע פיעל פערלאָרען אין זייער איינפלוס אויף די מאַסען.

דער שטורם צווישען די אַרבייטער־מאַסען איז געווען שרעקליך. ער איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך דעם הערשענדען יקרות און הונגער. דער שטאַאַט האָט זיך געפונען געצוואונגען צו פערשאַפען פיר די אַרבייטער ביליגעס ברויט, ווי אויך צו פערשאַפען פיר זיי אַרבייט. אָבער די הילף איז געווען זעהר אַ שוואַכע. די נויט און דער עלענד זיינען געוואַקסען מעהר און מעהר.

דערווייל האָט דער קעניג געמאַכט אַ שריט, וועלכער האָט געגאָסען אויל אויף'ן פייער. ער האָט זיך ענטזאַגט צו בעשטעטיגען די מענשען־רעכטען, וואָס די נאַציאָנאַל־פערזאמלונג האָט אויסגעאַרבייט. דערצו האָ־בען די גוואַרדיע־אָפיצערען געמאַכט אַ באַנקעט, אויף וועלכען זיי האָבען אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע צום הויף און זייער אַנטיפּאַטיע צום פאָלק. מען האָט איבערגעגעבען דעם פאָלק, דאָס די גוואַרדיע־אָפיצערען האָבען זיך גוט צו'שכור'ט און האָבען שטאַרק בעליידיגט די נאַציאָנאַל־פערזאמלונג און האָבען זי זאָגאַר אָנגעגריפען; דאָס זיי האָבען ווידער אָנגעטאָן די ווייסע קאָקאַרדעס, און די נאַציאָנאַלע קאָקאַרדעס פון די דריי פאַרבען: בלוי־ווייס־רויט, האָבען זיי געטראָטען מיט זייערע פיס. די רעוואָלוציאָ־נערע פּרעסע איז געוואָרען אויסער זיך. „וועהרענד אין פאַריז הערשט הונגער”, האָבען די צייטונגען געשריבען, „איז מען זיך אין הויף משמח מיט אַלערליי הולטייסטוואָס און שכרות, און מען געהט אָפען אַרויס געגען דאָס פאָלק”. און דאָס איז ווירקליך געווען ניט איבערטריבען.

דיזע הוליאַנקעס אין קעניגליכען הויף זיינען ווירקליך געווען אַ פּאַטש אין פנים דער הונגעריגער מאַסע. די אויפרעגונג האָט געוואַקסען אָהן אויפהער. עס האָט געפעהלט אַ קלייניגקייט אום עס זאָל אַרויספּלאַצען אַן עקספּלאָזיאָן. דעם 3טען און 4טען אָקטאָבער האָט דאָס פאָלק שטאַרק געשטורמט אין די גאַסען פון פאַריז. די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, וועלכע איז געווען געגען דער בעזיצלאָזער מאַסע, האָט זיי דאַמאָלס צוטריבען. דעם 5טען אָקטאָבער האָבען זיך די מאַסען פערזאַמעלט נאָך אין אַ גרעסערער צאָהל, און דאַמאָלס איז זיי שוין געווען אונמעגליך איינצוהאַלטען. פרויען אין גרויסע מאַסען זיינען געלאָפען צום שטאָדט־הויז און האָבען געשריען: „ברויט, ברויט!” דאָ האָבען אייניגע אויסגעשריען: „געהט נאָך ווער־סאַיל!” און די מאַסע האָט זיך באַלד אַ לאָז געטאָן אַהין.

צו נעהמען אַ שטייער פון דעם געהאַלט פון ערסטען יאָהר פון אַ נייעם גייסטליכען), דער גרעסטער טייל פון די קירכען־הכנסות און אונפערדינטע פענסיאָנען. דער אַלגעמיינער ענטהוזיאַזם איז געווען אַזוי גרויס, דאָס פיעלע האָבען בעדויערט וואָס זיי האָבען ניט מעהר וואָס אָפּצוגעבען. אַלע האָבען עס בעטראַכט אַלס אַ גרויסען וואונדער, דאָס יעצט איז אין איין נאַכט אָפּגעשאַפט געוואָרען אַלעס, וואָס האָט פערביטערט דאָס לעבען פון פראַנצויזישען פאָלק אַזוי פיעלע דורות.

אַזוי האָט די נאַכט פון 4טען אויגוסט געמאַכט אַ סוף מיט דעם פעאָדאַל־סיסטעם. די גאַנצע געשטאַלט פון דעם קעניגרייך איז מיט איין מאָל פערענדערט געוואָרען. עס איז זעלטען צו טרעפען אין דער געשיכטע, דאָס אַ רעוואָלוציאָן זאָל אָנגעהן אַזוי ראַש און זאָל דערגרייכען אַזעלכע גרויסע און וויכטיגע רעזולטאַטען אין אַזאַ קורצער צייט. דער ווילען פון פאָלק האָט בעזיגט אַלעס און האָט טריאומפירט. דאָס קעניגטום האָט אין גאַנצען פערלאָרען זיין מאָראַלישע און מאַטעריעלע מאַכט. די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, וועלכע האָט נידערגעריסען די אַלטע פאָרמע פון דער רעגירונג, האָט יעצט געהאַט אויף זיך די אויפגאַבע: צו אויפבויען, צו שאַפען אַ נייע פאָרמע, געגרינדעט אויף די פרינציפּען פון מענשליכקייט, פרייהייט און גלייכהייט.

דיזער אויפגערעגטער צושטאַנד פון די געמיטער פון פאָלק האָט זיך ניט בערוהיגט אין דער גאַנצער צייט פון 4טען אויגוסט ביז ענדע סעפּטעמבער. עס איז עפּעס געלעגען אַן אונערטרעגליכער דרוק אויף די געמיטער פון פאָלק. יעדער האָט געפיהלט, דאָס עס מוז עפּעס קומען אַ געוואַלטזאַמער אויסברוך. די רעגירונג האָט ניט געוואוסט וואָס זי זאָל טאָן. זי איז ניט געווען בכח עטוואָס צו טאָן. איבערהויפּט איז זי געווען געדריקט פון מאַנגעל אין געלט. עס איז פאָרגעשטאַנען דער רעגירונג צו באַנקראָטירען. דאָס וואָלט רואינירט דאָס גאַנצע לאַנד. מיראַבאָ האָט געהאַלטען אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אַ גלענצענדע רעדע צו בעוועגען די דעפּוטאַטען צו מאַכען אַן אַנלייהע פון 400,000,000 ליווערס, אום צו פערמיידען דעם באַנקראָט. אָבער ליידער זיינען די דעפּוטאַטען זעלבסט געווען ווייט פון אַ בעזאָנענער האַנדלונג. פיעלע פון זיי האָט געפעהלט די פעהיגקייט פון שטאַאַטס־לייט צו בעטראַכטען אַ זאַך רוהיג. דעם פאָלק אָבער האָט עס געבראַכט וועניג נוצען. די מאַסע פון פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט האָט אָנגעהויבען מעהר און מעהר אַנטייל נעהמען אין פּאָליטיק, און האָט זיך פערשאַפט אייגענע פיהרער פון די נידריגע שיכטען. דיזע

ליבער טומעל, און די מאַסע האָט אָנגעגריפען די קעניגליכע לייב־גוואַרדיע. לאַפאַיעטט האָט זיך געגעבען אַלע מיה צו בערוהיגען די מאַסע, און ענדליך איז עס איהם געלונגען.

אָבער דעם צווייטען טאָג גאַנץ פריה האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגען א שטאַרקער טומעל. דורך א טויער, וועלכער איז צופעליג געבליבען אָפען, האָט זיך דאָס פאָלק אריינגעבראָכען אין שלאָס מיט'ן צוועק צו פערכאַפען דעם קעניג. די מאַסע איז גלייך אריין מיט שטורם אין דאָס צימער פון דער קעניגין. האַלב אָנגעקליידט איז די קעניגין מאַריע אַנטואַנעטטע

דער צוג פון פאַריזער פרויען נאָך ווערסאַיל.

אריינגעלאָפען צו איהר מאַן, און דאָרט איז עס געלונגען לאַפאַיעטט'ן, וועלכער איז געווען ביים פאָלק זעהר בעליבט, די מאַסע צו בערוהיגען. די קעניגליכע פאַמיליע האָט זיך פאַרבעריייטעט אויף דאָס ערגסטע. זי האָט געזעהען, דאָס זי מוז נאָכגעבען דעם וואונש פון דער אויפגערעגטער מאַסע, און געהן מיט איהר נאָך פאַריז. דער קעניג איז אַרויס אויף'ן באַלקאָן און האָט דער מאַסע ערקלערט, דאָס ער גיט נאָך איהר וואונש. לאַפאַיעטט האָט ווידער אָפגעשפּילט א סצענע, דורך וועלכע עס איז איהם ווידער געלונגען צו בערוהיגען די מאַסע. ער האָט געקוסט די האַנט פון דער קע-

אָן דער שפּיץ פון דער מאַסע אַלס פיהרער איז געווען אַ געוויסער מאַיללאַרד. טויזענדער האָבען געשטראָמט פון אַלע זייטען נאָך ווער־סאַיל. אין פראָנט זיינען געגאַנגען פרויען, נאָך זיי די געזעמלען פון פּאַלעי־ראָיאַל, וועלכע זיינען געווען אונטערגעהעצט פון הערצאָג פון אָרלעאַנס, הינטער זיי די פּראָלעטאַריער פון די פאָרשטעדט, און גאָר הינטען לאַפאַיעטט מיט דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. לאַפאַיעטט האָט אייגענטליך ניט געוואָלט אָנטייל נעהמען אין דיזען שטורמישען צוג, אָבער זיינע אָפּיצערען האָבען איהם שטאַרק געבעטען און נאָך אייניגע שטונדען פון דיסקוטירען מיט זיי האָט ער נאָכגעגעבען. „גענעראַל", האָבען זיי צו איהם געזאָגט, „מיר געהען ניט אום צו געברויכען אונזערע וואַפּען געגען פרויען, נאָר אום צו ברייננגען די מאַסע צו אָרדנונג. מיר ווילען ברייננגען דעם קעניג צו אונז אין פּאַריז, אום מיר זאָלען זיין זיכער געגען זיינע אבזיכטען". לאַפאַיעטט האָט ענדליך איינגעשטימט אָנטייל צו נעהמען אין דיזען צוג נאָך דעם, ווי דער געמיינדע־ראַט האָט איהם געגעבען אַ בעפעהל צו געהן מיט דעם צוג אום צו האַלטען אָרדנונג און רוה. אויף'ן וועג נאָך ווערסאַיל האָט די בעריהמטע שענע רעוואָלוציאָנערין טהערואַאַניע דע מעריקורט געהאַלטען פאַר די מאַסען פייערדיגע רעדעס.

די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג איז דאַמאָלס געווען זעהר ערביטערט איבער די הוליאַנקעס, וואָס די אָפּיצערען האָבען פעראַנשטאַלטעט אין הויף, און האָט פערלאַנגט פון קעניג, אַז ער זאָל בעשטעטיגען די מענשען־רעכטען, וואָס זי (די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג) האָט אָנגענומען. זיי זיינען געווען ערשטוינט, ווען עס איז פּלוצלינג פאַר זיי ערשינען מאַיללאַרד מיט אַ דעפּוטאַציאָן פון פרויען און האָט פערלאַנגט פון פּרעזידענט מוניער, אַז ער זאָל זיי פאָרשטעלען דעם קעניג. דער פּרעזידענט האָט זייער וואונש ערפילט. דער קעניג האָט פערשפּראָכען צו טאָן אַלעס, וואָס מען פערלאַנגט פון איהם. די פרוי, וואָס האָט בעדאַרפט עטוואָס זאָגען דעם קעניג אין נאָמען פון דער דעפּוטאַציאָן, האָט פון אויפרעגונג מעהר ניט געקענט זאָגען ווי דאָס וואָרט „ברויט". דער קעניג איז פון דער גאַנצער סצענע געווען גערירט און איז געפאַלען אויף'ן האַלז פון דער שפּרעכערין. די דעפּוטאַציאָן איז אויך געווען גערירט און איז אַוועק צוריק. אָבער די מאַסען, וואָס זיינען געשטאַנען דרויסען, זיינען ניט געווען צופרידען מיט דיזען רעזולטאַט, זיי האָבען געוואָלט איבערטראַנספּאָרטירען דעם הויף אין פּאַריז אום זיי זאָלען האָבען דעם קעניג אין זייערע הענט. עס איז געוואָרען אַ שרעק-

גרויסע ראָלע אין דעם שיקזאל פון פראַנקרייך, ווי פּעיטאָן און ראָבעס-פּיערר.

די עפענטליכע פּרעסע האָט דאַמאָלס בעקומען גרויסען מוט און איז ארויס מיט אַן ענטשלאָססענער, ראַדיקאַלער אַגיטאַציאָן. עס איז געוואָרען קלאָר, דאָס די איבערטראַנספּאָרטירונג פון הויף און פון דער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג פון ווערסאַיל אין פּאַריז איז געווען דער בעסטער מיטעל צו פערשאַפען דעם ריכטיגען ווילען פון פאָלק דעם וואַהרען איינפלוס. די אַלטע פּרעס-פּאָליציי האָט אויסגעהויכט איהר לעצטען אָטעם. צום ערס-טען מאָל האָט די פּרעסע בעקומען די ריכטיגע, וואַהרע פרייהייט. פאַר דער רעוואָלוציאָן זיינען ערשינען אין פראַנקרייך זעהר וועניגע פּעריאָדישע בלעטער, אָבער זינט דער רעוואָלוציאָן איז פראַנקרייך און בעזונדערס פּאַריז געוואָרען איבערשווענמט מיט אַלערליי צייטונגען. איבערהויפּט זיינען געווען זעהר פערשפּרייט די דעמאָקראַטישע אָרגאַנען, ווי: „די רעוואָלוציאָנען פון פּאַריז", „די רעוואָלוציאָנען פון פלאַנדערן און בראַבאַנט", אַרויסגעגעבען פון קאַמיללע דעסמולינס, דער „פּער דושעסנע" (דושען) פון העבערט און ענדליך דער „פאָלקס-פריינד" פון מאַראַט. דיזע אַלע אָרגאַנען האָבען בע-קעמפּפט דעם הויף און דאָס גאַנצע אַלטע פערשימעלטע פעאָדאַל-סיסטעם. אַ גליהענדער האַס האָט געשפּראָכען פון יעדער צייל פון דיזע צייטונגען געגען די פּריווילעגירטע. דער לאַנג פערשטיקטער געשריי פון די געקריוו-דעטע און בערויבטע איז אַרויס ווי אַ פירכטערליכער דונער.

איבערהויפּט איז מאַראַט אַרויס אַלס פייערדיגער אַדוואָקאַט פיר די הונגערנדע מאַסע. זיינע ווערטער זיינען געווען אַ שרעקליכעס געריכט פיר אַלע פּריווילעגירטע קלאַסען. ער האָט זיך געמוזט בעהאַלטען אין קעלערן בעת ער האָט געשריבען זיינע פייערדיגע אַרטיקלען. ער האָט ניט דורכ-געלאָזען קיין זאַך, וואָס ער זאָל ניט צוגלידערן מיט זיין שאַרפער בייסענ-דער קריטיק. מיט זיין מעכטיגער האַנט האָט ער צושטערט אַלע אָפּגעטער פון דעם פערפוילטען אַלטען סיסטעם. „שטעלט אויף אַ קריגס-טריבון (ריכטער)", שרייבט ער אין איין נומער פון זיין צייטונג, „גיט איהם פול-מאַכט צו טאָן וואָס ער וויל נאָר אויף דריי טעג, אונטערוואַרפט אייך אַליין אונטער זיין געוואַלט, אום ער זאָל קענען פערניכטען אַלע די, וואָס שטעהען אייך אין וועג זינט 15 מאָנאַטען און לאָזען ניט דורכפיהרען אין דער רעגי-רונג די רעפאָרמעס, וועלכע זיינען אין שטאַנד צו בענייען פראַנקרייך און פערשאַפען די אָרימע קלאַסען אַ בעקוועמליכעס לעבען. אָבער פריהער פון אַלעס פליהט נאָך סט. קלוד, ברייננגט אין אייערע מויערן דעם קעניג און

ניגין און האָט צוגעשפּיליעט אַ גוואַרדיע־אָפּיצער די קאָקאַרדע פון דריי פאַרבען, דאָס עמבלעם פון פאָלק. דאָס האָט געהאַט אויף דאָס פאָלק אַ בערוהיגענדע ווירקונג. דער קעניג איז געגאַנגען מיט די מאַסען נאָך פּאַריז בעגלייט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. דער בירגער־מייסטער פון פּאַריז האָט אפילו אין אַ פאַלשער רעדע בערוהיגט דעם קעניג און האָט איהם גע־וואָלט נארען וועגען זיין לאַגע, אָבער דער קעניג האָט גוט פערשטאַנען, וואָס איהם שטעהט פאָר צו איבערלעבען אין דעם אַלטען שלאָס פון די טו־אילעריען, וואוהין ער איז אריינגעפאָהרען. באַלד נאָכדעם איז אויך די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אריבער פון ווערסאַיל נאָך פּאַריז. פון יעצט אָן איז זי געשטאַנען אונטער דעם שוץ פון דער פּאַריזער בעפעלקערונג און איז געווען געזיכערט, דאָס דער שטאַאט קען איהר יעצט גאָרניט טאָן.

די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט זיך יעצט ערנסט גענומען דורכצו־פיהרען איהר אויפגאַבע — צו אָרגאַניזירען די נייע פראַנקרייך לויט די פּרינציפּען, וואָס זי האָט אָנגענומען דעם 10טען אויגוסט, וועלכע זיינען געגרינדעט אויף דעם פונדאַמענט פון מענשען־רעכטען. די רעוואָלוציאָ־נערע שטימונג און די ראַדיקאַלע געזינונג געגען דעם הויף איז דערוייל געוואָרען אַ ביסעל שוואַכער. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען שטאַרק מורא האָבען פאַר די פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבען אָנגעהויבען צו דענקען וועגען פערטיילען דאָס אייגענטום גלייך צווישען אַלעמען. אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָבען זיך געבילדעט דריי פּאַרטייען. די מעהרסטע אין צאָהל אונטער זיי איז געווען די דעמאָקראַטיש־קאָנסטיטוציאָנעלע פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף דעם בירגערטום און אויף דעם לאַנד־פאָלק (די בויערן), און ווייל זי איז געווען די מעהרהייט האָט זי אַרויפגעלעגט איהר שטעמפּעל אויף די גאַנצע נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, ד. ה. די פערזאַמלונג האָט מעהרסטענס אָנגענומען איהרע בעשלוסען. אַ גרויסען איינפלוס האָט אויך געהאַט די מאָנאַרכיסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט געוואָלט, דאָס די אַלטע אָרדנונג זאָל בלייבען הערשען אין לאַנד. דיזע פּאַרטיי איז געזעסען צו דער רעכטער זייט פון פּרעזידענט, וועהרענד די פּאַרטיי, וואָס מיר האָבען פריהער דערמאָהנט, איז געזעסען אין צענטער. אין דער לינקער זייט פון פּרעזידענט איז געזעסען די קלענסטע פּאַרטיי, די אבסאָלוט־דעמאָקראַטישע, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף די מאַסע פון די בעזיצלאָזע און אַרבייטער. דיזע פּאַרטיי האָט געטראָגען דעם נאָמען „דער באַרג״, ווייל איהרע ערטער זיינען געווען די העכסטע. אָבער הגם זי איז געווען קליין אין צאָהל, האָ־בען זיך אין איהר געפונען מענער, וועלכע האָבען שפּעטער געשפּילט אַ

און באמת האָט די נייע פערפאַסונג (קאָנסטיטוציאָן) ניט געקענט צו-פרידען שטעלען די פראַנצויזישע מאַסע, ווייל זי האָט נאָר געשיצט די אינטערעסען פון די בירגער געגען דעם אדעל, די רעכטען און דער צושטאַנד פון די פראָלעטאַריער זיינען דאָרט איגנאָרירט געוואָרען. דיזע פראַנצוי-זישע פערפאַסונג איז געוואָרען דער מוסטער פון אַלע אַנדערע קאָנסטי-טוציאָנען פון גאַנץ אייראָפּאַ ביז דער לעצטער צייט. אין אַלע קאָנסטי-טוציאָנען לעזען מיר די זעלבע פּונקטען ווי אין דער פראַנצויזישער קאָנ-סטיטוציאָן פון יאָהר 1789—1790.

די קעניגליכע גיטער זיינען פון איהם צוגענומען געוואָרען און זיינען פערערכענט געוואָרען אַלס שטאַאַטס-גיטער. דעם קעניג האָט מען בע-שטימט 40 מיליאָנען ליוורעס אַ יאָהר צו אונטערהאַלטען דעם הויף. מיט דיזער אָרדנונג איז פראַנקרייך געוואָרען אַ קאָנסטיטוציאָנעלעס קעניגרייך, אָנשטאָט דעם, וואָס פריהער איז זי געווען אַן אבסאָלוטעס קעניגרייך. פיעל וויכטיגער איז געווען וואָס מען האָט אָפּגענומען די גיטער פון די גייסט-ליכע. אַלע קירכען-גיטער זיינען ערקלערט געוואָרען אַלס נאַציאָנאַל-איי-גענטום, דאַגעגען איז די אונטערהאַלטונג פון געטליכען דינסט געוואָרען די זאַך פון דער רעגירונג. די פינאַנץ-רעפאָרמע האָט גערעטעט פראַנקרייך פון באַנקראָט. דאָס לאַנד איז פּלוצלינג מיט איין מאָל רייך געוואָרען און איז געוואָרען אין שטאַנד צו בעצאָהלען איהרע שולדען. אָבער ווען מען וואָלט פערקויפען אַלע גיטער מיט איין מאָל וואָלטען זיי פערלאָרען זעהר פיעל אין זייער ווערט; דעריבער איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס די רעגירונג זאָל ארויסלאָזען געלט-פּאַפּירען (אַסיגנאַציעס) אין ווערט פון 400 מיליאָנען ליוורעס, וועלכע זאָלען אויסגעצאָהלט ווערען אין פערלויף פון 6 יאָהר פון דעם פערקויף פון די נאַציאָנאַל-גיטער פיר דיזע סומע.

דעם 12טען נאָוועמבער 1789 האָט די נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג אָפּגע-שאַפט די אַלטע אָרדנונג פון צוטיילען פראַנקרייך אויף פּראָווינצען און האָט געמאַכט אַ נייע איינטיילונג אין 83 דעפּאַרטעמענטען, אַלע מיט דער זעלבער פאָרמע פון רעגירונג, און מיט דיזען אופן איז די רעגירונג און רע-גולירונג פון גאַנצען לאַנד געוואָרען פיעל לייכטער. דאָס וואַהל-געזעץ איז געווען צוגעפּאַסט צו דיזער איינטיילונג. אָבער אין דיזער הינזיכט איז די קאָנסטיטוציאָן ניט געבליבען טריי צו איהר הויפּט-פּרינציפּ פון גלייכע רעכטען פיר יעדען. ניט אַלע פראַנצויזישע בירגער האָבען בעקומען וואַהל-רעכט, נאָר יענע, וועלכע האָבען געצאָהלט שטייער ווייניגסטענס 3 פראַנק

דעם דאָפין (טראָן־פאָלגער), ארעסטירט די עסטרייכערין (די קעניגין מאַריע אַנטואַנעטטע, די טאָכטער פון מאַריאַ טהערעזיאַ), נעהמט געפאַנגען איהר שוואָגער, דעם גענעראַל, און שמידט אין קייטען די מיניסטאָרען". מיט אַזעלכע און עהנליכע שאַרפע דבורים זיינען געווען פול אַלע נומערן פון זיין צייטונג.

אַן עהנליכע ראָלע האָבען אויך געשפּילט די קלובען. דאָס זיינען גע־ווען פעראיינען, אין וועלכע מענשען מיט גלייכע פּאָליטישע אידעען האָבען זיך פערזאַמעלט אונטער איין פּאָהן. אין דיזע קלובען האָבען די דעפּוטאַ־טען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג געזוכט הילף פון גלייכגעזינטע דורכ־צופיהרען זייערע פּראָיעקטען, דאָ האָבען זיי געזוכט צוזאַמענצוקומען נע־הענטער מיט'ן פאָלק. מעהר פּאָפּולער פון אַלע אַנדערע איז געווען דער ברעטאָנישער קלוב, וועלכער איז שפּעטער בעקאַנט געוואָרען אונטער'ן נאָמען „יאַקאָבינער". אָנפאַנגס האָבען צו דיזען קלוב געהערט אַלע, וואָס זיינען געווען געזאָנען דעמאָקראַטיש־קאָנסטיטוציאָנעל, אָבער אין קורצען האָט אין איהם געקראָגען די אויבערהאַנט די אַבסאָלוט־דעמאָקראַטישע פּראָלעטאַ־רישע ריכטונג. דיזער קלוב פלעגט האַלטען זיינע זיצונגען נאָך אַלע פּאַר־לאַמענטאַרישע רעגלען און פאָרמאַליטעטען אין דעם זאַל פון דעם דאָמיני־קאַנער קלויסטער סט. יאַקאָב, פון וואַנען ער האָט ערהאַלטען זיין וועלטגע־שיכטליכען נאָמען „יאַקאָבינער". אין דיזען קלוב האָט זיך באַלד פעראיי־ניגט די טעטיגקייט פון דער גאַנצער פּאַריזער בעפעלקערונג. דער קלוב האָט אין אַ קורצער צייט געגרינדעט אָפּטיילונגען אין אַלע שטעדט פון לאַנד, און האָט דערמיט געקראָגען אַ זעהר גרויסע מאַכט. ווען די יאַקאָבינער האָבען עס געפונען פיר נעטיג, האָבען זיי לייכט געמאַכט אין לאַנד גרויסע דעמאָנסטראַציאָנען און שטורמס. פּאַריז איז געווען דער צענטער פון אַלע צווייגען און אָפּטיילונגען פון די יאַקאָבינער, און פון דאָרט זיינען געשיקט געוואָרען פעראָרדנונגען צו אַלע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבען אַלעס פּינקט־ליך ערפילט און צום מאָמענט. מיט דיזען אופן איז דער יאַקאָבינער קלוב געוואָרען מיט דער צייט אַ געגען־פּאַרלאַמענט, און באַלד אויך אַ געגען־רע־גירונג. די מאַכט פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג איז אין קורצען איבער־געגאַנגען צו די יאַקאָבינער. די פּראָלעטאַריער האָבען איבערגעשטיגען די בירגער. עס איז געווען קלאָר צו זעהן, דאָס די דעמאָקראַטישע לינקע ווע־לען אין קורצען האָבען די אויבערמאַכט איבער די קאָנסטיטוציאָנעלע אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג.

צוּ א ראַט און א מוניציפּאַליטעט. די צאָהל פון די מיטגלידער פון דיזען ראַט און מוניציפּאַליטעט איז געווען אָפּהענגיג פון דער צאָהל פון די מיטגלידער פון דער געמיינדע. די מוניציפּאַל־בעאַמטע האָט ערוועהלט דאָס פאָלק זעלבסט, נאָר די מוניציפּאַליטעט האָט געקענט פאָדערן די בעוואַפענטע מאַכט, ווען זי האָט עס געפונען פיר נעטיג. מיט דיזער אָרדנונג איז דאָס פאָלק געוואָרען צום ערסטען מאָל דער העכסטער הערשער אין לאַנד. די בירגער אַליין האָבען ערוועהלט זייערע בעאַמטע און האָבען איינגעריכטעט זייער פערוואַלטונג. דער מאָנאַרך האָט ניט געהאַט קיין דעה און קיין איינפלוס אויף דיזע אַלע בעאַמטע פון פאָלק. דאָס קעניגטום, וואָס איז געשטאַנען אָן ז'ער שפּיץ פון דער רעגירונג, איז געווען א מין לוקסוס, אַן איבריגע, ניט נעטיגע זאַך.

אויך אין דעם פערפלאָנטערטען אַלטען געריכטס־וועזען האָט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג געמאַכט זעהר וויכטיגע רעפאָרמעס און האָט עס גרינדליך אויסגעבעסערט. עס איז איינגעריכטעט געוואָרען אַן איינפאַכעס קלאָרעס געריכט־סיסטעם. אין קרימינאַל־זאַכען איז אָנגענומען געוואָרען דאָס סיסטעם פון געשוואָרענע (זשורי), וועלכעס הערשט עד היום אין אַלע לענדער פון אייראָפּאַ. די פון פאָלק ערוועהלטע געשוואָרענע ריכטער האָבען דאָס רעכט צו זאָגען זייער מיינונג, אויב דער אָנגעקלאָגטער איז שולדיג אָדער ניט, אַזוי דאָס נאָר דאָס פאָלק זעלבסט האָט דאָס רעכט צו אורטיילען איבער דעם לעבען און טויט פון די מיטבירגער.

דערווייל איז אָנגעקומען דער יאָהרצייט פון דעם באַסטיליע־שטורם. דער פּאַריזער געמיינדע־ראַט האָט געמאַכט א פאָרשלאַג, דאָס דיזער טאָג זאָל בעשטימט ווערען אַלס א גרויסער נאַציאָנאַלער יום־טוב. אין דיזען טאָג זאָל זיך דאָס גאַנצע פאָלק פערברידערן און פייערן דעם שטורץ פון דעם אַבסאָלוטיזם. די פאָרבערייטונגען צו דיזען יום־טוב זיינען געווען גרויסאַרטיגע. אויף'ן מאַרס־פעלד האָט מען בעשטימט דעם פעסט־פּלאַץ פיר 400,000 פּערזאָן. עס האָט אָבער אויסגעוויזען, דאָס די אַרבייט וועט ניט פערטיג ווערען צום בעשטימטען טאָג. דאַמאָלס האָבען זיך 300,000 מענער און פרויען גענומען צו העלפען ענדיגען די אַרבייט צו דער צייט. צווישען דיזער מאַסע זיינען אויך געווען גרויסאַרטיגע דאַמען, וועלכע האָבען געאַרבייט ווי איינפאַכע אַרבייטער מיט העק און שופלען. ביי דער אַרבייט האָבען אַלע געזונגען די מאַרסעיליעזע, וועלכע איז שוין געווען בעקאַנט אין גאַנץ פראַנקרייך. הגם עס האָט שטאַרק גערעגענט, זיינען דאָך אַלע גע-

אַ יאָהר. די שטייער־צאָהלער האָבען זיך גערופען „אַקטיוו־בירגער", און די, וואָס האָבען ניט געצאָהלט קיין שטייער, האָבען געהאַט דעם נאָמען „פּאַסיוו־בירגער". די וואַהל איז ניט געווען אַ דירעקטע, דאָס פאָלק האָט נאָר אויסגעקליבען וואַהל־מענער, און יענע האָבען ערוועהלט די בעאַמטע. די וואַהל־מענער האָבען געמוזט בעזיצען אייגענטום ניט ווייניגער פון 150 פראַנק. אַ מיטגליד פיר דעם פּאַרלאַמענט האָט געקענט זיין יעדער, זאָגאַר אַזעלכער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אייגענטום, נאָר ער האָט געדאַרפט אַלט זיין ניט ווייניגער פון 25 יאָהר.

ווי נאָר מען איז בעפרייט געוואָרען פון די אַלטע געזעצען פון דעם פעאָדאַל־סיסטעם, איז באַלד אַריין אין קראַפט דאָס רעכט פון בעזיץ. די לעהרע פון מענשען־רעכט איז נאָר געווען אַ פראַזע, עס איז נאָר געווען מענשען־רעכט פיר די, וואָס האָבען וועלכעס עס איז אייגענטום. עס איז געבליבען אַ הערשענדע קלאַס ווי פריהער, נאָר מיט דיזעם אונטערשייד, דאָס פריהער האָט געהערשט דער אַדעל, און יעצט הערשט דער בירגער, וועלכער האָט אייגענטום. אָנשטאָט דעם, וואָס פריהער איז די געזעלשאַפט געווען איינגעטיילט אין הערען און קנעכט, איז זי יעצט געוואָרען איינגעטיילט אין בורזשואַזיע (בירגער מיט קאַפּיטאַל) און אין לוין־שקלאַפען (אַרבייטער). געגען דעם האָבען שטאַרק געקעמפט די דעמאָקראַטישע לינקע אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, זיי האָבען אָבער גאָרניט אויסגעפיהרט, ווייל זיי זיינען דאָרט געווען אַ מינאָריטעט. קאַמיללע דעסמולינס האָט אין אַ גלענצענדער רעדע בעוויזען, ווי פאַלש עס איז דער נאָמען „אַקטיוו־בירגער", ווי עס הייסט איינער, וואָס צאָהלט שטייער, און דער נאָמען „פּאַסיוו־בירגער", ווי עס הייסט אַ בויער, וואָס קען ניט צאָהלען קיין 3 פראַנק אַ יאָהר, הגם ער איז אין גרונד מעהר אַקטיוו פון דעם שטייער־צאָהלער.

די פערוואַלטונג איז געווען איינפאָרמיג אין אַלע דעפּאַרטעמענטען. אין יעדען דעפּאַרטעמענט איז געווען אַ פערוואַלטונגס־ראַט פון 36 מיטגלידער און אַ דירעקטאָריום פון 5 מיטגלידער, וועלכע האָבען בעדאַרפט דורכפיהרען די בעשלוסען פון דעם ראַט. יעדער דעפּאַרטעמענט איז געווען איינגעטיילט אין דיסטריקטען, און די דיסטריקטען זיינען ווידער געווען איינגעטיילט אין קאַנטאָנען. יעדער דיסטריקט האָט אויך געהאַט זיין ראַט און זיין דירעקטאָריום, זיי זיינען אָבער געווען אָפּהענגיג און אונטערוואָרפען אונטער דער מאַכט פון די בעאַמטע פון די דעפּאַרטעמענטען. די קאַנטאָנען זיינען ניט געווען קיין פערוואַלטונגס־אָפּטיילונגען, נאָר וואַהל־אָפּטיילונגען. די פערוואַלטונג פון יעדער געמיינדע איז געווען אָנפערטרויט

דאָס פאָלק האָט געפיהלט, דאָס דער מיטעלאַלטער איז געשטירצט אין גאַנ-צען און אז עס האָט אריינגעטרעטען פיר איהם אַ נייע צייט.

אָבער עס האָבען זיך אויך געפונען אייניגע, וואָס האָבען געקוקט אויף דיזע שמחה מיט גאַנץ אַנדערע אויגען. די דעמאָקראַטישע פרעסע, אי-בערהויפּט מאַראַט און דעסמולינס, האָבען געקוקט און גערעדט וועגען דיזער שמחה מיט פעראַכטונג. זיי האָבען געשאָטען מיט פייער אויף דעם געצען-דינסט, וואָס מען האָט געצייגט צום קעניג און צו לאַפאַיעטט'ן.

עס האָט זיך אָנגעהויבען ארויסצייגען אַ געגענזאַץ צווישען די בעזוי-צענדע קלאַסען פון בירגערטום און די ארבייטער-פּראָלעטאַריער. עס איז געוואָרען קלאָר, דאָס די בורזשואזיע מיינט ניט ערנסט אָפּצושאַפען אַלע אונטערשיידען צווישען מענשען. זיי האָבען נאָר געוואָלט אָפּשאַפען די אַלטע שטאַנדען, און גרינדען אויף זייער אָרט נייע. דאָס האָט קלאָר בעווי-זען דער פאַקט, דאָס די נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג האָט אָנגעהויבען צו אונ-טערדריקען די ארבייטער-פערבאַנדען. די זעלבע דעפּוטאַטען, וועלכע האָבען מיט הייליגער בעגייסטערונג אָנגענומען די ערקלערונג פון מענשען-רעכטען, האָבען געשטערט די אַרבייטער צו פעראייניגען זיך אום מיט אַלגעמיינע קרעפטען אויסצוקעמפען פיר זייער אַרבייט אַ העכערען לוין. דער אַרבייט-געבער האָט געמעגט בעשטימען פיר די אַרבייט אַ הונגער-לוין, און דער אַרבייטער האָט ניט געהאַט דאָס רעכט צו שטרייטען געגען דעם אום זיין לאַגע צו פערבעסערן. אין דיזען גייסט זיינען געמאַכט געוואָרען די געזע-צען פון דער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג.

די פּראָלעטאַריער-אַרבייטער האָבען פּראָטעסטירט געגען דער אונטער-דריקונג פון זייערע יוניאָנס, אָבער אומזיסט. מען האָט זייערע פּראָטעסטען ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט. 340 אַרבייטער פון דער קירכע סט. גענאָוועפאַ (זשענעיעוו) האָבען געשריבען צו מאַראַט'ן פאָלגענדען בריף:

„צום פריינד פון פאָלק!

„געליבטער פּראָפעט, וואהרער פערטיידיגער פון געדריקטע! ערלויבט אונז, אַרבייטער, צו ענטדעקען פאַר אייך, וואָס פיר אַ שרעקליכעס אונ-רעכט עס בעגעהען געגען אונז, אַרבייטער, די מויערער-מייסטער, וועלכע טרייבען אונז צו פערצווייפלונג און אויפשטאַנד. דיזע נידערטרעכטיגע ברואים, וועלכע זיינען אַליין שרעקליך פויל עטוואָס צו טאָן, און לעבען נאָר פון דעם שוויס פון די אַרבייטער, וואָס זיי פערשלינגען, און ברייננגען ניט דעם פאָלק קיין נוצען, דיזע פייגלינגען האָבען זיך דעם 12טען, 13טען און 14טען יולי, ווען עס איז פאָרגעקומען די גרויסע רעוואָלוציאָן, בעהאַלטען

בליבען ביי דער אַרבייט. אין 7 טעג איז די ריזיגע אַרבייט פערטיג גע-יואָרען.

אום 7 אוהר מאָרגענס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער אונגעהייערער צוג פון פּאַריז. אויף דעם מאַרס־פעלד זיינען געווען איינגעריכטעט גראָז־טרעפּ, איינע העכער פון דער אַנדערער, אויף וועלכע עס זיינען געזעסען 400,000 צושויער. אין דער מיט איז געשטאַנען אַן אַלטאַר, געבויט אין אַנטיקען סטיל, אַרום איהם איז געזעסען דער קעניג מיט זיין פאַמיליע אין אַ האַלבען צירקעל, און די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג און די מוניציפּאַליטעט זיינען גע-שטאַנען. די בעאַמטע פון די דעפּאַרטעמענטען, די דעפּוטירטע פון דער אַרמעע און די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע זיינען געשטאַנען אונטער זייערע פלאַגען.

נאָך דעם געטליכען דינסט, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען מיט גרויס גלאַנץ, איז אַרויסגעטרעטען לאַפאַיעטט אום צו שווערען עפענטליך טריי-הייט צו דער נייער קאָנסטיטוציאָן. צוויי גרענאַדירען האָבען איהם אַרויפ-געטראָגען אויף'ן אַלטאַר, פון וועלכען ער האָט בעדאַרפט פיהרען דאָס פאָלק צו דער שבועה צו האַלטען טריי די קאָנסטיטוציאָן. דאָס פאָלק האָט אין דער צייט, וואָס די גרענאַדירען האָבען געטראָגען לאַפאַיעטט'ן צום אַלטאַר, מיט גרויס פרייד־שטורם אַרויסגעצייגט זייער צופרידענהייט. „מיר שווע-רען", האָט לאַפאַיעטט אָנגעהויבען מיט אַ הויכער שטימע, „צו זיין אימער טריי דער נאַציאָן, דעם געזעץ און דעם קעניג, צו שטיצען און צו האַלטען מיט אַלע קרעפטען די פערפאַסונג, וועלכע די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט אויסגעאַרבייט און דער קעניג האָט בעשטעטיגט און אָנגענומען, און צו בלייבען פערבונדען מיט אַלע פראַנצויזען ווי ברידער". דערביי האָט די אַרטילעריע געדונערט מיט איהר שיסעריי, מוזיק האָט געשפּילט, און די גרויסע מאַסע פון 400,000 מענשען האָט אין איין קול אויסגעשריען: „איך שווער עס!" נאָכדעם איז אַרויס דער קעניג און האָט געשוואָרען „פעסט-צוהאַלטען די פערפאַסונג". אויך די קעניגין, וועלכע איז אין דיזען מאָ-מענט געוואָרען בעגייסטערט, האָט אויפגעהויבען מיט איהרע הענט איהר קינד, דעם טראָן־פאָלגער, און האָט אויסגעשריען: „היר איז מיין זוהן, איך און ער טיילען גלייכע געזינונגען!" דאָס פאָלק האָט בעגעגענט דיזע ווער-טער מיט גרויס פרייד־שטורם און איז געווען מיט פולען צוטרויען צום קעניג און דער קעניג האָט געגלויבט אין דער טרייהייט פון פאָלק. נאָך דער צע-רעמאָניע האָט זיך דאָס פאָלק שטאַרק משמח געווען מיט דיזען יום־טוב און מען האָט זיך געלאָזען וואוילגעהן. דער מאָמענט איז געווען אַ גוואַלדיגער.

ווערען מיט געלט־שטראָפען אָדער געפענגניס. די בורזשואזיע האָט גע־שפיגען אין גאַנצען די פרינציפען פון מענשען־רעכט, וועלכע זיי האָבען אזוי פייערליך פראָקלאַמירט. עס איז געוואָרען קלאָר, דאָס די וועגען פון דעם בירגערטום זיינען גאַנץ פערשיידען פון די וועגען פון די ארבייטער.

אָבער די נויט צווישען די אַרבייטער איז געוואָרען אזוי גרויס, דאָס די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט געפונען פיר נעטיג צו אסיגנירען דער רע־גירונג 15,000,000 פראַנק צו גרינדען פאַבריקען אום צו פערשאַפען ארבייט פיר די מאַסען פראָלעטאַריער. אין דיזע פאַבריקען האָבען געפונען ארבייט ניט נאָר פאַריזער, נאָר אויך אַרבייטער פון דער פראָווינץ. דיזע פאַבריקען זיינען געוואָרען די גרעסטע פערזאַמלונגס־פונקטען פון דער רעוואָלוציאָן. פון דיזע ערטער זיינען אַרויסגעקומען יענע גרויסע מאַסען, וועלכע האָבען אין די אויפשטאַנדען פון די יאָהרען 1792, 1793 און 1795 געשפּילט אזא גרויסע ראָלע. מיט שפּאָט האָט מען דיזע אַרבייטער גערופען „סאַנסקו־לאָטען" (ד. ה. אָהן הויזען), אָבער זיי האָבען אָנגעיאַגט אויף די בירגער אַ גרויסען שרעק מיט זייערע דעמאָנסטראַציאָנען, אין וועלכע עס האָט זיך בולט אַרויסגעצייגט דער שרעקליכער עלענד פון דער אַרבייטער־קלאַס.

דער אַדעל און דער הויף האָבען פון זייער זייט ניט אויפגעהערט צו אַרבייטען צו דערשטיקען די רעוואָלוציאָן און צו פערניכטען די קאָנסטי־טוציאָן. מען האָט אין גאַנצען פערגעסען וואָס מען האָט געשוואָרען אויף'ן מאַרס־פעלד און מען האָט אָנגעהויבען צו שמידען פּלענער, ווי איינצופיה־רען צוריק די אַלטע אָרדנונג פון דעם פעאָדאַל־סיסטעם און דעם קעניגליכען אַבסאָלוטיזם. ווייל אָבער דער הויף און דער אַדעל האָבען געוואוסט, דאָס אין פראַנקרייך איז זייער מאַכט געבראָכען, האָבען זיי זיך געווענדעט נאָך הילף אין אויסלאַנד. פיעלע פון דעם אַדעל האָבען אויסגעוואַנדערט פון פראַנקרייך אום נאָכדעם מיט וואַפען אין האַנט, מיט הילף פון אויסלענדישע טרופּען איינצופיהרען צוריק די אַלטע אָרדנונג און געזעצען; עס האָבען זיך פיעלע בעזעצט אין די גרענעץ־שטעדט פון אויסלאַנד, און האָבען פון דאָרט אָנגעהאַלטען פערבינדונגען מיט'ן פאָטערלאַנד, האָבען געפיהרט אַלערליי אינ־טריגעס און האָבען בעאונרוהיגט דאָס לאַנד מיט קינסטליכע אויפשטאַנדען. מען האָט אויפגעפאָדערט אַלע מאָנאַרכען פון אייראָפּאַ צו העלפען דעם קע־ניגטום אין פראַנקרייך און צו בעשיצען עס געגען דער רעוואָלוציאָן.

אויך די פּריסטער זיינען אַרויסגעטראָטען פיינדליך געגען דער נייער אָרדנונג אין פראַנקרייך. זיי זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג דערפאַר, וואָס זי האָט פון זיי צוגענומען זייערע ני־

אין די קעלערן; נאָר נאָך דעם, ווי זיי האָבען געזעהען, דאָס די ארבייטער אליין, די קלאַס, וואָס האָט ניט קיין שום אייגענטום, האָבען דורכגעפיהרט די רעוואָלוציאָן, זיינען זיי ארויסגעקראָכען פון די לעכער און האָבען אונז אָנגעהויבען צו בעהאנדלען אלס רויבער, און האָבען צוגענומען פיר זיך די בעסטע פּלעצער און שטעלעס אין דער רעגירונג. יעצט פיהלען זיי זיך גענוג שטאַרק אום צו אונטעריאָכען אונז. זיי דריקען און שטיקען אונז אָהן שום רחמנות און האָבען ניט דערביי קיין געוויסענסביסען...

„זיי זיינען זעהר רייך און דאָך זיינען זיי שמוציגע קארגע בעשעפעניסען. זיי זוכען מיטלען ווי ארונטערצושניידען אונזער טעגליכען לוין, וועלכער איז דורך די אָנשטרענגונג פון אונזער פערוואלטונג בעשטימט געוואָרען 48 סו *). זיי ווילען גאָרניט וויסען, דאָס מיר ארבייטען אין גאַנצען יאָהר ניט מעהר פון 6 מאָנאַטען, אזוי דאָס דורכשניטליך בעקומען מיר נאָר 24 סו א טאָג צום לעבען. פון דיזער אָרימער בעלוינונג דארפען מיר זיך בעזאָרגען מיט וואוינונג, נאהרונג, קליידונג פיר זיך און אונזערע קינדער און פרויען. און אויף דער עלטער, ווען אונזערע קרעפטען פערלאָזען אונז און מיר זיינען שוין ניט אין שטאַנד צו אַרבייטען, מוזען מיר אָנקומען צו בעטעל=ברויט, וועהרענד אונזערע אויסזויגער וואוינען ווי די פירסטען אין פּאלאַצען, טרינקען די טייערסטע וויינען, פאָהרען אין טייערע קארעטען, און פערגעסען אָן אונז אין גאַנצען; זיי ווייסען ניט און ווילען ניט וויסען אין וואָס פיר אן עלענד מיר לעבען. זעהר אָפט טרעפט, דאָס ווען אן אַרבייטער איז פערוואונדעט אָדער געהרג'עט געוואָרען אין מיטען טאָג, ווילען זיי ניט בעצאָהלען דער אָרימער אונגליקליכער פאמיליע זאָגאַר פיר דעם האלבען טאָג, וואָס דער אַרבייטער האָט געאַרבייט. פיר זיי זיינען וועניג אַלע רייכטימער, וואָס זיי מאַכען פון דעם אַרבייטער'ס שוויים און בלוט, זיי מאַכען נאָך געזעצען, וועלכע זאָלען אונז צווינגען צו שטאַרבען פון הונגער".

דיזען ענערגישען פּראָטעסט האָט מאראַט פערעפענטליכט אין זיין „פּאָלקספריינד" דעם 12טען יוני 1791. ניט אכטענדיג אויף דיזען פּראָטעסט האָט די נאַציאָנאל=פערזאַמלונג אָנגענומען דעם 14טען—17טען יוני א געזעץ, וועלכעס פערוועהרט די אַרבייטער צו מאַכען פעראיינען אָדער אָנפיהרען סטרייקען מיט דעם צוועק צו העכערן די פרייזען פון זייער לוין. פיר די איבערטרעטונג פון דיזען געזעץ זאָלען די אַרבייטער בעשטראָפט

---

*) אַ סו איז אַזוי פיעל ווי אַ סענט אין אַמעריקאַנישען געלט.

פאיעטט האָט ערנסט געטאָן זיין פליכט ניט צו געבען דעם קעניג די מעג-ליכקייט צו ענטלויפען. דאָס, וואָס דער קעניג האָט זיך צופיעל פערזאַמט און איז ניט אַרויס אין דער בעשטימטער צייט, האָט פערניכטעט אַלע פּלע-נער און פּאַרבערייטונגען פון בואיללע. דאָך איז דעם קעניג געלונגען צו קומען אין מענעהאָולד. דאָ האָט ער געלעגט אָן אַ זייט אַלע פאָרזיכטיג-קייטען. ער האָט זיך דאָ ערלויבט אַרויסצוגעהן פון וואָגען, האָט זיך בע-וויזען אין גאס און האָט גערעדט מיט מענשען, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום איהם.

דאָ האָט איהם דערקענט דער פּאָסטמייסטער דרועט נאָך זיין בילד אויף די אַסיגנאַציעס. דרועט איז געווען אַ בעגייסטערטער יאַקאָבי-נער. ער האָט געוואַגט און האָט דעם קעניג אַרעסטירט. ער איז געלאָפען פאָרויס פון דער קעניגליכער קאַרעטע ביז וואַרעננעס. דאָרט האָט ער אויפ-געוועקט די בעאַמטע אין מיטען נאַכט; און ווי דער קעניג איז אַרויף אויף'ן בריק, האָט מען איהם פערשטעלט דעם וועג, און אין נאָמען פון בירגער-מייסטער האָט מען איהם ערקלערט, דאָס ער קען ניט פאָרטזעצען זיין רייזע. אַלזאָ איז זיין ענטלויפען ניט געלונגען. דער קעניג האָט זיך געמוזט צו-ריקקעהרען אין פּאַריז.

דאָס פאָלק האָט אויפגענומען די קעניגליכע פאַמיליע, ווען זי איז גע-בראַכט געוואָרען צוריק אין פּאַריז, מיט אַ טויטען-שטילקייט. קיין פּיפּס האָט מען פון קיינעם ניט געהערט. מען האָט אַריינגעפיהרט די פאַמיליע אין די טואילעריען, וואו מען האָט זיי זעהר שטאַרק בעוואַכט. דיזער צופאַל האָט פּלוצלינג בעשאַפען אַ רעפּובליקאַנישע שטרעמונג. די נאַציאָנאַל-פּער-זאַמלונג און די יאַקאָבינער האָבען אָנגעהויבען שטאַרק אָנגרייפען דעם קעניג. די ראַדיקאַלע פּאַרטיי האָט איהם געוואָלט ברייגגען צום געריכט און מאַכען אַ פּראָצעס. אָבער די געמעסיגטע האָבען ניט דערלאָזען מאַכען אַ פּראָצעס, ווייל זיין אַפּרייזע איז דאָך ניט געווען געגען וועלכען עס איז געזעץ, און ער האָט דאָך אויף דאָס רעכט צו זיין פריי. די פערזאַמלונג האָט איהם ווידער איבערגעגעבען די געוואַלט, און די דעפּוטאַטען פון דער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג האָבען זיך גענומען פאָרטצוזעצען זייער אַרבייט.

דאָס פאָלק איז אָבער מיט דיזען צושטאַנד געווען אונצופרידען. ראָ-בעספּיערר האָט פערפאַסט אַ שטורם-אַדרעס, וועלכער האָט גערונערט געגען דעם, וואָס דער קעניג האָט געבראָכען די שבועה, וואָס ער האָט געגעבען ביים אַלטאַר אויף'ן מאַרס-פעלד. דיזען אַדרעס האָבען אונטערגעשריבען טויזענדער פון דער מאַסע. עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו הערען געשרייען:

טער. זיי זיינען אַרויס אָפען געגען דער נייער אָרדנונג. זיי האָבען געזוכט צו איבערצייגען דאָס פאָלק, דאָס די רעוואָלוציאָן איז געגען רעליגיאָן. דער־מיט האָבען זיי געווירקט אויף די בויערן און האָבען זיי געהעצט צום אויפ־שטאַנד, הגם דיזע האָבען פיר זיך געהאַט פון דער רעוואָלוציאָן די גרעסטע נוצען.

דער הויף האָט געזוכט שטיצע ביי מיראַבאָ. דיזער גרויסער טאַלענט־פולער מאַן האָט גענומען כאַבאַר און האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען פיר דעם הויף געגען דער נייער קאָנסטיטוציאָן. ער האָט אויסגעאַרבייט א נייע פערפאַסונג, לויט וועלכער די קעניגליכע מאַכט האָט בעדאַרפט ווערען פיעל שטאַרקער. אָבער מיראַבאָ איז געשטאָרבען איידער עס איז איהם געלונגען דורכצופיהרען זיין פּלאַן אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. ער איז געשטאָר־בען פון אויסגעלאַסענעם פערקעהר מיט פרויען און פון צופיעל אָנשטרענ־גונג. דעם 2טען אַפּריל 1791 איז דיזער טאַלענטפולער מאַן געשטאָרבען, און זיין טויט איז געוועזען באמת א נאַציאָנאַלער טרויער.

דאַמאָלס האָט דער קעניג בעשלאָסען אַרויסצוגעהן אויף אַן אָפענעם קאַמף. ער האָט פריהער פון אַלעם געוואָלט פערזיכערן זיך געגען וועלכען עס איז אָנגריף פון פאָלק אין פּאַריז. ער האָט אויסגעאַרבייט א זעהר גוטען פּלאַן, ער האָט איהם אָבער ניט פּינקטליך דורכגעפיהרט. ער האָט נעמליך בעשלאָסען צו ענטלויפען און בעזעצען זיך אין מאָנטמעדי, נעבען דעם לוק־סעמבורגער גרענעץ. דאָרט איז געשטאַנען א טרייע אַרמעע אונטער דער קאָמאַנדע פון בואיללע. אין פערשיידענע ערטער אויף דיזען וועג זיינען צושטעלט געוואָרען טרופּען אין זיכערע פּאָסטען צו בעשיצען דעם קעניג אויף זיין רייזע. אָבער דער קעניג האָט מיט זיין אונפערצייהליכער נאַכ־לעסיגקייט אַליין צושטערט זיין פּלאַן. צוליב א קליינינגקייט, צוליב די רעכ־טען פון א הויף־דאַמע איז די רייזע ניט געמאַכט געוואָרען צו דער אָפּגע־רעדטער צייט און האָט פערשפּעטיגט אויף גאַנצע 24 שטונדען. אויסער דעם האָט מען פערלאָרען פיעל צייט צו זוכען א שוך־קנעפּעל, וואָס דער קע־ניג האָט פערלאָרען. צו אַלעם דעם איז דער רייזע־וואָגען געוועזען אונגעוועהנ־ליך גרויס און האָט ערוועקט פערדאַכט. דאָס איז געוועזען איבערהויפּט גע־פעהרליך אין א צייט, ווען פיעלע האָבען אויסגעוואַנדערט פון לאַנד, און די אויסוואַנדערער זיינען געוועזען פון דעם סאָרט, וואָס דאָס פאָלק האָט גערע־כענט פיר זייערע אונפריינד.

דעם 20טען יוני אין אָבענד האָט זיך דער קעניג מיט דער קעניגין אין פערשטעלטע קליידער דורכגע׳גנב׳עט דורך די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, הגם לאַ־

דאָס די צוקונפט וועט געהערען צו די דעמאָקראטען, ד. ה. דעם רעכטלאָזען פּאָלק.

די קאָנסטיטוציאָן פון יאָהר 1791 איז געווען דאָס ווערק פון דעם מי-טעלען שטאנד, און איז געווען געווידמעט הויפּטזעכליך צו זיינע אינטערעסען. די גלייכבערעכטיגונג פון אַלע מענשען איז געוואָרען פערוואַנדעלט אין א גלייכבערעכטיגונג פון דער בורזשואזיע (בירגער), אדעל און גייסטליכע. דאָס הייסט, אַז דער דריטער שטאַנד איז אריין צווישען די הערשענדע. די ביר-גער האָבען ערהאַלטען די פרייהייט, דורך וועלכע זיי האָבען בעקומען די מעגליכקייט צו ווערען א וועלט-מאַכט. די מאַסען האָבען אפילו אויך עט-וואָס געגאָסען פון דער צושטערונג פון דעם פעאָדאַליזם, אָבער קיין גרויסע גליקען האָט זיי די פערפאַסונג ניט פערשפּראָכען, און זיי האָבען דיזע ניט געקענט ערוואַרטען. די הונגער-קנוטע האָט אויך ביי דיזער נייער פערפאַ-סונג געשוועבט איבער זיי ווי פריהער. די שענע ווערטער פון דער פערפאַ-סונג זיינען געבליבען אין בעצוג אויף די פּראָלעטאַריער נאָר פּוסטע פראַזען, ווייל די פערפאַסונג איז געווען פול מיט אויסנאַהמס-בעשטימונגען געגען זיי.

ה. די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג.

ענדע סעפּטעמבער 1791 האָט זיך פערזאַמעלט די ניי-ערוועהלטע נאַ-ציאָנאַל-פערזאַמלונג, וועלכע האָט זיך ערקלערט אַלס א געזעצגעבענדע מאַכט. דיזע פערזאַמלונג איז בעשטאַנען פון 745 מיטגלידער. די מעהרסטע פון זיי זיינען געווען מענשען, וואָס זייערע נעמען זיינען געווען אונבעקאַנט. אין דיזער פערזאַמלונג איז ניט געווען אזא פּאַרטיי-גרופּירונג, ווי אין דער פריהערדיגער. די, וואָס זיינען פריהער געזעסען רעכטס צום פּרעזידענט (די ראָיאַליסטען), זיינען אין גאַנצען פערשוואונדען, און אָנשטאָט זיי האָט פערנומען דיזע ערטער די דעמאָקראַטיש-קאָנסטיטוציאָנעלע פּאַרטיי, וועלכע האָט פריהער פערנומען דעם צענטער, ד. ה., דאָס די פריהערדיגע רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך יעצט גערעכענט פיר קאָנסערוואַטיווע. דאָס פּאָלק האָט אויף זיי געקוקט אַלס אויף אַריסטאָקראַטען און רעאַקציאָנערען; און באמת האָבען זיי פערטראָטען די מאָדערנע אריסטאָקראַטיע, די בור-זשואַזיע. די אַלע אַנדערע פּלעצער האָבען פערנומען די ריכטיגע דעמאָ-קראַטען. דיזע אַלע זיינען געווען יונגע פייערדיגע מענער מיט גרויס בע-גייסטערונג פיר די נייע פערפאַסונג.

עס פערשטעהט זיך, דאָס אויך צווישען דיזע דעמאָקראַטען זיינען גע-ווען פערשיידענע כאַראַקטערען מיט פערשיידענע געזינונגען. אין צענטער

„פערטרייבט די בורבאָנען *), צוטרייבט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג!" לאַפאַיעטט איז אַרויס מיט דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע איינצושטילען די מהומה, אָבער דאָס פאָלק האָט איהם בעגעגענט מיט שטיינער. די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע האָט געשאָסען אויף'ן פאָלק. פיעלע זיינען געפאַלען טויט און נאָך מעהר זיינען געוואָרען פערוואונדעט. דאָס איז געווען די לעצטע העלדענטאַט פון לאַפאַיעטט'ן. ער האָט צוזאַמען מיט'ן פרעזידענט פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, באַיללי, געמוזט אַרונטער, זיי זיינען שוין מעהר ניט געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער מוניציפּאַליטעט.

דעם 3טען סעפּטעמבער 1791 האָט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג געענדיגט די פערפאַסונג פון דער קאָנסטיטוציאָן. די אַבסאָלוטע שטאַאַטס־פאָרמע איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ האַלב דעמאָקראַטיש־קאָנסטיטוציאָנעלע. דאָס רעכט צו מאַכען געזעצען איז איבערגעגעבען געוואָרען צו דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. דער קעניג האָט געהאַט צו רעגירען דורך זיינע פעראַנטוואָרטליכע מיניסטאָרען. ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו וועטירען (ניט אָננעהמען) אַ געזעץ, וועלכעס איז איהם ניט געפעלען. אָבער ווען עס איז אָפּגעשטימט געוואָרען נאָך צוויי מאָל דורך די געזעצגעבער, האָט זיין וועטאָ מעהר ניט געהאַט קיין מאַכט. דער קעניג איז געבליבען אויך אויף ווייטער דער אויבער־קאָמאַנדיר איבער דאָס מיליטער, אָבער די ערקלערונג פון קריג אָדער שליסונג פון פרידען האָט געמוזט האָבען די צושטימונג פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. דעם 13טען סעפּטעמבער האָט אויך דער קעניג בעשטעטיגט די פערפאַסונג און האָט זי אָנגענומען. דערביי האָט ער בעמערקט, דאָס הגם ער איז ניט זיכער וועגען דעם נוצען און די טובה, וואָס איינציגע בעשטימונגען וועלען בריינגען דעם פאָלק, אָבער ער וויל יעצט אָננעהמען אַלעס ווי עס איז, און וועט וואַרטען צו זעהן, וואָס די פּראַקטיק און די צייט וועלען וועגען דעם זאָגען. דעם 14טען סעפּטעמבער האָט דער קעניג געשוואָרען אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג צו ערפילען ריכטיג אַלע פאָדערונגען פון דער קאָנסטיטוציאָן, און דעם 30טען איז די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אויפגעלעזט געוואָרען, ווייל זי האָט שוין איהר אויפגאַבע געענדיגט. דערביי האָט ראָבעספּיערר געמאַכט אַ פאָרשלאַג, דאָס קיינער פון די מיטגלידער פון דיזער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג זאָל ניט ערוועהלט ווערען צו דער נעכסטער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. ער האָט פאָרויסגעזעהען,

---

*) די קעניגליכע פאַמיליע איז געווען פון דער משפּחה בורבאָנען.

גאַנצע מענגע איז געהאַנגען אָן איהם מיט אונגלויבליכער פּערעהרונג. זיי האָבען איהם גערופען „דער אונבעשטעכליכער" (אַ מענש, וואָס נעהמט ניט קיין כאַבאַר). ער איז געוואָרען אַזוי בעליבט אין פאָלק, דאָס זיינע אָנהענגער האָבען געטראָגען די זעלבע קליידער, וועלכע ער האָט געטראָגען. (ער האָט שטענדיג געטראָגען אַ בלויען פראַק, אַ געלע וועסט און געלע הויזען.)

די לינקע זיינען געווען פערבונדען דירעקט מיט דעם פאָלק דורך די „קאָרדעליערען", וועלכע זיינען געווען אַ צווייג־קלוב פון די יאַקאָבינער. דיזער צווייג־קלוב איז געווען דער זאַמעלפּונקט פון אַלע ענערגישע און שטירמישע מענער, וועלכע האָבען פריהער פון אַלעם געוואָלט נידערשלאָגען די פיינד פון דער רעוואָלוציאָן. אין דיזען צווייג־קלוב האָט איבערהויפּט געגלאַנצט דער נאָמען דאַנטאָן, אַ זעלטענער רעדנער מיט אַ געוואַלדיגען איינפלוס אויף די מאַסען.

דער גייסט פון דער נייער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט זיך אַרויסגעצייגט באַלד אין דער ערסטער זיצונג. עס איז בעשלאָסען געוואָרען אָפּצושאַפען דעם טיטעל „מאַיעסטעט" פון קעניג, און דער שטוהל פון קעניג אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג זאָל זיין גלייך מיט דעם שטוהל פון פּרעזידענט פון דער פערזאַמלונג. דיזער בעשלוס איז דעם נעכסטען טאָג אָפּגערופען געוואָרען, אָבער ער האָט קלאָר בעוויזען וואָס פיר אַ שטימונג די רעוואָלוציאָנערען האָבען געהאַט.

באַלד אין די ערסטע טעג פון דער נייער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג איז אָנגעקומען אַ שרעקליכע נאַכריכט פון אַוויניאָן. היר האָט די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי בעזיגט די פּאַפּסטליכע און האָט בעשלאָסען צו פעראייניגען זיך מיט פראַנקרייך. דערפון איז אַרויס אַ שטאַרקער בירגער־קריג, אין וועלכען איינער פון די הויפּטער פון דער מוניציפּאַליטעט, לעסקויער, איז ערמאָרדעט געוואָרען מיט באַרבאַרישער גרויזאַמקייט. איינינגע הונדערט סאָלדאַטען פון דער אַרמעע פון אַוויניאָן זיינען געקומען רעטען לעסקויער'ן, אָבער זיי זיינען געקומען צו שפּעט. די סאָלדאַטען האָבען צוטריבען די טרופּען פון פּאַפּסט און האָבען ערמאָרדעט וועמען זיי האָבען געכאַפּט: מענער, פרויען, יונג און אַלט. 110 אונגליקליכע, צווישען וועלכע עס זיינען געווען 32 פרויען און 8 קינדער, זיינען אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין אַ ברונען, וועלכער איז געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „די אייזעהל", און נאָך דעם, ווי מען האָט זיי אַריינגעוואָרפען אין דיזען ברונען, האָט מען זיי בעגאָסען מיט הייסע וואַסער.

זיינען געזעסען די מעסיגע, וועלכע זיינען בעוואוסט אין דער געשיכטע אונ-טער דעם נאָמען „זשיראָנדיסטען", ווייל די וויכטיגסטע מענער פון זיי זיי-נען געווען ערוועהלט פון דער פּראָווינץ זשיראָנדע. זייער הויפּט־וואָרט איז געווען „פרייהייט". זיי האָבען אָבער קיין וואהרען בעגריף ניט פערבונדען מיט דיזען וואָרט. זיי האָבען געחלום'ט וועגען א פּאָליטישען צושטאַנד, אין וועלכען עס וועט נאָר הערשען דער גייסט: די פילאָזאָפען וועלען זיין קעניגען, און די קעניגען וועלען זיין פילאָזאָפען. לויט ווי זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט דעם גאַנג פון דער פּאָליטישער ענטוויקלונג דאַרף מען די מאָנאַרכיע אַזוי איינריכטען און אויסבילדען, דאָס זי זאָל זיך אַליין מעהר און מעהר ערהויבען, דאָס זי זאָל ענדליך אַליין אויסבילדען א דעמאָקראַטיע. זיי האָבען געגלויבט, דאָס אין א געוויסען טאָג וועלען די מענשען זיך לעגען שלאָפען אַלס מאָנאַרכיסטען, און ווען זיי וועלען אויפשטעהן דעם נעכסטען מאָרגען, וועלען זיי געפינען א פאַרטיגע אידעאַלע רעפּובליק, און עס וועט פערגעסען ווערען וואָס פריעדריך דער גרויסער האָט געזאָגט, דאָס „די גאַנצע מענשהייט איז אַ פערשאָלטענע ראַסע".

די זשיראָנדיסטען האָט געפעהלט א קלאָרער בליק אויף דעם ווירקלי-כען צושטאַנד פון זאַכען; זיי זיינען אָבער דערפאַר געווען אויסגעצייכענטע אַגיטאַטאָרען, און האָבען בעזעסען א גליהענדע רעדנער־קראַפט. זייער פּאָ-ליטישער קאָפּ איז געווען בריססאָט, א פעהיגער שריפטשטעלער, וועלכער האָט מיט גרויס פייער און גייסט געפאָכטען פיר די אַמעריקאַנישע פרייהייט אין אַמעריקאַ, און ווען עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציאָן אין פראַנקרייך איז ער געלאָפען צוריק אין זיין פאָטערלאַנד אום צו נעה-מען אין איהר א וואַרימען אַנטייל.

די לינקע פון דער פערזאַמלונג זיינען געווען די ראַדיקאַלע רעפּובלי-קאַנער, וועלכע האָבען זיך גערופען „די יאַקאָבינער". דיזע זיינען ניט גע-ווען צופרידען מיט דער קאָנסטיטוציאָן פון דער בורזשואַזיע, און האָבען געוואָלט גרינדען אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק מיט אַלגעמיינעם שטימרעכט, מיט אַבסאָלוטער גלייכהייט און פרייהייט פיר אַלעמען, אָהן וועלכער עס איז אויסנאַהמע. די רעדנער פון די יאַקאָבינער זיינען געווען פיעל שוואַ-כער פון די רעדנער פון די זשיראָנדיסטען, אָבער דערפאַר האָט דיזע פּאַר-טיי געהאַט הינטער זיך די גאַנצע פּאָלקס־מאַסע. איבערהויפּט האָט זיך דיזע פּאַרטיי געשטיצט אויף דעם יאַקאָבינער־קלוב, וועלכער איז געוואָרען די הויפּט־מאַשין פון דער רעפּובליקאַנישער בעוועגונג. דעם גרעסטען בעהער-שענדען איינפלוס אויף דיזע פּאַרטיי האָט געהאַט ראָבעספּיער. די

דער אינזעל זיך פערזאַמעלט אין אַ זעהר שטירמישער נאַכט. דעם אַנדערען מאָרגען איז די גאַנצע עבענע (פּלאַכעס לאַנד) געשטאַנען אין פלאַמען. 600 צוקער- און קאַפע-פּלאַנטאַציאָנען זיינען פערניכטעט געוואָרען פון פייער. די הערען מיט זייערע פאַמיליעס זיינען ערמאָרדעט געוואָרען, אויסער די, וואָס האָבען זיך בעצייטענס געראַטעט און זיינען ענטלאָפען אין שטאָדט אָדער צום ים. דאַמאָלס האָבען זיך אויך די ווייסע בעוואַפענט און האָבען גענומען אויסראָטען די קאָלירטע דורך הענגען און אַנדערע מיתות משונות. לאַנג האָט געדויערט דער קאַמף ביז די פערזאַמלונג אין די קאָלאָניעס האָט ענדליך געגעבען צו אַלע פרייע איינוואוינער פּאָליטישע רעכטען. די געזעצגעבענדע מאַכט אין פראַנקרייך האָט בעשטעטיגט דיזען בעשלוס פון דער קאָלאָניאַלער פערזאַמלונג. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די שקלאַפען, וועלכע זיינען געווען אויסגעשלאָסען פון אַלע רעכטען, האָבען אַליין זיך גענומען פרייהייט. עס איז געוואָרען אַ שרעקליבער אויפשטאַנד מיט אַ גאַנץ לאַנגער רייהע פון גרוילטאַטען און בלוט-פערגיסונגען, וועלכע האָבען געשטירצט די בעסטע פון די פראַנצויזישע קאָלאָניעס. אין איינינגע מאָנאַטען האָט פראַנקרייך געהאַט שאָדען פון דיזען אויפשטאַנד איבער זעקס הונדערט מיליאָנען ליוורעס.

די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג האָט געהאַט צו לעזען צוויי שווערע פראַגען. די ערסטע איז געווען די פראַגע פון אויסוואַנדערונג, וועלכע האָט אָנגעהויבען פאָרקומען אין גרויסע מאַסען, און די צווייטע איז געווען די פראַגע: וואָס זאָל מען טאָן מיט די פּריסטער, וואָס ווילען ניט שווערען קיין טרייהייט צו דער נייער קאָנסטיטוציאָן. שוין אין יאָהר 1790 האָבען די אויסגעוואַנדערטע אונטערהאַנדעלט מיט די אייראָפּעאישע מעכטען, אַז זיי זאָלען זיך אריינמישען אין די פראַנצויזישע פערהעלטניסען. די געזעצגעבענדע מאַכט האָט דאַמאָלס געפאַסט אַ געזעץ, לויט וועלכען די אויסגעוואַנדערטע, וואָס ווען זיך ניט צוריקקעהרען אין פראַנקרייך ביז דעם קומענדען ניי-יאָהר, זאָלען ווערען בעטראַכט אַלס פערשווערער געגען פאָטערלאַנד און זאָלען בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט, און זייערע גיטער זאָלען קאָנפיסקירט ווערען, אָבער די רעכטען פון זייערע פרויען און קינדער, וועלכע האָבען ניט אויסגעוואַנדערט, זאָלען ניט אָנגעגריפען ווערען.

דער קעניג האָט געלעגט אויף דיזען בעשלוס זיין וועטאָ, און האָט דערמיט פערגרעסערט דעם אונטרוי, וואָס דאָס פאָלק האָט שוין צו איהם געהאַט פון פריהער. עס איז אויך געקומען צו אַ שטאַרקער שפּאַלטונג מיט די גייסטליכע, וועלכע האָבען ניט געוואָלט שווערען טרייהייט צו דער קאָנ-

די פערזאַמלונג האָט באַלד געשיקט אַ גענעראַל נאָך אַווינִיאָן אום צו אַרעסטירען די הויפּט־שולדיגע פון דעם בלוט־באַד און איינצושטילען די אונרוהען.

כמעט אין דער זעלבער צייט האָט די פערזאַמלונג ערהאַלטען אַ נאַכ־ריכט, דאָס אין סט. דאָמינגאָ האָט געטראָפען נאָך אַן ערגערע קאַטאַסטראָפע. אויף די אַמעריקאַנישע אינזלען איז דער האַנדעל פון די פראַנצויזישע קאָ־לאָניסטען אַזוי אויפגעוואַקסען, דאָס זיי האָבען געשיקט זייערע פּראָדוקטען נאָך אייראָפּאַ אין דעם ווערט פון 200 מיליאָנען ליווערס. דער האַנדעל מיט פראַנקרייך האָט געגעבען אַרבייט פיר 600 שיפען פון דעם מוטערלאַנד; דיזע האָבען טראַנספּאָרטירט איבער 200,000 טאָן משא. דער צוקער־ראָהר האָט בעדעקט אַלע פלאַכע ערטער אין סט. דאָמינגאָ, און די קאַפע־בוימער האָבען בעדעקט אַלע בערגלאָך. דאָרט זיינען געווען די שענסטע פלאַנצונגען אין דער וועלט. אָבער דיזען ריזיגען רייכטום האָבען פּראָדו־צירט נאָר די שקלאַפען, די נעגערן, מיט זייער שוויים און בלוט. די אַר־בייטער, וואָס האָבען דאָס אַלעס געשאַפען, זיינען געווען דורך באַרבאַרישע אונבאַרמהערציגע געזעצען געבונדען צו דער אַרבייט און צום באָדען, וועל־כען זיי זיינען געווען געצוואונגען צו בעאַרבייטען. אָבער דיזעס סיסטעם פון הימעלשרייענדער אונגערעכטיגקייט און אונגלייכהייט איז געוואָרען אונ־מעגליך אָנצוהאַלטען, ווייל די אידעען פון גלייכהייט און גערעכטיגקייט האָבען דורך די רעוואָלוציאָן זיך געמאַכט אַ וועג וויט און ברייט אין דער וועלט.

די אַרבייטער, איבערהויפּט די שוואַרצע (נעגערן) און רויטע (אינ־דיאַנער) אויף סט. דאָמינגאָ, האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד. זיי האָבען געשאַפען אַ פערזאַמלונג צו פערפערטיגען אַ פערפאַסונג (1790) און האָ־בען בעשטימט, דאָס ווען פראַנקרייך וועט אָננעהמען די בעשלוסען פון איהר נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, זאָלען זיי אויך זיין גילטיג פיר די קאָלאָניעס. דערמיט האָבען זיי זיך ענטזאַגט פון דער אויבערהערשאַפט פון פראַנקרייך. די קאָנסטיטוציאָן־מאַכער אין פראַנקרייך האָבען בעשלאָסען, דאָס די קאָ־לירטע, וואָס שטאַמען פון פרייע עלטערן, זאָלען צוגעלאָזען ווערען אין די קאָלאָניאַל־פערזאַמלונגען, אָבער די ניט־פרייע זאָלען ניט צוגעלאָזען ווערען צו דער נאַציאָנאַלער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג. די שקלאַפען האָבען זיך געפונען זעהר געטוישט אין זייערע האָפנונגען.

דאָס האָט אַרויסגערופען צווישען זיי אַ שרעקליכע בעוועגונג. דעם 22טען אויגוסט 1791 האָבען די שוואַרצע פון דעם נאָרדליכען טייל פון

גליך אָפּשניידען אום צו רעטען דעם גאַנצען קערפּער. מיין שטרעבען איז — דאָס אַלגעמיינע גליק!"

די מעהרהייט פון די דעפּוטאַטען זיינען אפילו ניט געווען איינפּערשטאַנען מיט זיין מיטעל — אַרויסצוטרייבען די גייסטליכע פון לאַנד, אָבער דער בעשלוס איז דאָך געווען זעהר שטרענג און האַרט. די פּריסטער, וועלכע האָבען זיך ענטזאַגט צו שווערען טרייהייט צו דער נייער קאָנסטיטוציאָן, זאָלען פערלירען זייער פּענסיאָן און אַרויסגעשיקט ווערען פון לאַנד. די יעניגע גייסטליכע, וואָס וועלען העצען דאָס פאָלק צו אַן אויפשטאַנד, זאָלען אַריינגעוואָרפען ווערען אויף אַ גאַנצעם יאָהר אין געפענגניס. דער קעניג האָט אויך דיזען בעשלוס פערוואָרפען און דער האַס פון פאָלק צו איהם איז געוואַקסען נאָך מעהר. אַלע האָבען געגלויבט, דאָס עס איז אונמעגליך צו שאַפען פרידען צווישען פאָלק און קעניג. געגען די עקשנות פון קעניג איז געבליבען נאָר איין ראַדיקאַלער מיטעל.

די פערזאַמלונג האָט אָנגעהויבען צו פערפאָלגען די מיניסטאָרען, עס זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרען געגען זיי קלאַגען איינע נאָך דער אַנדערער, אַזוי דאָס די מיניסטאָרען האָבען איינער נאָך דעם אַנדערען געמוזט אַרויסטרעטען פון קאַבינעט, און דער קעניג איז געווען געצוואונגען צו ערוועהלען מיניסטאָרען פון די זשיראָנדיסטען. ד י ו מ ו ר י ע ז איז געוואָרען מיניסטער פון אויסערן, ר אָ ל אַ נ ד פון אינערן און ק ל אַ ו י ע ר איז געוואָרען פינאַנץ־מיניסטער.

אין יענער צייט זיינען די אומשטענדען אין אויסלאַנד געוואָרען זעהר ערנסט און געפעהרליך. זינט דער אונגליקליכער ענטלויפונג פון קעניג האָבען זיך געפונען ביי דער גרענעץ איבער 60,000 עמיגראַנטען, וועלכע זיינען געווען גרייט אַריינצוקומען אין פראַנקרייך מיט וואַפען אין די הענט אום צוריקצוברייגגען די אַלטע אָרדנונג. דער קייזער לעאָפּאָלד, דער קורפירסט פון זאַקסען און דער קעניג פון פּרייסען האָבען זיך פערזאַמעלט אין פּ י ל נ י ט ץ און האָבען דאָרט בעשלאָסען צו העלפען מיט פעראייניגטע קרעפטען דעם פראַנצויזישען קעניג לודוויג דעם 16טען צו בעפעסטיגען די מאָנאַרכיע און אָפּשאַפען די קאָנסטיטוציאָן. איבערהויפּט האָט די רוסישע קייזערין יעקאַטערינאַ די גרויסע פערשפּראָכען צו העלפען די פראַנצויזישע עמיגראַנטען געגען די רעוואָלוציאָנערען. אויך דער קעניג פון שוועדען, גוסטאַוו דער 3טער, וועלכער האָט אין זיין אייגענעם לאַנד געבראָכען די מאַכט פון אַדעל דורך אַ רעוואָלוציאָן, האָט געוואָלט זיין אַ חיל־פיהרער פון

סטיטוציאָן, ווייל דיזע, האָבען זיי געזאָגט, איז געגען רעליגיאָן ; אָבער אין גרונד האָט זיי פערדראָסען, וואָס מען האָט פון זיי צוגענומען דעם פעטען ביסען, די גיטער. אין אייניגע דעפּאַרטעמענטען האָבען זיי זאָגאַר אויפגעהעצט דאָס פאָלק צו אַן אויפשטאַנד. די דעפּוטאַטען האָבען איינגעזעהען, דאָס זיי טאָרען עס מעהר ניט דולדען, ווייל דאָס קען רואינירען אַלעס, וואָס דאָס פאָלק האָט אויפגעבויט ביז יעצט מיט גרויס מיה. אונטער אַ שטירמישען בייפאַל פון דער גאַנצער פערזאַמלונג האָט דער בעריהמטער רעדנער א י ס נ א ר ד געהאַלטען דעם 14טען נאָוועמבער אַ פייערדיגע רעדע, אין וועלכער ער האָט אונטער אַנדערע שאַרפע און געניאַלע געדאַנקען געזאָגט אויף פאָלגענדעס:

„די רעליגיאָן מוז ווערען בעטראַכט אַלס איינע פון די ווערקצייג, מיט וועלכע מען קען טאָן זעהר פיעל שאַדען, פיעל מעהר ווי מיט אַלע אַנדערע מיטלען, און דעריבער מוז מען זיך בעגעהן זעהר שטרענג מיט די לייט, וועלכע ווילען זיך בעדינען מיט דער רעליגיאָן צו זייערע אייגענע צוועקען. איך געפין, דאָס עס איז דאָ נאָר איין מיטעל, ווי מען זאָל זיך פערזיכערן געגען דיזע שעדליכע מענשען, און דיזער מיטעל איז — ארויסטרייבען זיי פון פאָטערלאַנד. זעהט איהר ניט, דאָס מען מוז די פריסטער דערווייטערן פון פאָלק, וועלכעס זיי פערפיהרען אין שלעכטען וועג מיט זייער צבוע'יאַצטוואָ ? דער אָרט פון דיזע שעדליכע קרעציגע איז אין די לאַזאַרעטען (האָספּיטעלער) פון איטאַליען, אין רוים ! ווייסט איהר ניט, דאָס איין איינציגער פריסטער קען אייך אָנטאָן פיעל מעהר שאַדען ווי אַלע פיינד ? דער פריסטער בלייבט קיינמאָל ניט אויף'ן האַלבען וועג. הערט ער אויף צו זיין טוגענדהאַפט און מאָראַליש איז ער דער ערגסטער פערברעכער פון דער מענשהייט". נאָך דיזע ווערטער געהט אין זיין רעדע אַ לאַנגע רייהע פון אָנגריפען אויף די גייסטליכע.

„איהר האָט אַליין געזעהען", האָט ער פאָרטגעזעצט זיין רעדע, „וואָס פיר אונגליקען עס זיינען ניט לאַנג געשעהען אין בראַבאַנט. גלויבט איהר, דאָס אַ רעוואָלוציאָן, וואָס האָט ארויסגעריסען דעם סצעפּטער פון דער האַנט פון אַ דעספּאָט, וואָס האָט ארונטערגעשליידערט דעם אַדעל און די אַריסטאָקראַטיע פון זייער הויכען שטאַנד, וואָס האָט ארונטערגעריסען פון אַזוי פיעלע גייסטליכע זייערע היט און זייערע קרוינען — דאָס אַזאַ רעוואָלוציאָן זאָל גאָרניט האָבען קיין פיינד ? איך געפין, דאָס אין גרויסע וויכטיגע היסטאָרישע מאָמענטען מוז מען זיין גרייט אויף גרויסע ענטשליסונגען, און צופיעל פאָרזיכטיגקייט איז נאָר אַ שוואַכקייט. מען מוז דעם פוילען

קומען דעם אויבער־בעפעהל איבער דער אַרמעע פון די פעראייניגטע מעכ-
טען, איז אַריין מיט שטאָלץ אין פראַנקרייך מיט אַ מאַכט פון 200,000 מאַן.
ער האָט אָהן שוועריגקייט איינגענומען די פעסטונגען לאָנגוויו און ווערדון
און האָט גענומען געהן געגען פאַריז. אין דער זעלבער צייט האָט דער
פירסט פון האָהענלאָהע געמאַרשירט געגען טהיאָנוויללע, קלערוואוא געגען
סטענעי און דער הערצאָג אַלבערט פון זאַקסען איז געגאַנגען אויף די פראַנ-
צויזישע פלאַנדערן.

נאָך איידער דער קריג האָט אויסגעבראָכען האָבען די פעראייניגטע
מעכטען אַרויסגעלאָזען אַ מאַניפעסט, וועלכער האָט שטאַרק בעליידיגט די
געפיהלען פון פראַנצויזישען פאָלק. דער קעניג פון פרייסען האָט ערקלערט,
דאָס דער צוועק פון זיין שטרייט איז צו דערשטיקען דעם שווינדעל־גייסט,
וועלכען פראַנקרייך וויל פערברייטען אין דער וועלט, און צו העלפען בע-
פעסטיגען וויעדער די מאָנאַרכיע אין פראַנקרייך. דער הערצאָג פון ברוינ-
שווייג, דער אויבער־הערר פון דער אַרמעע פון די פעראייניגטע מעכטען,
האָט אָנגערופען דאָס פראַנצויזישע פאָלק „אַ באַנדע מיאַטעזשניקעס". ער
האָט זיך אויסגעדריקט, דאָס ער איז ניט אַרויס אין קריג מיט מיאַטעזש-
ניקעס, נאָר ער פאָדערט פון זיי אונטערוואַרפונג און בערייאונג (חרטה)
פיר זייערע נידערטרעכטיגקייטען. ער האָט אָנגעזאָגט, דאָס ער וועט
שטרענג בעשטראָפען די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, וועלכע וועט זיך שטעלען
ענטקעגען צו פערטיידיגען זיך. ער האָט אָנגעזאָגט, דאָס ער וועט בעשטראָ-
פען אַלע בעאַמטע פיר יעדע אונאָרדנונג, וואָס וועט פאָרקומען אין לאַנד,
און די פאַריזער האָט ער געמאַכט פעראַנטוואָרטליך פיר אַלעס, וואָס
וועט געטאָן ווערען געגען די זיכערהייט פון דער פערזאָן פון קעניג. ער
האָט אָנגעזאָגט, דאָס פיר די קלענסטע שלעכטע בעהאַנדלונג, וואָס וועט
געטאָן ווערען צום קעניג, וועט ער שטאַרק בעשטראָפען: ער וועט צושטע-
רען די גאַנצע מדינה און וועט פערניכטען דאָס גאַנצע פראַנצויזישע פאָלק.

עס איז געווען אַן אונגעהערטע בעליידיגונג פיר אַ גאַנצעס פאָלק.
גאַנץ פראַנקרייך איז געווען שרעקליך אויפגערעגט פון דיזער פרעכהייט.
דערצו האָט נאָך געריהרט דאָס פאָלק די נידערלאַגע, וואָס די אַרמעע האָט
געליטען באַלד אין אָנפאַנג. מען האָט אָנגעהויבען צו שרייען, דאָס די
גאַנצע געשיכטע שמעקט מיט פערראַט. און באמת, ווי די פיינדליכע טרו-
פען האָבען אָנגעהויבען צו קומען נעהענטער, האָט דער קעניג געצייגט מעהר
מוט און שטאַרקקייט. זיין לייב־גוואַרדיע האָט ער פערמעהרט ביז 6,000,
וועהרענד לויט דער קאָנסטיטוציאָן האָט ער געמעגט האָבען ניט מעהר ווי

די פראַנצויזישע עמיגראַנטען און די פערבינדעטע מעכטען אום צו העלפען די פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטען אין זייער שטרייט מיט'ן פאָלק.

אונטער דיזע אומשטענדען האָט די פערזאַמלונג זיך געפונען געצוואונגען אַרויסצוגעהן אין קריג מיט זייערע פיינד. בריססאָט האָט געהאַלטען א פייערדיגע רעדע און האָט געפאָדערט קריג־ערקלערונג. דאָס פאָלק איז געווען בעגייסטערט פיר קריג, זאָגאר פרויען האָבען פערלאַנגט וואַפען אום צו געהן אין שטרייט. דעם 20טען אַפּריל 1792 האָט אויך דער קעניג ענדליך נאָכגעגעבען. ער האָט געגעבען זיין הסכמה געגען זיין ווילען, און האָט זיך דערביי שטאַרק געשראָקען פאַר די פאָלגען אין דער צוקונפט, אָבער ער האָט מסכים געווען, דאָס דער קריג זאָל זיך אָנפאַנגען.

פראַנקרייך איז ניט געווען גוט פאָרבערייט צום קריג. זי האָט אפילו געהאַט דריי אַרמעען אונטער דער קאָמאַנדע פון די דריי בעריהמטע גענעראַלען: לוקנער, ראָשאַמבאָ און לאַפּאַיעטט; דיזע דריי אַרמעען האָבען זיך אַלע גרופּירט אַרום די גרענצען. צוזאַמען זיינען אַלע דריי אַרמעען בעשטאַנען פון 75,000 מאַן, הגם מען האָט גערעכענט, דאָס עס וועלען צוזאַמענקומען 150,000 מאַן. דערצו האָט נאָך געפעהלט קריגס־מאַטעריאַל, און איבערהויפּט האָט געפעהלט דער אַרמעע א גוטע דיסציפּלין. באמת איז אויך עסטרייך געווען שלעכט בעוואָפענט. דער קאַמף האָט זיך אָנגעפאַנגען דערמיט, וואָס די פראַנצויזען האָבען אָנגעגריפען די נידערלאַנדען. אָבער די ערסטע אונטערנעהמונג איז געווען א זעהר ניט געלונגענע. נאָר לאַפּאַיעטט'ס מוט האָט געבראַכט די אַרמעע צוריק צום זעלבסט־פערטרויען. דערווייל האָבען אָנגעהויבען קומען נייע מחנות פראַנצויזען צו פערטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד, ווייל דאָס פאָלק האָט איינגעזעהען, אין וואָס פיר א געפאַהר פראַנקרייך געפינט זיך. די נייע קריגער זיינען אפילו געווען שלעכט בעוואָפענט, שלעכט געשפּייזט און שלעכט געפיהרט, אָבער זיי זיינען אַלע געווען בעגייסטערט פיר פרייהייט און ברידערליכקייט, זיי זיינען געווען גרייט צו געבען דאָס בלוט פון זייער האַרץ אום דיזע אידעאַלען צו פערווירקליכען. דיזער פייער, דיזער גייסט האָט זיי באַלד פערשאַפט דעם זיג איבער דעם שטאָלצען, הויכמוטיגען פיינד. זיי האָבען באַלד געצייגט פּראָבעס פון זייער העלדענמוט, וועלכער האָט אין קורצען אַרויסגערופען אין גאַנץ אייראָפּאַ בעוואונדערונג און שרעק.

באַלד ווי דער קריג האָט אויסגעבראָכען האָט פּרייסען געשיקט הילף צו עסטרייך; אויך סאַרדיניען און העססען האָבען זיך פעראייניגט מיט דער שוואַרצער רעאַקציאָן. דער הערצאָג פון ברוינשווייג, וועלכער האָט בע-

א שרעקליכען איינדרוק אין פּאַריז און אין דער פּראָווינץ. עס האָט זיך אָנגעהויבען א שטאַרקער שטורם צו גונסטען פון קעניגטום און דער אַלטער אָרדנונג. זעהר פיעלע מענשען זיינען געווען שטאַרק אויפגערעגט איבער די עקעלהאַפטע סצענעס פון יענעם טאָג, ווען דער קעניג און די קעניגין זיינען אַזוי ברוטאַל בעליידיגט געוואָרען פון א שכור'ער מאַסע, און אין גאַנץ פּאַריז האָבען זיך ניט געפונען קיין 200 מענשען, וועלכע זאָלען האָבען דעם מוט צו בעשיצען דעם קעניג און די קעניגין פון אַזא ברוטאַלער מאַסע אין אַן עת צרה.

דיזער סקאַנדאַל האָט אין גאַנצען געענדערט די עפענטליכע מיינונג צו גונסטען פון קעניגטום. דאַמאָלס איז געווען א זעהר גינסטיגער מאָמענט צו רעטען די מאָנאַרכיע. לאַפאַיעטט און פיעלע אַנדערע גלייכגעזינטע האָבען פערדאַמט די קלוב-הערשאַפט, און האָבען גוט פערשטאַנען, ווי נאָהענט דאָס פאָלק איז צום אָפּגרונד. אין די קרייזען פון די גרעסערע פּאַריזער בירגער האָט זיך אויפגעהויבען א שטאַרקער פּראָטעסט געגען דער געזעץ-פערלעצונג פון דעם 21טען יוני, וועלכע האָט אָפּגענומען ביים קעניג זיין רעכט צו וועטירען. עס זיינען באַלד געשאַפען געוואָרען אויף דעם פּראָטעסט 20,000 אונטערשריפטען. אין דער פערזאַמלונג זעלבסט איז א יאַקאָבינער אַרויסגעטראָטען געגען די יאַקאָבינער און זייער ברוטאַלער האַנדלונג. דעלפאָ, א הייסער יאַקאָבינער, האָט זיך עפענטליך ענטזאַגט פון דעם יאַקאָבינער-קלוב און האָט געפאָדערט די פערניכטונג פון די 200 אונגעהייער ווילדע און ברוטאַלע גזעלשאַפטען, וועלכע זיינען געווען פערשפּרייט איבער גאַנץ פראַנקרייך אַלס צווייגען פון דעם פּאַריזער יאַקאָבינער קלוב, וועלכער האָט פערפעסטעט דאָס גאַנצע לאַנד מיט באַרבאַרישער עמפּערונג.

לאַפאַיעטט האָט ניט געקענט רוהען אין זיין לאַגער אין באַוועי נאָך יענער אָפּשייליכער סצענע. ער האָט ניט געשריבען קיין בריף, נאָר ער איז אַליין געקומען אין פּאַריז אין דער בעגלייטונג פון אַן אַדיוטאַנט. אָבער דאָס איז ניט געווען גענוג. ער האָט בעדאַרפט קומען ניט אַליין, ווען ער האָט געוואָלט פערניכטען די יאַקאָבינער. ער האָט זיך אָבער גערעכענט פיר א גאַנצע אַרמעע.

דערווייל זיינען אָנגעקומען פון שלאַכטפעלד נייע אונגליקליכע ידיעות. די לאַגע פון פראַנקרייך איז געווען א געפעהרליכע. דאָס גאַנצע ווערק פון דער רעוואָלוציאָן איז געווען אין געפאַהר פערניכטעט צו ווערען דורך דעם קריג מיט די אויסלענדישע מעכטען און דורך די געגען-רעוואָלוציאָן פון

1,800 מאַן. דאַמאָלס איז די פערזאַמלונג געקומען אויף'ן גליקליכען גע-
דאַנק צו שאַפען אַ גרויסע מיליטער-מאַכט בשכנות פון קעניג אום איינצו-
שרעקען איהם און צו בעפעסטיגען זייער אייגענע שטעלע.

די פאַריזער פאָרשטעדט האָבען מיט דיזען פּלאַן איינגעשטימט. די
פערזאַמלונג האָט בעשלאָסען צו פייערן דעם יאָהרצייט פון דער שטורמונג
פון דער באַסטיליע און צו פערזאַמלען אין פּאַריז פון די פּראָווינצען 20,000
מאַן אום צו בעשיצען זיך אין פאַל פון נויט, ווייל די נאַציאָנאַל-גוואַרדיע
איז פיר דיזען צוועק געווען צו וועניג. אָבער דער קעניג האָט געלעגט זיין
וועטאָ אויף דיזען בעשלוס. דאָס פאָלק איז געוואָרען איבער-אַ-ניים שטאַרק
אויפגערעגט. דאָס פאָלק האָט געגעבען דעם קעניג אַ צונאָמען „הערר
וועטאָ" און דער קעניגין — „מאַדאַם וועטאָ". די פערזאַמלונג האָט זיך
פאַר דעם קעניג'ס וועטאָ ניט דערשראָקען. זי האָט בעשלאָסען צו מאַכען אַ
שאַרפע דעמאָנסטראַציאָן אום דורך דעם צו צווינגען דעם קעניג צוריקצו-
ציהען זיין וועטאָ. דעם 21טען יוני אין דער פריה איז אַרוים אַ צוג פון
40,000 מאַן פון דעם פּלאַץ פון דער באַסטיליע און איז צוגעקומען צו דער
פערזאַמלונג און האָט דערלאַנגט אַ ביטשריפט, אַז מען זאָל צוריקגעבען דעם
מיניסטער, וואָס מען האָט ניט לאַנג ענטזאַגט פון דער שטעלע, דעם זעלבען
פּאָסט. די לייט, וואָס האָבען דערלאַנגט די ביטשריפט, איז ערלויבט גע-
וואָרען דורכצוגעהן דורך דעם זאַל פון דער זיצונג. דורכגעהענדיג דורך דעם
זאַל האָבען זיי געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. דיזע סצענע האָט געדויערט
5 שטונדען. נאָך דיזער סצענע איז די מאַסע ערשינען פאַר די טואילעריען
(דער שלאָס, וואו דער קעניג איז געזעסען). דאָ האָט די מאַסע געוואָלט
אריינשפּאַרען זיך אין שלאָס. די טויערן זיינען אָבער געווען פערשלאָסען.
די מאַסע האָט געוואָלט אויפברעכען די טויערן מיט העק. דאַן האָט דער
קעניג געעפענט די טויערן און האָט אריינגעלאָזען די מאַסע אין שלאָס.
ווילד האָט זיך די מאַסע אריינגעוואָרפען אין זאַל, וואו דער קעניג איז גע-
זעסען. דאַן האָבען אַלע מיט איין קול אויסגעשריען: „נידער מיט דעם
הערר וועטאָ! צום טייפעל מיט דעם וועטאָ!" דער טומעל האָט געדויערט
פולע 3 שטונדען. דער קעניג האָט אָנגענומען דיזע בעליידיגענדע בעהאַנד-
לונג מיט וואונדערבאַרער קאַלטבלוטיגקייט. ער האָט אויך ניט געצייגט
קיין ווידערשטאַנד ווען זיי האָבען איהם אָנגעטאָן אויף'ן קאָפּ אַ יאַקאָבינער
מיץ. דאָס זעלבע האָבען געטאָן די פיש-ווייבער מיט דער קעניגין.

אָבער דיזע דעמאָנסטראַציאָן האָט ניט געווירקט. דער קעניג האָט
זיין וועטאָ ניט צוריקגעצויגען. די האַנדלונג פון דער מאַסע האָט געמאַכט

דאָס אריינמישען זיך פון פרעמדע מעכטען אין די אַנגעלעגענהייטען פון פראַנקרייך האָט געוואָלט צושטערן און פערניכטען אַלעס, וואָס דאָס פאָלק האָט געוואונען מיט דער רעוואָלוציאָן, און דער טראָן זעלבסט איז געווען מיט די פיינד פון פאָלק, מיט די אויסלענדישע מעכטען. עס האָט זיך געהערט, דאָס דער הויף האָט אין פערבינדונג מיט די אויסגעוואַנדערטע אין די אויסלענדישע מעכטען בעשלאָסען צו בעפאַלען די נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג און צו פערניכטען אַלעס, וואָס די רעוואָלוציאָן האָט געשאַפען. פאַריז האָט זיך געפונען אין אַ גרויסער געפאַהר. מען האָט יעדען מאָמענט ערוואַרט, דאָס דער קעניג וועט אָפען ארויס מיט זיין מיליטערישער מאַכט געגען דעם פאָלק. די אויסלענדישע מעכטען זיינען ביי די גרענצען געווען פיעל שטאַרקער פון די פראַנצויזישע אַרמעען, וועלכע זיינען געווען קאָמאַנדירט פון גענעראַלען, וואָס דאָס פאָלק איז ניט געווען איבערצייגט אין זייער טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציאָן. אָבער די עראָבערונגען פון דער רעוואָלוציאָן זיינען שוין געווען אזוי שטאַרק, דאָס זיי זיינען געווען אין שטאַנד צו רעטען די שטאָדט פאַריז אין דיזען קריטישען מאָמענט.

אין די ערסטע טעג פון אויגוסט האָט מען אָפען פערהאַנדעלט וועגען ארונטערזעצען דעם קעניג. כמעט יעדען פיהמאָרגען האָט מען אויף די וואַנט פון גאָרטען פון דעם שלאָס, וואו דער קעניג איז געזעסען (טואילעריען-גאָרטען), אָנגעקלעפּט אַ פּאַפּיר מיט די פאָלגענדע ווערטער: „דער צאָרן פון פאָלק הענגט אויף אַ באַנד, אָבער די קרוין הענגט אויף אַ פאָדים". פון פערשיידענע סעקציאָנען אין דער הויפּטשטאָדט האָבען אָנגעהויבען אָנצוקומען אַלע טאָג אַדרעסען צו דער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג מיט העפטיגע פאָדערונגען אראָפּצוזעצען דעם קעניג.

די הויפּט-פיהרער פון דער וואַהרער דעמאָקראַטישער פאַרטיי, פון די יאַקאָבינישׂ-געזינטע אַרבייטער, ווי ראָבעספּיערר, דאַנטאָן, מאַראַט און דעסמולינס, האָבען אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן צו מאַכען אַן ערנסטען שטורם-אָנגריף אויף דאָס קעניגטום און איין מאָל פיר אַלע מאָל שטירצען די מאָנאַרכיע. מען האָט איינגעזאַמעלט די נעטיגע שטרייט-קרעפטען, מען האָט צוטיילט די ראָלען און ערוועהלט אָנפיהרער. דער קעניג האָט געוואוסט פון אַלעס, וואָס דאָ געהט פאָר. ער האָט געמאַכט פּאָרבערייטונגען צו פערטיידיגען זיך, אָבער די אויסזיכטען אויף אַן ערפאָלג זיינען געווען זעהר שוואַך. די פערטיידיגונגס-מיטלען פון קעניג זיינען געווען 200 אַדעלליט, אַ שווייצער-רעגימענט פון 950 מאַן, 950 רייטער פון דער זשאַנדאַרמעריע

הויף. די פערזאַמלונג האָט זיך גענומען צו אַרבייטען מיט גרויס ענערגיע. דעם 4טען יולי האָט זי ערקלערט דאָס פאַטערלאַנד אין גרויס געפאַהר. זי האָט געפאָדערט, דאָס אַלע געריכטס־בעאַמטע זאָלען אימער זיין פער־זאַמעלט, דאָס די גאַנצע נאַציאָנאַל־גוואַרדיע זאָל צוזאַמענגערופען ווערען, און דאָס די בירגער זאָלען אָפּגעבען אַלעס, וואָס זיי האָבען פון וואַפען און שיס־מאַטעריאַל.

דאָס האָט אַרויסגערופען אין פאָלק גרויס בעגייסטערונג. טויזענדער האָבען זיך איינגעשריבען אין דער פאָלקס־אַרמעע. אין דיזע טעג איז פער־פאַסט געוואָרען דאָס בעריהמטע אין דער וועלט־געשיכטע געוואַלטיגע רע־וואָלוציאָנס־ליד, וועלכעס איז בעקאַנט אונטער׳ן נאָמען „די מאַרסעילעזע״.

דער אינזשעניער־אָפיצער רוזשעט דע ל׳איסלע האָט פערפאַסט דאָס ליד אין שטראַסבורג אין איין נאַכט. אָנפאַנגס איז עס אָנגענומען געוואָרען פון איינינגע הונדערט בעגייסטערטע פאַטריאָטען, וועלכע האָבען זי געזונגען מיט גרויס התלהבות. אָבער באַלד איז זי פערשפּרייט געוואָרען איבער גאַנץ פראַנקרייך און האָט געמאַכט ענטהוזיאַסטיש אַלע מאַסען, וועלכע האָבען זי געזונגען מיט גרויס פייער בעת זיי האָבען מאַרשירט צום פייער פון שלאַכט.

ניט אַכטענדיג אויף דיזען אונרוהיגען צושטאַנד פון פאָלק, האָט דער קעניג געהאַלטען זיך ביי זיינע אידעען און האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען. ער האָט זאָגאַר געמאַכט נאָך אַ זעהר געפעהרליכען שריט. ער האָט נעמליך אַרונטערגעזעצט דעם קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, פּעטיאָן, פון זיין אַמט דערפאַר, וואָס ער האָט ניט פערהינדערט דעם טומעל און סקאַנדאַל פון דעם 20טען יוני. דאָס פאָלק אָבער האָט ניט געוואָלט דער־לאָזען צו בעשטראָפען זייער בעאַמטען. אין אַלע גאַסען זיינען געלאָפען גרויסע מאַסען און האָבען געשריען: „פּעטיאָן אָדער דעם טויט!״ עס זיינען געמאַכט געוואָרען פאָרשלאַגען אין גאַנצען אַרונטערצוזעצען דעם קעניג. דער האַס פון פאָלק צום קעניג האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע. עס איז געווען קלאָר פיר יעדען צו זעהן, אַז דאָס שיף פון דער מאָנאַרכיע מוז אונטערגעהן אין דעם שטירמישען ים פון דער רעוואָלוציאָן.

דער 10טער אויגוסט 1792 איז געווען דער טאָג, אין וועלכען דער טראָן איז געשטירצט געוואָרען. דאָס פאָלק האָט זיך דאַמאָלס נוקם געווען אָן דעם קעניג פיר די אַלע גרוילטאַטען און בעדריקונגען, וואָס עס האָט גע־ליטען פון די קעניגען אין פערלויף פון איינינגע יאָהרהונדערטער. אָבער דאָס איז געווען ניט בלויז ראַכע, עס האָט זיי אויך די נויט געטריבען דערצו.

ווען דער קעניג איז געקומען אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט ער גע-זאָגט: „מיינע הערען! איך בין געקומען אהער אום צו פערהיטען אַ גרוי-סען פערברעכען, און איך גלויב, דאָס אין ערגעץ אַנדערס קען איך ניט זיין אַזוי זיכער, ווי צווישען אייך". דערויף האָט איהם דער פאָרזיצענדער גע-ענטפערט: „סיר! זי קענען רעכנען אויף די פעסטקייט פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, וועלכע האָט געשוואָרען צו שיצען און שטיצען די רעכטען פון פאָלק און די קאָנסטיטוציאָנעלע בעאַמטע".

אין דיזען אויגענבליק האָט מען דערהערט אַ קראַך פון אַ שיסעריי אין קעניגליכען שלאָס (טואילעריען). די שווייצער האָבען מערדעריש געפיי-ערט אין די מאַסען, וועלכע זיינען צולאָפען מיט גרויס שרעק. אָבער די מאַרסעילער און ברעטאָנער זיינען באַלד צוריקגעקומען און האָבען אַרומ-גערינגעלט די שווייצער. זיי האָבען זיך אָבער געהאַלטען מוטיג ביז עס איז אָנגעקומען אַ בעפעהל אויפהערען צו פייערן. די שווייצער האָבען אָפּ-געטראָטען, און דאַמאָלס איז די מאַסע ווילד און מיט גרויס שטורם אַריין אין שלאָס. זיי האָבען ערמאָרדעט די שווייצער ביז איין מאַן, אויך די לאַ-קייען און די אַדעלליים זיינען נידערגעשלאָגען געוואָרען פון דער פערבי-טערטער מאַסע. די צואווילדעוועטע מאַסע האָט צושטערט אין שלאָס דעם רייכען לוקסוס און אַלע צייכענס פון דער בורבאָנישער מאַכט. אָבער גע-רויבט האָבען זיי גאָרניט. אין געגענטייל, זיי זעלבסט האָבען געהאַנגען איינינגע, וועלכע האָבען זיך ערלויבט צו גנב'ענען אין דעם טומעל. די רע-וואָלוציאָנערען האָבען ניט געוואָלט האָבען צו טאָן מיט די אויסוואורפען פון פאָלק; רויבען און גנב'ענען — דאָס איז געווען די כאַראַקטעריסטיק פון אַדעל און פון די פעלד־הערען, אָבער די וואַהרע פאָלקס־פריינד האָבען זיך קיינמאָל ניט בעפלעקט מיט אַזעלכע שמוציגע פערברעכענס.

די זשיראָנדיסטען האָבען געפרובט בערוהיגען די מאַסען און מאַכען זיי געהאָרזאַם צו דער רעגירונג, אָבער דער געמיינדע־ראַט האָט בעשלאָסען צו בענוצען זיך מיט דער אויפגערעגטער מאַסע אום איין מאָל פיר אַלע מאָל צו מאַכען אַן ענדע צו דער מאָנאַרכיע. אַ דעפּוטאַציאָן האָט פערלאַנגט, אַז מען זאָל דעם קעניג אַרונטערזעצען. די פאָדערונג איז געווען אין אַזאַ טאָן, דאָס די פערזאַמלונג האָט ניט געהאַט דעם מוט צו ענטזאַגען. נאָך אַ קור-צער בעראַטונג מיט דער פערזאַמלונג איז דער פאָרזיצענדער אַרויף אויף די רעדנער־ביהנע און האָט געמאַכט פאָלגענדע ערקלערונג:

„די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, זעהענדיג אין וואָס פיר אַ געפאַהר דאָס פאָטערלאַנד געפינט זיך יעצט; דאָס די געזעצגעבענדע מאַכט איז פער-

און 3,000 מאַן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. אָבער אויף דיזע האָט ער ניט געקענט פעסט רעכנען, ווייל ער איז מיט זיי ניט געווען זיכער.

די נאַכט צום 10טען אויגוסט האָבען די גלאָקען אין פּאַריז אָנגעהויבען קלינגען אויף שטורם. מען האָט אָנגעהויבען שפּילען דעם גענעראַל-מאַרש, און די מאַסען פון פאָלק האָבען זיך אָנגעהויבען צו זאַמלען. אין אַלע גאַסען האָט זיך געהערט די מאַרסעילעזע, דאָס בעריהמטע רעוואָלוציאָנס-ליד, וועל־כעס האָט יעדען בעגייסטערט. די אַלטע קאָמונע אין שטאָדט-הויז איז גע־שטירצט געוואָרען, און אָנשטאָט איהר האָט מען באַלד ערוועהלט ענערגישע רעוואָלוציאָנערען. דער נייער געמיינדע-ראַט האָט געשיקט רופען צו זיך אום 5 אוהר אין דער פריה דעם קאָמאַנדיר פון די טרופּען אין קעניגליכען שלאָס. מאַנדאַט, אַזוי האָט געהייסען דער קאָמאַנדיר, איז געגאַנגען צו דער קאָמונע. דער געמיינדע-ראַט אָבער האָט זיך דערוואוסט, דאָס מאַנ־דאַט האָט געגעבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל הינטען אָנגרייפען די אויפ־שטעהענדע מאַסען. דער פּרעזידענט פון דער קאָמונע, הוגענין, האָט געהייסען אַרעסטירען מאַנדאַט'ן, אָבער ווען ער איז אַרויף אויף די טרעפּ פון דער קאָמונע האָט איהם איינער אויף'ן אָרט דערשאָסען.

ווען דער קעניג האָט זיך דערוואוסט, דאָס מאַנדאַט איז טויט, האָט ער אַליין גענומען מוסטירען זיינע טרופּען. אָבער פון זיי אַלע האָבען איהם נאָר צוויי באַטאַליאָנען פון דער נאַציאָנאַל-גוואַרדיע פערשפּראָכען טריי־הייט און צו קעמפען פיר איהם. די איבריגע האָבען אויסגעשריען: „לעבען זאָל די נאַציאָן! נידער מיט דעם וועטאָ!" דער קעניג איז אַוועק צוריק אין הויז בלאַס און ציטערנד. ער האָט באַלד געזעהען, דאָס זיין זאַך איז פערלאָרען.

דערווייל זיינען אָנגעקומען די אַרבייטער-באַטאַליאָנען. דער קעניג איז געווען פערלאָרען. נאָר די קעניגין איז געבליבען קאַלטבלוטיג און בע־זאָנען. זי איז געווען ענטשלאָסען צו ערוואַרטען דעם פיינד און צו ווערען בעגראָבען אונטער די חורבות פון שלאָס. דער קעניג אָבער האָט נאָך גע־רעכענט, דאָס ער וועט קריגען עטוואָס הילף פון דער נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג. ער איז אַוועק אַהין. אויף דעם וועג האָט ער געהאַט אויסצושטעהן פיעלע בעליידיגונגען פון דער צואווילדעוועטער מאַסע, וועלכע האָט איהם נאָכגע־שריען: „נידער מיט די טיראַנען!" אַ יונגער רייך-געקליידעטער מאַן האָט אויפגעהויבען זיין פויסט געגען דער קעניגין'ס געזיכט און האָט אויסגע־שריען: „שענדליכע אַנטואַנעטטע! דו האָסט געוואָלט באָדען דיינע עסט־רייכער אין אונזער בלוט; דו וועסט עס אָבער בעצאָהלען מיט דיין קאָפּ!"

גער געמיינדע־ראַט איהם ערקלערט אַלס געפאַנגענעם און האָט איהם געהאַלטען אין טעמפעל אונטער שלאָס און ריגעל.

דאָס, וואָס עס איז געשעהען אין פאַריז דעם 10טען אויגוסט, האָט מען אויפגענומען אין אַלע דעפּאַרטעמענטען פון לאַנד אַלס א גערעכטע זאַך, און קיינער האָט געגען דעם ניט פּראָטעסטירט. אַלע זיינען געווען איבערצייגט, דאָס די פערזאַמלונג האָט לויט די אומשטענדען גוט געהאַנדעלט. נאָר דאָס מיליטער און די קאָמאַנדירען, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער גרענעץ, זיינען אָנפאַנגס געווען דאַגעגען. אָבער עס האָט ניט לאַנג גענומען און די גענעראַלען דיומוריעז, ארטהור, לוקנער און אַנדערע האָבען געגעבען זייער שבועה צו פאָלגען און בעשיצען דיזע אָרדנונג. נאָר לאַפאַיעטט האָט געהאַט דעם מוט צו ענטזאַגען זיך אָנצונעהמען די נייע בעשלוסען. ער האָט אויפגעפאָדערט זיינע סאָלדאַטען צו געבען נאָך א מאָל א נייע שבועה צו זיין טריי דער פערפאַסונג און הערשטעלען דעם קאָנסטיטוציאָנעלען טראָן, און האָט זיך פאָרבערייטעט צו מאַרשירען צוזאַמען מיט פראַנקרייך'ס פיינד געגען פאַריז. די פערזאַמלונג האָט באַלד ארויסגעלאָזען געגען איהם אַן אַנקלאַגע־דעקרעט און האָט איהם בעשולדיגט אַלס פעררעטער פון פאָטערלאַנד. דאַמאָלס איז די גאַנצע אַרמעע אָפּגעפאַלען פון איהם. ער האָט זיך געמוזט רעטען און איז צוזאַמען מיט'ן גענעראַל־שטאַב ענטלאָפען נאָך אויסלאַנד. ער איז אַריינגעפאַלען צו די עסטרייכער, וועלכע האָבען איהם געהאַלטען געפאַנגען 5 יאָהר אַלס א רעוואָלוציאָנער, הגם ער האָט זיך ארויסגעשטעלט צו גונסטען פון קעניג און איז צוליב דעם ערקלערט געוואָרען אַלס פעררעטער פון פאָטערלאַנד. דעם בעפעהל איבער דער פראַנצויזישער אַרמעע האָט ערהאַלטען דיומוריעז.

די זיגער פון דעם 10טען אויגוסט זיינען געווען די אַרבייטער און די פּראָלעטאַריער. זיי האָבען שוין פריהער געבראַכט פיר די רעוואָלוציאָן גרויסע אָפּפער: זיי האָבען געשיצט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג געגען די אָנגריפען פון הויף, זיי האָבען דעם 14טען יולי 1789 עראָבערט די באַסטיליע, זיי האָבען גענומען געפאַנגען דעם קעניג אין ווערסאַיל און געבראַכט נאָך פאַריז. אָבער דיזעס האָבען זיי נאָר געטאָן אַלס בונד־חברים פון דער בורזשואַזיע. אָבער וואָס מעהר זיי האָבען אָנטייל גענומען אין דער רעוואָלוציאָן אַלץ מעהר איז געשטיגען זייער מאַכט. וואָס גרעסער עס איז געווען די געפאַהר פיר די רעוואָלוציאָן אַלץ מעהר און מעהר האָבען זיך די אַרבייטער און די פּראָלעטאַריער אַריינגעוואָרפען אין דעם שטראָם צו שיצען די רעוואָלוציאָן. זיי אַליין זיינען ארויס מיט זייערע ראַדיקאַלע

פליכטעט צו זוכען און צו געברויכען אַלע מיטלען אום צו רעטען דאָס פאָ-טער לאַנד; דאָס דיזע געפאַהר פון פאָטערלאַנד נעהמט זיך הויפּטזעכליך דערפון, וואָס דאָס פאָלק האָט פערלאָרען דעם צוטרויען צום קעניג לודוויג דעם 16טען, ווייל אין זיין נאָמען געהט אָן אַ קריג געגען די פערפאַסונג און געגען די אונאָפּהענגיגקייט פון דער נאַציאָן; דאָס פון פערשיידענע טיילען פון לאַנד קומען אָן פאָדערונגען אָפּצונעהמען ביי דיזען מאָנאַרך די מאַכט, וואָס דאָס פאָלק האָט איהם געגעבען; דאָס די נאַציאָנאַל־פערזאַמ-לונג געפינט ניט, דאָס זי האָט דאָס רעכט דאָס צו טאָן, ווייל צו אַזאַ טאַט איז בערעכטיגט נאָר דאָס גאַנצע פאָלק; דעריבער האָט די נאַציאָנאַל־פער-זאַמלונג בעשלאָסען איינצולאַדען דאָס פראַנצויזישע פאָלק צו בילדען אַ נאַציאָנאַל־קאָנוועגט (צוזאַמענקונפט). אַ בעזונדער קאָמיסיאָן וועט אויס-אַרבייטען אַ פּלאַן ווי און ווען עס זאָל זיין די וואַהלען פיר דיזען נאַציאָ-נאַל־קאָנווענט. דער קעניג איז דערווייל ענטזאַגט פון זיין אַמט ביז דער נאַציאָנאַל־קאָנווענט וועט אויסגעפינען מיטלען און רעגלען, וועלכע זאָלען זיין אין שטאַנד צו זיכערן די פרייהייט און גלייכהייט פון יעדער פערזאָן. די זעלבע קאָמיסיאָן זאָל אין דעם זעלבען טאָג מאַכען אַ פאָרשלאַג וועגען בילדען אַ נייעס מיניסטעריום, וועגען פערשאַפען אַ נייעם ערציהער פיר דעם קעניגליכען פּרינץ, וועגען דער סומע, וואָס די קעניגליכע פאַמיליע זאָל בעקומען צו איהר אונטערהאַלט, אָנשטאָט די 42,000,000 ליוורעס אַ יאָהר, וועלכע זי פלעגט קריגען ביז יעצט. דער קעניג און זיין פאַמיליע בלייבען אין דער געביידע פון דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג ביז מען וועט ווידער שאַפען רוה אין פּאַריז. דאָס דעפּאַרטעמענט וועט זיי נאָך היינט איינריכ-טען אַ וואָוינונג אין לוקסעמבורג, און זיי וועלען געשטעלט ווערען אונטער דעם שוץ פון דעם געזעץ און די בירגער. יעדער עפענטליכער בעאַמטער, יעדער סאָלדאַט, אונטער־אָפיצער, אָפיצער, יעדער גענעראַל פון דער אַרמעע, וואָס וועט אין דיזע טעג, ביז די אָרדנונג אין לאַנד וועט זיין געשאַפען און געזיכערט, פערלאָזען זיין פּאָסט, וועט ערקלערט ווערען אַלס פעררעטער פון פאָטערלאַנד".

דער קעניג מיט זיין פאַמיליע האָבען געהערט דיזען בעשלוס פון דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג; ער האָט בעוויזען אַ זעלטענע גלייכגילטיגקייט צו דער שאַנדע און דעמיטיגונג, וועלכע מען האָט איהם צוגעטיילט אין יע-נעם טאָג. ער האָט זאָגאַר געהאַט אַ גוטען אַפּעטיט צום עסען אין דיזע וועלט־בעוועגענדע מאָמענטען. הגם די געזעצגעבענדע פערזאַמלונג האָט פיר איהם בעשטימט אַ פּאַלאַץ אין לוקסעמבורג, דאָך האָט דער אַלמעכטי-

וואָלוציאָן, זיינען פערוועהרט געוואָרען צו ערשיינען. זייערע דרוקערייען זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו די אָנהענגער פון דער רעוואָלוציאָן, און דיזע האָט מען געשטיצט מיט געלט. שטימרעכט צו וועהלען מיטגלידער צום נייעם קאָנווענט האָט געהאַט יעדער פראַנצויז, וואָס איז נאָר אַלט געווען 25 יאָהר, איז געזעסען אַ יאָהר אויף דעם אָרט, וואו ער האָט געוואָלט געבען זיין שטימע, און האָט זיך ערנעהרט פון זיין ארבייט.

אויך אויסערליך האָט דאָס לאַנד בעקומען אַן אַנדער געשטאַלט. הגם דאָס לאַנד איז נאָך ניט ערקלערט געוואָרען אַלס אַ רעפּובליק, האָט מען דאָך דערווייל אָפּגעשאַפט אַלעס, וואָס האָט געטראָגען דעם סימן פון אַ קעניגטום. אַלע סטאַטועס און דענקמעלער פון די קעניגען זיינען אומגעוואָרפען געוואָרען. אַלעס, וואָס האָט אויף זיך געטראָגען דעם שטעמפּעל פון מאָנארכיע, איז פערניכטעט געוואָרען. די בילדער אין קעניגליכען שלאָס האָט מען געקרוינט מיט רויטע מיצען. די נעמען פון פיעלע גאַסען זיינען געענדערט געוואָרען. די אַרבייטער־מאַסען אין די פאָרשטעדט האָבען אַזוי וויים געטריבען זייער האַס צו די הערשענדע קלאַסען, דאָס זיי האָבען צושמעטערט זאָגאַר די ביוסטען פון די רעוואָלוציאָנס־העלדען פון יאָהר 1789, ווי נעקקער׳ס, באַיללי׳ס און לאַפאַיעטט׳ס. זיי האָבען גוט פערשטאַנען, דאָס יענע רעוואָלוציאָנערען זיינען נאָר געווען קעמפּפער פיר דאָס בירגערטום, אָבער פאַר דער הערשאַפט פון די פּראָלעטאַריער האָבען זיי זיך געשראָקען.

יעצט האָט זיך אָנגעפאַנגען די שרעקליכע רעגירונג, וואָס איז אין דער וועלטגעשיכטע פערשריבען מיט בלוט; די רעגירונג, וועלכע ווערט אָנגעגריפען פון אַלע זייטען מיט שרעקליכען האַס. אָבער גאַנץ אַנדערס ערשיינט די זאַך פיר דעם בעאָבאַכטער, וועלכער פערשטעהט, דאָס דער איבערמענשליכער ריזען־קאַמף פון די ארבייטער געגען דעם אונגעהייערען פיינד, וואָס האָט זיי געדריקט פיעלע יאָהרהונדערטער, האָט אַנדערס ניט געקענט געפיהרט ווערען. די פּראָלעטאַריער האָבען פריהער אַריינגעכאַפּט אין זייערע הענט דעם געמיינדע־ראַט; דורך איהם האָבען זיי בעהערשט פּאַריז, דורך פּאַריז האָבען זיי בעהערשט די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, און דורך דיזע — גאַנץ פראַנקרייך. זיי האָבען אָבער באַלד פערשטאַנען, דאָס דיזע שטעלונג איז פיר זיי נאָך ניט גענוג. ווי עס האָבען פערשטאַנען די זאַך דאַנטאָן און מאַראַט, האָט דער צושטאַנד געפאָדערט איינצוריכטען אין לאַנד אַ דיקטאַטור. די פיינד פון דער רעפּובליק האָבען געמוזט געמאַכט ווערען אונשעדליך. זיי האָבען אויך פערשטאַנען, דאָס זיי קענען ניט אָנפערטרויען די

פאָרערונגען און זיינען ניט געבליבען אין זייערע פאָדערונגען אויף'ן האַל־בען וועג, וועהרענד די בורזשואזיע האָט זיך געצייגט אַלס פייגלינג און האָט ניט געהאַט די מאַכט און דעם מוט צו ברייננגען די רעוואָלוציאָן ביז איהר געווינשטען ציל.

יעצט, ווען די געפאַהר האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע, ווען די פערבינדעטע מאָנאַרכען האָבען אריינגעדרונגען אין לאַנד, האָבען נאָר די פראָלעטאַריער געראַטעט די רעוואָלוציאָן. זיי האָבען געוואונען אויף זייער זייט דעם יאַקאָבינער־קלוב, וועלכער איז געוועזען דער מעכטיגסטער איבער גאַנץ פראַנקרייך; זיי האָבען געוואונען די קאָמונע פון פּאַריז, און דערמיט האָבען זיי אריינגעכאַפּט אין זייערע הענט אַלע אונגעהייערע מאַכט־מיטלען פון דיזער שטאָדט. איבערהויפּט האָבען זיי געהאַט צו פערדאַנקען זייער ערפאָלג צו זייער אונערשראָקענעם מוט. ניט די זשיראָנדיסטען מיט זייער צו פיעל בעזאָנענהייט און שרעקעדיגקייט האָבען געשיצט די פערפאַסונג און די רעוואָלוציאָן, נאָר דאָס האָבען געטאָן די פּראָלעטאַריער מיט זייער פעסטער ענטשלאָסענהייט. עס האָט ניט קיין זין צו בעשולדיגען די פּראָלעטאַריער פיר זייערע מאָרדטאַטען מיט דער גיליאָטינע (די מאַשין, וואָס איז ערפונדען געוואָרען צו הינריכטען די געגנער פון דער רעוואָלוציאָן). אין יענער צייט, ווען אויף יעדען טריט און שריט, פון אַלע זייטען, האָט זיי געדראָהט די געפאַהר צו פערניכטען אַלעס, וואָס זיי האָבען ערוואָרבען מיט זייער בלוט, האָבען זיי אַנדערס ניט געקענט טאָן ווי צו געברויכען אַ קריגס־געריכט מיט די שטרענגסטע מיטלען אום זעלבסט ניט צו פאַלען און פער־לירען אַלעס. זיי זיינען געוועזען געצוואונגען יעדען שיין, יעדע מעגליכקייט פון אַ פערראַט צו פערהיטען און דערשטיקען מיט'ן בלוט פון דעם פער־דעכטיגטען.

נאָך דעם, ווי דער טראָן איז געשטירצט געוואָרען, האָט זיך אָנגעהויבען אַ פיבערהאַפטע טעטיגקייט. אַלע פריהערדיגע מיניסטאָרען זיינען געשטעלט געוואָרען אונטער קלאַגען און זיינען אַרונטערגעזעצט געוואָרען פון זייערע שטעלעס, און אָנשטאָט זיי האָט מען בעשטימט נייע מיניסטאָרען, אונטער וועלכע עס איז אויך געוועזען ד אַ נ ט אָ ן. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס אַלע גיטער פון די אויסגעוואַנדערטע זאָלען פערקויפט ווערען אין קליי־נע טיילען, אום צו געווינען דאָס פאָלק פיר די רעוואָלוציאָן. די גייסטליכע, וואָס האָבען ניט געוואָלט שווערען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציאָן, זיינען בעשטראָפט געוואָרען מיט 10 יאָהר געפענגניס אָדער זיינען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון לאַנד. די צייטונגען, וואָס זיינען געוועזען פיינדליך צו דער רע־

דיקטאטור צו דער נאציאנאל-פערזאמלונג, זיי האבען עס נאר געקענט פערטרויען דעם געמיינדע-ראט, וועלכער איז בעשטאנען פון לויטער פראלעטאריער.

די ערסטע זאך, וואס זיי האבען געטאן, איז געוועזן איבערצונעהמען אין זייערע הענט די פאליציי. די פרידענס-ריכטער זיינען מיט אמאל ארונטערגעזעצט געווארען אין גאנצען לאנד, ווייל מען האט זיי חושד געוועזן, דאס זיי זיינען ראיאליסטען, ד. ה. טריי צו א מאנארכיע. יעדער געמיינדע-ראט האט בעקומען דאס רעכט און די מאכט צו פעראורטיילען וועלכען עס איז פערדעכטיגטען אין אונטרייהייט צו דער רעפובליק. יעדער בעאמטער פון דער געמיינדע האט געהאט דאס רעכט צו ארעסטירען דעם יעניגען, אויף וועמען עס איז געוועזן דער קלענסטער חשד, דאס ער איז א ראיאליסט. צו דער זעלבער צייט האט די קאמונע געפאדערט, אז מען זאל גרינדען א געריכטס-הויף, וואו מען זאל משפט'ן אלע פערשווערער פון דעם 10טען אויגוסט, און ניט נאר די, וואס זיינען געוועזן דערביי, נאר אויך די, וואס זיינען דערביי ניט געוועזן, אבער זיי האבען געקענט זיין דערביי. די דעפוטאטען פון נאציאנאל-קאנווענט האבען זיך ניט געאיילט דורכצופיהרען דיזע פאדערונג. זיי האבען אבער באלד בעקומען זעהר שטרענגע פאדערונגען פון שטאדט-הויז. „אלס בירגער", האט געזאגט א מיטגליד פון געמיינדע-ראט, „אלס בעאמטער פון פאלק, זאג איך אייך, דאס היינט ביי נאכט אום 12 אוהר וועט די שטורם-גלאק רופען דאס פאלק צום גענעראל-מארש. דאס פאלק איז צו מיד, עס מוז נעהמען ראכע. עס שטעהט פאר א גרויסע געפאהר, ווען דאס פאלק וועט זיך אליין פערשאפען זיין רעכט". אן אנדער מיטגליד פון געמיינדע-ראט האט געזאגט: „ווען אין פערלויף פון 2 אדער 3 שטונדען וועט ניט איינגעארדענט ווערען דאס געשווארענע געריכט מיט זיין געשווארענעם דירעקטאר אן דער שפיץ, וועט קומען איבער פאריז א גרויסער שרעקליכער אונגליק".

די דערשראקענע נאציאנאל-פערזאמלונג האט נאכגעגעבען. דעם 17טען און 18טען אויגוסט איז געגרינדעט געווארען דאס ערסטע רעוואלוציאנס-טריבונאל. דער געמיינדע-ראט האט שוין פריהער צוגעגרייט א זיכערהייטס-קאמיסיאן, וועלכער עס איז איבערגעגעבען געווארען די מאכט גוט אכטונג צו געבען אויף די בירגער, אויפצונעהמען אנצייגען (מסירות) און צו מאכען ארעסטען. מיט גרויס פייער האט זיך באלד אנגעהויבען די פערפאלגונג פון די פערדעכטיגטע. פאריז איז געוועזן ווי אין א בעלאגערונגס-צושטאנד. אלע טויערן זיינען געווארען פערשפארט, און א גרויסע מחנה פון בעאמטע



די אומוואַרפונג פון דער סטאַטוע פון לודוויג דעם 14טען אויף דעם ווענדאָם־פּלאַץ.

ליבענדער מאַן צו זיין פרוי. ער האָט קיינמאָל ניט געהערט צו דעם סאָרט מענשען, וועלכע טראָגען דעם נאָמען „פוילער", „אונוויסענדער", „ווינקעל־אדוואָקאט", ווי מען רופט איהם געוועהנליך. יעדענפאַלס איז עס נידער־טרעכטיג צו בעטראַכטען איהם אַלס אַ צוויי־זייטיגען פערמאַסקירטען מענשען. עס איז ניטאָ געגען איהם קיין בעוויז, דאָס ער איז געווען אַ כאַבאַר־ניק, ווי מען האָט איהם דאַמאָהלס בעשולדיגט. מען האָט איהם גערופען „דער מיראַבאָ פון די אונטערסטע קלאַסען", און דיזען נאָמען האָט ער כשר פערדינט. ער איז געווען פון דער נאַטור רייך און וואונדערבאַר בעגאַבט, זיין קערפּער איז געווען ווי פון אַ ריז, זיין שטימע איז געווען גוואַלטיג. מיט זיינע פלאַמענדע בליקען און מיט זיין רעדנער־קראַפט האָט ער פאַלשטענדיג בעהערשט די מאַסען. זיין דרייסטקייט איז געווען צו שטוינען; זיין מוט איז געווען אונגעוועהנליך, די מורא פון טויט האָט ער ניט געפיהלט. קיין זאַך האָט איהם ניט אָפּגעשראָקען. צו אַלעם דעם קען מען איהם בשום אופן ניט בעשולדיגען אין גרויזאַמקייט. אין געגענטייל, קיינער קען ניט צווייפ־לען אין זיין גוטהערציגקייט. ער האָט זאָגאַר געגעבען איינעגע פ.ן זיינע געגנער די מעגליכקייט צו ענטלויפען פון געפענגניס.

די רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך גענומען מיט גרויס ענערגיע דורכצו־פיהרען און פעסטצושטעלען זייער זאַך. זיי האָבען צוזאַמענגעשטעלט אַן אַרמעע פון 40,000 מאַן צו העלפען דיומוריעז'ן אין זיין שטרייט מיט דעם אויסלענדישען פיינד. אין דער זעלבער צייט האָט דאַנטאָן, אַלס יוסטיץ־מיניסטער, צוזאַמען מיט דער קאָמונע בעשלאָסען צו געבען די ראָיאַליסטען אַזאַ קלאַפּ, דאָס זיי זאָלען שוין ניט האָבען מעהר קיין מעגליכקייט צוריק־צוגעווינען זייער פריהערדיגע קראַפט. צוערסט האָט מען אַרעסטירט איי־ניגע הונדערט פּריסטער, וועלכע האָבען זיך ענטזאָגט צו שווערען טריי־הייט דער נייער פערפאַסונג. דאַן האָט די זיכערהייטס־קאָמיסיאָן פאָרגע־נומען צו מאַכען אַן אַלגעמיינע אונטערזוכונג אין אַלע הייזער, אום מען זאָל אויסגעפינען אַלע פערדעכטיגע, אָפּנעהמען פון זיי די געוועהר און אַרעסטירען זיי. עס איז בעשטימט געוואָרען אַ שטונדע, אין וועלכער יע־דער האָט געמוזט זיין ביי זיך אין הויז און קיינער האָט ניט געטאָרט פער־שליסען די טירען. אַנדערע האָבען געוואָלט ענטלויפען פון שטאָדט, אָבער די טויערן זיינען געווען פערשלאָסען. עס איז קיינעם ניט געלונגען ער־גען־וואו צו בעהאַלטען זיך, ווייל מען האָט געזוכט איבעראַל: אין די קע־לערן, אין די קוימענס או. אַז. וו. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרען איינעגע טויזענד פערדעכטיגטע פערזאָנען. עס איז געווען אונמעגליך צו פערשלי־

האָט אָנגעהויבען צו זוכען אין די הייזער און מאַכען אַרעסטען. עס איז ווירקליך געווען אַ זעהר טרויעריגע ערשיינונג צו פערשפּרייטען אין אַ גאַנ־צען פאָלק אַ סיסטעם פון שפּיאָנסטוואָ און מסירות, און פיעלע געפינען עס באמת פיר אַ גרויס אונרעכט און רעכנען עס פיר אַ גרויסען שאַנדפלעק אויף די רעוואָלוציאָנערען פון יענער צייט. אָבער מען דאַרף ניט זיין צו איינזייטיג אין דיזען אורטייל; מען דאַרף ניט פערגעסען, דאָס דער מאָ־מענט איז געווען אַזעלכער, אין וועלכען די רעוואָלוציאָן האָט געפיהרט אַ טויט־קאַמף מיט דעם אַלטען סיסטעם, מיט דער מאָנאַרכיע. אַלע געפענג־ניסען זיינען באַלד געוואָרען פול מיט רעאַקציאָנערען. מען האָט זיי באַלד געבראַכט פאַר דעם שרעקליכען רעוואָלוציאָנס־טריבונאַל; מען האָט באַלד אַרויסגעגעבען טויט־אורטיילען געגען פיעלע פון די אַרעסטירטע, וואָס זיינען געפאַלען אונטער דער פירכטערליכער מאַשין, וועלכע איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „גיללאָטינע".

דערווייל האָבען אָנגעהויבען אָנקומען פון די גרענצען זעהר שלעכטע ידיעות. דער פיינד האָט בעלאַגערט לאָנגווי און טהיאָנוויל. די עסט־רייכער און די פּרייסען האָבען געהאַט אַן אַרמעע פון גוט־דיסציפּלינירטע און גוט־געמוסטירטע סאָלדאַטען, און געגען זיי איז געשטאַנען אַ קליינע, שוואַכע, שלעכט־בעוואַפענטע פראַנצויזישע אַרמעע. פון ווענדעע איז געקומען אַ ידיעה, דאָס עס האָט זיך דאָרט אויפגעהויבען אַ געגען־רעוואָ־לוציאָן. די רעוואָלוציאָנערען האָבען דעריבער ענטוויקעלט אַן אונגעוועהנ־ליכע טעטיגקייט. זיי האָבען געוואָלט שיקען פון פּאַריז צו דער גרענעץ געגען דעם פיינד אַלע, וואָס זיינען פעהיג צו טראָגען וואַפען. זיי האָבען עס אָבער ניט געקענט דורכפיהרען, ווייל אין פּאַריז זיינען זיי געווען אין געפאַהר בעפאַלען צו ווערען פון די קעניגליכע אָנהענגער.

די פּרייסען האָבען שוין גענומען מאַרשירען נאָך ווערדון. ווען דיזע פעסטונג זאָל פאַלען, ווערט פיר זיי אָפען דער וועג נאָך פּאַריז. דאָס פאָלק האָט געפיהלט, דאָס נאָר אַ שרעקליכע גוואַלדטאַט מוז געטאָן ווערען אין דיזען מאָמענט; נאָר אַ גוואַלדטאַט קען רעטען פראַנקרייך פון דער דראָ־הענדער געפאַהר. אין אַלע גאַסען האָבען זיך געהערט געשרייען: „נידער מיט די קעניגליכע!" דער רעכטער מאַן דורכצופיהרען דיזע גוואַלדטאַט איז געווען ד אַ נ ט אָ ן.

דאַנטאָן איז זעהר פיעל פערליימדעט געוואָרען פון די געשיכטע־שריי־בער. אָבער אַן אונפּאַרטייאישע קריטיק מוז היינט צוגעבען, דאָס ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער זוהן, אַן אונאייגענניציגער ברודער און אַ טרייער,

זיינען דאַמאַלס ערמאָרדעט געוואָרען אונטער דיזען סאָרט יוסטיץ פון דעם ווילדען המון. אונטער דיזע 1,000 פּערזאָן זיינען אויך געוועזן זעהר וויכ־טיגע מענשען, ווי דער הערצאָג פון בריססאַק און די פירסטין פון לאַמבאַלל, אויף וועלכע זיי האָבען ניט געפונען קיין אנדער פערברעכען ווי דאָס, וואָס זי איז געוועזן זעהר בעפריינדעט מיט דער קעניגין. איהר קאָפּ האָט מען אַרויפגעשטעקט אויף אַ פּיקע און מען האָט זי געטראָגען צום קעניג אין טעמפּעל, וואו ער איז געוועזן אַרעסטירט. די קעניגין האָט גע'חלש'ט, דער־זעהענדיג דיזען באַרבאַרישען טויט פון איהר געליבטער פריינדין. אויף דעם קערפּער פון דיזער אונגליקליכער פירסטין האָט די מאַסע בעגאַנגען אַזעלכע אָפּשיילִיכקייטען, וועלכע עס איז אַ שאַנדע צו בעשרייבען.

די ראַדיקאַלע דעמאָקראַטיע האָט זיך גערעטעט. קיין מענשליכע מאַכט און געוואַלט איז ניט געוועזן אין שטאַנד אָפּצוהאַלטען דאָס פאָלק פון די גרוילטאַטען, וועלכע עס האָט געפונען פיר נעטיג צו טאָן אין דיזען מאָמענט פון געפאַהר, אום צו רעטען דאָס פאַטערלאַנד. דאַנטאָן זעלבסט האָט געשריבען צו די קאָמונעס (שטאָדט־געמיינדעס) פון די דעפּאַרטע־מענטען אַ צירקולאַר, אין וועלכען מיר לעזען פאָלגענדע ווערטער:

„די קאָמונע פון פּאַריז לאָזט אייך וויסען, דאָס די פּרייסען געהען אויף פּאַריז. איהר זאָלט צום שנעלסטען מיטטיילען אייערע ברידער אין אַלע דעפּאַרטעמענטען, דאָס אַ טייל פון די ווילדע פערשווערער, פיינד פון דער נייער פערפאַסונג, וועלכע זיינען געוועזן אַרעסטירט, זיינען געטויט גע־וואָרען פון פאָלק. דיזע האַנדלונג איז אָנערקענט געוואָרען פיר נויטווענ־דיג, אום אָפּצושרעקען די פּעררעטער, וואָס געפינען זיך אין אונזערע מויערן, אז זיי זאָלען ניט טאָן קיין בייזעס צו אונזערע פרויען און קינדער, ווען דאָס פאָלק וועט מוזען אַרויס געגען דעם פיינד. אָהן צווייפעל וועלען אויך אַנדערע דעפּאַרטעמענטען געברויכען דעם זעלבען נויטווענדיגען מי־טעל אום צו ברייננגען דאָס פאָלק אין זיכערהייט, און דאַן וועלען אויך אַלע פּראָווינצען, ווי די פּאַריזער, קענען זאָגען: „יעצט קענען מיר מאַרשירען געגען דעם פיינד רוהיג, ווייל מיר ווייסען, דאָס מיר האָבען ניט געלאָזען הינטער זיך קיין פיינד, וועלכע זאָלען ערמאָרדען אונזערע ווייבער און קינדער".

די בלוט־באָד פון סעפּטעמבער האָט געהאַט אַן אונגעהייערע ווירקונג. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, ווי ריכטיג דאַנטאָן און מאַראַט האָבען פער־שטאַנען דעם צושטאַנד, ווען זיי האָבען בעשלאָסען צו געברויכען דיזע גוואַלד־מיטלען. אָבער נאָך אַלעמען, וואָס בעדייטעט דיזע צאָהל אָפּפער,

סען אַלע ארעסטאַנטען אין די געפענגניסען, מען האָט געמוזט איינשליסען פיעלע פון זיי אין די קירכען און מאָנאַסטירען. דעם 31טען אויגוסט האָט טאַלליען, דער רעדנער פון די פאַריזער שטאָדט־בעאַמטע, ערקלערט פאַר דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, דאָס אַלע פעררעטער, פערשווערער און די אונרוהיגע פּריסטער זיינען ארעסטירט, און אין פערלויף פון איניגע טעג וועט מען ענדליך פּטור ווערען פון די פיינד פון פרייהייט.

דעם 2טען סעפּטעמבער, צווישען 2 און 3 אוהר נאָך מיטטאָג, האָבען זיך אָנגעהויבען די שרעקליכע שחיטות. פריהער פון אַלעמען האָט מען ערמאָרדעט די פּריסטער, וועלכע האָבען ניט געוואָלט שווערען טרייהייט דער נייער פערפאַסונג. דיזע זיינען געוועזען איבער הונדערט אין צאָהל. די משפּטים איבער די איבריגע געפאַנגענע זיינען געמאַכט געוואָרען אין די געפענגניסען זעלבסט. איינער פון די אָנפיהרער פון דער רעוואָלוציאָן האָט געפיהרט די פּראָצעסען, און די מאַסע פון פאָלק האָט געהערט די פערהאַנד-לונגען און די פראַגען און אַנטוואָרטען פון דעם בעשולדיגטען און האָט געגעבען איהר אורטייל: שולדיג אָדער ניט שולדיג. איבערהויפּט איז בע-קאַנט דער משפּט פון פאָלק אין דער אבטיי (מאָנאַסטיר), וואו מאַיללאַרד, וועלכער האָט געפיהרט דעם צוג נאָך ווערסאַיל, איז געוועזען דער ריכטער. ער איז דאָרט געזעסען מיט אַ הוילען שווערד און האָט אויסגערופען די גע-פאַנגענע לויט דער ליסט פון אונטערזוכונג, וועלכע דער יוסטיץ־מיניסטער האָט צוגעשיקט. די ארעסטירטע זיינען איינציגווייז געבראַכט געוואָרען צום ריכטער. אויב איינער איז געפונען געוואָרען ניט שולדיג, האָט מאַיל-לאַרד אויפגעהויבען דעם שפּיץ פון זיין שווערד אין דער הויך, און דער געפאַנגענער איז באַלד בעפרייט געוואָרען. אין פאַל אָבער, ווען ער איז ערקלערט געוואָרען שולדיג, האָט מאַיללאַרד אראָפּגעלאָזען דעם שווערד צו דער ערד און האָט געזאָגט: „בריינגט דיזען העררן נאָך קאָבלענץ”. אָבער ביים אַרויסגאַנג איז ער אויף'ן אָרט צוהאַקט געוואָרען אין שטיקער פון די תלינים, וואָס זיינען געשטאַנען אין דרויסען און האָבען דורסטיג געוואַרט אויף זייער אָפּפער.

פיער טעג און פיער נעכט האָבען געדויערט דיזע שרעקליכע שחיטות, פיר וועלכע די תלינים האָבען בעקומען פון דער שטאָדט־קאַסע זעהר גוט בעצאָהלט. דיזע גרויזאַמע טאַט פון דער צוואַווילדעוועטער, צווישעטער מאַסע איז זעהר שווער צו פערענטפערן; דער תירוץ: „די נויט האָט זיי דערצו געבראַכט”, קען דיזע באַרבאַרישע האַנדלונג ניט פערגלעטען. וואָס עס זאָל ניט זיין — איז עס ניט מענשליך. אונגעפעהר 1,000 מענשען

אין די הענט פון דעם געמיינדע־ראַט. איהר פּלאַן האָט פערנומען דער קאָנ-ווענט. דיזער קאָנווענט האָט געהאַט אַלס זיין אויפגאַבע פעסטצושטעלען די אויבערמאַכט פון פאָלק אויף א דעמאָקראַטישען פונדאַמענט. דעם 20טען סעפּטעמבער איז דער קאָנווענט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען און דעם 21טען האָט ער אָנגעהויבען זיינע בעראַטונגען. די מיטגלידער פון קאָנווענט זיי-נען כמעט אַלע געווען יאַקאָבינער. עס זיינען ווידער ערוועהלט געוואָרען די גרעסטע פיינד פון קעניגטום אין דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג. נע-בען זיי זיינען געזעסען פיעלע מיטגלידער פון פּאַריזער מוניציפּאַליטעט, ווי ראָבעספּיערר, דאַנטאָן, מאַראַט, דעסמולינס און אַנדערע. דאָס איז געווען דער אינטערעסאַנטעסטער און גרויסאַרטיגסטער פּאַרלאַמענט, וואָס די געשיכטע האָט ביז יענער צייט געזעהען.

אין דער רעכטער זייט פון דער פערזאַמלונג זיינען געזעסען די זשי-ראָנדיסטען; זיי זיינען געוואָרען איבערצייגטע רעפּובליקאַנער, אָבער נאָר בירגערליכע רעפּובליקאַנער. פון די אַרבייטער האָבען זיי ניט געוואָלט ווי-סען. זיי זיינען געווען די רעפּרעזענטאַנטען פון עהרליכען בירגערטום, וועלכע זיינען געווען אַ שטאַרקע מאַכט אין וועסט און אין זיד פון פראַנק-רייך. זיי האָבען געדענקט, דאָס די מאַסען, וואָס האָבען ניט קיין אייגענ-טום, קענען ניט נעהמען קיין גרויסען אָנטייל אין דער רעגירונג, און זיי דאַרפען זיין צופרידען מיט דעם, וואָס מען וועט זיי געבען. דיזע פּאַרטיי, די זשיראָנדיסטען, האָט ניט געהאַט קיין שטיצע אין דער געזעלשאַפט, און דעריבער איז זי גיך געשטירצט געוואָרען.

אין דער לינקער זייט זיינען געזעסען די יאַקאָבינער. זייערע ערטער זיינען געווען העכער פון די אַנדערע און דעריבער האָבען זיי זיך גערופען „דער באַרג". זייער אידעאַל איז געווען: אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק מיט ווירקליכער פרייהייט און גלייכהייט פיר אַלע קלאַסען פון דער געזעל-שאַפט. די אַלע באַרג־מענער זיינען געווען בעגייסטערט מיט אויפאָפּפערונג פיר זייער אידעאַל. זיי האָבען פיר קיין זאַך ניט געהאַט קיין מורא, זיי האָבען געזוכט צו צושטערען אַלעס, וואָס איז זיי געשטאַנען אין וועג. פיר זיי איז געווען ווייניג וואָס מען האָט שוין אָפּגעשאַפט דאָס פעאָדאַל־סיס-טעם; זיי האָבען שוין דערזעהען גרויסע פעהלערן אויך אין דער נייער קאַ-פּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ווי צ. ב. ספּעקולאַציאָן און וואוכער, וועלכע דאָבען געמוזט אָפּגעשאַפט ווערען. זייער הויפּט־שטיצע זיינען געווען די פּאַריזער אַרבייטער. די לינקע האָבען אויך בעהערשט דעם געמיינדע־ראַט, וועלכער איז געוואָרען די גרעסטע אויטאָריטעט אין לאַנד.

וועלכע עס האָט געפאָדערט די זיכערהייט פון פאָלק, געגען די מאַסען אָפּפער, וואָס די הערשענדע קלאַסען האָבען געבראַכט פון אָרימען פאָלק אין נאָמען פון דער רעליגיאָן און זיכערהייט פון פאָטערלאַנד? דיזע ווע-רען געצעהלט אין מיליאָנען. די פיינד פון דער רעוואָלוציאָן האָבען געצי-טערט. יעצט זיינען די רעוואָלוציאָנערען מיט א רוהיגען הארצען און מיט גרויס ענטהוזיאַזם געגאַנגען אין שטרייט מיט דעם אויסלענדישען פיינד, און מיט גרויס פרייד זיינען זיי געווען גרייט צו אָפּפערן זייער לעבען פיר דאָס פאָלק און פיר דאָס פאָטערלאַנד.

דעם 2טען סעפּטעמבער האָבען די פערבינדעטע מעכטען איינגענומען ווערדון. יעצט איז פיר זיי געווען אָפען דער וועג נאָך פּאַריז. דיומוריעז האָט ערהאַלטען דעם אויפטראַג צו פערשטעלען דעם וועג, אום דער פיינד זאָל ניט קענען געהן ווייטער. אָבער זיינע סאָלדאַטען זיינען געווען מוט-לאָז, און ווי זיי האָבען נאָר דערזעהען איניגע פּרייסישע הוזאַרען זיינען זיי באַלד צולאָפען. זיי האָבען געמאַכט זייער לאַגער אויף דעם ווינטמיה-לען-באַרג, און די פערבינדעטע האָבען זיך בעפעסטיגט אויף די הויכע ער-טער פון לאַ לונע. דער הערצאָג פון ברוינשווייג האָט בעשלאָסען צו שטור-מען דעם לאַגער פון די פראַנצויזען. די פראַנצויזען האָבען אָנפאַנגס אָנ-געהויבען צוריקטרעטען. דאַן האָט זיך אויפגעשטעלט דער גענעראַל קעל-לערמאַן, האָט אַרויפגעטאָן זיין הוט אויף דעם שפּיץ פון זיין שווערד און האָט אויסגעשריען מיט א הויכער שטימע: „לעבען זאָל די נאַציאָן!“ דיזע ווערטער האָבען אַלעמען בעגייסטערט. אַלע האָבען זיך מיט גרויס ענטהוזיאַזם געוואָרפען אין פייער אויף'ן שונא און האָבען צוריקגעשטויסען די פּרייסען צו זייער פריהערדיגען אָרט.

מיט איניגע טעג שפּעטער האָבען זיך די פערבינדעטע מעכטען צוריק-געקעהרט צום רהיין. די פראַנצויזען זיינען געווען אויסער זיך פון פרייד. פון דאַמאָלס אָן האָבען די פראַנצויזישע סאָלדאַטען אָנגעהויבען צו צייגען וואונדער. דער גרויסער דייטשער פּאָעט גאָטהע האָט גראַד אָנטייל גענו-מען אין יענער שלאַכט און האָט געזאָגט צו די דייטשע אָפיצערען: „פון היר און פון יעצט הויבט זיך אָן א נייע עפּאָכע אין דער וועלטגעשיכטע, און איהר קענט זאָגען, דאָס איהר זייט געווען דערביי“.

ו. דער נאַציאָנאַל-קאָנווענט.

אין די לעצטע טעג פון איהר עקסיסטענץ האָט די נאַציאָנאַל-פער-זאַמלונג פערלאָרען איהר גאַנצע מאַכט. זי איז נאָר געווען א ווערקצייג

נאָמען זאָל בלייבען ביי איך אַלס אייביגע שאַנדע. דיזע פאַלשע פריינד פון פאָלק האָבען בעפלעקט דעם נאָמען פון פאָלק מיט שאַנדע און בלוט פון דער הריגה פון 2טען סעפטעמבער!"

נאָכדעם איז לואוועט צוריקגעקומען אין זיין רעדע אויף ראָבעספיערר, און האָט געבראַכט אַ גאַנצע רייהע פון פאַקטען, אין וועלכע ער האָט איהם בעשולדיגט, און יעדען מאָל האָט ער אויסגעשריען: „ראָבעספיער, איך קלאָג אייך אָן!" בלאַס און ציטערנד איז ראָבעספיערר אַרויף אויף די רעדנער־ביהנע און האָט געבעטען ביי דער פערזאַמלונג, אַז זי זאָל איהם געבען 8 טעג צייט פאָרצובערייטען זיך פיר זיין פערטיידיגונג. נאָך דיזער צייט האָט זיך זיין לאַגע אין גאַנצען געענדערט. ער האָט געוואונען די יאַקאָבינער אויף זיין זייט. ער איז אַראָפּ פון דער ביהנע נאָך זיין פערטיידיגונג מיט אַ גרויסען טריאומף. זאָגאַר זיינע געגנער האָבען איינגעשטימט צוריקצורופען געגען איהם די אָנקלאַגע.

די זשיראָנדיסטען האָבען דאַן פערלאָרען יעדען ווערט. זייערע געגנער, די מענער פון באַרג, האָבען געוואוסט, ווי אויסצונוצען דיזע לאַגע פיר זיך. זיי האָבען נאָר אויסגעקוקט אויף אַ געלעגענהייט אָנצוגרייפען די זשיראָנדיסטען און צו צושמעטערן זיי. צו דיזען צוועק האָבען זיי געמאַכט, דאָס עס זאָל אַרויפגעבראַכט ווערען אויף די טאַגעס־אָרדנונג די ענטשיידונג איבער דעם שיקזאַל פון קעניג. די הויפּט־טענה זייערע איז געוועזען, דאָס אַ קעניג, וואָס איז אַראָפּגעזעצט געוואָרען פון טראָן, איז פיר אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג זעהר געפעהרליך, און דעריבער דאַרף איין מאָל פיר אַלע מאָל געלעזט ווערען, וואָס עס איז יעצט צו טאָן.

צווישען די פאָלקס־מאַסען האָט זיך שוין לאַנג געהערט אַ שטימע, אַז דער קעניג מוז פעראורטיילט ווערען. אַלע ראַדיקאַלע קלובס האָבען איהם ניט אויפגעהערט צו שימפּען. דערצו האָט מען נאָך דעם 10טען אויגוסט געפונען אַקטען, וועלכע האָבען בעוויזען קלאָר, דאָס דער קעניג האָט געטאָן פערשיידענע זאַכען און האָט געמאַכט אַלערליי אינטריגעס אום צו פערניכטען די קאָנסטיטוציאָן. דיזע ענטדעקונג האָט ערוועקט אין פאָלק געגען איהם נאָך מעהר ערביטערונג. שוין דעם 6טען נאָוועמבער האָט וואַלאַזע, אַ דעפּוטאַט פון די זשיראָנדיסטען, געמאַכט אַן אָנגריף אויף'ן קעניג. אָבער די זשיראָנדיסטען האָבען אימער געטאָן נאָר אַ האַלבע זאַך: זיי האָבען געוואָלט האַלטען דעם קעניג צווישען טראָן און עשאַפאָט. זיי האָבען געוואָלט משפּט'ן דעם קעניג, זיי זיינען אָבער פערציטערט געוואָרען ווען זיי האָבען געהערט, דאָס די באַרג־פּאַרטיי וויל זיין טויט. די יאַקאָ-

אין דער ערסטער זיצונג זיינען נאך די פארטייען געווען איינינ. דער גאנצער קאנווענט האט איינשטימיג בעשלאסען אפצושאפען דאס קעניג־טום, אבער באלד אויף'ן 2טען טאג האט זיך אנגעצונדען א גרויסער קאמף צוליב דעם, וואס די זשיראנדיסטען האבען זיך אויסגעדריקט זעהר העפטיג געגען ,י עקעלהאפטע האנדלונגען אין די סעפטעמבער־טעג. עס איז בע־שלאסען געווארען פארצולעגען א געזעץ געגען די אורהעבער פון די מארד־טאטען, און מען זאל צוזאמענשטעלען אן ארמעע, א קאנווענט־ארמעע, פון אלע 83 דעפארטעמענטען. . אבער די בארג־פארטיי האט דיזען בעשלוס שטארק אנגעגריפען. די זשיראנדיסטען האבען בעשולדיגט ראבעספיערר, דאנטאן און מאראט, דאס זיי שטרעבען אריינצוכאפען אין זייערע הענט די אליין־הערשאפט. פריהער זיינען ארויס ראבעספיערר און דאנטאן צו ענטפערן אויף דיזער בעשולדיגונג, נאכדעם איז עס געלונגען אויך מא־ראט'ן ערשיינען צום ווארט. אבער זיין פירכטערליכע ערשיינונג האט אי־בער־א־נייס ערוועקט געגען איהם דעם גאנצען האס פון דער פערזאמלונג. פון אלע זייטען האט מען אנגעהויבען צו שרייען: „ארונטער, ארונטער מיט איהם!" ער האט אנגעהויבען זיין רעדע מיט די ווערטער „איך האב אין דיזער פערזאמלונג פיעלע פערזענליכע פיינד!" מען האט איהם באלד אי־בערגעשלאגען מיט די ווערטער „מיר אלע! מיר אלע!" דאן האט מאראט ארויסגענומען פון זיין קעשענע א פיסטאלעט און האט געזאגט, דאס ער וועט זיך אריינשיסען א קויל אין קאפ, ווען מען וועט מאכען געגען איהם דיזע קלאגע. דאן איז דער קאנווענט איבערגעגאנגען צו דער ארדנונג פון טאג.

אויך געגען ראבעספיערר איז מען ארויס מיט הארטע קלאגען. אי־בערהויפט האט געשטורמט געגען איהם לואוועט. ער האט אויפגעוויזען, ווי ראבעספיערר האט זיך דעם 10טען אויגוסט בעהאלטען און נאכדעם האט ער בעהערשט דעם געמיינדע־ראט. נאכדעם איז לואוועט אריבער אין זיין רעדע צו דער שחיטה פון 2טען סעפטעמבער. „די רעוואלוציאן פון 10טען אויגוסט געהערט אלעמען, אבער די שחיטות פון 2טען סעפטעמ־בער געהערט נאר אייך, אייך אליין!" האט ער געשריען אנצייגענדיג מיט'ן פינגער אויף די בארג־פארטיי. „האט איהר זיך דען אליין ניט בעריהמט דערמיט? אונז האט איהר גערופען מיט פעראכטונג די פאטריא־טען פון 10טען אויגוסט, אבער זיך האט איהר מיט שטאלץ הויכגעשטעלט און זיך בעטיטעלט מיט'ן נאמען די פאטריא־טען פון 2טען סעפטעמבער. א, דיזער שענדליכער

ניט קיין געלונגענע. ווען מען זאָל זי בעטראַכטען פון יוריסטישען שטאַנד-פונקט איז זי געווען זעהר מייסטערהאַפט, אָבער זי האָט אויף'ן קאָנווענט ניט געהאַט קיין ווירקונג צוליב איהר קאַלטקייט און טרוקענקייט. זעהר זעלטען האָט זיך דער רעדנער אַ ביסעל בעגייסטערט און גערעדט שאַרף און וואַרם. ער האָט ניט בערעכענט, דאָס היר האָט ער בעדאַרפט ווירקען אויף די פּאָליטישע גייסטער פון דער פערזאַמלונג. דער איינדרוק איז געווען זעהר שוואַך.

מען האָט דעם קעניג אַוועקגעפיהרט צוריק אין טעמפּעל. יעצט האָבען זיך אָנגעהויבען די פערהאַנדלונגען אויף דאָס ניי. די זשיראָנדיסטען זיינען אין דיזע פערהאַנדלונגען געווען זעהר שוואַך. זיי האָבען מורא גע-



דער פערהער פון לודוויג דעם 16טען.

האַט פאַר אַ טויט=אורטייל און האָבען אויך גיט געקענט שטימען פיר בעפרייאונג; האָבען זיי אויפגעגעבען אַ פּלאַן, אַז מען זאָל די זאַך איבערגעבען צום פאָלק און דאָס פאָלק זאָל בעשליסען וואָס צו טאָן און ווי צו האַנדלען. אָבער דיזער פּלאַן איז צושטערט געוואָרען פון דער בארג=פּאַרטיי. גאַנץ פּאַריז איז געקומען אין אַ העפטיגע בעוועגונג. איבעראַל זיינען פאָרגעקומען לאַרמדיגע דעמאָנסטראַציאָנען. די טריבונען זיינען געווען בעלאַגערט מיט אַ געדיכטער פאָלקס=מאַסע. די שרעקענס=הערשאַפט האָט זיך ווידער אָנגעהויבען. איינִיגע דעפּוטאַטען, וואָס זיינען געווען ניט זעהר בעליבט ביים פאָלק, זיינען שטאַרק בעליידיגט געוואָרען. די גע-

בינער האָבען אין געגענטייל קלאָר און אָפען געזאָגט וואָס זיי ווילען. זיי האָבען ניט געלייקענט, דאָס די פעראורטיילונג פון דעם קעניג צום טויט איז ניט געזעצליך, זי איז געגען דער פערפאַסונג, און דאָך האָבען זיי עס געפאָדערט. דעם 5טען דעצעמבער האָט ראָבעספיערר פריי געזאָגט: „די פערזאַמלונג איז אַראָפּ פון וועג; זי פערהאַנדעלט גאָרניט די ריכטיגע פראַגע; די פערזאַמלונג האָט גאָרניט פאַר זיך צו פיהרען אַ פּראָצעס. לוד-וויג איז ניט קיין אָנגעקלאָגטער און איהר זייט ניט זיינע ריכטער. איהר זייט נאָר שטאַאַטסמענער און פערטרעטער פון פאָלק. איהר דאַרפט ניט אַרויסגעבען אייער פסק־דין פיר אָדער געגען אַ מענשען, נאָר איהר מוזט טאָן אַ זאַך אום צו פערהיטען דאָס פאָלק פון אַ געפאַהר, וואָס עס שטעהט איהם פאָר: לודוויג מוז שטאַרבען אום די רעפּובליק זאָל בלייבען לעבען!”

ווען די זשיראָנדיסטען האָבען דערהערט דיזע ווערטער האָבען זיי זיך זעהר דערשראָקען. זיי האָבען געזעהען, דאָס די הינריכטונג פון קעניג וועט זיי פערניכטען. זיי האָבען דאָן גענומען געהן ריקווערטס, אָבער די באַרג־פּאַרטיי איז געווען פיעל שטאַרקער פון זיי. זיי זיינען ניט געווען אין שטאַנד צו צוברעכען די יאַקאָבינער.

אין אָבענד פון 10טען דעצעמבער האָט דער דעפּוטאַט לינדעט גע-מאַכט אַן אָנקלאַגע געגען לודוויג קאַפּעט (אַזוי האָט מען שוין גערופען דעם קעניג זינט אַ לענגערער צייט, ווייל קאַפּעט איז געווען זיין פאַמיליע־נאָמען), און דעם 11טען איז דער מאָנאַרך ערשינען פאַר דעם קאָנווענט צו הערען די קלאַגע און פערטיידיגען זיך. ווען לודוויג איז אַריינגעקומען אין זאַל פון דער פערזאַמלונג, האָט דער פּרעזידענט פון דער פערזאַמלונג, באַררערע, געזאָגט צו איהם: „לודוויג, דאָס פראַנצויזישע פאָלק קלאָגט אייך אָן, הערט די בעווייזען און די פאַקטען. איהר קענט זיך זעצען”. מען האָט איהם פאָרגעלעזען דעם בעשולדיגונגס־אַקט, און דער קעניג איז אויפגע-פאָדערט געוואָרען צו ענטפערן אויף יעדען פּונקט בעזונדער. ער האָט עס געטאָן מיט גרויס רוהיגקייט און ווירדע; אָבער ער האָט באַלד בעגאַנגען אַ נאַרישקייט — ער האָט אָפּגעלייקענט זיינע אייגענהענטיגע בריף. דער-מיט האָט ער שטאַרק ערביטערט געגען זיך דעם קאָנווענט, וועלכער האָט איהם פון יעצט אָן אָפּגעשיידט פון זיין פאַמיליע.

דעם 26טען דעצעמבער איז דער קעניג וויעדער ערשינען פאַר דעם קאָנווענט מיט זיינע אַדוואָקאַטען. די פערטיידיגער אַדוואָקאַטען זיינען געווען: דער גרייז־גרויער טראָנשעט, מאַלעזהערבעס און דער יונגער מאַן דעזעזעס. די רעדע פון דיזען לעצטען איז געווען זעהר

די פערטיידיגער האָבען מיטגעטיילט דעם קעניג דעם אורטייל. ער האָט מיט זעלטענער רוהיגקייט געהערט די שרעקליכע נאַכריכט, אויף וועלכע ער האָט זיך שוין פריהער גערוכט. מאַלעזהערבעס האָט זיך מיט הייסע טרערען געוואָרפען צום קעניג׳ס פיס. דער קעניג האָט איהם אויפ־געהויבען און האָט איהם אַרומגעאַרמט. מאַלעזהערבעס האָט איהם גע־זאָגט, דאָס עס איז נאָך דאָ אַ שטיקעל האָפנונג צו רעטען איהם, ווייל פיעלע האָבען געשוואָרען אַרויסצורייסען איהם מיט געוואלד פון די הענט פון די תלינים. „דאַנקט זיי פיר זייער טרייהייט צו מיר”, האָט דער קעניג געזאָגט, „אָבער זאָגט זיי, דאָס איך וועל זיי קיינמאָל ניט פערצייהען, ווען זאָגאר איין טראָפּען בלוט וועט צוליב מיר פערגאָסען ווערען”.



די הינריכטונג פון לודוויג דעם 16טען.

דער קעניג האָט ערהאַלטען די ערלויבניס צו פערברענגען די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען מיט זיין פאַמיליע, און צו פערברענגען איינינע מינוטען מיט אַ פריסטער. די סצענע פון זיין אָפּשייד פון זיין פאַמיליע איז געווען אַ זעהר הערץ־רייסענדע. ער איז צוריקגעבראַכט געוואָרען אין טעמפעל. מען האָט אָנגענומען די גרעסטע פאָרזיכטס־מיטלען. איבער 60,000 בעוואַפענטע סאָלדאַטען זיינען צושטעלט געוואָרען אויף פערשיי־דענע פּלעצער, גאַסען און בריקען. מיט פעסטע טריט האָט לודוויג בע־

ריכטס־הייזער פון די רעוואָלוציאָנערען האָבען ווייטער אָנגעפאַנגען זייער שרעקליכע טעטיגקייט, מען האָט ווידער אָנגעפאַנגען צו זוכען אין די הייזער, און עס האָט זיך פּאָרויסגעזעהען אַ נייע שחיטה.

דעם 14טען יאַנואַר האָט זיך אָנגעפאַנגען די לעצטע בעראַטונג, וועלכע האָט געמוזט לעזען דיזע האַרבע אונגליקליכע פראַגע, וועלכע איז בעשטאַנען פון דריי פּונקטען:

1) איז לודוויג שולדיג אין אַ פערשווערונג געגען די פרייהייט פון דער נאַציאָן און אין אַן אָנגריף אויף די זיכערהייט פון שטאַאַט?

2) זאָל דער אורטייל, ווי ער וועט זיין, אונטערוואָרפען ווערען אונטער דער שטימונג און בעשטעטיגונג פון פאָלק?

3) וואָס זאָל זיין די שטראָף?

אין דעם 1טען פּונקט זיינען אַלע דעפּוטאַטען פון קאָנווענט געווען איינשטימיג. אַלע האָבען איהם ערקלערט שולדיג. איבער דעם 2טען פּונקט זיינען די מיינונגען געווען פערשיידען. פון 720 מיטגלידער פון קאָנווענט האָבען 423 געשטימט מיט „ניין", 281 מיט „יע", 11 האָבען געשטעלט בעדינגונגען און 5 האָבען גאָר ניט געשטימט. דער פּלאַן פון די זשיראָנדיסטען איז דורכגעפאַלען. די אָפּשטימונג וועגען דער שטראָף איז געווען אַ שטירמישע. ביים אריינגאַנג אין זיץ־זאַל פון קאָנווענט האָבען גרויסע פאָלקסמאַסען בעגעגענט די דעפּוטאַטען און האָבען אויסגעדריקט זייער צאָרן און האַס געגען די, וואָס מען האָט געהאַט אויף זיי אַ חשד, דאָס זיי געהערען צו דער קעניגליכער פּאַרטיי. מען האָט אָנגעפאַנגען אויסצורופען די נעמען פון די דעפּוטאַטען פון קאָנווענט אום זיי זאָלען געבען זייערע שטימען וועגען דיזער פראַגע. 24 שטונדען האָט געדויערט די אויסרופונג פון די נעמען. די אָפּשטימונג איז געווען אָפען. יעדער דעפּוטאַט האָט געמוזט ערקלערען זיין שטימע מיט איינ׳גע ווערטער. עס איז געווען אונמעגליך צו האַלטען די מאַסען אין אָרדנונג. דאָס שרייען און די אַפּלאָדיסמענטען פון די מאַסען ביי יעדער שטימע איז געווען אונמעגליך איבערצוטראָגען. די גלאָק פון פּרעזידענט איז צובראָכען געוואָרען פון צופיעל אַרבייטען מיט איהר. דער רעזולטאַט איז געווען—טויט־אורטייל. די אַבסאָלוטע מעהרהייט, 561 שטימען, פיר טויט גלייך, 46 פיר הינריכטונג, אָבער מיט אַ צייט שפּעטער; 286 פיר געפענגניס אָדער פערשיקונג, 2 פיר גאַלעערען־שטראָף (קאַטאָרגע) און 26 פיר טויט־שטראָף, אָבער פריהער זאָל מען בעהאַנדלען די פראַגע וועגען אָפּלעגען אויף שפּעטער.

געגען בעלגיען אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל דיומוריעז, האָבען זיי געוואונען. דיזער שטרייט איז פאָרגעקומען דעם 6טען נאָוועמבער 1792 ביי זשעמאַפּפּעס. דאָס איז געווען דער ערסטער זיג, וואָס די רעוואָלוציאָנס־אַרמעע האָט געוואונען אין פרייען פעלד. דיזער זיג איז בעזונדערס ווערט צו בעוואונדערן, ווייל די סאָלדאַטען האָבען ניט געהאַט ניט קיין געלט און ניט קיין ברויט. נאָך דעם, ווי דיומוריעז האָט בעזיגט בעלגיען, האָט ער זיך אריינגעריסען אין האָללאַנד אום דאָ זיך פעסטצוזעצען. אָבער דאָ האָבען די פראַנצויזען געהאַט אַ שרעקליכע נידערלאַגע ביי נעערווינדען (18טען מערץ 1793).

די פאָלגען פון דיזער נידערלאַגע זיינען געווען אונערוואַרטעט. דיומוריעז האָט געגלויבט, דאָס דער קאָנווענט וועט איהם ניט פערצייהען דעם גרויסען פערלוסט, וואָס ער האָט געהאַט, און אין פערצווייפלונג האָט ער בעשלאָסען צו ווערען אַ פעררעטער. ער האָט אויפגעפאָדערט זיינע טרופּען, אַז זיי זאָלען צוריק אויפשטעלען די מאָנאַרכיע אין פראַנקרייך, אָבער די סאָלדאַטען האָבען איהם ניט געוואָלט פאָלגען. ער האָט זיך געמוזט רעטען און איז ענטלאָפען אין אויסלאַנד. דער קאָנווענט האָט איהם בערויבט פון אַלע זיינע רעכטען, זיינע גיטער זיינען קאָנפיסקירט געוואָרען, און מען האָט פערשפּראָכען צו געבען 300,000 פראַנק צו דעם יעניגען, וואָס וועט ברייננגען זיין קאָפּ. ער האָט זיך געוואַלגערט אין פערשיידענע לענדער און איז געשטאָרבען אין 30 יאָהר אַרום אין לאָנדאָן, פערגעסען פון דער גאַנ־צער וועלט.

די ערפאָלגען, וואָס די רעוואָלוציאָנס־אַרמעע האָט געהאַט אין אָנ־פאַנג, זיינען פערלאָרען געגאַנגען. עס האָט אויסגעוויזען, דאָס פראַנקרייך וועט בעזיגט ווערען פון די אייראָפּעאישע פערבינדעטע מעכטען.

די געפאַהר פון אויסלאַנד האָט געטריבען די פראַנצויזען אָנצונעהמען ענערגישע מיטלען. די, וואָס זיינען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער רע־וואָלוציאָן, האָבען געפונען פיר נעטיג צו לאָזען בלוטען נאָך אַ מאָל די קע־ניגליכע אָנהענגער. פריהער האָבען געמוזט בעזייטיגט ווערען די זשיראָנ־דיסטען. די יאַקאָבינער האָבען זיי שוין פריהער אָנגעקלאָגט אין הויף־פעררַאַט, ווען זיי האָבען אַרויסגעצייגט זייער מיינונג וועגען דער היגריכ־טונג פון קעניג. אָבער זיי האָבען אין קאָנווענט געהאַט די מעהרהייט, דע־ריבער איז דיזע בעשולדיגונג פיר זיי ניט געווען געפעהרליך. אָבער נאָך אַלעם דעם זיינען זיי ניט געווען אין שטאַנד צו שטעלען זיך אָן דער שפּיץ פון דער רעגירונג, ווייל זיי האָבען נאָר געקענט מאַכען קלאַגען געגען זיי־

שטיגען דעם עשאַפאָט. ער האָט זיך געווענדט צום פּובליקום מיט אַ הויכער קלאָרער שטימע: „איך בין ניט שולדיג אין קיין פערברעכען, אין וועלכען מען בעשולדיגט מיר, איך פערצייהע מיינע שונאים און בעט גאָט, דאָס פיר מיין בלוט זאָל פראַנקרייך ניט בעשטראָפט ווערען...” דאַן האָט סאַנ-טערר אויסגעשריען מיט גרויס כעס: „איך האָב אייך אהער גערופען ניט צו האַלטען רעדעס, נאָר צו שטאַרבען!” די טרומייטען האָבען פערהילכט די לופט און קיינער האָט מעהר ניט געהערט וואָס דער קעניג האָט נאָך עט-וואָס גערעדט. די הענקערס האָבען איהם באַלד אַרויפגעצויגען אויף'ן בלאָק און דער קאָפּ איז באַלד אַרונטערגעפאַלען. די מענגע האָט דאַמאַלס אויסגעשריען: „לעבען זאָל די רעפּובליק!” פיעלע האָבען איינגעטונקט זייערע טאַשען-טיכער אין דעם בלוט אַלס צייכען, דאָס די טיראַניי איז געשטירצט (21טען יאַנואַר 1793).

די יאַקאָבינער און די באַרג-פּאַרטיי האָבען טריאומפירט. די זשי-ראָנדיסטען האָבען יעצט געקעמפט אָהן שום ערפאָלג מיט זייערע פיינד, מיט די מענער פון באַרג. ווער עס איז ניט געגאַנגען אויף'ן וועג פון דער דעמאָקראַטיע האָט געמוזט דעם וועג אָפּטרעטען, אָדער ער האָט געמוזט אונטערגעהן. לודוויג'ס טויט האָט פערשטאַרקט די שנאה צווישען די פּאַרטייען ביז דעם העכסטען גראַד, און האָט אויך פערמעהרט אין אויס-לאַנד די שונאים פון דער רעוואָלוציאָן. גאַנץ אייראָפּאַ איז יעצט געווען געגען די רעפּובליקאַנער. די באַרג-פּאַרטיי, וועלכע האָט געזיגט דורך טער-ראָר (שרעקענס-הערשאַפט), האָט געגלויבט אויך יעצט אויפצוהאַלטען זייער מאַכט דורך טעררער. זיי האָבען געטריבען די זאַך ביז אויף דאָס אוי-סערסטע. די פיינד פון דער רעוואָלוציאָן האָבען זיי געהאַלטען אין מורא, און דאָס פאָלק האָבען זיי בעגייסטערט מיט די אידעאַלען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט. עס איז געווען דאַנטאָן'ס פּלאַן צו טאָן אַזוי אין דיזען קריטישען מאָמענט, און דאָס איז ווירקליך געווען דער איינ-ציגער קלוגער פּלאַן פיר יענע צייט.

ווען די אייראָפּעאישע מעכטען האָבען דערהערט וועגען לודוויג'ס טויט, האָבען זיי זיך גלייך פעראייניגט געגען פראַנקרייך. אויך ענגלאַנד האָט זיך אָנגעשלאָסען צו פראַנקרייך'ס שונאים. צו דיזען פערבאַנד זיינען באַלד צוגעשטאַנען אויך שפּאַניען, פּאָרטוגאַל, רוים און נעאַפּעל.

דער שטרייט צווישען פראַנקרייך און די אייראָפּעאישע מעכטען האָט זיך אייגענטליך שוין אָנגעהויבען פריהער, ווי מיר האָבען עס שוין פריהער דערצעהלט. דעם ערסטען שטרייט, וואָס די פראַנצויזען האָבען געפיהרט

לעטאריער זיינען שולדיג צו די רייכע, און צו בעלאַסטען די רייכע מיט א קריג־שטייער.

אין מיטען פון דיזען סאָציאַלען קאַמף האָט אויך אויסגעבראָכען דער קאַמף צווישען די יאַקאָבינער און די זשיראָנדיסטען. וועהרענד דיזע לעצ־טע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פּאָליטישע קליינינקייטען, האָט דאַנטאָן פערלאַנגט פון קאָנווענט צו שאַפען א דיקטאַטור אום צוזאַמענצופאַסען די נאַציאָנאַלע קראַפט געגען די פערבינדעטע מעכטען פון אויסלאַנד. צוזא־מען מיט דיזער דיקטאַטור זאָל ערנאַנט ווערען א רעוואָלוציאָנס־געריכט, מיט דער בעשטימונג, אז דיזעס געריכט זאָל זיין אונאָפּהענגיג פון קאָנווענט און פריי פון אַלע געזעצליכע פאָרמעס, אָהן געשוואָרענע, אָהן פאָדערונגען פון פאַקטישע בעווייזען, נאָר לויט דער מיינונג פון די ריכטער, וועלכע זאָ־לען האָבען דאָס רעכט צו אורטיילען איבער דאָס לעבען און טויט פון פּאָ־ליטישע פערברעכער.

דעם 10טען מערץ זיינען דיזע בעשלוסען דורכגעגאַנגען. די זשיראָנ־דיסטען, וועלכע זיינען געווען געגען דיזער פולמאַכט, ווייל דאָס האָט זיי אין גאַנצען פערניכטעט, האָבען געהאַסט דאַנטאָן'ען נאָך מעהר ווי אימער. דאָס איז געווען דער האַס פון א בירגער געגען א פּראָלעטאַריער. באַלד איז דער האַס אַרויס אָפען. מען האָט געשיקט דאַנטאָן'ען נאָך בעלגיען, און ווען מען האָט ערהאַלטען אין פּאַריז די נאַכריכט, דאָס דיומוריעז איז געוואָרען א פעררעטער, האָט מען אויך געגען דאַנטאָן'ען געמאַכט בעשול־דיגונגען, אז ער איז א פעררעטער.

ווען דאַנטאָן האָט זיך דערוואוסט וועגען דיזער בעשולדיגונג איז ער ווי א ווילדער טיגער אַרויף אויף די טריבונע און האָט אָנגעהויבען צו שטור־מען געגען די זשיראָנדיסטען מיט פאָלגענדע ווערטער: „די זעלבע לייט, וואָס האָבען געוואָלט, דאָס דער טיראַן זאָל זיך רעטען פון שווערד פון גע־זעץ, די זעלבע לייט האָבען היינט די אונפערשעמטהייט אויפצוטרעטען געגען מיר אַלס מיינע אָנקלעגער". דער קורצער פרידען צווישען איהם און די זשיראָנדיסטען איז צושטערט געוואָרען. די נעכסטע וואָכען האָבען געבראַכט דעם קאַמף צווישען דער באַרג־פּאַרטיי און די זשיראָנדיסטען צו אַן ענטשיידונג. דער קאַמף צווישען דער באַרג־פּאַרטיי און די זשיראָנ־דיסטען איז געווען דער אָפענער פּויסט־קאַמף צווישען די בירגער און פּראָ־לעטאַריער.

די מענער פון דער באַרג־פּאַרטיי זיינען אַרויס מיט שאַרפע ווערטער געגען דער בירגערליכער הערשאַפט. מען האָט אָנגענומען פערשיידענע

ערע געגנער, אָבער זיי זיינען ניט געווען אין שטאַנד צו שאַפען אַ מיטעל, וואָס זאָל זיי געבען מאַכט איבער אַנדערע מיטגלידער. זייער איינציגע ווירקליך וויכטיגע טאַט איז געווען דער פּלאַן פון דער פערפאַסונג.

דער קאַמף צווישען די זשיראָנדיסטען און דער באַרג־פּאַרטיי איז ניט געווען נאָר אַ פּאָליטישער, ער איז אויך געוואָרען אַ סאָציאַלער. דער קריג צווישען די צוויי פּאַרטייען איז געווען דער קריג צווישען די פּראָלעטאַריער און די רייכע. דער נייער כאַראַקטער פון דעם קאַמף איז געוואָרען אַלע מאָל מעהר און מעהר דייטליך. דער קאַמף איז איבערהויפּט געוואָרען דייט-ליך אין אָנפאַנג פון יאָהר 1793. נאָך דעם, ווי עס איז געלונגען די אַר-בייטער אַריינצוכאַפּען אין זייערע הענט די פּאָליטישע מאַכט, האָבען זיי אָנגעהויבען צו שמידען פּלענער צו רעפאָרמירען אויף די סאָציאַלע אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט, ווי עס איז פיר זיי בעסער.

אַלע דעמאָקראַטישע זשורנאַלען זיינען געווען פול מיט אַרטיקלען, אין וועלכע מען האָט אָנגעהויבען צו בעפאַלען שטאַרק דאָס בירגערטום, וועל-כעס מען האָט אָנגעהויבען צו בעטראַכטען אַלס אַ נייע דעספּאָטישע אַריס-טאָקראַטיע. מען האָט אָנגעהויבען פאָרשלאָגען, אַז מען זאָל צווינגען די רייכע צו מאַכען אַנלייהען און אַליין צאָהלען די קריג־שטייערן. מען האָט שוין זאָגאַר פּראָקלאַמירט „גלייכהייט פון פערמעגען". די „כראָניק פון פּאַריז" האָט געשריבען אין אַן אַרטיקעל פאָלגענדע ווערטער: „מען קען די גלייכהייט פון פערמעגען ניט דערגרייכען דורך געוואַלט, מען מוז זי דערגרייכען דורך געזעץ. צו דיזען צוועק מוז מען מאַכען פיר אַ פליכט דיזע 2 פּונקטען: 1) צו בעווירקען די מעגליכע גלייכמעסיגע טיילונג פון פערמעגען; 2) צו שאַפען געזעצען אום אויפצוהאַלטען דיזע גלייכהייט אויף שטענדיג, און צו פערהיטען צוקינפטיגע אונגלייכהייט. דער געזעצגעבער וועט מוזען שאַפען געזעצען, וועלכע זאָלען גענוי בעשטימען די סומע פון רייכטום, וואָס איז ערלויבט יעדען איינצעלנעם בירגער צו בעזיצען; אָדער מען זאָל מאַכען געזעצען, דאָס ווען איינער האָט מעהר ווי פיעל ער קען געברויכען זאָל עס איבערגעהן און געהערען צו דער געזעלשאַפט פיר דעם געברויך פון די, וואָס נעטיגען זיך אין דעם".

באַלד אָבער האָט די אידעע פון גלייכהייט אין אייגענטום אָנגענומען אַ געפעהרליכען כאַראַקטער. דעם 25טען פעברואַר 1793 האָט מאַראַט גע-ראַטען: מען זאָל בערויבען די קראָמען און אויפהענגען די פּראָצענטניקעס. עס זיינען בערויבט געוואָרען איבער 1,200 קראָמען. דעם 9טען מערץ איז דער קאָנווענט געווען געצוואונגען מבטל צו זיין אַלע חובות, וואָס די פּראָ-

רען”. דיזע ערקלערונג פון ראָבעספּיערר וועגען מענשען־רעכטען איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען פון אַלע יאַקאָבינער. מאַראַט האָט באַלד געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל צונעהמען פון די רייכע זייער אייגענטום און פערטיילען עס צווישען די אָרימע. דאַנטאָן האָט פערלאַנגט, דאָס דער קאָנווענט זאָל צווינגען די רייכע צו לייהען דער רעגירונג גרויסע סומעס געלט, פיר וועלכע מען זאָל אָרגאַניזירען און אויפהאַלטען צוויי גרויסע אַרמעען פון די פּראָלעטאַריער, אום דאָס לאַנד זאָל זיין אין שטאַנד צו בעשיצען זיך געגען די אויסלענדישע פיינד.

אזוי זיינען געמאַכט געוואָרען אין קאָנווענט פערשיידענע אָנגריפען אויף די בירגערליכע געזעלשאַפט. צום ערסטען מאָל אין דער געשיכטע

ראָבעספּיערר.

האָבען די לוין־אַרבייטער אָנגעפאַנגען צו פאָדערן זייערע רעכטען אין פּאַרלאַמענט. עס זיינען אַפילו אַרויס געגען זיי טיכטיגע רעדנער. דער גלענצענדער רעדנער ווערניאָד האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען די יעניגע, וואָס ווילען איינפיהרען אין פראַנקרייך די אַרט און פאָרמע פון די אַלטע רעפּובליקען. דעם 8טען מאַי 1793 האָט ער געזאָגט: „רוססאָ, מאָנטעסקיע און אַלע מענער, וואָס האָבען געשריבען איבער די רעגירונגס־פאָרמעס, זאָגען אונז, דאָס די גלייכהייט פון דער דעמאָקראַטיע ענדיגט זיך דאָרט, וואו דער לוקסוס פאַנגט זיך אָן, ד. ה. וואו לוקסוס עקסיסטירט קען ניט זיין קיין גלייכהייט, ווייל די רעפּובליקען קענען זיך נאָר האַלטען ווען דאָס

מאַסרעגלען, וועלכע האָבען טיף איינגעשניטען אין די אינטערעסען פון דער בורזשואזיע און האָבען בעשיצט די אינטערעסען פון די בעזיצלאָזע. אויף דעם פאָרשלאַג פון דער קאָמונע איז אין די טעג פון 19טען ביז דעם 24טען מערץ בעשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַ נייע אונטערשטיצונגס־אָרגאַניזאַציאָן פון שטאַאט, וועלכע זאָל בעזאָרגען אַרבייטסלאָזע אַרבייטער מיט אַרבייט, זאָל גרינדען האָספּיטעלער פיר אָרימע קראַנקע און אַ היים פיר אַלטע און שוואַכע, וויזען־הייזער (בתי יתומים) פיר הילפלאָזע יתומים, און אויסער דעם פערשאַפען אונטערשטיצונג אין נויט אין פעלען, וואָס מען קען ניט פאָרויסזעהן. די געמיינדע־לענדערייען זאָלען אין גאַנצען איבערגעגעבען ווערען צוריק צו די געמיינדעס. דערביי אָבער האָט מען געמאַכט אַ פעהלער מיט דעם, וואָס מען האָט ניט קאָנצענטרירט די געמיינדע־ערד, אום די אַרבייט אויף די פעלדער זאָל געטאָן ווערען דורך אַלעמען פיר אַלעמען, נאָר מען האָט זי צוברעקעלט אויף קליינע שטיקלאַך, און מען האָט זי צוטיילט צווישען די אָרימע, וועלכע האָבען אַ זעהר קליינע איינקונפט — ניט מעהר פון 100 פראַנק.

אין קאָנווענט האָט מען שוין שטאַרק אָנגעהויבען צו פערהאַנדלען קאָמוניסטישע געזעצען. דעם 21טען אַפּריל האָט ראָבעספּיערר פאָרגעלעזען זיין ערקלערונג וועגען מענשען־רעכטען. אייגענטום האָט ער ערקלערט אַלס דאָס רעכט פון יעדען בירגער צו בענוצען זיך מיט דעם דאָזיגען טייל פון די גיטער פון לאַנד, וועלכע דאָס געזעץ האָט איהם גאַראַנטירט. דאָס געזעץ האָט דאָס רעכט אַריינצומישען זיך און אָנגרייפען דאָס בירגערליכע אייגענטום. ראָבעספּיערר האָט ווייטער ערקלערט, אַז דאָס אייגענטום טאָר ניט שטערען און שאַדען די זיכערהייט, פרייהייט, עקסיסטענץ און אייגענטום פון אַן אַנדערען. דיזער פרינציפּ האָט געמאַכט ציטערן אַלע פערטיידיגער פון בירגערליכען אייגענטום, ווייל מיט דיזען פרינציפּ וועט מען קענען מיט'ן געזעץ אָפּנעהמען דאָס אייגענטום פון איין בירגער און איבערגעבען עס צו אַנדערע בעזיצלאָזע אָרימע. ענדליך האָט ער פאָרגעשלאָגען גרונדזעצע וועגען רעכטען אויף אַרבייט און אונטערשטיצונג.

„די געזעלשאַפט″, האָט ער געזאָגט, „איז מחויב צו זאָרגען וועגען דעם אונטערהאַלט פון אַלע איהרע מיטגלידער. די, וואָס קענען און זיינען אין שטאַנד צו אַרבייטען, מוז די געזעלשאַפט פערזאָרגען מיט אַרבייט, און די, וואָס קענען ניט, זאָל זי פערזאָרגען מיט אַלע בעדערפניסען, וואָס דאָס לעבען פאָדערט. דער רייכער איז מחויב צו אונטערשטיצען דעם אָרימען; און דאָס געזעץ מוז בעשטימען די אַרט און ווייזע, ווי דאָס זאָל געטאָן ווע־

אבער דיזע ווערטער, וועלכע ענטהאלטען אין זיך א שטיק וואהרהייט, האבען ניט געהאט קיין ווירקונג. די טעאריען פון ראבעספיערר, די סיסטעמען פון סאן זשוסט און די אגיטאציאנס־רעדען פון מאראט האבען איבערגעוואויגען אלעס. זשוסט האט געגרינדעט זיין סיסטעם אויף דעם פרינציפ און אידעאל פון פלאטאן וועגען גלייכהייט. ער האט פארגעשלאגען צו צוטיילען דאס לאנד, אזוי דאס יעדער איינער זאל האבען א געוויסען טייל ערד אלס אייגענטום, און ער האט אויסער דעם פערלאנגט, אז מען זאל צוטיילען די נאציאנאל־גיטער צווישען ארימע. ער האט אנערקענט דעם פרינציפ פון ירושה, נאר אין גלייכער ליניע, ד. ה. פון עלטערן צו קינדער, אבער ניט צו זייטיגע קרובים. די שפאלטונג צווישען די ארבייטער און די בירגער איז געווארען ברייטער און טיפער. עס איז גארניט צו דענקען וועגען געפינען א מיטעל זיי אויסצוגלייכען. איין פארטיי האט געמוזט בעזיגט ווערען, און דיזע פארטיי האבען געמוזט זיין די זשיראנדיסטען, ווייל דיזע פארטיי האט פערלארען אין פאלק דעם פעסטען באדען, ווערענד די בארג־פארטיי האט געהאט אויף איהר זייט די צאהלרייכע ארבייטער־קלאס.

עס איז געוועזן אונמעגליך צו ערווארטען צווישען די ביידע פארטייען א וואפען־שטילשטאנד. דעם 10טען אפריל האט ראבעספיערר אויפגעהויבען א קלאגע געגען די זשיראנדיסטען. ער האט זיי בעשולדיגט, דאס זיי זיינען ראיאליסטען און האבען פערבינדונגען מיט דעם פעררעטער פון פאטערלאנד, דיומוריעז, און מיט אלע אנדערע פיינד פון פראנקרייך. אבער די זשיראנדיסטען האבען דיזע בעשולדיגונג צוריקגעוויזען. זיי האבען אבער בעשלאסען זיך נוקם צו זיין אן דער בארג־פארטיי. זיי האבען פערהאפטעט מאראט'ן, ווייל ער האט אנגערעדט די בירגער ארויסצוגעהען מיט וואפען געגען דעם קאנווענט. עס האט אויסגעוויזען, דאס די זשיראנדיסטען האבען געזיגט. אבער דער סוף איז געוועזן אנדערש. דיזער זיג האט געפיהרט צו זייער מפלה. דאס רעוואלוציאנס־געריכט האט מאראט'ן פרייגעשפראכען פון דער בעשולדיגונג. די מאסען, וואס זיינען געשטאנען דרויסען פון געריכט, האבען איהם בעשאטען מיט בלומען, ווען ער איז ארויס פריי פון געריכטס־הויז, און האבען איהם געטראגען אויף די הענט איבער די גאסען ביז זיי האבען איהם געבראכט צום קאנווענט. דער גאנצער צוג איז דורכגעגאנגען דורך דעם זאל, וואו די פערזאמלונג איז געזעסען, און מאראט האט געהאלטען א פייערדיגע רעדע געגען זיינע פיינד.

פאָלק איז ערצויגען מאָראַליש, אָבער דורך רייכטום ווערט די מאָראַל און די טוגענד פערדאָרבען".

„גלויבט איהר, דאָס די אָרדנונג פון די אַלטע גריכישע רעפּובליקען, וועלען קענען זיין צוגעפּאַסט אָהן אַ שום ענדערונג צו „פראַנקרייך? ווילט איהר מאַכען פון פראַנקרייך אַן אָרימע קריגערישע רעפּובליק ווי ספּאַרטאַ איז אמאָל געוועזען?"

„אויב איהר ווילט דיזעס, טוט דאָס זעלבע, וואָס ליקורג האָט געטאָן. צוטיילט דאָס לאַנד גלייך צווישען אַלע בירגער. וואַרפט אַרויס פון גע-ברויך גאָלד און זילבער, פערברענט אַלע אַסיגנאַציעס און אַנדערע ווערט-פּאַפּירען, פערניכטעט דעם לוקסוס און בעשטימט אַלס די הויפּט-בעשעפ-טיגונג פון פאָלק — קאַמף און קריג. פערניכטעט די אינדוסטריע, פער-ניכטעט יעדע האַנט-אַרבייט און אויך דעם אַקערבוי, בעפרייט די אַלע יעניגע, וועלכע איהר גיט דעם טיטעל בירגער, פון אַלע אָפּצאָהלונגען און שטייער, און זאָלען אַנדערע, וואָס זיינען נאָך אייער מיינונג און אייערע געזעצע ניט ווערט צו טראָגען דעם טיטעל בירגער, צאָהלען פיר אייך אַלע שטייערן און טראָגען אויף זייערע שולטערן די לאַסט פון די נעטיגע אויס-גאַבען פיר דאָס לאַנד. זאָלען פרעמדע פיהרען אייער האַנדעל, זאָלען העל-לאָטען (שקלאַפען ביי די גריכען) בעאַרבייטען אייערע פעלדער, און מאַכט אייער עקסיסטענץ פאָלשטענדיג אָפּהענגיג פון שקלאַפען".

„ספּאַרטאַ האָט קלאָר בעוויזען, דאָס די גלייכהייט צווישען די ביר-גער האָט אַרויסגערופען אונגלייכהייט צווישען מענשען; דאָס די געזעצען, וועלכע האָבען אייניגע הונדערט יאָהר פערשאַפט די ספּאַרטאַנער גלייכע פרייהייט, האָבען אין דער זעלבער צייט אונטערדריקט די אַלע אַנדערע שטעדט אין לאַקאָניען און האָבען פערשקלאַפט די העלאָטען. עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס ליקורג זעלבסט, וועלכער האָט בעשאַפען די אָרדנונג פיר אַ קליינע צאָהל בירגער פון ספּאַרטאַ, וועלכע איז קיינמאָל ניט געוועזען העכער פון 10,000 מאַן, וואָלט גערעכנט פיר אַ גרויסען אונזין צופּאַסען די זעלבע איינריכטונג צו אַ רעפּובליק מיט 24,000,000 מענשען, ווי פראַנק-רייך איז יעצט. עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס נאָר דער פערזוך איינצו-פיהרען אַזאַ מין גלייכהייט וועט ערוועקען אַ שרעקליכען בירגער-קריג, וועל-כער וועט זיך טיף איינשניידען אין אַלע טיילען פון דער רעפּובליק, און אַלע אונזערע פערטיידיגונגס-מיטלען וועלען זיך אין אַ קורצער צייט אויס-שעפּען, דאָס נאָר דער טויט, וואָס פערגלייכט פון אייביג אָן אַלעס, וועט ענדליך אויך אויסגלייכען די פערשיידענע שטופען פון דער געזעלשאַפט".

אין דיזען קריטישען מאָמענט האָבען די זשיראָנדיסטען בעשלאָסען צו מאַכען אַן ענטשיידענדען שריט. זיי האָבען בעשלאָסען צו געבען דעם קאָנווענט מעהר מאַכט געגען דער קאָמונע און די מאַסען. צו דיזען צוועק האָט גואדעט געמאַכט דעם 18טען מאַי פאָלגענדען פאָרשלאַג:

1) אַלע רעגירונגס־אַנשטאַלטען אין פּאַריז זאָלען אומגעביטען ווערען. אָנשטאָט דעם שטאָדט־ראַט זאָלען דערווייל רעגירען די פאָרשטעהער פון די סעקציאָנען.

2) די מענער, וואָס וועלען פערטרעטען די שטעלע פון קאָנווענט, זאָלען זיך אין קורצען פערזאַמלען אין בורזשעס, אָבער זיי זאָלען ניט אָפּ־האַלטען קיין בעראַטונג ביז דער קאָנווענט וועט ערקלערט ווערען אַלס אויפּ־געלעזט געזעצליך און אָפּיציעל.

געגען דיזען פאָרשלאַג זיינען אויפגעהויבען געוואָרען איינינע שטאַרקע פּראָטעסטען. באַררערע האָט געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס (פּשרה): מען זאָל פאָרלויפיג ערוועהלען אַ קאָמיסיאָן פון 12 מענשען, וועלכע זאָלען ערנסט רעווידירען די האַנדלונגען פון פּאַריזער געמיינדע־ראַט, זיי זאָלען אויסגעפינען די פערשווערונגען געגען דער פרייהייט און אַרעסטירען די שולדיגע. דיזער בעשלוס איז געווען פיר די זשיראָנדיסטען אַ זיג. די קאָמיסיאָן פון 12 מענער האָט בעשלאָסען צו שטירצען די געריכטס־הייזער און רעגירונגס־אַנשטאַלטען פון די רעוואָלוציאָנערען און אַרונטערצוזעצען די בעאַמטע, וואָס האָבען געהערט צו דער יאַקאָבינער פּאַרטיי. דורך דיזע קאָמיסיאָן פון 12 איז געלונגען די זשיראָנדיסטען צו אַרעסטירען איינינע פון זייערע געגנער, וועלכע זיי האָבען געהאַסט צום שטאַרקסטען. דיזע מאַסרעגעל האָט שרעקליך ערביטערט די יאַקאָבינער, וועלכע האָבען בע־שלאָסען צו טאָן אַלעס מעגליכעס אום צו שטירצען די זשיראָנדיסטען.

פון דעם 26טען מאַי אָן האָבען די יאַקאָבינער אָנגעהויבען צו מאַכען אָפטע דעמאָנסטראַציאָנען. די מאַסען האָבען געצוואונגען דעם קאָנווענט אָפּצושאַפען די קאָמיסיאָן פון 12 און צו לאָזען פריי די אַרעסטירטע פון די יאַקאָבינער. אָבער באַלד האָט דער קאָנווענט זיין בעשלוס צוריקגערו־פען. די יאַקאָבינער זיינען געוואָרען נאָך מעהר ערביטערט. עס האָבען זיך פעראייניגט די פיהרער פון פאָלק, ווי ראָבעספּיערר, דאַנטאָן, מאַראַט און אַנדערע, און האָבען געמאַכט אין פאָלק אַ געפעהרליכע בעוועגונג. דעם 31טען מאַי האָבען די מאַסען ענדליך געצוואונגען דעם קאָנווענט אָפּצו־שאַפען די קאָמיסיאָן פון 12; אָבער די יאַקאָבינער זיינען דערמיט נאָך ניט

דער גאַנצער פּראָצעס איז נאָר געווען אַ פאָרשפּיל צום שטורץ פון די זשיראָנדיסטען. דיזע לעצטע האָבען אפילו מיט אַלע קרעפטען זיך גע־ווערט געגען אַלע אָנגריפען, וואָס מען האָט געמאַכט אויף זיי, אָבער אין גרונד איז זייער לאַגע געווען זעהר שוואַך, זייער צושטאַנד האָט פערלאָרען דעם פעסטען באָדען. אין ווענדעע האָט זיך דערוויייל געמאַכט אַ געגען־רעוואָלוציאָן. דער קאָנווענט האָט געפונען פיר נעטיג צו נעהמען שטרענגע מיטלען און צו בעשטראָפען האַרט די בונטאָווטשטשיקעס. די זשיראָנ־דיסטען זיינען געווען געגען צו־שטרענגע מיטלען. דאָס האָט אַרויפגע־צויגען אויף זיי אַ חשד, דאָס זיי זיינען פיינד פון דער רעוואָלוציאָן, און דאָס האָט געפיהרט די פּאַרטיי צום אונטערגאַנג. זיי האָבען דערמיט בע־וויזען, דאָס די אינטערעסען פון זייער פּאַרטיי שטעהט ביי זיי העכער פון די אינטערעסען פון דער רעפּובליק. פּאַריז איז געווען געגען די זשיראָנ־דיסטען שטאַרק ערביטערט, און האָט געדראָהעט אין גאַנצען צו פערניכטען דיזע פּאַרטיי.

דער קאָנווענט זעלבסט האָט געזעהען, אַז דאָס פאָלק איז געגען איהם שטאַרק אויפגערעגט. עס האָבען אָנגעהויבען אַריינקומען געגען איהם שטיר־מישע אַדרעסען פון פאָלק. דעם 10טען אַפּריל איז אַריין אַן אַדרעס, וועל־כער האָט אָפען געפאָדערט, אַז מען זאָל אויסשליסען פון קאָנווענט די יע־ניגע מיטגלידער, אויף וועלכע דאָס פאָלק האָט אַ חשד, דאָס זיי זיינען ניט גאַנץ איבערגעגעבען צו דער רעפּובליק, ד. ה. די זשיראָנדיסטען. דעם 15טען אַפּריל האָט די פּאַריזער קאָמונע געשיקט צום קאָנווענט אַן אַדרעס, אין וועלכען זי האָט אויסדריקליך בעשולדיגט די זשיראָנדיסטען אין הויך־פערראַט און אין אָנטייל אין דיומוריעז'עס סקאַנדאַל, און זי, די קאָמונע, האָט דערביי פערלאַנגט, אַז דער קאָנווענט זאָל גלייך אויסשליסען פון די זשיראָנדיסטען 22 מיטגלידער, וועמעס נעמען זי האָט אָנגעגעבען. די זשי־ראָנדיסטען אָבער האָבען ניט געטאָן קיין וויכטיגע זאַך אום צו שטילען דעם צאָרן פון די מאַסען. זיי האָבען נאָר געהאַלטען שענע רעדעס, און דערמיט אַליין האָבען זיי גערעכענט פעסטצושטעלען זייער זאַך און אָנצו־האַלטען זייער שטאַנד.

דערוויייל האָבען די פאָרשטעדט פון פּאַריז געמאַכט גרויסע דעמאָנ־סטראַציאָנען אום מען זאָל בעשטימען אַ געוויסען פּרייז אויף ברויט, ווייל דער יקרות אויף ברויט איז געוואָרען זעהר גרויס. דערצו האָט מען געפאָ־דערט מיט צוואַנג אַן אַנלייהע פון די פּאַריזער רייכע לייט. אָבער דאָס בירגערטום האָט זיך ענטזאַגט נאָכצוקומען דיזע פאָדערונג.

פון דער לינקער, „מיר וועלען אַלע טיילען זייער שיקזאַל, זאָל מען אונז
אַלעמען אַרעסטירען!" דערווייל איז איינער פון באַרג (לאַקרואַ איז
געוועזן זיין נאָמען) אַריינגעלאָפען אין זאַל, איז אַרויף אויף די רעדנער־
ביהנע און האָט מיט גרויס אויפרעגונג דערצעהלט, דאָס מען האָט איהם
נאָר־וואָס שרעקליך בעהאַנדעלט ביי דער טיר פון זאַל, דאָס מען האָט איהם
ניט געלאָזען אַרויסגעהן, און דאָס דער גאַנצער קאָנווענט איז יעצט ניט פריי.

דער קאָנווענט איז געוואָרען שרעקליך אויפגערעגט. זאָגאַר אַ גרוי-
סער טייל פון דער באַרג־פּאַרטיי איז געווען געגען הענריאָט און זיינע טרו-
פּען, וועלכע האָבען אַזוי בעליידיגענד בעהאַנדעלט די מיטגלידער פון דעם
קאָנווענט. דאַנטאָן האָט אויסגעשריען: „מען מוז זיך נוקם זיין פיר די
בעליידיגונג פון דעם קאָנווענט, וועלכער רעפּרעזענטירט די נאַציאָנאַל־
מאַיעסטעט!" דער קאָנווענט האָט אויפגעגעבען זיין זיצונג און האָט אָנ-
געהויבען אַרויסצומאַרשירען פון זאַל מיט׳ן פּרעזידענט הערויאַלט דע סע-
שעללעס אָן דער שפּיץ. עס איז פיר זיי געווען אָפען נאָר איין אויסגאַנג,
אויף קאַרוססעל־פּלאַץ. היר האָט דער קאָנווענט געפונען הענריאָט׳ן ריי-
טענדיג אויף אַ פערד מיט אַ געצויגענעם שווערד אין האַנט. „וואָס פער-
לאַנגט דאָס פאָלק?" האָט דער פּרעזידענט פון קאָנווענט געפרעגט, „דער
קאָנווענט בעשעפטיגט זיך נאָר מיט זיין גליק". „דאָס פאָלק איז יעצט
אויפגעשטאַנען ניט צו הערען רעדעס, נאָר עס פערלאַנגט, אַז מען זאָל איהם
אַרויסגעבען די 24 שולדיגע פון די דעפּוטאַטען", האָט הענריאָט געענט-
פערט, „כל זמן איהר וועט ניט נאָכגעבען דיזע פאָדערונג פון פאָלק, קענט
איהר ניט אַרויסגעהן פון זאַל". דער פּרעזידענט האָט אויפגעפאָדערט די
טרופּען צו אַרעסטירען זייער קאָמאַנדאַנט אַלס אַ רעבעל (מיאַטעזשניק),
אָבער הענריאָט האָט באַלד אויסגעשריען: „קאַנאָנען־שיסער, נעהמט זיך
צו אייערע קאַנאָנען!"

מען האָט באַלד אָנגעשטעלט געגען דעם קאָנווענט צוויי קאַנאָנען. די
דעפּוטאַטען האָבען זיך דערשראָקען און זיינען צוריק אַריין אין זאַל. יעצט
האָט קיינער ניט גערעדט קיין איין וואָרט געגען דער פערהאַפטונג פון די
איינינע בעשולדיגטע מיטגלידער. דאַמאָלס איז מאַראַט אַרויס אַלס דיק-
טאַטאָר און האָט אויסגערעכענט איינינע פון די זשיראָנדיסטען, וועלכע זיי-
נען סיי־ווי ניט געווען פעהיג צו זיין פערטרעטער פון אַ פאָלק, און האָט
פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל אָנשטאָט זיי ערוועהלען אַנדערע. אָבער די גע-
שטריכענע דעפּוטאַטען זאָלען בעקומען נאָר הויז־אַרעסט, און זאָלען זיין
אונטער׳ן שוץ פון פאָלק. די מאַסע איז מיט דיזען בעשלוס געווען צופרידען

געווען צופרידען: זייער ציל איז געווען צו אַרעסטירען די 22 זשיראָנדיס־טען, וואָס זיינען געווען ערוועהלט צום קאָנווענט.

דעם 2טען יוני איז דאָס פאָלק אין פאַריז ווידער אַרויסגעטרעטען געגען דעם קאָנוועגט. הונדערט טויזענד סאָלדאַטען מיט 60 האַרמאַטען זיינען געווען אונטער דער קאָמאַנדע פון הענריאָט און האָבען געמאַרשירט צום פּלאַץ פון קאָנווענט. פיעלע פון די דעפּוטאַטען פון די זשיראָנדיס־טען זיינען גאָרניט געקומען צו דער זיצונג. ווען די פערהאַנדלונגען האָבען זיך אָנגעפאַנגען איז אַרויף אויף די רעדנער־ביהנע לאַנזשואינעי און האָט מיט גרויס פייער געזאָגט: „איך פערלאַנג דאָס וואָרט איבער דעם געגע־ראַל־מאַרש, וועלכער ווערט געשלאָגען דורך גאַנץ פאַריז". מען האָט איהם אָבער גלייך אונטערבראָכען און מען האָט אָנגעהויבען צו שרייען: „אַרונ־טער! אַרונטער! ער וויל בירגער־קריג, ער וויל געגען־רעוואָלוציאָן, ער פער־ליימדעט פאַריז, ער בעשמוצט דאָס פאָלק!" אָבער ניט קוקענדיג אויף די געשרייען פון באַרג האָט דער רעדנער פאָרטגעזעצט צו ציינען די פּלענער פון געמיינדע־ראַט און פון די אָנפיהרער פון פאָלק און האָט געזאָגט:

„איהר קלאָגט אונז אָן, דאָס מיר פערליימדען פאַריז! פאַריז איז ריין, פאַריז איז גוט, פאַריז איז אונטערדריקט פון טיראַנען, וועלכע ווילען בלוט און הערשאַפט!" צוליב דיזע ווערטער האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שרעקלי־כער טומעל. אייניגע דעפּוטאַטען פון באַרג זיינען צוגעלאָפען צו דער ביה־נע אום דעם רעדנער אַרונטערצוּוואַרפען. אָבער ער האָט זיך שטאַרק אָנ־געהאַלטען און האָט מיט גרויס מוט אויסגעשריען: „איך פערלאַנג, אַז מען זאָל אָפּשאַפען אַלע רעוואָלוציאָנערע רעגירונגס־אַנשטאַלטען; איך פערלאַנג, דאָס אַלעס, וואָס זיי האָבען געטאָן אין די לעצטע 3 טעג, זאָל ערקלערט ווע־רען פיר נול; איך פערלאַנג, דאָס די יעניגע, וואָס ווילען זיך אָנאייגנען אַ געזעצגעבענדע מאַכט, זאָלען ערקלערט ווערען אויסער'ן געזעץ (ד. ה. יע־דער קען מיט זיי האַנדלען ווי ער וויל)". אָבער נאָך איידער ער האָט גע־ענדיגט די רעדע זיינען געקומען אייניגע פון די רעוואָלוציאָנערען און האָ־בען געפאָדערט, אַז מען זאָל איהם אַרעסטירען.

דער קאָנווענט האָט ניט געאַכטעט אויף דיזע פאָדערונג און האָט זיך גענומען צו דער טאַגעס־אָרדנונג. דאָס האָט אָנגעמאַכט אין זאַל אַ גרויסען טומעל. מען האָט אָנגעהויבען צו שרייען: „נעהמט זיך צו די וואַפען!" דאַן האָט איינער פון באַרג אויסגעשריען: „רעטעט דאָס פאָלק! רעטעט אייערע מיטגלידער, און ערלויבט, אַז מען זאָל זיי אויף אַ קורצע ווײַלע אַרעסטירען!" „ניין!" האָבען געענטפערט די רעכטע און אויך אַ טייל

מען מוז יעצט געברויכעז אַן אַייזערנע האַנט נאָך דעם פּרינציפּ פון זעלבסט־פערטיידיגונג.

דעם 8טען יוני 1793 האָט ראָבעספּיערר געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט צו די פערזאַמעלטע מיטגלידער פון קאָנווענט פאָלגענדעס: „נאַרט זיך ניט, דאָס פאָטערלאַנד קען שוין מעהר ניט אויסהאַלטען די אונאָרדנונגען, וועלכע הערשען אין לאַנד. דרויסען זיינען מיר אַרומגערינגעלט מיט פיינדליכע אַרמעען; ביי אונזערע אייגענע טרופּען קענען מיר יעדען אויגענבליק ערוואַרטען אַ נייעם פעררעטער; דער פייער פון אויפשטאַנד איז אין לאַנד נאָך ניט פערלאָשען אין גאַנצען. זעהט און קוקט זיך צו צו אונזערע אינערע צושטענדען: מאַרסעיל איז בערייט צו אַ געגען־רעוואָלוציאָן; אויך באָרדאָ איז בערייט צו געהן אויף דיזען וועג; אין ליאָן טונקען די אַריסטאָקראַטען זייערע שווערדען אין דעם בלוט פון די בעסטע בירגער. מען מוז דיזען קאַמף פערניכטען. דער זעלבער צושטאַנד מוז אויך אָנקומען אין פּאַריז. ווען דאָס פאָלק וועט בעצייטענס ניט נעהמען קיין מיטלען צו פערהינדערן עס, וועט אין גיכען אויך פּאַריז שווימען אין בלוט".

ראָבעספּיערר איז געשטעלט געוואָרען אָן דער שפּיץ פון דער פאָלקס־בעוועגונג, ווייל ער האָט בעסער פון פיעלע אַנדערע געפּאַסט צו זיין דער אָנפיהרער פון פאָלק אין דיזער אונרוהיגער צייט. ער איז געוועזען זעהר געשיקט און אונגעוועהנליך טעטיג אין זיינע פּלענער ווי אויפצוהאַלטען די רעוואָלוציאָן און ווי צו בעזיגען איהרע געגנער. ער האָט געוואוסט יעדען שוואַכען פּונקט פון זיינע פיינד, און האָט געוואוסט ווי צו בענוצען זיך מיט'ן מאָמענט, ווען ער האָט געהאַט די מעגליכקייט צו געבען זיי אַ שטאַרקען שטויס אַז זיי זאָלען פאַלען. ער האָט זעהר קלוג און מיט גרויס טאַקט צוזאַמענגעשטעלט אַ נייע פערפאַסונג (קאָנסטיטוציאָן), אין וועלכער די באַרג־פּאַרטיי וועט ווייזען, ווי זי מיינט אַיינצוריכטען די רעפּובליק, ווען פראַנקרייך וועט זיך בעפרייען פון אויסערען און פון אינערען קריג. די נייע פערפאַסונג, ווי זי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון ראָבעספּיערר, זאָל ענטוואַפנען די פיינד און זאָל מיט בעגייסטערונג ערפילען די אבסאָלוטע דעמאָקראַטיע. און ער האָט ווירקליך זיין צוועק דערגרייכט. ווען עס איז בעקאַנט געוואָרען זיין אונטערנעהמונג האָבען זיך באַלד פיעלע דעפּאַרטעמענטען וויעדער געשטעלט אויף דער זייט פון קאָנווענט. די פּראָווינצען האָבען יעצט פערשטאַנען, דאָס די בעשולדיגונג, וואָס מען האָט געמאַכט געגען די באַרג־פּאַרטיי, דאָס זי וויל אַריינכאַפּען די מאַכט אין

און איז צוגאַנגען. דאָס איז געווען דער אונטערגאַנג פון דער פּאַרטיי פון די זשיראָנדיסטען (2טען יוני 1793).

יעצט האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע עפּאָכע — אַן עפּאָכע פון שרעקענס־הערשאַפט. פראַנקרייך איז נאָך קיינמאָל, זינט זי עקסיסטירט, ניט געווען אין אַזאַ שרעקליכער לאַגע, ווי זי איז געווען אין דיזער צייט. דער קריג מיט די אויסלענדישע מעכטען איז געווען פיר פראַנקרייך זעהר ניט גינסטיג. די פערבינדעטע מעכטען האָבען שוין אין יולי געהאַט איינגענומען קאָנדע און וואַלענסיעננעס. דערצו האָט אין פראַנקרייך אויסגעבראָכען אַ בירגער־קריג. די בורזשואַזיע האָט זיך אויפגעהויבען מיט גרויס פייער און האַס געגען דער הערשאַפט פון די פּראָלעטאַריער. די מעהרסטע פון די זידליכע און גאָרדליכע דעפּאַרטעמענטען האָבען פּראָטעסטירט געגען די בעשלוסען פון דעם קאָנווענט. אין די גרעסטע שטעדט, וועלכע זיינען געווען די הויפּט־שטיצע פון דער פּאַריזער רעוואָלוציאָן, האָט מען אָפּגעשאַפט די בעאַמטע פון דער יאַקאָבינער פּאַרטיי און מען האָט זייערע שטעלען איבערגעגעבען צו זשיראָנדיסטען. דער האַס פון די בירגער צו די יאַקאָבינער איז געווען אַזוי גרויס, דאָס טולאָן האָט זיך בעסער אונטערגעגעבען אונטער ענגלאַנד, איידער צו זיין אונטער דער הערשאַפט פון דער באַרג־פּאַרטיי; דאָ זיינען די בויערן ווייניג געווען געדריקט, און זיינען דעריבער געווען טריי צו די גוטס־בעזיצער; דאָ זיינען די גייסטליכע ניט געווען ביי זיך אַזוי גרויס און האָבען געלעבט צוזאַמען מיט׳ן בויער. די רעפאָרמעס פון דער רעוואָלוציאָן זיינען דאָ דעריבער אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס ערביטערונג. דאָ האָבען זיי ניט פערשטאַנען, דאָס מען וויל אָפּשאַפען די פּריווילעגיעס פון די פעאָדאַלען. נאָך מעהר אויפגעבראַכט זיינען זיי געוואָרען דערפאַר, וואָס מען וויל פּעריאָגען די פּריסטער, וועלכע ווילען ניט געבען די זינדיגע שבועה, און דערפאַר, וואָס מען וויל פון זיי צונעהמען זייערע זיהן און אַריינברייננגען זיי אין די אַרמעע פון קעניגס־מערדער. מיט זעלטענער בעגייסטערונג האָבען די בויערן אין ווענדעע געמאַכט אַן אויפשטאַנד. זייער געגען־רעוואָלוציאָן איז געוואָרען זעהר געפעהרליך פיר די פּראָלעטאַריער אין פּאַריז.

די באַרג־פּאַרטיי האָט בעשלאָסען צו טאָן אַלעס מעגליכעס, אום צו רעטען די רעוואָלוציאָן פון איהרע פיינד. זיי האָבען זיך ניט געשראָקען פאַר קיינע אויסערגעוועהנליכע מיטלען. זיי האָבען גוט פערשטאַנען, דאָס יעצט קען מען ניט מאַכען קיין אָרדנונג און אָנהאַלטען זי מיט געזעצען,

ארטיקעל 1. דער ציל פון דער געזעלשאפט איז דאס אלגעמיינע גליק. די רעגירונג איז געמאכט געווארען, אז זי זאל אפהיטען און אכטונג געבען, דאס יעדער מענש זאל געניסען זיינע נאטירליכע רעכטען און זי זאל ניט דערלאזען, דאס אימיצער זאל וועמען עס איז בערויבען פון זיינע רעכטען.

ארט. 2. דיזע רעכטען זיינען: גלייכהייט, פרייהייט, זיכערהייט, און אייגענטום.

ארט. 3. אלע מענשען זיינען גלייך דורך די נאטור און פאר דעם געזעץ.

ארט. 4. דאס געזעץ איז דער פרייער אויסדרוק פון דעם אלגעמיינעם ווילען. עס דארף שיצען אלעמען גלייך, און דארף בעשטראפען אלע פערברעכער גלייך. דאס געזעץ קען נאר הייסען טאן וואס עס איז גערעכט און ניצליך פיר די געזעלשאפט, עס קען נאר פערבאטען וואס עס איז שעדליך דער געזעלשאפט.

ארט. 5. אלע בירגער קענען צוגעלאזען ווערען צו אלע עמטער. א פרייעס פאלק קען אין זינען האבען ביי די וואהלען נאר די טוגענד (די גוטע מעשים, די מאראל) און די פעהיגקייט פון דער פערזאן, וואס דארף ערוועהלט ווערען צו אן אמט.

ארט. 6. די פרייהייט איז דאס רעכט פון יעדען מענשען צו טאן אלעס, וואס שאדט ניט אן אנדערען. דער הויפט-פרינציפ פון פרייהייט איז: טו ניט צו קיין אנדערען דאס, וואס דו וואלסט ניט וועלען, אז מען זאל דיר טאן.

ארט. 7. מען קען קיינעם ניט פערוועהרען אדער שטערען צו פערעפענטליכען זיינע געדאנקען און מיינונגען פאר דער געזעלשאפט אדער פאר דער וועלט, דורך די פרעסע אדער מיט אן אנדער אופן. מען קען ניט רויבען פון קיינעם דאס רעכט צו פערזאמלען זיך פרידליך; מען קען קיינעם ניט פערוועהרען צו היטען זיין רעליגיאן.

עס איז אייגענטליך גאר איבריג צו רעדען וועגען אזעלכע נאטירליכע רעכטען פון מענשען, אבער מען מוז דאס בעווארענען, ווייל דער דעספאטיזם האט אימער בערויבט די בירגער פון דיזע רעכטען.

ארט. 8. די זיכערהייט בעשטעהט אין דעם, דאס די געזעלשאפט מוז געבען שוץ יעדען איינעם פון איהרע מיטגלידער צו היטען זיין פערזאן, זיינע רעכטען און זיין אייגענטום.

ארט. 9. דאס געזעץ מוז שיצען די פערזענליכע פרייהייט פון יעדען איינעם געגען דער אונטערדריקונג פון דער רעגירונג.

איהרע הענט, איז געוועזן פאַלש. די מאַסען זיינען פון זיין פערפאַסונג איינפאַך בעגייסטערט געוואָרען. ווען עס האָבען אין יאָהר 1795 אויסגעבראָכען גרויסע אויפשטאַנדען, האָבען די אַרבייטער פון סט. אַנטואַן אָנגעשריבען מיט קרייד אויף זייערע היט: „ברויט און די פערפאַסונג פון יאָהר 93".

הגם דער פּלאַן פון דער נייער פערפאַסונג האָט נאָך ניט פערזיכערט די פּראָלעטאַריער מיט ברויט און זייער עקסיסטענץ, האָט ער זיי אָבער פערזיכערט מיט פּאָליטישער גלייכהייט אין אַזאַ גראַד, אין וועלכען זי האָט נאָך אין קיין אָרט ניט עקסיסטירט. לויט דיזער פערפאַסונג האָט דאָס פאָלק בעקומען אונבעשרענקטעס רעכט צו העלפען זיך זעלבסט געגען יעדער בעשרענקונג פון זיינע רעכטען און געגען יעדער אונטערדריקונג, און האָט פאָלשטענדיג פערניכטעט דעם פּרינציפּ פון אַבסאָלוטער רעגירונגס־געוואַלט און די לעהרע, אַז דאָס פאָלק מוז זיין אַבסאָלוט אונטערטעניג, געהאָרזאַם און פּאַסיוו (געדולדיג). הגם דער פּלאַן פון דיזער פערפאַסונג איז ניט אָנגענומען געוואָרען, ווייל די מעהרהייט פון קאָנווענט האָט ערקלערט, דאָס אין אַזאַ אונרוהיגער צייט מיט אַזעלכע געפעהרליכע קאַמפּען איז אונמעגליך צו רעגירען מיט אַזאַ דעמאָקראַטיע, — בלייבט דאָך דער פּלאַן אַן אייביגער מאָנומענט פיר די דעמאָקראַטישע שטרעבונגען פון יענער צייט. דיזער פּלאַן וועט אימער פערנעהמען אַן עהרען־פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער אייראָפּעאישער דעמאָקראַטיע. דער ערסטער טייל פון דיזען דאָקומענט, אין וועלכען ראָבעספּיערר האָט געטאָן זיין בעסטעס, לויטעט ווי פאָלגט:

„ערקלערונג פון די רעכטען פון א מענשען און פון א בירגער.

„דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז איבערצייגט, דאָס דער גרעסטער אונגליק אין דער וועלט צווישען מענשען איז, וואָס די רעגירער האָבען פערגעסען אָדער האָבען ניט געוואָלט וויסען פון די נאַטירליכע מענשען־רעכטען. און דעריבער האָט דאָס פראַנצויזישע פאָלק בעשלאָסען צו ערקלערען אָפען און פייערליך די נאַטירליכע רעכטען פון מענשען, אום די בירגער זאָלען קיינמאָל זיך ניט לאָזען פערנאַרען דורך די טיראַנען, וועלכע זוכען זיי צו אונטערדריקען און ערנידריגען. דורך דיזע פערפאַסונג וועט דאָס פאָלק אימער האָבען פאַר זיינע אויגען זיינע רעכטען און זיין פרייהייט, די רעגירונג וועט וויסען איהרע פליכטען, און דער געזעצגעבער וועט וויסען דעם געגענשטאַנד, וועלכען ער מוז האָבען פאַר זיינע אויגען, ווען ער גרייט מאַכען געזעצען פיר דאָס פאָלק.

ארט. 18. יעדער מענש קען פערקויפען זיין ארבייט, זיין צייט, ער קען אָבער ניט פערקויפען זיין פּערזאָן, און קיינער האָט אויך ניט דאָס רעכט צו קויפען זיין פּערזאָן. דאָס געזעץ אָנערקענט ניט קיין ארט בעדי־נערשאַפט פון איינעם צום אַנדערען, אויסער פון אַן ארבייטער און ארבייט־געבער פיר געוויסע בעלוינונג, וועלכע דריקט אויס די דאַנקבארקייט פון דעם ארבייט־געבער.

ארט. 19. אויך קען מען ניט אָפּנעהמען פון אַ מענשען דעם קלענסטען טייל פון זיין אייגענטום, אויסער אין פאַל, ווען די עפענטליכע נויט צווינגט דערצו, אָבער אויך דאַן מוז ער בעקומען בעצאָהלט פיר דאָס אייגענטום, וואָס מען נעהמט פון איהם צו.

ארט. 20. מען קען פאָדערן פון אַ בירגער נאָר אַזעלכע אָפּגאַבען, וואָס זיינען בעשטימט פיר אַלגעמיינע נוצען. אַלע בירגער האָבען דאָס רעכט צו זיין אָנוועזענד און צו נעהמען אַן אָנטייל ביי דער בעשטימונג פון שטייער און אָפּגאַבען און צו פאָדערן רעכענשאַפט אויף וואָס די שטייער־געלטען זיינען פערברויכט געוואָרען.

ארט. 21. די עפענטליכע אונטערשטיצונג איז אַ הייליגע פליכט. די געזעלשאַפט מוז די אונגליקליכע בירגער אונטערשטיצען: זי מוז זיי פער־שאַפען ארבייט, און צו די, וואָס זיינען אונפעהיג צו ארבייטען, מוז זי פער־שאַפען די נעטיגע מיטלען צום לעבען.

ארט. 22. אַלע מוזען זאָרגען וועגען אונטעררי‍כט (שול־בילדונג). די געזעלשאַפט מוז אָנווענדען איהר גאַנצע מאַכט צו ענטוויקלען די יונגע קינ־דער גייסטיג און מאָראַליש, אום צו מאַכען זיי ניצליך פיר זיי זעלבסט און פיר די געזעלשאַפט.

אַרט. 23. די געזעלשאַפט מוז שטרעבען צו זיכערן יעדען דעם גענוס פון זיינע רעכטען. דיזע פליכט ליגט אויף די אויבער־הערשאַפט פון דער נאַציאָן.

ארט. 24. דאָס געזעץ זאָל בעשטימען די גרענצען פון דער עפענט־ליכער טעטיגקייט פון די בעאַמטע און מוז אויך זיכער שטעלען זייער פער־אַנטוואָרטליכקייט.

אַרט. 25. די אויבער־מאַכט פון דער רעגירונג געהערט צום פאָלק. זי קען ניט צוטיילט ווערען, זי קען ניט איבערגעהן אָדער איבערגעגעבען ווערען צו אַן אַנדערען.

אַרט. 26. קיין טייל פון פאָלק קען ניט טאָן דאָס, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק האָט די מאַכט צו טאָן, אָבער יעדע אָפּטיילונג פון דער פערטרעטענ־

אַרט. 10. קיין מענש זאָל ניט ווערען אַרעסטירט אָדער אָנגעקלאָגט אויסער אין פעלען, ווען דאָס געזעץ פאָדערט עס. יעדער בירגער, וועלכער ווערט גערופען אָדער אַרעסטירט דורך די אויטאָריטעט פון געזעץ, מוז געהאָרכען אויגענבליקליך. יעדער ווידערשטאַנד אין דיזער הינזיכט איז אַ פערברעכען און מוז בעשטראָפט ווערען.

אַרט. 11. יעדער אַקט, וואָס ווערט געטאָן געגען אַ מענשען ניט נאָך די פאָדערונגען און פאָרמעס פון דעם געזעץ, איז אַ טיראַניי און אַן אונגערעכטע טאַט. ווען מען וויל אַזאַ אונגערעכטע טאַט אויספיהרען מיט געוואַלט, האָט דער אָנגעגריפענער דאָס רעכט צו געברויכען געוואַלט אום צו פערטיידיגען זיך געגען אַזאַ גוואַלדטאַט.

אַרט. 12. ווער עס רייצט אָן מענשען צו טאָן זאַכען געגען דעם געזעץ, אָדער ער פאָדערט עס, אָדער ער נעהמט אַליין אין דעם אַן אָנטייל, פיהרט עס אוים אָדער לאָזט עס אויספיהרען, דער מוז בעשטראָפט ווערען פיר אַזאַ פערברעכען.

אַרט. 13. יעדער מענש מוז בעטראַכט ווערען אַלס אונשולדיג, כל זמן זיין שולד איז ניט בעוויזען געוואָרען. דעריבער איז שטרענג פערבאָטען צו געברויכען וועלכע עס איז האַרטע מיטלען, ווען די אומשטענדען פאָדערן לויט געזעץ אימיצען צו פערהאַפטען אום צו פערזיכערן זיך מיט זיין פערזאָן, דאָס ער זאָל ניט ענטלויפען פון דער גערעכטיגקייט. ווער עס זאָל זיך ערלויבען צו האַנדלען ניט ווי דיזער אַרטיקעל פאָדערט, זאָל שטרענג בעשטראָפט ווערען דורך דאָס געזעץ.

אַרט. 14. קיינער זאָל ניט ווערען פעראורטיילט אָדער בעשטראָפט איידער מען האָט אויסגעהערט, וואָס ער האָט צו זאָגען אין זיין פערטיידיגונג. קיין האַנדלונג קען ניט בעשטראָפט ווערען ווען זי איז געגען אַ געזעץ, וואָס איז געמאַכט געוואָרען שפּעטער ווי די האַנדלונג איז געשעהען.

אַרט. 15. דאָס געזעץ קען בעשטימען שטראָפען פיר אַ פערברעכען נאָר דאַן, ווען די שטראָפען זיינען ווירקליך נויטווענדיג. די שטראָפען מוזען זיין פּראָפּאָרציאָנעל צום פערברעכען; זיי מוזען אויך זיין ניצליך פיר די געזעלשאַפט.

אַרט. 16. דאָס אייגענטומס־רעכט גיט יעדען בירגער דאָס רעכט צו געניסען די פרוכט פון זיין אַרבייט און צו טאָן דערמיט וואָס ער וויל.

אַרט. 17. מען קען ניט פערווערען די בירגער צו בעשעפטיגען זיך מיט וועלכע עס איז אַרבייט, האַנדעל אָדער אינדוסטריע.

פון יאָהר 1793 איז געווען די פאָלקאָמענסטע הערשאַפט פון דער פאָלקס־מאַסע. אָבער די ראַדיקאַלען זיינען מיט איהר נאָך ניט געווען צופרידען. „אין דיזער קאָנסטיטוציאָן פעהלט די פערזיכערונג פון ברויט צו די יעניגע, וועלכע האָבען עס ניט, עס פעהלט די אָפּשאַפונג פון אָרימקייט און בעטלען!" האָט שאַבאָט אויסגעשריען. מען האָט געפאָדערט נייע קאָנפיסקאַציאָנען, נייע טערראָריסטישע מאַסרעגלען; מען האָט געמאַכט א צוואַנגס-אַנלייהע פון די רייכע, מען האָט ארויסגעגעבען א שטרענגען דעקרעט געגען די וואוכערניקעס, און אַ געזעץ וועגען די אַסיגנאַציעס, וואָס צירקולירען אין פאָלק פון דער קעניגליכער צייט.

ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, האָט מען מיט דער נייער פערפאַסונג נאָך ניט געקענט רעגירען. די בארג־פּאַרטיי האָט געפאָדערט א

מאַראַט.

דיקטאַטור (אַ צייטווייליגע אונבעשרענקטע הערשאַפט). ווען זיי זיינען שוין געווען נאָהענט צו זייער ציל האָט זיך געמאַכט אַזאַ מין צופאַל, וועלכער האָט געגעבען דעם צושטאַנד גאָר אַן אַנדער ווענדונג. דעם 13טען יולי האָט שאַרלאָטטע קאָרדעי, אַ יונגע שענע דאַמע פון אַדעל, 25 יאָהר אַלט, ערמאָרדעט מאַראַט׳ן ווען ער איז געזעסען אין וואַנע. דיזע מאָרדטאַט האָט אויפגערודערט גאַנץ פּאַריז. מאַראַט איז געווען פעררע-כענט פיר אַ גרויסען פאָלקס־פריינד, און זיינע פערעהרער האָבען איהם בע-ערדיגט מיט גרויס פּאַראַד. ער איז געפאַלען אַלס אָפּפער פון דעם האַס פון די זשיראָנדיסטען.

דער פערזאַמלונג האָט דאָס רעכט אויסצודריקען איהר ווילען מיט פולער פרייהייט.

אַרט. 27. יעדע פּערזאָן, וועלכע וועט וועלען אָנאייגנען זיך די העכסטע מאַכט פון פאָלק, זאָל אויגענבליקליך בעשטימט ווערען פון די פרייע מענער צום טויט.

אַרט. 28. אַ פאָלק האָט צו יעדער צייט דאָס רעכט זיין פערפאַסונג דורכצוזעהן, צו רעפאָרמירען און צו ענדערן. איין דור קען ניט בינדען די קומענדע דורות פעסטצוהאַלטען זיך אָן די געזעצען, וואָס ער האָט פערפאַסט.

אַרט. 29. די בירגער האָבען דאָס גלייכע רעכט צו פערזאַמלען זיך צו שאַפען געזעצען, און צו ערנענען דעפּוטאַטען און פערטרעטער.

אַרט. 30. די עפענטליכע אַמט־טעטיגקייט איז פאַריבערגעהענד; זי מוז בעטראַכט ווערען אַלס אַ פליכט, אָבער ניט אַלס אַ בעלוינונג אָדער אַלס אַן אונטערשייד.

אַרט. 31. ווען אַ פאָלקס־פערטרעטער בעגעהט אַ פערברעכען, מוז ער בעשטראָפט ווערען גלייך ווי אַן אַנדער בירגער. קיינער האָט ניט דאָס רעכט צוצושרייבען זיך אונפעראַנטוואָרטליכקייט אין געגענזאַץ צו אַלע אַנדערע בירגער.

אַרט. 32. דאָס רעכט צו דערלאַנגען ביטשריפטען צו די ערוועהלטע פון פאָלק טאָר פיר קיין פאַל ניט בעשרענקט ווערען.

אַרט. 33. דער ווידערשטאַנד געגען אונטערדריקונג איז אויך אַ מענשען־רעכט, וועלכעס קען ניט און דאַרף ניט אין קיין פאַל בעשטראָפט ווערען.

אַרט. 34. ווען מען דריקט איינעם פון דער געזעלשאַפט איז עס גלייך, ווי מען זאָל אונטערדריקען די גאַנצע געזעלשאַפט, און עס איז אַן אונטערדריקונג פון יעדען גליד בעזונדער ווען מען דריקט דעם גאַנצען קערפּער.

אַרט. 35. ווען די רעגירונג טוט עטוואָס געגען די רעכטען פון פאָלק, האָט דאָס פאָלק דאָס הייליגע רעכט צו מאַכען אַן אויפשטאַנד. צו געברויכען דיזעס רעכט איז די הייליגסטע פליכט פון יעדען איינעם".

מיט דיזער פערפאַסונג בעקומט דאָס פאָלק אַלערליי מאַכט: די גאַנצע דעה אין דעם פערטיילען און בעשטימען די העכסטע עמטער, אַלגעמיינעם שטימרעכט, דאָס רעכט צו מאַכען פערזאַמלונגען ווען און וואו עס וויל, ניט אָנפרעגענדיג ביי וועלכען עס איז בעאַמטען; דאָס רעכט צו ערוועהלען פערטרעטער און צו קאָנטראָלירען זייער אויפפיהרונג. דיזע קאָנסטיטוציאָן

רעוואָלוציאָן און גלייך הינריכטען זיי. אַלע איינוואוינער פון דער שטאָדט זאָלען אָפּגעבען זייערע וואפען, אויסער די, וועלכע האָבען זיך ניט בעטיי-ליגט אין אויפשטאַנד. די שטאָדט ליאָן ווערט צושטערט. עס בלייבען נאָר די הייזער פון די אָרימע, שולען, האָספּיטעלער, פאַבריקען, ווערק-שטאַטען און רעגירונגס-געביידעס. די שטאָדט זאָל מעהר ניט טראָגען דעם נאָמען „ליאָן", נאָר „די בעפרייטע געמיינדע". אויף די חורבות פון דער צו-שטערטער שטאָדט זאָל מען אויפשטעלען אַ מאָנומענט מיט דער אויפ-שריפט: „ליאָן איז געווען געגען פרייהייט, דערפאַר עקסיסטירט שוין ניט מעהר ליאָן". הגם די דעפּוטירטע (די קאָמיסיאָן) האָבען דיזע פאָדערונג ניט ערפילט פינקטליך, דאָך איז דער חורבן פון דער שטאָדט ליאָן געווען אַ שרעקליכער. די איינוואוינער זיינען דערשאָסען געוואָרען דורך האַר-מאַטען און גאַנצע גאַסען זיינען צושטערט געוואָרען.

אויך ווענדעע איז בעזיגט געוואָרען פון דעם קאָנוועגט. אונטער די טיכטיגע גענעראַלען וועסטערמאַן, קלעבער און מאַרסאָ האָט די וועסט-אַר-מעע פון די רעוואָלוציאָנערען פערניכטעט די בויערן, וואָס האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען דער רעוואָלוציאָן, ביי שאָללעט (15טען אָקטאָ-בער 1793). ניט ווענינער פון 30,000 מענשען האָבען אויסגעוואַנדערט נאָך ברעטאַני', וואו זיי האָבען גערעכענט אויף ענגלישע הילף. אָבער זיי זיינען כמעט אַלע פערניכטעט געוואָרען, נאָר אַ קליינע צאָהל פון זיי האָט זיך גערעטעט. די רעוואָלוציאָנערען האָבען בעשלאָסען צו פערניכטען די ווענדעער אין גאַנצען, ווייל זיי האָבען געזעהען, דאָס די ווענדעער זיינען נאָר פערמאַטערט, אָבער ניט אונטערוואָרפען. 16 לאַגערן האָבען אַרומ-גערינגעלט דעם גאַנצען געביט און האָבען פערניכטעט די גאַנצע געגענד מיט פייער און שווערד.

האַנט אין האַנט מיט דיזע שרעקענס-געריכטען איז געגאַנגען די טעטיג-קייט פון דעם פּאַריזער רעוואָלוציאָנס-טריבונאַל. ער האָט אָנגעהויבען מיט אַ פּראָצעס געגען דער קעניגין און די זשיראָנדיסטען. דעם 14טען אָקטאָ-בער האָט די קעניגין מאַריאַ אַנטואַנעטטע, וועלכע דאָס פאָלק האָט דאַמאָלס גערופען איינפאַך „די אלמנה קאַפּעט", געמוזט ערשיינען פאַר דעם רעוואָ-לוציאָנס-טריבונאַל. די פערהאַנדלונגען האָבען געדויערט 3 טעג און 3 נעכט. זי האָט זיך פערטיידיגט מיט גרויס מוט און מיט פיעל גייסט. אָבער דאָס געריכט האָט זי פערורטיילט צום טויט פיר איהרע אינטריגעס, ווי אויך פיר איהר האַס געגען פאָלק און איהר הויכמוט (גאוה). זי האָט גע-

דער טויט פון מאַראַט'ן האָט געוויזען קלאָר די יאַקאָבינער, וואָס זיי האָבען צו ערוואַרטען פון די זשיראָנדיסטען. זיי האָבען אָנגעהויבען נעה-מען ענערגישע מאַסרעגלען. זיי האָבען אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, דאָס אַלע פראַנצויזען אין אַלטער פון 18 ביז 25 יאָהר זאָלען ווערען בעוואַפענט. אין אַ קורצער צייט האָט די רעפּובליק געהאַט 14 אַרמעען פון 1,200,000 פּערזאָן. דעם 5טען סעפּטעמבער האָט דער קאָנווענט אָנגעהויבען צו גע-ברויכען גוואַלדטאַט. עס איז דאַן געגרינדעט געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנס-אַרמעע פון 6,000 מאַן אינפאַנטעריע (פוס-סאָלדאַטען) און 1,200 קאַנאָ-ניערען (האַרמאַטען-שיסער). דער צוועק פון דיזער אַרמעע איז געווען — אויסצוראָטען, פערניכטען אַלע פערשווערער געגען דער רעוואָלוציאָן און צו העלפען דורכפיהרען די געזעצען פון די רעוואָלוציאָנערען. צוזאַמען מיט דער גרינדונג פון דער אַרמעע איז אויך רעאָרגאַניזירט געוואָרען דאָס רעוואָלוציאָנס-געריכט, וועלכעס האָט געהאַט זיינע ריכטער איבערהויפּט פון ראָבעספּיעררע'ס אָנהענגער.

דעם 17טען סעפּטעמבער 1793 איז פּערעפּענטליכט געוואָרען דאָס שרעקליכע געזעץ, דאָס יעדער, וואָס איז נאָר פערדעכטיגט צו זיין געגען דער רעוואָלוציאָן, זאָל הינגעריכטעט ווערען דורך די גילליאָטינע. פער-דעכטיג האָט מען גערעכענט ניט נאָר די, וואָס זיינען בעקאַנט געווען אַלס פיינד פון פרייהייט, נאָר אויך אַלע פון אַלטען אַדעל מיט זייערע קרובים און די אויסגעוואַנדערטע. פערדעכטיג זיינען אויך געווען די יעניגע, וואָס האָבען ניט געקענט בעווייזען פון וואָס זיי ערנעהרען זיך, ווי אויך די דאָ-זיגע בעאַמטע, וועלכע דער קאָנווענט האָט ענטזאָגט פון זייערע שטעלעס. אויף דיזע גרינדען האָט די גוואַלד-הערשאַפט אָנגעהויבען צו אַרבייטען.

פריהער פון אַלץ האָט זיך דער קאָנווענט גענומען מיט גרויס ענערגיע צו דערשטיקען אין לאַנד אַלע אויפשטאַנדען פון דער געגען-רעוואָלוציאָן. מאַרסעיל איז איינגענומען געוואָרען און אייניגע הונדערט פערזאָנען זיינען הינגעריכטעט געוואָרען. די שטאָדט האָט פערלאָרען איהר נאָמען. אָנ-שטאָט „מאַרסעיל" האָט מען זי אָנגערופען „די געמיינדע אָהן אַ נאָמען". נאָך מאַרסעיל איז איינגענומען געוואָרען ליאָן. דאָרט האָבען זיך געפונען זעהר פיעלע ראָיאַליסטען (קעניגליכע אָנהענגער). די ראַכע, וואָס די רע-וואָלוציאָנערען האָבען גענומען פון ליאָן, איז געווען שרעקליך. דער קאָנ-ווענט האָט בעשלאָסען:

„צו שיקען אַ קאָמיסיאָן פון 5 דעפּוטאַטען פון קאָנווענט נאָך ליאָן, צו פערהאַפטען דאָרט די יעניגע, וואָס האָבען געברויכט וואַפען געגען דער

הערט איהר אורטייל רוהיג און איז אַרויף אויף דעם עשאַפאָט מיט פעסטע טריט, אונערשראָקען.

דעם 31טען אָקטאָבער זיינען אויף די 21 זשיראָנדיסטען הינגעריכ־טעט געוואָרען. זיי האָבען שוין געוואוסט פון פריהער, דאָס מען וועט זיי ניט פּראָצעסירען, נאָר מען וועט זיי הינריכטען אָהן אַ שום פּראָצעס. זיי האָבען געהאַלטען גלענצענדע רעדעס פול מיט וויץ און שפּאָט. די יאַקאָ־בינער האָבען זיך געפונען מאָראַליש צוגעדריקט, און זיי האָבען דעם גאַנ־צען פּראָצעס געמאַכט קורץ. די זשיראָנדיסטען האָבען איבערגעטראָגען די הינריכטונג גאַנץ קאַלטבלוטיג. זיי האָבען זיך אומגעאָרמט ביים עשאַ־פאָט און האָבען זאָגאַר געזונגען פרייהייטס־לידער. אויף דער שיקזאַל פון די ענטלאָפענע זשיראָנדיסטען איז געווען זעהר טרויעריג. איינינגע האָבען זיך אַליין גענומען דאָס לעבען. דעם 8טען נאָוועמבער איז אויך מאַדאַם ראָלאַנד הינגעריכטעט געוואָרען.

אָבער דאָס איז נאָר געווען דער אָנפאַנג פון טעררער. דער שווערד און די גילליאָטינע האָבען געאַרבייט פירכטערליך אין פּאַריז און אין גאַנ־צען לאַנד. אין יעדער שטאָדט איז געווען איינגעריכטעט אַ רעוואָלוציאָנס־געריכט מיט אַן אונבעשרענקטער מאַכט, און איהם צו הילף איז געשטאַנען גרייט אַ רעוואָלוציאָנס־אַרמעע, וועלכע האָט געהאָלפען אויספיהרען זיינע בעפעהלען. די מענשליכקייט מוז זיך שעמען מיט אַזעלכע בלוט־טאַטען, אָבער זיי זיינען געווען אבסאָלוט נעטיג.

אויך געגען דעם אויסערען פיינד, געגען די פערבינדעטע מעכטען, האָ־בען די רעוואָלוציאָנערען געקעמפט מיט גרויס ערפאָלג. זינט דעם פעררעט פון דיומוריעז האָבען די רעוואָלוציאָנערען פערלאָרען יעדען צוטרויען צו די גענעראַלען, און זיי האָבען אַרויסגעגעבען צו אַלע פעלדהעררען אַ בע־פעהל, דאָס זיי מוזען זיגען, און פיר יעדע נידערלאַגע וועלען די פעלדהעררען הינגעריכטעט ווערען. דאָס האָט ווירקליך פיעל געווירקט, אָבער מעהר פון אַלעם האָט געהאָלפען צו זייער ערפאָלג אין דעם שטרייט מיט די אויס־לענדישע מעכטען דער מיליטערישער זשעניע פון דעם פעלדהערר קאַר־נאָט. דיזער מערקווירדיגער רעפּובליקאַנער האָט געברויכט אַ גאַנץ נייע אַרט קריגס־פיהרונג. אָנשטאָט דער אַלטער ליניע־טאַקטיק האָט ער איינ־געפיהרט די צושטרייטע פעכטונג, און ער האָט מיט דער נייער מעטאָדע געהאַט גרויס ערפאָלג. מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „דער אָרגאַני־זאַטאָר פון זיג".

מאריא אנטואנעטטע ווערט געפיהרט פון דעם רעוואָלוציאָנס־
געריכט.

22טען סעפּטעמבער 1792. דאָס יאָהר איז געװען אײנגעטײלט אין 12 מאָנאַטען, יעדער מאָנאַט האָט געהאַט 30 טעג. די נעמען פון די מאָנאַטען זיינען געװען: װענדעמיעיר (מאָנאַט פון װיין־טרויבען זאַמלונג), פון דעם 22טען סעפּטעמבער ביז דעם 22טען אָקטאָבער; ברומעיר (נעבעל), פון דעם 22טען אָקטאָבער ביז דעם 22טען נאָװעמבער; דאַן װייטער: פרימעיר

קאַרנאָט.

(פראָסט), ניװאָז (שנעע), פלובּיאָז (רעגען), װענטאָז (װינט), זשערמינאַל (שפּראָצונג), פלאָרעאַל (בליהונג), פּרעריאַל (לאָנקע), מעססידאָר (שניט־צייט), טהערמידאָר (היץ), פרוקטידאָר (פרוכט). יעדער מאָנאַט איז געװען אײנגעטײלט ניט אין װאָכען, נאָר אין דעקאַדען (צעהנדליגען פון טעג); דער לעצטער טאָג פון יעדער דעקאַדע איז געװען בעשטימט אַלס טאָג פון

די פערבינדעטע מעכטען זיינען אַלזאָ צוריקגעשטויסען געוואָרען פון דער נאָרד־גרענעץ. אויסער דער בעגייסטערונג פון די פראַנצויזען האָבען נאָך געהאָלפען צו דער נידערלאַגע פון די מעכטען די רייסעררייען צווישען זיי זעלבסט. אַנשטאָט צו געהן מיט אַלגעמיינע קרעפטען געגען פּאַריז, האָבען גאָר די ענגלענדער גענומען זיך איינצונעהמ׳ען דינקירכען (דונקירק), ווייל דאָס איז געווען וויכטיג פיר איהרע אייגענע אינטערעסען; דער הער־צאָג פון קאָבורג האָט בעלאַגערט מאָבאָזש. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָסביידע אַרמעען זיינען געשלאָגען געוואָרען פון די רעפּובליקאַנער: די ענגלענדער ביי האָנדסשאָאָטען (18טען סעפּטעמבער) און די עסט־רייכער ביי וואַטטיני (28טען—30טען נאָוועמבער). אויך ביים אויבער־רהיין האָט זיך די לאַגע פון די פערבינדעטע מעכטען געענדערט צו ערגער. עס זיינען אַרויסגעקומען רייסעררייען צווישען פּרייסען און עסט־רייך צוליב דער עראָבערונג פון עלזאַס. דערמיט האָבען זיך בענוצט די פראַנצויזען און האָבען געהאַט אַ גרויסען זיג אונטער זייערע נייע גענע־ראַלען האָשע און פּישעגרו. דער קאָנווענט האָט אָנגעזאָגט: „לאַנדאו (אַ פעסטונג ביים אויבער־רהיין) אָדער דער טויט”. דאָס איז געווען וואָס די רעפּובליקאַנישע אַרמעע האָט געהאַט צו וועהלען. די רעפּובליקאַנער האָבען געפאָכטען טאָג און נאַכט ביז זיי האָבען ענדליך געזיגט. אַ צוויי־טע נידערלאַגע פון די פעראייניגטע מעכטען האָט געמאַכט דעם אונגליק פאָלשטענדיג. דער רעסט פון די אַרמעען האָט געמוזט צוריק אַריבער־געהן דעם רהיין, און דער הערצאָג פון ברוינשווייג האָט געמוזט רעזיגנירען פון זיין שטעלע אַלס אויבער־קאָמאַנדיר.

אַזוי איז די באַרג־פּאַרטיי אַרויס אַלס זיגערין פון אַלע געפאַהרען. זי האָט געזיגט געגען די אויסלענדישע מעכטען און האָט איינגעשטילט דעם בירגער־קריג אין לאַנד גופא. אמת, דאָס לאַנד איז געשוואומען אין בלוט, אָבער די בלוט־פערגיסונג האָט געפיהרט צו אַ צוועק.

אָבער די פּראָלעטאַריער האָבען זיך ניט בענוגענט מיט זייער זיג איבער די זשיראָנדיסטען און די אַלטע קעניגליכע פּאַרטיי. זיי האָבען געוואָלט אין גאַנצען פערניכטען דעם פונדאַמענט פון דער אַלטער געזעל־שאַפט. מען האָט געשטרעבט צו בעזייטיגען די גאַנצע פערגאַנגענהייט, אום עס זאָל זיך אָנהויבען אַ גאַנץ נייע צייט. עס איז אָפּגעשאַפט געוואָ־רען דער קריסטליכער קאַלענדער און עס איז איינגעפיהרט געוואָרען אַ נייע צייט־רעכנונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער גרינדונג פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק. דאָס ערסטע יאָהר האָט זיך גערעכענט פון דעם

זיינען ניט געווען אַזוי ראַדיקאַל, און האָבען געבילדעט אין דיזער הינזיכט אַ מיטעלע קלאַס. אויך ראָבעספּיערר האָט געהערט צו דיזער מיטעלער קלאַס, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די מאַסען, און אויך אויף'ן קאָנוועננט. דיזע קלאַס האָט געהאַט פיעל רעספּעקט פיר די אַנשויאונגען און פילאָזאָפישע אידעאַלען פון רוססאָ. דיזע אַכטונג איז געווען אַזוי גרויס, דאָס אין אַלע רעגירונגס־אַנשטאַלטען איז אויף'ן ביוראָ געלעגען אָפען רוססאָ'ס ווערק ווי די ביבעל אונטער די קריסטליכע רעגירונגען. ראָבעספּיערר איז אָפילו געווען גענוג טאָלעראַנט אָנצוזעהן רוהיג דעם קולט פון די הערבערטיסטען, אָבער אין גרונד איז ער געווען דורכגעדרונגען מיט דער מיינונג, דאָס ווען אַ געבילדעטער קען אויסקומען אָהן רעליגיאָן, איז זי אָבער נויטווענדיג פיר די מאַסען. פיר דאָס פאָלק איז זעהר ניצליך און גוט דער גלויבען, דאָס עס עקסיסטירט אין דער וועלט אַ מאַכט, וואָס בעלוינט פיר מעשים טובים און בעשטראָפט פיר מעשים רעים. „ווען עס זאָל זאָגאַר ניט עקסיסטירען אַ גאָט, וואָלט מען איהם מוזען ערפינדען".

אויסער דער רעליגיאָנס־פראַגע איז די באַרג־פּאַרטיי געווען געשפּאָלטען אין פּאָליטישע אַנזיכטען. די ראַדיקאַלען האָבען געוואָלט פאָרטזעצען דעם טעררער און האַלטען די גיללאָטינע בעשעפטיגט אָהן אויפהער, אָבער די מעסיגע מיט דאַנטאָן'ען אָן דער שפּיץ האָבען שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דיזער ריכטונג. זאָגאַר די אורהעבער פון סעפּטעמבער־מאָרד האָבען יעצט געשריען: „מילדקייט און גנאָד!" דעסמולינס, דיזער בעגייסטערטער פערטיידיגער פון דער רעוואָלוציאָן, האָט אַרויסגעגעבען אַ בלאַט מיט'ן נאָמען „דער אַלטער קאָרדעליער" *), אין וועלכען ער האָט מיט פיעל גייסט און מוט אָנגעגריפען די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג. מיט זיין גלענצענדער פעדער האָט ער אויסגעמאָלט אַ שרעקליכעס בילד פון די ליידען פון אונשולדיגע מענשען אונטער דער טיראַנניי פון דער רעגירונג פון פרייהייט, ברידערליכקייט און זיכערהייט. ער האָט פערגליכען די צייט פון דער רעפּובליקאַנישער רעגירונג אין פראַנקרייך מיט דער טיראַנישער רעגירונג אין רוים אין דער צייט פון דעם טיראַנישען הערשער נעראָ (נירון קיסר), וועלכער האָט אויך אַלעמען פערדעכטיגט. „אונטער נעראָ'ן האָבען די קרובים פון די פיעלע אָפּפער, וואָס ער האָט הינגעריכטעט, געמוזט דערפאַר בריינ-

*) נאָך אַ פּאָליטישען פּאָלקס־קלוב, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען „קאָרדעליערען".

רוה. די שאלט־טעג (ד. ה. די איבריגע 5 טעג פון יאָהר, ווייל אין א יאָהר זיינען פאראן 365 טעג, און 12 מאָנאטען צו 30 טעג זיינען דאָך נאָר 360 טעג) זיינען געווען נאציאָנאלע פעסט־טעג, וועלכע זיינען געווען געהייליגט: 1) צום גייסט, 2) צו רער ארבייט, 3) צו מעשים טובים, 4) דער בעלוינונג, און דער 5טער טאָג איז געווען געווידמעט צו דער עפענטליכער מיינונג. אין דעם לעצטען פייערטאָג, אין דעם פייערטאָג פון דער עפענטליכער מיי-נונג, האָט יעדער געמאָגט ארויסזאָגען אָפען זיין מיינונג וועגען יעדען, און איז פיר קיין אויסערונג ניט בעשטראָפט געוואָרען.

די אָפּשאפונג פון דעם קריסטליכען קאלענדער האָט ארויסגערופען א שטארקען פּראָטעסט פון די גייסטליכע, וועלכע האָבען עס גערעכענט אלס אן אָנגריף אויף די קירכע. אָבער די יאקאָבינער האָבען זיך ניט בעשרענקט מיט דיזען אָנגריף, נאָר זיי האָבען נאָך אָנגעגריפען די רעליגיאָן אין פיעלע אנדערע זאכען, מעהר וויכטיגע. די הויפּט־פערטרעטער פון דיזער שטרע-מונג זיינען געווען **אנארקאזיס קלאָאָטץ** און **העבערט.** די גרופּע יאקאָבינער, וואָס האָבען געהערט צו דיזער ריכטונג, האָבען זיך גערופען **העבערטיסטען.**

דעם 18טען אָקטאָבער האָט דער געמיינדע־ראַט אָפּגעשאפט אלע קירכ-ליכע צערעמאָניעס. עס זיינען פערבאָטען געוואָרען פּראָצעסיאָנען און וואהלפארטען (פאָהרען אויף הייליגע ערטער); עס זיינען בעזייטיגט גע-וואָרען אלע הייליגע בילדער און רעליקוויען (רעסטלאָך פון הייליגע זאכען). אין דיזער הינזיכט האָבען פיעלע פון די דעפּאַרטעמענטען נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון פאריז. עס פערשטעהט זיך, דאָס ביי פיעלע מענשען האָט דער רעליגיעזער געפיהל זעהר געליטען פון דיזע נייערונגען. די יאקאָבי-נער האָבען זיך זעהר אָפט ערלויבט צו שענדען אָפען אזעלכע זאכען, וואָס זיינען זינט טויזענדער יאָהרען געווען פערהייליגט. אזוי צ. ב. האָט מען גענומען די הייליגע קליידער פון א קירכע און די הייליגע געשיר און מען האָט דערמיט בעפּוצט גנבים אָדער אויסגעלאַסענע פרויען. די פאָרמע פון געטליכען דינסט איז געווען גאנץ פערשיידען פון דער פריהערדיגער פאָרמע. דער נייער קולט איז געווען געווידמעט צו דער פערנונפט (שכל). די שונאים פון דעם נייעם קולט האָבען אפילו אויסגעטראַכט משונה'דיגע ליגענס וועגען דעם, דאָס דער קולט צו דער פערנונפט איז פערבונדען מיט פיעל הולטייסטוואָ; אָבער דאָס איז געווען א געמיינער ליגען.

אָבער ניט די גאנצע בארג־פּארטיי איז געווען איינשטימיג מיט די הערבערטיסטען. א גרויסער טייל פון זיי, מיט דאנטאָן'ען אָן דער שפּיץ,

ריסק, ווייל דאַנטאָן איז געווען ביי די מאַסען פון פאָלק זעהר בעליבט. אָבער ער איז שוין געווען זעהר מיד פון דער רעוואָלוציאָן און האָט ניט געוואָלט מאַכען א פערזוך, אַז מען זאָל איהם בעפרייען מיט גוואַלד, הגם זיין אַרעסט האָט אַרויסגערופען אין פאָלק שרעקליכע אונרוהען און א שטאַרקע אַלגעמיינע בעוועגונג. מען האָט געפרעגט מיט שרעק: וואָס פיר א שרעקליכען פערברעכען האָבען בעגאַנגען די פערטרעטער פון פאָלק, וואָס מען האָט זיי פערהאַפטעט? און ווען א מאַן ווי דאַנטאָן וועט הינגעריכטעט ווערען דורך די גילליאָטינע, ווער קען שוין זיין זיכער מיט זיין לעבען?

די אָנגעקלאָגטע זיינען ערשינען פאַר דעם רעוואָלוציאָנס־טריבונאַל מוטיג און האָבען זיך געהאַלטען שטאָלץ. אָהן שום פורכט איז דאַנטאָן

דאַנטאָן.

אַרויף, אַזוי דאָס זאָגאַר די ריכטער האָבען געציטערט. לויט דער פאָרמע האָבען איהם די ריכטער געפרעגט זיין נאָמען, ווי אַלט ער איז און וואו ער וואוינט. דערויף האָט ער געענטפערט: „איך בין דאַנטאָן, גענוג בעקאַנט אין דער רעוואָלוציאָן, 35 יאָהר אַלט, מיין וואוינונג וועט באַלד זיין „דאָס ניכטס״ (ד. ה. אין קבר), אָבער מיין נאָמען וועט לעבען אין פּאַנטהעאָן (דער טעמפּעל, וואָס איז געהייליגט צו אַלע אונשטערבליכע) פון דער גע-שיכטע״. די ריכטער זיינען געווען פערצווייפעלט און האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט די אָנגעקלאָגטע. ראָבעספּיערר האָט געמוזט אויסאיבען אויף זיי א גרויסען דרוק אום זיי זאָלען די אָנגעקלאָגטע פערורטיילען. צום לעצטען מאָל האָט מען געהערט דאַנטאָן׳ס פורכטבאַרע שטימע, ווי ער

גען צו די געטער אַ דאַנק־אָפּפער. די קלענסטע מינע פון טרויער איז געווען פערדעכטיגט. איז איינער געווען בעליבט ביים פאָלק — איז ער געווען פערדעכטיג אַלס אַ קאָנקורענט צום קיסר. איז איינער ענטלאָפען פון פאָלק און איז געזעסען ביי זיך אין הויז — איז ער געווען פערדעכטיג, ווייל ער האָט געקענט מיט זיין אָפּגעזונדערטען לעבען צוציהען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון פאָלק. איז איינער געווען אָרים — איז ער געווען פערדעכטיג, ווייל דער וואָס האָט גאָרניט וואָס צו פערלירען איז זעהר אָפט אַ גרויסער אונטערנעהמער. איז איינער געווען מעלאַנכאָליש, טרויעריג — איז געווען אַ פערדאַכט, דאָס ער טרויערט ווייל די עפענטליכע אַנגעלעגענהייטען שטעהען צו גוט. האָט זיך אַ בירגער געלאָזט וואוילגעהן און האָט אויסגעגעבען געלט אויף אַ בעסערעם לעבען — איז ער געווען אין פערדאַכט, דאָס ער פרייט זיך וואָס דעם פירסט געהט ניט גוט אין זיין געזונדהייט. האָט זיך אימיצער אויפגעפיהרט שטרענג מאָראַליש — איז ער געווען אין פערדאַכט, דאָס ער טוט עס אום צו דינען מיט זיין לעבען אַלס אַ פּאָרוואורף געגען הויף, וואָס פיהרט אַן אונמאָראַלישעס לעבען. איז איינער געווען אַ פילאָזאָף, אַ דיכטער אָדער אַ רעדנער — איז ער געווען אין פערדאַכט, דאָס ער וויל זיך ערווערבען אַ נאָמען, וואָס זאָל איבערשטייגען דעם קיסר׳ס. האָט זיך איינער אויסגעצייכענט מיט זיין טאַלאַנט אַלס גוטער פעלדהערר— איז ער געוואָרען פערדעכטיג און מען האָט איהם באַלד געמוזט מאַכען אונשעדליך. אזוי האָט דער טיראַן פון דער אַלטער וועלט, נעראָ, פערניכטעט טויזענדער לעבענס, און אזוי האָט די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג פערניכטעט איבער צוויי מיליאָן בירגער, צום גרעסטען טייל נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען פערדעכטיג".

עס האָט זיך געבילדעט אַ שפּאַלטונג אין דער באַרג־פּאַרטיי זעלבסט. דעסמולינס האָט פערלאַנגט פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג אַן אַמנעסטיע (בעגנאַדיגונג) אום צו ענדיגען אין לאַנד די רעוואָלוציאָן און ברייננען צוריק פרידען. עס האָט אויסגעוויזען, דאָס עס נעהמט שוין אַן ענדע פון טערראָר. אָבער ראָבעספּיערר איז דאַמאָלס אַרויס מיט אַ פייערדיגער רעדע געגען די מעסיגע ווי אויך געגען די צו־ראַדיקאַלע פון דער באַרג־פּאַרטיי, און האָט ביידע גרופּען בעשולדיגט, דאָס זיי ווילען שטירצען די רעפובליק. עס איז געוואָרען אַ שטאַרקע מחלוקה און שפּאַלטונג, וועלכע האָט זיך געענדיגט דערמיט, דאָס אין מערץ 1794 איז ראָבעספּיערר׳ן געלונגען צו אַרעסטירען זיינע ביידע געגנער־פּאַרטייען — די ראַדיקאַלע הערבערטיסטען און די מעסיגע מיט זייער פיהרער דאַנטאָן. עס איז געווען אַ גרויסער

דער רעוואָלוציאָנס־טריבונאַל האָט ניט געוואוסט קיין גרענעץ צו זיינע מאָרדטאַטען. זאָגאַר שטילע געלעהרטע האָט ער געזוכט צו פערניכטען. דעם 8טען מאַי 1794 איז הינגעריכטעט געוואָרען דער בעריהמטער כעמי־קער לאַבואַזיער. ער האָט געבעטען, אז מען זאָל איהם געבען 4 וואָכען צייט, אום ער זאָל קענען ענדיגען אַ וויכטיגע כעמישע ענטדעקונג, וועלכע ער האָט געהאַלטען אין מיטען, און מען האָט איהם געענטפערט: „מיר דאַרפען ניט האָבען קיין געלעהרטע!” אין עטליכע טעג (פון 10טען יוני ביז 17טען יולי 1794) זיינען אין פּאַריז אַליין הינגעריכטעט געוואָרען 1,285 פּערזאָן. עס זיינען געוועזען טעג, אין וועלכע עס זיינען געוואָרען פּעראורטיילט און הינגעריכטעט איבער 80 פּערזאָן. זאָגאַר די פּראָלעטאַריער האָבען געקוקט מיט פעראַכטונג אויף דעם רעוואָלוציאָנס־טריבונאַל, ווייל מען האָט יעצט אָנגעהויבען צו שלעפּען אָפּפער צו דער גיללִיאָטינע פון זיי זעלבסט. עס האָט געשיינט, דאָס מאָרדען איז געוואָרען אַן און פיר זיך אַליין אַ צוועק. קיינער האָט ניט געקענט גלויבען, דאָס מען מוז מאָרדען אָרימע לייט אום אָפּצושרעקען די אויסערע פיינד. ווען מען האָט שפּעטער אויפגעפּאָדערט די אַרבייטער פון די פּאָרשטעדט פון פּאַריז צו העלפען ראָבעספּיערר'ן, וועלכען מען האָט אָנגעפאַנגען צו דריקען, האָבען זיי געענטפערט מיט איראָניע: „מיר שטאַרבען פון הונגער און איהר ווילט אונז ערנעהרען מיט הינריכטונגען!”

עס איז אונמעגליך אויסצורעכנען אַלע איינצעלהייטען פון יענע שרעקליכע טעג. מיר וועלען היר געבען נאָר איין ביישפּיל פון אַ מערדערישער טאַט. קאַררִיער האָט אַרויסגעגעבען אין נאַנטעס אַן אַמנעסטיע (בעגנאַדיגונג) פיר די יעניגע, וואָס האָבען גענומען אַן אָנטייל אין דער געגען־רעוואָלוציאָן פון ווענדעע, אויב זיי וועלען אַנידערלעגען די וואַפען. 800 האָבען געגלויבט זיין וואָרט און האָבען איבערגעגעבען זייערע וואַפען. דיזע זיינען באַלד אַלע אויף'ן אָרט געשאָסען געוואָרען. ווען אַ מוטער איז פעראורטיילט געוואָרען צו־ שטאַרבען האָט מען צוזאַמען מיט איהר אויך ערמאָרדעט איהרע קינדער, ווייל ווען זיי וועלען אויסוואַקסען וועלען זיי פּי־לייכט וועלען נעהמען ראַכע פיר דעם טויט פון זייער מוטער. קאַררִיער האָט געהייסען צוזאַמענבינדען מענער מיט פרויען און דערטרונקען זיי, און דאָס האָבען די טעררָאָריסטען גערופען אַלס אַ וויץ „די רעפּובליקאַנישע האָכצייטען”. די גיללִיאָטינע האָט ניט געקענט אויספיהרען אַלע אורטיילען פון די ריכטער, און מען האָט צוגעטראַכט אַ מיטעל, ווי אָוועקצושיקען אויף יענער וועלט מיט אַמאָל גרויסע טראַנספּאָרטען פון פעראורטיילטע:

האָט אויסגעשריען: „מען אָפּפערט אונז צוליב דעם עהרגייץ פון אייניגע אונפערשעמטע רויבער. אָבער זיי וועלען ניט לאַנג געניסען די פרוכט פון זייער פערברעכערישען זיג, איך וועל שלעפּען ראָבעספּיערר'ן מיט מיר... ראָבעספּיערר וועט געהן נאָך מיר!" דעם 5טען אַפּריל 1794 זיינען די דאַנטאָניסטען הינגעריכטעט געוואָרען נאָך דעם, ווי די קעפּ פון די העבערטיסטען זיינען געפאַלען פון דער גיללִיאָטינע. זיי זיינען געשטאָרבען מיט גרויס מוט. די ביידע מענער, דאַנטאָן און דעסמולינס, וועלכע האָבען אריינגעבלאָזען אין דער רעוואָלוציאָן פיעל מוט און בעגייסטערונג, זיינען יעצט אליין פון איהר פערשלונגען געוואָרען, ווייל זיי האָבען צו פריה אָנגעהויבען צו אַגיטירען פיר מענשליכקייט און מעסיגונג. נאָך זיי האָט אַ היבשע צייט קיינער זיך ניט ערלויבט צו זאָגען אַ וואָרט געגען דער דיקטאַטור פון דעם טעררערָ.

נאָך דעם פאַל פון די העבערטיסטען און דאַנטאָניסטען איז ראָבעספּיערר געבליבען דער ערסטער און מעכטיגסטער מאַן אין דער רעפּובליק. צוזאַמען מיט זיין פריינד סאַן זשוסט האָט ער בעהערשט דעם קאָנווענט, און ער האָט געהאַט אויסער דעם קאָנווענט גרויסע שטיצע, ווייל ער האָט פערשטאַנען צו בעשטימען זיינע אָנהענגער אויף אַלע וויכטיגע שטעלעס, איבערהויפּט אין רעוואָלוציאָנס־טריבונאַל.

אין קיין צייט האָט ניט געהערשט אין פראַנקרייך אַזאַ טעררערָ, ווי אין די 4 מאָנאַטען באַלד נאָך דעם שטורץ פון די דאַנטאָניסטען. טאָג טעגליך זיינען פאָרגעקומען שרעקליכע שחיטות. יעדען טאָג זיינען הינגעריכטעט געוואָרען מאַסען מענשען פון די רייהען, וואָס זיינען געווען פערדעכטיג, דאָס זיי זיינען געגען דער דיקטאַטור פון טעררערָ. יעדערער, וואָס האָט געהאַט אַ שטיקעל נאָמען, האָט געמוזט פאַלען אונטער דער גיללִיאָטינע, און ווען אַלע מעהר אָדער ווייניגער בעריהמטע מענשען זיינען שוין פערניכטעט געוואָרען, האָט מען אָנגעהויבען פערניכטען אויך מענשען, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין נאָמען. פיעלע אָרימע און אונבעקאַנטע זיינען דאַמאָלס געפאַלען אונטער דער גיללִיאָטינע. דעם 2טען דעצעמבער זיינען געפאַלען אונטער דער גיללִיאָטינע צוויי שוסטער דערפאַר, וואָס זיי האָבען צוגעשטעלט צו דער אַרמעע שלעכטע שיך. דעם 7טען יאַנואַר 1495 איז הינגעריכטעט געוואָרען אַ פרוי דערפאַר, וואָס זי האָט געזאַמעלט אַבאָנעמענטען אויף אַ בלאַט, וואָס איז קעניגליך געזאָנען. מיט איין וואָרט: אין יענער צייט איז אין פראַנקרייך קיינער ניט געווען זיכער מיט'ן לעבען.

דיקטאַטור. דיזעס געזעץ האָט אָנגעוואָרפען אַ שרעק זאָגאַר אויף די טער-ראָריסטען. קיינער האָט זיך יעצט ניט געפיהלט זיכער. עס איז פיר אַלע-מען געוואָרען קלאָר, דאָס ראָבעספיערר האָט ניט אין זינען וועלכע עס איז אידעאַלען, נאָר ער וויל ווערען אַן אַליין־הערשער, אַ דעספאָט.

זיינע געגנער האָבען שוין צוגעגרייט געגען איהם אַן אָנקלאַגע. ער האָט גוט פערשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך און ער האָט בעשלאָסען צו מאַכען אַן אָנגריף אויף זיינע פיינד. דעם 8טען טהערמידאָר (26טען יולי 1794) האָט ער זיך אין אַ רעדע בעקלאָגט איבער די בעשולדיגונגען, וואָס מען מאַכט געגען איהם, און ער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל אויסרייניגען פון קאָנ-ווענט זיינע געגנער. אָבער די רעדע האָט גאָרניט געווירקט, זיין מאַכט איז געלעהמט געוואָרען. מען האָט איהם ווידער שטאַרק אָנגעגריפען. עס האָט זיך געגען איהם אויסגעגאָסען אַ מבול פון אַנקלאַגען, און ער האָט זיך פערלאָרען.

זיינע געגנער האָבען פערשטאַנען, דאָס יעצט איז דער גינסטיגער מאָ-מענט צו בעזייטיגען דיזען פערהאַסטען טיראַן. זיי האָבען פערשטאַנען, דאָס זיי טאָרען יעצט ניט פערלירען קיין מאָמענט אום צו זיין זיכער מיט זייער זיג. אין דער נאַכט פון 9טען טהערמידאָר האָבען זיינע פיינד אויס-געאַרבייט אַ פּלאַן, ווי זיי זאָלען דערגרייכען זייער ציל. אַלע מיטגלידער פון קאָנוועענט האָבען זיך פערבונדען געגען דעם דיקטאַטאָר און האָבען זיך בעזאָרגט מיט דער הילף פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע פון דער פאַריזער מיטעל־קלאַס.

אום 11 אוהר פאָרמיטטאָג האָט זיך אָנגעהויבען די בערי׳המטע זיצונג פון קאָנוועענט פון 9טען טהערמידאָר (27טען יולי 1794). פריהער האָט מען אָפּגעפערטיגט אייניגע ניט וויכטיגע אַנגעלעגענהייטען. קיינער האָט זיך ניט געאיילט, ווייל מען האָט געוואוסט, דאָס דער געפעהרליכער קאַמף איז זעהר אַ וויכטיגער. ענדליך איז סט. זשוסט אַרויף אויף די ביהנע מיט אַ לאַנגען צעטעל פון פערשיידענע אָנקלאַגעס. אָבער באַלד ווי ער האָט אָנגעפאַנגען האָט איהם טאַלליען אונטערבראָכען: „צו וואָס”, האָט דיזער געזאָגט, „טויגען די איביגע אָנקלאַגען איבער דיזעס און איבער יע-נעס? איך פערלאַנג, דאָס דער שלייער זאָל ענדליך אין גאַנצען צוריסען ווערען!” סט. זשוסט האָט מעהר ניט געקענט רעדען, ער איז געשטאַנען בלאַס ווי אַ טויטער. אָנשטאָט איהם האָט גערעדט טאַלליען. ער איז אָנגעפאַלען אויף ראָבעספיערר'ן און האָט איהם בעשולדיגט אין הייכע-לייט (צבוע'יאַצטוואָ) און אין מאַכען אונגערעכטע קלאַגען געגען מענשען.

מען האָט אויסגעבויט שיפען, וועלכע זיינען אַריינקומענדיג אין וואסער צופאַלען, און די פעראורטיילטע אָפּפער, וואָס האָבען זיך געפונען אין זיי, זיינען אַלע מיט איין מאָל דערטרונקען געוואָרען. איין מאָל זיינען דער-טרונקען געוואָרען אין אַזא שיף 90 פּריסטער מיט אמאָל. מען בעהויפּטעט, דאָס אין נאַנטעס אַליין זיינען הינגעריכטעט געוואָרען איבער 4,000 מענ-שען, אָבער דאָס איז אָהן צווייפעל איבערטריבען.

אין דער צייט, וואָס פראַנקרייך האָט געזיפּצט אונטער דער הערשאַפט פון טעררער, ווען דער טויטען־וואָגען איז געלאָפען אָהן אויפהער דורך די גאַסען פון פּאַריז און אַנדערע שטעדט אין לאַנד, האָט ראָבעספּיערר און זיין פריינד סט. זשוסט געטראַכט צו פערווירקליכען זייער אידעאַל: צו גרינדען אַ נייעם שטאַאט אויף אַ פונדאַמענט פון טוגענד און מאָראַל. די אַלע מערדערייען, הריגות און שחיטות האָבען נאָך זייער מיינונג בעדאַרפט האָבען די ווירקונג איבערצובילדען און צו רעפאָרמירען מאָראַליש דאָס פראַנצויזישע פאָלק. די אַלע רציחות האָבען לויט זיי געמוזט פיהרען דאָס פאָלק צום וואַהרען גליק.

ראָבעספּיערר האָט אָנגעהויבען דורכצופיהרען זיין פּלאַן מיט אַ רע-ליגיעזער רעפאָרמע אין געזעלשאַפטליכען לעבען פון פראַנקרייך.

דער קנעכטישער קאָנווענט האָט ווידער געמוזט אָנערקענען, לויט דער פאָדערונג פון דעם דעספּאָטישען דיקטאַטאָר ראָבעספּיערר, די עקסיס-טענץ פון אַ העכסטען וועזען און די אונשטערבליכקייט פון דער זעעלע. ער האָט ניט געפיהלט, ווי נאַריש עס איז צו לעזען אַזעלכע פראַגען דורך אַן אָפּשטימונג און אַ מעהרהייטס־בעשלוס. אום דיזען בעשלוס עפענטליך בע-קאַנט צו מאַכען האָט ער בעפוילען צו פייערן דעם 10טען יוני אַלס אַ יום טוב צו עהרע פון דעם העכסטען וועזען (גאָט), און צו פעראַנשטאַלטען אַ פייערליכען צוג (אַ מאַרש). אַלע האָבען דאָס בעטראַכט פיר אַ גרויסע נאַרישקייט פון ראָבעספּיערר'ן. דאָס איז געווען אַ נאַרישע פּוסטע קאָ-מעדיע, וועלכע האָט איהם פערשאַפט נאָך מעהר געגנער ווי ער האָט געהאַט פריהער. פיעלע פון די מיטגלידער פון קאָנווענט האָבען הויך אויסגע-שריען דאָס וואָרט „טיראַן!”

אין דעם טאָג פון יום טוב צו עהרע פון דעם העכסטען וועזען האָט ראָבעספּיערר אַרויסגעגעבען אַ שרעקליכעס, אונערהערטעס געזעץ, נעמליך: דאָס דער רעוואָלוציאָנס־טריבונאַל ברויכט גאָרניט קיין בעווייזען אום אי-מיצען צו פעראורטיילען. אַן איבערצייגונג אַליין איז דאַפיר גענוג. דיזעס געזעץ איז געווען איינפאַך געצילט אויף זיינע געגנער, די פיינד פון זיין

פיהרט געגען דעם קאָנווענט, האָט איהם ניט געוואָלט פאָלגען צו שיסען אויף'ן קאָנווענט. אונגעשטערט, אָהן א שום געפאהר, איז דער קאָנווענט געקומען צום שטאָדט־הויז. דער זשאַנדאר מעדאַ איז אריין אין צימער אָן דער שפּיץ פון אייניגע סאָלדאטען, און האָט אויסגעשריען צו ראָבעס-פּיערר'ן: „גיב זיך איבער, מערדער!" און האָט איהם אריינגעשאָסען א קויל אין מאָרדע.

קיין פּראָצעס, קיין געריכט־פאָרמאַליטעטען האָט די הינריכטונג פון ראָבעספּיערר ניט געפאָדערט, ווייל דער קאָנווענט האָט ערקלערט די געפאַנ-גענע אויסער געזעץ (ד. ה. דאָס יעדער קען טאָן מיט זיי וואָס ער וויל). דעם טאָג נאָכדעם, דעם 28טען יולי 1794, האָט מען געבראַכט די פער-האַפטעטע צום ריכט־פּלאַץ. די גאַסען זיינען געווען פול מיט מענשען; אַלע געזיכטער האָבען געצייגט פרייד, ווייל די מענער פון טעררער זיינען געווען ביים פאָלק שרעקליך פערהאַסט. אויף'ן עשאַפאָט האָט דער תליון ארונטערגעריסען דעם באַנדאַזש פון ראָבעספּיערר'ס מאָרדע. דערביי האָט דער פעראורטיילטער געטאָן אזא געשריי, דאָס מען האָט געהערט אויף'ן גאַנצען פּלאַץ. ווען זיין קאָפּ איז ארונטערגעפאַלען פון דער גילליאָטינע האָט די מאַסע עטליכע מינוטען געפּאַטשט בראַוואָ. די גילליאָטינע האָט אויך אין די נעכסטע טעג געארבייט אויסצוראָטען די מענער פון טעררער.

אין דער צייט, וואָס פראַנקרייך האָט אין לאַנד זעלבסט געבלוטעט פון די טעררעריסטען, האָט זיך ביי די גרענצען, וואו די אַרמעע האָט געשטרי-טען מיט די אויסלענדישע מעכטען, ענטוויקעלט א גלענצענדע יוגענד. דאָרט האָט די רעוואָלוציאָן אַרויסגערופען בעגייסטערטע קרעפטען פיר פרייהייט, און די אייראָפּעאישע פירסטען האָבען געציטערט אויף זייערע טראָנען פאַר דער פּראָפּאַגאַנדאַ פון דער פראַנצויזישער בעגייסטערטער יו-גענד. דער פעלדצוג פון 1794 איז געווען פיעל גלענצענדער פון די פרי-הערדיגע. פּרייסען האָט געפיהרט דעם קריג אָהן חשק, הגם ענגלאַנד האָט געגעבען די נעטיגע הוצאות אויף'ן קריג. עסטרייך האָט אפילו אָנגע-ווענדט ביים קריג אַלע איהרע קרעפטען, אָבער זי האָט קיין ערפאָלג ניט געהאַט. דער פיינד איז געווען שטאַרקער.

דער הויפּט־אָרט פון קריג איז געווען אין נאָרד, דאָרט האָט דער קייזער פראַנץ פערזענליך קאָמאַנדירט. דער פּרינץ קאָבורג האָט אפילו צוריק-געטריבען די פראַנצויזען איבער די סאַמברע און האָט ערשט (?) איבער די פעס-טונג לאַנדרעסי, אָבער דערמיט האָט זיך געענדיגט דאָס גליק פון די עסטרייכער. קאַרנאָט האָט ענטוויקעלט זיין ריזיגען פּלאַן ווידער אָפּ-

מיט א שרעקליכען צאָרן איז ראָבעספּיערר ארויפגעלאָפען אויף די רעד-נער־ביהנע אום זיך צו פערטיידיגען, אָבער מען האָט איהם ניט געלאָזען רעדען. פון אַלע זייטען האָט מען אויף איהם געשריען און געדונערט מיט קולות. „טיראַן! טיראַן! דו האָסט ניט דאָס וואָרט!" האָט דער פּרע-זידענט געשריען. עס איז געוואָרען א שרעקליכער טומעל. ראָבעספּיערר האָט זיך געווענדט צו זיינע געטרייע פריינד, אָבער אומזיסט, קיינער פון זיי איז איהם ניט געקומען צו הילף. ער האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן דעם געלענדער (די שטאַכעטען) פון דער ביהנע און האָט מיט א פערקרימטען געזיכט געוואַרט ביז עס וועט ווערען שטילער אום ער זאָל קענען עטוואָס זאָגען, אָבער אומזיסט. מיט זיינע לעצטע קרעפטען האָט ער אויסגעשריען: „פּרעזידענט פון מערדער, ועסטו מיר געבען דאָס וואָרט? צום לעצטען מאָל?" אומזיסט. ער איז ווי א שכור ווי עס איז צוגעגאַנגען צו זיין פּלאַץ. דאַן איז אַרויס א דעפּוטאַט מיט דער פאָדערונג, אז מען זאָל ראָבעספּיערר'ן פערהאַפטען. אַלע האָבען געגעבען זייער צושטימונג. מען האָט באַלד אָפּגעפיהרט אין געפענגניס ראָבעספּיערר'ן, סט. זשוסט'ן און איינינע אַנדערע פון זיין קליקע. „אונגליקליכער", האָט איינער פון דאַנ-טאָן'ס פריינד געזאָגט צו איהם, ווען מען האָט איהם פאַרביינגעפיהרט צו ארעסטירען, „דאַנטאָן'ס בלוט וועט דיך דערשטיקען".

ראָבעספּיערר וואָלט זיך נאָך געקענט רעטען, ווען ער וואָלט געהאַנ-דעלט ראַש, ווייל דער שטאָדט־ראַט האָט געהאַלטען זיין זייט און איז געווען געגען דעם קאָנווענט. הענריאָט, דער פיהרער פון דער נאַציאָנאַל־רע-וואָלוציאָנערער אַרמעע, איז שוין געווען גרייט צו געברויכען געגען דעם קאָנווענט די קאַנאָנען. מען האָט אָנגעהויבען צו קלינגען מיט דער שטורם־גלאָק, מען האָט געשיקט שלוחים צו די יאַקאָבינער און מען האָט גערופען די מאַסען צום אויפשטאַנד. מען האָט בעפרייט די געפאַנגענע און מען האָט זיי מיט גרויס טריאומף געבראַכט צום שטאָדט־הויז. אָבער ראָבעס-פּיערר האָט שוין פערלאָרען זיין מוט, זיין ענטשלאָסענהייט. ער איז געווען ווי געלעהמט און האָט געוויינט איבער דעם פערראַט, וואָס דאָ איז געשעהען. אויך די פּראָלעטאַריער זיינען שוין יעצט ניט געווען אַזוי בע-גייסטערט ווי פריהער. די מעהרסטע סעקציאָנען זיינען יעצט געווען געגען ראָבעספּיערר'ן. די מאַסע, וואָס איז צוזאַמענגעלאָפען מיט וואַפען, איז זיך רוהיג לאַנגזאַם צוגאַנגען, ווייל די גאַנצע זאַך האָט איהר ווייניג אינ-טערעסירט, און קיינער האָט איהר ניט געגעבען קיין בעפעהל עטוואָס צו טאָן, און די רעוואָלוציאָנערע נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, וועלכע הענריאָט האָט גע-

דאָס איז ווירקליך אזוי, ווייל מיט איהם האָט געזונקען די מאַכט פון די פראָלעטאַריער, און דאָס בירגערטום אָדער בורזשואזיע האָט ווידער אויפ-געהויבען דעם קאָפּ און האָט זיך געשטעלט אין פאָרדערגרונד. דער טער-ראָריזם, די גילליאָטינע, די איינציגע מיטלען פון די פּראָלעטאַריער, האָבען זייער ארבייט אָפּגעטאָן און האָבען שוין מעהר גאָרנישט געקענט טאָן, ווייל עס האָבען זיי דערצו געפעהלט די בעדינגונגען. דער טעררער איז געווען נעטיג כל זמן די רעוואָלוציאָן איז געווען אין געפאַהר צו ווערען אונטער-דריקט פון אינווענינגסטע און אויסערליכע פיינד. אָבער „דער זיג געגען די מעכטען", ווי ראָבעספיער זעלבסט האָט בעמערקט, „האָט בעוואפענט דעם עהרגייץ, האָט איינגעשלעפערט דעם פּאַטריאָטיזם, און האָט מיט זיינע אייגענע גלענצענדע הענט געגראָבען דעם קבר פון דער רעוואָלוציאָן".

אזוי באַלד, ווי דער אויסערער פיינד איז געוואָרען אונגעפעהרליך, האָט דער טעררער געמוזט נעהמען אַן ענדע. אָבער דערמיט איז די לאַגע פון די פּראָלעטאַריער געוואָרען האָפנונגסלאָז. זעהר ריכטיג זאָגט קאַוטסקי: „די פערהעלטניסען האָבען געגעבען די פּראָלעטאַריער די מאַכט אין די הענט, אָבער ניט די מעגליכקייט צו שאַפען דויערנדע אינסטיטוציאָנען פיר זייערע אייגענע נוצען. זיי האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפען דעם עלענד, וואָס דער קריג און די קאַפּיטאַליסטישעווירטשאַפט האָבען אויף זיי געבראַכט, דאַרום האָבען זיי בעשלאָסען דעם טעררער. זיי האָבען דורך איהם געזוכט צו פערניכטען אַלע ספּעקולאַנטען, בערזען-הענדלער, וואוכערניקעס און אַנדערע רויבער אויף דעם געביט פון האַנדעל. אָבער זיי זיינען דערמיט ניט געקומען צום ציל. דיזע רויבעריי איז ווי אַ הידראַ (פאַבעלהאַפטע שלאַנג), וואָס מעהר קעפּ מען האַקט איהר אָפּ, אַלץ מעהר קעפּ וואַקסען איהר אָפּ. זיי האָבען געדאַרפט פאָרטזעצען דעם טעררער ביז זיי זאָלען דאָך מאַכען אַן ענדע צו די אַלע רויבערייען, און צו גרינדען זייער צושטאַנד אויף אַן אַנדער פונדאַמענט.

אָבער נאָך דעם, ווי דער זיג פון דער פראַנצויזישער אַרמעע האָט גע-שטעלט זיכער די רעפּובליק, האָט דער טעררער אויפגעהערט צו זיין אַ נויטווענדיגקייט צו רעטען די רעוואָלוציאָן. מען האָט איהם יעצט געפונען אַלס אונערטרעגליך, ווייל ער האָט געשטערט די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. די געגנער פון די פּראָלעטאַריער האָבען באַלד ווידער אויפגעהויבען די קעפּ און האָבען ווידער בעקומען מאַכט, וועהרענד די אַרבייטער זיינען געוואָרען שוואַכער, טיילס פון די שטענדיגע קאַמפען און טיילס דורך דעזערטירען. וואָס מעהר די אַרמעע האָט זיך אויסגעצייי-

צונעהמען די פערלאָרענע פעסטונגען. פישעגרו האָט זיך געוואָרפען מיט זיין הויפּט־מאַכט אויף וועסט־פלאַנדערן, האָט אָפּגענומען מענין און קורטרעי, און אין דער זעלבער צייט האָט שאַרבאָנניער גענומען זיך צו שאַרלערואַ. נאָך אַ רייהע פון בלוטיגע מלחמות און נאָך דער עראָבערונג פון איפּערן דורך מ אָ ר אָ איז פלאַנדערן געפאַלען אין די הענט פון די פראַנצויזען. אָבער ביי דער סאַמברע איז די געפאַהר געווען נאָך שטאַרקער. אייניגע מאָהל זיינען די פראַנצויזען אַריבערגעגאַנגען דעם טייך און האָבען פערטריבען די עסטרייכער, און ענדליך האָבען זיי געהאַט ביי פ ל אֶ ר ו ס אַ פאָלשטענדיגען זיג (26טען יוני). די פראַנצויזען האָבען געהאַט נאָך אייניגע נצחונות, און ענדליך האָט זיך די נאָרד־אַרמעע פעראייניגט מיט דער אַרמעע פון די אַרדעננען און זיינען אַריין אין בריססעל (25טען יוני). בעלגיען איז ווידער איינגענומען געוואָרען. די עסטרייכישע הויפּט־אַרמעע האָט געמוזט צוריקטרעטען, ווייל זשורדאַן האָט זי פערפאָלגט. פישעגרו איז געגאַנגען זיגרייך נאָך האָללאַנד און האָט געטריבען צוריק די ענגלענדער.

דער רעזולטאַט פיר די פראַנצויזען איז געווען זעהר אַ גלענצענדער. קיין פרעמדער סאָלדאַט איז שוין מעהר ניט געשטאַנען אויף׳ן פראַנצויזישען באָדען. די פערבינדעטע מעכטען זיינען געווען בעדעקט מיט שמאַך און שאַנדע. אָן דער שפּיץ פון די פראַנצויזישע רעפּובליקאַנישע אַרמעען זיינען געשטאַנען נאָר געבאָרענע סאָלדאַטען. די רעפּובליקאַנישע אַרמעע האָט דאַמאָלס בעוויזען, וואָס פיר גרויסע טאַלאַנטען עס געפינען זיך אין פאָלק, טאַלאַנטען, וועלכע נאָר די דעמאָקראַטישע רעגירונגס־פאָרמע קען אַרויסרופען פון זייער טיפען שלאָף צו גרויסע טאַטען. די גענעראַלען זיינען כמעט אַלע געווען פון דער אָרימסטער קלאַס אין פאָלק, און דאָך זיינען זיי געווען זעהר פעהיגע און אייניגע זאָגאַר זשעניאַלע מענשען, וועלכע זיינען געווען פיעל טיכטיגערע סטראַטעגיקער און קריגס־העלדען ווי די בעסטע גענעראַלען, וואָס דאָס מיליטערישע פראַנקרייך האָט געהאַט און אַרויסגעבראַכט זינט יאָהרהונדערטער. דער זשעניע ווערט מעהרסטענס געבאָרען דאָרט, וואו עס הערשען פרייע קרעפטען, ניט דאָרט, וואו די געזעלשאַפט לעבט אין לוקסוס און אין פוילקייט.

דיזער גליקליכער ערפאָלג פון די פראַנצויזישע וואַפען געגען אויסלאַנד איז דער שליסעל צו פערשטעהן דעם שטורץ פון ראָבעספּיערר. מען רעכענט געוועהנליך, דאָס די הינריכטונג פון דיזען טיראַנישען דיקטאַטאָר האָט געגעבען דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן אַן אַנדער ווענדונג. און

דאָס גאַנצע אויסזעהן פון פּאַריז איז געוואָרען אַנדערש. אַנשטאָט וואָס פריהער האָט געשווייבעלט און געגריבעלט אין די גאַסען אַ לומפּען־מאַסע, האָבען זיך יעצט בעוויזען מאַסען שענע פרעהליכע געזיכטער, די גאָלדענע יוגענד פון דער רייכער אָדער מיטעלער בירגער־קלאַס. זייער קליידונג האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ ראָק ווייט אויסגעשניטען ביים האַלז און ווייט אויסגעשניטענע שיך. אויך איז זייער האָאָר געווען אייגענאַרטיג פריזירט. זיי זיינען געגאַנגען בעוואַפענט מיט קורצע שטעקענס, וועלכע זיינען געווען געפילט מיט בליי. זיי אַלע זיינען געווען שרעקליכע פיינד פון דער רעוואָלוציאָן און בעזונדערס פון די יאַקאָבינער.

דיזע „גאָלדענע יוגענד“, וועלכע די סאַנסקולאָטען *) האָבען מיט שפּאָט אָנגערופען די „מוסקאַט־העלדען“, האָט באַלד בעהערשט אַלע קאַפע־הייזער, טהעאַטערן און גאַסען. יעצט האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ יענע קלאַס פון פאָלק, וועלכע איז פריהער געווען געדריקט און בערויבט. עס האָבען אָנגעפאַנגען צירקולירען אין פאָלק נייע לידער מיט אַ נייעם אינהאַלט, לידער, וועלכע האָבען ערמונטערט דאָס פאָלק צו נעהמען ראַכע פון זיינע בעדריקער, די גרינדער פון טעררער.

דאָס זיינען געווען גאָר אַנדערע טענער, גאַנץ פערשיידען פון דער מאַרסעילעזע. איבערהויפּט איז געווען זעהר בולט אין דיזע לידער אַ שרעקליכער האַס צו די יאַקאָבינער. די פאָדערונגען פון דיזען ראַכע־קאַרפּוס זיינען געוואָרען אַלץ העכער און דרייסטער. עס איז געקומען אַזוי ווייט, דאָס זיי האָבען ניט געהאַט קיין מורא צו צושטערען דעם יאַקאָבינער־קלוב (9טען נאָוועמבער 1794). מיט גרויס לאַרם האָט זיך די גאָלדענע יוגענד געוואָרפען אויף׳ן קלוב, האָט געוואָרפען ברוק־שטיינער אין די פערזאַמלונג און האָט אָנגעגריפען די יאַקאָבינער מיט קנוטען און שווערדען. די יאַקאָבינער מיט זייערע ווייבער און קינדער האָבען געגענטפערט מיט געוועהר, אָבער זיי זיינען געווען צו שוואַך געגען דער גאָלדענער יוגענד און האָבען זיך געמוזט צוריקציהען. 8 טעג האָט אָנגעהאַלטען אין פּאַריז די שמחה איבער די נידערלאַגע פון די יאַקאָבינער. די פרייד האָט געשטיגען נאָך העכער ווען דער קאָנווענט האָט אין גאַנצען געשלאָסען דעם קלוב.

---

*) די „הויזען־לאָזע“ — דער צונאָמען פון די פּראָלעטאַריער רעוואָלוציאָנערען.

כענט מיט נצחונות, אַלס מעהר און מעהר האָבען די פּראָלעטאַריער פערלאָרען אין מאַכט און אַנזעהן. צוזאַמען מיט דער אַרמעע האָט זיך אויך אויפגעהויבען די בורזשואַזיע, און די לומפּען־פּראָלעטאַריער זיינען געווען געצוואונגען אַריינצוטרעטען צו זיי אין דינסט.

„זיי האָבען פערלאָרען איין פּאָזיציאָן נאָך דער אַנדערער, ביז זיי האָבען ענדליך פערלאָרען יעדע בעדייטונג". ·

באַלד נאָך דעם, ווי ראָבעספּיערר איז געפאַלען האָט מען ראש אָנגעהויבען אָפּצושאַפען טעררער. עס איז פּלוצלינג געוואָרען אין דער פּאָליטיק אַ גרויסע ענדערונג, אַן ענדערונג, וועלכע מען האָט מיט איינינגע טעג פריהער גאַר ניט געקענט ערוואַרטען. דאָס געזעץ פון דעם 10טען יוני, וועלכעס האָט געגעבען די טעררעריסטען פולע מאַכט צו טאָן וואָס זיי ווילען, איז אָפּגעשאַפט געוואָרען, און די ראַדיקאַלע מיטגלידער פון דעם רעוואָלוציאָנס־טריבונאַל זיינען בעזייטיגט געוואָרען. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און די בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבען צו נעהמען אַ גרויסען אַנטייל אין פּאָליטישען לעבען. פריהער האָבען די פּראָלעטאַריער דורך זייערע דעמאָנסטראַציאָנען און שטורם־פּעטיציאָנען (ביטשריפטען) געטריבען און געצוואונגען די דעפּוטאַטען צו אימער מעהר און מעהר ראַדיקאַלערע געזעצען, יעצט האָט זיך דאָס רעדעל איבערגעדרעהט. פון אַלע טיילען פון לאַנד האָבען אָנגעהויבען אָנקומען צום קאָנווענט אַדרעסען וועגען אָפּשאַפען דעם טעררער. מען האָט זאָגאַר אָנגעפאַנגען צו פאָדערן ראַכע פיר די בלוט־פערגיסונג, וואָס דאָס פאָלק האָט געליטען פון די ראַדיקאַלען, און שוין געגען דער ווידערהאָלונג פון די שרעקען. די מעסיגע אין קאָנווענט האָבען אימער בעקומען מעהר רעכט און האָבען אָנגעהויבען צו געהן אויף אַ נייעם וועג.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ רעאַקציאָן. דעם 16טען אָקטאָבער איז אַרויס אַ געזעץ געגען די געהיימע געזעלשאַפטען. דיזעס געזעץ האָט פערבאָטען יעדע פערבינדונג אָדער בריף־וועקסעל צווישען זיי. עס איז פערבאָטען געוואָרען פעראיינען צו שרייבען פּעטיציאָנען (ביטעס), עס איז נאָר געווען ערלויבט איינצעלנע פּערזאָנען זאָלען עס טאָן. מיט דיזען פערבאָט האָט מען געבונדען די יאַקאָבינער די הענט אונטערצונעהמען עטוואָס וויכטיגעס. די יאַקאָבינער האָבען געגען דיזע בעשרענקונגען ניט געוויזען קיין ווידערשטאַנד. זיי האָבען געוואָלט אַ לאַנגע צייט פערהאַלטען זיך רוהיג אום צו געווינען צוריק דעם צוטרויען פון פאָלק. אַזוי מעכטיג איז געוואָרען אין פאָלק די ענדערונג.

טהערמידאָריאַנער (אַזוי האָט מען גערופען די געגנער פון ראָבעספּיערר), ווייל אין זייער צייט האָט זיך שטאַרק ענטוויקעלט שווינדעל־ספּעקולאַציאָן ז׳ן וואוכער. אין יאָהר 1793 איז געווען אַרוים אַ געזעץ, וועלכעס האָט בעשטימט דעם מאַקסימום־פּרייז פיר לעבענסמיטלען. די קאָמונע האָט ווי ווייט זי האָט געקענט פערזאָרגט די אָרימע קלאַס מיט ביליגען ברויט. צו דיזען צוועק האָט זי געמאַכט אַ ספּעציעלע קליינע שטייער. אָבער די טהערמידאָריאַנער האָבען ווידער געעפענט טיר און טויער פיר די ספּעקולאַנטען. „האַנדעלס־פרייהייט און אָפּשאַפונג פון דעם מאַקסימום פון פּרייזען אויף לעבענסמיטלען" — דאָס איז געווען די ערסטע פאָדערונג פון דער בורזשואַזיע. די בערזע, דער טעמפּעל פון קאַפּיטאַל, איז ווידער געעפענט געוואָרען; דאָס מאַקסימום איז אָפּגעשאַפט געוואָרען.

פריהער האָט מען געאָפּפערט די בורזשואַזיע פיר דעם וואוילשטאַנד פון די מאַסען. יעצט איז עס געוואָרען אומגעקעהרט — מען האָט גע־אָפּפערט די מאַסען צוליב דער בורזשואַזיע. די ענדערונג איז געוואָרען אַ גאָלד־קוועלע פיר די הענדלער און אַן עלענד פיר די פּראָלעטאַריער.

דערצו איז צוגעקומען אַ נייע צרה — די אַסיגנאַציעס האָבען אָנגע־הויבען שטאַרק פאַלען אין זייער ווערט. וואָרים באַלד ווי די בורזשואַזיע איז געקומען צום רודער פון דער רעגירונג האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַר־קער שווינדעל מיט די אַסיגנאַציעס. ביז דעם שטורץ פון ראָבעספּיערר׳ן איז די אויסגאַבע פון אַסיגנאַציעס געווען פיעל־וועניג בעשרענקט. לויט אַ שפּעטערען בעריכט זיינען אַסיגנאַציעס געווען

אונטער דער קאָנסטיטואירענדער פערזאַמלונג	2,437,656,618	פראַנקס
אונטער דער געזעצגעבענדער פערזאַמלונג	1,315,400,000	„
אונטער דער הערשאַפט פון קאָנווענט	1,021,727,000	„
פון 1טען מאַי 1793 ביז 26טען אָקטאָבער 1795	10,349,639,000	„
בסך הכל זיינען געווען אַסיגנאַציעס אויף	15,124,422,618	פראַנקס

פון דיזע ציפערן זעהט מען קלאָר, דאָס אונטער די פריהערדיגע הער־שאַפטען איז די צאָהל אַסיגנאַציעס געווען אַ נאָרמאַלע. מען האָט ניט אַרויסגעגעבען קיין אַסיגנאַציעס פיר מעהר ווי העלפט פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס האָט גאַראַנטירט די אויסצאָהלונג און צוריק־איינקאַסירונג פון די אַסיג־נאַציעס. פון די 10,349,639,000 פראַנקס, וואָס זיינען אַרויסגעגעבען גע־וואָרען פון 1טען מאַי 1793 ביז דעם 26טען אָקטאָבער 1795, האָבען די יאַ־קאָבינער אַרויסגעגעבען נאָר 3 מיליאַרדען אַסיגנאַציעס, די איבריגע מעהר

די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע האָט פערלאָרען איהר שטיצע און דעם מיטעלפּונקט פון איהר מאַכט. די אַרבייטער פון די פאָרשטעדט האָבען געקוקט אויף דיזע ענדערונג גלייכגילטיג און האָבען ניט גענומען קיין אָנטייל צו ענדערן דעם צושטאַנד. און באמת, וואָס האָבען זיי געהאַט בעסערעס, ווען דער טעררער האָט געהערשט? איז דען זייער מאַטעריעלע לאַגע געוואָרען בעסער? זיי האָבען געליטען פון אָרימקייט ווי פריהער. די אַרבייטער האָבען אויך ניט פערגעסען, דאָס די יאַקאָבינער האָבען געשטירצט די קאָמונע, אָדער האָבען געהאָלפען צו שטירצען זי.

יעצט האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען אין לאַנד די שוואַרצע רעאַקציאָן. זי האָט קודם כל אָפּגעשאַפט דאָס געזעץ, וואָס האָט בעשטימט אַ מאַקסימום־פּרייז אויף לעבענס־מיטלען. דער רעוואָלוציאָנס־טריבונאַל איז אין גאַנצען רעפאָרמירט געוואָרען. די 73 זשיראָנדיסטען, וועלכע זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון קאָנווענט דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען איין האַנט מיט די 22 דעפּוטאַטען פון די זשיראָנדיסטען, וואָס זיינען בערויבט געוואָרען פון זייערע רעכטען און אַרויסגעטריבען געוואָרען פון קאָנווענט, — זיינען געקומען צוריק אויף זייערע פּלעצער. מיט דיזע זשיראָנדיסטען האָט די רעאַקציאָן בעקומען אין קאָנווענט אַ גרויסע שטיצע. מיט זייער רעדענס־קראַפט, מיט זייער טאַלאַנט און מיט זייער ערביטערונג געגען די יאַקאָבינער האָבען זיי געגעבען דעם לעצטען קלאַפּ צו דער פערהאַסטער פּאַרטיי פון טעררער. מיט פערדאָפּעלטע קראַפט און ענערגיע האָבען זיך די רעאַקציאָנערען יעצט גענומען צו פערניכטען די יאַקאָבינער און די טעררעריסטען. עס זייענען אָנגעקלאָגט געוואָרען דריי פערהאַסטע טעררעריסטען: קאַררִיער, לעבאָן און פוקיער־טינוויללע, וועלכע זיינען גלייך פעראורטיילט געוואָרען. די ביוסטען פון מאַראַט, וואָס זיינען געשטאַנען אין די גאַסען און אין די קאַפע־הייזער בעפּוצט מיט לאָרבער־קראַנצען, זיינען פערניכטעט געוואָרען. דער האַס געגען איהם איז געווען אַזוי גרויס, דאָס מען האָט אויסגעגראָבען זיינע ביינער פון פּאַנטהעאָן און אַריינגעוואָרפען אין אַ מיסט־גרוב. פון די אָנהענגער פון דער רעוואָלוציאָן האָט מען געפאָדערט, אַז זיי זאָלען ווענינסטענס אָפּגעבען זייערע וואַפען. קורץ, מען האָט געזוכט צו פערניכטען אַלעס, וואָס דער טעררער האָט בעשאַפען.

אָבער די שטאַרקע רעאַקציאָן, וועלכע האָט געאַרבייט צו ראַשיג, האָט אַרויסגערופען נייע אונאָרדנונגען און פערפּלאָנטערניסען. דערצו איז נאָך צוגעקומען, וואָס דאָס פאָלק איז געוואָרען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די

פערהאַפטעטע, ברויט און די קאָנסטיטוציאָן פון יאָהר 1793. ווען די ביר-גער האָבען זיך דערוואוסט, דאָס דער קאָנוועגט איז אין געפאַהר, זיינען באַלד צוזאַמענגעקומען 5,000 פון זיי מיט דער גאָלדענער יוגענד. עס איז געקומען צו א געשלעג, וועלכע האָט זיך געענדיגט דערמיט, דאָס די אַרביי-טער פון די פאָרשטעדט זיינען צוטריבען געוואָרען.

דער אויפשטאַנד איז אַלזאָ געווען א דורכפאַל. דער רעזולטאַט דער-פון איז נאָר געווען, וואָס די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין קאָנוועגט האָט דערפון געהאַט איהר פאָלשטענדיגע נידערלאַגע. נאָך פיעל ערגער און טרויעריגער איז געווען דער סוף פון דעם אויפשטאַנד אין די ערסטע טעג פון מאָנאַט פּרעיריאַל (דער מאָנאַט פון 22טען מאַי ביז 22טען יוני) פון דעם 3טען יאָהר פון דער רעפּובליק. אין אָנפאַנג מאָנאַט מאַי האָט מען אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אין די פאָרשטעדט צו די אַרבייטער נאָר א האַל-בען פונט ברויט א טאָג, אָנשטאַט וואָס פריהער האָט מען זיי געגעבען א גאַנצען פונט פיר יעדע פּערזאָן. אַנדערע גרויסע אָרימקייט האָבען דערצו נאָך בעקומען א הייפעל רייז. דאָס פאָלק איז געוואָרען שטאַרק ערביטערט. מיט דיזער ערביטערונג האָבען זיך בענוצט די יאַקאָבינער און האָבען אָנגע-הויבען צו אַגיטירען. מען האָט נאָך אַמאָל געוואָלט געניסען די פרוכט פון דער רעוואָלוציאָן. דעם 20טען מאַי 1795 האָבען די גלאָקען אין די פאָר-שטעדט צוזאַמענגערופען די מאַסען, וועלכע האָבען זיך געלאָזען געהן מיט ווייבער און קינדער אין פּאַריז צום קאָנוועגט, פון וועלכען זיי האָבען געפאָ-דערט די פערפאַסונג פון 1793, מען זאָל צאָהלען פיר די אַסיגנאַציעס זייער נאָמינעלען פּרייז.

ווען מען האָט דערהערט, וואָס עס טוט זיך ביים קאָנוועגט, זיינען פיעלע פון די בירגער און די גאָלדענע יוגענד געקומען איהם צו הילף. אָבער עס איז שוין געווען א ביסעל צו שפּעט. דער קאָנוועגט האָט מוטיג בע-שלאָסען, דאָס די קאָמונע פון פּאַריז איז פעראַנטוואָרטליך פיר אַלעס, וואָס וועט געטאָן ווערען צו די דעפּוטירטע, און די הויפּט-אָנפיהרער פון אויפ-שטאַנד זיינען אויסער געזעץ. אָבער אין דעם מאָמענט האָט דאָס ווייניג גענוצט. די טריבונען זיינען געוואָרען פול מיט פרויען, וועלכע האָבען גע-פאָדערט ברויט. דער פּרעזידענט פון קאָנוועגט האָט געוואָלט איינשטילען דעם לאַרם פון דער מאַסע אום איהר עטוואָס צו ערקלערען, אָבער זיין מיה איז געווען אומזיסט. מען האָט געמוזט צוויאָגען די פרויען פון די טריבונען מיט בייטשען. דאַמאָלס האָבען די מאַסען איינגעבראָכען די טויערן און טירען און זיינען אַריין אין זאַל פון קאָנוועגט. דער דעפּוטאַט פעראַנד האָט

פון 7 מיליאַרדען האָבען אַרויסגעגעבען די טהערמידאָריאַנער. דאָס ווייזט קלאָר, אַז די ראַדיקאַלען האָבען געטאָן זייער בעסטעס אום אונטערצוהאַלטען און שטיצען דעם נאַציאָנאַל-קרעדיט.

א גאַנץ אַנדער סיסטעם שטעלט אונז פאָר די הערשאַפט פון די טהערמידאָריאַנער. מען האָט נאָר געוואָלט האָבען צו טאָן מיט דעם באַנקיר און דעם ספּעקולאַנט. עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען גרויסע אונגעהייערע אויסגאַבען. אין איין טאָג האָט מען פערפערטיגט 5,150,000,000 פראַנקס. שפּעטער, אין פערלויף פון אונגעפעהר 3 יאָהר, האָבען די טהערמידאָריאַנער אַרויסגעלאָזען אַסיגנאַציעס אויף א סומע קרוב צו 30 מיליאַרדען פראַנקס. דאָס האָט געמוזט פיהרען דאָס לאַנד צו באַנקראָט. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס די אַסיגנאַציעס זיינען שטאַרק געפאַלען אין פּרייז: מען האָט אָנגעהויבען צו צאָהלען פיר זיי נאָר 33 פּראָצענט, נאָכדעם 19 פּראָצענט, און שפּעטער, נאָך דעם, ווי מען האָט אָפּגעשאַפט דעם מאַקסימום-פּרייז פון שפּייז — נאָר 17 פּראָצענט.

צום מעהרסטען האָבען דערפון געליטען די פּראָלעטאַריער. זייער נויט האָט צוליב דעם שטאַרק געשטיגען. צום אונגליק איז נאָך דער ווינטער געווען זעהר א שטרענגער. פיעלע פון זיי זיינען פּשוט צושטאָרבען פון הונגער. דער קאָנווענט האָט זיך אַפילו געגעבען אַלע מיה צו בעזאָרגען פּאַריז מיט לעבענסמיטלען, אָבער זיי האָבען קוים געקענט אויספיהרען אַריינצוברייננגען אין שטאָדט יעדען טאָג 1,500 זעק מעהל, וועלכע האָבען קוים געקענט פערשאַפען יעדען איינוואוינער א פונט ברויט א טאָג. דאָס פאָלק איז צוליב דיזע פערצווייפעלטע אומשטענדען געווען שרעקליך ערביטערט. דאָס פאָלק האָט מיט גרויס בעדויערן דערמאָהנט די צייט פון טעררעאָר, ווען עס האָט געהאַט די ממשלה אין זיינע הענט, און האָט געהאַט וועניגסטענס ברויט צו עסען צו זאַט, און האָט אויך געהאַט מעהר געלעגענהייט צו פערדינען.

דער הונגער האָט ווידער געטריבען די אַרבייטער צו מאַכען אַן אויפשטאַנד. אין אָנפאַנג מערץ האָבען זיך איבער-אַ-ניים אָנגעהויבען פערזאַמלונגען אין די גאַסען, אָבער די קנוטע פון דער גאָלדענער יוגענד האָט זיי גיך צוזאָגט. דעם 21טען מערץ איז עס געקומען צו א גרעסערער דעמאָנסטראַציאָן. אין דיזער צייט האָט זיך אָנגעהויבען דער פּראָצעס געגען די יאַקאָבינער: בילאָנד-וואַרעננעס, קאָללאָט און באַררערע. די אַרבייטער האָבען געפאָדערט זייער בעפרייאונג. זיי זיינען געקומען פון די פאָרשטעדט צום קאָנווענט און האָבען געפאָדערט 3 זאַכען: די בעפרייאונג פון די דריי

נאַרט, ווען זיי האָבען געמיינט, דאָס זיי האָבען דעם קאַמף געוואונגען. זייער פריהערדיגע מאַכט איז שוין פערשוואונדען. מען דאַרף ניט פערגעסען, דאָס פּאַריז האָט איהרע בעסטע קרעפטען שוין לאַנג אוועקגעגעבען פיר די אַרמעע. אין דעם איין מאָנאַט סעפּטעמבער פון 1792 זיינען אַריינגעטרעטען אין דער אַרמעע 50,000 וואָלונטירען (פרייוויליגע), וועלכע זיינען כמעט אַלע געווען פון דער אַרבייטער־קלאַס. אין דער צייט, וואָס דיזע האָבען געשטריטען און פערגאָסען זייער בלוט פיר די רעפּובליק, האָט מען אין דער היים, אין פראַנקרייך, כמעט אין גאַנצען פערניכטעט זייער פּאַרטיי.

אָבער דער קאָנווענט האָט גאָר ניט געטראַכט צו ערפילען זיין פערשפּרעכען. זיין ערסטער ענטפער איז געווען אַרויסצורופען איינינע טויזענד סאָלדאַטען פון דער נאָרד־אַרמעע און מיט אייזערנער געוואַלט דערשטיקען דעם אויפשטאַנד. די בונטאָווששיקעס זיינען פעראורטיילט געוואָרען פון אַ קריגס־געריכט און די פּאָרשטעדט האָט מען ענטוואַפענט. זעקס דעמאָקראַטען פון דער באַרג־פּאַרטיי זיינען פעראורטיילט געוואָרען צום טויט. פון דיזע זעקס האָבען דריי זיך אַליין גענומען דאָס לעבען, און די איבריגע האָבען פערלאָרען זייער לעבען אונטער דער גילליאָטינע.

די אַרבייטער האָבען אַלעס פערלאָרען: זייערע דעמאָקראַטישע אָנפיהרער, זייערע קלובס און זייערע בעאַמטע. זייער איינפלוס אויף די רעגירונג איז פערניכטעט געוואָרען. די בורזשואַזיע האָט זיך אָנגעאייגענט די פריהערדיגע רעכטען פון די פעאָדאַלען. זי האָט ערוואָרבען איהר הערשאַפט דורך אַ טעררער, וועלכער איז געווען פיעל ברוטאַלער פון דעם טעררער פון די רעוואָלוציאָנערען. עס וואָלט פערנומען צו פיעל פּלאַץ און עס וואָלט דעם לעזער צו פיעל ערמידען צו לעזען די אַלע גרוילטאַטען, מיט וועלכע די רעאַקציאָן האָט בעפלעקט איהרע הענט. מען האָט זאָגאַר ניט געקוקט אויף וועלכע עס איז געריכטליכע פאָרמע, זאָגאַר פון יוצא וועגען. עס איז געווען אַ איינפאַכע יאַגד אויף יאַקאָבינער ווי אויף ווילדע חיות; מען האָט געשניטען רעכטס און לינקס, אָהן אַ שום פערהער, אָהן ריכטער. מען האָט אין טאַראַסקאָן אַרויפגעבראַכט פיעלע אָפּפער אויף אַ הויכען טורם, און פון דאָרט האָט מען זיי אַרונטערגעשליידערט אין דעם טייך רהאָנע. אָבער דאָס איז נאָך געווען פון די מילדעסטע הריגות, וואָס מען האָט בעגאַנגען געגען די יאַקאָבינער.

די נאַכריכט פון ראָבעספּיערר'ס פּאַל האָט אויף די אַרמעע ניט געמאַכט קיין איינדרוק. זי איז געבליבען טריי דעם קאָנווענט. די אַרמעע האָט אויך שפּעטער ניט אויפגעהערט צו זיין געהאָרזאָם דעם קאָנווענט. באַלד נאָכ-

זיך געשטעלט געגען די מאסען און האָט זיי געוואָלט בערוהיגען, אָבער זיי זיינען איהם בעפאלען און מען האָט איהם אין איין אויגענבליק ארונטערגענומען זיין קאָפּ און אויפגעהויבען אויף אַ שפיז. עס איז געוואָרען אַ שרעקליכער טומל. דער פּרעזידענט בואססי ד'אַנגלאַס איז געזעסען אויף זיין שטוהל אַ בלאַסער, אָבער מיט מוט. ער האָט געגעבען אַ בעפעהל צו אַ הויבען מיליטער־בעאַמטען צו ברייגנען מיליטערישע הילף. ווען ער האָט דערזעהען דעם קאָפּ פון דעם ערמאָרדעטען דעפּוטאַט אויף'ן שפּיץ פון אַ שפּיז האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז דער קאָפּ פון דעם הויכען אָפיצער, וואָס ער האָט געשיקט נאָך מיליטער, און דאָס ער איז געפאלען אַלס אָפּפער פיר ערפילען זיין פליכט, און ער האָט איהם צו עהרע אַראָפּגענומען דעם הוט און האָט זיך אויפגעשטעלט. עס איז געווען אונמעגליך צו פערהאַנדלען עטוואָס אין קאָנווענט. איניגע דעפּוטאַטען זיינען צולאָפען, און די, וואָס זיינען פערבליבען, האָבען נאָכגעגעבען די פאָדערונגען פון דער מאַסע. אָבער די אַרבייטער האָבען געהאַט אַ גרויסען טעות ווען זיי האָבען געדענקט, דאָס זיי האָבען בעזיגט דעם רעאַקציאָנערען קאָנווענט, ווייל הינטער דעם קאָנווענט איז געשטאַנען אַ גרויסער טייל פון די בעוואַפענטע בירגער.

ארום האלבע נאכט איז אָנגעקומען מיליטער. עס איז געוואָרען אַ שרעקליכער קאַמף. מען האָט ווי עס איז אָפּגערייניגט דעם זאַל פון קאָנווענט פון דער מאַסע. די בעשלוסען, וואָס די דעפּוטאַטען האָבען געמאַכט צו די אַרבייטער מיט איניגע שטונדען צוריק, זיינען בטל געוואָרען, און מען האָט אַרעסטירט איניגע יאַקאָבינער, וועלכע האָבען אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד.

דער קאָנווענט האָט בעשלאָסען אָפּצונעהמען די וואַפען פון די אַרבייטער אין די פאָרשטעדט. „מען טאָר ניט לאָזען קיין וואַפען אין די הענט פון די מערדער, בלוט־זויפער, רויבער און אַגענטען פון דער טיראַניי פון דעם 9טען נאָוועמבער", אַזוי האָט געלויטעט דער בעשלוס פון דעם קאָנווענט.

דיזע שפּראַך האָט שטאַרק בעליידיגט די געפיהלען פון די אַרבייטער. דעם 21טען מאַי איז די מאַסע אַרבייטער ווידער אַרויס געגען דעם קאָנווענט. די מאַסע איז געווען אַזוי גרויס, דאָס זי איז געווען זיכער מיט איהר זיג. די פערזאַמעלטע דעפּוטאַטען האָבען דאַמאָלס בעשלאָסען צו געווינען די מאַסען מיט גוטע ווערטער און פערשפּרעכונגען. דער קאָנווענט האָט זיי צוגעזאָגט צו בעזאָרגען זיי מיט לעבענסמיטלען, און זיי זיינען דערמיט געווען צופרידען. יעצט האָבען זיי שוין מעהר ניט פערלאַנגט ווי ברויט. דער פּאָליטישער קאַמף האָט זיך שוין צוגעגעסען. זיי האָבען זיך אָבער גע-

נאָען (נעבען שפּאַניען), האָבען אַוועקגעמארשירט צו די אַלפּען, און האָבען זיך פעראייניגט מיט דער ארמעע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען.

נאָך דעם, ווי די טהערמידאָריאַנער און די זשיראָנדיסטען האָבען אי־בעראַל געזיגט אין לאַנד זעלבסט און אין אויסלאַנד געגען די פעראייניגטע מעכטען, האָבען זיי געגלויבט, דאָס יעצט איז געקומען די רעכטע צייט איינצושטילען די רעוואָלוציאָן און געבען דער געזעלשאַפט אַ פּאַסענדע פערפאַסונג. דאַמאָלס האָבען זיך די ראָיאַליסטען ווידער אָנגעהויבען צו בעווענען. די רעכטע אין קאָנווענט האָבען ערקלערט אָפען, דאָס זיי זיינען געגען דעם, אז מען זאָל צוריק איינפיהרען אַ מאָנאַרכיע. עס איז יעצט שווער צו אורטיילען, וואָס פיר אַ ריכטונג די פּאָליטיק וואָלט דאַמאָלס גע־נומען, ווען דער קליינער לודוויג דער 17טער וואָלט דאַמאָלס ניט געשטאָר־בען. די אַנדערע בורבאָנישע פּרינצען האָבען ניט געהאַט קיין גוטע אויס־זיכטען אויף׳ן טראָן. דער גראַף פון פּראָווענס האָט זיך אפילו גערופען לודוויג דער 18טער, און זיין ברודער דער גראַף פון ארטוא האָט געמאַכט פון ענגלאַנד אַ שטאַרקען אָנגריף אויף פראַנקרייך, אַן אָנגריף, אין וועלכען די אויסגעוואַנדערטע האָבען איהם פיעל געהאָלפען, און ער האָט איינגע־נומען די פעסטונג פּ ע נ ט ה י ע ו ו ר ע; אויך די וואַנדעער אויף דעם רעכטען ברעג פון דער לואַר האָבען ווידער געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען דער רעפּובליק, און אויך פון אויבער־רהיין האָט דער פּרינץ קאָנדע גע־פּרובּט מאַכען אַן אָנגריף אויף פראַנקרייך מיט דער הילף פון די עמי־גראַנטען.

אָבער דער יונגער גענעראַל ה אָ ש האָט צוטריבען די אַלע פיינדליכע ארמעען. ער האָט אויך באַלד אָפּגענומען צוריק די פעסטונג פּענטהיעוורע. איבער 2,000 זיינען געפאַלען פון די אָנגרייפער אין דער שלאַכט, און אונ־געפעהר אַזוי פיעל האָבען זיך גערעטעט אין די שיפען; און די איבריגע האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען. מען רעכענט, דאָס אין דיזער שלאַכט האָבען די רעפּובליקאַנער אָפּגענומען פון פיינד איבער 2 מיליאַרדען רויב. די געפאַנגענע עמיגראַנטען זיינען פון אַ קריגס־געריכט פעראורטיילט גע־וואָרען צום טויט, און זיי זיינען אַלע דערשאָסען געוואָרען.

די קעניגליכע פּארטיי איז אַלזאָ בעזיגט געוואָרען. וואָס זאָל מען אָבער יעצט ווייטער טאָן? ביי דער הערשענדער בורזשואַזיע איז דאַ־מאָלס ניט געווען קיין צווייפעל, דאָס מען מוז מאַכען אַן ענדע צו דעם רעוואָלוציאָנערען צושטאַנד אין פראַנקרייך. צו דיזען צוועק האָט דער קאָנווענט צוזאַמענגעשטעלט אַ נייע קאָנסטיטוציאָן, וועלכע דער פּרעזידענט

דעם האָט פּישעגרו אונטערגענומען אַ פעלד־צוג נאָך האָללאַנד, וועלכער האָט זיך בעוויזען זעהר גלענצענד. אין מיטען ווינטער האָט ער אָנגעגריפען די פּעראייניגטע פּראָווינצען. די ענגלישע אַרמעע איז געווען הילפלאָז, און האָט זיך געשעצט גליקליך ווען איהר איז געלונגען צו לויפען צו דער דייטשער גרענעץ. די פּארטיי אין האָללאַנד, וועלכע איז געווען פיינדליך צום שטאַטהאַלטער, האָט אונטערשטיצט די פראַנצויזישע אַרמעע, וועלכע האָט זי אויפגערופען צו פרייהייט. די בעריהמטע האָללענדישע שטעדט: לייךען, אַמסטערדאַם, אוטרעכט און האַאג, זיינען איינגענומען געוואָרען. דער שטאַטהאַלטער איז ענטלאָפען נאָך ענגלאַנד. זיין מאַכט איז אָפּגעשאַפט געוואָרען. די פערזאַמעלטע גענעראַל־שטאַאטען האָבען עפענטליך ערקלערט די מענשענרעכטען און די אויבערהערשאַפט פון פאָלק. מען האָט אָפּגעשאַפט די קלאַסען און יעדען אונטערשייד אין רעכטען. אַלע האָבען בעקומען גלייכע רעכטען. די געזעצגעבענדע מאַכט איז איבערגעגעבען געוואָרען צו פערטרעטער (ערוועהלטע) פון פאָלק, און זי איז געווען צוטיילט אין צוויי קאַמערן. די עקזעקוטיוו־מאַכט איז געוואָרען אָנפערטרויט צו אַ דירעקטאָריום פון 5 פּערזאָן.

דעם 16טען מאַי 1795 האָט די נייע באַטאַווישע רעפּובליק (האָללאַנד) געשלאָסען פרידען מיט פראַנקרייך. לויט דיזען פרידען האָט פראַנקרייך בעקומען האָללענדישע פלאַנדערן, מאַסטריכט, ווענלאָאָ צוזאַמען מיט די געביטען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט איהר. די שיפפאַהרט אויף'ן רהיין, אויף דער שעלדע און דער מאַאַס זיינען געווען פריי פירביידע נאַציאָנען. אַלזאָ האָט דער קריג מיט די פערבינדעטע מעכטען גענומען אַ גאַנץ אַנדערע ווענדונג. דער זיג פון די פראַנצויזען האָט אָפּגעריסען פון ענגלאַנד אַ שטאַרקע שטיצע, ווערהענד פראַנקרייך האָט דורך די באַטאַווישע רעפּובליק בעקומען רייכע מיטלען פאָרטצוזעצען די מלחמה. דער זיג האָט נאָך געהאַט אַן אַנדער ווירקונג, נעמליך: דאָס פּרייסען האָט אַרויסגעטרעטען פון דעם בונד, ווייל זי איז געווען געדראָהעט פון האָללאַנד און פון רהיין, און אויסערדעם איז זי געווען צופיעל בעשעפטיגט מיט די פּוילישע אַנגעלעגענהייטען. אין דעם פרידען, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען צווישען פראַנקרייך און פּרייסען דעם 5טען אַפּריל 1795, האָט פּרייסען אָפּגעטרעטען צו פראַנקרייך די בעזיצונגען, וואָס זי האָט געהאַט אויף דעם לינקען ברעג פון רהיין. באַלד נאָכדעם איז אויך געשלאָסען געוואָרען פרידען מיט שפּאַניען. דער שפּאַנישער קאַבינעט האָט אָנערקענט די פראַנצויזישע רעפּובליק. די ביידע אַרמעען, וואָס פראַנקרייך האָט געהאַט ביי די פּירע-

יאַליסטען. זיי האָבען געהאָפט, דאָס דורך די וואַהלען וועט זיי געלונגען צו האָבען אין קאָנווענט אַ מאַיאָריטעט, און דורך דעם וועלען זיי האָבען די מעגליכקייט אויפצושטעלען צוריק אַ מאָנאַרכיע אין לאַנד, און יעצט זעהען זיי, דאָס זייער האָפנונג איז פערלאָרען.

די ראָיאַליסטען האָבען בעשלאָסען צו מאַכען אַ בעוואַפענטען אויפשטאַנד. די סעקציאָנען האָבען זיך ערהויבען, און ניט מעהר די יאַקאָבינער, ניט מעהר די פראָלעטאַריער, נאָר די רייכע און אָנגעזעהענע בירגער זיינען יעצט אויפגעשטאַנען געגען דעם קאָנווענט און האָבען אויפגעהויבען געגען איהם דאָס מיליטער אָדער די לאַנד־מיליץ. אָן דער שפּיץ פון דעם אויפשטאַנד איז געשטאַנען די סעקציאָן פון לעפּעללעטיער מיט 40,000 בעוואַפענטע. דער קאָמאַנדיר פון דיזער אַרמעע איז געווען דער גענעראַל דאַניקאַן. דער קאָנווענט האָט אַרויסגערופען איינִיגע טויזענד ליניען־סאָלדאַטען און האָט זאָגאַר איינגעלאַדען צו הילף אַרבייטער פון די פאָרשטעדט. יעצט זיינען די ברוטאַלע יאַקאָבינער און די פּראָלעטאַריער וויעדער געוואָרען גוט געגנוג, אום צו פערגיסען זייער בלוט פיר די רעפּובליק געגען זייערע ביטערע פיינד, די ראָיאַליסטען. פון די יאַקאָבינער און די פּראָלעטאַריער פון די פאָרשטעדט האָט דער קאָנווענט אויפגעשטעלט אַ „באַטאַליאָן פון די פּאַטריאָטען פון יאָהר 1789", וועלכע האָבען ווירקליך מוטיג געשטריטען פיר דעם קאָנווענט. די אויבער־קאָמאַנדע איבער די קריגס־מאַכט האָט דער קאָנווענט איבערגעגעבען צו נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע, וועלכער איז ערהויבען געוואָרען צום ראַנג פון בריגאַדיר־גענעראַל פיר די טאַטען, וואָס ער האָט בעוויזען ביי טולאָן. אָבער אין דער צייט, ווען דער טעררָאָר איז געשטירצט געוואָרען, האָט ער געקראָגען אויף זיך אַ חשד און איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען פון זיין שטעלע. יעצט האָט איהם דער קאָנווענט איבער־אַ־ניים איבערגעגעבען די קאָמאַנדע איבער דער אַרמעע.

נאַפּאָלעאָן האָט קאַלטבלוטיג אָנגענומען דיזע שטעלע מיט דעם בעפעהל צו שטרייטען געגען די ראָיאַליסטען. ער האָט גוט געוואוסט, דאָס איהם שטעהט יעצט פאָר צו פערגיסען בלוט פון אייגענע בירגער. די ראָיאַליסטען וואָלטען געוואונען דעם זיג, ווייל דער קאָנווענט האָט אין גאַנצען געהאַט 6,000 מאַן, ־ווערענד די ראָיאַליסטען האָבען געהאַט 40,000 מאַן. אָבער צווישען די לעצטע האָט געפעהלט איבעראיינשטימונג. דעם 5טען אָקטאָבער פון יאָהר 1795 אום 4 אוהר האָט זיך אָנגעהויבען דער גאַסען־קאַמף. נאַפּאָלעאָן האָט מיט האַרמאַטען־שיסען פריהער אָפּגערייניגט דעם

פון קאָנווענט בואססי ד׳אַנגלאַס האָט פערפאַסט און האָט פאָרגעלעגט דעם קאָנווענט. „ענדליך״, האָט ער געזאָגט אין זיין רעדע, „זיינען מיר געקומען צום גליקליכען צייט־פונקט, ווען מיר הערען אויף צו זיין גלאַדיאַטאָרען (שווערד־קעמפער) פון פרייהייט, און מיר זיינען יעצט אין דער לאַגע צו זיין די וואַהרע גרינדער פון פרייהייט. איך זעה שוין ניט מעהר אין דיזער פערזאַמלונג די ווילדע נאַטורען, וועלכע האָבען בעפלעקט די פרייהייט מיט בלוט פון אונשולדיגע בירגער; די געוועלבען פון דיזען טעמפעל קלינגען שוין מעהר ניט אָפּ פון זייערע ווילדע געשרייען, ווען זיי האָבען גערופען צו בלוט־פערגיסונגען; מען הערט שוין ניט מעהר זייערע טיראַנישע פאָרשלאַגען!״

ווייטער אין זיין רעדע האָט זיך דער פערפאַסער פון דער נייער קאָנסטיטוציאָן זעהר שאַרף אויסגעדריקט געגען דער קאָנסטיטוציאָן פון יאָהר 1793. אין אַלגעמיין איז די נייע קאָנסטיטוציאָן געוועזן זעהר רעאַקציאָנער. לויט דיזער קאָנסטיטוציאָן דאַרפען זיין די וואַהלען אינדירעקטע (ניט גלייך פון פאָלק). שטימרעכט און אָנטייל אין דער רעגירונג זאָלען האָבען נאָר די, וואָס האָבען וועלכעס עס איז פערמעגען. די רעגירונג אָדער דער פאַרלאַמענט זאָל בעשטעהן פון 2 קאַמערן. די פאָלקס־פערטרעטער זאָלען יעצט בעשטעהן פון 2 קערפּערשאַפטען: פון אַ ראַט פון 500 און פון אַ ראַט פון אַלטע (סענאַט). די מיטגלידער פון דעם ראַט פון 500 מוזען זיין ניט אינגער פון 30 יאָהר, זיי מוזען וואוינען אין לאַנד ניט ווייניגער ווי 10 יאָהר און האָבען אַ געוויסען פערמעגען. אין דעם ראַט פון די אַלטע זיינען צוגעלאָזען געוואָרען פערזאָנען ניט ווייניגער פון 40 יאָהר אַלט, וואָס זיינען ניט ווייניגער ווי 15 יאָהר אין לאַנד. די עקזעקוטיוו־מאַכט איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אַ דירעקטאָריום פון 5 מענער.

דער קאָנווענט האָט גוט פערשטאַנען, דאָס איהם וועט זיין שווער דורכצופיהרען, אַז די פערפאַסונג זאָל אָנגענומען ווערען, ווייל עס וועלען זיך נאָך געוויס געפינען געגנער אין די פּאַרטייען געגען איהם. דאַרום האָט ער בעשלאָסען, דאָס צוויי דריטעל פון זיינע יעצטיגע מיטגלידער מוזען ערוועהלט ווערען צום נייעם קאָנווענט, און ווען די וועהלער וועלען אויסוועהלען ווייניגער, האָט דער יעצטיגער קאָנווענט דאָס רעכט אַליין צו בעשטימען אָהן וואַהלען די איבריגע ביז צוויי דריטעל, ניט פרעגענדיג דאָס פאָלק. דערמיט האָט דער קאָנווענט אָנגעגריפען די פרייהייט פון די וואַהל־רעכטען. דיזע פאָדערונג פון קאָנווענט האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציאָן. מעהר פון אַלעמען האָבען געגען דעם פּראָטעסטירט די ראָ-

זי האָט אָבער בעגעגענט גרויסע שטערונגען און האָט איהר פּלאַן ענדליך גע-מוזט אויפגעבען. מען האָט ווידער אָנגעהויבען צו פערמעהרען די אסיגנאַ-ציעס אום אויסצוהעלפען זיך ווי עס איז אין נויט. אין די ערסטע 5 מאָנאַטען פון דער הערשאַפט פון דעם דירעקטאָריום זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען אסיגנאַציעס אויף א סומע פון ניט ווייניגער ווי 30 ביליאָן, 456 מיליאָן, 990 טויזענד פראַנק; דאָס איז 2 מאָל מעהר וויפיעל די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט ארויסגעגעבען אין א משך פון 72 מאָנאַטען. עס איז גע-ווען א זעהר נארישער שווינדעל. די רעגירונג זעלבסט האָט געהאַט גרויס אנגסט פון דער גאַנצער געשיכטע. די אסיגנאַציעס זיינען אזוי שטאַרק

פערטיידיגונג פון קאָנווענט דורך נאַפּאָלעאָן.

געפאַלען אין פּריז, דאָס פיר איין פראַנק אין מעטאַל האָט מען געגעבען 200 פראַנק אסיגנאַציעס. די רעגירונג האָט ניט געוואוסט ווי צו העלפען זיך. ענדליך האָט זי זיך ענטשלאָסען אויף א פערצווייפעלטען שריט — צו פאַבריצירען נייעס פּאַפּיר-געלט.

צו דיזען צוועק האָט מען געמוזט פעסטשטעלען דעם ווערט פון די נאַציאָנאַל-גיטער. ווי מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, זיינען די נאַציאָ-נאַל-גיטער דאַמאָלס בעשטאַנען פון די גיטער, וואָס די רעגירונג האָט אָפּ-גענומען פון די קירכען און מאָנאַסטירען, פון די גיטער, וואָס די רעגירונג

פּלאַץ ארום דעם טואילעריען־שלאָס, וואו דער קאָנווענט האָט געהאַלטען זיינע זיצונגען, און נאָכדעם האָט ער צוטריבען די פּאָלקס־מיליץ, וועלכע איז פון זיינע שיסערייען צולאָפען. 2,000 מאַן פון דער פּאָלקס־מיליץ זיינען געפאַלען אין יענעם טאָג. אויף'ן 2טען טאָג האָט מען ענטוואָפענט די סעקציאָן פּאָלקס־מיליץ פון לעפּעללעטיער, און דערמיט האָט זיך דער ווידערשטאַנד געענדיגט. ארעסטען און הינריכטונגען האָבען אין גאַנצען בעפעסטיגט דעם זיג פון דעם קאָנווענט און דער רעפּובליקאַנער פּארטיי.

נאָכדעם האָט דער קאָנווענט איינגעפיהרט זיין פּלאַן. ער האָט ערוועהלט צוויי דריטעל פון זיינע מיטגלידער צום נייעם קאָנווענט, און פון זיי און פון דעם לעצטען דריטעל, וואָס דאָס פּאָלק האָט ערוועהלט לויט דער נייער פערפאַסונג, האָט ער געבילדעט דעם ראָט פון די אַלטע און דעם ראָט פון די 500 און האָט בעשטימט 5 דירעקטאָרען. דיזע זיינען בעשטימט געוואָרען פון די מיטגלידער פון קאָנווענט, וועלכע האָבען געשטימט פיר לודוויג דעם 16טען'ס טויט. דעם 25טען אָקטאָבער 1795 האָט דער קאָנווענט ערקלערט זיינע זיצונגען געענדיגט אויף אימער, און די אָרדנונג פון דער רעגירונג איז איבערגעגעבען געוואָרען צו די נייע ראַטען און צום דירעקטאָריום. די מיטגלידער פון קאָנווענט זיינען צוגאַנגען אונטער דעם געשריי: „לעבען זאָל די רעפּובליק!"

3. דאָס דירעקטאָריום.

די נייע רעגירונג האָט זיך אין סאַמע אָנפאַנג געפונען אין אַ זעהר שווערער לאַגע. עס האָט איהר געפעהלט געלט און מעהר פון געלט האָט איהר געפעהלט דער צוטרויען פון פאָלק. די נייע רעגירונג האָט אפילו פערשפּראָכען צו ענדיגען דעם בירגער־קריג, צו שיצען דעם שטאַאט געגען אויסלענדישע שונאים, צו בריינגען די פּארטייען אין לאַנד צום פרידען און צו פערשאַפען דעם מסחר קרעדיט. אָבער קיינער האָט זייערע פערשפּרעכונגען ניט געטרויט. דערצו זיינען ערוועהלט געוואָרען אין דעם דירעקטאָריום מענשען, וואָס האָבען ניט געפּאַסט צו דיזער הויכער שטעלע, און צוליב דעם אַליין האָט דאָס פּאָלק ניט געהאַט צו זיי קיין צוטרויען. דער איינציגער טיכטיגער מאַן צווישען זיי איז געווען קאַרנאָט. ער איז געווען אַ דעמאָקראַט אין פולען זין פון וואָרט.

אין אַ שרעקליכען צושטאַנד איז געקומען דאָס דירעקטאָריום צוליב דעם טרויעריגען צושטאַנד פון די פינאַנצען. די נייע רעגירונג האָט זיך געוואָלט העלפען אין איהר נויט דורך אַ געצוואונגענע אַנלייהע פון די רייכע.

ווען דאָס דירעקטאָריום האָט איבערגענומען די רעגירונג, זיינען נאָך פּיעלע גיטער, וואָס זיינען אָפּגענומען געוואָרען פון די קירכען, ניט געווען פערקויפט. פון די קאָנפיסקירטע גיטער פון די רייכע אַדעללייט, וואָס האָבען פערלאָזען דאָס פאָטערלאַנד, איז נאָך ניט פערקויפט געוואָרען אפילו קיין צעהנטעל. אויך די קאָנפיסקירטע קירכען־גיטער אין דער עראָבערטער בעלגיען זיינען נאָך געשטאַנען אונבעריהרט. דיזע אַלע נאַציאָנאַל־גיטער האָבען געהאַט דעם ווערט פון לערך 7 מיליאַרדען. קיין וואונדער ניט, דאָס די דירעקטאָרען און די דעפּוטאַטען זיינען געווען ארומגערינגעלט מיט פערשיידענע באַנקירען, פּאָדראַטשיקעס און אַנדערע ספּעקולאַנטען פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָבען געוואָלט איינשלינגען דיזען נאַציאָנאַלען רייכטום.

די דירעקטאָריאַל־רעגירונג האָט אָפּגעלעגט דעם פערקויף פון דיזע גיטער אויף 6 מאָנאַטען. מען האָט געהאָפּט, דאָס די נייע רעגירונג וועט אָננעהמען געוויסע פּאָרזיכטס־רעגלען ווי צו פערהיטען זיך פון גנבות און פאַלשען ביי די קינפטיגע פערקויפען. אָבער די אידעע פון דיזען אָפּלעגען איז גראַדע געווען אַ הינטערפּיסעל פון די גנבים זעלבסט, וועלכע האָבען זיך געוואָלט בענוצען מיט דעם נידריגען ווערט פון די אַסיגנאַציעס. וואָס האָבען דיזע רויבער געטאָן? זיי האָבען אויפגעקויפט אַלע אַלטע אַסיגנאַציעס, צאָהלענדיג פיר 300 פראַנק אַסיגנאַציעס נאָר איין פראַנק מעטאַל־געלט. מיט דער רעגירונג האָבען זיי אָפּגעמאַכט, דאָס זיי וועלען ארויסלאָזען נייע אַסיגנאַציעס, וועלכע זאָלען זיין גאַראַנטירט מיט די נאַציאָנאַל־גיטער, און זאָלען ווערען אויסגעצאָהלט לויט זייער נאָמינאַל־ווערט. פיר די אַלטע אַסיגנאַציעס זאָל די רעגירונג יעצט אויסצאָהלען נאָר איין פראַנק פיר 30 פראַנק פון די אַלטע אַסיגנאַציעס. און אַזוי ווי זיי האָבען אויפגעקויפט אַלע אַלטע אַסיגנאַציעס צו 300 פראַנק פיר איין פראַנק, איז אויסגעקומען, דאָס זיי האָבען בעצאָהלט פיר די נאַציאָנאַל־גיטער נאָר איין צעהנטעל פון זייער ריכטיגען ווערט.

דיזער געזעצליכער רויב פון די נאַציאָנאַל־גיטער, דיזע ווילדע שווינדעל־ספּעקולאַציאָן, דיזער שענדליכער וואוכער האָט שרעקליך אויפגערייצט די גייסטער פון די אידעאַלע מענער, וועלכע האָבען ערוואַרט פון דער רעוואָלוציאָן אַ וואַהרען גליקליכען צושטאַנד פיר דאָס אָרימע, בעדריקטע פאָלק. זיי האָבען געטרוימט, דאָס די רעוואָלוציאָן וועט ברייגנען דעם פאָלק גלייכהייט און גערעכטיגקייט, און וואָס זעהען זיי אין דער ווירקליכקייט? דער זעלבער אונגליק אין אַ נייעם מאַנטעל. אָנשטאָט דעם, וואָס פריהער

האָט קאָנפיסקירט פון די עמיגראַנטען, וואָס זיינען ענטלאָפען נאָך אויס-לאַנד, און פון די פריהערדיגע געמיינדע-גיטער. דיזע אַלע גיטער צוזאַמען האָבען אויסגעמאַכט די העלפט פון דער גאַנצער פראַנצויזישער מדינה. איין טייל פון די גיטער, וואָס די רעגירונג האָט צוגענומען פון די קירכען און מאָנאַסטירען, זיינען שוין לאַנג פערקויפט געוואָרען אין די יאָהרען 1790 און 1791. די פעטע ביסענס פון דיזע גיטער זיינען פערקויפט גע-וואָרען צו פערשיידענע געזעלשאַפטען: פראַנצויזישע, ענגלישע, האָללענ-דישע, און צו רייכע בויערן, וועלכע האָבען ביים פערקויף איינגעצאָהלט נאָר פון 12 ביז 20 פראָצענט, און דאָס איבריגע האָבען זיי זעהר שלעכט גע-צאָהלט מיט דעם תירוץ, דאָס די רעוואָלוציאָן האָט פעראונגליקט דאָס לאַנד און זיי זיינען ניט אין שטאַנד צו צאָהלען ווי זיי האָבען זיך פערפליכטעט. דאָס זעלבע איז אויך געשעהען מיט די קאָנפיסקירטע גיטער פון די אַדע-ליגע עמיגראַנטען. פון מקיים זיין די הבטחה, אז מען זאָל דיזע אַלע גיטער צוטיילען צווישען די אָרימע אין פאָלק, איז גאָר קיין רייד ניט געוועזן.

ווען די טהערמידאָריאַנער זיינען געוואָרען די רעגירער אין לאַנד האָ-בען די נאַציאָנאַל-גיטער נאָך אַלץ געוואַרט אויף בעזיצער. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ ווילדע ספּעקולאַציאָן אויף גיטער. מען האָט פעראַנשטאַל-טעט אַ לאָטעריע אום צו ערווערבען נאַציאָנאַל-גיטער. אין יענער צייט איז אַרויס דער דעפּוטאַט באַראַיללאָן מיט אַ דונערנדען פּראָטעסט געגען דער צוטיילונג פון די קאָמונאַל-גיטער, הגם מען האָט דיזע פיעלע מאָל פער-שפּראָכען; ער האָט געשריען, דאָס מען בערויבט די נאַציאָן, און האָט פערלאַנגט אָפּצושאַפען דאָס צוטיילונגס-געזעץ און אויפהערען צוטיילען די קאָמונאַל-גיטער אום צו בעררייכערן די רייכע נאָך מעהר דורך פערמעהרען די אַסיגנאַציעס, וואָס זיינען גאַראַנטירט מיט די נאַציאָנאַל-גיטער. זיין פאָדערונג איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויף אַן אַנדער צייט. אָבער די צייט האָט דאָך געמוזט קומען.

איידער דער קאָנוועט איז אויפגעלעזט געוואָרען האָט ער געפאַסט אַ בעשלוס זיכער צו שטעלען די לייט, וואָס האָבען זיך ערוואָרבען נאַציאָנאַל-גיטער. די גנבים, וואָס האָבען די נאַציאָנאַל-גיטער גע'גנב'עט, האָבען אָנ-געהויבען מורא צו האָבען, דאָס זייערע גנבות וועלען מיט דער צייט אויפ-געדעקט ווערען. מאַנכע האָבען אויסגעשווינדעלט שטיקער לאַנד פיר אַ דרייסיגסטעל פון זייער ריכטיגען ווערט.

דיזער געהיימער פעראיין, וועלכער האָט געהייסען „דער קלוב פון
פאַנטהעאָן", איז באַלד געשלאָסען געוואָרען פון דירעקטאָריום. דאַן האָט
זיך געגרינדעט אַ געהיימער קאָמיטעט אום דורכצופיהרען זייערע פּלענער
דורך געוואַלט. די פערשווערונג איז אָרגאַניזירט געוואָרען מיט אונגע-
וועהנליכער ענערגיע. עס זיינען בעשטימט געוואָרען אַגענטען, וועלכע
זאָלען אַרבייטען צווישען פאָלק און דער אַרמעע צו געווינען אַלעמען אויף
דער זייט פון די „גלייכע". אַגיטאַטאָרען האָבען ענערגיש געאַרבייט אין אַלע

באַבאָף.

קאַפע-הייזער און עפענטליכע פּלעצער, און האָבען שטאַרק געווירקט אויף'ן
פאָלק; און אין דער זעלבער צייט האָט מען צוגעגרייט פיר דאָס פאָלק אַ
פּרינציפּען-ערקלערונג, וועלכע האָט גערעדט מיט אַ פייערדיגער בעגייסטע-
רונג וועגען קאָמוניזם, און איז איינער פון די אינטערעסאַנטעסטע דאָקו-
מענטען פון די באַבאָפיסטען, הגם ער איז ניט פערעפענטליכט געוואָרען.
היר איז אַ קאָפּיע פון דיזען מערקווירדיגען דאָקומענט:

האָט געדריקט און בערויבט דאָס אָרימע פאָלק דער פּריווילעגירטער אַדעל, וואָס האָט געהערשט איבער'ן פאָלק צוליב זיין יחוס, זיין געבורט, דריקט און בערויבט עס יעצט די בורזשואַזיע, וועלכע הערשט איבער'ן פאָלק צוליב זיין בעזיץ, צוליב זיין רייכטום. דיזע אידעאַליסטען האָבען בעשלאָסען ווידער אַרויסצורופען די רעוואָלוציאָן. דאַמאָלס איז געוואָרען די פערשווערונג פון די „גלייכע". אָן דער שפּיץ פון דיזער פערשווערונג איז געשטאַנען גראַקקוס באַבאֶף.

באַבאֶף איז געבאָרען געוואָרען דעם 23טען נאָוועמבער 1760 אין סט. קענטין. ווען ער איז עלטער געוואָרען האָט ער זיך געווידמעט צום פּאָליטישען לעבען. נאָך ראָבעספּיערר'ס שטורץ האָט ער שטאַרק אָנגעגריפען די טהערמידאָריאַנער, און איז דערפאַר פערהאַפטעט געוואָרען. אין געפענגנים איז ער צוזאַמענגעקומען מיט אַ סך יאַקאָבינער. דאָ האָט ער ענטוויקעלט זיינע אידעען וועגען אַ נייער אָרדנונג אין אייגענטום און האָט געפּרעדיגט, דאָס מען מוז געברויכען געוואַלט אום מען זאָל קענען איינאָרדנען אַ „געזעלשאַפט פון גלייכע". זיין לעהרע איז אָנגענומען געוואָרען מיט גרויס ענטהוזיאַזם פון פיעלע ראַדיקאַלע דעמאָקראַטען. ווען דער קאָנווענט איז אויפגעלעזט געוואָרען האָט מען אַלע יאַקאָבינער בעגנאַדיגט, און דאַמאָלס איז באַבאֶף בעפרייט געוואָרען. דאַן האָט ער מיט גרויס פייער אָנגעהויבען צו פערברייטערן זיין פּראָגראַם, אַז דאָס קינפטיגע גליק פון דער געזעלשאַפט בעשטעהט נאָר אין דעם, דאָס מען זאָל אויסגלייכען אַלע מענשען אין דער געזעלשאַפט אין פערמעגען און אין אַרבייט.

מען האָט געגרינדעט אַ צענטראַל־ביוראָ, אָן דער שפּיץ פון וועלכער עס זיינען געשטאַנען: באַבאֶף, בואָנאַראָטטי, אַנטאָנעללע און סילוועין מאַרעשאַל. די „גלייכע" האָבען אויך געגרינדעט אַ פעראיין, וועלכער איז געוואָרען אַ שולע פון אַ געהיימער געזעלשאַפט, צו ווירקען אויף די מאַסען און צו פערהילען די פּלענער פון דער פערשווערונג. דיזער פעראיין האָט אָנגעהויבען מאַכען שטאַרקע אָנגריפען אויף די אויסגעוואַנדערטע אַדעלליט, אויף די פּריסטער, אויף די בערזע־ספּעקולאַנטען, די בלוט־זויגער פון פאָלק, אויף אַלע באַנקירען. זיי האָבען אויך געפּרעדיגט אָפּצושאַפען דעם אונטערשייד פון נאַציאָנען, עס זאָל נאָר זיין איין מענשהייט, און אָפּצושאַפען די אַסיגנאַציעס. אין דער זעלבער צייט האָט באַבאֶף פּראָפּאַגאַנדירט אין זיין צייטונג „דער פאָלקס־פריינד" מיט גרויס ענערגיע זיינע אידעען.

אַלזאָ פערלאַנגען מיר ווירקליך צו לעבען און צו שטאַרבען גלייך, ווי מיר זיינען געבאָרען געוואָרען גלייך; מיר ווילען די ווירקליכע גלייכהייט אָדער דעם טויט. אָט דיזעס ווילען מיר, און דאָס זאָגען מיר אייך שארף און אָפען.

און איהר זאָלט וויסען, דאָס מיר וועלען דיזע ווירקליכע גלייכהייט האָבען. עס מעג קאָסטען וואָס עס וויל. וועה וועט זיין צו די יעניגע, וואָס וועלען שטעהן צווישען אונז און דיזער ווירקליכער גלייכהייט, און וועלען אונז שטערען צו דערגרייכען דיזע ווירקליכע גלייכהייט.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן איז נאָר דער פאָרלויפער פון אַן אַנדערער, פיעל גרעסערער און ערהאַבענערער רעוואָלוציאָן, וועלכע וועט זיין די לעצטע!

דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט בעוויזען, דאָס עס קען זיך אָפּרעכנען מיט אייגענע און מיט פרעמדע קעניגען און מיט פריסטער; דאָס פאָלק וועט זיך אויך אָפּרעכנען מיט די נייע טיראַנען, מיט די נייע פּאָליטישע טיראַנען, וועלכע האָבען פערנומען די שטעלעס פון די אַלטע טיראַנען.

איהר פרעגט, וואָס נאָך פיר גלייכהייט פערלאַנגען מיר, ווען מיר האָבען שוין די גלייכהייט פאר דעם געזעץ? מיר ווילען, אויסער דער גלייכהייט פאר דעם געזעץ, אויך די גלייכהייט אין אונזער לעבען, די גלייכהייט אונטער דעם דאַך פון אונזערע הייזער. פיר דיזע עכטע גלייכהייט זיינען מיר בערייט צו שטאַרבען, צו שטרייטען ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט.

געזעצגעבער און רעגירער! איהר בעזיצט אַזוי וועניג פערשטאַנד, ווי וועניג עהרליכקייט איהר האָט אין זיך. רייכע אייגענטימער, וועלכע האָבען רייכטום, אָבער ניט קיין האַרץ, רעדט זיך ניט איין, דאָס מיר פערלאַנגען ווידער דאָס אַגראַרישע געזעץ — מען זאָל יעדען פון אונז איינטיילען אַ שטיקעל ערד; דאָס האָבען פערלאַנגט איניגע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען בעסער ניט פערשטאַנען. מיר פערלאַנגען עטוואָס פיעל ערהאַבענערעס, וויכטיגערעס און מעהר גערעכטעס. מיר פערלאַנגען: פערטיילונג פון אַלע גיטער. קיין פריוואַט-אייגענטום זאָל מעהר ניט עקסיסטירען אין ערד. די ערד געהערט צו קיינעם ניט, אָבער איהר פרוכט געהערט צו אַלעמען. מיר ווילען אַלע גלייך געניסען די פרוכט, וואָס די ערד גיט אַרויס.

מיר ערקלערען אייך אָפען, דאָס מיר ווילען און וועלען מעהר ניט ליידען. די גרויסע מעהרהייט וועט מעהר ניט אַרבייטען מיט איהר שווייס און בלוט פיר איניגע איינצעלנע מיוחסים, — אַליין צו ליידען אוּם צו פֿערשאַפען זיי אַלע פערגניגענס.

„מאַניפעסט פון די גלייכע.

„די ווירקליכע גלייכהייט איז דער לעצטער
ציל פון דער סאָציאַלער קונסט".
(קאָנדאָרסעט.)

פאָלק פון פראַנקרייך!

15 הונדערט יאָהר האָסטו כסדר געלעבט אין שקלאַפעריי און אין אונגליק. עס איז אין גאַנצען קוים 6 יאָהר זינט דו האָסט אָפּגעצויגען דעם אָטעם און האָסט אָנגעהויבען צו האָפען אויף אונאָפּהענגיגקייט, וואויל-שטאַנד און גלייכהייט.

די גלייכהייט איז דער ערסטער וואונש פון דער נאַטור, די ערסטע בע-דירפנים פון מענשען, און איז דער הויפּט-מיטעל, וואָס בינדט און פער-אייניגט מענשען אין אַ געזעלשאַפט. פאָלק פון פראַנקרייך! דו ביזט אין דיזער הינזיכט ניט בעסער פון אַנדערע נאַציאָנען, וועלכע וואַקסען אויף דער אונגליקליכער וועלט. אימער און איבעראַל איז די מעהרהייט פון די מענשען געוועזען אַ שפּילצייג אין די הענט פון אייניגע געשיקטע מענשען-פרעסער, און די אונגליקליכע האָבען געמוזט טאָן אַלעס, וואָס עס האָט גע-פאָדערט דער עהרגייץ פון דיזע מענשען-פרעסער, — אַלעס, וואָס זייער טיראַנישע הארץ האָט געגלוסט. אימער און איבעראַל האָט מען די מענ-שען איינגעוויגט און פערשלעפערט מיט שענע ווערטער, אָבער אין דער אמת האָבען זיי קיינמאָל ניט געקראָגען, וואָס מען האָט זיי פערשפּראָכען מיט דיזע שענע ווערטער. פון אונגעדענקליכע צייטען אָן ווידערהאָלט מען אונז מיט פאַלשקייט: „די מענשען זיינען גליוך", און דאָך דריקט די אונ-גלייכהייט פון אייביג אָן די מענשהייט. די גלייכהייט איז אימער נאָר געוועזען אַ שענעם פאַנטאַסטישעס וואָרט אין די שריפטען פון די פאַלשע גע-זעצגעבער, אין דער פּראַקטיק האָט זיך קיינער פון דער געדריקטער מענש-הייט מיט דעם ניט בענוצט. יעצט, ווען מען האָט אָנגעפאַנגען שטאַרק פאָדערן די גלייכהייט, ענטפערט מען אונז: „שווייגט, איהר עלענדע! די אמת'ע גלייכהייט איז נאָר אַ חלום, בענוגענט זיך מיט דער גלייכהייט, וואָס איהר האָט; איהר זייט אַלע גלייך פאַר דעם געזעץ! וואָס ווילט איהר נאָך מעהר?"

וואָס ווילען מיר נאָך מעהר? — הערט, געזעצגעבער, רעגירער, רייכע איינגענטימער, הערט, וואָס מיר ווילען! מיר זיינען אַלע גלייך, דאָס איז קיין צווייפעל ניט; נאָר אַ משוגע'נער, וואָס קען זאָגען אויף ליכט — עס איז פינסטער, קען זאָגען אַנדערש.

מיינעם טיש, וועלכען די נאַטור האָט אָנגעגרייט פיר אַלע איהרע קינדער גלייך.

פאָלק פון פראַנקרייך! דער גרעסטער און ריינסטער כבוד איז אָנגע-גרייט פיר דיך. דיר איז בעשערט צו ווייזען דער וועלט דיזען גרויסאַרטי-גען שוישפיל. דיר וועלען נאָכדעם נאָכטאָן אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט.

עס איז זיכער, דאָס אַלע געוואוינהייטען, אַלע פאָראורטיילען, וועלען זיך געבען די מיה צו שטעלען דער נייער רעפובליק אַלערליי הינדערניסען אין איהר וועג, אום זי זאָל ניט קענען דערגרייכען איהר הייליגען צוועק. די אָרגאַניזאַציאָן פון דער ווירקליכער גלייכהייט, וועלכע איז די איינציגע, וואָס קען צופרידען שטעלען אַלע בעדירפניסען פון די מענשען, אַזוי דאָס קיינער וועט דערפון גאָרניט ליידען, ווייל זי פאָדערט ניט קיין אָפּפער, וועט געוויס אין אָנפאַנג פיעלע מענשען ניט געפעלען. די עגאָאיסטען, די עהר-גייציגע וועלען ציטערן פון כעס; די יעניגע, וואָס בעזיצען אונגערעכטען רייכטום, וועלען שרייען וועגען אונגערעכטיגקייט, וואָס מען טוט זיי; עס פערשטעהט זיך, דאָס זיי וועלען ביי דער אָרגאַניזאַציאָן פון דער נייער רע-פובליק פון די גלייכע פערלירען פיעל פון זייערע גענוסען און פערגניגענס, זייער בעזונדערען אינדיווידועלען וואוילשטאַנד; זיי וועט עס שטאַרק אָנ-גרייפען, ווייל זייערע געפיהלען זיינען אימער געווען טעמפּ און פערהאַר-טעוועט געגען די ליידען פון זייערע מיטמענשען; די אַבסאָלוטע געוואַלט און אַלע איהרע העלפער וועלען מוזען געגען זייער ווילען בייגען דעם קאָפּ פאַר דעם סיסטעם פון ווירקליכער גלייכהייט. אָבער וואָס פיר אַ ווערט, וואָס פיר אַ מאַכט האָבען אייניגע טויזענד אונצופרידענע, וואָס קענען זיי טאָן געגען דער מאַסע גליקליכע, וואָס דאָס נייע סיסטעם פון דער רעפובליק פון די גלייכע וועט שאַפען? די גלייכע פון דעם נייעם סיסטעם וועלען זיין איבערראַשט צו זעהן זיך אין דער גליקליכער לאַגע, צו וועלכער זיי האָבען אַזוי לאַנג געשטרעבט, וועהרענד זיי האָבען זי אימער געקענט אַזוי לייכט דערגרייכען!

אַ טאָג נאָך דיזער גליקליכער רעוואָלוציאָן וועלען זיי מיט פערוואונ-דערונג צו זיך אַליין זאָגען: דאָס אַלגעמיינע גליק איז דאָך געווען אַזוי לייכט צו האָבען, מיר האָבען דאָך נאָר געברויכט צו וועלען, וואַרום האָבען מיר עס פריהער ניט געוואָלט? וואַרום האָט מען עס אונז געדאַרפט זאָ-גען? וואַרום האָבען מיר עס פריהער ניט פערשטאַנען, דאָס כל זמן עס

מיר האָבען לאַנג, צו לאַנג געדולדעט, דאָס איבער 20 מיליאָנען מענשען זאָלען ארבייטען צו פערשאַפען אַלע לוקסוסען פיר א מינאָריטעט פון וועניגער ווי א מיליאָן מענשען.

צו דיזען סקאַנדאַלעזען צושטאַנד מוז נעהמען אַן ענדע! די מענשהייט מוז אויפהערען צו גלויבען אין די מעגליכקייט פון אַזאַ אוננאַטירליכען, אוננאָרמאַלען צושטאַנד. עס מוז ענדליך פערשווינדען די פערברעכערישע אונגלייכהייט צווישען רייכע און אָרימע, עס זאָל מעהר ניט עקסיסטירען הויך און נידריג, הערר און קנעכט, רעגירער און אונטערטאַנען.

קיין אונטערשייד צווישען מענשען זאָל מעהר ניט זיין, אויסער דעם נאַטירליכען אונטערשייד: פערשיידענהייט פון געשלעכטער, מענער און פרויען, און פערשיידענהייט אין יאָהרען, אַלט און יונג. עס מוז איינגעפיהרט ווערען פיר אַלעמען א גלייכע ערציהונג, גלייכע שפּייזען. די נאַטור האָט געגעבען איין זון, א גלייכע לופט פיר אַלעמען, וואָרום זאָלען ניט אַלע גלייך געניסען פון אַלע אַנדערע זאַכען, וואָס די נאַטור גיט אַרויס און וואָס איז נעטיג פיר דעם מענשען׳ס לעבען?

מיר זיינען זיכער, דאָס אונזערע פיינד וועלען פיר דיזע גערעכטע פאָדערונג אונז אָנרופען „מערדער, רויבער!” פאָלק פון פראַנקרייך! מיר וועלען ניט פערלירען קיין צייט צו ענטפערן זיי דערויף, דיר אָבער פערזיכערן מיר, דאָס אונזער הייליגע אונטערנעהמונג האָט ניט קיין אַנדער ציל, ווי צו מאַכען אַן ענדע צום עלענד פון פאָלק.

אזא פּלאַן ווי אונזערער האָט נאָך קיינער ניט פאָרגעשלאָגען. זעהר וועניג קלוגע און בעגייסטערטע מענשען האָבען וועגען דעם געשפּראָכען מיט א ציטערנדער שטימע. אָבער קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט דעם מוט ארויסצוזאָגען די פולע וואהרהייט.

יעצט איז געקומען די צייט פיר גרויסע אונטערנעהמונגען. די ליידען האָבען דערגרייכט זייער העכסטען פּונקט און האָבען זיך פערברייטעט איבער דער גאַנצער וועלט. צו לאַנג הערשט אונטער דעם נאָמען „פּאָליטיק” א כאַאָס (אונאָרדנונג). עס איז שוין צייט, דאָס אַלעס זאָל זיך צוריקקעהרען צו זיין ריכטיגען פּלאַץ, צו זיין נאַטירליכער אָרדנונג. עס איז שוין צייט. דאָס אַלע אָנהענגער פון גערעכטיגקייט זאָלען זיך צוהערען צו דער שטימע פון גלייכהייט און זאָלען זיך אָרגאַניזירען. עס איז געקומען דער אויגענבליק צו גרינדען א רעפּובליק פון גלייכע. עס איז געקומען דער טאָג, אין וועלכען די רויבער זאָלען אָפּגעבען וואָס זיי האָבען אָנגערויבט ביי די מאַסען. די פאַמיליעס, וואָס לעבען אין עלענד, קומט, זעצט זיך צום אַלגע-

עס איז אָפגערעדט געוואָרען, דאָס ווען די שטורם־גלאָק מיט די טרומייטען וועלען אָנהויבען קלינגען און טרומייטערן, זאָלען די אָנהענגער זיך באַלד בעוואַפנען און צוזאַמענקומען אויף אַ געוויסען פלאַץ און שטעלען זיך אונטער דער קאָמאַנדע פון די פאָלקס־גענעראַלען, וועלכע וועלען טראָגען אין זייערע היט דריי־פאַרביגע בענדער אַלס צייכען. די ערסטע אַרבייט, וואָס דיזע מיליטערישע מאַכט וועט דאַרפען טאָן, וועט זיין, אַריינצוכאַפּען אין זייערע הענט די אַלע עפענטליכע אינסטיטוציאָנען: דאָס ראַט־הויז, די שאַצקאַמער (קאַזנאַטשייסטוואָ), די פאָסט, די מיניסטעריום־געביידעס און אַלע מאַגאַזינען, אין וועלכע עס געפינען זיך לעבענס־מיטלען אָדער געוועהר. דיביידע ראַט־קערפערשאַפטען: דער ראַט פון 500 און דער ראַט פון די אַלטע (סענאַט), ווי אויך דאָס דירעקטאָריום, זאָלען אויפגעלעזט ווערען, און דער אורטייל איבער זיי זאָל אויסגעשפּראָכען ווערען פון פאָלק. אַלע לעבענס־מיטלען זאָלען צוטיילט ווערען דעם פאָלק אומזיסט אין עפענטליכע פלעצער; די גיטער פון די אויסגעוואַנדערטע און פון די פיינד פון פאָלק זאָלען גלייך צוטיילט ווערען צו די אָרימע פערטיידיגער פון פאָטערלאַנד.

אַלעס איז געווען גוט פאָרבערייטעט. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגע׳גנב׳עט אין די פערזאַמלונגען אַ פעררעטער, אַן אָפיצער מיט׳ן נאָמען גריזעל, און האָט ענטדעקט דעם דירעקטאָריום דעם גאַנצען פלאַן פון דער פערשווערונג. דעם 10טען מאַי 1795 זיינען באַבאָף און בואָנאַראָטטי אַרעסטירט געוואָרען. אַלע זייערע געהיימע פאַפּירען זיינען אַריינגעפאַלען אין די הענט פון דער פאָליציי. מען האָט אַרעסטירט זעהר פיעלע פון די פערשוואָרענע. דער פּראָצעס האָט זיך געצויגען זעהר לאַנג. פון די אַרעסטירטע האָט קיינער ניט אַרויסגעגעבען זיינע חברים. ווען דער פאָליציי־מיניסטער האָט איין מאָל נעפרעגט באַבאָף׳ן וועגען זיינע מיטשולדיגע און וועגען זייערע אַבזיכטען, האָט ער געענטפערט: „איך בין דורכאויס איבערצייגט, דאָס די יעצטיגע רעגירונג איז טיראַניש, און איך בין געווען בערייט צו טאָן אַלעס אום זי צו שטירצען. איך האָב מיך פערבונדען מיט אַלע דעמאָקראַטען פון דער רעפּובליק, אָבער איך וועל ניט איינעם פון זיי אַרויסגעבען. איך וועל אויך ניט אַרויסגעבען די איינצעלהייטען פון די מיטלען, וואָס זיינען געברויכט געוואָרען אום דורכצופיהרען אונזער זאַך“.

צו ענדע פון פעברואַר 1797 איז אין ווענדאָם פאָרגעקומען דער פּראָצעס פאַר די ריכטער. באַבאָף און דאַרטהע זיינען פעראורטיילט געוואָרען

איז דאָ אין דער וועלט איין איינציגער מענש, וועלכער איז רייכער פון אַלע אַנדערע מיטמענשען, וועלכער איז מעכטיגער פון אַלע אַנדערע, פעהלט צווישען די מענשען דאָס גלייכגעוויכט, און דאַן מוז הערשען אויף דער ערד פערברעכען און אונגליק.

פאָלק פון פראַנקרייך! אין וואָס וועסטו אַלזאָ דערקענען די גוטקייט פון אַ נייער פערפאַסונג? עס פערשטעהט זיך, דאָס נאָר די יעניגע פערפאַסונג, וואָס וועט זיין געגרינדעט אויף פאָלשטענדיגער גלייכהייט, נאָר אַזאַ וועט צופרידען שטעלען די ווינשען פון אַלעמען.

די אַריסטאָקראַטישע פערפאַסונגען פון די יאָהרען 1791 און 1795 האָבען געמאַכט דיינע קייטען שטאַרקער. די פערפאַסונג פון יאָהר 1793 איז ווירקליך געווען אַ גרויסער שריט צו דער ווירקליכער גלייכהייט. מען איז נאָך קיינמאָל ניט געקומען אַזוי נאָהענט צו דער ווירקליכער גלייכהייט ווי מיט דער פערפאַסונג פון יאָהר 1793. אָבער אויך זי האָט נאָך ניט בעריהרט דעם וואהרען צוועק, דעם ענד־ציל; זי איז נאָך ניט געקומען צום אַלגעמיינעם גליק, הגם זי האָט פייערליך און אָפען פראָקלאַמירט דיזען גרויסען פרינציפּ.

פאָלק פון פראַנקרייך! עפען דיינע אויגען און דיין הארץ צום פאָלשטענדיגען גליק! ערקען און פראָקלאַמיר די רעפּובליק פון די גלייכע!"

דיזער מאַניפעסט איז ניט פערעפענטליכט געוואָרען, ווייל דאָס געהיים־קאָמיטע איז ניט געווען איינפערשטאַנען מיט איניגע פונקטען פון איהם. אָבער דערפאַר האָבען זיי אַרויסגעלאָזען זעהר פיעלע בראָשורען און האָבען פובליצירט זעהר פיעלע אַרטיקלען אין צייטונגען און זשורנאַלען און האָבען בעקאַנט געמאַכט דאָס פובליקום מיט דיזער אידעע פון גלייכהייט. די מאַסען זיינען געווען זעהר גינסטיג געשטימט צו דיזער אידעע. זעהר פיעלע מענשען פון דער בארג־פאַרטיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער נייער פאַרטיי פון די גלייכע. אויך אין דער אַרמעע האָבען זיך געפונען פיעלע אָנהענגער. די רעגירונג האָט אָנגעהויבען צו געברויכען זעהר שטרענגע מיטלען צו דערשטיקען דיזע אידעע, אָבער, ווי עס איז אימער דער פאַל, דער דרוק פון דער רעגירונג האָט נאָר געהאָלפען צו פערשטאַרקען די בעוועגונג און די פּראָפּאַגאַנדאַ. אין אַ קורצער צייט האָבען די גלייכע בעקומען איבער 17,000 אָנהענגער, אויסער די אַרבייטער, וועלכע זיינען אימער געווען גרייט צום קאַמף. עס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ פּלאַן ווי צו בענוצען זיך מיט דער מאַכט פון אַזוי פיעלע אָנהענגער.

מאַכט נאָך ניט קיין רעוואָלוציאָן. עס האָבען געפעהלט די מאַסען, וואָס זיינען פעהיג צו קעמפפען, די מאַסען, וואָס זיינען געוועזן פעהיג צו שטורמען די באַסטיליע, די טואילעריען. און וואָרום האָבען יעצט געפעהלט דיזע מאַסען, וואו זיינען זיי אַהינגעקומען? זיי זיינען אַלע געוועזן אין דעם מיליטער, אין פעלדצוג געגען די פערבינדעטע אויסלענדישע מעכטען; דאָרט זיינען פיעלע פון זיי געפאַלען אויף׳ן שלאַכטפעלד, פיעלע זיינען נאָך געוועזן פערבונדען אין שטרייט מיט די וועגדעער, פיעלע זיינען געוועזן אין די קאָרפּוסען פון דער איטאַליענישער אַרמעע, אָן דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע. מיט איין וואָרט, זייער ענערגיע איז געוועזן געריכטעט געגען דעם אויסלענדישען פיינד און אין לאַנד איז זי כמעט אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען.

און דעריבער איז גלייך פון אָנהויב געוועזן די אונטערנעהמונג פון באַבאָף און די איבריגע „גלייכע" א פאַנטאַסטישע אונטערנעהמונג, אָהן א שום יסוד. דאָך האָבען די פּראָלעטאַריער גענוג אורזאַך צו אַכטען דעם אָנדענקען פון די „גלייכע", ווייל זיי זיינען געוועזן די ענערגישע פאָרקעמפּפער פון זייער (פון די פּראָלעטאַריער) בעפרייאונג, זייערע אַבזיכטען זיינען אָהן א שוב צווייפעל געוועזן זעהר ערהאַבען, מען קען ניט קיינעם פון זיי חושד זיין אין וועלכען עס איז עגאָאיזם (אייגעננוץ); זייערע שריפטען זיינען בעגייסטערט מיט ליבע צו גערעכטיגקייט, און אָטעמען מיט א פייער פון בעגייסטערונג, און דעריבער וועלען זיי אייביג לעבען אין די הערצער פון די אונגליקליכע אונטערדריקטע פּראָלעטאַרישע מאַסען.

די פערשיידענע פּלענער ווי צו ענדערן די געזעלשאַפט און צו פערבעסערן דעם צושטאַנד פון דער אָרימער קלאַס האָבען זיך געענדיגט מיט גאָרניט. מיראַבאָ האָט בעטראַכט דאָס אייגענטום נאָר אַלס א שאַפונג פון דער געזעלשאַפט. ראָבעספּיערר האָט געפּלאַנעוועט א פּראָגרעסיווע שטייער אום צו פערבעסערן דעם צושטאַנד פון די אָרימע; סעינט זשוסט האָט געוואָלט אָפּשאַפען דאָס ערב־רעכט אין דער זייטען־ליניע, אום די רייכע ירושות זאָלען אָנקומען צוריק צו דער געזעלשאַפט, און דורך דעם פערבעסערן דעם צושטאַנד פון די פּראָלעטאַריער, און באַבאָף האָט פערלאַנגט איינפאַך אויסצוגלייכען די אונגלייכהייט פון בעזיץ, דעם קאָמוניזם.

מיט דער פערניכטונג פון דער באַבאָפיסטישער בעוועגונג איז די גאַנצע פּראָלעטאַרישע בעוועגונג דערשטיקט געוואָרען. עס האָט אויסגעוויזען, דאָס מיט באַבאָף׳ס טויט איז די גאַנצע קאָמוניסטישע אידעע פערלאָרען

צום טויט; בואָנאַראָטטי מיט 6 אַנדערע זיינען פערטריבען געוואָרען פון לאַנד. בואָנאַראָטטי איז אין יאָהר 1830 צוריקגעקומען נאָך פראַנקרייך. ער האָט פאָרטגעזעצט זיין טעטיגקייט אין געהיים. שפּעטער האָט בלאַנקי ווייטער געטריבען די אידעע דורך געהיימע געזעלשאַפטען ביז דער נייעס-טער צייט, אָבער יעצט האָט דיזע אידעע בעקומען אַן אַנדער געשטאַלט.

באַבאָף׳ס טעאָריע פון גלייכהייט בעשטעהט דערין, דאָס די גאַנצע נאַציאָן איז דער אייגענטימער פון אַלע גיטער אין לאַנד. יעדער פון די בירגער איז פערפּליכטעט צו אַ ניצליכער אַרבייט. יעדער מוז אַריינטרעטען אין װעלכע עס איז אַרבייט־שולע, אונטער דער השגחה פון אַן ערוועהלטען בעאַמטען. די אַרבייט, וואָס די שולען גיבען אַרויס, מוז געליפערט ווערען אין שטאַאַטס־לאַגערן אָדער געמיינדע־מאַגאַזינען. פון דאָרט בעקומט יעדער בירגער וויפיעל ער האָט נעטיג פיר זיין געברויך. קיין געלט זאָל ניט גע-מאַכט ווערען אין לאַנד. די געשעפטען מיט אויסלאַנד דאַרף פיה־ען נאָר די רעגירונג אַליין. איבערהויפּט אָבער האָבען יענע קאָמוניסטען געפּרעדיגט אַן אַגראַרישען קאָמוניזם, ד. ה., דאָס די ערד זאָל געהערען צום גאַנצען פאָלק און ניט צו איינצעלנע.

די אָנהענגער פון באַבאָף׳ן האָבען געהאַט זעהר ווייניג אויסזיכטען, דאָס זיי זאָלען קענען פערווירקליכען זייער אידעאַל, ווייל די בויערן, אויף וועלכע די באַבאָפיסטען האָבען גערעכענט, אַז זיי וועלען זיין זייערע אָנהענגער, זיינען געווען ווייט פון איינצושטימען מיט דיזען פּלאַן. אין געגענטייל, זיי זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע געגנער צו דיזען פּלאַן. און די פּראָלעטאַריער, די אַרבייטער, האָט דען באַבאָף געקענט אויף זיי רעכטען, אַז זיי זאָלען שטיצען זיין אונטערנעהמונג? מען קען מיט זיכער-הייט ענטפערן, דאָס אויך אויף זיי האָט ער גאָרניט געקענט רעכנען. זיי האָבען בעוויזען, דאָס זיי בעציהען זיך גלייכגילטיג צו אַלע פּאָליטישע בע-וועגונגען, וואָס קומע פאָר אין לאַנד. זיי האָבען געקוקט גלייכגילטיג אויף די האַנדלונגען פון די טהערמידאָריאַנער, וועלכע האָבען געדריקט און אָנ-געגריפען אַלע פּאַרטייען, און ווען מען האָט געשלאָסען די רעוואָלוציאָנערע קלובס איינעם נאָך דעם אַנדערען האָבען זיי מיט קיי פינגער ניט אַ ריהר געטאָן צו טאָן עטוואָס געגען די אַלע האַנדלונגען פון דער הערשענדער פּאַרטיי. די פערהעלטניסען האָבען זיך זינט דאַמאָלס אויף אַ האָאָר ניט געבעסערט און ניט געענדערט אין דעם זין פון די דעמאָקראַטען. אָהן וויפיעל זיינען דאַמאָלס געווען אונצופרידענע, אָבער אונצופרידענהייט

די געשיכטע פון פראַנקרייך ביז צום וויענער קאָנגרעס.

א. די אויסערע פּאָליטיק אונטער דעם דירעקטאָריום.

די הויפּט־שוועריגקייט פון דער דירעקטאָריאַל־רעגירונג אויסער דער רואינירטער לאַגע פון די פינאַנצען איז געווען אין די אויסלענדישע פערהעלטניסען. ביז צום הערבסט פון יאָהר 1795 האָט געהערשט אַ וואַפען־שטילשטאַנד. פּרייסען איז אין גאַנצען אַרויסגעטרעטען פון בונד און עסטרייך האָט זיך לאַנג אָפּגעהאַלטען פון קריג, ווייל עס האָבען איהר דערצו געפעהלט די מיטלען, און זי האָט זיך ווידער אַריינגעצויגען אין קריג ערסט דאַן, ווען זי האָט בעקומען סובסידיום (געלט־שטיצע).

אין אָנפאַנג סעפּטעמבער זיינען די פראַנצויזען ווידער אַריבער דעם רהיין אום פאָרטצוזעצען דעם שטרייט. דער גענעראַל זשורדאַן איז ביי דיססעלדאָרף אַריבער דעם רהיין, האָט פערטריבען די עסטרייכער צוריק איבער'ן מאַין און האָט בעלאַגערט מאַינץ. אין דער זעלבער צייט האָט פּישעגרו ערָאָבערט מאַננהיים און באַלד נאָכדעם האָט זיך אויף דיססעלדאָרף אונטערגעגעבען אָהן שום ווידערשטאַנד, גלייך ווי זשורדאַן האָט עס געפאָדערט. דיזע אַלע מפּלות פון די קליינע דייטשע שטאַאַטען האָבען געבראַכט עסטרייך אין די גרעסטע געפאַהר, ווייל יעצט איז געווען פיר די פראַנצויזען זעהר לייכט אָפּצונעהמען אַלע עסטרייכישע מאַגאַזינען.

ענדליך איז אָנגעלאָפען דער עסטרייכישער גענעראַל וואורמזער מיט דער אַרמעע פון אויבער־רהיין און האָט ערָאָבערט פּישעגרו מיט זיין פעסטען לאַגער ביי מאַננהיים, און קלערפעיט האָט ביי האָכסט זיך געוואָרפען אויף זשורדאַן און האָט פון איהם צוריק אָפּגענומען דעם גאַנצען געביט ביז דיססעלדאָרף. די פראַנצויזישע אַרמעע איז נאָך דיזער נידערלאַגע געלאָפען צוריק, אָבער די בויערן האָבען פיעלע פון זיי פערניכטעט, אום צו נעהמען ראַכע פיר די ליידען, וואָס די פראַנצויזען האָבען זיי פערשאַפט, ווען זיי זיינען

געגאנגען. אָבער דער געדאַנק צו פערבעסערן די לאַגע פון די אַרבייטער איז ניט אויפגעגעבען געוואָרען, ער האָט נאָר גענומען אַן אַנדער ריכטונג. די אידעע, וואָס בעצויבערט יעצט אַלע פריינד פון פאָלק, איבערהויפּט פון דער אַרבייטער־קלאַס, איז — צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער און די אַרבייט. דיזע אידעע איז געווען כמעט דער הויפּט־גרונד פון דער רעוואָלוציאָן פון דעם יאָהר 1848.

ער דערזעהען, דאָס זיינע פערבינדונגען מיט דעם רהיין זיינען אָפּגעשניטען און דער פיינד איז איהם נאָהענט אין רוקען. ער האָט זיך געמוזט צוריק-ציהען. דיזער ריקצוג האָט פערשאַפט דעם גענעראַל מאָראָ גרויס עהרע, ווייל ער איז געמאַכט געוואָרען אין דער צייט און מיט גרויס טאַלאַנט און פאָרזיכטיגקייט.

דער קריגס־פּלאַן פון די פראַנצויזען איז איין טייל פון דער אַרמעע גאָרניט געלונגען. עס איז געבליבען פיר באָנאַפּאַרטע'ן אליין, אָהן הילף פון אַן אַנדערען טייל פון דער אַרמעע, צו לעזען די שווערע אויפגאַבע. און ער האָט זי ווירקליך אַליין געלעזט, ניט צו פערדאַנקען זיין זשעניע, נאָר כמעט אויף אַ וואונדערבאַרען אופן. די הצלחה האָט איהם געשפּילט.

נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע איז געבאָרען געוואָרען אין קאָרסיקאַ אין יאָהר 1769. אין דער קריג־שולע פון בריעננע האָט ער געקראָגען אַ זעהר טיב-טיגע מאַטהעמאַטישע פאָרבילדונג. זיינע אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען האָבען באַלד צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע לעהרער. אָבער איבערהויפּט האָבען אַלע בעוואונדערט די ריזיגע קראַפט פון זיין ענערגיע. קאַלטבלוטיג האָט ער בעשלאָסען אַליין צו מאַכען זיין וועג, ניט רעכנענדיג און ניט ערוואַרטענדיג פון בלינדען שיקזאַל וועלכע עס איז אונגעוועהנליכע גליקען. די מענשען, וואָס האָבען איהם געקענט נאָ-הענט, האָבען צוגעגעבען, דאָס אין זיין פּערזאָן איז געווען עטוואָס אונ-געוועהנליכעס, אַ מין טייפליש־צווינגענדע מאַכט, וועלכע מאַכט יעדען צו ערפילען זיין וואונש. דיזעס האָבען צוגעגעבען זאָגאַר זיינע פיינד. דיזע קראַפט איז ניט געלעגען אין זיין אויסערער ערשיינונג, נאָר אין דעם בע-וואוסטזיין, וועלכעס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַלע זיינע ווערטער און אין אַלע זיינע מעשים, דאָס ער איז בערופען צו בעהערשען די מענשען. דער געשיכטע־שרייבער הייססער זאָגט אין זיין כאַראַקטעריסטיק פון נאַפּאָ-לעאָן'ען פאָלגענדעס: „מיר טרעפען אין דער וועלטגעשיכטע זעהר ווענוג מענשען ווי נאַפּאָלעאָן, וועלכער איז אומגעגאַנגען מיט אַ פעסטען בעוואוסט-זיין, דאָס זיין אויפגאַבע איז צו בעהערשען די מענשען. ער האָט שטאַרק געגלויבט, דאָס דיזעס איז דער ענד־ציל פון זיין לעבען, און דיזעס וועט און מוז דערגרייכט ווערען אום יעדען פּרייז, און קיין זאַך אין דער וועלט וועט ניט זיין אין שטאַנד עס צו פערהינדערן.

„דיזעס האָט מען שוין דאַמאָלס אין אָנפאַנג פון זיין קאַריערע בע-מערקט אין זיין האַלטונג און אין זיינע אויסערונגען. עס טרעפען אין דער וועלט מענשען, וואָס האַלטען זיך פיר זשעניען, אָבער די וועלט גלויבט זיי

אָנגעפאַלען אויף דיזע געגענדען. באַלד האָט קלעבער זיך ענטשלאָסען צו א צווייטען שטריט מיט די פראַנצויזען. ער האָט געשטורמט דעם פעסטען לאַגער פון די פראַנצויזען ביי מאַינץ און האָט אָפּגעשניטען פּי-שעגרו פון דער ארמעע ביי מאַננהיים, אזוי דאָס דיזע פעסטונג האָט זיך געמוזט אונטערגעבען (22טען נאָוועמבער 1795).

דאַן האָט קאַרנאָט געמאַכט א נייעם פּלאַן ווי אָנצופיהרען די מלחמה; ער האָט געאָרדענט צו פיהרען די מלחמה מיט'ן פיינד ניט ביי די גרענצען נאָר אין לאַנד גופא פון פיינד, און מיט איין מאָל אין דייטשלאַנד און אין איטאַליען, און די ביידע ארמעען זאָלען זוכען צו מאַכען זיך א וועג נאָך וויען. צו דיזען צוועק זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען 5 אַרמעען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין א לאַנגער ליניע פון גענוא ביז צו דער נאָרד-זעע. אין צפון-זייט זיינען געשטאַנען זשורדאַן און מאָראָ, יעדערער מיט 77 טויזענד מאַן אונטער זיין קאָמאַנדע. אין זיד איז געשטאַנען באָנאַפּאַרטע מיט אַן ארמעע פון 40—50 טויזענד מאַן. נאָך דעם פּלאַן פון קאַרנאָט האָט דער אויסצוג געזאָלט געמאַכט ווערען אונערוואַרטעט.

אין אָנפאַנג פון מאָנאַט יוני איז זשורדאַן וויעדער אַריבער דעם רהיין אום צו פערטרייבען צוריק די עסטרייכער. אָבער דער ערץ-הערצאָג קאַרל האָט איהם געשלאָגען; דערפאַר איז עס געלונגען דעם אַנדערען פראַנצוי-זישען גענעראַל מאָראָ אַריינצודרינגען אין שוואַבען. ער האָט איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד ביז צו דעם טייך לעך, ער איז זאָגאַר אַריבער דיזען טייך און האָט אַריינגעדרונגען אין באַיערן און האָט זיך מעהר און מעהר צוגע-רוקט צו דער איטאַליענישער ארמעע.

יעצט האָט דער ערץ-הערצאָג קאַרל געענדערט דעם פּלאַן פון זיין פעלד-צוג. ער האָט צוזאַמענגעצויגען אַלע עסטרייכישע טרופּען אום אָנצו-גרייפען די פראַנצויזישע אַרמעען יעדע בעזונדער, כל זמן זיי האָבען זיך נאָך ניט פעראייניגט. דיזעס איז איהם ווירקליך געלונגען אין דער צוויי-טער העלפט פון אויגוסט. דעם 22טען און 24טען אויגוסט האָט ער אזוי צוקלאַפּט די פראַנצויזישע אַרמעע אונטער דער קאָמאַנדע פון זשורדאַן, דאָס דיזער איז געווען געצוואונגען צוריקצוטרעטען איבער דעם טייך לאַהן. היר אָבער איז ער נאָך א מאָל געשלאָגען געוואָרען פון דעם ערץ-הערצאָג קאַרל, אזוי דאָס ער האָט געמוזט ענטלויפען ביז דיססעלדאָרף. די מפלה פון זשורדאַן האָט אויך געבראַכט מאָראָ'ן אין געפאַהר. דיזער גענעראַל האָט שוין געשלאָסען פרידען מיט די זיד-דייטשע שטאַאטען אויף בעדינ-גונגען, וואָס א זיגער מאַכט געוועהנליך מיט די בעזיגטע. אָבער יעצט האָט

עסטרייכער פלוצלינג און צווינגען זיי אָפּצוטרעטען צו אָסט, אזוי דאָס די פּיעמאָנטעזען זאָלען מוזען אָננעהמען אַ שטעלונג פון פערטיידיגונג. דער פיהרער פון די פערבינדעטע איז געווען דער גענעראַל באָליעָ, וועלכער איז געווען בעוואוסט אַלס קריגס־העלד פון ערסטען גראַד. ענדע מערץ איז נאַפּאָלעאָן געקומען צו זיין אַרמעע. ער האָט זי געפונען אין אַ זעהר טרויעריגען צושטאַנד. עס האָבען זיי געפעהלט קליידער, שיך און לעבענסמיטלען. נאַפּאָלעאָן האָט זיך געווענדט צו זיי מיט פאָלגענדע ווערטער: „איהר זייט נאַ-



נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע.

קעט, איהר האָט ניט וואָס צו עסען, די פראַנצויזישע רעגירונג איז אייך שולדיג זעהר פיעל, זי קען אייך אָבער יעצט גאָרניט געבען. אַייער געדולד, אַייער מוט, וועלכע איהר האָט געצייגט צווישען דיזע בערג, זיינען בעוואונדערונגס־ווירדיג, אָבער זיי שאַפען אייך ניט קיין עהרע, און קיין שטראַהל פון גלאַנץ קען אויף אייך דערפון ניט אָפּשטראַהלען. איך וויל אייך פיהרען אין די פרוכטבאַרסטע לענדער פון דער וועלט. איהר וועט איינעהמען רייכע שטעדט, איהר וועט בעהערשען פראַכטפולע לאַנדשאַפ-

ניט. ביי נאַפּאָלעאָן'ען איז עס ניט געווען דער פאַל. די מענשען האָבען ווירקליך געגלויבט, דאָס ער איז אַ זשעניע, ווי ער האָט זעלבסט געדענקט וועגען זיך. מיר זיינען געוועהנט צו בעטראַכטען נאַפּאָלעאָן'ען אַלס אַ דעספּאָט, וועלכער האָט געדריקט מיט זיין אַייזערנער האַנט אָהן שום רחמנות. אין אָנפאַנג אָבער איז ער געווען אַ גאַנץ אַנדער מענש. דאָס עדעלע אין זיין נאַטור איז נאָך ניט געווען אונטערדריקט פון זיין שרעקליכען עגאָאיזם, עס איז נאָך דאַמאָלס אין איהם ניט געווען צו בעמערקען די שרעקליכע מענשען־פעראַכטונג, וועלכע ער האָט אַרויסגעצייגט אין די שפּעטערע יאָהרען פון זיין לעבען. ער איז נאָך דאַמאָלס געווען אַ זעהר ליבליכער מענש מיט זעהר ווייכע געפיהלען.

„מיר האָבען פון איהם ביישפּילען פון גרויסמוט, עדעלזין און ווירקליכער פריינדשאַפט. מאַרמאָנט פערזיכערט, דאָס עס איז ניט געווען אַ זאַך, וואָס מען האָט ניט געוואָלט טאָן פון זיינעט וועגען מיט'ן גרעסטען פערגניגען, קיין זאַך איז פיר אימעצען ניט געווען שווער צו טאָן אין זיין געגענוואַרט. ער האָט איינפאַך אַלעמען בעצויבערט מיט זיין געגענוואַרט. ער האָט מיט זיין צויבערקראַפט געמאַכט, דאָס זאָגאַר גאַנץ בעדייטענדע מענשען זיינען איהם געוואָרען געהאָרזאַם אָהן אַ שום צוואַנג, נאָר מיט אַ פריייוויליגען וואונש איהם צופרידען צו שטעלען. עס האָבען איהם אַרומגערינגעלט די פעהיגסטע קעפּ פון זיין צייט. אָבער דאָס אַלעס איז אין גרונד נאָר געווען אַ מיטעל צו געווינען מענשען־הערצער, אַ מיטעל צו בעהערשען אַלעמען און יעדען. דאָס אַלעס איז נאָר געווען אַ וואַפּע צו דערגרייכען זיין ציל, און דיזער ציל איז געווען — צו הערשען. דיזער עגאָאיזם, דיזע לוסט צו הערשען האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצואווייזען נאָך פיעל פריהער איידער ער האָט דערגרייכט זיין ציל. אָבער ביי אַלעם דעם איז ער געווען פעהיג צו דערגרונטעווען דעם עיקר פון אַלע פראַגען, צו ערפאַסען דעם לעבענס־נערוו פון אַלע זאַכען, ווי אַן אמת'ער זשעניע קען עס נאָר פערשטעהן.

„דיזע וואונדערבאַרע נאַטור איז יעצט געווען אין פולען בליהען פון איהר קראַפט. נאַפּאָלעאָן איז דאַמאָלס אַלט געווען ניט מעהר פון 27 יאָהר. דיזער אַלטער האָט ביי אַ זיד־לענדער פיעל מעהר בעדייטונג ווי ביי אַ מאַן, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין אַ נאָרדליכען קלימאַט".

נעגען דעם מיליטער, וואָס איז געווען אונטער נאַפּאָלעאָן'ס קאָמאַנדע אין איטאַליען, זיינען געשטאַנען טרופּען פון די עסטרייכער און פּיעמאָנטעזען אונגעפעהר 60,000 מאַן. נאַפּאָלעאָן'ס פּלאַן איז געווען צו בעפאַלען די

אין איטאליען. די פראנצויזען זיינען אריבער דעם טייך. די עסטרייכער זיינען געשלאגען געווארען ביי פאמביא און האבען צוריקגעטרעטען, אבער דער זיגער האט זיי נאכגעיאגט. אויף דער בריק ביי לאדי איז פארגעקומען א בלוטיגער שטרייט (10טען מאי). דער טאג איז געווען פיר די פראנצויזישע ארמעע זעהר א שרעקליכער, אבער נאפאלעאן האט געזיגט און איז אריבער די בריק און האט דערפאר געוואונען דאס גאנצע לאמבארדישע לאנד. עס האבען זיך אונטערגעגעבען קרעמאנא און פאוויא, און נאפאלעאן איז מיט גרויס טריאומף אריין אין מאילאנד (מילאנא).

נאכדעם האבען אויך פארמא און מארענא געשלאסען פרידען. דער פאפסט און נעאפעל האבען געמוזט בעצאהלען שווערעס געלט פיר נייטראליטעט. פארמא האט געמוזט בעצאהלען 2,000,000 אין מזומן און נאך א מאל אזוי פיעל אויסצאהלען בישלאכוויז; אויסער דעם האט זי געמוזט אפגעבען פון איהרע בילדער־גאלעריען 20 טייערע בילדער, וועלכע דער זיגער וועט וועלען. דער פאפסט האט געמוזט געבען צו פראנקרייך 21 מיליאנען, 100 בילדער און סטאטועס און 500 האנטשריפטען פון דער וואטיקאנישער ביבליאטהעק. די לאמבארדיש־עסטרייכישע לענדער האבען געמוזט צאהלען 20,000,000 קאנטריבוציאן. אויך ווענעציא האט געמוזט געבען געלט. דאס דירעקטאריום האט דאמאלס אנגעהויבען אנצופילען די לעערע פראנצויזישע קאסע. אויסער דעם האט דער קריג זיך אליין בעצאהלט זיינע הוצאות, אזוי דאס פראנקרייך האט ניט געהאט צו טראגען די לאסט פון דעם קריג און די פינאנצען זיינען בעדייטענד בעסער געווארען.

באליא האט געמוזט מיט דעם רעסט פון זיין ארמעע אפטרעטען אין טיראל. נאפאלעאן איז איהם נאכגעלאפען און אין א קורצער צייט האט אין גאנץ לאמבארדיע, אויסער מאנטוא, געוועהט די דריי־פארביגע פראנצויזישע פאהן. באנאפארטע האט ניט געקענט פארטזעצען זיין מארשרוט ביז ער האט איינגענומען מאנטוא, וועלכע האט געשטערט זיין פלאן צו געהן אויף ווין. די עסטרייכער האבען געמאכט א גרויסען פעהלער און האבען אפגערופען זייער ארמעע פון דייטשלאנד, וועלכע האט געהאלטען ביי פערניכטען די נארד־פראנצויזישע ארמעע, און האבען זי געשיקט צו הילף צו מאנטוא. אבער ווי נאר דער גענעראל וואורמזער איז אנגעקומען צום מינטשיא (א טייך, וואס פאלט אריין אין דעם גרויסען טייך פא), איז איהם נאפאלעאן פלוצלינג בעפאלען און האט צוקלאפט זיין גאנצע ארמעע, וועלכע איז בעשטאנען פון 25,000 מאן, און האט זיך צוריקגעקעהרט צו דער בעלאגערונג פון מאנטוא (אויגוסט).

טען. דאָרטען וועט איהר געפינען אַלעס: עהרע, בעריהמטהייט און רייכטום. סאָלדאַטען פון דער איטאַליענישער אַרמעע, זאָלען אייך יעצט פעהלען מוט און פעסטקייט?"

אין דיזער רעדע דערמאָהנט ניט נאַפּאָלעאָן וועגען פרייהייט, וועגען דער פראַנצויזישער רעפּובליק, וועגען וועלכע מען פלעגט פריהער אַלץ שלאָגען די סאָלדאַטען אין קאָפּ. ער האָט זיי פערשפּראָכען: עהרע, בעריהמטהייט און רייכטימער; דאָס איז געווען די פּראָגראַמע פון זיין קינפטיגען קייזעררייך, מיט דיזען פּראָגראַם האָט ער געזוכט צו בעגייסטערן די סאָלדאַטען.

די פראַנצויזישע אַרמעע איז געשטאַנען צווישען סאַוואָנאַ און מאָנטענאָטטע; דער פיינד איז געשטאַנען אויף די אַפּעננינען־בערג. אָנפאַנגס איז עס געלונגען איין אָפּטיילונג פון דער עסטרייכישער אַרמעע צו בעפאַלען די פראַנצויזען, וואָס זיינען געווען אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל טשערוואָני ביי וואַלטרי, און האָבען איהם געצוואונגען אָפּצוטרעטען צוריק ביז סאַוואָנאַ. אָבער דאָס גליק האָט זיך זעהר גיך געענדיגט. נאָך דעם ערסטען זיג ביי מאָנטענאָטטע האָט נאַפּאָלעאָן אָנגעהויבען צו בעזיגען די עסטרייכישע אַרמעע כסדר אָהן אַן אויפהער. באַליאָ האָט פערלאָרען איינינגע טויזענד אין טויטע און איבער 10,000 געפאַנגענע, און איז געווען געצוואונגען צוריקצוציהען זיך אין לאָמבאַרדיע.

נאַפּאָלעאָן האָט איהם פאָרטגעזעצט צו פערפאָלגען און האָט איהם געשלאָגען אין פיעלע ערטער: ביי טשעוואַ און מאָנדאָווי, און איז צוגעקומען ניט ווייט פון טורין. דער איטאַליענישער קעניג האָט אָנגעהויבען שטאַרק ציטערן פאַר נאַפּאָלעאָן'ען און האָט געבעטען אַ וואַפען־שטילשטאַנד. נאַפּאָלעאָן איז מרוצה געווען אויף דעם, ווען דער קעניג האָט איהם איבערגעגעבען די פעסטונגען קאָני, טשעוואַ און טאָרטאָנאַ. דער יונגער העלד האָט אין 14 טעג, פון 11טען ביז דעם 28טען אַפּריל, דערגרייכט דאָס, וואָס דער נאַציאָנאַל־קאָנווענט האָט ניט געקענט דערגרייכען אין גאַנצע 3 יאָהר. נאָכדעם איז אין פּאַריז געשלאָסען געוואָרען אַ שלום, לויט וועלכען דער איטאַליענישער קעניג האָט אָפּגעטרעטען צו די פראַנצויזען: סאַוואָיען, ניצצאַ און טענדאַ, אויסער דעם האָט ער איבערגעגעבען צו די פראַנצויזישע טרופּען די פּיעמאָנטעזישע פעסטונגען ביז עס וועט געשלאָסען ווערען אַן אַלגעמיינער פרידען.

יעצט האָט זיך נאַפּאָלעאָן געוואָרפען מיט דער גאַנצער מאַכט
די עסטרייכישע טרופּען, וועלכע זיינען געשטאַנען הינטער דעם טייך פּאָ

ביז צו דעם טייך פּאָ און דעם אַדריאַטישען מעער, ווי אויך איסטריען און דאַלמאַציען. דערמיט האָט נאַפּאָלעאָן געענדיגט דעם זעקס־יעהריגען קריג אויף אַזאַ אַ בעדינגונגען, וואָס דאָס דירעקטאָריום האָט קיינמאָל ניט ער־וואַרטעט, און דער נאָמען נאַפּאָלעאָן איז בעדעקט געוואָרען מיט גרויסען רוהם.

אין דער זעלבער צייט אָבער האָט זיך די לאַגע פון דעם דירעקטאָריום פיעל געענדערט צום ערגערען. די נייע רעגירונג (דאָס דירעקטאָריום) איז ניט געשטאַנען פון אָנהויב אָן אויף אַ פעסטען גרונד; זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין שטאַרקע פּאַרטיי, אויף וועלכער זי האָט זיך געקענט שטיצען. אין געגענטייל, אין גאַנצען פאָלק האָט געהערשט אַ שטימונג פון אונצו־פרידענהייט מיט דער נייער רעגירונג. עס האָבען זיך שטאַרק אָנגעפאַנגען פּאָרצובערייטען אין פאָלק ראָיאַליסטישע געזינונגען. הגם די רעגירונג האָט געברויכט ביי די וואַהלען אַלערליי קונצען, דאָך איז ערוועהלט געוואָרען צום פּאַרלאַמענט אַ גרויסע צאָהל ראָיאַליסטען, און זאָגאַר די ניט־ראָיאַ־ליסטען זיינען אויך געווען פיינדליך געזאָנען צו דער רעפּובליק. מיט איין וואָרט — די נייע ערגענצונגס־וואַהלען פון יאָהר 1797 זיינען געווען פיר די רעגירונג אַ פאָלשטענדיגע נידערלאַגע. די זיכערע מעהרהייט האָט גע־מוזט ארויס פון קאָנוועגט, און זייער פּלאַץ האָבען פערנומען פיינד פון דער דירעקטאָריאַל־רעגירונג. דער נייער קאָנווענט האָט שוין מעהר ניט גע־חלום'ט וועגען פרייהייט און ברידערליכקייט, זיינע פּרינציפּען זיינען גע־ווען: מעסיגקייט, גערעכטיגקייט און פרידען.

דער גענעראַל פּישעגרו איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט אין דעם ראַט פון 500. דיזע וואַהל האָט געצייגט, דאָס יעצט געהט אַריין אין קראַפט די פּאַרטיי, וועלכע וויל לעבען אין פרידען מיט אויסלאַנד. אַלס דירעקטאָר איז ערוועהלט געוואָרען באַרטהעלעמי, הגם עס איז ניט געווען קיין סוד, דאָס ער האָט געהערט צו דער ראָיאַליסטישער אָפּאָ־זיציאָן. די קעניגליכע זיינען יעצט אָפען אַרויס מיט זייערע פּלענער געגען דער רעוואָלוציאָן. דער ראַט פון 500 האָט אָפען ערקלערט, דאָס ער איז גענייגט צו אַ מאָנאַרכיע. און אַזוי האָבען די געגנער פון דירעקטאָריום מעהר און מעהר אַרויסגעוויזען זייער אונצופרידענהייט מיט דער נייער רעגירונג. דער קלוב פון קלישי איז געווען דער מיטעלפּונקט, וואו עס האָבען זיך פערזאַמעלט אַלע אונצופרידענע מיט דער יעצטיגער רעגירונג. דיזער קלוב איז געוואָרען אַ מאַכט, ווי די יאַקאָבינער אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן.

נאָך דער ערסטער מפלה האָט וואורמזער געפאָדערט פרישע מיליטע-רישע מאַכט אום אויסצוהעלפען מאַנטואַ. אָבער נאַפּאָלעאָן האָט איהם ווידער געשלאָגען. עסטרייך האָט געשיקט אַ נייע אַרמעע אונטער אַ ל-ווינצי. די שלאַכט מיט דיזע טרופּען איז געווען אַ זעהר בלוטיגע. זי האָט געדויערט 3 טעג, פון 15טען ביז דעם 17טען נאָוועמבער, און נאַפּאָ-לעאָן איז ווידער אַרויס דער זיגער. עס זיינען אפילו צוגעקומען צו אַל-ווינצי'ס אַרמעע זעהר פיעלע וואָלונטירען (פרייוויליגע), אָבער אויך דיזע זיינען צוקלאַפּט געוואָרען ביי ריוואָלי (14טען—16טען יאַנואַר 1797). דעם 2טען פעברואַר האָט זיך ענדליך די פעסטונג מאַנטואַ אונטערגעגעבען. גענעראַל וואורמזער האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט צו רעטען דיזע וויכ-טיגע פעסטונג. דער רעזולטאַט פון דיזער אָנשטרענגונג איז געווען, דאָס די פראַנצויזען האָבען פערכאַפּט 500 קאַנאָנען און האָבען געפאַנגען 12,000 עסטרייכישע סאָלדאַטען. דערמיט איז גאַנץ אויבער-איטאַליען איבערגע-גאַנגען צו די פראַנצויזען און די עסטרייכישע מיליטערישע מאַכט איז גע-וואָרען זעהר אָפּגעשוואַכט. די האַבסבורגער האָבען שוין מעהר ניט גע-קענט דענקען צו פיהרען מיט די פראַנצויזען אַ דאָפּעלטען קריג, אין אי-טאַליען און ביים רהיין. יעצט האָט באָנאַפּאַרטע אונגעשטערט פאָרטגע-זעצט זיין מאַרשרוט און ענדע מערץ איז ער שוין געווען אין שטייערמאַרק.

הגם די לאַגע פון נאַפּאָלעאָן'ען האָט אויסגעוויזען צו זיין זעהר גלענ-צענד, איז זי אָבער אין גרונד געווען ווייט פון גליקליך. ניט אַכטענדיג דע-רויף, וואָס נאַפּאָלעאָן איז געווען נאָהענט צו וויען, ניט מעהר ווי 46 שטונ-דען ווייט, און דער הויף און די גרויסע לייט זיינען ענטלאָפען פון שטאָדט און דאָס פאָלק איז געווען אין גרויס שרעק, — ניט אַכטענדיג אויף אַלעם דעם איז די לאַגע פון דעם בעזיגער געווען זעהר אַן ערנסטע. דאָס פאָלק האָט געשטורמט; אַלעס, וואָס איז געווען אין שטאַנד צו טראָגען וואַפען, האָט גענומען וואַפען אין די הענט און איז געווען ענטשלאָסען צו שטריי-טען מיט'ן פיינד ווי פערצווייפעלטע. נאַפּאָלעאָן האָט דערפאַר מורא גע-האַט, און נאָך מעהר האָט ער זיך געשראָקען פאַר דעם, וואָס ער איז געווען אָפּגעשניטען פון דער רהיין-אַרמעע, און דאָס דירעקטאָריום האָט איהם אויך ניט געקענט העלפען, און דאַרום האָט ער בעשלאָסען אָנצופאַנגען אונטער-האַנדלונגען. דיזע אונטערהאַנדלונגען האָבען געפיהרט דערצו, דאָס דעם 18טען אַפּריל איז געשלאָסען געוואָרען אַ וואַפען-שטילשטאַנד ביי לעאָבען. עסטרייך האָט אָפּגעטרעטען צו פראַנקרייך בעלגיען און די איטאַליענישע לענדער ביז צום טייך אָגליאָ, דאַגעגען האָט ווענעציאַ בעקומען דאָס לאַנד

ראָ! לעבען זאָל דאָס דירעקטאָריום!" האָבען זיי אַרונטערגעלאָזען די וואַ-פען. די סאָלדאַטען פון דער אַרמעע זיינען אריין אין די זיצונגס-זאַאַלען, האָבען אַרעסטירט די זאַאַל-אינספּעקטאָרען, וואָס די ראָיאַליסטען האָבען דאָרט אַנידערגעזעצט. דאַן האָט מען אין פערשיידענע טיילען פון פּאַריז אַרעסטירט אייניגע דעפּוטאַטען, אויף וועלכע עס איז געווען אַ שטיקעל חשד, דאָס זיי זיינען ראָיאַליסטען, ווי אויך די ראָיאַליסטישע שריפטשטע-לער, צוריקגעקעהרטע פּריסטער און עמיגראַנטען. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרען 41 מיטגלידער פון דעם ראַט פון די 500 און 11 פון דעם ראַט פון די אַלטע, ווי אויך די דירעקטאָרען באַרטהעלעמי און באַרראַס. די וואַהלען פון 48 דעפּאַרטעמענטען זיינען ערקלערט געוואָרען ניט גילטיג. די ערטער פון די מיטגלידער, וואָס זיינען אַרויסגעשטויסען געוואָרען, האָט דאָס דירעקטאָריום אַליין בעזעצט מיט פּערזאָנען, ווי עס איז איהם געפעל-לען, און מען האָט ניט געפּאָדערט פיר זיי קיין וואַהלען. אויך פּערוואַל-טונגס-שטעלען אין די פּראָווינצען האָט דאָס דירעקטאָריום איבערגעגעבען צו פּערזאָנען פון זיין פּאַרטיי.

אַזוי איז אין פערלויף פון אייניגע שטונדען געוואָרען אַ גאַנצע איבער-קעהרעניס. ווען די פּאַריזער איינוואוינער האָבען ערוואַכט דעם 18טען פרוקטידאָר (4טען סעפּטעמבער) האָבען זיי דורך די געדרוקטע פּלאַקאַטען ערפאַהרען וועגען דער איבערקעהרעניס, וואָס איז פּאָרגעקומען אין דער רעגירונג אין דער פערגאַנגענער נאַכט, און וואָס דאָס דירעקטאָריום איז יעצט ענטשלאָסען צו טאָן. פּיעלע האָבען פּאָרויסגעזעהען, דאָס דיזער צו-שטאַנד, וועלכער איז געגרינדעט ניט אויף רעכט נאָר אויף געוואַלט, מוז זיך ענדיגען מיט אַ מיליטערישער דיקטאַטור.

דעם 18טען פרוקטידאָר האָט דאָס דירעקטאָריום צוריק אַריינגעבראַכט אין קראַפט די אָרדנונגען און די געזעצען פון דער צייט פון דער רעוואָלו-ציאָן, נאָר אין אַ ביסעל אַ מילדערער פאָרמע. מען האָט צוריקגערופען די געזעצען, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען צו גונסטען פון די עמיגראַנ-טען און די פּריסטער. עס איז בעשטימט געוואָרען אַ טויט-שטראָף פיר די עמיגראַנטען און פּריסטער, וועלכע וועלען פערבלייבען לענגער ווי די צייט, וואָס מען האָט זיי געגעבען אויף צו פערלאָזען דאָס לאַנד. אויף וועמען מען האָט געהאַט אַ חשד, דאָס ער איז אַ ראָיאַליסט, דעם האָט מען אַרויסגעשיקט פון לאַנד. די איבריגע מיטגלידער פון דער בורבאָנישער פאַ-מיליע (די פריהערדיגע קעניגליכע פאַמיליע אין פראַנקרייך) האָט מען אַרויסגעשיקט אין שפּאַניען. די רעגירונג איז יעצט געשטאַנען אויף דעם

אין זומער פון יאָהר 1797 איז די שפּאַנונג געוואָרען אַזוי שטאַרק, דאָס מען האָט אָפען אָנגעהויבען צו רעדען וועגען אַן איבערקעהרענים אין דער רעגירונג. דאָס דירעקטאָריום האָט זיך געשטיצט אויף די אַרמעען, ווייל דאָרט האָבען זיך געפונען די בעסטע רעפּובּליקאַנער, וועלכע האָבען פערגאָסען זייער בלוט פיר די רעוואָלוציאָן. און באמת זיינען די אַרמעען געווען אין גאַנצען איבערגעגעבען צום דירעקטאָריום. זיי האָבען געשיקט צו די ראַטען אַדרעסען, אין וועלכע זיי האָבען דיזע בעשולדיגט אין פער-ראַט געגען לאַנד און פאָלק. דעם 14טען יולי האָט נאַפּאָלעאָן אַרויסגעגע-בען צו זיינע טרופּען אַ בעפעהל, אין וועלכען ער האָט געזאָגט: „בערג שיי-דען אונז אָפּ פון פראַנקרייך; אָבער איהר וועט איבערגעהן די בערג מיט די פליגלען פון אַן אָדלער ווען עס וועט זיין נעטיג אונטערצוהאַלטען די קאָנסטיטוציאָן, צו בעשיצען די פרייהייט און צו שטיצען די רעגירונג און די רעפּובּליקאַנער. סאָלדאַטען! אין דעם אויגענבליק, וואָס די ראָיאַליס-טען וועלען אַרויסטרעטען, האָט געשלאָגען זייער לעצטע שטונדע!"

דאָס דירעקטאָריום האָט געאָרדענט, אַז אייניגע רעגימענטען זאָלען קומען נאָהענט פון פּאַריז און שטעהן דאָרט, אום אין פאַל פון אַן אויפ-שטאַנד אין פּאַריז זאָלען זיי זיין גרייט צו דערשטיקען איהם גלייך אין אָנ-פאַנג. איבער דער פּאַריזער מיליטער-דיוויזיאָן האָט דאָס דירעקטאָריום בעשטימט אַלס קאָמאַנדיר דעם ברוטאַלען אָזשעראָ. די ראָיאַליסטען האָבען פערשטאַנען די אַבזיכט פון דעם דירעקטאָריום און זיי האָבען אָנגע-הויבען צו מאַכען פּלענער, וואָס זאָלען שטערען די אַבזיכטען פון דער רע-גירונג. זיי האָבען געפאָדערט פון דעם דירעקטאָריום צוריקצושיקען די אַרמעע, ווייל עס איז געגען דער קאָנסטיטוציאָן צו האַלטען אַן אַרמעע נאָ-הענט פון פּאַריז, און איינריכטען צוריק אין גאַנץ פראַנקרייך די נאַציאָ-נאַל-גוואַרדיע.

אָבער דאָס דירעקטאָריום האָט ניט געגעבען די ראָיאַליסטען קיין צייט דורכצופיהרען זייערע בעשלוסען. אין דער נאַכט פון דעם 17טען אויף דעם 18טען פרוקטידאָר (פון דעם 3טען אויף דעם 4טען סעפּטעמבער) זיינען די טרופּען אונטער דער קאָמאַנדע פון אָזשעראָ אַריין אין פּאַריז, האָבען בע-זעצט אַלע צוגאַנגען צו די טואילעריען (דער שלאָס, וואו עס איז געזעסען דאָס דירעקטאָריום). אין דער פריה זיינען געקומען צו דער גוואַרדיע פון געזעצגעבענדען קאָרפּוס 800 מאַן, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער דעם בעפעהל פון ראַמעל. אָבער דיזע גוואַרדיע האָט ניט געוואָלט פאָלגען די בעפעהלען פון איהר קאָמאַנדיר. מיט דעם אויסרוף „לעבען זאָל אָזשע-

איין פיינד, אמת אַ זעהר געפעהרליכער, אָבער דאָך נאָר איינער. דאָס איז געוועזן ענגלאַנד. אַ בריף פון נאַפּאָלעאָן׳ען כאַראַקטעריזירט דיזע לאַגע ריכטיג: „זינט יאָהרהונדערטער איז נאָך קיינמאָל ניט געשלאָסען געוואָרען קיין גלענצענדערער פרידען ווי דער יעצטיגער, וואָס מיר האָבען געשלאָסען. ענגלאַנד האָט געוואָלט גרינדען אַ נייעם בונד; דער קריג, וועלכער האָט געשיינט צו זיין נאַציאָנאַל און פאָלקסטימליך בעת דער פיינד איז געשטאַנען ביי אונזערע גרענצען, איז יעצט דעם פאָלק פרעמד, און ער ווערט פערוואַנדעלט אין אַ קריג פון דער רעגירונג, וועלכען, ווי עס ווייזט יעצט אויס, מיר האָבען בעדאַרפט פערלירען. אָבער וואָס זאָל מען נאָך מעהר פערלאַנגען? די ציס־אַלפּינישע רעפּובליק איז די בעסטע מיליטערישע גרענעץ פיר פראַנקרייך אין אייראָפּאַ, דער רהיין און מאַינץ געהערען צו פראַנקרייך, אין מזרח האָבען מיר די אויסגעצייכענטע פעסטע קאָרפו און אַנדערע אינזלען, וואָס וויל מען מעהר? וויל מען צוברעקלען אונזערע קרעפטען, אום ענגלאַנד זאָל צונעהמען אונזערע קאָלאָניעס, ווי זי האָט צוגענומען פון שפּאַניען און האָללאַנד, און זי, ענגלאַנד, זאָל נאָך מעהרער שמערען צו ענטוויקלען אונזער פלאָטע און אונזער האַנדעל?

„די עסטרייכער שמידען אפילו פערשיידענע פּלענער צו שאַדען אונז, אָבער זיי זיינען צו נאַריש אום צו זיין אין שטאַנד צו ווערען אונז געפעהרליך. דאָס ענגלישע פאָלק דאַגעגען איז אונטערנעהמענד און טעטיג. מיר מוזען די ענגלישע מאָנאַרכיע צוברעקלען, אָדער, ווען ניט, וועלען מיר מוזען צופאַלען אויף שטיקער. דער יעצטיגער אויגענבליק עפענט פיר אונז אַ שענע שפּיל. לאָמיר פעראייניגען אַלע אונזערע קרעפטען און פערשאַפען אַ שטאַרקע, מעכטיגע פלאָטע און צושטערען ענגלאַנד. ווען דאָס איז געטאָן, דאַן וועט אייראָפּאַ ליגען צו אונזערע פיס".

ווי מיר האָבען פריהער געזעהען, האָט דאָס דירעקטאָריום ניט געהאַט קיין אַנדער שטיצע אויסער דער אַרמעע. קיין פינאַנץ־מיטלען זיינען ניט געוועזן, קיין גרויסע מעכטיגע פּאַרטיי האָט די רעגירונג ניט געהאַט, און זי וואָלט געמוזט גיך פאַלען, ווען ניט דער קריג, וואָס האָט איהר פערשאַפט די גרויסע געלט־מיטלען מיט דעם גלענצענדען רוהם. דאָס בירגערטום איז געוועזן שרעקליך אויפגעבראַכט אויף די רעגירונג, ווייל זי האָט אַיינגעפיהרט געוויסע אָפּגאַבען און האָט די רענטיערס געריכטעט צו גרונד. דאָס דירעקטאָריום האָט געמוזט האָבען די אַרמעע אויף זיין זייט, און דעריבער איז עס געוועזן געצוואונגען צו פיהרען ווייטער קריג.

שפּיץ פון איהר מאַכט. איהרע אינערע פיינד האָט זי דערשטיקט, און די אויסערע זיינען בעזיגט און בעטען זיך ביי פראַנקרייך צו שליסען מיט זיי פרידען.

אין עסטרייך האָבען זיך נאָך דעם פרידען פון לעאָבען אפילו אָנגעהויבען צו הערען שטימען צו בענייען דעם קריג נאָך דעם, ווי מען האָט זיך אָפּגערוהט נאָך דעם וואַפען־שטילשטאַנד. די קריגס־פּאַרטיי אין עסטרייך האָט געהאַט געוויסע גרינדען פאָרטצוזעצען וויטער דעם קריג. ערסטענס איז די איטאַליענישע אַרמעע פון די פראַנצויזען געווען אָפּגעשניטען פון דער רהיין־אַרמעע; צווייטענס, זיינען געוואָרען אין פראַנקרייך אינערליכע פּאָליטישע אונרוהען און איבערקעהרעניסען; דריטענס האָט די ראָיאַליסטישע פּאַרטיי איבער־אַ־נייס אָנגעהויבען אַרויפצוגעהן אויף די ביהנע. אָבער ווען עסטרייך האָט דערהערט, דאָס די פראַנצויזען זיינען אַריין אין ווענעציאַ, האָבען איינגעריכטעט אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק אין גענואַ און האָבען אָנגעהויבען עהנליכע פאָרבערייטונגען אויך אין קירכענשטאַאַט, אין דעם רייך פון פּאַפּסט, דאָס די רעגירונג אין פראַנקרייך שטעהט פעסט, האָט זי ווידער אויפגענומען די אונטערהאַנדלונגען וועגען פרידען מיט פראַנקרייך. נאַפּאָלעאָן האָט די לאַגע גוט פערשטאַנען און האָט זיך ניט געוואָלט אַריינלאָזען אין נייע קריגס־פּלענער. מיט דעם עסטרייכישען אונטערהענדלער, גראַף ק אָ ב ע נ צ ל, אַ דיפּלאָמאַט פון דער אַלטער שולע, איז נאַפּאָלעאָן גיך פערטיג געוואָרען. ווען דער גראַף האָט אָנגעהויבען צו פערלאַנגען צו פיעל איז נאַפּאָלעאָן כלומר'סט אַרויס פון געדולד, האָט געכאַפּט אַ טייערען סערוויז (קרעדענץ), האָט איהם אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און האָט מיט צאָרן געזאָגט צום גראַף: „גוט, דער וואַפען־שטילשטאַנד איז געענדיגט און קריג איז ווידער ערקלערט. אָבער זייט וויסען, דאָס איך וועל צורייסען אייער רייך אין אַזוי פיעל שטיקער ווי פיעל שערבלאַך עס וואַלגערן זיך דאָ אַרום אונז”. דאָס האָט געווירקט, און דעם 17טען אָקטאָבער 1797 איז ענדליך געשלאָסען געוואָרען פרידען אין ק אַ מ פּ אָ פ אָ ר מ י אָ. לויט דיזען פרידען האָט עסטרייך ערהאַלטען די שטאָדט ווענעציאַ מיט די לאַגונען, אויך איינִיגע לאַנד־שטריכען ביים אַדריאַטישען מעער דערפאַר, וואָס זי האָט אָפּגעטרעטען בעלגיען צו פראַנקרייך און מאַילאַנד צו דער ניי־געגרינדעטער צים־אַלפּינישער רעפּובליק (רעפּובליק אויף דיזער זייט פון די אַלפּען).

דער פרידען פון קאַמפּאָ פאָרמיאָ איז געווען פיר פראַנקרייך זעהר גוט; ער האָט בעסער ניט געקענט זיין. יעצט איז נאָר געבליבען צו בעזיגען

עס איז ניט געווען קיין צווייפעל, דאָס דער נייער פיינד, אויף וועמען פראַנקרייך האָט יעצט בעדאַרפט אָנפאַלען, איז געווען ענגלאַנד, ווייל דיזעס לאַנד איז געווען דער געפעהרליכסטער שונא פון דער פראַנצויזישער רעפובליק. אָבער עס איז געווען אונמעגליך צו בעזיגען ענגלאַנד אויף'ן ים, ווייל זי איז שוין דאַמאָלס געווען די גרעסטע ים־מאַכט. דעריבער איז געווען דער איינציגער פּלאַן אָנצוגרייפען ענגלאַנד אין איהרע קאָלאָניעס. דיזען געדאַנק האָט נאַפּאָלעאָן שוין לאַנג געהאַט, און דעריבער האָט ער בעוואויגען דאָס דירעקטאָריום אויפצוגעבען דעם פּלאַן פון אָנגרייפען די ענגלענדער אין זייער לאַנד, און צו שיקען בעסער אַ פלאָטע אום צו שטערען איהר האַנדעל מיט אָסט־אינדיען. דיזער פּלאַן איז דעם דירעקטאָריום שטאַרק געפעלען געוואָרען, ווייל נאַפּאָלעאָן איז שוין געוואָרען פיר די רעגירונג זעהר געפעהרליך דורך דעם נאָמען, וואָס ער האָט זיך געמאַכט, און דורך זיין קלוגע האַלטונג. זיי האָבען געהאַט אַ שטאַרקע אינטערעסע צו האַלטען איהם ווייט פון פּאַריז. און נאַפּאָלעאָן זעלבסט האָט זיך געוואָלט מאַכען נאָך מעהר בעריהמט. נאָך זייענדיג אין איטאַליען האָט זיך אין איהם ערוועקט דער וואונש צו ווייזען גבורות אין אָריענט און איבערשטייגען מיט זיינע נצחונות זאָגאַר יוליוס צאֶזאַר און אַלכסנדר מוקדון. ער האָט גוט געוואוסט, דאָס די גאַנצע נוצען פון דיזער אונטערנעהמונג וועט ער געניסען. ער האָט אַלזאָ שוין לאַנג געטראַכט צו גרינדען אַ וועלט־הערשאַפט ווי צאֶזאַר און אַלכסנדר דער גרויסער. אָבער אום אַזאַ ציל צו דערגרייכען מוז מען האָבען אַן אַרמעע, וואָס זאָל זיין איבערגעגעבען דעם קאָמאַנדיר מיט לייב און זעעלע. אַזאַ אַרמעע קען געשאַפען ווערען נאָר דורך אַן אונטערנעהמונג, וועלכע זאָל בערוישען די גאַנצע וועלט. דאָ האָבען שוין די אינטערעסען פון פראַנקרייך ניט געשפּילט קיין ראָלע; דאָ האָט זיך געהאַנדעלט אום די אַמביציאָן פון אַ וועלט־עראָבערער.

די ענגלישע פלאָטע אָבער איז געווען זעהר מעכטיג אין מיטלענדישען מעער. נאַפּאָלעאָן'ס פּלאַן געגען ענגלאַנד האָט נאָר געקענט געלינגען דורך כיטראָסט. מען האָט אָנגעהויבען מאַכען פאָרבערייטונגען כלומר'סט צו בעפאַלען ענגלאַנד אָדער אירלאַנד. פון דעם וואהרען פּלאַן, צו בעפאַלען אינדיען און צו פּאַראַליזירען מיט דיזער אונטערנעהמונג דעם ענגלישען האַנדעל, האָט קיינער ניט געוואוסט, זאָגאַר דער קריגס־מיניסטער. נאָר דער פלאָטען־מיניסטער פון פראַנקרייך האָט געוואוסט פון דיזען סוד; ווייל ווען די ענגלענדער וואָלטען געוואוסט פון דיזען פּלאַן, וואָלטען זיי איהם צושטערט גלייך פון אָנפאַנג.



באָנאַפאַרטע'ס פרידענס=אונטערהאנדלונגען אין קאמפא פארמיא.

נאַפּאָלעאָן האָט פאָרמירט זיין אַרמעע אין גרויסע פיער־עקיגע גרופּען און האָט זיי געפיהרט געגען די מאַמעלוקען. נאַפּאָלעאָן האָט געהאַלטען פאַר זיינע סאָלדאַטען אַ פייערדיגע רעדע און האָט זיי בעגייסטערט אויף'ן העכסטען גראַד. „סאָלדאַטען", האָט ער צו זיי געזאָגט, „בעטראַכט, דאָס פון די שפּיצען פון דיזע פּיראַמידען קוקען אויף אייך אַרונטער 40 יאָהרהונדער־טער!" באַלד זיינען אַרויס געגען זיי מיט גרויס שטורם די מאַמעלוקען, אָבער די פראַנצויזישע פיער־עקען זיינען געבליבען פעסט, און די מאַמעלוקען האָ־בען ניט געהאַט קיין ערפאָלג. עס איז פאָרגעקומען אַ פירכטערליכע שלאַכט, אין וועלכער די מאַמעלוקען האָבען פיעל פערלאָרען און האָבען פערלאָזען דאָס שלאַכטפעלד אין גרויס שרעק און זיינען צולאָפען אין גרויס אונאָרד־נונג. דער רויב, וואָס די פראַנצויזען האָבען פערכאַפּט יענעם טאָג פון די מאַמעלוקען, איז געוועזען אַן אונגעהייערער. אַ טאָג נאָכדעם איז נאַפּאָלעאָן אַריין אין קאַירא און האָט אָפּגעשאַפט אַלע רעגירונגס־אַנשטאַלטען מיט זייערע בעאַמטע און האָט איינגעריכטעט נייע אָרדנונגען און געזעצט נייע בעאַמטע. נאַפּאָלעאָן האָט שוין געבויט נייע פּלענער וועגען ווייטערע ער־אָבערונגען. פּלוצלינג האָט ער דערהערט, דאָס דער ענגלישער אַדמיראַל נעלסאָן האָט געלאַנדעט ביי דעם עגיפּטישען ברעג. ווען נעלסאָן האָט דער־זעהען די פראַנצויזישע פלאָטע אין אַבוקיר האָט ער זי באַלד אַטאַקירט (1טען אויגוסט). דער קאַמף האָט זיך אָנגעפאַנגען שפּעט פאַר נאַכט. הגם די פראַנצויזען האָבען געקעמפט מוטיג ווי לייבען, דאָך איז דער זיג געוועזען אויף דער זייט פון די ענגלענדער, וועלכע האָבען שוין גענומען 5 פראַנצויזישע שיפען. אָבער דאָס איז נאָך ניט געוועזען אַלעס. פּלוצלינג איז דאָס אַדמיראַל־שיף „אָריענט" מיט 120 קאַנאָנען און 1,000 פראַנצוי־זען אויפגעהויבען געוואָרען אין דער לופט און איז געגאַנגען צו גרונד. נאָר 2 ליניען־שיפען און 2 פרעגאַטען האָבען זיך געראַטעוועט און זיינען ענטלאָ־פען. איבער 5,000 פראַנצויזען זיינען געפאַלען אין דיזער שלאַכט און אַזוי פיעלע זיינען גענומען געוואָרען אין פּלען.

די נאַכריכט פון דיזער נידערלאַגע האָט געמאַכט אויף נאַפּאָלעאָן'ען אַ שרעקליכען איינדרוק. דאָס האָט בעדייטעט, אַז ער איז אין גאַנצען אָפּגעשניטען פון פראַנקרייך. זיין לאַגע אין עגיפּטען איז געוועזען מעהר ווי שוואַך. דאָס לאַנד איז ניט געוועזען געוועהנט צו דער נייער פראַנצוי־זישער אַרט רעגירונג. די אָריענטאַלישע איינוואוינער האָבען געהאַט פיעל מעהר נייגונג צו דער ערגסטער דעספּאָטיע איידער צו דער אַרט רעגירונג פון דער פרייזער פראַנקרייך. די פאַנאַטישע מאַהמעדאַנער אין קאַירא האָבען

ענגלאַנד האָט אָפּגערופען איהר פלאָטע פון דעם מיטלענדישען מעער און האָט זי קאָנצענטרירט ארום די בריטישע אינזלען צו פערטיידיגען זיי. דאָס איז פיר נאפּאָלעאָן'ען געווען זעהר נעטיג. ער איז פּלוצלינג אָנגעקומען אין טולאָן און האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער אַן ארמעע פון 40,000 מאַן, וועלכע איז דאָרט געשטאַנען און איז געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „דער לינקער פליגעל פון דער ארמעע פון ענגלאַנד". מיט דיזער אַרמעע האָט ער זיך גענומען שווימען אין אַ פלאָטע, וועלכע איז בעשטאַנען פון 350 טראַנספּאָרט־שיפען, 13 ליניען־שיפען, 8 פרעגאַטען און איינינע קליינע שיפען, איבער'ן מיטלענדיטען מעער.

דורך אַ גאַנצע רייהע פון אונגעוועהנליך גליקליכע צופעלען איז איהם געלונגען קומען צו דער אינזעל מאַלטאַ. אויף דיזער אינזעל האָט שוין ענגלאַנד לאַנג געהאַט אַן אויג איינצונעהמען זי, אָבער זי האָט עס ביז דאַן נאָך ניט געטאָן. דיזע אינזעל איז געווען בעזעצט מיט אַ ריטער־שאַפט, וועלכער איז געווען בעוואוסט אַלס דער יאָהאַניטער־אָרדען און אַלס אַ שטאַרקע קריגערישע מאַכט. עס האָט אין גאַנצען גענומען נאָר 2 טעג אַ̣ין נאַפּאָלעאָן האָט איינגענומען די בעריהמטע פעסטונג פון דיזער אינזעל „לאַ וואַלעטטע" (12טען יולי 1798). באַלד נאָכדעם האָט ער איינגענומען די גאַנצע אינזעל און האָט פערכאַפּט 1,200 קאַנאָנען מיט אַנדערען קריגס־מ̣אַטעריאַל, לעבענסמיטלען פיר 6 חדשים, 6 קריג־שיפען און איינינע מיליאָנען אין גאָלד און זילבער.

זעקס טעג נאָך דיזער שנעלער עראָבערונג איז נאַפּאָלעאָן אַוועקגעשוואומען מיט זיין פלאָטע נאָך עגיפּטען און איז אָנגעקומען אהין דעם 1טען יולי. ער האָט גלייך בעלאַגערט אַלעקסאַנדריען, וועלכע ער האָט אָהן שום שוועריגקייט איינגענומען מיט אַלע איהרע פעסטונגען. פון דאַנען איז ער גלייך אַוועק נאָך קאַירא, און די פלאָטע האָט ער געלאָזען שטעהן אויף'ן אַנקער ביי אבוקיר. די פראַנצויזען האָבען אָנגעגריפען עגיפּטען און האָבען זאָגאַר ניט געפונען פיר נעטיג צו ערקלערען קריג, ווי עס איז דער מנהג. דעם 21טען יולי איז נאַפּאָלעאָן אָנגעקומען מיט זיין אַרמעע אין די עבענע (פלאַכע שטרעקע) נעבען קאַיראָ, נאָך דעם, ווי ער האָט מיט גרויס ערפּאָלג דורכמאַרשירט די ברענענדע וויסטע, וועלכע טיילט אָפּ קאַיראָ פון אַ̣לעקסאַנדריען. און האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען די רוויזיגע שטיינערנע מ̣אָנומענטען און פּיראַמידען. דאָרט אין דער עבענע האָט ער געפונען אַ גרויסע אַרמעע פון גלענצענדע רייטער פון די מאַמעלוקען, די הערשענדע קריגער־קאַסטע.

אין עגיפּטען, און אַליין איז ער מיט זיינע בעסטע גענעראַלען אַוועק צוריק נאָך פראַנקרייך (22טען אויגוסט 1799). דעם 9טען אָקטאָבער איז ער גליקליך אָנגעקומען אין פראַנקרייך, אונבעמערקט פון די ענגלישע שיפען אין מיטלענדישען ים, וועלכע האָבען איהם שטאַרק געוואָלט פאַנגען. גאַנץ פראַנקרייך איז געווען אין גרויס שמחה פון זיין אָנקומען, מען האָט אין איהם געזעהען דעם רעטער פון דעם גרויסען קריזיס, אין וועלכען דאָס לאַנד האָט זיך געפונען.

אויסער נאַפּאָלעאָן'ס אונטערנעהמונג מיט עגיפּטען, האָט די רעפּובליק געפונען פיר נעטיג אָנצופאַנגען קריג מיט די לענדער, וואָס גרענצען זיך מיט פראַנקרייך. דאָס דירעקטאָריום איז געקומען צום שלום, דאָס פראַנקרייך, אַלס רעפּובליק, קען ניט זיין זיכער און רוהיג אין איהרע פּאָליטישע בעציהונגען, כל זמן זי וועט ניט זיין אַרומגערינגעלט ביי איהרע גרענצען מיט א וואַנט פון טעכטער־רעפּובליקען. צו דיזען צוועק זיינען שוין פריהער געגרינדעט געוואָרען די באַטאַווישע און צים־אַלפּינישע רעפּובליק. יעצט האָט דאָס דירעקטאָריום בעשלאָסען צו גרינדען ביי די גרענצען פון פראַנקרייך נאָך אַ רעפּובליק — אַ רוימישע און העלוועטישע (שווייצאַרישע).

מען האָט ניט לאַנג בעדאַרפט זוכען אַן אורזאַך אָנצופאַנגען אַ קריג. דערצו זיינען די אינערע פערהעלטניסען פון רוים און פון דער שווייץ געווען זעהר גינסטיג פיר די פראַנצויזען. די אורזאַך צום קריג האָט געגעבען דער צופאַל, וואָס דער פראַנצויזישער גענעראַל ד י ו פ אָ ט איז ערמאָרדעט געוואָרען אין רוים אין דער צייט, וואָס דאָרט איז פאָרגעקימען אַן אויפשטאַנד. דער פראַנצויזישער גענעראַל בערטהיער איז באַלד נאָכדעם אריין אין רוים און האָט דאָרט איינגעריכטעט אַ רעפּובליק (18טען פעברואַר 1798). דער פּאַפּסט האָט געמוזט פערלאָזען די אייביגע קירכען־שטאָדט, און דער גענראַל מאַססענאַ האָט דאָרט בעגאַנגען אַזעלכע שרעקליכע גוואַלדטאַטען, דאָס זיינע אייגענע אָפיצערען האָבען עפענטליך ערקלערט, דאָס זיי האָבען ניט גענומען קיין אָנטייל אין די אַלע גנבות און רויבערייען, וואָס דער גענעראַל האָט בעגאַנגען אין דער ניי־געגרינדעטער רעפּובליק, אין רוים.

אין דער שווייץ איז די שטאָדט בערן געוואָרען דער הויפּט־קוואַרטיר פיר אַלע אויסגעוואַנדערטע פון פראַנקרייך, און פון דאַנען האָבען זיי געשאַדעט און געשטערט דער פראַנצויזישער רעפּובליק מיט אַלעם, וואָס זיי האָבען געקענט. צוליב דעם האָט זיך פראַנקרייך ערלויבט צו בעגעהן איינינגע גוואַלדטעטיגקייטען געגען דער שווייץ. די ו ו אַ ד ט ל ע נ ד ע ר

באַלד געמאַכט אַן אויפשטאַנד. נאַפּאָלעאָן'ס לאַגע איז געווען אַ פּער-צווייפעלטע. דערצו האָט נאָך פּאַסירט אַן אַנדער אונגליק — דער גענעראַל דעזעי איז גענומען געוואָרען געפאַנגען אין אויבער-עגיפּטען.

דער איינציגער מיטעל פיר די פראַנצויזען צו קענען זיך האַלטען אין עגיפּטען איז געווען, אַז מען זאָל עראָבערן סיריען. דאָס האָט נאַפּאָלעאָן אויך געטאָן. אין פעברואַר 1799 איז ער אַוועק מיט 12,000 מאַן נאָך סירי-ען. דאָרט האָט ער געהאַט ערפאָלג. די טערקען האָבען אויף יעדען שריט און טריט געליטען נידערלאַגעס און האָבען געמוזט צוריקטרעטען. ער האָט באַלד איינגענומען גאַזאַ (עזה) און יפו. דאָ האָט ער בעהאַנדעלט די בע-זעצונג פון דער פעסטונג זעהר גרויזאַם. כמעט אַלע איינוואוינער זיינען ערמאָרדעט געוואָרען. נאָכדעם איז ער געגאַנגען צו דער פעסטונג ס ט. ז ש אַ ן ד ' אַ ק ר. דאָ האָט זיך אָבער פערזאַמעלט די טערקישע הויפּט-מאַכט, און דאָ האָט צו זיין וואַפען-גליק אין אָריענט געמוזט נעהמען אַן ענדע. דער ענגלישער ס י ד נ ע י ס מ י ט ה, וועלכער האָט געפיהרט די ענג-לישע פלאָטילאַ (קליינע פלאָטע), האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין די פעסטונג און האָט געפיהרט די פערטיידיגונג. צוויי מאָנאַטען האָט נאַפּאָלעאָן בע-לאַגערט דיזע פעסטונג. איהם האָט זיך ניט געגלויבט, דאָס דיזע אונבע-דייטענדע שטאָדט זאָל קענעןביישטעהן געגען זיינע אַנגריפען. אַכט מאָל האָט ער געשטורמט די פעסטונג, אָבער אָהן ערפאָלג. ער האָט זיך געמוזט צוריקציהען.

דעם 14טען יולי 1799 איז ער ווידער געקומען אין קאַירא נאָך דעם, ווי ער האָט געליטען פערשיידענע גרויסע פערלוסטען. זיין אַרמעע האָט זיך געפונען אין אַ זעהר טרויעריגען צושטאַנד. ניט קוקענדיג דערויף האָט ער בעשלאָסען צו מאַכען אַ נייעם אַנגריף אויף די טערקישע טרופּען, וואָס האָבען געלאַנדעט נעבען אַבוקיר. דעם 25טען יולי זיינען די טערקען אין גאַנצען געשלאָגען געוואָרען. מיט דיזען זיג האָט נאַפּאָלעאָן צוריק בע-לעבט זיין רוהם אַלס פעלדהערר און האָט די סאָלדאַטען ווידער בעגייס-טערט. אָבער ער האָט ניט געקענט רוהען. ער האָט בעקומען פון פראַנק-רייך ידיעות, וועלכע האָבען איהם איבערציינגט, דאָס יעצט איז די צייט, אַז ער זאָל זיין אין פראַנקרייך, ווייל יעצט איז דער גינסטיגער מאָמענט, דאָס ער זאָל דערגרייכען דעם ציל, צו וועלכען ער שטרעבט. וואָרים יעצט האָט זיך געהאַנדעלט אין פראַנקרייך וועגען הערשטעלען איבער-אַ-נייס אַ מאָנאַרכיע. דאָס דירעקטאָריום האָט פערלאָרען זיין מאַכט אין גאַנץ פראַנק-רייך. נאַפּאָלעאָן האָט בעשלאָסען איבערצולאָזען זיינע העלדישע טרופּען

זעהר טעטיג. זי האָט געטאָן וואָס זי האָט געקענט אום צו שטאַנד צו ברייננגען אַ גרויסען מעכטיגען בונד. זי האָט געגעבען צו פערשטעהן די פערבינדעטע מעכטען, דאָס אַ ריכטיגער, פעסטער פרידען קען מעגליך זיין אין אייראָפּאַ נאָר דאמאָלס, ווען די פראַנצויזישע רעפּובליק זאָל פערניכטעט ווערען, און כל זמן די אייראָפּעאישע מעכטען וועלען ניט בעזיגען די פראַנצויזישע רעפּובליק איז ניט צו רעכנען אויף פערבעסערן דעם צושטאַנד פון האַנדעל און אינדוסטריע אין אייראָפּאַ. די הויפּט־מעכטען פון דער קאָאַליציאָן זיינען געווען (אויסער ענגלאַנד): רוסלאַנד און עסטרייך. אין רוסלאַנד איז דער צאַר פּ א ו ע ל געווען ענטשלאָסען מיט לייב און זעעלע זיך אָנצונעהמען פיר די דינאַסטיען. אויך דער פּאַפּסט און דער קעניג פון נעאַפּעל זיינען צוגעשטאַנען צו דעם בונד. יעדער פון די פערבינדעטע האָט אפילו געהאַט בעזונדערע אייגענע אינטערעסען, און עס וואָלט פון דעם גאַנצען בונד גאָרניט געוואָרען, נאָר די אינערע רייסערייען אין פראַנקרייך האָבען עס געמאַכט מעגליך, אַז דיזער בונד זאָל האָבען אַ צייטווייליגען טריאומף.

דער קריג, וואָס די פערבינדעטע מעכטען האָבען געפיהרט געגען פראַנקרייך פון 1798—1799, איז געווען דער וויכטיגסטער פון אַלע קריגען, וואָס זיי האָבען געהאַט מיט פראַנקרייך. פון די פערבינדעטע איז צום אַלערערסטען אַרויס נעאַפּעל געגען פראַנקרייך; זי איז אַרויס אַליין, ניט אָפּרעדענדיג מיט די אַנדערע מעכטען, פון וועלכע זי האָט געקענט פאָדערן הילף. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס נעאַפּעל האָט געהאַט אַ נידערלאַגע. אָנפאַנגס איז אפילו די נעאַפּאָליטאַנישע אַרמעע גליקליך געקומען ביז רוים און האָט גלייך געבראַכט די בלוטיגע רעאַקציאָן אין די שטאָדט פון זיבען בערג (רוים), אָבער באַלד האָט זי געכאַפּט פון די פראַנצויזישע טרופּען אַ שרעקליכע מפלה. דעם 13טען דעצעמבער איז רוים ווידער אָפּגערייניגט געוואָרען פון די נעאַפּאָליטאַנישע טרופּען. מיט אייניגע טעג שפּעטער האָט דער קעניג פון נעאַפּעל געשלאָסען מיט די פראַנצויזען אַ וואַפען־שטילשטאַנד. נעאַפּעל האָט איבערגעגעבען צו די פראַנצויזען קאַפּואַ און האָט זיך נאָך פערפליכטעט צו בעצאָהלען זיי 10 מיליאָנען ליוורעס. די נעאַפּאָליטאַנער זיינען מיט אַזאַ מין פרידען געווען שטאַרק אונצופרידען און זיי האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד. די פראַנצויזען זיינען געקומען צו נעאַפּעל און האָבען זי געוואָלט נעהמען מיט שטורם. דריי טעג האָבען זיי אָנגעווענדעט פיעלע קרעפטען איינצונעהמען די שענע שטאָדט, אָבער עס איז אַלץ ניט געלונגען; ענדליך האָבען זיי דאָך די שטאָדט גענומען. 10

(וואַאַדט איז אַ קאַנטאָן אין דער שווייץ) זיינען געווען זעהר אויפ-געֿרעגט פיר די שלעכטע בעהאַנדלונגען, וואָס זיי האָבען געליטען פון די בערנער אַריסטאָקראַטען, און האָבען גערופען צו הילף די פראַנצויזען. מען האָט אַפילו פריהער געהאַט איניגע דיפּלאָמאַטיש: אונטערהאַנדלונגען, אָבער דיזע האָבען צו גאָרניט געפיהרט און דער קריג האָט אויסגעבראָכען. זעקס טעג נאָך דעם, ווי די דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען האָבען זיך גע-ענדיגט, האָבען זיך די פראַנצויזען אַריינגעריסען אין בערן (6טען מערץ 1798), הגם די שווייצער האָבען געגען זיי געקעמפּט ווי לייבען. דעם 11טען אַפּריל האָבען די פראַנצויזען ערקלערט די נייע העלוועטישע רעפּובליק, וועל-כע איז געווען איינגעריכטעט נאָך דעם נייעם פראַנצויזישען סטיל: די אוי-בערהערשאַפט האָט געהערט צום פאָלק, וועלכעס האָט רעגירט דורך זיינע דעמאָקראַטישע פערטרעטער; אונבעשרענקטע געוויסענס־פרייהייט, אָפּשאַ-פונג פון אַלע סאָרטען טיטלען: גראַף, מאַרקיז, באַראָן או. ד. גל. קיינער האָט ניט צוליב זיין געבורט מעהר רעכטען פון אַן אַנדערען. אַזוי האָבען די פראַנצויזען אַרויסגעראַמט פיעל מיסט פון דער אַלטער שווייצאַרישער רעפּובליק און האָבען זי געשטעלט אויף נייע יסודות.

די מעהרהייט פון די שווייצאַריער איז מיט דיזע ענדערונגען געווען צופרידען. אָבער איניגע קאַנטאָנען האָבען די נייע אָרדנונג ניט געוואָלט אָננעהמען און האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד. איבערהויפּט האָבען געגען דעם רעוואָלטירט די גייסטליכע, וועלכע האָבען איינגערעדט דעם פאָלק, דאָס די גאַנצע אַרבייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן איז די אַרבייט פון דעם שטן, דעם אַנטי־קריסט. עס האָט אויסגעבראָכען אַ נייער האַרט-נעקיגער קריג, אין וועלכען די שווייצאַריער האָבען געוויזען גרויסע גבורות, ווי אין די אַלטע צייטען. אָבער עס האָט זיי ניט געהאָלפען. די פראַנצוי-זען האָבען געזיגט. אָבער די ראַכע, וואָס די פראַנצויזען האָבען גענומען פון די בעזיגטע, איז געווען שרעקליך און העסליך. זיי האָבען דורך מאָרד און פייער פערוואַנדעלט די בליהענדע טאָלען אין וויסטען; זיי האָבען בע-לאַסטעט די בעזיגטע מיט אַ שווערער קאָנטריבוציאָן, זיי האָבען פון זיי צוגענומען זייערע מאַגאַזינען און זייערע קאַסען. פון בערן אַליין האָבען זיי צוגעקומען 60 מיליאָנען פראַנקס. אָבער וויכטיגער פון אַלעם איז גע-ווען פיר פראַנקרייך, דאָס מיט דעם זיג איבער די שווייץ האָבען זיי ערהאַל-טען דעם שליסעל צו אַ פעלד־צוג נאָך זיד־דייטשלאַנד.

אין זומער פון יאָהר 1798 האָט זיך געגרינדעט אַ צווייטע קאָאַליציאָן (פערבינדונג) געגען פראַנקרייך. איבערהויפּט איז דערין געווען ענגלאַנד

ריל איז ער שוין געשטאַנען אין מאַילאַנד. די פראַנצויזען האָבען שוין פערלאָרען אויבער־איטאַליען. די ציס־אַלפּינישע רעפּובליק איז אויפגעלעזט געוואָרען אַזוי גיך ווי זי איז געגרינדעט געוואָרען.

אין דער צייט פון דיזען שטרייט האָבען די געזאַנדטע פערבראַכט אין ראַשטאַטט און פערהאַנדעלט וועגען פרידען, ווייל דער קריג אין דייטשען רייך איז נאָך ניט ערקלערט געוואָרען אָפען. אָבער עס האָט באַלד געמוזט נעהמען אַן ענדע צום קאָנגרעס. דעם 15טען מערץ האָט עסטרייך צוריק־גערופען איהרע געזאַנדטע און האָט ערקלערט, דאָס ראַשטאַטט שטעהט יעצט מעהר ניט אונטער דעם שוץ פון פעלקער־רעכט. די פראַנצויזישע דע־לעגאַטען האָבען באַלד איינגעזעהען, דאָס זיי מוזען פערלאָזען ראַשטאַטט. דערצו איז נאָך אַרויס אַ קלאַנג, דאָס די פראַנצויזישע געזאַנדטע זיינען

סואוואָראָוו.

צייטענווייז אויך געוועזען שפּיאָנען. זיי האָבען באַלד ערהאַלטען אַ בעפעהל צו פערלאָזען ראַשטאַטט אין 24 שטונדען. זיי האָבען באַלד ערפילט דיזע פאָדערונג. אָבער ווי זיי זיינען צוגעקומען ניט ווייט פון דעם טויער פון שטאָדט זיינען אויף זיי אָנגעפאַלען עסטרייכישע הוזאַרען און האָבען זיי ער־מאָרדעט. דאָס האָט אויפגעבראַכט גאַנץ אייראָפּאַ, ווייל דאָס איז געגען די רעגלען פון פעלקער־רעכט. דער נאָמען ט ה ו ג ו ט ס פון דעם בעריהמ־טען עסטרייכישען שטאַאטסמאַן פון יענער צייט איז געבליבען פעראַכטעט פיר אימער, דאָך האָבען די פערבינדעטע ניט אַרויסגעוואָרפען עסטרייך פון דער קאָאַליציאָן (פעראייניגונג).

די פראַנצויזען האָבען אויף'ן דיפּלאָמאַטישען וועג געפאָדערט די בע־שטראָפונג פון די מערדער. אָבער זיי האָבען עס ניט גע'פועל'ט. דאַן האָבען

טויזענד לאַצאַראָנען (פּראָלעטאַריער) זיינען אומגעקומען אין דיזען שטרייט. נעאַפּעל איז ערקלערט געוואָרען אַ רעפּובליק. אויך טורין איז איינגענומען געוואָרען, אַזוי דאָס גאַנץ איטאַליען האָט זיך יעצט געפונען אין די הענט פון די פראַנצויזען. אָבער באַלד האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייער פעלדצוג.

די שטרייט־מאַכט פון די פערבינדעטע איז געווען פיעל גרעסער און שטאַרקער פון דער פראַנצויזישער. איבערהויפּט האָבען די רוסען געשיקט אויסגעצייכענטע טרופּען אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם בעריהמטען פעלד־הערר ס ו ב̄ אַ ר אָ ו ו. דער פּלאַן פון די פערבינדעטע איז געווען, דאָס ביים רהיין זאָל מען זיי נאָר צוריקהאַלטען, אָבער איטאַליען און די שווייץ זאָל מען פון זיי צוריקנעהמען. דעם 1טען מערץ 1799 האָט דער גענעראַל מאַססענאַ עראָבערט גרויבינדען און איז שוין געגאַנגען אויף טיראָל. ער האָט געוואָלט אַריינרייסען זיך אין שוואַבען אום צו פעראייניגען זיך מיט גענעראַל זשורדאַן. אָבער די עסטרייכער האָבען איהם צוריקגעטריבען ביי פ ע ל ד ק י ר ך (23טען מערץ). אויך זשורדאַן האָט געליטען אַ שטאַרקע נידערלאַגע ביי ש ט אָ ק ק אַ ך. דאָ האָט זיך ערהויבען אַן אַלגעמיינער אויפשטאַנד פון די שווייצער. מאַססענאַ האָט ערהאַלטען די אויבער־קאָמאַנדע איבער אַלע שווייצאַרישע טרופּען; ער האָט זיך אויפגעהויבען אויף די הויכע בערג און האָט זיך פערשאַפט אַ זיכערע פּאָזיציאָן ביים פיערוואַלדשטעטטער זעע און אין רייכטהאַל ביז צום סט. גאָטטהאַרד.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבען דער קריג אין איטאַליען. דאָרט זיינען געשטאַנען 80,000 עסטרייכער אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם גענעראַל ק ר אַ י פון וואַלאַכיע. דיזער גענעראַל האָט פעראייניגט זיינע טרופּען מיט דער רוסישער אַרמעע, וועלכע איז אָנגעקומען אַהין אונטער דער פיהרונג פון דעם בעוואוסטען רוסישען גענעראַל סובאַראָוו. אָבער נאָך איידער דיביידע אַרמעען האָבען זיך פעראייניגט איז דער גענעראַל קראַי בעפאַלען די פראַנצויזישע טרופּען, וועלכע זיינען געווען זעהר שוואַך אין צאָהל, און האָט זיי ביי מאַגניאַנאָ אַזוי צוקלאַפּט, דאָס זיי האָבען געמוזט צוריקטרעטען אויף יענע זייט טייך אָגליאָ. נאָך דעם, ווי די עסטרייכער האָבען זיך פעראייניגט מיט די רוסען, איז די קאָמאַנדע איבער אַלע מיליטערישע טרופּען אין איטאַליען איבערגעגעבען געוואָרען צו סובאַראָוו'ן, און דיזער האָט בעשלאָסען צו מאַכען אויף די פראַנצויזען אַ קרעפטיגען אָנגריף. אין די טעג פון 25טען ביז דעם 27טען אַפּריל האָט ער געשלאָגען די פראַנצויזען ביי קאַססאַנאָ און דעם 29טען אַפּ-

עסטרייך האָט מיט דער הילף פון ענגלאַנד אויסגעפיהרט, דאָס סובאַראָוו זאָל אַרויס פון איטאַליען, זאָל אַוועק נאָך שווייצאַריען און פעראייניגען זיך דאָרט מיט דער נייער רוסישער אַרמעע, וואָס איז צוגעקומען אַהין מיט דעם גענעראַל ק אָ ר ס אַ ק אָ ו ו. עס איז געווען אַ זעהר גרויסער אונזין צו אונטערנעהמען אַן איבערגאַנג איבער די אַלפען־בערג אין דעם מאָנאַט סעפטעמבער, ווען דאָס וועטער איז דאָרט זעהר געפעהרליך. סובאַראָוו איז געווען כמעט איבערצייגט, דאָס דער פעלדצוג איז אַ פערלאָרענער. דאָך האָט ער איהם געמוזט אונטערנעהמען און דעם 21טען סעפטעמבער האָט ער אָנגעפאַנגען דעם איבערגאַנג איבער דעם באַרג סט. גאָטטהאַרד. דיזער איבערגאַנג האָט פערשאַפט דעם גענעראַל סובאַראָוו אַן אונשטערבליכען רוהם אין דער קריגס־געשיכטע. אָבער מעהר ווי רוהם איז ניט געווען דער רעזולטאַט פון דיזען איבערגאַנג, ווייל די רוסישע אַרמעע האָט פערלאָרען זעהר פיעלע מענשען און האַרמאַטען און זי איז געוואָרען שרעקליך אָפגעשוואַכט. דאָס ערגסטע אָבער איז געווען, וואָס דערווייל איז דער רוסישער פעלדהערר קאָרסאַקאָוו צוזאַמען מיט דעם עסטרייכישען פעלדהערר ה אָ ט צ ע שטאַרק צוקלאַפט געוואָרען ביי צ י ר י ך פון דער פראַנצויזישער אַרמעע (25טען און 26טען סעפטעמבער). די רוסישע אַרמעע האָט געמוזט געהן איבער'ן רהיין; און ווען סובאַראָוו איז אָנגעקומען אין דער שווייץ האָט ער דאָרט געטראָפען ניט די פערבינדעטע נאָר דעם פיינד. זיין לאַגע איז געווען זעהר ניט קיין גינסטיגע. אָבער דאָך איז איהם געלונגען צוריקצוטרייבען מאַססענאַ צו דער שווייץ און האָט געוואונען דעם רהיין־טאָל. עס איז איהם אויסגעקומען צו געהן איבער וויסטע ערטער, וואָס זיינען געווען בעדעקט מיט שנעע און אייז. אין געוויסע שטעלען האָבען די סאָלדאַטען געמוזט קריכען אויף אַלע פיער. דערצו זיינען זיי געווען הונגריג און נאַקעט. די סאָלדאַטען זיינען אויף דיזער געפעהרליכער רייזע געפאַלען אין די טויזענדער, כמעט אַלע פערד און האַרמאַטען זיינען אַריינגעפאַלען אין די פעלזען־שפאַלטען. ענדליך איז די רוסישע אַרמעע אונטער סובאַראָוו אָנגעקומען אין דעם טאָל פון פאָרדער־רהיין (פון 8טען ביז דעם 10טען אָקטאָבער).

סובאַראָוו איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די פעררעטערישע פאָליטיק פון די עסטרייכער. אויך די אַרמעע איז געווען שרעקליך דאַגעגען צו האָבען מיט עסטרייך וועלכע עס איז פערבינדונג. און ווען דער קייזער פאַוועל האָט זיך דערוואוסט פון דער האַנדלונג פון עסטרייך, און ווי צוליב דיזער נידערטרעכטיגער האַנדלונג האָט די רוסישע אַרמעע פערלאָרען אַזוי פיעלע טויזענדער פון איהרע גוטע סאָלדאַטען, האָט ער זיך ענטזאַגט צו

זיי זיך גענומען צו די וואפען אום צו נעהמען ראַכע פיר דיזע גוואַלדטאַט. אָבער דאָס וואפען־גליק האָט זיך פון זיי אָפּגעקעהרט. זיי האָבען פערלאָרען זעהר פיעל פון זייערע ערָאָבערונגען אין איטאַליען. די איינציגע האָפנונג זייערע איז געווען, דאָס באַלד וועט זיי קומען צו הילף מאַקדאָנאַלד פון נעאַפעל. אָבער סובאָראָוו האָט באַלד זייער האָפנונג פערניכטעט. ער האָט גוט פערשטאַנען, וואָס עס בעדייט פיר איהם צו געפינען זיך צווישען צוויי אַרמעען. ער איז גלייך געלאָפען געגען מאַקדאָנאַלד'ן און האָט איהם געטראָפען ניט ווייט פון פּ י אַ ט ש ע נ צ אַ. דעם 17טען יוני איז פאָרגעקומען צווישען די ביידע אַרמעען אַ פירכטערליכע שלאַכט, וועלכע האָט געדויערט 3 טעג, און דער סוף איז געווען, דאָס מאַקדאָנאַלד האָט געמוזט צוריקטרעטען. די פראַנצויזען האָבען גערעטעט פון זייער אַרמעע זעהר וועניג. דעם 20טען יולי איז געפאַלען מאַנטוא.

די מפּלות, וואָס די פראַנצויזען האָבען געהאַט אין די לעצטע מאָנאַטען, האָבען געצוואונגען דאָס דירעקטאָריום צו מאַכען נייע הכנות צום קריג. זיי האָבען געמאַכט אַ צוואַנגס־אַנלייהע פון 100 מיליאָנען און האָבען געשאַפען אַ האַלבע מיליאָן קריגער אויף'ן שלאַכטפעלד. די קאָמאַנדע איבער די אַלפּען־אַרמעע האָט ערהאַלטען דער גענעראַל ש אַ מ פּ י אָ נ נ ע ט, און איבער די איטאַליענישע — ז ש ו ב ע ר ט, וועלכער האָט אין מיטען מאָנאַט אויגוסט גענומען מאַרשירען אויף טאָרטאָנאַ. ביי דעם שטעדטעל נ אָ ו ו י האָבען די פראַנצויזען דערזעהען פון וויטען די פעראייניגטע אַרמעע פון די עסטרייכער און די רוסען. דעם 15טען אויגוסט איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט. זשובערט איז געפאַלען באַלד אין אָנפאַנג פון דער שלאַכט און זיין שטעלע האָט פערנומען מאָראָ. דער קאַמף איז געווען מערדעריש. ענדליך האָט זיך דער זיג גענייגט אויף דער זייט פון די פערבינדעטע. די פראַנצויזען האָבען פערלאָרען 18,000 מאַן. טאָרטאָנאַ האָט זיך געמוזט אונטערגעבען. באַלד נאָכדעם האָבען זיך די ביידע פראַנצויזישע אַרמעען — שאַמפּיאָננעט'ס און זשובערט'ס — פעראייניגט. אָבער אויך די פעראייניגטע פראַנצויזישע אַרמעע איז געשלאָגען געוואָרען ביי ס אַ ו ו י ל י אַ נ אָ און פּ אָ ס ס אַ נ אָ (4טען און 5טען נאָוועמבער). נאָר גענוא איז נאָך געבליבען ביי די פראַנצויזען.

ווען די רוסען און די עסטרייכער וואָלטען געבליבען פעראייניגט וואָלטען זיי געקענט אין גאַנצען פערניכטען די פראַנצויזישע אַרמעע. אָבער עס האָט צווישען זיי די גאַנצע צייט ניט געהערשט קיין פרידען, און זינט אויגוסט איז זאָגאַר פאָרגעקומען אַ שטרייט צווישען עסטרייך און די רוסען.

לאמענט. אָבער אויך די צווייטע וואהלען זיינען געווען ניט ווי דאָס דירעק-טאָריום האָט געוואָלט, אזוי דאָס עס האָט פערלאָרען די מעהרהייט אין דיביידע ראטען: אין דעם ראט פון 500 און אין דעם ראט פון די אַלטע. דער רעזולטאט דערפון איז געווען, דאָס אַלע פאָרשלאגען פון דעם דירעק-טאָריום זיינען צוריקגעוויזען געוואָרען. אום צו קענען נאָך עקסיסטירען האָט דאָס דירעקטאָריום געמוזט איבערבייטען צוויי פון זיינע מיטגלידער אויף אַנדערע. אזוי איז ר ע וו ו ב ע ל ל ארויס און זיין פּלאַץ האָט פערנו-מען דער גרויסער שונא פון דירעקטאָריום ס ע י ע ס, אויך ט ר ע י ל-האַרד האָט געמוזט ארויס. אַ ביסעל שפּעטער (18טען יוני 1799) זיינען נאָך צוויי אַרויס פון דירעקטאָריום, נעמליך: מ ע ד ל י ן און ל א ר ע-וועיללערע, און זייערע שטעלעס האָבען פערנומען מ ו ל י נ ס און ר אָ ז ש ע ר ד ו ק אָ ס. פון דיזע צוויי נייע מיטגלידער איז מולינס געווען אַ שטרענגער רעפּובליקאנער און דוקאָס האָט געהערט צו דער מעסיגער פּארטיי.

אין דירעקטאָריום איז יעצט געווען די זעלבע שפּאלטונג, וואָס אין די צוויי ראַטען און אין די מיניסטעריומס. די מעהרהייט האָט געהאַלטען מיט סיעיעס. דיזע פּאַרטיי האָט מורא געהאט, דאָס די צו גרויסע פריי-הייט, וואָס דאָס פאָלק האָט יעצט, וועט איבער־אַ־נייס ברייגנען דעם טער-ראָר, און דעריבער האָט זי געוואָלט ענדערן די קאָנסטיטוציאָן און בעשרענ-קען די וואהל־פרייהייט און מעהר קאָנצענטרירען די עקזעקוטיוו־מאכט. דערמיט איז פאָרבערייטעט געוואָרען דער באָדען פיר אַ מיליטערישע דיק-טאטור. סיעיעס זעלבסט האָט פאָרגעשלאָגען צו מאכען אין דער רעגירונג אַ גרויסע ענדערונג אום אוועקצושטעלען דעם אינערען פרידען אויף אַ פעס-טען גרונד. זיין פּלאַן איז געווען, אַז מען זאָל מאכען אַ נייע קרעפטיגע רעגירונג, מיט אַ גענעראַל אָן דער שפּיץ, וועלכע זאָל מאַכען אַן ענדע צו אַלע אונרוהען אין דער ערמידעטער פראנקרייך. ער האָט שוין זאָגאר גע-טראכט וועגען גענעראַל זשובערט. פלוצלינג איז נאפּאָלעאָן ערשינען אין פראַנקרייך.

דער וועג פון מיטלענדישען מעער ביז פּאריז איז געווען פיר נאפּאָלע-אָן'ען אַ גלענצענדער טריאומף־צוג. דער ענטהוזיאזם פון די מאסען האָט גאָרניט געהאט קיין גרענעץ. מען האָט איהם בעגריסט אַלס דעם געווינש-טען הערשער. די מעהרסטע פּארטייען אין פּאריז האָבען זיך געווענדעט צו איהם. זאָגאר עכטע דעמאָקראטען האָבען זיך מיט איהם אינטערעסירט און האָבען געוואָלט וויסען זיינע פּלענער. ער האָט אָבער ניט געזאָגט קיין

האָבען מיט עסטרייך וועלכע עס איז פערבינדונג און איז אַרויסגעטרעטען פון דער קאָאַליציאָן. אַזוי איז דער אַלמעכטיגער בונד צושטערט געוואָרען.

דאָס איז געווען די אויסערליכע לאַגע, אין וועלכער נאַפאָלעאָן האָט געפונען פראַנקרייך, ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון עגיפטען. וואָס אָנבעטרעפט די אינערליכע פאָליטיק פון פראַנקרייך, האָט ער געפונען, אַז דאָס דירעקטאָריום האָט פערלאָרען פיעל פון זיין אויטאָריטעט אין די אויגען פון פאָלק. די רעגירונג האָט זיך קוים געהאַלטען. די סאָציאַלע און געזעלשאַפטליכע פערהעלטניסען זיינען געווען זעהר שלעכט. מעהר פון אַלעם האָט געליטען די אינדוסטריע. פראַנקרייך האָט פערלאָרען אין אויסלאַנד אַלע מערק, ווייל כמעט אַלע לענדער זיינען געווען גענגען דער רעפובליק. צוליב דעם איז אויך אין אינערען געפאַלען דער קרעדיט. מען האָט פערלאָרען דעם צוטרויען, ווייל די געשעפטען זיינען געווען זעהר שלעכט. איבעראַל האָט זיך אַרויסגעציינט די אָרימקייט. אַזוי צ. ב. האָבען גרויסע שטעדט ניט געהאַט די מעגליכקייט צו בעלייכטען די גאַסען. איבעראַל האָבען זיך פערמעהרט רויבער־באַנדעס. די אַנאַרכיע האָט זיך געלאָזט פיהלען אומעטום. די קאַפיטאַלען זיינען געווען פערגראָבען, די ווערק־הייזער און די פאַבריקען זיינען געווען געשלאָסען. פיעלע פאַבריקען זיינען רואינירט געוואָרען, ווייל די רעגירונג האָט זיי געצוואונגען צו פערקויפען זייערע פראָדוקציאָנען פיר זעהר ביליגע פרייזען.

אַזוי האָט איינגעטרעטען אַן אונגעוועהנליכער שטילשטאַנד אין דער אינדוסטריעלער טעטיגקייט פון לאַנד. דאָס פאָלק האָט פערלאַנגט צו ענדערן דיזען צושטאַנד, אָבער דאָס דירעקטאָריום האָט ניט געוואוסט ווי צו העלפען דיזען איבעל. און דאָס איז געווען אַן אונגליק. שוין אין אָנפאַנג פון יאָהר 1799 איז דאָס פאָלק געווען זעהר שטאַרק אויפגערעגט. דער קריג מיט אויסלאַנד און די אינערליכע אָפשוואַכונג פון אַלע צווייגען פון דעם סאָציאַלען און געזעלשאַפטליכען לעבען האָבען שטאַרק צוטרייסעלט דעם פונדאַמענט פון דער רעגירונג. דאָס פאָלק האָט דאָס דירעקטאָריום געמאַכט פעראַנטוואָרטליך פיר אַזעלכע זאַכען, פיר וועלכע עס האָט גאָר קיין פעראַנטוואָרטליכקייט ניט געקענט האָבען.

דאָס דירעקטאָריום האָט געזעהען, אַז עס שטעהט שמאָל, האָט עס בעשלאָסען צו געברויכען אַן אונגעזעצליכען מיטעל אום אויפצוהאַלטען זיך לענגער. ווען די וואַהלען אין פריהלינג פון 1799 זיינען אויסגעפאַלען ניט נאָך זיין וואונש, האָט ער מבטל געווען 60 וואַהלען אָהן אַ שום אורזאַך, און האָט געהייסען מאַכען נייע וואַהלען פיר 60 מיטגלידער פון פאַר-

דעם 19טען ברומעיר האָט די געפּלאַנטע איבערקעהרעניס אין דער רע-גירונג געמוזט דורכגעפיהרט ווערען. די ראַטען האָבען זיך פערזאַמעלט אין שלאָס סט. קלוד. די געביידע איז געווען ארומגערינגעלט מיט אַ בעדיי-טענדער מיליטערישער מאַכט. די דעבאַטען אין דעם ראָט פון 500 זיינען געווען זעהר שטירמיש. איינער האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל דאַנקען דעם ראָט פון די אַלטע פיר די נייעס, וואָס ער האָט אויפגעטאָן, און בעטען איהם, אַז ער זאָל מאַכען פאָרשלאַגען וועגען מיטלען צו רעטען די רעפּובליק פון אונטערגאַנג. דיזער פאָרשלאַג האָט ארויסגערופען אַ גרוי-סען טומעל. דער ראָט האָט פערשטאַנען, דאָס מען גרייט זיך צו אַ נייער רעוואָלוציאָן. אום דיזע צו פערמיידען האָבען אַלע געשוואָרען צו אָפּפערן זייער לעבען אום פעסטצוהאַלטען די קאָנסטיטוציאָן פון 1795, און דיזער בעשלוס האָט פערניכטעט דעם גאַנצען פּלאַן פון אַ נייער איבערקעהרעניס. מיט אונגעדולד האָט נאַפּאָלעאָן ערוואַרט דעם רעזולטאַט פון דער זיצונג. אַלע 5 מינוטען האָט מען איהם געמוזט בעריכטען וואָס עס געהט פאָר אין פּאַרלאַמענט. ער איז געוואָרען שטאַרק אונרוהיג ווען ער האָט זיך דער-וואוסט, דאָס אויך דער ראָט פון די אַלטע איז בעגייסטערט געוואָרען צוזאַ-מען מיט די הייסע אָנהענגער פון דער רעפּובליק. מיט איין מאָל האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז ראַש אריינגעלאָפען אין ראָט פון די אַלטע און ווי אַ צוטומעלטער האָט ער אויסגעשאָסען מיט ווערטער, דער וואהרער זין פון וועלכע עס איז ערסט שפּעטער ערקלערט געוואָרען.

„בירגער רעפּרעזענטאַנטען!" האָט ער אויסגעשריען, „איהר געפינט זיך ניט מעהר אין געוועהנליכע צושטענדען, איהר שטעהט יעצט אויף אַ וואולקאַן. ערלויבט מיר איינינע ערקלערונגען. איהר האָט געגלויבט, אַז דאָס פאָטערלאַנד געפינט זיך אין געפאַהר, און איהר האָט צוליב דעם גענאָרדענט, דאָס דער פּאַרלאַמענט זאָל זיך איבערטראַנספּאָרטירען אין סט. קלוד, און מיך האָט איהר בעאויפטראַגט אייער דעקרעט דורכצופיהרען. איך בין מיר געווען רוהיג אין דעם קרייז פון מיין פאַמיליע, ווען איך בין גערופען געוואָרען דורך דעם בעפעהל פון דעם ראָט פון די אַלטע צו נעהמען זיך צו די וואַפען. פאָלגענדיג אייער רוף האָב איך אויפגעפאָדערט די סאָל-דאַטען צום דינסט פון פאָטערלאַנד. אַלס לוין דערפאַר ווערען מיר פער-לײמדעט און בעשולדיגט. מען רעדט וועגען אַ נייעם קראָמוועלל, פון אַ נייעם צעזאַר. בירגער! ווען איך וואָלט וועלען שפּילען אַזאַ מין ראָלע, וואָלט עס מיר געווען זעהר לייכט דורכצופיהרען ווען איך בין צוריקגעקומען פון איטאַליען מיט גרויס טריאומף און די פּאַרטייען און די אַרמעע האָבען

וואָרט ביז ער וועט פערטיג ווערען מיט די וויכטיגסטע מענער אין פּאַריז. סיעיעס האָט זיך גענומען די מיה דעם 15טען ברומעיר פאָרצובערייטען די ראַטען צום נייעם פּלאַן, און נאַפּאָלעאָן האָט אויף זיך גענומען צו אונטער-האַנדלען מיט דער אַרמעע.

3 טעג שפּעטער, דעם 18טען ברומעיר (8טען נאָוועמבער), איז דער פּלאַן דורכגעפיהרט געוואָרען. אום 7 אוהר אין דער פריה האָט דער ראַט פון די אַלטע בעשלאָסען איבערצופיהרען די זיצונגען פון די ביידע ראַטען אין סט. קלוד, ווייל די לאַגע פון דער רעפּובליק איז געפעהרליך. דער גע-נעראַל נאַפּאָלעאָן האָט ערהאַלטען דעם בעפעהל דיזען דעקרעט דורכצופיה-רען. אין דער זעלבער צייט איז איהם איבערגעגעבען געוואָרען די אויבער-קאָמאַנדע איבער די נאַציאָנאַל-גוואַרדיע. דער ראַט פון 500 איז געווען שרעקליך בעשטירצט, ווען ער האָט דערהערט דיזען בעשלוס. אָבער דער פּרעזידענט פון דעם ראַט לוסיאַן באָנאַפּאַרטע, דער ברודער פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע, האָט ניט דערלאָזען צו קיין דעבאַטע און האָט ערקלערט, דאָס די נעכסטע זיצונג מוז זיין אין סט. קלוד. נאָך מעהר איבערראַשט זיינען געווען אייניגע פון דעם דירעקטאָריום, ווען זיי האָבען דערהערט דיזע נייעס, פון וועלכע זיי האָבען פריהער ניט געהאַט קיין אַהנונג. סיעיעס און ראָ-זשער דוקאָס האָבען זיך ענטזאַגט פון זייערע שטעלעס אַלס מיטגלידער פון דירעקטאָריום. דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן באַרראַס. דאָס דירעקטאָריום איז אויפגעלעזט געוואָרען.

דאָס פּאָלק האָט אויפגענומען די נייעס וועגען דיזער ענדערונג זעהר קאַלטבלוטיג, אַזוי ווי דאָס וואָלט מיט איהם גאָרניט געהאַט צו טאָן. נאַ-פּאָלעאָן האָט ארויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציאָן, וועלכע האָט בעוויזען, דאָס ער איז דער קינפטיגער העדר אין פראַנקרייך. „וואָס האָט איהר געמאַכט פון פראַנקרייך”, האָט ער זיך געווענדעט מיט זיין פּראָקלאַמאַציאָן צום דירעק-טאָריום, „וועלכע איך האָב אייך געלאָזען אין אַזאַ גלענצענדען צושטאַנד? איך האָב אייך געלאָזען פרידען און האָב געפונען קריג; איך האָב אייך געלאָזען מיליאָנען, וואָס איך האָב בעקומען אין איטאַליען, און געפין יעצט עלענד און רויבערישע שטייערן אויף'ן פּאָלק. וואָס האָט איהר געמאַכט פון יענע 100,000 מוטיגע סאָלדאַטען, וועלכע איך האָב גערעכענט אַלס די בעסטע חברים פון מיין רוהם... דיזער צושטאַנד קען מעהר ניט אָנהאַלטען. אין אַ צייט פון דריי יאָהר וועט עס אונז פיהרען צו אַן אַבסאָ-לוטער מאָנאַרכיע”.

מיך אויפגעפאָדערט צו ערגרייפען די העכסטע מאַכט. איך האָב עס דאַמאָלס ניט געטאָן און טו עס אויך היינט ניט. איך שווער אייך, דאָס פראַנקרייך האָט ניט קיין מעהר אונאייגענוציגען בירגער אַלס איך. מיר זיינען אַרומגערינגעלט מיט געפאַהרען, אונז דראָהעט אַ בירגער־קריג. מיר טאָרען ניט שטעלען אין סכנה די פרייהייט און גלייכהייט, גיטער, פיר וועלכע מיר האָבען געבראַכט אַזוי פיעלע אָפּפער אום צו ערווערבען זיי!" ביי דיזע ווערטער האָט איהם אַ דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט מיט'ן נאָמען לינגלעט אונטערגעבראָכען און האָט איהם אַ פרעג געטאָן: „און וואָס איז מכח דער פערפאַסונג?" „די פערפאַסונג?" האָט נאַפּאָלעאָן געענטפערט נאָך אַ קורצער ווײַלע, „האָט איהר דען אַ פערפאַסונג? האָט איהר דען ניט זעלבסט פערניכטעט די פערפאַסונג? איהר האָט זי פערניכטעט דעם 18טען פרוקטידאָר דורך דעם אָנגריף אויף די פאָלקס־פערטרעטער; איהר האָט זי פערניכטעט דעם 22טען פלאָרעאַל מיט אייער פערניכטען די דעמאָקראַטישע וואַהלען; איהר האָט זי פערניכטעט דעם 30טען פּרעיריאַל דורך דעם שטורץ פון צוויי דירעקטאָרען. דיזע פערפאַסונג, וועגען וועלכער עס רעדען אַלע פאַרטייען, איז פון אַלע פאַרטייען געטראָטען געוואָרען מיט די פיס, און אַלע פאַרטייען זיינען בעריט אויך ווייטער צו טרעטען זי מיט די פיס. אַלע פאַרטייען האָבען מיך געבעטען, אַז איך זאָל זיי שטיצען אין זייערע שטרעבונגען, הגם זיי זיינען געווען געגען דער פערפאַסונג. איך האָב עס ניט געוואָלט, ווייל איך האָב געוואָלט ערפילען אייערע פאָדערונגען. אייך וועל איך מיט אַלע מיינע וואַפען־ברידער בעשיצען. איך פערזיכער עס אייך אין נאָמען פון יענע בראַווע גרענאַדירען, וועלכע איך זעה דאָרט, און וועלכע איך האָב אַזוי אָפט געפיהרט געגען דעם פיינד. איך פערזיכער אייך אין זייער נאָמען, דאָס מיר וועלען אייך העלפען צו רעטען דאָס פאָטערלאַנד. אָבער ווען איינער אַ רעדנער, וועלכער איז אָנגעדונגען פון אויסלאַנד, וועט זיך ערלויבען צו רעדען, אַז מען זאָל מיך ערקלערען אויסער געזעץ, וועל איך געוויס אַפּעלירען צו מיינע וואַפען־קאַמעראַדען (די סאָלדאַטען). פערגעסט ניט, דאָס איבעראַל האָט מיך בעגלייטעט דער גאָט פון קריג און דער גאָט פון גליק!"

דער ראַט פון די אַלטע האָט רוהיג אויסגעהערט די אָנצוהערענים, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געגעבען. קיינער האָט ניט געוואָגט צו ווידערשפּרעכען איהם. נאַפּאָלעאָן האָט גערעכענט, דאָס ער האָט אין דעם ראַט פון די אַלטע געזיגט, און ער האָט זיך גלייך בעגעבען צום ראַט פון די 500. ער האָט גערעכענט, דאָס זיין אָנוועזענהייט אַליין איז גענוג צו פערניכטען יעדען ווי-



דער 19טער ברומעיר.

שטערען דורכצופיהרען זייערע פערברעכערישע בעשלוסען. גענעראַל און סאָלדאַטען! איהר זאָלט אָנערקענען אַלס ערוועהלטע געזעצגעבער פון פאָלק נאָר די יעניגע, וועלכע וועלען קומען צו מיין זייט. די יעניגע אָבער, וואָס וועלען פערבלייבען אין דער אָראַנזשעריע, זאָלען פערטריבען ווערען מיט געוואַלט, ווייל זיי זיינען ניט קיינע רעפּרעזענטאַנטען פון פאָלק, נאָר רע-פּרעזענטאַנטען פון שווערד!" צולעצט האָט לוסיאַן געשוואָרען, דאָס ער זעלבסט וועט דערשטעכען זיין ברודער נאַפּאָלעאָן, ווען ער וועט וועלען טאָן עטוואָס געגען דער פרייהייט. דיזע קאָמעדיע האָט אויף די סאָלדאַטען געווירקט.

„יעצט ווייס איך וואָס איך האָב צו טאָן!" האָט נאַפּאָלעאָן געזאָגט. ער האָט באַלד געהייסען איינינגע שטאַבס-אָפיצערען, וועלכע זיינען מיט איהם געווען אויף'ן אָרט, דאָס זיי זאָלען די דעפּוטאַטען צוטרייבען. ווע-גען אַ געוואַלדטאַט מעהר אָדער וועניגער האָט ער זיך ניט געקימערט. ער איז געווען דער לעצטער, וואָס זאָל האָבען רעספּעקט און אַכטונג פאַר דער הייליגקייט פון אַ פערפאַסונג.

די 500 האָבען דערווייל קיין בעשלוס ניט געפאַסט. זיי האָבען איי-גענטליך בעדאַרפט געהן אין פאַריז און בעקאַנט מאַכען דעם פאָלק מיט דער געוואַלדטאַט פון נאַפּאָלעאָן'ען און אויפפאָדערן עס צו מאַכען געגען איהם אַן אויפשטאַנד. אָבער זיי האָבען דאָס ניט געטאָן. דערווייל איז אַריין אין זאַל אַ טרופּע סאָלדאַטען אונטער דער קאָמאַנדע פון נאַפּאָלעאָן'ס שוואָגער, דעם יונגען גענעראַל לעקלערק, וועלכער האָט אויסגערופען: „אין דעם נאָמען פון גענעראַל באָנאַפּאַרטע! די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפט, דער ראַט פון 500 איז אויפגעלעזט! ווער עס איז אַ גוטער בירגער זאָל זיך דערווייטערן! גרענאַדירען, פאָרווערטס!" עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ געשריי פון כעס און פערצווייפלונג. איינינגע האָבען זיך צוזעצט און האָ-בען אָנגענומען אַ פּאָזע, ווי זיי זיינען בערייט צו שטאַרבען אויף'ן אָרט און ניט פערלאָזען דעם זאַל. אָבער ווי באַלד זיי האָבען דערזעהען די בלויזע שווערדען האָבען זיי זיך דערשראָקען און זיינען אַרויסגעלאָפען דורך די פענסטער. אום 6 אוהר אַבענדס, דעם 9טען נאָוועמבער 1799, איז שוין קיין נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג מעהר ניט געווען.

אין אָבענד פון דעם זעלבען טאָג האָבען איינינגע פון דעם ראַט פון 500, וועלכע זיינען געווען איינפערשטאַנען מיט דער איבערקעהרעניס, אַרויס-געגעבען פאָלגענדען דעקרעט: דאָס דירעקטאָריום איז אויפגעלעזט און די עקזעקוטיווע מאַכט איז דערווייל איבערגעגעבען צו דריי קאָנסולען:

דערשטאַנד. אָבער אין דעם האָט ער געהאַט אַ גרויסען טעות. ער איז גראַד אַריין אין זאַל אין דעם מאָמענט, ווען אַלע מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט האָבען געגעבען אַ שבועה צו פערטיידיגען הייליג די פערפאַסונג. באַלד ווי ער איז אַריין האָט זיך אויפגעהויבען אַ געשריי: „נידער מיט דעם דיק-טאַטאָר! ערקלערט איהם אויסער דעם געזעץ! פאָרט מיט די באַיאָנע-טען!" פיעלע דעפּוטירטע האָבען איהם אַרומגערינגעלט מיט דראָהונגען: „אַרויס פון דאַנען! דו פערשוועכסט מיט דיין אָנוועזענהייט דעם הייליגען טעמפּעל פון געזעץ!"

באָנאַפּאַרטע איז פון שרעק און אויפרעגונג געוואָרען בלייך. אין דער גרעסטער געפאַהר פון שלאַכט איז ער אימער געווען קאַלטבלוטיג און האָט זיך ניט פערלאָרען, און דאָ האָט ער זיך געפיהלט שטאַרק בעשטירצט און האָט אָנגעהויבען צוריקגעהן צום טיר אונטער דעם שוץ פון זיינע סאָלדאַ-טען. אַ געוועהנליכע סצענע פון פאָלק האָט ער ניט געקענט איבערטראָגען. דער שטורם אין דער פערזאַמלונג האָט נאָך לאַנג געדויערט. אויך זיין ברו-דער לוסיאַן איז שטאַרק אָנגעגריפען געוואָרען. ער האָט זיך אָבער פערהאַל-טען קאַלטבלוטיג און רוהיג. פיעלע אין דער פערזאַמלונג האָבען פערלאַנגט פון לוסיאַן'ען, אַלס פּרעזידענט פון דעם ראַט פון די 500, אז ער זאָל ער-קלערען זיין ברודער נאַפּאָלעאָן אויסער דעם געזעץ (דאָס הייסט, קאָנפיס-קירען זיין פערמעגען און בערויבען פון מענשען־רעכט). „וואָס", האָט ער אויסגעשריען ווילד, „איהר ווילט, אַז איך זאָל ערקלערען מיין ברודער אוי-סער דעם געזעץ". „יע, יע, יע!" האָט מען געשריען פון אַלע זייטען, „אויסער געזעץ! אויסער געזעץ! ער איז אַ טיראַן, דאָס קומט איהם!" לוסיאַן איז געוואָרען אויסער זיך פון פערדרוס און אויפרעגונג, האָט אַראָפּ-געוואָרפען פון זיך די ווירדע פון פּרעזידענטשאַפט און האָט אָנגעהויבען געהן צום טיר צו זיין ברודער נאַפּאָלעאָן, אויך אונטער דעם שוץ פון סאָלדאַטען.

נאַפּאָלעאָן האָט זיך דערווייל אַ ביסעל בערוהיגט און האָט געפאַסט מוט. סיעיעס האָט איהם געראַטען ניט צו פערלירען קיין צייט און זאָל גע-ברויכען געוואַלט. דערווייל האָט לוסיאַן געהאַלטען אַ רעדע צו די סאָל-דאַטען. „בירגער סאָלדאַטען!" האָט ער זיך געווענדט צו די טרופּען, „איך, אַלס פּרעזידענט פון דעם ראַט פון 500, ערקלער אייך, דאָס די מעהרצאָל פון די מיטגלידער פון דעם ראַט געפינען זיך אין שרעק פון אייניגע פון די דעפּוטאַטען, וועלכע שטעהען אַרום דער רעדנער־ביהנע בעוואַפענט מיט שווערדען און זיינען בערייט צו ערמאָרדען יעדען רעדנער, וועלכער וועט זיי

און מען האָט זיך דעריבער פערוויגט און געטרוימט, דאָס די פריהייטס־געביידעס, וואָס די רעוואָלוציאָן האָט אויפגעבויט, וועלען בלייבען גאַנץ אונטער דיזער נייער קאָנסטיטוציאָן.

נאַפּאָלעאָן זעלבסט, אַלס גענעראַל און קאָנסול, האָט אויך אָנטייל גענומען אין די בעראַטונגען פון דער קאָמיסיאָן, וואָס האָט פערפאַסט די נייע קאָנסטיטוציאָן. סיעיעס האָט אויסגעאַרבייט אַ נייעם פּלאַן, וועלכער האָט געגעבען די גאַנצע מאַכט צו די געמעסיגטע און האָט איבערגעגעבען אין די הענט פון דער בורזשואַזיע די מאַכט פון געזעצגעבונג. נאַפּאָלעאָן האָט אָנגענומען פון דיזער פערפאַסונג נאָר דאָס, וואָס האָט איהם געקענט דינען צו זיינע עהרגייציגע פּלענער.

לויט דיזער קאָנסטיטוציאָן, וואָס סיעיעס האָט פערפאַסט, האָט נאַפּאָלעאָן בעקומען אַ גרויסען שטאַט מיט 6 מיליאָנען אַ יאָהר געהאַלט, מיט אַ לייב־וואַך פון 3,000 מאַן און דעם קעניגליכען פּאַלאַץ פון ווערסאַיל פיר אַ וואוינונג. די איינענטליכע רעגירונג איז געלעגען אויף די אַנדערע צוויי קאָנסולען. נאַפּאָלעאָן אָבער איז דערמיט ניט געווען צופרידען. ער האָט סיעיעס'ן פאָרגעוואָרפען, וואָרום ער האָט איהם געזוכט צופרידען שטעלען נאָר מיט איניגע מיליאָנען און מיט אַנדערע בעקוועמליכקייטען און ניט מיט־מעהר מאַכט. סיעיעס האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט פיינד געהאַט צו פערענטפערן זיך און געבען ערקלערונגען, נאָר ער האָט איהם גלייך נאָכגעגעבען זיין וואונש. סיעיעס האָט נאָך דערלעבט צו זעהן, ווי דער מענש, וועמען ער אַליין האָט אַזוי פיעל געהאָלפען ערהייבען, האָט זיך געשפּילט מיט די געזעצען און האָט זיך אויפגעפיהרט דעספּאָטיש.

די נייע פערפאַסונג איז געווען אַ טויט־אורטייל איבער די פּאָליטישע רעכטען פון פאָלק. די גאַנצע מאַכט האָט ערהאַלטען נאָר איינער. דעם פאָלק זיינען געבליבען נאָר פּוסטע נעמען און פאָרמעס. די גרונדזאַצען פון דער קאָנסטיטוציאָן פון יאָהר 1791 זיינען אין גאַנצען איגנאָרירט געוואָרען. דער ערסטער קאָנסול האָט בעקומען אַ מאַכט פון אַ דיקטאַטאָר. ער האָט אמת בעדאַרפט ערוועהלט ווערען, אָבער אויף 10 יאָהר, און דאַן האָט ער געמעגט ווידער ערוועהלט ווערען. ער האָט קיינעם ניט בעדאַרפט געבען קיין רעכענשאַפט אויף זיינע מעשים. ער האָט בעזעצט אַלע שטעלען אין דער רעגירונג און אין דער אַרמעע און ער איז אויך געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע. דער שטאַאַטס־ראַט און דער ראַט פון די מיניסטאָרען זיינען אין גאַנצען געווען אָפּהענגיג פון איהם. די איניציאַטיווע

נאַפּאָלעאָן באָנאַפּארטע, סעיעס און ראָזשער דוקאָס. 62 מיטגלידער פון ראַט זיינען אַרויסגעשטויסען געוואָרען פון פאָלקס־פערטרעטונג. די גאַנ־צע פערזאַמלונג וועט ניט צוזאַמענקומען ביז דעם 20טען פעברואַר 1800. דערווייל זאָלען 28 מיטגלידער צוזאַמען מיט די קאָנסולען פאָרבערייטען א נייע פערפאַסונג.

די איבערקעהרעניס איז געלונגען. די מיליטער־דיקטאַטור איז בע־גרינדעט געוואָרען. א גליקליכער סאָלדאַט (נאַפּאָלעאָן) האָט אריינגע־כאַפּט די הערשאַפט איבער פראַנקרייך. די בורזשואַזיע איז געווען העכסט צופרידען. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען זייער הערשאַפט. די הייליגקייט פון אייגענטום איז געוואָרען געזיכערט דורך דעם שווערד. כאַבאַר קען זיך יעצט ענטוויקלען פריי. פּראָצענט האָט געשטיגען פון 7 אויף 12. דאָס איז געוואָרען דער געלט־ווערט פון נייעם קורס!

כ. דער קאָנסולאַט.

דער 18טער ברומעיר איז געווען אין פּאַריז א פּאָלשטענדיגער פאָלקס־יום־טוב. אַלע קלאַסען, אויסער די יאַקאָבינער און די שטרענגע רעפּובלי־קאַנער, זיינען געווען מיט דעם נייעם דיקטאַטאָר העכסט צופרידען, און זיי האָבען זיך מיט איהם פּשוט געפרייט. די אַרבייטער אין די פאָרשטעדט האָבען וועניגסטענס בעטראַכט די נייע ווענדונג גלייכגילטיג. זיי האָבען פון דער מיליטער־הערשאַפט ניט געקענט ערוואַרטען ניט בעסער און ניט ערגער ווי פון אַלע אַנדערע אַרטען רעגירונגען. וואָרים וואָס האָבען זיי געהאַט פון די יאַקאָבינער אויסער פּאָליטישע רעכטען? האָבען זיי דען פערבעסערט זייער לעבען, זייער מאַטעריעלע לאַגע? אַלע קלאַסען האָבען געלעגט זייער האָפ־נונגען אויף דעם גליקליכען גענעראַל. די בירגער האָבען פון איהם ער־וואַרטעט, דאָס ער וועט ענדליך פעסטשטעלען די ליבעראַלע אידעען. די קעניגליכע האָבען גערעכענט, דאָס ער וועט אויפשטעלען צוריק דעם טראָן פון די בורבאָנען. זיי האָבען זיך אָבער גענאַרט אין זייערע האָפנונגען. אָנשטאָט דער פרייהייט האָט געהערשט נאָר דער שווערד אַליין.

דאָס האָט מען באַלד געקענט אַרויסזעהן פון דעם פּלאַן פון דער נייער פערפאַסונג, וועלכער איז בעקאַנט געמאַכט געוואָרען דעם 25טען דעצעמ־בער 1799. און הגם דער גאַנצער אינהאַלט פון איהם איז געווען פיינדליך צו פרייהייט, דאָך האָט איהם דאָס פאָלק בעגעגענט מיט מעהר ענטהוזיאַזם אַלס די פערפאַסונגען פון 1795 און פון 1793. מען איז פּשוט געווען פער'שכור'ט פון נאַפּאָלעאָן'ס רוהם און פון זיין פּאָפּולאַריטעט אין פאָלק

דער רעגירונג. מיט דיזער אָרדנונג זיינען צוגענומען געוואָרען פון פאָלק אַלע פּאָליטישע רעכטען און איבערגעגעבען געוואָרען צו דער רעגירונג.

די ערסטע צייט, פערשטעהט זיך, האָט נאַפּאָלעאָן געטאָן אַלעס אום צו געווינען דאָס צוטרויען פון פאָלק און זיין ליבע און טריהייט. די אַלע, וואָס זיינען פערטריבען געוואָרען פון לאַנד דעם 18טען פרוקטידאָר, האָבען מיט זעהר ווייניגע אויסנאַהמען בעקומען די ערלויבניס צוריקצוקעהרען זיך אין לאַנד. צווישען די, וואָס האָבען זיך צוריקגעקעהרט, איז אויך געווען דער בעריהמטער קאַרנאָט, וועלכער איז באַלד געוואָרען קריגס-מיניסטער. אויך די פערטריבענע אויסער גרענעץ געשטעלטע פּריסטער פון פערשיידענע פּאַרטייען זיינען בעגנאַדיגט געוואָרען. עס פערשטעהט זיך, דאָס דיזע האָבען געמוזט פערשפּרעכען צו זיין געהאָרזאַם דער נייער רעגירונג. דאַגעגען האָט די פּרעס-פרייהייט בעקומען אייניגע בעשרענקונגען. אייניגע צייטונגען זיינען אונטערדריקט געוואָרען, און 37 רעפּובליקאַנער, וועלכע האָבען זיך אויסגעדריקט געגען נאַפּאָלעאָן'ען, זיינען פעראורטיילט געוואָרען. דיזע מאַסרעגלען האָבען דייטליך געצייגט, וואָס פיר אַ צייט עס קומט אָן.

דער וואונש פון פראַנקרייך, ווי אויך פון גאַנץ אייראָפּאַ, איז געווען, אַז עס זאָל ווערען און הערשען פרידען. באָנאַפּאַרטע האָט עס פערשפּראָכען, און האָט זיך געגעבען די מיה צו בעווייזען, דאָס ער מיינט עס ערנסט. אָבער זיינע פרידענס-פּאָרשלאַגען זיינען פון די ענגלישע און עסטרייכישע רעגירונגען ניט אָנגענומען געוואָרען. דערמיט איז זיין איניגסטער וואונש ערפילט געוואָרען, ווייל דער העכסטער ציל פון זיין עהרגייץ איז געווען — צו פערשאַפען זיין רעגירונג דעם העכסטען גלאַנץ. ער האָט בעשלאָסען פאָרטצוזעצען דעם קריג, און האָט אַרויסגעגעבען צום פאָלק אַ פּראָקלאַמאַציאָן, וועלכע איז מערקווירדיג דורך איהר טאָן. „פראַנצויזען", זאָגט ער אין דיזער פּראָקלאַמאַציאָן, „איהר פערלאַנגט פרידען, אייער רעגירונג פערלאַנגט עס נאָך מעהר און שטאַרקער; איהרע הייליגסטע ווינשען און שטרעבונגען זיינען געווען און זיינען אויך יעצט פעסטצושטעלען דעם פרידען אין אייראָפּאַ. דאָס ענגלישע מיניסטעריום אָבער וויל עס ניט. דער וואונש און שטרעבען פון ענגלאַנד איז — צו צורייסען פראַנקרייך, צו פערניכטען איהר זעע-מאַכט, צו פערטיליגען זי פון דער קאַרטע פון אייראָפּאַ, אָדער ווענינגסטענס ערנידריגען זי צו אַ מאַכט פון צווייטען גראַד, אום ענגלאַנד זאָל בלייבען די איינציגע האַנדעלס-מאַכט און זאָל קענען דורך איהרע רויבערייען אונגעשטערט ערווערבען זיך אונגעהייערע רייכטימער.

פון געזעץ־מאַכונג איז געווען פון איהם, ד. ה. יעדעס געזעץ האָט ער בע-
דאַרפט פאָרשלאָגען און דורכפיהרען דורך דיזע 2 קערפּערשאַפטען: דורך
דעם שטאַאַטס־ראַט און דעם מיניסטאָרען־ראַט. ער האָט געהאַט די הויפּט-
דעה איבער די פינאַנצען, איבער דער פּאָליציי, איבער קריג און פרידען,
אויך צו שליסען פעראיינינגונגען מיט אַנדערע מעכטען. איהם צו הילף איז
געשטאַנען אַ סענאַט פון 80 מיטגלידער, אַ געזעצגעבענדער קאָרפּוס פון
300 פּערזאָן און אַ טריבונאַט פון 100 מיטגלידער. אָבער דיזע אַלע קער-
פּערשאַפטען האָבען ניט געהאַט קיין זעלבשטענדיגע מאַכט אויף אַ האָאָר.
די סענאַטאָרען זיינען ניט ערוועהלט געוואָרען פון פאָלק, נאָר די קאָנסולען
האָבען זיי בעשטימט, און אויך די מיטגלידער פון די געזעצגעבער און דער
טריבונאַט זיינען בעשטימט געוואָרען פון די סענאַטאָרען. זיי אַלע זיינען
אַלזאָ געווען אונטער דעם איינפלוס און אין גאַנצען אָפּהענגיג פון דעם ערס-
טען קאָנסול.

די טריבונען האָבען נאָר געהאַט צו דיסקוטירען און צו בעשפּרעכען
זאַכען, וואָס זיינען געווען אין זייער געביט, אָבער זיי האָבען ניט געהאַט
די מאַכט עטוואָס צו ענטשיידען. דער געזעצגעבענדער קאָרפּוס האָט שוין
געהאַט דאָס רעכט צו ענטשיידען, אָבער נאָר מיט „יע" און „ניין", אָהן
דעם רעכט צו דעבאַטירען איבער דער פראַגע. אויב די רעגירונג האָט
ניט געמאַכט קיין פאָרשלאַג וועגען אַ געזעץ אָדער עטוואָס אַנדערס, האָ-
בען דיזע קערפּערשאַפטען ניט געהאַט וואָס צו טאָן, ווייל זיי האָבען זעלבסט
ניט געהאַט קיין רעכט עטוואָס פאָרצושלאָגען. דער סענאַט איז געווען אַ
ווערקצייג, דורך וועלכען מען האָט דורכגעפיהרט אונטערדריקונגען ווען עס
איז געווען נעטיג, אָדער ווען מען האָט נעטיג געהאַט צו טאָן עטוואָס געגען
דער קאָנסטיטוציאָן. דאָס פאָלק האָט אויף'ן סענאַט ניט געהאַט קיין
איינפלוס, ווייל די מיטגלידער פון דיזער קערפּערשאַפט זיינען ערנאַנט
געוואָרען פון די קאָנסולען אויף זייער גאַנצעס לעבען און מיט אַן אונגע-
הייער גרויסען געהאַלט. דערצו דאַבען נאָך זייערע זיצונגען בעדאַרפט
זיין געהיים.

דאָס פאָלק האָט ניט געהאַט קיין רעכטען. פון אַלעס, וואָס דאָס פאָלק
האָט ערוואָרבען מיט זיין בלוט דורך די רעוואָלוציאָן, איז געבליבען נאָר אַ
שאָטען. יעדע געמיינדע פון פאָלק האָט נאָר געהאַט דאָס רעכט צו פער-
זאַמלען זיך און ערוועהלען אַ צעהנטעל פון איהרע מיטגלידער, פון דיזע
ערוועהלטע צוזאַמענשטעלען אַ ליסטע און צושטעלען זי צום סענאַט. פון
דיזער ליסטע האָט דער סענאַט בעשטימט בעאַמטע אויף אַלע שטעלעס אין

ריל איז דער עסטרייכישער קאָמאַנדיר מעלאַס פּלוצלינג בעפאַלען דעם פראַנצויזישען גענעראַל מאַססענאַ און האָט פון איהם אָפּגעשניטען דעם לינקען פליגעל אונטער סושעט, און הגם די פראַנצויזען האָבען פיעל געאָפּפערט אום צו פעראייניגען זיך צוריק, איז עס זיי ניט געלונגען. מאַססענאַ איז געווען געצוואונגען איינצושליסען זיך אין גענואַ.

הגם עס איז אין שטאָדט באַלד געוואָרען אַ הונגער, האָט דאָך מאַססענאַ אויסגעהאַלטען, ווייל ער האָט גוט פערשטאַנען, ווי וויכטיג גענואַ איז פיר די פראַנצויזען, און ער האָט אויך געוואוסט, דאָס באַלד וועט נאַפּאָלעאָן קומען איהם צו הילף און וועט איהם בעפרייען פון דער בעלאַגערונג. נאַפּאָלעאָן האָט מיט זיין אַרמעע, וועלכע ער האָט זעהר שנעל צוזאַמענגעשטעלט, זיך בעגעבען נאָך זשענעוואַ (שווייץ) און פון דאַנען איז ער אַריבער די אַלפּען. דער אונגעוועהנליכער מאַרש איז געגאַנגען איבער די בערג: סט. בערנהאַרד, סימפּלאָן און גאָטטהאַרד. עס איז געווען אַ זעהר שווערע שטיק אַרבייט. מען האָט געמוזט פערנאַנדערנעהמען די וואָגענס און איבערטראָגען זיי טיילענווייז מיט די געפּעקען; די שווערע האַרמאַטען האָט מען געמוזט אַריינלעגען אין אויסגעהעלטע בוימער און סאָלדאַטען האָבען זיי אַריבערגעשלעפּט איבער די הויכע בערג. די פערד האָט מען געמוזט פיהרען פאַר די צוימען.

ווען די סאָלדאַטען זיינען ענדליך אַריבער די בערג און זיינען שוין געווען אין דער עבענע פון פּיעמאָנט, איז נאַפּאָלעאָן ניט געגאַנגען באַלד העלפען די פראַנצויזען, וואָס זיינען געווען בעלאַגערט אין גענואַ, נאָר ער איז פריהער געגאַנגען איינגענעהמען מאַילאַנד, האָט אויפגעוועקט די ציסאַלפּינישע רעפּובליק פון איהר טויטען צושטאַנד און האָט ערָאָבערט פּיאַטשענצאַ. דאַן האָט דער לינקער פליגעל, וואָס איז געווען אָפּגעשניטען פון דער פריהערדיגער פראַנצויזישער אַרמעע, זיך איבערגעטראַנספּאָרטיט איבער דעם טייך וואַר און האָט איינגענומען ניצאַ. דערווייל האָט זיך גענואַ געמוזט אונטערגעבען (4טען יוני). מאַססענאַ האָט זיך מעהר ניט געקענט האַלטען אין דער פעסטונג. אָבער די עסטרייכער האָבען פון דיזען זיג געהאַט ווייניג נוצען. מאַססענאַ האָט זיך געקענט פעראייניגען מיט דעם לינקען פליגעל אונטער דעם גענעראַל סושעט, און האָט זיך גענומען צו די עסטרייכער. דער עסטרייכישער קאָמאַנדיר מעלאַס האָט זיך געפונען אַרומגערינגעלט פון די פראַנצויזען און האָט געליטען מאַנגעל אין לעבענסמיטלען און אַמוניציאָן. ער האָט זיך געמוזט ענטשליסען צו אַ שלאַכט. איהם צו הילף איז געקומען אַ קאָרפּוס מיליטער אונטער דעם גענעראַל

אום צו דערגרייכען דיזען פערברעכערישען צוועק שיט זי איבעראַל מיט גאָלד, גיט פערשיידענע פערשפּרעכונגען צו אַנדערע פעלקער און שמידט אַלערליי נידערטרעכטיגע פּלענער. איהר קענט צווינגען די וועלט צו גרינ-דען פרידען. צו דיזען צוועק ברויכט מען געלט, אייזען און סאָלדאַטען. די, וואָס זיינען רייך אין געלט-מיטלען, זאָלען שאַפען די נעטיגע סומעס צו דיזען הייליגען צוועק; די יונגע בירגער זאָלען זיך אָננעהמען מיט מוט צו שטרייטען ניט. אום צופרידען צו שטעלען דעם וואונש פון א טיראַן, וועלכער טרייבט זיי אויף'ן שלאַכט-פעלד, נאָר אום צו רעטען די עהרע פון פראַנקרייך, אום פעסטצושטעלען די טייערסטע אינטערעסען פון דער מענשהייט!"

דאָס וואָרט „פרייהייט" איז פון די פּראָקלאָמאַציאָנען פון דער נייער רעגירונג פערשוואונדען געוואָרען. דיזעס וואָרט, וועלכעס האָט צעהן יאָהר נאָכאַנאַנד בעגייסטערט די הערצער פון די בעסטע בירגער פון פראַנקרייך, וועלכעס האָט זיי פערשאַפט די גרעסטע נצחונות, — דיזעס וואָרט איז יעצט אויסגעשטראָכען געוואָרען. אָנשטאָט דעם וואָרט „פרייהייט" איז אַריין אין געברויך פון דער נייער רעגירונג דאָס וואָרט „עהרע". דאָס איז געוואָרען דאָס צויבער-וואָרט, וואָס האָט אַלעמען בע'כשוף'ט. צוליב דער עהרע האָבען פיעלע טויזענדער פון די יונגע קרעפטען פון פראַנצויזישען פאָלק געאָפּפערט זייערע לעבענס אין די פעלדצוגען פון דעם עהרגייציגען פיהרער, באָנאַפּאַרטע; די „עהרע" איז געוואָרען דער סיגנאַל פון דער נייער עפּאָכע. עס איז געווען אַ קלוגעס וואָרט, הינטער איהם זיינען גע-ווען פערבאָרגען די העכסטע גיטער פון דער נייער צייט: בעזיץ, רייכטום און שטעלונג אין דער געזעלשאַפט.

די פּאָרבערייטונגען צום נייעם קריג זיינען געמאַכט געוואָרען פון נאַ-פּאָלעאָן'ען מיט גרויס ענערגיע. פיעל האָט איהם דערין געהאָלפען דער גענעראַלער קריגס-מיניסטער קאַרנאָט. ער האָט בעשלאָסען צו קאָנצענט-רירען אַלע זיינע שטרייט-קרעפטען ביים רהיין און ביי די אַלפּען. דעם גענעראַל מאָראָ האָט ער איבערגעגעבען די קאָמאַנדע איבער די אַרמעע ביים רהיין און אַליין איז ער אַוועק מיט דער אַנדערער אַרמעע צו די אַלפּען, אין איטאַליען. דעם 6טען מאַי 1800 איז ער שוין געווען פערטיג צום פעלדצוג. אין איטאַליען איז דאַמאָלס געשטאַנען אַן עסטרייכישע אַרמעע פון 130,000 מאַן, וועלכע האָבען בעזעצט דאָס גאַנצע לאַנד. די אַרמעע פון דער רעפּובליק (פראַנקרייך) אונטער מאַססענאַ האָט געצעהלט 40,000 מאַן, וועלכע האָבען נאָר געקענט רעכנען אויף שטיצע פון גענואַ. אין אַפּ-

שטאַנד. די פראַנצויזען האָבען ערהאַלטען רעגענסבורג און דאָס גאַנצע פראַנקישע לאַנד ביז צו דעם טייך רעדניטץ.

נאָך די אַלע נצחונות פון די פראַנצויזען האָט די וועלט ערוואַרטעט, דאָס עס וועט שוין געווים געשלאָסען ווערען פרידען. אָבער די אונטער-האַנדלונגען וועגען פרידען האָבען ניט געפיהרט צו קיין רעזולטאַט. דער קריג האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגען מיט מעהר פייער. די פראַנצויזען האָ-בען פערשאַפט פרישע אַרמעען, וועלכע האָבען געקעמפט געגען די עסט-רייכער מיט גרויס מוט און בעגייסטערונג. הגם עסטרייך איז געווען פיעל שוואַכער פון פראַנקרייך, האָט דער ערץ-הערצאָג יאָהאַן געוואַגט צו מאַכען אַן אָנגריף אויף די פראַנצויזען און איז אַריבער דעם טייך אינן. אָנפאַנגס איז עס איהם געלונגען צו צוטרייבען דעם לינקען פליגעל פון מאָראָ'ס אַר-מעע, אָבער דעם 3טען דעצעמבער 1800 האָט מאָראָ כמעט אין גאַנצען פער-ניכטעט די עסטרייכישע אַרמעע אין דער מערדערישער שלאַכט ביי האָ-הענלינדען. 7,000 טויטע האָבען בעדעקט דאָס שנעאיגע שלאַכט-פעלד. 11,000 זיינען געוואָרען געפאַנגען. די איבריגע זיינען געלאָפען אין אַ שרעקליכער אונאָרדנונג צוריק נאָך עסטרייך, און דער פיינד האָט זיי נאָכגעיאָגט. מאָראָ איז שוין געווען נאָהענט פון וויען, נאָר 20 שטונדען ווייט. די האַבסבורגער (די עסטרייכישע קייזערליכע פאַמיליע) האָבען אויפגעגעבען יעדע האָפנונג צו געווינען דעם קריג און האָבען גע-בעטען וואַפען-שטילשטאַנד. דעם 25טען דעצעמבער איז דער וואַפען-שטיל-שטאַנד געשלאָסען געוואָרען. דער קייזער פראַנץ האָט פערשפּראָכען צו שליסען פרידען.

אויך אין איטאַליען האָבען די פראַנצויזען געהאַט גרויס ערפאָלג, ווי מיר האָבען עס שוין פריהער דערצעהלט. אַזוי איז דער פרידען געווען זי-כער אָפּגעשלאָסען צו ווערען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען אונטערהאַנד-לונגען, וועלכע האָבען זיך געענדיגט מיט דעם פרידען פון לונעוויללע (8טען יאַנואַר 1801). נאָך דעם פרידען מיט עסטרייך האָבען אויך אַנ-דערע פון די פערבינדעטע געשלאָסען פרידען איינער נאָך דעם אַנדערען. נעאַפּעל האָט געשלאָסען פרידען מיט פראַנקרייך און האָט אָפּגעטראָטען צו די פראַנצויזען די אינזעל עלבאַ און דאָס פירסטענטום פּיאָמבינאָ. ענד-ליך האָבען אויך פּאָרטוגאַל, רוסלאַנד און טערקיי געשלאָסען פרידען. דאָס גאַנצע פעסטלאַנד פון אייראָפּאַ האָט אַנידערגעלעגט די געוועהר. נאָר ענג-לאַנד האָט ניט געוואָלט שליסען קיין פרידען. ענגלאַנד האָט דערווייל אָפּ-גענומען צוריק מאַלטאַ און עגיפּטען. דאָס פראַנצויזישע מיליטער האָט

אָטט. דיזער האָט געהאַט אַ שרעקליכע מפּלה פון די פראַנצויזען ביי מאָנטעבעללאָ, און דעם 14טען יולי איז מעלאַס זעלבסט בעזיגט געוואָרען פון נאַפּאָלעאָן'ען ביי מאַרענגאָ. נאָך דעם, ווי די פיינד האָבען אָפּגעקעמפּט זעקס שטונדען, האָט ביי די פראַנצויזען אָנגעהויבען אויסגעהן קריגס־מאַטעריאַל און זיי זיינען שוין געווען בערייט צוריקצוטרעטען פון שלאַכטפעלד; זאָגאַר נאַפּאָלעאָן'ס גוואַרדיע האָט שוין אָנגעהויבען צוריקווייכען. נאַפּאָלעאָן איז געווען אין פערצווייפלונג.

צום גליק פון די פראַנצויזען איז אין דעם העכסטען אויגענבליק פון נויט פּלוצלינג אָנגעקומען דער גענעראַל דעזעי מיט צוויי פרישע דיוויזיאָנען, האָט בעזיגט דעם לינקען פליגעל פון פיינד און האָט געבראַכט די גאַנצע עסטרייכישע אַרמעע אין אַ פערווירונג. אַ פּאַניק האָט בעהערשט אַלע זייערע קריגער און זיי האָבען אָנגעהויבען צו צולויפען פון שלאַכטפעלד אין גרויסער אונאָרדנונג. פון גרויס שרעק זיינען זייערע קאַוואַלעריסטען (די רייטער) געלאָפען איבער זייערע אייגענע פוס־סאָלדאַטען, ווייל זיי האָבען זיך געאַיילט צו דערגרייכען די בריקען. מעלאַס, דער עסטרייכישער פעלד־הערר, איז געבליבען אָהן ברויט און אָהן מוניציאָן. אַרומגערינגעלט פון פיינד, איז ער געווען געצוואונגען צו בעטען וואַפען־שטילשטאַנד. ער האָט עס געקראָגען, אָבער ער האָט בעצאָהלט אַ טייערען פּרייז. ער האָט זיך געמוזט צוריקציהען פון דער גאַנצער געגענד און צוריק אַריבערגעהן דעם טייך מינטשיאָ און איבערלאָזען צו די פראַנצויזען גאַנץ איטאַליען ביז דיזען טייך און ביז דעם אונטערען טייך פּאָ. נאַפּאָלעאָן'ס שטערען האָט שטאַרק געלויכטען, מעהר ווי ווען עס איז פריהער. מיט עטליכע טעג שפּעטער איז ער אָנגעקומען צוריק אין פּאַריז, וואו דאָס פּאָלק האָט איהם בעגעגענט מיט אונגעוועהנליכער פרייד. דער אָנפאַנג פון זיין הערשאַפט איז פיר איהם געווען זעהר גליקליך. ער האָט פערבעסערט דעם צושטאַנד פון די פינאַנצען אין לאַנד. די ציס־אַלפּינישע רעפּובליק האָט איהם געמוזט צאָהלען מאָנאַטליך 2,000,000 פראַנק, און פּיעמאָנט 1½ מיליאָנען אַ מאָנאַט. דער גענעראַל מאָראָ האָט אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד אין פּאַריז 40 מיליאָנען פראַנקס.

אויך אין דייטשלאַנד האָט די עסטרייכישע אַרמעע געהאַט פיעלע ניעדערלאַגעס. דער עסטרייכער פעלד־מאַרשאַל קראַי האָט געמוזט צוריקטרעטען פון דער פערפאָלגונג פון דער פראַנצויזישער אַרמעע אונטער גענעראַל מאָראָ ביז באַיערן. קראַי איז געווען געצוואונגען צו בעטען וואַפען־שטיל-

און האָבען ניט געקענט זיין קיין פּאַרטיי, דערום האָבען זיי זיך גענומען דעם וועג פון פערשווערונג און גוואַלדטאַט.

א קאָרסיקאַנער מיט׳ן נאָמען אַרענאַ, אַ הייסער דעמאָקראַט, און אַן איטאַליענער טשעראַקי האָבען געמאַכט אַ פערשווערונג צו ערמאָרדען נאַ-פּאָלעאָן׳ען. אין דיזער געהיימנים האָבען זיי צוגעצויגען נאָך איינינגע און דאַרום איז די פערשווערונג ניט געבליבען קיין סוד. דער פּאָליציי־מיניס-טער פושע האָט זיך דערוואוסט פון דער פערשווערונג בעצייטענס און האָט געפּאַקט די פערשווערער צו דער אָפּגערעדטער שטונדע. מען האָט אָבער אין יענעם מאָמענט ניט געפונען ביי זיי קיין וואַפען, און דעריבער האָבען פּיעלע חושד געווען, דאָס די גאַנצע געשיכטע איז געווען אַן אויסגעטראַכטע זאַך פון פּאָליציי־מיניסטער אום צו צייגען נאַפּעלאָן׳ען, דאָס ער גיט אַכטונג אויף זיין לעבען און ווייס וואָס עס טוט זיך איבעראַל.

ווייט ערנסטער איז געווען דער אַטענטאַט (מאָרד־פּערזוך), וואָס די ראָיאַליסטען האָבען געמאַכט. דיזע זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס פון נאַפּאָלעאָן׳ען קענען זיי ניט ערוואַרטען, אַז ער זאָל צוריק אויפ-שטעלען די בורבאָנישע מאָנאַרכיע, ווי זיי האָבען פריהער גערעכענט, און דעריבער האָבען זיי בעשלאָסען דעם זעלבסט־הערשער צו ערמאָרדען. מען האָט אין דער סט. ניקעיזע גאַס אַוועקגעשטעלט אַ וואָגען, וועלכער איז געווען בעלאָדען מיט אַ פאַס פּולווער. אין אָבענד פון 23טען דעצעמבער 1800 איז נאַפּאָלעאָן געפאָהרען דורך דיזע גאַס צו דער אָפּערא. די פער-שווערער האָבען שוין געהאַט צוגעלעגט דעם קנויט צום פאַס פּולווער. זיי זיינען אָבער געקומען צו שפּעט אום דעם קנויט אָנצוצינדען. די קאַרעטע פון קאָנסול איז געפאָהרען שנעלער ווי געוועהנליך און ווי זיי האָבען ער-וואַרטעט, אַזוי דאָס ווען עס איז ענטשטאַנען די עקספּלאָזיאָן איז שוין נאַפּאָלעאָן געווען ווייט פון דעם אָרט פון אונגליק. די עקספּלאָזיאָן האָט איהם שטאַרק איבערגעשראָקען און ער האָט אויסגעשריען: „מיר געפינען זיך אין אַ געפאַהר, אונטער אונז זיינען געמאַכט מינעס". דאָך איז ער געזעסען אין דער אָפּערא רוהיג און געזעהען די גאַנצע פאָרשטעלונג ביז צו ענדע.

אין דעם אַטענטאַט האָט מען בעשולדיגט די דעמאָקראַטען. „זעהט די אַרבייט פון די יאַקאָבינער", האָט נאַפּאָלעאָן געזאָגט, „זיי זיינען עס די יעניגע, וואָס האָבען מיך געוואָלט ערמאָרדען. די הויפּט־מאַכער פון דער סעפּטעמבער־שחיטה, די יאַקאָבינער, וואָס זיינען בעדעקט מיט שמוץ, שטעהען אין אָפענעם קאַמף; זיי טראָגען אין זייערע הערצער אַן אייביגען

געמוזט פערלאָזען דאָס ניל־לאַנד, און עס האָט זאָגאָר געמוזט קומען צוריק אין זיין פאָטערלאַנד אויף ענגלישע שיפען, ווייל די פראַנצויזישע זיינען אַלע פערניכטעט געוואָרען. דאָס איז געווען דער סוף פון נאַפּאָלעאָן׳ס גרויסע זיגען אין עגיפּטען. אָבער ניט קוקענדיג אויף דיזען גרויסען ער-פאָלג פון די ענגלענדער איז זייער שטימונג געווען א פרידליכע. ענגלאַנד האָט אויך געוואָלט פרידען, און אויף׳ן פרידענס־קאָנפערענץ אין אמיענס (27טען מערץ 1802) האָט ענגלאַנד צוריקגעגעבען אַלע איהרע ערֹאָבערונגען אין עגיפּטען און האָט געלאָזען פיר זיך נאָר די אינזעל ציילאָן און טריני-דאַד. דיזער קריג האָט געקאָסט ענגלאַנד 351 מיליאָן פונט סטערלינג. דאָס אָרימע פאָלק האָט זעהר שטאַרק געליטען פון דיזע גרויסע קאָסטען פון דעם קריג. אָבער די רייכע קויפלייט האָבען דערפון געמאַכט גוטע גע-שעפטען און האָבען פערגרעסערט זייער רייכטום.

איינינע וואָכען פאַר דעם פרידען פון אמיענס איז געלעזט געוואָרען די שווערע דייטשע פראַגע וועגען שאַדען־ערזאַץ. די פראַגע איז געווען: ווער זאָל בעפרידיגען און ווי זאָל מען בעפרידיגען די יעניגע דייטשע פירס-טען, וועלכע האָבען פערלאָרען צוליב דער רעוואָלוציאָן זייערע לענדער? אייגענטליך האָט מען דאַמאָלס אין גאַנצען געוואָלט פטור ווערען פון די פיצינקע מדינה׳לאַך מיט זייערע מלכים׳לאַך. אין פראַנצויזישען הויף פון די טואילעריען האָבען זיך דאַמאָלס געפונען גאַנצע מחנות לענדער־בעטלער, וועלכע האָבען געהאַט פּרעטענזיעס אויף א שטיקעל לאַנד. דעם 25טען פעברואַר איז ענדליך געלונגען צו קומען צו א בעשלוס אין דיזער פער-פלאָנטערטער פראַגע. די יאָמערליכע איינצעלהייטען פון דיזער פראַגע האָבען ניט פיר דעם לעזער פון היינטיגער צייט קיין וויכטיגען אינטערעס, און מיר וועלען זיי דעריבער אויסלאָזען.

די בורזשואַזיע איז געווען העכסט צופרידען מיט דער נייער רעגירונג. און וואַרום ניט? דאָס אייגענטום איז געווען געזיכערט; אויף די אַלע פּרינציפּען פון פרייהייט, וואָס די רעוואָלוציאָן האָט גערופען אין לעבען, האָבען זיי געפייפט; אויף די אַלע אידעען פון הייליגע מענשען־רעכטען האָבען זיי געקוקט ווי אויף פוסטע חלומות. אָבער עס האָט זיך נאָך געפו-נען א גרויסער טייל בירגער, וועלכע האָבען געהאַסט די רעגירונג פון שווערד, וועלכע האָבען געביינקט נאָך דער צייט, ווען דאָס פאָלק איז געווען בע-גייסטערט מיט ערהאַבענע אידעען פון ברידערליכקייט, מענשען־רעכטען און וואַהרע פרייהייט. אָבער דיזע אַלע אונצופרידענע זיינען ניט געווען

האָס צו דער רעגירונג. מען מוז זיי צודריקען, פראַנקרייך מוז זיך אָפּ-רייניגען פון דיזען שמוץ. זיי פערדינען ניט קיין מיטלייד!" 138 טער-ראָריסטען זיינען אַרעסטירט געוואָרען אָהן אַ שום בעווייז, דאָס זיי האָבען גענומען וועלכען עס איז אָנטייל אין דיזען אטענטאַט, און זיינען פעראור-טיילט געוואָרען זאָגאַר נאָך דעם, ווי מען האָט זיך דערוואוסט, דאָס דיזעס איז געוועזען די אַרבייט פון די ראָיאַליסטען. עס איז אָבער געוועזען אַ גע-לעגענהייט פטור צו ווערען פון עטליכע טעררּאָריסטען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקע רעאַקציאָן. נאַפּאָלעאָן האָט גע-פונען פיר נעטיג איבער־אַ־נייס איינצופיהרען אין לאַנד דעם קאַטאָליציזם, הגם ער זעלבסט איז געוועזען אַ שרעקליכער געגנער פון דעם דאָזיגען גלויבען; ער האָט אָבער גערעכענט, דאָס אונטער דעם שוץ פון דיזער רעליגיאָן וועט ער זיין זיכערער מיט זיין הערשאַפט און מיט זיין לעבען. די קירכע האָט געדינט צו דער דעספּאָטיע אַלס אַ פּאָליציי. נאַפּאָלעאָן האָט געשלאָסען מיט דעם פּאַפּסט אַ קאָנקאָרדאַט (אָפּמאַך), וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט פאָלגענדע ווערטער:

„די רעגירונג פון פראַנקרייך אָנערקענט, דאָס די מעהרהייט פון די פראַנצויזען זייגען טריי צום קאַטאָליציזם... דער פּאַפּסט פון זיין זייט גלויבט, דאָס דער קאַטאָליציזם וועט ברייגגען אין לאַנד פון דעם פראַנצוי-זישען פאָלק דאָס העכסטע גליק און רוה, דאָס די קאָנסולען זעלבסט אָנער-קענען דיזען גלויבען, דעריבער שליסען זיי דעם פאָלגענדען קאָנקאָרדאַט:

1) די קאַטאָלישע רעליגיאָן זאָל זיין אין פראַנקרייך פריי פיר יעדען, וואָס וויל זי אָנערקענען, און זאָל זי אונגעשטערט אויסאיבען; זי זאָל [illegible]-ערקענט ווערען אַלס שטאַאַטס־רעליגיאָן; איהר געטליכער דינסט זאָל [illegible]-האַלטען ווערען עפענטליך אָהן וועלכער עס איז שטערונג. אָבער זי מוז זיין אונטערוואָרפען אונטער דער קאָנטראָל און אויפזיכט פון דער פּאָליציי פון לאַנד און פאָלגען איהרע פעראָרדנונגען און רעגלען, וועלכע די רעגירונג וועט געפינען פיר נעטיג אַרויסצוגעבען אום צו האַלטען רוה אין לאַנד.

2) דער פּאַפּסט זאָל אין איבעראַיינשטימונג מיט דער פראַנצויזישער רעגירונג אַיינפיהרען אַ נייע אָפּטיילונג פון די פערוואַלטונגס־קרייזען פון די קירכען און זאָל אַרונטערנעהמען די ווירדע פון די יעצטיגע בישאָפען, ווען די אינטערעסען פון דער רעגירונג וועלען עס פאָדערן.

3) אַלע לעדיג געוואָרענע בישאָף־שטעלעס זאָלען בעזעצט ווערען מיט אַזעלכע פערזאָנען, וועלכע די רעגירונג וועט נאָמינירען, און דער פּאַפּסט זאָל בעשטעטיגען נאָר אַזעלכע נאָמינירטע פּערזאָנען.

דער מאָרד=פערזוך אויף נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע.

געמיין און איבערהויפּט וועגען איהם, דעם הויפּט־קאָנסול. עס זיינען איינ-
געריכטעט געוואָרען אין גאַנצען לאַנד רעאַקציאָנס־טריבונאַלען, וועלכע זיי-
נען בעשטאַנען איבערהויפּט פון אָפיצערען, און וועלכע האָבען געהאַט צו
ריכטען אַלע פערברעכענס, וואָס זיינען בעגאַנגען געוואָרען געגען דער זי-
כערהייט פון שטאַאַט.

דאָס אַלעס האָט אַרויסגערופען אין פאָלק אַ שטאַרקע רעאַקציאָן. זאָ-
גאַר אין סענאַט, וועלכער איז געווען אויף דער זייט פון דער רעגירונג, און
אין טריבונאַט האָבען זיך געפונען אייניגע מענער, וועלכע האָבען געהאַט
דעם מוט אַרויסצוטרעטען אָפען געגען דיזע דריקענדע האַנדלונגען פון דער
רעגירונג.

אָבער די פּראָטעסטען פון אייניגע מוטיגע מענשען האָבען ניט געפיהרט
צו קיין רעזולטאַט. דער קאָנסול האָט גענומען גוואַלד־מיטלען געגען דיזער
רעאַקציאָן. אין דיזער צייט זיינען פאָרגעקומען בעראַטונגען וועגען אַ
נייעם בירגערליכען געזעצבוך. שוין באַלד נאָך דער רעוואָלוציאָן האָט מען
דערפיהלט דעם מאַנגעל פון אַזאַ געזעצבוך. יעצט האָט עס נאַפּאָלעאָן
אַריינגענומען אין זיינע הענט. ער האָט איבערגעגעבען די אַרבייט צו איי-
ניגע טיכטיגע יוריסטען, ווי: ט ר אָ נ ש ע ט, פּ אָ ר ט א ל י ס און איי-
ניגע אַנדערע, און ווען זייער ענטוואורף איז אָנגענומען געוואָרען אין
שטאַאַטס־ראַט האָט מען דיזען איבערגעגעבען צום געזעצגעבענדען קאָרפּוס.
די ליבעראַלע דעפּוטאַטען האָבען פּראָטעסטירט געגען די בעשרענקונגען פון
פרייהייט און געגען דער אונטערוואַרפונג פון פאַמיליען־אָרדנונג אונטער
די אינטערעסען פון דער דעספּאָטישער שטאַאַטס־מאַכט. דערמיט האָבען
דיזע דעפּוטאַטען שטאַרק בעליידיגט דעם שטאָלץ פון דעם קאָנסול, ווייל
זיין נאָמען איז געווען ענג פערבונדען מיט דיזער אַרבייט. עס האָט ניט
לאַנג גענומען און נאַפּאָלעאָן האָט זיך אָפּגערעכענט מיט די געגנער פון זיין
קאָרפּוס. דעם 5טען יאַנואַר 1802 זיינען געשטראָכען געוואָרען 20 טרי-
בונען און 60 געזעצגעבער לויט אַ געוויסען פּאַראַגראַף פון דער נייער קאָנ-
סטיטוציאָן. „דער קאָדעקס פון נאַפּאָלעאָן", ווי דיזעס געזעצבוך האָט גע-
הייסען, איז מיט 2 יאָהר שפּעטער אָנגענומען געוואָרען אָהן אַ שום ענדערונג.

עס האָט ניט לאַנג גענומען און נאַפּאָלעאָן האָט געוואַגט אָנצוגרייפען
דעם הויפּט־פּרינציפּ פון דער רעוואָלוציאָן — די גלייכהייט. דאָס, וואָס
טויזענדער האָבען ערוואָרבען מיט זייער בלוט, האָט עס נאַפּאָלעאָן דער
דעספּאָט פערניכטעט מיט איין מאָל. ער האָט געמאַכט דעם געזעצגעבענ-
דען קאָרפּוס אַ פאָרשלאַג צו שאַפען אין לאַנד אַ נייע אַריסטאָקראַטיע אונ-

4) די נייע בישאָפען זאָלען שווערען טרייהייט צו דער רעגירונג און זיי זאָלען פערפאַסען צווישען אנדערע געבעטען אויך תפלות פיר די קאָנסולען.

5) די אַלע שטעלעס אין די קירכען זאָלען איינגעטיילט ווערען אין א נייער אָרדנונג און עס זאָלען פיר דיזע ערנאַנט ווערען בישאָפען, אָבער נאָר אַזעלכע פערזאָנען, אויף וועלכע די רעגירונג וועט געבען איהר הסכמה.

6) די רעגירונג וועט מאכען די נעטיגע בעשטימונגען פיר די גייסטליכע פון דעם שטאַאט, און דער פּאַפּסט זאָגט זיך אָפּ פון יעדען רעכט אויף א פּראָטעסט געגען דעם פערקויף פון די קירכען-גיטער, וואָס די רעגירונג האָט אָפּגענומען זינט דער רעוואָלוציאָן".

דיזער קאָנקאָרדאַט, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געשלאָסען מיט'ן פּאַפּסט, איז געוועזן פיר איהם זעהר וויכטיג אין דער הינזיכט, דאָס פון יעצט אָן האָט דער שטאַאט בעקומען דאָס רעכט פון אויבער-אויפזיכט אין די גייסטליכע אנגעלעגענהייטען פון פאָלק. אין פּאָליטישען זין איז דער קאָנקאָרדאַט געוועזן זעהר וויכטיג אין דער הינזיכט, דאָס דער פּאַפּסט זעלבסט האָט אָנערקענט דאָס רעכט פון די בויערן אויף דעם גרונד, וואָס זיי האָבען ערוואָרבען פון די פערקויפטע קירכען-גיטער, אויף וועלכע די גייסטליכע האָבען ניט אויפגעהערט צו האָבען פּרעטענזיעס. דעם 15טען אויגוסט 1801 איז דיזער קאָנקאָרדאַט געשלאָסען געוואָרען אין פּאַריז, און אין דעם יאָהר נאָכדעם איז ער אָנגענומען געוואָרען פון דער געזעצגעבענדער קערפּערשאַפט אין פראַנקרייך. דאָס איז געוועזן דער רעליגיעזער טויטען-געזאַנג (אל מלא רחמים) פיר די רעוואָלוציאָן. די זעלבע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען אונטערגעשריבען דעם דעקרעט אָפּצושאַפען פון לאַנד גאָט און די קירכע, האָבען יעצט בייגעוואוינט די צערעמאָניע ביי דער צוריק-אָנערקענונג פון דעם פּאַפּסט און דעם קאַטאָליציזם.

אויך אין אנדערע בעציהונגען האָט נאַפּאָלעאָן געוואוסט ווי אויסצונוצען פיר זיך דעם אַטענטאַט אויף זיין לעבען. ער האָט בעשרענקט די פּרעס-פרייהייט, ווי אַלע דעספּאָטען האָבען עס אימער געטאָן, אום מען זאָל ניט קענען קריטיקירען זייערע שלעכטע האַנדלונגען; ער האָט פערגרעסערט די צאָהל פון דער לייב-גוואַרדיע און האָט פיעל פערמעהרט די צאָהל פון די פּאָליציסטען. א גרויסע מחנה פון שפּיאָנען האָט אריינגעטרעטען אין עפענטליכען דינסט פון דער רעגירונג, און דיזע האָבען בעדאַרפט אריינדרינגען אין אַלע קרייזען פון דער רעגירונג און פון פאָלק אום צו וויסען אַלעס, וואָס מען דענקט און וואָס מען טראַכט וועגען דער רעגירונג אין אַל-

מאַכט בעשרענקט, זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרען, אזוי דאָס זיין מאַכט איז געוואָרען אבסאָלוט. די גאַנצע מאַכט פון דער רעגירונג איז אָנפערטרויט געוואָרען דעם ערסטען קאָנסול, נאַפּאָלעאָן'ען. דער סענאַט האָט אפילו געהאַט דאָס רעכט צו ענדערן די קאָנסטיטוציאָן, ווי אויך אויפצולעזען דעם געזעצגעבענדען קאָרפּוס און די טריבונען, אָבער דער סענאַט זעלבסט איז געווען אין די הענט פון נאַפּאָלעאָן'ען, און ער האָט געמוזט טאָן, וואָס דער אונבעשרענקטער הערשער וועט איהם הייסען. דער סענאַט האָט אויך בע-קומען די מאַכט צו ענדערן די אורטיילען פון געריכט און אָפּצושאַפען דאָס געריכט פון די געשוואָרענע (דזשורי). אָבער דיזע מאַכט פון סענאַט איז אין אמת'ן געווען נאַפּאָלעאָן'ס, ווייל דער סענאַט איז געווען ניט מעהר ווי זיין ווערקצייג. נאַפּאָלעאָן האָט געשאַפען אַ פאָנד, פון וואַנען ער זאָל האָ-בען צו געבען צו איינינגע סענאַטאָרען פיר זייערע פערדינסטען צום שטאַאַט, ד. ה. צום קאָנסול, רייכע געשענקען, און דערמיט האָט ער נאָך מעהר צו-געבונדען דעם סענאַט צו זיך, אום ער זאָל איהם נאָכגעבען און ערפילען אַלע זיינע ווינשען. מיט דיזע ענדערונגען איז צו ענדע פון יאָהר 1802 די גאַנצע רעגירונגס־מאַכט איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דעם לעבענס-לענגליכען קאָנסול — נאַפּאָלעאָן באָנאַפּארטע.

עס האָבען זיך אָבער געפונען אין לאַנד דאָ און דאָרט שטימען, וואָס זיינען געווען שטאַרק געגען די מאָנאַרכישע איינפיהרונגען אין שטאַאַט. איבערהויפּט האָבען זיך געפונען אין דער אַרמעע זעהר פיעלע רעפּובליקאַ-נישע עלעמענטען. דער הויפּט פון דיזע רעפּובליקאַניש־געזאָנענע אָפיצערען און סאָלדאַטען איז געווען דער גענעראַל מאָראָ. ער איז געווען דער צענ-טער, ארום וועלכען עס האָבען זיך פערזאַמעלט אַלע די יעניגע, וואָס זיינען געווען אונצופרידען מיט דעם, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אָפּגעשאַפט אַלע דע-מאָקראַטישע איינריכטונגען. מיט דיזען אומשטאַנד האָבען די אויסגע-וואַנדערטע ראָיאַליסטען געזוכט זיך צו בענוצען. מען האָט ווידער אָנגע-הויבען צו פּלאַנעווען אַן אַטענטאַט אויף נאַפּאָלעאָן'ס לעבען. אָן דער שפּיץ פון דיזער אונטערנעהמונג איז געשטאַנען פּישעגרו און קאַ-דודאַל, וועלכע האָבען געהאַט אַ פערשפּרעכען פון דער ענגלישער רע-גירונג, דאָס זי וועט זיי שטיצען אין דיזער אונטערנעהמונג. דער פּלאַן איז געווען, אז מען זאָל מאַכען אַ ראָיאַליסטישען אויפשטאַנד. צו דיזען צוועק האָט דער הערצאָג פון ענגהיען, דער עניקעל פון פּרינץ קאָנדע, זיך בעדאַרפט בעזעצען אין עטטענהיים אין באַדען, נאָהענט פון דער פראַנצוי-

טער'ן נאָמען „עהרען־לעגיאָן". עס האָבען זיך אפילו געפונען איינינע, וואָס זיינען געווען געגען דיזען פאָרשלאַג, אָבער ער האָט זיין וואונש דורכגעפיהרט. לויט דיזען נייעם געזעץ האָט דער קאָנסול געהאַט דאָס רעכט אריינצונעהמען אין דיזען עהרען־לעגיאָן יעדען מאַן, וואָס האָט געהאַט ביר־גערליכע אָדער מיליטערישע פערדינסטען. אָבער דאָס איז ניט געווען בלויז א טיטעל. דער מאַן, וואָס האָט דיזען טיטעל בעקומען, האָט צוזאַמען מיט איהם אויך ערהאַלטען אַ היבשען געהאַלט. די 7 גרויסע אָפיצערען פון יעדער פון די 15 קאָהאָרטען האָבען בעקומען צו 5,000 פראַנק אַ יאָהר. די 20 קאָמאַנדירען האָבען בעקומען צו 20,000 פראַנק, די 30 אָפיצערען צו 1,000 פראַנק און די 350 לעגיאָנערען צו 250 אַ יאָהר. אָבער דער רעוואָלוציאָנערער גייסט איז נאָך געווען אין דער געזעלשאַפט גענוג שטאַרק, און דעריבער האָבען זיך געפונען פיעלע, וואָס האָבען פון גאַנצען עסק חוזק גע-מאַכט. אַ פראַנצויזישע געזעלשאַפט פון אָפיצערען אונטער'ן גענעראַל מאָראָ האָט איינמאָל געהאַט אַ מאָהלצייט ביי דעם גענעראַל און די שפּייז איז געווען זעהר גוט און געשמאַק. די אָפיצערען האָבען געגעבען דעם קו-כער אַן עהרע־לעפעל און האָבען איהם מיט גרויס צערעמאָניע ערנאַנט צום „ריטער פון לעפעל־לעגיאָן" אלס „אָנערקענונג פיר זיינע בירגערליכע פער-דינסטען". ווען נאַפּאָלעאָן האָט זיך דערוואוסט פון דיזען שפּאַס איז ער געוואָרען שרעקליך אויפגערעגט אויף'ן גענעראַל מאָראָ, וועלכען ער האָט עס קיינמאָל ניט געקענט פערצייהען.

דער עהרגייץ פון נאַפּאָלעאָן'ען האָט אימער געשטיגען העכער און העכער. ער האָט געוואָלט אָנהאַלטען די שטאַאַטס־מאַכט פיר אימער און ניט זיין אָפּהענגיג פון דעם צופאַל פון וואַהלען. ער האָט דורך זיינע אָנהענגער געמאַכט דעם סענאַט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל איהם ערוועהלען אלס קאָנסול פיר זיין גאַנצעס לעבען. דער סענאַט האָט געאָרדענט פאָרצונעהמען אַ פאָלקס־אָפּשטימונג וועגען דעם, ווי לאַנג עס זאָל זיין דער טערמין פון אַ קאָנסול־שטעלע. די מאַיאָריטעט פון פאָלק האָט אין יענער צייט גע-וואָלט האָבען אַ שטאַרקע רעגירונגס־געוואַלט און האָט דעריבער געשטימט פיר אַ לעבענסלענגליכען טערמין פון נאַפּאָלעאָן'ס קאָנסולאַט. נאָר 11,000 שטימען זיינען געווען דאַגעגען. דעם 2טען אויגוסט 1802 איז באָנאַפּאַרטע ערקלערט געוואָרען פון סענאַט אַלס קאָנסול אויף זיין גאַנצעס לעבען.

נאַפּאָלעאָן האָט זיך באַלד בענוצט מיט דער נייער מאַכט צו אַן אַנ-דער'ן צוועק. צוויי טעג נאָכדעם, דעם 4טען אויגוסט, האָט ער די קאָנסטי-טוציאָן אַזוי געענדערט, דאָס אַלע פּונקטען, וועלכע האָבען פריהער זיין

דיזע רעדע רעכענט זיך אַלס דער לעצטער זיפּץ פון דער גרויסער רעוואָ-
לוציאָן.

„איך בין ווייט פון דעם געדאַנק“, האָט קאַרנאָט געזאָגט אין זיין בע-
ריהמטער רעדע, „צו פערקלענערן די שבחים, וואָס מען גיט אונזער וויר-
דיגען ערסטען קאָנסול. אָבער עס איז דאָ אַ גרענעץ, ווי ווייט אַ נאַציאָן
דאַרף געהן אין אויסדריקען עהרע און דאַנקבאַרקייט פיר די דינסטען, וואָס

זשאָזעפינע.

אַ געוויסער בירגער האָט געלייסטעט צום פאָלק. ווען אַ בירגער האָט צו-
ריק פערשאַפט דעם פאָלק זיין פרייהייט, זאָל מען איהם דערפאַר אויפ-
אָפּפערן די ערוואָרבענע פרייהייט אַלס בעלוינונג? וואָלט דאָס ניט היי-
סען פערניכטען זיין אייגענעם ווערק, ווען מען וועט מאַכען דאָס פאָטער-
לאַנד פיר זיין ערבליכעס אייגענטום? פון דעם אויגענבליק אָן, וואָס מען

זישער גרענעץ, אום ער זאָל זיך גליך קענען שטעלען אָן דער שפּיץ פון אויפשטאַנד.

די פערשוואָרענע זיינען באַלד געקומען צו דער פראַנצויזישער גרענעץ און האָבען געאַרבייט אין פּאַריז אַזוי קלוג און פאָרזיכטיג, דאָס מען האָט ט לאַנגע צייט קיין אהנונג ניט געהאַט וועגען דעם, וואָס עס טוט זיך. זיי האָבען אויך אונטערהאַנדעלט וועגען דעם פּלאַן מיט גענעראַל מאָראָ, הגם ער האָט מיט די ראָיאַליסטען ניט געוואָלט האָבען קיין פערבינדונג. אָבער גראַדע ווען די פערשווערער האָבען געוואָלט דורכפיהרען זייער פּלאַן, צו ערמאָרדען נאַפּאָלעאָן'ען, זיינען זיי ענטדעקט געוואָרען. קאַדודאַל איז דערשאָסען געוואָרען, פּישעגרו האָט מען ערמאָרדעט אין געפענגניס און מאָראָ איז פערשיקט געוואָרען אין געפענגניס אויף 2 יאָהר, אָבער נאַפּאָ-לעאָן האָט דיזע שטראָף באַלד אומגעביטען אויף פערבאַנונג (אַרויסשיקען פון פאָטערלאַנד).

ווען באָנאַפּאַרטע האָט זיך דערוואוסט, דאָס דער גאַנצער בונט האָט געוואַקסען פון די ראָיאַליסטען, די אָנהענגער פון די בורבאָנען, האָט ער בעשלאָסען צו נעהמען ראַכע פון דער קעניגליכער פאַמיליע פון די בורבאָ-נען. די ערסטע כפּרה, האָט ער בעשלאָסען, זאָל זיין דער הערצאָג פון ענגהיען. הגם דער הערצאָג האָט געוואוינט אין באַדען, וואָס האָט ניט גע-הערט צו פראַנקרייך, דאָך האָט נאַפּאָלעאָן געשיקט אַהין אַ טרופּע פון פראַנ-צויזישע סאָלדאַטען, און געגען פעלקער-רעכט און מענשען-רעכט האָט מען דעם הערצאָג געפאַנגען און געבראַכט נאָך שטראַססבורג, און פון דאָרט האָט מען איהם געשלעפּט נאָך ווינסעננעס, און דאָ האָט מען איהם לויט דעם אור-טייל פון אַ קריגס-געריכט דערשאָסען (20טען מערץ 1804).

דער רעזולטאַט פון דיזער פערשווערונג איז געווען, דאָס דער סענאַט האָט מיט איינינגע טעג שפּעטער בעשלאָסען, דאָס נאַפּאָלעאָן'ס מאַכט זאָל איבערגעגעבען ווערען בירושה צו זיינע נאָכפאָלגער. „דער סענאַט גלויבט", האָבען די סענאַטאָרען געשריבען, „דאָס פיר דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז עס פון העכסטער וויכטיגקייט אָנצוטרויען די רעגירונג פון דער רעפּובליק נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע אַלס ערבליכען קייזער". די סענאַטאָרען האָבען געזוכט איבערצושטייגען איינער דעם אַנדערען אין שמייכלערייען צו נאַ-פּאָלעאָן'ען. דער גאַנצער סענאַט איז געווען איינפערשטאַנען מיט דיזען פּראָיעקט. נאָר איין איינציגע שטימע איז אַרויס געגען דעם נייעם צאַזאַ-ריזם. דאָס איז געווען די שטימע פון דעם אונערשראָקענעם רעפּובליקאַנער קאַרנאָט, וועלכער האָט דאַמאָלס געהאַלטען אין סענאַט אַ בעריהמטע רעדע.

דער יורש פון דער רעוואָלוציאָן אין פולסטען זין פון וואָרט. די פרוכט פון דער רעוואָלוציאָן זיינען פיר דעם קאָנסולאַט און דעם קייזעררייך געווען זעהר גוט. דער טעררהאָר און די גילליאָטינע האָבען ניט געלאָזען געניסען די אויסגעקעמפטע רעכטען. דער טעררהאָר האָט איבערגעוואויגען דעם פאָרטשריט. גאַנץ אַנדערס איז עס אָבער געווען אונטער דעם קאָנסו-לאַט אין דעם קייזעררייך. אַזוי באַלד ווי דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט זיך ווידער בערוהיגט, האָבען די גרויסע טאַטען פון דער רעוואָלוציאָן גע-קראָגען אַ ווערט. יעצט ערסט האָט מען געפיהלט, פון וואָס פיר אַ שרעק-ליכען בייזען חלום די געזעלשאַפט איז בעפרייט געוואָרען דורך דעם 4טען אויגוסט, דעם 14טען יולי און די אַנדערע דענקווירדיגע טעג. די נייע הערשאַפט האָט זיך יעצט געקענט בעשענען מיט אַ נייעם קראַנץ פון רוהם, וועלכען זי האָט ניט פערדינט. אויף איהר איז געפאַלען דער זעגען, וועלכען די רעוואָלוציאָן האָט געבראַכט דעם פראַנצויזישען פאָלק.

אין דער טאַט האָט נאַפּאָלעאָן געטאָן פיר פראַנקרייך אַזוי פיעל גוטעס, דאָס ער האָט פערדינט דעם דאַנק פון פאָלק. ווען נאַפּאָלעאָן האָט גענומען די מאַכט אין זיין האַנט האָט אין לאַנד געהערשט אַ פאָלשטענדיגע אַנאַר-כיע. דאָס פאָלק איז געווען מיד פון דער געגענוואַרט און האָט מיט שרע-קען געבליקט אין די צוקונפט. דאָס פאָלק האָט געשטרעבט צו אַ רוהיגען רעגעלמעסיגען לעבען. אַ שריפטשטעלער פון יענער צייט, וועלכער איז ניט געווען קיין שמייכלער, ט ה י ב אָ ד אָ , שרייבט איבער דיזע מערק-ווירדיגע עפּאָכע: „אין איין יאָהר האָט נאַפּאָלעאָן דורכגעפיהרט זעהר וויכ-טיגע ענדערונגען. פאַר דעם 18טען ברומעיר האָט אַלעס געטראָגען אויף זיך דעם שטעמפעל פון אונטערגאַנג, צופאַלונג און אויפלעזונג, יעצט איז אַלעס געוואָרען קרעפטיג, שטאַרק און דויערהאַפט. אין אַלע צווייגען פון דער רע-גירונג איז בולט געוואָרען אַן עדעלע שטרעבונג צו אַלעס וואָס איז גוט, שען און גרויס. מען האָט איבעראַל בעמערקט אַן ענטהוזיאַזם צו גרינדען די נייע הערשאַפט, ווי מען האָט פריהער, אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציאָן, געזוכט אַלעס, וואָס האָט עקסיסטירט, צו צושטערען. מען איז ניט געגאַנ-גען צום ציל מיט טומעל און אונאָרדנונג. אַ זיכערע האַנט האָט געפיהרט די בעוועגונג, האָט געצייכענט דעם וועג און האָט אַלעס געפיהרט אויף דיזען וועג צום ריכטיגען ציל".

וואָס אָנבעטרעפט די פינאַנצען, איז דער קרעדיט פעסטגעשטעלט גע-וואָרען, די שטייערן זיינען געוואָרען רעגעלמעסיג און ניט דריקענד, און דער גאַנצער מעכאַניזם פון פינאַנץ איז געווען אין העכסטער אָרדנונג. דער

האָט פאָרגעשלאָגען דעם פראַנצויזישען פאָלק אָפּצושטימען וועגען מאַכען דעם קאָנסולאַט לעבענסלענגליך, האָט יעדער מאַן געקענט לייכט פערשטעהן, דאָס מען מיינט דערמיט עפּעס וויכטיגעס. מען האָט באַלד אָנגעהויבען צו זעהן, ווי עס ווערען אויפגעשטעלט איינע נאָך די אַנדערע פיעלע מאָנאַרכיסטישע אינסטיטוציאָנען. יעצט זעהט מען שוין קלאָר, וואָס דאָס אַלעס האָט געמיינט. מיר האָבען זיך פערזאַמעלט אום צו זאָגען אונזער מיינונג און צו בעשליסען, אויב מען זאָל אין פראַנקרייך אויפשטעלען צוריק אַ מאָנאַרכיע, און אויב מען זאָל די קייזערליכע ווירדע איבערגעבען ערבליך צום ערסטען קאָנסול. האָט מען דעם מענשען בלויז געצייגט די פרייהייט, אָבער ער זאָל זי קיינמאָל ניט געניסען? ניין! איך קען עס ניט צוגעבען, דיזעס העכסטע גליק פון דער מענשהייט, די פרייהייט, צו בעטראַכטען בלויז אַלס אַ טויישונג!

מיין האַרץ זאָגט מיר, דאָס די פרייהייט איז מעגליך, דאָס איהר רעגירונג איז לייכטער און דויערהאַפטער איידער וועלכע עס איז אַנדערע הערשאַפט. איך האָב געשטימט פיר דעם לעבענסלענגליכען קאָנסולאַט, אָבער איך שטים געגען דער וויעדערהערשטעלונג פון דער מאָנאַרכיע!"

די רעדע האָט אפילו געמאַכט אויף די צוהערער אַ טיפען איינדרוק, אָבער דער שטראָם פון אונטערטעניגקייט און קריכעריי האָט דורכגעבראָכען אַלע גרענצען. קאַרנאָט האָט זיך ענטזאַגט פון זיין מיניסטער־שטעלע און האָט בעשלאָסען צו לעבען בעסער אין אָרימקייט איידער צו שטעהן הויך אין פּאָליטישען לעבען און ערנידריגען זיך צו קריכען אויף אַלע פיער אום צו געפעלען אַ דעספּאָט. דעם 18טען מאַי 1804 האָט דער סענאַט בעשלאָסען צו אָנערקענען נאַפּאָלעאָן'ען אַלס קייזער, און דעם 2טען דעצעמבער האָט דער פּאַפּסט פּיאוס דער 7טער זעלבסט געמאַכט די צערעמאָניע פון קרוינונג אין דער פּאַריזער נאָטר־דאַם קירכע מיט גרויס גלאַנץ, אַזוי ווי ביי די קרוינונגען פון קעניגען אין פראַנקרייך פאַר דער רעוואָלוציאָן. יעצט האָט זיך דאָס פאָלק געוואָרפען מיט ענטהוזיאַזם אין די אָרמס פון קייזערטום, ווי מיט איינעגע יאָהר צוריק אין די אָרמס פון דער רעוואָלוציאָן. מען האָט יעצט גאָרניט געוואָלט הערען פון פרייהייט פיר פעלקער, פון הערשאַפט פון פערשטאַנד; מען האָט נאָר גערעדט פון איין מאַן, פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע.

דיזע געוואַלדיגע ענדערונג אין די גייסטער פון דעם זעלביגען דור איז אונפערשטענדליך, ווען מען זאָל זי ניט ערקלערען דורך טיפער־ליגענדע אורזאַכען. פריהער פאַר אַלץ דאַרף מען וויסען, דאָס נאַפּאָלעאָן איז געווען

קאָנקאָרדאַט מיט'ן פּאַפּסט האָט בערוהיגט דעם רעליגיעזען געוויסען פון א גרויסען טייל פון פאָלק. די אָפּשאַפונג פון די געזעצען וועגען אויסגעוואנדערטע האָט אויך געטאָן דעם פאָלק פיעל גוטעס. דאָס געזעץ, לויט וועלכען א ריכטער זאָל ניט אָרונטערגעזעצט ווערען, האָט פערשטאַרקט די אויטאָריטעט פון געזעץ. דער „קאָדעקס נאַפּאָלעאָן" האָט פעסטגעזעצט די געזעצען פו בירגערליכען לעבען. דיזעס אַלעס האָט גאַראַנטירט די זיכערהייט פון דער מיטעלער קלאַס בירגער. מען איז געווען צופרידען, דאָסביי דיזער אויפשטעלונג פון א פעסטער געוואַלט האָט די פּאָליטישע פרייהייט מעהר ניט געקענט עקסיסטירען.

דער וואונש צו פערשאַפען דעם לאַנד רוה האָט איבערשטיגען אַלע אַנדערע ווינשען. 10 יאָהר נאָכאַנאַנד האָבען געהערשט אין לאַנד אונרוהען וועגען לעבענסמיטלען. דער קאָנסולאַט האָט געפונען פיר ניצליך איינצופיהרען די אַלטע אָרדנונגען וועגען רעגולירען און קאָנטראָלירען דעם פערקויף פון לעבענסמיטלען. אין אַלגעמיין האָט זיך דער קאָנסול, נאַפּאָלעאָן, געהאַלטען אָן די פּרינציפּען פון פרייהייט און גלייכהייט, וועלכע זיינען געוואָרען די הויפּט־בעדינגונגען פון דער עקסיסטענץ אין דער נייער צייט. די פרייהייט פון אַרבייט איז שוין געוואָרען אָן ערוואָרבענע זאַך.

די בורזשואַזיע האָט נאַפּאָלעאָן אין גאַנצען געוואונען אויף זיין זייט מיט די געזעצען, וואָס ער האָט געשאַפען פיר די אינדוסטריע. מיט פולען רעכט קען מען זאָגען, דאָס זיינע שאַפונגען אויף דיזען געביט האָבען בעצייכענט א גרויסען פאָרטשריט אין דער געשיכטע פון אינדוסטריע. ער האָט געגרינדעט אויסקונפט־קאַמערן, וואו מען האָט געקענט אויסגעפינען אַלעס נעטיגעס וועגען קונסט און וועגען מאַנופאַקטורען, ער האָט איינגעפיהרט האַנט־ביכער און ביוראָס פון ספּעציעלע פאַכמענער וועגען יעדען סאָרט פאַבריקאַציאָן, און האָט פערפאַסט א האַנדעלס־געזעצבוך. דורך דיזע אַלע מיטלען האָט זיך די אינדוסטריע אָנגעהויבען צו היילען פון די שרעקליכע וואונדען, וואָס די רעוואָלוציאָן האָט איהר אָנגעמאַכט. אָבער אויך נאָך אַלע בעמיהונגען פון קאָנסולאַט צו בעלעבען די אינדוסטריע איז די זאַך צוגעגאַנגען זעהר לאַנגזאַם. אזוי, צום ביישפּיל, די טוך־פאַבריקען אין אַנדעליז האָבען אין דער צייט פון קאָנסולאַט אַרויסגעגעבען א יאָהר נאָר 700 שטיקער, אָנשטאַט וואָס פאַר דער רעוואָלוציאָן, אין דער צייט פון לודוויג דעם 16טען, האָבען זיי אַרויסגעגעבען 1,766 שטיקער; אין בערנעי האָבען די פאַבריקאַנטען אויסגעאַרבייט פאַר דער רעוואָלוציאָן



די קרוינונג פון נאפאלעאן פיר א קייזער.

וואוינער האבען זיך בענוצט מיט געזונדער, געשמאקער און רייכליכער נא־רונג, האבען געוואוינט אין ריינע, בעקוועמע הייזער און זיינען געווען גע־קליידט איינפאך אבער ריין און ציכטיג. דער עלענד פון די דערפער איז אין גאנצען פערשוואונדען".

די בויערן זיינען געווארען די הויפט־שטיצע פון באנאפארטע'ס רעגי־רונג. זייער הייסעסטער וואונש איז געווען, דאס די נאציאנאל־גיטער, וואס מען האט אפגענומען פון די קירכען און מען האט זיי פערקויפט, זאלען בליי־בען זייער אייגענטום אויף אימער. די צייט פון טעררא, ווען עס האבען בעהערשט פראנקרייך די בעזיצלאזע פראלעטאריער, האט ניט געגעבען די בויערן קיין רוה. זיי האבען מורא געהאט, דאס מען וועט זייערע ניי־ער־ווארבענע גיטער פון זיי צונעהמען. זיי האבען געהאסט דאס פאפיר־געלט, און דעריבער פלעגען זיי ניט וועלען פיהרען זייערע פראדוקטען צו פערקוי־פען אין שטאדט, וואו זיי זיינען געווען געצוואונגען צו נעהמען פיר זיי אסיגנאציעס. זיי זיינען דעריבער געווען אונצופרידען מיט דעם דירעק־טאריום, וועלכעס האט געשאפען פיעל פאפיר־געלט, אבער זיי האבען אויך געהאסט די ראיאליסטען, ווייל זיי האבען מורא געהאט, דאס דיזע וועלען פון זיי צוריק אפנעהמען די קאנפיסקירטע גיטער, וועלכע זיינען פערקויפט געווארען צו די בויערן, און אפגעבען זיי צוריק צו די אלטע אייגענטימער.

נאפאלעאן'ס הערשאפט האט זיי פון דיזער מורא בעפרייט. דורך די נייע רעגירונג האבען זיי ענדליך דערגרייכט וואס זיי האבען הייס גע־וואונשען: א רעגירונג, וועלכע איז געווען אין שטאנד פעסטצוהאלטען מיט אן אייזערנער האנט דעם עקסיסטירענדען צושטאנד. דער מיליטערישער זשעניע פון נאפאלעאן האט זיי געזיכערט, דאס קיין אויסלענדישע מאכט וועט ניט זיין אין שטאנד צו צושטערען וואס ער האט אויפגעבויט, און דאס זיין דעספאטישע מאכט וועט דערשטיקען אלע אינערע אונרוהען. די בויערן האבען זיך גארניט אינטערעסירט מיט פאליטישע רעכטען. זיי זיינען גע־ווען צוגעקלעפט צו זייער גרונד, מעהר האבען זיי ניט געוואלט, מעהר האבען זיי ניט בעדארפט. זיי זיינען געווען צופרידען, ווען זייער באדען, וואס זיי האבען ניט לאנג ערווארבען, איז געווען פיר זיי פערזיכערט; און דעריבער האבען זיי מיט גרויס פערגניגען געשיקט הונדערטער טויזענדער פון זייערע זיהן אין נאפאלעאן'ס ארמעע. יעדער פעלדצוג, יעדע שלאכט, האבען זיי געטראכט, איז דאך געווען אין זייער אינטערעסע.

אויך דורך די פיעלע עפענטליכע ארבייטען, וואס ער האט אונטערגע־נומען, האט ער צוגעצויגען די בעזיצענדע קלאס אויף זיין זייט. איבער

12,000 שטיקער אַ יאָהר, און אין דער צייט פון קאָנסולאַט נאָר 3,600 שטיקער.

אָבער ביסלאַכווייז האָט זיך די אינדוסטריע פערבעסערט. ליאָן, וועלכע האָט אין יאָהר 1800 בעשעפטיגט נאָר 5,800 וועבער, האָט אין יאָהר 1812 בעשעפטיגט 12,700 וועבער. אין דער זעלבער צייט האָבען געאַרבייט אין די פאַבריקען פון טורס, נימעס, אַוויניאָן 20,000 זיידען-וועבער. רעימס האָט אין יאָהר 1810 אויסגעאַרבייט אַזוי פיעל ווי אין יאָהר 1789, און אויסער דעם האָט זי נאָך ארויסגעגעבען 400,000 איילען פאַנטאַזיע-שטאָפען און 32,800 שאַלען אין ווערט פון 3½ מיליאָנען. די שטעדט על-באָף און רעימס האָבען בעשעפטיגט 2 מאָל אַזוי פיעל אַרבייטער ווי פאַר דער רעוואָלוציאָן. דאַרנעטאַל, וואָס האָט אין יאָהר 1789 אַרויסגעגעבען נאָר איין סאָרט שטאָף, האָט אין יאָהר 1810 אַרויסגעגעבען 20 אַרטען. מיר האָבען געקענט בריינגען נאָך פיעלעביישפּילען. קורץ, אונטער נאַפּאָלעאָן האָט זיך די פראַנצויזישע אינדוסטריע אימער מעהר געהויבען און זי איז געשטאַנען זעהר הויך און גלענצענד די גאַנצע צייט, וואָס דער שטערן פון דיזען מערקווירדיגען מאַן האָט געלויכטען.

איבערהויפּט אָבער האָט נאַפּאָלעאָן פערשאַפט גאָלדענע צייטען פיר די בויערן. צוליב דעם קאָנקאָרדאַט, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געשלאָסען מיט'ן פּאַפּסט, האָבען די בויערן אָנגעהויבען רוהיג צו געניסען די פרוכט פון דער רעוואָלוציאָן, לויט וועלכער די קירכען-גיטער האָבען בעדאַרפט איבערגעהן צום פאָלק. די צאָהל פון גרונד-אייגענטימער צווישען די בויערן האָט זיך פערמעהרט. די קליינע גיטער זיינען בעאַרבייט געוואָרען פיעל בעסער אַלס אין דער פעאָדאַל-צייט. אויך דער אַקערבוי איז אין פיעלע ערטער פערבעסערט געוואָרען און האָט אָנגענומען די מעטאָדען פון בעאַרבייטען די ערד, וועלכע זיינען דאַמאָלס געברויכט געוואָרען אין פלאַנדערן און אין ענגלאַנד. עס האָט זיך אויך ענטוויקעלט אַ גאַנצע רייהע פון נייע אַגריקולטור-צווייגען. גאַנצע פעלדער זיינען בעפלאַנצט געוואָרען מיט וויינשטאָקען. קאַרטאָפּעל האָט מען דאַמאָלס פערזעעט אויף 500,000 העקטאַר לאַנד. „ווען מען זאָל פערגלייכען דעם אַקערבוי אין דער צייט פון קאָנסולאַט מיט דעם זעלבען אין 1789", זאָגט שאַפּטאַל, „מוז מען זיך פערוואונדערן איבער די פיעלע פערבעסערונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אויף דיזען געביט. אַלערליי פרוכטען און געטריידע האָבען בעדעקט דאָס לאַנד. זעהר פיעלע שטאַרקע טיערען (אָקסען און פערד) האָבען בעאַרבייט דעם באָדען און האָבען איהם געמיסטיגט. די לאַנד-בע-

האָט איהם אָנגעהויבען בעטיטלען מיט דעם נאָמען „דער הייליגער”, ווייל ער האָט צוריק אויפגעשטעלט די רעליגיאָן. זיין הויף איז געוואָרען דער גלענצענדסטער אין גאַנץ אייראָפּאַ.

ג. דאָס קייזעררייך.

ווען נאַפּאָלעאָן האָט בעשטיגען דעם קייזער־טראָן איז שוין דער קריג מיט ענגלאַנד פון דאָס נייע געווען אויסגעבראָכען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען צו בילדען א דריטע קאָאַליציאָן (פערבאַנד פון מעכטען). ביידע לענדער האָבען געהאַט גענוג אורזאַכען צו ערקלערען קריג איינס דעם אַנדערען, ווייל די פרידענס־פּונקטען פון לונעווילע און אַמיענס זיינען פון ביידע זייטען געבראָכען געוואָרען. איבערהויפּט האָט פראַנקרייך געטאָן אין דער גאַנצער צייט פיעלע זאַכען, וואָס האָבען איבערגעטרעטען די רעכטען פון אַנדערע מעכטען. אָבער דער הויפּט־גרונד צו קריג איז געווען וואָס דער פראַנצויזישער האַנדעל האָט זיך שטאַרק פערברייטערט און האָט אָנגעהויבען צו ווערען א געפעהרליכער קאָנקורענט פיר ענגלאַנד. אין יאָהר 1800 זיינען די ענגלענדער געווען די אונבעשרענקטע זעע־מאַכט אין דער וועלט און האָבען געטאָן אַלעס אום אַרויסצוטרייבען די פראַנצויזען פון דעם האַנדעל מיט די אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס און מיט קליין־אַזיען. אָבער מיט דער פערגרעסערונג פון דער פראַנצויזישער אינדוסטריע האָבען די פראַנצויזען געמוזט זוכען צו פערברייטערן דעם האַנדעל, אום זיי זאָלען האָבען פּלאַץ, וואו אָפּצוזעצען זייערע פּראָדוקטען, און זיי זיינען געקומען אין אָפטע קאָנקורענץ מיט די ענגלענדער.

באַלד נאָך דעם, ווי דער פרידען פון אַמיענס איז געשלאָסען געוואָרען, האָט נאַפּאָלעאָן דערזעהען, דאָס זיין ערסטע אויפגאַבע מוז יעצט זיין צוזאַמענצוקניפּען וויעדער די צוריסענע האַנדעלס־בעציהונגען. אָבער ווי זאָל ער עס טאָן? די ענגלענדער האָבען אויף׳ן צווייטען טאָג נאָך דעם, ווי דער פרידען אין אַמיענס איז געשלאָסען געוואָרען, געשיקט שיפען מיט סחורות צו די פראַנצויזישע ברעגען צו מאַכען דאָרט געשעפט. די פראַנצויזישע צאָל־בעאַמטע האָבען זיי אָבער ניט צוגעלאָזען. די ענגלישע קויפלייט האָבען זיך בעקלאָגט, דאָס זייערע האָפנונגען זיינען געוואָרען צו גאָרנישט. די פראַנצויזישע גרויסע פאַבריקאַנטען האָבען פערלאַנגט פון נאַפּאָלעאָן׳ען געוויסע מאַסרעגלען, וואָס זאָלען זיי זיכערן געגען פרעמדע קאָנקורענץ. נאַפּאָלעאָן האָט באַלד געאָרדענט אויסצואַרבייטען א נייעם צאָל־

13,400 מיילען פון פערשיידענע שאָסעען זיינען געמאַכט און אויסגעבע-סערט געוואָרען. 18 טייכען זיינען געמאַכט געוואָרען שיפבאַר, ניט אויף וועניגער ווי 13,000 מיילען זיינען געוואָרען געבויט און אויסגעבעסערט וועגען, אויף דורך בערג האָט מען דורכגעפיהרט וועגען; ער האָט געבויט בריקען, אויסגעגראָבען קאַנאַלען און פערשענערט פּאַריז. און דאָס אַלעס איז נאָך געווען אַ פאָרשפּיל צו דעם, וואָס ער האָט געפּלאַנט: צו פערשאַפען זיין רעגירונג אונגעוועהנליכען רוהם. ער האָט אַמאָל געשריבען צום מיניסטער פון אינערן פאָלגענדעס: „דער רוהם פון מיין הערשאַפט בעשטעהט דערין, דאָס איך זאָל דאָס אויסזעהן פון מיין רייך אַזוי פערפיינערן, דאָס עס זאָל זיין דאָס שענסטע אין דער וועלט. די אויספיהרונג פון דיזע אַלע געביי-דעס איז נויטווענדיג און וויכטיג פיר די אינטערעסען פון מיין פאָלק, ווי אויך פיר מיך זעלבסט". יעדע שטערונג דורכצופיהרען זיינע אונטערנעה-מונגען האָט איהם שטארק געערגערט. זיין טעטיגקייט איז געווען וואונ-דערבאַר, זיין איבערבליק איבער אַ זאַך איז אימער געווען ריכטיג. בלויז אין זיינע פּאָרבערייטונגען צום שטרייט מיט ענגלאַנד פלעגט ער זיך אַמאָל פעררעכנען, און דאָס פלעגט איהם מאַכען זעהר בעטריבט און אונמוטיג.

צוזאַמען מיט נאַפּאָלעאָן'ען איז אויך אַריינגעטרעטען אין הערשאַפט די פראַנצויזישע בורזשואַזיע. דורך דעם, וואָס ער האָט בעגרינדעט זיין שווערד-הערשאַפט, וועלכע איז געווען שטארק געגען אויסלענדישע שונאים ווי אויך געגען אינווענינגסטע פיינד, האָבען די בירגער און די בויערן גע-האַט די מעגליכקייט אויסצונוצען דאָס, וואָס זיי האָבען געוואונען דורך די רעוואָלוציאָן, און בעפרייען זיך פון אַלע קייטען, אין וועלכע זיי זיינען געווען געשמידט פון דעם פעאָדאַל-סיסטעם. ערסט יעצט האָט זיך אַרויס-געצייגט, ווי גרויס עס איז געווען דער צוואַנג, אין וועלכען דער אַלטער שטאַאַטס-מעכאַניזם האָט געהאַלטען די פראַנצויזישע פּראָדוקציאָן, און האָט ניט דערלאָזען, אַז זי זאָל זיך פריי ענטוויקלען. יעצט, ווען מען האָט דעם צוואַנג פון זיך אַראָפּגעוואָרפען און מען האָט איינגעאָרדענט אַ צוועק-מעסיגע אַדמיניסטראַציאָן, האָבען זיך מיט איין מאָל ענטוויקעלט אַלע גייסטיגע און מאַטעריעלע קרעפטען, און די פּראָדוקציאָן פון דער אינ-דוסטריע האָט געמאַכט אַזאַ אונגעהייערען פאָרטשריט, וועלכען עס זיז זעלטען צו בעגעגנען אין דער געשיכטע. דאָס איז געווען דער הויפּט-גרונד, וואָרום די בורזשואַזיע האָט זיך ניט געיאָגט נאָך פּאָליטישע רעכ-טען. די בורזשואַזיע האָט געהאַלטען אין איין שמייכלען נאַפּאָלעאָן'ען. עס איז פיר זיי געווען וועניג צו רופען נאַפּאָלעאָן'ען „דער גרויסער", מען

מיט דער לאָמבאַרדישער אייזערנער קרוין. דיזע האַנדלונגען זיינע האָבען פעראורזאַכט, דאָס ענגלאַנד האָט לייכט בעקומען פון די אייראָפּעאישע מעכטען פערבינדעטע, וועלכע האָבען געבילדעט אַ נייע קאָאַליציאָן. פריהער איז רוסלאַנד אונטער אַלכסנדר דעם 1טען צוגעשטאַנען צו ענגלאַנד צו צווינגען פראַנקרייך צו בעגניגען זיך מיט איהרע פריהערדיגע גרענצען, און זי זאָל צוריק אָפּגעבען וואָס זי האָט ערוואָרבען אונגעזעצליך נאָך דעם פרידען פון אַמיענס. אין אַפּריל 1805 זיינען אויך עסטרייך, שוועדען און נעאַפּעל צוגעשטאַנען צום בונד. נאָר פרייסען איז געבליבען נייטראַל, הגם די מעכטען פון בונד האָבען שטאַרק געבעטען פרייסען, אַז זי זאָל זיך פערבינדען מיט זיי, ווייל דורך דיזע פּאָליטיק קען עסטרייך און די גאַנצע קאָאַליציאָן פערדאָרבען ווערען.

נאַפּאָלעאָן האָט זיך מיט גרויס פּאָרזיכטיגקייט און אייפער פּאָרבערייטעט צום נייעם קריג. אין אָנפאַנג פון יאָהר 1805 האָט ער ארויסגעשיקט אַ פלאָטע פון 2,000 קליינע שיפען, מיט 16,000 מאַטראָסען, מיט אַן אַרמעע פון 160,000 מאַן פוס־פּאָלק, 9,000 רייטער און זעהר פיעל אַרטילעריע. אָבער ווי באַלד ער האָט דערהערט, דאָס עסטרייך איז צוגעשטאַנען צום בונד געגען איהם, האָט ער אין אַ קורצער צייט געשאַפען אַ פרישע אַרמעע פון 80,000 מאַן, און איז דעם 1טען אָקטאָבער מיט איהר אַריבער דעם רהיין. דעם 6טען אָקטאָבער איז ער שוין געווען אין באַיערן מיט אַן אַרמעע פון 160,000 מאַן. דאָרט זיינען געשטאַנען די עסטרייכער מיט אַן אַרמעע פון 90,000 מאַן אונטער דעם גענעראַל מאַק מינכען. דיזע עסטרייכישע אַרמעע האָט אַרויסגעטריבען פון דאָרט דעם קורפירסט, וועלכער איז געווען אַ פערבינדעטער פון פראַנקרייך; אויסער דעם זיינען געשטאַנען אין טיראָל 30,000 מאַן אונטער דעם ערץ־הערצאָג יאָהאַן, און דער ערץ־הערצאָג קאַרל איז געגאַנגען מיט אַן אַרמעע פון 100,000 מאַן אין דער ריכטונג צום טייך עטש. ערסט יעצט, ווען אַ פראַנצויזישע אַרמעע האָט ניט אַכטענדיג אויף די נייטראַליטעט פון פרייסען געמאַרשירט דורך די בראַנדענבורגישע מאַרק־גראַפשאַפט אַנספּאַך צום דונאַי, האָט פרייסען בעשלאָסען צוצושטעהן צום בונד פון די מעכטען, אָבער דיזער בעשלוס איז שוין געקומען צו שפּעט.

דיזער פעלדצוג איז געווען פיר נאַפּאָלעאָן'ען אונגעוועהנליך גלענצענד. זיין מיליטערישער זשעניע האָט נאָך קיינמאָל ניט אַזוי געגלענצט ווי אין דיזען קריג. ער האָט שנעל איינגענומען אוגסבורג און מינכען און האָט געצוואונגען דעם גענעראַל מאַק, וועלכער איז געווען איינגעשלאָסען

טאַריף, וועלכער זאָל זיין געגרינדעט אויף דעם פּרינציפּ פון פּראָטעקציאָן (שוץ).

דער אַלגעמיינער ראַט פון אַקערבוי, קונסט און האַנדעל האָט ערקלערט, דאָס עס איז אונמעגליך אָנצוהאַלטען דעם פרידען צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד, ווען זייערע אינדוסטריען וועלען זיך געפינען אין אַ צושטאַנד פון קריג. נאַפּאָלעאָן האָט גלייך געשיקט נאָך ענגלאַנד אַ מאַן, וועלכער זאָל אונטערהאַנדלען וועגען דיזען געגענשטאַנד. די פערהאַנדלונגען האָבען זיך לאַנג פערצויגען און האָבען ניט געבראַכט צו קיין רעזולטאַט. דערוויילע זיינען די פּאָליטישע אומשטענדען צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד געוואָרען מעהר געשפּאַנט. פראַנקרייך האָט פערגרעסערט איהר רייך און איז אַרויס פון די גרענצען, וואָס דער פרידען האָט איהר בעשטימט. און דאָס האָט בעאונרוהיגט ענגלאַנד. איבערהויפּט האָט ענגלאַנד פּראָטעסטירט געגען דעם, וואָס די פראַנצויזען האָבען זיך בעפעסטיגט אויף דער אינזעל מאַלטאַ. דאָס האָט נאַפּאָלעאָן'ען זעהר אויפגערעגט און ער האָט בעשלאָסען בעסער צו פיהרען ווייטער קריג, איידער צו פערלאָזען דעם וויכטיגען מיליטערישען פּונקט, וועלכען די פראַנצויזען האָבען געגרינדעט אין מיטעלענדישען מעער אויף דער אינזעל מאַלטאַ. קריג האָט ווידער אויסגעבראָכען, און דאָס האָט ווידער געשטערט דעם האַנדעל און האָט פערניכטעט די האָפנונגען, וועלכע דער פרידען פון אַמיענס האָט געגעבען.

דעם 18טען מאַי 1803 האָט ענגלאַנד ערקלערט קריג געגען פראַנקרייך. געגען אַלע פעלקער־רעכטען האָט נאַפּאָלעאָן נאָך פריהער געהייסען אַרעסטירען אַלע ענגלענדער, וואָס געפינען זיך אין פראַנקרייך. אויף זיין ערסטע קריגס־טאַט איז געווען געגען די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצען. הגם האַנאָווער איז געווען נייטראַל, האָט נאַפּאָלעאָן דאָך בעזעצט די טעריטאָריע פון האַננאָווער מיט זיין מיליטער און האָט בעלעסטיגט די איינוואוינער מיט קאָנטריבוציאָן און איינקוואַרטירונג פון סאָלדאַטען. 26 מאָנאַטען איז זיין אַרמעע געשטאַנען אין האַננאָווער, און דאָס האָט געקאָסט די איינוואוינער אָדער דער רעגירונג צום ווייניגסטען 26 מיליאָנען טהאַלער, וועהרענד די איינקונפטען פון דער האַננאָווערישער רעגירונג האָבען בעטראָפען קוים 3 מיליאָנען אַ יאָהר.

פון האַננאָווער האָט נאַפּאָלעאָן מיט זיין דעספּאָטישער האַלטונג פערבריטעט שרעק איבער'ן גאַנצען נאָרד. אויך אין איטאַליען האָט ער בעוויזען זיין דעספּאָטיזם. ער האָט געצוואונגען דאָס פאָלק אין מאַילאַנד צו אָנערקענען איהם אַלס קעניג פון איטאַליען און האָט זיך געלאָזט קרוינען

גאַנצע ווענעציאַנישע געביט, די קרוינען פון נעאַפּעל און האָללאַנד זיינען איבערגעגאַנגען צו מיטגלידער פון דער פאַמיליע באָנאַפּאַרטע, און דאָס דייטשע רייך איז געקומען נאָהענט צום אונטערגאַנג. איבערהויפּט איז געוועזן שטאַרק דער איינפלוס פון נאַפּאָלעאָן'ען אין זיד=דייטשלאַנד, וואו די הויפען פון באַדען, ווירטטעמבערג און באַיערן זיינען געוועזן פערבונדען מיט באָנאַפּאַרטע'ן דורך פערוואַנדטשאַפט.

נאָך דיזען זיג, וועלכער האָט פערשאַפט נאַפּאָלעאָן'ען אונגעוועהנליכען רוהם, איז ער געקומען צוריק אין פּאַריז, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס יובעל און טריאומף. די אַלגעמיינע בעוואונדערונג איז ניט געווען צו בעשרייבען. דער סענאַט האָט איהם געשטעלט אַ זיג=מאָנומענט. דאָס האָט איהם געגעבען מוט אָפּצושאַפען די לעצטע רעסטען פון דער רעוואָלוציאָן. ער האָט אָפּגעשאַפט דעם קאַלענדער פון דער רעוואָלוציאָן און צוריק אַיינגעפיהרט דעם גרעגאָריאַנישען קאַלענדער. פון דעם 1טען יאַנואַר 1806 האָט פראַנקרייך ווידער אָנגעהויבען דאַטירען אַלעס פון דער געבורט פון קריסטוס; דער פּאַנטהעאָן איז ווידער פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קאַטאָלישע קירכע, און באַלד איז אויך דער טריבונאַל בעגראָבען געוואָרען. די שטאַאַטען, וואָס האָבען געהערט צו פראַנקרייך, האָט ער פערוואַנדעלט אין קעניגרייכען. דאָס איז געטאָן געוואָרען מיט'ן צוועק צו פערשטאַרקען זיין הערשאַפט, ווי פריהער האָט די רעפּובליק געשטרעבט צו זיין אַרומגערינגעלט מיט פריי=שטאַאַטען, מיט רעפּובליקען. די שטאַאַטען פון קעניג פון נעאַפּעל זיינען בעזעצט געוואָרען מיט מיליטער, און דעם 30טען מערץ 1806 איז י אָ ז ע ף ב אָ נ אַ פּ אַ ר ט ע ערנאַנט געוואָרען אַלס קעניג פוןביידע סיציליען. נאָכדעם האָט ער אויך האָללאַנד פערוואַנדעלט אין אַ קעניגרייך, פון וועלכען לודוויג באָנאַפּאַרטע איז געוואָר; דער מאָנאַרך. אַזוי האָט ער די גאַנצע פאַמיליע באָנאַפּאַרטע געמאַכט פיר געקרוינטע הערשער. אויך די מאַרשאַלען און גענעראַלען האָבען בעקומען פירסטענטימער און הערצאָגטימער. פיעלע פון זיי האָבען אפילו ניט בעקומען קיין לאַנד, וואו זיי האָבען געקענט הערשען אַלס פירסטען אָדער הערצאָגען, אָבער דיזע שטעלעס זיינען געוועזן אַ מיטעל צו נעהמען פון דער פראַנצויזישער קאַסע אונגעהייערע גרויסע געהאַלטען.

נאָך מעהר איז פערשטאַרקט געוואָרען נאַפּאָלעאָן'ס מיליטער=שטאַאַט נאָך דעם, ווי פיעלע פון די זיד=דייטשע פירסטען האָבען זיך ענטזאַגט פון דייטשען בונד און האָבען אָנערקענט נאַפּאָלעאָן'ען אַלס זייער פּראָטעקטאָר. 14 פירסטען פון זיד=דייטשלאַנד האָבען זיך צוגעשריבען צום רהיין=בונד

אין אולם, צו א שענדליכער קאפּיטולאציאָן (20טען אָקטאָבער). דערמיט האָט ער געבראַכט די עסטרייכישע אַרמעע אין גאַנצען אויסער אָרדנונג. זאָגאַר ווען די רוסען זיינען געקומען צו הילף, האָבען זיי די עסטרייכער ניט געקענט רעטען. זייער זאַך איז שוין גיוועזן פערלאָרען. דעם 13טען נאָוועמבער זיינען די פראַנצויזען אריין אין וויען. נאַפּאָלעאָן האָט ניט אויפגעהערט צו פערפאָלגען די רוסען און די עסטרייכער ווייטער און ווייטער, ביז ער האָט זיי פערטריבען אין מעהרען. דעם 2טען דעצעמבער 1805 איז פאָרגעקומען ביי אויסטערליטץ די בעריהמטע שלאַכט פון די דריי קייזאָרים, גראַדע אין דעם טאָג פון דעם יאָהרצייט פון דער קייזער־קרוינונג.

די קראַפט פוןביידע זייטען איז געוועזן כמעט גלייך. די פערבינדעטע מעכטען האָבען געהאט 95,000 מאַן און די פראַנצויזען — 80,000 מאַן. די אַרטילעריע איז אין ביידע זייטען געוועזן פורכטבאַר. אום 1 אוהר מיטטאָג זיינען שוין די פראַנצויזען געוועזן זיכער מיט זייער זיג. די רוסען האָבען פערלאָרען דעם גרעסטען טייל פון זייער אַרטילעריע און זייער אַרמעע, אונגעפעהר 30,000 מאַן, און האָבען געוואָלט צוריקטרעטען אונטער זייער קייזער אַלכסנדר. דער רוהם פון יענעם טאָג איז געווען אַן אויסערגעוועהנליכער. „סאָלדאַטען", האָט נאַפּאָלעאָן געזאָגט אין זיין פּראָקלאַמאַציאָן, „איך בין מיט אייך העכסט צופרידען. איהר האָט אייך בעקרענצט מיט אונשטערבליכען רוהם. אַן אַרמעע פון 100,000 מאַן אונטער דער קאָמאַנדע פון די קייזאָרים פון עסטרייך און רוסלאַנד האָט איהר בעזיגט און צוטריבען אין וועניגער ווי אין 4 טעג! די, וואָס זיינען ענטלאָפען פון אייער שווערד, זיינען דערטרונקען געוואָרען אין ים. 40 פלאַגען פון דער רוסישער גוואַרדיע, 120 קאַנאָנען, 20 גענעראַלען, מעהר פון 30,000 געפאַנגענע — דאָס איז דער רעזולטאַט פון דיזען מערקווירדיגען טאָג. די בעריהמטע אינפאַנטעריע האָט ניט געקענט ביישטעהן אייער אָנגריף. איהר האָט יעצט פאַר קיין קאָנקורענט אין קריגס־קונסט ניט מורא צו האָבען. איהר האָט אין 2 מאָנאַטען בעזיגט און פערניכטעט די דריטע קאָאַליציאָן!"

עסטרייך האָט מיט גרויס אונטערטעניגקייט געבעטען אַ וואַפען־שטילשטאַנד, נאָך וועלכען עס איז געשלאָסען געוואָרען דער פּרעסבורגער פרידען (26טען דעצעמבער 1805). דיזער פרידען האָט גערעטעט די רוסען פון אַ פאָלשטענדיגער פערניכטונג. די פאָלגען פון פּרעסבורגער פרידען זיינען געוועזן זעהר ערנידריגענד פיר עסטרייך, וועלכע האָט געמוזט איבערגעבען צו פראַנקרייך פאָרדער־עסטרייך, טיראָל און דאָס

פּרייסען. דעם 14טען אָקטאָבער איז פאָרגעקומען די שרעקליכע דאָפּעל־שלאַכט פון י ע נ אַ און אַ ו ע ר ש ט ע ד ט, און וועלכע די פּרייסען האָבען געהאַט אַ שרעקליכע נידערלאַגע, וואָס האָט ניט געהאַט כמעט קיין גלייכען אין דער נייער געשיכטע פון קריג־שלאַכטען. דער פּרייסישער קעניג האָט פערלאָרען 50,000 מאַן. די פאָלגען זיינען געווען שרעקליך. אַן אימה האָט זיך פערשפּרייט אין גאַנץ פּרייסען; דאָס פאָלק איז געווען האָפנונגס־לאָז. איבעראַל האָבען זיך די פעסטונגען מיט די מיליטער אונטערגעגעבען אונטער דעם זיגער. אין צייט פון 6 וואָכען האָט זיך דאָס לאַנד פון רהיין ביז אויף יענער זייט פון דעם טייך אָ ד ע ר מיט דער בעפעלקערונג פון 9 מיליאָנען מענשען געפונען אין דער מאַכט פון דעם זיגער, נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע.

אויך אין פּוילען האָט נאַפּאָלעאָן געפיהרט דעם קריג זעהר גלענצענד. די פּרייסען האָבען דאָ געפונען נייע שונאים אַנשטאָט וואָס זיי האָבען דאָ גערעכענט אויף הילף. די פּאָליאַקען האָבען יעצט געפונען אַ געלעגענהייט אָפּצורעכנען זיך מיט פּרייסען פיר די צוטיילונג פון פּוילען. נאַפּאָלעאָן האָט זיי פערשפּראָכען צוריק אויפשטעלען זייער פריהערדיגע מלוכה מיט די אַלטע גרענצען, און די פּאָליאַקען זיינען מיט גרויס חשק צוגעשטאַנען צו די פראַנצויזען. עס האָבען אָנגעהויבען אַריינקומען אין פּוילען גרויסע רוסישע אַרמעען, אָבער אויך נאַפּאָלעאָן האָט פערשאַפט נייע פרישע מיליטערישע קרעפטען פון דער היים און פון די לענדער, וואָס ער האָט נאָר־וואָס בעזיגט. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ גאַנצע רייהע פון מערדערישע שלאַכטען, וועלכע האָבען געגעבען נאַפּאָלעאָן'ען שטאַרק צו פיהלען, מיט וועלכע ריזיגע קרעפטען ער האָט זיך צו מעסטען. די הויפּט־שלאַכט איז פאָרגעקומען דעם 7טען און 8טען פעברואַר ביי פּ ר י י ס י ש־ע י ל אַ ו. 80,000 מאַן זיינען געפאַלען טויט פון ביידע זייטען און 50,000 זיינען פערוואונדעט געוואָרען. ביידע אַרמעען האָבען זיך בעריהמט, דאָס זיי האָבען געזיגט, און ביידע האָבען זיך צוריקגעצויגען. 4 מאָנאַטען האָבען די אַרמעען גערוהט. אין דיזער צייט האָט נאַפּאָלעאָן צוגענומען פון פּרייסען אַלע פעסטונגען, וואָס זיינען געשטאַנען ביי די טייכען אָדער און ווייקסעל, און דעם 14טען יוני איז פאָרגעקומען אַ נייע שלאַכט ביי פ ר י ע ד ל אַ נ ד, אין וועלכער נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט אַ גלענצענדען זיג. נאַפּאָלעאָן האָט שוין געהאַט איינגענומען קעניגסבערג און איז שוין געווען פערטיג אַריבערצוטרעטען די רוסישע גרענעץ. אָבער די מאָנאַרכען זעלבסט האָבען זיך

מיט נאַפאָלעאָן'ען אָן דער שפיץ. דערפאַר האָבען דיזע פירסטען בעקומען גרעסערע טיטלען און זייערע געביטען און לענדער זיינען פערגרעסערט געוואָרען. דאָס דייטשע רייך אָדער דער דייטשער בונד איז דורך דעם אויפגעלעזט געוואָרען. דעם 1טען אויגוסט האָט פראַנקרייך ערקלערט, דאָס זי אָנערקענט ניט מעהר דאָס דייטשע רייך, ווייל אַזעלכעס עקסיסטירט ניט מעהר אין דער ווירקליכקייט. מיט 5 טעג שפעטער האָט דער קייזער פראַנץ געמוזט אַרונטערלעגען זיין קייזער־קרוין. דאָס טויזענד־יעהריגע קייזערטום פון קאַרל דעם גרויסען איז ענדליך דורך נאַפאָלעאָן'ען פערלאָשען געוואָרען.

דער זעע־קריג אָבער איז געווען פיר פראַנקרייך זעהר אונגליקליך. דעם 21טען אָקטאָבער 1805 האָט דער ענגלישער אַדמיראַל נ ע ל ס אָ ן געהאַט אַ גלענצענדען זיג איבער די פראַנצויזען ביי ט ר אַ פ אַ ל ג אַ ר. די פראַנצויזישע פלאָטע, וועלכע האָט געקאָסט אונגעהייער פיעל, איז דאַמאָלס אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען. דער גרויסער ענגלישער זעע־העלד, אַדמיראַל נעלסאָן, איז געפאַלען אין יענער שלאַכט. זיין פאַל איז געווען פיר ענגלאַנד אַ גרויסער פערלוסט. די פראַנצויזישע זעע־מאַכט האָט פון דאַמאָלס אָן מעהר ניט עקסיסטירט פיר אַ גאַנצען דור, און די ענגלישע הערשאַפט אויף'ן ים האָט ניט געהאַט די גאַנצע צייט קיין קאָנקורענט. נאַפאָלעאָן האָט אָנגעהויבען מאַכען פלענער צו שליסען פרידען מיט ענגלאַנד, און האָט פאָרגעשלאָגען איבערצוגעבען האַננאָווער, ניט פרעגענדיג ביי האַננאָווער, אויב זי איז איינשטימיג צו זיין אונטער ענגלאַנד. אָבער די קריגס־פאַרטיי אין ענגלאַנד האָט ניט געוואָלט הערען פון קיין פרידען און האָט געפאָדערט פאָרטצוזעצען דעם קריג מיט פראַנקרייך. באָנאַפאַרטע'ס פלאַן איבערצוגעבען האַננאָווער צו ענגלאַנד, ניט פרעגענדיג וועגען דעם ביי פרייסען, האָט דיזע לעצטע איבערצייגט, דאָס זי קען ניט געווינען פון נאַפאָלעאָן'ען קיין פריינדשאַפט, אין געגענטייל, זי קען פון איהם ערוואַרטען דאָס ערגסטע; דעריבער האָט זיך פרייסען פערבונדען מיט רוסלאַנד אַרויסצוטרייבען די פראַנצויזען פון דייטשלאַנד. ווען נאַפאָלעאָן האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער באַלד אַרויס אין קריג געגען פרייסען.

די פרייסען, וואָס זיינען אימער געוועהנט צו זיגען, האָבען זיך דיזען מאָל פעררעכענט. מיט נאַפאָלעאָן'ען איז עס געגאַנגען אַנדערש. אין אָקטאָבער 1806 האָט ער אָנגעפאַנגען זיין קריגס־צוג, וועלכער האָט ווי אימער זיך אויסגעצייכענט מיט דער שנעלקייט פון זיין מאַרשירען און מיט די שטאַרקע קלעפ, וואָס ער איז געווען געוועהנט צו געבען, און ער האָט אין אַ קורצער צייט נידערגעשלאָגען די אַרמעען פון די פערבינדעטע רוסען און

וואָס טיילט אָפּ ענגלאַנד פון פראַנקרייך, אום דאָס לאַנד אין גאַנצען צו פערניכטען. אָבער די מפּלה, וואָס ער האָט געהאַט ביי טראַפאַלגאַר האָט איהם אויף אימער פערשפּאַרט דעם וועג דורך דעם קאַנאַל נאָך ענגלאַנד. עס איז שוין יעצט ניט געווען קיין רעדע וועגען שליסען אַ נייעם האַנדעלס-טראַקטאַט. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ נייעם פּלאַן, ווי ער זאָל ענגלאַנד אין גאַנצען פערניכטען. זיין פאַנטאַזיע האָט איהם אויסגעמאָלט דעם גרויסען ערפאָלג, וואָס דיזער פּלאַן וועט האָבען, און דאָס האָט זעהר שטאַרק געשמייכעלט זיינע ליידענשאַפטען.

ערסטענס האָט ער אַרויפגעלעגט אַ זעהר גרויסען אָפּצאָהל אויף ענג-לישע וואַארע, וואָס קומט צום קאָנטינענט פון אייראָפּאַ. פון בערלין האָט ער אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט, דאָס די בריטאַנישע אינזלען זיינען אונטער בלאָקאַדע, און דעריבער איז יעדער האַנדעל מיט ענגלאַנד פערבאָטען. אַלע סחורות פון ענגלישע פאַבריקען זאָלען צוגענומען ווערען; אַלע בריף, וואָס קומען פון ענגלאַנד, זאָלען פערניכטעט ווערען. יעדעס שיף, וואָס האָט בעריהרט אַן ענגלישען האַפען, זאָל ניט אַריינגעלאָזען ווערען אין קיין האַ-פען פון אייראָפּאַ, עס מאַכט ניט אויס צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט דאָס שיף געהערט. דיזער פערבאָט איז געווען ניט נאָר פיר פראַנקרייך, נאָר אויך פיר אַלע לענדער, וואָס זיינען געווען מיט איהר פערבונדען, אָדער וואָס זיינען געשטאַנען אונטער איהר הערשאַפט.

נאַפּאָלעאָן האָט אפילו גוט געוואוסט, דאָס דיזער פערבאָט וועט אויך זעהר פיעל שאַדען פראַנקרייך, אָבער ער האָט בעשלאָסען ניט צו קוקען אויף קיין זאַך. עס איז בעפוילען געוואָרען, דאָס דיזער פערבאָט זאָל אויסגע-פיהרט ווערען מיט דער גאַנצער שטרענגקייט. די פערבינדעטע הערשער האָבען זיך פערפּליכטעט דיזען געבאָט פינקטליך צו ערפילען. אַלס ליסאַבאָן (פּאָרטוגאַל) האָט זיך ערלויבט אַריינצולאָזען ענגלישע שיפען אין איהרע האַפענס, האָט נאַפּאָלעאָן אַריינגעשיקט אין פּאָרטוגאַל אַ פראַנצויזישע אַרמעע אום אָפּצורעכנען זיך דערפאַר מיט'ן קעניג. דער קעניג איז ענט-לאָפען נאָך בראַזיליען, און נאַפּאָלעאָן האָט אויסגעשטראָכען פּאָרטוגאַל פון דער ליסטע פון פרייע זעלבשטענדיגע שטאַאטען. אין דעם זעלבען טאָג, ווען דיזער דעקרעט איז אַרויסגעגעבען געוואָרען, האָט נאַפּאָלעאָן אַרויסגעגע-בען אַ בעפעהל צו זיין גענעראַל מאָרטיער, אַז ער זאָל איינגעהמען די שטעדט פון האַנזעאישען פערבאַנד, וואו די ענגלענדער האָבען געהאַט גרויסע מאַגאַ-זינען פון וואַארען, ער זאָל די ענגלענדער אַרעסטירען און פערנעהמען זייערע סחורות. די ענגלענדער האָבען געליטען אַ שרעקליכען פערלוסט און פראַנק-

געטראָפען פערזענליך אויף דעם טייך ניעמאַן און האָבען געשלאָסען **דעם פרידען פון טילזיט** (7טען—9טען יולי).

די בעדינגונגען פון דיזען פרידען זיינען געווען זעהר דריקענד. די אונטערהאַנדלונגען זיינען אייגענטליך פאָרגעקומען נאָר מיט רוסלאַנד. פּרייסען האָט איינגעשטימט אויף אַלעס, וואָס דער זיגער וועט פאָדערן. פון רוסלאַנד האָט ער קיין לאַנד ניט פערלאַנגט. אָבער פּרייסען איז געוואָרען אַ וואַסאַלען־שטאַאַט פון פראַנקרייך. פּרייסען האָט דערצו פערלאָרען די העלפט פון איהרע לענדער, נעמליך, אַלע לענדער צווישען דעם רהיין און דער עלבע. אויסער דעם האָט פרידריך ווילהעלם געמוזט צאָהלען פראַנקרייך 150 מיליאָנען קריגס־הוצאות. דאָס הערצאָגטום וואַרשא איז געקומען אונטער די אויבערמאַכט פון קעניג פון זאַקסען, דאַנציג מיט דער אומגעגענד איז געוואָרען אַ פריי־שטאַאַט. די לענדער, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אָפּגענומען פון פּרייסען, האָט ער פעראייניגט מיט קורהעססען, ברוינשווייג און זיד־האַננאָווער, און האָט פון אַלע געמאַכט איין קעניגרייך, וועסטפאַלען, מיט דער הויפּטשטאָדט קאַססעל, און האָט דאָרט אַריינגעזעצט אַלס קעניג זיין אינגסטען ברודער **היעראָנימוס** (זשעראָם). דיזער האָט בעדאַרפט אויפהאַלטען אין מאַגדענבורג אַן אַרמעע פון 12,000 מאַן און האָט זיך גערעכענט אַלס מיטגליד פון דעם רהיין־בונד. אין פאַל פון קריג האָט ער בעדאַרפט שיקען זיינע טרופּען וואוהין די אומשטענדען וועלען פאָדערן.

נאַפּאָלעאָן איז דאַמאָלס געוואָרען הערשער פון איין עק אייראָפּא ביז דעם אַנדערען. ער האָט זיך דאַמאָלס פערגליכען מיט קאַרל דעם גרויסען, כמעט גאַנץ אייראָפּא איז געווען אונטער זיין הערשאַפט. ענגלאַנד איז געווען די איינציגע מאַכט, מיט וועלכער ער האָט זיך ניט געקענט מעסטען. 11 יאָהר נאַכאַנאַנד, אָהן אַ שום וואַפען־שטילשטאַנד, האָט געדויערט דער קאַמף מיט ענגלאַנד, אָבער אָהן אַ שום ערפאָלג. ביידע זייטען זיינען געווען שטאַרק ערביטערט איבער דיזען צושטאַנד, און עס האָט געשיינט, דאָס דיזער קאַמף מוז זיך ענדיגען מיט דער פערניכטונג פון איינער פון די ביידע מעכטען: אָדער פראַנקרייך וועט מוזען אונטערגעהן, אָדער ענגלאַנד; ביידע צוזאַמען קענען ניט עקסיסטירען. ענגלאַנד איז געוואָרען די אליין־הערשערין איבער'ן ים־האַנדעל, און האָט פערוועהרט אַלע לענדער צו האַנדלען מיט פראַנקרייך. ענגלאַנד האָט פערשווענדעט אונגעהייערע מיליאָנען אום אויפצורייצען פעלקער געגען פראַנקרייך.

נאַפּאָלעאָן האָט זיך גענומען אָפּצורעכנען מיט ענגלאַנד מיט זיין גאַנצער ענערגיע. ער האָט אָנפאַנגס גענומען אַריבערגעהן דעם קאַנאַל,

אין נעאפּעל, און יאָזעף׳ס טראָן האָט פערנומען נאַפּאָלעאָן׳ס שוואָגער מוראט.

די שפּאַניער זיינען געוואָרען שרעקליך ערביטערט געגען דיזע גוואַלד־טאַטען פון נאַפּאָלעאָן׳ען געגען זיי. ער האָט זיי בעהאַנדעלט ניט ווי מענשען, וואָס האָבען אַן אייגענעם ווילען און געפיהלען, נאָר ווי וואַארע. עס האָט זיך אָנגעצונדען אין פאָלק אַ שרעקליכער האַס געגען אויסלאַנד; דער נאַציאָנאַל־שטאָלץ האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דער געוואַלט, וואָס מען האָט אויף זיי אַרויפגעלעגט געגען זייער ווילען. עס האָט אויפגעפלאַקערט אין אַלע הערצער אַ בעגייסטערונג פון אונאָפּהענגיגקייט, און דיזע פייערדיגע בעגייסטערונג האָט זיך שנעל פערשפּרייט אין אַלע פּראָווינצען

מוראַט.

פון לאַנד. אין דעם זעלבען טאָג, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט בעשטימט זיין ברודער יאָזעף פיר קעניג פון שפּאַניען, האָט די יונטאַ (ראַטס־פערזאַמלונג) ערקלערט קריג דעם אונטערדריקער (6טען יולי 1808). עס האָט אויפגעפלאַקערט אַ ליידענשאַפטליכער פאָלקס־קריג. אין דעם זעלבען טאָג, וואָס דער קעניג יאָזעף באָנאַפּאַרטע איז אריינגעפאָהרען אין שפּאַניען, איז פּאָרגעקומען אַ פירכטערליכע שלאַכט מיט די פראַנצויזען ארום באַילען, אין וועלכער די פראַנצויזע האָבען געליטען אַ שרעקליכע נידערלאַגע. 20,000 פראַנצויזען זיינען גענומען געוואָרען געפאַנגען און זיינען באַלד פערניכטעט געוואָרען. יאָזעף האָט געמוזט ענטלויפען; די פראַנצויזישע אַרמעע

רייך האָט געהאַט אַ ריזיגען געווינס. נאַפּאָלעאָן האָט טריאומפירט. „דער יעצטיגער קריג", האָט ער געזאָגט צו די פאָרשטעהער פון פראַנצויזישען פאָלק, „איז נאָר אַ קריג פיר די אונאָפּהענגיגקייט פון האַנדעל. דאָס ווייס גאַנץ אייראָפּאַ... ענגלאַנד זעהט איהרע וואַארען פון גאַנץ אייראָפּאַ צוריקגעוויזען. איהרע שיפען בלאָנדזשען איבער'ן ים, בעלאַדען מיט אונגעהייערע רייכטימער, אָבער אין גאַנץ אייראָפּאַ קריגט זי ניט איין האַפען, וואָס זאָל זי אַריינלאָזען מיט איהרע שיפען. צו דיזער שטופע איז יעצט געקומען ענגלאַנד — די הערשערין איבער אַלע ימים!"

אין דיזער צייט האָט נאַפּאָלעאָן'ס מאַכט דערגרייכט די העכסטע שטופע. ער האָט דאַמאָלס אָנגעהויבען צו דענקען פון שאַפען אַ זעע־מאַכט, וועלכע זאָל שטעהן אויף דער זעלבער מדרגה ווי די ענגלישע. ער האָט אָנגעהויבען צו גראָבען האַפענס, האָט אויפגעשטעלט פעסטונגען ביי די ברעגען און האָט געבויט שיפען, אום ער זאָל זיך קענען מעסטען מיט די קרעפטען פון ענגלאַנד אויף אויף'ן ים. צו דיזען צוועק האָט ער אויך געוואָלט זיך פערזיכערן די שפּאַנישע האַלב־אינזעל און אַריינזעצען דאָ זיין אייגענע דינאַסטיע. אָבער דאָס האָט איהם פערשאַפט גרויסע צרות.

ווי מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט, האָט נאַפּאָלעאָן אויך פון פּאָרטוגאַל געפאָדערט, דאָס זי זאָל פערשליסען איהרע האַפענס פיר ענגלאַנד. דער קעניג פון פּאָרטוגאַל האָט דיזע פאָדערונג ניט געפאָלגט, און באָנאַפּאַרטע האָט מיט דער צושטימונג פון דעם אַלמעכטיגען שפּאַנישען מיניסטער גאָדאָי געשיקט אין פּאָרטוגאַל דעם מאַרשאַל זשונאָט מיט אַן אַרמעע. דער קעניג איז ענטלאָפען נאָך בראַזיליען איידער די פראַנצויזען זיינען אָנגעקומען אי פּאָרטוגאַל. דעם 27טען אָקטאָבער 1807 איז אין פאָנטעינעבלאָ געשלאָסען געוואָרען מיט פּאָרטוגאַל אַ פרידען, לויט וועלכען די דינאַסטיע בראַגאַנצאַ האָט דאָרט אויפגעהערט צו רעגירען. פראַנצויזישעס מיליטער האָט זיך בעזעצט אין פּאָרטוגאַל. דאָס איז געווען פיר נאַפּאָלעאָן'ען דער וועג צו בעהערשען שפּאַניען. ער האָט באַלד פערנומען אַלע שפּאַנישע פעסטונגען ביים ברעג ים אונטער דעם תירוץ צו קאָנטראָלירען די בלאָקאַדע געגען ענגלאַנד. צוזאַמען מיט די ברעג־פעסטונגען האָט ער פערנומען און בעזעצט מיט זיינע סאָלדאַטען אויך די אַלע אַנדערע פעסטונגען אין שפּאַניען. דורך אַ שענדליכע אינטריגע האָט דער שפּאַנישער קעניג פערדינאַנד זיך ענטזאַגט פון זיין טראָן און האָט איהם איבערגעגעבען צו נאַפּאָלעאָן'ס ברודער יאָזעף, וועלכער איז פריהער געווען קעניג

געגען די רעכטען פון דער נאַציאָן. די יעצטיגע גענעראַציאָן קען זיין וועגען דיזען געגענשטאַנד פון פערשיידענע מיינונגען, אָבער זייערע עניקלאַך וועלען מיר דאַנקען פיר דאָס, וואָס איך טו פיר אייך יעצט. זיי וועלען רעכנען די טעג, ווען איך בין געקומען אין שפּאַניען און האָב איינגעפיהרט דיזע גרויסע ענדערונגען, פיר די וויכטיגסטע טעג פיר שפּאַניען, ווייל פון דאַמאָלס אָן האָט זיך אָנגעהויבען פיר שפּאַניען דאָס וואהרע גליק".

דער מאַניפעסט אָבער האָט ניט געהאַט די ווירקונג, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט גערעכענט. הגם עס איז אמת, דאָס נאַפּאָלעאָן האָט בעפרייט די שפּאַניער פון די פּריווילעגיעס פון די פעאָדאַלען און פון דעם צוואַנג פון דער קירכע, אָבער דאָס פאָלק האָט צו איהם געפיהלט אַ שרעקליכע אַנטיפּאַטיע. די קאָרטעס (די הערשענדע שטאַנדען) און די גייסטליכע האָבען געטאָן אַלעס מעגליכעס אום אויפצורייצען די מאַסען געגען די פראַנצויזען. איבערהויפּט האָבען די גייסטליכע ענערגיש געאַרבייט אום אויפצופלאַקערן אין פאָלק דעם פאַנאַטיזם. אין זייער קאַטעכיזם זיינען אריינגעשטעלט געוואָרען פאָלגענדע פראַגען און אַנטוואָרטען:

„זאָג מיר, מיין קינד, ווער ביזט דו? — אַ שפּאַניער, מיט דעם חסד פון גאָט. — ווער איז דער פיינד פון אונזער גליק? — דער קייזער פון די פראַנצויזען. — ווי פיעל נאַטורען האָט ער? — צוויי: אַ מענשליכע און אַ טייוועלשע. — ווי פיעלע קיסרים האָבען די פראַנצויזען? — איינעם אַ ווירקליכען און דריי פאַלשע פּערזאָנען. — ווי הייסען זיי? — נאַפּאָלעאָן, מוראַט און מאַנועל גאָדאָי (דאָס איז געווען דער שפּאַנישער מיניסטער, וועלכער האָט געשטיצט נאַפּאָלעאָן'ען). — וועלכער פון די אַלע דריי איז דער ערגסטער? — זיי זיינען אַלע דריי גלייך שלעכט. — פון וואַנען שטאַמט נאַפּאָלעאָן? — פון דער זינד. — פון וואַנען שטאַמט מוראַט? — פון נאַפּאָלעאָן'ען. — און פון וואַנען שטאַמט גאָדאָי? — פון דער פערדאָרבענהייט פוןביידען. — וואָס איז דער גייסט פון דעם ערסטען? — גאוה און דעספּאָטיזם. — וואָס איז דער גייסט פון צווייטען? — רויב און גרויזאַמקייט. — וואָס איז דער גייסט פון דריטען? — פעררעטעריי און נאַרישקייט. — וואָס זיינען די פראַנצויזען? — זיי זיינען אַמאָל געווען קריסטען, אָבער יעצט זיינען זיי אונגלויביגע. — איז עס אַן עברה צו טויטען אַ פראַנצויז? — ניין, הערר פּריסטער, מען פערדינט דאָס הימעלרייך ווען מען ערמאָרדעט אַזאַ אונגליקליכען הונד. — וואָס פיר אַ שטראָף פערדינט דער שפּאַניער, וועלכער טוט ניט זיין פליכט? — דעם טויט אלס

האָט געמוזט אַרויס פון שפּאַניען. זאָגאַר פון פּאָרטוגאַל האָט מען זיי אַרויסגעשטופּט מיט דער הילף פון ענגלאַנד.

עס האָט זיך דאַמאָלס געבילדעט די פינפטע קאָאַליציאָן (בונד פון מעכטען) געגען נאַפּאָלעאָן'ען. די שפּאַנישע האַלב־אינזעל האָט געשיינט צו זיין פערלאָרען פיר נאַפּאָלעאָן'ען. צו דיזער קאָאַליציאָן זיינען צוגע-שטאַנען דער פּאַפּסט, האָללאַנד און עסטרייך, און ענגלאַנד, פערשטעהט זיך, איז געווען אָן דער שפּיץ. דאָס גליק פיר נאַפּאָלעאָן'ען איז געווען, וואָס דער רוסישער קייזער, אַלכסנדר דער 1טער, האָט ניט געוואָלט ענ-דערן זיין טראַקטאַט, וואָס ער האָט געשלאָסען מיט איהם אין טילזיט. דעם 27טען סעפּטעמבער 1808 האָבען דיזעביידע קיסרים, אַלכסנדר און נאַפּאָלעאָן, געמאַכט אַ בונד צו אונטערוואַרפען איירָאָפּאַ אונטער זייער מאַכט און צו גאַראַנטירען די רוה פון איירָאָפּאַ. דיזער בונד פון די ביידע מאַכטהאָבער איז געשלאָסען געוואָרען אין ערפורט, וואוהין די ביידע קיסרים זיינען צוזאַמענגעקומען. נאָכדעם האָט נאַפּאָלעאָן צוזאַמענגעשטעלט אַן אַרמעע פון 200,000 מאַן און האָט געמאַכט אַ נייעם פעלדצוג אין שפּאַ-ניען. מיט דיזער מאַכט האָט ער אין אַ גאַנץ קורצער צייט פערניכטעט דעם פיינד אויף'ן שפּאַנישען באָדען. דעם 4טען דעצעמבער האָט ער שוין איינגענומען מאַדריד, די הויפּטשטאָדט פון שפּאַניען. נאַפּאָלעאָן האָט אַרויסגעלאָזען אַ מאַניפעסט, אין וועלכען ער רופט זיך אָן „דער בעפרייער פון שפּאַניען".

„איך האָב אָפּגעשאַפט דעם פערהאַסטען אינקוויזיציאָנס־געריכט", זאָגט ער אין זיין מאַניפעסט, „געגען וועלכעס גאַנץ איירָאָפּאַ האָט פּראָ-טעסטירט; די פּריסטער דאַרפען נאָר זיין לעהרער פון מאָראַל, אָבער ניט קיין ריכטער איבער די בירגער. איך האָב אָפּגעשאַפט דאָס פעאָ-דאַל־רעכט פון די גרויסע גוטס־בעזיצער, אַזוי דאָס יעצט קען יעדער בויער, האָבען זיין אייגענעם אויוועז צום באַקען, זיין אייגענע מיהל צום מאָהלען; יעדער קען פאַנגען פיש פיעל זיין האַרץ גלוסט, יעדער קען עפנען אַ גאַסט־הויז. דער רייכטום, וועלכען דאָס פעאָדאַל־סיסטעם האָט פערשאַפט אייניגע פּריווילעגירטע, האָט געשאַדט דעם גאַנצען פאָלק און האָט איבעראַל פערברייטעט אָרימקייט, און ער האָט געשאַדט דעם אַקער-בוי פיעל מעהר ווי די היץ פון די זומער־מאָנאַטען. אַזוי ווי עס איז דאָ אויף דער וועלט נאָר איין גאָט, אַזוי מוז אויך עקסיסטירען איין גערעכ-טיגקייט פיר אַלע מענשען גלייך, קיינע מיוחסים מיט פּריווילעגיעס. איך האָב פערניכטעט אַלע ספּעציעלע געריכטס־הייזער, וועלכע זיינען געווען

די טיראָלער האָבען ניט געוואָלט אַנידערלעגען די וואַפען זאָגאַר נאָך
דעם, ווי עסטרייך האָט שוין געשלאָסען פרידען. זיי האָבען בעפרייט זאַלצ-
בורג און קאָרנטהען, און האָבען ווי העלדען געשטריטען געגען די פראַנצוי-
זען, וועלכע זיינען געווען אין צאָהל צעהן מאָל מעהר פון זיי. אָבער ענד-
ליך האָט נאַפּאָלעאָן געשיקט אַ נייע פראַנצויזישע אַרמעע און האָט געבראָ-
כען די קראַפט פון דיזען בערג־פאָלק. די בויערן־העלדען ספעקבאַ-
כער און האספינגער זיינען ענטלאָפען. אנדרעאס
האָפער האָט זיך געמוזט בעהאַלטען מיט זיין פאַמיליע אין די בערג;
די פראַנצויזען אָבער האָבען איהם אויסגעפונען, זיינען איהם בעפאַלען ביי-
נאַכט, האָבען איהם געפאַנגען און האָבען איהם געבראַכט אין מאַנטואַ,
און דאָרט האָבען זיי איהם דערשאָסען (20טען פעברואַר 1810).

די פראַנצויזישע הערשאַפט האָט צו דיזער צייט געשטיגען כמעט ביז
אונענדליכקייט. דאָס פראַנצויזישע קייזעררייך האָט געהאַט 130 דעפּאַר-
טעמענטען און האָט פערנומען פון האַמבורג און דאַנציג ביז טריעסט און
קאָרפו. די בלאָקאַדע געגען ענגלישע סחורות האָט געהערשט און איז גע-
וואָרען שטרענג דורכגעפיהרט אין גאַנץ אייראָפּאַ, זאָגאַר שוועדען איז צו-
געשטאַנען צו אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער און האָט בלאָקירט איהרע
האַפענס געגען ענגלישע וואַרע. אום צו פערגרעסערן זיין גלאַנץ און צוליב
אַנדערע פּאָליטישע אורזאַכען האָט זיך נאַפּאָלעאָן געשידען מיט זיין פרוי
זשאָזעפינע און האָט געהייראַט מאַריע לואיזע, די עלטעסטע
טאָכטער פון עסטרייכישען קייזער פראַנץ. די האָכצייט איז געפייערט גע-
וואָרען מיט דעם גרעסטען גלאַנץ. זיין וואונש איז ערפילט געוואָרען. ער
איז געוואָרען פערבונדען מיט דער גרעסטער אייראָפּעאישער הערשער־פאַ-
מיליע. דעם 20טען מערץ איז איהם געבאָרען געוואָרען פון דיזער הייראַט
אַ זוהן, אין די אָדערען פון וועלכען עס האָט שוין געפלאָסען עכטעס קע-
ניגליכעס בלוט. וועהרענד דאָס קינד איז נאָך געלעגען אין וויג האָט ער
איהם שוין געגעבען דעם טיטעל „קעניג פון רוים". די האָפנונג פון די בור-
באָנען, צו הערשען ווען עס איז אין פראַנקרייך, האָט געשיינט צו זיין פער-
לאָרען אויף אימער.

עס וועט אונז נעהמען צו לאַנג, ווען מיר זאָלען וועלען אויספיהרליך
בעשרייבען אַלע ענדערונגען, וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט געמאַכט אין דער איי-
ראָפּעאישער פּאָליטישער קאַרטע. עס האָבען פאַר איהם געציטערט אַלע
אייראָפּעאישע הערשער. זיין איין וואָרט האָט יעדען פון זיי געקענט פער-
ניכטען. אַלעס איז איהם געווען אונטערוואָרפען. די, וואָס זיינען געווען

פערדעטער. — ווער וועט אונז בעפרייען פון אונזערע פיינד? — די וואַ-פען און דאָס פערטרויען פון איינעם צום אַנדערען".

נאָך דעם, ווי נאַפּאָלעאָן האָט פערלאָזען שפּאַניען, האָבען דאָרט די פראַנצויזישע גענעראַלען פאָרטגעזעצט דעם שטרייט און האָבען איינגע-נומען סעווילִיע, אַנדאַלוזיען און גראַנאַדאַ. אָבער די שפּאַניער האָבען זיך נאָך אַלץ געהאַלטען שטאַרק. זיי האָבען ניט געוואַגט צו שטרייטען מיט נאַפּאָלעאָן'ען אין אָפֿענעם פעלד, נאָר זיי פלעגען מאַכען אונערוואַרטעטע אָנפאַלען אין פערשיידענע ערטער און האָבען בעאונרוהיגט די פראַנצויזישע אַרמעע אין שפּאַניען. דערווייל האָט נאַפּאָלעאָן געמוזט אַוועק פון שפּאַ-ניען און בעגעבען זיך נאָך דייטשלאַנד, ווייל דאָרט האָבען זיך פערזאַמעלט די נייע פערבינדעטע מעכטען געגען פראַנקרייך. עסטרייך האָט געמאַכט אונגעהייערע אָנשטרענגונגען אום צוריק אָפּצונעהמען פון די פראַנצויזען וואָס זי האָט פערלאָרען אין די פריהערדיגע שטרייטען. זי האָט פערשאַפט אַן אַרמעע פון 550,000 מאַן און האָט אָנגעפאַנגען אַ פעלדצוג אין פריה-לינג פון יאָהר 1809. אויך טיראָל האָט זיך אויפגעהויבען געגען די פראַנ-צויזען, און דער קעניג היעראָנימוס איז אַרויסגעטריבען געוואָרען פון דער רעזידענץ אין וועסטפאַלען. מיט אַ גרויסער אַרמעע אונטערשטיצט פון רהיין=בונד איז נאַפּאָלעאָן ראַש אַרויס געגען פיינד. דער פעלדצוג האָט גע-דויערט נאָר 5 טעג (פון 19טען ביז'ן 24טען אַפּריל), ער איז אָבער געוועזען מייסטערהאַפט. אַ גאַנצע רייהע פון זיגען האָט פיר איהם צום צווייטען מאָל געעפענט דאָס הארץ פון די עסטרייכישע שטאַאַטען. דעם 13טען מאַי איז נאַפּאָלעאָן ווידער אַריין אין וויען. עס איז פאָרגעקומען אַ שרעק-ליכע שלאַכט ביי אַספּערן און עסלינגען (דעם 21טען און 22טען מאַי), וועלכע איז אָבער ניט געוועזען ענטשידען, און דאָס האָט אָפּ-געהאַלטען די פראַנצויזען איניגע וואָכען, זיי זאָלען זיך אַ ביסעל אויסרו-הען. ענדליך האָט נאַפּאָלעאָן בעשלאָסען ווידער צו מאַכען אַן אָנגריף. עס איז פאָרגעקומען אַ ביטערע בלוטיגע שלאַכט דעם 5טען און 6טען יולי ביי וואַגראַם, אין וועלכער די פראַנצויזען האָבען געזיגט און האָבען געצוואונגען די עסטרייכער צוריקצוטרעטען. עסטרייך איז ווידער שטאַרק צוקלאַפּט געוואָרען און האָט געבעטען פרידען. דיזער פרידען האָט געקאָסט עסטרייך 2,000 קוואַדראַט=מיילען מיט 3,000,000 איינוואוינער, וועלכע זי האָט געמוזט אָפּגעבען צו פראַנקרייך, און זי האָט אויך געמוזט איינ-שטימען צו די נייע איינאָרדנונגען אין איטאַליען.

דעם 9טען מערץ 1812 איז נאַפּאָלעאָן ארויס אין דעם נייעם פעלדצוג. עטליכע מאָנאַטען האָט ער געהאַלטען זיין הויף אין דרעזדען. דאָרט האָבען איהם בעזוכט דער פּרייסישער קעניג און דער עסטרייכישער קייזער, וועלכע האָבען איהם בעדינט ווי אַנדערע וואַסאַלען־פירסטען. אין יוני האָט נאַפּאָלעאָן ערקלערט דעם רוסישען צאַר קריג.

נאַפּאָלעאָן האָט געפיהרט דעם קריג מיט רוסלאַנד מיט די זעלבע מעטאָדען און אויף די זעלבע פּרינציפּען, ווי ער האָט געפיהרט זיינע פריהערדיגע מלחמות, וועלכע האָבען איהם פערשאַפט אזוי פיעל רוהם. אָבער די נאַטור פון דעם רוסישען לאַנד און רוסישען פאָלק האָבען אלע זיינע פּלענער פערניכטעט. נאַפּאָלעאָן איז ארויס געגען רוסלאַנד מיט אַן ארמעע פון 575,000 מאַן און 12,000 קאַנאָנען. רוסלאַנד האָט דאַמאָלס ארויסגעשטעלט נאָר 300,000 קריגער. ביי קאָוונא איז ער אריבער מיט זיין ארמעע דעם ניעמאַן; דאָס זעלבע האָט געטאָן זיין לינקער פליגעל אונטער׳ן גענעראַל מאַקדאָנאַלד. דער רעכטער פליגעל איז געגאַנגען געגען גראָדנא און נאָווגאָראָד. רוסלאַנד האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט צו פיהרען מיט נאַפּאָלעאָן׳ען אַן אָפענעם קריג; זי האָט געמוזט אָנפיהרען נאָר אַ פערטיידיגונגס־קריג. איהר פּאָליטיק איז געוועזען אויסצומאַטערן דעם פיינד, צו פערברענען די שטעדט, די דערפער און וואו ער האָט בעדאַרפט דורכגעהן, צוזאַמען מיט די מאַגאַזינען פון שפּייז, אום די ארמעע פון פיינד זאָל ניט האָבען גענוג צו עסען.

אויף די נאַטור האָט געהאָלפען רוסלאַנד דורכפיהרען דיזען פּלאַן. די רוסען זיינען ארויס געגען נאַפּאָלעאָן׳ען אין אַן אָפענע שלאַכט, זיי האָבען איהם ניט געשטערט צו געהן ווייטער און טיפער אין רוסלאַנד. אָהן אַ בעזונדערער שטערונג איז ער געקומען אין ווילנא און אין סמאָלענסק. ביי דיזער צווייטער שטאָדט איז דעם 17טען אויגוסט פאָרגעקומען אַ בלוטיגע שלאַכט. די רוסען האָבען פערברענט סמאָלענסק און זיינען אוועק בעשיצען מאָסקווא. פיעלע גענעראַלען האָבען אָנגעהויבען מורא צו האָבען פאַר דיזען סאָרט רוסישע פּאָליטיק און האָבען געראַטען נאַפּאָלעאָן׳ען, אַז ער זאָל ניט פאָרטזעצען דיזען פעלדצוג, וועלכער קען זיך ענדיגען מיט אַ גרויסען אונגליק פיר פראַנקרייך׳ס ארמעע. אָבער נאַפּאָלעאָן האָט זיך איינגעשפּאַרט, דאָס ער מוז עראָבערן מאָסקווא און דאָרט איבערווינטערן. דער פערטיידיגונגס־קאַמף פון די רוסען איז געוואָרען פיר די פראַנצויזען מעהר און מעהר געפעהרליך. איבעראַל, וואוהין די פראַנצויזען זיינען אָנגעקומען, זיינען די איינוואוינער צולאָפען, און זיי האָבען פערברענט די

מיט איהם פערבונדען, ווי אויך זיינע פיינד, דער פּאַפּסט פון רוים, זיינע ברידער און אַלע פרעמדע — אַלע זיינען איהם געווען אונטערטעניג. ער האָט אַלע מאָל געענדערט די שטאַאטען. עס האָט גאָר קיין ענדע ניט גע-נומען צו די ענדערונגען. וואָס ער האָט היינט געשאַפען האָט ער מאָרגען צושטערט. קיין פעלקער־רעכט האָט פיר איהם ניט עקסיסטירט. ווען איהם האָט זיך נאָר פערוואָלט האָט ער אריינגעשיקט אין א לאַנד זיינע סאָלדאַטען און האָט זיי דאָרט בעזעצט, און ער האָט אין ערגעץ ניט בעגע-גענט קיין ווידערשטאַנד.

דער קריג אין שפּאַניען (1810—1811) איז צוגעגאַנגען לאַנגזאַם, ווייל די שפּאַניער האָבען געפאָכטען ווי העלדען פיר יעדען טריט לאַנד, וואָס זיי האָבען געמוזט פערלאָזען פון זייער היימאַט. מאַססענאַ האָט אונטערגע-נומען אַ נייעם צוג נאָך פּאָרטוגאַל, אָבער דיזער צוג איז געווען אונגליקליך פיר די פראַנצויזען. אָנפאַנגס האָבען די פראַנצויזען געצוואונגען דעם ענג-לישען גענעראַל װעללינגטאָן צוריקצוטרעטען, אָבער דעם גענעראַל איז געלונגען זיך אַזוי צו בעפעסטיגען אין טאָררעס־וועדראַס, דאָס דער פראַנצויזישער גענעראַל מאַססענאַ האָט איהם ניט געקענט אָנ-גרייפען, און ער האָט געמוזט דאָס לאַנד פערלאָזען.

דערוויילע האָט זיך פּאָרבערייטעט אַ נייער פעלדצוג אין נאָרד. נאַ-פּאָלעאָן האָט זיך צוריסען מיט'ן רוסישען קייזער אַלכסנדר דעם 1טען. די ביידע קיסרים, נאַפּאָלעאָן און אַלכסנדר, זיינען געוואָרען קאָנקורענטען וועגען דער אויבער־הערשאַפט איבער גאַנץ אייראָפּאַ. זינט ענדע 1810 האָט אַלכסנדר אָנגעהויבען צו שליסען פערבינדונגען מיט פערשיידענע הער-שער אין אייראָפּאַ. עס איז איהם געלונגען צו פערבינדען זיך מיט ענג-לאַנד, שוועדען און מיט די שפּאַנישע קאָרטעס (שטאַנדען). נאַפּאָלעאָן פון זיין זייט האָט אויך געמאַכט ריזענהאַפטע פּאָרבערייטונגען צו דער פאַר-שטעהענדער אונטערנעהמונג. פראַנקרייך האָט געמוזט טאָן אַלעס, וואָס איז געווען אין איהר מעגליכקייט, צו שאַפען די בעסטע שטרייט־קרעפטען, אויך די פערבינדעטע מעכטען און די וואַסאַלען־שטאַאטען האָבען געשיקט גרויסע הילפס־טרופּען. פון רהיין־בונד אַליין האָט נאַפּאָלעאָן געקראָגען 100,000 מאַן; די שווייץ האָט געשיקט 12,000 מאַן. זעהר בעגייס-טערט האָט זיך פּוילען בעוואָפענט פיר נאַפּאָלעאָן'ען, ווייל ער האָט זיי פערשפּראָכען צוריקגעבען זיי זייער פריהערדיגע לאַנד און אונאָפּהענגיגקייט. אויך פּרייסען און עסטרייך האָבען געשיקט צו דיזען שטרייט פיעל מילי-טער: פּרייסען 20,000 און עסטרייך 30,000 קריגער.

יעצט האָט נאַפּאָלעאָן געזעהען קלאָר, דאָס די פרוכט פון אַלע זיינע נצחונות איז פון איהם פערלאָרען געגאַנגען; דער פּלאַן פון דיזען פעלדצוג איז געוואָרען צו גאָרנישט; מאָסקוואַ איז ניט געווען קיין שטיצפּונקט פיר וויטערע אונטערנעהמונגען. צו זיין אונגליק האָט נאַפּאָלעאָן אויך יעצט נאָך ניט געוואָלט צוריקציהען זיך, עס איז איהם פּשוט געווען אַ שאַנדע. ער האָט אָנגעהויבען צו פיהרען מיט רוסלאַנד פרידענס-אונטערהאַנדלונגען, און ער האָט ניט פערשטאַנען, דאָס די רוסען ווילען נאָר געווינען צייט און אָפּהאַלטען איהם דאָ ביז דער ווינטער וועט אַריינטרעטען מיט זיין גאַנצער שטרענגקייט, ווי עס איז געוועהנליך אין יענער געגענד, און דאַן וועט נעה-מען אַן ענדע צו דעם רעסט פון נאַפּאָלעאָן׳ס אַרמעע אָהן אַלע שלאַכטען. ענדע אָקטאָבער האָט נאַפּאָלעאָן איינגעזעהען, דאָס ער מוז אָנהויבען צו-ריקציהען זיך. פון זיין גרויסער אַרמעע איז איהם נאָר געבליבען 120,000 מאַן. מיט דיז׳ן רעסט האָט ער אָנגעהויבען געהן צוריק מיט דעם זעלבען וועג, מיט וועלכען ער איז געגאַנגען נאָך מאָסקוואַ. פערשיידענע אונגליקען און גרויסע פערלוסטען האָט געליטען די אַרמעע אויף איהר צוריקגאַנג, און דאָס האָט געבראָכען דעם מוט פון די סאָלדאַטען און די דיסציפּלין. דער גרעסטער אונגליק איז געווען, וואָס דער ווינטער איז אָנגעקומען דיזען יאָהר צו פריה, און איז געווען אַן אונגעוועהנליך שטרענגער. אין נאָוועמבער האָט שוין די קעלט דערגרייכט ביז 27 גראַד. די ליידען פון די סאָלדאַטען זיינען געווען אונבעשרייבליך. דער הונגער און די קעלט האָבען פערניכ-טעט מעהר סאָלדאַטען ווי די קוילען פון די קאָזאַקען, וואָס האָבען פער-פאָלגט די אַרמעע אויף איהר צוריקצוג. עס איז געווען שרעקליך צו זעהן, וואָס עס האָט זיך געטאָן אויף׳ן וועג. אויף טויט פערפראָרענע און פער-הונגערטע סאָלדאַטען זיינען געלעגען אין די צעהנדליגע טויזענדער אויף׳ן גאַנצען וועג. צווישען דיזע הרוגים זיינען געווען אַן אונגעהייערע מאַסע געפאַלענע פערד און אַוועקגעוואָרפענע וואַפען.

אין מיטען נאָוועמבער האָט די אַרמעע דערגרייכט ביז סמאָלענסק. אויף׳ן וועג האָט די אַרמעע פערלאָרען 50,000 מאַן, אַזוי דאָס אָנקומענדיג אין סמאָלענסק האָט זי נאָר געצעהלט 40,000 סאָלדאַטען שטרייטענדע און 30,000 שוואַכע, וואָס האָבען זיך קוים נאָכגעשלעפּט אָהן אַ שום דיסציפּ-לין, אָהן אָרדנונג און אָהן פיהרערשאַפט. אָבער דיזער אונגליקליכער אַר-מעע זיינען נאָך פאָרגעשטאַנען פיעלע גרעסערע ליידען. איבערהויפּט שרעק-ליך זיינען געווען די טעג, ווען די אַרמעע האָט געדאַרפט אַריבערגעהן דעם טייך בערעזינא (26טען—29טען נאָוועמבער). מיט דער גרעסטער

שטערט און די דערפער, וועלכע זיי האָבען פערלאָזען, און האָבען פערניכ-טעט אַלע-לעבענסמיטלען. די גרויסע פראַנצויזישע אַרמעע האָט דערפון שטאַרק געליטען. טאָג טעגליך זיינען פיעלע פון זיי צושטאָרבען פון הונ-גער, פון קראַנקהייט און פון פיינד׳ס אָנגריפען.

ביי באָראָדינאָ איז געשטאַנען דער רוסישער פעלדהעררגענעראַל קוטוזאָוו מיט זיין אַרמעע נעבען דעם טייך מאָסקווא, און האָט ניט דערלאָזען די פראַנצויזען צו נעהמען די שטאָדט. די שלאַכט אין יענעם אָרט, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 7טען סעפּטעמבער, איז גע-וועזען זעהר אַ בלוטיגע. איבער 70,000 מענשען זיינען דאַמאָלס געפאַלען טויטע און פערוואונדעטע, און צווישען די געפאַלענע זיינען געוועזען זעהר פיעלע גענעראַלען. די שלאַכט האָבען אפילו געוואונען די פראַנצויזען, אָבער זיי האָבען געמוזט ערלויבען די רוסען צוריקצוציהען זיך אין אָרדנונג. דעם 14טען סעפּטעמבער איז נאַפּאָלעאָן אַריין אין די אַלטע רוסישע הויפּט-שטאָדט, אין מאָסקווא.

זיין אַריינטרעטען אין מאָסקווא איז געוועזען זעהר טרויעריג. קיינער פון די בעוואוינער איז איהם ניט געקומען ענטקעגען צו פרייען זיך מיט זיין אָנקומען, אָדער בעטען איהם, אַז ער זאָל זיי מילד בעהאַנדלען, ווי דער פאַל איז אימער געוועזען מיט איהם ביי זיינע פריהערדיגע נצחונות. עס איז געוועזען אין מאָסקווא שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. מען האָט נאָר געהערט די טריט פון די סאָלדאַטען, וואָס זיינען אַריין אין שטאָדט. אויף׳ן אַנדערען טאָג האָט מאָסקווא אָנגעהויבען ברענען אין פערשיידענע פּונקטען. דאָס איז געוועזען די אַרבייט פון אַרעסטאַנטען, וועלכע די רוסישע רעגירונג האָט בעפרייט פון די געפענגניסען אום דורכצופיהרען דיזע טייפלישע טאַט. דאָס פאָלק איז שוין פריהער צולאָפען פון מאָסקווא. די גרויסע שטאָדט מאָסקווא איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַן אונגעהייערען ים פון פייער; דערצו האָט פיעל געהאָלפען אַן אונגעוועהנליכער שטורמווינט, וועלכער עס האָט דאַמאָלס אויסגעבראָכען. אויך די נאַטור איז געקומען דער רוסישער רעגירונג צו הילף דורכצופיהרען איהר פערטיידיגונגס־פּלאַן. פיער פינפ-טעל פון די אַלע גרויסאַרטיגע געביידעס פון דיזער בעריהמטער שטאָדט מיט אַלע רייכטימער, וואָס האָבען זיך אין זיי געפונען, זיינען פערניכטעט געוואָרען פון פייער. נאַפּאָלעאָן האָט געמוזט צוליב דעם גרויסען פייער ענטלויפען פון קרעמל (די מאָסקווער פעסטונג) און רעטען זיך אין אַ קייזערליכען לוסט־שלאָס, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער נאָהענטער נאָכ-באַרשאַפט.

מיה איז זיי קוים געלונגען צו מאַכען 2 בריקען, אום די אַרמעע זאָל קענען אריבערגעהן דעם טייך. ביים אריבערגאַנג זיינען פיעלע, זעהר פיעלע דער־טרונקען געוואָרען; פיעלע זיינען צוטראָטען געוואָרען פון פערד און פון מענשען אין גרויסען געדרענג. 18,000 פון די שוואכערע זיינען אריינגע־פאַלען צום פיינד אין די הענט.

די אַרמעע איז דאַן אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען. נאַפּאָלעאָן זעלבסט איז געקומען אין פערצווייפלונג און איז מיט איניגע פערטרויטע ענטלאָפען פון די סאָלדאַטען אויף שליטענס. מען האָט יעצט ניט געגעבען קיין בעפעהלען צו דעם רעסט פון די סאָלדאַטען; קיין קריגס־געזעץ איז פון קיינעם פון די סאָלדאַטען אָדער אָפיצערען ניט אָפּגעהיט געוואָ־רען. יעדער האָט נאָר געטראַכט ווי זיך צו רעטען. אָבער זעהר ווענינע האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו רעטען זיך. נאָר דער רעסט פון דער גוואַרדיע האָט זיך נאָך געהאַלטען ווי סאָלדאַטען. אָהן וואַפען, צושטרייט אָהן אָרדנונג און אָהן געפּעק זיינען די איבערגעבליבענע אָנגעקומען אין ווילנא אום צו פליהען פון דאַנען נאָך דעם ניעמאַן. ניט איין קאַנאָנע האָ־בען זיי צוריקגעבראַכט. 343,000 פראַנצויזישע סאָלדאַטען האָט די רוסישע רעגירונג בעערדיגט נאָך דעם צוריקצוג פון נאַפּאָלעאָן'ס אַרמעע. דעם 3טען דעצעמבער האָט נאַפּאָלעאָן צוגעשיקט אין פראַנקרייך דעם בעריהמ־טען בוללעטין: „די אַרמעע איז פערלאָרען, אָבער דער קייזער איז פאָלקאָ־מען געזונד". דעם 18טען דעצעמבער איז ער אַליין אָנגעקומען אין פּאַריז.

די ווירקונג פון דיזען אונגליקליכען פעלדצוג איז געווען אַן אונגע־הייערע. מיט איין מאָל איז זיין גאַנצע הערשאַפט שוואַך געוואָרען און האָט זיך אָנגעהויבען צו טרייסלען. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, דאָס מען איז שוין פון לאַנג אונצופרידען פון זיין רעגירונג. ער האָט יעצט פערלאָ־רען אַלע פּאַרטייען. דאָס בירגערטום, וועלכעס האָט פון איהם ערוואַרטעט, דאָס ער וועט פערבעסערן דעם האַנדעל און די אינדוסטריע, האָט גאָר שטאַרק געליטען און איז רואינירט געוואָרען פון דער בלאָקאַדע און פון די גרויסע און שווערע שטייערן צוליב זיינע מיליטערישע אונטערנעהמונגען. אויך די פעלקער אין אויסלאַנד האָבען געזיפצט אונטער זיין מיליטערישען יאָך. עס איז אפילו וואָהר, דאָס די פראַנצויזישע הערשאַפט האָט איינגע־פיהרט פיעלע גוטע זאַכען, ווי צ. ב. די פראַנצויזישע געזעצגעבונג, די אָפּ־שאַפונג פון געבען צאָל פיר סחורות אין לאַנד זעלבסט, ווען מען ברייננגט עס פון איין שטאָדט אין אַן אַנדערע, או. ד. גל., אָבער די לאַסט פון זיין רעגירונג האָט איבערגעוואויגען אַלעס. סאָלדאַטען האָבען שטענדיג מאַר־



די שרפה פון מאָסקווא אין 1812.

אום צו האַלטען דיזע ערטער נייטראַל. באַלד נאָכדעם האָט דער פּריישישער קעניג פריעדריך ווילהעלם פערלאָזען בערלין, וועלכע איז געווען בעזעצט מיט פראַנצויזישע מיליטער, און איז אַוועק נאָך ברעסלוי. פון דאָרטען איז איהם געוועזן לייכטער צו אונטערהאַנדלען מיט די רוסען. דאָס איז געוועזן אַן אָנפאַנג פון עטוואָס וויכטיגערעס, וואָס איז באַלד געשעהען. דעם 1טען מערץ 1813 איז אין קאַליש געשלאָסען געוואָרען אַ בונד צווישען פּרייסען און רוסלאַנד; דער רוסישער קייזער האָט זיך פערפּליכטעט העלפען פּרייסען צוריקשטעלען די פריהערדיגע גרענצען פון דיזען לאַנד, און פּרייסען פון איהר זייט האָט זיך פערפּליכטעט צו געבען רוסלאַנד 80,000 מאַן שטרייטער אום צו פערשטאַרקען די רוסישע אַרמעע, וואָס האָט דאַמאָלס געצעהלט נאָר 150,000 קריגער.

יעצט האָט פּרייסען אָנגעהויבען מיט אַן אונגעוועהנליכען ענטוזיאַזם זיך פּאָרבערייטען צו אַ שטרייט. דעם 3טען מערץ האָט דער קעניג אַרויסגעלאָזען אַן אויפפאָדערונג, אז מען זאָל איהם שאַפען פריייוויליגע יעגער־באַטאַליאָנען. דיזער וואונש פון קעניג איז ערפילט געוואָרען פון פאָלק מיט גרויס חשק. עס האָבען אָנגעהויבען צו קומען אין ברעסלוי טאָג טעגליך מאַסען וואָלונטירען (פריייוויליגע). פון בערלין אַליין זיינען אין דריי טעג געקומען 9,000 מאַן. דעם 15טען מערץ האָט דער קעניג אַרויסגעלאָזען דעם בעריהמטען „אויפרוף אַן מיין פאָלק“, אין וועלכען ער האָט אויפגעפאָדערט די גאַנצע נאַציאָן צו נעהמען אַן אָנטייל אין דעם קאַמף מיט נאַפּאָלעאָן׳ען, און האָט זיי דערפאַר פערשפּראָכען צו בעגליקען מיט אַ קאָנסטיטוציאָן. דיזע פערשפּרעכונג האָט אויפגעפלאַקערט דאָס גאַנצע פאָלק צום שטרייט. דורך אַ ריכטיגען זיג אין דיזען שטרייט האָט דאָס פּרייסישע פאָלק ערוואַרטעט צו געווינען צוויי גליקען: בעפרייען זיך פון דעם דריקענדען מיליטאַריזם פון די פראַנצויזען און פון דעם היימישען אַבסאָלוטיזם. ווער זאָל עס ניט וועלען אָנטייל נעהמען אין אַ קאַמף, פון וועלכען, אין פאַל פון זיג, מען קען דערגרייכען פרייהייט און אונאָפּהענגיגקייט? די אַלגעמיינע בעגייסטערונג האָט געהערשט אין אַלע קלאַסען פון פאָלק: פון אַדעל ביז צו דעם בויער אין די דערפער. קויפלייט, האַנטווערקער, בויערן, סטודענטען פון די אוניווערזיטעטען, גימנאַזיסטען פון די העכערע קלאַסען — דיזע אַלע האָבען זיך פריייוויליג אָנגעגעבען צו געהן אין שטרייט, און האָבען דערצו בייגעשטייערט גרויסע סומעס געלט צו דעקען די קאָסטען פון דעם קומענדען שטרייט. זאָגאַר די גרעסטע אָרימע לייט האָבען בייגעשטייערט צו דיזען

שירט פון איין לאַנד אין אַן אַנדערעס און זיינען געפאַלען צו לאַסט אויף די איינוואוינער. די סאָלדאַטען זעלבסט האָבען בעהאַנדעלט די בירגער זעהר גראָב און ברוטאַל. די בירגער האָבען אימער געהאַט צו צאָהלען שווערע קאָנטריבוציאָנען אויסצוהאַלטען די אונגעהייערע אַרמעען, די גרויסע פּאָליציי און די מחנה שפּיאָנען, — דאָס אַלעס האָט געשאַפען אין פאָלק אַן אונגעהייערע ערביטערונג געגען נאַפּאָלעאָן׳ען. יעצט, אַז זיין מאַכט איז געבראָכען געוואָרען, איז אַלעס אַרויס אָפען, און זיין שטערן האָט אויפגעהערט צו לייכטען. ביי אַ געוויסען צופאַל פון איינעם פון זיינע פריהערדיגע פעלדצוגען האָט נאַפּאָלעאָן געזאָגט: „איך האָב אימער געזיגט אין דעם מאָמענט, ווען מיר איז פאָרגעשטאַנען אַ גרויסע געפאַהר. איך האָב אימער געברויכט קראַפט און געשיקטליכקייט. וואָלט איך ניט געזיגט ביי אַוסטערליטץ, וואָלט איך געהאַט גאַנץ פּרייסען אויף מיין האַלז; וואָלט איך ניט געוואונען די שלאַכט ביי יענאַ, וואָלט איך געהאַט הינטער זיך עסטרייך און שפּאַניען; וואָלט איך ניט טריאומפירט ביי וואַגראַם, וואָלט איך בעדאַרפט מורא האָבען, דאָס רוסלאַנד וועט מיך פערלאָזען, פּרייסען וועט מאַכען אַז אויפשטאַנד און די ענגלענדער זיינען שוין געווען ביי אַנטווערפּען״.

וואָס העכער עס איז געשטיגען זיין רוהם, און וואָס מעהר פעלקער עס זיינען געווען אונטערוואָרפען אונטער זיין סצעפּטער (שבט מלכות), אַלץ נעטיגער איז איהם געווען צו געווינען נייע נצחונות; און ווי ער האָט נאָר איין מאָל פערלאָרען, האָט ער אַלעס פערלאָרען: די פירסטען, וועלכע ער האָט בעזיגט, די קעניגען, וועלכע ער האָט אַרויפגעזעצט אויף נייע טראָנען, די סענאַטאָרען, וועלכע זיינען פאַר איהם געקראָכען אויף אַלע פיער, זאַגאַר זיינע טרייע גענעראַלען. די ענדערונג פון גליק צום אונגליק איז געקומען שרעקליך שנעל און פּלוצלינג.

די ערסטע איז אָפּגעפאַלען פּרייסען, ווייל נאַפּאָלעאָן האָט זי מעהר פון אַלעמען טיף געבויגען און געהאַלטען אונטערטעניג. דאַרין איז אייגענטליך געווען שולדיג ניט די פראַנצויזישע רעגירונג, נאָר די פעהלערן, וואָס אייניגע פיהרער האָבען געמאַכט. אַזוי צ. ב. האָט דער גענעראַל פון יאָרק, דער קאָמאַנדיר פון די פּרייסישע טרופּען, וואָס זיינען בעשטימט געוואָרען אַלס הילפס־מיליטער פיר נאַפּאָלעאָן׳ען, אָפּגעשלאָסען דעם 1טען דעצעמבער מיט דעם רוסישען גענעראַל וויטגענשטיין אַ פערטראַג אין טאַוראָגגען, לויט וועלכען ער האָט ערלויבט די רוסען דורכצוגעהן די שטעדט צווישען מעמעל און טילזיט, וועלכע ער האָט געהאַט בעזעצט

און מיט בעגייסטערונג צום קאמף. פרעהליך האָט געקלונגען דאָס ליד פון פוקע: „פריש אויף צום פרעהליכען יאַגען”, ווי אויך דאָס ליד פון אַרנדט: „וואָס בלאַזען די טראָמפעטען? הוזאַרען הערויס!” אויך אַנדערע דיכטער, ווי מאקס פאָן שענקענדאָרף און ריקקערט, האָבען בעגייסטערט דאָס פאָלק און האָבען ערמונטערט צום קאמף פיר דאָס פאָטערלאַנד. דער בעליבטעסטער פאָלקס־פּאָעט פון יענער צייט איז געוועזן טהעאָדאָר קאָרנער. אויך איינינע פּראָזאַ־שריפטען האָבען שטארק אונטערגעוואַרמט דעם פאָלקס־גייסט צו קעמפען פיר די פרייהייט און אונאָפּהענגיגקייט פון פאָטערלאַנד, ווי צ. ב. אַרנדט׳ס „קאַטעכיזמוס פיר דען דייטשען קריעגס־ אונד וועהרמאַנן” און „וואָס בעדייטעט לאַנדשטורם אונד לאַנדוועהר”. די זיגרייכע שלאַכטען פון מאָקקערן (5טען אפּריל) האָבען צום בעסטען בעוויזען, מיט וועלכען מוט עס זיינען געווען בעזעעלט די נייע דייטשע טרופּען.

נאַפּאָלעאָן האָט דערווייל געזאַמעלט נייע שטרייט־מאַסען. דער סענאַט האָט בעוויליגט צו הייבען 400,000 מאַן, און ווען פּרייסען האָט ערקלערט קריג פראַנקרייך האָט ער בעקומען נאָך 180,000 מאַן. נאַפּאָלעאָן האָט בעשלאָסען צו שאַפען אַן ארמעע פון ניט וועניגער ווי 800,000 מאַן. צו בעזאָרגען דיזע אַרמעע מיט אַמוניציאָן האָט געפאָדערט א סומע ניט וועניגער פון 1,150 מיליאָנען פראַנקס.

אין מאַי 1813 האָט זיך אָנגעפאַנגען דער נייער ריזיגער קאַמף, וועלכער האָט זיך געענדיגט פיר נאַפּאָלעאָן׳ען זעהר אונגליקליך. דעם 2טען מאַי האָט ער געהאַט אַ זיג איבער די פעראייניגטע אַרמעען פון רוסלאַנד און פּרייסען ביי ליטצען. אויך די שלאַכט, וואָס איז פאָרגעקומען ביי באַוטצען דעם 20טען מאַי, האָט ער געוואונען. אָבער דיזע נצחונות האָבען איהם געקאָסט צו טייער. עס האָט אין דער אַרמעע פון פּרייסען געהערשט אַ נייער גייסט, אַזוי דאָס נאַפּאָלעאָן האָט געדענקט וועגען פאָרשלאָגען אַ וואַפען־שטילשטאַנד מיט דעם תירוץ אָנצופאַנגען פרידענס־פערהאַנדלונגען, אָבער זיין גרונד־אידעע איז געווען צוצובריינגען צו זיין אַרמעע נייע קרעפטען. עס איז איהם געלונגען דורכצופיהרען אַ וואַפען־שטילשטאַנד אויף 2 מאָנאַטען. נאָך דיזער צייט האָט זיך דער קריג ווידער אָנגעפאַנגען. דיזען מאָל איז עסטרייך אויך אַרויס אין קריג. דעם 19טען אויגוסט האָט עסטרייך ערקלערט קריג צו פראַנקרייך. עסטרייך האָט ניט געקענט פערגעסען די נידערלאַגען, וואָס זי האָט געליטען פון די פראַנצויזען ביי מאָרענגאָ, אולם, אַוסטערליטץ, עקקמיהל און וואַגראַם, און האָט בע-

שטרייט, יעדער נאָך זיין מעגליכקייט. טויזענדער גאָלד־רינגען האָט מען אויסגעביטען אויף געוועהר. אין אַ קורצער צייט האָבען די וואָלונטירען צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסאַרטיגע אַרמעע אין פעלד, און אויסער דעם אַ גוט אָרגאַניזירטע לאַנד־מיליץ אין אַלע דערפער און שטעדט אַלס אַ פּער־טיידיגונגס־מאַכט. אַלע, וואָס זיינען געווען פעהיג צו טראָגען געוועהר פון 17 ביז 40 יאָהר, זיינען געשטאַנען גרייט צו געהן אין שטרייט ווען דער קעניג וועט זיי רופען. עס איז געווען נאָך אַן אָפּטיילונג פון פאָלק־מיליץ, וועלכע האָט געהייסען „לאַנדשטורם”; אין דיזער אָפּטיילונג זיינען געווען פעררעכענט אויך אַזוינע, וואָס זיינען געווען אין אַלטער פון 15 ביז 60 יאָהר. עס איז ניט געווען קיין רעגירונגס־קריג, נאָר אַ פאָלקס־קריג. אַלע זיינען געווען בעגייסטערט מיט די אידעאַלען פון פרייהייט און אונאָפּהענגיגקייט, און דאָס האָט זיי געצווינגען ווי אַ מעכטיגער מאַגנעט אונטער די פאָהנען פון דער אַרמעע. מיר וועלען שפּעטער זעהן, ווי טריילאָז די רעגירונג האָט בעצאָהלט דעם פאָלק פיר זיין ענטהוזיאַזם.

דאָס פּרייסישע פאָלק האָט געצייגט גבורות. צו די 46,000 סאָלדאַטען, וואָס די רעגירונג האָט געהאַט אַרויסצושטעלען, האָט דאָס אָרימע פאָלק פון 4½ מיליאָנען אויסגעזויגטע איינוואוינער צוגעגעבען 95,000 רעקרוטען, איבער 10,000 פרייוויליגע יעגער און 120,000 לאַנדוועהר, צוזאַמען 271,000 מאַן. דאָס הייסט אויף 17 איינוואוינער איין סאָלדאַט, אויסער דעם „לאַנדשטורם”. דער בעריהמטעסטער פון אַלע קאָרפּוסען פון די וואָלונטירען איז געווען דער לוטצאָוו׳שער פריי־קאָרפּוס, וואָס איז בעשטאַנען מעהרסטענס פון שטודירענדע, וועלכע זיינען בעזונדערס געווען בעגייסטערט צום קאַמף פיר דאָס פאַטערלאַנד דורך טהעאָדאָר קאָרנער׳ס לידער, און מעהר פון אַלעם דורך זיין טויט. נאָר די פּוילישע בעפעלקערונג פון איבער־שלעזיען אין פּרייסען האָט זיך געזוכט אַרויסצודרעהען פון דער פליכט צו געהן פרייוויליג אין די אַרמעע.

אין פערלויף פון איניגע מאָנאַטען זיינען די פרייוויליגע געשטאַנען אויף איין שטופע אין דער קריגס־קונסט מיט די גוט־געמוסטירטע אַלטע סאָלדאַטען. אין אַלע צייטונגען האָט מען געדרוקט מאַסען פּאַטריאָטישע לידער, וועלכע האָבען בעגייסטערט דאָס פאָלק. זאָגאַר די „פאָסישע צייטונג”, וועלכע האָט אימער געהאַלטען מיט די פראַנצויזען, איז געוואָרען בעגייסטערט מיט פאַטערלאַנדס־ליבע. אַלעס איז געווען דורכגעדרונגען מיט האַס צו די פראַנצויזען און מיט ליבע צום פאַטערלאַנד

פלענער: אָדער אונטערנעהמען אַן ענטשיידענדע שלאַכט אָדער צוריק-טרעטען. נאָך אַ לאַנגער איבערלעגונג איז נאַפּאָלעאָן אַוועק פון דרעזדען און האָט געמאַכט זיין הויפּט־קוואַרטיר אין די עבענעס (פלאַכע פּלעצער) פון לייפּציג. דאָ איז פאָרגעקומען יענע גרויסע פעלקער־שלאַכט, וועלכע האָט געמאַכט אַן ענדע צו נאַפּאָלעאָן'ס קייזער־מאַכט.

די איינלייטונג צו דיזער שרעקליכער דראַמאַ איז געוועזען די בלוטיגע שלאַכט, וואָס איז פאָרגעקומען צווישעןביידע פיינד ביי ליעבערט-וואָלקוויטץ דעם 14טען אָקטאָבער. אָן דער שפּיץ פון דער פראַנ-צויזישער אַרמעע איז געשטאַנען מוראַט, און דער קאָמאַנדיר פון די פער-איינינגטע מעכטען איז געוועזען שוואַרצענבערג. צוויי טעג שפּעטער האָבען די ביידע הויפּט־אַרמעען זיך געפאָכטען ביי וואַכאַו, אָבער אָהן ער-פאָלג פיר ביידע זייטען. דעם צווייטען טאָג, אַ זונטאָג, האָט מען נאָר פער-בראַכט אין קליינע געפעכטען און אין אַריינציהען נייע, פרישע טרופּען. דעם 18טען אָקטאָבער איז שוין פאָרגעקומען אַ גרויסע שלאַכט. נאַפּאָ-לעאָן זעלבסט איז געשטאַנען אויף אַ הויכען אָרט און האָט געגעבען די קאָ-מאַנדע ווי צו פיהרען דעם שטרייט. עס איז נאָך געוועזען שווער פאָרויס-צוזאָגען ווער עס וועט זיגען. פּלוצלינג איז אין מיטען דער שלאַכט פאָר-געקומען אַ וויכטיגע ענדערונג אין נאַפּאָלעאָן'ס אַרמעע. די זאַקסען און אַ טייל פון די ווירטעמבערגער זיינען אין מיטען שטרייט אַריבער צו די פערבינדעטע און האָבען געזיכערט דעם זיג פיר דעם פיינד. די פערבינ-דעטע האָבען געוואונען די שלאַכט. דעם 19טען אָקטאָבער פאַר מיטטאָג האָט נאַפּאָלעאָן פערלאָזען לייפּציג, און די פערבינדעטע האָבען זי גלייך גע-נומען מיט שטורם. ביים איבערגאַנג איבער די עלסטער־בריק האָט נאַ-פּאָלעאָן געמאַכט דעם אָפּברוך פון דער בריק פאַר דער צייט, און צוליב דיזער איבעראיילונג זיינען אַריינגעפאַלען אין די הענט פון די פערבינדעטע 12,000 קאַמף־פעהיגע סאָלדאַטען און 23,000 קראַנקע. אחוץ דעם זיי-נען פיעלע טויזענדער דערטרונקען געוואָרען אין די טייכען עלסטער און פּלייססע אין דער צייט, ווען די פראַנצויזען זיינען געלאָפען איבער די וואַ-סערן צו רעטען זיך פון דעם פיינד, וואָס האָט זיך נאָך זיי געיאָגט. נאַפּאָלעאָן האָט פערלאָרען אין דיזען שטרייט 80,000 מאַן, וועהרענד די פערבינדעטע מעכטען האָבען פערלאָרען נאָר 50,000 קריגער.

די פראַנצויזען זיינען יעצט געלאָפען מיט גרויס איילעניש אי-בער ערפורט צום רהיין. מען האָט ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מען איז הונגעריג און מיד. ביי האַנאַו האָט דער באַיערישער גענעראַל ווערעדע

שלאָסען צו נעהמען יעצט ראַכע. אויך שוועדען איז צוגעשטאַנען צו די פערבינדעטע און האָט געשיקט מיליטער נאָך פּאָממערן. די פערבינדעטע האָבען געהאַט אין פעלד אַן ערך 800,000 מאַן, ווערענד פראַנקרייך האָט דערווייל געהאַט נאָר 500,000 קריגער. אַזעלכע גרויסע מיליטער־מאַסען האָט נאָך די וועלט ביז דאַן ניט געזעהען.

דעם 26טען און 27טען אויגוסט איז ווידער פאָרגעקומען אַ שלאַכט צווישען נאַפּאָלעאָן'ען און די פערבינדעטע ביי דרעזדען און נאַפּאָלעאָן האָט ווידער געזיגט. די פערבינדעטע אַרמעען האָבען געליטען אַ גרויסע נידערלאַגע. 12,000 עסטרייכער זיינען געפאַנגען געוואָרען. און נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט דאָס פערגניגען צו זעהן, ווי זיין געגנער און פיינד מאָראָ, וועלכען ער האָט אַרויסגעטריבען פון פראַנקרייך און וועלכען דער רוסישער קייזער אַלכסנדר האָט גערופען צו זיך פון אַמעריקאַ, ווי דיזער מאָראָ איז אַוועקגעטראָגען געוואָרען פון שלאַכטפעלד אַ טויטליך־פערוואונדעטער אויף אַ טראָג־בעטעל. אָבער דיזער זיג איז געוועזען דער לעצטער. נאָכדעם האָט זיך דאָס גליק פון איהם אָפּגעקעהרט. שוין אין דער זעלבער צייט, ווען נאַפּאָלעאָן האָט געזיגט ביי דרעזדען, האָט גענעראַל בליכער געהאַט אַ גלענצענדען זיג איבער די פראַנצויזען אונטער מאַקדאָנאַלד אין דעם שטרייט ביי קאַטצבאַך אין שלעזיען. די פראַנצויזען האָבען פערלאָרען 18,000 געפאַנגענע און 100 קאַנאָנען. באַלד נאָכדעם האָבען די פראַנצויזען געהאַט נאָך אַ נידערלאַגע ביי קולם און נאָללענדאָרף. אין דיזער שלאַכט איז געפאַנגען געוואָרען דער גענעראַל וואַנדאַממע מיט 10,000 מאַן. אַ דריטע מפלה האָבען געהאַט די פראַנצויזען אונטער דעם גענעראַל נעי ביי גראָססבעערען (23טען אויגוסט) און דעננעוויטץ (6טען סעפּטעמבער) פון דער פעראייניגטער אַרמעע פון די פּרייסען און שוועדען.

צוליב דיזע מפלות פון זיינע קאָמאַנדירען האָט נאַפּאָלעאָן ניט געקענט הינדערן די 3 אַרמעען פון די פערבינדעטע — די נאָרדליכע אַרמעע אונטער דעם שוועדישען קרוין־פּרינץ, די שלעזישע אונטער גענעראַל בליכער און די הויפּט־אַרמעע אונטער שוואַרצענבערג — צו פעראייניגען זיך ניט ווייט פון איהם. די געפאַהר פיר איהם איז געוואַקסען פון אַלע זייטען. זיין פּרינציפּ איז אימער געווען צו שלאָגען די אַרמעען פון די פערבינדעטע איינציגווייז איידער זיי פעראייניגען זיך; אָבער דיזען מאָל איז עס איהם ניט געלונגען דורכצופיהרען. זיינע פערבינדונגען מיט'ן רהיין זיינען שוין געוואָרען אונזיכער. עס איז איהם געבליבען צו וועהלען איינעם פון די צוויי

וואוסט, דאָס די שלעזישע אַרמעע פון די פערבינדעטע קען ניט מאַרשירען צוזאַמען מיט דער הויפּט־אַרמעע, ווייל עס האָט איהר געפעהלט פּראָוויזיאָן, דעריבער האָט ער געוואַגט שיקען אַ קליינע צאָהל טרופּען צו שטערען שוואַרצענבערג'ס אַרמעע פּאָרטצוזעצען דעם מאַרש, און אליין האָט ער זיך מיט זיינע טרופּען געוואָרפען שנעל ווי אַ פייל פון בויגען אויף בליכער'ס אַרמעע, וועלכע האָט עס גאָרניט ערוואַרטעט. אין פינף טעג האָט ער גע־וואונען פינף שטרייטען, אַזוי דאָס בליכער איז געווען געצוואונגען צוריק־צוטרעטען (10טען—14טען פעברואַר). דאַן האָט ער זיך געווענדעט געגען די הויפּט־אַרמעע פון די פערבינדעטע און האָט זי שנעל בעזיגט אין צוויי ערטער: ביי נאַנזשים און מאָנטעראָ (17טען—18טען פעב־רואַר) און האָט זי געצוואונגען צוריקצוטרעטען נאָך טראָיעס (טרואַ).

דיזע נייע נידערלאַגען האָבען זעהר ענטמוטיגט די פערבינדעטע און זיי זיינען געווען צופרידען אָנצונעהמען די פרידענס־בעדינגונגען, וועלכע זיינען פאָרגעשלאָגען געוואָרען וועהרענד די פערהאַנדלונגען פון פרידען אין שאַטיללאָן. אָבער נאַפּאָלעאָן האָט יעצט געפאָדערט אַזוי פיעל, דאָס די פערבינדעטע האָבען פיר קיין פאַל ניט געקענט איינשטימען, און האָבען דעריבער בעשלאָסען אָפּצוברעכען אַלע פערהאַנדלונגען און פאָרטצוזעצען דעם קריג. די פערבינדעטע האָבען דערווייל ווידער בעקומען מוט דורך דעם, וואָס נאַפּאָלעאָן'ס ביטערסטער פיינד, בליכער, האָט דערווייל גע־שלאָגען די פראַנצויזען אין 2 שלאַכטען ביי קראַאָננע און לאַאָן (7טען און 9טען מערץ). יעצט האָבען די פערבינדעטע בעשלאָסען אָנצו־ווענדען אַלע קרעפטען צו נעהמען פּאַריז און אַרונטערזעצען נאַפּאָלעאָן'ען פון טראָן. נאַפּאָלעאָן האָט אין דיזער צייט געפּאַסט אַ בעשלוס איבערצו־טראָגען דעם צענטער פון קריג צווישען רהיין און מאָזעל. אָבער די פער־בינדעטע האָבען זיך ניט אָפּגעשטעלט ביי דער גרענעץ, ווי נאַפּאָלעאָן האָט גערעכענט, נאָר זיי זיינען געגאַנגען אויף פּאַריז. די רעסטען פון דער פראַנ־צויזישער אַרמעע האָבען געמוזט געהן צוריק נאָך פּאַריז אום צו בעשיצען די שטאָדט געגען די אָנגריפען פון פיינד. דאָ האָט יאָזעף באָנאַפּאַרטע געפיהרט די פערטיידיגונג, וועלכע איז אָבער צוליב געוויסע אינטריגעס געפיהרט געוואָרען זעהר ניט געלונגען, אַזוי דאָס די שטאָדט האָט ניט גע־קענט ביישטעהן געגען די אָנגריפען פון פיינד און האָט זיך אונטערגעגעבען צו די פערבינדעטע (30טען מערץ).

אָן דער שפּיץ פון 200,000 מאַן זיינען די מאָנאַרכען מיט די קאָמאַנ־דירען אַריין אין פּאַריז. יעצט האָט זיך אָנגעהויבען אַ טעטיגע אַרבייט פון

געפּרובט פערשטעלען דעם וועג דער פראַנצויזישער אַרמעע, וואָס איז גע־לאָפען צוריק אַהיים. ער האָט אָבער געכאַפּט פון די פראַנצויזען אַ מפּלה (30טען און 31טען אָקטאָבער), אַזוי דאָס די פראַנצויזען האָבען געקענט אונגעשטערט פאָרטזעצען זייער וועג איבער פראַנקפורט. דער רעסט פון דער פראַנצויזישער אַרמעע איז דאַמאָלס בעשטאַנען נאָר פון 70,000 מאַן, אָבער דיזע זיינען געווען שרעקליך אויסגעמאַטערט. די סאָלדאַטען זיינען געווען אַזוי שוואַך, דאָס נאָך איידער דאָס יאָהר האָט זיך געענדיגט זיינען אַ העלפט פון זיי צושטאָרבען אין די האָספּיטעלער.

די פאָלגען פון דער שלאַכט ביי לייפּציג זיינען געווען פיר נאַפּאָלעאָן'ען זעהר טרויעריג. דער רהיין־בונד איז אויפגעלעזט געוואָרען. די שטאַאַטען זיינען איינער נאָך דעם אַנדערען איבערגעגאַנגען צו די פערבינ־דעטע. דאָס קעניגרייך וועסטפאַלען האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירען אַלס אַ בעזונדער קעניגרייך. די קורפירסטען פון העססען און די הערצאָ־גען פון ברוינשווייג און אָלדענבורג האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו זייערע שטאַאַטען, און דער קעניג פון זאַקסען איז אריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגניס. באַלד איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז מען זאָל אריבערגעהן דעם רהיין אום אָנצוגרייפען פראַנקרייך. אָנפאַנגס איז עסטרייך געווען געגען דעם און האָט פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל בעסער אָנפאַנגען אונטערהאַנדלונ־גען מיט פראַנקרייך וועגען שליסען פרידען. אָבער מען האָט זיך באַלד איבערצייגט, דאָס נאַפּאָלעאָן דענקט גאָרניט וועגען פרידען און וויל ניט הערען דערפון, און ער גרייט זיך פאָרטצוזעצען דעם קריג. דאַמאָלס איז בליכער דער ערסטער אריבער דעם רהיין. דאָס איז געשעהען אין דער נאַכט פון ניי־יאָהר 1814 ביי קאוב און אַנדערע ערטער צווישען מאַנג־היים און קאָבלענץ. שווארצענבערג מיט דער הויפּט־אַרמעע איז דורך די שווייץ אַריין אין זיד־אָסט־פראַנקרייך. אויך איבער די פּירענעען האָ־בען זיך פיעלע פיינד פערנאַנדערגעשפּרייט איבער פראַנקרייך. דאָס האָ־בען זיך פעראייניגט ענגלענדער, שפּאַניער און פּאָרטוגעזען צו בעפאַלען פראַנקרייך.

געגען דיזער אונגעהייערער מיליטערישער מאַסע האָט נאַפּאָלעאָן גע־קענט שאַפען זעהר אַ קליינע און אַ שוואַכע מאַכט: קליינע רעסטען פון זיין אַרמעע און אַ קליינע צאָהל פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבען אין איילענים. נאַפּאָלעאָן האָט געוואָלט איבער־אַ־נייס שאַפען אַ גרויסע אַרמעע, אָבער ער האָט בעגעגענט שטרענונגען. דאָ איז איהם ווידער געקומען צו הילף זיין גרויסער קריגס־זשעניע. ער האָט גע־

האַט אַלס איהר אויפגאַבע צו פערניכטען אַלעס, וואָס די פראַנצויזישע רע-וואָלוציאָן און נאַפּאָלעאָן האָבען פערענדערט אין אייראָפּאַ. דער קאָנגרעס האָט בעדאַרפט צוריק איבערגעבען צו די אַרונטערגעזעצטע פירסטען זייער ערשאַפט מיט זייערע לענדער און אָפּשאַפען אַלע רעפּובליקאַנישע פער-פאַסונגען. וועגען דיזע פונקטען האָבען זיך אַלע גיך געאייניגט, נאָר ווען עס איז געקומען צו בעשטימען וויפיעל יעדע פון די שטרייטענדע מעכטען פון פערבאַנד זאָל בעקומען אַלס ערזאַץ פיר די פערלוסטען, וואָס זי האָט געליטען פון דעם שטרייט, דאָ האָבען זיך צווישען די קאָנגרעס־לייט אָנגע-הויבען רייסערייען. דער עסטרייכישער מיניסטער מעטטערניך האָט געברויכט אַלערליי שפּיצלאַך און אינטריגעס אום צו פערשפּרייטען האַס צווישען די מיטגלידער פון קאָנגרעס אום צו ציהען דערפון נוצען פיר עסט-רייך. די שפּאַנונג האָט דערלאַנגט צו אַזאַ שטופּע, דאָס עס האָט געהאַל-טען, אַז די מעכטען זאָלען ערקלערען קריג איינע די אַנדערע. עס האָט גע-האַלטען דערביי, דאָס די מיטגלידער פון קאָנגרעס זאָלען פערלאָזען וויען אָהן אַ בעשלום. פּלוצלינג איז אָנגעקומען אַ ידיעה, דאָס נאַפּאָלעאָן איז צוריקגע-קומען פון זיין אינזעל עלבאַ. דאָס האָט געצוואונגען דעם קאָנגרעס צו איינינגען זיך און מאַכען אַן ענדע צו אַלע זייערע סכסוכים. דער קאָנגרעס האָט ערקלערט דעם רוהע־שטערער (נאַפּאָלעאָן) אויסער דעם געזעץ און האָט גלייך צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסע מאַכט, וואָס זאָל זעהן, אַז דער פּאַריזער טראַקטאַט זאָל פּינקטליך אויסגעפיהרט ווערען.

נאַפּאָלעאָן האָט געוואַגט צוריקקומען פון זיין אינזעל עלבאַ, ווייל ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז זעהר ניט צופרידען מיט דעם בורבאָנישען הערשער. דאָס ערסטע, וואָס דיזער הערשער האָט געטאָן, איז געוועזען, צו פערוואַרפען דעם הויפּט־פּרינציפּ פון דער רעוואָלו-ציאָן, דאָס דער קעניג קריגט זיין מאַכט ניט פון גאָט׳ס גנאַדען, נאָר פון פאָלק. ער האָט אַרויסגעלאָזען אַ נייע פערפאַסונג, לויט וועלכער דער קע-ניג אַליין האָט די מאַכט דורכצופיהרען די געזעצען, ער אַליין האָט דאָס רעכט צו ערקלערען קריג און שליסען פרידען. הגם ער האָט געלאָזען די מאַכט און רעכט פון מאַכען געזעצען צום פאָלק, האָט ער אָבער דיזעס רעכט שטאַרק בעשרענקט דערמיט, וואָס ער האָט נאָר דער רעגירונג געגעבען דאָס רעכט צו מאַכען פאָרשלאַגען וועגען נייע געזעצען. דער בורבאָנישער הויף האָט זיך געמאַכט פערהאַסט ביים פאָלק דורך זיינע רעאַקציאָנערע מאַס-רעגלען, ווי אויך דורך דעם, וואָס ער האָט בעליידיגט די אַרמעע און די רעוואָלוציאָנס־מענער.

די בורבאָנען און זייער פּאַרטיי אום צו פערנעהמען צוריק דעם טראָן. דער סענאַט, וועלכער איז פריהער געקראָכען אויף אַלע פיער אום צו שמייכלען נאַפּאָלעאָן'ען, האָט יעצט, דעם 1טען אַפּריל 1814, איהם אַרונטערגעזעצט פון טראָן און האָט פערפאַסט אַ נייע קאָנסטיטוציאָן. די קרוין איז איבערגעגעבען געוואָרען צו דעם גראַף פון אַרטואַ, דעם ברודער פון לודוויג דעם 16טען, און ער האָט בעשטעטיגט די הויפּט־פּרינציפּען פון רעפּרעזענטעטיוו־סיסטעם.

נאַפּאָלעאָן מיט זיין טרייער גוואַרדיע האָט זיך דאַמאַלס געפונען אין פאָנטעינעבלאָ. ער האָט לאַנג ניט געוואוסט וואָס צו טאָן; ער האָט וועניגסטענס געוואָלט, אַז זיין זוהן זאָל בעשטימט ווערען אַלס זיין נאָכפאָלגער, און ער זאָל זיך אַליין ענטזאַגען פון טראָן אום זיין זוהן זאָל איהם בעקומען. אָבער די פערבינדעטע האָבען עס ניט געוואָלט הערען און האָבען איהם געצוואונגען אונטערצושרייבען זיך אונטער דעם אַקט, דאָס ער האָט זיך ענטזאַגט פון טראָן. מען האָט איהם איבערגעגעבען די אינזעל עלבאַ אַלס אייגענטום מיט אַן איינקונפט פון 2 מיליאָנען אַ יאָהר, און אויסער דעם זאָל ער האָבען אַרום זיך 4,000 מאַן פון זיין טרייער גוואַרדיע. די קייזערין האָט ערהאַלטען דאָס הערצאָגטום פּאַרמאַ מיט דעם רעכט צו איבערלאָזען עס אַלס ירושה פיר איהר זוהן. אויך די איבריגע מיטגלידער פון דער פאַמיליע באָנאַפּאַרטע האָבען בעקומען רייכע מתנות. דעם 30טען אַפּריל האָט נאַפּאָלעאָן גענומען אָפּשייד פון זיין טרייער גוואַרדיע, וועלכע האָט ביטער געוויינט איבער זיין פאַל, און איז אוועק צום זידליכען ברעג פון ים צו זיין בעשטימטען אָרט, דער אינזעל עלבאַ. דאָס פאָלק האָט איהם בעגלייט מיט קללות פיר די ליידען, וואָס ער האָט איהם פערשאַפט — דאָס זעלבע פאָלק, וואָס האָט איהם פריהער פערגעטערט.

מיט איינינגע וואָכען שפּעטער, דעם 30טען מאַי 1814, איז אָפּגעשלאָסען געוואָרען דער ערסטער פּאַריזער פרידען. גאַנץ אייראָפּאַ האָט אָפּגעאָטעמט פריי. פראַנקרייך האָט ערהאַלטען אַ נייע פערפאַסונג, לודוויג דער 18טער איז געוואָרען איהר קעניג און איהרע גרענצען זיינען געוואָרען די זעלבע ווי אין יאָהר 1792. דאָס פערמעדע מיליטער פון די פערבינדעטע האָט פערלאָזען דעם פראַנצויזישען באָדען, און דער קאָנגרעס פון וויען האָט גענומען אויסאַרבייטען די בעדינגונגען פון דער נייער אָרדנונג אין אייראָפּאַ.

דיזער קאָנגרעס האָט געדויערט פון סעפּטעמבער 1814 ביז יוני 1815. עס איז געווען אַ זעהר זעלטענע גלענצענדע פערזאַמלונג, וועלכע האָט גע-

וואָלוציאָן; דיזעס האָט נאָך מעהר בעפעסטיגט זיין לאַגע און דאָס גאַנצע פאָלק איז ווידער געווען מיט איהם.

נאַפּאָלעאָן האָט אויך פערזיכערט די אויסלענדישע מעכטען, דאָס ער וועט הייליג אָפּהיטען דעם פּאַריזער פרידען, אָבער דאָס האָט איהם ניט גע-האָלפען געגען אייראָפּאַ; אַלע אויסלענדישע מעכטען האָבען זיך איבער-אַ-ניים פעראייניגט געגען איהם. זיי האָבען זיך פריהער גענומען צו מו-ראַט'ן, נאַפּאָלעאָן'ס שוואָגער, וועלכער האָט ניט געפאָלגט נאַפּאָלעאָן'ס וואַרנונג, אַז ער זאָל ניט מאַכען קיין איבעראייַלטען שריט, און האָט דורך זיין מאַניפעסט פון 31טען מערץ 1815 אָפּגערופען אַלע פעלקער פון אי-טאַליען צום קאַמף פיר די איינהייט פון לאַנד און איז בעפאַלען רוים מיט 30,000 מאַן. די עסטרייכער האָבען גיך געבראַכט אין אויבער-איטאַליען אַ גרויסע אַרמעע און האָבען בעזיגט מוראַט'ן אין דער שלאַכט ביי טאָ-לענטינאָ (2טען מאַי 1815). מוראַט האָט געמוזט ענטלויפען. די עסטרייכער האָבען אַריינגעמאַרשירט אין זיין הויפּטשטאָדט נעאַפּעל און האָבען איבערגעגעבען דאָס קעניגרייך צו זיין אַלטען הערשער פערדי-נאַנד פון סיציליען.

יעדע פון די פעדבינדעטע מעכטען האָט זיך פערפליכטעט צו שיקען 150,000 מאַן אום צו בעקעמפען נאַפּאָלעאָן'ען. די פערבינדעטע זיינען יעצט געווען: ענגלאַנד, עסטרייך, פּרייסען און רוסלאַנד. עס זיינען צוגעגרייט געוואָרען פיר דעם קאַמף מיט נאַפּאָלעאָן'ען 600,000 מאַן, אָבער עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז מען זאָל פערגרעסערן די אַרמעע ביז 800,000 מאַן. דער פּלאַן איז געמאַכט געוואָרען, דאָס שוואַרצענ-בערג זאָל מיט דער עסטרייכישער אַרמעע און די סאָלדאַטען פון זיד-דייטשלאַנד אַריבער דעם אויבער-רהיין, באַרקלעי דע טאָללי זאָל מיט די רוסען אַריבערטרעטען דעם מיטעל-רהיין, בליכער מיט די פּרייסען און זאַקסען דעם אונטער-רהיין און וועללינגטאָן מיט די ענגלישע, האַננאָווערישע און האָללענדישע טרופּען זאָלען בעזעצען די נידערלאַנדען. אום דאָס פאָלק זאָל געהן אין שטרייט מיט מעהר אייפער און ענטהוזיאַזם האָט דער פּרייסישער קעניג פערשפּראָכען צו געבען אַ קאָנסטיטוציאָנעלע פערפאַסונג, און ער האָט געגעבען אַ בעפעהל, דאָס דעם 1טען סעפּטעמבער זאָל צוזאַמענקומען אין בערלין אַ פערזאַמלונג פון ער-וועהלטע פּערזאָנען און בעאַמטע אום אויסצואַרבייטען די פּונקטען און פּרינציפּען פון דער נייער פערפאַסונג.

נאַפּאָלעאָן׳ס אָפּיצערען האָט מען ארויסגעשיקט פון דער אַרמעע און דערביי האָט מען פאַר זיי געהאַלטען בעליידיגענדע רעדעס. נאַפּאָלעאָן׳ס גוואַרדיע האָט מען געשיקט אהיים און אָנשטאַט איהר האָט מען גענומען שווייצאַרישע סאָלדאַטען. אָבער די גייסטליכע, דער אַדעל און די עמי־גראַנטען האָבען זיך יעצט געפיהלט פעסט אין זייער שטאַנד און האָבען געבראַכט אַלערליי מיטלען אום צוריק צו געווינען זייערע פערלאָרענע גי־טער און פריווילעגיעס פון דער אַלטער פעאָדאַל־צייט. מען האָט זאָגאַר גערעדט וועגען דעם, אַז מען זאָל פערניכטען אַלעס, וואָס איז געענדערט געוואָרען אין די לעצטע 25 יאָהר. אַלעס, וואָס איז ביים פאָלק געוועזען הייליג אַלס דער אידעאַל פון דער רעוואָלוציאָן, האָבען יעצט די גייסטליכע און דער אַדעל געוואָלט פערניכטען, רעכנען עס פיר אַ פערברעכען, פיר וועלכעס מען זאָל שטרענג בעשטראָפט ווערען אויף דעם אַלטען שטייגער.

די אונצופרידענהייט פון די מאַסען פון פאָלק איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. בעזונדערס האָט געשטיגען די אונצופרידענהייט, ווען עס זיינען צוריקגעקומען אין לאַנד 100,000 סאָלדאַטען פון נאַפּאָלעאָן׳ס אַרמעע, וועלכע זיינען געוועזען פול מיט בעגייסטערונג פיר נאַפּאָלעאָן׳ס זשעניע. דיזע אַלע ענדערונגען און אונצופרידענהייטען האָט נאַפּאָלעאָן גוט געוואוסט זייענדיג אויף זיין אינזעל עלבאַ. זיין האָפנונג וויעדער צוריקקעהרען זיך אויף דעם טראָן איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. דעם 1טען מערץ 1815 איז ער וויעדער אָנגעקומען אין פראַנקרייך מיט 900 פון זיין גוואַרדיע און איינינע אַנדערע וואָלונטירען. ער האָט באַלד צושיקט איינינע פּראָקלאַמאַציאָנען, אין וועלכע ער האָט פערשפּראָכען דעם פאָלק צוריקצוגעבען איהם אַלע רעכטען, וועלכע די רעוואָלוציאָן האָט איהם געגעבען; די סאָלדאַטען האָט ער פערשפּראָכען קריגס־רוהם, די בירגער האָט ער צוגעזאָגט פערבע־סערן די אינדוסטריע און דעם האַנדעל. מיט דיזע פּראָקלאַמאַציאָנען האָט ער צוגעצויגען צו זיך די מעהרסטע פון פאָלק. וואוהין ער איז געקומען איז ער אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס ענטהוזיאַזם. ענדליך איז ער אָנגעקומען אין פּאַריז. די מאַסען, וואָס האָבען זיך אַרום איהם פערזאַמעלט, זיינען געוואַקסען יעדען טאָג. די טרופּען, וואָס די רעגירונג האָט געשיקט געגען איהם, זיינע אַלע איבערגעגאַנגען אויף זיין זייט. דער קעניג איז ענטלאָפען נאָך גענט. אין צייט פון דריי וואָכען איז נאַפּאָ־לעאָן געוואָרען דער הערשער פון לאַנד אָהן שום בלוט־פערגיסונג. ער האָט געמאַכט איינינע ענדערונגען אין דער פערפאַסונג אין דעם זין פון דער רע־

געשטעלט און איז אַרויף פיר שוץ אויף דאָס ענגלישע שיף בעללע-ראָפאָן, ווייל ער האָט גערעכענט אויף די גרויסמוטיגקייט פון די ענג-לענדער. ער האָט זיך אָבער פעררעכענט. די פערבינדעטע האָבען איהם ערקלערט אַלס זייער געפאַנגענעם און האָבען איהם פערשיקט אויף די איינ-זאַמע פעלזיגע אינזעל סט. העלענאַ אין אַטלאַנטישען אָקעאַן.

דעם 16טען אָקטאָבער איז נאפּאָלעאָן אָנגעקומען אויף סט. העלענאַ. נאָר איניגע פריינד האָבען געטיילט זיין שיקזאַל און זיינען מיט איהם פער-בליבען אויף דיזער איינזאַמער אינזעל. דאָ האָט נאפּאָלעאָן פערבראַכט זיינע לעצטע טעג איינזאַם, ווייט פון זיין פאַמיליע און פון זיינע פריינד אין פאָלשטענדיגער אונטעטיגקייט. די שווערע ליידען איבער זיין אונטער-גאַנג און די שטרענגע גראָבע בעהאַנדלונג פון דעם גובערנאַטאָר פון דער אינ-זעל האָבען איהם גיך געבראָכען קערפּערליך און גייסטיג. דעם 5טען מאַי 1821 איז ער געשטאָרבען, און דעם 28טען מאַי איז ער בעערדיגט געוואָ-רען אין דעם טאָל סטאַנע.

נאָך דעם, ווי נאפּאָלעאָן האָט אָפּגעדאַנקט פון טראָן, איז באַלד גע-גרינדעט געוואָרען אַ פּראָוויזאָרישע (דערווייליגע) רעגירונג. אָן דער שפּיץ פון דיזער רעגירונג איז געשטאַנען פּושע. דער ציל פון דיזער רעגי-רונג איז געוועזען אַרויפצוזעצען צוריק אויף'ן פראַנצויזישען טראָן די בור-באָנישע דינאַסטיע. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ גאַנצע רייהע פון אינטרי-גען. לודוויג דער 18טער, וועלכער איז געוועזען אין גענט, וואוהין ער איז אַנטלאָפען אין דער צייט, ווען נאפּאָלעאָן איז צוריקגעקומען אין פראַנקרייך פון זיין אינזעל עלבאַ, האָט אַרויסגעלאָזען צום פראַנצויזישען פאָלק אַ פּראָקלאַמאַציאָן, אין וועלכער ער האָט צוגעזאָגט דעם פאָלק אַלערליי גליקען, און וועלכע איז אין אַלגעמיין געשריבען געוואָרען אין אַ זעהר פריינדליכען טאָן. אום צו זיין זיכערער מיט זיין ערפאָלג האָט לודוויג דער 18טער געמאַכט דעם אַלטען קעניג-מערדער פושע אַלס מיניסטער, און דיזער, אַלס דאַנק פיר דיזער שטעלע, האָט געגעבען צו וויסען דעם פאָלק, דאָס די פער-בינדעטע מעכטען זיינען אַלע איינשטימיג, דאָס לודוויג דער 18טער זאָל וויעדער בעשטייגען דעם טראָן. די ביידע קאַמערן פון די פאָלקס-פערטרע-טער זיינען באַלד אויפגעלעזט געוואָרען.

דערווייל איז בליכער אַריין אין פּאַריז. שוין פריהער (7טען יולי) איז ציעטען אַריין אין די פראַנצויזישע הויפּטשטאָדט. די סאָלדאַטען פון די מעכטען האָט מען צושטעלט אין די קוואַרטירען פון די בירגער אום זיי מעהר איינצושרעקען. בליכער האָט אַרויפגעלעגט אויף די פראַנצויזען אַ

נאפאלעאן האט צוזאמענגענומען זיינע שטרייט־קרעפטען און האט זיך געאיילט צו בעפאלען דעם פיינד איידער די מעכטען האבען נאך געקענט בעוויזען פארצובערייטען די פערשפראכענע ארמעען און זיך גוט פעראייניגען. אין א קורצער צייט איז ער אנגעקומען מיט זיין ארמעע אין בעלגיען. דארטען זיינען געשטאנען בליכער מיט דער פרייסישער ארמעע און וועללינגטאן מיט די ענגלענדער און האללענדער. דעם 16טען יוני איז נאפאלעאן בעפאלען בליכער'ן ביי ליגני און האט איהם בעזיגט, און דער גענעראל נעי האט געהינדערט וועללינגטאן'ען צו העלפען בליכער'ן. מיט 2 טעג שפעטער, דעם 18טען יוני, האט נאפאלעאן אנגעגריפען וועללינגטאן'ען ביי וואטערלאא. נאפאלעאן האט אנגעווענדט זיינע לעצטע קרעפטען אום צו געווינען דעם שטרייט; דא איז אבער בליכער אין צייט געקומען וועללינגטאן'ען צו הילף און נאפאלעאן האט געליטען א שרעקליכע נידערלאגע. די פראנצויזען זיינען מיט שרעק און אין אונארדנונג צולאפען פון שלאכטפעלד. נאפאלעאן זעלבסט האט זיך קוים גערעטעט פון די פערפאלגער. אהן א הוט און אהן א דעגען איז ער ענטלאפען פון שלאכטפעלד. די גאנצע נאכט האבען איהם נאכגעיאגט 2 רעגימענטען רייטער. דיזע ראסטלאזע פערפאלגונג האט פערפאלקאמט זיין אונגליק.

דעם 20טען יוני איז נאפאלעאן אנגעקומען אין פאריז. דא האט ער געפונען א שרעקליכע ענדערונג. די קאמערן האבען מעהר ניט געוואלט הערען פון קיין קאמף און האבען אנגעווענדט אלעס צו רעטען דאס לאנד. זיי האבען פון נאפאלעאן'ען געפאדערט, אז ער זאל אפדאנקען פון טראן, און האבען ערקלערט, דאס ווען ער וועט עס ניט טאן, וועט מען איהם אראפזעצען און פערהאפטען. דעם 22טען יוני האט נאפאלעאן אריינגעשיקט צו די קאמערן זיין אפדאנקונג צו גונסטען פון זיין זוהן נאפאלעאן דעם 2טען. דערפאר האבען איהם די קאמערן אויסגעדריקט א דאנק אין נאמען פון פאלק. דעם 26טען יוני האט ער פערלאזען פאריז טיף גע־קרענקט און איז אוועק נאך מאלמעיזאן. פון דאנען האט ער נאך א מאל אריינגעשיקט צו דער דערוויילונגער רעגירונג זיין פראיעקט צו דינען אין דער פראנצויזישער ארמעע נאר אלס אויבער־קאמאנדיר. די רעגירונג האט ענטזאגט צו ערפילען זיין וואונש און האט איהם זאגאר געצוואונגען, אז ער זאל פערלאזען אייראפא און בעזעצען זיך אין אמעריקא. דעם 29טען יוני האט ער פערלאזען מאלמעיזאן און דעם 3טען יולי איז ער געקומען אין ראשעפארט. דא האט ער געפונען דעם ברעג פערבלאקירט פון די ענגלענדער. ער האט נאך געקענט פון דארט ענטלויפען, ער האט אבער איינ־

קאָנטריבוציאָן פון 100 מיליאָנען פראַנקס. אויסער דעם האָבען זיי גע-מוזט געבען די סאָלדאַטען פיר 2 מאָנאַטען געהאַלט און די נעטיגע שפּייז און קליידונג פיר דיזע צייט. יעצט זיינען די אויסלענדישע מעכטען געווען זעהר שטרענג און האַרט צו די פראַנצויזען. די מילדקייט, מיט וועלכער זיי האָבען בעהאַנדעלט די בעזיגטע אין פאָריגען יאָהר, איז אין גאַנצען פער-שוואונדען געוואָרען. לודוויג דער 18טער איז שוין פריהער געקומען אין פּאַריז אונטער דעם שוץ פון דעם ענגלישען גענעראַל וועללינגטאָן. די אַלטע אָרדנונג פון דער בורבאָנישער רעגירונג איז ווידער אריין אין קראַפט, און דאַן איז געשלאָסען געוואָרען דער צווייטער פּאַריזער פרי-דען. די גרענצען פון פראַנקרייך זיינען לויט דיזען פרידען פעסטגע-שטעלט געוואָרען די זעלבע ווי אין יאָהר 1790. אויסער דעם האָט פראַנק-רייך געמוזט צוריקגעבען אַלע טייערע קונסט-זאַכען, וועלכע זי האָט גערויבט פון די אונטערדריקטע פעלקער, בעצאָהלען 700 מיליאָנען אַלס קריגס-קאָנ-טריבוציאָן און אויסהאַלטען אין פראַנקרייך 5 יאָהר אויף איהרע הוצאות אַן אַרמעע פון 15,000 סאָלדאַטען פון די פערבינדעטע מעכטען.

דער וויענער קאָנגרעס איז ניט אונטערגעבראָכען געוואָרען דורך דעם, וואָס נאַפּאָלעאָן איז צוריקגעקומען פון דער אינזעל עלבא. די הויפּט-אַר-בייט פון קאָנגרעס איז געווען איינצואָרדנען די טעריטאָריעס פון די איי-ראָפּעאישע הערשער. אויך די פּוילישע פראַגע האָט געפאָדערט ביים קאָנ-גרים פיעל צייט און מיה. א גרויסע ראָלע האָבען געשפּילט ביי די ענט-שיידונגען פון קאָנגרעס אַלערליי אינטריגעס. מיר לאָזען דורך די צאַנ-קערייען און די דעבאַטען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין קאָנגרעס צוליב די נייע בעשטימונגען פון די גרענצען פון די פערשיידענע טעריטאָריעס און הערשאַפטען, ווייל עס וועט זיין פיר דעם לעזער צו לאַנגווייליג. נאָר וועגען ווארשא געפינען מיר פיר נעטיג צו דערמאָהנען, דאָס דער קאָנגרעס האָט בעשלאָסען צו פערגרעסערן און ערהייבען דאָס הערצאָגטום ווארשא צו א קאָנסטיטוציאָנעלען קעניגרייך פוילען, און דאָס די קרוין פון דיזען קעניגרייך זאָל איבערגעגעבען ווערען צום רוסישען קייזער, אַזוי דאָס פון דאַמאָלס אָן האָט דער רוסישער קייזער בעקומען א צוגאָב צו זיין פריהער-דיגען טיטעל אויף דעם טיטעל „קעניג פון פוילען“.

די בעשלוסען פון קאָנגרעס וועגען די טעריטאָריעס פון דייטשען בונד זיינען געווען נאָך פיעל ערגער ווי זיינע בעשלוסען וועגען אַנדערע טערי-טאָריעס. מיט גרויס מיה האָט מען צוזאַמענגעבונדען די 39 פערשיידענע מלוכה׳לאַך פון זיד-דייטשלאַנד אין איין בונד, וועלכער איז נאָך אַלעמען



נאַפּאָלעאָן אויף סט. העלענא.

די געשיכטע פון ענגלאַנד.

א. די ערפינדונגען און די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט.

די געשיכטע פון ענגלאַנד זינט דעם לעצטען דריטעל פון 18טען יאָהרהונדערט איז איינע פון די אינטערעסאַנטעסטע עפּאָכען אין דער וועלט־געשיכטע. פון יענער צייט אָן איז פאָרגעקומען אין דער ענגלישער געזעלשאַפט אַזאַ רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכען ניט. די רעוואָלוציאָן איז פאָרגעקומען ניט דורך די מאַכט פון שווערד, ניט דורך פּאָליטישע איבערקעהרעניסען, נאָר דורך די קראַפט פון מענשליכען גייסט און דורך די מאַכט פון אַרבייט. צום ערסטען מאָל האָט די אַרבייט געפייערט אַ גלענצענדען טריאומף. זי האָט בעוויזען, ווי אונענדליך שטאַרקער זי איז פון דעם שווערד. זי האָט בעוויזען, דאָס זי איז אין שטאַנד אין איניגע יאָהרען אַזוי צו פערענדערן און צו ענטוויקלען די געזעלשאַפט, ווי דער שווערד איז עס ניט געווען אין שטאַנד צו טאָן אין פיעלע יאָהרהונדערטער. דער שרייבער פון קולטור־געשיכטע, וועלכער אינטערעסירט זיך איבערהויפּט מיט די פריידען און ליידען פון גאַנצען פאָלק און ניט נאָר פון די פירסטען און די מעכטיגע, קען ניט געפינען קיין ערהאַבענערע שוישפּיל, ווי די ענדערונג אין דער אינדוסטריע אין ענגלאַנד. דיזע שוישפּיל ווערט איהם אָנפילען מיט האָפנונג, דאָס די אַרבייט וועט פיהרען די מענשהייט צו דער העכסטער שטופע פון גליק. און הגם דער היסטאָריקער וועט אויך אויסגעפינען, דאָס דיזע גרויסע ענדערונג אין דער אינדוסטריע האָט געבראַכט פיעלע פון דער מאַסע אין עלענד, פערשקלאַפענדיג זייער אַרבייט, דאָך וועט ער געפינען אַ טרייסט אין דיזען צושטאַנד, וועלכער איז דאָך ניט מעהר ווי אַן איבערגאַנג צו אַ בעסערער צייט ; ער וועט דיזען צושטאַנד

געוועזן זעהר שוואַך צוזאַמענגעקניפּט. דער הויפּט־אָרגאַן פון דיזען דייטשען בונד איז געוועזן דער „בונדעס־טאַג″, וועלכער האָט געהאַט זיינע זיצונגען אין פראַנקפורט אַם מאַין. אָבער דיזער אָרגאַן האָט ניט געהאַט די נעטיגע מאַכט צו פערטרעטען די נאַציאָן אין אויסלאַנד, און אויך ניט צו בעזאָרגען און צו רעגולירען די אינערליכע לעבענס־אינטערעסען. אויסער דעם איז דער דייטשער בונד געוועזן נאָר אַ פערבאַנד פון רעגירונגען. דאָס פאָלק האָט דאָרט ניט געהאַט קיין פערטרעטער. דער בונד האָט אפילו צוגעזאָגט צו געבען צו אַלע דייטשע שטאַאַטען אַ נייע פערפאַסונג, אָבער עס איז געבליבען נאָר ביים פערשפּרעכען. די פרוכט פון בעפרייאונגס־קריג האָבען גענאָסען נאָר די פירסטען. עס איז ניט געוועזן אַ קריג צו בעפרייען פעלקער פון אַן אַבסאָלוטען הערשער, נאָר אַ קריג צו בעפרייען פירסטען.

בען? אין דער וועבער־קונסט צ. ב. האָט די דזשענני־מאַשין אָנגעמאַכט א גאַנצע איבערקעהרעניס. זי איז געבראַכט געוואָרען אין בעוועגונג מיט'ן האנד, אָדער אָנשטאָט וואָס פריהער פלעגט דער וועבער ברייגגען אין בעוועגונג נאָר איין שפּינדעל, האָט די דזשענני געבראַכט אין בעוועגונג 18 שפּינדלען. דיזע מאַשין איז ערפונדען געוואָרען אין יאָהר 1764. דער ער-

אַרקראַיט.

פינדער פון דיזער מאַשין איז געוועזן ד ז ש ע מ ס ה א ר ג ר י ו ו ז פון סטאַנדהילל ביי בלאַקבורן אין נאָרד־לאַנקאַשיר. דער ערפינדער האָט אָנגערופען די מאַשין „דשענני" צום אָנדענקען פון זיין טאָכטער, וועלכע האָט אַזוי געהייסען. ר י ט ש א ר ד א ר ק ר אַ י ט איז דער צווייטער שטערן, וואָס האָט אַריינגעבראַכט פיעל ליכט אין דער וועבער־קונסט. דיזער ער-

בעטראַכטען אַלס די וועהען פון אַ געבורט, וועלכע וועט ברייגגען מיט זיך וואהרע גליקליכע צייטען פיר די אָרימע, בעזיצלאָזע מאַסען.

די גרויסע ענדערונג אין דער אינדוסטריע פון ענגלאַנד האָט צו פער־דאַנקען אַ גאַנצע רייהע פון נייע ערפינדונגען.

די וויכטיגע ערפינדונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין דער פאַב־ריקאַציאָן פון וואָלענע און באַוועלנע וואארען, האָבען אין גאַנצען גע־ענדערט דאָס לעבען פון דער מענשהייט און האָבען בעשאַפען די נייע ביר־גערליכע געזעלשאַפט. אין דיזען צווייג פון אינדוסטריע זיינען אין דער ערסטער העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט געמאַכט געוואָרען זעהר פיעלע עקספערימענטען (פראָבעס). דאָס איז קיין וואונדער ניט, ווייל די וואָל־מאַנופאַקטור איז דאַמאָלס געווען די הערשענדע מאַנופאַקטור אין ענגלאַנד. די ערפאַהרונגען און פאָרשונגען אין די אייגענשאַפטען פון שאָף־וואָל האָט פיעל פערלייכטערט די פאָרבעריימונגען צו דער וואָל־ארבייט. די מעכאַ־נישע באַוועל־שפינעריי און וועבעריי האָט אויך פיעל געהאָלפען צו פער־ברייטערן און צו פערפאָלקאָמענען די וואָל־פאַבריקאציאָן. שוין אין 16טען יאָהרהונדערט זיינען ערפונדען געוואָרען אייניגע מאַשינען, וועלכע האָ־בען אָנגעזאָגט, דאָס עס וועלען אין גיכען בעשאַפען ווערען נייע מאַשי־נען, וואָס וועלען מאַכען אַ רעוואָלוציאָן אין דער מאַנופאַקטור פון וואָל און באַוועל. אַלס ביישפיל קענען מיר ברייננען די „באַנדמיהל", וועלכע אַנטאָן מיללער פון דאַנציג האָט ערפונדען אין יאָהר 1530. אָבער דיזע מאַשינען האָבען נאָך ניט געמאַכט אין דער אינדוסטריע קיין עפּאָכע. זיי האָבען נאָר פערשאַפט צרות זייערע ערפינדער, ווייל די רעגירונג האָט פערבאָטען צו בענוצען זיך מיט זיי אום זיי זאָלען ניט שאַדען צו די אַר־בייטער. אָבער די ערפינדונגען פון 18טען יאָהרהונדערט האָבען ווירקליך געמאַכט אין דער אינדוסטריע גרויסע ענדערונגען.

אויף'ן ערסטען בליק ווייזט אויס, דאָס די הויפּט־ראָלע אין דער נייער פאַבריקאַציאָן שפּילט די דאַמף־קראַפט, וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרען אין די פאַבריקען, — דאָס דיזע דאַמף־קראַפט האָט געבראַכט די אינ־דוסטריע צו דער הויכער שטופע, אויף וועלכער זי שטעהט יעצט. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. די הויפּט־רעוואָלוציאָן האָט אָנגעמאַכט די נייע ווערק־צייג־מאַשין. דיזע איז די זעעלע פון דער נייער פאַבריקאַציאָן. וואָס, צום ביישפּיל, האָט געקענט טאָן אַ דאַמף־מאַשין, אָדער אַן עלעקטרישער מאָ־טאָר, אין דער שניידער־אַרבייט, ווען עס וואָלט ניט געווען ערפונדען די זינגער־מאַשין? וואָס וואָלט דער דאַמף אָדער די עלעקטריציטעט געטרי־

די נייע מעטאָדען פון שפּינערייַ האָבען געפיהרט צו ענדערן די אַלטע מעטאָדען פון וועבעריי. די אַלטע מעטאָדע צו וועבען איז געווען דער וועב־שטוהל. ביי דיזער מעטאָדע איז די אַרבייט געווען זעהר פיעל אָפּהענגיג פון דער געשיקטליכקייט פון דעם וועבער. די זשאַקאַרד־מאַשין צום וועבען האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרענים אין דיזער אַרבייט. דער ערפינ־דער פון דיזער מאַשין איז געווען שאַרל מאַריע זשאַקאַרד. ער איז געבאָרען געוואָרען דעם 7טען יולי 1752 אין ליאָן. זיין פאָטער איז געווען אַ מייסטער אין אַ זיידען־פאַבריק. אויך זיין מוטער האָט זיך בעשעפטיגט אין יענער פאַבריק. זשאַקאַרד איז זעהר פריה צוגעצויגען געוואָרען צו דער אַרבייט אַלס געהילף. איהם האָט פון זיין פריהער יוגענד ניט געלאָזט רוהען דער געדאַנק צו פערגרינגערן די וועבער־אַרבייט. אין יאָהר 1799 איז עס איהם ענדליך געלונגען צו ערפינדען אַ לאַצענצוג־מאַשין (אַ מאַשין מיט אַ טרייב־שנור). באַלד נאָכדעם האָט ער ערפונדען אַ נייע מאַשין צו מאַכען פיש־נעצען און האָט ערהאַלטען דערפאַר אַ פּרייז אויף דער אויסשטעלונג אין דעם קאָנסערוואַטאָריום פון קונסטען און געווערבען. דיזער פּרייז האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו פערווירקליכען פיעלע אַנ־דערע פון זיינע אידעען.

אין 1805 האָט ער ערפונדען די מאַשין, וואָס טראָגט זיין נאָמען און פיר וועלכע דער מאַגיסטראַט פון זיין שטאָדט (ליאָן) האָט איהם בעשטימט אַ לעבענסלענגליכען געהאַלט פון 3,000 פראַנקס אַ יאָהר. אין יאָהר 1825 איז שוין די וועב־מאַשין אַזוי שטאַרק אריין אין געברויך, דאָס אין ליאָן אַליין האָבען זיינע מאַשינען געצעהלט איבער 10,000. עד היום ווערט זיין מאַשין געברויכט מעהר פון אַלע אַנדערע פון דיזען סאָרט. דער שעפער פון דיזער מערקווירדיגער מאַשין איז געשטאָרבען דעם 7טען אויגוסט 1834.

אָבער די אַלע וועב־מאַשינען, וואָס זיינען ביז דאַן ערפונדען געוואָרען, האָבען נאָך ניט געהאַט די געווינשטע שנעלקייט, און האָבען נאָך אַלץ גע־פאָדערט פון דעם וועבער געוויסע געשיקטליכקייט אום די אַרבייט זאָל אַרויסקומען ווי עס האָט זיך געפאָדערט. אָבער גיך האָט זיך די פּראָדוק־ציאָנס־אַרבייט אַזוי ענטוויקעלט, דאָס זי האָט אָנגעהויבען צו פאָדערן אַזאַ מין מעכאַנישע מאַשין, וועלכע זאָל ניט נעטיג האָבען קיין בעזונדערע פאַר־ריכטונגען פון אַרבייטער, נאָר זאָל אויטאָמאַטיש, אַליין, טאָן די גאַנצע אַר־בייט פון אָנהייב ביז ענדע. אַזאַ מאַשין איז ווירקליך באַלד ערפונדען גע־וואָרען, און זי איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען דער מעכאַנישער וועב־שטוהל.

פינדער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1740. ער איז ביז דעם יאָהר 1767 געווען א באַרבער. זיין שפּין־מאַשין און די דאַמף־מאַשין זיינען די וויכטיגסטע ערפינדונגען פון 18טען יאָהרהונדערט. זיין מאַשין ציהט אויך די וואָל אָדער די באַוועל, דרעהט און וויקעלט פעדים, און איז צוגעפּאַסט, דאָס וואַסער־קראַפט זאָל זי קענען טרייבען. דער פּרינציפּ וואָס אַרקראַיט האָט געפונען, איז אויך דער הויפּט־פּרינציפּ אין היינטיגע מאַשינען פון שפּינעריי.

אין יאָהר 1768 האָט דיזע מאַשין ערהאַלטען די לעצטע פערפאָלקאָמונג. מיט א יאָהר שפּעטער האָט דער ערפינדער בעקומען א פּאַטענט אויף זיין ערפינדונג, און אין יאָהר 1774 האָט מען איהם דעם פּאַטענט פערלענגערט נאָך אויף 10 יאָהר. דער ערפינדער איז געוואָרען פון זיין מאַשין זעהר רייך. זיין פאָרגעננגער הארגריווז איז פערפאָלגט געוואָרען פיר זיין ערפינדונג און איז געשטאָרבען אין אָרימקייט, און אַרקראַיט האָט געלאָזען נאָך זיין טויט (1792) א פערמעגען פון 10½ מיליאָנען מאַרק. ער האָט געהאַט דאָס גליק צו פערבינדען זיך באַלד מיט די פאַבריקאַנטען סטראָטט און ניד, די גרינדער פון דער בעריהמטער שפּינעריי אין דערבי, און פון זיי איז ער רייך געוואָרען, ווייל זיי האָבען איהם געגעבען די נעטיגע געלט־שטיצע.

פון דיזע 2 מאַשינען האָט א וועבער פון פירוואוד מיט'ן נאָמען סאַמיועל קראָמפּטאָן געמאַכט א קאָמבינאַציאָן, וועלכע ער האָט א נאָמען געגעבען די מיול (1775). ער האָט פערבונדען אַרקראַיט'ס מאַשין מיט דער דזשענני, און דאָס האָט די לעצטע אין גאַנצען אַרויסגעשטופּט פון מאַרק. איינע פון די וויכטיגסטע פערבעסערונגען פון די שפּינעריי־מאַשינען איז דער סעלפאַקטאָר (Self-actor), א זעלבסט־טעטיגע מיול־מאַשין, וועלכע איז ערפונדען געוואָרען פון דעם ענגלענדער ראָבערטס אין מאַנטשעסטער אין יאָהר 1825. וועהרענד ביז אהער האָט מען ביי די מיול־מאַשינען געדאַרפט דרעהען די קורבעל מיט'ן האַנט, ווערט די בעוועגונג אין סעלפאַקטאָר געבראַכט דורך א זעלבסט־טעטיגען מעכאַניזם. אַזוי האָט מען מעהר און מעהר פערפאָלקאָמט די וועבעריי פון באַוועל, וואָל און פלאַקס. אָבער מיט פלאַקס האָבען דיזע מאַשינען ניט זעהר גלענצענד געאַרבייט, ביז עס איז געלונגען א פראַנצויז זשיראַרד אין די יאָהרען 1810—1818 צו פערפאָלקאָמענען די פלאַקס־שפּינעריי. זיין פּרינציפּ איז עד היום אין געברויך ביי דיזער סאָרט אַרבייט.

האָט נאָך געליטען פון אונזיכערהייט און אונרעגעלמעסיגקייט אין גאַנג. ער האָט דעם קאָלבען אַזוי איינגעריכטעט, דאָס די מאַשין איז געווען אין שטאַנד צו טרייבען אַ זעהר גרויסען און שווערען ראָד, וועלכער איז יעצט בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „שוואונג־ראָד" ; דערצו האָט ער נאָך צוגעגעבען אַ רעגולאַטאָר, וועלכער האָט געמאַכט די מאַשין אַרבייטען רע- געלמעסיג, אַזוי דאָס ווען עס איז געווען צו פיעל דאַמף האָט אַ קלאַפּע זיך אַליין פערמאַכט און ניט צוגעלאָזען צו פיעל, און ווען עס איז געוואָרען צו ווענינ האָט זיך די זעלבע אויטאָמאַטיש (אַליין) געעפענט און האָט גע- לאָזען פון צילינדער מעהר דאַמף.

וואטט האָט די גאַנצע צייט פון זיינע עקספּערימענטען זיך געהאַלטען ביי ניוקאָמען'ס מאַשין. אָבער דיזע מאַשין האָט נאָר געקענט טרייבען פּאָמ- פּען, זי האָט אָבער ניט געטויגט צו טרייבען טעכנישע מאַשינען. ער האָט דאָס גאַנצע סיסטעם פון דער מאַשין איבערגעמאַכט, אַזוי דאָס זי איז גע- וואָרען אין שטאַנד צו טרייבען אַלערליי טעכנישע מאַשינען מיט דער גרעס- טער רעגעלמעסיגקייט און פּינקטליכקייט. מיט דיזער מאַשין האָט זיך דאָס פאַבריק־וועזען ענטוויקעלט אויף אַן אונגעהייערע אַרט. אין יאָהר 1785 האָט מען וואַטט'ס דאַמף־מאַשין אָנגעהויבען צו געברויכען צו טריי- בען שפּינעריי־מאַשינען מיט גרויס ערפאָלג.

די פּראָדוקציאָן האָט זיך פון דאַמאָלס אָן אָנגעהויבען צו פערבריי- טערן און פערגרעסערן אין אַן אונגעווערנליכער מאָס. דאָס האָט געפאָדערט, פערשטעהט זיך, צו פערברייטערן דעם האַנדעל. מען האָט דאָך געמוזט געפינען ערטער, וואו אויסצובריינגען די גרויסע מאַסען פון פּראָדוקציאָן, און איבערהויפּט האָט מען געמוזט אויסגעפינען מיטלען וואָס שנעלער און מעהר צו בריינגען דיזע פּראָדוקציאָנען אין פערשיידענע ערטער. די דאַמף־ מאַשין איז אויך דערין געקומען דער מענשהייט צו הילף. מען האָט באַלד אָנגעהויבען צו בענוצען די דאַמף־מאַשין צו בריינגען אין בעוועגונג שיפען. עס האָט ניט לאַנג גענומען און אין אַלע ימים און גרויסע טייכען פון דער וועלט האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעוועגען דאַמף־שיפען. וואַטט'ס מאַשין איז געווען לייכט צוצופּאַסען צו זעעפאַהרט. דאָס איינציגע, וואָס האָט זיך געפאָדערט, איז געווען, צו מאַכען די גרעסטע עקאָנאָמיע אין געברויך פון קויהלען. אָבער דער געברויך פון דער דאַמף־מאַשין צו אַ וואַגאָן פון אַן אייזענבאַהן האָט געפאָדערט גאַנץ נייע ערפינדונגען און איינריכטונגען, און דעריבער האָט עס גענומען אַ לענגערע צייט ביז מען האָט צוגעפּאַסט די דאַמף־מאַשין צו טרייבען וואַגאָנעס.

דיזע קונסטפאָלע מאַשין, וועלכע איז די זינרייכסטע מאַשין פון אַלע צייטען, איז ערפונדען געוואָרען פון דר. קארטראיט, א גייסטליכער פון אַן ענגלישער קירכע. ערפונדען האָט ער זי אין יאָהר 1784 און האָט זי אימער פערבעסערט, אַזוי דאָס אין יאָהר 1804 איז זי געבראַכט געוואָרען צו אַזאַ שטופע, דאָס זי האָט אַלעס געטאָן אויף דער בעסטער אַרט און קיין מענשליכע האַנט איז ניט געווען אין שטאַנד צו קאָנקורירען מיט איהר אין פאָלקאָמענהייט און געשיקטליכקייט. אָנפאַנגס האָט די מאַשין אַרויסגעגעבען נאָר קאַטון און טוך־שטאָפען; דער ערפינדער האָט זי אָבער געבראַכט צו אַזאַ שטופע, דאָס זי האָט אָנגעהויבען אַרויסגעבען אַלערליי סאָרטען וועב־שטאָפען: זייד־געוועבען און גאַז־געוועבען, ווי אויך אַלע אַרטען טעפּיכען (קאָוויאָרען).

אָבער עס האָט נאָך געפעהלט צו דיזער מאַשין א רעגולאַטאָר, וועלכער זאָל קאָנטראָלירען די שנעלקייט פון דער אַרבייט. דער ערפינדער פון אַזאַ סאָרט מאָטאָר, וועלכער זאָל בעוועגען די מאַשין לויט דעם ווילען פון דעם מענשען, איז געווען דזשעימס וואַטט (געבאָרען אין 1736 אין גרינאָק, שאָטטלאַנד), וועלכער האָט ערפונדען דעם וויכטיגסטען מאָטאָר פון דער נייער צייט, די דאַמף־מאַשין. וואַטט האָט זיך אין זיין פריהעסטער יוגענד בעשעפטיגט מיט מעכאַנישע און מאַטהעמאַטישע פּראָבלעמען (אויפגאַבען). מען דערצעהלט, דאָס ער האָט נאָך זעהר יונג ערפונדען אַן עלעקטרישע מאַשין, וועלכע האָט איבערראַשט מיט איהר וואונדער אַלע גרויסע מענשען פון יענער צייט. אין די יאָהרען 1762 און 1763 האָט זיך וואַטט אָנגעהויבען נעהענטער בעקאַנט מאַכען מיט דער קראַפט פון דאַמף. עס האָט דאַמאָלס עקסיסטירט אַ דאַמף־מאַשין פון ניוקאָמען. ער האָט אין דיזער מאַשין געמאַכט אייניגע זעהר וויכטיגע ענדערונגען, דורך וועלכע ער האָט ערסטענס געוואונען אַ גרויסע עקאָנאָמיע אין געברויך פון קויהלען, אַזוי דאָס אַנשטאָט וואָס פריהער האָט די מאַשין געפאָדערט אום צו טאָן געוויסע אַרבייט 4 צענטנער קויהלען, האָט ער עס געבראַכט דערצו, דאָס עס איז געווען גענוג נאָר איין צענטנער צו טאָן די זעלבע אַרבייט. און צווייטענס האָט ער די מאַשין אַזוי איינגעריכטעט, דאָס דער קאָלבען פון צילינדער, וועלכער איז פריהער געטריבען געוואָרען דורך די לופט פון דער אַטמאָספערע, האָט ער עס געמאַכט, דאָס דער דאַמף פון צילינדער זעלבסט זאָל טאָן די אַרבייט.

וואַטט איז אָבער דערמיט נאָך ניט געווען צופרידען און האָט פאָרטגעזעצט זיינע עקספּערימענטען אום צו פערפאָלקאָמענען זיין מאַשין, וועלכע

די לאָקאָמאָטיוועז פון דער סטאָקטאָן־דארלינגטאָן ליניע זיינען ניט געוועזען אין שטאַנד צו קאָנקורירען מיט דער קאַנאַל־געזעלשאַפט, ווייל זיי זיינען ניט געווען גענוג צו טראַנספּאָרטירען אזוי פיעל וואארע, ווי די שי־פען. איבערהויפּט איז דער ערפאָלג פון סטעפענסאָן'ס לאָקאָמאָטיווען גע־וועז בעשרענקט דורך דעם, וואָס זיי האָבען ניט געקענט ארויסגעבען גענוג דאמף, ווייל מען האָט ניט געוואוסט ווי מען זאָל ברייגגען צו די קויהלען

דזשאָרדזש סטעפענסאָן.

גענוג זויערשטאָף אום זיי זאָלען ברענען העלער און שטארקער. סטעפענסאָן האָט אָבער גיך געפונען דערצו אַ מיטעל. דעם ערסטען אויסגעבעסערטען לאָקאָמאָטיוו, וועלכער איז געבויט געוואָרען לויט אַ גאַנץ נייעם פּרינציפּ, האָט ער גערופען „די ראַקעטע". ווען ער האָט געמאַכט מיט דיזען לאָקאָ־מאָטיוו די ערסטע פּראָבע האָט ער געצויגען 13,000 קילאָ מיט דער גע־

דער ערפינדער פון היינטיגען לאָקאָמאָטיוו, וואָס ווערט געברויכט אויף די אייזענבאַהנען, איז ד ז ש אָ ר ד ז ש ס ט ע פ ע נ ס אָ ן (געבאָרען דעם 9טען יוני 1781 אין ווילאַם ביי ניוקאַסטל אויף'ן טאַין), אָבער ער האָט אויך געהאַט פאָרגענגער, וועלכע האָבען געלעגט דעם פונדאַמענט צו דיזער ערפינדונג. מען האָט געמאַכט א גאַנצע רייהע פון מאַשינען אום צו בריינגען אין בעוועגונג וואָגענס אויף דער ערד, אָבער עס איז אַלץ געווען אָהן ערפאָלג. ערסט סטעפענסאָן האָט דיזע פראָבלעם געלעזט. סטעפענסאָן איז געווען א זוהן פון אַן אָרימער ארבייטער־פאַמיליע. ווען ער איז אַלט געוואָרען 14 יאָהר איז ער געוואָרען א הייצער אין א מאַשינען־הויז. ער האָט ניט געקראָגען קיין בילדונג, פון דעסטוועגען האָט מען איהם אָנפערטרויט אַכטונג צו געבען און פערוואַלטען אַלע אַרטען פון רעפּאַראַטורען פון דער מאַשינעריע, ווייל ער האָט געצייגט א גרויסע פערשטענדניס אין מעכאַניק. אין יאָהר 1812 האָט ער זיך אָנגענומען צו מאַכען א לאָקאָמאָטיוו צו פיהרען די וואַגאָנען מיט קויהלען פון די מינעס ביז דער טאַין, אום צו פיהרען זיי פון דאָרט מיט שיפען אין אַנדערע ערטער. דער וועג איז שוין פריהער געווען אויסגעלעגט מיט אייזערנע שינעס (רעלסען), אום עס זאָל זיין לייכטער צו בעוועגען די וואַגאָנען. אָבער זיין לאָקאָמאָטיוו איז געווען אונגעהייער שווער, אַזוי דאָס די שינעס האָבען קוים געקענט אויסהאַלטען די משא.

מיט זעלטענעם חשק האָט זיך סטעפענסאָן גענומען אויסבעסערן זיין לאָקאָמאָטיוו. היסטאָריש איז זיין ערסטע אמת'ע אייזענבאַהן אין היינטיגען זין די ליניע ס ט אָ ק ט אָ ן ־ ד אַ ר ל י נ ג ט אָ ן , וועלכע איז געווען 61 קילאָמעטער לאַנג. געבויט האָט זי אַן אַקציאָנער פון דער קיללינגוואָרטהער קויהלען־מינע, ד. ה. ער האָט געגעבען דערצו די מיטלען. סטעפענסאָן'ען האָט געקאָסט גענוג מיה ביז עס איז איהם געלונגען אַראָפּפיהרען דעם אונטערנעהמער פון דעם פּלאַן צו פיהרען די קויהלען פון די מינעס מיט פערד. מיט איינינע יאָהר שפּעטער האָט שוין סטעפענסאָן געגרינדעט אַ קאָמפּאַניע, וואָס האָט זיך בעשעפטיגט מיט בויען לאָקאָמאָטיווען; דיזע פירמע איז געווען בעוואוסט אַלס „סטעפענסאָן און קאָמפּאַניע". דער ערפאָלג פון דער ערסטער אייזענבאַהן, וואָס איז געמאַכט געוואָרען צווישען סטאָקטאָן און דאַרלינטאָן, האָט ערמונטערט איינינע אונטערנעהמער צו בויען אַן אייזענבאַהן צווישען ליווערפּול און מאַנטשעסטער. סטעפענסאָן איז געווען דער אינזשעניער אויף דיזער ליניע.

אויך די פאַבריקאַציאָן פון וואָל האָט זיך אונגעווערנליך פערבּרייטעט. בּעזונדערס האָט דיזע אינדוסטריע געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג זינט מען האָט אָנגעהויבּען צו געבּרויכען אַ צומישונג פון בּאַוועל און זיידענס צו די וואָל. דער אָפּזאַץ איז געוואַקסען אונגעהייער גיך. אין יאָהר 1801 האָט שוין ענגלאַנד געהאַט אויסגעאַרבּייט 101 מיליאָנען פונט וואָל, אין יאָהר 1835 180 מיליאָנען פונט; ענגלאַנד האָט געמוזט בּעציהען רויהע וואָל

ראָבּערט סטעפענסאָן.

פון אויסלאַנד. אין יאָהר 1800 האָט ענגלאַנד געקויפט אין אויסלאַנד 9 מיליאָנען פונט וואָל, אין יאָהר 1825 45 מיליאָנען. אין יאָהר 1738 האָט די שטאָדט וועסטראַידינג פון יאָרקשיר פאַבּריצירט 75,000 שטיק וואָלענטוך, און אין יאָהר 1817 האָט זי אַרויסגעגעבּען 490,000 שטיק. אין יאָהר 1834 האָט זי אַרויסגעגעבּען מיט 450,000 שטיק מעהר ווי אין

שווינדקייט פון 22½ קילאָמעטער אין אַ שטונדע. באַלד נאָך דיזער פּראָבע האָט סטעפענסאָן מיט זיין זשעניאַלען זוהן ראָבערט געקראָגען די בעשטעלונג פיר אַלע לאָקאָמאָטיווען, וואָס מען האָט געברויכט צו דער באַהן־ליניע פון ליווערפּול ביז מאַנטשעסטער. דער לאָקאָמאָטיוו, ווי סטעפענסאָן האָט איהם ארויסגעגעבען מיט פיעלע פערבעסערונגען, איז געבליבען דער זעלבער ביז היינטיגע צייטען.

מיט דיזע ערפינדונגען האָט די מאַשין־ארבייט כמעט אין גאַנצען פערשטויסען די האַנט־ארבייט, ווענינגסטענס אין ענגלאַנד. דער האַנדעל און די אינדוסטריע האָבען געשווינד זעהר גרויס אויפגעבליהט; קאַפּיטאַל און רייכטום האָבען דערגרייכט אַן אונערוואַרטעטע שטופע צווישען דער בורזשואזיע. בעזונדערס האָבען געמאַכט גלענצענדע געשעפטען די באַוועל־פאַבריקאַנטען. די אינדוסטריע איז געוואַקסען זעהר שנעל. אין די יאָהרען 1781—1785 האָט דער אימפּאָרט (ארייִנפּיהר) פון רויהע באַוועל בעטראָפען 10,800,000 פונט, אין 1800 איז דער ארייִנפּיהר געווען 56 מיליאָנען, אין 1830 כמעט 260 מיליאָנען פונט און אין 1841 שוין 528 מיליאָנען. דער עקספּאָרט (ארויספּיהר) פון געוועבטע באַוועל־שטאָפען האָט בעטראָפע אין 1834 ביז 556 מיליאָנען יאַרדס, דערצו זיינען עקספּאָרטירט געוואָרען איבער 76 מיליאָנען פונט באַוועל־פאָדים און פיר 1,200,000 פונט סטערלינג באַוועלנע שטרומפּ־וואַארען. אין דעם זעלבען יאָהר (1834) האָבען געארבייט אין ענגלאַנד איבער 8 מיליאָנען מיול־שפּינדלען, 110,000 מעכאַנישע וועב־מאַשינען, 250,000 האַנט־וועבשטוהלען אויסער אַ מאַסע קעטען־שטוהל־שפּינדלען.

אין יענער צייט זיינען געווען בעשעפטיגט אין דיזען צווייג פון אינדוסטריע (באַוועל) 220,000 ארבייטער. איבער 1,500,000 פּערזאָנען האָבען זיך ערנעהרט דירעקט און אינדירעקט ביי דיזער אינדוסטריע די ערטער, וואו דיזע אינדוסטריע איז בעטריבען געוואָרען, זיינען אין גאַנצען אומגעענדערט געוואָרען. די גראַפשאַפט לאַנקאַשיר, וועלכע איז פריהער געווען אַ זומפּיגע געגענד, מיט ווייניג מענשען, איז געשווינד פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פאָלקס־רייכע ארבייטזאַמע געגענד. אין צייט פון 80 יאָהר איז די בעפעלקערונג פערמעהרט געוואָרע אויף 10 מאָל, און ווי פון דער ערד איז ארויסגעוואַקסען אַ רייהע פון ריזען־שטעדט, ווי: ליווערפּול, מאַנטשעסטער, באָלטאָן, ראָטשדעיל, אָלדהאַם, פּרעסטאָן, אַשטאָן און סטאַליברידזש.

די ריזיגע ענטוויקלונג פון קליידער־שטאָפען האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף פיעלע אַנדערע צווייגען פון אינדוסטריע. ווי נאָר עס איז בעקאַנט געוואָרען די גרויסע ווירקונג און בעדייטונג פון מעכאַני־שער קראַפט האָט מען זי אָנגעהויבען צו געברויכען אין אַלע אַנדערע צוויי־גען פון פּראָדוקציאָן. איבעראַל האָט מען געזוכט צו געברויכען מאַשינען אָנשטאָט מענשליכער קראַפט. די פאָדערונג פון מאַשינען, ברען־מאַטעריאַל און רויהע מאַטעריאַלען האָט ענטוויקעלט אַ גאַנצע רייהע פון נייע געשעפ־טען. יעצט האָבען די קויהלען־פעלדער בעקומען אין ענגלאַנד דעם ריכ־טיגען ווערט. אונטער דעם איינפלוס פון דער נייער כעמיע און מעכאַניק האָבען די בעאַרבייטונג פון פערשיידענע מעטאַלען, דאָס שמעלצען או. ד. גל. זעהר שטאַרק ענטוויקעלט זיך; עס פערשטעהט זיך, דאָס פיעל האָבען דער־צו געהאָלפען די דאַמף־מאַשינען.

די שטיין־קויהלען זיינען געוואָרען מעהר און מעהר וויכטיג פיר די אינדוסטריע פון מעטאַלען, ווי פיר אַלע אַנדערע צווייגען פון פאַבריקאַציאָן אין ענגלאַנד, און דעריבער איז דאָס קויהלען־געשעפט געוואָרען איינע פון די הויפּט־אורזאַכען פון ענגלאַנד׳ס גרויסקייט. אַלע ענגלישע און שאָט־לענדישע קויהלען־פעלדער האָט מען אויסגענוצט ווי ווייט מען האָט געקענט. אין די גראַפשאַפטען נ אָ ר ט ה ו מ ב ע ר ל א נ ד און ד ו ר ה א ם זיינען געווען:

אין יאָהר	1735	14	קויהלען־מינעס
„ „	1800	40	„
„ „	1836	76	„
„ „	1843	130	„

אין דעם לעצטען יאָהר (1843) האָבען דיזעביידע גראַפשאַפטען געליפערט 5 מיליאָנען טאָן קויהלען, און האָבען בעשעפטיגט 50,000 איינוואוינער. נאָך ריזיגער האָט זיך אויפגעהויבען די אייזען־אינדוסטריע. די ענטדע־קונג, דאָס מען קען מאַכען שמיד־אייזען פון גוס־אייזען, ווען מען ציהט פון איהם אַרויס דעם קויהלען־שטאָף, האָט געמאַכט אין דער אינדוסטריע אַ נייע עפּאָכע, אַזוי דאָס מיט איין מאָל איז אייזען געוואָרען אַזוי ביליג, דאָס מען האָט אָנגעהויבען צו מאַכען פון אייזען זעהר פיעלע זאַכען, וואָס פריהער איז מען געווען געצוואונגען צו מאַכען זיי פון האָלץ אָדער פון שטיין. זעהר וויכטיג איז אויך די ערפינדונג צו גיסען שטאָהל. די שטיי־גערונג פון דער אייזען־אינדוסטריע האָט פיעל פערגרעסערט די צאָהל פון די איינוואוינער אין די ערטער פון אייזען־פּראָדוקציאָן. די בעפעלקערונג

יאָהר 1822. מיט דער פערגרעסערונג פון דער אינדוסטריע אין דיזע ער-טער האָט זיך אויך שטאַרק פערמעהרט די בעפעלקערונג. אזוי צ. ב.

		1801	1831	
האָט בראַדפאָרד	געצעהלט	29,000	77,000	איינוואוינער
„ האַליפאַקס	„	63,000	110,000	„
„ הודערספיעלד	„	15,000	34,000	„
„ לידז	„	53,000	123,000	„
און די גאַנצע וועסטראַידינג	„	564,000	980,000	„

די ליינען־אינדוסטריע האָט זיך ענטוויקעלט שפעטער, ווייל די מַ-שינען פיר דיזע אינדוסטריע זיינען ערפונדען געוואָרען שפעטער. ענגלאַנד האָט פריהער בעצויגען איהרע לייווענט פון דייטשלאַנד. אָבער זינט עס זיינען ערפונדען געוואָרען פיר דיזע אינדוסטריע די מאַשינען האָט זיך די זאַך אין גאַנצען געענדערט. ענגלישע לייווענט האָט באַלד פערפלייצט איירָאָפּאַ און איז געוואָרען אַ געפעהרליכע קאָנקורענץ צו דער פּראָדוקציאָן אין דייטשלאַנד. ענגלאַנד האָט שטאַרק פערברייטערט ביי זיך זעלבסט די פּראָדוקציאָן פון פלאַקס; עס איז איהר אָבער געווען וועניג פלאַקס פיר איהרע פאַבריקען, און זי האָט געמוזט בעציהען דיזען מאַטעריאַל פון רוס-לאַנד, בעלגיען און האָללאַנד. אין יאָהר 1820 האָט ענגלאַנד אַרויסגע-פיהרט 24,000,000 יאַרדס לייוועגט, און אין יאָהר 1833 51,000,000; דאָ איז נאָך גערעכענט די שאָטטלענדישע פאַבריקאַציאָן. די אירלענדישע פאַבריקען פון דיזער אינדוסמריע זיינע געוואַקסען מיט דער זעלבער שנעל-קייט. די צאָהל פון מאַשינען, וואָס האָבען געשפּונען פלאַקס, איז שוין אין יאָהר 1835 געווען 347 מיט 33,000 אַרבייטער.

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דער שפּיצען־פאַבריקאַציאָן (לעיסעם). די ערפינדונג פון דער ל ע י ס ־ מ א ש י ן (1777), פון דער פּ אָ י נ ט ־ נ ע ט ־ מ א ש י ן דורך ל י נ ד ל ע י און פון דער ב אָ ב ב י ן ־ נ ע ט ־ מ א ש י ן דורך ה י ט ה ע אָ ט (1809) האָט די שפּיצען־פאַב-ריקאַציאָן אַזוי ענטוויקעלט, דאָס אין יאָהר 1840 האָבען איבער 200,000 מענשען זיך ערנעהרט ביי דיזער אינדוסטריע. אויך די בלייכעריי איז שטאַרק אויפגעוואַקסען דורך דעם געברויך פון כלאָר, די פאַרבעריי דורך די ענטוויקלונג פון כעמיע און די בוכדרוקער־קונסט דורך אַ גאַנצע רייהע פון גלענצענדע ערפינדונגען. אויך די פעראַרבייטונג פון זייד האָט געמאַכט אַ ריזיגען פאָרטשריט.

די אינדוסטריעלע רעוואָלוציאָן האָט פיר ענגלאַנד אַ פיעל גרעסערע בע-דייטונג ווי די פּאָליטישע רעוואָלוציאָן אין פראַנקרייך. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציאָן האָט אומגעענדערט די גאַנצע געזעלשאַפט פון גרונד ביז'ן דאַך.

אָבער די וויכטיגסטע זייט פון דיזער גאַנצער אינדוסטריעלער ענדע-רונג איז די אַרבייט פון די פּראָלעטאַריער. איידער מען האָט ערפונדען די שפּין- און וועב-מאַשינען איז די אַרבייט פון שפּינען און וועבען געטאָן גע-וואָרען אין די הייזער פון די אַרבייטער. די פרויען האָבען געשפּונען די פאָדים און דער מאַן האָט געוועבט, אָדער מען האָט די געשפּונענע פאָדים פערקויפט צו אַן אַנדערען וועבער, ווען דער פאַמיליען-פאָטער האָט זי ניט געקענט אַליין געברויכען. דיזע וועבער-פאַמיליעס האָבען מעהרסטענס גע-לעבט אין די דערפער, ניט וויים פון די שטעדט, און האָבען דעריבער גע-קענט גאַנץ גוט אויסקומען מיט דעם קליינעם לוין, וואָס זיי האָבען ער-האַלטען פיר זייער שפּינען און וועבען; זיי פלעגען נאָך זעהר אָפט אָפּ-שפּאָרען פון זייערע פערדינסטען און פלעגען דינגען אָדער פאַכטען אַ שטי-קעל גרונד, וועלכען זיי האָבען בעאַרבייט ווען זיי האָבען געהאַט צייט. עס פערשטעהט זיך, דאָס אַזאַ אַקערמאַן איז ניט געווען קיין גאַנץ-גוטער בויער, אָבער ער איז דאָך אויך ניט געווען קיין פּראָלעטאַריער. ער האָט דאָך, ווי די ענגלענדער דריקען זיך אויס, אַריינגעשלאָגען אַ פלעקעל אין דער ערד פון זיין פאָטערלאַנד. ער האָט געהאַט אַ שטיקעל גרונד און איז געשטאַנען אין דער ענגלישער געזעלשאַפט פיעל העכער פון דעם יעצטיגען ענגלישען אַרבייטער.

אָבער דיזע לאַגע האָט זיך פּלוצלינג געענדערט, באַלד ווי די אינ-דוסטריע האָט זיך שטאַרק פערברייטערט. באַלד ווי די דזשענני-מאַשין איז ערפונדען געוואָרען איז שוין געוואָרען אַן ענדערונג אין דיזער אינ-דוסטריע. אַן אַרבייטער האָט יעצט געקענט טרייבען 18 שפּינדלען. אַנ-שטאָט דעם, וואָס פריהער האָט דער וועבער זעהר אָפט געמוזט שטעהן אָהן אַרבייט און וואַרטען ביז מען וועט איהם געבען גענוג געשפּונענע פאָדים צום וועבען, האָט ער יעצט געהאַט מעהר ווי פיעל ער האָט געברויכט. שטאָף איז צוליב דעם געוואָרען ביליגער, און דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס די געזעלשאַפט האָט אָנגעהויבען מעהר קויפען די געוועבטע שטאָף; דער וועבער האָט געמוזט האָבען מעהר הענט, וואָס זאָלען איהם העלפען ארויס-ברייננגען מעהר געוועבטע שטאָף. דער וועבער-לוין האָט דעריבער געשטי-גען. דער וועבער-אַרבייטער האָט יעצט ביים וועב-שטוהל געקענט מעהר פערדינען ווי פון בעאַקערן זיין שטיקעל גרונד. עס איז אָפט געווען צו

פון בירמינגהאם, וועלכע האָט אין יאָהר 1801 געצעהלט ניט מעהר פון 73,000 נפשות, איז פערגרעסערט געוואָרען ביז דעם יאָהר 1844 אויף 110,000 נפשות. די שטאָדט בירמינגהאם האָט פערברויכט אין יאָהר 1836 ניט ווייניגער פון 515,000 טאָן קויהלען. אין יאָהר 1805 האָט מען ארויסגעפיהרט נאָך אויסלאַנד 4,300 טאָן אייזען־וואארען און 107,000 טאָן רויהע אייזען. די אייזען־פּראָדוקציאָן, וועלכע איז געווען אין יאָהר 1740 17,000 טאָן, האָט געשטיגען מעהר און מעהר, אַזוי דאָס אין יאָהר 1834 האָט זי דערגרייכט ביז 700,000 טאָן.

צוזאַמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע האָט זיך אויך ענטוויקעלט די קאָמוניקאציאָן (די וועגען) צווישען די האנדעל־שטעדט. פון יאָהר 1818 ביז 1829 זיינען אין ענגלאַנד און אין וועילס געמאַכט גע-וואָרען 1,000 ענגלישע מייל שאָסעען מיט דער געזעצליכער ברייט פון 60 פוס, אין שאָטלאַנד 900 מיילען און מעהר פון 1,000 בריקען. אין יאָהר 1775 האָט ענגלאַנד כמעט ניט געהאט קיין קאנאַלען, אָבער אין יאָהר 1840 האָט זי שוין געהאט 2,200 מיילען קאנאַלען און 1,800 מיילען שיפ-בארע טייכען, וועלכע זי האָט אויסגערייניגט און צורעכט געמאַכט פיר שיפפאהרט. די ערפינדונג פון אייזענבאהן האָט ערעפענט אַ גאַנץ נייע עפּאָכע. אין יאָהר 1840 זיינען שוין אין ענגלאַנד אַלע גרויסע שטעדט געווען פערבונדען איינע מיט דער אַנדערער דורך אייזענבאהן־ליניען, און פיעלע נייע ליניען האָבען זיך געהאַלטען אין בויען.

דאָס זיינען נאָר די הויפּט־שטריכען פון דער געשיכטע פון דער ענג-לישער אינדוסטריע אין אַ צייט פון צוויי דורות. זי האָט אָבער ניט צו זיך קיין גלייכען אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. נאָך אין לעצטען דריי-טעל פון 18טען יאָהרהונדערט איז ענגלאַנד ניט געשטאַנען פיעל העכער פון אנדערע אייראָפּעאישע לענדער. די שטעדט זיינען געווען קליין, די בע-פעלקערונג שיטער און דאָס פאָלק האָט זיך מעהרסטענס בעשעפטיגט מיט אקערבוי. יעצט געפינט פאַר זיך דער רייזענדער אין ענגלאַנד גאָר אַ נייע וועלט. ער זעהט אַ הויפּטשטאָדט (לאָנדאָן) פון 4½ מיליאָנען איינוואוי-נער, מיט אונגעהייער גרויסע פאבריק־שטעדט און מיט אַן אינדוסטריע, וועלכע האָט פיר זיך די גאַנצע וועלט אַלס איהר מארקעט, וועלכע בעשעפ-טיגט אַן אונגעהייערע צאָהל מאשינען, אַרום וועלכע עס בעשעפטיגען זיך מעהר פון צוויי דריטעל פון איהר גאַנצער בעפעלקערונג, וואָס בעשטעהט יעצט פון גאַנץ אַנדערע קלאַסען מיט אַנדערע זיטען און בעדערפניסען, אַזוי דאָס מען קען זאָגען, אַז עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ גאַנץ אַנדער נאַציאָן.

פערטעל פון די איינוואוינער זיינען געווען פּראָלעטאַריער. די מיטעלע קלאַס פון האַנטווערקער איז כמעט אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען. אָנשטאָט דעם, וואָס די פריהערדיגע בעפעלקערונג אין די שטעדט איז בע-שטאַנען פון מייסטערס און געזעלען (מייסטער־יונגען), איז זי יעצט בע-שטאַנען פון 2 אַנדערע עלעמענטען — פון קאַפּיטאַליסטען און אַרבייטער. פריהער האָט דער געזעל געקענט ווערען אַ מייסטער און אַריין אין די קלאַס פון די בירגער, ווערען אַ בורזשואַ, יעצט אָבער איז דער אַרבייטער געבלי-בען פערשקלאַפּט אויף אימער צו בלייבען אַ טאָג־לעהנער. אום צו ווערען יעצט זעלבשטענדיג האָט מען זיך געמוזט פערשאַפען אַן אייגענע פאַבריק מיט מאַשינעריע, וועלכע האָבען געפאָדערט אַ גרויסען קאַפּיטאַל. עס איז ניט געווען קיין בריק, קיין איבערגאַנג פון דעם אָרימען אַרבייטער־שטאַנד צום רייכען קאַפּיטאַליסטען־שטאַנד. האָט ווער געהאַט דאָס אונגליק גע-באָרען צו ווערען אַ פּראָלעטאַריער, האָט ער שוין אין זיין גאַנצען לעבען ניט געהאַט קיין אויסזיכט אַרויסצורייסען זיך פון זיין טרויעריגער לאַגע און איבערבייטען זיין סאָציאַלען שטאַנד.

דיזער געפיהל, ניט צו זיין אין שטאַנד ווען עס איז אַרויסצורייסען זיך פון דער טרויעריגער לאַגע, האָט געמאַכט דעם צושטאַנד פון דעם אַר-בייטער זעהר ביטער. די אינדוסטריעלע ענדערונג האָט געמאַכט צוויי עקסטרעמען (געגענזאַצען): אַ קליינע צאָהל האָט זי געמאַכט פיר גרויסע קאַפּיטאַליסטען, און די גרויסע מאַסע האָט זי געוואָרפען אין טיפען עלענד. די גרויסע מאַסע אַרבייטער אין די גרויסע שטעדט האָבען געוואוינט אין ענגע שמוציגע הייזלאַך, אין אַן אָפּגעזונדערטען קוואַרטאַל, וואו זיי האָבען געקענט בעקומען ביליגע וואוינונגען, ווייל די געהאַלטען, וואָס זיי האָבען געקראָגען פיר זייער אַרבייט, האָבען זיי ניט געגעבען די מעגליכקייט צו פערשאַפען זיך בעקוועמערע וואוינונגען.

די וואוינונגען פון די אַרבייטער זיינען געווען שלעכט געבויט און אונ-געזונד. די גאַסען זיינען ניט געווען געפלאַסטערט, אָהן אָפּצוג־קאַנאַלען, שמוציג און שטינקענד. פיעלע אַרבייטער־פאַמיליעס זיינען געיוען גע-צוואונגען צו וואוינען אין דירות פון איין צימער. דער אַרבייטער איז גע-ווען געצוואונגען צו קויפען פיר ווייניג געלט פיעלע פערשיידענע זאַכען, וועלכע זיינען איהם געווען נעטיג צום לעבען; האָט מען איהם טאַקע אַלעס פערקויפט ביליג, אָבער אַלעס געפעלשט, און ער האָט ניט געקענט פאָדערן גוטע וואַארע פיר קליינעס געלט. מאַנכמאָל האָט ער נאָך געמוזט קויפען אויף קרעדיט, און דאָס האָט איהם שוין געקאָסט זעהר טייער.

בעגעגנען פאמיליעס פון 4 ערוואקסענע און 2 קלענערע קינדער, וואס האָ-בען פערדינט ביי 10 שטונדען ארבייט טעגליך 4 פונט סטערלינג (אונגע-פעהר 20 דאָללאר) א וואָך. זעהר אָפט פלעגט זאָגאר אן איינצעלנער ווע-בער פערדינען מיט זיין וועב־שטוהל איבער 2 פונט סטערלינג (10 דאָללאר) א וואָך.

עס איז קיין וואונדער ניט, וואס די וועבער האָבען אויפגעגעבען זייער אקערבוי און האָבען זיך בעשעפטיגט נאָר מיט דער וועבעריי. די אקער-בויענדע וועבער זיינען אין גאנצען פערשוואונדען געוואָרען. זיי זיינען פערוואנדעלט געוואָרען אין א קלאס פון ריינע וועבער, זיי זיינען געוואָרען עכטע פראָלעטאריער (מענשען, וואס האָבען ניט קיין גרונד־אייגענטום). מען האָט באלד אויפגעהערט גלייכצייטיג צו וועבען און צו שפינען אונטער איין דאך. די דזשענני־מאשין האָט געפאָדערט מעהר קראפט, זי האָט גע' פאָדערט מענערשע קראפט. מענער האָבען זיך אנגעהויבען בעשעפטיגען בלויז מיט שפינעריי. גאנצע פאמיליעס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט שפי-נעריי אליין.

דיזע ענדערונג האָט געפיהרט דערצו, דאס פיעל גרונד איז געבליבען ניט בעארבייט. דערפון האָט זיך געבילדעט א נייע קלאס קאפיטאליסטישע פעכטער, וועלכע פלעגען נעהמען אין פאכט אמאל איבער 200 מאָרגעס לאנד, און דורך בעסערען אקערבוי און מיט מעהר קענטנים אין האנדעל האָבען זיי געמאכט גוטע פראָפיטען. דיזע פעכטער זיינען געוואָרען פיר די דאָרף־בעוואוינער דאס זעלבע, וואס דער פאבריקאנט איז געוואָרען פיר דעם שטאָדט־איינוואוינער. זיי האָבען געקעננט פערקויפען זייערע פראָ-דוקטען פיעל ביליגער פון דעם בויער, און אזוי האָבען זיי איהם רואינירט. די בויערן האָבען פאָרטגעזעצט צו בעארבייטען די ערד מיט די אלטע מע-טאָדען און האָבען פון קיין פערבעסערונג אין דיזען פאך ניט געוואָלט ווי-סען. עס פערשטעהט זיך, דאס זיי האָבען ניט געקענט קאָנקורירען מיט די גרויסע פעכטער. זייער שטיקעל גרונד איז זיי געוואָרען וועניג צו ציהען פון איהם זייער חיונה; זיי האָבען איהם געמוזט פערקויפען און אליין ווער-רען טאָגלעהנער, ארבייטען אויף א פרעמדער פארם, אָדער זיך ערווערבען א דזשענני־מאשין.

די קלאס פון די בעזיצלאָזע פראָלעטאריער איז מיט דיזען אופן גע-שווינד אויפגעוואקסען אין צאָהל. צו דיזע זיינען נאָך צוגעקומען גרויסע מאסען איינוואנדערער' פון אירלאנד. עס האָבען זיך באלד געבילדעט אין ענגלאנד גרויסע האנדעל־שטעדט און פאבריק־שטעדט, אין וועלכע דריי

טיג, „שטעלט הונדערטער פּראָלעטאַריער אין אַזאַ לאַגע, דאָס זיי מוזען שטאַרבען פאַר דער צייט, איז עס אַזוי מערדערליך ווי דער טויט דורך דעם שווערד אָדער דעם ביקס. ווען די געזעלשאַפט נעהמט צו פון טויזענדער אַרבייטער די מעגליכקייט צו האָבען וואָס דאָס געוועהנליכע לעבען פאָדערט, איז דאָס אַ מאָרד גראָדע אַזוי גוט ווי דער מאָרד, וועלכען אַן איינצעלנער בעגעהט, נאָר פערשטעלטער, בעטריגערישער, אַ מאָרד, געגען וועלכען קיינער קען זיך ניט וועהרען, וועלכער שיינט ניט צו זיין קיין מאָרד, ווייל מען זעהט ניט דעם מערדער, ווייל אַלע זיינען די מערדער און דאָך איז קיינער ניט, ווייל דער טויט פון דעם אָפּפער זעהט אויס ווי נאַטירליך. אָבער עס בלייבט דאָך מאָרד".

מען פערלירט דעם גאַנצען רעספּעקט צו דער מענשהייט ווען מען לעזט ענגעל'ס בעשרייבונג אין זיין ווערק „די לאַגע פון דער אַרבייטער־קלאַס אין ענגלאַנד", וואו ער כאַראַקטעריזירט די עלענדע לאַגע פון די פרויען און קינדער, וואָס זיינען געצוואונגען צו אַרבייטען איבער זייערע קרעפטען לאַנגע שטונדען, אָפט אויך אין דער נאַכט־צייט. וויפיעל פון זייערע קינדער עס ווערען פערקריפּעלט, ווי אַ גרויסער טייל פון די אַרביי־טער ווערען האַלבע אידיאָטען פון מאַנכע סאָרטען אַרבייט, ווי די מעהרסטע פון זיי ווערען צוליב דעם, וואָס זיי קריגען ניט קיין בילדונג, שכורים, אויס־געלאַסענע און זיטענלאָזע מענשען. די שולד דאַפיר דאַרף פאַלען אויף די קעפּ פון דער געזעלשאַפט, וועלכע עקספּלואַטירט די אונגליקליכע פּראָ־לעטאַריער, ווערט פון זיי רייך און טוט גאָרניט צו פערבעסערן זייער עלענדע לאַגע.

אויסער דעם איז נאָך צו בעמערקען, ווי די אַרבייט ווירקט שלעכט אויף דאָס פאַמיליען־לעבען. דער מאַן איז אַ גאַנצען טאָג אויף דער אַר־בייט, די פרוי דאָס זעלבע; די קינדער בלייבען מעהרסטענס אַליין אין דער היים אָהן אַ שום אויפזיכט. אין אָבענד, ווען מאַן און פרוי קומען צו הויז, געפינט מען אין דעם איינציגען צימער, וואו זיי וואוינען, אַ שרעקליכע אונ־אָרדנונג; דערפון קומען אימער אַרויס קריג און געשלעג צווישען מאַן און ווייב, און דאָס ווירקט זעהר שלעכט אויף די זיטען פון די קינדער. די ענגלישע געזעלשאַפט רואינירט אַלזאָ זעלבסט איינעם פון די וויכטיגסטע פונדאַמענטען פון דער נאַציאָן, דאָס איז דאָס פאַמיליען־לעבען. די געזעצ־געבונג און די רעליגיאָן זיינען ניט אין שטאַנד גוט צו מאַכען דאָס, וואָס די דורסט פיר פּראָפיט פון דער רייכער קלאַס פערדאַרבט.

דער רעזולטאט דערפון איז געווען, דאָס די שטערבליכקייט צווישען די פּראָלעטאריער איז געוואָרען אונגעוועהנליך גרוים. אן ארצט אין מאנ־טשעסטער האָט אונטערזוכט דעם צושטאנד פון געזונדהייט און לעבען אין דער פארשטאָדט טשארלטאָן־אָן־מעדלאָק (מאנטשעסטער), האָט קלאסיפיצירט הייזער און גאסען און האָט געפונען פאָלגענדען אונ־טערשייד אין שטערבליכקייט :

ערסטע	קלאָס	גאסען :	הייזער	1טע	קלאָס	שטערבליכקייט	1	פון	51
„	„	„	„	2טע	„	„	1	„	45
„	„	„	„	3טע	„	„	1	„	36
צווייטע	„	„	„	1טע	„	„	1	„	55
„	„	„	„	2טע	„	„	1	„	38
„	„	„	„	3טע	„	„	1	„	35
דריטע	„	:	„	1טע	„	„	פעהלען		
„	„	„	„	2טע	„	„	1	„	35
„	„	„	„	3טע	„	„	1	„	25

אייניגע אַזעלכע טאַבעלען האָבען בעוויזען, דאָס די שטערבליכקייט אין די גאַסען פון דער צווייטער קלאַס זיינען מיט 18 פּראָצענט מעהר ווי אין די גאַסען פון דער ערסטער קלאַס, און די שטערבליכקייט אין דער דרי־טער קלאַס גאַסען איז מיט 68 פּראָצענט מעהר ווי אין די גאַסען פון דער ערסטער קלאַס ; דאָס די שטערבליכקייט אין די הייזער פון דער צווייטער קלאַס איז מיט 30 פּראָצענט מעהר ווי אין די הייזער פון דער ערסטער קלאַס, און די שטערבליכקייט אין די הייזער פון דער דריטער קלאַס איז מיט 78 פּראָצענט מעהר ווי אין די הייזער פון דער ערסטער קלאַס, און דאָס די שטערבליכקייט אין די קלאַסען, וואָס מען האָט פערבעסערט זייער היגיע־נישען צושטאנד, איז געוואָרען מיט 25 פּראָצענט וועניגער. אין יאָהר 1840 איז די דורכשניטליכע לעבענסדויער פון אַ מענשען פון דער העכערער קלאַס אין ליווערפּול געווען 35 יאָהר ; פון געשעפטסלייט און פון ארביי־טער, וואָס האָבען זיך געפונען אין אַ בעסערען צושטאנד, איז די דורכשניט־ליכע לעבענסדויער געווען 22 יאָהר ; פון ארבייטער, טאָג־לעהנער און די־נערשאַפט — נאָר 15 יאָהר. מיר האָבען געקענט בריינגען נאָך אַ גאַנצע רייהע פון אַנדערע אַזעלכע פאַקטען. דיזע אַלע טאַטזאַכען מאַכען אויס אַן אַנקלאַגע געגען דער פערמעגליכער קלאַס, דער בורזשואזיע, דאָס זי איז שולדיג אין מאַסען־מאָרד. „ווען די געזעלשאַפט”, זאָגט ענגעלס זעהר ריכ־

די אַלגעמיינע בעוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסווייזען דורך מאַ-סען־פערזאַמלונגען אין פערשיידענע ערטער מיט פּראָטעסטען געגען דעם צושטאַנד. די רעגירונג האָט געוואָלט אונטערדריקען דיזע בעוועגונג גלייך אין אָנפאַנג; זי האָט פערבאָטען צו טראָגען געוועהר, זי האָט בעשרענקט די פּרעס־פרייהייט און האָט פערוועהרט פערזאַמלונגען. זי האָט זאָגאַר זיך ערלויבט צו פערטרייבען אין מאַנטשעסטער אַ מאַסען־פערזאַמלונג דורך בלוט־פערגיסונג (1819). עס האָט אָבער אַלעס ניט געהאָלפען. דאָס פּאָלק איז געוועזען איבערצייגט, דאָס נאָר אַ ריכטיגער פּאַרלאַמענט קען בערוהיגען אַלע גייסטער און וועט פערשאַפען אין לאַנד רוה. די עפענטליכע מיינונג איז איבעראַל געוועזען געגען דער רעגירונג. די געשוואָרענע ריכטער (דזשורי) האָבען אימער בעהאַנדעלט די פּראָצעסען פון פּרעס־פערברעכען שטראָפלאָז.

אין יאָהר 1820 איז דער קעניג געאָרג (דזשאָרדזש) דער 3טער גע-שטאָרבען, און אויף׳ן טראָן איז אַרויף זיין זוהן **געאָרג דער 4טער**. דיזער האָט שוין אייגענטליך פריהער רעגירט אין נאָמען פון זיין פאָטער, וועלכער איז געוועזען גייסטיג קראַנק. יעצט איז ער געוואָרען הערשער אין זיין אייגענעם נאָמען. דאָס פּאָלק האָט איהם ניט געליבט פון פריהער, און עס האָט איהם נאָך מעהר פערהאַסט צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך גע-שיידט מיט זיין פרוי (די קעניגין) **קאַראָלינע פון בראַונ-שווייג**. צוליב דעם האָט ער זיך אָנגעהויבען צוריקציהען פון רעגירונגס־געשעפטען.

די רעגירונג האָט ניט געלעגט קיין געוויכט אויף די פאָדערונגען פון פּאָלק און האָט פּאָרטגעזעצט איהר אונטערדריקונגס־פּאָליטיק. דער האַס האָט געשטיגען מעהר און מעהר אויף ביידע זייטען. מען האָט אין לאָנדאָן איבעראַל גערעדט, אַז מען זאָל ערמאָרדען אַלע מיניסטאָרען מיט איין מאָל. איבערהויפּט איז דאָס פּאָלק געוועזען אויפגעבראַכט אויף דעם מיניסטער פיר אויסלאַנד **הענרי קאַסטלריגה**. די עפענטליכע מיינונג האָט גע-מאַכט אויף איהם אַזאַ טרויעריגען איינדרוק, דאָס ער האָט זיך זעלבסט גע-נומען דאָס לעבען (1822). די רעגירונג האָט געמוזט נאָכגעבען. מען האָט פערקלענערט די אויסגאַבען אום צו פערגרינגערן די שטייערן, או מען האָט בעשטימט דעם פרייזיניגען **קאַנינג** אָנשטאָט דעם פערהאַסטען קאַסטלריגה. דיזער נייער מיניסטער האָט זיך מעהר געהאַלטען אָן די פּרינ-ציפּען פון די וויהיגס. אום צו ענטוויקלען דעם ענגלישען האַנדעל האָט ער אָנערקענט די אומאָפּהענגיגקייט פון די שפּאַנישע קאָלאָניעס אין אַמעריקאַ און האָט פיעל געטאָן פיר די בעפרייאונג פון גריכענלאַנד. אויך אין דער

ב. די פּאָליטישע געשיכטע פון ענגלאנד.

ענגלאַנד איז אַרויס פון דעם קריג מיט פראַנקרייך אַלס זיגערין. זי האָט זיך פערשאַפט אַ פּלאַטע, וועלכע האָט זיך געמאַכט פיר די הערשערין איבער די ימים, און האָט איהר געגעבען די קראַפט צו ווערען די שטאַרקסטע מאַכט אין אייראָפּאַ. איהר אינדוסטריע איז געשטאַנען זעהר הויך. דער מאַרק אָפּצוזעצען איהרע פּראָדוקטען איז געוואָרען אונגעהייער גרויס, טיילס דורך אייגענע עראָבערונגען און טיילס דורך האַנדעלס־טראַקטאַטען. אָבער ניט אַכטענדיג אויף דעם ריזיגען ערפאָלג אין פּאָליטיק מיט אויסלאַנד און אין מסחר האָט ענגלאַנד פיעל געליטען אין יענער צייט פון אינערליכע אַנ־געלעגענהייטען. דער שטאַאַט איז געווען שולדיג איבער 800 מיליאָנען פונט סטערלינג. די רעגירונג איז געווען געצוואונגען צו מאַכען נייע שטייערן אויף גרונד־בעזיץ, האַנדעלס־ארטיקלען, זאָגאַר אויף לעבענסמיטלען, אום מען זאָל זיין אין שטאַנד צו בעצאָהלען וועניגסטענס די צינזען פיר דיזע ריזיגע סומע. דיזע שטייערן האָבען שטאַרק געדריקט די קליינע גוטס־בעזיצער און די אַרבייטער־קלאַס, אָבער מעהר ווי אויף אַלעמען האָט עס גע־טראָפען די מיטעלע קלאַס פון די געווערב־בעטרייבער. דיזע קלאַס איז אי־מער געוואָרען וועניגער, און די צאָהל פון די בעזיצלאָזע פאַבריק־אַרבייטער איז אימער געוואָרען גרעסער.

דער נאַטירליכער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס ראַדיקאַלע און רעוואָלוציאָנערע אידעען, וועלכע האָבען געשוועבט אין דער לופט איבער גאַנץ אייראָפּאַ זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, האָבען אימער געפּו־נען מעהר און מעהר אָנהענגער. די רעאַקציאָנערע מיטלען, וואָס די רעגי־רונג האָט גענומען געגע דעם, האָבען גראַדע געווירקט פערקעהרט. דאָס פּאָלק האָט אָנגעהויבען צו פאָדערן גלייכעס שטימרעכט, די גרינדונג פון אַ ריכטיגען שטענדיגען פּאַרלאַמענט. דיזע בעוועגונג איז באַלד געוואָרען אַזוי שטאַרק, דאָס עס האָבען אָנגעהויבען אָפט פּאָרקומען עפענטליכע אונ־רוהען. ווי אימער, אַזוי איז עס אויך געווען אין דיזער צייט, האָבען די רע־פּאָרמער גערופען די אַרבייטער צו הילף אין זייער שטרייט געגען דער רע־גירונג. עס איז ווירקליך ניט געווען שווער צוציהען זיי צו דעם קאַמף געגען דער רעגירונג, ווייל זיי האָבען שטאַרק געפיהלט דעם דרוק פון דער רעגירונג דורך די שטייער, וואָס זי האָט אַרויפגעלעגט אויף די לעבענס־מיטלען.

געוואָרען אין דעם הויז פון די לאָרדען. די קאטאָליקען האָבען ענדליך בעקו-
מען גלייכע רעכטען מיט די פּראָטעסטאַנטען, און דערמיט איז געפאַלען איינע
פון די הויפּט-בעשטימונגען פון דער ענגלישער פערפאַסונג.

דיזער זיג פון דער עפענטליכער מיינונג אין דער קאטאָליקען-פראַגע
האָט געגעבען האָפנונג, דאָס דער פּאַרלאַמענט וועט ווערען גרינדליך רע-
פאָרמירט. דער פּאַרלאַמענט איז געוועזען אין פיעלע הינזיכטען זעהר שלעכט

ראָבערט פּיל.

און איז שוין זעהר פיעלע מאָל געוואָרען אָנגעגריפען. דער פּאַרלאַמענט איז
דאַמאָלס ניט געוועזען אַ וואַהרע פערטרעטונג פון פאָלק. אין גאַנצען האָבען
זיך אין איהם געפונען 658 מיטגלידער : 513 פיר ענגלאַנד, 45 פיר שאָטט-
לאַנד און 100 פיר אירלאַנד. ניט אַלע שטעדט האָבען געהאַט וואַהל-רעכט.
31 שטעדט, פון וועלכע יעדע איינע האָט געהאַט מעהר פון 10,000 איינ-

אינערער פּאָליטיק איז קאַננינג געווען גענייגט צו מעהר פרייהייט און פריי-זיניגע אַנזיכטען. אין יאָהר 1824 האָט ער דורכגעפיהרט אין פּאַרלאַמענט אַ געזעץ, וועלכעס האָט בעשטימט פיר שקלאַפען־האַנדעל די זעלבע שטראָף ווי פיר זעע־רויבעריי. ער האָט בעפרייט די שקלאַפען אין די קאָלאָניעס און האָט בעצאָהלט זייערע הערען געוויסע סומעס פיר די בעפרייאונג. אין יאָהר 1826 האָט ער דורכגעפיהרט אין פּאַרלאַמענט אַ ביל, וועלכער האָט ערלויבט אריינצופיהרען געטריידע געגען אַ גרינגער אָפּצאָהל, אום צו געבען דער אָרימער קלאַס די מעגליכקייט צו בעקומען ביליגע ברויט. ער האָט אויך אריינגעבראַכט אַ ביל וועגען דער עמאַנציפּאַציאָן (גלייכשטעלונג) פון די קאַטאָליקען, אָבער דער ביל איז דורכגעפאַלען מיט אַ קליינער מאַ-יאָריטעט. באַלד נאָכדעם איז ער געשטאָרבען.

אין יאָהר 1828 האָבען די טאָרים צוזאַמענגעשטעלט אַ נייעס מיניס-טעריום אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון לאָרד ו ע ל ל י נ ג ט אָ ן. די וויכטיגסטע מיטגלידער פון דיזען מיניסטעריום זיינען געווען: ס ע ר ראָ ב ע ר ט פּ י ל און גראַף אַ ב ע ר ד י ן. דיזעס מיניסטעריום איז געווען בעשטימט דורכצופיהרען די עמאַנציפּאַציאָן פון די קאַטאָליקען, דאָס וואָס איז ניט געלונגען אויסצופיהרען דעם פריגען מיניסטער קאַננינג. אין אירלאַנד האָבען די פּראָטעסטאַנטישע גייסטליכע אַלעס אריינגעכאַפּט אין זייערע הענט. די קאַטאָלישע גייסטליכע האָבען ניט געהאַט קיין מיטלען צום לעבען; זיי האָבען געלעבט דערפון, וואָס דאָס אָרימע אירלאַנדישע פאָלק האָט זיי געגעבען פון זיינע אָרימע קאַרגע איינקונפטען. עס האָט זיך געבילדעט אין אירלאַנד אַ פעראיין מיט'ן צוועק צו צווינגען די ענגלישע רע-גירונג געבען די קאַטאָליקען פרייהייט און גלייכע רעכטען. דיזער פער-איין האָט אָנגעהויבען צו ווערען געפעהרליך פיר די ענגלישע רעגירונג. די זעעלע פון דיזער בעוועגונג איז געווען דער אַדוואָקאַט ד אַ נ י ע ל אָ'-ק אָ נ נ ע ל, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען מיט אַ גרויסער מעהרהייט אין ענגלישען פּאַרלאַמענט און איז צוגעלאָזען געוואָרען אַלס מיטגליד.

די רעגירונג האָט געמוזט נאָכגעבען. אין יאָהר 1829 איז אריינגע-בראַכט געוואָרען אין פּאַרלאַמענט אַ ביל, וועלכער האָט געגעבען דעם איר-לאַנדישען פאָלק גלייכע רעכטען צו ווערען מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט און צוגעלאָזען ווערען צו אַלע עמטער. הגם די פּראָטעסטאַנטישע גייסטליכע און די פּראָטעסטאַנטישע פּאַרטיי האָבען געאַרבייט געגען דיזען ביל, איז ער דאָך דורכגעגאַנגען אין הויז פון קאָממאָנס (אונטער־הויז פון פּאַרלאַמענט), און נאָכדעם מיט דער הילף פון הערצאָג פון וועללינגטאָן איז ער אויך אָנגענומען

ער זאָל אָננעהמען מאַסרעגלען געגען דאָס אויבער־הויז. דאָס פּאָלק האָט געוואָרפען שטיינער אויף די מיטגלידער פון דעם אויבער־הויז. וועללינג-טאָן'ען האָט מען געזידעלט און געשלאָגען.

דאָס מיניסטעריום האָט בעשלאָסען צו ענדערן דעם ביל אין דעם גייסט פון די רעאַקציאָנערען. נאָר 80 קליינע שטעדטלאַך זאָלען פערלירען זייער וואהל־רעכט. דאָס אונטער־הויז האָט אָנגענומען דעם ביל אין דער נייער פאָרמע, אָבער די לאָרדס האָבען אויך דאָן, נאָך פיעלע ענדערונגען אין רעאַקציאָנערען זין, זיך ענטזאָגט איהם אָנצונעהמען. דאָס מיניסטעריום האָט געפּרובּט אַ נייעם פּלאַן: צו בעשטימען פיר דאָס הויז פון די לאָרדס נייע פּערס (לאָרדס) אום צו שאַפען דאָרט אַ מעהרצאָהל. דער קעניג האָט איבערגעגעבען וועללינגטאָן'ען דעם אויפטראַג צוזאַמענצושטעלען אַ נייעם קאַבינעט. דאָס פאָלק איז געוואָרען נאָך מעהר ערביטערט. אַ גאַנצען טאָג האָבען געקלונגען די טרויער־גלאָקען. די קעניגליכע פאָהנען זיינען אַרונטערגעריסען געוואָרען. דער קעניג זעלבסט איז בעליידיגט געוואָרען. וועללינגטאָן האָט זיך איבערציינגט, דאָס עס איז פיר איהם אונמעגליך צו געווינען דעם קאַמף, און ער האָט רעזיגנירט. דאָס פריהערדיגע מיניסטעריום איז ווידער אריין אין קראַפט. גרעי האָט בעקומען די צושטימונג פון קעניג דורכצופיהרען זיין פּלאַן וועגען צוגעבען צו דעם הויז פון די לאָרדס נייע פּערזאָנען אום צו ערהאַלטען זייער מאַיאָריטעט וועגען דעם רעפאָרמע־ביל פון פּאַרלאַמענט. דאָס האָט געווירקט. די לאָרדס האָבען אָנגענומען דעם ביל אָהן אַ שום ווידערשטאַנד, אום מען זאָל ניט צוגעבען נאָך מיטגלידער ניט פון די לאָרדס צו דעם אויבער־הויז. דעם 4טען יוני 1832 איז ענדליך דער ביל דורכגעגאַנגען אויך אין דעם הויז פון די לאָרדס. דורך דיזען ביל איז פערגרעסערט געוואָרען די צאָהל פון די וועה-לער מיט מעהר ווי אַ מיליאָן. דיזער ביל האָט נעמאַכט אַ גרויסע ענדע-רונג אין דער ענגלישער פערפאַסונג, וועלכע איז דורך דעם געוואָרען מעהר דעמאָקראַטיש. דער נייער פּאַרלאַמענט, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען נאָך די נייע געזעצען, איז צוזאַמענגעקומען דעם 5טען פעברואַר 1833, פון וועלכער צייט עס פאַנגט זיך אָן פיר ענגלאַנד אַ נייע עפּאָכע.

דאָס וויכטיגסטע איז, דאָס יעצט איז די פאָדערונג פון די ארבייטער פּאָרמולירט געוואָרען שאַרפער און שטאַרקער. דער פּאַרלאַמענט האָט אויך נאָך דער רעפאָרמע ניט געגעבען צו די ארבייטער קיין שטימרעכט, ניט אַכ-טענדיג דערויף, וואָס זיי האָבען געהאָלפען דער בורזשואַזיע אין איהר קאַמף מיט דער רעגירונג. די פרוכט פון דיזער גאַנצער בעוועגונג האָבען גענאָסען

וואוינער, און אַנדערע, וועלכע האָבען זאָגאַר געהאַט איבער 100,000 איינ-וואוינער, האָבען ניט געהאַט קיין וואהל-רעכט. דאַגעגען האָבען 204 קליינע שטעדטלאַך יע געשיקט אין פּאַרלאַמענט דעפּוטאַטען. 75 פון זיי האָבען זאָגאַר ניט געהאַט קיין 50 וועהלער. אַ היבשע צאָהל מיטגלידער זיינען גאָרניט ערוועהלט געוואָרען; זיי האָבען נאָר געקויפט די שטעלעס פיר 50 אָדער 60 פונט סטערלינג.

וועללינגטאָן האָט ניט גערעכענט צו ענדערן דעם רעאַקציאָנערען כאַ-ראַקטער פון פּאַרלאַמענט. האָט זיך אָבער געמאַכט, דאָס געאָרג דער 4טער איז געשטאָרבען (1830) און די קרוין האָט געקראָגען װילהעלם (וויל-ליאַם), דער הערצאָג פון קלאַרענס. נאָך דעם ענגלישען מנהג האָט ביי אַזאַ פאַל געדאַרפט דער פּאַרלאַמענט אויפגעלעזט ווערען און עס האָבען בע-דאַרפט פאָרקומען נייע וואַהלען. אין מיטען פון די נייע וואַהלען איז פאָר-געקומען די יולי-רעוואָלוציאָן. די ענגלענדער האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי געבען די זעלבע רעפאָרמעס און די זעלבע פּריוויליגיען, וואָס די פראַנצויזען האָבען זיך אויסגעקעמפּפט מיט זייער רעוואָלוציאָן. די וואַהלען זיינען אויסגעקומען זעהר ליבעראַלע, אַזוי דאָס וועללינגטאָן מיט זיינע רע-אַקציאָנערע אידעען האָט ניט געקענט ביי אַזאַ פּאַרלאַמענט פערבלייבען אויף זיין פּאָסטען און ער האָט געמוזט רעזיגנירען. עס איז ערוועהלט גע-וואָרען אַ נייעס מיניסטעריום. אָן דער שפּיץ פון דיזען מיניסטעריום איז געשטאַנען גרעי, וועלכער איז געווען גענייגט צו רעפאָרמירען דעם פּאַרלאַמענט, דער גאַנצער נייער קאַבינעט איז בעשטאַנען פון פּרייזיניגע ווהיגס.

באַלד האָט לאָרד דזשאָהן ראָססעל געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מען זאָל אָפּנעהמען דאָס וואהל-רעכט פון 154 שטעדטלאַך און עס איבערגעבען צו די גרויסע שטעדט. דער פּאַרלאַמענט האָט דיזען ביל פערוואָרפען. דער קאַבינעט האָט רעזיגנירט, אָבער דער קעניג האָט די רעזיגנאַציאָן ניט אָנ-גענומען, ווייל ער זעלבסט האָט געהאַלטען, דאָס דער פּאַרלאַמענט מוז רע-פאָרמירט ווערען. ער האָט דעם פּאַרלאַמענט אויפגעלעזט. דעם 21טען יוני 1831 איז דער נייער פּאַרלאַמענט צוזאַמענגעקומען. דריי מאָנאַטען כסדר האָט דער נייער פּאַרלאַמענט דעבאַטירט וועגען דעם רעפאָרמע-ביל ביז ער איז ענדליך אָנגענומען געוואָרען מיט אַ מעהרהייט פון 109 שטימען. אָבער ווען דער ביל איז אַריין אין דאָס הויז פון די לאָרדס האָבען זיי פיר איהם ניט געוואָלט שטימען. די בעפעלקערונג איז געווען שרעקליך ערבי-טערט. אַ גרויסע מאַסע פון פאָלק האָט דערלאַנגט דעם קעניג אַ ביטע, אַז

האַלב 3 אָבענדס. דאָס איז געווען דאָס געזעץ פיר קינדער פון 9 ביז 13 יאָהר.

אָבער די פאַבריקאַנטען זיינען דערמיט אויך ניט געווען צופרידען, און זיי האָבען געשאַפען אַ נייעם סיסטעם ווי צו האַלטען קינדער לענגער אין דער אַרבייט. זיי האָבען געגעבען די קינדער דאָס רעכט אָנצופאַנגען די אַרבייט ווען זיי ווילען און אויפהערען ווען זיי ווילען, און זיי האָבען זיי גערעכענט אַ טאָג אַרבייט 7½ שטונדען. אָבער דאָ איז געווען דער גאַנצער שווינדעל. עס איז געווען פיר אַ בעאַמטען אונמעגליך צו וויסען גענוי וויפיעל שטונדען יעדעס קינד האָט געאַרבייט יעדען טאָג. דערצו האָט מען געמוזט האָבען אַ ספּעציעלען בוכהאַלטער, ווייל די קינדער האָבען ניט געאַרבייט יעדען טאָג גלייך אין איין צייט און ניט יעדען טאָג אַ גלייכע צאָהל שטונדען. די ברוטאַלע אויסזויגונג פון די קינדער האָט געבושעוועט אונבעשטראָפט ווי פריהער.

אָבער פיעל ערגער איז געווען די געזעצגעבונג וועגען אָרימע לייט. פון דער צייט פון דער קעניגין עליזאַבעטה האָט עקסיסטירט אין ענגלאַנד אַ געזעץ, לויט וועלכען יעדע געמיינדע איז געווען פערפליכטעט צו בעזאָרגען איהרע אָרימע לייט מיט די נעטיגע נאַהרונגס־מיטלען, קליידער און וואוינונג. דיזעס געזעץ איז אָפּגעשאַפט געוואָרען אין יאָהר 1834. דאָס נייע געזעץ האָט געצילט אין גאַנצען פּטור צו ווערען פון די אָרימע — ניט געבען זיי קיין שטיצע, מעגען זיי פערניכטעט ווערען. לויט דיזען געזעץ האָט די רעגירונג געבויט אַנשטאַלטען, וואו מען האָט נאָר אַריינגענומען שוואַכע און קראַנקע, פון וועלכע מען האָט געקענט געשווינד פּטור ווערען. דאָס פאָלק האָט גערופען דיזע אַנשטאַלטען מיט׳ן נאָמען „אַרמענגעזעץ־באַסטיליעס”. דורך דיזע אַנשטאַלטען האָט מען צושיידט פאַמיליעס: מענער פון פרויען, פרויען פון מענער, קינדער פון עלטערן און עלטערן פון קינדער; מען האָט זיי דאָרט געהאַלטען איינגעשלאָסען ווי אין געפענגניסען. מען פלעגט דאָרט אָפּט אויך אַריינגעהמען אַן אַרבייטס־פעהיגען, אָבער דיזען האָט מען אַזוי שלעכט בעהאַנדעלט, דאָס ער איז גערן געווען אַרויסצוגעהן פון דאָרט און לעבען אין זיין פריהערדיגען עלענד.

דיזעס נייע אַרמען־געזעץ האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די אַרבייטער ערסטענס צוליב דער שלעכטער בעהאַנדלונג, וואָס די אָרימע האָבען אין דיזער אַנשטאַלט בעקומען, און צווייטענס צוליב דעם צוועק, פיר וועלכען דיזעס געזעץ איז געשאַפען געוואָרען. די אַרבייטער, וואָס האָבען זיך גע-פונען אין דיזע אַנשטאַלטען, האָבען אָנגעבאָטען זייער אַרבייט פיר אַ זעהר

נאָר די בירגער. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס די ארבייטער האָבען זיך אין גאַנצען אָפּגעשאָקעלט פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיי שוין אָפּגענאַרט פיעלע מאָל. זיי האָבען שוין זיך מעהר ניט געלאָזען שלעפּען פיר'ן שטריקעל דורך די פאַלשע ראַדיקאַלע פּראַזען וועגען רעפאָרמעס, מיט וועלכע די בורזשואַזיע האָט זיי ביז אהער צוגעצויגען צו העלפען זי אין קאַמף. אין אַ קורצער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזען, דאָס די ארבייטער האָבען פון דיזען פּאַרלאַמענט וועניגער צו ערוואַרטען איידער פון דעם פרי־הערדיגען.

קלאָרער פון אַלעם כאַראַקטעריזירען דעם גייסט פון דעם נייעם פּאַרלאַמענט די געזעצען, וואָס ער האָט דורכגעפיהרט וועגען פאַבריקאַציאָן. צוליב די פּאָדערונגען פון די ארבייטער איז דער פּאַרלאַמענט געווען געצוואונגען צו בעשטימען אַ נאָרמאַלען אַרבייטס־טאָג פיר די פאַבריקאַציאָן פון וואָל, באַוועל, פלאַקס און זייד. דיזער בעשטימטער ארבייטס־טאָג איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אין יאָהר 1834. דאָס געזעץ האָט בעשטימט, דאָס דער אַרבייטס־טאָג זאָל זיך אָנפאַנגען האַלב נאָך 5 אין דער פריה און זאָל זיך ענדיגען האַלב 9 אין אָבענד. קינדער פון 13 ביז 18 יאָהר האָבען מעהר ניט געאַרבייט ווי 12 שטונדען אַ טאָג. קינדער אינגער פון 9 יאָהר האָבען גאָרניט געטאָרט געברויכט ווערען צו דער אַרבייט. קינדער פון 9 ביז 13 יאָהר האָבען נאָר געאַרבייט 8 שטונדען אין טאָג. קינדער פון 9 ביז 18 יאָהר האָבען גאָרניט געטאָרט געברויכט ווערען צו וועלכער עס איז נאַכט־אַרבייט.

אָבער דיזעס געזעץ איז געבליבען אַ טויטער בוכשטאַב. פון דעם יאָהר 1802 ביז 1833 האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבען 5 ארבייטס־אַקטען, אָבער קיין איינער איז ניט אָנגעווענדט געוואָרען אין דער פּראַקטיק. די פאַבריקאַנטען האָבען אימער געפונען מיטלען ווי איהם ניט צו ערפילען. אויך דיזען מאָל האָט דער פּאַרלאַמענט געפונען אַ מיטעל ווי צו טויטען איהם אין דער פּראַקטיק.

אום צו פערלענגערן דעם אַרבייטס־טאָג פיר קינדער אַזוי ווי פיר גרויסע, ד. ה. פון האַלב 6 ביז האַלב 9 אין אָבענד, האָט דער פּאַרלאַמענט געשאַפען אַ נייעס סיסטעם, וועלכעס איז בעקאַנט אַלס „רעלעי סיסטעם" (relay הייסט דאָס בייטען פון פערד אויף פּאָסט־סטאַציאָנען). נאָך דיזען סיסטעם האָבען קינדער געאַרבייט אין 2 פּאַרטייען — איינע פון האַלב 6 אין דער פריה ביז האַלב 2 נאָך מיטטאָג, און די אַנדערע פון האַלב 2 ביז

די אַרבייטער די לאַנגע אַרבייטס־צייט. די פאַבריקאַנטען האָבען געזוכט אַלערליי מיטלען ווי אַרומצוגעהן דאָס געזעץ פון פּאַרלאַמענט פון 1833. די אַרבייטער פון זייער זייט האָבען אַגיטירט און אָנגעפיהרט אַ קאַמף געגען די פאַבריקאַנטען און האָבען געפאָדערט פערקירצונג פון דער אַרבייטס־צייט אויף 10 שטונדען אַ טאָג, צום ווענינגסטען פיר פרויען און יונגע לייט.

פון יאָהר 1838 האָט די אַגיטאַציאָן פון די כאַרטיסטען אָנגענומען אַ שטאַרקען, גוואַלטזאַמען כאַראַקטער. זיי האָבען בעשלאָסען צו מאַכען גרויסע מאַסען־פערזאַמלונגען אום צו פערפערטיגען אַ ביטשריפט צום פּאַרלאַמענט. דיזע מאַסען־פערזאַמלונגען זיינען ווירקליך געווען זעהר פאָלקסרייכע. עס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען 500 מאַסען־פערזאַמלונגען, און אויף יעדער זיינען צוזאַמענגעקומען ניט וועניגער ווי 30,000 פּערזאָן. עס זיינען געווען אַזעלכע פערזאַמלונגען, אין וועלכע עס האָבען אָנטייל גענומען איבער 300,000 פּערזאָן. די בורזשואַזיע האָט פערשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט און האָט זיך גענומען פּאָרבערייטען צו אַ ווידערשטאַנד מיט וואַפען. די כאַרטיסטען האָבען אויפגעפאָדערט דאָס פאָלק צו אַ קאַמף מיט דער בורזשואַזיע. מען האָט פערפערטיגט אַ גרויסע צאָהל פּיקעס (שפּיזען), ווי אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. דעם 14טען נאָוועמבער 1838 האָט סטעפענס געהאַלטען אַ גלענצענדע רעדע און האָט נאָך דער רעדע געפרעגט די פערזאַמלונג, אויב זיי זיינען אַלע בעוואַפענט. מען האָט איהם באַלד געענטפערט מיט אַ גערויש פון געוועהר. דאַן האָט ער געפרעגט צום צווייטען מאָל די זעלבע פראַגע, און האָט געקראָגען דעם זעלבען ענטפער. „איך זעה, אַז עס איז אַלעס אין אָרדנונג", האָט ער געזאָגט צו די פערזאַמעלטע, „אַ גוטע נאַכט!"

קורץ נאָכדעם האָט ער ווידער פערזאַמעלט דאָס פאָלק און האָט צו דער פערזאַמלונג געזאָגט פאָלגענדע ווערטער: „איהר זאָלט אייך ניט שרעקען פאַר דער רעגירונג, פאַר די סאָלדאַטען, פאַר שפּיזען און קאַנאָנען, וועלכע זיינען בערייט צו אונטערדריקען אייך; איהר האָט איין מיטעל, וואָס איז פיעל שטאַרקער פון די אַלע זאַכען; אייערע וואַפען זיינען פיעל שטאַרקער פון זייערע; אַ קינד פון 10 יאָהר קען שטרייטען מיט דיזער געפעהרליכער און מעכטיגער וואַפע. איהר ברויכט נאָר נעהמען אַ פּאָאַר שוועבעלאַך, אַ בינטעל שטרוי איינגעטונקט אין פּעך, און איך וואָלט וועלען זעהן, וואָס די רעגירונג מיט אַלע איהרע הונדערטער טויזענדער סאָלדאַטען וועלען טאָן געגען דעם?" דיזע ווערטער האָבען אָנגעצונדען אַ העלישען פייער אין די הערצער פון די פערזאַמעלטע, אָבער נאָך מעהר האָט געווירקט,

בילינגען פרייז, ווייל זיי האבען דאך געהאט וועלכע עס איז היים. און אזוי האבען דיזע ארימע לייט ארונטערגעווארפען די פרייזען, און דאס האט די בורזשואזיע געוואלט מיט איהרע אנשטאלטען. די גאנצע ארבייטער-קלאס איז געקומען אין בעוועגונג געגען דיזען ארמען-געזעץ. איבערהויפט האבען זיך גענומען אגיטירען געגען דיזען געזעץ ריטשארד אאסטלער און דער מעטהאדיסטען-פרעדיגער סטעפענס. אויך פיעלע ראדיקאלע מיטגלידער פון פארלאמענט האבען זיך פעראייניגט אין דיזער ארבייט מיט די ארבייטער-פיהרער. עס זיינען איבעראל ענטשטאנען ארבייטער-פעראיינען, וועלכע האבען געהאט זייער ארגאן „די נארטהערן סטאר" (דער נארד-שטערען), געגרינדעט פון דעם אירלאנדער פירגוס א'קאננאר. א בעזונדערען איינפלוס האט געהאט די לאנדאנער „ארבייטער-אסאציאציאן". דיזער פעראיין האט פערפאסט א פראגראם: „צו ערווערבען פיר די ארבייטער א פאליטישע מאכט". וויליאם לאוועטט האט ארויסגעשטעלט די פונקטען פון דער „פאלקס-כארטע", וועלכע האבען דער פאליטישער ארבייטער-בעוועגונג אין ענגלאנד געגעבען דעם אינהאלט. דיזע פונקטען זיינען פאלגענדע:

1) אלגעמיינעס שטימרעכט פיר יעדען מענשען, וואס איז פול-יעהריג.
2) דער פארלאמענט זאל ערוועהלט ווערען יעדעס יאהר.
3) געהיימע שטימען-געבונג.
4) אפשאפונג פון צענזוס פיר א מיטגליד צום פארלאמענט.
5) דיעטען (געהאלט) פיר פארלאמענטארישע מיטגלידער.
6) גלייכמעסיגע וואהל-בעצירקען.

דיזע פראגראם איז נאך דער פארמע ריין פאליטיש, אבער פיעלע פון די כארטיסטען האבען זי בעטראכט אלס א פארשטופע צו א דעמאקראטישער און סאציאלער רעפובליק. דיזע פאדערונגען זיינען געווען די פאהנען, ארום וועלכע עס האבען זיך פערזאמעלט אלע אונצופרידענע אין לאנד. צו די אונצופרידענע האבען זיך גערעכענט ניט נאר די ארבייטער, נאר אויך פיעלע פון דער קליינער בורזשואזיע. אזוי איז אנפאנגס דער ארבייטס-ראדיקאליזם געגאנגען האנט אין האנט מיט דעם ראדיקאליזם פון דער קליינער בורזשואזיע.

אבער זעהר פריה האט דיזע בעוועגונג אנגענומען א סאציאלען כאראקטער. מיר האבען שוין פריהער געשריבען, וואס פיר א שלעכטע און טרויעריגע פאלגען עס האט געהאט אויף די ארבייטער די ענטוויקלונג פון דעם פאבריק-סיסטעם. איבערהויפט האט געהאט א זעהר שלעכטע ווירקונג אויף

פענטען ווידערשטאַנד. אין נ י ו פ אָ ר ט האָט פ ר אָ ס ט, א פיהרער פון דער כאַרטיסטיסטען־בעוועגונג, געזוכט צו מאַכען אַן אויפשטאַנד. היר איז פאָרגעקומען א גאַסען־קאַמף צווישען מיליטער און כאַרטיסטען. די כאַר־טיסטען זיינען בעפאַלען די געפענגניס, אָבער דאָס מיליטער האָט זיי אָפגע־שטויסען און אייניגע אַרבייטער זיינען דערשאָסען געוואָרען. דער קאַמף איז ניט געלונגען און די אָנפיהרער זיינען פערשיקט געוואָרען. עהנליכע אויפ־שטאַנדען זיינען אויך פאָרגעקומען אין אנדערע גרויסע שטעדט. אָבער ווייל די כאַרטיסטען זיינען ניט געווען אָרגאַניזירט האָט א הייפעלע סאָלדאַטען און פאָליציסטען זיי בעזיגט. כמעט אַלע זייערע אַגיטאַטאָרען זיינען אין א צייט פון 2 יאָהר געוואָרפען געוואָרען אין די געפענגניסען. עס האָט אויסגעוויזען, דאָס פון דער גאַנצער בעוועגונג איז גאָרניט געוואָרען. אָבער דער ענגלענדער גיט ניט אויף אַזוי גיך זיינע א גערעכטע פאָדערונג. ווען די געפאַנגענע פיהרער זיינען אַרויס פון געפענגניס האָט דאָס פאָלק געמאַכט גרויסע דע־מאָנסטראַציאָנען, און דאָס האָט בעוויזען, דאָס די בעוועגונג איז נאָך ניט איינגעשלאָפען.

אין די יאָהרען 1840 און 1841 איז די אַגיטאַציאָן פון די כאַרטיסטען צוגעגאַנגען רוהיג. דאָ איז אָבער אָנגעקומען דער שרעקליכער קריזיס אין ענגלאַנד אין יאָהר 1842. דיזער קריזיס האָט אָנגעמאַכט צווישען די אַר־בייטער א גרויסע בעוועגונג. די ביטערע נויט האָט זיי דערצו געצוואונגען. אין סטאָקפּאָרט, נעבען מאַנטשעסטער, זיינען איבער 3,000 הייזער געשטאַ־נען לעער. די אַרמען־שטייער (ד. ה. די שטייער, וואָס מען האָט אַרויפ־געלעגט אויף די בירגער, צו שטיצען די אָרימע לייט פון שטאָדט) האָט גע־שטיגען פון 2,628 פונט סטערלינג ביז 7,120 פונט, ווייל די צאָהל פון אָרימע לייט האָט זיך שטאַרק פערגרעסערט. אין א קלייגער שטאָדט ניט ווייט פון סטאָקפּאָרט האָבען 1,000 פאַמיליעס געמוזט בעקומען אַרמען־שטיצע. אין לידז האָבען 4,025 פאַמיליעס, א פינפטעל פון דער גאַנצער בעפעלקערונג פון שטאָדט, זיך געגעטיגט אין אַרמען־שטיצע. אין ג ל א ז־ג אָ ו האָבען די אַרבייטער געמאַכט אין די גאַסען דעמאָנסטראַציאָנען און האָבען געפאָדערט ברויט און בעשעפטיגונג. אין ד ו מ פ ר י ע ס האָ־בען די אַרבייטער פון הונגער צורויבט די ברויט־קראָמען. די זעלבע נויט האָט געהערשט אין אירלאַנד. אויך דאָ זיינען פאָרגעקומען רויבערייען און זעהר אָפט אויך מאָרד־אָנגריפען אויף רייכע גוטס־בעזיצער.

אָבער אויך די רייכע פאַבריקאַנטען האָבען געליטען פון דיזען קריזיס. די וואַהלען פון 1841 האָבען געבראַכט די טאָרים ביי דעם רודער פון דער

וואָס די כאַרטע האָט פערשפּראָכען דער הונגעריגער מאַסע ברויט. „דער כאַרטיזם”, האָט סטעפענס געזאָגט צו אַ פערזאַמעלטער מאַסע פון 200,000 פּערזאָן ביי מאַנטשעסטער, „איז ניט אַ פּאָליטישע פראַגע וועגען בעקומען וואהלרעכט, דאָס איז אַ פראַגע פון מעסער און גאָפּעל, דאָס איז אַ פראַגע פון גוטער, געזונדער שפּייז, פון אַ ריינער בעקוועמער וואוינונג און קורצער אַרבייטס־צייט”.

די רעדעס אין די פאָלקס־פערזאַמלונגען זיינען געוואָרען אימער פעס-טער און שאַרפער. די פערזאַמלונגען זיינען געוואָרען אַזוי צאָהלרייך, דאָס עס איז ניט געווען אַ לאָקאַל, וואָס זאָל קענען אַריינגעהמען אין זיך אַזא גרויסע מאַסע. די כאַרטיסטען האָבען זיך געמוזט פערזאַמלען אויסער'ן שטאָדט נעבען די טויערן, און נאָכדעם זיינען זיי אַריין אין שטאָדט און האָבען זיך צולאָזען איבער אַלע גאַסען מיט זייערע פאָהנען מיט מורא'דיגע איבערשריפטען. זיי האָבען מיט זיך געטראָגען ברענענדע פאַקלען אום צו צייגען דערמיט דעם פאָלק, דאָס זיי זיינען בערייט ארויסרופען אַ בירגער־קריג. די רעגירונג האָט אָנגעהויבען צו פערוועהרען מאַסען־פערזאַמלונגען און רעדע־פרייהייט, אָבער עס האָט איהר ניט געהאָלפען. זי האָט פעראור-טיילט סטעפענס'ן צו 18 מאָנאַטען געפענגניס פיר זיינע אַ פרייע רעדע, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס זיין פערטיידיגונגס־רעדע איז געווען אַזוי גלענ-צענד, דאָס די ריכטער זעלבסט האָבען איהם געוואונשען גליק אין זיין אונ-טערנעהמונג. אָבער זיין אַרעסט האָט די בעוועגונג ניט אָפּגעשטעלט; די אַגיטאַציאָן איז געווען אין יאָהר 1839 נאָך מעכטיגער ווי פריהער.

דעם 4טען פעברואַר 1839 האָבען די כאַרטיסטען געמאַכט אַ „נאַציאָ-נאַלען קאָנווענט”, אויף וועלכען עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז מען זאָל אָפּשטימען אין גאַנצען לאַנד, ווען מען זאָל אָנפאַנגען דעם „גענעראַל־סטרייק”. זיי האָבען יעצט געמוזט האָבען אַ שטאַרקע וואַפע אין די הענט, ווייל זיי האָבען דערלאַנגט זייער פּעטיציאָן (ביטשריפט) מיט 1,200,000 אונטערשריפטען צום פּאַרלאַמענט, פון וועלכען זיי האָבען געפאָדערט די אָנערקענונג פון די אויבען־דערמאָהנטע 6 פונקטען. דיזע פּעטיציאָן האָבען זיי דערלאַנגט צום פּאַרלאַמענט דורך אַ מיטגליד פון פּאַרלאַמענט אַטט-וואוד. דער רעזולטאַט איז געווען אַן אונערוואַרטעטער. דער פּאַרלאַ-מענט האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער גאַנצער פּעטיציאָן און מען האָט זי באַלד בעגראָבען. עס איז געווען אַן אונגעוועהנליכער פרעכער שריט און אַ פּאַטש אין פּנים אַן אַרבייטער־מאַסע פון איבער 1,200,000 אין צאָהל. די בעליידיגטע אַרבייטער האָבען זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צו אַ בעוואַ-

רעגירונג, און מיט זיי האָבען די גרויסע גרונד־בעזיצער ווידער אויפגע-
הויבען די קעפּ. דיזעס צוזאַמען מיט דעם קריזיס האָט געבראַכט אויף די
בורזשואַזיע אין דעם לאַגער פון דער אָפּאָזיציאָן. די ערסטע זאַך, וואָס די
בורזשואַזיע האָט געטאָן, איז געווען, דאָס זי האָט מיט גרויס אייפער און
פייער גענומען אַגיטירען פיר אָפּשאַפען דעם צאָל פון קאָרן. פיר זיי איז
עס געווען זעהר וויכטיג, ווייל ביליגעס ברויט בעדייטעט ביליגע אַרבייט,
וועלכע וועט זיי געבען די מעגליכקייט צו קאָנקורירען מיט אויסלענדישע
פאַבריקאַנטען. די בורזשואַזיע איז יעצט צוטיילט געוואָרען אויף 2 פיינד-
ליכע לאַגערן. די אַרבייטער האָבען זיך בענוצט מיט דיזען קאַמף און האָבען
זיך אָנגעשלאָסען אָן דער בורזשואַזיע. די טשאַרטיסטען האָבען ווייניג גע-
גלויבט, דאָס די אַרבייטער וועלען דערביי עפּעס געווינען, אָבער זיי האָבען
געהאָפט צו ציהען נוצען פון דיזען קאַמף צווישען די בירגער.

די טשאַרטיסטען האָבען זיך פעראייניגט מיט דער פּאַרטיי פון דער בור-
זשואַזיע, וואָס איז געווען געגען דעם קאָרן־צאָל, און האָבען בעשלאָסען צו-
זאַמען דערלאַנגען צום פּאַרלאַמענט אַ פּעטיציאָן (ביטשריפט) וועגען דער
אָפּשאַפונג פון דעם קאָרן־צאָל, אָבער צוזאַמען מיט דעם האָבען זיי אויך
געפאָדערט צו אָנערקענען די 6 אויבען־אויסגערעכענטע פּונקטען פון זייער
פּראָגראַם. די בורזשואַזיע איז אויך יעצט געווען בעגייסטערט מיט אַ פיי-
ערדיגען ראַדיקאַליזם, ווי נאָך קיינמאָל פריהער. עס האָט זיך דאָך געהאַנ-
דעלט וועגען דעם פונדאַמענט פון מסחר, וועגען פּראָפיט. זייער גאַנצע
שטרעבונג איז געווען אָפּצושאַפען דעם צאָל־טאַריף מיט דער הילף פון דער
נויט און פון די אַרבייטסלאָזע, עס מעג זיי קאָסטען וואָס עס וויל. זיי
האָבען געברויכט אַלע מיטלען, גערעכטע און ניט גערעכטע, אום דיזען צוועק
צו דערגרייכען. זיי האָבען בעשלאָסען אַרויסצורופען אַ סטרייק און צו
שליסען די פאַבריקען. זיי האָבען געשיקט די אַרבייטער אויף די גיטער
פון דער אַריסטאָקראַטיע אום צו צווינגען זיי נאָכגעבען דיזע פאָדערונג,
ווייל דיזע גרויסע גוטס־בעזיצער זיינען געווען די גרעסטע געגנער אָפּצו-
שאַפען דעם קאָרן־צאָל. די פאַבריקאַנטען האָבען זיך ווייניג אינטערעסירט
מיט די פאָלגען פון דיזער האַנדלונג. זיי זיינען געשטאַנען פון ווייטען,
אין הינטערגרונד: וואָס אַרט זיי ווען די פּראָלעטאַריער וועלען פערגיסען
זייער בלוט? זיי האָבען אין יעדען פאַל דערפון געוואונען, וואָס זיי וועלען
אין דער שלעכטער צייט ניט זיין געצוואונגען צו פּראָדוצירען אָהן פּראָפיט.

אָבער די אַרבייטער האָבען גוט פערשטאַנען, דאָס זיי וועלען דערפון
גאָרניט געווינען. דער אָרגאַן פון די טשאַרטיסטען, דער „נאָרטהערן סטאַר“,



גאַסען־קאַמף צווישען כאַרטיסטען און מיליטער אין ניופּאָרט.

דעם מיליטער. זיי זיינען זיך צוגאַנגען. די פאַבריקאַנטען האָבען געוואָר־פען די גאַנצע שולד פון דיזער בעוועגונג אויף די כאַרטיסטען, און האָבען געזוכט זיך ריינצוואַשען פאַר דער רעגירונג צייגענדיג, דאָס זיי קוקען אויף דיזע בעוועגונג מיט פעראַכטונג.

דער וויכטיגסטער רעזולטאַט פון דיזער בעוועגונג איז געווען, דאָס די אַרבייטער האָבען זיך אין גאַנצען אָפּגעטרייסעלט פון דער בורזשואַזיע. די פּראָלעטאַריער האָבען ניט געהאַט קיין אינטערעס אין דער פראַגע פון קאָרן־געזעצע, און אַזוי האָט זיך די כאַרטיסטישע בעוועגונג געשפּאָלטען אין צוויי פּאַרטייען. דיזע צוויי פּאַרטייען זיינען געווען אין פּאָליטישער הינ־זיכט נאָר איין פּאַרטיי, מיט איין פּראָגראַם, אָבער זיי זיינען געווען צוויי פּאַרטייען אין סאָציאַלער הינזיכט. די בורזשואַזיע פון איהר זייט האָט אויך געזוכט צו צייגען דער רעגירונג, דאָס זי האָט ניט מיט די כאַרטיסטען קיין צוזאַמענבונד; זי האָט אַרויסגעוואָרפען פון איהרע סטאַטוטען דאָס וואָרט כאַרטע און האָט די בעצייכנונג „אַלגעמיינעס" שטימרעכט פערביטען אויף „קאָמפּלעטעס" שטימרעכט. די בורזשואַזיע האָט זיך געגעבען אַלע מיה, אַז מען זאָל פערגעסען איהר פריהערדיגען אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנע־רער בעוועגונג. די אַרבייטער דאַגעגען האָבען מיט שטאָלץ זיך געהאַלטען אָן זייער אַלטען נאָמען „כאַרטיסטען". פון דאַמאָלס אָן איז דער כאַרטיזם געוואָרען נאָר אַן אַרבייטער־זאַך, פריי פון אַלע פערדונקעלטע עלעמענטען פון דער בורזשואַזיע. זייער גאַנצע שטרעבונג איז געווען: דורכצופיהרען דעם 10־שטונדען ביל, צו שטיצען די אַרבייטער געגען די קאַפּיטאַליסטען, צו בעקומען פיר דעם אַרבייטער אַ גוטען לוין און אָפּצושאַפען דאָס אַרמען־געזעץ. „דער צוועק אונזערער", האָבען די אַרבייטער געזאָגט, „איז סאָ־ציאַלע גליקזעליגקייט, און דער מיטעל דערצו איז פּאָליטישע מאַכט".

אָן אויסצוג פון אַ רעדע פון איינעם פון די כאַרטיסטען־פיהרער ערנעסט דזשאָנעס קען אונז געבען אַ בעגריף פון דער סאָציאַלער אויפפאַסונג פון אייניגע פון די כאַרטיסטען.

„מיר מוזען זיך בעפרייען פון יעדען אַרמען־געזעץ", האָט דזשאָנעס געזאָגט, „מיר טאָרען ניט דערלאָזען, דאָס דיזעס געזעץ, וואָס עקסיסטירט יעצט, זאָל געענדערט ווערען דורך אַן אַנדער געזעץ. אָבער מיר מוזען זיך בעפרייען ניט נאָר פון דעם אַרמען־געזעץ, נאָר אויך פון דעם געזעץ פון די רייכע. יעצט איז דאָ איין געזעץ פיר די רייכע און אַן אַנ־דערעס פיר די אָרימע.

האָט זיך ערקלערט געגען דעם סטרייק. אָבער די פאַבריקאַנטען האָבען ניט נאָכגעגעבען. זיי האָבען בעשלאָסען צו צווינגען די אַרבייטער צו סטרייקען. אין 3 פאַבריקען אין סטאַלעיברידזש האָבען זיי ענדע יולי און אָנפאַנג אויגוסט פערקלענערט דעם אַרבייטער־לוין. צוויי געשעפטען האָבען אפילו באַלד צוריק אויפגעהויבען דעם לוין, ווייל צופעליגערווייזע איז דאַמאָלס דער פּרייז פון זייערע פּראָדוקטען געשטיגען, אָבער די דריטע פאַבריק איז געבליבען ביי איהר בעשלוס צו פערקלענערן דעם לוין. די אַרבייטער זיינען באַלד אַרויס איבער די גאַסען מיט אַ דעמאָנסטראַציאָן און האָבען אויפגעפאָדערט די אַרבייטער פון אַלע אַנדערע פאַבריקען צו פערלאָזען די אַרבייט. באַלד זיינען אַלע פאַבריקען געבליבען שטעהן שטיל. מיט 3 טעג שפּעטער, דעם 8טען אויגוסט, זיינען פיעלע פון די אַרבייטער, 5,000 אין צאָהל, אוועק נאָך אַשטאָן און הייד און האָבען דאָרט אויך געצוואונגען די אַרבייטער צו פערלאָזען די פאַבריקען. דעם 9טען אויגוסט זיינען זיי אוועק נאָך מאַנטשעסטער, נאָכדעם אין סטאָקפּאָרט, באָלטאָן, און עס האָט ניט לאַנג גענומען און דער אויפשטאַנד האָט זיך פערברייטערט איבער דעם גאַנצען נאָרדליכען פאַבריק־בעצירק. איבעראַל זיינען די פאַבריקאַנטען געוועזען צופרידען, וואָס די אַרבייט איז אָפּגעשטעלט געוואָרען.

דעם 14טען האָט זיך די רעגירונג גענומען צו ברייננגען אָרדנונג. די בורזשואַזיע איז געשטאַנען פון וועיטען און האָט דערין ניט גענומען קיין אַנטייל. זי האָט נאָך אַלץ געהאָפט צו ציהען נוצען פון דיזער אַרבייטער־בעוועגונג, אָבער די אַרבייטער האָבען ניט געזאָגט קיין וואָרט וועגען אָפּשאַפען דעם קאָרן־צאָהל. זיי האָבען געפאָדערט „אַן עהרליכען טעגליכען לוין פיר אַן עהרליכען טאָג אַרבייט". דאָס איז געוועזען פיר די פאַבריקאַנטען אַ געפעהרליכע שפּראַך. דערווייל האָט זיך די לאַגע פון די געשעפטען געבעסערט. יעצט, ווען עס איז דאָ אַ מעגליכקייט צו פערדינען זאָגאַר ווען דער קאָרן־צאָהל איז ניט אָפּגעשאַפט געוואָרען, איז זעהר ניט פּראַקטיש צו לאָזען שטעהן די פאַבריקען. די אַרבייטער האָבען ניט געוואָלט דינען פיר די צוועקען פון די פאַבריקאַנטען. דאַן זיינען די פאַבריקאַנטען מיט איין מאָל אַריבער אויף די זייט פון דער רעגירונג. זיי זיינען געוואָרען ליבהאָבער פון אָרדנונג און גוט און רוהיג ווי די שעפּסעלאַך, און זיינען געוואָרען שטאַרקע געגנער פון דער אַרבייטער־בעוועגונג.

צום אונגליק פון דיזער בעוועגונג האָבען די אַרבייטער אַליין ניט געהאַט קיין ריכטיגען אַלגעמיינעם ציל און זייער גאַנצע אָנשטרענגונג האָט געמוזט בלייבען נוצלאָז. זיי זיינען געוועזען צו שוואַך געגען דער מאַכט פון

און זאָגען צו זיי: קומט און עסט! צו די נאַקעטע: קומט און קליידט אייך אָן! מיר ברויכען איין געזעץ פיר די אָרימע ענגלענדער, איין געזעץ, וועלכעס זאָל בעשרענקען די רייכע, ניט די אָרימע. וואַרפט אין געפענגניס די פיעלע אַריסטאָקראַטען, ניט די אונגליקליכע אַרבייטער. אזא געזעץ וואָלט באַלד פערטיליגען יעדע שפּור פון אָרימקייט פון דעם ענגלישען באָדען. מיין אַרמען־געזעץ זאָגט: גיט דעם פאָלק וואָס איהם קומט! איהר הערען פון דער ערד, גיט איהם אָפּ צוריק, וואָס איהר האָט פון איהם צוגענומען! קירכע, גיב צוריק, וואָס דו האָסט פון איהם גערויבט! קעניגען, ברעכט אויס, וואָס איהר האָט פערשלונגען! מיין אַרמען־געזעץ זאָגט: מיליאָנערען, גיט אַ גוטען לוין פיר גוטע טאָג־אַרבייט! ווען ניט, אַרבייטען מיר פיר זיך אַליין! מיין אַרמען־געזעץ זאָגט: גיט אונז די פאָלקס־כאַרטע (די 6 פונקטען פון די כאַרטיסטען), און מיר ברויכען ניט קיין באַסטיליעס אין גאַנץ ענגלאַנד! קיין מענש האָט ניט דאָס רעכט צו פערשווענדען צו פיעל, ווען אַן אַנדערער לעבט אין נויט. דאָס איז דאָס עכטע אַרמען־געזעץ. קיין מענש האָט ניט קיין רעכט צו האָבען אַן איבריגעס צימער, ווען אַן אַנדערער האָט ניט וואו זיין קאָפּ אַנידערצולעגען. דאָס איז אַ גערעכטעס אַרמען־געזעץ. קיין מענש האָט ניט קיין רעכט צו געברויכען איבריגע שפּייז, ווען זיין אָרימער מיטמענש שטאַרבט פון הונגער. קיין מענש האָט ניט דאָס רעכט צו וואוינען אין אַ פּאַלאַץ, ווען דער אַנדערער מוז פערבריינגען זיין לעבען אין אַ פעסטונג. דאָס איז דאָס געזעץ פיר די אָרימע. מען האָט אונז ביז יעצט גענאַרט מיט פערשפּרעכונגען. ווען אַ פּאַרטיי וויל זיך מאַכען פּאָפּולער און געווינען די אַרבייטער אויף איהר זייט, שרייט זי: 10־שטונדען־ביל, פאָלקס־ערציהונג, רעפאָרמע, האָספּיטעלער אָדער אַרמען־געזעץ. גלויבט ניט מעהר מיט דיזען פולווערל איינצואוויגען און פערשלעפערן דאָס ענגלישע פאָלק. מיר וועלען זיך מעהר ניט לאָזען פערפיהרען פון אייערע שענע ווערטער, וועלכע זיינען נאָר געזאָגט געוואָרען אום אונז אָפּצונאַרען. מיינע הערען אין פּאַרלאַמענט! ווען איהר ווילט פערטרעטען דאָס פאָלק, מוזט איהר זוכען אין פאָלק אייער מאַכט און קראַפט. מיר זיינען כאַרטיסטען פון איין עק לאַנד ביז דעם אַנדערען. איהר זאָלט וויסען, דאָס פריהער אָדער שפּעטער וועט דאָס פאָלק אַריינגעהמען די רעגירונג אין זיינע הענט און וועט ענדליך אַרונטעררייסען דעם שלייער פון אייער פאַלשקייט — מיינע הערען, איהר זוכט אַ קאַמף־געשריי, אום צו האָבען אַ וואַהל־שפּרוך, מיט וועלכען איהר זאָלט קענען אויפטרעטען פאַר די וועהלער. גלויבט מיר, אַלע אייערע יעצטיגע געשרייען, אַלע אייערע פּאַרטיי־שפּרוכען האָבען זיך

„מיינע פריינד! איהר טאָרט ניט מאַכען קיין קלאַגען געגען אייער צושטאַנד, דאָס הייסט בונט! איהר טאָרט ניט פערלאַנגען וועלכע עס איז מאַסרעגלען געגען אייערע ליידען — דאָס הייסט פערשווערונג! איהר טאָרט ניט אַרויסשטעלען די שלעכטע זייט פון אייערע העררען — דאָס הייסט עהרען־בעליידיגונג! איהר טאָרט ניט נעהמען וואָס אייך קומט — דאָס הייסט גנבה און גזילה! איהר טאָרט ניט געהן אויף דער ערד, וועלכע די נאַטור האָט געשענקט אַלעמען גלייך — דאָס הייסט בערויבען אַן אַנ-דערען'ס אייגענטום! איהר טאָרט ניט בעטען קיין צדקה — דאָס הייסט זיין אַ וואַגאַבונד (אַ בראָדיאַגע)! דאָס איז דאָס אַרמען־געזעץ, מיינע פריינד. עס איז אָבער דאָ אַן אנדערעס געזעץ פיר אַן אַנדער סאָרט ענג-לענדער. דער אַריסטאָקראַט האָט דאָס רעכט צו ערווערבען זיך אייגענטום און ניט בעצאָהלען דערפאַר — דאָס הייסט פריווילעגיע! דער סאָלדאַט דאַרף שפאַלטען קעפּ און שענדען פרויען — דאָס הייסט רוהם! דער יאַגד־ליבהאָבער האָט דאָס רעכט צו צוטרעטען און פערדאַרבען אייערע בעזעעטע פעלדער און מאַכען אַ תל פון אייער מיהזאַמער מיט שוויס בע-גאָסענער אַרבייט — דאָס הייסט אייגענטום־רעכט! דער פּריסטער דאַרף נעהמען פון אייערע פּראָדוקטען מעשר און פערקויפען מחילה אויף זינד — דאָס הייסט רעליגיאָן! דער גרונד־בעזיצער דאַרף אויסהונגערן די אַרביי-טער, ווערהענד ער קאָרמעט די ווילדע יאַגד־חיות — דאָס הייסט שוץ! דער פאַבריקאַנט דאַרף העכערן דעם פּרייז פון זיינע פּראָדוקטען און אַרונ-טערשניידען דעם אַרבייטס־לוין — דאָס הייסט פרייער האַנדעל! די קע-ניגין דאַרף האָבען קינדער און איהר דאַרפט בעצאָהלען זייערע בעדערפני-סען — דאָס הייסט אונטערטאַנען־טרייהייט! דאָס איז דאָס געזעץ פיר די רייכע, מיינע פריינד! מיינט איהר, אַז דאָס ענגלישע פאָלק וועט אויף אימער בלייבען פערשלאָסען אין דער באַסטיליע? גלויבט איהר, דאָס עס וועט זיין צופרידען מיט דער נייער פּראָבע, אונטער וועלכע איהר ווילט אונטערוואַרפען די קאַנדידאַטען פיר'ן פּאַרלאַמענט מיט דעם, וואָס איהר לאָזט זיי שטימען פיר אַ נייעס באַסטיליען־געזעץ און נאָר פיר באַסטיליער? מיר ברויכען ניט קיין נייעס אַרמען־געזעץ, נאָר אַ גאַנץ נייע געזעצגעבונג! ניט נאָר דאָס אַרמען־געזעץ, נאָר אַלע געזעצען, וואָס מען האָט פיר אונז געמאַכט, זיינען זעהר אַרמזעליג! גאָט האָט דאָס וואָהרע געזעץ פיר די אָרימע אָנגעשריבען אויף דער לאַנגער און ברייטער ערד, וועלכע ער האָט אונז געשענקט. די פּאַראַגראַפען פון דיזע געזעצען זיינען פערשריבען אין די מיליאָנען אַקער פון פרוכטבאַרע פעלדער, וועלכע רופען די הונגעריגע

8 וואָכען האָבען די אונגליקליכע ארבייטער אזוי געליטען און ענדליך האָבען זיי זיך געמוזט אונטערגעבען, ווייל די באַראָנען האָבען געבראַכט נייע אר-בייטער פון אירלאנד. אָבער הגם די ארבייטער זיינען געווען געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען, איז דאָך דער קאַמף ניט געווען אָהן נוצען. דריי פער-טעל פון אַלע ארבייטער פון נאָרד־ענגלאנד האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די כארטיסטען.

דער נייער קריזיס פון יאָהר 1847 האָט פיעל געהאָלפען דער בעוועגונג פון די כארטיסטען. דער אָרגאַן „נאָרטהערן סטאַר" איז שוין דאַמאָלס ערשינען אין 50,000 עקזעמפּלארען. אָ'קאָננאָר איז דאַמאָלס ערוועהלט געוואָרען אין פּאַרלאַמענט. די כארטיסטען האָבען דאַמאָלס געפונען בונד־חברים אין דער פארטיי פון די טאָרים, וועלכע האָבען דאַמאָלס געזוכט צו נעהמען ראַכע פון די וויגס. ענדליך איז אָנגענומען געוואָרען אין פאַר-לאַמענט דער ביל פון 10־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. מיט שטאָלץ האָבען די כארטיסטען געקענט בעהויפּטען, דאָס נאָר מיט דער הילף פון זייער אַגיטאַציאָן האָבען די ענגלישע ארבייטער געהאַט זייער זיג.

באַלד איז אָנגעקומען דאָס רעוואָלוציאָן־יאָהר 1848. די פּראָקלאַ-מאַציאָן פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק האָט פיעל פערשטאַרקט די האָפ-נונג פון די כארטיסטען, דאָס זיי וועלען ענדליך געווינען דעם קאַמף. די נאַכריכט פון אַלעס, וואָס האָט זיך געטאָן אין פראַנקרייך אין פעברואַר, איז בעגריסט געוואָרען אין ענגלאַנד מיט אַ גרויסער דעמאָנסטראַציאָן. אי-בעראַל האָט זיך אָנגעהויבען אויף דאָס ניי די אַגיטאַציאָן מיט גרויס ענער-גיע. אויף אַ מיטינג פון כארטיסטען האָט ערענסט דזשאָנעס אויפגעפאָ-דערט דאָס פאָלק ניט צו מורא האָבען פאַר די מענער פון געזעץ, ניט פאַר דער פּאָליציי, ניט פאַר די סאָלדאַטען, וואָס סימפּאַטיזירען מיט'ן פאָלק, אָדער פאַר די איינגעשוואָרענע ספּעציעלע קאָנסטאַבלען, וועלכע ענטלויפען פאַר דריי גאַסען־יונגען. „ארונטער מיט דעם מיניסטעריום!" האָט ער אויסגעשריען, „דער פּאַרלאַמענט מוז אויפגעלעזט ווערען, די כאַרטע מוז אָנ-גענומען ווערען".

עס איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס 300,000 מאַן זאָלען דערלאַנגען אַ נייע פּעטיציאָן צו דעם אונטער־הויז פון פּאַרלאַמענט.

דאָס וויג־מיניסטעריום האָט מורא געהאַט, דאָס אין ענגלאַנד וועט געשעהען דאָס זעלבע, וואָס איז פאָרגעקומען אין פראַנקרייך מיט'ן קעניג-טום, און האָט דעריבער גענומען פאָרזיכטס־מיטלען. עס זיינען פערבאָטען

שוין איבערגעלעבט, זיי נוצען מעהר ניט. מיר קימערן זיך שוין מעהר ניט וועגען אייערע פּאָליטישע פּאַרטייען. מיר קימערן זיך נאָר וועגען זיך זעלבסט!

„יעצט וויל איך אייך געבען דעם שפּרוך, מיט וועלכען איהר זאָלט געהן צו די וואהלען און פיר וועלכען איהר וועט מיר דאנקען. דאָס פעלד־געשריי, וועלכעס איך וועל אייך געבען, געפינט אַן אָפּקלאַנג פון איין עק ענגלאַנד ביז'ן אנדערען: עס איז דער איינציגער קאַמף־רוף, וואָס וועט אייך קענען פיהרען צו אַ פריידיגען זיג; דיזער רוף — און הערט, ווי דיזע פערזאַמלונג וועט איהם בעגריסען מיט איהר בייפאַל און וויערערהאָלען — דיזער רוף איז: די כארטע און קיין קאַפּיטולאַציאָן!”

נאָך דער שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי איז די כארטיסטען־בעוועגונג געגאַנגען שטאַרק צוריק. אָבער אין יאָהר 1844 האָט זי גענומען אַ בעסערען פּאָרטגאַנג. אין דיזען יאָהר איז פּאָרגעקומען איינע פון זייערע וויכטיגסטע טאַטען: די מינען־פּראָלעטאַריער האָבען זיך פעראייניגט אין אַ וואונדערבאַרע אָרגאַניזאַציאָן. דיזע קלאַס ארבייטער איז געווען שטאַרק אונטערדריקט פון זייערע הערען, די באַראָנען, וועלכע זיינען אויך געווען די פרידענס־ריכטער פון בעצירק. זיי האָבען ניט געהאַט די מעגליכקייט צו מאַכען אַן אויפשטאַנד. די אָרגאַניזאַציאָן פון די כארטיסטען האָט געגעבען די מינע־לייט אַ שטיצע. די מינע־לייט האָבען פערלאַנגט פערבעסערונגען פון דער שלעכטער לאַגע, און ווען זייערע הערען האָבען זיי ענטזאַגט, האָבען 40,000 מינע־ארבייטער אָפּגעשטעלט די ארבייט (31טען מערץ 1844).

דיזער קאַמף איז געווען איינער פון די גרויסאַרטיגסטע קאַמפּען, וואָס די ענגלישע ארבייטער האָבען געפיהרט מיט זייערע הערען. דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט פון ענגלאַנד האָט געשטיצט די מינע־לייט. זיי האָבען שוין אויסגעהאַלטען זייער סטרייק 4 מאָנאַטען און האָבען זיך ניט אונטערגעגעבען, הגם זיי האָבען שוין געהאַט ווייניג לעבענסמיטעל. ענדע יולי האָבען די באַראָנען זיי ארויסגעוואָרפען פון זייערע וואוינונגען און אַלע 40,000 ארבייטער זיינען געבליבען ליגען אונטערען פרייען הימעל. די ארויסזעצונג פון די ארבייטער פון די וואוינונגען איז צוגעגאַנגען זעהר באַרבאַריש. מען האָט ניט געלאָזען פערבלייבען אויף זייערע ערטער אויף אַ קורצע צייט זאָגאַר קראַנקע, שוואַכע, גאַנץ אַלטע לייט און קליינע קינדער. די היימלאָזע אונגליקליכע האָבען זיך געמוזט וואַלגערן אין נאַסע פעלדער.

טייל לעזער און איז ענדליך אין גאַנצען אונטערגעגאַנגען. די אָרגאַניזאַציאָן איז צופאַלען, און עס זיינען געבליבען נאָר איינצעלנע לאָקאַלע פעראיינען, ווי צ. ב. „די נאַציאָנאַלע רעפאָרמע ליעג“, „די דעמאָקראַטישע פעראייניגונג“ און „די רעפובליקאַנישע ברידערשאַפט“, אָבער זיי האָבען געפיהרט אַ זעהר שוואַכע עקסיסטענץ.

קעניגין וויקטאָריאַ.

„ווען דער כאַרטיזם איז שוין געוועזען טויט“, זאָגט אַ געשיכטע־שרייבער פון דיזער בעוועגונג, „ד. ה. ווען די אַרבייטער־קלאַס האָט אויפגעהערט צו דענקען וועגען פערבעסערן זייער לאַגע דורך פּאָליטישע רעכטען, איז אויך פיר די בורזשואַזיע מעהר ניט געוועזען קיין געפאַהר אין די פאָדערונגען פון דער כאַרטע. זיי האָבען יעצט געפאָדערט די זעלבע פונקטען ווי פריהער די כאַרטיסטען, הגם פריהער האָט די בורזשואַזיע ביטער געקעמפט גע-

געוואָרען אלע פערזאמלונגען, און עס זיינען אריינגעבראכט געוואָרען אין לאנד גרויסע מיליטערישע טרופען. דאָס מיניסטעריום האָט איינגעשוואָרען 200,000 נייע ספעציעלע קאָנסטאבלען (פאָליציי-בעאמטע). דעם פריה-מאָרגען פון 10טען אפריל, ווען די פעטיציאָן האָט בעדאַרפט איבערגעגעבען ווערען צום פארלאמענט, איז אלעס געווען געשלאָסען. אָ'קאָננאָר האָט פערלאָרען דעם מוט ער האָט געבעטען די פערזאמעלטע ארבייטער, דאָס זיי זאָלען זיך פערנאנדערגעהן רוהיג. שפעטער האָט מען דערלאנגט די פע-טיציאָן אָהן לארם, אָהן זאנג און קלאנג.

דיזער רעזולטאט פון דער גאנצער בעוועגונג, וועלכע האָט פערשפראָ-כען די כארטיסטען אזוי פיעל, האָט פערשאפט אָ'קאָננאָר'ן זעהר פיעל קרענ-קונג. מען האָט פון איהם איבעראל חוזק געמאכט. דאָס האָט זעהר פיעל געשאדט די כארטיסטען. די רעגירונג האָט זיי שטארק אָנגעהויבען צו פערפאָלגען. יעדע רעפובליקאנישע אגיטאציאָן האָט די רעגירונג בע-שטראָפט אלס הויך-פערראַט. זעהר פיעלע פיהרער פון די כארטיסטען זיי-נען אָנגעקלאָגט און פעראורטיילט געוואָרען. נאָך דעם 10טען אפריל איז די קראפט פון די כארטיסטען אין גאנצען געבראָכען געוואָרען. אויך דער עלעמענט פון די קליינע בירגער האָט זיך פון זיי דערווייטערט, באלד ווי די רעוואָלוציאָן פון פעברואר האָט אויסגעבראָכען, און די סאָציאַליסטען זיינען ארויס אָפען מיט זייער פּראָקלאמאציאָן.

דאמאלס האָבען די ענגלישע ארבייטער געפאסט א בעשלוס מעהר ניט צו דענקען וועגען א פּאָליטישער בעוועגונג, ווייל זיי זיינען געקומען צום שלוס, דאָס דיזעס וועט ניט פיהרען צו קיין רעזולטאט, און נאָר די אָרגא-ניזאציאָן פון דער געווערקשאפט וועט זיי פיהרען צום ריכטיגען צוועק — צו פערבעסערן זייער מאטעריעלען צושטאנד. יעצט, ווען זיי האָבען גע-וואונען דעם קאמף פון 10-שטונדיגען ארבייטס-טאָג, האָבען זיי זיך גענומען צו שטרייטען פיר א העכערען לוין פיר זייער ארבייט. דיזער קאמף האָט זיך אָנגעפאנגען אין יאָהר 1848. די כארטע האָט בעשאפען די פאָדערונג פון בעסערען לוין, זי האָט בעשאפען און נעגרינדעט פאָנדען און קאסעס צו שטיצען קראנקע, אלטע און מענשען, וואָס זיינען פעראונגליקט געוואָרען דורך א צופאל, און צו בעערדיגען מיטגלידער פון אָן אָרימער פאמיליע.

די כארטיסטען האָבען אָנגעוואָרען זייער מאכט; זייער צאָהל איז גע-וואָרען אימער ווייניגער, זייער פּרעס-אָרגאן האָט פערלאָרען דעם גרעסטען

און מישען זיך אין אַלע פערהעלטניסען. אין ענגלאַנד האָט די בורזשואזיע אַליין די הויפּט=מאַכט צו ענטשיידען איבער די געזעצגעבונג און איבער אַלע לעבענס=אינטערעסען. דאָ אין ענגלאַנד איז דער פּאַרלאַמענט ניט קיין ווערקצייג אין די הענט פון דער רעגירונג. דאָ שפּילט דער פּאַרלאַמענט די ערסטע ראָלע אין דעם עפענטליכען לעבען.

גען דיזע פונקטען. און איינינע פון די פונקטען, וואָס די כארטיסטען האָ-
בען געפאָדערט, זיינען יעצט געוואָרען אין ענגלאַנד א געזעץ.

„דער כארטיזם אין ענגלאַנד איז אלזאָ טיילווייז פערווירקליכט געוואָרען,
אָבער די כארטיסטען זיינען פערשוואונדען. עס פעהלט די בעוואוסטזיניגע
מאַסע ארבייטער, וועלכע זאָלען פערשטעהן, דאָס די פּאָליטישע מאַכט וואָלט
זי געפיהרט אויך צום סאָציאַלען גליק. די ענגלישע געווערק־פעראיינען זיי-
נען אפילו זעהר שטארק פערברייטערט אין לאַנד, מעהר ווי אין אלע אַנדערע
לענדער פון איירָאָפּא, אָבער זיי בילדען ניט אלע צוזאַמען אַן אָרגאַניזאַציאָן
אין לאַנד אלס א פּאָליטישע מאַכט. זייערע פאָדערונגען געהען ניט ארויס
פון די ראַהמען פון היינטיגען געזעלשאַפט־סיסטעם; וואָס עס געהט פאַר
אויסער דיזע ראַהמען, האָט ניט פיר זיי קיין אינטערעס. אַנשטאָט דעם,
וואָס פריהער זיינען זיי געווען א רעוואָלוציאָנערע ארבייטער־פּאַרטיי, זיי-
נען זיי יעצט געוואָרען די אריסטאָקראַטיע פון דער ארבייטער־פּאַרטיי. די-
זע אריסטאָקראַטיע בעשטעהט פון ארבייטער, וואָס ארבייטען אין אזעלכע
צווייגען פון מענשליכער שאַפונג, אין וועלכע קיין פרויען און קינדער קענען
ניט טאָן און העלפען, ווי צ. ב. מאַשינען־בויער, צימער־לייט (סטאָליערס),
מויערער או. אז. וו., און זיינען דעריבער בעפרייט פון דער קאָנקורענץ פון
פרויען און קינדער, און נעהמען דערפאַר פיר זייער ארבייט העכערע פריי-
זען. די גרויסע מאַסע אָבער פון ענגלישע ארבייטער איז ניט אָרגאַניזירט
און לעבט אין נויט און עלענד".

אין דער צייט, ווען עס איז פאָרגעקומען די כארטיסטען־בעוועגונג און
דער קאַמף פון דער בורזשואזיע פיר פרייען האַנדעל, איז דער ענגלישער
קעניג וויליאַם געשטאָרבען (1837). ווייל ער האָט ניט איבערגעלאָזען
קיין קינדער איז די קרוין אריבער צו זיין ניכטע **וויקטאָריא**. אין
יאָהר 1840 האָט זי געהייראַט דעם פּרינץ **אלבערט פון זאַקסען־
קאָבורג**, וועלכער איז דאַמאָלס אַלט געווען 20 יאָהר. זיין שטעלע
אין ענגלישען הויף איז אַנפאַנגס געווען א זעהר שוויריגע. מען האָט אין
דער ערסטער צייט ניט געהאַט צו איהם קיין צוטרויען. מען האָט געמוזט
געברויכען גרויס געשיקטליכקייט אום דיזען מיסטרויען צו בעזייטיגען
אָבער אויך דאַן איז זיין איינפלוס אויף די ענגלישע פּאָליטיק געווען זעהר
אונבעדייטענד. אין ענגלאַנד איז די קרוין איבערהויפּט נאָר א ווערקצייג
פון די פּאַרטייען, וועלכע געפינען זיך ביים רודער, און ניט ווי די קרוין אין
די אַנדערע לענדער פון איירָאָפּא, וועלכע האָבען אַן אייגענע שטאַרקע דעה

זייער מערדערישער קאַטאָליש־אַבסאָלוטיסטישער פּאָליטיק. די לאַגע האָט זיך נאָך פיעל מעהר פערערגערט דורך דעם, וואָס די ירושה פון דעם שפּאַנישען טראָן איז געווען צווייפעלהאַפט, און אין פראַנקרייך האָט געהערשט אַ מאָנאַרך, וואָס איז געווען זעהר עראָבערונגס־זיכטיג, און האָט אַלע מאָל

פּוערטאַ דעל סאָל אין טאָלעדאָ.

אָפּגעריסען פון שפּאַניען שטיקער לאַנד, ווען ער האָט נאָר געהאַט די מעג־ליכקייט דאָס צו טאָן, און ענדליך האָט ער געוואָלט פערכאַפּען אויך גאַנץ שפּאַניען. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער בעוואוסטער קריג וועגען דער שפּאַנישער טראָן־ירושה, וועלכען מיר האָבען שוין פריהער בעשריבען. דער

די געשיכטע פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל.

די פּירענאָאישע האַלב־אינזעל (שפּאַניען און פּאָרטוגאַל) שטעלט פאָר אַ שניידענדען קאָנטראַסט צו דער בליהענדער ענגלאַנד אין עקאָנאָמישער הינזיכט. מיר האָבען שוין פריהער אויספיהרליך בעשריבען ווי שפּאַניען און פּאָרטוגאַל זיינען געזונקען טיפער און טיפער אין זייער ווירטשאַפטליכען לעבען. אויך אונטער דער רעגירונג פון קאַרל דעם 2טען (1665—1700) איז דיזער פּראָצעס געגאַנגען פאָרוועּרטס אָהן אַן אויפהער. די אויסערליכע פּאָליטישע לאַגע פון שפּאַניען איז געווען זעהר קלעגליך. אין דעם פרידען פון אַאַכען (1668) האָט זי ווידער פערלאָרען 12 נידערלענדישע פעסטונגען, און אין יאָהר 1678 אין דעם פרידען פון נימווענען האָט זי געמוזט איבערגעבען צו פראַנקרייך די פראַנש־קאָמטע. די נאָרד־פּראָווינצען זיינען געווען שוצלאָז געגען פראַנצויזישע איבערפאַלען. דאָס זעלבע לאַנד, וואָס האָט פריהער בעהערשט גאַנץ אייראָפּאַ, איז יעצט ניט געווען אין שטאַנד צוזאַמענצושטעלען וועלכע עס איז אַרמעע. צו ענדע פון קאַרל דעם 2טען'ס רעגירונג איז די בעפעלקערונג פון שפּאַניען בעשטאַנען נאָר פון 5,700,000 מענשען. פיעלע געגענדען זיינען געווען אין גאַנצען פערלאָזען און וויסט. די אַיינקונפטען פון שטאַאַט האָבען קוים בעטראָפען 30 מיליאָנען רעאַלעס, נאָך אַלע דריקענדע שטייערן און רויבערישע פינאַנץ־ערפּרעסונגען. דער קעניג האָט קוים געהאַט מיט וואָס צו בעצאָהלען זיין דינערשאַפט. זעהר אָפט האָבען די בעאַמטע און די סאָלדאַטען ניט בעקומען קיין געהאַלט.

אין דיזער לאַגע האָט קאַרל דער 2טער, וועלכער איז געווען דער לעצטער שפּאַנישער קעניג פון די האַבסבורגער, איבערגעלאָזען שפּאַניען ווען ער איז געשטאָרבען (1700). דאָס איז געווען דער טרויעריגער רעזולטאַט פון דער 200־יעהריגער רעגירונג פון די האַבסבורגער אין שפּאַניען, פון

כער האָט רעגירט 13 יאָהר (1746—1759), זיינען די שטאַאַטס־איינגאַהמען געשטיגען פון 211 ביז צו 352 מיליאָנען, הגם די שטייערונגען זיינען גע-וואָרען פיעל קלענער און לייכטער. די פערוואַלטונג איז געוואָרען בעדריי-טענד בעסער. מען האָט געשאַפען א גרויסאַרטיגע פלאָטע, מען האָט בע-צאָהלט די צינזען פון די שטאַאַט־שולדען און מען האָט נאָך דערצו יעדען יאָהר אָפּגעשפּאָרט 100 מיליאָנען. א גרויסען פאָרטשריט פיר שפּאַניען האָט בעדייטעט דער קאָנקאָרדאַט (פּאַפּסטליכער אָפּמאַך) פון יאָהר 1753. דיזער קאָנקאָרדאַט האָט שטאַרק בעשרענקט די מאַכט פון די גייסטליכע און האָט געמאַכט אַן ענדע צו די רויבערייען פון די קלעריקאַלען, וועלכע האָבען פּעראָרימט דאָס לאַנד. מען דאַרף ניט פערגעסען, דאָס צו יענער צייט האָבען זיך געפונען אין שפּאַניען 180,000 גייסטליכע, וועלכע האָבען אויסגעזויגען פון לאַנד 359 מיליאָנען!

א זעהר בעדייטענדען פאָרטשריט האָט שפּאַניען געמאַכט אונטער דער רעגירונג פון קאַרל דעם 3טען (1759—1788). דיזער מאָנאַרך איז געווען א שטיפבּרודער פון פערדינאַנד דעם 6טען, זיין פאָרגענגער. אין דער ערסטער צייט פון זיין רעגירונג האָט פיעל געשטערט דעם פּראָגרעס פון לאַנד וואָס שפּאַניען האָט אָנטייל גענומען אין דעם שטרייט פון פראַנק-רייך מיט ענגלאַנד (1761 ביז 1762); אָבער באַלד האָט ער זיך ווידער גענומען צו רעפאָרמירען דאָס לאַנד מיט מעהר ענערגיע, בעזונדערס זינט ער האָט אַרויסגעטריבען פון לאַנד די יעזואיטען, די פינסטערע פיינד פון יעדער רעפאָרמע (1767). אום צו פערבעסערן די באַוועל־אינדוסטריע האָט ער אין יאָהר 1766 געגעבען צו די קאַטאַלאָניער פרייען האַנדעל מיט רויהע מאַטעריאַלען, און אין יאָהר 1772 האָט ער דאָס זעלביגע געגעבען אויך צו די איבריגע פּראָווינצען. אין יאָהר 1783 איז אַרויס א געזעץ, דאָס יעדער האַנטווערקער איז פערפליכטעט צו ערציהען וועניגסטענס איינעם פון זיינע זיהן אין דער זעלבער מלאכה, וואָס ער איז געוועהנט צו טאָן. פיר ניט פאָלגען דיזעם געזעץ איז בעשטימט געוואָרען א זעהר שווערע שטראָף: מען האָט צוגענומען פון דעם איבערטרעטער אַלע זיינע בירגער־רעכטען. ביז יענער צייט איז דער דירעקטער האַנדעל מיט די אַמעריקאַנישע קאָלאָ-ניסטען געווען ערלויבט נאָר צו איין שטאָדט. א צייט לאַנג האָט געהאַט דיזע פּריווילעגיע די שטאָדט סעווילליע, און נאָכדעם, ווי דער טייך גוואַדאַל-קוויוויר איז פערשאָטען געוואָרען מיט זאַמד, איז די פּריווילעגיע איבערגע-געבען געוואָרען צו דער שטאָדט קאַדיקס. יעצט האָבען פיעלע אַנדערע שטעדט געפאָדערט פיר זיך דאָס זעלבע רעכט, וועלכע איז זיי ווירקליך גע-

סוף איז געווען, דאָס שפּאַניען האָט פערלאָרען איהרע אייראָפּעאישע נע-בענלענדער און גיבראַלטאַר.

אין יאָהר 1700 איז ארויף אויף דעם שפּאַנישען טראָן דער בורבאָן פּיליפּ דער 5טער, וועלכער האָט רעגירט ביז דעם יאָהר 1746. מיט דיזען הערשער האָט זיך אָנגעהויבען פיר שפּאַניען אַ נייע פּעריאָדע. שפּאַניען האָט אָנגעהויבען איינצופיהרען ביי זיך יענע שטאַאַטס־פאָרמע, וועלכע האָט געהערשט אין פראַנקרייך זינט לודוויג דעם 14טען. ווען פּי-ליפּ דער 5טער איז ארויף אויף'ן שפּאַנישען טראָן האָט ער מיט זיך גע-בראַכט אַ מאַסע פרעמדע, וועלכע ער האָט בעשטימט פיר בעאַמטע אין דער אַרמעע און אין אַלע צווייגען פון דער ציוויל־רעגירונג. דיזע בעאַמטע האָ-בען איינגעפיהרט אין שפּאַניען די גרונדזעצען פון דער פראַנצויזישער רע-גירונג, זעהר אָפט געגען דעם ווילען פון פאָלק מיט געוואַלדזאַמע מיטלען. אַלע רעכטען פון די פעאָדאַלען, וועלכע האָבען מעהר אָדער ווייניגער בע-שרענקט די הערשאַפט פון קעניג, זיינען בעזייטיגט געוואָרען. דער האַנדעל און די אינדוסטריע זיינען געווען שטאַרק בעשיצט און געשטיצט פון דער רעגירונג, ווי אויך וויסענשאַפט און קונסט. מען האָט אָפּגענומען פון די פּראָווינצען די פּריווילעגיעס, וואָס מען האָט זיי פריהער געגעבען, און מען האָט איינגעפיהרט אין גאַנצען לאַנד אַ גלייכע שטייער. הגם דיזע רעפאָר-מעס האָבען אָנגעגריפען די פרייהייט און זעלבשטענדיגקייט פון פאָלק, האָ-בען זיי דאָך געבראַכט דעם האַנדעל און דער אינדוסטריע פיעלע נוצען, און דעריבער איז קיין וואונדער ניט, דאָס שפּאַניען האָט אין אַ זעהר קורצער צייט אָנגעהויבען ראַש אויפבליהען.

ווייניגער גליקליך זיינען געווען די רעפאָרמעס אויף'ן קירכליכען גע-ביט. ווען פּיליפּ האָט גענומען אָפּשאַפען די ערגסטע מיסברויכען פון דער קירכע און די גייסטליכע, האָט דאָס פאָלק שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דעם און האָט געשטערט מיט וואָס עס האָט געקענט איינצופיהרען אין די-זען געביט רעפאָרמעס און פערבעסערונגען. די גייסטליכע האָבען געוואוסט ווי אויפצוּוועקען אין פאָלק דעם פאַנאַטיזם און האָבען טריאומפירט געגען דער רעגירונג, און זיי זיינען געבליבען ביי זייער פריהערדיגער מאַכט צו-זאַמען מיט דער אינקוויזיציאָן. פּיליפּ האָט אויך געוואָלט אויפגעהמען די אַלטע פּאָליטיק פון עראָבערונגען, אָבער עס איז איהם ניט געלונגען.

אָבער ניט אַכטענדיג אויף דיזע אונגעלונגענהייטען איז שפּאַניען דאָך נעגאַנגען העכער אין פיעלע הינזיכטען. אונטער דער שפּאַרזאַמער און פרי-דענס־ליבענדער רעגירונג פון פערדינאַנד דעם 6טען, וועל-

זיי. מען האָט זיי געמוזט צווינגען די רעפאָרמעס אָנצונעהמען. א הייפעל גרינס, ארבעס און בעבלאַך האָט געקענט צופרידען שטעלען דעם בויער, וועל־כער איז געווען פון דער נאַטור פויל און איז געווען זעהר צופרידען מיט די פּיעלע פייערטעג, וואָס די גייסטליכע האָבען פיר איהם בעשאַפען. אין א צייט פון נויט האָט מען פשוט געבעטעלט און מען איז דערמיט געווען צו־פרידען; וואָס די רעגירונגען האָט אונטערגענומען און געצוואונגען צו טאָן האָט געהאַט אַן ערפאָלג, אָבער וואו זי האָט צוריקגעטרעטען האָט זיך באַלד אַלעס צוריקגעקעהרט צום אַלטען, אַלעס איז ווידער פערדאָרבען געוואָרען און איז באַלד אונטערגעגאַנגען.

אזוי האָט זיך שפּאַניען דאָך היבש געבעסערט און האָט דערגרייכט א געוויסע שטופע פון וואוילשטאַנד, אָבער צו איהר פריהערדיגען גלאַנץ איז זי שוין ניט געקומען. איהר בעסערער צושטאַנד איז נאָר געווען א געקינסטעלטער, ער איז ניט געוואקסען פון אייגענער נאַציאָנאַלער קראַפט. דיזער צושטאַנד האָט ניט געוואָרצעלט אין דער פרייער שאַפענדער קראַפט פון פאָלק, נאָר ער איז ארויס פון דער רעגירונגס־מאַשין. דער צו־שטאַנד איז געווען ערטרעגליך נאָר אזוי לאַנג כל זמן די רעגירונג איז געווען טעטיג און איז געגאַנגען פאָרויס און כל זמן די רייכטימער פון די אמעריקאַנישע קאָלאָניעס האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו דעקען די דע־פיציטען.

דאָס האָט שפּאַניען מיט שרעק דערפיהלט צו ענדע פון 18טען און אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט. די פערברעכערישע פּאָליטיק פון קאַרל דעם 4טען (1788—1808) האָט פערניכטעט אַלעס, וואָס די רעפאָרמע־פּעריאָדע האָט בעשאַפען. ער האָט געפיהרט שפּאַניען צום אונטערגאַנג. די פאָלגען פון זיין פּאָליטיק פיהלט נאָך שפּאַניען אויך היינט. קאַרל דער 4טער איז געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון זיין פרוי מ א ר י א ל ו א י ז ע פ ו ן פ א ר מ א. זי איז געווען קלוג און ענטשלאָסען, אָבער זיטענלאָז. זי איז געווען א גרויסע פערשווענדערין און האָט געבראַכט די פינאַנצען אין אַ שרעקליכע אונאָרדנונג. זי האָט געהאַט א געליבטען ג אָ ד אָ י און דיזען האָט זי פערשאַפט אַ מעכטיגע שטעלע. זעהר אונגליקליך איז געווען דער קריג, וואָס שפּאַניען האָט אָנגעפאַנגען מיט דער פראַנצוי־זישער רעוואָלוציאָן. דיזער קריג, וועלכער האָט געדויערט 2 יאָהר (1793—1795), איז געפיהרט געוואָרען אזוי שלעכט און אונפעהיג, דאָס ניט אַכ־טענדיג דערויף, וואָס פראַנקרייך איז דאַמאָלס געווען זעהר שוואַך און דאָס די שפּאַנישע נאַציאָן האָט געשטריטען מיט בעגייסטערונג און איז געווען

געבען געוואָרען. די אָפּצאָהל פיר סחורות פון אַמעריקא איז געווען א זעהר מעסיגע. אין יאָהר 1774 האָבען פיעלע שטעדט בעקומען דאָס רעכט אריינ־צופיהרען אַמעריקאַנישע סחורות פון וועסט־אינדיען זאָגאַר פריי, אָהן א שום אָפּצאָהל.

שפּאַניען האָט דורך דיזע פּאָליטיק ערוואָרבען א גרויסען אָנטייל אין די בעזאָרגונג פון די אייראָפּעאישע לענדער מיט אַמעריקאַנישע פּראָדוקטען. שפּאַניען האָט אין יאָהר 1785 ארויסגעפיהרט פון לאַנד איהרע היימישע פּראָדוקטען נאָך די אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס פיר 337,266,600 רעאַלעס. אין יאָהר 1784 האָט ענגלאַנד געשיקט איהרע פּראָדוקטען נאָך שפּאַניען פיר 1¼ מיליאָן פונט סטערלינג, און האָט געקויפט פון שפּאַניען נאָר פיר ¼ מיליאָן פונט. אין יאָהר 1785 איז דער ארויספיהר פון שפּאַניען נאָך ענגלאַנד געווען דריי פערטעל מיליאָן פונט, און דער אריינפיהר פון ענג־לאַנד נאָך שפּאַניען נאָר צוויי דריטעל מיליאָן פונט. אויך די שפּאַנישע קאָלאָניעס זיינען געוואַקסען אין מסחר. דער ארויספיהר פון אַמעריקאַנישע גאָלד־ און זילבער־מינעס איז געוואַקסען פון 22½ מיליאָנען פּיאַסטער ביז 30 מיליאָנען פּיאַסטער. אין יאָהר 1753 האָט מען ארויסגעפיהרט פון קובא נאָך שפּאַניען 173,000 צענטנער צוקער, און אין יאָהר 1790 איז געווען דער ארויספיהר 283,258 צענטנער צוקער.

אָבער ניט אַכטענדיג אויף די אַלע פערבעסערונגען, אויף די ערנסטע טעטיגקייט פון דער רעגירונג, וועלכע האָט אויסגעגעבען גרויסע סומעס אויף קאָלאָניזאַציאָן, אויף מאַכען און ענטוויקלען פאַבריקאַציאָן, אויף בויען נייע שאָסעען או. אז. וו., האָט מען ניט געקענט צוריק גוט מאַכען וואָס שלעכטע רעגירונגען האָבען פריהער פערדאָרבען אין דעם פערלויף פון הונ־דערטער יאָהרען. דער ווערט פון וואַארע, וואָס מען האָט ארויסגעפיהרט פון לאַנד, איז אימער געווען קלענער און ווייניגער פון דעם ווערט פון די סחורות, וואָס מען האָט אריינגעפיהרט אין לאַנד. דעם דעפיציט האָט מען געמוזט דעקען מיט די גאָלד און זילבער, וואָס מען פלעגט אריינברייגען אין לאַנד פון די אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס. די בעפעלקערונג איז נאָך אַלץ געווען צו שיטער, הגם די צאָהל פון די איינוואוינער האָט אין יאָהר 1788 דער־גרייכט ביז 10,270,000 זעעלען. גרויסע שטיקער לאַנד האָבען נאָך אַלץ געהערט צום אַדעל און צו די גייסטליכע. דיזע לעצטע האָבען אליין גע־ראַט אין זייערע הענט א פינפטעל פון דעם גאַנצען לאַנד. די אַלע גוטע רעפאָרמעס זיינען ניט ארויסגעקומען פון פאָלק זעלבסט, און דעריבער האָט דאָס פאָלק ניט פערשטאַנען פון זיי דעם ווערט און ווי צו בענוצען זיך מיט

פאָלק האָט זיך פלוצלינג אויפגעהויבען ווי איין מאַן. מעהר פון אַלעם האָבען געהעצט די גייסטליכע. דער האס און די בעגייסטערונג זיינען געווען אזוי גרויס, אז דאָס פאָלק האָט פערגעסען זיין אייגענע שוואכקייט און די אונגעהייערע קראַפט פון דעם געגנער. נאפּאָלעאָן האָט בעזיגט די שפּאַניער אייניגע מאָהל, אָבער ער האָט זיי ניט געקענט אונטערוואַרפען אונטער זיין מאַכט, ווי מיר האָבען עס שוין פריהער דערצעהלט. דאָס איז געווען אַ ריכטיגער פאָלקס-קריג. דער קאַמף איז געוואָרען אימער ביטערער און שרעקליכער. איבערהויפּט האָבען די שפּאַניער פערמאַטערט די פראַנצויזען מיט זייער גערילליאַ-קריג *). מיט דיזען אופן האָבען די שפּאַניער בעוויזען אָפּצונעהמען צוריק פון די פראַנצויזען די פרוכט פון זייערע פריהערדיגע זיגען. די גערילליאַ-קריגער האָבען דערשטיקט אין זיך יעדען פונק פון מענשליכקייט. זיי האָבען זאָגאַר אָנגעגריפען טראַנספּאָרטען פון פערוואונדעטע און האָבען זיי ערמאָרדעט.

אין סעפּטעמבער 1810 האָבען זיך די ערוועהלטע קאָרטעס (די שפּאַנישע געזעצגעבענדע פערזאַמלונג) פערזאַמעלט אין קאַדיקס און האָבען זיך גענומען איינצופיהרען רעפאָרמען אין דער פערדאָרבענער שטאַאַטס-פערוואַלטונג. לאַנג האָבען זיך געצויגען די דעבאַטען וועגען די פּלענער. די נייע אידעען, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט פערשפּרייט איבער אייראָפּאַ, און די אַלטע שפּאַנישע פּאָראורטיילען האָבען זיך ניט געקענט אַזוי לייכט אויסגלייכען. זיי האָבען ענדליך פּראָקלאַמירט די אויבער-הערשאַפט פון פאָלק און אַלגעמיינעס שטימרעכט, און האָבען אָפּגעשאַפט די פעאָדאַלע פּריווילעגיעס פון די גרויסע גוטס-בעזיצער. זיי האָבען אָבער ניט געהאַט דעם מוט אָפּצושאַפען די אינקוויזיציאָן, ד. ה. די רעכטען פון דער קירכע. דאָך איז דעם 18טען מערץ 1812 אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ זעהר ליבעראַלע פערפאַססונג. וויכטיג איז אויך דער פאַקט, דאָס הגם די דעבאַטען זיינען געווען זעהר היציג און שאַרף, האָט דאָך געהערשט צווישען זיי אחדות אין דעם קאַמף געגען דעם פערהאַסטען פיינד, געגען פראַנקרייך.

*) אַזוי הייסט אַן אונרעגעלמעסיגער קריג פון קליינע גרופּעס, וועלכע בעהאַלטען זיך ערגעץ-וואו און בעפאַלען פלוצלינג דעם שונא וואו ער איז שוואַך און האָט ניט ערוואַרטעט קיין אָנפאַל. אין אַזאַ מין קריג מוז דער פיינד זעהר אָפט שיקען אַ גרויסע אַרמעע געגען אַ חייפעל קריגער, ווייל דער פיינד ווייס ניט וויפיעל די קריגער זיינען.

בעריט אויף אַלע אָפּפער, זיינען די פראַנצויזען בעפאלען נאַוואררא און די באסקישע פראָווינצען און שפאַניען איז געוואָרען פאַלשטענדיג אָפּהענגיג פון פראַנקרייך. באלד נאָכדעם איז שפאַניען געווען געצוואונגען צו שטרייטען מיט ענגלאַנד, הגם זי האָט נאָך געקענט דעקען די הוצאות, וואָס זי האָט געמאַכט אין דעם קריג מיט פראַנקרייך. דער רעזולטאַט פון דעם קריג מיט ענגלאַנד איז געווען, דאָס דער האַנדעל פון שפאַניען מיט די קאָלאָניעס איז אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען און איהר הערשאַפט אין אַמעריקא איז שטאַרק צוטרייסעלט געוואָרען. אין דעם פרידען פון אַמיענס האָט שפאַניען געמוזט איבערגעבען צו ענגלאַנד די פעסטונג טרינידאַד.

די פינאַנצען זיינען געווען אין אַ זעהר טרויעריגען צושטאַנד. דער דעפיציט אין יאָהר 1799 איז געווען 1,200,000,000. דער הויף אַליין האָט געברויכט 105,000,000. אָבער אויסער דעם האָט גאָדאָי געשטירצט שפאַניען אין אַ נייעם קריג מיט ענגלאַנד. עס איז איהם געווען ווענג וואָס ער האָט זיך פערפליכטעט געבען יעהרליך צו פראַנקרייך 288 מיליאָנען הילפס־געלט. די נידערלאַגעס, וואָס שפאַניען האָט געליטען ביי פּיניסטערע (22טען יולי) און ביי טראַפאַלגאַר (20טען אָקטאָבער 1805), און די גאַנצע פערניכטונג פון זייער פלאָטע האָט דאָס פאָלק צו דאַנקען דער נאַרישקייט פון דעם מיניסטער גאָדאָי. אָבער איהם פערזענליך האָט עס גאָרניט געשאַדט. די קעניגין האָט איהם בעשיצט געגען אַלעס. ער האָט זאָגאַר געדענקט צו ערווערבען מיט איהר הילף די קרוין פון זיד־פּאָרטוגאַל. צו דיזען צוועק האָט ער זיך ווידער פערבונדען מיט נאַפּאָלעאָן'ען און האָט געשיקט שפאַנישע טרופּען אונטער דער פיהרונג פון פראַנצויזישע גענעראַלען נאָך פּאָרטוגאַל.

דאָס פאָלק האָט אָבער מעהר ניט געוואָלט ליידען פון דעם פערהאַסטען גינסטלינג פון דער קעניגין און האָט געמאַכט געגען איהם אַן אויפשטאַנד (18טען מערץ 1808). גאָדאָי איז אַרונטער, און דער קעניג איז געווען געצוואונגען איבערצוגעבען די הערשאַפט צו זיין זוהן פערדינאַנד דעם 7טען. אָבער דאָס איז נאָר אַן אָנפאַנג פון דער אינטריגע, וועלכע האָט זיך געענדיגט דערמיט, דאָס דעם שפאַנישען טראָן האָט בעקומען יאָזעף באָנאַפּאַרטע. דעם 20טען יולי 1808 איז יאָזעף אריין אין מאַדריד.

אַזוי ווי אַ שטיקעל סחורה איז די נאַציאָן איבערגעגאַנגען פון איין האַנט אין די אַנדערע, און ענדליך האָט גאָר אַ פרעמדער ערהאַלטען דעם טראָן. דאָס איז שוין געווען צו פיעל פיר דעם שטאָלצען שפאַניער. דאָס

בען צו זיין טעטיג מיט אַלע שרעקליכע פּאָלטערן און פּייניגונגען אַזוי ווי אין די גוטע יאָהרען פון פינכטערן פאַנאַטיזם. מען האָט אָנגעהויבען פּער־פאָלגען די ליבעראַלען, אַלע אָנהענגער פון די קאָרטעס. פּיעלע פון די מו־טיגע קעמפּער זיינען הינגעריכטעט געוואָרען, אָדער זיינען פּערטריבען גע־וואָרען פון לאַנד. אַ קאַמאַרילאַ (הויף־קליקע), וועלכע איז בעשטאַנען פון פּריווילעגירטע פּעאָדאַלען, פאַנאַטישע פּריסטער, שמייכלער און פּערדאָר־בענע אינטריגען־טרייבענדע פרויען, האָט בעהערשט דעם קעניג און האָט דורך איהם געטאָן מעשים תעתועים. די שטאַאַטס־קאַסע איז אויסגעלע־דיגט געוואָרען, אַקערבוי, אינדוסטריע און האַנדעל זיינען געשטאַנען זעהר נידריג. די אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד און האָבען אויפגעהערט צו זיין אַ שטיצע פיר שפּאַניען. איבעראַל האָט גע־הערשט אַ שרעקליכע ערביטערונג, דאָס פאָלק איז אימער געווען אונצו־פרידען און האָט זעהר אָפט אויסגעדריקט זיין אונצופרידענהייט אין אויפ־שטאַנדען.

די רעגירונג האָט געשיקט די אונצופרידענע שפּאַניער צו שטרייטען מיט די אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבען זיך געוואָלט אָפּרייסען פון שפּאַניען, און דערמיט האָט זי געדענקט וועט זי בערוהיגען די אונצו־פרידענע אין דער היים. אָבער די רעגירונג האָט געהאַט דערין אַ טעות. אונטער דער פיהרונג פון לייטענאַנט ראַפאַעל ריעגאָ האָט אַ רע־גימענט געמאַכט אַן אויפשטאַנד, און באַלד נאָכדעם זיינען אויפגעשטאַנען געגען דעם קעניג אויך גאַליציען (אין שפּאַניען) און נאַוואַרראַ. אויך אַראַ־גאָניען און קאַטאַלאָניען זיינען אויפגעשטאַנען. די אַלע רעוואָלוציאָנערען האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי צוריקגעבען די קאָנסטיטוציאָן פון 1812. ווען דער גענעראַל אָ׳דאָננעל האָט זיך פּעראייניגט מיט ריעגאָ האָט זיך דער קעניג דערשראָקען און האָט איבער־אַ־נייס געגעבען אַ שבועה אין דער אָנוועזענהייט פון אַ גרויסער מאַסע פון פאָלק, דאָס ער וועט אָפּהיטען די קאָנסטיטוציאָן פון 1812 (9טען מערץ 1820).

קוים 3 יאָהר האָט זיך די קאָנסטיטוציאָן געהאַלטען אונטער שטורמס און קאַמפּפען, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס דער קעניג האָט עפּענטליך גע־שוואָרען אָפּצוהיטען זי. דערצו האָבען די פריהערדיגע פּריווילעגירטע שרעק־ליך געהאַסט די ליבעראַלען. די מאָנאַסטירען זיינען דאָך אָפּגעשאַפט גע־וואָרען און די גייסטליכע האָט מען געצוואונגען צו צאָהלען שטייער גלייך מיט אַלעמען. דאָס אַלעס האָט ערוועקט האַס אין די הערצער פון די פּרי־הערדיגע מיוחסים צו די ליבעראַלען. איבער דעם ווערט פון אַ מיליאַרד

די טרופּען האָט מען פערשטאַרקט, מען האָט זיי גוט געמוסטירט און גוט געפלעגט. די אויבער־קאָמאַנדע איבער דאָס מיליטער האָט מען איבערגעגעבען צו וועללינגטאָן'ען. דעריבער האָט יעצט דער קריג אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערע ווענדונג. ווערהענד די פראַנצויזען האָבען געליטען מאַנגעל אין אַלעס, האָבען די שפּאַניער געהאַט אַלעס נעטיגע, ווייל ענגלאַנד האָט זיי געשטיצט, און דעריבער האָבען זיי געוואונען איין זיג נאָך דעם אַנדערען. נאָך דער נידערלאַגע, וואָס מאַרמאָנט האָט געהאַט ביי סאַלאַמאַנקאַ (22טען יולי 1812), האָבען די שפּאַניער ערָאָבערט מאַדריד און האָבען פערטריבען דעם קעניג יאָזעף באָנאַפּאַרטע. די פראַנצויזען אָבער האָבען פערשטאַרקט זייער מאַכט און האָבען געצוואונגען וועללינגטאָן'ען אָפּצוטרעטען צו די פּאָרטוגעזישע גרענצען. דאַן איז יאָזעף צוריקגעקומען נאָך מאַדריד. אָבער די נידערלאַגע פון נאַפּאָלעאָן'ען אין רוסלאַנד האָט אין גאַנצען געבראָכען די פראַנצויזישע מאַכט, און די פראַנצויזען האָבען אויך שפּאַניען געמוזט פערלאָזען, און דאַן איז יאָזעף געווען געצוואונגען אַוועק פון שפּאַניען. וועללינגטאָן האָט געהאַט אַ מערקווירדיגען זיג ביי וויטטאָריאַ, ער האָט ערָאָבערט די פעסטונגען סאַן סעבאַסטיאַן און פּאַמפּעלאָנאַ, איז אַריבער די פּירענעען (יולי 1813), האָט געצוואונגען סולט צו פערלאָזען אָרטהעז און האָט בעזועצט באָרדאָ. אויך האָט סושעט געמוזט פערלאָזען וואַלענציאַ. ביי טולוזע איז גענעראַל סולט ווידער בעזיגט געוואָרען (11טען אַפּריל 1814).

שפּאַניען האָט ווידער בעקומען איהר אונאָפּהענגיגקייט. אָבער די נאַציאָן, וועלכע האָט פערלאָרען די בעסטע פון איהרע קינדער אין דעם קאַמף פיר אונאָפּהענגיגקייט, האָט גענאָסען די פרוכט פון איהר אָנשטרענגונג. דער קעניג פערדינאַנד דער 7טער, וועלכער איז צוריקגערופען געוואָרען צו בעשטייגען דעם טראָן און וועלכער האָט געשוואָרען טרייהייט דער קאָנסטיטוציאָן, האָט דעם 4טען מאַי 1814 זיין שבועה געבראָכען און האָט די קאָנסטיטוציאָן אָפּגעשאַפט נאָך דעם, ווי דער גענעראַל עליאָ מיט 40,000 סאָלדאַטען איז אַריבער אויף זיין זייט. מען האָט די קאָרטעס (דעם שפּאַנישען פּאַרלאַמענט) צוטריבען און אַלעס ווידער צוריקגעבראַכט אין דעם אַלטען צושטאַנד.

דער אַדעל און די קלעריקאַלען האָבען בעקומען צוריק זייערע פּריווילעגיעס. די מאָנאַסטירען האָבען ווידער אויפגעבליהט, די יעזואיטען מיט דער אינקוויזיציאָן האָבען צוריק בעקומען זייער מאַכט און האָבען אָנגעהוי-

1820, זיינען אָפּגערופען געוואָרען. די רעאַקציאָנערען האָבען זיך מיט גרויס האַס און פייער גענומען פערפאָלגען די ליבעראַלען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ לאַנגע רייהע פון הינריכטונגען. די צאָהל פון די אָפּפער איז געווען אונגעהייער. פיעלע האָבען געמוזט פערלאָזען דאָס פאָטערלאַנד. דער בראַוער ריעגאָ איז געהאַנגען געוואָרען אַלס אַ פערברעכער געגען זיין מאַיעסטעט דעם קעניג פערדינאַנד דעם 7טען. אַזוי איז דער אבסאָלוטיזם ווידער אַרויף אויף'ן טראָן (1823). עס זיינען פערבליבען אין לאַנד 45,000 פראַנצויזישע טרופּען אום צו האַלטען אָרדנונג און ניט צו דער-לאָזען צו אַ נייעם אויפשטאַנד. עס פערשטעהט זיך, דאָס זיי זיינען געווען אַ שרעקליכע לאַסט אויף דעם לאַנד, וועלכעס איז געווען פינאַנציעל רואי-נירט. דיזע לאַסט האָט דאָס אָרימע שפּאַנישע פאָלק געמוזט טראָגען ביז דעם יאָהר 1828.

אָבער פיר די רעאַקציאָנערען איז דיזער ערפאָלג נאָך ניט געווען גע-נוג. זיי האָבען נאָך געוואָלט צוריק איינפיהרען די קלעריקאַלע הערשאַפט מיט דער שרעקליכער אינקוויזיציאָן. אָן דער שפּיץ פון דיזער בעוועגונג איז געשטאַנען דעם קעניג פערדינאַנד'ס ברודער ד אָ ן ק אַ ר ל אָ ס מיט זיינע מיטהעלפער, די פינסטערע אַפּאָסטאָלישע יונטאַ. דער קעניג איז גע-ווען מיט דיזער פאַנאַטישער פּאַרטיי און זי האָט זיך גענומען גרייטען צו אַ גוואַלדיגען אויפשטאַנד. דיזע גרויסע קאַרליסטישע פערשווערונג איז ענטדעקט געוואָרען אין יאָהר 1825, אָבער פערדינאַנד האָט ניט געוואַגט אַרויסצוגעהן געגען די קלעריקאַלען. אין אויגוסט 1827 איז ווידער געווען אַ קאַרליסטישער אויפשטאַנד, אין וועלכען די אַרמעע פון די קאַרליסטען איז געוואַקסען ביז 14,000 מאַן. אָבער אויך דיזער אויפשטאַנד איז אונ-טערדריקט געוואָרען. פיעלע זיינען הינגעריכטעט געוואָרען, טויזענדער האָבען געמוזט ענטלויפען, אָבער די הויכע גייסטליכע, וועלכע זיינען געווען די הויפּט-שולדיגע, זיינען אומגעגאַנגען פראַנק און פריי און האָבען פאָרט-געזעצט זייער פינסטערע אַרבייט. הגם זייער פּאַרטיי איז געפאַלען, זיינען זיי דאָך געווען זיכער, דאָס זיי וועלען זיגען אין דיזען קאַמף, ווייל דער קע-ניג האָט ניט געהאַט קיין קינדער און זיין ברודער דאָן קאַרלאָס, דער גע-זעצליכער טראָן-פאָלגער, איז געווען איבערגעגעבען צו די קלעריקאַלען. אָבער דערווייל איז געשטאָרבען דעם קעניג'ס דריטע פרוי. פערדינאַנד האָט ווידער געהייראַט און האָט געהאַט אַ טאָכטער א י ז אַ ב ע ל ל אַ, וועלכע ער האָט גלייך ווי זי איז געבאָרען געוואָרען ערקלערט אַלס יורש'טע פון טראָן.

פרומע אנטשטאַלטען זיינען פערקויפט געוואָרען צו פראַנצויזישע קאַפּי-טאַליסטען, וועלכע האָבען מיט זייערע קאַפּיטאַלען געמאַכט אין שפּאַניען גוטע געשעפטען. עס איז געווען אַ געפעהרליכע זאַך פיר דאָס ליבעראַלע מיניסטעריום אָנצוהויבען זיך מיט די גיטער פון די גייסטליכע און אָפּנעה-נען זיי פיר דאָס פּאָלק. נאָר מיט גרויס מיה האָט זיך דאָס מיניסטעריום געקענט האַלטען.

עס האָבען זיך אָבער פון אַלע זייטען אָנגעהויבען שטורמס געגען דעם ליבעראַלען מיניסטעריום. די פאַנאַטישע אָנהענגער פון אַן אבסאָלוטען קעניגטום האָבען זאָגאַר געגרינדעט אַן אייגענע רעגענטשאַפט און אַ גלוי-בענס־אַרמעע אום צו פערניכטען די קאָנסטיטוציאָן. ·איבעראַל האָבען זיך געגרינדעט מחנות גערילאַ־קריגער, און די גייסטליכע האָבען אויפגע-רייצט אַ גרויסען טייל פון פּאָלק געגען די ליבעראַלען און דער קאָנסטי-טוציאָן, און די מאַסען פאַנאַטיקער האָבען זיך גענומען פיר די וואָפען. עס איז ענטשטאַנען אַ בלוטיגער בירגער־קריג, וועלכער האָט פערניכ-טעט אַ גרויסען טייל פון פּאָלק. דיזער בירגער־קריג האָט געבראַכט פיעל שאָדען די פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען געהאַט אין שפּאַ-ניען געשעפטען. די פראַנצויזישע רעגירונג איז צוליב דעם געווען גע-צוואונגען צו ערקלערען דעם קריג געגען שפּאַניען. אויף דעם קאָנגרעס פון דעם הייליגען בונד האָבען פּרייסען, עסטרייך און רוסלאַנד בעשלאָ-סען צו שטיצען פראַנקרייך געגען שפּאַניען. דער צוועק פון דעם הייליגען בונד איז געווען צו דערשטיקען יעדע שטרעבונג צו פרייהייט און קאָנסטי-טוציאָן.

דער מיניסטער **סאַן מיגועל** האָט שטאַרק פּראָטעסטירט גע-גען דעם, וואָס אַ פרעמדע מאַכט מישט זיך אַריין אין די אינערליכע אַנגע-לעגענהייטען פון שפּאַניען, אָבער עס האָט איהם ניט געהאָלפען. די פראַנ-צויזען זיינען אַריין אין שפּאַניען און גלייך אין מאַדריד. דער קעניג איז געווען געצוואונגען צו געהן נאָך זיך צוזאַמען מיט זיין קאָרטעס. דער לעצטער צופלוכטס־אָרט פיר די, וואָס האָבען זיך פעסטגעהאַלטען אָן דער קאָנסטיטוציאָן, איז געווען קאַדיקס. אָבער אויך דיזע פעסטונג האָט זיך געמוזט אונטערגעבען צו די פראַנצויזען. די קאָרטעס איז אויפגעלעזט גע-וואָרען און אַלע פערבינדעטע האָבען איינגעוויליגט צו בעפרייען דעם קעניג. יעצט איז דער קעניג פערדינאַנד ווידער דורך פרעמדע אינטערוועס אַרויפגע-זעצט געוואָרען אויף'ן טראָן. די קאָנסטיטוציאָן איז אָפּגעשאַפט געוואָרען און די אַלע געזעצען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען זינט דעם 7טען מערץ

טייען האָבען נאָך ניט אין גאַנצען אויפגעהערט. אין יאָהר 1843 האָט זאָ-
גאר אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד. דער רעזולטאַט פון דיזע אונענדליכע
רייסערייען און קאַמפּען איז געווען, דאָס עס איז בעשאַפען געוואָרען אַ
נייע רעאַקציאָנערע פערפאַסונג. דיזע פערפאַסונג האָט אָפּגעשאַפט די
אויבערהערשאַפט פון פאָלק, האָט צוגענומען פון פּאַרלאַמענט דאָס רעכט
צו פערזאַמלען זיך אָהן בערופונג פון דער קעניגין אָדער דעם קעניג, און
האָט אויך צוגענומען פון דער דזשורי דאָס רעכט צו ריכטען פּאָליטישע
פערברעכער. דער סענאַט זאָל בעשטימט ווערען פון דער קרוין אויף דאָס
גאַנצע לעבען, און די קאָרטעס (דער פּאַרלאַמענט) זאָלען ערוועהלט ווערען
אויף 5 יאָהר. די קאַטאָלישע רעליגיאָן איז אָנערקענט געוואָרען אַלס די
שטאַאַטס-רעליגיאָן און דער שטאַאַט איז געווען פערפּליכטעט אונטערצו-
האַלטען די גייסטליכע. אין אָקטאָבער 1845 איז געווען די ערסטע פער-
זאַמלונג פון דעם ניי-ערוועהלטען פּאַרלאַמענט.

עס האָט זיך יעצט אָנגעהויבען פיר אַ קורצע צייט אַ רוהיגערע עפּאָכע.
די מיניסטאָרען האָבען זיך אפילו אויך יעצט זעהר אָפט געביטען צוליב די
רייסערייען פון די פּאַרטייען. איזאַבעללאַ איז געווען זעהר אַ פרומע קאַ-
טאָליטשקע, דערצו איז זי דאָך געווען אַ בורבאָנין. עס איז דעריבער קיין
וואונדער ניט, וואָס זי איז געווען אַ שטאַרקע אָנהענגערין פון אַבסאָלוטיזם.
עס האָבען נאָך אַלץ געהערשט פערזענליכע אינטריגעס, אָבער צו אַן אָפּע-
נעם קריג אָדער אויפשטאַנד איז שוין מעהר ניט געקומען. דעריבער האָבען
זיך די אומשטענדען אַ ביסעל געבעסערט. אין אַלגעמיין האָט שפּאַניען
זעהר ווייניג אָנטייל גענומען אין דער ענטוויקלונג פון אינדוסטריע און האַנ-
דעל פון יענער צייט. דער אויסלענדישער האַנדעל פון שפּאַניען איז געווען
זעהר אונבעדייטענד. מען פלעגט אַרויספיהרען פון שפּאַניען נאָר רויהע
מאַטעריאַלען, ווי: וויין, פרוכט, וואָל און זאַלץ. דיזער אַרויספיהר האָט
זיי פערשאַפט די נעטיגע מיטלען צו בעצאָהלען פיר פרעמדע מאַנופאַקטור-
וואַארען, וואָס מען האָט אַריינגעבראַכט אין לאַנד.

דער בערג-בוי, וועלכער איז געווען גע‍פאַלען צוליב די גאָלד- און זיל-
בער-מינעס, וואָס מען האָט געפונען אין אַמעריקאַ, איז ווידער געוואָרען
טעטיג און האָט אויפגעלעבט. די רייכסטע זילבער-מינעס האָבען זיך גע-
פונען אין גראַנאַדאַ און מורציאַ. פון די קוועקזילבער-מינעס פלעגט מען
אַרויסקריגען יעהרליך אין מיטען פון 19טען יאָהרהונדערט 20,000 צענט-
נער. די קופּער-מינעס אין ריאָ טינטאָ זיינען פון די רייכסטע אין דער
וועלט. די נאָרדליכע פּראָווינצען, איבערהויפּט ביסקאַיאַ, זיינען זעהר רייך

דאָס איז געווען אַ נייער סיגנאַל צו אַן אויפשטאַנד. די גאַנצע נאַציאָן איז דאַמאָלס צושפּאָלטען געוואָרען אין צוויי פיינדליכע פּאַרטייען. איין פּאַרטיי האָט דורכאויס געוואָלט איינפיהרען אַבסאָלוטיזם — דאָס זיינען געווען די קאַרליסטען, די אַנדערע פּאַרטיי האָט געוואָלט פרייהייט און אָנהאַלטען די קאָנסטיטוציאָן. דיזע פּאַרטיי האָט זיך גערופען „די כריסטינאָס", נאָך דעם נאָמען פון דער קעניגין כריסטינאַ, וועלכע איז געוואָרען רעגענטין פיר איהר יונגע טאָכטער נאָך דעם, ווי איהר מאַן פערדינאַנד דער 7טער איז געשטאָרבען (1833).

צו די קאַרליסטען זיינען צוגעשטאַנען די אַיינוואוינער פון פלאַכען לאַנד און פון די קלענערע שטעדט אין נאַוואַרדאַ און אין די באַסקישע פּראָווינצען. מיט די ליבעראַלען האָט געהאַלטען דאָס גאַנצע בירגערטום, דאָס הייסט די אַיינוואוינער פון די גרעסערע שטעדט, און די אַרמעע. 7 יאָהר האָט געדויערט דיזער בירגער־קריג, וועלכער האָט אָנגענומען אַ שרעקליכען כאַראַקטער. מאָרד, רויב, פּערוויסטונג האָבען געבושעוועט איבער די אונגליקליכע בעפעלקערונג. אָנפאַנגס האָבען די קאַרליסטען געהאַט די אויבערמאַכט. די רעגירונגס־אַרמעע איז געווען גרעסער פון דער קאַרליסטישער, אָבער דערפאַר זיינען די קאַרליסטען געווען רייכער, און האָבען געשטריטען מיט מעהר בעגייסטערונג. דערצו זיינען די כריסטינאָ־פיהרער געווען אונפעהיג און ראַטלאָז.

אָבער ענדליך האָט דאָך די כריסטינאַ־פּאַרטיי געזיגט. די קאַרליסטען האָבען זיך צוריסען צווישען זיך און זיינען צוליב דעם אָפּגעשוואַכט געוואָרען, און די כריסטינאָס האָבען בעקומען אַ זעהר טיכטיגען קאָמאַנדיר אין דער פּערזאָן פון עספּאַרטעראָ. אין יאָהר 1839 האָבען 18 באַטאַליאָנען און 4 עסקאַדראָנען פון די קאַרליסטען אַנידערגעלעגט די וואַפען און יעדער איז אַוועק אין זיין היים. דאָן קאַרלאָס האָט געמוזט ענטלויפען אין אַ פראַנצויזישען געביט. נאַוואַררא און די באַסקישע פּראָווינצען האָט מען „בערוהיגט". קאַברעראַ האָט נאָך אַ היבשע צייט פּאָרטגעזעצט דעם קריג אין קאַטאַלאָניען, אָבער ער האָט ענדליך געמוזט פערלאָזען דעם קאַמף־פּלאַץ און איז אַוועק נאָך פראַנקרייך. ענדע זומער פון יאָהר 1841 איז גאַנץ שפּאַניען געווען אונטערוואָרפען אונטער די הערשאַפט פון איזאַבעללאַ'ן.

אָבער שפּאַניען איז נאָך ניט געווען פּאָלקאָמען רוהיג. יעצט האָט די רעגענטין, וועלכע איז געשטירצט געוואָרען, אָנגעהויבען צו מאַכען אינטריגעס און אונטערגראָבען די רעגירונג, און אויך די קאַמפען צווישען די פּאַר-

מיט איהרע קאָלאָניעס. פּאָרטוגאַל איז געוואָרען אַ צווייג־אָרט פון ענגלי-
שען האנדעל. די ערד־ציטערנים פון יאָהר 1755, וועלכע האָט צושטערט
ליסאַבאָן און פיעלע אנדערע שטעדט, האָט געבראַכט זעהר פיעל שאָדען
דעם וואוילשטאנד פון לאנד און טויזענדער פאמיליעס זיינען געקומען צום
בעטעל־שטאנד.

אונטער יאָזעף דעם 1טען האָט פּאָמבאַל, דער גרעס-
טער מיניסטער, וואָס פּאָרטוגאַל האָט ווען עס איז געהאַט, ווירקליך גע-
בראַכט אַ גרויסע פערבעסערונג אין דעם צושטאנד פון לאנד. ער האָט גע-
מאַכט וויכטיגע רעפאָרמעס אין דער אינדוסטריע, ער האָט זי בעפרייט פון
די אַלטע בעשרענקונגען און האָט איינגעפיהרט אין פּאָרטוגאַל די זעלבע
האנדעלס־פּאָליטיק ווי אין פראַנקרייך. ער האָט אויך געבעסערט דעם האנ-
דעל מיט ענגלאנד. אָבער די בליהונג איז ניט געוועזן אַ נאַטירליכע און זי
האָט באלד פערוועלקט. די שטרעבונגען פון דעם רעפאָרמאַטאָר האָבען גע-
פונען אַ שטערונג אין די פּריווילעגיעס פון דעם אדעל און די קלעריקאַלען.
פיעל האָבען אויך געשטערט דורכצופיהרען זיינע רעפאָרמעס די אינטריגעס
פון די יעזואיטען, די פאַנאַטישע פרומקייט און שוואַכקייט פון די קעניגען און
די פוילקייט פון פאָלק, וועלכעס עס איז געוועזן שווער אויפצואוועקען פון
זיין גלייכגילטיגקייט. און אַזוי איז די לאגע ווידער געוואָרען אַזוי שלעכט
ווי פריהער.

דאָס ענדע פון 18טען און דער אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט איז
געוועזן פיר פּאָרטוגאַל גינסטיגער ווי פיר שפּאַניען. ווייל פּאָרטוגאַל האָט
ניט גענומען קיין אָנטייל אין די קריגען, וואָס זיינען דאַמאָלס פאָרגעקומען,
האָט זי געקענט אונגעשטערט ענטוויקלען איהר האנדעל. אָבער צום אונגליק
איז באלד אויך פּאָרטוגאַל אַריינגעצויגען געוואָרען אין דעם שטרודעל פון
מלחמה. ווי מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט, זיינען די פראַנצויזען
בעפאַלען פּאָרטוגאַל (1807) און האָבען זי פערוויסטעט. מיט אַ יאָהר
שפּעטער האָט זאָגאַר די פּאָרטוגעזישע קעניגליכע פאמיליע פערלאָזען איהר
היים און איז אוועק נאָך ריאָ דע זשאַניירא (בראַזיליען). נאָך דעם,
ווי נאַפּעלאָן איז געשטירצט געוואָרען, האָט זיך די קעניגליכע פאמיליע
צוריקגעקעהרט אין פּאָרטוגאַל און ווידער פערנומען דעם טראָן. דאָך
איז דער קעניג יאָהאַן דער 6טער פערבליבען אין בראַזיליען
נאָך איינִיגע יאָהר, ווייל בראַזיליען איז דאַמאָלס געוואָרען אַ קייזערטום.
צום פערדרוס פון די פּאָרטוגעזען איז די פערהעלטנים צו די קאָלאָניעס יעצט
געוואָרען אַן אומגעקעהרטע: פּאָרטוגאַל איז יעצט געוואָרען רעגירט פון איה-

אין אייזען, אָבער מען האָט זיך וועניג בענוצט מיט דיזען רייכטום. דאָס זעלבע קען מען זאָגע וועגען די קויהלען־מינעס. אויך זיי זיינען וועניג בע־ארבייט געוואָרען.

די אינדוסטריע האָט אפילו געמאַכט פּאָרטשריט, אָבער עס האָבען גע־פעהלט די נעטיגע קאַפּיטאַלען, קענטניסען און געשיקטע ארבייטער, אויך האָבען געפעהלט ערטער, וואו אָפּצוזעצען די אויסגעארבייטע סחורות, ווייל א גרויסער טייל פון די קאָלאָניעס זיינען פערלאָרען געגאַנגען פיר דאָס שפּאַ־נישע רייך.

פון די טעכטער־לענדער, וואָס זיינען נאָך שפּאַניען איבערגעבליבען פון די גליקליכע צייטען, איז דאָס וויכטיגסטע און רייכסטע געווען די אינזעל קובא (היינט א זעלבשטענדיגע רעפּובליק). דיזע אינזעל איז א טייערע פּערל, וועלכע האָט געליפערט אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונ־דערט 300,000 צענטנער צוקער א יאָהר; שפּעטער האָט זי ארויסגעגעבען 10 מאָל און נאָך שפּעטער 20 מאָל מעהר. אויך טאַבאַק־פּלאַנצונג האָט זיך דאָרט ענטוויקעלט מעהר און מעהר. אויסער דעם האָט דיזע מערקוויר־דיגע אינזעל ארויסגעגעבען זעהר פיעל אויסגעצייכענטע קאַפּע, ראָם, האָ־ניג, וואקס או. אז. וו. דער ריינער ערטראג (הכנסה), וואָס דיזע אינזעל פלעגט אריינברייננען שפּאַניען אין די פופציגער יאָהרען, איז געווען ניט וועניגער פון 30,000,000 מארק א יאָהר. דער וואוילשטאַנד פון דער אינ־זעל פּאָרטאָריקאָ איז אימער געוואָרען וועניגער. פון דעם יאָהר 1840 איז דער אריינפיהר פון איהרע פּראָדוקטען ארונטערגעקומען פון 14 מיליאָנען פּיאַסטער א יאָהר אויף 10 מיליאָנען.

דער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון פּאָרטוגאַל איז זעהר ענהליך צום שפּאַנישען. אין 17טען יאָהרהונדערט איז שוין פון דעם אמאָליגען גלאַנץ פון פּאָרטוגאַל ניט געבליבען קיין זכר. דאָס לאַנד איז געזונקען טי־פער און טיפער אין אָרימקייט. דער אויסלענדישער האַנדעל איז אריבער צו פראַנקרייך און ענגלאַנד. בעזונדערס ווען דאָס לאַנד האָט זיך געווענדט צו ענגלאַנד וועגען שוץ געגען שפּאַניען און האָט געגעבען די ענגלענדער זעהר פיעלע פּריווילעגיעס (1703) און האָט דערמיט רואינירט איהר איי־גענע אינדוסטריע. עס איז אריין אין לאַנד זעהר פיעל ענגלישער קאַפּיטאַל. די ענגלישע פירמעס האָבען איבערגענומען דעם גאַנצען אימפּאָרט פון אויס־לענדישע פּראָדוקטען, האָבען אריינגעכאַפּט אין זייערע הענט דעם ארויס־פיהר פון וויינען און אַנדערע ארטיקלען, וואָס דאָס לאַנד פּראָדוצירט, און האָבען זאָגאר איבערגענומען דעם האַנדעל, וואָס פּאָרטוגאַל האָט געפיהרט

האָט זיין פאָטער פערדינאַנד דערווייל רעגירט אין זיין נאָמען. פון דאמאָלס אָן האָט פּאָרטוגאַל געהאַט אַ שענע רוהיגע צייט און די פּרינציפּען פון דער קאָנסטיטוציאָן זיינען ריכטיג דורכגעפיהרט געוואָרען.

אין עקאָנאָמישער הינזיכט איז פּאָרטוגאַל געשטאַנען הינטער אַלע אנדערע פעלקער פון יענער צייט. מען האָט אַפילו גענומען שריט צו פאַר בעסערן דעם צושטאַנד: מען האָט אָפּגענומען פון די ענגלענדער פיעלע פּריווילעגיעס, מען האָט פערפאַסט נייע האַנדעלס-געזעצען, מען האָט אויפ-געהויבען די אינדוסטריע פון באַוועל-פאַבריקאַציאָן און געמישטע וועבע-רייען דורך דעם, וואָס מען האָט בעשטימט אַ הויכען צאָל-טאַריף אויף די זעלבע וואַארען, וואָס ווערען אַריינגעבראַכט פון אויסלאַנד, דאָך איז אין קיין צווייג די אינדוסטריע ניט געווען גענוג פיר די בעדערפניסען פון האַנ-דעל. זאָגאַר דער בעסטער באָדען, וואו עס האָבען זיך געפונען די בעסטע מאַטעריאַלען, זיינען ניט גענוג בענוצט געוואָרען, ווייל עס האָבען דערצו געפעהלט די נעטיגע קאָמוניקאַציאָנס-מיטלען. צו פיעלע ערטער, וואו מען האָט ניט געקענט צוקומען מיט שיפען, האָט מען געמוזט געברויכען הויז-טיערען (ווי פערד און אָקסען) אום צוברייגגען פון דאָרט די נעטיגע פּראָ-דוקטען; דאָס האָט אָבער געקאָסט צו טייער. די טראַנספּאָרטירונג פון וואַארע האָט אַזוי פיעל געקאָסט, דאָס עס איז געווען אונמעגליך עטוואָס אַריינצובריינגען אין מאַרק.

נאָר די פלאַנצונג פון וויין אין דעם אונטערען טייל פון דער טייך דאָוראָ איז געוועזן און איז נאָך היינט פון גרעסערער בעדייטונג. אָבער דער אַרויספיהר פון די וויינען איז געווען אין די הענט פון ענגלישע פירמעס און זיי זיינען מעהרסטענס געשיקט געוואָרען נאָך ענגלאַנד. אויך דאָס גע-שעפט מיט זאַלץ, וואָס מען האָט בעקומען פון די זאַלץ-גריבער אַרום לי-סאַבאָן און אין אַלגאַרביען, איז געווען פון מאַנכער בעדייטונג. פּאָרטוגאַל איז רייך אין מעטאַלען ווי שפּאַניען, אָבער אין דער בעאַרבייטונג פון די מינעס איז זי געווען הינטערשטעליג געגען איהר שכנה. דער זעע-האַנדעל איז געווען הויפּטזעכליך אין די הענט פון אויסלענדער. צו ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט האָט פּאָרטוגאַל געהאַט אייגענע 400 גרויסע שיפען פון 300—600 טאָן, וועלכע האָבען געפיהרט וואַארע צווישען זיד-אַמעריקאַ, די קאָלאָניעס און נאָרד-אַמעריקאַ. יעצט איז עס אַלעס איבערגעגאַנגען אין פרעמדע הענט, איבערהויפּט צו ענגלענדער, וועלכע האָבען געשיקט נאָך פּאָרטוגאַל זייערע אינדוסטריע-פּראָדוקטען אין דעם ווערט פון מעהר אַלס 1 מיליאָן פונט סטערלינג יעהרליך.

רע קאלאניעס. די ענגלענדער האבען געוואוסט, ווי אויסצונוצען דיזע ענ-דערונג פיר זיך. זיי האבען יעצט בעהערשט פארטוגאל און זיינען געווארען גאנצע בעלי בתים אין לאנד, הגם ניט נאך דעם נאמען.

עס האבען זיך וויעדער אנגעפאנגען אין לאנד רעוואלוציאנען. ארויס-גערופען די רעוואלוציאנען האבען דער האס צו אויסלענדער און די פא-דערונג פון א קאנסטיטוציאן. אין יאהר 1821 האט דער אויפשטאנד גענו-מען די אויבערהאנט. די רעבעלען האבען צוזאמענגעשטעלט א צייטליכע רעגירונג, האבען פראקלאמירט א נייע פערפאסונג און האבען נאך דעם מוס-טער פון שפאניען ערוועהלט קארטעס (א פארלאמענט). דער קעניג האט געמוזט נאכגעבען, און אין יאהר 1821 איז ער צוריקגעקומען פו בראזיליען נאך פארטוגאל אום ניט צו פערלירען אלעס. אין בראזיליען האט ער אי-בערגעלאזען זיין עלטערען זוהן דאם פעדרא אלס רעגענט. דער רעזולטאט דערפון איז געווען, דאס בראזיליען האט זיך אין יאהר 1822 אפגעריסען פון איהר מוטער-לאנד, פארטוגאל, און דאם פעדרא האט זיך געמוזט לאזען אנערקענען אלס קאנסטיטוציאנעלער קייזער. עס האט ניט לאנג גענומען און א בראזילישע פלאטע האט פעריאגט די פארטוגעזישע שיפען פון האפען און די סאלדאטען פון די פעסטונגען, אזוי דאס אין איינציגע מאנאטען איז בראזיליען געווארען פריי און זעלבשטענדיג.

דער אפפאל פון בראזיליען איז געווען פיר פארטוגאל א שווערער קלאפ, ווייל דער האנדעל פון פארטוגאל האט געצויגען זיין יניקה פון בראזיליען. די לאגע פון פארטוגאל איז געווארען נאך ערגער ווען נאך דעם צוריקקעהר פון דעם הויף האבען צווישען יאהאן דעם 6טען און דעם טראן-פערכאפער דאן מיגועל זיך אנגעהויבען רייסערייען און שטרייטיגקייטען, ביר-גער-קריגען און אויפשטאנדען אהן אן אויפהער. ערסט נאך דעם, ווי מען האט איהם פערטריבען פון לאנד, האט פארטוגאל וויעדער בעקומען די קאר-טעס-פערפאסונג (1839). מיט איינציגע מאנאטען שפעטער איז די רעגירונג אריין אין די שוואכע הענט פון דער קעניגין מאריא. זי איז געווען זעהר גענייגט צו אונבעשרענקטען קעניגטום און איז געווען א שטארקע געג-נערין פון פאלקס-פערטרעטונג, און דאס האט ארויסגערופען פערשיידענע אויפשטאנדען. אין יאהר 1846 איז דער טואן געקומען אין א גרויסע גע-פאהר. נאר מיט דער הילף פון ענגלישע און שפאנישע טרופען איז דער אויפשטאנד אונטערדריקט געווארען. מאריא איז געשטארבען (1853) און איהר נאכפאלגער איז געווען איהר מינדער-יעהריגער זוהן, דאם פעדרא דער 5טער (1853—1861). ווייל ער איז געווען צו יונג צו רעגירען

די געשיכטע פון איטאַליען.

אין די צייטען פון 15טען און 16טען יאָהרהונדערט איז דער גלאַנץ פון איטאַליען'ס האַנדעל אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען. דער האנדעל האָט מעהר ניט געשיינט ווי אין די צייטען פון דער אַלטער רעפּובליק. די אורזאַכען פון דיזער ענדערונג זיינען געוועזען: די ענטדעקונג פון נייע וועגען איבער די ימים און דאָס אריינדרינגען פון טערקיי; אָבער מעהר פון אַלעס האָבען געשאַדט דעם האנדעל די רייסערייען צווישען די פּאַרטייען וועגען די קאָנסטיטוציאָנען, און איבערהויפּט — די פיינדליכע בעציהונגען צווישען רייכטום און אָרימקייט. אויך האָט זעהר פיעל געשאַדט דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון לאַנד וואָס עס האָט געפעהלט אַן איינהייטליכע נאַציאָנאַל-מאַכט. די איטאַליענישע האַנדעל-שטאַאַטען האָבען אפילו ניט פערשטאַנען צו הייבען און שיצען דעם האַנדעל און די פאַבריקאַציאָן, אָבער זיי האָט געפעהלט פעראייניגונג. יעדע שטאָדט האָט געאַרבייט פיר זיך זעלבסט. זיי האָבען ניט פערשטאַנען, ווי ווייט וויכטיג עס איז פיר זיי צו האָבען אַלגעמיינע אינטערעסען און אַ געגענזייטיגע אינטערנאַציאָנאַלע פעראייניגונג. דעם מאַנגעל פון דיזער וויכטיגער פעראייניגונג האָבען די איטאַליענער שטאַרק דערפיהלט אין דעם אָנפאַנג פון דער נייער צייט, ווייל יעצט האָבען ארויסגעטרעטען אויף די וועלט-ביהנע איבערהויפּט שטאַאַטען, וואָס זיינען פעראייניגט צווישען זיך און בילדען איין גאַנצע נאַציאָן.

די פערפּלאָנטערטע און פערדרעהטע פּאָליטיק פון די קליינע שטאַאַטען פון איטאַליען, זייערע אינטריגעס, טראָן-שטרייטיגקייטען און לענדער-רייסערייען האָבען ניט פיר אונז, און מיר רעכנען אויך פיר אונזערע לעזער, קיין בעזונדערען אינטערעס. די וויכטיגסטע פאַקטען פון דער בעטייליגונג פון איטאַליען אין דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק האָבען מיר שוין פריהער דערצעהלט. מיר וועלען זיך אין דיזען קאַפּיטעל בעשעפטיגען נאָר מיט

פון די קאָלאָניעס האָבען די *אזאָרען* ארויסגעגעבען זעהר פיעל געטריידע, וויין, זיד־פרוכט, האָלץ, און האָבען געדינט אַלס א זעהר וויכטיגע סטאַציאָן פיר די ים־פאָהרער נאָך אָסט־אינדיען. דער הויפּט־פּראָדוקט פון מאַדעירא איז וויין. די קאָלאָניעס אויף'ן ברעג פון גווינעא, אין בענגועלא און מאָזאַמביק האָבען געדינט איבערהויפּט פיר דעם שקלאַפען־האנדעל, וועהרענד אָסט־אינדיען האָט יעצט פערלאָרען יעדע בעדייטונג פיר געשעפט.

געוויכט אין אייראָפּאַ. דער זיג פון פּרינץ אייזשען ביי טורין (1706) האָט געבראַכט לאָמבאַרדיע אין די הענט פון עסטרייך, און דורך דעם פרידען פון אוטרעכט (1713) האָבען די האַבסבורגער בעקומען די אויבער-מאַכט אויף דער אַפּעננינישער האַלב-אינזעל (איטאַליען). זיי האָבען ערהאַלטען אויסער מאַילאַנד אויך דאָס קעניגרייך נעאַפּעל, די אינזעל סאַרדיניען און מאַנטואַ.

אָבער די נייע בורבאָנישע דינאַסטיע אין שפּאַניען האָט געזוכט צו דערלאַנגען איהר אַלטען איינפלוס אויף איטאַליען, און זי האָט ווירקליך דער-גרייכט, דאָס אַ אינגערער צווייג פון דעם בורבאָנישען הויז האָט געהערשט אין די איטאַליענישע לענדער. דער קרוינפּרינץ קאַרל פון שפּאַניען איז אין יאָהר 1736 געוואָרען קעניג פון נעאַפּעל און סיציליען. און אַזוי זעהען מיר איז דער איינפלוס פון די צוויי וויכטיגסטע הערשער-הייזער אין איי-ראָפּאַ געווען זעהר שטאַרק אין איטאַליען. די אינגערע ליניען פון די לאָטה-רינגער און די בורבאָנען האָבען געהערשט אין טאָסקאַנאַ, פּאַרמאַ, נעאַפּעל און סיציליען; מאַילאַנד איז געשטאַנען אונטער דער פרעמד-הערשאַפט פון עסטרייך. סאַוואָיען האָט בעזעסען סאַרדיניען און אַ שטיק פון לאָמ-באַרדיען; גענואַ און ווענעציאַ האָבען נאָך געהערשט זעלבשטענדיג, אָבער זייער פּאָליטישע מאַכט איז געוואָרען פיעל שוואַכער ווי זי איז געווען פרי-הער. און צווישען דיזע אַלע הערשאַפטען, וועלכע האָבען געקוקט איינע אויף די אַנדערע מיט קנאה און שנאה, האָט זיך גאַנץ רוהיג געהערשט דער פּאַפּסט אין זיין קירכען-שטאַאַט און האָט מיט זיין איינפלוס געהאַט די מעג-ליכקייט איינצוהאַלטען דעם פרידענס-צושטאַנד און ניט דערלאָזען צו קריג.

דיזע פּאָליטישע פערהעלטניסען פון דעם 18טען יאָהרהונדערט זיינען געווען פיר איטאַליען אַ גרויסער פּאָרטשריט אין פערגלייך מיט איהר צו-שטאַנד אין דער עפּאָכע פון דער שפּאַנישער הערשאַפט. די נייע הערשער-פּאַמיליעס האָבען צונעפּאַסט די אָרדנונגען און די רעגירונגען צום כאַראַק-טער פון לאַנד און פון פּאָלק, און האָבען ניט געזוכט צו צווינגען דאָס פּאָלק צוצופּאַסען זיך צו פרעמדע אינסטיטוציאָנען. אין איניגע פירסטענטימער איז איינגעפיהרט געוואָרען אַ גוט-איינגעאָרדענטע אַדמיניסטראַציאָן און זאָגאַר אין מאַילאַנד, וואו עס האָבען געהערשט די עסטרייכער, איז די צענטראַל-פערוואַלטונג געווען כמעט אין גאַנצען אונאָפּהענגיג. נאָך דעם, ווי די איטאַליענער האָבען זיך בעפרייט פון די שפּאַנישע קייטען און פון דעם רעליגיעזען דרוק, האָבען די גייסטער פון פּאָלק ווידער אָנגעהויבען זיך פריי צו ענטוויקלען. די נייע אידעען האָבען זיך געמאַכט אַ וועג אי-

און אַלגעמיינעם איבערבליק איבער די וויכטיגסטע פאַקטען פון דער איטאַ-ליענישער געשיכטע אין דיזער פעריאָדע.

זינט דער צווייטער העלפט פון 16טען יאָהרהונדערט איז איטאַליען געווען אונטערוואָרפען אונטער שפּאַניען. און הגם איטאַליען האָט אונטער דער רעגירונג פון פיליפּ דעם 2טען פון שפּאַניען גענאָסען רוה און פרידען, איז דאָך די גייסטיגע און מאַטעריעלע לאַגע פון פאָלק געווען זעהר געדריקט. דאָס שטאַרק ענטוויקעלטע מיליטערישע סיסטעם פון די שפּאַניער און דער דרוק פון דער שפּאַנישער פּאָליציי און איהר מישען זיך אין אַלע צווייגען פון געזעלשאַפטליכען לעבען זיינען געווען אַ זעהר שווערע לאַסט אויף׳ן פּאָלק. דאַגעגען האָבען די שפּאַניער אין אויבער-איטאַליען זיך כמעט גאָר-ניט געמישט אין געריכטס-אַנגעלעגענהייטען און אין געמיינדע-אינטערעסען. אָבער די שפּאַנישע רעגירונג האָט איבעראַל געדריקט דאָס איטאַליענישע פּאָלק מיט איהרע שטייערן און רויבערייען, און דורך דעם האָט זי אונטער-געגראָבען דעם פריהערדיגען גוטען צושטאַנד פון פּאָלק. די שפּאַניער האָ-בען זאָגאַר בעהערשט דעם פּאַפּסטליכען שטוהל אין אַזא גראַד, ווי די דיי-טשע קיסרים האָבען איהם קיינמאָל ניט בעהערשט. די פּאָליטישע מאַכט פון דעם פּאַפּסט איז אונטער דער שפּאַנישער הערשאַפט געזונקען אימער טיפער און נידריגער. קיינער פון די פּאַפּסטען פון יענער צייט האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט צו זאָגען עטוואָס אין דער אייראָפּעאישער פּאָלי-טיק. זאָגאַר דער וויכטיגסטער פּאַפּסט פון 16טען יאָהרהונדערט סיקסטוס דער 5טער האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען נאָר אין דער אינערער געשיכטע פון קירכען-שטאַאַט.

דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס די רוימישע פּאַפּסטען זיינען זינט דעם 17טען יאָהרהונדערט געוואָרען געניינגט מעהר צו פראַנקרייך איי-דער צו שפּאַניען. ביסלאַכווייז האָט דער פראַנצויזישער איינפלוס אויף די קליינע איטאַליענישע שטאַאַטען אַרויסגעשטופּט דעם שפּאַנישען איינ-פלוס. דאַמאָלס איז אַרויפגעשוואומען אויף׳ן פּאָליטישען האָריזאָנט דער קריג פיר די ירושה פון שפּאַנישען טראָן. דער רעזולטאַט פון דיזען קריג האָט געהאַט אַ זעהר וויכטיגע בעדייטונג פיר די ענטוויקלונג פון איטאַליען. דיזער קריג איז געווען פיר איטאַליען אַ קוועלע פון די גרעסטע אונגליקען. ווי די בורבאָנען, אַזוי האָבען אויך די האַבסבורגער געזוכט צו געווינען אין אויבער-איטאַליען וואָס זיי האָבען פערלאָרען אין דעם קריג פיר׳ן שפּאַנישען טראָן. דאָרט, אין אויבער-איטאַליען, אין דער עבענע פון דעם טייך פּאָ, איז איבערהויפּט פאָרגעקומען דער שטרייט וועגען דעם פּאָליטישען איבער-

2 טעג שפּעטער איז דער קירכען־שטאַאט פּערוואַנדעלט געוואָרען אין א רוימישע רעפּובליק. דער פּאַפּסט פּיאוס דער 6טער האָט זיך ניט געוואָלט אָפּזאָגען פון זיין וועלטליכער הערשאַפט. דער גענעראַל בער־טהיער האָט ניט געהאַט דעם מוט צו נעהמען געגען איהם שטרענגע מיט־לען. דערפאַר האָט מען איהם אַרונטערגעזעצט פון זיין אַמט אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער פראַנצויזישער אַרמעע, און מען האָט געשיקט מאַס־סענאַ'ן, וועלכער האָט באַלד גענומען ענערגישע מיטלען. ער האָט בערויבט דעם קירכען־שטאַאט ווי אויך דעם פּאַפּסט זעלבסט און האָט איהם נאָך פּערזענליך בעליידיגט. מען האָט מיט גוואַלד אַראָפּגעריסען פון זיינע פינ־גער די טייערע דימענטען רינגען, מען האָט פון איהם צוגענומען זיינע שפּאַ־נישע שמעק־טאַבאַק, און נאָכדעם האָט מען איהם אַוועקגעשיקט אַלס א געפאַנגענעם נאָך סיענאַ.

דער קעניג פון סאַרדיניען האָט געמוזט שליסען מיט פראַנקרייך א בונד, לויט וועלכען ער האָט זיך פערפליכטעט צו געבען די פראַנצויזען הילף אין סאָלדאַטען און אין געלט. דערווייל האָט זיך געמאַכט די צווייטע קאָאַ־ליציאָן (פעראייניגונג) און נעאַפּעל און דער קירכען־שטאַאט האָבען אָנגע־גריפען פראַנקרייך. דאַן האָט פראַנקרייך געצוואונגען דעם סאַרדינישען קעניג, אַז ער זאָל איבערגעבען צו פראַנקרייך אַלע זיינע לענדער אויף דעם קאָנטינענט (הויפּטלאַנד) און ער זאָל נאָר בלייבען ביי דער אינזעל סאַר־דיניען. דער גענעראַל שאַמפּיאָננעט האָט זיך פעסט בעזעצט אין נעאַפּעל און האָט דאָרט געגרינדעט די פּאַרטהענאָפּעאישע רע־פּובליק. אין פּיעמאָנט און אין טאָסקאַנאַ האָבען געהערשט די פראַנ־צויזען זעלבסט. אָבער עס האָט ניט לאַנג גענומען און דאָרט האָט אויסגע־בראָכען אַן אויפשטאַנד געגען דער פרעמדער הערשאַפט.

צוויי וואָכען נאָך דעם, ווי עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די פּאַרטהע־נאָפּעאישע רעפּובליק, האָבען די קלעריקאַלען אויפגערייצט די לאַצצאַראָנען (פּראָלעטאַריער) און זיי האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד אין די פּראָווינצען פון נעאַפּעל. אָן דער שפּיץ פון דיזען אויפשטאַנד איז געשטאַנען דער קאַרדינאַל רופּפּאָ, וועלכער האָט געמאַכט אַן אויפרוף צו די בויערן צו קעמפּפען פיר'ן גלויבען און פיר דעם קעניג. אין איינינגע וואָכען איז קאַ־לאַבריאַ אָפּגערייניגט געוואָרען פון פראַנצויזען. עס איז געווען א בלוטי־גער גערילאַ־קריג, וועלכער איז געפיהרט געוואָרען איבערהויפּט אין די בערג מיט אונגעוועהנליכער גרויזאַמקייט. דעם 11טען יוני איז רופּפּאָ זעלבסט געקומען פאַר נעאַפּעל. ביי פּאָרטיטשי איז עס געקומען צו א קאַמף.

בעראל. איינינע רעגירונגען האבען זיך אליין אונטערגעגעבען דעם גייסט פון דער צייט און האבען פערשטאנען און אנערקענט די וויכטיגקייט פון דער בירגער־מאכט אין שטאאטליכער ווי אין קירכליכער בעציהונג.

דאן איז אנגעקומען די פראנצויזישע רעוואלוציאן און האט צוטריי־סעלט דעם גאנצען פונדאמענט פון דעם צושטאנד. ווי איבעראל האט די בורזשואזיע אין איטאליען אויפגעכאפט די נייע אידעען פון די רעוואלוציא־נערען מיט גרויס ענטהוזיאזם, און באלד זיינען אנגעקומען פראנצויזישע ארמעען און האבען פערנומען דעם איטאליענישען באדען, און האבען דארט אנגעהויבען צו מאכען נייע שטאאטס־ארדנונגען. אין סעפטעמבער 1792 זיינען די פראנצויזען אריין אין סאוואיען. דעם יאהר נאכדעם האט פראנקרייך ערקלערט קריג געגען נעאפעל. אין יאהר 1794 האבען די פראנ־צויזען איינגעדרונגען אין פיעמאנט און אין גענוא. אין יאהר 1795 הא־בען זיי די עסטרייכער צוריק פערטריבען פון דארט. אין דעם נעכסטען יאהר האט באנאפארטע איבערגענומען די קאמאנדע איבער די פראנצויזישע טרופען אין איטאליען און האט געגעבען דעם קאמף א גאנץ נייע ווענדונג. דער קעניג פון סארדיניען האט געמוזט איבערגעבען צו פראנקרייך ניצצא און סאוואיען. באלד נאכדעם זיינען פארגעקומען אין לאמבארדיען די בע־ריהמטע שלאכטען, וועלכע האבען געמאכט נאפאלעאן'ען אלס דעם בעריהמ־טעסטען העלד פון זיין צייט. פון מאנטוא, מאילאנד, מאדענא און א טייל פון פארמא האט ער געבילדעט די צים־אלפינישע רעפובליק. וועניציא האט אויפגעהערט צו עקסיסטירען אלס א פריי־שטאאט, זי האט פערלארען איהר אריסטאקראטישע פערפאסונג, אנשטאט וועלכער מען האט איהר געגעבען א דעמאקראטישע פערפאסונג, און זי האט ענדליך געכאפט א מפלה אין עסטרייך. אויך אין גענוא האט מען געמאכט אן ענדע צו דער אלטער רע־גירונג פון דעם אדעל, און מען האט איהר קאנסטיטוציאן געענדערט נאך דעם מוסטער פון דער פראנצויזישער. די בעפעלקערונג איז געווען העכסט צופרידען מיט דיזער ענדערונג פון דער קאנסטיטוציאן. זי האט פער־ברענט דאס „גאלדענע בוך פון אדעל" און האט אומגעשטערט דעם מא־נומענט פון דעם אלטען דאזשע אנדרעאס דאריא.

אויך דער קירכען־שטאאט איז אנגעגריפען געווארען פון די פראנצוי־זען. אין רוים האט זיך געמאכט אן אויפשטאנד און אין א שלאכט איז דערשאסען געווארען דער פראנצויזישער גענעראל דיופאט. דאן האט פראנקרייך געשיקט איהרע טרופען אין רוים אונטער דעם גענעראל בער־טהיער. דעם 11טען פעברואר 1798 איז ער אריין אין רוים, און מיט

דען, לויט וועלכען ער האָט פערלאָרען פיאָמבינאָ און אַ טייל פון דער אינזעל עלבא. די רעפובליקען גענוא און לוקקא האָבען ערהאַלטען נייע דעמאָקראטישע פערפאסונגען; די ציס־אַלפינייטע רעפובליק איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַן איטאַליענישע רעפובליק. אַלס פרעזידענט פון דיזער רעפובליק איז נאפאָלעאָן זעלבסט ערוועהלט געוואָרען אויף 10 יאָהר.

נאָך דעם, ווי נאפאָלעאָן איז געוואָרען קייזער אין פראנקרייך, האָט די איטאַליענישע רעפובליק ערהאַלטען דעם בעפעהל צו שרייבען צו נאפאָלעאָן'ען אַן אַדרעס, דאָס זי ווינשט צו פערוואַנדלען איהר רעפובליקאַנישע פערפאסונג אין אַ מאָנארכיע און וויל האָבען נאפאָלעאָן'ען אַלס קעניג. דאָס איז באַלד ערפילט געוואָרען. דעם 26טען מאַי 1805 איז נאפאָלעאָן געקרוינט געוואָרען אין מאַילאַנד. זיין שטיפזוהן א י י ז ש ע ן ב אָ ה א ר נ ע י ס האָט ער דאָרט אריינגעזעצט אַלס וויצע־קעניג און האָט געגעבען דעם לאַנד אַ פערפאסונג, וואָס איז געווען זעהר ענהליך צו דער פראנצויזישער. דער פרעססבורגער פרידען (1805) האָט צוגעגעבען צו איטאַליען ווענעציא, איסטריען און דאַלמאַציען—לענדער, וואָס האָבען געהערט צו עסטרייך. דאַמאָלס איז איטאַליען געוואָרען אַ לאַנד פון 1672 קוואַדראַט־מייַלען מיט 5,657,000 איינוואוינער. אין יאָהר 1806 איז צוגעקומען צו איטאַליען אויך גואַסטאַללאַ, די ליגורישע רעפובליק, פאַרמאַ און פּ'אַטשענצאַ. אין דעם זעלבען יאָהר האָט נאפאָלעאָן ערהויבען זיין ברודער יאָזעף אַלס קעניג פון נעאַפעל, און ווען יאָזעף איז געוואָרען קעניג אין שפּאַניען, האָט ער דעם טראָן פון נעאַפעל איבערגעגעבען צו זיין שוואָגער י אָ א כ י ם מ ו ר א ט (1808).

די בעציהונגען צווישען נאפאָלעאָן און דעם פּאַפּסט זיינען געווען צו דערלייַדען ביז נאפאָלעאָן האָט געפאָדערט פון פּאַפּסט, אַז ער זאָל ניט אַריינלאָזען אין די האַפענס פון זיין קירכען־שטאַאַט די ענגלישע שיפען, ווי עס האָבען איהם געמוזט צוליב טאָן אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער. דער פּאַפּסט פיאוס דער 7טער אָבער האָט זיך ענטזאַגט דאָס צו טאָן. נאפאָלעאָן האָט זעהר פיינד געהאַט, אַז מען זאָל איהם אין וואָס עס איז אָפּזאָגען. עס זיינען באַלד אָפּגעבראָכען געוואָרען אַלע דיפּלאָמאַטישע פערהאַנדלונגען צווישען פראַנקרייך און דעם קירכען־שטאַאַט. נאפאָלעאָן האָט גלייך געשיקט אין רוים דעם גענעראַל מ י אָ ל ל י ס מיט 6,000 מאַן און דיזער האָט באַלד בעזעצט די ענגעלסבורג און די גאַנצע שטאָדט (1808). דער פּאַפּסט האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דיזע גוואַלדטאַטען און האָט געסטראַשעט, דאָס ער וועט אַריינלעגען נאפאָלעאָן'ען אין חרם. עס האָט

די העלדישע קאַלאַבריער האָבען גענומען איין פאָרט נאָך דעם אַנדערען, און באַלד איז די הויפּטשטאָדט געווען פיר זיי אָפען. צוויי טעג האָט נאָך געדויערט דער קאַמף אין די גאַסען פון נעאַפּעל. עס זיינען פאָרגעקומען שרעקליכע מערדערייען. דעם 19טען יוני האָבען די מערדערייען אויפגעהערט. עס איז געשלאָסען געוואָרען פרידען מיט דער בעדינגונג, דאָס די, וואָס געפינען זיך אין פעסטונג, זאָלען דאָרט בלייבען, און מען זאָל זיי ניט טאָן קיין שלעכטעס.

עס האָט אויסגעוויזען, דאָס דער בירגער־קריג איז געענדיגט. דאָ איז אָבער אָנגעקומען נעלסאָן מיט אַן ענגלישער פלאָטע און האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל מבטל זיין דעם טראַקטאַט פון פרידען, וואָס זיי האָבען צווישען זיך געשלאָסען. רופפאָ האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען. דער קעניג פערדינאַנד אָבער האָט געפיהלט, דאָס ער איז צו שוואַך צו שטרייטען מיט דער ענגלישער פלאָטע, אויך די קעניגין האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל בעשטראָפען ווענינגסטענס די הויפּט־אָנפיהרער פון די רעפובליקאַנער. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכער שטראָף־געריכט איבער די רעפובליקאַנער. די לאַצצאַראָנען האָבען געבושעוועט מיט רויב און מאָרד. 8,000 מענער און פרויען זיינען אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגנים, 99 האָט מען הינגעריכטעט און הונדערטער זיינען פערטריבען געוואָרען פון לאַנד. אַזוי האָט מען מיט בלוט ווידער אַרויפגעזעצט פערדינאַנד׳ן אויפ׳ן טראָן. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט זיך ניט געקענט לאַנג האַלטען אויף איהם.

נאַפּאָלעאָן׳ס פעלדצוג אין יאָהר 1800 האָט געמאַכט די פראַנצויזען פיר העררען פון אויבער־איטאַליען. דער פרידען, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען אין לונעווילע, האָט בעפעסטיגט די פעראייניגונג פון קאַמפּאָ־פאָרמיאָ און ראַשטאַט; בעלגיען איז איבערגעגעבען געוואָרען צו פראַנקרייך; ווענעציאַ ביז צו דער ליניע פון עטש מיט איסטריען און דאַלמאַציען איז איבערגעגעבען געוואָרען צו עסטרייך. טאָסקאַנאָ איז געוואָרען דאָס קעניגרייך עטרוריען און דאָס ערב־רעכט אויפ׳ן טראָן איז איבערגעגעבען געוואָרען צו בורבאָנישען הערצאָג פון פאַרמאַ. דעם פּאַפּסט פיאוס דעם 7טען האָט נאַפּאָלעאָן ערלויבט צוריקצוקעהרען זיך צו זיין הויפּטשטאָדט, און מיט דער ענערגישער אַרבייט פון קאַרדינאַל קאָנסאַלווי האָבען זיך ווידער אָנגעפאַנגען די פערהאַנדלונגען, וועלכע האָבען געפיהרט צום אָפּשליסען דעם קאָנקאָרדאַט, וועגען וועלכען מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט. אויך דער קעניג פון נעאַפּעל האָט געמוזט איינשטימען צום פרי-

ליכע זיינען בעזועלט. ער האָט בעשלאָסען אין גאַנצען צו ברייננען דעם פּאַפּסט אונטער זיין מאַכט. דער פּאַפּסט האָט בעקומען זיין זיץ־אָרט אין פאָנטעינעבלאָ און איז געווען אַרומגערינגעלט אויסשליסליך מיט דעם קייזער׳ס פּערטרויטע. די איינזאַמקייט און זיינע קערפּערליכע ליידען האָבען איהם געצוואונגען אונטערצוגעבען זיך דעם קייזער׳ס ווילען, און דעם 25טען יאַנואַר 1813 האָט ער אונטערגעשריבען דעם קאָנקאָרדאַט פון פאָנ־טעינעבלאָ, וואָס האָט געגעבען די מעטראָפּאָליטאַן־בישאָפען דאָס רעכט צו בעשטעטיגען די בישאָפען, וועלכע דער קייזער האָט בעשטימט. אויסער דעם האָט דער פּאַפּסט פּיאוס דער 7טער פערשפּראָכען צו בעזעצען זיך אין אַוויניאָן אָנשטאָט רוים. מיט 2 מאָנאַטען שפּעטער האָט פּיאוס, מיט דער צושטימונג פון 2 קאַרדינאַלען, פּאַקקאַ און קאָנסאַלווי, צוריקגערופען דעם קאָנקאָרדאַט. דערווייל האָט נאַפּאָלעאָן געהאַט אַ גרויסע מפּלה אין דייטש־לאַנד, און דאָס האָט איהם געצוואונגען צו בעפרייען דעם פּאַפּסט פון זיין געפאַנגענשאַפט. דעם 24 טען מאַי 1814 האָט זיך דער פּאַפּסט צוריקגע־קעהרט אין זיין אַלטע רעזידענץ, אין רוים, און די רוימער האָבען איהם אויפגענומען מיט גרויס פרייד.

די איטאַליענער האָבען וועניג אָנטייל גענומען אין דעם בעפרייאונגס־קריג געגען נאַפּאָלעאָן׳ען. די אורזאַך דערפון איז, דאָס נאַפּאָלעאָן האָט אין גרונד אַריינגעבראַכט אין די לענדער, וואָס ער האָט בעהערשט, אומענ־דערונגען און פאָרטשריט, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס אַלעס איז צוגעגאַנ־גען מיט זיין אייגענעם ווילען און זיין אייגענער מאַכט, אָהן דעם אָנטייל פון פאָלק. די אַלע גוטע זאַכען, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געשאַפען, זיינען פער־לאָרען געגאַנגען מיט זיין אונטערגאַנג. איטאַליען איז ווידער געוואָרען אָפּהענגיג פון דעם ווילען פון פרעמדע מעכטען און פון זייערע קאַבינעטען. דער פּרינציפּ פון די פערבינדעטע מעכטען, וועלכע האָבען געשטריטען געגען נאַפּאָלעאָן׳ען, איז געווען צוריקשטעלען די אַלטע אָרדנונג. אויך דער קיר־כען־שטאַאט איז צוריקגעשטעלט געוואָרען אויף זיין אַלטען שטאַנד, נאָר זיינע בעזיצונגען אויף דער לינקער זייט פון דעם טייך פּאָ זיינען פערבלי־בען ביי עסטרייך.

צווישען די קליינע שטאַאַטען פון איטאַליען איז קיין פערבאַנד ניט גע־ווען. און דעריבער האָט עסטרייך געהאַט די מעגליכקייט צו הערשען אי־בער זיי אַלע. פ ר אַ נ ץ ד ע ר 2 ט ע ר האָט זיך געגעבען אַלע מיה ניט צוצולאָזען אין פאָלקס־לעבען קיין זעלבשטענדיגקייט. דיזעס איז איהם ניט געווען שווער דורכצופיהרען אין איטאַליען, ווייל די פירסטען פון די שטאַא־

איהם אָבער ניט געהאָלפען. אַלס ענטפער אויף זיינע סטראשונקעס האָט נאַפּאָלעאָן אָפּגענומען פון קירכען־שטאַאט אַלע געביטען און האָט געלאָזען דעם פּאַפּסט נאָר די שטאָדט רוים. באַלד נאָכדעם האָט ער ערקלערט רוים אַלס פרייאשטאָדט פון דעם נאַפּאָלעאָנישען קעניגרייך. אַלע מאָנאַסטירען זיינען געשלאָסען געוואָרען, די פרעמדע פּריסטער זיינען אַרויסגעטריבען געוואָרען, און אַלע גייסטליכע האָט מען געצוואונגען שווערען טרייהייט צו נאַפּאָלעאָן'ען. דעם פּאַפּסט האָט נאַפּאָלעאָן נאָר געלאָזען זיין דער בישאָף פון דער שטאָדט רוים.

דאַמאָלס האָט שוין דער פּאַפּסט אַריינגעוואָרפען נאַפּאָלעאָן'ען אין חרם. דערמיט האָט דער פּאַפּסט אָפען ערקלערט קריג געגען נאַפּאָלעאָן'ען. דער פּאַפּסט האָט גוט געוואוסט, וואָס ער קען ערוואַרטען פון דיזען שטריט, און ער האָט זיך פערשלאָסען אין דעם קווירינאַל־פּאַלאַץ. זיין גוואַרדיע האָט ער אָנגעזאָגט, דאָס זי זאָל זיך ניט שטעלען קיינעם אַנטקעגען מיט געוועהר. און ער האָט ווירקליך קיין טעות ניט געהאַט. דעם 6טען יולי 1809, אום האַלב עלף אוהר ביינאַכט, האָבען פראַנצויזישע סאָלדאַטען אי־בערגעשטיגען די מויער פון פּאַלאַץ און האָבען זיך מיט גוואַלד אַריינגע־ריסען אין די צימערן, וואו דער פּאַפּסט האָט געשלאָפען. ער איז שוין געווען אין בעט, און ער האָט זיך פון לאַרם אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ביז ער האָט זיך אָנגעטאָן איז שוין די טיר פון זיין שלאָפציממער געווען אויפ־געבראָכען און דער גענעראַל ר א ד ע ט האָט איהם ערקלערט, דאָס ער האָט אַ בעפעהל אַוועקצופיהרען איהם גלייך מיט זיין קאַרדינאַל פּאַקקאַ. „מיין זוהן", האָט איהם דער פּאַפּסט געענטפערט, „פיר דיזע אַרבייט קענט איהר ניט ערוואַרטען די ברכה פון גאָט". דאַן האָט ער גענומען זיין געבעט־בוך און דעם צלם און איז אַריין אין וואָגען, וועלכער האָט אַוועקגעפיהרטביידע געפאַנגענע נאָך סאַוואָנאַ. דער גרייז־גרויער פּאַפּסט האָט מיט גרויס גע־דולד איבערגעטראָגען דעם ביטערען שיקזאַל, אין וועלכען ער האָט געהאַט די אַלגעמיינע סימפּאַטיע.

נאַפּאָלעאָן האָט פיעל געליטען פון דעם, וואָס דער פּאַפּסט האָט ניט געוואָלט בעשטעטיגען די נייע בישאָפען, וועלכע ער האָט ערוועהלט. דער חרם האָט איהם וועניג געשאַדט. נאַפּאָלעאָן האָט צוזאַמענגערופען אַ נאַ־ציאָנאַל־קאָנציל וועגען דיזען געגענשטאַנד, אָבער דאָס קאָנציל איז געווען אויף דער זייט פון פּאַפּסט. ענדליך האָבען דער פּאַפּסט און די בישאָפען איינגעשטימט צו נאַפּאָלעאָן'ס דעקרעט וועגען די ערוועהלטע בישאָפען. אָבער נאַפּאָלעאָן האָט דאַמאָלס גוט געזעהען, מיט וועלכען גייסט די גייסט־

סען געווארען, דאס דער הייליגער בונד זאל אריינשיקען אין איטאליען מיליטער און אריינמישען זיך אין זייערע אינערע אנגעלעגענהייטען. עסטרייך האט אויף זיך גענומען די אויפגאבע איינצופיהרען מיט געוואלד די פריהערדיגע ארדנונג, און רוסלאנד האט פערשפראכען אין א נעטיגען פאל צו שיקען 100,000 מאן אונטערשטיצונג.

עסטרייך האט געשיקט אין איטאליען געגען נעאפעל 43,000 מאן אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל פ ר י מ א נ ט. די נעאפאליטאנער זיינען געווען צו שוואך געגען דיזער מאכט. פרימאנט האט באלד פערנומען נעאפעל. פערדינאנד איז דאן צוריקגעקומען אין נעאפעל און איז מיט גרויס פרייד אויפגענומען געווארען פון די לאצצאראנען און האט געבראכט מאריא'ן אָפּפער־מתנות וועגען דער בעזייטיגונג פון דער קאנסטיטוציאן. דער-

פראנץ דער 2טער.

מיט איז אויך בעשטימט געווארען דער שיקזאל פון סארדיניען. קארל פעליקס האט אפגעשאפט די קאנסטיטוציאן און האט מיט שטרענגע מיטלען צוריק איינגעפיהרט די אלטע ארדנונג.

עסטרייך האט פארטגעזעצט צו שפּילען אין איטאליען די ראלע אלס פעסטונג פון רעאקציאן. די רעגירונגען אין איטאליען האבען ענטוויקעלט אין גאנצען לאנד דאס שפיאן־סיסטעם, די יעזואיטען האבען אונגעשטערט געפיהרט זייערע אינטריגעס אום צו בעזייטיגען די ליבעראלע אידעען. מעהר פון אלעמען האט מען שפיאנירט די רייכערע און די געבילדעטע קלאסען. דער הערצאג פון מאדענא האט געבראכט דאס גאנצע לאנד אין בעלאגערונגס־צושטאנד ; אין סארדיניען איז געווען פערבאטען א פערזאן, וואס האט ניט געהאט אייגענס 1,200 מארק, צו לערנען לעזען און שרייבען. צו

טען זיינען אַלע געווען אויסגעשפּראָכענע פיינד פון די אידעען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. מען האָט אָפּגעשאַפט די גלייכהייט פון אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט פאַר דעם געזעץ, די פרייהייט פון רעליגיאָן, פון געווערב און פון אייגענטום. אָבער דיזע רעאַקציאָן האָט איטאַליען ניט געקענט געבען קיין רוה. ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס די עסטרייכישע רעגירונג האָט שטאַרק איבערוואַכט אַלע שיכטען פון פאָלק דורך אַ גאַנצעם סיסטעם פון שפּיאָנסטוואָ, וואָס זי האָט איינגעפיהרט אין גאַנץ איטאַליען, האָבען זיך די בירגער ניט איינגעהאַלטען צו פערברייטען די אידעע וועגען דער פעראייניגונג פון אַלע שטאַאַטען. אין איניגע יאָהר האָבען זיך אין איטאַליען געבילדעט זעהר פיעלע געהיימע געזעלשאַפטען מיט דיזען צוועק. די וויכטיגסטע פון דיזע געזעלשאַפטען איז געווען „די קאַרבאָנאַריאַ", וועלכע האָט געהאַט מיטגלידער איבעראַל, אויך אין מיליטער און צווישען הויכע בעאַמטע. זייערע שטרעבונגען זיינען ניט געווען אַקוראַט די זעלביגע. איין טייל פון די קאַרבאָנאַריאַ האָבען געוואָלט מעהר פון אַלעם פרייהייט, אַן אַנדער טייל האָט איבערהויפּט געוואונשען שטאַאַטליכע איינהייט.

די שפּאַנונג פון די געמיטער איז געווען אַזוי גרויס, דאָס עס האָט געפעהלט אַ קליינע אורזאַך אום עס זאָל אויסברעכען אַן אויפשטאַנד. עס איז גראַד אָנגעקומען די נאַכריכט פון דעם זיג פון דער שפּאַנישער רעוואָלוציאָן. עס איז באַלד געוואָרען אין נאָלאַ אַ מיליטערישע פערשווערונג, צו וועלכער עס זיינען באַלד צוגעשטאַנען מיליץ און בעאַמטע, וואָס זיינען געווען אונצופרידען מיט דער רעגירונג. זאָגאַר דער גענעראַל-מאַיאָר ווילהעלם פעפּע, וועלכען דער קעניג האָט געשיקט צו דערשטיקען דעם אויפשטאַנד, איז אויך צוגעשטאַנען צו די פערשווערער, און דאָס האָט געצוואונגען דעם קעניג פערדינאַנד אַיינצוואוויליגען איינפיהרען די שפּאַנישע פערפאַסונג. דעם 13טען יולי 1820 האָט ער געשוואָרען צו היטען די נייע קאָנסטיטוציאָן.

אויך אין סיציליען איז די רעגירונג געווען געצוואונגען אָנצונעהמען אַ קאָנסטיטוציאָן; דאָס זעלבע איז אויך געשעהען אין פּיעמאָנט. מיליטער און סטודענטען האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד, וועלכער האָט געצוואונגען דעם קעניג וויקטאָר עמאַנועל צו ענטזאַגען זיך פון טראָן צו גונסטען פון זיין ברודער קאַרל פעליקס (6טען מערץ 1821). דיזער האָט בעוויליגט צו געבען די פערלאַנגטע קאָנסטיטוציאָן.

די רעוואָלוציאָן אין איטאַליען האָט בעריהרט די אינטערעסען פון עסטרייך, און די מעכטען פון הייליגען בונד האָבען אין דעם געזעהען אַ געפאַהר פיר זייערע לענדער. אויף דעם קאָנגרעס אין לאַיבאַך איז בעשלאָ-

צו די פירסטען און פעלקער פון איטאַליען. אין דיזען אַדרעס זאָגען זיי:
„מיט אויסנאַהמע פון וועניגע זיינען מיר, די געליבטע אונטערטאַנען פון זיין הייליגקייט, אין אַ טרויעריגער לאַגע. אונזערע לאַנד־אייגענטימער זיינען צו גרונד געריכטעט, אונזערע סוחרים באַנקראָט, אונזערע בעלי מלאכות אויסגעהונגערט, אונזערע פאַבריקאַנטען הילפלאָז, אונזערע בויערן ערניד-ריגט. מען האָט געצעהלט אונזערע טריט, מען האָט אויסגעלעגט אַנדערם אונזערע ווערטער, מען האָט דורכגעזוכט אונזערע הייזער, מען האָט גע-מערקט אויף אונזערע בליקען, מען האָט פערדעכטיגט אונזערע פריינדשאַפ-טען; אין אַלעס איז אונזיכערהייט, ווידערשפּרוך און פערענדערליכקייט; פעסט און מעטאָדיש זיינען נאָר די שטייערן און פּאָליטישע פערפאָלגונגען".

דער פּאַפּסט גרעגאָריוס דער 16טער האָט זיך באַלד אַרומגעזעהען, דאָס מיט זיינע אייגענע קרעפטען איז ער ניט אין שטאַנד צו בערוהיגען דעם אויפשטאַנד, און ער האָט זיך געווענדט צו עסטרייך נאָך הילף. עסטרייך האָט באַלד געענטפערט. דעם 6טען מערץ 1831 האָט דער הערצאָג פון מאָדענאַ מיט דער הילף פון די עסטרייכער געשלאָגען די בירגער־גוואַרדיע ביי קארפּי, און דעם 9טען מערץ איז ער ווידער אַריין אין זיין רע-זידענץ. די הויפּט־פיהרער פון דער רעוואָלוציאָן מיט'ן גענעראַל צוקקי האָבען געמוזט ענטלויפען. די עסטרייכער זיינען דאַן אַריבער דעם טייך פּאָ, האָבען איינגענומען פעררארא, פּאַרמאַ און באָלאָניאַ, און דעם 25טען מערץ האָבען זיי אין גאַנצען בעזיגט די איטאַליענער ביי רימיני. די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט געמוזט אָפּדאַנקען און האָט איבערגעגעבען די מאַכט אין די הענט פון קארדינאַל בענוועניטי.

דאָס לאַנד איז געוואָרען רוהיג. דער פּאַפּסט האָט געמאַכט נייע אָרד-נונגען אין דער פערוואַלטונג פון זיין קירכען־שטאַאַט אויסער רוים. די עסטרייכער האָבען פערלאָזען דאָס לאַנד פון פּאַפּסט. אָבער דער הערצאָג פון מאָדענאַ און דער פּאַפּסט האָבען מיט זייערע רעאַקציאָנערע גרויזאַמ-קייטען איבער־אַ־נייס אויפגעבלאָזען דעם פייער פון דער רעוואָלוציאָן. דער פּאַפּסט האָט ווידער גערופען עסטרייך צו הילף. אָהן דער מיטהילף פון אַ פרעמדער מאַכט האָבען די איטאַליענישע רעגירונגען ניט געקענט האַלטען אָרדנונג אין זייערע געביטען. דיזען מאָל האָבען זיך די פראַנצויזען אויך אַריינגעמישט און האָבען בעזעצט אַנקאָנאַ. ווייטער האָט דער קעניג לוד-וויג פיליפּ מורא געהאַט צו ריזיקירען. ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין טראָן.

איטאַליען איז געוועזן רוהיג, אָבער נאָר אויסערליך. אונטער דער אוי-בערפלעך האָט זיך עס ניט אויפגעהערט צו רודערן און צו בעוועגען. אום

בעזוכען א הויך־שולע אָדער אוניווערזיטעט האָט געהאַט דאָס רעכט נאָר דער, וואָס האָט געהאַט צום ווענינסטען 1,200 מאַרק יעהרליכע איינקונפט. די פרעסע איז געשטעלט געוואָרען אונטער א שטרענגע צענזור. אין רוים זיינען די יעזואיטען געוואָרען די לעהרער פון פאָלק. די אינקוויזיציאָן האָט בעקומען רייכע מיטלען פון דער רעגירונג. די, וואָס האָבען ניט אָפּגעהיט די געזעצליכע תעניתים, זיינען עפענטליך געשמיסען געוואָרען. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס איבעראַל האָט געהערשט אונצופרידענהייט. אי־בערהויפט האָבען שטאַרק געליטען די קלענערע שטעדט פון ראָמאַניא, וועלכע האָבען זיך געפונען אונטער דער דריקענדער רעגירונג פון די קלעריקאַלען, אונטער שרעקליכע ערפּרעסונגען, אונטער א שווערען דרוק פון אונגעהייערע שטייערן, פון סקאַנדאַלעזער כאַבאַר־נעהמעריי פון די געריכטס־הייזער און פון דער שפּיאָנעריי פון די אינקוויזיטאָרען.

אין דער צייט, וואָס די רעאַקציאָן האָט געבושעוועט אין איטאַליען, איז אָנגעקומען א ידיעה פון דער יולי־רעוואָלוציאָן אין פראַנקרייך. דיזע ידיעה האָט אויפגעפלאַמט די בעגייסטערונג פון די נאַציאָנאַל־געזינטע. פרי־הער האָט זיך צוברענט דער אויפשטאַנד אין די קליינע הערצאָגטימער, ווייל דאָרט זיינען די רעגירונגען געווען שוואַכער, און זיי איז געווען לייכטער צו בעזיגען. אין מאָדענא איז דער הערצאָג פ ר א נ ץ ד ע ר 4 ט ע ר ענט־לאָפען, און עס האָט זיך דאָרט געבילדעט א רעוואָלוציאָנערע רעגירונג. אין באָלאָניא האָט מען פּראָקלאַמירט די פרייהייט פון איטאַליען. באַלד האָט זיך פערברייטעט דער אויפשטאַנד אין פיעלע אַנדערע ערטער. נאָר אין רוים איז דער אויפשטאַנד באַלד דערשטיקט געוואָרען. אין איינינע טעג איז פערפאַסט געוואָרען א קאָנסטיטוציאָן פיר דאָס גאַנצע לאַנד און דער אַדוואָקאַט י אָ ה אַ ן װ ו י ט ש י נ י איז געשטעלט געוואָרען אָן דער שפּיץ פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג.

אָבער עס איז געווען זעהר שווער צו ברייננען די נייע קאָנסטיטוציאָן אין פּראַקטיק, ווייל די רעוואָלוציאָנערען זעלבסט זיינען ניט געווען אייניג; ווייל זיי זיינען געווען אינערליך לויז האָט זיי געפעהלט ענטשלאָסענהייט און ענערגיע. זיי האָבען ניט געוואַגט אפילו צו פערבינדען זיך מיט רעוואָ־לוציאָנערען פון מאָדענא און פון פאַרמאַ און האָבען מורא געהאַט צוציהען צום אויפשטאַנד געגען פּאַפּסט די קלענערע גייסטליכע. דער פּאַפּסט ג ר ע ג אָ ר י ו ס ד ע ר 16 ט ע ר האָט ארויסגעלאָזען אַן אויפרוף צו די רעוואָלוציאָנערע פּראָווינצען מיט'ן צוועק צו ברייננען זיי צוריק צו געהאָר־זאַם און אָרדנונג. דערויף האָבען זיי געענטפערט מיט אַן אדרעס געריכטעט

גריכענלאַנד'ס קאַמף פיר בעפרייאונג.

ווען גריכענלאַנד איז געקומען אונטער די הערשאַפט פון טערקיי איז איהר לאַגע ניט געווען זעהר דריקענד. די גריכען האָבען וועניגער געליטען פון דער טערקישער אונטעריאָכונג, ווי זיי האָבען געליטען אין דער צייט, ווען טערקיי און די אייראָפּעאישע זעע־מעכטען האָבען זיך געשלאָגען פיר די בעהערשונג פון גריכענלאַנד. אָבער באַלד נאָך דעם טויט פון סאָלימאַן דעם 1טען איז דאָס פערוואַלטונגס־סיסטעם פון טערקיי אין גריכענלאַנד געוואָרען אונערטרעגליך. די שטעלעס פיר בעאַמטע האָט מען אָנגעהויבען צו פערקויפען, און זיי האָבען זיך געביטען זעהר אָפט. די איינגעהמונג פון שטייערן איז געווען אָפּהענגיג פון דעם ווילען פון דעם שטייער־קאָלעקטאָר, וועלכער האָט גענומען פון יעדען ווי פיעל ער האָט געוואָלט. דאָס סיסטעם פון אויסזויגען איז געווען זעהר דעספּאָטיש. דער גרעסטער טייל פון גרונד־אייגענטום איז געווען אין די הענט פון די טער-קען, אַזוי דאָס די גריכען האָבען זיך געמוזט אין גאַנצען איבערגעבען צום האַנדעל. נאָר די אינזלען און די בערגיגע געגענדען האָבען אָנגעהאַלטען אַ געוויסען גראַד פון אונאָפּהענגיגקייט. און דיזער אומשטאַנד האָט גע-האַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם בעפרייאונגס־קאַמף, וואָס גריכענלאַנד האָט שפּעטער אָנגעפיהרט מיט טערקיי.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען וואָלטען די גריכען אין גאַנצען אויס-געזויגען געוואָרען פון די טערקען, ווען זיי וואָלטען ניט געווען צוזאַמענגע-בונדען דורך זייער געמיינדע־אָרגאַניזאַציאָן און די גריכישע קירכע. די לאָקאַלע בעאַמטע, וועלכע זיינען געווען ערוועהלט פון די גריכען זעלבסט, האָבען געהאַט אַ געוויסען גראַד זעלבשטענדיגקייט, און האָבען פערהיט, אַז די גריכען זאָלען זיך פערמישען מיט די טערקען. אויך די גריכישע קירכע, דער פּאַטריאַרך אין קאָנסטאַנטינאָפּעל און דער הייליגער סינאָד

צו בערוהיגען א ביסעל דאָס פאָלק האָט די הערצאָגין פון פאַרמאַ געמאַכט איניגע צייטמעסיגע רעפאָרמעס נאָך דעם, ווי זי האָט זיך צוריקגעקעהרט אין פאַרמאַ. אויך קאַרל אַלבערט פון סאַרדיניען האָט אָנפאַנגס איינגע-פיהרט איניגע ליבעראַלע ענדערונגען אין זיין רעגירונגס־סיסטעם. אָבער דיזע הערשער האָבען באַלד געמוזט נאָכגעבען דעם דרוק פון עסטרייכישען ערסטען מיניסטער מעטטערניך און פעראייניגען זיך מיט די איב-ריגע רעגירונגען, וועלכע האָבען בעשלאָסען דורכצופיהרען זייער רעאַקציאָ-נערע מאַסרעגלען. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען א רייהע פון אויפ-שטאַנדען, אָבער זיי אַלע האָבען זיך געענדיגט מיט גאָרניט. זיי זיינען באַלד דערשטיקט געוואָרען. עס האָט זיך געבילדעט א גרויסער געהיימער בונד, וועלכער איז בעשטאַנען צום מעהרסטען פון יונגע לייט, וואָס זיינען געווען מיטגלידער פון די פריהערדיגע געהיימע פאַרטייען, און דיזער נייער געהיימער בונד האָט זיך פערשפּרייט איבער גאַנץ איטאַליען. דיזער בונד איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „די יונגע איטאַליען". דיזער בונד האָט שטילערהייט אונטערגעגראָבען דעם שוואַכען פונדאַמענט פון די איטאַליע-נישע שטאַאַטען. דער וויכטיגסטער פיהרער פון דיזען בונד איז געווען דזשוסעפּפּע מאַצציני. ער איז געווען פייערדיג בעגייסטערט פיר די בעפרייאונג און פעראייניגונג פון גאַנץ איטאַליען, און האָט מיט וואונדערבאַרער געשיקטליכקייט פאָרבערייטעט אַן אויפשטאַנד.

מאַצציני האָט זיך געשטיצט אויף די „יונגע איטאַליען" און האָט גע-מאַכט א פּלאַן, אז דאָס גאַנצע לאַנד זאָל מאַכען אַן אויפשטאַנד, וועלכער זאָל ווערען געשטיצט דורך אונטערנעהמונגען פון אויסען. ער האָט בע-שלאָסען צו אונטערנעהמען א פעלדצוג געגען סאַרדיניען. צוויי רייהען קרי-גער זאָלען ארויס פון זשענעוואַ און בעפאַלען די פעסטונג סט. יוליאַנאָ אין סאַוואָיען, און דאָס זאָל זיין דער סיגנאַל פון אויפשטאַנד אין דער גאַנצער פּראָווינץ. אָבער דער פּלאַן איז ניט געלונגען. עס איז נאָר ארויס פון זשע-נעוואַ איין רייהע. די אַנדערע איז צופאַלען צוליב רייסערייען צווישען זיך. דיזער טרויעריגער סוף האָט צוגענומען ביי אַלעמען דעם מוט. די רעוואָ-לוציאָנערען האָבען אַליין פערלאָרען יעדען צוטרויען צו זייער קראַפט; זיי האָבען זיך געמוזט לאָזען בענוגענען דערמיט, וואָס זיי האָבען ניט געלאָזען אין גאַנצען אײנשלעפערן דעם ערוואַכטען נאַציאָנאַל־גייסט. זיי האָבען ער-וואַרטעט א רעטונג נאָר פון אויסען. זיי האָבען געהאָפט אויף פראַנקרייך.

שפּיץ איז געשטאַנען אַלס גרויס־מייסטער דער פירסט אלכסנדר איפּ־סילאַנטי, אַ גענעראַל אין דער רוסישער אַרמעע.

איבערהויפּט האָט ערמונטערט די גריכען צו פיהרען אַ פרייהייטס־קאַמף די שוואַכקייט פון דער טערקישער הערשאַפט. דער סולטאַן איז גע־וואָרען מעהר און מעהר אָפּהענגיג פון די יאַניטשאַרען, וועלכע האָבען זיך אויסגעבילדעט צו אַ פאָלשטענדיגער קריגער־קאַסטע, און פאַן דער גייסט־ליכקייט ער איז געוואָרען אַזוי שוואַך, דאָס ער איז ניט געווען אין שטאַנד צו האַלטען אונטער זיין מאַכט די געביטען און פּראָווינצען, וועלכע זיינען געווען ווייט פון דער הויפּטשטאָדט, פון קאָנסטאַנטינאָפּעל. מאַחמעד אַלי פון עגיפּטען האָט זיך געמאַכט כמעט אונאָפּהענגיג, און די סערבען אונטער דעם העלדישען מילאָש האָבען זיך אין גאַנצען בעפרייט פון די טערקען. אויך דער אונגליקליכער קריג פון טערקיי מיט רוסלאַנד אין די יאָהרען פון 1806 ביז 1812 האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט טערקיי.

דיזע אָנהמאַכט פון דער טערקישער רעגירונג און די האָפנונג, דאָס אין פאַל פון נויט וועט רוסלאַנד ניט שטעהן פון ווייטען און וועט זיי קומען צו הילף, האָט געגעבען די גריכען מוט צו מאַכען אַן אָפענעם בעוואָפנעטען אויפשטאַנד (1821). אַ שטויס צו דיזען אויפשטאַנד האָט געגעבען אַלי פּאַשאַ, וועלכער האָט אָפּגעריסען עגיפּטען פון סולטאַן און איז געוואָרען זעלבשטענדיג. די „העטאַריע" האָט זיך בענוצט מיט דעם גינסטיגען מאָ־מענט, און דער אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכען. עס איז בעשלאָסען גע־וואָרען, דאָס דער אויפשטאַנד זאָל געמאַכט ווערען אין פערשיידענע פּונק־טען אין איינער און דער זעלבער צייט: די העטאַריסטען ביי דער רוסישער גרענעץ, די פאַנאַריאָטען, ד. ה. די בעוואוינער פון גריכישען קוואַר־טאַל אין קאָנסטאַנטינאָפּעל, און די פּרימאַטען (העכסטע עפּיסקאָפּען) אין גריכענלאַנד זעלבסט.

דעם 7טען מערץ 1821 איז איפּסילאַנטי געקומען אין יאַססי און האָט אויפגעפאָדערט אַלע גריכען און אַלע פריינד פון די גריכען צו נעהמען זיך צו די וואָפען. זיין אריינפאַל אין מאָלדאַוויע האָט געזאָלט זיין אַ סיגנאַל פיר אַלע גריכען צום אויפשטאַנד. אין אַ קורצער צייט האָבען זיך אָנגע־קליבען אַרום איפּסילאַנטי לערך 6,000 מאַן. די בעסטע פון זיי זיינען גע־ווען די יעניגע, וואָס האָבען זיך גערופען „די הייליגע ראָטע". דעם 19טען יוני 1821 האָט דיזע קליינע אַרמעע אָנגעגריפען די טערקען ביי דראַגעטשאַן. די וואַלאַכען זיינען געווען פאַלש צו די גריכען און דעריבע האָט איפּסילאַנטי ניט געהאַט קיין ערפאָלג אין דיזען אָנגריף. די „הייליגי

האָבען פיעל פערטיידיגט די אינטערעסען פון גריכישען פאָלק און זיינע רעכטען פאַר דער טערקישער רעגירונג, און האָבען געהאַט א גרויסען איינ-פלוס אויף די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון לאַנד. א גרויסע בעדייטונג פיר די גריכען האָט אויך געהאַט זייער ברייטער האַנדעל. זיי האָבען צוליב דעם האַנדעל געמוזט שאַפען אַן אייגענע פלאָטע און האָבען אריינ-געטרעטען אין פערבינדונג מיט די פעלקער פון מערב.

דיזע אורזאַכען האָבען געטריבען די גריכען שוין אין 18טען יאָהר-הונדערט צו זוכען זיך בעפרייען פון דעם טערקישען יאָך. איבערהויפּט האָבען די רוסען זיי געשטיצט צו דערגרייכען זייער ציל. אָבער זיי זיינען אימער געוואָרען געטוישט אין זייערע האָפנונגען.

צו ענדע פון 18טען און אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט האָט דער גריכישער האַנדעל זיך זעהר שטאַרק פערברייטערט. זייער האַנדעלס-פלאָטע איז בעשטאַנען פון 600 שיפען. דיזער גוטער מאַטעריעלער צו-שטאַנד האָט פיעל געהאָלפען צו דער ענטוויקלונג פון דעם גייסטיגען צו-שטאַנד; די גריכען האָבען אָנגעהויבען צו גרינדען זעהר פיעלע שולען, און האָבען פיעלע פון די שילער, וואָס האָבען געענדיגט דיזע היימישע שולען, געשיקט אין אויסלאַנד, נאָך אָדעסאַ, פעטערבורג, טריעסט, וויען און פאַריז, אום צו בעקומען אין יענע אוניווערזיטעטען העכערע בילדונג. אין אַטהען האָט זיך געגרינדעט די געזעלשאַפט פון די „פילאָמוזען", וועלכע האָט געשטיצט יונגע מענשען, וואָס זיינען געפאָהרען שטודירען אין איטאַליען, פראַנקרייך און דייטשלאַנד. די יונגע מענשען, וואָס האָבען געשטודירט אין אויסלאַנד, זיינען דאָרט בעקאַנט געוואָרען מיט די נייע אידעען פון פרייהייט און אונאָפּהענגיגקייט, און האָבען דיזע מיטגעבראַכט צוריק אין זייער פאָטערלאַנד, אין גריכענלאַנד, און האָבען זיי דאָרט פערברייטעט. די אידעען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן האָבען דערגרייכט אויך גריכענלאַנד. די פּאָעטען האָבען דערמאָהנט דעם פאָלק די העלדען-טאַטען פון די אַלטע גריכען. דער פּאָעט קאָנסטאַנטין רהיגאַ האָט מיט גרויס בעגייסטערונג גערופען זיינע צייט-גענאָסען צו צייגען זיך אַלס ווירדיגע עניקלאָך פון די אַלטע גריכישע העלדען. אין אָדעסאַ האָט זיך געגרינדעט א פערברידערונג, וועלכע האָט געהאַט דעם זעלבען צוועק, וואָס די איטאַליענישע קאַרבאָנאַריא, נעמליך: די בעפרייאונג און די פעראייני-גונג פון דעם פאָטערלאַנד. דיזער געהיימער פעראיין, וועלכער האָט זיך גע-רופען „העטאֶריע", האָט זיך זעהר ראַש פערברייטעט איבעראַל. אָן דער

האָט איינגעריכטעט אַ נאַציאָנאַל־רעגירונג אונטער דעם פּאָרזיץ פון דעם איראָפּעאיש־געבילדעטען מ אַ ו ר אָ ק אָ ר ד אַ ט אָ און האָבען פערפאַסט אַ דעמאָקראַטיש־רעפּובליקאַנישע קאָנסטיטוציאָן.

דאָס האָט ערוועקט גרויס סימפּאַטיע צו די גריכען ביי פיעלע פון די וועסטליכע פעלקער. עס האָבען זיך געגרינדעט פעראיינען, וועלכע האָבען געהאָלפען די גריכען מיט מיליטער־קראַפט און מיט געלט. די אינטערעסע אין אַלטען העלאַס (גריכענלאַנד) און אַ קריסטליכער מיטגעפיהל האָבען בע-גייסטערט די געבילדעטע וועלט פיר די בעפרייאונג פון גריכענלאַנד. דיזע סימפּאַטיע צו די גריכען איז אויך געווען אַ סאָרט פּראָטעסט געגען דער שענדליכער רעאַקציאָן, וואָס האָט דאַמאָלס געטאָן מעשים תעתועים אין די איראָפּעאישע לענדער. די רעגירונגען האָבען זיך שטענדיג אָנגענומען פיר דעם סולטאַן. זיי האָט ניט געלוינט, אז מען זאָל ערלויבען אַ פאָלק צו בעפרייען זיך פון זיין הערשער; דערין האָבען זיי געזעהען אַ סכנה פיר זייערע אייגענע אינטערעסען. די ליבעראַלען האָבען אָפען געשימפּט דעם סולטאַן און טערקיי, אָבער דערביי האָט מען אויך געמיינט די רעגירונ-גען, וואָס שטיצען טערקיי און דעם סולטאַן. מען האָט געמאַכט פון די גריכען אַ גרויסען ווּעזען, מען האָט זיי איינפאַך אידעאַליזירט. אָבער מען איז ניט געבליבען נאָר ביי שענע ווערטער, מען האָט פיעל געטאָן פיר זיי. דער יונגער באַיערישער קעניג ל ו ד ו ו י ג איז געווען דער ערסטער אַרויס-צוגעהן זיי העלפען. דער ווירטטעמבערגער גענעראַל נ אָ ר מ אַ ן איז אַוועק אין גריכענלאַנד מיט אַ גאַנצער מחנה פרעמדע גריכען־פריינד. מיט איהם זיינען געגאַנגען זעהר פיעלע ענגלישע פלאָטע־אָפיצערען. דער בע-ריהמטער ענגלישער דיכטער ל אָ ר ד ב אַ י ר אָ ן האָט געאָפּפערט זיין גאַנצעס פערמעגען פיר די בעפרייאונג פון די גריכען, אויסער וואָס ער האָט מיט זיין פּאָעזיע בעגייסטערט פיעלע פון זיינע פערעהרער. ער האָט פער-לאָרען זיין לעבען צוליב דעם הייסען אָנטייל, וואָס ער האָט גענומען אין די גריכען. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1824 פון אָנשטרענגונג און דעם קלימאַט אין גריכענלאַנד. דער רייכער באַנקיר ע י נ אַ ר ד פון זשענעוואַ האָט געאָפּפערט איינינע מאָל גרויסע סומעס געלט צו בעזאָרגען די גריכען מיט וואַפען.

די יונגע גריכישע פרייהייט האָט געהאַט אויסצושטעהן אַ גרויסע פּראָ-בע. ווייל די טערקען האָבען בעזיגט אַלי פּאַשאַ האָבען זיי יעצט געהאַט זייער אַרמעע גאַנץ פריי, און דעריבער האָבען זיי געהאַט די מעגליכקייט אָנצואווענדען געגען די גריכען אַ גרויסע מאַכט. אָנפאַנגס זיינען די גרי-

ראַטע" האָט געקעמפפט העלדיש, אָבער זי איז געפאַלען. איפּסילאַנטי איז ענטלאָפּען נאָך זיעבענבירגען. דאָרט איז ער מיט דער הילף פון מעטטער-ניך געפאַנגען געוואָרען און מען האָט איהם אוועקגעשיקט נאָך דער פעס-טונג מונקאטש, מען זאָל איהם דאָרט האַלטען פערשלאָסען זיין גאַנ-צען לעבען. דערמיט איז דערשטיקט געוואָרען דער אויפשטאַנד געגען טער-קיי אין די פירסטענטימער פון דעם דונאַי (מאָלדאַווייע און וואַלאַכיע).

אין דער זעלבער צייט האָבען די גריכען, וואָס האָבען בעוואוינט די האַלב-אינזעל מאָרעאַ אין זיד פון גריכענלאַנד, געמאַכט אַן אויפשטאַנד. זייער ביישפּיל האָבען נאָכגעטאָן די גריכישע אינזלען, ווי אויף רומעליען און טהעססאַליען. די מעהרסטע פעסטונגען פון די טערקען זיינען אריבער אין די הענט פון די גריכען. דער סולטאַן מאַחמוד דער 2טער איז געוואָרען אויסער זיך פון כעס און האָט געשוואָרען צו נעהמען ראַכע פון די גריכען. ער האָט גערופען אַלע מוסולמאַנער אונטער וואַפען. די ערסטע זאַך, וואָס די מוסולמאַנער האָבען געטאָן, איז געווען צו מאַכען אַ שרעקליכע שחיטה אויף די גריכען, וואָס האָבען געוואוינט אין קאָנסטאַנ-טינאָפּעל און אין אַנדערע שטעדט. 300 פון די רייכסטע קויפלייט פון די גריכען אין קאָנסטאַנטינאָפּעל זיינען הינגעריכטעט געוואָרען, דעם גריכישען פּאַטריאַרך מיט פיעלע אַנדערע גייסטליכע האָט מען אויפגעהאַנגען אין זייער פּאַסחאַ נאָך דעם, ווי זיי האָבען געענדיגט זייער קירכען-דינסט, און מען האָט צושטערט 200 גריכישע קירכען. אין כיאָס האָבען די טערקען געאַרבייט נאָך מיט מעהר רציחות. דיזע בליהענדע אינזעל איז פשוט פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ וויסטע; 23,000 בעוואוינער זיינען ערמאָר-דעט געוואָרען און 47,000 זיינען פערקויפט געוואָרען צו דער צאָל-פער-וואַלטונג.

די פרעמדע געזאַנדטע האָבען שטאַרק פּראָטעסטירט געגען אַזעלכע רציחות. אָבער דיזע פּאַטריאָטען האָבען גאָרניט געהאָלפען. דערפאַר האָבען זיי אויפגעוועקט דעם פייער פון ראַכע און בעגייסטערונג אין אַנדערע ערטער, און דער אויפשטאַנד איז געוואָרען שטאַרקער און אַלגע-מיינער. גאַנץ גריכענלאַנד האָט זיך בעוואַפענט. אין אָקטאָבער איז דער הויפּט-אָרט טריפּאָליטצאַ שוין געווען אין די הענט פון די רעבעלען. 8,000 טערקען זיינען ערמאָרדעט געוואָרען אָהן ערבאַרמונג. אין פּיאַד-האַ, ניט ווייט פון דעם אַלטען עפּידאורוס, איז דעם 1טען יאַנואַר 1822 צום ערסטען מאָל צוזאַמענגעקומען די גריכישע נאַציאָנאַל-פערזאַמלונג. די-זע פערזאַמלונג האָט פּראָקלאַמירט די אונאָפּהענגיגקייט פון גריכענלאַנד,

דאָס אויף די פּערוויסטעטע ערטער פון גריכענלאַנד וועט זיך באַלד אויפ־שטעלען אַן איינגעאָרדענטע קריסטליכע מדינה.

אָבער די טערקען האָבען בעקומען אַ שטאַרקען בונד־חבר אין דעם מעכ־טיגען מאַחמעד אַלי. דיזער האָט ערוואָרבען פיר זיין לאַנד עגיפּטען אַ זעהר רייכע שטאַאַטס־קאַסע דורך דעם, וואָס ער האָט מאָנאָפּאָליזירט אין האַנ־דעל אַלע וויכטיגע פּראָדוקטען פון זיין לאַנד, און אויסער דעם האָט ער איינ־געאָרדענט זיין קריגס־מאַכט נאָך דעם מוסטער פון די אייראָפּעאישע אַרמעען. ער האָט געשיקט זיין זוהן א י ב ר א ה י ם מיט אַ שטאַרקער אַרמעע נאָך פּעלאָפּאָננעז (אין גריכענלאַנד), און דער סולטאַן האָט איהם דערפאַר פער־שפּראָכען איבערצוגעבען מאָרעאַ און קרעטאַ. מיט דיזער שטאַרקער מילי־טערישער מאַכט זיינען די גריכען ניט געווען פּאַרבערייטעט צו קעמפען. אין יאָהר 1825 איז כמעט די גאַנצע האַלב־אינזעל גריכענלאַנד געווען אין די הענט פון פיינד. די עגיפּטישע סאָלדאַטען האָבען אָנגעמאַכט אין גרי־כענלאַנד גרויסע צרות. אין מעססענע האָבען זיי אויסגעהאַקט אַלע וויינ־שטאָקען און פּרוכט־בוימער, און האָבען געמאָרדעט און געברענט אין גאַנ־צען לאַנד. אויך די פעסטונג טריפּאָליטצאַ איז אַריינגעפאַלען אין די הענט פון פיינד. דאַן איז איבראַהים אַריבער דעם ים־בוזים קאָרינטה אום אַיינצונעהמען די זעהר שטאַרקע פעסטונג מ י ס ס אָ ל אָ נ ג ה י .

די פעסטונג איז געווען שוואַך געשיצט. פון דעסטוועגען האָט זי אויס־געהאַלטען די בעלאַגערונג 11 מאָנאַטען. מעהר פון 100,000 באָמבעס האָט מען אַריינגעוואָרפען אין שטאָדט. דער קאַמף און דער הונגער האָבען פער־ניכטעט כמעט די גאַנצע מאַנשאַפט פון דער פעסטונג. עס איז גע־וואָרען קלאָר, דאָס עס איז שוין מעהר ניטאָ קיין האָפנונג צו רעטען די פעס־טונג. עס זיינען נאָך געבליבען דאַמאָלס אין שטאָדט 2,000 סאָלדאַטען. דיזע האָבען זיך ווי עס איז גערעטעט און האָבען זיך געמאַכט אַ וועג נאָך נאַופּליאַ; דערביי איז אַ דריטעל פון זיי געפאַלען אין שטרייט מיט די טער־קען. איידער דיזע 2,000 גריכישע סאָלדאַטען זיינען אַרויס פון שטאָדט האָבען זיי אַליין ערמאָרדעט 1,300 פון זייערע פרויען אום זיי זאָלען ניט אַריינפאַלען אין די הענט פון פיינד און געשענדעט ווערען. 800 פרויען האָבען זיך אַליין אַריינגעוואָרפען אין טייך מיט זייערע קינדער. די איב־ריגע, וואָס זיינען נאָך געבליבען פון די גריכען, זיינען פערניכטעט געוואָרען אין איין אויגענבליק דורך די מינען, וואָס די טערקען האָבען געמאַכט אונ־טער׳ן שטאָדט, ווען זיי זיינען דאָרט אַריין מיט טריאומף (25טען אַפּ־ריל 1826).

כען געוועזן גליקליך. די בעגייסטערונג פון די רעוואָלוציאָנערען איז געוועזן אַזוי גרויס, דאָס די טערקען האָבען געגען זיי ניט געקענט ביישטעהן, הגם זיי האָט געפעהלט אַ ריכטיגער קריג־פיהרער און אַ ריכטיגער קריג־פּלאַן. יעדער הויפּטלינג האָט געפיהרט דעם קריג מיט זיינע בויערן אָדער מיט זיין רויבער־באַנדע ווי ער האָט פערשטאַנען און ווי ער האָט געוואָלט. עס

לאָרד באַיראָן.

האָט גדויערט אַ היבשע צייט ביז די איינצעלנע פיהרער האָבען פערשטאַנען, דאָס מען מוז זיך אונטערוואַרפען דער רעגירונג און פאָלגען די בעשלוסען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. אַזוי איז געוועזן דער זיג ביז דעם יאָהר 1825 אויף דער זייט פון די גריכען. עס איז שוין כמעט געוועזן זיכער,

פיעלע אַנדערע לענדער האָט מען געשאַפען גרויסע סומעס געלט צו העלפען די גריכען. אין מערץ 1827 איז אָנגעקומען אין גריכענלאַנד מיט אַן אייגענעם שיף דער ענגלישער זעע-העלד לאָרד ק אָ ק ר ע ן , וועלכער האָט זיך בעריהמט געמאַכט אין דעם זיד-אַמעריקאַנישען פרייהייטס-קריג. אין דער זעלבער צייט איז אויך אָנגעקומען אַהין דער ענגלישער גענעראַל ט ש ו י ר ט ש , וועלכער האָט געשאַפען אַ גריכישען רעגימענט אויף דער אינזעל זאַנטע.

ווען דער סולטאַן מאַחמעד האָט ערפאַהרען, דאָס ענגלאַנד שטיצט די גריכען, האָט ער פערגרעסערט זיין מיליטערישע מאַכט געגען די גריכען. ער האָט רעפאָרמירט זיינע יאַניטשאַרען נאָך דעם מוסטער פון דער אַרמעע פון מאַחמעד אַלי פון עגיפּטען. דיזע רעפאָרמע האָט אַרויסגערופען אין טערקיי אַ גרויסען שטורם און אַן אויפשטאַנד, און דאָס האָט פיר דעם אויגענבליק אָפּגעשוואַכט דעם סולטאַן'ס מאַכט. ער האָט געזוכט צו געווינען אויף זיין זייט דעם רוסישען קייזער, אָבער דאָס איז איהם ניט געלונגען. ניקאָלאַי האָט זיך שטאַרק געהאַלטען ביים אָפּמאַך מיט ענגלאַנד דורך וועללינגטאָן. באַלד האָט זיך אויך דער פראַנצויזישער קעניג קאַרל דער 10טער ערקלערט פיר גריכענלאַנד. דעם 6טען יולי 1827 איז געשלאָסען געוואָרען אין לאָנדאָן אַן אָפּמאַך צווישען ענגלאַנד, רוסלאַנד און פראַנקרייך צו העלפען די גריכען ענדיגען זייער קריג פיר אונאָפּהענגיגקייט. דיזע 3 מעכטען האָבען באַלד אַרויסגעשיקט שיפען אין די גריכישע וואַסערן. אָבער די אַדמיראַלען האָבען געהאַט אַ בעפעהל צו זיין פאָרזיכטיג און ניט אַרויסטרעטען אָפען פיר די גריכען געגען דעם סולטאַן. זיי האָבען געזעהען, דאָס זיי וועלען נאָר דאַן זיין אין שטאַנד צו טאָן עטוואָס פיר די גריכען, ווען זיי וועלען צווינגען איבראַהים'ען, אַז ער זאָל אויפהערען אַזוי באַרבאַריש צו פערוויסטען גריכענלאַנד. זיי האָבען געפאָדערט אַ וואַפען-שטילשטאַנד, און איבראַהים האָט געמוזט נאָכגעבען.

אָבער די פאָרשלאַגען, וואָס די מעכטען האָבען געמאַכט דעם סולטאַן, זיינען איהם ניט געפעלען געוואָרען און ער האָט זיי ניט געוואָלט אָננעהמען. עגיפּטען האָט געשיקט אַ נייע פלאָטע פון 89 זעגעל-שיפען מיט 5,000 קריגער נאָך נ אַ וו אַ ר י ן , אום צו מאַכען מיט איין מאָל אַן ענדע צום גריכישען אויפשטאַנד. דערמיט האָט איבראַהים געבראָכען זיין פערשפּרעכען צו די אייראָפּעאישע מעכטען — ניט טאָן קיין זאַך ביז די שלוחים, וואָס מען האָט געשיקט נאָך קאָנסטאַנטינאָפּעל און אַלעקסאַנדריען צו פערהאַנדלען וועגען פרידען, וועלען צוריקקומען — און האָט אַרויסגעשיקט די עגיפּ-

מיט דיזען זיג איז וועסט=גריכענלאנד איבערגעגאנגען אין די הענט פון פיינד. אין אויגוסט 1826 איז אויך אטהען געפאלען. איבראהים האט געמאכט א פלאן צו איבערטראנספארטירען די גאנצע בעפעלקערונג פון מארעא נאך עגיפטען און פערקויפען זיי דארט אלס שקלאפען, און בעזעצען אויף זייער ארט איינוואוינער פון עגיפטען, אום די גריכען זאלען מעהר ניט דענקען פון אן אויפשטאנד ווען עס איז אין דער צוקונפט.

דער פאל פון מיססאלאנגהי האט געמאכט אן ענדע צום שווייגען פון די אייראפעאישע מעכטען. די ענגלישע רעגירונג האט זיך אפילו וויעדער אויסגעשפראכען געגען די גריכען, ווייל זי האט מורא געהאט, דאס די בעוועגונג און דער גייסט פון פרייהייט זאל זיך אויך פערשפרייטען אויף די יאנישע אינזלען, וועלכע האבען זיך געפונען זינט 1815 אונטער דער הערשאפט פון ענגלאנד. עס האבען זיך אבער געפונען אין ענגלאנד פיעלע, וועלכע האבען געזעהען אין דער בעפרייאונג פון גריכענלאנד א נייע קוועלע פון א ניצליכען האנדעל, און ענגלישע באנקירען האבען געבארגט גריכענלאנד א גרויסע סומע געלט; יעצט, ווען גריכענלאנד זאל אונטערגעהן, וואלט עס זיין א פערלוכט פון ביעלע מיליאנען. דיזע אונטערנעהמער האבען געהאט אין פארלאמענט א גרויסע צאהל מיטגלידער, וועלכע האבען זיי געשטיצט, און דורך דעם פארלאמענט האבען זיי געפאדערט פון דער ענגלישער רעגירונג צו העלפען די גריכען אין זייער קאמף פיר פרייהייט און אונאפהענגיגקייט. ענדליך האט דער ענגלישער קאבינעט נאכגעגעבען. ער האט פריהער געזוכט צוזוציהען רוסלאנד צום עסק. לארד וועללינגטאן איז געקומען אין פעטערבורג צו גראטולירען דעם יונגען און עהרגייציגען קייזער ניקאלאי דעם 1טען, וועלכער איז אין יאהר 1825 ארויף אויף'ן רוסישען טראן, און ער, וועללינגטאן, האט געזוכט אין דער זעלבער צייט בעאיינפלוסען ניקאלאי'ען אנטייל צו נעהמען אין דער בעפרייאונג פון גריכענלאנד. דער צוועק פון וועללינגטאן'ס רייזע נאך פעטערבורג איז ערפילט געווארען. דעם 4טען אפריל 1826 האבען דיזע ביידע מעכטען, ענגלאנד און רוסלאנד, געשלאסען אן אפמאך צו העלפען גריכענלאנד ווערען זעלבשטענדיג אין דער פערוואלטונג פון זייערע אינערע אנגעלעגענהייטען.

דיזער בעשלוס פון דיזע צוויי מעכטען האט שטארק ערמונטערט די אויפשטענדישע גריכען. עס האבען אנגעהויבען צו שטראמען נייע קעמפער פון אלע זייטען. פון נארד=אמעריקא איז אנגעקומען א גרויסעס קריגס=שיף, פון ענגלאנד איז געקומען א גרויסעס בעוואפענטעס דאמף=שיף, און אין

דורך זיי, צו צאָהלען 37 מיליאָנען פראַנק קריגס־קאָסטען און צו אָנערקענען די פרייהייט פון די גריכען און די סערבען.

נאָך דעם, ווי דער פרידען איז געשלאָסען געוואָרען, האָבען די בעפאָל־מעכטיגטע פון די מעכטען זיך פערזאַמעלט אין לאָנדאָן אום איינצואָרדנען די גריכישע אַנגעלעגענהייטען, ווייל עס איז נאָך געווען אַ שווערע שטיק אַרבייט דערין צו טאָן. די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג אין ד א מ א ל א האָט אין יאָהר 1827 ערוועהלט אַלס איהר פּרעזידענט דעם געוועזענעם רוסישען מיניסטער ק א פּ א ד ' א י ס ט ר י א ס אויף 7 יאָהר. דיזער האָט זיך אָבער דורך זיינע רעפאָרמע־פּלענער פערשאַפט אַ שטאַרקע אָפּאָזיציאָן, וועלכע האָט איהם געשטערט צו קריגען די נעטיגע פינאַנציעלע קרעפטען. די אונצופרידענהייט מיט איהם איז געוואָרען נאָך גרעסער צוליב זיין עקשנות און איבערהויפּט צוליב זיין אָפּהענגיגקייט פון רוסישען איינפלוס. נאָך אַ שווערערע פראַגע איז פאָרגעלעגען פיר די מעכטען צו לעזען, דאָס איז די לאַגע פון די גריכישע פינאַנסען. די איינקונפטען אין גריכענלאַנד האָבען קוים בעטראָפען 16 מיליאָנען פּיאַסטער, דערפון האָט מיליטער אַליין צוגע־נומען 15 מיליאָנען. וועגען פערגרעסערן די איינקונפטען דורך נייע שטייער האָט קיין רעד ניט געקענט זיין. דאָס לאַנד איז געווען זעהר פעראָרימט, אַ גרויסער טייל פון דער בעפעלקערונג איז פערשוואונדען געוואָרען פון לאַנד, די וויין־פלאַנצונגען און די אויל־בוימער זיינען פערוויסטעט געוואָרען, די געטריידע־פעלדער זיינען גאָרניט בעאַרבייט געוואָרען. דיזע אומשטענ־דען האָבען געמאַכט אונמעגליך צו פערגרעסערן די איינקונפטען אין גרי־כענלאַנד.

די בעפאָלמעכטיגטע פון ענגלאַנד, רוסלאַנד און פראַנקרייך האָבען בעשלאָסען, דאָס אום טערקיי זאָל ניט צו פיעל אָפּגעשוואַכט ווערען, זאָל גריכענלאַנד פערבלייבען אונטער דער אויבער־הערשאַפט פון סולטאַן און זאָל איהם געבען יעדען יאָהר 1½ מיליאָנען טערקישע פּיאַסטער. אַ קריסט־ליכער פירסט זאָל זיין דער וואַסאַל פון סולטאַן. קאַפּאָ ד'איסטריאַס האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען די פאָדערונג פון די אייראָפּעאישע בעפאָלמעכטיגטע און האָט ניט געוואָלט אַרונטערנעהמען די בלאָקאַדע און צוריקרופען די גרי־כישע טרופּען פון ליוואַדיאַ, עפּירוס און אַטטיקאַ. ווייל די רוסען האָבען נאָך אַלץ געזוכט צו דריקען טערקיי, האָט דאָס געגעבען מוט די גריכען, און דאָס האָט מיט איין מאָל געענדערט די גאַנצע לאַגע. די פערבינדעטע האָבען געמוזט ענדערן זייער פּלאַן און האָבען אָנערקענט די פאָלשטענדיגע אונאָפּהענגיגקייט פון די גריכען, אָבער דער נייער שטאַאַט זאָל בעשרענקט

טער אין שלאַכט (20טען אָקטאָבער 1827). דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס די מיליטערישע מאַכט פון די פערבינדעטע קעניגרייכען, וואָס האָט זיך דאמאָלס געפונען אויף די גריכישע אינזלען, זיינען ענדליך ארויס אין שטרייט. זיי האָבען פערטריבען די עגיפּטישע פלאָטע און זיינען אריין מיט 27 קריג־שיפען אין די בוכט פון נאווארין. עס האָט מעהר ניט גענומען ווי 4 שטונדען און זיי האָבען פערניכטעט די אָסמאַנישע פלאָטע. אין דעם יאָהר נאָכדעם האָט פראַנקרייך געשיקט 14,000 מאַן אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל מעיזאָן, וועלכער האָט אין אַ קורצער צייט פערטריבען די טערקען פון מאָרעאַ. דאָס האָט געמאַכט אַן ענדע צו דעם לאַנגען קריג.

אָבער דער סולטאַן האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט שליסען פרידען און אָנערקענען די אונאָפּהענגיגקייט פון די גריכען. דאַן האָט רוסלאַנד ער־קלערט קריג געגען די טערקען (1828) און האָט געשיקט 100,000 מאַן אונ־טער גענעראַל וויטטגענשטיין צו שטרייטען מיט טערקיי. דער קריג איז אָבער געווען אונגליקליך פיר די רוסען. זיי האָבען צוברעקעלט זיי־ערע קרעפטען צו בעלאַגערן פערשיידענע פעסטונגען; אין מאָלדאוויע אליין האָבען זיי געהאַלטען 20,000 מאַן. אין יאָהר 1829 איז עס געלונגען דעם גענעראַל דיעביטש ביי קולעוויטשאַ צו שלאָגען די טערקען און צו בעזעצען אדריאַנאָפּעל. אָבער די גרויסע מיהזעליגקייטען און די שווערע אָנשטרענגונג פון דער אַרמעע האָט פערניכטעט אַ גרויסען טייל פון איהר, און דיעביטש איז געבליבען נאָר מיט 15,000 סאָלדאַטען, מיט וועלכע ער האָט פיר קיין פאַל ניט געוואַגט צו געהן אויף קאָנסטאַנטינאָפּעל. זיין לאַגע אין מיטען די פיינד איז געוואָרען אַ זעהר ערנסטע. דערצו האָבען די ענגלענדער ניט געוואָלט, דאָס רוסלאַנד זאָל איינגעהמען קאָנסטאַנטי־נאָפּעל, און האָבען געשיקט אַ פלאָטע אין די דאַרדאַנעללען, אין פאַל ווען עס וועט זיין נעטיג, זאָלען זיי אָפּטרייבען די רוסען פון קאָנסטאַנטינאָפּעל און ניט דערלאָזען צו אַ פאָלקאָמענעם זיג. ענגלאַנד האָט נאָר געוואָלט בע־פרייען די גריכען, אָבער ניט איבערגעבען טערקיי אין די הענט פון די רוסען.

דאמאָלס האָט די אייראָפּעאישע דיפּלאָמאַטיע גענומען מאַכען אַן ענדע צו דיזען צושטאַנד. דער פּרייסישער מיליטער־בעפאָלמעכטיגטער מיפ־פלינג האָט גענומען אויף זיך צו זיין אַ פערמיטלער צווישען די פיינד און שטעלען פרידען. עס איז איהם ווירקליך געלונגען צו שאַפען פרידען. לויט דיזען פרידען, וועלכער איז געשלאָסען געוואָרען אין אדריאַנאָפּעל, האָט טערקיי געגעבען צו די פירסטענטימער פון דונאַי אַ פרייע פערפאַסונג, זי האָט געמאַכט פריי די דאַרדאַנעללען פיר אַנדערע מעכטען דורכצוגעהן

דער לאַנגער דרוק, וואָס די גריכען האָבען געליטען פון טערקיי, און די אונרוהען און די רייסערייען פון די פּאַרטייען צווישען זיך האָבען פיעל געשטערט די גריכען צו געהן פאָרווערטס אין זייער מאַטעריעלער און גייס-טיגער ענטוויקלונג. אַקערבוי און פיהצוכט געפינען זיך דאָרט נאָך עד היום אויף אַ זעהר נידריגער שטופע. נאָר ציגען און שאָף ווערען געהאָדע-וועט אין גרויסע צאָהלען. אויך דער וויין־עקספּאָרט, אָליוועו און זייד ווע-רען דאָרט היבש געטריבען. אין אַלגעמיין איז גריכענלאַנד די פערמיט-לערין אין האַנדעל צווישען אַזיען און אייראָפּאַ. די האַנדעלס־פלאָטע פון גריכענלאַנד פערנעהמט אַ היבשען פלאַץ אין דעם האַנדעלס־פערקעהר פון אייראָפּאַ. גריכישע זעע־סוחרים זיינען צו בעגעגנען איבעראַל אין מיט-לענדישען מעער, און אין אַלע האַנדעל־שטעדט פון טערקיי, איטאַליען, עסט-רייך און עגיפּטען געהערען די גריכען צו די אָנגעזעהענסטע סוחרים.

ווערען אין ענגערע גרענצען. די קרוין האָט מען איבערגעגעבען צו דעם פרינץ לעאָפּאָלד פון זאַקסען־קאָבורג. דיזער פרינץ האָט אָבער ניט געוואָלט אָננעהמען דעם טראָן און קאַפּאָ ד'איסטריאַס האָט ווייטער געפיהרט די רעגירונג.

די אינערע פערהעלטניסען פון גריכענלאַנד זיינען אימער געוואָרען שוויריגער. דער יעהרליכער דעפיציט האָט בעטראָפען 5 מיליאָנען, און עס איז ניט געווען קיין אויסזיכט מיט וואָס צו דעקען. וואָס פיר אַ שטייער מען האָט געוואָלט מאַכען האָט דאָס פאָלק פּראָטעסטירט און האָט ניט גע-וואָלט אָננעהמען. די מאַסרעגלען צו שאַפען שטייערן האָבען נאָר אַרויס-גערופען די אונצופרידענהייט פון פאָלק און די האַרטע ביוראָקראַטישע רע-גירונג האָט בעלייידיגט דעם פרייהייטס־געפיהל. עס זיינען דערפון אַרויס-געקומען פערשווערונגען, און ענדליך האָט אויסגעבראָכען אַ בירגער־קריג. דער גריכישער זעע־העלד מיאוליס האָט זעלבסט פערניכטעט די פלאָטע, מיט וועלכער ער האָט געהאַט אַזוי פיעלע זיגען, אום זי זאָל ניט אריינפאַלען אין די הענט פון דעם רוסישען אדמיראל ריקאָרד, וועל-כער איז געווען איין האַנט מיט קאַפּאָ ד'איסטריאַס. באַלד נאָכדעם איז דער פּרעזידענט קאַפּאָ ד'איסטריאַס ערמאָרדעט געוואָרען אויף דער שוועל פון דער הויפּט־קירכע פון נאופּליא. אום צו מאַכען אַן ענדע צו אַלע ריי-סערייען האָבען די פערבינדעטע איבערגעגעבען די קרוין פון גריכענלאַנד צום פּרינץ אָטטאָ פון באַיערן (7טען מערץ 1832) און האָבען פערגרעסערט דאָס לאַנד ביז צום ים־בוזים פון אַרטאַ. אויסער דעם האָבען די גרויס־מעכטען גאַראַנטירט דעם נייעם שטאַאַט אַן אַנלייהע פון 60 מיליאָנען.

מיט גרויסער שטרענגקייט האָט אַ רעגענטשאַפט אונטערדריקט די אונרוהען, וועלכע האָבען ניט אויפגעהערט די גאַנצע צייט צו שטערען די אָרדנונג. דעם 30טען יאַנואַר 1833 איז דער קעניג אָטטאָ מיט זיינע טרו-פּען אַריין אין נאופּליא, וואו זיין איינצוג איז דעם 7טען פעברואַר געפיי-ערט געוואָרען פון פאָלק מיט גרויס יובעל, און דעם 1טען יולי 1835 איז אָטטאָ דער 1טער ערקלערט געוואָרען פיר פול־יעהריג און די רעגענטשאַפט איז אָפּגעשאַפט געוואָרען. דער יונגער קעניג האָט געפּרובט איינינגע מיטלען צו בערוהיגען דאָס לאַנד, אָבער עס איז איהם ניט געלונגען צו ברייגנען דעם פאָלק די געווינשטע רוה, ווייל די רייסערייען צווישען די פּאַרטייען האָבען צושטערט אַלע גוטע פּלענער. דיזער צושטאַנד האָט זיך וועניג גע-ענדערט ביז היינטיגער צייט.

מיר האָבען שוין פריהער דערצעהלט, דאָס די מעקסיקאַנער זיינען געווען אַ הויך ענטוויקעלטעס קולטור־פאָלק בעת די שפּאַניער האָבען זיי בעזיגט. ווייט און ברייט זיינען געווען בעריהמט זייערע טעפּיכען פון לע-דער, זייערע שטאָפען פון באַוועל און האָזען־האָאָר, וועלכע זיינען געווען געפאַרבט מיט קאשעניל אויף רויט, זייערע פורפור־פאַרבען, זייער שענע גאָלד־געלע פאַרב און אינדיגאָ־בלוי. אין באַזאַר פון מעקסיקאָ האָבען זיך געפונען צום פערקויף טיכער פון דעם געשפּינסט פון אַ גיפטיגען ווערימעל, קליידער פון גאָלד־שטיקעריי און פערל, מאַנטלען מיט פעדער־מאָזאאיק. זעהר בעריהמט זיינען געווען זייערע זונען־שירמס, זייערע פאָכערס, זייערע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען, זייערע געשליפענע און געשניטענע עדעל-שטיינער.

דיזעס רייכע קולטור־לעבען האָט זיך געענדיגט מיט דער שפּאַנישער הערשאַפט איבער מעקסיקאָ. שפּאַניען האָט זיך גענומען צום בערויבען דאָס לאַנד און די איינוואוינער ניט קוקענדיג אויף קיין זאַך. אין פּאָליטישער הינ-זיכט איז מעקסיקאָ געוואָרען אַ וויצע־קעניגרייך פון נ י י ־ ש פּ אַ נ י ע ן. די אַלטע איינוואוינער זיינען פערשקלאַפט געוואָרען און האָבען ניט געהאַט קיין רעכטען. די עמטער אין לאַנד, סאַי בירגערליכע און סאַי קירכליכע, זיינען איבערגעגעבען געוואָרען אויסשליסליך צו שפּאַניער; אויך דער האַנ-דעל פון לאַנד איז איבערגעגעבען געוואָרען אין גאַנצען צו די שפּאַניער. אַ געבאָרענער מעקסיקאַנער האָט ניט געהאַט דאָס רעכט צו פלאַנצען אַ וויינגאָרטען, אויל־בוימער, פלאַקס, זאַפראַן און קיין אַנדער זאַך אויסער דעם, וואָס שפּאַניען זעלבסט האָט נעטיג פיר דעם געברויך פון איהרע איינ-וואוינער.

פולע דריי הונדערט יאָהר האָט זיך מעקסיקאָ געפונען אונטער דעם שווערען דרוק פון די שפּאַניער. אָבער ווען אַמעריקאַ איז געוואָרען אונ-אָפּהענגיג און ווען נאַפּאָלעאָן האָט פעריאָגט די בורבאָנען פון שפּאַניען האָבען זיך אָנגעהויבען אין מעקסיקאָ אונרוהען. דער וויצע־קעניג פון מעק-סיקאָ צו יענער צייט איז געווען אַ מענש אָהן אַ פונק עהרליכקייט און האָט געשטרעבט צו ווערען דאָרט אַן אונבעשרענקטער הערשער. אָבער ווייל ער האָט געוואָלט שטעלען די שפּאַניער, וואָס האָבען געוואוינט אין מעקסיקאָ, אויף איין שטופע מיט די קרעאָלען, די געבאָרענע מעקסיקאַנער, האָבען זיי געמאַכט אַן אויפשטאַנד. אין סעפּטעמבער איז ער גענומען גע-וואָרען געפאַנגען און מען האָט איהם אַוועקגעשיקט נאָך שפּאַניען. אונטער זיין נאָכפאָלגער ד ע ו ו ע נ ע ג אַ ס איז געוואָרען אַן אויפשטאַנד, אין

די שפּאַנישע קאָלאָניעס אין צענטראַל־ און זיד־אַמעריקאַ.

צענטראַל־ און זיד־אַמעריקאַ איז כמעט אין גאַנצען איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די שפּאַניער. דיזער רייכטום פון קאָלאָניעס האָט צו זיך אין דער וועלט נאָר איין גלייכען, און דאָס איז ענגלאַנד'ס. דיזער רייכטום האָט בעגאָסען שפּאַניען מיט אַ גאָלדענעם רעגען. שוין מיט מעקסיקאָ אַליין האָט שפּאַניען ערוואָרבען פיר זיך אַ לאַנד, וועלכע געהערט צו די פרוכטבאַרסטע און די רייכסטע אין מעטאַלען. וועניגע לענדער אין דער וועלט צייכנען זיך אויס מיט אַזאַ רייכטום אין פלאַנצען ווי מעקסיקאָ. מעקסיקאָ איז איבערהויפּט רייך מיט די טייערסטע פלאַנצונגען: וואַנילע, קאַקאָ, אינדיגאָ, סאַסאַפּאַרילע, צוקער, קאַפע, באַוועל, רייז, טאַבאַק, פעפער, גומי־בוימער, עבען־האָלץ און מאַהאַגאָני־בוימער. פון דעם גאַנצען זילבער, וואָס עס געפינט זיך אין דער וועלט, האָט מעקסיקאָ אַליין אַרויסגעגעבן די העלפט. הומבאָלדט האָט געשריבען וועגען מעקסיקאָ פאָלגענדעס:

„ווען מען זאָל מאַכען אַן איבערבליק איבער דעם גרויסען שטח, וואָס די קאָרדיללערען (בערג) פערנעהמען און איבער די גרויסע צאָהל מעטאַל־קוועלען, וועלכע מען האָט נאָך גאָרניט בעריהרט, קען מען פאָרויסזאָגען, דאָס ביי אַ גוטער אַדמיניסטראַציאָן און ביי אַ בעפעלקערונג, וואָס איז מעהר פעהיג צו אינדוסטריע, וואָלט שפּאַניען אַליין געקענט ערהאַלטען די 163 מיליאָנען פראַנקס, וואָס אַמעריקאַ פּראָדוצירט יעצט אין גאָלד און זילבער. איירָאָפּאַ וואָלט געוואָרען פערשוואומען פון עדעלע מעטאַלען, ווען מען וואָלט געברויכט די ריכטיגע נייע מיטלען צו בעקומען די מעטאַלען, וואָס געפינען זיך אין די מעטאַל־לאַגערן פון באָלאַנגאָס, באַטאָפּילאָס, סאָמברערעטע, ראָסאַריאָ, פּאַטשוקאַ, מאָראַן, צולטעפּעק, טשיהוואַוואַ און אין פיעלע אַנדערע ערטער, וועלכע האָבען אַן אַלטען פערדינטען נאָמען".

געמאַכט אַן אויפשטאַנד און האָט פּראָקלאַמירט אין ווערא קרוז אַ רעפּובליק. די איבריגע גענעראַלען פון דער אַרמעע האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן סאַנטאַ אַננאַ און האָבען געפאָדערט, דאָס פריהער פון אַלעס זאָל צוריק אויפגעשטעלט ווערען דער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס, וועלכען דער קייזער האָט אויפגעלעזט געגען דעם ווילען פון פאָלק. אַוגוסטין האָט געמוזט נאָכגעבען און זיך ענטזאַגען פון טראָן (19טען מערץ 1823). באַלד נאָכדעם האָט דער קאָנגרעס ערקלערט מעקסיקאָ אַלס אַ רעפּובליק, און דעם 16טען דעצעמבער — אַלס אַ בונד פון שטאַאַטען מיט אַ נייער פערפאַסונג, וועלכע איז אַריין אין קראַפט דעם 4טען אָקטאָבער 1824.

דיזע פערפאַסונג איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען נאָך דעם מוסטער און אויף די זעלבע פּרינציפּען ווי די קאָנסטיטוציאָן פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון נאָרד-אַמעריקאַ, נאָר מיט דער אויסנאַהמע, דאָס די רוימיש-קאַטאָלישע רעליגיאָן איז אָנערקענט געוואָרען אַלס שטאַאַטס-רעליגיאָן. די אויבער-הערשאַפט האָט געהערט צום פאָלק. יעדער שטאַאַט האָט געהאַט זיינע אייגענע געזעצען, אונאָפּהענגיג פון די אַנדערע. די געזעצגעבענדע מאַכט איז געווען אין די הענט פון אַ קאָנגרעס. אָן דער שפּיץ פון קאָנגרעס איז געשטאַנען אַ פּרעזידענט, וועלכער האָט געהאַט די עקזעקוטיוו-מאַכט. אַלס געהילף צו איהם איז געשטאַנען אַ וויצע-פּרעזידענט. ביידע זיינען ערוועהלט געוואָרען אויף 4 יאָהר. די העכסטע יוריסטישע מאַכט איז איבערגעגעבען געוואָרען צו 11 אויבער-ריכטער, וועלכע זיינען ערוועהלט געוואָרען אויף זייער גאַנצעס לעבען דורך די געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען פון די איינצעלנע שטאַאַטען.

אַלס ערסטער פּרעזידענט פון דער נייער רעפּובליק איז ערוועהלט געוואָרען דעם 31טען יאַנואַר 1824 דער גענעראַל **גואַדעלופּע וויטטאָריאַ**. ער איז אָנערקענט געוואָרען אין זיין אַמט פון אַלע אייראָפּעאישע מעכטען, אויסער שפּאַניען, און פריהער פון אַלעמען פון די פעראייניגטע שטאַאַטען. אָבער מיט דעם פאַלען פון דער פעסטונג **סאַן חואַן ד'אוללאָאַ**, וועלכע האָט זיך אונטערגעגעבען דעם 19טען נאָוועמבער 1825, האָט שפּאַניען פערלאָרען אין מעקסיקאָ איהר לעצטען פעסטען זיץ.

אָבער אויך די נייע קאָנסטיטוציאָן האָט ניט געבראַכט מעקסיקאָ די געווינשטע רוה. עס האָבען ניט אויפגעהערט צו פערוויסטען דאָס לאַנד אונאויפהערליכע בירגער-קריגען. די פּרעזידענטען זיינען געווען מאַכטלאָז, דער קאָנגרעס, ווי דאָס לאַנד, איז געווען צוריסען אויף פערשיידענע פּאַרטייען; אָן דער שפּיץ פון די פערשיידענע פראַקציאָנען זיינען געשטאַנען

וועלכען עס האָבען אַנטייל גענומען אויך דאָס מיליטער און די אינדיאַנער (1810). הגם די רעבעלען האָבען געליטען עטליכע מפּלות, האָבען זיי דאָך האַרטנעקיג פאָרטגעזעצט דעם קאַמף.

די שפּאַניער זיינען געווען כמעט איבעראַל זיגרייך. אָבער אַזוי ווי די קרעאָלען זיינען געבליבען אין אָפּאָזיציאָן געגען די שפּאַניער און די גייסטליכע זיינען דורך די רעוואָלוציאָן אין דעם מוטערלאַנד געוואָרען אָפּ-געפרעמדט, האָט די שטרעבונג נאָך אונאָפּהענגיגקייט ניט אויפגעהערט. מיט דער צושטימונג פון די קלעריקאַלען האָבען די מעסיגע פּאַרטייען אָנ-גענומען דעם פּלאַן פון איגואַלאַ צו מאַכען מעקסיקאָ פיר אַ זעלב-שטענדיגעס קעניגרייך אונטער אַ פּרינץ פון דער שפּאַנישער קעניגליכער פאַמיליע. דער פּאָלקאָווניק איטורבידע, וועלכער איז געווען אי-בערגעגעבען צו די קלעריקאַלען, האָט זיך ערקלערט אַלס הויפּט-קאָמאַנדיר פון די נאַציאָנאַלע שטרייט-קרעפטען און האָט אין אַ קורצער צייט אונטער-וואָרפען אַ גרויסען טייל פון מעקסיקאָ. מען האָט דערווייל בעשטימט אַ רעגירונגס-יונטאַ, ביז מען וועט ערוועהלען אַ פּרינץ פיר אַ מעקסיקאַנישען קעניג. אין דיזער יונטאַ איז איטורבידע געוואָרען פּרעזידענט. די רע-גענטשאַפט האָט געאָרדענט צו ערוועהלען קאָרטעס (אַ פּאַרלאַמענט), וועל-כע האָבען זיך פערזאַמעלט צום ערסטען מאָל דעם 22טען פעברואַר 1822. אין דער ערסטע זיצונג האָבען זיך בעוויזען די פערשיידענסטע מיינונגען און פּאַרטיי-טיילונגען. דערצו איז נאָך אָנגעקומען אַ ידיעה, דאָס שפּאַניען איז ניט מסכים אויף די נייע אָרדנונג פון דער רעגירונג, וואָס מען האָט איינגעפיהרט אין מעקסיקאָ. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס איטורבידע האָט מיט ער איינשטימונג פון דער אַרמעע און פון די אונטערע שיכטען פון פאָלק זיך געלאָזט אויסרופען אַלס קייזער פון מעקסיקאָ (18טען מאַי 1822) אונטער דעם נאָמען אוגוסטין דער 1טער.

אָבער דאָס קייזערטום האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. אוגוסטין דער 1טער איז געווען צו שטרענג און האָט געשטרעבט צו ווערען אַן אונבע-שרענקטער הערשער, און דערמיט האָט ער אַרויסגערופען די אונצופרידענ-הייט פון זיין פאָלק, וועלכעס איז שוין אָהן דעם געווען אונצופרידען מיט דער פּאָליטישער לאַגע און איבערהויפּט מיט דעם שלעכטען צושטאַנד פון די פינאַנצען. אויך אין דער אַרמעע האָט זיך געצייגט אַ שטאַרקע ערביטע-רונג געגען דעם דעספּאָטיזם פון אוגוסטין דעם 1טען. מיט דיזען צושטאַנד האָט זיך בענוצט דער גענעראַל סאַנטאַ אַננאַ, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ גוטער פריינד פון איטורבידע'ן, און האָט דעם 2טען דעצעמבער

טריילאַזע אַפּיצערען, וועלכע האָבען געזוכט צו בעקומען דאָס פּרעזידענטען־אמט. די גייסטליכע האָבען געוויסענלאָז געדריקט דאָס פאָלק. דיזער צו־שטאַנד האָט אויך געפיהרט מעקסיקאָ צו שלעכטע מאַטעריעלע פערהעלט־ניסען. דאָס איז דאָס בילד, וועלכעס די נייערע געשיכטע פון מעקסיקאָ שטעלט פאָר.

זעהר טרויעריג זיינען געווען פיר מעקסיקאָ איהרע בעציהונגען צו די פעראייניגטע שטאַאַטען. דער שטאַאַט טעקסאַס, וועלכער געפינט זיך אין דער נאַכבאַרשאַפט פון מעקסיקאָ, פלעגען זעהר אָפט בעאונרוהיגט ווערען פון מעקסיקאַנישע פיליבוסטערס (רויבער). די פעראייניגטע שטאַאַ־טען האָבען געשיקט אַן אַרמעע פון 12,000 סאָלדאַטען אונטער דעם גענע־ראַל סקאָטט, האָבען לייכט בעזיגט איניגע פעסטונגען און האָבען זיך גע־לאָזען געהן אין די הויפּטשטאָדט. אין אַ רייהע פון אונגליקליכע שלאַכטען זיינען די מעקסיקאַנער געשלאָגען געוואָרען און נאָך אַ לאַנגען פערביסענעם קאַמף איז די הויפּטשטאָדט גענומען געוואָרען (14טען סעפּטעמבער). נאָך אַ לעצטער אונגליקליכער שלאַכט איז עס דעם 2טען פעברואַר 1848 אין גואַדאַלופּע הידאַלגאָ געקומען צו אַ פרידען, לויט וועלכען מעק־סיקאָ האָט אָפּגעטרעטען צו די פעראייניגטע שטאַאַטען כמעט אַ העלפט פון איהר גאַנצען שטח לאַנד, אונגעפעהר 30,000 קוואַדראַט־מייל, און דערפאַר האָבען די פעראייניגטע שטאַאַטען בעצאָהלט צו מעקסיקאָ אַ סומע פון 15,000,000 דאָללאַר.

די מפּלות און די פערלוסטען, וואָס די מעקסיקאַנער האָבען געהאַט פון זייער קריג מיט די פעראייניגטע שטאַאַטען, זיינען פיר זיי אַלץ ניט געווען קיין לעקציאָן, דאָס זיי זאָלען זיך אויפהערען רייסען צווישען זיך און ברייננגען אין לאַנד אָרדנונג. די פּוראָס, די ראַדיקאַלען, און די קלעריקאַלען האָבען ניט אויפגעהערט צו שטרייטען איינע מיט די אַנ־דערע. ניט ווייניגער ווי 50 פּרעזידענטען האָט מעקסיקאָ געהאַט אין אַ צייט פון 43 יאָהר, אין וועלכע עס זיינען דאָרט פאָרגעקומען מעהר פון 300 אויפשטאַנדען, די הויפּט־זאַך, איבער וועלכע די רייסערייען זיינען פאָר־געקומען, זיינען געווען די קירכען־גיטער. דער פּרעזידענט אַלוואַ־רעץ, וועלכער איז ערוועהלט געוואָרען אין יאָהר 1855, האָט אוועק־גענומען די פּריווילעגיעס פון דער אַרמעע און פון די גייסטליכע. עס האָט זיך אויפגעהויבען געגען איהם אַ בונט, און ער איז געווען געצוואונגען צו רעזיגנירען פון זיין אמט. אַנשטאָט איהם איז ערוועהלט געוואָרען דער גע־נעראַל קאָמאָנפאָרטס. אויך ער האָט געהאַט צו קעמפען געגען

טורם אין אַלט־פּאַנאַמאַ.

פּאַרעי האָט זיך גוט פּאַרבעררייטעט און האָט געמאַכט אַן אַנגריף אויף די שטאָדט פּועבלאַ דעלאָס אַנגעלאָס. זי האָט זיך געמוזט אונטערגעבען (מאַי 1863). יעצט איז דער וועג נאָך דער הויפּטשטאָדט מעקסיקאָ געווען פיר די פראַנצויזען אָפען. דעם 10טען יוני איז ער אריין אין מעקסיקאָ. חוארעז מיט דעם רעסט פון דער מעקסיקאַנישער אַרמעע איז ענטלאָפען נאָך סאַן לואיס פּאָטאָסי. אויך די פּראָווינצען האָבען זיך אונטערגעגעבען צו די פראַנצויזען. די פראַנצויזען האָבען באַלד גענומען מאַכען אַ נייע שטאַאַטס־אָרדנונג. זיי האָבען דערוויילע בעשטימט אַ רעגענטשאַפט. די הויפּט־פיהרער פון דיזער רעגענטשאַפט זיינען געווען: אַלמאָנטע, דער ערץ־בישאָף פון מעקסיקאָ, לאַבאַסטידאַ און מאַריאַנאָ סאַלאַס. מיט דער צושטימונג פון דער רעגענטשאַפט האָט פאָרעי גערופען אַ פערזאַמלונג פון די נאָטאַבלען (די גרעסטע לייט פון לאַנד) און מען האָט איבער־אַ־נייס פּראָקלאַמירט אַ קייזערטום.

לויט דעם וואונש פון נאַפּאָלעאָן דעם 3טען, וועלכער האָט דאַמאָלס געהערשט אין פראַנקרייך, איז די קייזער־קרוין איבערגעגעבען געוואָרען צום ערץ־הערצאָג פערדינאַנד מאַקסימיליאַן פון עסטרייך. אום יוצא צו זיין פאַר דער וועלט האָט מען געשפּילט די קאָמעדיע מיט אַ פאָלקס־פערזאַמלונג, וועלכע האָט בלומר'סט ערוועהלט מאַקסימיליאַן'ען אַלס קייזער. דעם 12טען יוני 1864 איז מאַקסימיליאַן אריין אין מעקסיקאָ און האָט פערנומען דעם קייזער־טראָן.

די הויפּט־שטיצען פון מאַקסימיליאַן זיינען געווען: די פראַנצויזישע טרופּען און די קלעריקאַלען. אָבער אַ גרויסער טייל פון פאָלק, מעהר פון העלפט, האָט געהאַלטען מיט חוארעז'ן. די גייסטליכע האָבען גערעכענט, דאָס יעצט איז געקומען די צייט צו בעקומען צוריק זייערע פּריווילעגיעס, וועלכע מען האָט פון זיי צוגענומען. זיי האָבען אָנגעהויבען צו פאָדערן, אַז מען זאָל זיי צוריקגעבען זייערע גיטער, מען זאָל צוריק הערשטעלען די מאָנאַסטירען און מען זאָל איבערגעבען די ערציהונג פון דער יוגענד אין זייערע הענט. מאַקסימיליאַן האָט דיזע אַלע פאָדערונגען ניט געוואָלט נאָכגעבען. עס איז געוואָרען אַ גרויסע שפּאַלטונג צווישען קייזער און די גייסטליכע. די גייסטליכע האָבען אָנגעהויבען דרש'ענען אין אַלע קירכען, דאָס דער קייזער איז אַ גאָט־לייגנער, ער גלויבט ניט אין גאָט און אין זיין הייליגער מאַמען, די הייליגע בתולה מאַריאַ.

די לאַגע פון מעקסיקאַנישען קייזערטום איז געוואָרען נאָך פיעל ערגער ווען די פעראייניגטע שטאַאַטען האָבען זיך אריינגעמישט אין די אינ-

אויפשטאַנדען פון די קלעריקאַלען. דאָך איז איהם געלונגען דורכצופיהרען איינינע ליבעראַלע רעפאָרמעס. דעם 28טען יוני 1856 האָט ער דורכגע-פיהרט א געזעץ, לויט וועלכען די גייסטליכע זאָלען מעהר ניט האָבען קיין רעכט צו ערווערבען גרונד-אייגענטום, און די גיטער, וואָס זיי האָבען פון פריהער, זאָלען זיי פערקויפען צו דער רעגירונג פיר מזומן אָדער געגען שולד-פּאַפּירען, וואָס טראָגען אריין 6 פּראָצענט.

די גייסטליכע אָבער האָבען דיזעס געזעץ ניט געוואָלט אָנערקענען. דורך זייער איינפלוס איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט פעליקס צולאָאגאַ, וועלכער האָט דיזעס געזעץ אָפּגעשאַפּט. דאָס האָט גע-פיהרט צו נייע אונרוהען. די פוראָס האָבען אויפגערייצט די לאַנד-בעפעל-קערונג געגען די רעאַקציאָנערען און זיי האָבען ערוועהלט נאָך א פּרעזידענט חואַרעץ. דיזער האָט געמאַכט זיין רעזידענץ אין וועראַ קרוץ. חואַרעץ האָט אָרגאַניזירט א בירגער-קריג געגען צולאָאַגאַ און זיין גענעראַל מיראַמאָן האָט געזיגט. מען האָט אָפּגענומען פון די קלעריקאַלען א גרויסען טייל פון זייערע גיטער, און זיי האָבען זיך געווענדט צו איינינע פון די אייראָפּעאישע מעכטען, אַז זיי זאָלען זיי העלפען בעהאַלטען זייערע אַלטע פּריווילעגיעס. די מעכטען זיינען מיט דיזער איינלאַדונג געווען צו-פרידען, ווייל דאָס וועט זיי געבען א געלעגענהייט אריינצושטעקען א פוס אין אַמעריקאַ. עס איז וועגען דעם געווען א קאָנווענציאָן אין לאָנדאָן (31טען אָקטאָבער 1861), וואו עס איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס ענגלאַנד, פראַנקרייך און שפּאַניען זאָלען שיקען אין מעקסיקאָ אַן אַרמעע מיט דעם תירוץ צו בעשיצען זייערע אונטערטאַנען, וואָס געפינען זיך דאָרט.

אָבער די ענגלישע און שפּאַנישע שיפען האָבען באַלד אָפּגערייזט צו-ריק. זיי האָבען געזעהען, וואָס פיר שוויריגקייטען עס שטעהען זיי פאָר, און אויסער דעם זיינען די פאָדערונגען און אבזיכטען פון פראַנקרייך פיר זיי געווען צו פיעל. די פראַנצויזען זיינען דאָרט אַלזאָ געבליבען אַליין. הגם זייער צאָהל איז געווען זעהר קליין, האָבען די פראַנצויזען גערעכענט, דאָס זיי וועלען האָבען אַן ערפאָלג. זיי האָבען אָבער געהאַט א גרויסען טעות. ביי פּועבלאַ דע לאָס אַנדזשעלאָס האָבען זיי געכאַפּט א גרויסע מפּלה און זיי האָבען זיך געמוזט צוריקציהען (5טען מאַי 1862). אין סעפּטעמבער זיינען אָנגעקומען 24,000 סאָלדאַטען, אזוי דאָס דער נייער פראַנצויזישער אויבער-קאָמאַנדיר, גענעראַל פאָרעי, האָט געהאַט אַן אַרמעע פון 30,000 מאַן.

די אייראָפּעאישע מעכטען האָבען געזוכט צו רעטען מאקסימיליאן׳ען, אָבער זיי האָבען גאָרניט געקענט טאָן. מען האָט איהם געשטעלט פאר א קריגס-געריכט און מען האָט איהם פערורטיילט צום טויט. דעם 19טען יוני 1867 איז ער דערשאָסען געוואָרען צוזאמען מיט נאָך צוויי פון זיינע בעסטע און טרייע גענעראלען מיראמאָן און מעחיא. זיין סוף האָט געדינט אלס ווארנונג פיר די אייראָפּעאישע מעכטען ניט צו וועלען זיך מעהר מי- שען אין אמעריקאנישע אנגעלעגענהייטען און אריינבריינגען אהין זייערע אָרדנונגען. נאָך מאקסימיליאן׳ס טויט איז חוארעץ ערקלערט געוואָרען אלס געזעצליכער פּרעזידענט. ער האָט זיך אין דיזען אמט געהאלטען ביז דעם סוף פון זיין לעבען.

אויך די איבריגע שפּאנישע קאָלאָניעס אין אמעריקא האָבען געהאנ- דעלט ווי מעקסיקאָ. איבעראל זיינען פאָרגעקומען פּארטיי-קאמפען און אויפלעזונגען, איבעראל זיינען די פינאנצען געווען אין א זעהר שלעכטען צושטאנד, איבעראל האָבען די אריינמישונגען פון די אייראָפּעער אָנגעמאכט פערוויסטונגען און ליידען. זיי האָבען אלע געשטרעבט אָפּצורייסען זיך פון שפּאניען און עס זיינען ביי יעדען פון זיי פאָרגעקומען רעוואָלוציאָנען נאָך רעוואָלוציאָנען. די פערפאסונג איז ביי דיזע אלע שטאאטען כמעט די זעלבע. די רעגירונג איז אין די הענט פון א קאָנגרעס און א פּרעזידענט, וועלכע ווערען ערוועהלט פון פאָלק.

אין דער רעוואָלוציאָנס-צייט איז צענטראל-אמעריקא געבליבען טריי צו שפּאניען ביז דעם יאָהר 1821, ווען זי האָט זיך ערקלערט אלס אונאָפּ- הענגיג. צוויי יאָהר שפּעטער איז פּראָקלאמירט געוואָרען די „רעפּובליק פון די פעראייניגטע שטאאטען פון צענטראל-אמעריקא״. אָבער באלד האָ- בען זיך די אינדיאנער צובונטעוועט; עס האָט זיך אָנגעהויבען א בלוטיגער ראסען-קאמף, און דאָס האָט צושטערט די „יוניאָן״ (די פעראייניגונג פון די שטאאטען). יעדער פון די 5 שטאאטען: גואטעמאלא, סאן סאלוואדאָר, האָנדוראס, ניקאראגוא און קאָסטא ריקא, האָט געהאט אן אייגענע זעלבשטענדיגע רעגירונג, און אלע בעמיהונגען צו שאפען פון זיי א יוניאָן נאָך דעם מוסטער פון די נאָרד-אמעריקאנישע פעראייניגטע שטאאטען זיינען ניט געלונגען. דאָס העכסטע, וואָס זיי האָבען געקענט דערגרייכען, איז געווען צו שליסען צוויי- שען זיך אייניגע האנדעלס-פּאָרטראגען און פרידליכע בעציהונגען פון איי- נעם צום אנדערען.

טערעסען פון מעקסיקאָ. זיי האָבען שוין פון לאַנג אַליין געוואָרפען אַן אויג אויף דאָס רייכע לאַנד און האָבען ניט געוואָלט ליידען, דאָס די אייראָפּעאישע הערשענדע דינאַסטיעס זאָלען איינפיהרען זייער סיסטעם פון רעגירונג אין וועלכען עס איז טייל פון אַמעריקאַ אָדער גאָר אַ געגען־מאַכט געגען די פעראייניגטע שטאַאטען. זיי האָבען שטרענג געפאָדערט פון קייזער מאַקסימיליאַן, אַז ער זאָל די פראַנצויזישע טרופּען אָפּשיקען צוריק נאָך אייראָפּאַ, אום דאָס מעקסיקאַנישע פאָלק זאָל קענען האַנדלען פריי אין זיינע רעגירונגס־אַנגעלעגענהייטען. מאַקסימיליאַן האָט געמוזט נאָכגעבען, אום צו פערמיידען אַ קריג מיט די פעראייניגטע שטאַאטען. צום אונגליק זיינען די פינאַנצען פון לאַנד געווען אין אַ זעהר טרויעריגען צושטאַנד. דאָס געלט, וואָס מען האָט געליהען, איז גיך אויסגעגעבען געוואָרען, און מען איז געווען געצוואונגען אַרויפצולעגען אויף'ן פאָלק שווערע שטייערן, צונעהמען די גיטער פון די געגנער פון דער רעגירונג, און צו פערקלענערן דעם שטאַאט פון בעאַמטע. אָבער דיזע אַלע מיטלען האָבען ניט געהאָלפען. די פינאַנציעלע לאַגע פון לאַנד האָט געקענט ווערען בעסער נאָר דורך ענטוויקלונג פון האַנדעל און אינדוסטריע. דיזעס אָבער האָט מאַקסימיליאַן ניט געקענט פערשאַפען און דער וואָלקען פון אונגליק האָט זיך מעהר און מעהר פערצויגען איבער זיין קאָפּ.

די רעפּובליקאַנער האָבען זיך אויפגעהויבען פון אַלע זייטען אום צו שטירצען דעם קייזער־טראָן. עס האָט ניט לאַנג גענומען און די אָנהענגער פון חוּאַרעץ האָבען פערכאַפּט די פּראָווינצען אין נאָרד און נאָרד־וועסט. אין זיד האָבען די קייזערליכע גענעראַלען געפיהרט אַ קאַמף פיר זייער לעבען מיט גרויס פערצווייפלונג. די האַפען־שטעדט ביים ברעג פון שטילען ים (פּאַסיפיק) זיינען אַריינגעפאַלען אין די הענט פון די רעפּובליקאַנער, אויך די שטעדט ביים גאָלף פון מעקסיקאָ האָבען זיך פעראייניגט און זיינען אַרויס געגען דעם קייזער. דאָס קייזערליכע מיליטער האָט איבעראַל געהאַט מפּלות. מאַקסימיליאַן האָט זיך געמוזט צוריקציהען אָן דער שפּיץ פון אַ קליינער טרופּע און פערשליסען זיך אין דער פעסטונג קווערעטאַראָ. מיט זיין בלוטיגער שטרענגקייט געגען די רעפּובליקאַנער האָט ער אַרויסגערופען געגען זיך דעם אַלגעמיינעם צאָרן. ער האָט פערלאָרען יעדען באָדען פון אונטער זיינע פיס. הגם די פעסטונג קווערעטאַראָ איז געווען גענוג שטאַרק און האָט געקענט אויסהאַלטען די פערטיידיגונג, דאָך האָט דער קייזער זיך געמוזט אונטערגעבען, ווייל עס האָבען געפעהלט לעבענסמיטלען.

דאַמאָלס ניט געוואוסט פון קיין האַנדעל מיט אויסלאַנד. די פּערואַנער האָבען ניט געוואוסט ווי צו בויען שיפען. דערפאַר זיינען זייערע שאָסעען און לאַנד־שטראַסען געווען אמת׳ע וואונדער. הומבאָלדט שרייבט, דאָס די שענסטע שאָסעען, וואָס ער האָט געזעהען אין זיד־פראַנקרייך, אין איטאַליען און שפּאַניען, זיינען אין קיין פאַל ניט שענער און בעסער פון די, וועלכע די אַלטע פּערואַנער האָבען געבויט. מען דאַרף אָבער אויך ניט פערגעסען, דאָס דיזע זיינען געבויט אויף זעהר הויכע ערטער, 12,440 פוס הויך. דיזע שטראַסען ציהען זיך נאָך היינט אויף איבער 1,000 שפּאַנישע מיילען לאַנג. אָבער דיזע שטראַסען זיינען פיעל פערדאָרבען געוואָרען אונטער דער הערשאַפט פון שפּאַניען.

פּערו האָט אין דער גאַנצער צייט, וואָס זי איז געווען אונטער שפּאַנישער הערשאַפט, געמאַכט זעהר ווענינ אויפשטאַנדען. דער גרעסטער אויפשטאַנד איז געווען אין יאָהר 1780. דיזען האָבען די פּערואַנער געמאַכט אונטער דעם אינקאַ (קעניג) טופּאַק אמאַרו, וועלכער האָט לייכט אונטערוואָרפען אונטער זיין מאַכט אַ גרויסען טייל פון אויבער־פּערו, אָבער ענדליך איז ער דאָך געפאַנגען געוואָרען און איז געוואָרען הינגעריכטעט. אויסער דעם האָט אין פּערו געהערשט גרויסע רוה, זאָגאַר דאַן, ווען אַלע אַנדערע שפּאַנישע קאָלאָניעס אין אַמעריקאַ האָבען שוין אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון דער שפּאַנישער רעגירונג.

ענדליך האָט אַן אויסערליכער צופאַל געפיהרט דערצו, דאָס פּערו זאָל מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען שפּאַניען. אין יאָהר 1810 האָבען די רעפּובליקאַנער פון דעם שטאַאט לאַ פּלאַטאַ אונטערגענומען אַ צוג אַרויסצוטרייבען די שפּאַניער פון פּערו. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ לאַנגער קריג. אין יאָהר 1820 איז אויך טשילע אויפגעשטאַנען געגען שפּאַניען, וועלכע האָט געהאַט פון זיי אַ שרעקליכע נידערלאַגע ביי פּאַסקאָ, און די טשילענער האָבען דאַמאָלס פערכאַפּט די פּראָווינצען, וואָס זיינען געלעגען אין אָסט פון לימאַ. די בעפעלקערונג איז געלאָפען אין שטרייט פון אַלע זייטען און דער אויפשטאַנד האָט זיך פערברייטעט מעהר און מעהר. די רייהען פון דעם מיליטער פון שפּאַנישען וויצע־קעניג זיינען געוואָרען ווענינער און ווענינער. אין אָקטאָבער איז אָנגעקומען לאָרד קאָקרען פאַר דעם קאַללאַאָ־בעי און האָט בלאָקירט די שפּאַנישע זעע־מאַכט. די נאָרד־פּראָווינצען זיינען אָפּגעפאַלען. ענדליך האָבען די שפּאַניער געמוזט פערלאָזען לימאַ און צוריקטרעטען אין אינערען טייל פון לאַנד. דאַן איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די אונאָפּהענגיגקייט פון פּערו (28טען

די אינערליכע פערהעלטניסען פון די שטאאטען פון צענטראַל־אַמע-ריקא זיינען געווען זעהר שלעכט איינגעאָרדענט. און דעריבער האָבען זיי ניט געהאַט קיין אַיינפלוס אויף די פּאָליטיק פון אַמעריקאַ. זיי האָבען זאָגאַר געשטערט צו דער ענטוויקלונג פון זייער אייגענעם האַנדעל און אינ-דוסטריע. דער האַנדעל איז צום מערהסטען געווען אין די הענט פון איי-ראָפּעער.

אָן דער שפּיץ פון פרייהייטס־קאַמף פון נ י י ־ ג ר א נ א ד א און ו ע נ ע צ ו ע ל א איז געשטאַנען דער בעריהמטער קרעאָלע (געבאָרענער אַמעריקאַנער) ב א ל י ו ו א ר, וועלכער איז געווען אַן אויסגעצייכענטער שטאַאטסמאַן און אַ טיכטיגער קריגס־קאָמאַנדיר. דיזער האָט געאָפּפערט זיין גאַנצעס פערמעגען, זיין גאַנצע ענערגיע צו בעפרייען זיין פאָטערלאַנד, און קיין זאַך אין דער וועלט האָט איהם ניט געקענט אָפּהאַלטען פון צו טאָן אַלעס אום דיזען הויכען ציל צו דערגרייכען. פולע זעקס יאָהר (1814—1820) האָט ער געפיהרט אַ פורכטבאַרען קריג. בלוט האָט זיך געגאָסען טייכענווייז. ענדליך האָבען זיך ווענעצועלאַ און ניי־גראַנאַדאַ ערוואָרבען די געווינשטע פרייהייט (1824) און דאַן האָבען זיי זיך פעראייניגט מיט עקו-אַדאָר און האָבען צוזאַמענגעשטעלט דעם פריישטאַאט קאָלומביאַ. צו די-זען פריישטאַאט איז שפּעטער (1855) אויך צוגעטרעטען פּאַנאַמאַ.

הגם די פּאַרטיי־קאַמפען האָבען אויך דאַן ניט אויפגעהערט, האָט דאָך די גרינדונג פון דער יוניאָן געהאַט אַ גוטען אַיינפלוס אויף די אינערע אָרד-נונג און אויף דעם האַנדעל. די פערמיטלערין צווישען קאָלומביאַ און איי-ראָפּאַ איז געווען ענגלאַנד, נאָר זי האָט געהאַט דערצו די פּריווילעגיע. נאָר אין פּאַנאַמאַ האָבען די נאָרד־אַמעריקאַנער געריסען דעם האַנדעל צו זיך. דאָ האָבען די פעראייניגטע שטאַאטען געבויט אַן אייזענבאַהן, וועל-כע האָט זיך געצויגען 40 מייל לאַנג איבער דעם גאַנצען פּאַנאַמאַ־איסטה-מוס (שמאָלער שטריך לאַנד, וואָס פעראייניגט נאָרד־ און זיד־אַמעריקאַ) ביז גאָרגאָנאַ. מיט דיזער אייזענבאַהן האָבען זיי פערבונדען די שיפען פון שטילען מעער מיט די שיפען פון אַטלאַנטישען מעער. די אינדוסטריע פון קאָלומביאַ איז זעהר נידריג. אַ ביסעל העכער שטעהט דאָרט די פּראָדוק-ציאָן פון רויהע מאַטעריאַלען; אין דיזער הינזיכט שטעהט קאָלומביאַ אויף דער זעלבער שטופע, אויף וועלכער עס געפינט זיך צענטראַל־אַמעריקאַ.

מיר האָבען שוין פריהער בעטראַכט, אויף וועלכער שטופע פ ע ר ו איז געשטאַנען אין דער הינזיכט פון קולטור אין דער צייט, ווען די שפּאַניער האָבען דיזעס לאַנד בעזיגט. היר ווילען מיר נאָר צוגעבען, דאָס פּערו האָט

פיעלע דאמפף־שיפען, געבויט אן אייזענבאהן און האט פערברייטערט די אינדוסטריע אין לאנד. ער האט אפגעדינט זיין צייט רוהיג, אהן שטערונגען. און אין יאהר 1851 איז געזעצליך ערוועהלט געווארען אן אנדער פרעזידענט, רוהיג, אהן בונטען און אהן אויפשטאנדען. אין נעכסטען יאהר האט גע־זאלט פארקומען א שטרייט צווישען באליוויא און די פעראייניגטע שטאא־טען צוליב א סכסוך וועגען די לאבאס־אינזלען. אבער פראנקרייך און ענג־לאנד האבען זיך אריינגעמישט און האבען אויסגעגליכען זייערע סכסוכים, און דער פרידען איז הערגעשטעלט געווארען. די אינזלען זיינען געבליבען פיר די רעפובליק באליוויא.

אין דער פרוכטבארער טשילע האבען די קאמפען צווישען די אינדיאנער און די שפאנישע ערֹאבערער זיך געצויגען אייניגע יאהרהונדער־טער. נאך אין ענדע פון 18טען יאהרהונדערט האבען די אינדיאנער געמאכט אן אויפשטאנד, ווייל זיי האבען זיך ניט געקענט צוגעוועהנען צום שטאד־טישען לעבען, און דער פרידען איז הערגעשטעלט געווארען נאך דעם, ווי מען האט זיי געגעבען אין יאהר 1775 דאס רעכט צו האבען אן אינדיאנישען אפגעארדענטען אין סאנטיאגא, וועלכער זאל פערטרעטען און בעשיצען זייערע אינטערעסען. פון דיזער צייט אן הערשט אין טשילע רוה. אבער עס האט זיך דארט ענדליך אויך ענטוויקעלט א פאטריאטען־פארטיי, וועלכע האט געשטרעבט צו אונאפהענגיגקייט פון שפאניען, וועלכע האבען געהאט די ארימע און פינסטערע מאסע אויף זייער זייט. די פאנאטישע אונווי־סענדע מאסע האט געארבייט געגען איהרע אייגענע אינטערעסען, און די גייסטליכע האבען געוואוסט צו בענוצען זיך מיט דער מאסע ווי מיט אן אייזערנעם באראן. דאס אונוויסענדע פאלק איז אימער געווען בערייט אפצו־געבען פיר ד׳ קירכע זיין האב און גוט און צו פערגיסען פיר איהר זיין בלוט.

די רעוואלוציאנערע בעוועגונג, וועלכע האט זינט דעם יאהר 1810 פערכאפט אלע זיד־אמעריקאנישע קאלאניעס, האט ענדליך ערגריפען אויך טשילע. אבער די שפאניער האבען געוואוסט ווי צו ברייגגען דארט גיך ארדנונג און צו דערשטיקען יעדען פונק פון רעוואלוציאן, און זיי זיינען געבליבען די הערשער. נאר ווען די לא פלאטא־שטאאטען האבען געענדיגט זייער רעוואלוציאן, האט זיך די לאגע פון טשילע אויך געענדערט. די לא פלאטא־שטאאטען האבען געשיקט אין טשילע מעכטיגע הילפס־טרופען, און מיט זייער הילף איז עס געלונגען די טשילענער צו בעזיגען שפאניען אויף דער יבשה און אויף׳ן ים. אין יאהר 1820 זיינען די שפאניער אין גאנצען ארויסגעטריבען געווארען פון טשילע, פיר זיי איז נאר געבליבען די

יולי 1821), און דעם 3טען אויגוסט איז דער טשילענישער אויבער־קאָמאַנדיר סאַן מאַרטין ערוועהלט געוואָרען אַלס פּראָטעקטאָר פון דער נייער פּערואַנישער רעפּובליק.

אָבער אין דער נייער רעפּובליק איז ניט געווען קיין אחדות. די פּאַר־טייען האָבען זיך געריסען צווישען זיך ווי אין די רעפּובליקען פון צענט־ראַל־אַמעריקאַ, און דערפון האָט דאָס פאָלק שטארק געליטען. סאַן מארטין האָט געשטרעבט צו אונבעשרענקטער מאַכט. לאָרד קאָקרען האָט געשטרי־טען מיט איהם, און די רעפּובליקאַנישע רעגירונג האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. דערצו האָט באַלד אָנגעהויבען פעהלען געלט. מיט פּאַפּיר־געלט און קופּער־געלט האָט מען ניט געקענט בעזייטיגען דיזען געלט־מאַנגעל. די אינדיאַנער זיינען איבערגעגאַנגען אויף די זייט פון שפּאַניען און האָבען זיך געשטעלט געגען די רעפּובליקאַנער, און זאָגאַר אין לימאַ האָט אויסגע־בראָכען אַן אויפשטאַנד. די שפּאַניער זיינען געוואָרען שטארקער און האָ־בען פערנומען גאַנץ אויבער־פּערו. דאַן האָט ארויסגעטרעטען געגען שפּאַ־ניען באָליוואַר, וועלכען דער קאָנגרעס האָט בעשטימט אַלס דיקטאַטאָר. אָן דער שפּיץ פון 11,000 גוט דיסציפּלינירטע סאָלדאַטען איז ער דעם 10טען פעברואר 1824 ארויס געגען די שפּאַניער און האָט געמאַכט אַן אָנ־פאַל איבער פּערו. ביי חונין איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט, אין וועלכער באָ־ליוואַר האָט געשלאָגען די שפּאַניער, און די רעפּובליק איז פעסטגעשטעלט געוואָרען. די שפּאַניער האָבען זיך געמוזט צוריקציהען. אין מערץ 1825 איז באָליוואַר ווידער ערוועהלט געוואָרען אַלס דיקטאַטאָר און אין אויגוסט איז אויבער־פּערו ערקלערט געוואָרען אונאָפּהענגיג. די פּראָווינצען פון אויבער־פּערו: טשאַרקאַס, לאַפּאַז, קאָטשאַבאַמבאַ, פּאָטאָסי און סאַנטאַ קרוץ האָבען זיך פעראייניגט אונטער'ן נאָמען „רעפּובליק פון באָ־ליוויאַ".

אָבער אויך אין באָליוויאַ האָט די בעפרייאונג פון שפּאַנישען יאָך ניט געבראַכט דעם פאָלק קיין גליק. היר, ווי אין אַלע אַנדערע שטאַאַטען פון זיד־אַמעריקאַ, האָבען אונצעהליגע רעוואָלוציאָנען, בירגער־קריגען און פער־דערבליכע געזעצגעבונג פעראָרימט און פערקלענערט די בעפעלקערונג. אַ רוהיגע צייט האָט זיך ערסט אָנגעהויבען אין באָליוויאַ אין יאָהר 1845, ווען ראָמאַן קאַסטיללאַ איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט. ער האָט רעגולירט די פינאַנצען, פערקלענערט די אַרמעע, אָבער ער האָט פערבעסערט איהר אָרגאַניזאַציאָן, ער האָט פערגרעסערט די פלאָטע, געבויט

פון דאַמאַלס אָן האָבען אין טשילע אויפגעהערט די אונרוהען. דיזע רעפּובליק האָט אין אַ קורצער צייט געמאַכט גרויסען פאָרטשריט אין ציווי-ליזאַציאָן און האָט גיך איבערגעשטיגען אַלע אַנדערע רעפּובליקען, וועלכע האָבען זיך געבילדעט אין די שפּאַנישע קאָלאָניעס נאָך דעם, ווי זיי האָבען אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם שפּאַנישען יאָך. טשילע האָט אין פערלויף פון עטליכע יאָהר געשלאָסען איינינגע ניצליכע האַנדעלס־טראַקטאַטען מיט אַנדערע לענדער, האָט געבויט אין לאַנד די נעטיגע אייזענבאַהנען, האָט פערפאַסט אַ נייעס ציוויל געזעצבוך, האָט געגרינדעט אַ נאַציאָנאַלע דיס-קאָנט־ און דעפּאָזיט־באַנק, האָט געשאַפען אַ גרונד־שטייער צו אונטערהאַל-טען די קירכע און די שולען, האָט אויפגעשטעלט האַנדעלס־געריכטען און געמאַכט גוטע אָרדנונגען אין דער געמיינדע־פערוואַלטונג, וועלכע האָבען געבראַכט פיעלע נוצען דעם האַנדעל און דער אינדוסטריע אין לאַנד. דיזע אַלע איינריכטונגען האָבען פערשאַפט דעם לאַנד וואוילשטאַנד און גליק. פון די זילבער־מינעס האָט מען דאָרט אַרויסגעקראָגען אין יאָהר 1850 אי-בער 55 מיליאָנען פראַנקס. קופּער האָט מען בעקומען פון די בערג ביז 180,000 צענטנער. אויך די אינדוסטריע האָט זיך שטאַרק אויפגעהויבען, הגם פיעלע סחורות זיינען נאָך אַלץ אָנגעקומען פון אייראָפּאַ. אין יאָהר 1864 זיינען אָנגעקומען אין טשילע סחורות פון אייראָפּאַ אין ווערט פון 19,000,000 פראַנקס, ווערענד דער אַרויספיהר האָט נאָר בעטראָפען 17¼ מיליאָנען פראַנקס.

די לאַ פּלאַטאַ־שטאַאַטען, וועלכע זיינען געקומען אונטער די הער-שאַפט פון שפּאַניען אין יאָהר 1515, האָבען אין יאָהר 1806 זיך אָנגעהויבען אָפּצוטרייסלען פון שפּאַניען מיט דער הילף פון ענגלאַנד, וועלכע האָט דער-וויילע פערכאַפּט בוענאָס אַירעס. די ענגלישע אידעען פון פּאָלי-טיק האָבען זיך אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען מעהר איבער דער וועלט. די פעלקער האָבען מעהר און מעהר אָנגעהויבען צו שטרעבען צו פּאָליטישער אונאָפּהענגיגקייט, און בוענאָס אירעס איז באַלד געוואָרען די וויגעלע פון זיד־אַמעריקאַנישער אונאָפּהענגיגקייט, אַזוי דאָס די פּאָליטישע רעוואָלוציאָן אין דעם מוטערלאַנד איז געווען אַ סיגנאַל אָפּצורייסען זיך פון שפּאַניען.

אין יאָהר 1816 האָט אין טוקומאַן אַ קאָנגרעס ערקלערט די אונאָפּהענגיגקייט פון די „פעראייניגטע שטאַאַטען פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ". די האָפנונג פון דיזען בונד צו פעראייניגען אַלע פּראָווינצען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין דעם וויצע־קעניגרייך פון שפּאַניען, איז ניט ערפילט גע-וואָרען. די פערשיידענע אינטערעסען פון די פּראָווינצען האָבען געשטערט

אינזועל טשילאָע. די רעגירונג פון לאַנד האָט דאָס פאָלק איבערגעגעבען צו אָ'היגגינס. אָבער דיזער הערשער איז געוועזן צו דעספּאָטיש און האָט אַלע מאָל געביטען די פערפאַסונג. ענדליך איז דורכגעפיהרט געוואָרען א קאָנסטיטוציאָן, וועלכע האָט אַלעמען צופרידען געשטעלט (1833). די רע-

מאַרק־פּלאַץ פון לאַ פּאַץ. (ז. 416.)

גירונג איז בעשטאַנען פון א פּרעזידענט, מיניסטעריום, שטאַאַטס־ראַט און אַ קאָנגרעס, וועלכער איז בעשטאַנען פון א הויז פון פאָלקס־פערטרעטער און אַ סענאַט.

שאָסעען, אייזענבאהנען און דאמף־שיפען. עס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען גוטע באנק־ און פינאנץ־געזעצען, און עס זיינען צוגעקומען פיעלע אייראָפּעאישע עמיגראנטען, וועלכע האָבען פערגרעסערט די בעפעלקערונג און האָבען אריינגעבראכט אין לאנד פיעלע פרישע קרעפטען.

בוענאָס אירעס און בראזיליען האָבען אין די 20ער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט געשטריטען צווישען זיך וועגען דער אָסט־זייט פון לאַ פּלאַטאַ. אָבער די איינוואוינער פון לאַ פּלאַטאַ האָבען געגעבען צו וויסען בראזיליען, דאָס זיי ווילען פיר קיין פאל ניט זיין אונטערען שוץ און דער רעגירונג פון בראזיליען. דאמאָלס האָט בראזיליען אָנגעווענדט אַלע איהרע קרעפטען, דאָס לאַ פּלאַטאַ זאָל זיין אַ בעזונדער רעפּובליק, אום בוענאָס אירעס זאָל ניט ווערען שטארקער מיט דעם צוּוואוּקס פון לאַ פּלאַטאַ צו איהרע פּראָווינצען. אויך ענגלאנד האָט געהאָלפען בראזיליען דורכצופיהרען דיזען פּלאַן, און אַזוי איז די פּראָווינץ מאָנטעווידעאָ געוואָרען אַן אונאָפּהענגיגער שטאאט. די קאָנסטיטוציאָן פיר דיזען שטאאט איז פערפאסט געוואָרען נאָך דעם מוסטער פון דער קאָנסטיטוציאָן פון די פעראייניגטע שטאאטען. אַלס געזעצבוך איז אָנגענומען געוואָרען דער קאָדעקס פון נאפּאָלעאָן. דעם 24טען מערץ 1830 איז בעשוואָרען געוואָרען די קאָנסטיטוציאָן פון דער רעפּובליקאַ אָריענטאַל דעל אורוגואַי און די מעכטען האָבען זי אָנערקענט.

אָבער באַלד האָבען אויך אין אורוגואַי זיך אָנגעהויבען רייסערייען און בירגער־קריגען. דערמיט האָבען זיך בענוצט די בראזיליאנער, ווי אויך די רעפּובליק בוענאָס אירעס. יעדער האָט געוואָלט געווינען די רעפּובליק אורוגואַי פיר זיך. בראזיליען איז אַרוים אין שטרייט. אום ניט צו דערלאָזען, דאָס די גלייכגעוויכט פון לאַ פּלאַטאַ זאָל צושטערט ווערען, איז פּאַראַגואַי געקומען די געגנער צו הילף. אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָבען די טרופּען פון ארגענטינאַ און אורוגואַי זיך צוריקגעצויגען און עס זיינען פערבליבען אין שטרייט נאָר בראזיליען און פּאַראַגואַי. אורוגואַי האָט געקראָגען איהר פאָלשטענדיגע אונאָפּהענגיגקייט. דאָרט האָבען די בירגער פּאַרטגעזעצט צו רייסען זיך צווישען זיך און זעהר אָפט האָט אויסגעבראָכען צווישען די פּאַרטייען אַ בירגער־קריג, אַזוי דאָס די בעסטע צייט און קרעפטען זיינען פערברויכט געוואָרען אויף רייסערייען און קיין רעכטע זאַך איז ניט געטאָן געוואָרען.

גאַנץ אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע שטאאטען איז געשטאַנען פּאַראַגואַי. נאָך דעם, ווי די שפּאַניער האָבען זי ענטדעקט און ערָאָבערט,

צו אַן אייניגקייט, און עס זיינען אַרויסגעקומען פערשיידענע בירגער־קריגען. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס אין אויבערען טייל פון דעם טייך פּאַראַגואַי האָט זיך געגרינדעט אַ בעזונדערע רעפּובליק. פון די איבריגע פּראָווינצען האָט זיך געבילדעט די אַרגענטינישע קאָנפעדעראַציאָן (1825), וועלכע איז בעשטאַנען פון 14 פערשיידענע שטאַאטען. דער הויפּט פון דיזער קאָנפעדעראַציאָן איז געווען דער גענעראַל־קאַפּיטאַן פון בוענאָס אירעס, וועלכער איז געמאַכט געוואָרען אַלס פיהרער פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק און אַלס העכסטער בעאַמטער פון דער עקזעקוטיוו־מאַכט.

נאָך דעם, ווי אַרגענטיניען איז געוואָרען אונאָפּהענגיג, האָבען זיך אָנגעהויבען שרעקליכע רייסערייען און עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע גרויזאַמקייטען, ביז עס איז געלונגען די פעדעראַליסטען צו ערוועהלען אַ גובערנאַטאָר פון זייערע. דיזער גובערנאַטאָר איז געווען דאָן מאַנועל אָרדעץ דע ראָסאַס, וועלכער האָט בעקומען די פולמאַכט פון אַ דיקטאַטאָר און האָט כמעט אַליין, ווי אַ זעלבסטהערשער, געפיהרט די גאַנצע רעגירונג. יעדער ווידערשטאַנד איז גרויזאַם בעשטראָפט געוואָרען. אין אַלע פּראָווינצען האָט געפלאַקערט דער פייער פון אויפשטאַנד, און דאָס האָט געגעבען אַ געלעגענהייט בראַזיליען, פראַנקרייך און ענגלאַנד אריינצומישען זיך אין די אַנגעלעגענהייטען פון לאַנד, אום זיי זאָלען קענען האָבען פרייע שיפפאַהרט אויף דעם טייך פּאַראַנאַ. אָבער דע ראָזאַס האָט ניט צוגעלאָזען קיין אויסלענדישע מאַכט אַריינצומישען זיך אין די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון זיינע פּראָווינצען. אָבער זיין געגען־פּאַרטיי האָט איהם ענדליך בעזיגט און ער איז געווען געצוואונגען צו ענטלויפען נאָך ענגלאַנד. זיין אונגעהייערעס פערמעגען איז קאָנפיסקירט געוואָרען פון שטאַאַט. אָנשטאָט איהם איז די פיהרונג איבערגעגעבען געוואָרען צו אורקיצאָ, וועלכער איז באַלד ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט פון אַלע שטאַאַטען (1854).

אָבער די פּראָווינצען האָבען זיך ניט לאַנג פערהאַלטען פריינדליך איינע צו דער אַנדערער. בוענאָס אירעס האָט זיך די ערסטע אָפּגעריסען פון דער קאָנפעדעראַציאָן, ווייל זי האָט געוואָלט מעהר רעכטען פון אַלע אַנדערע רעפּובליקען אין בעטרעף פון צאָל־טאַריף און אין דער פערפאַסונג אין אַלגעמיין. דערפון האָט זיך ענטוויקעלט אַ לאַנגער קריג, וועלכער האָט זיך קוים געענדיגט אין יאָהר 1865, ווען די מאַטעריעלע לאַגע פון דער בעפעלקערונג האָט זיך בעדייטענד געבעסערט, ווייל עס האָבען זיך ענטוויקעלט אין לאַנד

דיזען רוהיגען לעבען אָבער האָבען די שפּאַניער און די פּאָרטוגעזען געשטערט מיט זייער אַריינמישען זיך אין די אַנגעלעגענהייטען פון דעז פּאַטריאַרכאַלישער רעפּובליק. די יעזואיטען האָבען זיך געשטעלט מיט וואַפען געגען די שפּאַניער און פּאָרטוגעזען. אָבער זיי זיינען בעזיגט געוואָרען און זיינען אַרעסטירט געוואָרען אין אַלע ערטער פון די שפּאַניש־אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס (1768). די יעזואיטען האָבען געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד. זייערע מיסיאָנען, וועלכע האָבען געצעהלט איבער 110,000 איינוואוינער, זיינען צוטיילט געוואָרען צווישען די שפּאַניער און די פּאָרטוגעזען.

די אינדיאַנער האָבען אויסגעביטען זעהר שלעכט. די שפּאַניער האָבען זיי בעהאַנדעלט שלעכט און גראָב, ווערהענד די יעזואיטען האָבען זיי בעהאַנדעלט ווי טרייע עלטערן בעהאַנדלען זייערע קינדער. דער רעזולטאַט פון דער שפּאַנישער שלעכטער בעהאַנדלונג איז געווען, דאָס די אינדיאַנער האָבען באַלד פערלאָזען דעם אַקערבוי און האָבען איבער־אַ־נייס אָנגעהויבען פיהרען זייער פריהערדיגעס האַלב־ווילדעס לעבען.

דיזע אונצופרידענהייט פון די אינדיאַנער איז געווען די אורזאַך פון דער רעוואָלוציאָן, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין אַסונציאָן אין 1811. די ערסטע קאָלאָניע, וואָס האָט זיך ערקלערט אונאָפּהענגיג פון שפּאַניען, איז געווען פּאַראַגואַי. אָן דער שפּיץ פון שטאַאַט איז געשטעלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט דער עהרגייציגער און הערשזיכטיגער דאָקטאָר ד אַ פ ר אַ נ צ י אַ (1812), וועלכער האָט בעקומען די מאַכט פון אַ דיקטאַטאָר אויף זיין גאַנצעס לעבען. ער האָט אַריינגענומען אין זיינע הענט די ריכטער־מאַכט און די רעגירונגס־מאַכט און האָט בעהערשט דאָס לאַנד מיט אַן אייזערנער האַנט נאָך דעם סיסטעם פון די יעזואיטען. מען האָט ניט ערלויבט די איינוואוינער צו האָבען וועלכען עס איז פערקעהר מיט אויסלאַנד. קיין פרעמדער האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט די איינוואוינער פון פּאַראַגואַי, און דיזע האָבען ניט געהאַט קיין פערבינדונג מיט איינוואוינער פון אַנדערע שטאַאַטען. נאָך דעם טויט פון דעם דיקטאַטאָר איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט זיין פּלעמעניק ל אָ פּ ע ץ (1844). ער האָט געמוזט נאָכגעבען די פאָדערונג פון דער צייט און האָט געעפענט דאָס לאַנד פיר דעם פערקעהר מיט אויסלאַנד. דאָס צאָל־סיסטעם איז אָפּגעשאַפט געוואָרען און עס איז אַיינגעפיהרט געוואָרען פריי־האַנדעל. עס איז נאָר בעשטימט געוואָרען אַ קליינע אָפּצאָהל פון אַריינגעפיהרטע סחורות, אָבער פיר אַלע פעלקער גלייך, און מען האָט געשלאָסען מיט די מעהרסטע נאַציאָנען אַז

זיינען אין אָנפאַנג פון 17טען יאָהרהונדערט אָנגעקומען אהין די יעזואיטען און האָבען באַלד ערוואָרבען דעם צוטרויען פון די אינדיאַנער, און זיי געלערנט אַקערבוי, פיהצוכט, קונסט און געווערב. זיי האָבען דאָרט געגרינדעט אַ טהעאָקראַטיש-פּאַטריאַרכאַלישעס רייך. דיזעס רייך איז אפילו אָפיציעל געשטאַנען אונטער דער אויבעריגקייט פון שפּאַניען, אָבער אין גרונד איז עס ניט געווען אונטער דעם איינפלוס פון דעם מוטער-לאַנד. דער מיטעלפּונקט פון פערוואַלטונג אין דיזען רייך איז געווען אין די קאָללעגיומס פון אַסונציאָן און קאָרדאָוואַ. אין קאָר-דאָוואַ, איז געווען די רעזידענץ פון דעם פּראָווינציאַל און זיינע 4 ראַטלייט. די העכסטע פּערזאָן אין דיזען רייך איז געווען אַ פּריסטער, אָבער די פּאָ-ליציי האָט זיך געפונען אונטער דער פערוואַלטונג פון אַ קאַציקע (הויפּט-לינג). די פּראָדוקציאָן איז געווען אַ קאָמוניסטישע. ברויט, פרוכט און אַלע אַנדערע זאַכען זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרען אין געמיינדע-מאַגאַזי-נען, פון וועלכע די אינדיאַנער האָבען ערהאַלטען אַלעס, וואָס זיי האָבען געברויכט. וואָס עס איז איבערגעבליבען האָט מען פערקויפט און דאָס געלט האָט מען פערברויכט אויף די בעדירפניסען פון שטאַאַט. דער האַנדעל, וואָס די יעזואיטען האָבען געפיהרט מיט אויסלאַנד, האָט זיי געבראַכט זעהר פיעל פּראָפיט. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט דער פערקויף פון דעם יערבאַ-מאַטע (פּאַראַגוּאַיער טעע) אַליין זיי אַריינגעבראַכט ריינע 8 מיליאָנען אַ יאָהר.

אין די ערטער, וואו די יעזואיטען האָבען זיך בעזעצט, האָבען זיי ניט געוואָלט האָבען קיין שפּאַניער. זיי האָבען איינגעפלעסט אין די אינדיאַ-נער האַס צו די שפּאַניער. דער פּאַטריאַרכאַלישער גייסט האָט געהערשט אויף דעם געביט פון רעכט ווי פון פּאָליטיק. דאָס לאַנד איז געווען אַ רע-פּובליק. די בעפעלקערונג האָט געהאַט פּאָלקאָמענעס שטימרעכט. אין אַלגעמיין האָבען זיך די אינדיאַנער אויפגעפיהרט ווי געהאָרזאַמע קינדער. זיי האָבען געהיט די רעגעלמעסיגע שטונדען פון געבעט, פון אַרבייט און פון רוה. די יעזואיטען זיינען געווען זעהר פאָרזיכטיג ניט צו געברויכען זייער אויטאָריטעט איבער די אינדיאַנער צו שטרענג. אין געגענטייל, זיי האָבען זיי בעהאַנדעלט מילד און גערעכט. זיי זיינען געווען זעהר פריי-געביג צו די אינדיאַנער אין בעטרעף פון שפּייז און קליידער. מיליטער-דינסט איז געווען אַן אַלגעמיינע פליכט. אַלע מענער פון 15 ביז 55 יאָהר זיינען געווען פערפליכטעט צו געהן אין שטרייט ווען די אומשטענדען האָ-בען עס געפאָדערט.

אָבער נאָך דעם, ווי מען האָט דאָרט אָנגעהויבען צו מאַכען גוטע געשעפטען מיט פלאַנצונג פון באַוועל און צוקער-ראָהר, און מען האָט דאָרט ענטדעקט גאָלד און דימענטען, איז בראַזיליען געוואָרען פיעל וויכטיגער. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקע עמיגראַציאָן. פיעלע שטעדט זיינען אויפגעבויט געוואָרען. ריאָ דע זשאַנייערא איז געוואָרען דער שטאַפעל-פּלאַץ פיר אַלע פּראָדוקטען פון לאַנד. די פּאָרטוגעזען האָבען איבערהויפּט געשטרעבט צו האַלטען בראַזיליען, ווי אַלע איהרע קאָלאָניעס, אין

סאַנטאָס, די הויפּטשטאָדט פון פּאַאָלאָ.

אונאָפּהענגיגקייט און אויסצונוצען די מינעס פון גאָלד און דימענטען. זיי האָבען ניט געזאָרגט וועגען דעם האַנדעל פון פאָלק, וועגען פערברייטען אַקערבוי און אינדוסטריע. וואָס אַנבעטרעפט דעם האַנדעל האָבען נאָך די פּאָרטוגעזישע רעגירער געשטערט זיין ענטוויקלונג דערמיט, וואָס זיי האָבען בעשרענקט די צאָהל פון די פּאָרטען. פיעל האָבען זיי געשאַדט דעם האַנדעל מיט דעם, וואָס זיי האָבען געגעבען די פּאָרטוגעזען פּריווילעגיעס געגען די בראַזיליאַנער. זינט דעם יאָהר 1840 האָט די פּאָרטוגעזישע רע-

אָפּמאַך וועגען שיפּפאַהרט. ווען לאָפּעץ איז געשטאָרבען איז פּאַראַגואַי געוועזען אין אַ בליהענדען צושטאַנד. די רעפּובליק האָט ניט געהאַט קיין שולדען, און עס האָט זיך נאָך געפונען אין די שאַץ־קאַמערן באַארעס געלט.

דאָך האָט אין דעם דערמאָהנטען קריג מיט בראַזיליען, אַרגענטיניען און אורוגואַי זיך אַרויסגעצייגט די שוואַכקייט פון פּאַראַגואַי. מעכטיגער פון אַלע האָט זיך בעוויזען בראַזיליען. לאָפּעץ האָט זיך געמוזט בעהאַלטען אין די וועלדער פון נאָרד־וועסט און אויף די הויכע בערג פון יענע געגענדען. אָבער דאָ איז ער געפאַלען אַלס אָפּפער פון פערראַט. אַ פאַלשער מענש



ריאָ דע זשאַנייראָ מיט דעם בעי.

האָט אויסגעזאָגט די בראַזיליאַנער וואו לאָפּעץ איז בעהאַלטען, און אַ טרופּע פון שונא האָט איהם דאָרט אויפגעזוכט (1טען מערץ 1870) און האָט איהם ערמאָרדעט. דאָס איז געוועזען דער שלום־אַקט פון דעם 5־יעהריגען קריג. פּאַראַגואַי איז פערוויסטעט געוואָרען און איז געלעגען צו די פיס פון דעם זיגער. מען האָט דיזער רעפּובליק געגעבען אַ נייע קאָנסטיטוציאָן מיט אַ ליבעראַלען קאָלאָר.

ב ר אַ ז י ל י ע ן איז געוועזען אַ פּאָרטוגעזישע קאָלאָניע. פריהער איז בראַזיליען נאָר געוועזען אַ קאָלאָניע פיר פערברעכער, ווי סיביר אין רוסלאַנד,

צעלנע פּראָווינצען צום מאָנארך זיינען בעשטימט געוואָרען נאָך דעם מוס-טער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נאָרד־אַמעריקא. דער אונטערשייד איז בעשטאַנען נאָר אין דער ירושה פון טראָן. אָבער אויך דיזע ענדערונג האָט ניט געבראַכט די געווינשטע רוה. עס האָבען זיך זעהר אָפט געמאַכט אויפשטאַנדען פון שקלאַפען אָדער פון ארבייטער, וועלכע האָבען צוריק גע-כאָדערט אַ רעפּובליק. אין יאָהר 1835 איז פאָרגעקומען אין פּאַראַ אַ גאַנצע רייהע פון בלוטיגע סצענעס. די שטאָדט איז געוואָרען בעלאַגערט און איינגענומען מיט דער הילף פון אַן ענגלישער פלאָטע. אין דער זעלבער צייט האָט בראַזיליען געמוזט פיהרען מלחמה מיט די בענאַכבארטע לענדער, מיט ארגענטיניען און פאַראַגואַי; אחוץ דעם האָט זי געהאַט האַנדעל־ככסוכים מיט נאָרד־אַמעריקאַ און ענגלאַנד. די פיינדזעליגקייט צווישען די ווייסע און קאָלירטע ראַסען איז דאַמאָלס געוואָרען פיעל שארפער ווי אימער. עס האָבען געפעהלט שטאַאטסמענער מיט גרויסע טאַלאַנטען, וועלכע זאָלען ברייננגען דאָס לאַנד אין אַ רוהיגען צושטאַנד.

אין יאָהר 1871 איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין בראַזיליען אַ געזעץ, וועלכעס האָט געגעבען די שקלאַפען פאָלשטענדיגע עמאַנציפּאַציאָן. דיזעס געזעץ האָט געהאַט פיר דאָס לאַנד אַ גרויסע וויכטיגקייט. לויט דיזען גע-זעץ האָבען אַלע שקלאַפען געמוזט פרייגעלאָזען ווערען אין פערלויף פון 7 יאָהר. אום פּריוואַט־לייט צו פערגיטיגען דעם שאָדען איז געגרינדעט געוואָרען אַ ספּעציעלער פאָנד.

די רייכקייט פון בראַזיליען אין נאַטור־פּראָדוקטען איז אונגעהייער. איבערהויפּט איז בראַזיליען זעהר רייך אין פלאַנצען. זינט בראַזיליען האָט זיך בעפרייט פון דער פּאָרטוגעזישער דריקענדער הערשאַפט האָט זיך שטאַרק געהויבען די באָדען־קולטור און דער האַנדעל. אַלס ביישפּיל וועלען מיר נעהמען קאַפע. אין יאָהר 1823 האָט מען אַרויסגעפיהרט פון בראַ-זיליען 184 צענטנער קאַפע, אין יאָהר 1843 איז דער אַרויספיהר געשטיגען ביז 1,600,000 און אין יאָהר 1853 ביז 2,800,000 צענטנער. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען מיט דער צוקער־פּראָדוקציאָן. אין דעם זעלבען פערלויף פון צייט איז דער אַרויספיהר פון צוקער געוואַקסען פון 476,000 ביז 1½ מיליאָנען צענטנער. אָבער דאָס לאַנד קען נאָך אַרויסגעבען פיעל, זעהר פיעל מעהר. די קרעפטען פון לאַנד זיינען נאָך אַלץ ניט אויסגענוצט גע-וואָרען ווי געהעריג, און די אינדוסטריע איז יעצט נאָר אין שטאַנד צו בע-פרידיגען די וויכטיגסטע בעדערפניסען.

גירונג צוגעבען זעהר גרויסע שטיקער לאַנד צו די יונגע אַדעל-לייט און יעזואיטען מיט גרויסע פּריוויליגיעס.

דאָס אַלעס איז געווען צינד-שטאָף אום די פלאַם פון א רעוואָלוציאָן זאָל האָבען אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּען און צופלאַקערן זיך, ווען דער פּאָרטו-געזישער הויף איז געווען געצוואונגען אין יאָהר 1808 צו ענטלויפען פון פּאָרטוגאַל צוליב נאַפּאָלעאָן'ען און איז געקומען אין בראַזיליען. איבער-הויפּט האָט די פּאָרטוגעזישע רעגירונג אויפגערייצט געגען זיך די קאָלאָ-ניסטען אין בראַזיליען מיט איהר פערגעסערונג פון די אָפּגאַבען פון פער-שיידענע פּראָדוקטען, ערשווערונג פון שקלאַפען-האַנדעל, אויסברייטונג פון קעניגליכען רעכט אויף די גאָלד און דימענטען, וועלכע האָבען זיך געפונען אויף פּריוואַט-גרונד או. אז. וו. דאָס האָט געפיהרט צו אַן אויפשטאַנד אין יאָהר 1817. אין יאָהר 1821 האָט דער פּאָרטוגעזישער קעניג יאָהאַן צוגעזאָגט, דאָס ער וועט געבען א נייע קאָנסטיטוציאָן, און פאַר זיין אָפּ-רייזע צוריק נאָך פּאָרטוגאַל האָט ער געלאָזען זיין זוהן דעם קרוין-פּרינץ פּעדראָ אַלס רעגענט-פּרינץ. באַלד נאָכדעם האָט זיך בראַזיליען ענטזאַגט צו ווערען רעגירט פון פּאָרטוגאַל און דעם 1טען אויגוסט האָט זי זיך אָפּגע-ריסען פון פּאָרטוגאַל. דעם 18טען דעצעמבער איז דאָס פּעדראָ פּראָקלאַ-מירט געוואָרען אַלס קאָנסטיטוציאָנעלער קייזער אונטער דעם נאָמען דאָס פּעדראָ דער 1טער. די פּאָרטוגעזישע טרופּען האָבען געליטען פון די בראַזיליאַנער א שרעקליכע נידערלאַגע און האָבען געמוזט פערלאָזען בראַזיליען און צוריקציהען זיך נאָך פּאָרטוגאַל.

דאָם פּעדראָ דער 1טער האָט געהאַט פיעל מיה איינצושטילען די און-רוהען, וואָס זיינען ענטשטאַנען צוליב דער נייער קאָנסטיטוציאָן. אָבער דיזעס איז איהם ניט געלונגען. די בעפעלקערונג איז געווען ערביטערט, זאָגאַר דאָס מיליטער איז פון איהם אָפּגעפאַלען. ער איז געווען געצוואונ-גען צו ענטזאַגען זיך פון טראָן, וועלכען ער האָט בעשטימט פיר זיין 6-יעה-ריגען זוהן דאָם פּעדראָ דעם 2טען. דיזע ענדערונג איז געשעהען דעם 1טען אַפּריל 1831.

דער צושטאַנד פון שטאַאַט איז געווען א פערצווייפעלטער. די פי-נאַנצען זיינען געווען טרויעריג, די אַרמעע ניט זיכער, מען האָט אויף איהר טרייהייט ניט געקענט רעכנען; דאָס מיניסטעריום האָט ניט געהאַט קיין שטיצע פון וועלכער עס איז פּאַרטיי. די קאַמער פון פּאַרלאַמענט האָט גע-פּאַסט א געזעץ, לויט וועלכען דאָס לאַנד איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין א מאָנאַרכיע. די מאַכט פון דעם מאָנאַרך און די שטעלונג פון די איינ-

קאָמאַנדירט די סאָלדאַטען ביי זיין דערשיסונג. די אַרמעען האָט מען צו-לאָזען, ווייל מען האָט צו זיי ניט געהאַט קיין צוטרויען צוליב דעם נאַפּאָ-לעאָנישען גייסט, וואָס האָט דאָרט געהערשט. לודוויג דער 18טער האָט אויך צולאָזען דעם פּאַרלאַמענט און האָט געהייסען מאַכען נייע וואַהלען. דאָס האָט ער גראָד גוט געטאָן, ווייל דער אַלטער פּאַרלאַמענט איז געווען מעהר בורבאָניש ווי די בורבאָנען זעלבסט.

דעם 4טען נאָוועמבער 1816 איז צוזאַמענגעקומען דער נייער פּאַרלאַ-מענט. אין דיזען פּאַרלאַמענט האָט די מיטעל־פּאַרטיי געהאַט די מאַיאָ-ריטעט. די לינקע זיינען געווען ראַדיקאַל־פריידזיניגע מענער, וועלכע האָ-בען ערהאַלטען דעם נאָמען „ליבעראַלען״ (דאַמאַלס אַ שפּאַנישער נאָמען). אום צו געווינען די סימפּאַטיע פון פאָלק האָט דער פּרעמיער־מיניסטער רי-שעליע אַריינגעבראַכט אַ נייעם געזעץ, לויט וועלכען די צאָהל פון די וועה-לער איז פערגרעסערט געוואָרען פון 18,000 אויף 80,000. מיט דעם האָ-בען די בעזיצענדע בירגער ערהאַלטען די איבערגעוויכט.

אָבער מיט דיזען געזעץ זיינען ניט געווען צופרידען ניט די הייליגע אַלליאַנץ, ד. ה. דער בונד פון רוסלאַנד, פּרייסען און עסטרייך, און ניט די קלעריקאַלען. דיזע האָבען מיט זייער שרעקליכען פאַנאַטיזם פּעראורזאַכט אין זיד־פראַנקרייך הימעל־שרייענדע סצענעס, וועלכע קענען נאָר פערגלי-כען ווערען מיט די גרויזאַמקייטען, וואָס די צואווילדעטע מאַסע האָט בע-גאַנגען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן. אַלע פּראָטעסטאַנטען, באָנאַ-פּאַרטיסטען און רעפּובליקאַנער זיינען שרעקליך פערפאָלגט געוואָרען און הונדערטערווייז ערמאָרדעט געוואָרען מיט שרעקליכע מיתות משונות. מאָרד, רויב און בראַנד (שרפות) זיינען געווען געוועהנליכע טעגליכע ער-שיינונגען. אין דיזע גרוילטאַטען האָט דער קרייז גענומען אַ גלייכען אָנ-טייל מיט די קריסטליכע סאָלדאַטען: פּריסטער, מאָנאַכען צוזאַמען מיט פערווילדעטע טרופּען האָבען געמאָרדעט, געברענט און גערויבט. אין ענג-לישען פּאַרלאַמענט האָט דער לאָרד קאַסטלעריג געוואָלט אָפּשוואַכען דעם איינדרוק פון דער שוידערהאַפטער רעאַקציאָן דערמיט, וואָס ער האָט פאָר-געלעזען אַ בריף פון זיד־פראַנקרייך, אין וועלכען מען האָט איהם געשרי-בען, דאָס אין נימעס זיינען מעהר ניט ערמאָרדעט געוואָרען ווי 300 פּערזאָן און אין די דעפּאַרטעמענטען נאָר 1,000. וואָס פיר אַ שרעקליכע איראָניע דאָס איז!

די קלעריקאַלען און דער אַדעל האָבען געגלויבט, דאָס עס האָט זיך צו-ריקגעקעהרט זייער אַלטע צייט. זיי האָבען געהאָפט, דאָס יעצט וועט צו-

די געשיכטע פון פראַנקרייך.

אַ. די פּאָליטישע בעגעבענהייטען אין פראַנקרייך ביז דער רעוואָלוציאָן פון מאָנאַט יולי.

אונטער פרעמדע באַיאָנעטען זיינען די בורבאָנען אַריינגעפיהרט געוואָרען צוריק אין די טואילעריען (קייזערליכער פּאַלאַץ אין פּאַריז). דער צוריקקעהר פון די בורבאָנען צום טראָן איז געווען אַ שרעקליכער יום הדין פיר אַלע אָנהענגער פון נאַפּאָלעאָן'ען. די יעניגע, וואָס האָבען געבעטען פיר די באָנאַפּאַרטיסטען אַמנעסטיע, ווי טאַלל און פושע, זיינען דערוויטערט געוואָרען פון יעדען אָנטייל אין דער רעגירונג. די מיטגלידער פון פריהערדיגען קאָנווענט, וועלכע האָבען געשטימט פיר די הינריכטונג פון לודוויג דעם 16טען, זיינען פעריאָגט געוואָרען פון לאַנד. מענער פון הויכען אַלטער, ווי קאַרנאָט, קאָמבאָראַסערעס און סיעיעס, האָבען געמוזט פערלאָזען דאָס פּאָטערלאַנד, וועהרענד אַנדערע, ווי ק ע ל ל ע ר מ אַ נ ן, וועלכע האָבען זיך ערקלערט פיר לודוויג דעם 18טען און האָבען ניט גענומען קיין אָנטייל אין דעם אויפשטאַנד פון די הונדערט טעג, זיינען איינגעלאַדען געוואָרען צו הויכע שטעלעס. די 26 מיטגלידער פון אויבער־הויז, וועלכע האָבען אָנערקענט נאַפּאָלעאָן'ען אַלס פראַנצויזישען קייזער, ווען ער איז געקומען פון עלבאַ צוריק נאָך פּאריז, האָט לודוויג דער 18טער אַרויסגעטריבען פון פּאַרלאַמענט. עס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען אַ פּלאַן, דאָס די רעגירונג זאָל זיך ערקלערען באַנקראָט, אום צו שאַפען דערמיט שאַדען די באַנקירען פון נאַפּאָלעאָן'ס צייט, וועלכע האָבען געבאָרגט געלט דעם קייזערטום. די אָפיצערען און בעאַמטע, וועלכע זיינען אָפּגעפאַלען פון די בורבאָנען אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָן'ס צווייטען קייזערטום, זיינען כמעט אַלע פעראורטיילט געוואָרען צום טויט. אַזוי איז דער פּאָלקאָווניק ל אַ ב ע ד אָ י ע ר ע דערשאָסען געוואָרען. דעם זעלבען בעכער האָט אויך געטרונקען דער אַלטער בעריהמטער פעלדמאַרשאַל נ ע י. ער האָט אַליין

פרייהייט זיינען אין איינינע הינזיכטען געמילדערט געוואָרען. דער צענזור זיינען געוועזען אונטערוואָרפען נאָר זשורנאַלען, אָבער ניט קיין ביכער.

דיזע ליבעראַלע ריכטונג פון דער פּאָליטיק האָט אָנגעהאַלטען איינינע יאָהר. ביי די אַלע וואַהלען, וואָס זיינען שפּעטער פּאָרגעקומען, האָבען די רעאַקציאָנערען אַלץ געהאַט אַ זעהר קליינע מינאָריטעט. איבעראַל זיינען ערוועהלט געוואָרען פריינעזאָנענע מענער. רישעליע, וועלכער האָט גע-וואָלט ערפילען דעם וואונש פון דעם הייליגען בונד און פיהרען פראַנקרייך צוריק צו דער אַלטער אָרדנונג, האָט געמוזט רעזיגנירען און זיין פּאָרטפעל (מיניסטער־אמט) איז איבערגעגעבען געוואָרען צום ליבעראַלען ד ע ק אַ-ז ע ס. אין יאָהר 1819 איז אָנגענומען געוואָרען אין פּאַרלאַמענט אַ געזעץ, לויט וועלכען די מיניסטאָרען זיינען פעראַנטוואָרטליך פיר אַלעס, וואָס זיי טוען. אום אָפּצושוואַכען די מאַכט פון פּעירס (מיטגלידער פון אויבער־הויז פון פּאַרלאַמענט, ווי אין ענגלאַנד די לאָרדס), האָט דער קעניג בע-שטימט נייע 65 פּעירס און זאָגאַר צום גרעסטען טייל פון די אַלטע באָנאַ-פּאַרטיסטען און האָט מיט אַזאַ אופן פערשאַפּט דעם מיניסטעריום אַ גרויסע שטיצע אין פּאַרלאַמענט. באַלד נאָכדעם האָט די פּרעס ערהאַלטען פולע פרייהייט. פערברעכענס פון דער פּרעס האָט געמוזט פּאָרקומען פאַר אַ געריכט פון געשוואָרענע (דזשורי), אַזוי דאָס ניט אַ בעאַמטער פון דער רע-גירונג, נאָר דאָס פאָלק האָט בעדאַרפט ענטשיידען די שולד אָדער אונשולד פון דעם אָנגעקלאָגטען.

די רעגירונג אָבער האָט מיט איהר פּאָליטיק געהאַט ווייניג ערפאָלג. די וואַהלען האָבען געבראַכט אין פּאַרלאַמענט נאָר 7 מיטגלידער, וועלכע זיינען געוועזען איינשטימיג מיט די מיניסטאָרען. אויסער דעם האָבען זיך געפונען צווישען די ערוועהלטע אַזעלכע פערזאָנען, וועלכע האָבען ערוי-נערט די בורבאָנען זעהר אונאַנגענעהמע זאַכען פון דער פערגאַנגענהייט, ווי צום ביישפּיל דער בישאָף גרעגואַר פון בלואַ, וועלכער האָט שריפטליך פער-לאַנגט דעם טויט פון לודוויג דעם 16טען. יעצט האָט די רעגירונג בעשלאָ-סען צו ענדערן דאָס וואַהל־געזעץ. עס איז אָבער געוואָרען אַ שטאַרקע בע-וועגונג געגען דעם וואונש פון דער רעגירונג צו ענדערן דיזעס געזעץ. אָבער אונערוואַרטעט האָט זיך בעוויזען אין מיטען פון דער בעוועגונג אַ וויכטיגע נייעס אויף'ן פּאָליטישען הימעל פון פראַנקרייך און האָט געגעבען דעם גאַנצען צושטאַנד אַן אַנדער געשטאַלט.

דעם 13טען פעברואַר 1820 האָט דער הערצאָג פון ב ע ר ר י בע-גלייטעט זיין פרוי צום אָפּערא־הויז, און ווען ער איז געוועזען בערייט צו

ריק איינגעפיהרט ווערען די אָרדנונג, וואָס האָט עקסיסטירט פאַר דער רע-וואָלוציאָן מיט אַלע איהרע שרעקליכע מעשים תעתועים. זיי האָבען גע-וואָלט פערטיליגען, אויסוואָרצלען אַלע אידעען, וואָס די רעוואָלוציאָן האָט אויפגעוועקט אין דער געזעלשאַפט; זיי האָבען געוואָלט פערניכטען דעם גע-פיהל פון מענשען-ווירדע, דעם געפיהל, וואָס האָט בעזייטיגט דעם אונטער-שייד צווישען די פערשיידענע שטאַנדען, און מעהר פון אַלעם האָבען זיי געוואָלט פערניכטען די ליבע צו פרייהייט. עס פערשטעהט זיך, דאָס צו-זאַמען מיט דעם האָט געמוזט אָפּגעשאַפט ווערען די נייע פערטיילונג פון גרונד-בעזיץ, וועלכע איז געווען דער רעזולטאַט פון די קאָנפיסקאַציאָנען פון דער רעוואָלוציאָן, און פון דעם פערקויף פון די נאַציאָנאַל-גיטער, און אָנשטאָט דעם צוריק איינגעפיהרט ווערען גרויסע און קליינע גוטס-בעזיצער פון אַדעל און גייסטליכע מיט לייבאייגענע ווי אין די אַמאָליגע גוטע יאָה-רען. אויך די פרייהייט פון האַנדעל און אינדוסטריע האָט געמוזט אָפּגע-שאַפט ווערען, ווייל דיזע האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסע ענדערונג אין שטעד-טישען לעבען. מיט איין וואָרט, מען האָט געוואָלט פערניכטען און אָפּשאַ-פען אַלעס, וואָס פראַנקרייך האָט אויפגעשטעלט אין צייט פון אַ דור זינט דער רעוואָלוציאָן, און פעסטצושטעלען אַ נייע פערפאַסונג אויף די פרינ-ציפּען פון די אַלטע גוטע צייטען פון פעאָדאַל-אָרדנונג.

דאָס קעניגטום זעלבסט האָט ניט געהאַט דעם מוט צו געהן האַנט אין האַנט מיט דיזע קלאַסען און שטיצען זיך אויף דעם אַדעל און די קלעריקאַ-לען. דאָס קעניגטום האָט גוט פערשטאַנען, דאָס די אָרדנונג פון דיזע אַלטע צייטען איז אַוועק אויף אימער, זי וועט זיך שוין מעהר ניט צוריקקעהרען, און דעריבער האָט עס זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם בירגערטום. די קרוין און דאָס מיניסטעריום האָבען געהאַלטען פיר בעסער אָנצונעהמען ליבעראַלע מאַסרעגלען. און דאָס איז געווען די אורזאַך, וואָרום דער דעספּאָטישער טראָן פון די בורבאָנען האָט זיך בעפּוצט מיט דעם לאָרבער-קראַנץ פון פרייהייט.

אין דער ערסטער זיצונג פון דעם נייעם פּאַרלאַמענט האָבען די ראָ-יאַליסטען און די רעאַקציאָנערען זיך איבערצייגט, דאָס זיי זיינען די מינאָ-ריטעט. דאָס האָט זיי שטאַרק ערביטערט. זייער פּאַרטיי האָט ניט געהאַט אין פּאַרלאַמענט קיין איינפלוס. עס איז געפּאַסט געוואָרען אַ נייעס גע-זעץ, לויט וועלכען די יאָהל פון שטים-בערעכטיגטע איז פיעל פערגרעסערט געוואָרען. אויך די בעשרענקונגען פון פּרעס-פרייהייט אוז פערזענליכער

און האָבען געשריען: „לעבען זאָל די פּאַרטיי!" די רעגירונג האָט אָבער געברויכט אַלע מיטלען, וואָס זיינען געווען אין איהר מאַכט, און האָט די בעוועגונג אונטערדריקט.

די רעאַקציאָן האָט געשטיגען העכער און העכער. צוליב דעם נייעם וואהל־סיסטעם האָבען די ליבעראַלען פערלאָרען זייערע ערטער אין פּאַר־לאַמענט איינעם נאָך דעם אַנדערען. אין יאָהר 1824 האָבען זיי שוין מעהר ניט געהאַט ווי 19 זיצען. זאָגאַר לאַפאַיעטט איז שוין מעהר ניט ערוועהלט געוואָרען. אין יאָהר 1823 האָט פראַנקרייך, ד. ה. די רעגירונג פון פראַנק־רייך, זיך ערלויבט צו העלפען מיט מיליטערישער מאַכט די בורבאָנען אין שפּאַניען. די ליבעראַלען האָבען געטאָן אַלעס מעגליכע אום ניט דערלאָזען דער רעגירונג צו דיזען שריט, וועלכער וועט ברייננגען דעם לאַנד נאָר שאַדען און ניט קיין נוצען; אויסער דעם האָבען די ליבעראַלען ערקלערט, דאָס דער גאַנצער צוועק פון דעם אַריינמישען זיך פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אין די אַנגעלעגענהייטען פון שפּאַניען איז צו בעגראָבען דאָרט די קאָנסטי־טוציאָן מיט די פּרינציפּען פון פרייהייט, וואָס די פעלקער האָבען געוואונען נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, און פון דאָרטען, פון שפּאַניען, זאָל דער גייסט פון רעאַקציאָן פערשפּרייט ווערען איבער'ן גאַנצען אייראָפּעאי־שען קאָנטינענט, עס פערשטעהט זיך, פראַנקרייך אויך אַריינגערעכענט, און אַזוי וועט מען פּטור ווערען פון פרייע רעדע און פון פרייע פּרעס, און די אַלטע גוטע יאָהרען וועלען זיך צוריקקעהרען. אין דיזען זין האָט גע־האַלטען אַ פייערדיגע רעדע דער ליבעראַלער דעפּוטאַט בּיניאָן.

שטאַרקער און לעבעדיגער זיינען געווען די סצענעס, וועלכע מאַ־נועל, דער דעפּוטאַט פון ווענדעע, האָט אַרויסגערופען אין פּאַרלאַמענט. „מען בעהויפּטעט", האָט ער געזאָגט, „דאָס דער רעוואָלוציאָנערער גייסט איז געפעהרליך פיר די געזעלשאַפט. איז דען דער געגען־רעוואָלוציאָנערער גייסט, דער גייסט פון רעאַקציאָן, ווייניגער געפעהרליך? די רעוואָלוציאָ־נערען קענען ווירקליך אַמאָל איבערטרייבען און צו ווייט פערקריכען, אָבער מען קען דאָך פאָרט צו עפּעס קומען, ווען מען געהט פאָרווערטס! די גע־גען־רעוואָלוציאָן אָבער שאַפט גאָרניט, זי צושטערט נאָר וואָס די רעוואָ־לוציאָן האָט געבויט, און זעהר אָפט פיהרט זי צו אַ נייער רעוואָלוציאָן. איהר ווילט די פריינד פון פרייהייט, וועלכע האָבען אייך פריהער געראַטעט, איבערגעבען צו די תליונים, פערטרייבען פון פאָטערלאַנד און פערשיקען אויף קאַטאָרגע. איז דאָס די גאָלדענע צייט, וואָס איהר ווילט פערשאַפען שפּאַניען? ווען פערדינאַנד איז אין יאָהר 1814 צוריקגעקומען נאָך שפּאַ־

געהן מיט איהר צוריק נאָך הויז איז צו איהם צוגעגאַנגען אַן אונבעקאַנטער און האָט איהם אַריינגעשטאָכען אין ברוסט אַ לאַנגען מעסער. דער הער-צאָג איז באַלד געפאַלען, און אויסשרייענדיג „איך בין ערמאָרדעט" איז ער געבליבען אין אָהנמאכט. אויף'ן אנדערען טאָג אין דער פריה איז ער גע-שטאָרבען. ווען מען האָט געכאַפּט דעם מערדער, וועלכער איז געווען אַ זאָטעל-ארבייטער, האָט ער ערקלערט, דאָס זינט דעם יאָהר 1814 טראָגט ער זיך אַרום מיט אַ שרעקליכען האַס אויף די בורבאָנען, ווייל ער רעכענט זיי אַלס די גרעסטע פיינד פון פאָטערלאַנד; ער האָט דעריבער בעשלאָסען צו ערמאָרדען אַלע פון זיי, אָבער ענדליך האָט ער זיך בערעכענט, דאָס עס וועט זיין גענוג צו ערמאָרדען דעם הערצאָג פון בעררי, ווייל ער איז די האָפנונג פון דער גאַנצער דינאַסטיע.

דיזע מאָרדטאַט האָט געמאַכט אַ טיפען איינדרוק אין גאַנץ פראַנקרייך. די רעאַקציאָנערען זיינען געוואָרען שרעקליך אויפגעבראַכט אויף דעקאַזעס, ווייל ער איז געווען דער שעפער פון דער ליבעראַלער ריכטונג. „דער פוס פון דיזען מיניסטער האָט זיך אויסגעגליטשט אין בלוט", זאָגט שאַטאָבריאַנד. דעקאַזעס האָט געמוזט רעזיגנירען, און זיין שטעלע האָט אין אַ קורצער צייט פערטרעטען ווילעלע, וועלכער איז פריהער געווען דער פיה-רער פון די מעסיגע רעכטע. די מאַכט פון די רעאַקציאָנערען איז שנעל געוואַקסען און די ליבעראַלען האָבען פערלאָרען זייער מאַכט. אין פּאַר-לאַמענט און אין גאַנצען לאַנד זיינען דאַמאָלס געבליבען נאָר צוויי גרויסע פּאַרטייען: די קעניגליכע, וועלכע האָט געהאַלטען מיט דעם מיניסטעריום און וועלכע האָט געטריבען די רעגירונג צו געהן ריקווערטס צו דער אַלטער אָרדנונג, און די ליבעראַלע פּאַרטיי, וועלכע האָט אויף יעדען שריט געצייגט דער רעגירונג איהר מיסטרויען און האָט איהר אימער געשטערט אין איהר וועג.

דער שטראָם פון רעאַקציאָן האָט פערפלייצט גאַנץ פראַנקרייך. אין מערץ איז אָנגענומען געוואָרען אַ געזעץ, וועלכעס האָט געגעבען דער רעגי-רונג דאָס רעכט צו אַרעסטירען וועמען זי וויל, זאָגאַר ווען עס איז דערצו ניטאָ קיין געזעצליכער גרונד. אַ ביסעל שפּעטער איז אויך איינגעפיהרט געוואָרען די צענזור. דעם 12טען יוני איז דורכגעפיהרט געוואָרען אַ נייעס וואהל-געזעץ, לויט וועלכען די גרויסע גרונד-אייגענטימער האָבען בעקומען דאָפּעלטעס שטימרעכט. די הויפּטשטאָדט, פּאַריז, איז געווען שטאַרק אויפ-געבראַכט געגען דיזער רעאַקציאָן, אָבער זי האָט גאָרניט געקענט טאָן. פיעלע טויזענדער האָבען געמאַכט אַ דעמאָנסטראַציאָן איבער די בולוואַרען

וואָלט אויסמיידען אַ סקאַנדאַל, אָבער היינט וויל איך האָבען מיין וואָרט".
דער פּרעזידענט האָט געשלאָסען די זיצונג אויף אַ שטונדע און האָט געהיי-
סען די זאַל-דינער רופען אַ בעוואַפענטע מאַכט, ווען עס וועט זיין נעטיג,
אום אַרויסצופיהרען מאַנועל'ן. די זאַל-דינער האָבען פאַרגעלעזען דעם בע-
פעהל, אָבער מאַנועל האָט זיך ניט גערוהרט פון אָרט. דאַן זיינען די זאַל-
דינער אוועק און זיינען באַלד צוריקגעקומען מיט אַ באַטאַליאָן סאָלדאַטען
פון דער נאַציאָנאַל-גוואַרדיע מיט אַ שעף אום אויסצופיהרען דעם בעפעהל
פון פּרעזידענט. עס איז צווישען די מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט געוואָרען
אַ שרעקליכער לאַרם. „ווי", האָט אויסגעשריען דער גרייז-גרויער לאַ-
פאַיעטט, „מען האָט גערופען די נאַציאָנאַל-גוואַרדיע אום צו פערשוועכען
דאָס היילינגטום פון פאָלקס-פערטרעטער? זאָל די נאַציאָנאַל-גוואַרדיע זיך
אַזוי ענטעהרען? וועט זי אויף אַן ערוועהלטען פון פאָלק לעגען אַ האַנט?"
דערהערענדיג לאַפאַיעטט'ס ווערטער האָט דער סערדזשאַנט אַ דערשראָקע-
נער צוריקגעטרעטען, און די גאַנצע מיליטערישע מאַכט, וואָס איז אַריינ-
געבראַכט געוואָרען אין זאַל אום אַרויסצופיהרען מאַנועל'ן פון פּאַרלאַמענט,
האָט ניט געוואָלט אונטערנעהמען קיין זאַך.

דאַן האָט מען געבראַכט אין זאַל זשאַנדאַרמען. „וואָס, זשאַנדאַרמען
אין פּאַרלאַמענט?!" האָט גענעראַל פּ ו אַ אויסגעשריען צו זיי. דערויף
האָט דער קאָמאַנדיר פון דער זשאַנדאַרמעריע געענטפערט: „די זשאַנדאַר-
מעריע איז געקומען אין זאַל נאָר אום צו אונטערשטיצען די נאַציאָנאַל-
גוואַרדיע; איך פאָדער אויף הערן מאַנועל צום לעצטען מאָל צו פאָלגען
וואָס עס איז בעשלאָסען געוואָרען אין פּאַרלאַמענט. עס וועט מיר טאָן
זעהר לייד צו געברויכען געוואַלט געגען אַ פערטרעטער פון פאָלק, אָבער
איך מוז טאָן מיין פליכט". „אַלזאָ ברויכט געוואַלט!" האָט מאַנועל גע-
זאָגט, און ער איז אַרויסגעשטויסען געוואָרען פון זאַל. אַלע ליבעראַלע דע-
פּוטאַטען האָבען איהם בעגלייט ביז דעם וואָגען, וואָס האָט איהם בעדאַרפט
אָפּפיהרען צו זיין הויז. נאָכדעם האָבען די 62 ליבעראַלע דעפּוטאַטען דער-
לאַנגט צום פּרעזידענט פון פּאַרלאַמענט אַ פּראָטעסט, און האָבען מעהר ניט
געוואָלט נעהמען קיין אָנטייל אין די פערהאַנדלונגען. די דעפּוטאַטען פון
דער רעכטער זייט זיינען יעצט געווען די בעלי-בתים אין פּאַרלאַמענט און
האָבען געקענט דורכפיהרען אַלע פּראָיעקטען, וואָס זיינען פאָרגעלעגט גע-
וואָרען, אָהן שום שטערונג פון די ליבעראַלען. זיי האָבען זיך ווירקליך
בענוצט מיט דיזען צופאַל און האָבען אָנגענומען אַלע פאָרשלאַגען פון דער
רעגירונג.

ניען האָט ער געדאַנקט די קאָרטעס (דעם שפּאַנישען פּאַרלאַמענט) פיר אַלעס, וואָס זיי האָבען געטאָן פיר דאָס לאַנד, ווייל זיי האָבען מיט דער הילף פון זייער קאָנסטיטוציאָן איהם צוריקגעבראַכט צום טראָן, און ניט אַכטענדיג דערויף איז זיין רעגירונג געווען שרעקליך. איהר האָט געוואָלט רעטען פערדינאַנד׳ס לעבען, און איהר האָט פערגעסען, דאָס די סטואַרט׳ן זיינען געשטירצט געוואָרען, ווייל זיי האָבען געזוכט פראַנקרייך׳ס הילף; איהר האָט פערגעסען, דאָס לודוויג דעם 16טען׳ס קאָפּ איז געפאַלען נאָר ווייל פרעמדע האָבען זיך געוואָלט מישען אין פראַנקרייך׳ס זאַכען!"

דיזע רעדע איז אונטערגעבראָכען געוואָרען מיט אויסגעשרייען פון אַנדערע מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט: „איהר האָט דעם מוט צו רעכטפערטיגען דעם קעניג׳ס מאָרד?" אָבער דער רעדנער האָט זיך ניט געלאָזט שטערען און האָט פאָרטגעזעצט זיין רעדע מיט נאָך א העכערער שטימע: „די אורזאַך איז געווען, ווייל צוליב דעם, וואָס פרעמדע זיינען אַריבער די גרענצען און זיינען אריין אין פראַנצויזישע פּראָווינצען צו מישען זיך אין איהרע אַנגעלעגענהייטען, האָט דאָס פראַנצויזישע פאָלק געפונען פיר נעטיג צו צייגען נייע קרעפטען, פרישע ענערגיע צו זיין פערטיידיגונג, און..." מאַנועל האָט שוין ניט געקענט ענדיגען די פראַזע, ווייל עס האָט זיך אויפגעהויבען אין פּאַרלאַמענט א שרעקליכער שטורם. אַלע מיטגלידער פון דער רעכטער זייט האָבען זיך אויפגעהויבען ווי איין מאַן און האָבען ערקלערט, דאָס זיי ווילען מעהר ניט זיצען צוזאַמען מיט א מאַן, וועלכער האַלט א לויב־רעדע צו דעם מאָרד פון א קעניג. דער פּרעזידענט האָט זיך געגעבען פיעל מיה אויפצוהאַלטען די אָרדנונג, אָבער עס איז איהם ניט געלונגען. די מיטגלידער פון דער רעכטער זייט האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל מאַנועל׳ן אַרויסשטויסען פון פּאַרלאַמענט. עס איז געוואָרען א שרעקליכער טומעל און די זיצונג איז געשלאָסען געוואָרען.

דעם 3טען מערץ איז פערהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען אויסשליסען מאַנועל׳ן פון פּאַרלאַמענט. עס זיינען פאָרגעקומען שטירמישע דעבאַטען, אָבער צו ענדע איז אָנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציאָן, דאָס מאַנועל זאָל אין צייט פון א גאַנצען יאָהר ניט בעזוכען דעם פּאַרלאַמענט. ניט אַכטענדיג דערויף, איז מאַנועל געקומען אויף דעם אַנדערען טאָג אין פּאַרלאַמענט אַרומגערינגעלט פון אַלע ליבעראַלען. דער פּרעזידענט האָט געפאָדערט, אַז ער זאָל אַרויסגעהן פון זאַל. דערויף האָט איהם מאַנועל געענטפערט: „נעכטען האָב איך איינגעשטימט צו דער רעזאָלוציאָן, דאָס איך זאָל פערלאָזען דעם פּאַרלאַמענט אויף א יאָהר צייט, ווייל איך האָב גע-

טער פּאַרשלאַג איז געווען, אַז מען זאָל בעשטימען 50 מיליאָנען פראַנק אַ יאָהר צו העלפען די עמיגראַנטען, וואָס פערלאָזען דאָס פּאַטערלאַנד. די ליבעראַלען זיינען געווען שטאַרק געגען דיזען פּלאַן, ווייל זיי האָבען בע-טראַכט די אויסוואַנדערונג אַלס אַ גרויסען שאָדען פיר דאָס פּאַטערלאַנד.

אָבער די פּראָטעסטען פון די ליבעראַלען האָבען גאָרניט געהאָלפען און דער פּאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען. אויך די געזעצען וועגען קיר-כען־שענדונג זיינען אָנגענומען געוואָרען. דיזע געזעצען זיינען געווען אַ שאַנדע פיר די נייע צייט. זיי האָבען מעהר געפּאַסט פיר די באַרבאַרישע צייט פון די קרייץ־צוגען. אַזוי, צום ביישפּיל, איז בעשטימט געוואָרען טויט־שטראָף פיר ניט נוהג כבוד זיין די קירכליכע הייליגע כלים. די קירכע האָט ווידער אויפגעהויבען דעם קאָפּ. אַ בישאָף איז געוואָרען מי-ניסטער פון רעליגיאָן און בילדונג, די יעזואיטען זיינען געוואָרען די הויפּט־פיהרער פון פאָלקס־בילדונג, די רייכע האָבען אָנגעטאָן אַ מאַסקע פון פרומ-קייט אום צו געפעלען דעם קעניג.

דורך אַזאַ מין רעגירונג האָט קאַרל דער 10טער פערלאָרען דעם צו-טרויען, וועלכען דאָס פאָלק האָט צו איהם געהאַט ווען ער איז ארויף אויף דעם טראָן. די לידער פון דעם גרויסען פּאָעט פון יענער צייט בעראַנ-זשער האָבען דורך סאַטירישע פערזען אָנגעהויבען צו בעקעמפען דעם טראָן פון די בורבאָנען. דאָס פאָלק האָט לעזענדיג דיזע פערזען געלאַכט פון די בורבאָנען, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט עס אויך געלערנט צו הא-סען די קעניגליכע דינאַסטיע פון טיפען הארצען. דאָס פאָלק האָט זיך גע-שעמט, עס האָט גערעכענט פיר אַ שרעקליכע ערנידריגונג צו זיין אונטער דער הערשאַפט פון אַזעלכע אונמענשען און טויגעניכטסען. איבערהויפּט האָט דאָס פאָלק שטאַרק מורא געהאַט, דאָס די רעגירונג מיט איהר רעאַק-ציאָן וועט פערניכטען די גיטער, וואָס דאָס פאָלק האָט מיט אַזוי פיעל בלוט און אָפּפער ערוואָרבען דורך די רעוואָלוציאָן.

וויללעלע איז דורך די רעאַקציאָן אָפּגעשטויסען געוואָרען מעהר און מעהר אין הינטערגרונד. באַלד האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבען אַ נייעס געזעץ פיר מאָנאַסטירען; באַלד זיינען אַרויס נייע געזעצען, וועלכע האָבען געצילט איינצופיהרען צוריק דאָס אַלטע פעאָדאַל־סיסטעם; באַלד זיינען אַרויס נייע געזעצען וועגען צענזור. דאָס פאָלק איז געווען זעהר ערביטערט. זאָגאַר די געלעהרטע פון דער אַקאַדעמיע, וועלכע זיינען געווען ווייט פון פּאָליטיק, האָבען דערלאַנגט צום קעניג אַ ביטשריפט, אַז ער זאָל ניט דער-לאָזען דורכפיהרען די אויבען־דערמאַהנטע פּאַרשלאַגען. אָבער די דעלע-

דער ערפאָלג, וואָס די פראַנצויזישע אַרמעע האָט געהאַט אין שפּאַניען, האָט צוגעגעבען פיעל מוט צו דער קעניגליכער פּאַרטיי. די רעאַקציאָנערען האָבען גערעכענט, דאָס יעצט מוז די רעוואָלוציאָן אין שפּאַניען אין גאַנצען דערשטיקט ווערען. יעצט, האָבען זיי גערעכענט, מוז מען זיך צואיילען און מאַכען אויך אין פראַנקרייך אַן ענדע צו די רעוואָלוציאָנערע און פרייע אי- דעען, וועלכע פערגיפטען די געזעלשאַפט און שטערען אימער די רוה אין לאַנד. מען האָט אַזוי געענדערט די וואַהל-געזעצען, דאָס די מיטגלידער פיר דאָס געזעצגעבענדע הויז זאָלען ערוועהלט ווערען אויף 7 יאָהר. אוי- סער דעם האָבען זיך פון אַלע זייטען געלאָזען הערען פאָדערונגען, אַז מען זאָל צוריק הערשטעלען די מאַכט פון דער קירכע.

דעם 16טען סעפּטעמבער 1824 איז געשטאָרבען לודוויג דער 18טער. זיין נאָכפאָלגער איז געוועזען זיין ברודער קאַרל דער 10טער, וועל- כער איז שוין דאַמאָלס אַלט געוועזען 67 יאָהר און איז געוועזען דורכגעדרונגען מיט די אידעען, וואָס האָבען געהערשט פאַר דער רעוואָלוציאָן. אין די ערסטע טעג פון זיין רעגירונג האָט מען צוריק איינגעפיהרט די טיטלען, וועלכע זיינען געוועזען געגען דעם גייסט פון דער געגענוואַרט. די צענזור האָט זיך פערשטאַרקט. דעם גרעסטען איינפלוס אויף'ן קעניג האָבען גע- האַט זיינע פּערזענליכע פריינד, וועלכע זיינען געוועזען פון די הייסעסטע רע- אַקציאָנערען. די קלעריקאַלען האָבען בעקומען אַ זעהר שטאַרקען איינפלוס אויף אַלע צווייגען פון דער פערוואַלטונג. די יעזואיטען האָבען ווידער אָנגעהויבען צו שפּילען אַ גרויסע ראָלע איבעראַל און אין אַלעס. צווישען די פּעירס (מיטגלידער פון אויבער-הויז) האָבען די יעזואיטען געהאַט גע- היימע מיטגלידער; אין דעם אונטער-הויז האָבען זיי געהאַט אויף זייער זייט אַ מאַיאָריטעט פון דעפּוטאַטען. אַזוי האָבען די יעזואיטען בעקומען אין דער צייט פון קאַרל דעם 10טען אַ גרויסען איינפלוס אין די רעגירונגס- ספערען אין פראַנקרייך.

שוין די טראָן-רעדע האָט געצייגט די ריכטונג, וועלכע די רעאַקציאָן איז געניינגט אָנצונעהמען. אין דיזער רעדע האָט דער קעניג אויך בעריהרט די רעליגיאָנס-פראַגע און האָט אויסגעדריקט זיין וואונש, דאָס איינינגע פאָ- דערונגען פון דער קירכע זאָלען ערפילט ווערען. דערביי האָט ער געגעבען אָנצוהערענים, דאָס מען דאַרף זיך געבען די מיה אויסצוהיילען איינינגע וואונדען פון דער רעוואָלוציאָן. באַלד נאָך דעם זיינען אריין אין פּאַרלאַמענט צוויי פאָרשלאַגען: איינער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל בעשטימען טויט- שטראָף פיר אַ גאַנצע רייהע פון פערברעכענס געגען דער קירכע; דער צוויי-

גוואַרדיע; זי האָט זיך איבערצייגט, דאָס פון די בירגער־סאָלדאַטען קען זי ניט ערוואַרטען קיין גוטעס, און דאָס זי קען זיך נאָר שטיצען אויף דעם רעגעלמעסיגען מיליטער.

דער אַקט, וואָס די רעגירונג האָט צולאָזען די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, האָט שרעקליך אויפגעבראַכט די בורזשואַזיע. דער־פאר זיינען די רעאַקציאָנערען געוואָרען ביי זיך פיעל שטאַרקער און האָבען נאָך מעהר פעררייסען דעם

בעראַנזשער.

קאָפּ. זיי האָבען געגלויבט, דאָס דערמיט איז צוגענומען געוואָרען פון פאָלק די לעצטע וואַפע. קאַרל דער 10טער איז געגאַנגען אין זיין רעאַקציאָן נאָך ווייטער; ער האָט זיך אַליין גענומען די רעכטען צו בעשטימען נייע 76 פּעירס אין דעם אויבער־הויז אום צו צוברעכען דערמיט דעם ווידערשטאַנד פון דער פּעירס־קאַמער, און דעם 6טען דעצעמבער 1827 האָט ער אין גאַנצען

גאַטען, וואָס מען האָט דורך זיי געשיקט די ביטשריפט צום קעניג, האָט מען גאָרניט צוגעלאָזען צו איהם, און די דריי אַקאַדעמיקער, וועלכע האָבען פער-פאַסט די ביטשריפט, האָט מען ענטזאַגט פון זייערע עמטער. צוליב דיזען שענדליכען אַקט איז די ערביטערונג פון פאָלק געשטיגען אַזוי הויך, דאָס זאָגאַר דאָס אויבער־הויז איז געוועזען געגען דיזע געזעצען. די רעגירונג האָט געמוזט איהרע פאָרשלאַגען צוריקציהען. אַ גרויסער טייל פון פאַריז האָט

קאַרל דער 10טער.

יענעם טאָג געמאַכט גרויסע אילומינאַציעס. גרויסע מאַסען פון פאָלק זיי-נען געלאָפען איבער די גאַסען און האָבען זיך פרעהליך געמאַכט ווען זיי האָבען דערהערט דעם זיג איבער די רעגירונג. די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע האָט איינינע מאָל אויסגעשריען: „נידער מיט די מיניסטאָרען! נידער מיט די יעזויטען!“ די רעגירונג האָט דערפאַר אָפגעשאַפט די נאַציאָנאַל-

דאס נייע מיניסטעריום האט אבער גוט פערשטאנען, דאס עס מוז וועניגסטענס אפשאפען די שלעכטע האנדלונגען פון דעם פריהערדיגען מיניסטעריום, געגען וועלכען די פאלקס-מיינונג איז געווען שטארק אויפגעבראכט. דאס נייע מיניסטעריום האט בעזעצט די העכערע שטעלעס מיט מעסיגע מענער; עס האט די אקאדעמיקער, וועלכע זיינען ארויסגעטריבען געווארען פון דער אקאדעמיע צוליב זייער ביטשריפט, ווידער געזעצט אויף זייערע שטעלעס; עס האט געמאכט אן ענדע צו דעם כאבאר און שווינדעל פון די וואהלען, און מען האט צוריק איינגעפיהרט די מילדערע פרעס-געזעצען פון יאהר 1819, וועלכע האבען געגעבען דעם פאלק מעהר פרייהייט.

צוליב דיזע ליבעראלע מאסרעגלען האט דאס מיניסטעריום בעקומען די מאיאריטעט אין די קאמערן, אזוי דאס עס האט געקענט דורכפיהרען זיינע פארשלאגען. נאר אין הויף האבען די מיניסטארען ניט געהאט קיין שטיצע. מען האט דארט די מיניסטארען ניט געקענט פערצייהען, וואס זיי וויכען אפ מעהר און מעהר פון דעם וועג פון די פריהערדיגע מיניסטארען. דער קעניג האט גערעכענט זיינע נייע מיניסטארען פיר זעהר אונפעהיגע פאליטיקער און האט עס זעהר אפט געזאגט אפען אין דעם קרייז פון זיינע פערטרויטע. ער האט איינמאל געזאגט צום גראף שאבראל, וועלכער האט צוזאמענגעשטעלט דיזעם מיניסטעריום: „איהר האט מיר אמת געגעבען זעהר עהרליכע מענער, אבער זיי זיינען זעהר טרויעריגע פאליטיקער מיט זעהר שוואכע קעפ. שטעלט אייך פאר, דאס זיי זיינען פעהיג צו צושטערען היינט דאס, וואס זיי האבען נעכטען אויפגעבויט; זיי לאזען זיך פיהרען פון קאפריזען און אפפערן אויף די פאררעכטען פון דער קרוין". די מיניסטארען האבען ניט געמערקט דיזע שטימונג פון קעניג און זיינען זיך ווייטער געגאנגען אויף דעם זעלביגען וועג. זיי זיינען געווען איבערצייגט, דאס נאר ווען די רעגירונג וועט זיך האלטען פעסט אן דער קאנסטיטוציאן וועט דאס פאלק זיין צופרידען מיט די בורבאנען.

די מיניסטארען האבען בעשלאסען צו בעשרענקען די צו גרויסע פרעטענזיעס פון די גייסטליכע, וועלכע האבען שוין צו פיעל אויפגעהויבען דעם קאפ. קיינער האט ניט געקענט צוגעלאזען ווערען צו א שטעלע אין אן ערציהונגס-אנשטאלט ווען ער האט געהערט צו א געזאמענשאפט, וועלכע איז ניט אנערקענט געווארען פון דעם געזעץ אלס צופערלעסיג. זאגאר די פריסטער-שולען זיינען געשטעלט געווארען אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג. מען האט ניט ערלויבט אריינצונעהמען אין די שולען מעהר שילער, ווי פיעל עס איז געווען נעטיג אום צו ערגענצען די צאהל גייסטליכע, וואס

אויפגעלעזט די דעפּוטירטע־קאַמער. ער האָט גערעכענט, דאָס די נייע וואהלען וועלען איהם ברייננען אַ מעהרהייט, וועלכע וועט שטימען מיט זיינע רעאַקציאָנערע פּלענער. אָבער דאָ האָט ער זיך פּעררעכענט. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס די מעהרהייט איז געווען צו די מיניסטאָרען זעהר פיינדליך. די נידערלאַגע פון דער רעגירונג איז געווען זעהר גרויס. די רעגירונג האָט נאָר געהאַט 70 שטימען, וועהרענד די אָפּאָזיציאָן האָט געהאַט 360 שטימען. די פרייד פון דער בורזשואַזיע איז געווען אונגע-הייער גרויס. די מעהרסטע גאַסען פון פּאַריז זיינען געווען אילומינירט. גרויסע מאַסען מענשען זיינען געגאַנגען און געלאָפען איבער דער שטאָדט און האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פון גרויס פרייד. די רעגירונג האָט בכיוון אַרויסגערופען צוזאַמענשטויסען, אום זי זאָל האָבען דאָס רעכט צו געברויכען שטרענגע מאַסרעגלען אויפצוהאַלטען די אָרדנונג. עס זיינען געלאָפען דורך די גאַסען זשאַנדאַרמען רייטענדיג אויף פערד אום צו צו-טרייבען די מאַסען. דיזע, אום ניט צוטרעטען צו ווערען אונטער די פערד, האָבען געמאַכט באַריקאַדען. עס האָט זיך ווידער געגאָסען בלוט אין פּאַ-ריזער גאַסען, און דער טעלעגראַף האָט צוטראָגען איבער דעם גאַנצען לאַנד די נייעס, דאָס עס איז אין פּאַריז אַ נייער אויפשטאַנד און דער טראָן איז אין געפאַהר. דערמיט האָט די רעגירונג גערעכענט צו געווינען די סימ-פּאַטיע פון פאָלק ביי די נייע וואַהלען. אָבער זי האָט זיך פּעררעכענט. די וואהלען זיינען ווידער אויסגעקומען ניט גינסטיג פיר דאָס מיניסטעריום.

וויללעלע האָט זיך מעהר ניט געקענט האַלטען. דעם 3טען יאַנואַר 1828 האָט ער געמוזט רעזיגנירען. דאָס בירגערטום האָט געזיגט. מען האָט אָבער קלאָר פאָרויסגעזעהען דעם אויסברוך, וועלכען מען קען ערוואַר-טען פון דיזען זיג.

די בילדונג פון אַ נייעם מיניסטעריום איז צוגעגאַנגען זעהר ניט עהר-ליך. דער קעניג האָט גאָרניט געדענקט צו פערלאָזען דעם אַלטען וועג. ער האָט גערעכענט, דאָס ער וועט דערווייל געבען דעם פאָלק איניגע הנחות, נאָכגעבען איניגע פאָדערונגען, וועלכע ער וועט אין אַ קורצע צייט צוריק-נעהמען. ער האָט דערמיט גערעכענט צו געווינען פיר אַ קורצע צייט די פאָלקס־מיינונג. די נייע מיניסטאָרען זיינען געווען פון דעם זעלבען סאָרט ווי דאָס מיניסטעריום פון וויללעלע. אָן דער שפּיץ פון דעם נייעם מיניס-טעריום איז געשטעלט געוואָרען העררר פון מ אַ ר ט י נ י אַ ק , וועלכער איז געגאַנגען אין דעם וועג פון וויללעלע און האָט ביז צולעצט פערטיידיגט אַלע גוטע און שלעכטע מאַסרעגלען פון זיין פאָרגענגער.

וועלכער צייגט מיט וועלכע געדאַנקען דער קעניג האָט זיך דאַמאָלס אַרומ-
געטראָגען. „ווי האָט איהר געפונען די קאַמער?” האָט דער קעניג קאַרל
דער 10טער געפרעגט. „מיאוס”, האָט דער מיניסטער גענעראַל דע קאָ גע-
ענטפערט. ער איז נאָך געווען אונטער דעם אונאַנגענעהמען איינדרוק פון
דער דעבאַטע. דער קעניג האָט איהם דאַן גענומען אָן אַ זייט און האָט
צו איהם געזאָגט: „יעצט וועט איהר דאָך מיר צוגעבען, דאָס דער צושטאַנד
קען אַזוי לענגער ניט בלייבען. קען איך מיך פערלאָזען אויף די אַרמעע?”
דער קריגס־מיניסטער האָט באַלד איינגעזעהען, דאָס ער איז ניט געווען גע-
נוג פאָרזיכטיג, און האָט געענטפערט: „עס ווענדט זיך אָן דעם, צו וועלכען
צוועק מען וויל געברויכען די אַרמעע”. „אונבעדינגט!” (צו וואָס עס איז,
צו אַלעם), האָט דער קעניג געענטפערט. דערויף האָט דער מיניסטער גע-
זאָגט: „ווען אייער מאַיעסטעט וועט עטוואָס פערלאַנגען פון דער אַרמעע,
און וועט איהר צייגען די שאַרטע, און וועט עס פאָדערן אין נאָמען פון דער
שאַרטע, וועט די אַרמעע געוויס זיין געהאָרזאַם. אָבער אויסערהאַלב פון
דער שאַרטע געוויס ניט. איך האָב צוזאַמענגעשטעלט אַ ליסט פון די אָפּי-
צערען אין דער אַרמעע און האָב אויסגעפונען, דאָס אונטער 20,000 אָפּי-
צערען געפינען זיך ניט קיין 500 פון אדעל, און ווייניגער פון 1,000, וועלכע
האָבען איינקונפט פון זייער פערמעגען 600 פראַנק אַ יאָהר. מיט אַזעלכע
אָפּיצערען קען מען גאָרניט מאַכען אויף'ן אַלטען שטייגער”. דערויף האָט
דער קעניג געענטפערט: „ווער וויל דען טאָן עטוואָס געגען דער שאַרטע?
זי איז אפילו זעהר אונפאָלקאָמען, מיין ברודער האָט זי צו שנעל אָנערקענט,
אָבער איך וועל זי אַכטען. נאָר די אַרמעע האָט גאָרניט צו טאָן מיט דער
שאַרטע”.

דער קעניג איז געבליבען פעסט ביי זיין איבערצייגונג, דאָס נאָר דורך
אַ גרויסע איבערקעהרענים אין לאַנד וועט איהם געלינגען צו ענדערן די
לאַגע און צופּאַסען זי צו זיינע וואונשען. און אַזאַ איבערקעהרענים וועט
ער דורכפיהרען אויף דעם גרונד פון דעם 14טען אַרטיקעל פון דער שאַרטע,
וועלכער גיט דעם קעניג דאָס רעכט אַרויסצוגעבען בעפעהלען, ווען די זי-
כערהייט פון לאַנד פאָדערט עס. אום דיזען פּלאַן דורכצופיהרען האָט ער
אויפגעלעזט דאָס מיניסטעריום און האָט איבערגעגעבען דעם פירסט פון
פּאָליניאַק, אַ פינסטערען רעאַקציאָנער, צו בילדען אַ נייעס מיניס-
טעריום. מאַרטיניאַק איז ענטזאָגט געוואָרען. די נייע מיניסטאָרען זיינען
אַלע געווען רעאַקציאָנערען. דאָס גאַנצע מיניסטעריום האָט בעדייטעט אַ
קריגס־ערקלערונג געגען דער קאָנסטיטוציאָנעלער פראַנקרייך.

דאָס פאָלק פאָדערט. די בישאָפען האָבען אויפגעהויבען א שטאַרקען פּראָ־טעכט געגען דיזער אָרדנונג פון דער רעגירונג, אָבער עס האָט זיי ניט גע־האָלפען. דאָס מיניסטעריום האָט זיי געצוואונגען נאָכצוגעבען דיזע פאָ־דערונג, און די יעזואיטען זיינען געוועזען געצוואונגען צו פערלאָזען פראַנק־רייך אין גרויסע מאַסען.

ווען די קאַמערן האָבען זיך אין יאָהר 1830 ווידער אויפגעעפענט איז די לאַגע פון פראַנקרייך אין לאַנד, ווי אויך אין בעצוג צו אויסלאַנד גע־ווען זעהר בעפרידיגענד. אויך די ליבעראַלען זיינען געווען צופרידען מיט דער רעגירונג. דאָס האָט ערמוטיגט דעם ערסטען מיניסטער מאַרטיניאַק צו אונטערנעהמען נייע רעפאָרמעס. דאָס פאָלק אין פראַנקרייך האָט נאָך אַלץ ניט געהאַט דאָס רעכט צו נעהמען אָנטייל אין זיינע אייגענע אנגעלע־גענהייטען. יעדע קליינינגקייט האָט געמוזט בעזאָרגט און געטאָן ווערען פון א קעניגליכען בעאַמטען און ניט פון פאָלק זעלבסט. מאַרטיניאַק האָט געגומען פערשאַפען דעם פאָלק זעלבסט־פערוואַלטונג אין די שטעדט און אין די דעפּאַרטעמענטען, און ער האָט געפאַסט א פּלאַן, לויט וועלכען די בעאַמטע פון דיביידע ערטער — אין די שטעדט און אין די דעפּאַרטע־מענטען — זאָלען זיין ערוועהלטע פון פאָלק און ניט מעהר בעשטימטע פון דער רעגירונג. כמעט אַלע מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט זיינען אָנפאַנגס געווען בעגייסטערט פיר דיזען פּלאַן, אָבער באַלד האָבען ביידע פּאַרטייען אַרויסגעצייגט אונצופרידענהייט מיט דיזען פּראָיעקט. פיר די ליבעראַלען איז עס געווען צו וועניג, און פיר די רעאַקציאָנערען צו פיעל.

דער קעניג איז פון דיזען דורכפאַל געווען העכסט צופרידען. די מי־ניסטאָרען האָבען פערלאָרען די מעהרהייט אין פּאַרלאַמענט. מיט דער לינ־קער זייט האָבען זיי געבראָכען, די רעכטע האָט זיי צוריקגעשטויסען און די מעסיגע אין צענטער זיינען ניט געווען אין שטאַנד צו געבען זיי וועלכע עס איז שטיצע. אָנפאַנגס האָט דער קעניג ניט אַרויסגעצייגט זיין שמחה, וואָס ער קען באַלד פּטור ווערען פון די מיניסטאָרען. ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלען פריהער דורכפיהרען דעם בודזשעט פון אויסגאַבען פיר דאָס יאָהר 1830, און נאָכדעם וועט ער זיי ענטזאַגען. די מיניסטאָרען האָבען אָהן בע־זונדערע שוועריגקייטען דורכגעפיהרט אַלע פאָרשלאַגען פיר דיזעס יאָהר, נאָר וועגען דעם מיליטער־וועזען זיינען געווען שטאַרקע אָנגריפען. באַלד נאָכדעם זיינען די זיצונגען פון פּאַרלאַמענט געשלאָסען געוואָרען.

ווען דער קריגס־מיניסטער איז צוריקגעקומען צום קעניג נאָך א היי־סער דעבאַטע האָט דער קעניג מיט איהם געהאַט פאָלגענדען געשפּרעך,

האָפנונגען אויף ערפאָלג. דיזע האָפנונגען זיינען פערווירקליכט געוואָרען, און דעם 5טען יולי 1830 האָט ער ווירקליך איינגענומען אַלזשיר. מיט'ן איינגעהמען פון אַלזשיר האָט ער אויך אַריינגעבראַכט אין פראַנקרייך אַ זעהר גרויסען פערמעגען: איבער 48 מיליאָנען פראַנקס באַארעס געלט און אנדערע איצרות.

דער זיג איבער אַלזשיר האָט געגעבען פּאָליניאַק'ן גרויסע האָפנונג, דאָס אויך אין די וואַהלען פון מיטגלידער צום נייעם פּאַרלאַמענט וועט זי- גען די רעגירונג. די רעגירונג האָט געברויכט אַלערליי מיטלען אום צו גע- ווינען די וואַהלען לויט איהר פערלאַנג. די בישאָפען האָבען בעאיינפלוסט די גייסטליכע צו אַגיטירען ביי די וואַהלען פיר די רעגירונג, און זיי זאָלען ערקלערען דעם פאָלק פון קאַנצעל אין די קירכען, דאָס דער קאַמף געגען דער רעגירונג איז אַ קאַמף פון אונגלויבען געגען דער קריסטליכער רעליגיאָן. דער קעניג זעלבסט איז אַרויס מיט אַ פּראָקלאַמאַציאָן אין דעם וואַהל-קאַמף. אָבער אַלע מיטלען האָבען ניט געהאָלפען. די רעגירונג האָט געהאַט אַ שרעקליכע נידערלאַגע. פון די 221 מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט, וועלכע האָבען אונטערגעשריבען דעם אדרעס, זיינען 202 ווידער ערוועהלט גע- וואָרען.

יעצט האָט קארל דער 10טער בעשלאָסען צו געברויכען גוואַלד-מיטלען אום דורכצופיהרען זיין וואונש. ער האָט דערביי גערעכענט אויף די שטיצע פון די אַמאָליגע פּריווילעגירטע אַדעליגע און אויף די אַרמעע. אויף דעם גרונד פון דעם 14טען אַרטיקעל פון דער קאָנסטיטוציאָן האָט ער בעשלאָסען אַרויסצוגעבען בעפעהלען, וועלכע זאָלען איהם פיהרען צו זיין ציל. 14 טאָג האָבען זיך די מיניסטאָרען בעראַטען אין געהיים מיט'ן קעניג וועגען דיזע בעפעהלען. דאָס פאָלק האָט געפיהלט וואָס דאָ טוט זיך, און האָט טאָג טעגליך בעלאַגערט דאָס מיניסטעריום אום אַרויסצוקריגען עטוואָס, צו וויסען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך אין געהיים און וואו עס האַלט, אָבער זיי האָ- בען גאָרניט געקענט אויסגעפינען. ענדליך האָבען די מיניסטאָרען אונטער- געשריבען די בעפעהלען.

דעם 26טען יולי זיינען די בעפעהלען פערעפענטליכט געוואָרען. דער קעניג האָט אָפּגעשאַפט די קאָנסטיטוציאָן פון לאַנד, פערנאַנדערגעלאָזען דעם פּאַרלאַמענט, אָפּגעשאַפט די פּרעס-פרייהייט און אין גאַנצען געענ- דערט די וואַהל-געזעצען פיר מיטגלידער אין פּאַרלאַמענט. די בעפעלקערונג איז געוואָרען ווי בעטויבט. די אַרבייטער זיינען געווען דערצו גלייכגילטיג און האָבען פּאָרטגעזעצט זייער אַרבייט. זיי האָט דער גאַנצער פּאָליטישער

גאַנץ פראַנקרייך איז געוואָרען אויפגעבראַכט. דאָס בירגערטום האָט בעטראַכט די בילדונג פון דיזען מיניסטעריום אַלס אַ פּאַטש אין פּנים. דער „זשורנאַל דעם דעבאַטס" האָט דאַמאָלס געשריבען: „מיט דיזען מיניס-טעריום האָט דער קעניג צוריסען דעם באַנד פון ליבע און פערטרויען, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט צום מאָנאַרך. מען רייסט אַרויס פון פאָלק דאָס, וואָס עס האָט ערוואָרבען אין פערלויף פון 40 יאָהר מיט גרויסע אָפּפער און מיה. אַלעס, וואָס דאָס פאָלק האָט צוריקגעשטויסען מיט דער גאַנצער מאַכט פון זיין ווילען, צווינגט מען עס מיט געוואַלד אָנצונעהמען. די נע-מען פון די נייע מיניסטאָרען ערוועקען אַ שרעקליכען האַס אין די הערצער פון גאַנצען פאָלק. די מיניסטאָרען וועלען מאַכען פראַנקרייך פורכטבאַר. זיי וועלען אפשר אין די ערסטע צייטען געברויכען די ווערטער: שאַרטע, פרייהייט, אָבער זיי וועלען עס אַזוי אויסשפּרעכען, דאָס עס וועט ערוועקען שרעק אין יעדען, וואָס וועט עס הערען".

פון דאַמאָלס אָן האָט די בורזשואַזיע ערוואַרטעט, דאָס עס וועט אין גיכען אויסברעכען אַ רעוואָלוציאָן, און האָט עס ערוואַרטעט מיט גרויס שרעק; מען האָט וועגען דעם אָפען גערעדט אין צייטונגען און זאָגאַר אין פּאַרלאַמענט. דעם 2טען מערץ 1830 האָט דער קעניג קאַרל דער 10טער זיך געווענדט צו דעם נייעם פּאַרלאַמענט מיט פאָלגענדע ווערטער: „איך צווייפעל ניט, דאָס איהר וועט מיר העלפען דורכפיהרען די אַלע גוטע זאַ-כען, וואָס איך וויל אונטערנעהמען. איהר וועט מיט פעראַכטונג אָפּשטוי-סען דאָס, וואָס שלעכטע מענשען ווילען טאָן. ווען איך וועל געפינען פיר נעטיג צו געברויכען געוואַלט געגען די רוה-שטערער אום אויפצוהאַלטען דעם פרידען, האָף איך צו געפינען אין אייך און אין פראַנצויזישען פאָלק דעם רעכטען פערטרויען, וועלכען איהר און דאָס פאָלק האָבען אימער גע-צייגט דעם קעניג". דערויף האָט איהם דער פּאַרלאַמענט געענטפערט מיט אַן אַדרעס אונטערגעשריבען פון 221 מיטגלידער: „די שאַרטע האָט גע-מאַכט פיר אַ נעטיגע בעדינגונג, דאָס די אַבזיכטען פון אייער רעגירונג זאָ-לען שטימען מיט די וואונשען פון פאָלק. סיר! מיר זיינען געצוואונגען צו זאָגען אָפען, דאָס יעצט פעהלט דיזע איינשטימונג".

דער רעזולטאַט פון דיזען אַדרעס איז געווען, דאָס דער קעניג האָט דעם 16טען מאַי צולאָזען דעם פּאַרלאַמענט, ווייל ער האָט גערעכענט, אַז דאָס פאָלק וועט ערוועהלען צום פּאַרלאַמענט אַזעלכע נייע מיטגלידער, וואָס ווע-לען זיין מעהר געניגט צו דער רעגירונג נאָך דעם, ווי ער וועט האָבען אַ זיג אין אַלזשיר, וואוהין ער האָט יעצט אונטערגענומען אַ פעלדצוג מיט

שאָסען אין דער מאַסע און האָבען איינינע געטויט און פיעלע פערוואונדעט. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען צו שרייען: „ראַכע! ראַכע! נעהמט זיך צו די געוועהר!" דאָס פאָלק האָט גענומען רויבען געוועהר פון די געוועהר־פאַבריקען און האָט אָנגעהויבען מאַכען אין די גאַסען באַריקאַדען אום צו פערצאַמען דעם וועג פיר די סאָלדאַטען, וואָס די רעגירונג וועט שיקען. דערווייל איז געוואָרען נאַכט.

אויף מאָרגען, דעם 28טען יולי, האָט פאַריז בעקומען אַ גאַנץ פערענדערטעס אויסזעהן. די צובראָכענע לאַנטערנעס און די באַריקאַדען האָבען דערמאָהנט אָן דאָס פערגאָסענע בלוט פון נעכטיגען טאָג. דאָס ערסטע, וואָס דאָס פאָלק האָט גענומען דורכפיהרען יענעם טאָג, איז געווען איינצונעהמען דאָס שטאָדט־הויז. גאַנץ פריה איז אַהין צוזאַמענגעלאָפען אַ גרויסע מעננע מענשען. די דריי־פאַרביגע פאָהן פון דער רעוואָלוציאָן האָט געגעבען דעם סיגנאַל פון אויפשטאַנד. די מאַסע האָט איינגעבראָכען די טויערן, איז אַריין אינוועניג, האָט ענטוואַפענט די סאָלדאַטען, האָט אַרויפגעצויגען אויף'ן טורם די רעוואָלוציאָנערע פאָהן און האָט אָנגעהויבען צו קלינגען אין שטורם־גלאָק. באַלד האָט מען אָנגעהויבען צו קלינגען אין פיעלע אַנדערע שטורם־גלאָקען. עס האָבען זיך באַלד בעוויזען אין די מאַסען פון פאָלק פיעלע בעוואַפענטע. מען האָט איבעראַל געשריען: „לעבען זאָל די שאַרטע!" די סטודענטען האָבען זיך בעוואַפענט מיט פיסטאָלעטען און יאַגד־ביקסען. די סטודענטען פון פאָליטעכניקום האָבען אויפגעבראָכען דעם פעכט־זאַל און האָבען אַרויסגענומען פון דאָרט פיעל געוועהר. ווען זיי האָבען דערהערט, דאָס די רעגירונג האָט געשלאָסען די פאָליטעכנישע שולע, זיינען זיי אַרויס מיט שטורם און האָבען געשריען: „לעבען זאָל די פרייהייט! לעבען זאָל די שאַרטע!" איינער פון די סטודענטען האָט אַרונטערגעצויגען זיין הוט, האָט אַרויסגעריסען די ווייסע קאָקאַרדע, האָט זי געטראָטען מיט די פיס און האָט אויסגעשריען: „נידער מיט די בורבאָנען!" דיזער אויסרוף איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס בעגייסטערונג און באַלד האָט זיך בעוויזען אין דער מאַסע אַ גאַנצער וואַלד פון רעוואָלוציאָנערע פאָהנען.

אָבער צווישען דער בורזשואַזיע האָט געהערשט אַ גרויסער פחד. דיזע קלאַס האָט מורא געהאַט פיר איהר אייגענטום אין פאַל, ווען די אָרימע מאַסע וועט געווינען די מאַכט. דער אָנבליק פון די בלויע בלוזעס פון די אַרבייטער האָט דער בירגער־קלאַס אויסגעמאָלט אַ בילד פון אַלגעמיינעם רויב. אָבער זייער שרעק איז געווען אָן אומזיסטער. דער עהרגעפיהל פון

שווינדעל וועניג אינטערעסירט. שטאַרק געטראָפען פון דיזע בעפעהלען האָט זיך געפיהלט די העכערע בורזשואַזיע. זי איז איינפאַך בעשטירצט געוואָרען פון דיזער ענדערונג. ראָטהשילד האָט עס געפיהלט אַלס אַ דונערשלאַג. עס האָט געהאַלטען דערביי, אַז ער זאָל פון דיזער ענדערונג פערלירען זיין גאַנצעס פערמעגען; נאָר אונגעוועהנליכע אומשטענדען האָבען איהם געראַטעט פון באַנקראָט, און ער האָט פערלאָרען נאָר אייניגע מיליאָנען. די 3-פּראָצענטיגע קעניגליכע פּאַפּירען זיינען שטאַרק געפאַלען און פיעלע באַנקירען זיינען דערפון רואינירט געוואָרען.

דער ערסטער ווידערשטאַנד געגען דיזער נייער ענדערונג איז געמאַכט געוואָרען פון דער פּרעסע, ווייל זי האָט פריהער פון אַלעמען דערפיהלט, וואָס עס בעדייטעט די נייע ענדערונג. די רעדאַקטאָרען פון די ליבעראַלע צייטונגען האָבען דערלאַנגט דער רעגירונג אַ פּראָטעסט, אין וועלכען זיי האָבען ערקלערט, דאָס זיי וועלען זיך פיר קיין פאַל ניט אונטערוואַרפען אונטער דיזע גוואַלד-טעטיגע ענדערונג, וועלכע איז דורכאויס געגען דער קאָנסטיטוציאָן. די רעגירונג האָט באַלד פערבאָטען דיזע בלעטער. ניט אַכטענדיג אויף דיזען פערבאָט זיינען דעם 27טען יולי ערשינען „די נאַציאָנאַל", „טעמפּס" און די „גלאָבע" ווי געוועהנליך. די רעגירונג האָט באַלד געשיקט זשאַנדאַרען אין די דרוקעריי‌ען פון דיזע צייטונגען און מען האָט פערזיגעלט די פּרעסען. עס איז אָנגעלאָפען אַ גרויסע מאַסע מענשען. פיעלע דרוקער, פּאַפּיר-הענדלער, בוכהענדלער און בוכבינדער האָבען צוגעלאָזען זייערע אַרבייטער. דיזע מאַסע איז געוואָרען שרעקליך אויפגערעגט אויף די רעגירונג און האָט געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט צו מאַכען אונרוהען. אויך עטליכע און דרייסיג דעפּוטירטע האָבען זיך פערזאַמעלט, נעמליך ביי דעם פּאַריזער דעפּוטירטען קאַזימיר פּעריער. זיי האָבען בעשלאָסען צו פערעפענטליכען אַ פּראָטעכט געגען דעם קעניגליכען בעפעהל און דעם נעכסטען טאָג זיך ווידער צו טרעפען — אַ שענדליכע טאַטענלאָזיגקייט, וועלכע האָט זיך בעהאַלטען הינטער אייניגע לעגאַלע (געזעצליך כשר'ע) פראַזען.

אין דעם זעלבען טאָג האָט זיך אין פּאַלעי ראָיאַל פערזאַמעלט אַ גרויסע מאַסע מענשען, וועלכע האָבען בעשלאָסען אַרויסצוגעהן אָפען געגען דעם בעפעהל פון דער רעגירונג. זשאַנדאַרען רייטענדיג אויף פערד האָבען זיך געלאָזען אין דער מאַסע מיט דעם צוועק צו פערנאַנדערטרייבען זי, און האָבען מיט זייערע פערד צוטרעטען אייניגע מענשען אויף טויט. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען וואַרפען שטיינער אויף די זשאַנדאַרען. דיזע האָבען גע-

פערוואונדעטע האָט מען באַלד בעהאַנדעלט מיט גרויס זאָרג און ליבע, און מען האָט געטאָן אַלעס מעגליכעס אום צו העלפען זיי און צו היילען זייערע וואונדען.

אין דער צייט, ווען עס האָבען אין די גאַסען פון פּאַריז געפלאָסען טייכען בלוט פון פאָלק, האָבען זיך פערזאַמעלט איינינע דעפּוטאַטען פון פּאַרלאַמענט. „דאָס פאָלק האָט ערוואַכט", האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט מ אָ ג י ן, וועלכער האָט גענומען צוערסט דאָס וואָרט, „מיר הערען היר דעם דונער פון די קאַנאָנען און דעם וועה־געשריי פון פאָלק. מיר טאָרען יעצט ניט פערלירען קיין צייט. די רעוואָלוציאָן איז יעצט אין פולען גאַנג. אונזער פליכט איז יעצט צו פיהרען זי צו אַ גוטען ערפאָלג". אָבער די פערזאַמעלטע האָבען ניט געהאַט קיין מוט צו אַרבייטען ענערגיש, און האָבען געזוכט צו שליסען פרידען מיט דער רעגירונג און מיט אַ קאָמפּראָמיס. עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו בעטען פון הערצאָג ראַגוזאַ אַ וואַפען־שטילשטאַנד ביז עס וועט געלינגען צו מאַכען פרידען צווישען פאָלק און דעם קעניג. צו דיזען צוועק האָט מען געשיקט אַ דעפּוטאַציאָן צום ערסטען מיניסטער פירסט פּאָליניאַק, אָבער דיזער האָט זי זאָגאַר ניט געוואָלט אויפנעהמען.

דערווייל איז אָנגעקומען די נאַכט און דער שטרייט האָט אויפגעהערט, און אין שטאָדט איז אויף אַ קורצע צייט געוואָרען שטיל. דער טאָג פון 28טען יולי איז געוועזען אַ שרעקליכער פיר פּאַריז. די שטאָדט האָט נאָך קיינמאָל אין איהר געשיכטע ניט געהאַט אַזאַ ביטערען טאָג. און פאַרוואָס איז עס אַלעס? ווייל דאָס פאָלק האָט אויסגעשריען: „לעבען זאָל די שאַרטע!" אָבער ווער זיינען געוועזען די, וואָס האָבען געקעמפּט פיר די שאַרטע? נאָר איינינע יונגע לייט, וועלכע האָבען גוט פערשטאַנען, דאָס די שאַרטע איז ניט מעהר ווי אַ פערדעקטער דעספּאָטיזם, און דאָן — די פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבען גאָרניט געהאַט קיין אידעע וועגען דער שאַרטע, וואָרום ווען זיי וואָלטען געוועזען מיט איהר בעקאַנט וואָלטען זיי זי פערפלוכט. און צו זיי זיינען צוגעשטאַנען פיעלע יונגע מענשען, וועלכע האָבען גלאַט הנאה פון מהומות און געשלעגען. דאָס זיינען געוועזען די הויפּט־קעמפּער פיר די שאַרטע. עס איז געוועזען אַ טרויעריגער שפּאַס. און אום צו מאַכען דעם שפּאַס נאָך שאַרפער און גרעסער איז דער הערצאָג פון ראַגוזאַ, אַליין אַ געגנער פון די דעספּאָטישע בעפעהלען פון קעניג, געשיקט געוואָרען דיזע בעפעהלען דורכצופיהרען און ער האָט געלאָזען שיסען אויף דאָס פאָלק.

די אַרבייטער פון יענער צייט האָט זיי ניט ערלויבט צו בעריהרען וועלכעס עס איז פרעמדעס אייגענטום, אום מען זאָל זיי ניט בעשולדיגען, דאָס דער גאַנצער אויפשטאַנד איז ניט צוליב דעם אידעאַל פון פרייהייט, נאָר אום צו מאַכען געלט דורך רויב. דיזער עהרגעפיהל פון די אַרבייטער איז געווען דער בעסטער שוץ פיר די רייכע. די אַרבייטער האָבען ניט בעריהרט קיי־נעמס אייגענטום, הגם זיי האָבען עס געקענט טאָן אונגעשטעטרט.

קאַרל דער 10טער האָט איבערגעגעבען די אויבער־קאָמאַנדע אין דער אַרמעע צום הערצאָג פון ר א ג ו ז א. דאָס פאָלק האָט שוין אָנגעפאַנגען דעם קאַמף אין פיעלע פלעצער, ווען ראַגוזאַ האָט געזעצט אין בעוועגונג זיינע טרופּען. איבערהויפּט האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסע מאַסע פון די בירגערליכע שטרייטער אויף דעם קעי (טייך־ברעג) פון דער סיטע, און הגם ראַגוזאַ האָט אַרויסגעשטעלט געגען זיי אַ קאַנאָן, האָבען זיי פאָרטגע־זעצט זייער אַטאַקע. אָבער ענדליך האָבען די קעניגליכע טרופּען געצוואונ־גען די בירגער־שטרייטער אָפּצוטרעטען דעם פּלאַץ, אויף וועלכען דיזע האָ־בען איבערגעלאָזען פיעלע טויטע און פערוואונדעטע. די צווייטע אָפּטיי־לונג פון די קעניגליכע טרופּען אונטער דעם בעפעהל פון גענעראַל סט. שאַ־מאַנס האָט בעגעגענט ביי די טויערן סט. דעניס און סט. מאַרטין אַ זעהר שטאַרקען ווידערשטאַנד פון פאָלק.

די קעניגליכע טרופּען האָבען זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צו שיסען פון קאַנאָנען. דאָ איז צוגעלאָפען אַ אינגעל מיט אַ פּיסטאָלעט אין האַנט און ווי אַ פייל פון בויגען האָט ער דערשאָסען דעם אָפיצער, וואָס האָט קאָמאַנ־דירט ביים הארמאַט. דערווייל זיינען שנעל אויפגעשטעלט געוואָרען באַרי־קאַדען, וועלכע האָבען געהינדערט די סאָלדאַטען געהן צוריק. אויף דעם פּלאַץ פון דער באַסטיליע האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אַן אונגעהייערע מאַסע פון אונבעוואָפענטע פרויען און קינדער און האָט געשריען צו די קעניג־ליכע טרופּען: „אַרבייט! ברויט!” דער גאַנצער וועג פון דער גאַס סט. אַנטואַן ביז צום שטאָדט־הויז איז געווען בעדעקט מיט טרופּען און מיט בלוט. איבעראַל זיינען געמאַכט געוואָרען באַריקאַדען. אַ האָגעל פון קוילען האָט דאָס פאָלק אָפּגעפייערט איבער די קעניגליכע טרופּען. פון יעדען פענסטער האָט מען געוואָרפען אויף די סאָלדאַטען ציגעל, שטיינער, איי־זענס, פלעשער און פיעלע פון די סאָלדאַטען זיינען פערוואונדעט געוואָרען. דאָס פאָלק האָט געצייגט אין דיזען קאַמף גרויס בעגייסטערונג. אין דעם מאָמענט פון געפאַהר האָבען די איינוואוינער געעפענט די טירען פון די הייזער אום צו בעשיצען די שטרייטער פון פאָלק און צו בעהאַלטען זיי. די

און ווינסענט האָט געמוזט צוריקפיהרען די גוואַרדיע צום הויף, וואָס האָט זיך דאַמאָלס געפונען אין סט. קלוד.

איינינע שטונדען שפּעטער זיינען געקומען צום קעניג צוויי פּעירס (מיטגלידער פון אויבער־הויז פון פּאַרלאַמענט) מיט די מיניסטאָרען אום צו בעוועגען איהם נאָכצוגעבען די פאָדערונג פון פאָלק. זאָגאַר דער פירסט פּאָליניאַק איז געווען געניינט צו פרידען. ער האָט געראַטען דעם קעניג צוריקצוציהען זיינע בעפעהלען אום צו פערמיידען אַ גרויסען אונגליק; ער האָט געזאָגט, דאָס ער איז בערייט צו רעזיגנירען, ווייל די יעצטיגע אומ־שטענדען פאָדערן עס. דער קעניג האָט אָנפאַנגס ניט געוואָלט הערען פון קיין נאָכגעבען. אָבער ווען מען האָט איהם גוט ערקלערט, ווי טרויעריג עס איז די לאַגע, האָט ער ענדליך געזאָגט: „איך וועל רעדען מיט מיין זוהן, ער וועט צוזאַמענרופען די מיניסטאָרען אום צו בעראַטען זיך מיט זיי”.

דערווייל האָט ווידער אויסגעבראָכען אין פּאַריז דער קאַמף. די סטו־דענטען פון דער פּאָליטעכנישער שולע זיינען אַוועק אין די פאָרשטאָדט כט. יאַקאָב (סאַן זשאַק) און האָבען צוזאַמענגערופען אַלע זייערע קאַמעראַדען. אויך אויף דעם פּלאַץ פון אָדעאָן האָט זיך פערזאַמעלט אַן אונגעהייערע מאַ־סע מענשען. אַלע זיינען געווען בערייט צו נעהמען געוועהר. אָבער וואו נעהמט מען געוועהר? איינער פון דער מאַסע האָט אויסגעשריען: „געהט צו די קאַזאַרמעס אין טורנאָן שטראַסע!” דער פּלאַן איז אַלעמען געפע־לען געוואָרען, און אין איין אויגענבליק איז די מאַסע בעפאַלען די קאַזאַר־מעס און מען האָט אָנגעהויבען רויבען די געוועהר. די זשאַנדאַרען זיינען צולאָפען און די, וואָס האָבען זיך אריינגעכאַפּט אין די קאַזאַרמעס, האָבען אָנגעהויבען צו שליידערן דורך די פענסטער און טירען אַלערליי וואַפען: שווערדען, ביקסען און שפּיזען. די אָנפיהרער זיינען געוואָרען די סטודענ־טען פון פּאָליטעכניקום. עס האָבען זיך באַלד געבילדעט גרופּען פון 30, 40 און 50 אַרבייטער, יעדע גרופּע אונטער דער ליטונג פון אַ סטודענט פון פּאָליטעכניקום. מען האָט אָנגעהויבען צו פויקען און דאָס פאָלק האָט גענומען מאַרשירען.

פון דיזע אָפּטיילונגען האָט איינע פערטריבען די שווייצער פון זייער אָרט אויף דעם פּלאַץ פון הייליגען טהאָמאַס פון אַקווינאַ; אַן אַנדער אָפּ־טיילונג האָט פערכאַפּט אַ פּולווער־מאַגאַזין; אַ דריטע אָפּטיילונג פון 250 פערזאָן איז אַוועק צום דעפּאָ פון דער קעניגליכער גוואַרדיע. די סאָלדאַטען האָבען געוואָלט שיסען פון די פענסטער, אָבער די בעוואַפענטע אַרבייטער האָבען צו זיי אויסגעשריען: „שיסט ניט, מיר ווילען אייך ניט טאָן קיין

דער אַנגריף פון די בירגער אויף די קעניגליכע טרופּען איז געווען אַזוי שטאַרק, דאָס די לעצטע זיינען געווען געצוואונגען צוריקצוציהען זיך צום קעניגליכען שלאָס פון די טואילעריען. אויך די רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך געמוזט אָפּרוהען נאָך דער גרויסער אָנשטרענגונג פון דעם טאָג. אָבער מען האָט זיך ענערגיש פאָרבערייטעט צום אַנגריף אויף דעם מאָרגענדיגען טאָג. איבערהויפּט האָט מען פיעל געאַרבייט פאָרצובערייטען באַריקאַדען. עס האָבען זיך דערמיט בעשעפטיגט אַלערליי קלאַסען מענשען; מען האָט אויסגעריסען שטיינער פון ברוק, מען האָט געגראָבען גריבער אין די גאַסען; אום צו הינדערן די קעניגליכע טרופּען צו בעוועגען זיך. די באַריקאַדען זיינען געמאַכט געוואָרען אַזוי פעסט, דאָס זאָגאַר די באָמבעס פון די האַרמיאַטען האָבען זיי ניט געקענט צושטערען. איבעראַל האָט דאָס פאָלק געהאָפּט אויף אַן ערפאָלג. און עס איז ווירקליך געלונגען דעם פאָלק צו בעפרייען דעם גרעסטען טייל פון שטאָדט פון דעם פיינד, פון די קעניגליכע טרופּען. די טרופּען זיינען געווען אויסגעמאַטערט פון אָנשטרענגונג און פון הונגער. זיי האָבען אויסער דעם ניט געהאַט קיין לוסט צו שטרייטען מיט'ן פאָלק: זיי זיינען דאָך אויך קינדער פון פאָלק. די וויסטע גאַסען פון פאַריז, די פיעלע הרוגים, וואָס האָבען זיך געוואַלגערט אין די גאַסען פון די אָרימע אַרבייטער, ברידער פון די סאָלדאַטען, דער געשריי: „לעבען זאָל די שאַר-טע!", די פּראָטעסטען געגען דער איבערטרעטונג פון דעם געזעץ, וואָס דער קעניג און די רעגירונג ערלויבען זיך — דאָס אַלעס האָט אָפּגענומען דעם מוט פון די קעניגליכע סאָלדאַטען צו פייערן אויף זייערע ברידער. דער געדאַנק צו בעזיגען די גערעכטע ליידענדע ברידער האָט אָנגעיאָגט אויף די קעניגליכע טרופּען אַ שרעק.

דעם 29טען יולי אין דער פריה האָבען אָנגעהויבען געהן פון די פאָר-שטעדט אין פאַריז גאַנצע מחנות אָנטייל צו נעהמען אין דעם קאַמף געגען דער רעגירונג. פיעלע האָבען זיך בעזעצט אויף די באַריקאַדען, און אַ גרויסער טייל איז אַוועקגעגאַנגען צום אָרט, וואו עס זיינען געשטאַנען די קעניגליכע טרופּען. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך דער הויף אויפ-געטרייסעלט. עס איז בעקאַנט געוואָרען, דאָס ווערסאַיל, די רעזידענץ פון די פראַנצויזישע קעניגען, האָט אָנגעהויבען רעוואָלטירען. דער קעניג האָט גלייך געשיקט זיין גוואַרדיע מיט 200 רייטענדע זשאַנדאַרען אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל ווינסענט אום צו דערשטיקען דעם אויפ-שטאַנד אין ווערסאַיל. אָבער די זשאַנדאַרען זיינען באַלד אַריבער צום פאָלק

פוילען, אז די סאָלדאַטען זאָלען קומען בעשיצען די טואילעריען און שיקען אויף זייער פּלאַץ די שווייצאַרישע סאָלדאַטען. דערביי האָט מען געמאַכט א פערזעהן — מען האָט צוגענומען די שווייצאַריער פון יענעם אָרט איידער די סאָלדאַטען זיינען אהין געקומען פערנעהמען זייער פּאָסט. דאָס פאָלק האָט עס גלייך בעמערקט און האָט צובראָכען דעם צאַם, האָט זיך אריינגע-כאַפּט אין פּאַלאַץ און האָט אָנגעהויבען צו שיסען פון די פענסטער אויף דאָס ביסעל גוואַרדיע, וואָס איז געבליבען אין הויף. די סאָלדאַטען זיינען ענטלאָפען פון שרעק ביז זיי זיינען געקומען צום פּלאַץ „לודוויג דער 15-טער. דאָרט האָבען זיי געטראָפען אייניגע טרופּען, וועלכע זיינען נאָך געווען טריי דעם קעניג. דיזע אַלע טרופּען האָבען באַלד גענומען מאַרשירען צו דער גאַס פון סט. קלוד. אָבער דאָ האָט זי בעגעגענט אַן אונגעהייערע מאַסע פון פאָלק. דער שרעק פאַר דיזער מאַסע איז געווען אַזוי גרויס, דאָס פיעלע סאָלדאַטען האָבען אוועקגעוואָרפען ניט נאָר זייערע געוועהר, נאָר אויך זייערע מונדירען און מאַנכע אָפיצערען האָבען צובראָכען זייערע שווערדען.

דערמיט איז אפילו דער זיג פון פאָלק געווען געזיכערט, אָבער דער קאַמף איז פאַריז איז נאָך ניט געווען צו ענדע. אין אַנדערע ערטער האָט מען פאָרטגעזעצט דעם קאַמף מיט אַזאַ ערביטערונג, דאָס מען האָט ער-מאָרדעט די אָפיצערען זאָגאַר ווען זיי האָבען שוין אַנידערגעלעגט די וואַפען.

דיזער זיג פון די בירגער האָט געבראַכט אויף זייער זייט אַלע די, וועלכע האָבען פריהער מורא געהאַט אַרויסצוטרעטען אָפען געגען דער רע-גירונג. יעצט האָט זיך שוין דער פּאַרלאַמענט אויך אריינגעמישט מיט דעם צוועק צו ברייגנען „אָרדנונג" אין דער זאַך פון פאָלק. יעצט האָט מען בע-וואַפענט די נאַציאָנאַל-גוואַרדיע און לאַפאַיעטט איז בעשטימט געוואָרען אַלס פיהרער. דאָס פאָלק האָט זיך געפיהלט דערפון בעליידיגט, ווייל אין דעם גאַנצען קאַמף האָט זיך בעטייליגט נאָר א קליינער טייל פון דער נא-ציאָנאַל-גוואַרדיע. יעצט, ווען דאָס פאָלק האָט געוואונען, האָט דער פּאַר-לאַמענט מורא געהאַט פאַר די פּראָלעטאַריער פון די פאָרשטעדט, און האָט גערעכענט פיר נעטיג צו בעוואַפנען די גאַנצע נאַציאָנאַל-גוואַרדיע אום צו בעשיצען דאָס רעכט פון אייגענטום. צוזאַמען מיט דעם האָט דער פּאַר-לאַמענט בעשטימט א קאָמיסיאָן, וואָס זאָל דערווייל פיהרען די רעגירונג ביז עס וועט ווערען א נייע אָרדנונג.

יעצט, אז דאָס פאָלק האָט געזיגט, איז קאַרל דער 10טער געוואָרען ווייכער און האָט בעשלאָסען נאָכצוגעבען די פאָדערונגען פון פאָלק און צו-

בייזעס!" די סאָלדאַטען זיינען געווען אין אַ פֿערלעגענהייט און האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. דערווייל האָט זיך אַ יונגער מאַן אַרויפֿגעכאַפּט אויף'ן פֿענסטער און האָט עפּעס געזאָגט דעם אָפֿיצער פֿון דער גוואַרדיע. דיזער האָט באַלד אַרונטערגעצויגען זיין מונדיר און האָט עס אָנגעטאָן דעם יונגען מאַן און האָט איהם מיט גרויס ליבשאַפֿט אַרומגענומען מיט זיינע אָרמס. דאַן האָט מען איבערגעגעבען דעם פֿאָלק די וואַפֿען.

באַלד נאָכדעם האָט זיך דער פּלאַץ פֿון אָדעאָן בעדעקט מיט בעוואַפֿענטע. אין דעם עק פֿון גאַס, וועלכע עפֿענט זיך אין דיזען פּלאַץ, אין אַ ויין־געשעפֿט, האָט אַ מאַסע סטודענטען צוזאַמען מיט אַרבייטער גענומען מאַכען פּאַטראָנען צום שיסען. אין אָנפֿאַנג האָט געפֿעהלט פּאַפּיר, אָבער באַלד האָט פֿון אַלע פֿענסטער אָנגעהויבען רעגנען זעהר פֿיעל פּאַפּיר. עס איז באַלד פֿערטיג געוואָרען אַ גרויסע מאַסע קוילען. ניט ווייט פֿון אָדעאָן־טהעאַטער האָט מען אַרויסגעשטעלט צוויי פֿעסער מיט פּולווער, וועלכע מען האָט אַרויסגענומען פֿון פּולווער־מאַגאַזין. צוויי סטודענטען פֿון פּאָליטעכניקום האָבען מיט זייערע היט אַלע מאָל אָנגענומען אין זיי פּולווער און האָבען עס געטיילט צו די בעוואַפֿענטע אַרבייטער.

אויף דער גאַס פֿון באַבילאָן איז פֿאָרגעקומען אַ זעהר ערנסטער קאַמף צווישען דעם פֿאָלק און די סאָלדאַטען אין דער קאַזאַרמע. אָבער די אַרבייטער האָבען מיט אַ וואונדערבאַרער אונערשראָקענהייט אויסגעהאַלטען דעם פֿייער פֿון די סאָלדאַטען. דער קאַמף האָט שוין געהאַט געדויערט דריי פֿערטעל שטונדען, און עס איז נאָך ניט געווען פֿאָרויסצוזאָגען, ווער עס וועט זיגען. פּלוצלינג איז אַן אַרבייטער געפֿאַלען אויף אַ פּלאַן אונטערצוצינדען די קאַזאַרמע. געזאָגט און געטאָן. מען האָט באַלד געבראַכט אַ מאַסע שטרוי און עס אָנגעצונדען ביים טויער. די שווייצער האָבען זיך געמוזט צוריקציהען אונטער אַ האָגעל פֿון קוילען.

אין דער זעלבער צייט איז אויך ענטשידען געוואָרען דער קאַמף אין די טואילעריען. היר האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען מאַסען אַרבייטער, סטודענטען און אַנדערע יונגע מענשען פֿון אַלע שטאַנדען אום צו נעהמען דעם פּאַלאַץ מיט שטורם. אָבער די שווייצאַרישע סאָלדאַטען האָבען פֿערטיידיגט דעם פּאַלאַץ זעהר מוטיג און האָבען שטאַרק געפֿייערט אויף'ן פֿאָלק. פּלוצלינג צו מיטטאָג־צייט האָט דער הערצאָג פֿון ראַגוזאַ ערהאַלטען די נאַכריכט, דאָס די סאָלדאַטען אויף דעם ווענדאָמע־פּלאַץ זיינען בעריט איבערצוגעהן אויף דער זייט פֿון פֿאָלק. דאָס איינציגע מיטעל דאָס צו פֿערהיטען איז געווען, אַז מען זאָל די סאָלדאַטען דערווייטערן פֿון פֿאָלק. ער "אָט בע-

דער הערצאָג פון אָרלעאַנס האָט קיינמאָל ניט געקעמפּט געגען אונז.
דער הערצאָג פון אָרלעאַנס איז געווען ביי זשעמאַפּעס *).
דער הערצאָג פון אָרלעאַנס איז אַ בירגער־קעניג.
דער הערצאָג פון אָרלעאַנס האָט געטראָגען די 3 פאַרבען אין פייער;
דער הערצאָג פון אָרלעאַנס איז בערייט זיי ווייטער צו טראָגען. מיר ווילען ניט קיין אַנדערען.

דער הערצאָג פון אָרלעאַנס זעלבסט האָט נאָך וועגען דעם ניט געזאָגט קיין וואָרט. ער ערוואַרטעט צו הערען פון אונז וואָס מיר ווינשען. לאָמיר זאָגען וואָס מיר ווינשען, און ער וועט די שאַרטע אָננעהמען, ווי מיר האָבען זי אימער פערשטאַנען; ער וועט האָבען די קרוין ניט בירושה פון זיינע עלטערן, נאָר פון פראַנצויזישען פאָלק, און איהם וועט ער דינען".

דער מאַניפעסט האָט געמאַכט אויף'ן פּאַרלאַמענט אַ זעהר גוטען איינדרוק. דאָך האָט קיינער ניט געוואַגט פאָרצושלאָגען די קרוין דעם הערצאָג פון אָרלעאַנס. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, דאָס מיטטאָג־צייט זאָל זיך פערזאַמלען אַ גרויסע מאַסע פון פאָלק אין פּאַלאַץ בורבאָן אין דעם לאָקאַל, וואו דער פּאַרלאַמענט האָט זיינע זיצונגען. אין דער זעלבער צייט האָט זיך צוזאַמענגעקליבען די אַנדערע קאַמער פון די פּעירס אום צו בעטראַכטען די זאַך.ביידע קאַמערן זיינען געקומען צו אַ פערשטענדניס און מען האָט גלייך אַרויסגעלאָזען צום הערצאָג. פאָלגענדע אויפפאָדערונג:

„ביידע קאַמערן פון פּאַרלאַמענט, וועלכע געפינען זיך יעצט אין פּאַריז, זיינען געווען אין דער מיינונג, דאָס עס איז זעהר נעטיג צו בעטען זיין קעניגליכע האָהייט, דעם הערצאָג פון אָרלעאַנס, אַז ער זאָל קומען אין פּאַריז אום אָנצונעהמען די פליכטען פון אַ גענעראַל־שטאַטהאַלטער פון דעם קעניגרייך. צוזאַמען דערמיט דריקט אויס דער פּאַרלאַמענט דעם וואונש, דאָס די דריי־פאַרביגע קאָקאַרדע זאָל בלייבען אין איהר קראַפט. דער פּאַרלאַמענט האָט אויך אָנערקענט פיר נעטיג צו בעזאָרגען, דאָס אין דער נעכסטער זיצונג פון ביידע קאַמערן זאָל פראַנקרייך בעקומען די פערזיכערונג, דאָס די שאַרטע וועט אין גאַנצען פערווירקליכט ווערען".

דעם זעלבען אָבענד איז דער הערצאָג געקומען אין פּאַריז צו פוס אָנגעטאָן אין אַ קאָסטיום פון אַ געוועהנליכען בירגער. ער האָט באַלד איינגעלאַדען צו זיך דעם נייעם מיניסטער־פּרעזידענט, דעם הערצאָג פון מ אָ ר-

---

*) אַ שטאָדט אין בעלגיען, וואו די פראַנצויזען אונטער גענעראַל דיומודיעז האָבען בעזיגט די עסטרייכער אין יאָהר 1792.

ריקרופען זיינע בעפעהלען, און ענטלאַסען די פערהאַסטע מיניסטאָרען צו-זאמען מיט פּאָליניאַק'ן. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. דאָס פאָלק האָט מעהר ניט געוואָלט האָבען קיין אונטערהאַנדלונגען מיט קאַרל דעם 10טען און מיט די בורבאָנען אין אַלגעמיין. ווען דער קעניג האָט אַריינגע-שיקט אין פּאַרלאַמענט זיינע נייע בעפעהלען און די נעמען פון די נייע מי-ניסטאָרען, וואָס ער האָט ערוועהלט, איז אין גאַנצען זאַל געווען איין גע-שריי: „וואָס? נייע מיניסטאָרען פון קאַרל דעם 10טען! מיר זיינען פער-ראַטען! ניין! ניין! מיר ווילען מעהר גאָרניט וויסען פון די בורבאָנען!"
די הערשאַפט פון קאַרל דעם 10טען איז געווען צו ענדע, די מאָנאַרכיע איז געווען בעזיגט.

פּאַריז איז געשוואומען אין פרייד. אונבעקאַנטע זיינען געפאַלען איי-נער צום אַנדערען אין די אָרמס און האָבען זיך געקושט פון גרויס שמחה. די פערוואונדעטע האָט מען אַריינגענומען אין די רייכסטע הייזער און מען האָט געטאָן אַלעס מעגליכעס אום צו היילען זיי און צו ערלייכטערן זייערע שמערצען. אַלע וויין-שענקען זיינען געווען אָפען פיר יעדען, און די ווירטען האָבען פון קיינעם ניט געפאָדערט קיין בעצאָהלונג. אָבער וואָס זאָל יעצט זיין? מעהר פון אַלעמען זיינען געווען בעזאָרגט מיט דיזער פראַגע פּאָב-ריקאַנטען, קויפלייט און באַנקירען; זיי האָבען מורא געהאַט ערסטענס פאַר די קעניגליכע טרופּען, וועלכע זיינען נאָך געבליבען טריי דעם קעניג, און צווייטענס פאַר דער בעזיצלאָזער מאַסע, וועלכע איז אימער בערייט גיין אַזעלכע צופעלען צונעהמען אייגענטום. איינפלוסרייכע מענער, ווי לאַ-פייעטטע און בראַנזשער, האָבען באַלד נאָך דעם זיג געטראַכט, אַז מען זאָל דעם צושטאַנד ניט לאָזען לאַנג אַזוי פערבלייבען, און דאָס מען זאָל די קרוין איבערגעבען דעם הערצאָג פון אָרלעאַנס. דיזער פּלאַן איז אַזוי שטאַרק געפעלען געוואָרען דער בורזשואַזיע, דאָס מען האָט בעשלאָסען צו פערעפענטליכען אַן אָרלעאַניסטישע פּראָקלאַמאַציאָן. טהיערס האָט דיזע פּראָקלאַמאַציאָן פערפאַסט און דעם 30טען יולי איז זי אָנגעקלעפּט געוואָרען אין אַלע גאַסען פון פּאַריז. זי האָט געלויטעט:
„קאַרל דער 10טער קען ניט מעהר צוריקקומען אין פּאַריז. ער האָט געלאָזען פערגיסען דאָס בלוט פון פאָלק.
אַ רעפּובליק וועט אונז פערשאַפען שרעקליכע שטורמס; זי וועט אונז צורייסען מיט גאַנץ אייראָפּאַ.
דער הערצאָג פון אָרלעאַנס איז אַ פירסט, וואָס איז איבערגעגעבען צו דער זאַך פון דער רעוואָלוציאָן.

דורכפאַלען, וועט איהם קיינער ניט קענען מאַכען וועלכע עס איז פּראָווירפען. דיביידע קאַמערן פון פּאַרלאַמענט האָבען אויפגענומען די בעקאַנטמאַכונג מיט גרויס בעגייסטערונג. דער פּאַרלאַמענט האָט גלייך נאָכדעם אַרויסגעלאָזען צום פאָלק אַן ערקלערונג, אין וועלכער ער האָט גאַראַנטירט דעם פאָלק די פרייהייט, וואָס די שאַרטע גיט איהם. די ערקלערונג לויטעט:

„די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע ווערט ווידער איינגעפיהרט. די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע האָבען אַליין דאָס רעכט צו ערוועהלען זייערע אָפיצערען;

די בעטייליגונג פון די בירגער אין דער פערוואַלטונג פון לאַנד;

אַ געריכט פון געשוואָרענע (דזשורי) פיר פּראָצעסען וועגען פּרעס־פרייהייט;

געזעצליכע פעראַנטוואָרטליכקייט פון מיניסטאָרען און אונטערע פערוואַלטונגס־בעאַמטע;

די געזעצליכע זיכערהייט פון די איינריכטונגען אין דער אַרמעע;

די ווידער־ערוועהלונג פון דעפּוטירטע, וועלכע ווערען ערנאַנט צו עפענטליכע עמטער (ד. ה. דעפּוטאַטען פון פּאַרלאַמענט, וואָס ווערען ערנאַנט פון דער רעגירונג אויף עמטער, זאָלען האָבען דאָס רעכט צו ווערען ווידער ערוועהלט אַלס מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט)".

דאָס אַלעס איז געשעהען ניט הערענדיג קיין וואָרט פון די באַריקאַדען־קעמפּפער, וועלכע האָבען ריזיקירט זייער לעבען צו געווינען דעם קאַמף מיט דער רעגירונג. דאָס פאָלק האָט גערעכענט ניט נאָר פּטור צו ווערען פון קאַרל דעם 10טען, נאָר אויך פון טראָן אין אַלגעמיין. דאָס פאָלק איז דעריבער געוואָרען שרעקליך אויפגעבראַכט ווען מען האָט אויסגעשיקט דיזע פּראָקלאַמאַציאָן. דער צאָרן פון פאָלק האָט זיך געלאָזט הערען איבעראַל. „ווען אַזוי", האָבען אויסגערופען די זעצער און די דרוקער, „מוז דער קאַמף זיך אָנפאַנגען פון דאָס נייע און מיר וועלען ווידער גיסען קוגלען!" אַ מאַסע רעפּובליקאַנער האָבען זיך פערזאַמעלט אין אַ רעסטאָראַנט און מיט געוועהר אין די הענט האָבען זיי זיך בעראַטען וואָס זיי זאָלען יעצט אונטערנעהמען. דער בעריהמטער פּאָעט בעראַנזשער האָט געהאַלטען אַ גלענצענדע רעדע, אין וועלכער ער האָט זיך געגעבען אַלע מיה צו געווינען דאָס פאָלק פיר דעם הערצאָג פון אָרלעאַנס; זיין רעדע האָט אָבער ניט געהאַט אויף די אָנוועזענדע קיין ווירקונג. איינער פון די צוהערער האָט איהם געוואָלט אונטערשטיצען, האָט אַן אַנדערער אָנגעשטעלט געגען איהם זיין פּיסטאָלעט. ענדליך האָט די פערזאַמלונג בעשלאָסען צו פערפערטיגען אַן

טעמארט. עס איז געוועזן 3 אַ זייגער אין דער פריה, דעם 31טען יולי. ווען דער מיניסטער־פרעזידענט איז צו איהם אַריין, האָט ער, אָרלעאַנס, צו איהם געזאָגט: „הערצאָג, זאָגט דעם קעניג, דאָס מען האָט מיך מיט גוואַלד געשלעפּט נאָך פּאַריז; איך וואָלט זיך אָבער לאָזען צוהאַקען אין שטיקער איידער אָנצוטאָן די קרוין אויף מיין קאָפּ".

טהיערס.

אום 8 אוהר אין דער פריה איז שוין געקומען צום הערצאָג אַ דעפּו־טאַציאָן פון פּאַרלאַמענט. דער הערצאָג האָט אָנפאַנגס ניט געוואָלט הערען פון אַלע איהרע פאָרשלאַגען. ענדליך האָט ער נאָכגעגעבען. ער האָט גע־מעלדעט דעם פאָלק, דאָס ער האָט אָנגענומען די ווירדע פון אַ גענעראַל־שטאַטהאַלטער איבער פראַנקרייך. די בעקאַנטמאַכונג איז געוועזן געשרי־בען זעהר קלוג און פאָרזיכטיג, אַזוי דאָס זאָגאַר אין פאַל, ווען די זאַך וועט

דיזער איז שוין יעצט ניט געווען, וואָס ער איז געווען מיט 41 יאָהר צוריק, אין דער רעוואָלוציאָן פון יאָהר 1789. און דער אַדרעס איז געבליבען אָהן אַ שום ווירקונג.

אויך די מענער פון שטאָדט־הויז זיינען געווען געגען דעם הערצאָג פון אָרלעאַנס. אויך זיי זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט איבער די פּראָקלאַמאַציאָן, און דער גענעראַל לאַבאַ האָט זיך אויסגעדריקט: „וואָס מיר אָנבעטרעפט, וויל איך פון איהם (דעם הערצאָג פון אָרלעאַנס) ניט וויסען, ווי איך וויל ניט וויסען פון אַנדערע. ער איז אַ בורבאָן".

אַזוי איז געווען די שטימונג פון פאָלק אין דער צייט, ווען דער הערצאָג פון אָרלעאַנס איז געפאָהרען אין שטאָדט־הויז אום אָנצונעהמען די שטאַטהאַלטערשאַפט. ער איז געפאָהרען רייטענדיג אויף אַ פערד אָן דער שפּיץ פוןביידע קאַמערן. פון פּאַלעי־ראָיאַל ביז צום פּלאַץ פון לובר איז ער בעגריסט געוואָרען פון פאָלק מיט גרויס פרייד. אָבער ווייטער פון דאָרט איז די פרייד געוואָרען שוואַכער און שוואַכער. עס זיינען געווען גאַסען, וואו עס האָט געהערשט אַן אומעטיגע שטילקייט, און אויב אימיצער האָט יע גענומען בעגריסען דעם הערצאָג איז די לופט באַלד פערהילכט געוואָרען מיט די ווערטער: „לעבען זאָל די פרייהייט! לעבען זאָל לאַפאַיעטט!" דאָך האָט דער הערצאָג פון אָרלעאַנס געקראָגען די אָנערקענונג פון שטאָדט־הויז. פיעל האָט דערצו געהאָלפען די אויטאָריטעט פון לאַפאַיעטט, וועלכער איז געווען ביים פאָלק זעהר בעליבט. די רעפּובליקאַנער האָבען פערלאָרען. זייערע פּראָקלאַמאַציאָנען זיינען בעזייטיגט געוואָרען. די בורזשואַזיע האָט ערוואַרט, דאָס דער הערצאָג וועט פערשאַפען די געווינשטע רוה, וועלכע זייערע געשעפטען פאָדערן, און וואָס מאַכט זיי אויס די פרייהייט?

קאַרל דער 10טער האָט נאָך ניט אויפגעגעבען זיין האָפנונג צו געווינען צוריק דעם טראָן מיט גוואַלד. ער האָט צוזאַמענגעקליבען 12,000 מאַן אום צו דערגרייכען מיט זיי זיין ציל. ער זעלבסט איז געווען אָן דער שפּיץ פון דעם צוג. נעבען איהם האָט געריטען די הערצאָגין פון בעררי אין מענערשע קליידער. אָבער די טרופּען זיינען ביסלאַכווייז איבערגעגאַנגען צו די פּאַריזער; דעם 2טען אויגוסט זיינען זאָגאַר דריי רעגימענטען רייטער איבערגעגאַנגען צו דער פּאַרטיי פון הערצאָג פון אָרלעאַנס. ענדליך האָט ער דערזעהען, דאָס ער האָט פערשפּילט. ער האָט זיך צוזאַמען מיט זיין זוהן ענטזאַגט פון פראַנצויזישען טראָן. אָבער פיר דעם הערצאָג פון אָרלעאַנס איז עס נאָך געווען וועניג. ער האָט זיך ניט געפיהלט רוהיג כל זמן

אַדרעס, וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט פאָלגענדע ווערטער: „דאָס פאָלק האָט פערגאָסען זיין בלוט אום צוריק צו געווינען זיינע רעכטען. דאָס טייערסטע פון זיינע רעכטען איז, עס זאָל אַליין ערוועהלען זיין רעגירונג. מיר מוזען טאָן אַלעס אום ניט צו דערלאָזען, אז מען זאָל בעשטימען אַן אויבערהויפט פיר דאָס פאָלק איידער עס איז בעשלאָסען געוואָרען וואָס פיר א

הערצאָג פון אָרלעאַנס.

סאָרט רעגירונג מען זאָל איינפיהרען אין לאַנד. מיר האָבען צוויי קאַמערן פון פאָלקס־פערטרעטער. זאָלען זיי דערווייל רעגירען ביז די מעהרהייט פון פראַנצויזישען פאָלק וועט אויסדריקען איהר ווילען". דיזען אַדרעס האָט מען צוגעטראָגען אויף דעם שפיץ פון א שפיז צו לאַפאַיעטט'ן. אָבער

זיי וואָלטען זיך ענטזאגען פון טראָן נאָר צו גונסטען פון היינריך דעם 5טען, און ער האָט דערביי ניט געזאָגט קיין וואָרט, און דעם 4טען האָט ער איינגעשטימט צו וועקסלען די דינאַסטיע.

דעם 7טען אויגוסט האָבען די דעפּוטירטע בעשלאָסען מיט אַ גרויסער מעהרהייט אָנצובאָטען דעם הערצאָג פון אָרלעאַנס די פראַנצויזישע קרוין. די דעפּוטירטע זיינען דעם זעלבען טאָג אַוועק אין פּאַלעי־ראָיאַל און דאָרט האָט דער דעפּוטירטער לאַפיטטע פאָרגעלעזען דעם בעשלוס פון פּאַרלאַמענט. דער הערצאָג האָט איינגעוויליגט אָנצונעהמען די קרוין. דאַן איז ער אַרויף אויף דעם באַלקאָן צוזאַמען מיט לאַפאַיעטט'ן, און דיזער אַלטער רעפּובליקאַנער האָט זיך געווענדט צו דער גרויסער פאָלקס־פערזאַמלונג מיט דיזע ווערטער: „היר איז דער פירסט, וועלכען מיר ברויכען. מיר האָבען ניט געקענט געפינען קיין אַנדערען, וואָס זאָל זיין נאָהענט צו דער רעפּובליק". אין אָבענד פון דעם זעלבען טאָג האָבען זיך פערזאַמעלט די פּעירס (מיטגלידער פון דער העכערער קאַמער). ש א ט אָ ב ר י א נ ד האָט אין אַ בעגייסטערטער רעדע פערטיידיגט די פּרעטענזיע פון יונגען היינריך דעם 5טען אויף דעם פראַנצויזישען טראָן. אָבער קיינער האָט מיט איהם ניט סימפּאַטיזירט. מיט אַ גרויסער מעהרהייט האָט די קאַמער אָנגענומען דעם בעשלוס פון די מיטגלידער פון אונטער־הויז, און איז נאָך אין דעם זעלבען אָבענד אַוועק אין פּאַלעי־ראָיאַל אום צו בעגריסען דעם בירגער־קעניג.

דעם 9טען אויגוסט איז געווען די פייערליכע טראָן־בעשטייגונג. אונגעהייערע פאָלקס־מאַסען האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אַרום דעם פּאַלאַץ בורבאָן. דאָרט האָבען זיך פערזאַמעלט אַלע דעפּוטאַטען פון פּאַרלאַמענט אום דורכצופיהרען די קרוינונג. אום 2 אוהר נאָכמיטטאָג איז דער הערצאָג אָנגעקומען אין דער בעגלייטונג פון זיינע צוויי עלטערע זיהן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטוהל, וועלכער איז געשטאַנען נעבען דעם טראָן. מען האָט פאָרגעלעזען די בעשלוסען פון ביידע קאַמערן פון פּאַרלאַמענט. דער גענעראַל־שטאַטהאַלטער האָט דערויף געענטפערט:

„מיינע הערען פּעירס, מיינע הערען דעפּוטירטע! איך האָב מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט געלעזען די ערקלערונג פון די דעפּוטירטע און די צושטימונג פון די פּעירס. איך האָב אַלע פונקטען איבערלעגט און גוט בעטראַכט. איך נעהם אָן אָהן אויסנאַהמע אַלע בעשטימונגען און אַלע פערפליכטונגען, וועלכע די ערקלערונג ענטהאַלט אין זיך; איך נעהם אָן דעם טיטעל קעניג פון פראַנצויזישען פאָלק, וועלכען זי גיט מיר, און בין בערייט צו שווערען, דאָס איך וועל זי אָפּהיטען". באַלד נאָכדעם האָט ער

קאַרל דער 10טער איז געווען אויף דעם פראַנצויזישען באָדען. ער האָט געשיקט 6,000 מאַן אונטער לאַפאַיעטט'ס קאָמאַנדע נאָך ראַמבולליעט, וואוהין קאַרל מיט זיין הויף האָט אַריבערגעצויגען; דער הערצאָג האָט עס געטאָן מיט דעם אויסרייד, דאָס ער וויל בעשיצען די קעניגליכע פאַמיליע. קאַרל דער 10טער האָט פערשטאַנען וואָס דאָס מיינט און איז דעם 16טען אויגוסט אַוועק נאָך ענגלאַנד צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע און זיין לייב־גוואַרדיע.

יעצט האָט די נייע מאָנאַרכיע זיך גענומען איינצוריכטען אין פאַריז. עס איז געוואָרען אַן אונגעוועהנליכע יאָגעניש נאָך שטעלען, ווייל די רע־וואָלוציאָן האָט אָפּגעשאַפט פיעלע בעאַמטע און דער נייער מאָנאַרך האָט דאָך געדאַרפט האָבען נייע מענשען. די מעהרסטע פון די שטעלען־זוכער זיינען געווען פון דעם שוים פון דער געזעלשאַפט.

די רעוואָלוציאָן פון יולי איז געווען ניט אין פאַריז אַליין, נאָר אין דעם גאַנצען לאַנד. איבעראַל, וואו מען האָט דערהערט קאַרל דעם 10טען'ס בעפעהלען, זיינען געוואָרען אויפשטאַנדען. מעהר ווי איבעראַל איז דער אויפשטאַנד געווען זעהר גרויס אין ליאָן. דאָ האָבען זיך מיט איין מאָל אָפּגעשטעלט אַלע אַרבייטען. דאָס פאָלק האָט אפילו געהאַט ווייניג וואַפען, פון דעסטוועגען האָט מען זיך איבעראַל פאָרבערייט צו אַן אָנגריף. דאָס פאָלק אין ליאָן האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעזאַמעלט אין פערשיידענע פּלעצער, דאָס עס איז פשוט געווען אונמעגליך דורכצוגעהן די גאַס. מען האָט אויפ־געריסען דעם ברוק אין די גאַסען, פון וועגען האָט מען געמאַכט באַריקאַ־דען, און אונטער דעם געשריי „לעבען זאָל די שאַרטע! נידער מיט די בור־באָנען!" איז מען בעפאַלען דעם אַרסענאַל און מען האָט פערכאַפּט די טע־לעגראַפען. דאָס פאָלק אין ליאָן האָט פאָלשטענדיג געזיגט. דער זיג פון פאַריז איז בעקאַנט געוואָרען ערסט אויף דעם אַנדערען טאָג.

פיליפּ, דער הערצאָג פון אָרלעאַנס, האָט פון זיין זייט ניט געטאָן קיין זאַך אום צו ערהאַלטען די קרוין פון פראַנקרייך. ער האָט באמת געוואָלט בעסער בלייבען ביי זיינע פּריוואַט־געשעפטען איידער צו טראָגען די שווערע לאַסט פון אַ קרוין. מען האָט איהם אָבער דערצו געצוואונגען, איבערהויפּט זיין שוועסטער אַדעלעיד. ער האָט דעם 2טען אויגוסט זעלבסט פאָר־געשלאָגען דעם פּאַרלאַמענט, אז מען זאָל ערוועהלען אַלס פראַנצויזישען קע־ניג דעם הערצאָג פון באָרדאָ, און ער האָט פּעשפּראָכען „צו שטיצען איהם אַזוי לאַנג ווי ער וועט קענען". דעם 3טען אויגוסט האָט מען פערהאַנדעלט אין פּאַרלאַמענט די צושריפט פון קאַרל דעם 10טען און פון זיין זוהן, דאָס

אַראָפּגענומען זיין הוט און מען האָט איהם דערלאַנגט אַ נוסח פון אַ שבועה, וואָס דער יוסטיץ־מיניסטער דיופּאָנט האָט פערפאַסט, און ער האָט געשוואָ־רען. אונטער דעם אַלגעמיינעם יובעל־געשריי „לעבען זאָל דער קעניג!" האָט ער אונטערגעשריבען דעם אָריגינאַל פון דער קאָנסטיטוציאָן (די שאַרטע).

די אַרבייטער זיינען פון דער גאַנצער געשיכטע געווען שטאַרק אונ־צופרידען. אָבער מען האָט געוואוסט ווי צו בערוהיגען זיי דורך פערשפּרע־כונגען און געלט־פערטיילונגען. מען האָט באַלד אָנגעקלעפּט פּראָקלאַ־מאַציאָנען, וועלכע האָבען זיך אָנגעפאַנגען מיט די ווערטער: „בראַווע אַר־בייטער! קעהרט זיך אום צוריק צו אייערע פאַבריקען און וואַרשטאַטען!" זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט, אָבער זיי האָבען ניט געפונען קיין אַרבייט.

אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן האָבען די קאַפּיטאַליסטען בע־האַלטען זייערע קאַפּיטאַלען. אַלע געשעפטען, אַלע אינדוסטריעלע פערבינ־דונגען זיינען אונטערבראָכען געוואָרען. די קלענערע קאַפּיטאַליסטען זיינען אין די דריי טעג פון דער רעוואָלוציאָן רואינירט געוואָרען. יערער שאָס פון אַ ביקס אָדער פּיסטאָלעט האָט פעראורזאַכט אַ באַנקראָט. די באַנק פון פראַנקרייך האָט אויפגעהערט צו מאַכען וועלכע עס איז געשעפטען, האָט אויפגעהערט צו דיסקאָנטירען וועקסלען, און דער גאַנצער פערקעהר פון האַנדעל איז מיט איין מאָל אָפּגעהאַקט געוואָרען, און וועהרענד די באַנק איז געווען פול מיט גאָלד איז דאָס פאָלק געווען שרעקליך פעראָרימט.

יעדער טאָג האָט פערגרעכערט די נויט פון פאָלק. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן האָבען די וויכטיגסטע דרוקערייען פון דער הויפּטשטאָדט בעשעפטיגט איבער 200 אַרבייטער, וועלכע האָבען ערהאַלטען אַ טעגליכען געהאַלט פון 4 ביז 6 פראַנק. נאָך דער רעוואָלוציאָן זיינען די דרוקערייען געשלאָסען געוואָרען אויף 10 טעג, און נאָכדעם, ווען זיי האָבען זיך שוין געעפענט, האָט מען צוריקגערופען צו דער אַרבייט נאָר 12 אַרבייטער. מיט זעקס חדשים שפּעטער האָבען די דרוקערייען אָנגעהויבען צו בעשעפטיגען ניט מעהר ווי 25 אַרבייטער, און דיזע האָבען פערדינט ניט מעהר ווי 25—30 סו אַ טאָג. מען דאַרף ניט פערגעסען, דאָס די דרוקערייען האָבען געליטען פון קריזיס ווייניגער ווי די אַנדערע פאַכען. דיזע לאַגע גיט אונז אַ בעגריף פון די אונגעהייערע פערלוסטען.

אום צו העלפען דעם ליידענדען פאָלק האָט מען אָנגענומען פאָלגענדע מיטלען: מען האָט אין אַ הויף פּאָעטיישער שפּראַך געלויבט די העלדען, וועלכע זיינען געשטאָרבען אין דעם קאַמף פיר פרייהייט; מען האָט אָנגע־

דער אויפשטאַנד אין ליאָן.

הויבען צו זינגען אין די טהעאטערען א נייע מארסעילעזע, וועלכע איז פער־פאסט געוואָרען פון קאזימיר דעלאווינע. דער זשורנאל פון הערצאָג פון אָרלעאנס האָט אויסגעשריען וועגען דיזע העלדען: „איהר זייט אימער גע־ווען די עהרליכסטע, מוטיגסטע און בראווסטע פון אלע מענער. עהרע אייך, איהר בראווע פאריזער!” דאָס זעלבע האָבען געטאָן די בעאמטע פון דער שטאָדט־רעגירונג. אלעקסאנדער פון לאבאָרדע האָט מיט בעגייס־טערונג אויסגעשריען אין א פּראָקלאמאציאָן: „ווער קען זיך ריהמען צו זיין דער ערסטער בעאמטער פון א בעפעלקערונג, וועלכע האָט מיט איהרע העלדענטאטען גערעטעט די פרייהייט און די ציוויליזאציאָן?” און אין פיעלע פאמיליעס האָט געפעהלט ברויט, און פיעלע מוטערס האָט מען גע־זעהען אויף די קאלטע שטיינערנע פלאטען אין מאָרג (טויטען־הויז) זוכענ־דיג די ליבע קערפּערס פון זייערע קינדער, וועלכע זיינען אויסגעגאנגען פון הונגער.

דאָך האָט מען געטאָן פיעלעס צו העלפען די אלמנות און יתומים, וואָס זיינען פערבליבען פון די הרוגים פון דער יולי־רעוואָלוציאָן, אָדער פיר די פאמיליעס פון די פערוואונדעטע. פון אלע זייטען זיינען אָנגעקומען פיר זיי סובסקריפּציאָנען. אין דער זעלבער צייט האָט מען זיך בעשעפטיגט אין קעניגליכען שלאָס מיט רעווידירען די שארטע. מען האָט געזוכט הער־צושטעלען די נאציאָנאל־גווארדיע אזוי, אז מען זאָל קענען אויסשליסען פון איהר דאָס אָרימע פאָלק. מען האָט בעשטימט א פאָרמע פון א קאָסטיום, וואָס האָט געקאָסט זעהר טייער, אזוי דאָס נאָר די פערמעגליכע קלאס, די בורזשואזיע, איז געווען אין שטאנד צו פערשאפען זיך אזא אָנצוג. מען האָט בעשלאָסען צו געבען מעהר פּרעס־פרייהייט צו די יעניגע צייטונגען און זשורנאלען, וועלכע האָבען זיך ביזהער ווענינער אָנגענומען פיר די אינ־טערעסען פון אָרימען פאָלק; צו געבען א גרעסערע צאָהל בירגער דאָס רעכט צו נעהמען אָנטייל אין געזעצגעבונג; צו געבען די געזעצגעבער פון דער בורזשואזיע דאָס רעכט פון איניציאטיווע (דאָס רעכט פאָרצושלאָגען געזעצען); ענדליך, צו שטעלען גלייך אלע רעליגיאָנען און אָפּשאפען דעם אדעל, ווי אין 1789.

אָבער צו פערטיילען די אָפּגאבען מיט מעהר יושר, צו ערלייכטערן די לאסטען, וועלכע דריקען די אָרימע, און אָפּצושאפען די אינדירעקטע שטיי־ערן, צו זוכען מיטלען געגען די מערדערישע ענדערונגען פון ארבייטס־לוין — וועגען דעם האָט מען זיך גאָרניט גענומען די מיה צו זאָרגען. דער־פאר האָט מען פיעל געזאָרגט וועגען די בערזע־ספּעקולאנטען, און מען האָט

לואיס פיליפ שווערט אויף די קאָנסטיטוציאָן.

געקויפט פון די בעלגישע פראָדוקטען. דער הערשער פון דיזען רייך, קעניג וו י ל ה ע ל ם , איז געווען אַ זעהר טיכטיגער קאָפּ־מענש. שטאַרק בע־האווענט אין פּראַקטישער שטאַאַטס־וויסענשאַפט און בעגאַבט מיט פעהיג־קייט פיר ספּעקולאַציאָן, האָט ער געשווינד און שטאַרק ענטוויקעלט די האָל־לענדיש־בעלגישע אינדוסטריע. ער איז געווען דער גרינדער פון דער בע־ריהמטער א ל ג ע מ י י נ ע ר ג ע ז ע ל ש א פ ט אין בריססעל.

אָבער אין פּאָליטישער הינזיכט האָט ער געמאַכט זעהר בעדייטענדע פעהלערן. ער איז געווען מיט לייב און זעעלע אַ האָללענדער און האָט בע־טראַכט בעלגיען נאָר אַלס אַ צוואוואַקס צו האָללאַנד. ביים אָנשטעלען בע־אַמטע אין דער אַרמעע אָדער אין ציוויל־פערוואַלטונג האָט ער אימער גע־געבען דעם פאָרצוג צו די האָללענדער. די האָללענדישע שפּראַך איז גע־ברויכט געוואָרען אין אַלע אָפיציעלע אַנגעלעגענהייטען, הגם אין די זיד־ליכע פּראָווינצען האָט דאָס פאָלק זי זעהר װעניג פערשטאַנען. מען האָט דאָרט גערעדט פראַנצויזיש. אָבער מעהר פון אַלעם איז געווען אונערטרעג־ליך די שטייער־לאַסט. דאָס לאַנד איז געווען שולדיג 2 מיליאַרדען, און דאָס האָט דאָס פאָלק צוגעשריבען צו דער פעראייניגונג פון די לענדער. דיזע אונגעהייערע סומע איז פערברויכט געוואָרען אום צו פערגרעסערן די זעע־מאַכט פון האָללאַנד, פון וועלכער מאַכט די בעלגיער האָבען ניט ער־וואַרט פיר זיך קיין נוצען.

אויסער דעם האָט דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ פון בעלגיען נאָך פיעל געליטען פון קרענקונגען אין רעליגיעזער בעציהונג. די רעליגיאָן פון דיזע צוויי פעלקער איז געווען פערשיידען. אין זיד האָט געהערשט דער קאַטאָ־ליציזם און אין נאָרד דער פּראָטעסטאַנטיזם. די קאַטאָלישע גייסטליכע האָבען ניט געוואָלט לאָזען די פאָלקס־ערציהונג אין די הענט פון דער פּראָ־טעסטאַנטישער רעגירונג. דיזע לעצטע האָט געמוזט נויטען מיט' געוואַלד די קאַטאָליקען צו בעזוכען די פּרייזיניגע פאָלק־שולען. די קליינע סעמי־נאַרען פון די קאַטאָליקען, וועלכע זיינען געווען אַ נעסט פון פאַנאַטיזם, האָט די רעגירונג אין גאַנצען געשלאָסען; די רעגירונג האָט אויך גע־צוואונגען די קאַטאָלישע טהעאָלאָגען צו בעזוכען פילאָזאָפישע קורסען. די קאַטאָליקען האָבען זיך פעראייניגט מיט די ליבעראַלען אוב צוזאַ־מען צו שטרייטען מיט דער רעגירונג. דיזער בונד איז שוין אין יאָהר 1830 געווען אַזוי שטאַרק, דאָס דער קעניג ווילהעלם האָט אין איהם גע־זעהען אַ געפאַהר פיר זיך. עס איז אייגענטליך ניט געווען שווער דיזע געפאַהר צו בעזייטיגען. דער מאַטעריעלער צושטאַנד פון לאַנד איז געווען

זיי פערשאַפט דורך איינינע פעראָרדנונגען די מעגליכקייט צו מאַכען לייכט מיליאָנען.

די בורזשואַזיע האָט טריאומפירט. זי האָט ארויפגעזעצט אויף'ן טראָן א פירסט, וועלכער האָט נאָר איהר צו פערדאַנקען זיין ערפאָלג. די מיניס-טאָרען זיינען געווען פּערזאָנען, וועלכע האָבען בעקומען מאַכט און א נאָמען נאָר צו פערדאַנקען דער בורזשואַזיע. די פערענדערטע שאַרטע, וועלכע האָט געגעבען וואהל־פרייהייט און פרעס־פרייהייט, פעראַנטוואָרטליכקייט פון די מיניסטאָרען צום פאָלק און זעלבשטענדיגע פערוואַלטונג, דאָס אַלעס איז נאָר געווען צוגעפּאַסט צו די אינטערעסען פון דער בורזשואַזיע. די געזעצ-געבענדע מאַכט איז געווען אין זייערע הענט. די וויכטיגסטע עפענטליכע עמטער האָט פערנומען די בורזשואַזיע. אויך די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע איז געווען מעהרסטענס פון איהר. און אזוי האָט די בורזשואַזיע אריינגעכאַפּט די רעגירונג אין איהרע הענט.

ב. די ווירקונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן אויף די נידערלאַנדען און פוילען.

עס איז זעלטען צו געפינען אין דער געשיכטע א פּאָליטישע איבער-קעהרענים, וואָס האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקען איינפלוס אויף פרעמדע לענ-דער, ווי די יולי־רעוואָלוציאָן אין פראַנקרייך. אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע מעכטען האָבען געגלויבט, דאָס עס איז שוין אַן ענדע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, דאָס פראַנקרייך איז צוריק געוואָרען רעאַקציאָנער, דעספּאָ-טיש, ווי זי איז געווען פריהער. די אייראָפּעאישע רעגירונגען זיינען שטאַרק דערשראָקען געוואָרען ווען זיי האָבען בעקומען די נאַכריכט פון דיזער רע-וואָלוציאָן, בעזונדערס, ווען זיי האָבען געזעהען, דאָס איבעראַל האָט אָנגע-הויבען אריינבלאָזען פון פראַנקרייך א שאַרפער ווינט פון רעוואָלוציאָן, און די גאַנצע בורזשואַזיע פון אייראָפּאַ איז געווען אין גרויס בעגייסטערונג. שטאַרקער ווי איבעראַל איז געווען דער איינפלוס פון דיזער רעוואָלוציאָן אין די נידערלאַנדען און אין פוילען.

נאָך דעם, ווי נאַפּאָלעאָן איז געפאַלען, האָבען די אייראָפּעאישע מעכ-טען געמאַכט פון בעלגיען און האָללאַנד איין קעניגרייך אונטער דעם נאָמען „די פעראייניגטע נידערלאַנדען".

פון עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט איז די פעראייניגונג געווען א זעהר ניצליכע און געלונגענע. איבערהויפּט איז בעלגיען געוואָרען גליקליך פון דיזער פעראייניגונג, ווייל די האָללענדישע קאָלאָניעס האָבען זעהר פיעל

מהר אויפגערייצט די געמיטער. מען האָט אין בריססעל ווידער אָנגע-הויבען צו מאַכען באַריקאַדען, די שטורם־גלאָק האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען טרעוואָגע, און דאָס פאָלק איז ווידער אַרויס געגען די קעניגליכע טרופען. דער ענטהוזיאַזם פון פאָלק איז געווען אונגעהייער, און די קעניג-ליכע האָללענדישע טרופען האָבען זיך געמוזט צוריקציהען (29טען סעפ-טעמבער). יעצט האָט וועגען אַ שלום מיט'ן קעניג מעהר קיין רייד ניט געקענט זיין. בעלגיען'ס אָפּטיילונג פון האָללאַנד איז געשעהען אָהן דעם קעניג'ס צושטימונג.

דעם 4טען אָקטאָבער האָט די דערוויילינע רעגירונג אַרויסגעגעבען אַן ערקלערונג, דאָס פון יעצט אָן איז בעלגיען אַ זעלבשטענדיגער שטאַאַט. זי האָט בעשטימט אַ קאָמיסיאָן, וואָס זאָל אויסאַרבייטען אַ קאָנסטיטוציאָן, און האָט צוזאַמענגערופען אַ קאָנגרעס, וואָס זאָל בעשטימען און ענטשיידען דעם שיקזאַל פון בעלגיען. דאָס פאָלק זעלבסט איז געווען געטיילט אין דער מיינונג וועגען דיזער אַנגעלעגענהייט. איין טייל, די הייסע פאַטריאָ-טען, האָט שטאַרק געגלויבט, דאָס בעלגיען קען עקסיסטירען אַלס אַ זעלב-שטענדיגע נאַציאָן, און דער אַנדערער טייל, די אָראַנזשיסטען, האָבען גע-האַלטען פיר נעטיג צו בלייבען אונטער דער רעגירונג פון ווילהעלם פון אָראַניען, פון דער דינאַסטיע נאַססאַו, נאָר מיט פערענדערטע איינאָרדנונ-גען. דיזע פאַרטיי האָט ניט געגלויבט, דאָס בעלגיען איז אין שטאַנד צו פיהרען אַ זעלבשטענדיגע מלוכה. די פאַרטיי פון אָראַנזשיסטען איז בע-שטאַנען פון פינאַנסיסטען, פאַבריקאַנטען און פון אַלטע בעאַמטע אין האָל-לאַנד. די פאַרטיי פון די פאַטריאָטען איז בעשטאַנען פון קאַטאָליקען, לי-בעראַלען און אַרבייטער.

די האָללענדער האָבען בעגאַנגען אַ גרויסען פעהלער דערמיט, וואָס זיי האָבען געשאָסען אויף די שטאָדט אַנטווערפען, די בליהענדסטע שטאָדט פון בעלגיען און די איינציגע, וואָס איז געווען טריי דעם קעניג ווילהעלם. זיי האָבען דיזע שענע שטאָדט בוכשטעבליך פערוויסטעט. די שענסטע גאַ-סען, די פרעכטיגסטע פּלעצער זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין הויפענס אַש; די רייכסטע און טייערסטע מאַגאַזינען זיינען פערברענט געוואָרען. און דערום, ווען עס האָט זיך געעפענט אין בריססעל דער בעלגישער נאַ-ציאָנאַל־קאָנגרעס (10טען נאָוועמבער), איז בעלגיען באַלד ערקלערט גע-וואָרען אַלס אַן אונאָפּהענגיגע מדינה, אין וועלכער די מיטגלידער פון דער דינאַסטיע נאַססאַו־אָראַניען האָבען אויף אימער פערלאָרען דאָס רעכט צו הערשען. דער קאָנגרעס האָט בעשטימט, אַז די פאָרמע פון דער נייער

זעהר צופרידענשטעלענד, אַזוי אַז דאָס פאָלק האָט פיר קיין פאַל ניט גע-
דענקט וועגען שטירצען דעם טראָן. ער האָט נאָר געברויכט געבען בעלגיען
אַ בעזונדערע פערוואַלטונג, און זיי וואָלטען געווען צופרידען, אפילו נאָר
מיט דער ענטלאַסונג פון דעם פערהאַסטען יוסטיץ־מיניסטער ו ו אַ ן
מ אַ אַ נ ע ן.

צוליב דיזער פיינדליכער שטימונג פון די בעלגיער צו דער רעגירונג
האָט די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן פון מאָנאַט יולי געהאַט אַ גרויסען איינ-
פלוס אין בעלגיען. דאָס ערסטע, וואָס די בעלגיער האָבען געטאָן, איז געווען
אָנצוקלעפּען אויף די מויערן פון בריססעל די אויפשריפט: „נידער מיט
וואַן מאַאַנען!" און „טויט צו די האָללענדער!" דעם 25טען אויגוסט האָט
זיך אַ גרויסע מאַסע פון פאָלק געלאָזען צו די וואוינונגען פון די בעאַמטע
און צו די גרויסע אינדוסטריע־געביידעס, וועלכע זיי האָבען געפּלינדערט
און אונטערגעצונדען. דעם 26טען איז די גאַנצע נידערע שטאָדט געווען אין
די הענט פון די רעוואָלוציאָנערן, און אויף דעם שטאָדט־הויז האָט גע-
פלאַטערט די דריי־פאַרביגע בראַבאַנטער פאָהן. ווען דער פרינץ פון אָראַ-
ניען איז געקומען מיט זיינע טרופּען און האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל
אַרונטערנעהמען די פאָהן, איז באַלד געוואָרען אין בריססעל אַ נייער אויפ-
רוהר. דער פרינץ האָט געמוזט נאָכגעבען. ער איז געקומען אין שטאָדט
אָהן מיליטער און די בראַבאַנטער פאָהן האָט ווייטער געפלאַטערט. דאָס
האָט איהם געקרענקט. איבערהויפּט איז איהם געווען אונערטרעגליך צו
זעהן די באַריקאַדען, און צוליב דיזען טרויעריגען בילד איז ער צוריק אַוועק
פון שטאָדט. אָבער איין וואָרט פון דער בורזשואַזיע האָט איהם אַ ביסעל
בערוהיגט און האָט געשטאַרקט זיין מוט. דיזעס וואָרט איז געווען „אָרד-
נונג". דערמיט האָט די בורזשואַזיע געגעבען דעם פרינץ צו וויסען, דאָס
זיי ווילען ניט צונעהמען די קרוין פון קעניג, נאָר זיי פערלאַנגען אָפּשיידען
זיך פון די האָללענדער און האָבען אַ זעלבסט־פערוואַלטונג אונטער זיין
אויבער־הערשאַפט.

דער פרינץ האָט בעשטימט אַ קאָמיסיאָן, וועלכע זאָל אויסאַרבייטען
אַ פּלאַן און געפינען מיטלען, ווי צו בעזייטיגען די אונצופרידענהייט. ער
האָט פערשפּראָכען צו פּועל'ן ביים קעניג, אַז ער זאָל אָפּשיידען די בעלגיער
פון די האָללענדער און געבען זיי אַ זעלבסט־פערוואַלטונג. אָבער עס איז
שוין געווען צו שפּעט. דאָס פאָלק איז שוין געווען בעוואָפענט; דער פרינץ
פריעדריך האָט צוזאַמענגעקליבען 10,000 מאַן און האָט זיי געפיהרט געגען
די בירגער־טרופּען. דיזע האָבען געהאַט אַ נידערלאַגע, און דאָס האָט נאָך

לאַנד געהאַלטען וואָרט, בוכשטעבליך לויט דעם אָפּמאַך. רוסישע פּוילען איז ווירקליך געווען אַ זעלבּשטענדיגע מדינה, זי האָט נאָר געהאַט צוזאַמען מיט רוסלאַנד די פּערזאָן פון דעם הערשער, דעם צאַר, וועלכער האָט אָבער אַלס הערשער פון פּוילען נאָר געהאַט דעם טיטעל קעניג. פּוילען איז אונטער רוסלאַנד געבליבען ביי איהרע פריהערדיגע נאַציאָנאַלע איינריכטונגען: זי האָט געהאַט איהר סענאַט, איהרע אייגענע געריכטס־הייזער, איהר אייגע-

לעאָפּאָלאָד דער 1טער.

נעס געלט־סיסטעם או. אַז. וו. זאָגאַר אַן אַרמעע האָט פּוילען געהאַט איהר אייגענע. די פּוילישע שפּראַך איז געווען די אָפיציעלע שפּראַך אין אַלע אַנשטאַלטען פון לאַנד. די פערפאַסונג איז געווען אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מיט 2 קאַמערן. די אויבערע קאַמער איז בעשטאַנען פון פּערזאָנען, וואָס דער קעניג האָט בעשטימט, און די אונטערסטע איז בעשטאַנען פון דעפּו-

רעגירונג זאָל זיין אַ מאָנאַרכישע. מען האָט באַלד גענומען פערפאַסען אַ נייע קאָנסטיטוציאָן. אָבער נאָך איידער די קאָנסטיטוציאָן איז פער־טיג געוואָרען זיינען שוין ענטשטאַנען גרויסע שוועריגקייטען וועגען דער פערזאָן, וועלכע זאָל ערוועהלט ווערען אַלס קעניג.

די מעהרהייט פון שטימען איז געווען פיר דעם הערצאָג פון לייכטענ־בערג, אָבער פראַנקרייך האָט דערצו ניט געוואָלט געבען איהר איינשטימונג. אויך די קאָנפערענץ פון דיפּלאָמאַטען אין לאָנדאָן האָט ערקלערט, דאָס די אַלע פינף אייראָפּעאישע גרויסמעכטען, וועלכע האָבען געשלאָסען אין 1815 אַ בונד וועגען דער אויפהאַלטונג פון דעם גלייכגעוויכט פון אייראָפּאַ, קענען ניט געבען זייער הסכמה אויף דיזען הערצאָג אַלס קעניג פון בעלגיען. די לאַגע פון בעלגיען איז געווען אין גרויס געפאַהר, ווייל דער קעניג פון די נידערלאַנדען האָט שוין אָנגעהויבען מאַכען גרויסע פאָרבערייטונגען צו אַן אָנפאַל אויף בעלגיען. אויך די פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַלטען מיט דעם פּרינץ פון אָראַניען, האָט אָנגעהויבען צו מאַכען אין לאַנד גרויסע אונרוהען. דאַן האָבען איינינגע פאָרגעשלאָגען אַלס קעניג דעם הערצאָג לעאָפּאָלד פון זאַקסען־קאָבורג. דיזער נאָמען האָט גלייך צוטריבען אַלע וואָלקענס, וואָס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אויף דעם פּאָליטישען הימעל פון בעלגיען. ענגלאַנד מיט פראַנקרייך האָבען די ערסטע געגעבען זייער הסכמה צו דיזער וואַהל, און דיזע צושטימונג האָט געלעזט די פראַגע. דעם 4טען יוני איז לעאָפּאָלד ערוועהלט געוואָרען אַלס קעניג פון בעלגיען מיט אַ גרוי־סער מאַיאָריטעט, און דעם 9טען יולי האָט די לאָנדאָנער קאָנפערענץ די וואַהל בעשטעטיגט. נאָכדעם האָט דער פּרינץ לעאָפּאָלד געגעבען צו וויסען, דאָס ער נעהמט אָן די קרוין. דעם 17טען יולי האָט ער צום ערסטען מאָל בעטרעטען דעם בעלגישען באָדען, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרען פון פאָלק מיט גרויס ענטהוזיאַזם, און דעם 21טען איז ער אַריין מיט פּאַראַד אין בריססעל. דעם צווייטען טאָג איז ער אָנערקענט געוואָרען אַלס קעניג פון בעלגיען און האָט אָנגענומען די שבועה, וואָס דער קאָנגרעס האָט איהם געגעבען, אַז ער זאָל היטען די קאָנסטיטוציאָן און די אונאָפּהענגיגקייט פון לאַנד. דערמיט איז בעלגיען אָנערקענט געוואָרען פון אַלע אייראָפּעאישע מעכטען אַלס אַן אונאָפּהענגיגעס, זעלבשטענדיגעס רייך.

וואָס אָנבעטרעפט פּוילען איז עס שוין לאַנג בעשטימט געוואָרען, דאָס זי זאָל צוטיילט ווערען צווישען די דריי מעכטען: רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסען, און יעדער טייל זאָל בעהאַלטען זיינע נאַציאָנאַלע איינריכטונגען און האָבען זיינע נאַציאָנאַלע פערטרעטער. אין דיזער הינזיכט האָט רוס־

ערן האָבען זיך אין גאַנצען געפונען אונטער זייער איינפלוס, און זיי איז געווען לייכט אויפצוהויבען זיי געגען דער רעגירונג און געגען די גרויסע גוטס־בעזיצער, פון וועלכע דער קליינער אדעל האָט געפאָדערט אַן אונגע-הייערע געלט־שטיצע צו פיהרען דעם קריג.

די נאַכריכט וועגען דער פראַנצויזישער יולי־רעוואָלוציאָן האָט אויפ-געפלאַקערט די געמיטער פון דער פוילישער בעפעלקערונג אין וואַרשא. דערצו האָט די רעגירונג אָנגענומען אַזעלכע שטרענגע מאַסרעגלען, וועלכע האָבען נאָך מעהר צורייצט דאָס פאָלק. איבערהויפּט איז דאָס פוילישע פאָלק געוואָרען ערביטערט, ווען די רוסישע רעגירונג האָט געפאָדערט, דאָס די פוילישע אַרמעע זאָל אַרויסטרעטען אין שטרייט געגען פראַנקרייך, אום צו דערשטיקען דאָרט די רעוואָלוציאָן.

עס האָט אָנגעהויבען אַריינקומען אין פוילען רוסישעס מיליטער, אום צוזאַמען מיט די פוילישע סאָלדאַטען אַרויסצוטרעטען געגען פראַנקרייך. מען האָט זיך בעדאַרפט צואיילען אַרויסגעהן געגען רוסלאַנד איידער די רוסי-שע אַרמעע וועט ווערען צו שטאַרק אין פוילען. עס איז בעשטימט געוואָרען אָנצופאַנגען דעם אויפשטאַנד אין דער נאַכט פון דעם 29טען נאָוועמבער. אין דעם אָבענד פון דיזען טאָג זיינען די סטודענטען און שילער פון דער מיליטער־שולע בעפאַלען דעם פּאַלאַץ פון גרויספירסט קאָנסטאַנטין. זיי זיינען געווען ערמוטיגט מיט דעם ערפאָלג פון די סטודענטען פון פּאַריזער פּאָליטעכניקום. זיי האָבען לייכט ערמאָרדעט די שילד־וואַך און די די-נערשאַפט פון פּאַלאַץ. זיי האָבען געוואָלט ערמאָרדען אויך דעם גרויס-פירסט, אָבער זיין צימער איז געווען לעער. ער איז ענטלאָפען אין דער רעכטער צייט, באַלד ווי די סטודענטען האָבען אָנגעהויבען צו שטורמען דעם פּאַלאַץ. אויס ראַכע האָבען די רעוואָלוציאָנערען ערמאָרדעט זיין גע-נעראַל־אַדיוטאַנט און דעם פּאָליציי־פּרעזידענט, וועלכער האָט זיך צופעלי-גערוויז דאַן געפונען אין פּאַלאַץ. פון פּאַלאַץ האָט זיך דער אויפשטאַנד פערברייטעט איבער דער גאַנצער שטאָדט. עס האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער קאַמף צווישען די פּאָליאַקען און די רוסען. דער מיטעלפּונקט פון דער רעוואָלוציאָן איז געווען די מיליטער־שולע. צו די סטודענטען פון דיזער שולע זיינען צוגעשטאַנען פיעלע אַרבייטער און איינִיגע פוילישע רע-גימענטען סאָלדאַטען אונטער דער פיהרונג פון די אונטער־אָפיצערען אין דער אַרמעע. איבעראַל האָט זיך געהערט דער געשריי: „צו די וואַפען!" דאָס פאָלק האָט בעפאַלען דעם אַרסענאַל און האָט בעקומען 50,000 ביק-סען. גאַנצע קוואַרטאַלען האָט מען אונטערגעצונדען אום צו מאַכען די

טירטע (ערוועהלטע פון פאָלק). דאָס לאַנד, און איבערהויפּט דאָס בירגער־טום, האָט זיך אונטער דיזער פערפאַסונג ענטוויקעלט אויף׳ן העכסטען גראַד. דער האַנדעל האָט זיך ענטוויקעלט אונגעוועהנליך. אויך די אינדוסטריע און דער אַקערבוי האָבען אויפגעבליהט אונטער דיזער אָרדנונג, אַזוי דאָס פּוילען איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי גליקליך ווי אין די יאָהרען פון 1815 ביז 1830.

די פּאָליאַקען אָבער האָבען ניט געקענט פערגעסען זייער פריהערדיגע גרויסקייט, זייער מאַכט, זייער רוהם, זייער אַלטע פרייהייט. און דריבער זיינען זיי געווען אונצופרידען מיט דער רוסישער אויבערמאַכט. דער וויצע־קעניג גרויספירסט קאָנסטאַנטין מיט זיינע מיניסטאָרען האָבען זיך ערלויבט צו טאָן די פּאָליאַקען איינינע זאַכען, וואָס זיינען געווען ניט געזעצליך, און דאָס האָט נאָך מעהר אויפגערעגט די פּאָליאַקען געגען די רוסישע רעגירונג. איבערהויפּט האָט זיי אויפגעבראַכט דער בעפעהל פון גרויספירסט קאָנסטאַנטין צו בעזייטיגען די בעשלוסען פון זייער פּאַרלאַמענט. ענדליך האָט די רוסישע אויבער־רעגירונג מעהר ניט צוזאַמענגערופען דעם פּוילישען פּאַרלאַמענט, ווען עס איז געקומען דערצו די בעשטימטע צייט, זי האָט בעשרענקט די פרעס־פרייהייט און האָט איינגעפיהרט אַ מיליטער־געריכט אָנשטאָט אַ ציוויל־געריכט. דיזע אַלע פעראָרדנונגען האָבען געפיהרט צו אַ פערשווערונג. די סטודענטען, דער קליין־אַדעל און דער אָפיצערען־קאָרפּוס זיינען געווען אין אַ געהיימען בונט. מען האָט געשאַפען אונגעהייערע געלט־מיטלען אום צו שטרייטען מיט רוסלאַנד און צו געווינען די פריהערדיגע אונאָפּהענגיגקייט.

אויך פיעלע אַרבייטער זיינען צוגעשטאַנען צום בונט, הגם זיי האָבען קיין פערבעסערונג פון זייער לאַגע ניט ערוואַרט פון דיזען אויפשטאַנד, ווייל דער הויפּט־צוועק פון איהם איז געווען צוריקצושטעלען די אַלטע פּריווילעגיעס פון דעם אַדעל. די פאָדערונג פון די פּאָליאַקען צו האָבען אַן איינענעם הערשער און אַן איינענע קאָנסטיטוציאָן איז נאָר געווען אַ מאַסקע, אַ מיטעל איינצופיהרען צוריק די אַלטע פּריווילעגיעס פון גרויסען אַדעל. די גלייכע רעכטען פון די בירגער האָבען די פּאָליאַקען, איבערהויפּט דער קליין־אַדעל, גערעכענט פיר אַ גרויסע געפאַהר פיר זייער עקסיסטענץ, און דעריבער האָבען זיי געוואָלט צוריק איינפיהרען דאָס אַלטע פעאָדאַל־סיסטעם. די אָפיצערען פון דער פּוילישער אַרמעע און די גייסטליכע האָבען זיי געהאָלפען אין דיזער שטרעבונג. אין דיזער הינזיכט זיינען די גייסטליכע געווען אַ גרויסע שטיצע דעם קליינעם אַדעל, ווייל די פאַנאַטישע בוי־

דיזער צושטאַנד האָט געהאָלפען די אַריסטאָקראַטען אַריינצוכאַפּען די רעגירונג אין זייערע הענט. מען האָט געשיקט די פירסטען ל י ו ב ע צ ק י און י ע ז ע ר ס ק י אַלס דעלעגאַטען פון פּוילישען פאָלק צום קייזער ניקאָלאַי דעם 1טען אין פּעטערבורג, אום צו פערהאַנדלען מיט איהם וועגען בעדינגונגען פון אונטערטעניגקייט און פרידען. דער דיקטאַטאָר זעלבסט האָט געשריבען צום קייזער אַלס זיינער אַן אונטערטאַן און אונטערגעבענער. אויך מיט פּרייסען און עסטרייך האָבען די פּאָליאַקען אַזוי געהאַנדעלט, אום זיי זאָלען זיך ניט פעראייניגען געגען זיי מיט רוסלאַנד. אָבער זיי האָבען געשיקט דעלעגאַטען אין לאָנדאָן און אין פּאַריז צו בעטען פון זיי הילף אין זייער יעצטיגער לאַגע. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט לפנים יע צוגעזאָגט פּוילען הילף אום ניט איינצורייסען מיט'ן פאָלק, וועלכעס איז געווען אויף דער זייט פון די פּאָליאַקען, אָבער בסוד האָט זי געגעבען אינסטרוקציאָנען, אז מען זאָל ניט נעהמען קיין עפּענטליכע שריט געגען רוסלאַנד. דער פערצווייפעלטער שפּרוך פון די פּאָליאַקען: „גאָט איז צו הויך און פראַנקרייך צו ווייט", איז געווען אַ בערעכטיגטער.

דעם 15טען יאַנואַר האָט כלאָפּיצקי געגעבען צו וויסען דעם רייכסטאַג, דאָס די פערהאַנדלונגען מיט'ן קייזער ניקאָלאַי האָבען ניט געפיהרט צו קיין רעזולטאַט. ניקאָלאַי האָט געפאָדערט פון די פּאָליאַקען אונבעדינגטע אונטערטעניגקייט און זיי זאָלען זיך פערלאָזען אויף איהם ווי ער וועט מיט זיי האַנדלען: גנעדיג אָדער אונגנעדיג. די פערזאַמלונג איז פון אַזאַ ענטפער געווען שטאַרק אויפגערייצט און האָט בעשלאָסען צו אונטערברעכען אַלע פערהאַנדלונגען מיט'ן קייזער. כלאָפּיצקי האָט רעזיגנירט פון זיין שטעלע אַלס אויבער-קאָמאַנדיר פון דער פּוילישער אַרמעע און דער פּאָסט איז איבערגעגעבען געוואָרען צו פירסט ר אַ ד ז י ו ו י ל. ווען די פּאָליאַקען האָבען דערהערט, דאָס רוסלאַנד האָט געשיקט געגען זיי אַן אַרמעע מיט'ן מאַרשאַל ד י ב י ט ש אָן דער שפּיץ, האָבען זיי זיך אין גאַנצען אָפּגעזאָגט פון דער רוסישער אויבער-הערשאַפט און פון קייזער ניקאָלאַי אַלס זייער קעניג (25טען יאַנואַר).

דיביטש איז אַריין אין פּוילען מיט אַן אַרמעע פון 120,000 מאַן, אום אונטערצוואַרפען די פּאָליאַקען איבער-אַ-נייס אונטער רוסלאַנד. די פּאָליאַקען האָבען נאָר אַרויסגעשטעלט 70,000 מאַן געגען דער רוסישער אַרמעע.

דעם 19טען און 25טען פעברואַר איז פאָרגעקומען אַ בלוטיגע שלאַכט ביי ג ר אָ כ אָ ו ו און פּ ר אַ ג אַ, צוויי פאָרשטעדט פון וואַרשאַ. דער העלדישער מוט און די בעגייסטערונג פון די פּוילישע סאָלדאַטען איז געווען

מהומה נאָך שטארקער. ערסט דאַן, ווען דער פייער האָט אויסגעבראָכען, האָבען די רוסישע טרופּען אָנגעהויבען צו פּעראייניגען זיך און אַרוים אין קאמף געגען די רעוואָלוציאָנערען. אָבער די הערשאפט פון גרויספּירסט איז אָפּגעשאַפט געוואָרען. ווארשא האָט זיך געפונען אין די הענט פון די רעוואָלוציאָנערען.

די פּוילישע רעגירונג, וועלכע איז בעשטאַנען פון לויטער פּאָליאַקען, האָט גוטגעהייסען די רעוואָלוציאָן און האָט אָנערקענט פיר גזעצליך אַלעס, וואָס די רעוואָלוציאָנערען האָבען געטאָן. דער קאָמאַנדיר פון דער פּוילישער אַרמעע, כ ל אָ פּ י צ ק י, האָט פאָרגעשלאָגען אַזעלכע פרידענס־בעדינ־גונגען, דאָס דער גרויספּירסט האָט זיי פיר קיין פאַל ניט געקענט אָננעהמען און איז אַריבער מיט די רוסישע טרופּען דעם גרענעץ. פּוילען איז געבליבען פריי. דער צושטאַנד פון פּוילען איז דאַמאָלס געווען צופרידענשטעלענד: דאָס לאַנד האָט געהאַט רעגעלמעסיגעם מיליטער 40,000 מאַן, און די אָפּי־צערען האָבען זיך צושפּרייט איבער'ן לאַנד צו שאַפען נאָך 60,000 שטריי־טער. אויך איז די גאַנצע פערוואַלטונגס־מאשינעריע געווען אין די הענט פון די פּאָליאַקען.

די ערסטע עטליכע טעג נאָך דעם 29טען נאָוועמבער איז די פרייד פון די פּאָליאַקען געווען אונגעהייער גרויס. אַלע קלאַסען מענשען זיינען גע־ווען בערייט צו אַלע מעגליכע אָפּפער. די מאָנאַכען האָבען געעפענט זייערע שפּייכלערס פיר דאָס אָרימע פאָלק, וואָס האָט זיך בעטייליגט אין דעם אויפשטאַנד. די פרויען האָבען אָפּגעגעבען זייערע טייערע צירונגען אום צו שאַפען געלט פאָרטצוזעצען דעם קאַמף מיט רוסלאַנד. די רייכע לייט האָבען אויף זייער אייגענע רעכנונג צוזאַמענגעשטעלט רעגימענטען סאָל־דאַטען, די פאָדערונגען פון די פּאָליאַקען זיינען אימער געוואָרען גרעסער און פרעכער. די פּאָרלויפיגע רעגירונג האָט אָנגעוואָרען ביים פאָלק איהר גאַנצע אויטאָריטעט און האָט גאָרניט געקענט טאָן אום פאָרצובערייטען זיך צום גרויסען קאַמף, וואָס זיי איז פאָרגעשטאַנען מיט רוסלאַנד. דאַ־מאָלס האָט דער גענעראַל כלאָפּיצקי זיך ערקלערט אַלס דיקטאַטאָר אום צוזאַמענצורופען דעם רייכסטאַג אין נאָמען פון „קעניג ניקאָלאַי". ער האָט באַלד אָנגעהויבען צו דערשטיקען די רעוואָלוציאָן ווי וויית ער האָט געקענט. מערקווירדיג איז, אַז דאָס פאָלק האָט געהאַט צו כלאָפּיצקי'ן דעם פולען צוטרויען, דאָס ער איז טריי צו דער רעוואָלוציאָן, און מען האָט זיך ביי איהם געבעטען, אַז ער זאָל די דיקטאַטור אָננעהמען.

34,000 מאַן, די איבריגע 20,000 זיינען אַריבער דעם ווייכסעל. די שטאָדט וואַרשא, צו וועלכער פאַסקיעוויטש איז געגאַנגען מיט אַ רוסישער אַרמעע פון 70,000 מאַן, האָט זאָגאַר ניט געהאַט גענוג פּראָוויאַנט אום אויסצוהאַל-טען די בעלאַגערונג.

פאַסקיעוויטש האָט פערזיכערט די פּאָליאַקען אין נאָמען פון קייזער, דאָס ער וועט זיי פערצייהען דעם אויפשטאַנד און וועט זיי לאָזען אַלע זייערע רעכטען און זייער קאָנסטיטוציאָן, ווען זיי וועלען זיך בערוהיגען און אונטערגעבען זיך אונטער זיין הערשאַפט אַלס קעניג. אָבער די פּוילישע רעגירונג האָט זיך ענטזאַגט פון פרידען. דעם 6טען סעפּטעמבער האָט זיך די שלאַכט ווידער אָנגעפאַנגען. די רוסען האָבען איינגענומען די פעסטונג וואָלאָס, וועלכע איז געוועזען דער שליסער פון וואַרשא, און באַלד נאָכ-דעם האָט פאַסקיעוויטש איינגענומען די איבריגע פעסטונגען אַרום וואַרשא. די פּאָליאַקען האָבען באַלד איינגעזעהען, דאָס זיי מוזען זיך אונטערגעבען צו די רוסען. דעם אָבענד פון 8טען סעפּטעמבער האָט פאַסקיעוויטש בע-נאַכריכטיגט דעם קייזער, דאָס וואַרשא איז איינגענומען. די פּוילישע אַר-מעע האָט זיך צוריקגעצויגען, זי איז אַריבער איבער'ן גרענעץ אין עסטרייך און פּרייסען און זי איז דאָרט ענטוואָפענט געוואָרען. פּרייסען האָט גע-בעטען פון רוסישען קיסר אַמנעסטיע (בעגנאַדיגונג) פיר די פּוילישע סאָל-דאַטען, אָבער ער האָט די ביטע ענטזאַגט. זיי האָבען געמוזט פערבלייבען אין אויסלאַנד, איבערהויפּט אין פראַנקרייך, וואו זיי האָבען צוזאַמענגע-שטעלט אַ גוט אָרגאַניזירטע אַרמעע. די נידערלאַגע פון פּוילען האָט גע-מאַכט אַ שטאַרקע בעוועגונג אין פראַנקרייך. די פראַנצויזען האָבען פער-געסען זייערע אייגענע פּאָליטישע פראַגען און האָבען זיך נאָר אינטערעסירט מיט פּוילען. די פראַנצויזען האָבען אויפגעגעבען זייערע געשעפטען, האָבען געשלאָסען די טהעאַטערען. דאָס פאָלק איז געוועזען ערביטערט געגען דער רעגירונג, וואָס זי טוט גאָר'ניט פיר פּוילען; מען האָט אָנגעהויבען צו רויבען וואַפען פון די אַרסענאַלען און מאַכען באַריקאַדען. עס האָט אויסגעוויזען, דאָס עס וועט קומען אַ נייע רעוואָלוציאָן. אָבער די רעגירונג האָט בעציי-טענס בערוהיגט די אויפרעגונג. אין פּאַרלאַמענט האָט די רעגירונג גע-וואוסט ווי צו פערטיידיגען זיך. אויך האָט זי נאָכגעגעבען דער אַלגעמיי-נער שטימונג מיט דעם, וואָס זי האָט געשאַפען געלט צו אונטערשטיצען די פּוילישע פליכטלינגען, ניט אַכטענדיג אויף די אונאַנגענעהמע פערוויקלונגען מיט אויסלאַנד, וואו אַזאַ אונטערשטיצונג איז בעטראַכט געוואָרען אַלס אַ סאָרט בעלוינונג פיר דעם אויפשטאַנד.

אָהן גליכען. די רוסען האָבען זיי ניט געקענט בעזיגען. אין פּעטערבורג איז מען געוואָרען שטאַרק אונצופרידען פון דיביטש'ן און דעם 12טען יוני האָט מען איבערגעגעבען די קאָמאַנדע איבער דער רוסישער אַרמעע צו גראַף פּ א ס ק י ע ו ו י ט ש.

דערווייל אָבער זיינען די פּוילישע פינאַנץ־קרעפטען, ווי אויך די מי־ליטערישע, געוואָרען פיעל שוואַכער. דערצו איז די בעפעלקערונג און די

פּאַסקיעוויטש.

אַרמעע געשפּאָלטען געוואָרען אין צוויי געגנערישע פּאַרטייען. אין וואַרשא זעלבסט זיינען פאָרגעקומען בלוטיגע סצענעס. פון די סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געבליבען אָהן אַ קאָמאַנדיר, האָבען זיך אומגעקעהרט אין וואַרשא צו פערטיידיגען די שטאָדט געגען דעם אָנגריף פון פּאַסקיעוויטש'ן נאָך

זאָרגט מיט גרויס ענערגיע. ער איז איבעראַל געווען אָנוועזענד. ווען די וואַכט־פּאַראַד האָט געשפּילט די מאַרסעילעזע איז ער געזעסען אייף דעם באַלקאָן און האָט מיט זיינע פינגער צוגעקלאַפּט צום טאַקט. ער האָט גע־טאָן אַלעס מעגליכעס אום צו ווערען פּאָפּולער. ער פלעגט געהן שפּאַצירען אין אַן איינפאַכען אויבער־ראָק, אַ הויכען ווייסען פילצענעם הוט אויף׳ן קאָפּ און אַ רעגען־שירם אונטער׳ן אָרם. דער הויף־שטאַאט איז געווען לויט בירגערליכער מאָדע. די שלאָס־וואַך האָט ער איבערגעגעבען צו דער נאַ־ציאָנאַל־גוואַרדיע. די געסט אין הויף זיינען בעשטאַנען מעהרסטענס פון שריפטשטעלער, באַנקירען, אַדוואָקאַטען און פאַבריקאַנטען. אזוי האָט דאָס בירגערטום אויך אויסערליך אונטעריאָכט די מאָנאַרכיע אונטער זיך.

די בורזשואַזיע האָט גענאָסען די פרוכט פון דער רעוואָלוציאָן. געגען דיזען אויסגאַנג זיינען אַרויסגעטרעטען צוגלייך די אָנהענגער פון די בור־באָנען, די אַזוי־גענאַנטע לעגיטימיסטען, און די אמת׳ע רעפּוב־ליקאַנער. פיעלע רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע זשורנאַלען האָבען בע־וויזען, ווי גרויס און ווי פיעל עס זיינען די רעגירונגס־פיינד. דאַן זיינען אַרויס די אַרבייטער און האָבען געצוואונגען די רעגירונג, אַז זי זאָל בעשטי־מען נייע גרויסע סומעס אויף עפענטליכע אַרבייטען. אָבער ניט קוקענדיג אויף דיזע אַלע שטורמס און פאָדערונגען איז דער טראָן פון לואיס פיליפּ גע־שטאַנען פעסט און זיכער כל זמן ער האָט ניט אָנגעגריפען די פּרינציפּען פון דער יולי־רעוואָלוציאָן.

אָבער עס האָט ניט לאַנג גענומען און לואיס פיליפּ איז געוואָרען אַ רע־אַקציאָנער און האָט אָנגעהויבען צו זינגען אין דעם טאָן פון אַן עכטען בור־באָן. דורך אַ נייעם וואַהל־געזעץ איז דאָס רעכט צו שטימען געבליבען נאָר פיר גרויסע גוטס־בעזיצער, פאַבריקאַנטען און גרעסערע קויפלייט. דער האַנטווערקער און דער בויער האָבען ניט געקענט נעהמען קיין אָנטייל אין דער פּאָליטיק גראַדע ווי דער פּראָלעטאַריער, וואָס בעזיצט גאָרניט. נאָך דעם, ווי ער האָט דורכגעפיהרט דאָס נייע וואַהל־געזעץ, האָט ער בעזייטיגט פון יעדען אָנטייל אין דער רעגירונג די צוויי בעריהמטע מענער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן: לאַפאַיעטט און לאַפיטט, ווייל זיי זיינען גע־ווען אין לאַנד צו פיעל פּאָפּולער, און דאָס האָט איהם ניט געלוינט. מיט פערשיידענע דרעהדלאַך איז איהם געלונגען דורכצופיהרען אין פּאַרלאַמענט דעם פאָרשלאַג אָפּצושאַפען די שטעלע און דאָס אַמט פון אַן אויבער־קאָ־מאַנדיר איבער די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. לאַפאַיעטט האָט מיט קרענקונג געמוזט אַרויסטרעטען פון זיין דינסט אַלס אויבער־קאָמאַנדיר פון דער נאַ־

ג. די רעגירונג פון לואיס פיליפּ און די ארבייטער־בעוועגונג.

די פערענדערונגען, וועלכע עס האָט געבראַכט די נייע פערפאַסונג פון 5טען און 6טען אויגוסט, זיינען געווען פון אַ גרויסער בעדייטונג. די שאַר-טע איז פערפאַסט געוואָרען אין דעם גייסט פון אַ פערטראַג צווישען פאָלק און דעם קעניג. די ערסטע ווערטער פון דער שאַרטע, וואָס איז פערפאַסט געוואָרען אין דער צייט פון לודוויג דעם 18טען, לויט וועלכע ער האָט בע-קומען זיין רעכט פון גאָט און ניט פון פאָלק, זיינען יעצט אויסגעשטראָכען געוואָרען. דער קעניג און דער פאַרלאַמינט ווערען אין דיזער שאַרטע בע-טראַכט אַלס צוויי גלייכע פאַרטייען, וואָס מאַכען צווישען זיך אַ גע-וויסעם געשעפט אויף בעשטימטע בעדינגונגען, וועלכעביידע צדדים מו-זען פּינקטליך ערפילען. דער מאָנאַרך איז געווען נאָר אַ בירגערליכער וואהל־קעניג, נאָר אַ בעאַמטער, וועלכען דאָס פאָלק האָט איבערגעגעבען די קרוין ניט ווייל ער איז אַ בורבאָן, נאָר ניט אַכטענדיג, דאָס ער איז אַ בורבאָן. ער, דער נייער קעניג, האָט ניט געהאַט קיין רעכט אַליין צו פערפאַסען נייע געזעצען און איבערהויפּט צו גרינדען אויסנאַהמס־געריכ-טען. דאָס אויבער־הויז האָט בעקומען פיעל מעהר רעכטען אין געזעצגעבען און גרעסערע געריכטליכע מאַכט. דאָס אונטער־הויז האָט געהאַט דאָס רעכט זעלבסט צו ערוועהלען זיין פּאָרזיצענדען, צו מאַכען פּאָרשלאַגען ווע-גען נייע געזעצען, און דאָס רעכט צו רופען די מיניסטאָרען צום געריכט אין פאַל, ווען זייערע טאַטען זיינען אונגעזעצליך. די נייע שאַרטע איז גע-שטעלט געוואָרען אונטער דער שוץ פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. אַ בע-זונדער אַרטיקעל איז צוגעגעבען געוואָרען צו דער שאַרטע, לויט וועלכען די דריי־פאַרביגע פאָהן איז אָנערקענט געוואָרען אַלס געזעצליך און נאַציאָנאַ-ליסטיש, און דערמיט איז אָפּגעשאַפט געוואָרען די ווייסע פאָהן פון די בור-באָנען.

די יולי פערפאַסונג איז געווען עכט בורזשואַזיש, און לואיס פיליפּ איז געווען דער מאַן, וועלכען די בירגער האָבען געוואונשען. ער איז געווען קלוג און האָט געהאַט אַ ריכטיגען געשעפט־זין. ער האָט געזאָרגט, אַז זיינע פּריוואַט־גיטער זאָלען איהם אַריינברייננגען מעהר און מעהר געלט, אום צו בעזאָרגען זיינע קינדער מיט גרויסען רייכטום; און דעריבער האָט ער זיי ניט פעראייניגט מיט די שטאַאַטס־גיטער. ער האָט גוט פערשטאַנען דעם גייסט, וואָס האָט געהערשט אין פראַנצויזישען פאָלק, דאָס די לאַגע פון אַ קעניג איז דאָרט ניט זיכער. אויך די רעגירונגס־געשעפטען האָט ער בע-

דער פּאַלאַץ פון ערץ־בישאָף איז צושטערט געוואָרען. די הערצאָגין איז אַוועק נאָך ווענדעע, אויף וועלכע די לעגיטימיסטען האָבען געלעגט זייער גאַנצע האָפנונג, און האָט דאָרט אַרויסגערופען אַן אויפשטאַנד. די קעניג־ליכע טרופּען האָבען אָבער דעם אויפשטאַנד שנעל דערשטיקט. די הער־צאָגין פון בעררי, וועלכע איז געווען אַ מיטגליד פון דער פריהערדיגער קע־ניגליכער פאַמיליע, וואָס האָט געלעבט אין פערבאַנונג אין אויסלאַנד, איז פערהאַפטעט געוואָרען, און ווען זי האָט אין געפענגניס געבאָרען אַ טאָכ־טער, וועלכע איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ זינדיגער ליבע מיט אַן איטאַליענישען גראַף, האָט זיך אָפּגעטאָן דער גלאַנץ פון דער פּערטרי־בענער קעניגליכער פאַמיליע. זאָגאַר די שטאַרקסטע אָנהענגער פון די־זער פאַמיליע האָבען פערלאָרען צו איהר יעדען רעספּעקט. די לעגיטי־מיסטען האָבען זיך צוריקגעצויגען און האָבען אונטערשטיצט די רעפּובלי־קאַנער געגען דער רעגירונג.

די רעפּובליקאַנער זיינען געווען שטאַרק ערביטערט געגען דער רעגירונג דערפאַר, וואָס זי האָט אונטערגעדריקט זייערע צייטשריפטען און זייערע פעראיינען, און האָבען אין נאָוועמבער 1831 זיך גענומען צו די וואָפען. אין ליאָן האָבען די זייד־פאַבריקאַנטען ארונטערגעשניטען דעם לוין פון די אַרבייטער און דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס 40,000 אַרבייטער האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד. צוויי טעג האָט געדויערט דער קאַמף צווישען די אַרבייטער און דעם קעניגליכען מיליטער, און ענדליך האָבען די אַרביי־טער פערטריבען די סאָלדאַטען פון שטאָדט. אַכט טעג האָבען די זיגער, די אַרבייטער, געהאַלטען די שטאָדט אין זייער מאַכט. אָבער נאָך די אַכט טעג האָבען זיך די אַרבייטער געמוזט אונטערגעבען אונטער דער מאַכט פון דער רעגירונג, וועלכע האָט געשיקט געגען זיי אַ שטאַרקע מיליטערישע מאַכט אונטער דער לייטונג פון גענעראַל ס ו ל ט. אָבער די בעוועגונג איז דערמיט ניט אונטערדריקט געוואָרען. אין מאָנאַט יוני 1832 איז אין פּאַריז ענטשטאַנען אַ נייער זעהר ערנסטער אויפשטאַנד.

דער אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכען ביי דער לויה פון דעם ליבעראַ־לען גענעראַל ל אַ מ אַ ר ק, וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט לאַפאַיעטט און לאַפּיטט דער מיטעלפּונקט פון דער אָפּאָזיציאָן. דעם 5טען יוני איז געווען די לויה פון דיזען בעריהמטען מאַן, אין וועלכער עס האָט אַנטייל גענומען אַן אונגעהייערע מאַסע מענשען. אַזוי ווי מיט איין שטימע האָט דיזע גרויסע מאַסע אויסגעשריען: „לעבען זאָל די רעפּובליק!" באַלד האָט מען פערוואַנדעלט דעם טרויער מאַרש אין די מאַרסעילעזע; די פערד

ציאָנאַל־גוואַרדיע. באַלד נאָכדעם האָט אויך לאַפיטט געמוזט ארויס פון דינסט. דער קעניג האָט געגעבען זיין צושטימונג אריינצומישען זיך אין איטאַליען ניט פרעגענדיג וועגען דעם זיין מיניסטער, און האָט דיזען דורך דעם געצוואונגען צו רעזיגנירען.

אויף לאַפיטט'ס שטעלע אַלס פרעזידענט פון מיניסטעריום איז ערנאַנט געוואָרען קאַזימיר פּעריער, וועלכער האָט מעהר געפּאַסט צו לואי פיליפּ'ס שטרעבונגען. ער איז געווען אַ מאַן, וועלכער האָט גוט פערשטאַנען די גאָלדענע מיטעלמעסיגקייט; ער האָט גוט געוואוסט, דאָס צו יענער צייט איז געווען נעטיג צו פיהרען אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל זיין אַ מין פּשרה צווישען די רעאַקציאָנערע נייגונגען און ווינשען פון דעם קעניג און די רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען פון דער פּאָרטגעשריטענער פּאַרטיי. הגם די נייע וואַהלען האָבען אריינגעבראַכט אין פּאַרלאַמענט פיעלע דעפּוטאַטען פון דער אָפּאָזיציאָן, האָט דאָך דאָס מיניסטעריום פון פּעריער געהאַט אַ זיכערע מעהרהייט, אויף וועלכע עס האָט געקענט זיכער רעכנען; און אַזוי האָט דאָס מיניסטעריום לאַנגזאַם דורכגעפיהרט די רעאַקציאָנערע געזעצען געגען צוזאַמענראָטונגען און געהיימע געזעלשאַפטען. לואיס פיליפּ האָט דורך דעם געקראָגען פיעל מוט און האָט געפאָדערט פיר זיינע אייגענע הוצאות ניט ווייניגער פון 24½ מיליאָנען פראַנק אַ יאָהר. ער האָט געוואוסט דעם גרויסען ווערט פון געלט און האָט עס זעהר געשעצט. דאָס פּאָלק איז געוואָרען אויפגעבראַכט פיר אַזאַ פאָדערונג. די קאַמער אָבער האָט געמוזט נאָכגעבען און האָט נאָר אַרונטערגענומען 6 מיליאָנען פון דער געווינשטער סומע.

די שטרענגע מאַסרעגלען געגען די רעפּובליקאַנער און די רעאַקציאָנערע ריכטונג פון דער רעגירונג האָבען שטאַרק אויפגערייצט דאָס פּאָלק. עס האָבען זיך אָנגעהויבען זעהר אָפט צו מאַכען אין פערשיידענע ערטער שטאַרקע בעוועגונגען פון גרויסע פּאָלקסמאַסען און די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט ערביטערונגען. רעכנענדיג אויף דיזע אונצופרידענע שטימונג פון פּאָלק האָט די מוטיגע הערצאָגין פון בערי בעשלאָסען ארויפצובריינגען אויף'ן פראַנצויזישען טראָן איהר זוהן הײנריך דעם 5טען. אין דיזער איהרער אונטערנעהמונג האָט זי אויך פיעל גערעכענט אויף די הילף פון דער פּאַרטיי, וועלכע איז דאַמאָלס געווען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „לעגיטימיסטען", וועלכע זיינען געווען ביטערע פיינד פון לואיס פיליפּ. דעם 15טען פעברואר 1831 איז ארויסגעשטעלט געוואָרען אויף דער קירכע כאַן ראָק אַ ווייסע פאָהן און עס איז געוואָרען אַן אויפשטאַנד, אין וועלכען

פאָלגונגען האָט ער נאָר פערניכטעט איינצעלנע פּערזאָנען, אָבער ניט די אידעע; דער רעפּובּליקאַניזם איז געבּליבּען עקסיסטירען און מען האָט איהם אגיטירט נאָך מיט מעהר אייפער. דאַמאָלס האָבען זיך אָנגעהויבען צו צייגען די ערסטע סימנים פון ווידערשטאַנד געגען די הערשענדע קלאַסען און דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, פון אַן ערסטען צוזאַמענשטויס פון סאָציאַליזם מיט דעם שטאַאַט.

נאָך דעם, ווי באַבּאָף איז געשטאָרבען און זיין אַגיטאַציאָן געגען דער הערשענדער מאַכט איז דערשטיקט געוואָרען, איז די אידעע פון קאָמוניזם אויף אַ לאַנגע צייט פערשוואונדען. די פריהערדיגע קאָמוניסטען זיינען צושטאָרבען אין די געפענגנישען און קיין נייע זיינען ניט צוגעקומען, ווייל נאַפּאָלעאָן דער 1טער האָט מיט זיינע שטענדיגע מלחמות און מיט זיינע נצחונות פער'שכור'ט פיעלע אַרבייטער און זיי האָבען ניט געהאַט קיין צייט צו בעטראַכטען רוהיג זייער לאַגע. צוליב די מלחמות, וועלכע האָבען אריינגעצויגען אַ גרויסען טייל פון דער בעפעלקערונג אין די מיליטערישע טרופּען, איז דער אַרבייטער־מאַרק ניט געווען איבערפילט און זייער לאַגע איז ניט געווען שלעכט, אַזוי דאָס זיי האָבען ניט געהאַט קיין אורזאַך צו בעקלאָגען זיך, און ווען נאַפּאָלעאָן האָט דערזעהען, דאָס צוליב זיין האַנדעל־בלאָקאַדע ווערט די אָרימקייט גרעסער, האָט ער געאָרדענט, אַז די רעגירונג זאָל אונטערנעהמען עפענטליכע אַרבייטען אום די אַרבייטער זאָלען ניט ליי־דען קיין מאַנגעל און זאָלען ניט מאַכען קיין אונרוהען.

אין דער צייט פון קייזערטום האָט די אינדוסטריע אין פראַנקרייך גע־בליהט, און דעריבּער איז די רעגירונג געווען אין שטאַנד צו האַלטען אַ שטענדיגע אַרמעע פון 200,000 מאַן פון די פערבּינדעטע שטאַאַטען און אויסגעבּען אויף זיי 1,500 מיליאָנען יעהרליך. דיזער צושטאַנד האָט אָנ־געהאַלטען ביז צום יאָהר 1818. אָבער אין דיזען יאָהר האָט אויסגעבראָ־כען אין פראַנקרייך אַ שרעקליכער קריזיס. די צאָהל פון אַרבייטסלאָזע איז געוואָרען אונגעהייער, די נויט איז געוואָרען זעהר גרויס. די רעגירונג האָט ניט פערשטאַנען די ריכטיגע אורזאַך פון דיזען צושטאַנד און האָט גע־נומען ניט די ריכטיגע מיטלען אום די לאַגע צו פערבעסערן. זי האָט אָנ־געהויבען אַרויסצוגעבען געזעצען, וועלכע האָבען געצילט צו פערהינדערן בעטלעריי, און האָט געמאַכט נייע אָרדנונג אין צדקה־אַנשטאַלטען. דאַ־מאָלס זיינען אַרויס סעינט־סימאָן און פוריער מיט זייערע סאָציאַליסטישע אידעען און האָבען פערלאַנגט פון דער רעגירונג, אַז זי

פון דער קאַרעטע, אין וועלכער לאַפּאַיעטט איז געזעסען, האָט מען באַלד אויסגעשפּאַנט, און פיעלע פערעהרער פון דער רעפּובליק האָבען געשלעפּט דעם וואָגען. באַלד איז ערשינען אויף דער בריק, אויף וועלכער די מאַרשירענדע מאַסע איז ארויף מיט דער לייכע, א סקאַדראָן סאָלדאַטען. די מאַסע האָט אָנגעהויבען צו וואַרפען אויף זיי שטיינער און זאָגאַר צו שיסען מיט רעוואָלווערען. דער פּאָלקאָווניק האָט געבעטען די מאַסע צו בערוהיגען זיך און האָט פאָרגעשלאָגען פרידען אום ניט צו פערגיסען קיין בלוט, אָבער די מאַסע האָט איהם געענטפערט מיט א קויל. א צווייטען סקאַדראָן סאָלדאַטען האָט מען בעגעגנט מיט א העפטיגען רעגען פון קויזלען. דעם אָנקומענדען פּאָלקאָווניק האָט מען אונטערגעשאָסען דעם פערד; א דוצענד פון זיינע לייטע זיינען אראָפּגעפאַלען פון די זאָטלען.

דיזער זיג האָט געגעבען דעם פּאָלק מוט צו נעהמען זיך ענערגישער צום קאַמף. מען איז בעפאַלען אייניגע קלייטען פון געוועהר און מען האָט דאָרט גערויבט וואַפען, ווי פיעל מען האָט געברויכט. געגען אָבענד איז א האַלבע שטאָדט געווען אין די הענט פון דער מאַסע. די גאַנצע אָסטליכע העלפט אויףביידע זייטען פון דער סענע ביז די גאַסען סט. זשאַק און סט. דעניס איז געווען בעדעקט מיט באַריקאַדען. יעצט האָט זיך די מאַסע גענומען צו דער אַנדערער העלפט פון שטאָדט, צו דעם טייל, וואו עס געפינען זיך די קונסט און וויסענשאַפט און די גאַנצע אינטעליגענץ. דאַמאָלס איז אַרויסגעטרעטען דער שעף פון דער נאַציאָנאַל-גוואַרדיע, גענעראַל לאָבאָ, צו בריינגען אָרדנונג. אין דריי שטונדען איז איהם געלונגען אָפּצושוואַכען דעם אויפשטאַנד. אין אָבענד האָבען זיך פערזאַמעלט 27 דעפּוטאַטען אין לאַפּיטט'ס הויז און האָבען בעשלאָסען צו בעטען דעם קעניג, אז ער זאָל מאַכען אַן ענדע צו דער בלוט-פערגיסונג.

דעם 6טען יוני איז דער אָנגריף אויף די מאַסע בענייט געוואָרען. די קעניגליכע טרופּען צוזאַמען מיט דער נאַציאָנאַל-גוואַרדיע האָבען צושטערט די באַריקאַדען און האָבען בעזיגט די רעוואָלוציאָנערען. אין דיזען קאַמף זיינען געפאַלען פון ביידע זייטען איבער 1,000 מענשען.

לואיס פיליפּ האָט יעצט געהאַט א געלעגענהייט צו צייגען דעם פּאָלק זיין גרויסמוט און פערצייהען דעם אויפשטאַנד, און געווינען דערמיט די דאַנקבאַרקייט און ליבע פון פּאָלק. ער האָט אָבער דיזע געלעגענהייט דורכגעלאָזען. ער האָט ניט בעגנאַדיגט די באַריקאַדען-קעמפּער און האָט געבראַכט פּאַריז אין א בעלאַגערונגס-צושטאַנד. ער האָט שרעקליך פערפאָלגט און פערניכטעט זיינע געגנער, די רעפּובליקאַנער. אָבער מיט דיזע פער-

די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיך פריי אין זיין טעטיגקייט אָהן שום שטע-רונגען, און די זאַכען, וואָס זיינען נויטווענדיג צום לעבען, זאָלען זיין צו-גענגליך צו יעדען מענשען. ער האָט געגלויבט, דאָס גרונד־אייגענטום וועט מיט דער צייט אויפהערען צו שפּילען אזא ראָלע, ווי עס האָט געשפּילט אין די פריהערדיגע צייטען, און די הויפּט־ראָלע וועט שפּילען קאַפּיטאַל, און דעריבער האָט ער געלעהרט, דאָס די געזעצגעבונג מוז זיך צופּאַסען צום בעוועגליכען אייגענטום. און דעריבער איז געווען זיין מיינונג, דאָס דער געזעצגעבער פון היינטיגער צייט דאַרף אָנווענדען אַלע מעגליכקייטען צו העלפען ענטוויקלען דיזען סאָרט אייגענטום דורך די איינריכטונג פון פער-שיידענע קרעדיט־אַנשטאַלטען. די געזעצגעבער מוזען זיין גוטע פינאַנ-ציסטען און אינדוסטריע־מענער. די מיליטערישע מאַכט זאָל זיין אין הינטערגרונד און די גאַנצע רעגירונג זאָל זיין א פינאַנץ־פערוואַלטונג אויף דער אָרט ווי די באַנק פון פראַנקרייך.

פון דעם, וואָס מיר האָבען דאָ ערקלערט וועגען דער לעהרע פון סעינט־סימאָן, איז צו זעהן, דאָס זי איז איבערהויפּט נאָר א ליבעראַלע, זי ענטהאַלט אָבער אין זיך זעהר ווייניג סאָציאַליסטישעס. זי איז ענטשטאַנען אין א צייט, ווען די רעגירונג האָט געזוכט איינפיהרען צוריק דאָס אַלטע פעאָדאַל־סיסטעם און אַרויסשטופּען די בירגערליכע געזעלשאַפט. אום בעסער צו ערקלערען זיינע אַבזיכטען וועלען מיר היר איבערגעבען דעם אינהאַלט פון זיין בעטראַכטונג, וועלכע איז בעוואוסט אַלס „פּאַראַבעל (משל) פון סעינט־סימאָן".

דער פּערפאַסער נעהמט אָן אין זיין פּאַראַבעל, דאָס פראַנקרייך האָט פּלוצלינג פערלאָרען אַלע איהרע גרעסטע געלעהרטע, קינסטלער, גוטס־בע-זיצער, באַנקירען, קויפלייט או. אז. וו. נאָך זיין מיינונג וואָלט דאַן פראַנק-רייך פערוואַנדעלט געוואָרען אין א זעלענלאָזע, אונוויסענדע מאַסע און וואָלט געשטאַנען אויף דער זעלבער שטופע, אויף וועלכער עס שטעהען אַלע האַלב־ווילדע פעלקער, ביז עס וואָלטען זיך אין איהר ווידער ענטוויקעלט די נעטיגע צאָהל קרעפטען אויף דעם געביט פון וויסענשאַפט, קונסט און אינדוסטריע, וועלכע זי האָט געהאַט איידער זי האָט זיי פערלאָרען. גאַנץ אַנדערש וואָלט געווען, ווען פראַנקרייך זאָל פּלוצלינג פערלירען די קעניג-ליכע פאַמיליע, די הויכע שטאַאטס־בעאַמטע, די הויכע גייסטליכע און די רייכסטע בעזיצער. פון דיזען פערלוסט וואָלט פראַנקרייך גאָרניט געלי-טען, מיינט סעינט־סימאָן, ווייל עס זיינען דאָ אין פראַנקרייך גענוג מענ-שען, וועלכע זאָלען אויספילען די לעדיגע פּלעצער.

זאָל זיי העלפען צו פערווירקליכען דיזע אידעען אין דער פראַקטיק. אָבער די רעגירונג האָט זיי ענטזאָגט אין זייער ביטע.

סעינט־סימאָן (1760—1825) האָט אין דער שטיל לאַנג און ענערגיש געאַרבייט איבער די לעזונג פון דער גרעסטער און וויכטיגסטער פראַגע פון אונזער צייט. עס איז געווען פון זיין זייט א העלדישע אויפ-אָפּפערונג פיר די טובה פון דער ארבייטער־קלאַס. סעינט־סימאָן האָט גע-שטאַמט פון איינער פון די ערעלסטע פאַמיליעס אין פראַנקרייך. ער איז געווען דער יורש פון דעם נאָמען און פון דעם הערב (וואפּען) פון דעם הערצאָג סעינט־סימאָן, דעם געשיכטע־שרייבער פון דער צייט פון לודוויג דעם 14טען. און דאָך איז ער געווען א שרעקליכער געגנער פון פריווילעגיעס צו לייט פון יחוס און האָט גערעכענט קריג פיר א גאַטלאָזע זאַך. ער איז געווען א מאַן מיט אַן אונאָפּהענגיגען גייסט און מוטיגען הערץ. די ערסטע העלפט פון זיין לעבען האָט ער פערבראַכט אויף גוט אויסצושטודירען די געזעלשאַפט מיט אַלע איהרע ערשיינונגען. ער האָט געזאָגט, דאָס אום צו מאַכען געזעצען פיר מענשען מוז מען פריהער גוט אויסלערנען די מענשען, זייער לעבען און שטרעבען. פיר איהם איז אַלעס געווען וויכטיג אין דעם לעבען פון דער געזעלשאַפט. די פעהלערן, די פער-ברעכענס, די נארישקייטען, וואָס מענשען בעגעהען — אַלעס איז פיר איהם געווען א געגענשטאַנד צום שטודירען און ער האָט דערפון פיעל געלערנט. אויף דיזעס שטודיום האָט ער אויסגעגעבען זיין גאַנצעס פער-מעגען ביז ער איז געקומען צו דער שטופע פון א פּראָלעטאַריער. ער איז געוואָרען א קאָפּיסט (איבערשרייבער פון פּאַפּירען) און ענדליך איז ער געקומען צו בעטעל־ברויט. ער איז געקומען צו אַזאַ שלעכטער לאַ-גע, דאָס ער האָט געוואָלט בעגעהן זעלבסטמאָרד. און עס איז קיין וואונדער ניט. ער האָט אין זיינע גוטע יאָהרען אויפגענומען מיט גרויס פריינדליכקייט די גלענצענדסטע קינסטלער און די גרעסטע געלעהרטע, און יעצט איז ער געקומען צום בעטעל־שטאַנד.

וואָס אָנבעטרעפט זיין לעהרע איז זי נאָך דאמאָלס ניט געווען גענוג קלאָר. עס איז דאמאָלס נאָך ניט געווען גענוג קלאָר אין וואָס בעשטעהט דאָס אונרעכט, וואָס די בורזשואַזיע בעגעהט געגען די פּראָלעטאַריער, און וואָס דיזע פאָדערן פון יענער. אָבער דאָך האָט סעינט־סימאָן קלאָר פער-שטאַנען, דאָס די לאַגע פון די ארבייטער איז די וויכטיגסטע סאָציאַלע פראַגע פון 19טען יאָהרהונדערט. זיין פּלאַן ווי צו פערבעסערן די לאַגע פון די אַרבייטער איז בעשטאַנען דערין, דאָס מען זאָל געבען יעדען מענשען

איהם דאָס רעכט דערצו, און יעדע פעהיגקייט מוז בעלוינט ווערען לויט דער ארבייט, וואָס זי גיט ארויס. זיין שילער ענפאנטין האָט געשאפען אַן אנדער פרינציפ, וועלכער בעטראכט איבערהויפט דעם גענענזאץ צווישען די, וואָס ארבייטען, און די יעניגע, וואָס לעבען פון יענעם'ס ארבייט. ער האָט שוין דאמאָלס אויסגעדריקט די מיינונג, דאָס די רענט, וואָס ארביי-טער צאָהלען דעם גרונד-אייגענטימער פיר בעארבייטען די ערד, און דער געווין, וואָס די ארבייטער פערשאפען מיט זייער מיה דעם קאפיטאליסט, איז אַ מין שטייער צום לעדיג-געהער דעם גרונד-בעזיצער און צום לעדיג-געהער דעם קאפיטאליסט. דיזע קאפיטאל-שקלאפעריי האָט ענפאנטין גע-וואָלט בעזייטיגען. אויך באזארד (1791—1832) האָט אין דעם גזועהען דעם גרונד פון די ליידען פון היינטיגער געזעלשאפט. ער איז ניט געווען צופרידען מיט דער אָפשאפונג פון געבורט-רעכט אליין, ער האָט אויך גע-פאָדערט די אָפשאפונג פון ערב-רעכט און ער האָט געפאָדערט אַ נייע פער-טיילונג פון בעזיץ אין אלגעמיין. מען רעכענט, דאָס באזארד איז געווען דער פערפאסער פון דעם אדרעס, וועלכען די סעינט-סימאָניסטען האָבען געשיקט צו דער קאמער (פארלאמענט).

„עס איז וואהר", האָבען זיי געשריבען אין דעם אדרעס, „דאָס די סעינט-סימאָניסטען האָבען געוויסע אידעען איבער די צוקונפט פון אייגענ-טום און פון פרויען. אָבער זייערע אידעען איבער דעם זיינען ווייט ניט די דאָזיגע, וועלכע מען שרייבט צו זיי צו. דאָס סיסטעם פון געמיינשאפט (שותפות) פון די גיטער, לויט פיעלע מענשען, בעשטעהט דערין, דאָס יע-דער פון דער מענשליכער געזעלשאפט זאָל בעקומען אַ גלייכען טייל אין דעם בעזיץ פון לאנד און אייגענטום, ווי אויך אין די פרוכט פון דער אר-בייט. די סעינט-סימאָניסטען אָנערקענען ניט דיזע גלייכע טיילונג פון אייגענטום. נאָך זייער מיינונג וואָלט עס געווען אַ גרעסערע גוואלדטאט ווי אָפנעהמען אייגענטום מיט דער מאכט פון שווערד. די סעינט-סימאָ-ניסטען גלויבען, דאָס די מענשען זיינען פון דער נאטור ניט גלייך בעשא-פען געוואָרען. זיי רעכנען זאָגאר, דאָס דיזע אונגלייכהייט פון די מענ-שען איז דער גאנצער יסוד פון דער מענשליכער געזעלשאפט. די סעינט-סימאָניסטען גלויבען, דאָס די גלייכע פערטיילונג פון די גיטער וואָלט גע-ווען אַ פערברעכען געגען דעם גרונד-פרינציפ פון מאָראל, דאָס יעדער זאָל בעטראכט ווערען נאָך זיינע פעהיגקייטען און זאָל בעלוינט ווערען לויט זיין ווערק. זיי פאָדערן איבערהויפט דאָס אָפשאפען פון ערב-רעכט, וועלכעס איז די גרעסטע פריווילעגיע. עס זאָלען אין געגענטייל אלע בעדינגונגען

ווי מיר זעהען פון דיזען משל האָט סעינט־סימאָן נאָך ניט אין גאַנצען איבערגעטרעטען דעם גרענעץ צווישען ליבעראַליזם און סאָציאַליזם. אָבער גראַדע דיזע שוואַכקייט פון זיין טעאָריע האָט צוגעצויגען פיעלע גרויסע גייסטער, ווי באַזאַרד, ענפאַנטין, פערדינאַנד לעססעפס, דער גרויסער אינזשעניער, וואָס האָט געבויט דעם סועץ־קאַנאַל, פיערר לערו, מישעל שעוואַליער און אַנ-

סעינט־סימאָן.

דערע. אָבער נאָך זיין טויט האָט זיין לעהרע בעקומען אַ גרויסע בעדיי-טונג און מאַכט דורך די ווירקזאַמקייט פון זיינע שילער.

די שילער פון סעינט־סימאָן האָבען אָנגענומען אַ ריכטיגע סאָציאַליס-טישע ריכטונג. זייער לעהרער'ס פּרינציפּ איז געוועז, דאָס יעדער אַר-בייטער זאָל בעקומען אַזוי פיעל בעצאָהלט, ווי זיינע פעהיגקייטען גיבען

וויסע שטיק לאַנד; דאָס לעבען אין יעדער פאַלאַנגע איז קאָמוניסיטש. די פראָדוקטען, וואָס די פאַלאַנגע בעקומט פון איהר ארבייט, ווערען פערטיילט אונטער די דריי אָנטייל-נעהמער פון פראָדוקציאָן: קאַפיטאַל, ארבייט און טאַלאַנט; און זיי ווערען איינגעטיילט אַזוי, דאָס איין דריטעל געהערט צו די איינוואוינער פון דער פאַלאַנגע, פינף צוועלפטעל געהערען צו דער אַר-בייט, און א פערטעל דעם טאַלאַנט. יעדע פאַלאַנגע האָט בעדאַרפט טאָן א

שאַרלעס פוריער.

בעזונדער סאָרט ארבייט. די פאַלאַנגעס האָבען זיך בעדאַרפט בייטען מיט זייערע פראָדוקטען.

מען זעהט, דאָס אַזאַ אידעאַל פון א געזעלשאַפט איז ניט מעהר ווי אַן אוטאָפּיע. אָבער נאָך מעהר פאַנטאַסטיש איז פוריער'ס לעהרע וועגען ליידענשאַפטען און וועגען פילאָזאָפיע פון געשיכטע. דערפאַר איז זיין

פון אַרבייט, דער באָדען און די קאַפּיטאַלען פערוואַלטעט ווערען פון דער קירכע דורך פערגעזעלשאַפטונג. די סעינט־סימאָניסטען זיינען געגען איי־גענטום נאָר אין אַזוי ווייט, ווי דיזעס איז פיר איינינגע אַ גאָטלאָזע פּרי־ווילעגיע צו געהן לעדיג, ד. ה. דאָס רעכט צו לעבען פון דער אַרבייט פון אַנדערע, אין אַזוי ווייט, ווי דיזעס גיט איבער די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג צום צופאַל פון געבורט. דאָס קריסטענטום האָט בעפרייט די פרויען פון קנעכטשאַפט, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט עס זיי פערדאַמט צו אונ־טערטעניגקייט, און איבעראַל אין דער קריסטליכער אייראָפּאַ זעהען מיר ווי די פרויען זיינען געשטעלט נידריג אין אַלע הינזיכטען: אין רעליגיאָן, פּאָליטיק און אין בירגערליכע רעכטען. די סעינט־סימאָניסטען פערלאַנגען זייער אַבסאָלוטע בעפרייאונג, זייער פאָלשטענדיגע עמאַנציפּאַציאָן, אָבער צוזאַמען מיט דעם בעשטעטיגען זיי דאָס הייליגע געזעץ פון דער עהע און ווילען עס ערפילען. זיי פערלאַנגען, דאָס איין איינציגער מאַן זאָל זיך פעראייניגען מיט איין איינציגער פרוי, אָבער זיי פערלאַנגען, דאָס די פרוי זאָל אין אַלע הינזיכטען זיין גלייכגעשטעלט מיט דעם מאַן".

אַ ווייט קלענערען איינפלוס אויף דאָס עפענטליכע לעבען האָט געהאַט די לעהרע פון שאַרלעס פוריער (1772—1837). זיין רעפאָר־מע־פּלאַן איז ענטשטאַנען אין די ערסטע 10 יאָהר פון 19טען יאָהרהונדערט. זיין ווערק אונטער'ן נאָמען „די טעאָריע פון די פיער בעוועגונגען" איז ער־שינען אין ליאָן אין יאָהר 1808. דיזעס ווערק איז אַ גלענצענדע קריטיק איבער די פעהלערן און ווידערשפּרוכען אין דעם הערשענדען סאָציאַלען סיסטעם. פון דיזער צייט אָן האָט זיך פוריער בעשעפטיגט נאָר מיט דער אויסאַרבייטונג פון זיין אידעע, צו וועלכער ער האָט געאָפּפערט זיין גאַנ־צעס לעבען, און אין וועלכער ער האָט געהאַט אַ שטאַרקען פערטרויען, דאָס זי וועט לעזען די שווערע סאָציאַלע פראַגע. צעהן יאָהר כסדר איז ער טאָג טעגליך אום 12 אוהר געגאַנגען צו אַ רייכען מאַן און געבעטען איהם, אַז ער זאָל געבען אַ מיליאָן פראַנקס אום ער זאָל קענען פערווירקליכען זיין אידעע. אין יאָהר 1825 איז זיין לעהרע היבש פערברייטעט געוואָרען און ער האָט זיך געפונען אין אַ קרייז פון מעהרערע שילער. מיט אַ יאָהר שפּע־טער האָט ער זיך בעזעצט אין פּאַריז און האָט דאָרט ביז זיין טויט זיך בע־שעפטיגט מיט דער פּראָפּאַגאַנדאַ פון זיינע אידעען.

אַלס אידעאַל פון געזעלשאַפט האָט פוריער געשטעלט די אַזוי־גענאַנטע „פאַלאַנגעס", ד. ה. געמיינדעס פון אונגעפעהר 1,800 מיטגלידער פון ביידע געשלעכטער און פערשיידענעם אַלטער. יעדע פאַלאַנגע בעאַרבייט אַ גע־

די געזעלען. דיזער דרוק, וואָס האָט געדריקט די געזעלען, האָט יאָהרען־לאַנג אָנגעפילט זייערע הערצער מיט האַס צו זייערע בעדריקער, ביז די מאָס איז געוואָרען פול.

אָבער כל זמן די אינדוסטריע אין ליאָן איז געווען אין אַ גוטען צו־שטאַנד זיינען די ארבייטער געבליבען רוהיג. די זאַך אָבער האָט גענומען אַ גאַנץ אנדער ווענדונג ווען די קאָנקורענץ פון אויסלאַנד האָט געגעבען אַ גרויסען שטויס דער אינדוסטריע פון ליאָן. מעהר פון אַלעמען האָבען דערפון געליטען די ארבייטער. ווען די פרייזען פון וואַארע זיינען געפאַ־לען האָט מען אראָפּגעשניטען פון ארבייטער־לוין. עס איז געקומען אַזוי ווייט, דאָס דער טעגליכער לוין פון אַן ארבייטער איז געפאַלען פון 6 פראַנקס ביז 25 סו (25 סענט). אין נאָוועמבער 1831 האָט אַן ארבייטער בעקומען פיר זיין ארבייט פיר אַ טאָג פון 18 שטונדען ניט מעהר פון 18 סו (18 סענט). אויך די לאַגע פון די מייסטערס איז געוואָרען אונערטרעגליך. זייערע קלאַגען האָבען זיך פעראייניגט מיט די קלאַגען פון די ארבייטער.

די ערסטע פאָדערונג פון די ארבייטער איז געווען, אַז מען זאָל פעסט־שטעלען אַ מינימום (ד. ה. דעם קלענסטען פרייז) פון אַ טאָג ארבייט פון אַן ארבייטער. דער פרעפעקט בובּיער דיומאָלארט, וועלכער האָט געוואָלט געווינען דעם צוטרויען פון די ארבייטער, האָט צוזאַמענ־געשטעלט אַ פשרה־געריכט, וועלכעס האָט געהאַט די אויפגאַבע פעסטצו־שטעלען אַ טאַריף, אַ בעשטימטע טאַקסע פון ארבייטער־לוין. אָבער די פאַבריקאַנטען האָבען זיך ענטזאַגט אָנצונעהמען דיזען טאַריף. דער האַנ־דעלס־מיניסטער האָט ערקלערט דעם טאַריף פיר ניט געזעצליך און האָט געשימפּט איבער די אָרדנונג פון פרעפעקט. די ערביטערונג פון די אַר־בייטער איז געווען שרעקליך. דערצו האָבען נאָך די פאַבריקאַנטען גע־גאָסען אויל אויף דעם פייער מיט זייער גראָבער בעהאַנדלונג פון די אַר־בייטער. איין פאַבריקאַנט האָט געזאָגט וועגען ארבייטער: „ווען זיי ווע־לען ניט האָבען אין מאָגען קיין ברויט, וועלען מיר זיי אָנפילען די מאָגענס מיט באַיאָנעטען״. דער שטורם איז געווען אונפערמיידליך און ער האָט אויסגעבראָכען דעם 20טען נאָוועמבער, גראַדע אין דער צייט, ווען עס איז פאָרגעקומען אַ מוסטיר פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע.

דעם 21טען נאָוועמבער האָבען שוין די ארבייטער פערטיג געמאַכט אין פערשיידענע ערטער באַריקאַדען און דער קאַמף האָט זיך אָנגעפאַנגען. אויף זייערע שוואַרצע פאָהנען זיינען געווען אָנגעשריבען די ווערטער: „אָדער לעבען און ארבייטען, אָדער קעמפען און שטאַרבען״. אין אָבענד

שאַרפע קריטיק איבער די פעהלערן פון דער עקסיסטירענדער אָרדנונג פון אונזער געזעלשאַפט זעהר שאַרפזיניג און געשריבען מיט גרויס גייסט.

אַ גרעסערע פערברייטונג פון פוריער'ס לעהרע האָט פערשאַפט וויק-טאָר קאָנסידעראַנט. מיט זיין פייערדיגער פּראָפּאַגאַנדא האָט ער צוגעצויגען צו דיזער לעהרע פיעלע סעינט־סימאָניסטען. ענדליך זיינען זיי געווען אין שטאַנד אַרויסצוגעבען אַ זשורנאַל צו פערברייטען זייער לעהרע. דיזער זשורנאַל האָט געהייסען „פאַלאַנסטער" און האָט אָנגעהויבען צו ערשיינען דעם 1טען יולי 1832. עס איז אויך געמאַכט געוואָרען אַ פּראַקטישער פערזוך דורכצופיהרען זייערע אידעען. דער פערזוך איז אָבער דורכגעפאַלען צוליב מאַנגעל אין געלט. עס איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פיר די אָנהעננגער פון פוריער. דער „פאַלאַנסטער" איז אונטערגעגאַנגען און עס האָט אויסגעוויזען, דאָס עס איז שוין אַן ענדע צו דער טעטיגקייט פון פוריער'ס אָנהעננגער, אָבער קאָנסידעראַנט האָט באַלד געגרינדעט אַ נייעם זשורנאַל.

הגם די סאָציאַליסטישע אידעען זיינען נאָך דאַמאָלס ניט געווען בע-וואוסט צו די אַרבייטער, דאָך האָבען זיי אָנגעהויבען אַרויסצוצייגען גרויס אונצופרידענהייט מיט דער אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט. דער גרויסער אויפשטאַנד פון די זייד־אַרבייטער האָט ערפילט מיט שרעק די בורזשואַזיע פון ליאָן. דאַמאָלס האָט יעדער קורצזיכטיגער געזעהען דעם עלענד פון די פּראָלעטאַריער.

אין די זייד־פאַבריקען אין ליאָן האָבען דאַמאָלס געאַרבייט לערך 40,000 געזעלען. דיזע האָבען געאַרבייט ביי מייסטערס, וועלכע האָבען געהאַט געוועהנליך צו 4 אָדער 5 וועב־שטוהלען. די געזעלען האָבען גע-מוזט האָבען זייערע אייגענע געצייג. אַזעלכע מייסטערס האָבען זיך דאַ-מאָלס געפונען אין ליאָן נאָהענט פון 10,000. די געזעלען פלעגען געוועהנליך בעקומען פיר זייער אַרבייט די העלפט פון דעם פּרייז, וואָס די מייסטערס האָבען ערהאַלטען פון די פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען זיך דאַמאָלס גע-פונען אין ליאָן נאָהענט פון 800. די פאַבריקאַנטען זיינען געווען אַ מין דריטע קלאַס, וועלכע איז געשטאַנען צווישען די מייסטערס און די קאָ-מיסיאָנערען, וואָס האָבען געליפערט דעם רויהען שטאָף. דיזע זיינען גע-ווען אמת'ע פּאַראַזיטען, פּיאַווקעס, וועלכע האָבען אויסגעזויגען דאָס בלוט פון דער גאַנצער אינדוסטריע אין ליאָן. די קאָמיסיאָנערען האָבען אַלזאָ געדריקט די פאַבריקאַנטען, דיזע האָבען געדריקט די מייסטערס, און דיזע לעצטע האָבען אַרויפגעלעגט דעם גאַנצען יאָך אויף די אַרבייטער, אָדער

וואָס וועט ערפילען דיזע בעדינגונג, איז די רעגירונג פון פאָלק דורך דאָס פאָלק, ד. ה. די רעפּובליק, וועלכע וועט גלייך מאכען דאָס פערמעגען און אַלע לעבענס־בעדינגונגען".

דיזע געזעלשאַפט האָט זיך איבערהויפּט געשטיצט אויף דער אַרבייטער־קלאַס. די פיהרער פון דיזער געזעלשאַפט זיינען פעראורטיילט געוואָרען צוליב אַן אויפשטאַנד, וועלכען זיי האָבען אַרויסגערופען, און וועלכער איז ניט גע־לונגען, אָבער זי האָט פאָרטגעזעצט איהר אַרבייט בעהאַלטענערהייט.

דעם גרעסטען איינפלוס אויף די אַרבייטער פון יענער צייט האָבען געהאַט די קאָמוניסטישע סיסטעמען. עס איז דאַמאָלס שטאַרק פערשפּרייט געוואָרען צווישען די אַרבייטער די לעהרע פון באַבאָף, וועלכע איז איבער־אַ־ניים אויפגעלעבט געוואָרען דורך בואָנאַראָטטי. דער הויפּט־ציל פון זיינע אָנהענגער איז געווען צו מאַכען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציאָן אום צו גרינדען אַ נייעם שטאַאַט אויף די פּרינציפּען פון קאָמוניזם, דער שטאַאַט זאָל בעזיצען אַלע מיטלען צום פּראָדוצירען און פיהרען אַליין די גאַנצע פּראָדוקציאָן. אָבער דיזע אָנהענגער פון קאָמוניזם האָבען געהאַט זעהר פיעלע געגנער זאָגאַר פון די ראַדיקאַלען, ווייל זיי האָבען געפּרעדיגט אַטהע־איזם (כפירה אין גאָט) און מאַטעריאַל זם, די צושטערונג פון שטעדט, אונ־טערדריקונג פון די שענע קונסטען און דאָס רעכט צו מאַכען אויפשטאַנדען. איבערהויפּט איז אַרויס געגען זיי קאַבעט (1788—1856), וועלכער האָט אין גאַנצען פערוואָרפען זייער טעאָריע און האָט נאָר אָנערקענט די אָפּשאַפונג פון גרונד־אייגענטום און פון ווערקצייג, און גלייכע פערטיילונג פון אַלע לעבענסמיטלען. קאַבעט׳ס שריפטען זיינען שטאַרק פערברייטעט געוואָרען און האָבען געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פיר די אַרבייטער־בע־וועגונג.

מיט דער פערברייטונג פון די קאָמוניסטישע אידעען האָט דער רע־פּובליקאַניזם פיעל פערלאָרען אין מאַכט. צו פערדאַנקען דער שטעלונג פון לואיס בלאַנק זיינען די רעפּובליקאַנער געשטאַנען נעגענאיבער די אַרבייטער זעהר פריינדליך און האָבען זעלבסט אָנגענומען אין זייער פּראָגראַם סאָציאַליסטישע פאָדערונגען. ניט אַכטענדיג אויף דעם איז צווישען די רעפּובליקאַנער און די קאָמוניסטען געווען אַ גרויסער שפּאַלט, וועלכער האָט זיך אין זיין גאַנצער שאַרפקייט אַרויסגעוויזען אין דער רע־וואָלוציאָן פון 1848.

די שוואַכע זייטען פון דעם קאָמוניזם פון באַבאָף און קאַבעט האָט זעהר שאַרפזיניג בעוויזען פּ. זש. פּרודהאָן. דיזער געלעהרטער

איז שוין א גרויסער טייל פון דער שטאָדט געווען אין די הענט פון די ארבייטער. אויף דער נאכט האָבען אויך די פאָרשטעדט זיך פעראייניגט מיט די ארבייטער און האָבען אָנטייל גענומען אין דעם אויפשטאַנד. די נאציאָנאל־גווארדיע האָט ניט בעוויזען קיין ווידערשטאַנד. 40,000 אר-בייטער האָבען זיך פערזאמעלט אין צענטער פון שטאָדט. דאָס מיליטער האָט געמוזט צוריקטרעטען. פיעלע פון די סאָלדאטען זיינען געפאַלען ביי זייער צוריקטרעטען. דעם 22טען נאָוועמבער אין דער פריה איז שוין גאַנץ ליאָן געווען אין די הענט פון די ארבייטער. ליידער האָבען זיי ניט גע-וואוסט וואָס צו טאָן מיט זייער זיג. ווען דער גענעראל סולט איז אריינ-געקומען מיט פרישע טרופען פון די נאָהענטע שטעדט, האָבען זיך די אר-בייטער באלד אונטערגעגעבען צו איהם. זיי האָבען גלייך געגעבען זייער צושטימונג, דאָס דער נייער טאריף וועגען ארבייטער־לוין זאָל ניט זיין אלס פליכט פיר די פאבריקאנטען. אזוי איז דער גאנצער פייער פון אויפ-שטאַנד מיט איין מאָל פערלאָשען געוואָרען. עס האָט אָבער ניט לאַנג גענומען און דער אויפשטאַנד האָט ווידער אויפגעפלאַקערט. דאָס איז געווען מיט א פּאָאָר יאָהר שפּעטער, אין 1834. אָבער אויך דיזען מאָל האָבען די ארבייטער פערלאָרען דעם קאמף.

אין דעם אויפשטאַנד פון יאָהר 1834 אין ליאָן האָבען אויסער די אר-בייטער גענומען אָנטייל פּיעלע געזעלשאפטען, וועלכע זיינען אָרגאניזירט געוואָרען נאָך דער יולי־רעוואָלוציאָן; דיזע געזעלשאפטען האָבען אין אל-געמיין געהאַט א גרויסען איינפלוס אויף די פערהעלטניסען פון יענער צייט. דער טעטיגסטער פון דיזע אלע קלובס איז געווען „די געזעלשאפט פון פאָלקס־פריינד”. די רעגירונג האָט דיזען קלוב שטארק געדריקט און ער איז געווען געצוואונגען צו האלטען זיינע פערזאמלונגען בסוד. דיזע גע-זעלשאַפט האָט געפאָדערט אלגעמיינעס וואהל־רעכט, די פרייהייט פון די קאָמונעס (שטאָדט־געמיינדעס), עפענטליכע ערציהונג (פאָלק־שולען) און גלייכע רעכטען פיר ארבייטער אין איינעם פון די מאניפעסטען פון דיזער פארטיי ווערט ערקלערט: „צווישען 32 מיליאָנען איינוואוינער געפינען זיך אין פראנקרייך 500,000 לעדיג־געהער, וואָס טוען גארניט און לעבען א גוטען טאָג פון דער מיה פון אנדערע; איין מיליאָן גליקליכע שקלאפען און 31 מיליאָנען העלאָטען, פאריאס (נידריגע פעראכטעטע שקלאפען). דע-ריבער פאָדערן מיר אויף אויסצורייסען מיט׳ן וואָרצעל די אריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך געבילדעט אונטער דעם נאָמען בורזשואזיע. מיר ווילען און פאָדערן א גלייכע סומע פון גליק פיר יעדען. די איינציגע רעגירונג,

און קרובים מיט גוטע שטעלעס ביי דער רעגירונג. מיט איין וואָרט, די דע־פּוטאַטען־קאַמער איז געוואָרען אַ שענדליכעס הויז פון שאַכער־מאַכער.

מיט דיזער געקויפטער מעהרהייט האָט לואיס פיליפּ דורכגעפיהרט אַ גאַנצע רייהע פון רעאַקציאָנערע געזעצען. דעם 17טען פעברואַר 1834 האָט ער דורכגעפיהרט אין פּאַרלאַמענט אַ געזעץ, דאָס צייטשריפטען און

לואיס בלאַנק.

פּאַמפּלעטען זאָלען שטעהן אונטער דער קאָנטראָל פון דער פּאָליציי. אין מאַי איז דורכגעגאַנגען אַ געזעץ, דאָס פעראיינען און קלובען מוזען האָבען אַ ערלויבניס פון דער פּאָליציי, און פיר איבערטרעטונגען פון געזעץ זאָלען זיי אונטערגעוואָרפען ווערען ניט דעם געריכט פון געשוואָרענע (דזשורי), נאָר דעם פּאָליציי־געריכט.

האָט ערקלערט דעם פּראָלעטאַרישען כאָציאַליזם מיט אַ בעזונדערער קראַפט. אייגענטום בעטראַכט ער אַלס אויסזויגונג פון דעם שוואַכען דורך דעם שטאַרקען. ער איז אָבער אויך אַ געגנער פון שותפות פון די גיטער. נאָך זיין מיינונג איז אַזאַ סיסטעם זעהר געפעהרליך פיר די פרייהייט פון דעם אינדיווידואום. זיין אידעע פון גלייכהייט און גערעכטיגקייט איז אַ געזעלשאַפט פון אַרבייטער, וועלכע זאָלען זיך בייטען מיט זייערע פּראָדוקטען לויט דעם פּרייז, וואָס די פּראָדוקטען קאָסטען. הגם אויך דיזע לעהרע איז אַן אוטאָפּיע, אַ פאַנטאַזיע, דאָך האָט זיין לעהרע אַ וויכטיגע בעדייטונג. זיין קריטיק איבער אייגענטום איז מייסטערהאַפט, און אַלע שפּעטערע קאָמוניסטען און סאָציאַליסטען האָבען גענומען זייערע בעסטע וואַפען געגען פּריוואַט=אייגענטום פון זיינע ביכער.

מיר זעהען אַלזאָ, דאָס אין די 30ער יאָהרען איז פראַנקרייך געווען פול מיט די אידעען פון קאָמוניזם און סאָציאַליזם. אַן אונגעהייערע מאַסע פון קאָמוניסטישע ווערק, צייטשריפטען און זשורנאַלען האָבען אָנגעפילט די אַרבייטער=קרייזען. די הויפּט=שטרעבונג פון די אַרבייטער פון יענער צייט איז געווען צו אָרגאַניזירען די אַרבייט, צו מאַכען און גרינדען אַרבייטער=געזעלשאַפטען, וועלכע זאָלען אַליין געניסען די פּראָדוקטען פון זייער אַרבייט. די ליטעראַטור פון יענער צייט איז געווען פול מיט שילדערונגען פון דעם עלענד פון דער אַרבייטער=קלאַס און מיט פלוך געגען די טיראַנען און רויבער, וואָס נעהמען פון זיי צו זייער שוויים און בלוט. זאָגאַר וויקטאָר הוגאָ און בעראַנזשער זיינען אַרויס מיט סאָציאַליסטישע ווערק, און מענער ווי גוסטאַוו לערואַ און פּיערר דיופּאָנט האָבען אָפען גערייצט דאָס פאָלק צו אַן אויפשטאַנד.

פיעל האָט געהאָלפען צו פערברייטען קאָמוניסטישע און סאָציאַליסטישע אידעען אין פאָלק די רעאַקציאָנערע און ריין קאַפּיטאַליסטישע ריכטונג, וואָס די רעגירונג פון לואים פיליפּ האָט אָנגענומען. די האַלטונג פון דער רעגירונג באַלד נאָך דעם טויט פון קאַזימיר פּעריער, וועלכער איז געשטאָרבען פון כאָלערא דעם 16טען מאַי 1832, איז געווען אַ סקאַנדאַל. דאָס נייע מיניסטעריום מיט גיזאָ און טהיערס האָבען אָנגעווענדט אַלע מיטלען אום צו ערווערבען פיר די רעגירונג אַ מאַיאָריטעט אין די קאַמערן. די, וועלכע האָבען געשטימט פיר די רעגירונג, האָבען בעקומען העכערע שטעלעס. באַנקירען און פאַבריקאַנטען האָבען בעקומען פון דער רעגירונג גרויסען קרעדיט, אַנדערע האָבען פערזאָרגט זייערע קינדער

גרונד. די פּאָליציי האָט געמאַכט אונטערזוכונגען און האָט שפּיאָנירט די פעראיינען און די קלובען, וועלכע זי האָט גערעכענט אָלס ניט גענוג זיכער פיר די רעגירונג. מען האָט גאָרניט געקוקט אויף די פאָדערונגען פון גע-זעץ ווען עס איז געקומען צו פערהאַפטען איינעם, אויף וועמען די פּאָליציי האָט געהאַט אַן אויג. אָנשטאָט איין באַסטיליע, וואָס האָט עקסיס-טירט אונטער דער אַבסאָלוטער הערשאַפט פאַר 1789, האָט יעצט פראַנק-

פּ. זש. פּרודהאָן.

רייך געהאַט הונדערטע פעסטונגען פעסטצוהאַלטען פּאָליטישע פערברעכער און פיינדען זייער דאָרטען מיט אַזא גרויזאַמקייט, וועלכע מען האָט ניט גע-רעכטפערטיגט אפילו געגען די געפעהרליכסטע פערברעכער. די צאָהל פון פּאָליטישע געפאַנגענע אין פראַנקרייך איז געווען אין פריהלינג פון יאָהר 1835 ניט ווייניגער פון 1,300. די רעגירונג האָט בעשטימט אַ געהיימען פאָנד פון 1,200,000 פראַנקס בלויז אויפצוהאַלטען געהיימע שפּיאָנען, נאָכ-

די ראַדיקאַלען און די רעפּובליקאַנער האָבען אָנגענומען, דאָס מיט דיזען געזעץ מיינט מען נאָר זיי צו דריקען, און זיי האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד. פריהער ווי איבעראַל האָט דער אויפשטאַנד אויסגעבראָכען אין ליאָן. דאָרט האָט דיזע קליינע ענערגישע פּאַרטיי געוואונען אויף איהר זייט די אַרבייטער. די ליידען פון די אַרבייטער איז איבעראַל געווען דער אויסרייד אָנצופאַנגען אַ פּאָליטישען קאַמף, הגם אין גרונד גענומען האָבען זיי קיינמאָל ניט געהאַט קיין נוצען פון דעם, וואָס זיי האָבען פערגאָסען זייער בלוט פיר די אינטערעסען פון דער בורזשאַזיע. דעם 9טען אַפּריל האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ גאַסען־קאַמף. עס איז געווען אַ שרעקליכער באַריקאַדען־קריג. פיער טעג האָט געדויערט דיזער קאַמף. ערסט אין אָבענד פון 12טען מאַי האָט די אַרמעע געזיגט. ווען פּאַריז האָט זיך דערוואוסט פון דעם אויפשטאַנד אין ליאָן, האָט דאָרט אויך אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד דעם 13טען אַפּריל האָבען זיך די גאַסען אָנגעפילט מיט באַריקאַדען, און אויף מאָרגען האָט די רעגירונג אַרויסגעשיקט 40,000 סאָלדאַטען צו בעקעמפען דעם אויפשטאַנד. דער קאַמף איז געווען אַ געפעהרליכער. די בלוט־באָד, וואָס איז פּאָרגעקומען אין דער גאַס טראַנסנאָנעין, געדענקען נאָך די פּאַריזער ביז היינט, די סאָלדאַטען האָבען געשאָסען רעכטס און לינקס און האָבען ערמאָרדעט יעדען, ווער עס איז אַריינגעפאַלען אין זייערע הענט; זיי האָבען ניט געשוינט זאָגאַר קיין פרויען און קינדער. עס האָט נאָר גענומען איין שטונדע און די סאָלדאַטען האָבען געוואונען דעם קאַמף.

דאָס מיניסטעריום האָט באַלד געזוכט אויסצונוצען דעם זיג. מען האָט באַלד אויפגעלעזט די קאַמער און מען האָט געאָרדענט נייע וואַהלען מיט דער האָפנונג, דאָס די בורזשואַזיע וועט יעצט העלפען דער רעגירונג ערוועהלען צום פּאַרלאַמענט אַזעלכע מיטגלידער, וועלכע פּאַסען פיר איהר, וואָס וועלען נאָכגעבען אַלע איהרע פערלאַנגען. אָבער די רעזולטאַטען פון די וואַהלען האָבען דער רעגירונג ניט אין גאַנצען צופרידען געשטעלט. די געגנער פון דער דינאַסטיע זיינען דאָך געבליבען אין פּאַרלאַמענט מיט אַ גרויסער מאַכט.

דער אונגליקליכער אויפשטאַנד פון אַפּריל האָט געגעבען דער רעגירונג דעם מוט איינצופיהרען אין פראַנקרייך אַ טעררער, וואָס פראַנקרייך האָט שוין ניט געזעהען זינט דעם יאָהר 1793. די פּאָליציי האָט בעקומען דאָס רעכט צו אַרעסטירען יעדען, אויף וועמען זי האָט געהאַט דעם קלענסטען חשד, אַז ער איז געגען דער רעגירונג, הגם דער חשד איז געווען אָהן אַ שום

די בורזשואַזיע, שטאַרק ערביטערט געוואָרען געגען די רעפּובליקאַנער. די באַנקירען און די גרויסע פאַבריקאַנטען האָבען געציטערט פאַר יעדען אָנ-גריף אויף די עפענטליכע אָרדנונג. לויט זייער מיינונג האָט די רעגירונג בעהאַנדעלט צו מילד די אויפשטענדיגע און די רוה־שטערער. זיי האָבען שטאַרק געוואונשען, דאָס די רעגירונג זאָל איינפיהרען אַ שטרענגע צענזור; זיי האָבען אויך שטאַרק געוואָלט, דאָס יעדער רעוואָלוציאָנער זאָל גע'משפט ווערען פון אַ קריגס־געריכט.

לואיס פיליפּ האָט שטאַרק גערעכענט, דאָס דורך דעם ניי־ערוועהלטען פּאַרלאַמענט, וועלכער איז דורך אַלערליי אונגערעכטע מיטלען און בעשטע-כונג צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון פּערזאָנען, וועלכע זיינען געווען אי-בערגעגעבען מיט לייב און זעעלע צו דער קרוין און דער רעגירונג, — דאָס דורך דיזען פּאַרלאַמענט וועט איהם געלינגען צוריק איינפיהרען דעם אַבסאָ-לוטיזם, און דעריבער האָט ער זיך מעהר און מעהר דערוויטערט פון די קליינע בירגער און פון די אַרבייטער. די העכערע בורזשואַזיע האָט געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס אויף די גאַנצע אינערע פּאָליטיק, און זי האָט זאָ-גאַר געפיהרט די אויסערע פּאָליטיק. איהר איינפלוס האָט מען צו פער-דאַנקען די עראָבערונג פון אַלזשיר. די איבריגע קלאַסען פון פאָלק האָבען ניט גענומען אין דער רעגירונג דעם מינדעסטען אָנטייל. די אָפטע ענדע-רונגען אין מיניסטעריום האָבען זיי גאָרניט אינטערעסירט. פיר דאָס פאָלק איז עס געווען אַלעס איינס, אויב טהיערס שטעהט אָן דער שפּיץ פון דעם מיניסטעריום אָדער גיזאָ אָדער מאָלע. דיזע אַלע מיניסטאָרען האָבען נאָר אָנגעפּילט זייערע בייטלען מיט געלט און האָבען געהאָלפען דער הויכער בורזשואַזיע צו טאָן דאָס זעלבע.

זינט דער יולי־רעוואָלוציאָן איז פראַנקרייך אָנגעגריפען געוואָרען פון אַ ספּעקולאַציאָנס־פיבער. דער קאַפּיטאַל־רייכטום פון דער בורזשואַזיע איז אויסערגעוועהנליך פערגרעסערט געוואָרען. די אַריינגעלעגטע סומעס אין די שפּאַר־קאַסען זיינען געשטיגען אין יענער צייט אויף 350 מיליאָנען; די סומעס, וואָס זיינען אַריינגעלעגט געוואָרען אין שטאַאַטס־פּאַפּירען האָ-בען געשטיגען ביז 700 מיליאָנען; דער געשעפטס־אומזאַץ פון דער פראַנצוי-זישער באַנק האָט בעטראָפען אין יאָהר 1847 ביז 14 מיליאַרדען, וועהרענד אין יאָהר 1826 איז ער נאָר געווען 6 מיליאַרדען; איהר וועקסעל־אומלויף, וועלכער האָט בעטראָפען אין יאָהר 1829 ביז 220 מיליאָנען, האָט געשטיגען אין יאָהר 1847 ביז 330 מיליאָנען. פיעל האָט געהאָלפען צו ברייכען דעם פראַנצויזישען קאַפּיטאַל אין בעוועגונג די בויאונג פון אייזענבאַהנען. מען

צושפּירען יעדען בעוועגונג אונטער אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, וועלכע איז געריכטעט געגען דער רעגירונג.

דאַן האָט זיך געטראָפען אַ צופאַל, וועלכער האָט אויפגערודערט די עפענטליכע מיינונג און האָט געמאַכט פערגעסען די אויפשטאַנדען אין ליאָן און אין פּאַריז. דאָס איז געווען דער אַטענטאַט (אָנגריף) אויף לואיס פי־ליפּ׳ס לעבען, ווען ער איז אין אַ יום טוב (28טען יולי 1835) געקומען בע־קוקען דאָס מיליטער אויף די בולוואַרען. מען האָט פּלוצלינג דערהערט אַ שרעקליכע עקספּלאָזיאָן מיט אַ שיסעריי, פון וועלכער דער מאַרשאַל מ אָ ר ט י ע ר און איייניגע גענעראַלען, וואָס זיינען געשטאַנען נאָהענט צום קעניג, זיינען געפאַלען, נאָר לואיס פיליפּ איז ווי דורך אַ נס ניצל געוואָרען. מען האָט גערעכענט, דאָס עס האָט אויסגעבראָכען אַ נייע רעוואָלוציאָן. אָבער באַלד האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז געווען די טאַט פון אַן איינ־ציגער פּערזאָן, אַ געוויסען פ י ע ס ק י , אַ קאָרסיקאַנער. דער מערדער, פיעסקי, איז זעלבסט געוואָרען שווער פערוואונדעט און מען האָט איהם גע־כאַפּט. מען האָט זיך באַלד בערוהיגט און מען האָט פאָרטגעזעצט די פייערונג פון דעם יום טוב.

די רעגירונג האָט אָנגענומען ענערגישע מיטלען אום אויסצורייסען מיט׳ן וואָרצעל יעדען פערלאַנג פון אויפשטאַנד און רעוואָלוציאָן. עס האָט דער רעגירונג געלוינט אַרויפצוואַרפען די שולד פון דעם אַטענטאַט פון אַן איינצעלנער פּערזאָן אויף די גאַנצע רעפּובּליקאַנישע פּאַרטיי, אום צו פערפאָלגען זי און פערניכטען. צו דיזען צוועק האָט זי אָנגעהויבען דורכ־פיהרען נייע רעאַקציאָנערע געזעצען. דאָס וויכטיגסטע געזעץ, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין פּאַרלאַמענט אין מאָנאַט סעפּטעמבער, האָט אָפּגעשאַפט די פּרעס־פרייהייט. יעדער אויפרוף צו אַן אויפשטאַנד און יעדע בעליידיגונג אויף די פּערזאָן פון קעניג איז אונטערגעוואָרפען געוואָרען אונטער אַ שווערע שטראָף. עס איז פערוועהרט געוואָרען צו קריטיקירען די עקסיסטירענדע געזעצען און מאַכען פּאָרשלאַגען אין דער פּרעס פיר אַנ־דערע געזעצען אָדער שטאַאַטס־פאָרמעס ; עס איז אויך פערוועהרט געוואָ־רען צו דיסקוטירען אין דער פּרעס וועגען דעם פּרינציפּ פון אייגענטום. אָנגריפען אויף די רעגירונג זיינען אונטערגעוואָרפען געוואָרען אונטער ספּע־ציעלע ריכטער, ניט אונטער דעם געריכט פון געשוואָרענע פון פאָלק (דזשו־רי). עס האָבען זיך אפילו געפונען איייניגע געגנער אין פּאַרלאַמענט געגען דיזע געזעצען, אָבער ענדליך איז עס געלונגען דעם מיניסטער טהיערס זיי דורכצופיהרען. זינט דעם אַטענטאַט פון פיעסקי זיינען די בירגער, אָדער

אויף די גרויסע שטאַאַטסמענער זיינען אָנגעשטעקט געוואָרען פון דעם פיבער פון געלט־זוכט און רייכטום. איבערהויפּט איז די קאַמער געווען בע־פלעקט מיט דעם שמוציגסטען געווינזוכט. לאַפּיטט צ. ב. האָט גענומען פון קעניג פיר האָלץ פון זיין וואַלד דעם דאָפּעלטען פּרייז פון דעם ווערט אום צו רעטען זיך פון באַנקראָט. שפּעטער האָט דער קעניג פיר איהם ערב גע־וועזען אויף אַ סומע פון 6 מיליאָנען, און נאָך שפּעטער האָט ער איהם געשענקט אַ מיליאָן מיט 200 טויזענד פראַנק. אויך די רעפּובליקאַנער האָבען גענומען געלט אַלס געשענק אום צו העלפען דעם קעניג דורכפיהרען זיין פּערלאַנג. א נ ד ר י ד ע פּ ו א י ר א ו ו אָ און ב ע נ ז ש א מ י ן ק אָ נ ס ט א נ ט האָבען יעדער בעקומען פון קעניג צו 200,000 פראַנק. אויך די צייטונגען האָבען זיך פערקויפט צום קעניג. ע מ י ל ז ש י ר א ר ד י ן, דער רעדאַק־טאָר פון דער „פּרעססע", איז געווען אָפּגעקויפט פון מיניסטעריום. אָבער הגם זיין געוויסען איז ניט געווען זעהר ריין, איז ער דאָך ארויסגעטרעטען געגען דעם מיניסטער פון אינערען מיט אַן אַנקלאַגע, דאָס ער האָט גענומען 100,000 פראַנק פיר אַ קאָנצעסיאָן אויף אַ טהעאַטער; ער איז אויך אַרויס מיט אַן אָנקלאַגע געגען די צייטונגען „די עפּאָכע" און „דער גלאָבוס", דאָס זיי נעהמען שטיצע פון די שטייער־צאָהלער, דאָס די רעגירונג האָט פּער־הויפט אַ פּלאַץ אין הערען־הויז (אויבער־הויז) פיר 80,000 פראַנק. די מיניסטאָרען האָבען געשוויגען, דער פּאַרלאַמענט האָט געהאָלפען דער רע־גירונג די זאַך צו דערשטיקען און האָט געאָרדענט, אז מען זאָל גלייך אי־בערגעהן צו טאַגעס־אָרדנונג. עס זיינען אויך געווען צופעלען, ווען איינער האָט פערקויפט זיין אַמט צו אַן אַנדערען און דער מיניסטער האָט עס גוט־געהייסען.

נאָך פיעל שענדליכער איז געווען דער פּראָצעס פון גענעראַל ק ו ב י ־ ע ר ע ס. דיזער גענעראַל איז געוואָרען אין יאָהר 1840 קריגס־מיניסטער און האָט געהאַט אַקציעס פון אַ שטיינזאַלץ־מינע. נאָך דעם, ווי ער האָט פּער־לאָרען זיין אַמט, האָט ער אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען צו בעקומען אַ קאָנ־צעסיאָן פיר די קאָמפּאַניע, פון וועלכער ער האָט געהאַט זיינע אַקציעס. דער אַרבייטס־מיניסטער ט ע ס ט ע האָט גענומען כּאַבּאַר 100,000 פראַנקס און די קאָמפּאַניע האָט בעקומען די פערלאַנגטע קאָנצעסיאָן. די זאַך איז אָבער באַלד בעקאַנט געוואָרען און מען האָט ביידען, קוביערעס'ן און טעס־טע'ן, גערופען צום געריכט פון די פּעירס. דער פּראָצעס האָט געדויערט 10 טעג. דאָס גאַנצע לאַנד האָט מיט אונגעדולד ערוואַרטעט דעם רעזולטאַט פון דיזען פּראָצעס. מען האָט זיי ביידען געפונען שולדיג און זיי זיינען

רעכענט, דאָס אין די 18 יאָהר פון לואיס פיליפּ'ס רעגירונג האָט דער בע-
וועגליכער קאַפּיטאַל אין פראַנקרייך געשטיגען פון 30 מיליאַרדען אויף 45.
נאָך גרעסער און בעדייטענדער איז געווען דער צוואוואַקס אין ווערט פון די
אונבעוועגליכע גיטער (גרונד און הייזער). ער איז געשטיגען פון 50 מיל
יאַרדען אויף 100, און ער וואָלט געווים געשטיגען נאָך מעהר, ווען די
רעגירונג וואָלט געשענקט מעהר אויפמערקזאַמקייט דעם אַקערבוי, און וואָלט
זיך ניט בעשעפטיגט אויסשליסליך צו פערגרעסערן די פינאַנצען און די
גרויסע אינדוסטריע.

די רעגירונג פון לואיס פיליפּ האָט געהאַט אַלס איהר שפּרוך: „ווערט
רייך!" די בורזשואַזיע האָט אין גאַנצען פערגעסען איהרע אַמאָליגע
אידעאַלען פון פרייהייט און גלייכהייט. יעצט האָט זי נאָר געשטרעבט
צו איין זאַך: צו רייכטום. קיין מיטעל איז ניט געווען שלעכט ווען ער
האָט געפיהרט צו רייכטום, קיין קאָרופּציאָן איז ניט געווען מיאוס. דער
רייכטום האָט געעפענט דעם וועג צו פּאָליטישער טעטיגקייט, וואָרום נאָר
די, וואָס האָבען געצאָהלט הויכע שטייערן, האָבען געהאַט דאָס רעכט צו
וועהלען און ערוועהלט צו ווערען; דער רייכטום האָט געגעבען די מעגליכ-
קייט צו טאָן שרוכים מיט דעם אַלטען אדעל און צו ווערען אַריסטאָקראַטען,
און דעריבער איז דער רייכטום געוואָרען אַ הייס־פערלאַנגטער ציל פיר אַ
גרויסען טייל פון דער מיטעל־קלאַס. דער געוועהנליכער וועג צו מאַכען אַ
קאַפּיטאַל דורך שטענדיגע פלייסיגע אַרבייט און שפּאַרזאַמקייט האָט אויס-
געוויזען די רייכטום־זוכער צו לאַנגזאַם. די אימער שלאָפענדע שפּילער־
ליידענשאַפט אין מענשען האָט ערוואַכט און האָט געווירקט ווי אַן אַנשטע-
קענדע קראַנקהייט. מען האָט אָנגעהויבען צו ספּעקולירען, צו ריזיקירען
אום צו ווערען געשווינד רייך. מען האָט אָנגעהויבען צו בויען אייזענבאַה-
נען מיט דער האָפנונג דורך דעם גיך רייך צו ווערען. אין יאָהר 1840 זיי-
נען פיעלע געוואָרען רייך פון קויפען און פערקויפען גיטער און הייזער.
מען האָט פערליהען גרויסע סומעס געלט צו אַנדערע רעגירונגען, וועלכע
האָבען געצאָהלט גרויסע צינזען. עס האָט אויסגעוויזען, דאָס די צייט פון
דעם באַנקיר לאָא האָט זיך נאָך אַ מאָל בעוויזען אין פראַנקרייך. עס האָבען
זיך דאַן ווירקליך געפונען ספּעקולאַנטען, וועלכע זיינען געוואָרען רייך אין
איינינע מאָנאַטען. דאָס זיינען געווען געוויסענלאָזע „גרינדער", וועלכע
האָבען איינגעשלונגען די מיט מיה און שפּאַרזאַמקייט אָנגעזאַמעלטע קליינע
קאַפּיטאַלען פון קליינע לייט.

ראָטען זיינען פאָרגעקומען איינער נאָך דעם אַנדערען. עס פערשטעהט זיך, דאָס צום מעהרסטען האָבען דערפון געליטען די אַרבייטער.

די מיטעלע קלאַס האָט זיך שוין אפילו אָנגעהויבען צו בערוהיגען, אָבער צווישען די פּראָלעטאַריער האָט ניט אויפגעהערט צו זידען און צו קאָכען. די פּאָליציי האָט געשילדערט די פערברייטונג פון די סאָציאַליסטישע לעה-רען אין שוואַרצע פאַרבען. די אונגעהייערע צאָהל פון פּאַמפּלעטען פון די קאָ-מוניסטען און סאָציאַליסטען האָבען שטאַרק געווירקט צו פערברייטען דיזע לעהרען, און הגם זעהר פיעלע רעוואָלוציאָנערען, ווי ל ו א י ס אַ ו ג ו ס ט ב ל אַ נ ק י , זיינען וועגען אָנטייל נעהמען אין אויפשטאַנדען געווען אײַנ-געשלאָסען אין געפענגניס, האָט די פּאָליציי דאָך ניט געהאַט די מאַכט צו דערשטיקען די סאָציאַליסטישע אידעען.

די קאָרופּציאָן פון פּאַרלאַמענט האָט ערוועקט די פאָלקס-מיינונג, און דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו פאָדערן אַ ראַדיקאַלע רעפאָרמע אין די וואַהל-געזעצען. דיזע פאָדערונג איז געוואָרען אַן אַלגעמיינע, אַלע קלאַסען פון פאָלק האָבען עס פערלאַנגט. דיזע פאָדערונג איז געוואָרען די הויפּט-פראַגע פון טאָג, זי איז געוואָרען דער צענטער, אַרום וועלכען עס האָ-בען זיך געדרעהט אַלע אַנדערע פראַגען, זי איז געוואָרען די פאָהן, אונטער וועלכער עס האָבען זיך פערזאַמעלט אַלע פערשיידענע פאָלקס-קלאַסען. אין פיעלע שטעדט האָט מען געמאַכט פערזאַמלונגען, אויף וועלכע דעפּוטאַטען פון דער לינקער זייט אין פּאַרלאַמענט, ד. ה. די ראַדיקאַלען און די געגנער פון דער רעגירונג, האָבען געהאַלטען פייערדיגע רעדעס, אין וועלכע זיי האָ-בען געשילדערט מיט שוואַרצע פאַרבען די פערדאָרבענהייט פון דעם הער-שענדען סיסטעם. אין פּאַרלאַמענט זעלבסט האָבען זיך אויפגעהויבען שטי-מען פיר וואַהל-רעפאָרמע. טהיערס האָט מיט אַ דונערנדער שטימע בעווי-זען, דאָס פון 20 הויכע עמטער, וואָס די רעגירונג האָט צוטיילט אין די לעצטע מאָנאַטען, זיינען 14 אָנגעקומען צו די דעפּוטאַטען; דאָס פון 460 בעאַמטע זיינען 200 געווען דעפּוטאַטען. אָבער דיזעס האָט ניט געהאַט קיין ווירקונג. די קאָרופּציאָן אין פּאַרלאַמענט און אין אַלע צווייגען פון דער רעגירונג איז געבליבען ווי פריהער.

דעם 28טען דעצעמבער 1847 האָט דער קעניג געהאַלטען אַ רעדע ביי דער ערעפנונג פון פּאַרלאַמענט. אין דיזער רעדע האָט ער שטאַרק אָנגע-גריפען און בעליידיגט די פערזאַמלונגען פיר זייער פאָדערונג פון וואַהל-רעפאָרמע. דיזע רעדע האָט אַרויסגערופען אין פּאַרלאַמענט אַ שרעקליכען שטורם. ביי די דעבאַטען וועגען די אַדרעסען אויף די טראָן-רעדע האָט

פעראורטיילט געווארען.ביידע האבען פערלארען זייערע בירגער־רעכטען, ביידע האבען בעדארפט בעצאהלען א גרויסע געלט־שטראף, און טעסטע האט נאך צו דעם בעקומען 3 יאהר געפענגניס.

מען האט נאך ניט פערגעסען דיזען סקאנדאל־פראצעס און עס איז פארגעקומען נאך א מעהר סקאנדאלעזער פראצעס. דעם 18טען אויגוסט 1847 האט מען געפונען די הערצאגין פון פראסלין ערמארדעט אין איהר בעט. דער חשד איז באלד געפאלען אויף איהר מאן. מען האט געבראכט דעם הערצאג אין געפענגניס, אבער ער האט געקראגען גיפט און האט זיך פער׳סמ׳ט. די אויספארשונג האט אויפגעדעקט שרעקליכע סקאנדאלען פון דעם פאמיליען־לעבען פון דעם הערצאג, און צוזאמען מיט דעם אויך די שענדליכע זיטען־פערדארבענהייט און די צופוילטקייט פון דער הערשענדער קלאס אין פראנקרייך, און דאס האט געגעבען א טויט־קלאפ דעם גאנצען רע־גירונגס־סיסטעם. דער קעניג און אלע זיינע בעאמטע זיינען פעראכטעט גע־ווארען פון דער מיטעלער קלאס און פון די ארבייטער. מען האט זיך אנ־געהויבען דערמאהנען אן דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציאן. לואיס בלאנק האט בעוויזען די ארבייטער, דאס דער הויפט־ציל פון דער בע־וועגונג פון יאהר 1789, די בעפרייאונג פון דעם פערטען שטאנד, איז נאך עד היום ניט ערפילט געווארען. מישעלעט האט דורך זיינע אנקלאגע־אקטען געגען לודוויג דעם 16טען אויפגעפלאמט די יוגענד צום קאמף געגען דאס קעניגטום, און לאמארטין האט מיט בעגייסטערטע ווערטער געשילדערט די פערזאנען פון די רעוואלוציאנס־העלדען און אויך די בלו־טיגע טראגעדיעס פון דער רעוואלוציאן פון יאהר 1789.

די רעגירונג איז דאמאלס געשטאנען ווי אויף א וואולקאן. דערצו האט זיך דאמאלס געמאכט א הונגער־יאהר. די שלעכטע ערנטע פון יאהר 1846 האט געבראכט די בויערן אין א גרויסען עלענד. די רעגירונג האט גארניט געטאן אום צו פערגרינגערן דעם שיקזאל פון די הונגעריגע. די הונ־געריגע בויערן האבען געראובט ברויט־מאגאזינען און שפייז־קראמען, הא־בען ערמארדעט די פערהאסטע גוטס־בעזיצער און זיינען געגאנגען פון דארף צו דארף און האבען געראובט און געברענט. די גאנצע מיטעלע פראנק־רייך האט געמאכט אן אויפרוהר. אין אלע גרויסע שטעדט זיינען פארגע־קומען בלוט־פערגיסונגען. אין פאריז האט דער געמיינדע־ראט גאנצע 7 מאנאטען געמוזט געבען דעם פאלק ברויט צו ביליגע פרייזען. דערצו איז נאך צוגעקומען א שטארקער האנדעלס־קריזיס. א גאנצע רייהע פון באנק־

קעטען. אום דיזעס צו פערהינדערן האָט די רעגירונג אריינגעצויגען אין פּאַריז און אומגעגענד אייניגע רעגימענטען פון די קעניגליכע טרופּען. די אָפּאָזיציאָן אין דעפּוטירטען־קאַמער האָט נאָכגעגעבען. זי האָט פערשפּראָכען ניט צו נעהמען אין דעם באַנקעט קיין אָנטייל. נאָר לאַמאַרטין האָט געשוואָרען, דאָס זאָגאַר ווען קיינער וועט מיט איהם ניט געהן, וועט ער געהן אַליין מיט זיין שאָטען הינטער זיך. ער האָט געהאָפּט, דאָס עס וועלען מיט איהם דאָך מיטגעהן אויף'ן באַנקעט פיעלע פון זיינע לייט, אָבער אין וועניגער ווי אין 24 שטונדען האָט ער זיך איבערצייגט אין זיין טעות.

די געהיימע געזעלשאַפטען האָבען בעשלאָסען דעם אָבענד פון 21טען פעברואַר צו מאַכען אַ טאָג געגען דעם קעניגטום. באַלד אין דער פריה האָט געשטראָמט איבער די גאַסען אַן אונגעהייערע מאַסע, צווישען וועלכע עס זיינען געווען זעהר פיעלע בירגער אין די מונדירען פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. אום 10 אוהר האָבען די סטודענטען מאַרשירט מיט זייערע פאָהנען, אום בייצוואוואוינען די דעמאָנסטראַציאָן פון באַנקעט, וועלכען די רעגירונג האָט פערבאָטען. צו די סטודענטען איז צוגעקומען און האָט זיך אָנגעשלאָסען אַ גרויסע מאַסע אַרבייטער. איבעראַל האָבען זיך געהערט געשרייען: „לעבען זאָל די רעפאָרמע!“ עס האָבען זיך אויך געהערט קולות: „נידער מיט גיזאָט!“ מען האָט געוואָרפען שטיינער אין די פענסטער פון דיזען פערהאַסטען מיניסטער. מען האָט אָנגעהויבען צו בויען באַריקאַדען, געגען וועלכע די סאָלדאַטען האָבען געקעמפּט און האָבען דערביי פערגאָסען ניט וועניג בלוט. די אויפרעגונג האָט געשטיגען פון שטונדע צו שטונדע. די רעגירונג האָט אַרומגערינגעלט דעם שלאָס פון די טואילעריען מיט סאָלדאַטען, און אויף דעם בולוואַר האָט זי אַרויסגעשטעלט קאַנאָנען. אין דער גאַס סט. מאַרטין איז שוין פאָרגעקומען אַ בלוטיגער צוזאַמענשטויס.

דעם מאָרגען פון 23טען פעברואַר איז די זאַך נאָך געווען אין דער זעלבער לאַגע ווי דעם טאָג פריהער. נאָר יעצט איז אַ טייל פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע אַרויסגערופען געוואָרען פון די בירגערמייסטערס און אָפּיצערען דורך זייער אייגענע מאַכט. פון דיזען אויגענבליק אָן האָט די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע גענומען די גאַנצע בעוועגונג אין איהר האַנט. אָבער ווער איז געווען די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע? דאָס זיינען געווען די בעוואַפענטע קליין־בירגער פון פּאַריז, אַלע צוזאַמען ניט מעהר ווי 100,000 מאַן. געגען זיי האָט קיין סאָלדאַט ניט געשאָסען, הגם זיי האָבען געפאָדערט רעפאָרמע גלייך מיט די אַרבייטער. עס האָט ניט לאַנג גענומען און די בירגער האָ־

מען בעשולדיגט דעם מיניסטער גיזאָט אין פערקויפען עמטער. מען האָט איהם אויך בעשולדיגט אין דעם, וואָס די ריכטער האָבען געהאַנדעלט פאַר־טייאיש אין דעם פראָצעס פון דער אָפּאָזיציאָנס־פרעס. אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאַט קיין ווירקונג. ווען עס איז געקומען צום אָפּשטימען האָט דאָס מיניסטעריום געהאַט הינטער זיך די מעהרהייט, און אין דעם אַדרעס



לואים אַגוסט בלאַנק.

האָט דער פּאַרלאַמענט סימפּאַטיזירט מיט'ן קעניג און מען האָט דאָרט גע־טאַדעלט די גאַנצע בעוועגונג, וואָס האָט געפאָדערט וואהל־רעפאָרמעס.

אום צו פּראָטעסטירען געגען דער רעגירונג האָט די אָפּאָזיציאָן בע־שטימט אויף דעם 22טען פעברואַר אַ רעפאָרמע־באַנקעט, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס דאָס מיניסטעריום האָט עס פערבאָטען אויף דעם גרונד פון אַן אַלטען געזעץ פון יאָהר 1790, וועלכעס פערוועהרט צו מאַכען אַזעלכע באַנ־

מיט פליהענדע האָר האָט געטראָגען די רויטע פאָהן און די מאַסע האָט גע-
זונגען די מאַרסעילעזע, וועלכע האָט זיי געדינט אַלס קריגס-ליד. די פּראָ-
לעטאַריער האָבען זיך זעהר וועניג אינטערעסירט מיט דער ענדערונג אין
מיניסטעריום און מיט די וואהל-רעפאָרמעס. זיי זיינען געגאַנגען ווייטער.
עס איז צו זיי צוגעקומען אַ מאַסע אַרבייטער. איבער 1,000 מאַן זיינען
צוגעקומען צום מיניסטעריום פון אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען. דאָ האָט
געגען זיי אַרויסגעטראָטען אַ בעוואַפענטע מאַכט.
די פּראָלעטאַריער האָבען פערלאַנגט, אַז מען זאָל זיי דורכלאָזען פריי.
דער פּאָלקאָווניק האָט זיי ערקלערט, דאָס ער האָט אַ בעפעהל ניט דורכצו-
לאָזען זיי, און ער קען גאָרניט טאָן געגען דיזען בעפעהל. די אַרבייטער
זיינען שטאַרק אויפגערייצט געוואָרען, און איינער פון זיי איז צוגעגאַנגען
מיט זיין פאַקעל און האָט צוגעפּאַליעט דעם פּאָלקאָווניק'ס באַקענבאַרדען.
אַ סאָלדאַט האָט אַריינגעשאָסען אַ קויל אין דעם פאַקעל-טרעגער, וועלכער
איז אויף'ן אָרט געפאַלען טויט. באַלד נאָכדעם האָבען אַלע סאָלדאַטען
מיט איין מאָל אַריינגעשאָסען אין די מאַסע פון די פּראָלעטאַריער אַ רעגען
מיט קוילען, פון וועלכע זעהר פיעלע זיינען געטויט געוואָרען און נאָך מעהר
זיינען פערוואונדעט געוואָרען. די אַרבייטער האָבען גענומען 16 בּלוּ-
טיגטע קערפּערס און האָבען זיי אַריינגעלעגט אין אַ וואָגען, אין וועלכען
זיי האָבען אַריינגעשטעקט אין אַלע 4 עקען פאַקלען, און האָבען איהם גע-
פיהרט דורך דעם בולוואַר מיט געשרייען: „ראַכע, ראַכע, מען מאָרדעט
אונזערע ברידער!” איין מאַן איז געשטאַנען אויף דעם וואָגען, זיינען פיס
זיינען געווען אין בלוט און ער איז געשטאַנען ביז די היפטען צווישען
הרוגים. ער האָט פון צייט צו צייט אויפגעהויבען אַ הרוג און בעלויכטען
זיינע וואונדען מיט אַ פאַקעל פאַר דער מאַסע פון פאָלק. די שמחה פון
דער ענדערונג אין מיניסטעריום איז פערשטערט געוואָרען און עס האָט
זיך אויפגעוועקט אין די הערצער פון פאָלק גרויס שרעק און אַ געפיהל פון
ראַכע. זאָגאַר בעדייטענדע מענער פון דער בּורזשואַזיע זיינען געוואָרען
אויסער זיך פון דיזען פערברעכען. גאַנץ פּאַריז איז געוואָרען שטאַרק
אויפגערייצט. די שטורם-גלאָק האָט ווידער אָנגעהויבען צו קלינגען אויף
גוואַלד; עס זיינען באַלד ווידער ענטשטאַנען מאַסען באַריקאַדען, מען
האָט ווידער בערויבט זעהר פיעלע קליטען פון וואַפען. דעם 24טען פעב-
רואַר אין דער פריה איז גאַנץ פּאַריז געווען גרייט צום קאַמף.
דער קעניג האָט זיך פערלאָרען, ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.
ענדליך האָט ער בעשלאָסען צו פאָלגען דעם ראַט פון מ אָ ל ע צו בע-

בען אונטערגעשריבען א פעטיציאָן (ביטשריפט), אז מען זאָל גיזאַט ענט-זאגען.

די לינקע דעפּוטאטען האָבען דיזע ביטשריפט איבערגעגעבען צו דער קאמער, און דער קאָמאנדאנט פון דער נאציאָנאל-גווארדיע, דער גענעראל זשאקעמינאָט, האָט איבערגעגעבען זייער וואונש דעם קעניג זעלבסט. לואיס פיליפּ האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן. די קעניגין האָט איהם שטארק געבעטען, אז ער זאָל נאָכגעבען דעם וואונש פון פאָלק און אָפּזאָגען גיזאָט פון זיין מיניסטער-שטעלע. גיזאָט זעלבסט, דער פּרעהאָס-טער מיניסטער, האָט פאָרגעשלאָגען, אז מען זאָל אָנשטאָט איהם בעשטי-מען אַלס מיניסטער גראף מאָלע, אום צו בערוהיגען די אַלגעמיינע אויפ-רעגונג. דער קעניג האָט ענדליך איינגעשטימט. דאָס בירגערטום האָט גע-זיגט. א גרויסע פרייד האָט בעגייסטערט די נאציאָנאל-גווארדיע און די פערמעגליכערע קלאַס. איבעראל האָט מען געהערט פרעהליכע אויסגע-שרייען: „לעבען זאָל דער קעניג!" מען האָט זיך געדריקט די הענט איינע די אַנדערע פון שמחה, מען האָט זיך ארומגענומען מיט גרויס ליבשאפט און אין אָבענד איז די גאַנצע שטאָדט געווען אילומינירט אין א ים פון ליכט. זאָגאר די, וואָס האָבען געהאַט א מיסטרויען צו דער רעגירונג, זיינען אויך הינגעריסען געוואָרען מיט דעם גרויסען שטראָם פון בעגייסטערונג.

נאָר די אַרבייטער האָבען זיך ניט געפרייט, זיי האָבען אין דער גאַנצער ענדערונג ניט געזעהען קיין גליק פיר קיינעם און איבערהויפּט פיר זיי. אונ-טער דעם איינפלוס פון די ראדיקאלען און די קאָמוניסטען האָבען זיי ניט געוואָלט אָפּטרעטען פון זייערע באריקאדען. וואָס פיר א גליק און וואָס פיר א נוצען איז פיר זיי געווען, וואָס גיזאָט איז ענטלאַסען געוואָרען און זיין שטעלע האָט פערנומען מאָלע? ווי דיזער אזוי האָט יענער געהערט צו דער בורזשואזיע, צו דער קלאַס פון פאבריקאנטען און קאפּיטאַליס-טען, וועלכע האָבען ניט געהאַט מיט די אַרבייטער קיין מיטלייד, קיין סימ-פּאַטיע. און אויסער דעם, ווער האָט געקענט גאראנטירען, דאָס גיזאָט זאָל ניט ווערען נאָך א מאָל מיניסטער און בעלעבען די רעאקציאָן מיט מעהר פרישקייט? דעריבער האָבען פיעלע געדענקט, דאָס יעצט, ווען מען האָט געהאַט דעם זיג אין די הענט, זאָל מען זיך מיט איהם בענוצען און פיר אי-מער מאַכען אַן ענדע צו דער רעאקציאָן.

אום 9 אוהר אין אָבענד האָבען זיך די אַרבייטער געלאָזען געהן אין א גרויסע מאַסע צום בולוואַר. אַן אָפיצער פון דער נאַציאָנאַל-גווארדיע איז געווען דער אָנפיהרער און א געזונטער, שטארק-געבויטער פּראָלעטאריער

אויפטראַגען ט ה י ע ר ס , דער הויפּט־פיהרער פון דער אָפּאָזיציאָן, מיט דער צוזאַמענשטעלונג פון אַ מיניסטעריום, און איבערצוגעבען די קאָמאַנ־דע איבער דאָס מיליטער צום מאַרשאַל ב י ו ז ש אָ ד . דיזער האָט באַלד געשיקט דריי שטאַרקע אָפּטיילונגען : איינע צום פּלאַץ פון דער באַס־טיליע, איינע צום שטאָדט־הויז און איינע צום פּאַנטהעאָן, אום צו דערשטיקען די רעוואָלוציאָן מיט בלוט. אָבער די נייע ליבעראַלע מיניס־טאָרען האָבען גערעכטען בערוהיגען דאָס פאָלק מיט גוטען, דורך דעם, וואָס מען וועט זיי געבען צו וויסען, דאָס די רעגירונג גיט זיי נאָך זייער פערלאַנג וועגען די וואהל־רעפאָרמעס. זיי האָבען איינגערעדט דעם קעניג גלייך צוריקרופען די טרופּען און קאָנצענטרירען זיי אַרום די טואילעריען. דערצו האָבען שוין די סאָלדאַטען געצייגט, דאָס זיי ווילען מעהר ניט שיסען אויף זייערע ברידער ; זיי האָבען אויפגעהויבען זייערע ביקסען מיט די קאָל־בעס אין דער לופט און זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט די בלוזע־מענער, די ארבייטער.

דער נייער מיניסטער פון אינערען, אָ ד י ל אָ ן ב אַ ר ר אָ ט , האָט געפּרובט מיט גוטען בערוהיגען דאָס פאָלק, אָבער די לייט אויף די באַרי־קאַדען האָבען איהם אויסגעלאַכט. דאָס זעלבע איז געווען מיט דעם גע־נענעראַל פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, ל אַ מ אָ ר י ס י ע ר ע . דיזער האָט נאָך בעקומען אַ וואונד פון די באַריקאַדען־מענער, מען האָט איהם קוים גערעטעט פון טויט. ביי דעם פּאַלאַץ פון קעניג איז פאָרגעקומען אַן ערנסטע שלאַכט. נאָר 100 מאַן פון די קעניגליכע סאָלדאַטען האָבען געשטריטען מוטיג מיט דער צוואוילדעוועטער מאַסע און האָבען זי ניט צוגעלאָזען צום פּאַלאַץ. דיזער העלדענמוט פון די 100 סאָלדאַטען איז געווען אַ גליק פיר דעם קעניג, ווייל דאָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו ענטלויפען אין צייט פון די טואילעריען. אָהן דיזען ווידערשטאַנד וואָלטען די פּראָלע־טאַריער געווים ערמאָרדעט די גאַנצע קעניגליכע פאַמיליע אוים ראַכע פיר זייערע ערמאָרדעטע ברידער.

די געוואַלט פון דער רעוואָלוציאָן האָט ענדליך געבראָכען די עקשנות פון קעניג. ער האָט אפילו געפּרובט נאָך איין מאָל געברויכען זיין קעניג־ליכע מאַכט און רייטענדיג אויף אַ פערד אין אוניפאָרם האָט ער זיך גע־צייגט פאַר דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, וועלכע האָט איינינע מאָל געשיצט זיין טראָן געגען אָנפאַל. אָבער איבעראַל האָט מען איהם בעגעגענט מיט די אויסגעשרייען : „לעבען זאָל די רעפאָרמע !” און זאָגאַר ווען ער האָט שוין פערשפּראָכען נאָכצוגעבען די רעפאָרמע האָט מען איהם מיט בליקען



די טויטע פון בולוואַרד געפיהרט דורך פּאַריז.

שווינד ביז ער איז געקומען אין סט. קלוד. דאָ האָט ער פערווײלט נאָר אייניגע מינוט, דאַן האָט ער פאָרטגעזעצט זיין רייזע פערקליידט, אום מען זאָל איהם ניט דערקענען. דעם 26טען פעברואַר איז ער אָנגעקומען צום ים. דער ים איז געווען אייניגע טעג זעהר שטירמיש און דער קעניג האָט געמוזט פערבלייבען ביז דער שטורם וועט פאָריבער. דיזע צייט האָט ער זיך אויפגעהאַלטען אין דעם הויז פון ענגלישען וויצע־קאָנסול אין האַוור. ווען דער ים האָט זיך איינגעשטילט, איז דער קעניג אַוועק נאָך ענגלאַנד אויף אַן ענגלישען דאַמפשיף אונטער אַ פרעמדען נאָמען מיט אַ פאַלשען פאַספאָרט. דעם 3טען מערץ איז לואיס פיליפּ אָנגעקומען אין ענגלאַנד.

נאָך דעם, ווי די מאַסע האָט איינגענומען דעם שאַטאָ ד'אָ, איז זי געלאָפען צו די טואילעריען. מען האָט לייכט איינגעבראָכען דעם צאַם. ווען זיי האָבען דערזעהען די טרופּען, האָבען זיי אויסגעשריען: „לעבען זאָל די ליניע!” און די סאָלדאַטען האָבען זיך באַלד בעפריינדעט מיט די באַריקאַדען־קעמפער. מען האָט זיך געקוסט, אומגעאַרמט און געטיילט זיך מיט די וואַפען. האַנט אין האַנט זיינען די פּראָלעטאַריער, בירגער און סאָלדאַטען אַרויף אויף די ברייטע טרעפּ פון פּאַלאַץ, האָבען אָנגעפילט די רייכע צימערן פון שלאָס און האָבען איהם אָנגעהויבען פערוויסטען. דאָך זיינען אין ערגעץ ניט פאָרגעקומען קיין רויבערייען און רציחות. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען אויף אַ גלענצענדע אַרט די גייסטיגע גרויסקייט פון דעם הונגערנדען פאָלק אין מיטען פון זיין זיג. מען האָט אין קיין פאַל ניט געקענט בעהויפּטען, דאָס דער אויפשטאַנד האָט געהאַט אַן אינטערעסע פון האָבזוכט. זיי האָבען זיך נאָר אַ ביסעל פרעהליך געמאַכט אין שלאָס. איינער האָט אָנגעטאָן דעם קעניג'ס אָרדענס־באַנד מיט אַ גרויסען בריליאַנטענעם קרייץ פון עהרען־לעגיאָן און האָט זיך געשטעלט אין פענסטער און האָט געפייפט; אַן אַנדערער האָט אָנגעטאָן אַ זיידענעם מאָרגען־קלייד פון אַ פּרינצעסין און האָט געמאַכט מינעס פון אַ הויף־דאַמע, וועלכע ליידט פון מיגרענע. די הונגעריגע מאַסע האָט אָבער ניט בעפלעקט איהר געוויסען מיט רויבערייען אָדער מערדערייען.

אין אייניגע שטונדען האָט דאָס פאָלק געשטירצט די מעכטיגסטע דינאַסטיע פון אייראָפּאַ און האָט געמאַכט דעם רייכסטען קעניג פיר אַ היימלאָזען עמיגראַנט. דיזער אונגעוועהנליכער זיג האָט זאָגאַר ניט געקאָסט קיין פיעלע אָפּפער. דאָס פאָלק האָט מעהר ניט פערלאָרען ווי 289 טויטע, צווישען וועלכע עס זיינען געווען 14 פרויען, און די אַרמעע האָט פערלאָרען 62 מאַן. אַווירקליכער קאַמף איז נאָר פאָרגעקומען פאַר דעם קעניגליכען

גענגעבען צו פערשטעהן, דאָס יעצט איז שוין צו שפעט. אויך די נאַציאָ-נאַל־גוואַרדיע איז געווען אָנגעשטעקט מיט׳ן רעוואָלוציאָנס־פיבער. דאָס פאָלק האָט געפאָדערט און געשריען: „אָפּדאַנקונג!״ ד. ה. מען האָט פון איהם געפאָדערט, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגען פון טראָן. דער קעניג האָט גע-פרובט צוזאָגען, דאָס ער וועט ענטזאַגען די מיניסטאָרען טהיערס און ביזשאָר און וועט אויף זייער אָרט איינלאַדען די בעליבטע פון פאָלק באַר-ראָט און זשעראַרד. אָבער אויך דיזער צוזאָג האָט ניט געהאָלפען. דאָס פאָלק האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען: „אָפּדאַנקונג!״ הגם אויך דער פערהאַסטער מאַרשאַל איז ענטזאַגט געוואָרען פון קאָמאַנדירען די סאָלדאַטען. ווען דיזער מאַרשאַל האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער די טרופּען האָט ער געזאָגט: „איך וועל אימער האָבען אַ פערגניגען צו שיסען צום טויט פיעלע פון דער קאַנאַליע (לומפּען־געזינדעל) פון די פּראָלעטאַריער און ארבייטער!״

די פּרינצען האָבען זיך אונטערגענומען איבערצוגעבען זייער פאָטער, דעם קעניג לואים פיליפּ, דעם אַלגעמיינעם פערלאַנג פון פאָלק, אַז ער זאָל אָפּדאַנקען. ער האָט באַלד איינגעוויליגט. נאָר די קעניגליכע פרויען האָ-בען איהם געבעטען, אַז ער זאָל דיזען שריט ניט טאָן. „דאַנקט ניט אָפּ, קעניג״, האָט מיט טרערען אין די אויגען געבעטען די הערצאָגין העלענע פון אָרלעאַנס, „די קרוין איז צו שווער פיר אונז״. „איהר פערדינט ניט אַזאַ גוטען קעניג!״ האָט די קעניגין אויסגעשריען. און צו טהיערס האָט זי געזאָגט: „דאָס איז אייער אַרבייט, מיין הערר! איהר האָט עס אַזוי ווייט געבראַכט! באַלד איז זשיראַרדין אַריינגעלאָפען און האָט מיט אַ בלייכען פנים געזאָגט צום קעניג: „אָפּדאַנקונג״. דער קעניג האָט מעכאַ-ניש גענומען די פעדער און האָט מיט גרויסע בוכשטאַבען אָנגעשריבען: „איך דאַנק אָפּ צו גונסטען פון מיין אָנקעל, דעם גראַף פון פּאַריז. איך ווינש, דאָס ער זאָל זיין גליקליכער פון מיר״.

עס איז דערוויייל אָנגעקומען די צייט צו פערלאָזען דעם שלאָס, ווייל דער שאַטאָ ד'אָ איז שוין געפאַלען אין די הענט פון די רעוואָלוציאָנערען. אין הויף פון די טואילעריען זיינען אפילו געשטאַנען 4,000 מאַן, אָבער די געפאַהר איז געוואָרען גרעסער און גרעסער. דער קעניג האָט בעשטעלט וואָגענס, האָט אויסגעטאָן זיין אוניפאָרם און האָט זיך אָנגעטאָן אין שווארצע ציוויל־קליידער. דורך דעם גאָרטען פון די טואילעריען איז ער מיט זיין פאַמיליע, צוזאַמען 15 פּערזאָן, ענטלאָפען פון דער געפאַהר. עס האָבען איהם בעגלייט 2 כקאַדראָנען קיראַסירען, און אַזוי איז ער געלאָפען גע-

אין דעם זעלבען מאָמענט האָט אַריינגעשטראָמט אין זאַל דאָס בעוואַפֿענטע פֿאָלק. דאָס האָט געגעבען אַ טויט־קלאַפּ דער רעגענטשאַפֿט.

דער דעפּוטאַט מ אַ ר י ע, פֿון די לינקע, האָט פֿערלאַנגט, אַז מען זאָל די רעגענטשאַפֿט בעזייטיגען, און האָט פֿאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל בעשטימען אַ דערווייליגע רעגירונג ביז דאָס פֿאָלק וועט בעשליסען, וואָס פֿיר אַ פֿאָרמע רעגירונג עס ווינשט. דאַן איז אַרויסגעטראָטען אָדילאָן באַרראָט און האָט גערעדט צו גונסטען פֿון דער הערצאָגין. דאַן האָט די הערצאָגין זעלבסט אָנגעהויבען צו רעדען: „מיין זוהן און איך זיינען געקומען...", אָבער דער דעפּוטאַט לאַ ראָשזשאַקעלין האָט איהר איבערגעשלאָגען די רייד מיט אַ דונערנדער שטימע: „יעצט האָבען מיר צו רעדען נאָר פֿון אונזער לאַנד און פֿון אונזער פֿאָלק, ניט מעהר וועגען קעניגען. היינט זיינען זיי מעהר גאָרנישט!" פֿון אַלע זייטען האָבען זיך אָנגעהויבען הערען קולות: „נידער מיט דעם קעניגטום!" דערווייל איז די פֿאָלקס־מאַסע אין פּאַרלאַמענט־זאַל זאָל וואַקסען מעהר און מעהר. אייניגע פֿון פֿאָלק האָבען זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף די טריבונע און האָבען אויפֿגעצויגען די דריי־פֿאַרביגע פֿאָהן. עס איז געוואָרען אַ שרעקליכע אונאָרדנונג. ענדליך איז עס געלונגען מיט גרויס מיה די דעפּוטאַטען ל ע ד ר ו ־ ר אָ ל ל י ן און לאַמאַרטין, צו מאַכען אָרדנונג און צו בעשטימען אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג ביז דאָס פֿאָלק וועט בעשטימען און אַרויסזאָגען וואָס עס וויל. אין דער זעלבער צייט האָט אַ גרויסע מאַסע רעוואָלוציאָנערען אַיינגעבראָכען די אויבערסטע טירען און האָט זיך אַריינגעריסען אין פּאַרלאַמענט. אַ גרויסער טייל פֿון די דעפּוטאַטען זיינען צולאָפֿען, אויך די הערצאָגין האָט זיך אַרויסגע'גנב'עט פֿון זאַל, נאָר די דעפּוטאַטען פֿון דער אָפּאָזיציאָן זיינען געבליבען אויף זייערע ערטער און האָבען מיט פֿערגניגען בעגעגענט די נייע מאַסע.

לאַמאַרטין האָט אויפֿגעפֿאָדערט דעם גרייז־גראָהען דעפּוטאַט ד י ו פּ אָ נ ט, אַז ער זאָל ערוועהלען פּאַסענדע פּערזאָנען פֿיר אַ צייטווייליגע רעגירונג. לעדרו־ראָללין האָט הויך אויסגערופֿען די נעמען פֿון די מיטגלידער פֿון דער דערווייליגער רעגירונג, אַלע פּערזאָנען פֿון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי, און דאָס פֿאָלק האָט מיט גרויס בייפֿאַל אָנגענומען. „צום שטאָדט־הויז!" האָט מען יעצט אויסגעשריען, און אום 5 אוהר נאָכמיטטאָג האָט זיך דער פּאַרלאַמענט מיט דער גרויסער פֿאָלקס־מאַסע בעגעבען צום שטאָדט־הויז. עס איז זעהר שווער אָנגעקומען דער מאַסע דורכצומאַכען דיזען מאַרשרוט, ווייל עס זיינען איבעראַל געווען באַריקאַדען.

פּאַלאַץ. נאָר ווייל די פּאָליטישע און סאָציאַלע לאַגע אין פראַנקרייך איז געווען פאָרבערייטעט פיר אַן איבערקעהרעניס, האָט איין קליינער שטויס געקענט שטירצען דעם טראָן.

די מאַסע אָבער האָט דיזען מאָל געמאַכט די רעוואָלוציאָן ניט אום ארויפצוזעצען אויף'ן טראָן אַן אַנדער דינאַסטיע, נאָר אום צו מאַכען אַן ענדע צום קעניגטום. פון אַלע זייטען האָט מען געפאָדערט איינצואָרדנען אין לאַנד אַ רעפּובליקאַנישע רעגירונג. די רעפּובליקאַנער האָבען געפונען דיזען מאָמענט פיר זעהר גינסטיג אריינצוכאַפּען די רעגירונג אין זייערע הענט. צו דיזען צוועק האָבען זיי געאָרדענט, דאָס די בעוואַפּענטע מאַסע זאָל קומען אין פּאַרלאַמענט, און האָבען צוזאַמענגעשטעלט אַ ליסט פון פּער־זאָנען, וועלכע מען זאָל איבערגעבען די דערוויילינע רעגירונג ביז מען וועט ערוועהלען אַ שטענדיגע רעגירונג. די בעקאַנטעסטע פּערזאָנען פון דער דערוויילינער רעגירונג זיינען געווען: ל א מ א ר ט י ן , ל ו א י ס ב ל א נ ק און א ר א ג א . לאַמאַרטין האָט זיך גלייך ערקלערט בעריט צו האַלטען אַ רעדע אין דער קאַמער פיר אַ רעפּובליק.

ווען די דעפּוטאַטען זיינען שוין געווען פערזאַמעלט איז אריין די הער־צאָגין פון אָרלעאַנס מיט איהר קליינעם זוהן. זי איז ניט ענטלאָפען מיט דער קעניגליכער פאַמיליע, ווייל זי האָט געהאָפט, דאָס איהר וועט געלינגען צו בעקומען דעם טראָן פיר איהר קליינעם זוהן. זי איז געקומען אין פּאַר־לאַמענט מיט דעם צוועק און דער האָפנונג דורכצופיהרען איהר פּלאַן. גלייך ווי די הערצאָגין מיט איהרע קינדער זיינען אַריין אין זאַל פון פּאַרלאַמענט, האָבען זיך אַלע דעפּוטאַטען אויפגעהויבען פון זייערע זיצען און האָבען אָנ־געבאָטען איהר און איהרע קינדער שטוהלען אַנידערצוזעצען זיך. איהר שוואָגער, דער הערצאָג פון נעמורס, האָט זיך געשטעלט נעבען זיי. דער דעפּוטאַט ד י ו פּ י ן איז אַרויף אויף די טריבונע און האָט אָנגעזאָגט די דעפּוטאַטען, דאָס יעצט איז די צייט בעקאַנט צו מאַכען דעם פאָלק, דאָס דער יונגער גראַף פון פּאַריז איז קעניג פון פראַנקרייך, און זיין מוטער, די הערצאָגין פון אָרלעאַנס, איז די רעגענטין ביז ער וועט ווערען פולי־יעהריג. אַלע דעפּוטאַטען האָבען איינגעשטימט. דאַן האָט זיך אויפגעשטעלט לאַ־מאַרטין און האָט פערלאַנגט, דאָס מען זאָל די זיצונג אונטערברעכען ביז די הערצאָגין און דער יונגער קעניג וועלען זיך צוריקציהען, אום מען זאָל די זאַך פערהאַנדלען אין זייער אבוועזענהייט. דער פּרעזידענט האָט עס גע־טאָן. די הערצאָגין האָט אָנגעהויבען אָפּטרעטען מיט איהרע קינדער; אָבער

ווען די מאַרשירענדע זיינען שוין מיט גרויס מיה צוגעקומען אהין, האָבען זיי ניט געקענט געפינען פיר זיך קיין אָרט, ביז אַן אונטער־בעאַמטער האָט זיי אָנגעציינט אויף אַן אָפּגעלעגענעס צימער. דאָ האָבען די נייע מאַכט־האָבער צוטייל׳ט צווישען זיך די מיניסטער־שטעלעס און האָבען זיך געמאַכט איינפערשטאַנען אין געוויסע פּונקטען מיט די ראַדיקאַלע רעוואָלוציאָנערען. די רעדאַקטאָרען מאַררַאסט און פלאָקאָן און אויך לואיס בלאַנק האָבען בעקומען די שטעלע פון אונטער־שטאַאַטס־סעקרעטער, קאָססידיערע דאָס אַמט פון פּאָליציי־פּרעפעקט, אַראַגאָ דאָס אַמט פון גענעראַל־פּאָסט־מייסטער, און דער שלאָסער־יונג אַלבערט האָט בעקומען אַ שטעלע אַלס מיניסטער אָהן אַ פּאָרטפעל (ד. ה. אָהן אַ בעשטימטען אַמט).

די ראַדיקאַלען זיינען אין דיזען מאָמענט געווען שטאַרקער פון די איבריגע מעסיגע מיטגלידער פון דער רעגירונג, ווייל זיי האָבען זיך געשטיצט אויף די אַרבייטער־מאַסען, וועלכע זיינען געשטאַנען דרויסען און האָבען געשטורמט און געפאָדערט אַ פּראָקלאַמאַציאָן, דאָס עס ווערט אין פראַנקרייך געגרינדעט אַ רעפּובליק. די בירגער האָבען זיך אין דיזער פראַגע געהאַלטען מיט שרעק פון ווייטען. איבערהויפּט איז די שטאָדט־הויז דאַמאָלס געווען אָנגעפילט מיט פּראָלעטאַריער. זיי האָבען איינגעבראָכען די טירען צו די צימערן, אין וועלכע די נייע רעגירונג האָט געהאַלטען איהר זיצונג. דריי מאָל האָט די נייע רעגירונג געמוזט ענדערן ערטער אום צו טאָן עטוואָס, ווייל די שטירמישע מאַסע האָט געשטערט. לאַמאַרטין האָט זיך געגעבען גרויס מיה צו בערוהיגען די רעוואָלוציאָנערען מיט זיינע גלענצענדע רעדעס. אַ היבשע צייט זיינען אַלע זיינע בעמיהונגען געווען אָהן אַן ערפאָלג. ענדליך איז עס איהם געלונגען צו בערוהיגען די שטירמענדע מאַסע. געהאָלפען האָבען איהם דערין לעדרו־ראָללין און לואיס בלאַנק מיט זייער פּראָקלאַמאַציאָן, וואָס זיי האָבען אין גיכען פערפאַסט. דיזע פּראָקלאַמאַציאָן האָט זיך געענדיגט מיט די ווערטער: „די רעגירונג וויל גרינדען אַ רעפּובליק מיט דער איינשטימונג פון דער נאַציאָן, מיט וועלכער מען וועט זיך גלייך בעראַטען וועגען דעם. די איינהייט פון דער נאַציאָן, וועלכע זאָל געבילדעט ווערען פון אַלע איהרע קלאַסען, די רעגירונג פון דער נאַציאָן דורך זיך זעלבסט אויף די פּרינציפּען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, דאָס פאָלק אַלס וואַהל־שפּרוך און פאָהן: דאָס איז די דעמאָקראַטישע רעגירונג, וועלכע פראַנקרייך איז זיך אַליין שולדיג און וועלכע אונזערע בעמיהונגען וועלען וויסען צו זיכערן". דיזע פּראָקלאַמאַציאָן האָט מען

די הערצאָגין פון אָרלעאַנס אין דעפּוטירטען-קאַמער.

פראַנצויזישער רעפּובליק פערפּליכטעט זיך צו גאַראַנטירען די עקסיסטענץ פון די אַרבייטער דורך זייער אַרבייט. זי אָנערקענט אויך דאָס רעכט פון די אַרבייטער צו פעראייניגען זיך אין אַסאָציאַציאָנען אום צו געניסען די פערדינטע פּרוכט פון זייער אַרבייט. די פּראָוויזאָרישע רעגירונג גיט צוריק צו די אַרבייטער, צו וועלכע זי געהערט, די מיליאָן, וועלכע איז פריהער פערברויכט געוואָרען אויף דעם הויף־שטאַאַט״.

אָבער וואָס פיר אַ נוצען האָבען די אַרבייטער געהאַט פון דעם, וואָס מען האָט אָנערקענט אין דער טעאָריע זייער רעכט צו נעהמען פיר זייער אַרבייט דעם ריכטיגען לוין, וואָס זיי האָבען פערדינט, ווען אין דער פּראַקטיק איז עס ניט פערווירקליכט געוואָרען? אין איינינע טעג שפּעטער האָט די רעגירונג פערגעסען איהר פערשפּרעכען און האָט מעהר די פּראָלעטאַריער גאָר אין זינען ניט געהאַט. אָבער די אַרבייטער האָבען געפאָדערט זייערע רעכטען. 200,000 אַרבייטער האָבען מאַרשירט צום שטאָדט־הויז און האָבען געשריען מיט קולות: „אָרגאַניזירט די אַרבייט! בילדעט אַ בעזונדער מיניסטעריום פיר אַרבייט!״ די רעגירונג איז געווען געצוואונגען צו בעשטימען אַ ספּעציעלע קאָמיסיאָן מיט דער אויפגאַבע, אויסצוגעפינען מיטלען ווי צו פערבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון די אַרבייטער. די מיטגלידער פון דיזער קאָמיסיאָן זיינען געווען דעפּוטאַטען פון דער פּאַריזער האַנטווערקער־קאָרפּאָראַציאָן. די פּאָרזיצענדע אין דיזער קאָמיסיאָן זיינען געווען לואיס בלאַנק און אַלבערט. אַלס זיצונגס־זאַל האָט מען געגעבען דער קאָמיסיאָן דעם לוקסעמבורג. דערמיט האָט די רעגירונג גלייך בעוויזען, דאָס די פערטרעטער פון די אַרבייטער שטעהען ניט אויף איין ליניע מיט די פערטרעטער פון אַנדערע קלאַסען, איבערהויפּט די בירגער־קלאַסען, וועלכע האָבען ווירקליך פערכאַפּט אין זייערע הענט די גאַנצע מאַכט פון דער רעגירונג. די אַרבייטער קאָמיסיאָן איז געווען אַ ביי־זאַך; נעבען די מיניסטעריומס פון פינאַנצען, פון האַנדעל, פון עפענטליכע אַרבייטען, איז אויך געווען די אַרבייטער־קאָמיסיאָן מיט איהר וויכטיגער אויפגאַבע צו לעזען די שווערע פראַגע ווי צו בעשעפטיגען די אַרבייטער און צו פערבעסערן זייער צושטאַנד. דיזע קאָמיסיאָן האָט ניט געהאַט קיין געלט, קיין מיטלען און קיין מאַכט אויסצופיהרען איהרע בעשלוסען, ווי די אַנדערע פּאָליטישע אַנשטאַלטען האָבען געהאַט.

דערווייל האָט די רעגירונג געטאָן אַלעס אום צו מאַכען די רעפּובליק פּאָפּולער און אַנגענעהם פיר די פּראָווינצען און פיר די בורזשואַזיע. אום צו בערוהיגען דאָס פאָלק און צו איבערצייגען, דאָס דיזע רעפּובליק וועט

פאַרגעלעזען פאַר'ן פאָלק אום 10 אוהר אָבענדס דעם 24טען פעברואַר, און פראַנקרייך איז געוואָרען אַ רעפּובליק.

אַנשטאָט דעם, וואָס פריהער, פאַר דער רעפּובליק, האָט געהערשט אין פראַנקרייך נאָר דער קאַפּיטאַל, איז יעצט אַרויף אויף די פּאָליטישע סצענע דאָס איינפאַכע פאָלק. דער פּראָלעטאַריאַט איז יעצט געשטעלט געוואָרען אין פאָרדערגרונד פון דער פּאָליטישער ביהנע, און איז געוואָרען אַ זעלבשטענדיגע פּאַרטיי. אָבער דיזער ערפאָלג איז אין גרונד געווען נאָר אַ האַלבער. די פּראָלעטאַריער האָבען נאָר געוואונען גרונד צו שטרייטען פיר זייער עמאַנציפּאַציאָן, אָבער זיי האָבען נאָך ניט דערגרייכט די עמאַנציפּאַציאָן זעלבסט.

די רעפּובליק פון פעברואַר האָט אייגענטליך גאָר פערשטאַרקט די מאַכט פון דער בורזשואַזיע, ווייל זי האָט אַריינגענומען אין דעם קרייז פון פּאָליטישער מאַכט אויסער דער פינאַנץ־אַריסטאָקראַטיע אויך אַלע אַנדערע קלאַסען, וואָס האָבען וועלכעס עס איז אייגענטום. אַזוי, צום ביישפּיל, זיינען יעצט אַרויף צוריק אויף די פּאָליטישע סצענע די גרויסע גוטס־בעזיצער, די לעגיטימיסטען, וועלכע זיינען פון דער יולי־מאָנאַרכיע דערווייטערט געוואָרען פון יעדען אָנטייל אין פּאָליטיק. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס די בורזשואַזיע, וואָס האָט פאַר דער רעפּובליק געהערשט אונטער דעם שוץ פון מאָנאַרכיע, איז יעצט אַרויסגעטראָטען ריין אַליין, אָהן דער קרוין.

און דעריבער האָבען די אַרבייטער פאָרטגעזעצט זייער פיינדשאַפט צום בירגערטום, און האָבען פאָרטגעזעצט צו פערניכטען די דענקמעלער פון דער געפאַלענער רעגירונג. זיי האָבען פערניכטעט אין קעניגליכען פּאַלאַץ די טייערע מעבעל און סטאַטועס, און האָבען אונטערגעצונדען דעם שלאָס פון נעיללי. אויך געגען קאַפּיטאַליזם האָבען געקעמפט די ערביטערטע פּראָלעטאַריער. זיי האָבען צושטערט אין די פאַבריקען די פערהאַסטע מאַשינען, זיי האָבען אויך צושטערט אין דער אומגעגענד אַלע אייזענבאַהן־סטאַציאָנען. די מאַסע, וואָס איז געשטאַנען פאַר דעם שטאָדט־הויז, איז געווען ווי עלעקטריזירט. איין פונק איז געווען אין שטאַנד אַרויסצורופען אַ שרעקליכע עקספּלאָזיאָן. פּלוצלינג האָט זיך אַריינגעריסען אַ בעוואָפענטע מאַסע אין צימער, וואו די רעגירונג איז געזעסען, און האָט פערלאַנגט, אַז מען זאָל איינפיהרען אַן אַרבייטער־רעגירונג און גלייכע צוטיילונג פון אַלע גיטער און קאַפּיטאַלען. די רעגירונג האָט געמוזט נאָכגעבען. עס איז גלייך פערפאַסט געוואָרען פון לואיס בלאַנק אַ פּראָקלאַמאַציאָן, אין וועלכער עס זיינען געווען פאָלגענדע ווערטער: „די פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון דער

אַלטע לאַסטען און די רעוואָלוציאָן פון 1848 האָט ארויפגעוואָרפען נייע לאַסטען אויף די לאַנד־בעפעלקערונג.

די פינאַנציעלע מאַסרעגלען פון דער נייער רעגירונג זיינען געווען א גרויסע געפאהר פיר די עמאַנציפּאַציאָן פון די ארבייטער. דיזע האָבען עס פערשטאַנען, און די רעגירונג איז געווען געצוואונגען פריהער פון אַלעם פערטיג צו ווערען מיט די ארבייטער. אויף דער ארמעע האָט זיך די רעגירונג ניט געקענט שטיצען, און די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע איז געווען צו שוואַך; האָט די רעגירונג געפונען א מיטעל: אויפשטעלען די ארבייטער זעלבסט איינע געגען די אנדערע. זי האָט געגרינדעט 24 באַטאַליאָנען פון יונגע לייט פון 15 ביז 20 יאָהר. זיי זיינען געווען הויפּטזעכליך פון די לומפּען־פּראָלעטאַריער, און זיי האָבען געקראָגען א געהאַלט פון 1½ פראַנק א טאָג. די ארבייטער האָבען אָנפאַנגס בעגריסט דיזע טרופּען פון די פּראָלעטאַריער מיט גרויס פרייד אַלס א געגען־מאַכט געגען דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, וועלכע איז בעשטאַנען איבערהויפּט פון די בירגער, פון דער בורזשואַזיע. זיי האָבען אָבער באַלד דערזעהען זייער טעות. דיזע לומפּען־באַנדע איז געווען פעהיג אויף אַלע געמיינע באַנדיטעריען, זיי זיינען געווען פעהיג צו נעהמען די שמוציגסטע כאַבאַרען. דורך זייער ברוטאַליטעט זיינען זיי באַלד געוואָרען דער שרעק פון דער פּאַריזער ארבייטער־בעפעלקערונג.

די רעגירונג האָט אָבער אויך געזוכט א מיטעל צופרידען צו שטעלען די ארבייטער און געווינען זיי אויף איהר זייט. זי האָט בעשאַפען נאַציאָנאַל־ווערקשטאַטען. איבער 100,000 ארבייטער, וועלכע האָבען זיך געוואַלגערט אין די גאַסען אָהן מיטלען און אָהן א דאַך, צוליב דעם לעצטען קריזיס פון דער רעוואָלוציאָן, האָבען געפונען בעשעפטיגונג אין די נאַציאָנאַל־ווערקשטאַטען, וואָס דער מיניסטער מאַריע האָט פיר זיי געשאַפען. „אונטער דיזען גרויסאַרטיגען נאָמען", זאָגט מאַרקס זעהר ריכטיג, „האָט ניט געשטעקט קיין אַנדער זאַך ווי די בענוצונג פון ארבייטער צו לאַנגווייליגע און ניט־פּראָדוקטיווע ערד־ארבייטען פיר אַן ארבייטס־לוין פון 23 סו. דאָס זיינען געווען ענגלישע ארבייטס־הייזער אין פרייען פעלד, ווייטער גאָרנישט. מיט דיזע ארבייטער האָט די פּראָוויזאָרישע רעגירונג געהאָפט צו בילדען א צווייטע פּראָלעטאַרישע ארמעע געגען די ארבייטער. דיזען מאָל האָט די בורזשואַזיע געהאַט א טעות אין רעכנונג, ווי די ארבייטער האָבען זיך געאירט אין דער מאָביל־גוואַרדיע. זי האָט זעלבסט געשאַפען אַן ארמעע פון רעוואָלוציאָנערען".

ניט זיין אזוי שטרענג ווי די ערסטע, וועלכע האט מיט איהרע מאסרעגלען אנגעיאגט א שרעק אויף'ן פאלק, האט די רעגירונג אפגעשאפט די טויט־שטראף פיר פאליטישע פערברעכענס ; די פרעס האט בעקומען פאלשטענדיגע פרייהייט ; די ארמעע, די געריכטס־אנשטאלטען און די פערוואלטונג איז געבליבען אונטער די זעלבע בעאמטע ווי פריהער, אין דער צייט פון דער מאנארכיע, און קיינער פון די גרויסע שולדיגע פון דער יולי־מאנארכיע איז ניט געווען געצוואונגען אפצוגעבען רעכענשאפט פיר זיינע טאטען, וועלכע האבען בעדארפט בעטראכט ווערען אין די אויגען פון דער רעפובליק אלס גרויסע פערברעכענס. עס איז קיין וואונדער ניט, וואס די אלטע רע־פובליקאנער האבען בעטראכט די נייע רעפובליק נאר אלס א נייעם ראק פיר די זעלבע בירגערליכע געזעלשאפט (בורזשואזיע).

די רעגירונג האט גארניט גענומען אין אנבעטראכט, דאס די רעפובליק איז דער רעזולטאט פון א רעוואלוציאנערער איבערקעהרעניס, און האט פארטגעזעצט צוצופאסען זיך צו דער בירגערליכער געזעלשאפט ווי פריהער. זי האט זיך געגעבען אלע מיה פעסטצושטעלען אין לאנד דעם קרעדיט, דעם עפענטליכען און דעם פריוואטען, וועלכער איז צוליב דער רעוואלוציאן אין גאנצען פאראליזירט געווארען. צו דיזען צוועק האט זי דאס גאנצע באארע געלט, וואס זי האט געהאט אין דער קאסע און אין די בענק, פערברויכט צו בעצאהלען די צינזען צו די בעלי חובות פון דער רעגירונג. אבער אום די רעגירונג זאל ניט בלייבען גאר אהן באארעס געלט, האט די רעגירונג בע־שלאסען די אלע געלטען, וואס זי האט איינגענומען אין די שפאר־קאסען פון די קליינע בירגער און ארבייטער אין סומעס פון איבער 100 פראנק, ניט אויסצוצאהלען אין באארעס געלט, נאר אין פאפיר־געלט, אזוי דאס דיזע געלטען זיינען פערוואנדעלט געווארען אין א שטאאט־שולד.

די אויסגאבען פון דער נייער רעגירונג זיינען געווען מעהר אלס איהרע איינקונפטען, און זי איז געווען געצוואונגען צו מאכען נייע שטייערן. זי האט ניט געוואלט בעלעסטיגען די וואוילהאבענדע קלאס, ווי די פינאנציס־טען, פאבריקאנטען און גוטס־בעזיצער, ווייל דורך דעם וואלט זי פערלארען זייער צוטרויען. די ארבייטער האט מען אויך ניט געקענט בעשטייערן, ווייל מען האט מורא געהאט פיר א רעוואלוציאן. אלזא איז געפאלען דער גורל אויף די בויערן און זיי האבען געמוזט טראגען אויף זייערע שולטערן די גאנצע לאסט פון דער פעברואר־רעוואלוציאן. די רעוואלוציאן פון יאהר 1848 האט געהאט רעזולטאטען גראדע אומגעקעהרטע ווי די פון יאהר 1789. די רעוואלוציאן פון יאהר 1789 האט אראפגעווארפען פון פאלק די

ווען צו שוואך און עס האָט איהם געפעהלט די נעטיגע ענטשלאָסענהייט דורכצופיהרען זיין פּלאַן. ער האָט אָנגעשטעלט צוויי יונגע לייט, זיי זאָלען איהם שרייבען א בריף, אין וועלכען זיי לאָזען איהם וויסען וועגען דער דעמאָנסטראַציאָן, צו וועלכער די אַרבייטער גרייטען זיך. דיזען בריף האָט ער פאָרגעלעזען אויף א זיצונג פון דער רעגירונג. אָבער די איבריגע מיט-גלידער האָבען באַלד פערשטאַנען זיין קונץ. מאַריע האָט איהם דאַן פריינד-ליך געקלאַפּט אין שולטער און האָט געזאָגט: „מיר פערשטעהען אַלעס, ליבער קאָלעגע; גיט אייערע יונגע פריינד אן עצה איבערצובייטען זייערע אויבער־רעק אום די פּאָליציי זאָל זיי ניט דערקענען, זאָנסט קענען זיי היינט אָדער מאָרגען האָבען אונאַנגענעהמליכקייט״.

דעם 17טען מערץ אום 1 אוהר איז צוגעקומען צום שטאָדט־הויז א מאַסע אַרבייטער אין גוטער אָרדנונג און האָט דערלאַנגט א ביטשריפט, אין וועלכער זיי האָבען געבעטען, אז מען זאָל דערווייטערן די טרופּען פון שטאָדט־הויז און מען זאָל אָפּלעגען די וואַהלען פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, ווי אויך די וואַהלען פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג. לואיס בלאַנק האָט באַלד איינגעזעהען, דאָס ער וועט ניט זיין דער פיהרער פון דער מאַסע, און ער איז באַלד אַריבער אויף די זייט פון דער רעגירונג. ער האָט גע-בעטען, אז מען זאָל איהם געבען צייט צו איבערלעגען זיך. לעדרו־ראָללין האָט פערשפּראָכען צו בעטראַכטען די פראַגע פון אָפּלעגען די וואַהלען. די רעגירונג האָט געזייגט, דאָס פּאָלק איז זיך צוגאַנגען און די אַרבייטער האָ-בען געשריען צו לואיס בלאַנק: „אויך דו ביסט א פעררעטער! אויך דו!״

דעם 16טען אַפּריל איז געווען א צווייטע דעמאָנסטראַציאָן פון די פּראָלעטאַריער, אָבער דיזע איז אויסגעפאַלען נאָך מעהר אונגליקליך. די פּראָלעטאַריער האָבען זיך פערזאַמעלט אין היפּאָדראָם און אויף דעם מאַרס-פעלד אום פאָרצובריטען די וואַהלען פיר דעם גענעראַל־שטאַב פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע. אָבער די רעגירונג האָט געהייסען שלאָגען דעם גע-נעראַל־מאַרש און אין איין שטונדע זיינען איבער 100,000 בירגער געשטאַ-נען אונטער וואָפען. איבעראַל האָט מען געשריען: „נידער מיט לואיס בלאַנק, מיט בלאַנקי, מיט קאַבעט!״ עס זיינען געקומען אייניגע דעפּו-טאַציאָנען איינע נאָך דער אַנדערער און האָבען אויסגעדריקט זייער אי-בערגעבענהייט און זייער צוטרויען צו דער רעגירונג.

דעם 4טען מאַי איז די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג צוזאַמענגעקומען. דיזע פערזאַמלונג איז געווען דער פּראָדוקט פון דירעקטע אַלגעמיינע וואַהלען. אין דיזער פערזאַמלונג האָבען די בורזשואַ־רעפּובליקאַנער געהאַט א מאַיאָ-

דאך האט די רעגירונג דערגרייכט אן אנדערען צוועק דורך די נאציאָ-נאל-ווערקשטאטען. מען האט ארויסגעלאָזען א קלאנג, אז דאָס איז די ערפינדונג פון לואיס בלאנק, אום מען זאָל דערמיט האבען א בעוויי, דאָס די אָרגאניזאציאָן פון דער ארבייט, וועלכע איז איבערגעגעבען געוואָרען צו איהם, איז א דורכפאל. אין אמת'ן זיינען די נאציאָנאל-ווערקשטאטען אין געגענזאץ צו די אנזיכטען פון לואיס בלאנק. דאָס בעהויפּטעט לאמארטין, וועלכער איז אין דער זאך אן אונפּארטייאישער עדות, און פערזיכערט אויס-דריקליך, דאָס דיזעס איז געווען דורכאויס געגען לואיס בלאנק'ס מיינונג.

די אָרגאניזאציאָן פון די ארבייטער איז געווען א מיליטערישע. די בעשעפטיגונג איז בעשטאנען מעהרסטענס אין ערד-ארבייטען, פלאנצען בוימער או. ד. גל. צו אינדוסטריע האָט מען זיי ניט צוגעלאָזען. דער רע-זולטאט דערפון איז געווען, דאָס די ארבייטער האבען פערלאָרען יעדען אינ-טערעס אין ארבייט, און צוליב דעם איז אויך די דיסציפּלין געוואָרען שוואך. די מעהרסטע פון זיי זיינען געוואָרען פוילענצער. דאָס בירגערטום איז גע-ווען זעהר ערביטערט געגען דיזען צושטאנד, און אזוי ווי מען האָט גערע-כענט, דאָס לואיס בלאנק איז דער ערפינדער פון דיזער אָרגאניזאציאָן, אין די גאנצע שולד געפאלען אויף איהם. די ערביטערונג איז געוואקסען פון טאָג צו טאָג, ווייל עס איז מעהר און מעהר בעקאנט געוואָרען ווי גרויס עס זיינען די סומעס, וואָס די פּראָלעטאריער רויבער, ווי מען האָט דאַ-מאָלס גערופען די אָרגאניזירטע ארבייטער, האבען פערשלונגען אָהן שום נוצען פיר די געזעלשאפט. „א שענער סאָציאליזם”, האָט דאמאָלס גע-מורמעלט דער קליינער בירגער, וואָס האָט געהאלטען ביי באנקראָט, „בע-שטימען א שטאאטס-פּענסיאָן פיר לעדיג-געהן”. און די קליינבירגער הא-בען אויסגעקוקט אויף א גינסטיגע געלעגענהייט אויסצוגיסען זייער צאָרן אויף די פּראָלעטאריער.

דעם 16טען מערץ האָבען די בעאמטע פון דער נאציאָנאל-גווארדיע, וועלכע איז בעשטאנען מעהרסטענס פון בורזשוא, געמאכט א דעמאָנסטרא-ציאָן געגען דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. זי האָט בעזעצט דעם פּלאץ פון שטאָדט-הויז און האָט פּראָטעסטירט געגען צוויי בעפעהלען פון לעדרו-ראָללין, בעשולדיגענדיג איהם אין קאָמוניזם. די רעגירונג האָט געמוזט נאָכגעבען. די ארבייטער זיינען געווען געצוואונגען צו מאכען א געגען-דעמאָנסטראציאָן. לואיס בלאנק האָט יעצט געהאַט א געלעגענהייט צו גע-ווינען צוריק זיין פערלאָרענעם איינפלוס אויף דאָס שטאָדט-הויז, און ער האָט זיך מיט פרייד בענוצט מיט דיזער געלעגענהייט. אָבער ער איז גע-

דעקרעט, וועלכער האָט בערוועהרט דאָס פאָלק צוזאַמענצולויפען זיך אין גרויסע מאַסען. פון דער טריבון פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט מען געשימפּט די אַרבייטער און מען האָט געמאַכט פון זיי חוזק. מעהר פון אַלעס האָט מען דאָרט אָנגעגריפען די נאַציאָנאַל־ווערקשטאַטען, וועלכע זיינען געווען ביי דער בורזשואַזיע זעהר פערהאַסט. די עקזעקוטיוו־קאָמיסיאָן האָט געמאַכט שווער דעם צוטריט צו דיזע ווערקשטאַטען, האָט פערוואַנדעלט זיין טאָג־לוין אין שטיק־לוין און האָט פיעלע פון די אַרבייטער פעריאָגט אין די פּראָווינץ. דעם 21טען יוני איז ערשינען אין „מאָניטאָר" אַן אוקאַז, דאָס אַלע אונפערהייראַטע אַרבייטער פון די ווערקשטאַטען זאָלען אַריינטרעטען אין דער אַרמעע.

די אַרבייטער זיינען געוואָרען שרעקליך אויפגערעגט צוליב דיזען אוקאַז. מען האָט זיי געשיקט אַ דעפּוטאַציאָן און מען האָט זיי מתרה געווען, דאָס אויב זיי וועלען ניט פאָלגען מיט גוטען וועט מען זיי צווינגען מיט בייזען. די אַרבייטער האָבען בעשלאָסען ניט צו פאָלגען דער רעגירונג.

דעם 23טען יוני האָבען די אַרבייטער ווידער אויפגעשטעלט באַריקאַדען. איינינע באַריקאַדען זיינען געמאַכט געוואָרען פון אַרבייטער, וואָס האָבען געקעמפט פיר זייערע סאָציאַליסטישע אידעען, אַנדערע זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען פון בירגער, וועלכע האָבען פערטיידיגט זייער אייגענטום. אום מיטטאָג־צייט האָט זיך דער קאַמף אָנגעהויבען. די רעגירונג האָט געשיקט טרופּען אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל קאַוועניאַק. אָבער די אַרבייטער האָבען זיך מוטיג פערטיידיגט און געקעמפט ווי העלדען. אין אָבענד האָבען די טרופּען קוים גענומען איינינע באַריקאַדען ניט ווייט פון דעם באַסטיליע־פּלאַץ. אויף מאָרגען איז דער קאַמף בענייט געוואָרען מיט מעהר ערביטערונג. די אַרבייטער האָבען געקעמפט ווי העלדען, הגם זיי האָבען ניט געהאַט קיין פיהרער, קיין פּלאַן ווי צו פיהרען דעם קריג און זאָגאר ניט גענוג וואַפען. דאָס שטאָדט־הויז איז געשטורמט געוואָרען פון די אַרבייטער אַזוי ענערגיש, דאָס דער גענעראַל האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל איהם צושיקען נאָך מיליטער. די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג איז געווען געצוואונגען צו ערקלערען פּאַריז אין בעלאַגערונגס־צושטאַנד און האָט בעשטימט קאַוועניאַק'ן אַלס דיקטאַטאָר.

דער גענעראַל האָט זיך גענומען מיט גרויס ענערגיע צו דערשטיקען דעם אויפשטאַנד. מיט דער הילף פון דער אַרטילעריע, וועלכע האָט געמאָרדעט רעכטס און לינקס, איז איהם געלונגען צו עראָבערן דעם פּאַנטהעאָן, צו זיכערן דאָס שטאָדט־הויז און צו פערטרייבען די אַרבייטער פון

ריטעט. די לעגיטימיסטען און די אָרלעאַניסטען זיינען געווען געצוואונגען צו צייגען זיך אונטער דער מאַסקע פון רעפּובליקאַנער, ווייל די גרויסע און שווערע אויפגאַבע פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג צו קעמפען געגען דעם פּראָלעטאַריאַט האָט נאָר געקענט געקעמפּט ווערען אין נאָמען פון דער רע־פּובליק. דאָס ערסטע, וואָס די בורזשואַ אין דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָבען געטאָן, איז געווען צו פערניכטען און מבטל זיין די סאָציאַלע איינ־ריכטונגען און אנשטאַלטען, וואָס די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט איינגע־פיהרט. די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט פּראָקלאַמירט „די בירגערליכע רעפּובליק" און האָט אויסגעשלאָסען פון דער עקזעקוטיוו־קאָמיסיאָן לואיס בלאַנק און אַלבערט, וועלכע זיינען געווען די פאָרשטעהער פון די פּראָלע־טאַריער. די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט אויך פערוואָרפען דעם פאָרשלאַג צו בילדען אַ בעזונדער ארבייטס־מיניסטעריום, און די פערזאַמלונג האָט מיט שטירמישע אפּלאָדיסמענטען אויפגענומען די ווערטער פון מיניסטער ט ר ע ל אַ ט, וועלכער האָט געזאָגט: „יעצט האַנדעלט עס זיך וועגען דעם, אַז מען זאָל צוריקברייגען די אַרבייט צו איהרע אַלטע בעדינגונגען".

אָבער די ארבייטער האָבען ניט געוואָלט לאָזען, אַז מען זאָל אָפּנעהמען פון זיי דעם זיג, וועלכען זיי האָבען געוואונען מיט זייער בלוט. דעם 15טען מאַי האָבען זיי ווידער געפּרובּט צוריק געווינען זייער מאַכט דורך אַ רע־וואָלוציאָן. אַ גרויסע מאַסע מענשען איז געגאַנגען צו דער קאַמער, געאָר־דענט נאָך זייערע קלובען מיט בעזונדערע פאָהנען, מיט דעם צוועק צו דער־לאַנגען צו דער פערזאַמלונג אַ פּעטיציאָן צו גונסטען פון פּוילען. עס איז זיי געלונגען צו בעפאַלען די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג, און עס האָט זיך גע־גרינדעט אין שטאָדט־הויז אַ נייע פּראָוויזאָרישע רעגירונג אונטער דער פיהרונג פון ב אַ ר ב ע ס. אָבער די פריהערדיגע רעגירונג האָט דערווייל צוזאַמענגערופען די נאַציאָנאַל־גוואַרדיע און די מאָביל־סאָלדאַטען. די פּראָלעטאַריער האָבען איבעראַל געמוזט אָפּטרעטען. עס האָט נאָר געדו־מען איניגע שטונדען און דאָס שטאָדט־הויז מיט זיין נייער פּראָוויזאָרישער ארבייטער־רעגירונג האָט זיך געמוזט אונטערגעבען, און די מעהרסטע פיה־רער פון דיזער רעגירונג זיינען כמעט אַלע געפאַנגען געוואָרען.

פון דיזער צייט אָן איז דער זיג פון דער בורזשואַזיע געזיכערט גע־וואָרען. די נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג האָט בעשלאָסען צו צווינגען די פּראָלע־טאַריער צו אַן ענטשיידענדען קאַמף. די עקזעקוטיוו־קאָמיסיאָן האָט ארויס־געגעבען איניגע בעפעהלען, וועלכע האָבען ארויסגערופען די ארבייטער אויף אַ קאַמף. אַזוי צום ביישפּיל האָט די קאָמיסיאָן ארויסגעגעבען אַ

זיך, דאָס דערביי זיינען אומגעקומען פיעלע לעבענס. ביז 12,000 זיינען געפאלען טויט און ביי 11,000 זיינען געפאנגען געוואָרען. די בורזשוא איז געוועזען אזוי גרויזאם, דאָס זי האָט 3,000 פון די געפאנגענע ערמאָרדעט. די איבריגע זיינען פערשפּארט געוואָרען אין פינסטערע דומפּיגע קעלערן. דאָ האָט דער עלענד דערגרייכט זיין העכסטע שטופע. ווייט ארום האָט מען געהערט פון די קעלערן די פערצווייפעלטע געוויינען און געשרייען, ווי אויך דעם שרעקליכען געלעכטער פון די, וואָס זיינען פון ליידען משוגע געוואָרען, דעם געשריי פון די פערוואונדעטע, וואָס האָבען געליטען דורסט. די שילד־וואך איז געוועזען צו דיזע סצענעס גלייכגילטיג, אנדערע האָבען זאָגאר צום שפּאס אריינגעשאָסען אין די קעלערן עטליכע קוילען. די „געזעלשאפט" איז וויעדער געראטעט געוואָרען. אָבער דיזע רעוואָלוציאָן האָט אויף אימער בעשאפען א שרעקליכען תהום צווישען די ארבייטער און דער בורזשואזיע.

די ארבייטער זיינען געוואָרען פול מיט א שרעקליכען האס צו דער בורזשואזיע. די פּראָלעטאריער האָט בעהערשט א פינסטערע פערצווייפ־לונג. די בורזשואזיע האָט זיך געאיילט צו בענוצען זיך מיט איהר זיג. קאווענייאק האָט אָפּגעשאפט די נאציאָנאל־ווערקשטאטען, ער האָט געשלאָסען אלע קלובען פון די רעוואָלוציאָנערען; ער האָט אונטערדריקט די פּרעסע און האָט פערלענגערט אויף אן אונבעשטימטע צייט דעם בעלאגערונגס־צו־שטאנד אין פּאריז. מען האָט בעשטימט אכט מיליטערישע קאָמיסיאָנען אום צו משפּט'ן די געפאנגענע. איבער 4,400 זיינען ארויסגעטריבען גע־וואָרען פון לאנד און 253 זיינען געשטעלט געוואָרען פאר דעם קריגס־געריכט.

איינינגע וואָכען נאָך דער יוני־שלאכט האָט די נאציאָנאל־פערזאמלונג אָנגענומען א נייע פערפאסונג. הגם דיזע פערפאסונג אָנערקענט די הער־שאפט פון פאָלק אלס די העכסטע, איז זי אָבער בלויז נאָך דער פאָרמע נאָך א רעפּובליקאנישע. די הויפּט־מאכט איז אין גרונד געוועזען אין די הענט פון פּרעזידענט, וועלכער האָט געהאט כמעט די זעלבע רעכטען, וואָס עס האָט א קעניג.

מען האָט זיך געאיילט ערוועהלען א פּרעזידענט, ווייל פון איהם האָט די בורזשואזיע געהאָפט צו פערבעסערן די צושטענדען. די נאציאָנאל־פער־זאמלונג האָט זעהר גערן געוואָלט האָבען קאווענייאק'ן אלס פּרעזידענט, אָבער די פראנצויזישע בעפעלקערונג האָט בעסער געוואָלט ל ו א י ס נ א־פּ אָ ל ע אָ ן ב אָ נ א פּ א ר ט ע. מעהר פון אלעמען האָבען איהם געוואָלט

צענטער פון שטאָדט. אין דער קומענדער נאַכט האָבען די אַרבייטער וויע-
דער בעפעסטיגט זייער שטעלונג מיט גרויס ענערגיע. די ערביטערונג האָט
געשטיגען ביז צום העכסטען גראַד. זיי האָבען פיר קיין מאַל ניט געוואָלט
וויסען פון פרידען. דער ערץ־בישאָף א פ פ ר ע האָט זיך געוואָלט אַריינ-
לעגען אין אַ שלום און ער איז דערפאַר ערמאָרדעט געוואָרען. די סאָלדאַ-
טען האָבען געשטורמט די באַריקאַדען און האָבען זיי אַיינגענומען איינע

קאַוועניאַק.

נאָך דער אַנדערער. קאַוועניאַק האָט געפאָדערט אונבעדינגטע אונטערוואַר-
פונג, אָבער די אַרבייטער האָבען דערפון ניט געוואָלט הערען, און אום 10
אוהר שבת פאָרמיטטאָג האָט זיך אָנגעהויבען דער שטורם אויף די פאָר-
שטאָדט. עס איז געווען אַ שרעקליכע בלוט־באָד. 3,888 באַריקאַדען זיי-
נען געוואָרען אויפגעשטעלט, פערטיידיגט און אַיינגענומען. עס פערשטעהט

די בויערן. זיי האָבען געהאָפט, דאָס ער וועט זיי בעפרייען פון דער פערהאסטער נייער שמייער. דעם 10טען דעצעמבער איז געווען די וואהל פיר פרעזידענט. נאפּאָלעאָן האָט געהאט 5½ מיליאָן שטימען און קאוועניאק נאָר 1½ מיליאָן. 10 טעג נאָך די וואהלען האָט נאפּאָלעאָן געשוואָרען צו זיין טריי דער נייער פערפאסונג און דער דעמאָקראטישער פראנצויזישער רעפּובליק. דאַן איז ער צוגעגאנגען צו קאוועניאק'ן, האָט איהם געגעבען די האנט און האָט געזאָגט: „איך בין שטאָלץ צו זיין דער נאָכפאָלגער פון אַ מאן ווי איהר". קאוועניאק האָט איהם בעדאנקט מיט אַ קאלטער פערנייגונג. איז די קאלטקייט געקומען דערפון, וואָס זיין עהרגייץ האָט געליטען, אָדער ווייל ער האָט ניט געהאט צו איהם קיין צוטרויען?